STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11058

SHMUESN VEGN LENINIZM

V. A. Karpinskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פאראייניקט זיכ!

ו. קארפינסקי

שמועסנ וועגנ לעניניזמ

איבערגעזעצט פונ דער צווייטער,
איבערגעארבעטער אופלאגע

פארלאג „עמעס“, מאָסקווע 1934

PRINTED
IN SOVIET UNION

יִדיש א. קאַנטאָר

פונ פאַרטיי־פאַרלאַג

די „שמועסנ וועגנ לעניניזמ" זיינענ באַשטימט אַלס לערנבוכ פאַר דער דאָרפישער נעצ פאַרטיי־בילדונג, פאַרנ דאָרפישנ, דערהויפט פאַרנ קאָלווירטישנ אַקטיוו.

די „שמועסנ" גיבנ בלויז דאָס סאַמע וויכטיקסטע און גרונטלעכע וועגנ מאַרקסיזמ־לעניניזמ און וועגנ די באַשלוסנ פונ אַלקפּ(ב), וואָס באַציִענ זיכ באַזונדערס צו דער סאָציאַליסטישער בויונג אינ דאָרפ.

פאַר דער צווייטער אויפלאַגע האָט דער אויטער איבערגעאַרבעט די „שמועסנ" אויפנ גרונט פונ די לעצטע באַשטימונגענ פונ דער פאַרטיי און רעגירונג (ביז אָנהייב סענטיאַבער 1933 יאָר), נעמענדיק אויכ אַכט די מיינונגענ פונ די פּראָפּאַגאַנדיסטנ און צוהערער פונ די פאַרטיי־שולנ וועגנ דעמ בוכ. די „שמועסנ„ הייבנ זיכ אָנ מיט א באַזונדער טייל, וואָס פירט אַריינ דעמ לייענער אינעמ קרייז פונ אַלע פראַגנ, וועלכע ווערנ באַטראַכט אינ דעמ בוכ.

די פּראָפּאַגאַנדיסטנ, צוהערער און לייענער ווערנ געבעטנ צושיקנ זייערע מיינונגענ און פאָרשלאַגנ אויפ אויסנוצנ זיי אינ דער פאָלגנדיקער אויפלאַגע לויטנ אַדרעס:

Москва, улица 1 мая, Большой Комсомольский пер., 1, издательство ЦК ВКП (б) — Партиздат; сектор политграмоты.

ארײַנפיר

דאָס לעבנ פונ די ארבעטער אונ פויערימ פריִער אונ איצט, בא אונדז אונ אינ אויסלאנד

א בריוו פונ א גוטבאזיצער אונ דער ענטפער פונ די פויערימ

ניט ווײַט פונ מאָסקווע, אינ דער געוועזענער ריאזאנער גובערניע איז פאראנ א דאָרפ מאַלינקי, אונ דערנעבנ — לוזשקי, פּאָליאנקי, קינדיאקאָווקא, פּאָקראָווסקאָיע, טאַטארסקאָיע אא. די דאָזיקע אלע דערפער האָבנ אמאָל „געהערט" צו גרויסע גוטבאזיצער — די „פירשטנ" וואָלקאָנסקים.

אינ סענטיאבער 1927 יאָר זײַנענ די פויערימ פונ די דאָזיקע דערפער אופגערודערט געוואָרנ פונ אנ אויסערגעוויינלעכער פאסירונג: עס איז באקומענ געוואָרנ פונ אויסלאנד א בריוול פונ זייער געוועזענעמ „פּאָרעצ". וצו הערנ דעמ בריוו זײַנענ זיכ צונויפגעלאָפנ אלע — פונ קליינ ביז גרויס. אָט וואָס דער „פירשט" האָט געשריבנ:

„דער דרוזשקאָווער וואָלאָסט-פארוואלטונג, אינ דאָרפ לוזשקי, מיכײַלאָווסקער אויעזד, ריאזאנער גובערניע.

סאָפ 1917 יאָר איז פארכאפּט געוואָרנ מיטנ גאנצנ אינווענטאר דער שטאמ-מאיאָנטעק אינ דרוזשקאָווער וואָלאָסט, וואָס געהערט מיר לויט דער ארײַנפיר-ליסטע פונעמ געריכט-פריסטאוו פונ ריאזאנער קרײַז-געריכט פאר מיכײַלאָווסקער אויעזד פונ יולי 1898 יאָר נומ. 462 אונ וואָס בילדעט א טייל פונ מײַנ שטאמ-מאיאָנטעק „מאלינקי" אינ דעמ זעלבנ מיכײַלאָווסקער אויעזד, אינ באשטאנד פונ 698 דעסיאטינ 2 טויזנט 382 קלאפטער. מיט דער דאָזיקער מעלדונג לאָז איכ אײַכ וויסנ אונ דורכ אײַער פארמיטלונג אויכ אלעמענ, וואָס דארפנ דאָס וויסנ, וועגנ פאָלגנדיקס:

פון מײַנע באַזיצערישע רעכט אויף מײַן שטאַם־מאַיאָנטעק, וואָס האָט ביז מיר בעיערושע געהערט די ליכטיקסטע וואָלקאָנסקיס, מײַן עלטער־זיידן פּיאָטר מיכײַלאָוויטש, דעם זיידנס פּירשט גריגאָרי פּעטראָוויטש, דעם פֿאָטער פּירשט פּיאָטר גריגאָראָוויטש, — זאָלן זיי האָבן אַ ליכטיקן גאַניידן, האָב איך זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט און קלײַב זיך ניט אָפּזאָגן.

קיין מאָל, קיין שום רעכט אויף מײַן פֿאַרמעגן האָב איך פֿאַר זײַנע פֿאַרבאַפֿערס, ווער זיי זאָלן ניט זײַן, ניט אָנערקענט און קלײַב זיך ניט אָנערקענען.

דעם אָנגעוויזענעם מאַיאָנטעק מיט זײַן גאַנצן אינווענטאַר בין איך שטענדיק גרייט צוריקצונעמען אין מײַן רעשוס אַזוי גיך, ווי עס וועט ווידעראַמאָל אײַנגעשטעלט ווערן אַ קריסטלעכע מאַכט אין אונדזער אויסגעפּײַניקטן פֿאָטערלאַנד.

ליכטיקסטער פּירשט

פּיאָטר פּעטראָוויטש וואָלקאָנסקי".

נישטוויסעם געוואָרן זײַנען די פּויערים, ווען זיי האָבן אויסגעהערט די „פּירשטלעכע" ווענדונג. וועגן דעם „פּירשט" האָט מען שוין לאַנג אַפֿילו טראַכטן פֿאַרגעסן. און אָט האָט ער, דער „ליכטיקסטער" געלאָזט וועגן זיך וויסן. ער רופֿט אָן די פּויערים „פֿאַרבאַפֿערס!" ער קלײַבט זיך צוריקנעמען די ערד!

די אויפֿרעגונג פֿון די פּויערים איז געווען ניט צו באַשרײַבן. זיי האָבן זיך דערמאָנט די פּאַנשטשיזנע, זיי האָבן זיך דערמאָנט, וויאַזוי זייערע פֿאָטערס, זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן געבראָכן דעם רוקן פֿאַר די „פּירשטן", האָבן באַגאָסן מיט שווייס די „פּירשטלעכע" ערד. זיי האָבן זיך דערמאָנט וועגן די אומדערטרעגלעכע שטײַערן, שטראָפֿן, דאָס איזדעקעווען זיך און די קלעפּ פֿון די „פּירשטלעכע" דינער, פֿון די צאַרישע איספּראַווניקעס, פּריסטאַווס, אוריאַדניקעס אאַ.

פֿאַרשטאַנען האָבן די פּויערים, אַז עס איז נאָך צו פֿרי צו פֿאַרגעסן וועגן זייערע פֿאַרביסענע סאָנים — די גוטבאַזיצער, האַגאַם זיי זײַנען ווײַט פֿאַרפֿלויגן.

האָ, אויף דער סאָוועטישער ערד, בויען די פּויערים און אַרבעטער אַ נײַ לעבן, אָרגאַניזירן קאָלווירטן, בויען אויס גיגאַנטישע פֿאַבריקן און זאַוואָדן. און דאָרט, אין אויסלאַנד, זיצן אונטערן פֿליגעלע פֿון דער אויסלענדישער בורזשואַזיע צוויי מיליאָן פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, וואָס די רעוואָליוציע האָט אַרויסגעוואָרפֿן. זאָרגלאָז היטן זיי די פֿאַרשיידענע „אַרײַנפֿיר־ליסטעס" און „קויף־בריוו" אויף זייערע געוועזענע גיטער. מיט האַנאָע ציילן זיי די דעסיאַטינעס און קלאַפֿטערס פֿון זייערע געוועזענע „שטאַם־מאַיאָנטקעס". זיי דערמאָנען דאָס אַמאָליקע זיסע לעבן און סקריפּען פֿון רעציכע מיט די אײַנגעשטעלטע ציינער. זיי גרייטן זיך צוזאַמען מיט דער אויסלענדישער בורזשואַזיע אָנצופֿאַלן אויפֿן ראַטנפֿאַרבאַנד, זיי ווילן אויפֿשטעלן די „קריסטלעכע מאַכט", די מאַכט פֿון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן ראַבירט און געפּײַניקט די פּויערים און אַרבעטער.

גלײַך אויפֿן אָרט, אויף דער פֿאַרזאַמלונג גופֿא, האָבן די פּויערים צונויפֿגעשטעלט און אָוועקגעשיקט דעם „פּירשט" אין דער שטאָט פּאַריזש אַזאַ ענטפֿער:

„איבערלייענענדיק דעם בריוו פֿון דעם געוועזענעם פּירשט דעם פּאַראַזיט וואָלקאָנסקי און פֿאַרצייכענענדיק מיט צאָרן, אַז עס זײַנען נאָך פֿאַראַן רעשט-

לעב אויסווארפנ און עקספלואטאטערס, וואָס בלאָנקענ זיך ארומ אינ די בור-זשואזע מעלוכעס מיט דער האָפענונג, אז זיי וועלנ צוריק באקומענ זייערע ערדנ און פארמעגנס, — דערקלערנ מיר, בירגער פונעמ דאָרפ מאלינקי, אז די ערד, וואָס מיר נוצנ אויס, געהערט ניט צו אײַך — די אויס-ווארפנ וואָלקאָנסקיס, נאָר צו אונדז — ארבעטנדיקע.

מיר וועלנ ניט דערלאָזנ, אז צו אונדז זאָלנ ווידער-אמאָל קומענ די, וואָס די אָקטיאבער-רעוואָלוציע האָט ארויסגעשלײַדערט. און דעריבער זאָלסטו, נידערטרעכטיקער וואָלקאָנ-סקי, אפילע ניט טרוימענ אפצונעמענ בא אונדז די ערד און באלעבאטעווענ איבער אונדז.

מיר, בירגער פונעמ דאָרפ מאלינקי, האָבנ נאָך ביז איצט ניט פארגעסנ אײַערע נאהײַקעס און שטעקנס, וואָס האָבנ אומגעטאנצט איבער אונדזערע האָרעפּאשנע פּלייצעס, מיר געדענקענ ביז איצט קלאָר דײַנע שענדלעכע מײַסימ: זיי שטייענ פאר אונדזערע אויגנ.

נאָענט איז די שאָ, ווענ מיר, צוזאמענ מיט די ארבעטער און פויערימ, וואָס זײַנענ אונטערדריקט פונ דער בורזשואזיע, וועלכע האָט ײַך אויפגענומענ, וועלנ ארויסטרײַבנ ײַך אויך פונ דאָרט און מיר וועלנ דיר אינ ערגעץ אפ דער ערד ניט געבנ קיינ אָרט.

און אויב עמעצנ פונ דײַנע מיטהעלפער וועט אײַנפאלנ פארמעסטנ זיך אפ אונדזער אָקטיאבער, — דער וועט זיך צעברעכנ האלדז און נאקנ אָנ אונדזערע מאזאָלעדיקע פויערשע הענט".

אזוי האָבנ געענטפערט די ריאזאנער פויערימ דעמ „פירשט".

אזעלכע בריוו האָבנ באקומענ די פויערימ אויך אינ אנדערע ערטער. ענלעכע בריוו האָבנ געפרוווט שרײַבנ צו אונדזערע ארבעטער די געוועזענע פאבריקאנטנ און זאוואָד-אייגנטימער.

עס פארשטייט זיך, אז דער ענטפער איז שטענדיק געווענ איינער און דער זעל-בער: דער שארפסטער ווידערשטאנד די עקספלואטאטערס.

ווי אזוי האָבנ געלעבט די פויערימ באמ לײַבײגנטומ-רעכט

וואָלקאָנסקי און אנדערע בלוטזויגער האָבנ דערמאָנט די פויערימ און ארבע-טער וועגנ זייער אמאָליקנ קנעכטישנ לעבנ. וועגנ דעמ דאָזיקנ לעבנ האָבנ מיר שוינ אָנגעהויבנ פארגעסנ. און דער יונגער דאָר ניט בלויז ער געדענקט ניט, ער איז באַשעט ניט באקאנט מיט דעמ דאָזיקנ אלטנ פארשאָלטענעמ לעבנ. ער איז אויסגעוואָקסנ אינ נײַע באדינגונגענ, בא דער ראטנמאכט. צומ גליק האָט ער אפ זײַנ לעבנ אפילע אינ די אויגנ ניט אָנגעזענ ניט קיינ פּאָרעץ, ניט קיינ פאברי-קאנט, ניט קיינ פּאָליציאנט, ניט קיינ זשאנדארמ. בלויז פונ ביכלעך און פונ די דערציילונגענ פונ די עלטערנ דערוויסנ זיך איצט אונדזערע קינדער, וויאזוי עס האָט זיך געלעבט די פויערימ און ארבעטער אונטער דער „קריסטלעכער מאכט" פונ די פּריצימ און קאפּיטאליסטנ.

עס איז פאראנ אינעמ מאָסקווער פּיטעלינסקער ראיאָנ א דאָרפ קאזא-

צאָווקע, אונ דאָרט וווינט די פאמיליע לאַרצעווס, וואָס באשטייט פונ גאַנצע פיר דוירעס — סאַכאַקל 43 מענטשנ. אנ אויסערסט זעלטענע פאמיליע! דער עלטסטער, איוואַנ אלעקסאַנדראָוויטש לאַרצעוו איז אלט 115 יאָר, ער האלט, אז ער איז אינ איינע יאָרנ מיט דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע. דער אלטיטשקער זאָגט:

„פונ זומער אָנ גייט מיר דאָס זעכצנטע יאָר. אונ דעמ הונדערטער רעכנ איכ שוינ ניט: שלעכט האָב איכ אימ אָפּגעלעבט".

איוואַנ אלעקסאַנדראָוויטש איז איצט א קאָלווירטניק. דאָס איז אפּאָנעמ דער עלטסטער קאָלווירטניק אינ ראַטנפאַרבאַנד. געווענ איז ער אָבער א לייב-ייגענער.

דער אלטיטשקער דערציילט וועגנ לייבייגנטומ-רעכט:

„אינ די יאָרנ פונ לייבייגנטומ בינ איכ אויסגעוועזנ בא 5 פריצימ. פונעמ קאָלעזשסקער אסעסער פוטילאָוו בינ איכ ארויס „אפ דער פריי". מיינ פערטער פאָרעצ האָט זייער ליב געהאַט הינט. האָט ער געמאכט אנ אויסטויש: מיכ — פוטילאָוונ, פאר זיכ — א הונט. איכ געדענק, ווי מע האָט א גאַנצע פאמיליע פאר א הונט געקויפט, אונ פאר 70 הינט האָט מענ א גאַנצ דאָרפ אָפּגעגעבנ. די הינט זיינענ טייערער געווענ, ווי מיר, מוזשיקעס.."

בייסנ לייבייגנטומ-רעכט זיינענ די פויערימ געווענ בא די פריצימ דאָס „גע-טויפטע אייגנטומ", וואָס זיי פלעגנ פאַרקויפנ אונ אויסטוישנ אזוי ווי יעטווידער אנדער פאַרמעגנ.

אינ דער צייטונג „מאָסקאָווסקיע וויעדאָמאָסטי" פלעגנ די גוטבאזיצער דרוקנ, לעמאָשל, אזוינע מעלדונגענ:

„31) עס ווערנ פאַרקויפט מענטשנ: א מויד פונ 20 יאָר, א מייסטערקע צו שטריקנ שפּיצנ אפ א טאמבור, אפ אנ אונטערשפּרייטונג אונ אויסנייענ אפ קאַנווע — פאר 200 רובל; א פויערשע מויד פונ 17 יאָר פאר 100 רובל, א פויערשער יונג פונ 17 יאָר פאר 400 רובל".

„7) אינעמ 15-טנ באַצירק פונ צווייטנ קוואַרטאַל אפ דער פערטער מעש-טשאַנסקע גאס נומ. 111 פאַרקויפט זיכ א מויד, וואָס קאָנ נייענ וועש, אויכ אפ א טאמבור, פרעסנ, קראָכמאַליענ, טיילווייז קאָכנ אונ שניידעריי. דאָ פאַרקויפנ זיכ אויכ בריליאַנטענע זאַכנ אונ קאָלירטע שטיינער אונ אנ אָקס מיט א קו פונ א גוטער ראַסע, פאר א פאַסיקנ פרייז — 7".

די פריצימ פלעגנ פאַרקויפנ די לייבייגענע אינ הורט אונ אינ איינצל: גאַנצע פאמיליעסווייז אונ דערפערווייז, אָדער באַזונדער די טאָכטער פונ דער מוטער, באַזונדער דעמ זונ פונ פאָטער אאַוו. די פריצימ פלעגנ „צוזאַמענפּאָרנ" די לייבייגענע, פלעגנ זיי חתונה מאַכנ לויט זייער אייגענעמ איינזענ. דער פּאָרעצ האָט געקאָנט צווינגענ די לייבייגענע צו אַרבעטנ, וויפל ער האָט געוואָלט. ניט זעלטנ פלעגנ די פויערימ האָבנ צייט צו אַרבעטנ פאר זיכ בלויז די יאָנטויווימ אונ די נעכט. אייניקע פריצימ פלעגנ אָנטאָנ די פויערימ אפנ האַלדז ראָגאַטקעס, קעדיי דער מענטש זאָל זיכ ניט קאָנענ לייגנ אָפּרוענ. צומאָל פלעגט מענ די פויערימ ניט לאָזנ טרינקענ, קעדיי אזוי ארומ אונטערצוטרייבנ זיי גיכער ענדיקנ די פריצישע אַרבעטנ. דער פּאָרעצ פלעגט אליינ מישפּעטנ אונ באשטראָפנ די לייבייגענע — „פאר פוילקייט", פאר „נאַכלעסיקייט", פאר „ניט פאָלגנ" אדג. אלס שטראָפצייג האָבנ געדינט ריטער, שטעקנס, ביימשנ.

איוואַנ אַלעקסאַנדראָוויטש לאַרצעוו צווישנ פּיאָנערנ

מיטנ „געטויפטנ אייגנטום“ פלעגנ אָפט זײַנע באַזיצער באַגיינ זיכ ערגער, ווי מיט בעהיימעס. דער אַלטיטשקער לאַרצעוו דערציילט:

„עס איז נאָכ געווענ אַזוי: באַם פּאָרעצ סאַבוראָוו האָבנ זיכ אָפּגעצײַלט שוואַכע הינטעלעכ, זיי האָבנ ניט געקאָנט אָפּזויגנ די מילכ בײַ דער צויג. דער פּאָרעצ איז געוואָרנ אומרויִק. וואָס טוט מענ דאָ? האָט ער באַפוילנ ברענגענ אינ הויז אַ פּויערטע מיט אַ זויג־קינד. דער צויג האָט מענ פאַרבונדנ די אויגנ און דאָס קינד האָט מענ אַוועקגעלייגט צו איר אָפּזויגנ די מילכ. דער צויג האָט מענ יאָ פאַרבונדנ די אויגנ, כּדי זי זאָל זיכ ניט ערגערנ, אָבער די מוטער איז געשטאַנענ דערבײַ און געקוקט...“

וועגנ זיכ אַליינ דערציילט דער אַלטיטשקער אַזאַ פאַל:

„עס איז געווענ, געדענק איכ, אַ יאָגטעוו. פּוטילאָוונ האָט זיכ פאַרוואָלט אַ קוק טאָנ, וויאַזוי זײַנע זײַנע קינדער, צי זײַנענ זיי פלינק, דרײַסט אינ זייער באַגייג זיכ מיט די פּויערים. אָנשטאָט אַ סטראַשידלע האָט מענ מיכ אַוועקגעשטעלט און די פּריצימלעכ האָבנ מיט ווילעס געשטאָכנ מיר אינ רוקנ. איכ בינ געשטאַנענ, געשוויגנ, — עס איז ניט געווענ פאַר וועמענ צו קלאָגנ זיכ...“.

און דער אַלטיטשקער באַווײַזט אויפנ רוקנ בלויע שניטנ — די שפּורנ פונ די פאַרוויילונגענ פונ די פּריצישע קינדער.

אָט וואָס פאַר אַ פאַראָנדקעס עס זײַנענ געווענ באַם לײַביגנטומ־רעכט. מיט וואָס זשע האָבנ זיי זיכ אונטערשיידט פונ שקלאַפערײַ?

„דאָס אָרט פונ אײנע עקספּלואַטאַטערס האָבנ פאַרנומענ אַנדערע עקס־

פּלואטאטערס, — האָט דערקלערט כאָווער סטאַלינ אפּנ צוזאַמענפּאָר פונ די קאָלווירטניקעס-שלאָגלער. — בא דער שקלאַפעריַ האָט דער „געזעצ" דערלויבט די שקלאפנ-באַזיצער צו דערהארגענענ די שקלאַפנ. בא די לײַבייגנטומ-פאַרהעלטענישן האָט דער „געזעצ" דערלויבט די לײַבייגנטימער „בלויז" צו פאַרקויפנ די לײַבייגענע".

אָט אינ וואָס עס איז דער אונטערשייד.

ווי אזוי האָבנ געלעבט די פויערימ „אפ דער פרײַהײַט"

הונדערטער יאָרנ האָבנ געליטנ די פויערימ אונטערנ יאָכ פונ לײַבייגנטומ. פיל מאָל האָבנ זיי אופגעהויבנ אופשטאנדנ קעגנ די פריצימ. באזונדערס זײַנענ באוווסט אינ אונדזער געשיכטע די גרויסע פויערשע אופשטאנדנ אונטער דער אָנפירונג פונ ר א ז י נ ע נ אונ פונ פ ו ג א ט ש אָ ו ו נ.

אָבער די דאָזיקע אלע אופשטאנדנ פלעגנ די פריצישע מאכט אפּ אנ אכזאָריעסדיקנ אופנ אונטערדריקנ. די פויערימ זײַנענ צעשפּרייט איבערנ גאנצנ לאנד. פלעגנ זיי ארויסטרעטנ צעשפּליטערט, זיי האָבנ זיכ ניט געקאָנט פאַרייניקנ. אונ די פויערימ האָבנ האָנ ניט געהאט קיינ פאַרבינדעטנ אינ שטאָט, זיי האָבנ ניט געהאט קיינ אָנפירער. אינ יענע צײַטנ זײַנענ נאָכ ניט געווענ קיינ פאבריקנ אונ זאוואָדנ — זיי האָט מענ ערשט אָנגעהויבנ בויענ. עס איז ניט געווענ אינ די שטעט קיינ ארבעטער-קלאס, וואָס זאָל פירנ א קאמפ קעגנ דער צאריש-פריצישער רעגירונג. אָט פאַרוואָס די פויערשע אופשטאנדנ פלעגנ זיכ שטענדיק ענדיקנ מיט א דורכפאַל.

ניט געקוקט אפּ דעמ, פלעגנ זיי פאַרקומענ אלצ אָפטער אונ אָפטער. באזונדערס האָבנ זיכ פאַרמערט די פויערשע אופשטאנדנ אינ דער ערשטער העלפט פאַריקנ יאָרהונדערט. זייער צאָל האָט דערגרייכט ביז 170 א יאָר.

די פויערשע אופשטאנדנ האָבנ געהאט א גרויסע ווירקונג אפּנ אָפּשאפנ דאָס לײַבייגנטומ-רעכט. אינ 1861 יאָר איז דער צאר געווענ געצוווּנגענ צו געבנ די פויערימ „פרײַהײַט".

אָבער מיט דער „פרײַהײַט", וואָס דער צאר האָט געגעבנ די פויערימ, איז ניט פאַרניכטעט געוואָרנ די עקספּלואטאציע. דעמ אלטנ לארצעווער זוג, פיאָדאָר איוואנאָוויטש, וואָס איז איצט אלט 63 יאָר, דערציילט:

„איכ בינ אפילע אויסגעוואַקסנ א „פרײַער", אָבער איכ האָב נאָכ אויכ געארבעט אלס באטראק באמ זעלבנ פּאָרעצ. א י כ ה אָ ב ב א ט ר א ק ע ו ו ע ט פ א ר 5 ר ו ב ל א י אָ ר"...

די מײַסע דערפונ איז, וואָס די צארישע רעגירונג האָט אויסגעטיילט די פויערימ נישטיקע שטיקלעכ ערד. „עס איז ניטאָ ווהינ א הונ ארויסצולאָזנ", פלעגנ זאָגנ די רוסישע פויערימ. „מײַנ גאנצע ערד ווערט זיכ אונטער א בורקע אויסשפּרייט". פלעגנ זאָגנ די בארג-פויערימ פונ קאווקאז. די בעסטע, די נייטיקסטע ערדנ זײַנענ פאַרבליבנ בא די פריצימ. כוצ דעמ פלעגט מענ צווינגענ די פויערימ צו צאָלנ לעמיוועס די פריצימ סקלאָסאלע א ו י ס ק ו י פ-צ אָ ל ו נ ג ע נ. די שטײַערנ פונ די פויערימ פלעגנ פארגרעסערט ווערנ פונ יאָר צו יאָר. מיט איינ וואָרט, די פויערימ זײַנענ ארײַנגעפאלנ אינ אנ אויסוועגלאָזער שקלאַפעריַ צו די פריצימ אונ באלעבאטימ.

די פויערימ זײַנענ געווענ געצווּנגענ צו פאַרדינגענ זיכ פאר גראָשנס בא די

די פריצטע סאלטיטשיכא צע־רעכנט זיכ מיט אירע לײַבייגענע. 75 פונ זיי האָט זי פארשמיסנ ביז טויט מיט די אייגענע הענט

פריצימ אונ באלעגופימ, ארענדירנ די ערד בא די פריצימ פאר א רויבערישנ פרײַז, אָדער פאר א העלפט געראָטעניש, לייענ בא די גווירימ געלט, ברויט, אפּארבעטנ פארנ פערד, פארנ פלוג אאוו.

די פויערימ האָבנ געהאט צו שלעפנ אפנ קארק א גאנצע טשאטע עקספּלואַ־טאטערס, לויטנ שפּריכוואָרט: „איינער מיט דער סאָכע — זיבנ מיטנ לעפל". בא דער מערהײַט פויערשע ווירטשאפטנ פלעגט אפילע קיינ אייגנ ברויט ניט סטײַענ, מע האָט געמוזט גיינ ערגעצוווּ פארדינענ געלט, סײַ אפ די צינזנ, סײַ אפ צאָלנ די כויוועס, סײַ אפ ברויט, סײַ אפ קליידונג, סײַ פאר דער ווירטשאפט — אפ אלצ איז נייטיק געלט. פלעגנ מיליאָנענ פויערימ ארומבלאָנקענ זיכ איבער רוסלאנד זוכנ פארנאָסע, זיי האָבנ געמוזט.

זאמלענ האָניק פונ א בינשטאָק פונ א פרעמדנ,
קרעכצנ שווער טאָג אײַנ, טאָג אויס,
אז א זאטער מיט א פארצעפּ מיט א רויטנ
ווערנ זאָל ער פעט פונ זייער מי *).

טויזנטערווײַז פלעגנ צערוינירט ווערנ די פויערשע ווירטשאפטנ, די גרונט-מאסע פויערטומ פלעגט „אָנטפּויערט ווערנ" — זי פלעגט זיכ אראָפּלאָזנ אינ די רייענ פונ די לויג-ארבעטער.

„דאָס פויערשע לעבנ איז ביטער ווי גאל", זאָגט א פויערשער דיכטער. אָט וויאזוי עס באשרײַבט דאָס האָזיקע אומגליקע פויערשע לעבנ א געוועזענע פויערטע, איצט א וועבערנ־אינסטרוקטאָרשע אינ דער טריאָכגאָרנער פאבריק אינ מאָסקווע, טאטיאנע יעגאָראָוונא דאָנצאָווא:

„איכ בינ געבוירנ געוואָרנ אינעמ דאָרפ גאָלובינא, מאָסקווער גובערניע, סערפּוכאָווער אויעזד, יעליאָמינאָווסקער וואָלאָסט. דער דאלעס איז געווענ א שרעקלעכער. די מוטער האָט געוווינט ווײַט פונ מיר, אינ מאָסקווע, אלס אמ בא א בורזשוי. אונ דער פאָטער האָט געוווינט אינ מאָסקווע אלס איז־וואָזשטשיק, ער האָט פארדינט בא 5—7 רובל א חודש אפ דעמ באלעבאָס

*) דעמיאנ בעדני.

קעסט. מיר האָבנ געוווינט אינ דאָרפ מיט דער באָבענ. געווענ איז בא אונדז א פאָרעצ א גוטבאזיצער. די ערד ארומ איז א פריצישע, גאָלאָכישע, אונ ווער וויים ווו איז די פויערישע ערד. צו דער אייגענער ערד וועסטו בעשומוייטנ ניט דערפאָרנ. קומט ארופ א הונ אפ דער פריצישער ערד — ארבעט אָפּ א טאָג, אונ יאויב א שעפס גייט ארופ אפ דער פריצישער ערד, — ווייסטו שוינ גיט אפילע, ווענ דו וועסט אָפּארבעטנ.

דער לייב־אָפּצאָל איז געווענ א טייערער: 17 רובל פונ א געפעש. שווער איז געווענ אימ צו צאָלנ. איכ בינ האָנ אלט געווענ א יאָר 10, — אינדערהיימ זיינענ געווענ בלויז די קינדער: מע קומט צופאָרנ אָפּ־נעמענ דעמ לייב־אָפּצאָל; ס'איז געקומענ צו גיינ דער פריסטאוו צו אונדז אינ הויפ, מע האָט אָנגעלייגט בא אונדז א וואָגנ היי, די קו אונדזערע האָט מענ פארבונדנ פאר די הערנער אונ אוועקגעפירט... אונ מיר, קינדער, זיינענ אליינ געווענ אינ דער היימ, — אָט וויאזוי מע פלעגט זיכ איזדיעקעווענ!".

די מוטער האָט געוואָרפנ איר לייבלעכ קינד אונ איז אוועק זויגנ מיט איר מילכ די פריצישע קינדער — צוליב נויט, צוליב געלט! אונ אינ דאָרפ פלעגנ בעשאס־מיינסע די פריסטאווס ראבירנ בא די קינדער די לעצטע זאכנ פאר די „כויוועס".

אונדזער פויערשער יוגנט, וואָס איז אויסגעוואקסנ בא דער ראטנמאכט, איז אפי־לע שווער פאָרצושטעלנ זיכ, אינ וואָס פאר א האָפנונגסלאָזנ, שרעקלעכנ ואלעס עס האָט געלעבט א קאָלאָסאלער טייל פויערטומ אינ צארישנ רוסלאנד. לאָמיר אלס ביישפיל ברענגענ עטלעכע שורעס פונ אנ אלטנ בוכ, וואָס רופט זיכ אָנ „דאָס אויסשטארבנדיקע דאָרפ". אינ אימ באשרייבט דער אווטער, דער זעמסקער דאָקטער שינגאריאָוו, די דערפער נאָוואָזשיוואָטנאָיע אונ מאָכאָוואטקע, וואָראָניעזשער אויעזד:

„א גאנצע ריי הויפנ, וואָס האָבנ ניט קיינ מעגלעכקייט צו קויפנ קרויט, אוגערקעס, פלייש, גאנצענע פאמיליעס — אָנ מילכ אינ פארלויפ פונ א קיי־לעכדיקנ יאָר!... אז פלייש עסט מענ ווייניק אינ דאָרפ, איז מיר א געבוירע־נעמ אונ אויסגעוואָקסענעמ אינ דאָרפ, לאנג געווענ באוווסט. אז עס זיינענ פאראנ פאמיליעס, וואָס האָבנ ניט קיינ מילכ, האָט מענ געהאלטנ, איז שוינ פונ פריער באוווסט. אָבער, אז אינ א פויערשער פאמיליע זאָל ווינטער ניט זיינ קיינ זויערע קרויט, האָב איכ בעשומויפנ ניט דערוואַרט.

— איז וויאזוי זשע קאָכט איר די „שטשי"? — האָט זיכ ניט ווילנדיק ארויסגעריסנ בא מיר א נאַיווע פראגע, אזוי פעסט האָב איכ געגלייבט, אז די טראַדיציאָנעלע „שטשי", כאָטש אָנ פלייש, דארפ זיינ אומעטומ.

— „שטשי"? — האָט מיר געענטפערט מיט א גלייכגילטיקער שטימ דער אלטער קראנקער באלעבאָס. — ס'איז שוינ העכער א יאָר אָנדערהאלבנ, ווי מיר האָבנ קיינ „שטשי" ניט געזופט...".

אינ דעמ אלטנ צארישנ רוסלאנד (אינ 1905 יאָר) זיינענ געווענ 12 מיליאָנ פויערשע הויפנ. דערפונ האָבנ 10 מיליאָנ, אָדער פיר פינפטל פונ דער אלגעמיינער צאָל געהערט אָרעמ־פויערימ. אָנדערהאלבנ מיליאָנ הויפנ, ד. ה. צוואָס מער פונ איינ צענטל פונ דער אלגעמיינער צאָל, האָבנ געהערט מיטלפויערימ. אונ א האלבער מיליאָנ הויפנ, אָדער איינ צוואנציקטל פונ דער אלגעמיינער צאָל — האָט געהערט באלעגופימ.



מע פלעגט אוועקפירן פון הויף די לעצטע קו

אזויארום האָט די קאָלאָסאַלע מערהײַט פויערים געלעבט אין דאַלעס — „איז געשטאַנען אף דער גרענעץ פון האַלבהונגעריקער עקזיסטענץ", לויט לענינס אויסדרוק. דער פויער, וואָס האָט געהאַט איין פערד, — האָט געשריבן לענין, — שוין אָפּגערעדט וועגן די אָרעמ־פויערים, וואָס האָבן גאָר קיין פערד ניט געהאַט, האָט געקענט אויסגעבן פאַרן יאָר אף דער גאַנצער ווירטשאַפט (ניט רעכענענדיק דאָס פיטער פאַרן פי) ניט מער ווי 20 רובל!

„20 רובל א יאָר, אי אף אַרענדירן ערד, אי אף קויפן בעהיימעס, אי אף פאַריכטן די סאָכע און אַנדערע געצײַג, אי פאַרן פאַסטעך און אף אַלע אַנדערע זאַכן! צי איז דאָס דען א ווירטשאַפט? דאָס איז בלויז אן אָפּקומעניש, דאָס איז בלויז קאַטאָרגע, אן אייביקע מאַטערניש".

באַשרײַבנדיק די לאַגע פון דער איבערוועגנדיקער מערהײַט פויערטום ביז דער רעוואָליוציע, זאָגט לענין:

„דער פויער איז דערפירט געוואָרן ביז א בעטלערישן לעבנ־ניוואָ: ער פלעגט וווינען צוזאַמען מיט דער בעהיימע, פלעגט זיך אָנטאָן אין שמאַטעס, פלעגט זיך דערנערן מיט בעלאַדאָנע. דער פויער פלעגט אַנטלויפן פון זײַן שטיקל ערד, ווען עס איז נאָר געווען וווהין צו לויפן, אפילע אויסקויפנדיק זיך פונעם שטיקל ערד און צאָלנדיק דעם, וואָס פלעגט אײַנגיין צו נעמען דאָס שטיקל ערד, וואָס די צאָלונגען דערפאַר פלעגן איבערשטײַגן זײַן האַכנאָסע. די פויערים פלעגן כראָניש הונגערן און אין צענדליקער טויזנטער אויסשטאַרבן פון הונגער, פון עפּידעמיעס אין דער צײַט פון אומגערעטענישן, וואָס פלעגן זיך איבערכאַזערן אַלץ אָפטער און אָפטער".

אזוי האָט געלעבט דאָס דאָרף בא דער אַלטער מאַכט.

ווי אזוי די ארבעטער האָבן געלעבט ביז דער רעוואָלוציע

אָנגעזעטיקט זיך מיט א־עמפּויעריש־באַטראַקישע צאָרעס, פֿלעגט דער פּויער אַנטלויפֿן פֿון דאָרף אין שטאָט אַרײַן, אָבער דאָרט פֿלעגט ער אַרײַנפֿאַלן פֿון פֿײַער אין וואַסער — פֿון די הענט פֿון איין עקספּלואַטאַטער אין די לאַפּעס צו א צווייטן.

א שרעקלעכע היץ און שטיקעניש. שטויב און גיפֿטיקע גאַזן. אומדערטרעגלע־כער איפּעש און שמוץ. א קלאַפּערײַ און טראַסקערײַ פֿון די מאַשינעס. א געפֿאַר צו ווערן יעדע מינוט צעקאַליעטשעט, צעקוועטשט. זידלערײַ און קלעפּ פֿון די אויפֿזעער. 12—15 שעה א טאָג די דאָזיקע טאָג־טעגלעכע יסורים. און פֿאַר דאָס אַלץ — נישטיקע גראָשנס אַרבעטלוין.

אָט אין וואָסערע באַדינגונגען עס האָבן געהאָרעוועט די אַרבעטער, האָבן גע־שאַפֿן מיליאָניקע רײַכטימער פֿאַרן פּוסטעפּאַסנעם און לײַדיקגייערישן לעבן פֿון די קאַפּיטאַליסטן.

„עס וועט דורכגיין א יאָר, — האָבן געשריבן די אַרבעטער אין דער באָל־שעוויסטישער צײַטונג „זוועזדאַ" אין 1912 יאָר, — און באַם קאַפּיטאַליסט אפֿן פּעטן קאַרק וועט זײַן א נײַער פֿאַלד פֿון זאַטקייט, פֿון זיכערקייט אין זײַן קראַפֿט, און באַם אַרבעטער — א נײַער קנייטש אפֿן פּאָנעם פֿון הונ־גער־לעבן, פֿון זאָרג פֿאַרן מאָרגנדיקן טאָג".

נאָך אַלס קליינע קינדער, ווי די, וועלכע לויפֿן בא אונדז אין די שולן און קינדערהיימען, פֿלעגן די אַרבעטער און אַרבעטערנס אַרײַנפֿאַלן צום קאַפּיטאַל אין די קלעפּיקע לאַפּעס. וועגן אירע קינדערשע יאָרן דערציילט אָ ל ג א ל י נ י נ א, די שלאָגלערן־בריגאַדירשע פֿון זאַוואָד „קאַוטשוק", וואָס איז באַלוינט געוואָרן מיטן לענין־אָרדען.

„דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען בא דער אַרבעט פֿון אינדערפֿרי ביז אינאָוונט, און איך זיץ אין א קאַמערל מיט די אויפּעלעך, טייל צווישן זיי אפּ גלײַכע שטיקעלעך דאָס שוואַרצע זויערע ברויט. אויך מיר האָבן אַרבעט. דער „גוטער" פֿאַבריקאַנט גיט זי אונדז אַהיים. מיר סאָרטירן לויטן קאָליר און נייען אַרויף אפֿ א קאַרטאָנען קנעפּ. צו 2 טוץ אפֿ א קאַרטל. און פֿאַר יעדערע 6 קאַרטלעך צאָלט מען אונדז... א י י נ ק אָ פּ ע ק ע. איך, אַליין א קינד, דאַרף אָפּקלײַבן, אָפּציילן, צונייען די קנעפּ און צוקוקן זיך צו מײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך, אַז דאָס קליינוואַרג זאָל ניט פֿאַרוואַנדלען די אַרבעט אין א שפּילערײַ, אַז די הענטלעך פֿון די אויפּעלעך זאָלן ניט שטיפֿן, נאָר זאָלן געדולדיק האָרעווען. א קלייניקייט: האָרעווענדיק אַלע אינאיינעם, קאָנען מיר אויסאַרבעטן פֿאַרן טאָג... גאַנצע צ ע נ ק אָ פּ ע ק ע ס!".

די קינדער זײַנען געווען א שווערע לאַסט אין דעם אַרבעטערס פֿאַמיליע, עס איז ניט געווען וואָס זיי צו געבן עסן, עס איז ניט געווען אין וואָס זיי אָנצוטאָן. די אַרבעטער פֿלעגן געוויינלעך אָפּגעבן די קינדער „אין דער לערע" צו א באַלמעלאָ־כע. די קינדער פֿלעגן ניט אַזויפֿיל לערנען זיך, וויפֿל אַרבעטן אַלס באַדינער בא דעם באַלמעלאָכעס פֿאַמיליע און פֿלעגן דערבײַ באַקומען קלעפּ. דער אַלטער מאָס־קווער אַרבעטער פֿיליפּאָוו פֿונעם זאַוואָד „קראַסני פּראָלעטאַרי" דערמאָנט וועגן זײַן קינדהייט:

אינ א קלײנ צימערל האָט געוווינט אזא גרויסע פאמיליע

„פונ 10 יאָר בינ איכ אָנגעקומענ אלס שילער צו א גאָלדשמיד. דער אָפּמאכ איז געווענ אזא: 7 יאָר ארבעטנ פארנ עסנ אונ קליידונג, נאָכדעמ אָפּארבעטנ נאָכ פיר כאדאָשימ פאר די צעבראָכענע געפעס". דער באלעבאָס פלעגט ליב האָבנ שלאָגנ די שילער מיט א קייטעלע איבערנ קאָפּ. דערביי פלעגט ער צוגעבנ: „אויב ניט שלאָגנ, וואָס פאר א לייט וועט פונ דיר ארויסקומענ!" איצט בינ איכ אלט 53 יאָר, אונ ביז איצט איז נאָכ בא מיר פאראנ א שניט אונ ביילנ אָפנ קאָפּ פונ דעמ באלעבאָס שווערער האנט".

די פאבריקאנטנ אונ זאוואָד־אייגנטימער פלעגנ ארויסציִענ בא די ארבעטער אלע אָדערנ, אויספּרעסנ די גאנצע קראפט, אונ דערפאר פלעגנ זיי געבנ גראָשנס בלויז. ווענ דער ארבעטער פלעגט אָפּגענוצט ווערנ אָדער פלעגט קראנק ווערנ, פלעגט אימ דער פאבריקאנט ארויסווארפנ, ווי אלטווארג, וואָס מע דארפ שוינ ניט. אזאנ ארבעטער פלעגט אויסקומענ צו שטארבנ אונטערנ פארקאנ. אָדער מע פלעגט אימ ארויסשיקנ מיטנ „עטאפּ", ווי אנ ארעסטאנט אינ דאָרפ ארײַנ בעטלענ.

דער ארבעטסטאָג האָט לויטנ „געזעצ" געדויערט 11 מיט א האלבע שאָ, אונ אינ דער ווירקלעכקייט א סאכ לענגער. דער ארבעטלוינ האָט באטראָפנ 15—20—30 רובל א כוידעש, אונ בא די פרויענ נאָכ ווייניקער. לעמאָשל, אינ דער פראָכאָראָווער מאנופאקטור אינ מאָסקווע האָט דער ארבעטלוינ באטראָפנ דורכשניטלעכ 12—14 רובל א כוידעש. אונ אז מע פלעגט אראָפּרעכענענ פאר קעסט אונ פאר די פארשיידענע שטראָפנ, — דערציילנ די אלטע ארבעטערנס, — פלעגט פארבלייבנ ניט מער, ווי א האלבער רובל. בלויז די דערוואָקסענע קוואליפיצירטע ארבעטער פלעגנ באקומענ מער. אזוי, לעמאָשל, האָט פיליפּאָוו, ווענ ער איז געוואָרנ א גוטער מעמאליסט, אָנגעהויבנ באקומענ 45 רובל א כוידעש, אונ זײַנ פרוי, א פּײַקע אויס-

נייערג, פלעגט ארבעטנ פונ אינדערפרי ביז באנאכט און אויסארבעטנ ביז 30 רובל א כוידעש.

„צוזאמענ פלעגנ מיר פארדינענ, — דערציילט פיליפאָוו, — בא 75 רובל. דערפונ פלעגנ מיר באצאָלנ דירע־געלט 23 רובל. געווײנט האָבנ מיר אינ אנ אלטער הילצערנער הײַזקע, אינ אײנ צימער, מיט א רוסישנ אויוונ. די פאמיליע איז באשטאנענ פונ 7 מענטשנ. אָרעמ האָבנ מיר געלעבט. פונ פעטס פלעגנ מיר אָנזעונ בלויז אײל. זיסע טײ פלעגט מענ דערלויבנ טרינקענ בלויז די קינדער".

וואָס פאר א וווינונגענ עס האָבנ געהאט די ארבעטער, איז צו זענ פונ די באשטימונגענ פונ די שטאָט־דומעס פונ יענער צײַט. די דאָזיקע דומעס פלעגנ פאָדערנ, „אז אפ יעדנ ארבעטער זאָל אויסקומענ סאכאקל וווינונג־שעטעכ ניט ווייניקער ווי 4 קוואדראט ארשינ, די ארבעטער דארפנ ניט שלאָפנ אפ דער הוילער ערד, דער באלעבאָס דארפ זײ געבנ לעכאָלאפאָכעס שטרוי אפ אונטערבעטנ זיכ".

אזוינע באשטימונגענ זײַנענ געווענ פּאָשעטע א כויזעק איבער די ארבעטער. די „שטאָט־פארזאָרגערס", די פאבריקאנטנ און סאָכרימ האָבנ געהאלטנ די ארבעטער פאר בעהײמעס, וואָס קאָנענ זיכ באנוגענענ מיט א קאָנורע און מיט א שטרויענעמ אונטערבעט אפ שלאָפנ.

די ענגשאפט אינ די ארבעטער־קאזארמעס בא די פאבריקנ איז געווענ א שרעקלעכע: צו עטלעכע פאמיליעס צו 10, צו 15 מענטשנ פלעגנ זיכ שטיקנ אינ אײנ ענגנ צימערל. די מאָסקווער וועבערנ א ל ג א י ע ג א ר א ו נ א מ ע ש ט ש ע ר י א ק א ו א דערציילט:

„מע האָט אונדז אוועקגעלייגט, מיכ מיטנ מאנ אינ א שלאָפצימער פארלעכ. דאָרטנ האָבנ מיר געווױנט פ י ר פ א מ י ל י ע ס. און ווענ בא מיר איז געבוירנ געוואָרנ א קינד, האָט מענ אונדז צווייענ אוועקגעלייגט מיט א צווייטער פאָר. דער צימער האָט געהאלטנ בא 6 ארשינ די לענג און דרײַ די ברייט. בא זײ זײַנענ געווענ פיר קינדער, בא מיר א קינד און פיר דערוואַקסענע. זייערע א בעט, אונדזערע א בעט און א דורכגאנג, א טיש און א טאבורעט. די קינדער זײַנענ געשלאָפנ אפ דער פּאָדלאָגע. אָ, איז דאָס געווענ א שווערע לאגע!"

אינ די פאמיליענ־קאזארמעס פלעגנ די פאמיליעס זיכ אָפּצוימענ אײנע פונ די אנדערע מיט פ א ר ה ע נ ג ל ע כ. אינ די ארבעטער־קאזארמעס פאר די אײנצלנע פלעגט מענ מאכנ נארעס צו 2 און אמאָל אויכ צו דרײַ שטאָק.

די באהאנדלונג מיצאד די באלעבאטימ און דער אדמיניסטראציע איז געווענ, ווי די ארבעטער זאָגנ, א „כאמישע". פרעסק און קלעפּ זײַנענ געווענ א געוויינלעכע דערשײַנונג. פאר דער מינדסטער שולד אָדער דערווידערונג פלעגט מענ שלאָגנ, שטראפירנ און אָפּזאָגנ פונ דער ארבעט.

„אינ דער דרעזנענסקער פאבריק אינ אָרעכאָווא־זויעוואָ, — דערציילט די ארבעטערנ ר אָ ז א נ אָ ו ע, — פלעגנ די מײַסטערס שמײַסנ די אָפּשטייענדיקע ארבעטער מיט א קאנטשיק. דער קאנטשיק איז געווענ א רימענער מיט א דראָט אפנ שפּיץ".

די מײַסטערס און אפילע די געזעלנ, שוינ ניט רײדנדיק וועגנ די באלעבאטימ,

פלעגן אָניאָגן א שרעק אפ די ארבעטער. די ארבעטערג פראסקאָוויע סטעפאנאָוונא קאָמאראָווא דערציילט אינ אירע דערינערונגען:

„געווען איז בא אונדז א מײַסטער א הינקעדיקער, ניקאָלײַ. א גראָבער יונג. בייגט זיכ אויס דאָס שפּינדל, — שרײַט ער אונ לייגט ארופ א שטראָף. גייט דער מײַסטער, — ווארפסטו זיכ ווי א מעשוגענע, פונקט ווי דו וואָלסט געוואָרט אפ עפּעס א מערדער, דו טרייסלסט זיכ אינגאנצן. אויב דער גזעל טופּעט מיט די פיס: „איכל ארויסיאָגן! — שרײַט ער — אפ דײַנ אָרט שטייען 15 מענטשן באַם טויער!".

באזונדערס שווער איז אָנגעקומען די ארבעטערנס. כוץ דער עקספּלואטאציע אונ דעמ נאָכ קלענערן ארבעטלוינ אינ פארגלײַכ מיט די מענער, האָט יעטווידער ארבעטערג, אויב זי איז געווען עטוואָס שענער, געהאט אויסצושטיינ טײַוועדיקע רעדיפעס מיצאַד די דירעקטערס, מײַסטערס, אופזעערס, שרײַבער פונ קאָנטאָר אונ ווי איז געווענ צו דער ארבעטערנ, וואָס האָט זיכ געפּרוווט קעגנשטעלן: מע פלעגט זי טייקעפ ארויסווארפנ פונ דער פראָדוקציע אונ פונ דער קאזארמע. פארשטייט זיכ, אז וועגנ אורלויבנ פאר די שוואנגערע פרויענ איז גאָר קיינ רייד ניט געווען. ביז די לעצטע שאָענ פלעגט די פרוי פארבלײַבנ באַם ווערקשטעל אונ ניט זעלטנ פלעגנ זיכ אינעמ גערויש פונ די מאשינעס פלוצעמ דערהערנ די געשרייענ פונ א קימפּעטאָרנ אונ דער קוויטש פונ א געבוירנ אויפעלע.

די קינדער פלעגנ וואקסנ אָנ אופזיכט אונ פלעגנ אויסגיינ ווי פליגנ.

ארבעטנ דאָס גאנצע לעבנ אונ האָבנ קינדער, קעדיי דעמ גרעסטנ טייל קינדער אוועקפירנ אפנ בעסוילעמ, — אָט אזא איז געווענ דער שיקזאַל פונ דער ארבעטערג אונ פויערטע בא דער מאכט פונ די קאפּיטאַליסטנ אונ פּריצימ. ארבעטנ אָנ אָפּרו פאר די פאבריקאנטנ, קעדיי מע זאָל דיכ נאָכדעמ ארויסווארפנ אפ דער גאס, — דאָס איז געווענ דער שיקזאַל פונ די ארבעטער. ארבעטנ פונ זונ־אופגאנג ביז זונ־אונטערגאנג, קעדיי צו שטארבנ א קאבצנ אָדער א בעטלער, — אָט דאָס איז געווענ דער שיקזאַל פונ דער מערהײַט פויערימ.

אונ ווי האָט דענ אנדערש געקאָנט זײַנ, ווענ אלע פאבריקנ אונ זאוואָדנ האָבנ זיכ געפונענ בא די קאפּיטאַליסטנ אינ די הענט אונ אפ דער עהד זײַנענ געזעסנ דער פּאָרעצ אונ באַלעגופ! וויאזוי האָט עס געקאָנט אנדערש זײַנ, ווענ דער קאפּיטאַליסט אונ דער ערהבאזיצער פלעגנ צווינגענ צו ארבעטנ אפ זיכ אונטער דער מוירע אײַבערצולאָזנ אָנ א שטיקל ברויט! וויאזוי האָט געקאָנט זײַנ אנדערש, ווענ די גאנצע מאכט האָבנ זיכ געפונענ בא די פּריצימ אונ קאפּיטאַליסטנ אינ די הענט!

מיט וואָס זשע האָט זיכ אונטערשיידט די לאגע פונ די ארבעטער אונ פויערימ בא דער מאכט פונ די פּריצימ אונ קאפּיטאַליסטנ לעגאַבע דער לאגע פונ די ארבעטנדיקע באַמ לײַבייגנטומ־רעכטמ? באוועך סטאלינ האָט דערקלערט דעמ דאזיקנ אונטערשייד אפנ צוזאמענפאָר פונ די קאָלווירטניקעס־שלאָגלער:

„איינע עקספּלואטאטערס האָבנ פארנומענ דאָס אָרט פונ אנדערע עקספּלואטאטערס. בא די לײַבייגנטומ־פּאָראָנדקעס האָט דער „גזעצ" דערלויבט צו פארקויפנ די לײַבייגענע. בא די קאפּיטאַליסטישע פּאָראָנדקעס דערלויבט דער „גזעצ" „בלויז" פארמישפּעטנ די ארבעטנדיקע אפ ארבעטלאָזיקײַט אונ פארארעמונג, אפ רויִנירונג אונ הונגער־טויט".

אָט דאָס איז דער אונטערשייד.

ווי אזוי די ארבעטער און פויערים האָבן געקעמפט פאר א בעסער לעבן

פארשטייט זיך, אז ווײַט ניט אַלע ארבעטער און פויערים זײַנען געווען צופרידן מיט אזא לאגע.

נאָך אין די 70־ער יאָרן פונעם פאריקן יאָרהונדערט האָבן די ארבעטער אָנגע־הויבן שטרײַקן קעגן די פאבריקאנטן. אָבער די פּאָליציי און זשאנדארן פלעגן קומען צוהילף די באלעבאטים, מע פלעגט ארויסרופן מיליטער. די ארבעטער פלעגט מען צעמיימעסן, צעשיסן, ארעסטירן, פארשיקן קיין סיביר. זעלטן ווען די ארבעטער פלעגט זיך אײַנגעבן צו דערשלאָגן זיך וועלכע ניט איז נישטיקע האנאָכעס.

אין 1905 יאָר האָבן די פּעטערבורגער ארבעטער באַשלאָסן גיין צום צאר „זוכן עמעס און שוץ". זיי האָבן געוואָלט דערלאַנגען דעם צאר א פּעטיציע — א ביטע צו שענקען פּאָליטישע פרײַהײַט, גלײַכהײַט פון אַלעמען פארן געזעץ, אַן 8־שאָיִקן ארבעטטאָג אָפּשאפן די אויסקויפ־צאָלונגען פון די פויערים און איבערגעבן די ערד דעם פאָלק.

די ארבעטער האָבן געשריבן אין דער פּעטיציע:

„מיר זײַנען פאראָרעמט געוואָרן, מע אונטערדריקט אונדז, מע באַלעס־טיקט אונדז מיט אומדערטרעגלעכער ארבעט, מע איזדיעקעוועט זיך איבער אונדז, מע אָנערקענט ניט אין אונדז קיין מענטשן...

מיר האָבן געליטן, אָבער אונדז שטויסט מען אַלץ ווײַטער און ווײַטער אינעם אָפּגרונט פון דאַלעס, רעכטלאָזיקײַט און אומוויסנקײַט. אונדז שטיקן דער דעספּאָטיזם און ווילקיר, און מיר ווערן דערשטיקט... עס איז געקומען א סאָף צום געדולד".

די באָלשעוויקעס האָבן געוואָרנט די ארבעטער, אז מע וועט זיי צעשיסן. „פרײַ־הײַט בעט מען ניט, — פרײַהײַט דעראָבערט מען", — האָבן געטײַנעט די באָל־שעוויקעס.

דאָך זײַנען די ארבעטער אוועק דעם 9־טן יאנואר 1905 יאָר, זײַנען אוועק צו־זאמען מיט די פרויען און קינדער, מיט איקאָנעס און צארישע פּאָרטרעטן. דער צאר האָט אָפּגעגעבן א באפעל צו שיסן אינעם האמויז. העכער 1000 מענטשן זײַנען דערהארגעט געוואָרן, נאָך מער זײַנען פאַרוואונדעט געוואָרן. די ארבעטער האָבן דאַן פארשטאנען, אז די באָלשעוויקעס זײַנען געווען גערעכט. טויזנטער האָבן זיי זיך גענומען פארן געווער, צוזאמען מיט די באָלשעוויקעס האָבן זיי אָנגעהויבן בויען באריקאדעס.

אומעטום האָבן זיך אָנגעהויבן שטרײַקן און דעמאָנסטראציעס. אין די דערפער האָבן די פויערים ווידער גענומען גראַמירן די פריצים. העכער א דריטל אויעזדן זײַנען געווען ארומגעכאפּט מיט פויערשע אויפשטאנדן. ביז 2000 פריצישע מאיאָנט־קעס זײַנען צעגראַמירט געוואָרן.

צוגלײַך מיט די שטרײַקן און דער פויערשער באוועגונג האָבן זיך אָנגעהויבן אויפשטאנדן אין פלאָט און אין דער ארמיי.

אין אָקטיאבער 1905 יאָר איז פארגעקומען אַן אַלגעמיינער פּאָליטי־שער שטרײַק, וואָס האָט ארומגעכאפּט דאָס גאנצע לאנד. אין פּעטערבורג און אין אנדערע שטעט זײַנען אנטשטאנען ראַטן פון ארבעטער־דעפּו־

צעשיסונג פונ די ארבעטער דעמ 9־טנ יאנוואר 1905 יאָר

טאטנ. אינ דעקאבער האָבנ די ארבעטער אופגעהויבנ א באוואָפנטנ אופ־שטאנד אינ מאָסקווע.

אָבער די ארבעטער זײַנענ נאָכ דאנ געווענ ניט גענוג אָרגאניזירט אונ שטארק. די פויערימ זײַנענ ארויסגעטראָטנ ניט גענוג סאָלידאריש אונ אנטשיידנ.

„צומ באדויערנ, — האָט געשריבנ לענינ, — האָבנ די פויערימ דאנ פארניכטעט בלויז א 15־כײלעק פונ דער אלגעמײנער צאָל פריצישע הויפנ, בלויז א פופצנטכײלעק דערפונ, וואָס זײ האָבנ געדארפט פארניכטנ, קעדײ אײנגאנצנ אָפּצומעקנ פונ דער רוסישער ערד די שאנד פונעמ פעאָדאלנ* גרויסנ ערדבאזיץ".

דער צארישער רעגירונג האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו אונטערדריקנ די ערשטע רעוואָלוציע.

אָבער די ארבעטער אונ פויערימ האָבנ זיכ א סאכ אויסגעלערנט פונ דער דער־פארונג פונ דער דאָזיקער רעוואָלוציע. די אכזאָריעסדיקע רעדיפעס קעגנ די רעוואָ־לוציאָנערנ אינ די שפּעטערדיקע יאָרנ האָבנ באזונדערס בולט באוויזנ די גאנצע העסלעכקײט פונ דער צארישער אָרדענונג. די אימפּעריאליסטישע מילכאָמע, וואָס אינ איר האָט זיכ ארײַנגעצויגנ די צארישע רעגירונג, די מאפּאָלע אינ דער דאָזי־קער מילכאָמע האָבנ פארשנעלערט דעמ אויפברויז פונ פאָלקס־צאָרנ קעגנ דער זעלבסטהערשונג.

די צווייטע רעוואָלוציע, אינ פעווראל 1917 יאָר, האָט אראָפּגעשווענקט די צאריש־פריצישע אָרדענונג. די ארבעטער אונ פויערימ האָבנ דעראָבערט די פּאָלי־

---

* ד. ה. פּריצישנ.

919—2

טישע פרייהייט — די פרייהייט פונ פארזאמלונגען, פונ פאריינען, פונ ווארט, פונ פרעסע אאוו.

אבער די פאבריקנ, זאוואדנ, די ערד זיינענ ווי פריער פארבליבנ בא די קאפיטאליסטנ אונ פריצים. די קראפט אונ מאכט איז פארבליבנ בא די פארמעגלעכע קלאסנ. בלויז פונ די פריצים האט זי זיכ מער אריבערגערוקט צו די קאפיטאליסטנ. די עקספלואטאטארס זיינענ פארבליבנ אפ זייערע ערטער. די ארבעטער האבנ, ווי פריער געמוזט בייגנ דעמ קארק פאר די פאבריקאנטנ, אונ די פויערימ — פאר די פריצימ.

די באלשעוויקעס האבנ געטיינעט, אז מע דארפ פירנ דעמ קאמפ ווייטער — פאר אראפווארפנ די בורזשואזע רעגירונג, פאר איבערגעבנ די גאנצע מאכט די ר א ט נ. אונ די ארבעטנדיקע מאסנ פלעגנ זיכ אלצ מער איבערצייגנ, אז די באלשעוויקעס זיינענ גערעכט.

די נייע בורזשואזע רעגירונג האט גענומענ אכזאריעסדיק אפרעכענענ זיכ מיט די רעוואליוציאנערע ארבעטער — צעשיסנ די ארבעטער־דעמאנסטראציעס. זי האט גענומענ שיקנ מיליטערישע אטריאדנ קעגנ די פויערימ, וואס האבנ אנגעהויבנ אוועקנעמענ בא די פריצימ די ערד. זי האט דערלויבט די פריצימ צו האלטנ בא זיכ א ספעציעלע באוואפנטע וואכ. די דאזיקע וואכ איז געווענ ווי קייט־הינט בא די פריצימ, פלעגט רישעסדיק באגיינ זיכ מיט די פויערימ.

אינ הארבסט 1917 יאר האבנ אנגעהויבנ ברענענ איבערנ גאנצנ לאנד די פריצישע הויפנ. די פויערימ פלעגנ אפנעמענ בא די פריצימ די ערד, גראמירנ די פריצישע נעסטנ, צונעמענ די בעהיימעס, דעמ אינווענטאר אונ אנ ראכמאנעס אפרעכענענ זיכ מיט די מער פארהאסטע פריצימ.

ברייט האבנ זיכ דאס מאל פאנאנדערגעוויקלט די פויערשע אופשטאנדנ. אבער דאכ וואלטנ די פויערימ ניט באוויזנ צו צעברעכנ די פריצימ אינגאנצנ, ווענ אינ שטאט וואלט פארבליבנ אומגערירט די מאכט פונ די קאפיטאליסטנ. די פויערימ וואלטנ ניט באוויזנ אוועקצוהארגענענ דעמ סוינע אונ איינצוהאלטנ די ערד, ווענ זיי צוהילפ וואלט ניט געקומענ א מעכטיקער פאהבינדעטער אונ אנפירער — דער א ר ב ע ט ע ר-ק ל א ס.

דעמ 25-טנ אקטיאבער, דעמ 7-טנ נאיאבער לויטנ נייעמ סטיל, האבנ די ארבעטער אופגעהויבנ אנ אופשטאנד אינעמ דעמלטיקנ פעטראגראד, האבנ אראפגעווארפנ די בורזשואזע רעגירונג אונ איינגעשטעלט די ר א ט נ מ א כ ט — ד י ד י ק ט א ט ו ר פ ו נ ע מ פ ר א ל ע ט א ר י א ט.

אונ טייקעפ, נאכ דעמ 25-טנ אקטיאבער באנאכט, האט דער פארזיצער פונעמ ערשטנ ראט פונ די פאלקס-קאמיסארנ ל ע נ י נ אונטערגעשריבנ א דעקרעט וועגנ דער ערד. לויטנ דאזיקנ דעקרעט האט מענ טייקעפ אפגענומענ די ערד בא די פריצימ אנ שומ אויסקויפ, דאס פריוואטע אייגנטומ אפ ערד איז אפגעשאפט געווארנ איינמאל פאר אלעמאל אונ אלע ערדנ זיינענ איבערגעגעבנ געווארנ אלס אייגנטומ דער ארבעטער-פויערשער מעלוכע אונ אינ באנוצ פונ די ארבעטנדיקע. דער דאזיקער דעקרעט האט פינקטלעכ אויסגעדריקט די פאדערונגענ פונ די צאלרייכע פויערשע אנזאגנ וועגנ ערד אונ די סאמאדקע גופע פונ די דאזיקע אנזאגנ איז געווארנ איינגעשלאסנ אינ געזעצ.

אינ דער רוסלענדישער ראטנ-רעפובליק האט דאס ארעמ-אונ מיטל-פויערטומ בא־

צעגראָמירט א פריצישנ מאַיאָנטעק

קומענ 52 מיליאָנ העקטאַר געוועזענע פריצישע, אודיעלנע, קלויסטערשע ערדנ און נאָכ 50 מיליאָנ העקטאַר באַלעבאָטישע ערדנ, סאַכאַקל 102 מיליאָנ העקטאַר. אינ דער אוקראַינישער ראַטנ-רעפּובליק האָבנ די אָרעמע און מיטל-פּויערימ באַקומענ אַלס צוגאָב צו זייער ערד נאָכ 15 מיליאָנ העקטאַר. אינ גאַנצנ ראַטנפאַרבאַנד האָט דאָס פּויערטומ אַהאַנק דער ראַטנמאַכט מער ווי פאַרצווייפאַכט זײַנ האָרעפּאַשנעמ ערדבאַנוצ.

די וויכטיקסטע דערקרעטנ פונ דער ראַטנ-רעגירונג האָבנ איבערגעגעבנ אינעמ אייגנטומ פונ דער אַרבעטער-פּויערשער מעלוכע די פאַבריקנ, זאַוואָדנ, אַרצגריבנ, בענק, אַלע אײַזנבאַנענ, שיפּערײַענ אאַ.

בלויז דערמיט, וואָס די אַרבעטער האָבנ אַראָפּגעוואָרפנ די מאַכט פונ די קאַפּיטאַליסטנ אינ שטאָט, איז באַוואָרנט געוואָרנ פאַר די פּויערימ דער ענדגילטיקער ניצחונ איבער די פּריצימ אונ דאָס פאַרפעסטיקנ די ערד אַפ שטענדיק פאַר די אַרבעטנדיקע. בלויז אַראָפּוואַרפנדיק די מאַכט פונ די עקספּלואַטאַטערס אונ אונטערדריקנדיק זייער ווידערשטאַנד, האָבנ די אַרבעטער אונ פּויערימ אונטער דער אָנפירונג פונ דער ראַטנמאַכט אונ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געקאָנט זיכ נעמענ גרינטלעכ איבערבויענ זייער גאַנצ לעבנ, פאַרניכטנ יעטווידער עקספּלואַטאַציע, אויסבויענ דעמ סאָציאַליזמ.

ווי אזוי לעבנ איצט די פּויערימ-קאָלווירטניקעס

ווי א שווערער קאָשמאַר, ווי א שרעקלעכער כאָלעמ שטעלט זיכ איצט פאַר דעמ אַרבעטער אונ פּויער זייער פריִערדיק לעבנ אונטער דער מאַכט פונ די פּריצימ אונ קאַפּיטאַליסטנ.

„וויאַזוי מיר האָבנ פריִער געלעבט אונ וויאַזוי מיר לעבנ איצט—גאָרניט צו פאַרגלײַכנ! א לעבנ, וואָס לאָזט זיכ ניט פאַרגלײַכנ, האָגאַמ מיר לעבנ איבער שוועריקײַטנ!" — זאָגט אונדזער באַקאַנטע ט. יע. דאָנצאָווא.

אונ ווירקלעכ, לאָמיר נעמענ דאָס זעלבע דאָרפ קאַזאַנאָווקע אונטער מאָסקווע, ווו עס וווינט די אונדז באַקאַנטע פאַמיליע לאַרצעווס. דעמ אַלטיטשקנ לאַרצעווס זונ פיאָדאָר איוואַנאָוויטש דערציילט וועגנ זײַנ דאָרפ:

„פריער האט די מערהייט קאזאנאווקער געלעבט אינ א שרעקלעכער נויט. געגאנגענ אנגעטאנ אינ קליידער פונ היימישנ שטאפ, קיינ שטיוול האט קי-מאט קיינער ניט געהאט און ווענ שיכ האט קיינער אפילע ניט געטראכט. אינ גאנצנ דארפ זיינענ געווענ 2—3 סאמאווארנ.

איצט האט יעדערער צו 2 פאר לעדערנע שיכ. די מיידלעכ האבנ צו די טיפל זיידענע זאקנ. סאמאווארנ זיינענ פאראנ אינ יעדנ הויז.

בא מיר איז אפ 10 מיילער געווענ א האלב דעסיאטינ ערד. אינ איינ פארשמאלצענעמ לייבל בינ איכ ארומגעגאנגענ א קיילעכדיקנ יאר. די לייוונ-טענע הויזנ זיינענ באשטאנענ פונ הוילע לאטעס.

און איצט האבנ מיר בא 5 העקטאר אפ א הויפ. איצט וווינ איכ אינ א נייעמ פינפווענטיקנ הויז. אינווייניק איז ציכטיק. אפ די פענצטער — בלומענ-טעפ און ווייסע פארהענגלעכ. אינ שטוב וואשט מענ זומער די פאדלאגעס א טאג איבער א טאג. די גאנצע פאמיליע איז גוט אנגעטאנ. עס זיינענ פאראנ שיכ און קאלאשנ, מאנטלענ און קליידער, קישנס, לייַלעכער, ווארעמע וואטאווע און זומערדיקע קאלדרעס, א סאמאוואר, געפעס, א האנטפאס. מע באנוצט טואלעט-זייפ און א ציינ-פראשעק, ברויט, קארטאפל, הירזש, גרינס איז איבערגענוג. מילכ, האניק, צוויי כאזירימ, אויפעס א סאכ גענזינדלעכ".

אט וואס פאר אנ איבערראשנדיקע ענדערונג! און פארוואס?

די מאכט פונ די פריצימ און קאפיטאליסטנ איז אראפגעווארפנ געווארנ. די ראטנמאכט האט געגעבנ די פויערימ פונ קאזאנאווקע ערד. אינ קאזאנאווקע איז ניטא קיינ פארעצ און באלעגופ. דאס גאנצע דארפ, 56 הויפנ, איז איצט אינעמ קאלווירט „טרודאוויק". די קאזאנאווקער ארבעטנ איצטער בלויז פאר זיכ, פאר זייער קאלווירט.

אנשטאט 204 העקטאר, פארזייענ איצט די קאזאנאווקער קאלווירטניקעס 271 העקטאר. פריער פלעגט מענ ארבעטנ מיט דער סאכע, מיטנ סערפ, מיט דער קאסע, מע פלעגט זיכ ברעכנ די זייטנ און דעמ רוקנ. איצט זיינענ אינ קאלווירט פאראנ פלוגנ, זיימאשינעס, שניידמאשינעס, א קאמפליצירטע דרעשמאשינ מיט א מאטאר. איצט איז אינ קאלווירט פאראנ א געזעלשאפטלעכע פערדשטאל אפ 62 פערד, א דרעש-שייער, א גוטער פייערלעשער-אבאז, א קוזניע, א מילכסכווירעדיקע פערמע אפ 160 קי, א כאזיירימצוכט-סכווירעדיקע פערמע אפ 77 כאזירימ, א בינענצוכט-ווירט-שאפט אפ 60 בינשטאקנ. מע האט פארפלאנצט א פרוכט-סאד אפ 2 העקטאר. עס איז פאראנ א זומערדיקע גארטיכ, שטענדיקע קינדער-יאסלעס און א קינדער-פלאצ.

אינ זייער בריוו דעמ כאווער קאהאנאוויטש שרייבנ די קאלווירטניקעס:

„די דאזיקע אלע דערגרייכונגענ האבנ מיר זיכ דער-שלאגנ בלויז דורכ דער געמיינזאמער ארבעט אפ דער געמיינזאמער ערד, און דעריבער ראטנ מיר אלעמענ: אויב דו ווילסט לעבנ גוט, גיי נאכ דער אלקפ(ב) און בוי בא זיכ קאלווירטנ".

די קאלווירטישע קאזאנאווקע איז בא אונדז ווייט ניט די איינציקע. מיליאנענ פויערימ האבנ געמאכט א סאפ צו דער דריבנער אינדיווידועלער ווירטשאפט. מיל-יאנענ פויערימ האבנ אופגעהערט „קאלופענ מיט דער סאכע די ערד" איינציקווייז און האבנ אנגעהויבנ „טראקטערנ די ערד" דער גאנצער קאלווירט איניינעמ.

גוטע קאָלווירטן זײַנען בא אונדז פאראנ צענדליקער טויזנטער. עס זײַנען פאראנ, פארשטייט זיך, אויך שלעכטע קאָלווירטנ, וווּ די ווירטשאפט איז נאָך ניט אָרגאניזירט, וווּ עס איז ניטאָ קיינ פעסטע באָלשעוויסטישע אָנפירונג, וווּ עס זיצנ צומאָל באלעגופים. אונדזערע קאָלווירטנ זײַנען נאָך זייער יונג. די מערהײַט זייערע איז נאָך ניט פארפעסטיקט, אָבער עס זײַנען פאראנ אויך אזוינע קאָלווירטנ, וווּ די קאָלווירטניקעס לעבנ א סאך בעסער, איידער אינ קאזאנאָווקע. אָט, לעמאָשל, די קאָמונע אפ לענינס נאָמען אינ סירסאנאָווער ראיאָנ פונ דער צענטראלער שווארצערדישער געגנט. אינ זייער ראפּאָרט דעם געגנטלעכנ קאָלווירטישנ צוזאמענפאָר שרײַבנ די קאָמונארנ-קאָלווירטניקעס:

„מיר לעבנ אזוי, ווי מיר האָבנ פריִער ניט געטרוימט. אפ 233 ווירטשאפטנ האָבנ מיר א מילכסכוירעדיקע פערמע, וווּ עס זײַנען פאראנ 330 קי. די מעלקעוודיקײַט פונ די קי שטײַגט מיט יעדנ יאָר. די קו „קראסאָווקע" האָט אינ 1932 יאָר געגעבנ 7160 ליטער — א רעקאָרד-געמעלק אינ געגנט. אינ דער סכוירעדיקער כאזיירימצוכט-פערמע זײַנען פאראנ 100 כאזיירים-מוטערכ אונ עטלעכע הונדערט כאזיירימלעכ. מיר האָבנ 87 ראסעווע פערד אונ 6 טראקטערס.

מיר האָבנ אליינ אויסגעבויט אנ עלעקטרעסטאנציע, א פוטער-אונ קעז-זאוואָד, א ציגל-זאוואָד, א מעכאנישנ ווארשטאט אונ האָלצבאארבעטונג-ווארשטאט, א מיל, א פּראָסע-מילכל, מוסטערהאפטע פערד-שטאלנ, קי-שטאלנ, כאזיירים-שטאלנ.

מיר האָבנ א שול פאר דער קאָלווירטישער יוגנט, א קלוב, א קינאָ, א קינדערהיימ, אנ אמבולאטאָריע, א באָד מיט א מעכאנישער וועשערײַ, א בעקערײַ, א גאָרקיכ, וואָס גיט טעגלעכ 700 מאלטנ אונ פארשיידנארטיקע מיטיקנ.

אלע קאָמונארנ וווינענ אינ צווייסטאָקיקע מויערנ, וואָס האָבנ צענטראלע באהייצונג. די דירעס זײַנען ליכטיק אונ ציכטיק, אינגאנצנ עלעקטריפיצירט אונ ראדיאָפיצירט.

די דאָזיקע אלע דערפאָלגנ זײַנען דערגרייכט געוואָרנ אדאנק דעמ, וואָס די קאָלווירטניקעס האָבנ אינגאנצנ דורכגעפירט אינ לעבנ אלע אָנווייזונגענ פונ דער פארטיי אונ פונ דער רעגירונג, האָבנ גוט אָרגאניזירט די ארבעט אונ האָבנ געגעבנ אנ אכזאָריעסדיקנ ווידערשטאנד די באלעגופים, די באריִסער אונ פויליאקעס".

די פאָרגעשריטענע קאָלווירטנ אונדזערע ווײַזנ אָנ דעם וועג די אָפּשטייענדיקע. מיט זייער בײַשפּיל זאָגנ זיי אָנשוילעכ: אָט וואָס פאר א קאָלווירטנ אלע וועלנ זײַנ אינ א קורצער צײַט ארום!

ווי אזוי לעבנ איצט די ארבעטער

אָט, לעמאָשל, די אונדז באקאנטע פאמיליע פיליפאָווס. מיר געדענקענ, וויאזוי זיי האָבנ זיך געמאטערט. איצט אָבער האָבנ זיי פונ דער אלטער הייזקע זיך אריבערגעקליבנ אינ א נייעמ קאָלאָסאלנ מויער, וווּ זיי פארנעמענ א באזונדער דירע נומ. 638. צוויי צימערנ מיט א קיכ. א וואנע-צימער, וואסער-לייטונג, גאז, צענטראלע באהייצונג, עלעקטרישע באליכטונג. באמ הויז איז פאראנ א קלוב, א



פיליפאָװס פאמיליע באַ פרישטיק אינ נײַעמ הויז

קינאָ, א קינדער־גאָרטנ, קינדער־יאסלעם, א געזעלשאפטלעכע װעשערײַ, א פּאָסט־אָפּטײלונג, אנ אוניװערסאלער מאגאזינ, א ספּאָרט־פּלאצ. די פיליפּאָװס צאָלנ פאר אזא דירע מיט דער גאנצער באדינונג 58 רובל 53 קאָפּ. א כוידעש, װאָס באטרעפט סאכאקל 10 פּראָצ. פונעמ אלגעמײנעמ פארדינסט פונ דער פאמיליע. אונ פריִער פלעגט דאָס געצאָלט פאר דער כאלופּקע אײַנשלינגענ באַ זײ א דריטכײלעק פאר־דינסט.

פיליפּאָװ אלײנ באקומט איצט פונ דער מעלוכע פּענסיע — 52 רובל א כוידעש — פארנ פּראָדוציר־סטאזש. כוצ דעמ באקומט ער 185 רובל געהאלט אלס פארװאלטער פונעמ אויסצאָל־פּונקט פונ דער מעלוכישער סטראכיר־קאסע באַ זײַנ זאװאָד. פיליפּאָװס פרוי ארבעט איצטער ניט אינ דער פאבריק. זי פאסט אופ אפּ דער הויז־װירטשאפט. די עלטערע טאָכטער איז א פארקויפערנ אינ א קאָאָפּעראטיװ אונ באקומט 100 רובל א כוידעש. זי איז אנ אקטיװע קאָמיוגיסטקע. די יִינגערע טאָכטער איז א צײכנערנ אינעמ זאװאָד „קראסני פּראָלעטארי” אונ פארדינט 135 רובל. זי איז אויכ א קאָמיוגיסטקע, א פרײַװיליקער אינסטרוקטער פאר פיזקולטור. דער עלטערער זונ האָט דאָ ניט לאנג געענדיקט א פאבזאװשול, איז אריבערגעפירט געװאָרנ אינ דער פּראָדוקציע אלס פרעזער־ארבעטער, באקומט 75 רובל, דער מיטלס־טער זונ לערנט זיכ אינ דער זעלבער שול אונ באקומט אלס שילער 32 רובל. צו־לעצט, דער יִינגסטער זונ לערנט אינ א שול פונ דער ערשטער שטופע.

אָבער מיטנ געלט־פארדינסט אלײנ אונ מיט דער גוטער דירע װערט נאָכ ניט געמאָסטנ דאָס װױלזײַנ פונ דער פאמיליע פיליפּאָװס. יעדער ארבעטנדיקער מיט־גליד פונ דער פאמיליע באקומט יערלעכ א צװײװאָכעדיקנ אורלויב, ניט פארלירנדיק דעמ ארבעטלוינ. אינ פאל פונ א קראנקײַט װערט יעדער־מיטגליד פונ דער פאמיליע באװאָרנט מיט אָנגעצאָלטער מעדיצינישער הילפ אונ באקומט פאר דער גאנצער צײַט פונ זײַנ קראנקײַט זײַנ ארבעט־לוינ פונ דער מעלוכישער סטראכיר־קאסע. לעמאָשל, פיליפּאָװ—דער פאָטער האָט אינ 1932 יאָר פארבראכט א גאנצנ כוידעש אינ א סאנאטאָריע אינ קיסלאָװאָדסק,

פאר דעמ האָט ער קיינ קאָפּעקע ניט באצאָלט אונ פאר דער גאנצער צײַט פונ דער קוראציע האָט ער באקומענ זײַנ געהאלט.

די לערע, וואָסערע זי זאָל ניט זײַנ, איז אנ אומזיסטע. דאָס באנוצנ זיכ מיטנ קלוב, טעאטער, קינאָ, ביבליאָטעק, מיטנ לייענ-זאל, מיטנ ספּאָרט-פּלאצ באמ זאוואָד אונ באמ הויז איז אויכ אָנ געצאָלט. עס איז קלאָר, אז אדאנק דעמ אלעמ איז דערווירקלעכער פארדינסט פונ דער פאמיליע פיליפּאָווס א סאכ גרעסער ווי ער דריקט זיכ אויס אינ רובלס.

פארשטייט זיכ, אז נאָכ ניט אלע ארבעטער פונ ראטנפארבאנד לעבנ אזוי, ווי די פיליפּאָווס. אָבער די ארבעטער זײַנענ פעסט זיכער, אז אינ דער נאָענטסטער צײַט וועלנ אלע לעבנ אזוי — אונ נאָכ בעסער.

פארוואָס זשע האָט זיכ גרינטלעכ געענדערט די לאגע פונ די ארבעטער אונ פויערימ?

די לאגע פונ די ארבעטער אונ ארבעטנדיקע פויערימ אינ ראטנפארבאנד האָט זיכ גרינטלעכ פארבעסערט דערפאר, ווײַל דער ארבעטער-קלאס האָט אינ בונד מיטנ אָרעמסטנ פויערטומ אראָפּגעוואָרפנ די מאכט פונ די עקספּלואטאטערס, — פונ די קאפּיטאליסטנ אונ פריציִמ. די ארבעטער אינ בונד מיט דער דאָרפישער אָרעמשאפט האָבנ אײַנגעשטעלט די ראטנמאכט — די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, האָבנ זי פארפעסטיקט, האָבנ אריבערגעצויגנ אפ זייער זײַט דאָס גאנצע הארעפּאשנע פויערטומ.

די פאבריקנ, זאוואָדנ, די ערד האָט מענ אָפּגענומענ בא די עקספּלואטאטערס אונ איבערגעגעבנ אינ אייגנטומ פונ דער ארבעטער-פויערשער מעלוכע. דערמיט האָט דער ארבעטער-קלאס פארניכטעט פאר דער בורזשואזיע די מעגלעכקײַט „אריבערצולייגנ אפ אנדערע געזעלשאפטלעכע שיכטנ די נאטירלעכע נייטיקײַט צו ארבעטנ”, ווי מארקס דריקט זיכ אויס. די ארבעטער, די פויערימ-קאָלווירטניקעס האָרעווענ איצט בלויז פאר זיכ אליינ, זיי פארפעסטיקנ זייער מאכט, זייער מעלוכע. די ארבעטער אונ פויערימ-קאָלווירטניקעס בויענ אנ אָנקלאסנדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט, ווו עס איז ניטאָ קיינ אָרט פאר קיינ שומ עקספּלואטאציע.

די ראטנמאכט האָט ניט נאָר אופגעשטעלט די פאָלקווירטשאפט, וואָס איז פונ דער מילכאָמע כאָרעוו געוואָרנ, — זי האָט אויסגעבויט טויזנטער נײַע בעסטע פאבריקנ אונ זאוואָדנ, וואָס פונ אזוינע האָט דאָס אלטע רוסלאנד ניט געוווּסט, וואָס אזוינע זײַנענ אויכ אינ אויסלאנד ניט אומעטומ פאראנ. די ראטנמאכט האָט אײַנגעפירט א 7-שאָיִקנ ארבעטטאָג, די ראטנמאכט האָט פארניכטעט די ארבעטלאָזיקײַט.

די ראטנמאכט האָט געוואָרפנ אינ דאָרפ הונדערטער טויזנטער פארפולקומטע מאשינעס, וואָס ניט בלויז די פויערשע ווירטשאפט, נאָר אויכ די פריציִשע ווירטשאפט האָט ניט אָנגעזענ. די ראטנמאכט האָט געהאָלפנ די פויערימ — די אָרעמ- אונ מיטל-פויערימ — צו אָרגאניזירנ זיכ אינ גרויסע קאָלעקטיווע ווירטשאפטנ, קעדיי אויסצונוצנ אלע מײַלעס פונ דער הויכער מאשינ-טעכניק. די

ראטנמאכט העלפט מיט אלע מיטלענ די קאָלווירטניקעס צו מאכנ א סאָפ צומ לעצטנ עקספּלואטאטאָרישנ קלאס — צומ באלעגופנטומ אונ מאכנ אלע קאָלווירטנ פאַר־בליענדיקע, הויכ־רעוועכדיקע, ווירקלעכ סאָציאליסטישע ווירטשאפטנ. די פּאַרטיי אונ די ראטנמאכט שיקנ אינ דאָרפ צענדליקער טויזנטער בעסטע אויסגעפּרוּווטע באָלשעוויקעס — אָרגאניזאטערס פונ די ניצחונעס פונעמ סאָציאליזמ אינ דער לאנדווירטשאפט.

די גרויסע היסטאָרישע באדײטונג פונ אונדזער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט כ' סטאלינ באטאָנט אינ זײנ רעדע אפנ צוזאמענפאָר פונ די קאָלווירטניקעס־שלאָגלער אינ פאָלגנדיקע ווערטער:

„בלויז אונדזער סאָוועטישע רעוואָליוציע, בלויז אונדזער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט געשטעלט די פראגע אזוי, אז מע זאָל ניט פארבײטנ אײנע עקספּלואטאטערס אפ אנדערע, ניט פארבײטנ אײנ עקספּלואטאציע־פאָרמ אפ א צווייטער, נאָר *אויסוואָרצלענ יעטווידער עקספּלואטאציע, אויסוואָרצלענ אלע אונ יעטווידערע עקספּלואטאטערס אונ יעטווידערע גווירימ אונ אונטערדריקער, אי די אלטע אי נײע*".

אָט וויאזוי עס האָט געשטעלט די פראגע אונדזער אָקטיאבער־רעוואָליוציע אינ אונטערשייד פונ אלע פאָריקע רעוואָליוציעס. אונ מיר שטייענ שוינ נאָענט צו דער פולשטענדיקער ליזונג פונ דער געשטעלטער אויפגאבע. מיר האָבנ שוינ לאנג אויסגעוואָרצלט די אלטע גרונטיקע עקספּלואטאטערס — די פריצימ אונ קאפּיטאליסטנ. מיר ליקווידירנ איצט דעמ לעצטנ עקספּלואטאטאָרישנ קלאס — די באלעגופימ. אינגיכנ וועלנ בא אונדז ניט פארבלײבנ קײנ שומ עקספּלואטאטערס, קײנ שומ מעגלעכקײטנ דערצו, אז אײנ מענטש זאָל עקספּלואטירנ דעמ צווייטנ.

דאָס באטײט טאקע, אז די אָנקלאסנדיקע סאָציאליסטישע געזעלשאפט וועט אויסגעבויט ווערנ.

ווי אזוי לעבנ די פּויערימ אונ ארבעטער אינ אויסלאנד

יעדנ יאָר קומענ צו פאָרנ צו אונדז אינ ראטנפארבאנד צאָלרײכע דעלעגאציעס פונ די אויסלענדישע ארבעטער אונ פּויערימ א קוק צו טאָנ, וויאזוי מיר לעבנ, וויאזוי מיר בויענ דעמ סאָציאליזמ. אונ אָט איז אינ דער האָסטאָווער פאבריק אפּ מיקאָיאנס נאָמענ געווענ אזא פאל.

דער פאבריק־דירעקטער האָט געגעבנ די סאמע גרינגטלעכע אונ גענויע דערקלערונגענ די אויסלענדישע ארבעטער. זיי האָבנ געמיינט, אז מיט זיי רעדט א בורזשואזער ספּעציאליסט. אײנער פונ זיי האָט ענדלעכ געפרעגט דעמ דירעקטער, ווער איז ער אזוינער.

„איכ בינ געבאָרנ געוואָרנ אינ דאָרפ, — האָט געענטפערט דער דירעקטער, — מײנ פאָטער איז אנ אָרעמפּויער, ער פלעגט נייענ שטיוול די אָרעמע פּויערימ. נאָכ אלס קלײנ יִינגל פלעג איכ העלפנ דעמ טאטנ אינ זײנ שוסטערײ. נאָכדעמ בינ איכ אוועקגעפאָרנ אינ שטאָט אינ א פאבריק. בא דער אלטער מאכט האָב איכ ניט געהאט קײנ צײט צו לערנענ זיכ. אינ 1924 יאָר



90 פראָצ. גערעטעניש שלינגען איַין די אַרענדע און די שטיַיערן. 50 פראָצ. גערעטעניש פאַר דער אַרענדע, 40 פראָצ. גערע־טעניש פאַר די שטיַיערן. הונדערטער טויזנטער פערמערס (פויערים), צע־רויִנירט פונעם קריזיס, וואַרפן די ווירטשאַפט.

האָב איך זיך דעמאָביליזירט פון דער רויטער אַרמיי און בין אָנגעקומען אין א פאַבריק אַלס שוסטער. אַלע אָוונטן, די גאַנצע פריַיע צייַט האָב איך אָפּגעגעבן אַף לערנען זיך. אין 1928 יאָר האָבן די כאַוויירים מיך אויסגעוויילט אַלס מיטגליד און נאָכדעם אויך אַלס פאָרזיצער פון דעם פאַבריק־קאָמיטעט. אין 1930 יאָר בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס שטעלפאַרטרעטער פון די־רעקטער און אין אָנהייב 1932 יאָר בין איך געוואָרן דירעקטער".

דאָס איז דער אויסלענדישער אַרבעטער, וואָס האָט געשטעלט די פראַגע צוגע־לאָפן צום דירעקטער, אים גענומען הייס דריקן די האַנט און האָט פון אויפרעגונג ניט געקאָנט דערמאָנען זיך קיין איין וואָרט פון זיַין באַגריסונג, וואָס ער האָט פריִער געהאַט זאָרגזאַם פאַרשריבן בא זיך אין נאָטיץ־ביכל.

דאָס איז פאַרשטענדלעך. צו גרויס איז דער אונטערשייד אין דער לאַגע פון די אַרבעטער און פויערים אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און בא אונדז אין ראַטנ־פאַרבאַנד. די אויסלענדישע כאַוויירים, וואָס קומען צו אונדז צו פאָרן, ווערן שטאַרק באַוווּנדערט קוידעמקאָל דערפון, וואָס זיי זעען ניט אין ערגעץ קיין בורזשויען. זיי ווערן פאַרכידעשט און אַנציקט, ווען זיי איבערציַיגן זיך, אַז די רעגירונג־מיטגלידער, די דירעקטערס פון די פאַבריקן און זאַוואָדן, פון די ראַטווירטן, די קאָמאַנדירן פון דער רויטער אַרמיי בא אונדז זיַינען אַרבעטער און פויערים, פּונקט אַזוינע, ווי זיי האָרעפּאַשנע מענטשן. זיי ווערן אַנציקט דערפון, וואָס די פאַב־ריקן, זאַוואָדן, די ערד, אַלע ריַיכטימער געהערן בא אונדז די אַרבעטנדיקע.

גאָר אַנדערש איז אין אויסלאַנד.

לאָמיר נעמען, צום בייַשפּיל, יאַפּאַניע — א לאַנד, וואָס דערמאָנט מער ווי אַנדערע דאָס אַלטע צאַרישע רוסלאַנד לויט איר געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטי־שער אָרדענונג. דער יאַפּאַנישער אימפּעראַטאָר מיט זיַין פאַמיליע האָבן העכער אַנדערהאַלבן מיליאָן העקטאַר פון דער בעסטער ערד. און צוויי מיט א האַלב מיל־יאָן פויערים — בא א העלפט פון אַלע הויפן — האָבן ווייניקער ווי א האַלב העקטאַר אַף א ווירטשאַפט! זיי אַלע צוזאַמען האָבן ווייניקער,

איידער דער איינ קייסער! די מערהייט פויערימ ארענדירנ ערד בא די פריצימ אונ גיבנ זיי אָפ פאר ארענדע ביז ¾ גערעטעניש.

דער יאפּאנישער ארבעטער איז א מינ קנעכט בא די קאפּיטאליסטנ. דער פאבריקאנט שטעמפּלט זיינ ארבעטער ווי א בעהיימע: אפנ רוקנ פונעמ ארבעטערס העמדל ווערט אָפּגעדרוקט מיט גרויסע אויסיעס דער נאָמענ פונ דער פאבריק, וו ער ארבעט. דער פאבריקאנט קאָנ באשטראָפנ דעמ ארבעטער. די בעסטיאלסטע שטראָפ איז דער אזויגערופענער „סיבא“, מע טוט דעמ ארבעטער אויס, מע דרייט אימ אויס די הענט, מע הענגט אימ אונטער פאר די פארבונדענע הענט־וואָרצלענ אזוי, אז ער זאָל קאָנענ אָנרירנ די פאָדלאָגע בלויז מיט די גרויסע פינגער פונ די פיס אונ מע שמייסט אימ מיט נאסע שטריק.

אינ אינדיע טרייבנ די פריצימ די פויערימ אפ פאנשטשינע, צווינגענדיק זיי צו באארבעטנ אומזיסט די פריצישע ערד. כוצ דעמ האָבנ די פויערימ אויסצושטיינ צאָרעס פונ די פראָצענטניקעס. דער אינדישער פויער יאַרשנט פונ זיינ סאמע געבוירט אָנ דעמ טאטנס כוויועס. דאָס גאנצע לעבנ האָט ער צו שלעפּנ די כוויועס־לאסט וואָס האלט אינ איינ שטייגנ, אונ ער גיט זי איבער זיינע קינדער אונ קינדס־קינדער. דער אינדישער פויער איז פונ קעסיידערדיקנ הונגערנ אזוי מאָגער אונ שוואכ, אז זיינ פיזישע קראפט באטרעפט אפילע ניט קיינ העלפט פונ דעמ דורכשניטלעכנ פויערס. בא די קינדער זיינענ די הענט אונ פיס דינ ווי שטעקלעכ אונ די בייכער געשוואָלנ פונ הונגער. דאָס פויערטומ פונ אינדיע שטארבט אויס.

לאָמיר זיכ איבערטראָגנ אינ א צווייטנ עק וועלט — קיינ שפאניע. אָט איז א דערפל קאָרנערא. נעבעכדיקע, שמוציקע כאַלופּקעס, צונויפגעלייגט פונ שטיינער אונ ליימ. אונ הינטער דעמ געדיכטנ פארק זעענ זיכ די טורעמס פונ דעמ פראכטפולנ פאלאצ פונעמ הערצאָג אלבא. ער האָט הונדערטער אזוינע דערפער. צענדליקער טויזנטער העקטאר אינ פארשיידענע ערטער באזיצט דער הערצאָג. צענדליקער טויזנטער באטראקעס אונ ארענדאטורס ארבעטנ פארנ הערצאָג. ניט בלויז די ערד — די הייזער פונ די פויערימ, זייערע שייערנ, זייערע בעהיימעס, דאָס גאלאָכישע הויז אונ דער קלויסטער — אלצ רעכנט זיכ דעמ הערצאָגס אייגנטומ.

אינ די אמאָליקע צייטנ האָבנ די פויערימ באקומענ פונ דעמ הערצאָג ערד לויטנ פארצייטיקנ שפאנישנ מינהעג — „אפנ לעבנ פונ דריי קיניגנ אונ נאָכ אפ 29 יאָר“. די דריי קיניגנ זיינענ שוינ לאנג געשטאָרבנ. עס זיינענ שוינ אינגאנצנ ניט געבליבנ קיינ קיניגנ אינ שפאניע — מע האָט זיי אראָפּגעוואָרפנ. דער הערצאָג האָט פונדעסטוועגנ רעכט אראָפּצוטרייבנ פונ דער ערד יעדנ פויער. אָט דאָ ניט לאנג האָט ער ארויסגעוועצט גאנצע דריי דערפער.

ווי נאָר עס ווערט צייטיק די גערעטעניש, איילט זיכ דער פויער צו פארקויפנ זי פאר שפּאָט ביליק, קעדיי אָפּצוצאָלנ דעמ לייב־געצאָלט דעמ הערצאָג, די כוויועס — דעמ פראָצענטניק, די שטייערנ — דער רעגירונג. פאר דעמ פויער אליינ בלייבט קוימ ניט צו שטארבנ פונ הונגער.

לאָמיר א בליק טאָנ אינ ענגלאנד — אינעמ עלטסטנ, רייכסטנ לאנד פונ קאפּיטאליזמ. ווי לעבנ דאָ די ארבעטער?

אָט איז די שטאָט בירמינגאמ — דער באַרימטער צענטער פונ דער ענגלישער מאשינבויונג. אפ גאנצע קילאָמעטערס ציִענ זיכ רויטציגלדיקע, שמוציקע האלב־איינגעפאלענע הייזער. וואָס זיינענ אויסגעבויט געוואָרנ נאָכ מיט הונדערטער יאָר

צוריק. עס איז שווער צו גלייבנ, אז דאָס איז אַנ אָרט, ווו מענטשנ וווינענ. אינ די הײַזער איז ניטאָ ניט קיינ באַלײַכטונג, ניט קיינ וואַסער, ניט קיינ קלאָזעטנ. א מיטאַרבעטער פונ א בורזשואַזער צײַטונג, וואָס איז געווענ אינ די דאָזיקע הײַזער שרײַבט:

„ניט מיר, ניט אײַכ וואָלט ניט אײַנגעפאַלנ אַרײַנצוזעצנ אַהערצו אַפילע א הונט. אונ דאָכ וווינענ דאָ צענדליקער טויזנטער מענטשנ, דאָ וואַקסנ אויס דוירעס אַרבעטער!".

אָט איז די גרויסע פּאָרט־שטאָט פונ ענגלאַנד — ליווערפול. מיטנ אויסנאַם פונ עטלעכע בורזשואַזע גאַסנ איז דאָס א דורכויסיקע גרוב, איינ גרויסער מיסטקאַסטנ, וואָס זאַמלט צונויפ אינ פאַרלויפ פונ הונדערטער יאָרנ אומרייניקײַטנ אונ מיסט. טויזנטער הײַזער זײַנענ נאָכ מיט 80 יאָר צוריק אָנערקענט געוואָרנ, אז זיי טויגנ ניט פאַר א מענטשלעכער וווינונג, אונ דאָכ זײַנענ די אַרבעטער געצוווּנגענ דאָרט צו וווינענ, געצוווּנגענ צו שטיקנ זיכ צו 5, צו 6, צו 7 מענטשנ אינ איינ קאַנורע. די אַרבעטער זאָגנ:

„מיר האָבנ געזענ קי־שטאַלנ, מיר האָבנ געלעבט אינ די טראַנשייעס: דאָרט איז ריינער, בעסער, איידער אינ די דאָזיקע טויט־געפערלעכע לעכער".

אָבער אויכ פאַר די דאָזיקע קאַנורעס איז דאָס דירע־געלט שרעקלעכ הויכ. דאָס נעמט צו ביז א העלפט אונ מער פאַרדינסט באַם אַרבעטער.

אָט ווי עס לעבנ די אַרבעטער אונ פויערימ אינ די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס. אונ פאַר די לעצטע יאָרנ האָט זיכ זייער לאַגע אומגעהייער פאַרערגערט.

דער קריזיס אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער

שוינ פיר יאָר ווי א שרעקלעכער קריזיס — א כורבנ, א יערידע פונ דערווירטשאַפט — האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט. א מאַסע פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ זײַנענ פאַרמאַכט. מיליאָנענ אַרבעטער זײַנענ אַרויסגעוואָרפנ אַפ דער גאַס. די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטנ געפינענ ניט פאַר זיכ דעמ פריערדיקנ אָפּזאַץ. די פרײַזנ אַפ די לאַנדווירטשאַפטלעכע סכוירעס זײַנענ אַזוי געפאַלנ, אז זיי דעקנ אַפילע ניט די אַרבעט, וואָס איז פאַרווענדט געוואָרנ אַפ פּראָדוצירנ זיי. די שטײַערנ ווערנ אַלץ גרעסער, די פּראָצענטנ אַפ די כויוועס וואַקסנ. די פויערימ ווערנ מאַסנווײַז רויִנירט.

פאַר אונדז ליגנ 160 פויערשע בריוו, וואָס דער דײַטשישער פויערשער קאָמיטעט האָט באַקומענ. פראַנצ זוזליק פונעמ דאָרפ וואָרדענ שרײַבט:

„איכ בינ אַנ אָרענדאַטער. איכ האָב צוויי העקטאַר ערד, וואָס גיבנ מיר ניט קיינ מיטלענ צו עקזיסטירנ. איכ צאָל פאַר די דאָזיקע צוויי העקטאַר 570 מאַרק אָרענדע. אַזויווי דער גרונט־געבויִכער — דער אַרבעטער איז אָנ אַרבעט אונ איז ניט אימשטאַנד עפּעס צו קויפנ, בינ איכ אויכ פונ מאַרט 1930 יאָר אָנ אַרבעט. מײַנע צוויי זינ זײַנענ אויכ אָנ אַרבעט".

פונעמ דאָרפ פראַנקענהיימ שרײַבט מענ:

„מיר האָבנ צו ווייניק ערד, קעדיי צו לעבנ פונ איר. דערפאַר האָט צופיל ערד דער גוט־באַזיצער. די גרויסע ערדבאַזיצער אונ באַלעגופימ פונ די מיזרעכ־פּראָווינצנ האָט די רעגירונג געשענקט הונדערטער מיליאָנענ מאַרק.

זײ באפרײט מענ פונ שטײערנ. בײ אונדז אָבער פרעסט מענ ארויס דעמ גאנצנ זאפט. מיר לײדנ פונ דער אומדערטרעגלעכער פארשולדיקטײט. מ י ר א י נ ט ע ר ע ס י ר נ ז י כ נ י ט מ ע ר מ י ט ד ע ר ע ר ד, ז י ג י ט א ו נ ד ז ג אָ ר נ י ט”.

פונעמ דאָרפ נעגדעראָט שרײבט מענ:

„מיר לעבנ ניט, מיר שטארבנ ניט, — מיר װערנ רויִנירט”.

דער פויער פארגינט זיכ גאָרניט. ער הונגערט, ער צװינגט צו הונגערנ די פאַ־מיליע, קעדײ װי עס איז ראטעװענ די װירטשאפט. אָבער סאפקאָלסאָפ פארקויפט ער אי די בעהײמעס אי דאָס געצײג, אי דאָס מעבל, ער פארקויפט אלצ, װאָס מע קאָנ פארקויפנ. די געריכט־פריסטאװס גײענ פונ הויז צו הויז, קוקנ אויס, װאָס קאָנ מענ נאָכ אָפּשרײבנ פאר די כויװעס, פאר די שטײערנ. אָבער אלצ איז שוינ אָפּגעשריבנ. זעלטנ װו עס איז נאָכ פאראַנ א דאָרפ, װו עס זײנענ נאָכ פארבליבנ ניט אָפּגעשריבענע הײזער. עס װערנ פארקויפט פונ אאוקציאָנ די פויערשע הויפנ.

אָט אזא איז די לאגע פונ די פויערימ אינ דײטשלאנד.

לאָמיר אריבערגײנ צומ שכײנעסדיקנ לאנד — פוילנ. דער פילאװער לאנדװירט־שאפטלעכער אינסטיטוט האָט אויסגערעכנט, אז דער פוילישער פויער ניט בלויז װאָס ער דעקט ניט דעמ קערנקאָסט פונ די פּראָדוקטנ, װאָס ער פּראָדוצירט, נאָר ער לײדט נאָכ טעגלעכ העזעק 1 זלאָטע אונ 39 גראָשנ. קעדײ צו באצאָלנ די כוי־װעס אונ שטײערנ, דארפ ער אויספארקויפנ דאָס פארמעגנ.

אינ סטאָפּניצקער אויעזד, קעלצער װאָיעװאָדסטװע, האָט א פויער געבראכט אפנ יאריד א פערד. אָבער קײנער האָט אימ מער װי דרײ זלאָטעס ניט געגעבנ. א רובל 10 קאָפּיקעס פאר א פערד! האָט דער פויער פאר זיכ אויסגעדונגענ א היטל פאר 7 זלאָטעס, האָט אָנגעטאָנ דאָס היטל, איז אװעק אפ א רעגע, קלוימערשט, נאָכ געלט, איבערלאָזנדיק דעמ פערד אלמ מאַשקנ, אונ האָט זיכ מער ניט אומגעקערט. אינ דער הײמ האָט ער סײװי ניט װאָס צו געבנ עסנ דעמ פערד...

די צײטונג פונעמ פוילישנ באלעגופנטומ „זעליאָני שטאנדאר” שרײבט:

„אינ דאָרפ האָט זיכ אָנגעהויבנ א ה ו נ ג ע ר, װי אינ די ערנסטע מילכאָמע־יאָרנ.

א שרעקלעכנ אויסזעענ האָבנ די הײזקעס, װו עס ליגנ קראנקע: עס איז ניטאָ װאָס צו געבנ זײ עסנ. די אויװנס זײנענ ניט געהײצט: עס איז ניטאָ מיט װאָס צו הײצנ. די פלויטנ אונ פארקאנעס זײנענ צעגומענ אונ פאר־ברענט. פאר די בעהײמעס סטײעט אפילע ניט קײנ שטרוי. אומגעהײער שרעקלעכ זעענ אויס די פאמיליעס, װו עס זײנענ פאראנ א סאכ קינדער. אײנ פאר שיכ דינט (אָפטמאָל) פאר עטלעכע מענטשנ. דאָס זעלבע איז אויכ מיט װעש”.

די פּוילישע צײטונגענ שרײבנ װעגנ „װאנדערנדיקע קינדער, װאָס בלאָנקענ ארומ פונ שטאָט צו שטאָט, קעדײ אויסצוזוכנ א שטיקל ברויט, אונ װאָס פאלנ ארונטער אונטער די רעדער פונ די צוגנ.

די הונגערנדיקע פויערימ פארקויפנ אָפנ זײערע קינדער. די קלײנע קינדער — דאָס „װײנענדיקע סכוירע” — פארקויפט מענ פּראָפּעסיאָנעלע בעטלער אפ „אויסװײנענ” נעדאָװעס, מײדלעכ פארקויפט מענ אינ די שאנד־הײזער.

די צײטונג „גלאָס סטאָליצי” שרײבט:



„אומגליק-קאָלאָניע”, א שטאָט פונ די ארבעטלאָזע אונטער ניו-יאָרק (צאָפנ-אמעריקע)

„א פויערטע האָט געבראכט צו פירנ אפנ מארק א מיידעלע אפ פארקויפנ. ס'האָט זיכ געפונענ א קוינע. מע האָט זיכ באדונגענ — אונ דאָס מיידל האָט מענ פארקויפט פאר 20 זלאָטעס (4 רובל 40 קאָפ). איינער פונ די פארביגייער האָט א זאָג געטאָנ דער פויערטע:

— ווי שעמט איר זיכ ניט צו פארקויפנ אנ אייגענע טאָכטער! באגיינדיק זיכ מיט טרערנ, האָט די מוטער געענטפערט:

— דאָס מיידעלע וועט מענ ווייניקסטנס געבנ עסנ. בא מיר וואָלט זי סיי ווי גיכ געשטאָרבנ פונ הונגער. אונ פאר די 20 זלאָטעס וועל איכ קאָנענ כאָטש א מאָל דריי געבנ אָפעסנ די קינדער, וואָס זיינענ געבליבנ אינ דער היים”.

ניט ווייניקער שרעקלעכ איז די לאַגע פונ די ארבעטער. די ארבעטלאָזיקייט באפאט ארום אלצ ברייטערע מאסנ. אינ פוילנ, למשל, זיינענ פונ יעדער צענדליק אינדוסטריעלע ארבעטער 6 מענטשנ אָנ ארבעט. פונ די, וועלכע, וואָס ארבעטנ יאָ, זיינענ העכער א העלפט פארנומענ בלויז 2—4 טעג אינ וואָכ אונ באצאָלט באקומענ זיי, פארשטייט זיכ, בלויז פאר די אָפגעארבעטע טעג. פונ די ארבעטלאָזע באקומט בלויז איינ זעכצנטל א קלאָגעדיקע שטיצע. וואָס מיט איר קאָנ מענ בעשומויפנ ניט דורכלעבנ. די איבעריקע האָבנ דאָס אויכ ניט.

ניט צו באשרייבנ איז די אָפקומעניש אונ ליידנ פונ די ארבעטלאָזע. די גאסנ פונ די שטעט זיינענ פול מיט היימלאָזע. א סאכ פאלנ פונ הונגער אונ אויסצערונג. אינ ניו-יאָרק, א רייכער שטאָט אינ צאָפנ-אמעריקע, זיינענ פאר א יאָר געשטאָרבנ פונ הונגער צוויי טויזנט מענטשנ. אינ די אָרעמע קווארטאלנ וואלגערנ זיכ ניט זעלטנ אפ די גאסנ די בעבעכעס פונ די ארבעטער-פאמיליעס, וואָס די הויז-באזיצער האָבנ ארויסגעטריבנ פונ די דירעס פאר ניט צאָלנ קיינ דירע-געלט.

צענדליקער אונ הונדערטער טויזנטער מענטשנ גייענ ארום יאָרנווייז אָנ ארבעט. זייערע קליידער האָבנ זיכ פארוואנדלט אינ שמאטעס. זיי האָבנ זיכ שוינ לאנג אָפגעוווינט פונ וועש אונ שיכ. זיי דערנערנ זיכ מיט טרוקענע הארטע שטיקלעכ ברויט, אויב עס געלינגט זיי אויסצובעטנ עס בא די פויערים, אונ מיט הינטישע אונ קעציישע פלייש. זיי זוכנ אויס דעם פוילנדיקנ אָפפאל אינ די

מיסטקאסטנס. זיי שלאָפן אױף די גאסן, אונטער די בריקן און פארקאנעס, — זיי האָבן ניט מיט וואָס צו באצאָלן אפילע פאר דער ערגסטער קאָנורע.

ארום די שטעט זיינען אויסגעוואקסן „אומגליקקלאָגיעס”, ווי מע רופט זיי אין אמעריקע, אין דייטשלאנד, „הונגער־פאלאצן”. ווי מע האָט זיי אָנגערופן אין דייטשלאנד, „הונגער־פאלאצן”.

ארום די שטעט זיינען אויסגעוואקסן „אומגליקקלאָגיעס”, ווי מע רופט זיי אָן אין אמעריקע, „הונגער־פאלאצן”. ווי מע האָט זיי אָנגערופן אין דייטשלאנד, בוידעק מאכנדיק פון געוועזענעם פרעזידענט, — נעבעכדיקע כאלופקעס, צונויפגעקלאפטע פון קעסטלעך, ברעטער, פון שטיקער פארזשאווערטן אייזן. אין די דאָזיקע נאָרעס וווינען הונדערטער טויזנטער ארבעטלאָזע.

דערפירט צו פארצווייפלונג, ענדיקן די ארבעטלאָזע מיט זעלבסטמאָרד. זיי וואַרפן זיך ארויס פון די פענצטער, וואַרפן זיך אונטער די צוגן, פארסאמען זיך מיט לייכטגאז. אן ארבעטלאָזער, וואָס די סטראכיר־קאסע האָט אים אָפגעזאָגט ארויסגעבן 2 מארק, האָט זיך גלייך אױפן אָרט אופגעעפנט א בלוט־אָדער. ניט זעלטן דערהארגענען די עלטערן צוערשט זייערע קינדער, נאָכדעם באגייען זיי אליין זעלבסטמאָרד. אין דער הויפטשטאָט פון דייטשלאנד, אין בערלין, ציילט מען אָן 20 טויזנט זעלבסטמאָרדן א יאָר.

די בורזשואזע צייטונגען זיינען פול מיט באשרייבונגען פון די ליידן פון די ארבעטלאָזע. אָבער מיט אָפענער אומפארשעמטקייט דערקלערן זיי:

„פאר אלעמען וועסטו קיין ארבעט ניט שאפן. די ארבעטלאָזע זיינען איבעריקע מענטשן, דער טויט איז פאר זיי דער בעסטער אויסוועג”.

די גאלאָכים, ווידער, ווי, לעמאָשל, די דייטשישער פריסטער ראָזענבערג, גיט אן אייצע:

„דער, וואָס ארבעט ניט, דער זאָל בעטן גאָט. אין דעם איז דער טיפסטער, געטלעכער זין פון דער ארבעטלאָזיקייט”.

פארוואָס איז אזא אונטערשייד בא אונדז און אין אויסלאנד?

פארוואָס זשע איז אזוי שרעקלעך די לאגע פון די ארבעטער און פויערים אין די קאפיטאליסטישע לענדער?

פארוואָס איז דאָרט ארבעטלאָזיקייט, און בא אונדז זיינען קיין ארבעטלאָזע ניטאָ?

פארוואָס איז דאָרט א קריזיס, א חורבן, א ירידע, און בא אונדז איז א וווּקס, אן אופשטייג פון דער פאָלקווירטשאפט?

פארוואָס ווערט דאָרט די לאגע פון די ארבעטער און פויערים אלץ מער פארערגערט און בא אונדז ווערט זי מיט יעדן יאָר אלץ בעסער?

אױף די דאָזיקע פראגן קאָן זיין בלויז איין ענטפער:

בא אונדז איז די מאכט פון די קאפיטאליסטן און פריצים אראָפגעוואָרפן. און דאָרט הערשט די בורזשואזיע.

בא אונדז איז א ראטנמאכט, די דיקטאטור פון פראָלעטאריאט און דאָרט איז א בורזשואזע מאכט, די דיקטאטור פון קאפיטאל.

בא אונדז האָט מען די פראָדוציר־מיטלען — די ערד, די פאבריקן, די זאוואָדן אָפגענומען בא די קאפיטאליסטן, פריצים און באלעבאָטים און זיי זיינען דאָס אייגנטום פון דער ארבעטער־פויערשער מעלוכע. דאָרט זיינען די פראָדוציר־מיטלען

קאָנצענטרירט אינ די הענט בא די עקספּלואטאטערס — בא די קאַפּיטאַליסטנ, פּריצים, באַלעגופים.

בא אונדז האָרעווענ די אַרבעטער אונ פּויערימ פאַר זיכ אַליינ. אונ דאָרט אַרבעטנ זיי פאַר זייערע עקספּלואטאטערס אונ אונטערדריקער.

דאָס האָבנ קלאָר דערזענ אונ גוט פאַרשטאַנענ אונדזערע געסט — די אויסלענדישע אַרבעטער אונ פּויערימ. וועקפאָרנדיק פונ אונדז צו זיכ אינ די לענדער, ווו עס געוועלטיקט די בורזשואַזיע, ווו עס דערוואַרט זיי די קאַפּיטאַליסטישע קאַטאָרגע, שרייבנ זיי אינ זייער געזעגענונג-באַגריסונג:

„אינעמ ראַטנפאַרבאַנד געפינט זיכ די מאַכט אינ די הענט באַמ אַרבעטער-קלאַס. די אינדוסטריע, דאָס געווער אונ די גאַנצע רייכטימער זיינענ באַמ אַרבעטער-קלאַס אינ די הענט. אונ דער אַרבעטער-קלאַס אונטער דער אָנפירונג פונ דער לענינשער פּאַרטיי בויט דעמ סאָציאַליזמ.

די דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט באַדייט גלייכצייטיק די עכטע פאָלקסמאַכט, וואָס דריקט זיכ אויס אינ דער אַנטשיידענער און אָפענער ווירקונג פונעמ אַרבעטער-קלאַס, פונעמ האָרעפּאַשנעמ פּויערטומ אפנ גאַנצנ עקאָנאָמישנ, געזעלשאַפטלעכנ, פּאָליטישנ אונ קולטורעלנ לעבנ פונ דער גאַנצער באַפעלקערונג.

דער אויסוועג פונעמ עקאָנאָמישנ וועלט-קריזיס איז בלויז איינער — קעמפנ פאַר דער מאַכט.

מיר שווערנ, אז ווענ מיר וועלנ זיכ אומקערנ אַהיימ, וועלנ מיר געבנ די גאַנצע קרעפטנ אונדזערע פאַר דעמ קאַמפּ קעגנ קאַפּיטאַליזמ. מיר שווערנ, אז מיר וועלנ קעמפנ צוזאַמענ מיט אייכ האַנט בא האַנט קעגנ אַלע סאָנימ פונ ראַטנפאַרבאַנד, אונ אינ פאַל, ווענ די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס וועלנ אפ אימ אָנפאַלנ, וועלנ מיר זיכ שטעלנ אַלע ווי איינער צו באַשיצנ דעמ ראַטנפאַרבאַנד — דאָס פאָטערלאַנד פונ אַלע אַרבעטנדיקע.

זאָל לעבנ די זיגרייכע אָקטיאַבער-רעוואָליוציע!

זאָל לעבנ דער רעוואָליוציאָנערער איינהייט-פראָנט פונ די אַרבעטער אונ פּויערימ פונ דער גאַנצער וועלט!

זאָל לעבנ דער סאָציאַליזמ!"

אונ ווירקלעכ, פונ אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער קומענ אָנ ידיעס, אז עס פאַרברייטערט זיכ דער קאַמפּ קעגנ דער בורזשואַזיע, עס וואַקסט די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פונ די אַרבעטער אונ פּויערימ, ניט געקוקט אפ אַלע רדיפעס מיצאַד די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגענ. ניט ווייט איז די צייט, ווענ אויכ אינ אויסלאַנד וועט די מאַכט פונ דער בורזשואַזיע אַראָפּגעוואָרפנ ווערנ.

וועגנ וואָס וועט זיכ ריידנ אינ אונדזער בוכ

דערמאָנענדיק די אַמאָליקע יאָרנ, שרייבט די מאָסקווער אַרבעטערנ אַנאַ איוואַנאָוונאַ באַלאַשאָוואַ, איצט אַנ אַספּיראַנטקע פונ דער אינדוסטריעלער אַקאַדעמיע, אז נאָכ זייענדיק אַ קינד, פלעגט זי טראַכטנ:

„פאַרוואָס איז עס אַזוי איינגעאָרדנט, אז די מענטשנ ווערנ געבאָרנ הערשער איבער אַנדערע? פאַרוואָס זיינענ איינע אָרעמע, אַנדערע ווערנ

געבארנ רײכע, וואס אלע מענג זײ? וויאזוי מאכט מענ, אז עס זאלנ ניט זײנ ניט קײנ ארעמע ניט קײנ רײכע?

און די קאמוניסטקע וואליא דעמענטיעווא, וועג זי האט איבערגעלייענט וועגנ אונדזערע 1905 און 1917 יארנ, האט זיכ פארינטערעסירט מיט דער פראגע:

„פארוואס קומענ עס פאר רעוואליוציעס?"

א סאכ אנדערע פראגנ פאלנ איינ דעם ארבעטער און דעם פויער־קאלווירטניק. לעמאשל:

וויאזוי האבנ געלעבט די מענטשנ אינ די אמאליקע צײטנ?

צי זײנענ שטענדיק געווענ רײכע און ארעמע? צי האבנ שטענדיק מענטשנ אונטערדריקט, עקספלואטירט אנדערע מענטשנ?

וויאזוי זײנענ אנטשטאנענ אונטערדריקונג, עקספלואטאציע?

וויאזוי און פארוואס ענדערט זיכ די מענטשלעכע געזעלשאפט?

וואס איז אזוינס קאפיטאליזם? וויאזוי איז ער אנטשטאנענ?

וואס איז עס אזוינס סאציאליזם און קאמוניזם?

וויאזוי בויענ מיר דעם סאציאליזם? אינ וואס דריקט זיכ אויס בא אונדז דער סאציאליזם?

צי קאנ מענ אויסבויענ דעם סאציאליזם אינ דארפ?

וויאזוי און ווענ וועלנ פארניכטעט ווערנ די קלאסנ?

פארוואס עקזיסטירט נאכ אינ אויסלאנד די מאכט פונ די קאפיטאליסטנ אונ פריצים?

פארוואס איז נאכ ניטא קײנ רעוואליוציע אינ די קאפיטאליסטישע לענדער?

וואס איז עס אזוינס די קאמוניסטישע פארטײ?

וואס איז עס אזוינס דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל?

די ענטפערס אפ די דאזיקע אלע און א סאכ אנדערע פראגנ וועט טאקע דער לייענער געפינענ אינ אונדזער בוכ.

דער בוכ איז אײנגעטײלט אינ 6 שמועסנ. יעדער שמועס כאפט ארום א גאנצנ קרײז פראגנ, וואס זײנענ ענג פארבונדנ אײנע מיט דער אנדערער. פאר דער באקוועמלעכקײט פונעם לייענער איז יעדער שמועס אײנגעטײלט אינ דרײ אדער פיר טײלנ. יעדער טײל איז אויסגערעכנט אפ איינ לימעד.

לאמיר צוטרעטנ צו אונדזערע שמועסנ לויט דער ארדענונג.





Karl Marx

ערשטער שמועס

אנטשטייונג
אונ אונטערגאַנג פונ קאַפּיטאַליזמ

וועגנ וואָס רעדט זיכ אינעמ ערשטנ שמועס

אונדזער מעלוכע הייסט: פּ א ר ב א נ ד ס אָ וו ע ט י ש ע ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר ע פּ ו ב ל י ק נ.

יעדנ טאָג רײדנ מיר אונ לייענענ וועגנ סאָציאַליזמ. מיר קעמפּנ פארנ סאָציאַליזמ. מיר בויענ אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

אונדזערע קעגנער אָבער זאָגנ:

— אָט איז שוינ 15 יאָר ווי, איר בויט דעמ סאָציאַליזמ. אָבער צי קאָנ מענ דענ אַלעמענ אויסגלײכנ? צי קאָנ מענ דענ אײַנפירנ אַפּ אַלצ געמיינזאַמע אייגנטומ אונ צונויפטרײַבנ אַלעמענ אַפּ געמיינזאַמע אַרבעט? דער מענטש איז לויט דער טעווע זײַנער אַ פּריוואַט-אייגנ-טימער. אייער געליבטער סאָציאַליזמ איז אַ פּוסטער אײַנפּאַל, וואָס לאָזט זיכ ניט פאַרווירקלעכנ. פּריוואַט-אייגנטומ איז שטענדיק געווענ אונ וועט זײַנ. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג עקזיסטירט פונ אייביק אָנ אונ וועט שטענדיק עקזיסטירנ.

מע וואָלט געקאָנט פרעגנ אונדזערע קעגנער מיט די ווערטער פונ אַ פּאַרצײַטיק לידל פונ די פראַנצויזישע פּויערימ:

וועננ אָדאָמ האָט געאַקערט אונ כאַווע האָט געשפּינט, ווו זײַנענ דאַנ געווענ די פּריצימ אונ קאַפּיטאַליסטנ?"

צי האָט ווירקלעכ שטענדיק עקזיסטירט אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדע-נונג, וואָס האָט זיכ באַזירט אַפּ פּריוואַט-אייגנטומ, אַפּ דער עקספּלואַ-טאַציע פונ די אָרעמע מיצאַד די אייגנטימער? צי האָט זיכ ניט

געענדערט פיל מאָל אינ דער געשיכטע די איינאָרדענונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט? צי איז ניט פאלש די באהויפטונג, אַז די קאפיטאליסטישע אָרדענונג איז אייביק אונ אומפארענדערלעכ?

אינ אויב עס איז פאלש, איז וויאזוי אונ פארוואָס ענדערט זיכ די געזעלשאפטלעכע אָרדענונג?

וויאזוי איז אנטשטאנענ דער קאפיטאליזמ? וויאזוי האָט ער זיכ אנטוויקלט? צו וואָס האָט געבראכט דער קאפיטאליזמ די ארבעטער אונ פויערימ?

מיט וואָס זאָל מענ דערקלערנ די ארבעטלאָזיקייט, דעמ דאלעס, הונגער, די רויִנירונג פונ די ארבעטנדיקע מאסנ אינ די קאפיטאליסטישע לענדער?

ווו איז דער אויסוועג פונ דער לאגע? וויאזוי זאָל מענ ענדערנ די גאנצע אָרדענונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט אינ די אינטערעסנ פונ די ארבעטנדיקע?

מיט די דאָזיקע אלע פראגנ וועלנ מיר זיכ טאקע פארנעמענ אינ אונדזער ערשטנ שמועס. מיר וועלנ זיכ באקענענ מיט די ענטפערס וואָס עס גיבנ אפ די דאָזיקע פראגנ די גרויסע לערער פונ די ארבעטער — מארקס, ענגעלס אונ די פאָרזעצער פונ זייער לערע, פונ זייער ווערק — לענינ, סטאלינ.

אונדזער ערשטער שמועס באשטייט פונ 4 טיילנ:

דער ערשטער טייל: וויאזוי אנטוויקלט זיכ די מענטשלעכע געזעלשאפט.

צווייטער טייל: וויאזוי איז אנטשטאנענ דער קאפיטאליזמ אונ צו וואָס האָט געבראכט זיינ אנטוויקלונג.

דריטער טייל: קריזיס פונ קאפיטאליזמ.

פערטער טייל: די פראָלעטארישע רעוואָלוציע אונ די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט.



ערשטער טייל

ווי אזוי אַנטוויקלט זיכ די מענטשלעכע געזעלשאפט

דער סאָציאַליזמ איז ניט קיינ טרוימ: דער סאָציאַליזמ איז א וויסנשאפט, דער סאָציאַליזמ איז א לעבעדיקע זאכ

די בעסטע פאַרשטייער פונ דער מענטשהייט האָבנ שוינ לאַנג געטרוימט וועגנ אזא יושערדיקער אָרדענונג פונ דער געזעלשאפט, וואָס בא איר זאָל ניט זײַנ קיינ אָרעמקייט פאַר איינע, קיינ לוקסוס פאַר אַנדערע, עס זאָל ניט זײַנ קיינ אונטערדריקונג, קיינ עקספּלואַטאַציע פונ איינ מענטש דורכ א צווייטנ, נאָר אַלע מענטשנ זאָלנ זײַנ גלײַכ אונ גליקלעכ.

אזא אָרדענונג פונ דער געזעלשאפט האָט באַשריבנ נאָכ אינ אָנהייב 16-טנ יאָרהונדערט דער ענגלענדער טאָמאַס מאָר אינ זײַנ ווערק „דאָס גאָלדענע ביכל וועגנ דער בעסטער אָרדענונג פונ דער מעלוכע אונ וועגנ דעם נײַעם אינדזל אוטאָפּיע”*

אָנהייב 19-טנ יאָרהונדערט האָט דער פראַנצויז שאַרל פוריע אויסגעמאָלט אינ זײַנע ווערק א בוילעט בילד פונ דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט, וועלכע בילדעט א מינ האַרמאָנישנעמ ארטעל, וואָס לעבט אנ אָנגענעמ, שיינ לעבנ. אייניקע, ווי לעמאָשל, דער ענגלענדער ראָבערט אָוענ אונ דער פראַנצויז עטיענ קאַבע האָבנ אפילע פראַקטיש געפרווט פאַרווירקלעכנ די אידייענ פונעמ סאָציאַליזמ, אָרגאַניזירנדיק אייניקע סאָציאַליסטישע קאָמונעס. אָבער די דאָזיקע פרווונ זײַנענ דורכגעפאַלנ.

דאָס זײַנענ געווענ טרוימער-יעכידימ, סאָציאַליסטנ-אוטאָפּיסטנ, ווי מע האָט זיי אָנגערופנ (פונעמ וואָרט „אוטאָפּיע”). זיי האָבנ אויסגעטראַכט פונ קאָפּ פּלענער, וויאַזוי צומ בעסטנ אײַנאָרדענענ די מענטשלעכע געזעלשאפט אונ האָבנ געוואַרט, אז פאַרווירקלעכנ זאָלנ די דאָזיקע פּלענער די „קלוגע” אונ „ווילטעטיקע” רעגירער, די הערשנדיקע קלאַסנ. זיי האָבנ ניט פאַרשטאַנענ, אז די אונטערדריקער, די עקספּלואַטאַטאָרס וועלנ קיינמאָל פרײַוויליק ניט אָפּגעבנ זייער

---

* אוטאָפּיע — וווּנדערלאַנד.

ל וריע

ראָבערט אָוענ

הערשאפט. עס איז נייטיק, אז אינ דער געזעלשאפט גופא זאָל רייפ ווערנ אזא קראפט, אזא קלאס, וואָס זאָל זײַנ פײַיִק מיט געוואלט ארָאפּווארפנ די מאכט פונ די עקספּלואטאטערס אונ שאפנ א יושערדיקע אָרדענונג.

אזא קראפט איז פאראנ אינ דער הײַנטצײַטיקער געזעלשאפט. דאָס איז דער פּראָלעטאריאט, דער ארבעטער־קלאס.

אָבער אינ די צײַטנ פונ די סאָציאליסטנ־אוטאָפּיסטנ האָט דער ארבעטער־קלאס געהאלטנ ערשט אינ אנטשטייג, אָדער ער איז נאָך געווענ זייער שוואכ. די סאָציאליסטנ־אוטאָפּיסטנ האָבנ געזענ די הימל־שרײַענדיקע אומגערעכטיקײַט פונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג אונ האָבנ זי שארפ קריטיקירט. אָבער זיי האָבנ ניט געקאָנט זעענ אינ דעם דעמאלטיקנ ארבעטער־קלאס די קראפט, וואָס איז פײַיִק ארָאפּצוווארפנ דעם קאפּיטאליזמ אונ אויסבויענ די סאָציאליסטישע געזעלשאפט. די סאָציאליסטנ־אוטאָפּיסטנ האָבנ ניט געקאָנט אויסלערנענ די ארבעטנדיקע קעמפנ פארנ סאָציאליזמ. קיינ וויסנשאפטלעכע קענטעניש וועגנ סאָציאליזמ איז בא זיי ניט געווענ.

אייניקע מיינענ, אז דער סאָציאליזמ פארבלײַבט אויכ איצט ניט מער, ווי א שיינער טרוימ וועגנ דעם גליק פונ דער מענטשהײַט, אונ די באָלשעוויקעס האלטנ זיי פאר פוסטע טרוימער. אוממיגלעכ, הייסט עס, האָבנ די קאָמוניסטנ אונטערגענ־מענ עפּעס א סאָציאליסטישע בויונג, זיי האָבנ ארָאפּגעוואָרפנ דעם צאר — גוט. זיי האָבנ ארָאפּגעוואָרפנ די פּריצימ — נאָכ בעסער. אונ דערבײַ וואָלט מענ זיכ געדארפט אָפּשטעלנ.

אזוינע געדאנקענ סטארענ זיכ אײַנפלאנצנ בא די ארבעטנדיקע די סאָנימ זייערע, די אָפענע אונ געהיימע אגענטנ פונ דער בורזשואזיע. זיי קריצנ מיט די ציינער, ווי נאָר זיי דערהערנ וועגנ סאָציאליזמ.

די באָלשעוויקעס, די קאָמוניסטנ זײַנענ קלאל ניט קיינ טרוימער. דער סאָציאליזמ איז שוינ לאנג געוואָרנ א **וויסנשאפט**.

די וויסנשאפט וועגנ דעם סאָציאליזמ האָבנ געשאפנ 2 גרויסע געלערנטע: **קארל מארקס** (געבאָרנ געוואָרנ אינ 1818 יאָר, געשטאָרבנ אינ 1883 יאָר)

און פרידריכ ענגעלס (געבאָרנ געוואָרנ אינ 1820 יאָר, געשטאָרבנ אינ 1895 יאָר). זייער לערע האָט אנטוויקלט וולאדימיר איליטש לענינ-אוליאנאָוו (געבאָרנ אינ 1870 יאָר, געשטאָרבנ אינ 1924 יאָר). דער וויסנ-שאפטלעכער סאָציאליזמ רופט זיכ אויכ אָנ מארקסיזמ-לענינִיזמ. דער בעסטער אויסדריקער און פאָרזעצער פונ מארקס-ענגעלס-לענינס לערע איז יאָסיפ וויסאריאָנאָוויטש סטאלינ.

דער וויסנשאפטלעכער סאָציאליזמ דערלערנט דאָס לעבנ און די אנטוויקלונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט, אזוי ווי אנדערע וויסנ-שאפטנ דערלערנענ דאָס לעבנ פונ די בעלעכײַמ, פונ די געוויקסנ אדג. דער וויסנשאפטלעכער סאָציאליזמ האָט אופגעדעקט וויאזוי און פארוואָס עס קומט פאָר די ענדערונג, די אנטוויקלונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט. ער האָט אופגע-דעקט די געזעצנ, וואָס פירנ אָנ מיט דער האָזיקער אנטוויקלונג, ער האָט אָנגעוויזנ די ארבעטנדיקע, ווי אזוי צו ענדערנ די אָרדענונג פונ דער געזעלשאפט לויט זייערע אינטערעסנ.

מארקס, ענגעלס, לענינ זײַנענ געווענ ניט בלויז געניאלע געלערנטע. זיי זײַנענ געווענ די גרעסטע פירער פונעמ ארבעטער-קלאס. אדאנק זיי איז דער סאָציאליזמ געוואָרנ ניט בלויז א וויסנשאפט, — ער איז געוואָרנ א לעבעדיקע, א פראקטישע זאכ, וואָס פאר איר קעמפנ מיליאָנענ ארבעטנדיקע אינ אלע לענדער.

די סאָציאליסטישע געזעלשאפט בויט זיכ שוינ אינ א קאָלאָסאלנ לאנד — אינ אונדזער פארבאנד סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפובליקנ.

אויסגעצייכנט האָבנ אויסגעדריקט דעמ דאָזיקנ געדאנק די אויסלענדישע אר-בעטער און ספעציאליסטנ, וואָס ארבעטנ בא אונדז אינעמ רויטנ פוטילאָווער זאוואָד אינ לענינגראד. אינ זייער ווענדונג צו אלע ארבעטער און ספעציאליסטנ פונ די קאפיטאליסטישע לענדער שרײַבנ זיי:

„כאווײרימ! דער סאָציאליזמ איז שוינ ניט קיינ טרוימ. דער סאָציאליזמ איז דאָס, וואָס מיר בויענ אציינד, וואָס מיט דעמ לעבנ מיר אלע ביז איינעמ. נאָכ העכער הייבט אופ די פאָנ פונ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ, די פאָנ פונ גרויסנ לענינ! גייט נאָכ די טריט פונעמ ראטנפארבאנד!

די אורשפרינגלעכע קאָמוניסטישע געזעלשאפט

ווי זשע דערקלערט דער וויסנשאפטלעכער סאָציאליזמ דאָס לעבנ און די אנט-וויקלונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט?

לאָמיר אָנהייבנ פונ די גאָר אלטע צײַטנ — פונ דער אורשפרינגלעכער געזעל-שאפט.

קעדיי צו לעבנ, דארפ דער מענטש פראָדוצירנ פארשיידענע זאכנ, וואָס זײַנענ נייטיק פארנ לעבנ: שפײַז, קליידונג, וווינונג און הגל. קעדיי זיי אָבער פראָדוצירנ, זײַנענ נייטיק כאָטש די איינפאכסטע געצײַג, מאטעריאלנ אאוו. הייסט עס, אז מע דארפ אויסארבעטנ די דאָזיקע געצײַג, ארויסבאקומענ די דאָזיקע מאטעריאלנ.





א. שטײנערנע קירקע

א. שטײנערנע האַק

די געצײַג, די מאַשינעס, די מאַטעריאַלנ אאַ"ג. רופט אָנ די וויסנשאַפט פּראָדוציר־מיטלענ.

זײַנענ אָט באַמ אורשפּרינגלעכנ מענטשנ די ערשטע צײַט פונ זײַנ אַנטוויקלונג די אײנציקע פּראָדוציר־מיטלענ געווענ דער שטעקנ אונ דער שטײנ, וואָס מיט זײער הילפ פלעגט ער באַקומענ שפּײַז. נאָכדעמ האָט זיכ דער אורשפּרינגלעכער מענטש אויסגעלערנט פאַרײניקנ דעמ שטײנ אונ דעמ שטעקנ — עס האָט זיכ באַקומענ אַ שפּיז, אַ גראָב־אײַזנ, אַ מאָטיגע, אַ האַק (שטײנערנע).

מיט אַזוינע ניט פולקומע פּראָדוציר־מיטלענ איז דער מענטש געווענ זײער שוואַכ קעגנ די פײַנטלעכע נאַטור־קרעפטנ. קעדײ פאַרלײַכטערנ זיכ דעמ קאַמפ פאַר דער עקזיסטענצ, פלעגנ די מענטשנ נאָכ פונ די גאָר אַלטע צײַטנ זיכ פאַרײניקנ אינ אַ געזעלשאַפט.

די גרײס פונ דער פּרימיטיווער געזעלשאַפט איז געווענ אַנ אומבאַדײַטנדיקע. איר באַזיס איז געווענ דער שטאַמ — אַ גרופּע מענטשנ, וואָס זײַנענ פאַרבונדנ דורכ לײַבלעכער קרויוושאַפט. די פּראָדוקציע אינ אַזאַ געזעלשאַפט איז באַשטאַנענ הויפּטזאַכלעכ אינ קלײַבנ פאַרטיקע געוויקס־שפּײַז, מושלענ, אינ פאַנגענ פיש, אונ טײלווײַז אינ יאַגד.

אָפּ דערנערנ אַזאַ, כאָטש קלײנינקע, געזעלשאַפט איז נײטיק געווענ אַ קאָלאָסאַלע טעריטאָריע, וואָס איבער איר פלעגנ די מענטשנ אָנ אויפהער אַרומוואַנדערנ אונ זוכנ שפּײַז. די באַפעלקערונג איז געווענ אַ אומגעהײער שיטערע.

די פּראָדוציר־מיטלענ צוזאַמענ מיט דער אַרבעטקראַפט פונ דער געזעלשאַפט רופט די וויסנשאַפט אָנ פּראָדוקטיווע קרעפטנ. אַ באַזונדערס וויכטיקע באַדײַטונג האָט די אַרבעטקראַפט. „די ערשטע פּראָדוקטיווע קראַפט פונ דער גאַנצער מענטשהײַט איז דער אַרבעטער, דער אַרבעטנדיקער," — זאָגט לענינ.

אַלזאָ, די פּראָדוקטיווע קרעפטנ פונ דער אורשפּרינגלעכער געזעלשאַפט זײַנענ געווענ ביז גאָר שוואַכ. איבערנ מענטשנ האָבנ געהערשט די נאַטור־קרעפטנ. דער מענטש איז געווענ זײער קנעכט. די אַרבעט־פּראָדוקטיווקײט איז געווענ אַזוי נידעריק, אַז נאָכנ באַפרידיקנ די נײטיקע באַדערפענישנ פלעגנ ניט בלײַבנ קײנ שום רעשטנ.

מיט אנדערע ווערטער: אין דער אורשפּרינגלעכער געזעלשאַפט איז ניט געווען דער אַזויגערופענער *מערפּראָדוקט*. אַלץ, וואָס מע פלעגט אַרויסבאַקומען, פלעגן די *פּראָדוצירער אַליין פאַרברויכן*.

די אָרדענונג אין דער אורשפּרינגלעכער געזעלשאַפט קענען מיר געניי אַדאַנק דעם, וואָס אירע רעשטלעך האָבן נאָך עקזיסטירט אינעם XIX יאָרהונדערט אין אַמעריקע, אין אַפריקע און אויך בא אונדז אין רוסלאַנד, לעמאָשל, בא די גיליאַקן אַפ סאַכאַלין. דאָס איז געווען א *שטאַם* אָדער א פאַראייניקונג פון עטלעכע שטאַמען — א *שייוועט*. לעמאָשל, דער שייוועט איראָקעזן אין צאָפן-אַמעריקע איז באַשטאַנען פון אַכט שטאַמען. דער שייוועט האָט געציילט ניט מער פון 2000 מענטשן. אין זעלטענע פאַלן פלעגן די שכיינעסדיקע שוואָטים זיך פאַראייניקן אין א *שוואָטים-פאַרבאַנד*.

וועגן דער אורשפּרינגלעכער שטאַם-געזעלשאַפט שרייבט ענגעלס:

„און וואָס פאַר א וואונדערבאַרע אָרגאַניזאַציע עס איז די דאָזיקע שטאַם-אָרדענונג אין איר קינדישקייט און איינפאַכקייט! אָן סאָלדאַטן, זשאַנדאַרמען און פּאָליציאַנטן, אָן אַדל, אָן א קיניג, אָן שטאַטהאַלטער, אָן פּרעפעקטן און ריכטער, אָן טורמעס, אָן פּראָצעסן — אַלץ גייט מיט זיין איינגעשטעלטן סיידער".

די אורשפּרינגלעכע געזעלשאַפט איז געווען א *קאָמונע*. אַלע מיטגלידער פונעם שטאַם האָבן געאַרבעט *געמיינזאַם*, זיי האָבן, לעמאָשל, געמיינזאַם געפאַנגען פיש, געגאַנגען אַפ יאַגד, דער געברויך איז אויך געווען א *געמיינזאַמער*. דער גאַנצער שטאַם פלעגט ניט זעלטן וווינען אונטער איין דאַך.

צווישן די שטאַם-מיטגלידער, איינגעשלאָסן אויך די פרויען, איז געווען א *פולשטענדיקע גלייכהייט*. די איניאָנים פלעגן געלייזט ווערן אַפן *ראַט*, אַפן דער אַלגעמיינער *שטאַם-פאַרזאַמלונג*. דער ראַט פלעגט אויסקלייבן אַן עלטסטן, און פאַר דער צייט פון מילכאָמע — א מיליטער-פירער. קיין שום באַזונדערע פּריווילעגיעס האָבן זיי ניט געהאַט. די מאַכט פונעם עלטסטן איז געווען א פאָטערלעכע, א מאָראַלישע. זי פלעגט זיך האַלטן אַפ זיין פערזענלעכן אווטאָריטעט, אַפ זיין פערזענלעכן איינפלוס. דער מיליטער-פירער האָט געקאָנט אָפּגעבן באַפעלן בלויז אין מילכאָמע-צייט. קיין שום פאַרוואַלטונגס-אַפּאַראַט איז ניט געווען.

אַפ די זעלבע יעסוידעס איז געווען אָרגאַניזירט דער שייוועט. אין שפּיץ פון אים איז געשטאַנען *דער ראַט פון די עלטסטע און פון די מיליטער-פירער* פון די שטאַמען, דערביי האָבן אַלע מיטגלידער פון די שטאַמען געקאָנט בייזיין און אַרויסטרעטן אַפ זיינע זיצונגען.

די פאַרהעלטענישן, וואָס אין זיי טרעטן די מענטשן אַריין איינער מיטן אַנדערן בא דער פּראָדוקציע, רופן זיך אָן אין דער וויסנשאַפט *פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן*.

אין דער אורשפּרינגלעכער געזעלשאַפט זיינען געווען *קאָמוניסטישע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן*. די אורשפּרינגלעכע געזעלשאַפט האָט ניט געוווּסט פון קיין אַרבעט-צעטיילונג צווישן די מיטגלידער — *אַלע אינאיינעם* פלעגן אויספילן איינע און די זעלבע אַרבעט. זי האָט ניט געוווּסט



פײַל אינ בויגנ, א שפּיז מיט א שטײנערנעמ שפּיצ

פונ קײנ אײַנטײלונג אינ קלאסנ,—אלע זײַנענ געװענ גלײַכ. זי האָט ניט געװוּסט פונ קײנ פּריװאַט־אײגנטום, — די אַרבעט־געצײַג און די פּראָדוקטנ פונ דער אַרבעט זײַנענ געמײנזאַמע. זי האָט ניט געװוּסט פונ קײנ עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג. אינ דער אורשפּרינגלעכער געזעלשאַפט איז ניט געװענ קײנ מעלוכע־מאַכט.

אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג רופט זיכ אָנ אורשפּרינגלעכער קאָמוניזמ.

אַפּנ בײַשפּיל פונ דער אורשפּרינגלעכער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט זעענ מיר, װאָס פאַר א װיכטיקע אנטשײדענע באַדײַטונג עס האָט די פראַגע װעגנ די פּראָדוציר־מיטלענ.

אינ דער אורשפּרינגלעכער געזעלשאַפט האָבנ די פּראָדוציר־מיטלענ געהערט אַלעמענ געמײנזאַמ. די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישנ, װאָס זײַנענ דירעקט אָפּהענגיק דערפונ, זײַנענ אױכ געװענ כאַװערישע — קאָמוניסטישע — א געמײנזאַמע אַרבעט פונ אַלעמענ. די פּראָדוקטנ פונ דער אַרבעט האָבנ אױכ געהערט אַלעמענ געמײנזאַמ און די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג איז געװענ דורכגעדרונגענ מיט דער דאָזיקער גלײַכהײַט.

דער אורשפּרינגלעכער קאָמוניזמ האָט עקזיסטירט צענדליקער טױזנטער יאָרנ אינעמ אָנפאַנגלעכנ אַנטװיקלונג־פּעריאָד פונ דער מענטשהײַט. דאָס לײקנט גרינטלעכ אָפּ די אַמעראַצישע און ליגנערישע מײנונג, אַז די הײַנטצײַטיקע קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג — מיט דער אײַנטײלונג פונ דער געזעלשאַפט אינ קלאַסנ, מיטנ פּריװאַט־אײגנטום, מיט דער עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג פונ אײנ מענטש דורכ א צװײטנ, מיט דער מעלוכע־מאַכט און מיט אירע גװאַלדטאַט־אָרגאַנענ, אַז אַזאַ אָרדענונג עקזיסטירט, קלומערשט, פונ אײביקע יאָרנ און מע קאָנ דאָ גאָרניט ענדערנ.

אינ דער װירקלעכקײַט איז דער קאַפּיטאַליזמ בלױז אײנע פונ די פאָרמענ פונ דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, װאָס אנטשטײט אינ איר צײַט און פאַרשװינדט אומפאַרמײַדלעכ אינ איר צײַט. װײַטער װעלנ מיר זענ, װיאַזױ דאָס קומט פאָר.

יאגד פונ די אורשפּרינגלעכע
מענטשנ אפ א בער

ווי אזוי איז אנטשטאַנענ די ארבעט־צעטײלונג

דער אורשפּרינגלעכער מענטש האָט ביסלעכווײַז פאַרפולקומט זײַנע פּראָדוציר־געצײַג, ער האָט דערפונדנ נײַע. צוזאַמענ דערמיט פלעגנ פאַרמערט ווערנ זײַנע פּראָדוציר־באַשעפטיקונגענ. לעמאָשל, מיטנ דערפינדנ דעמ פײַל אונ בויגנ ווערט די יאגד א באַשטענדיקער ארבעט־צווײַג, וואָס שטעלט צו דעמ מענטשנ פלייש פונ ווילדע באַלעכײַימ.

דער מענטש האָט זיכ אויסגעלערנט צו באַנוצנ זיכ מיט פײַער, אויסארבעטנ געפעס, קאָכנ שפּײַז, וועבנ אאַוו.

דאָס פאַרפולקומענ די געצײַג האָט געגעבנ א קאָלאָסאַלע איבערוואָג דעמ מענטשנ איבער דער מערהײַט באַלעכײַימ אינ האָט געשאַפנ די מעגלעכקײַט צו פאַרוואַנדלענ אייניקע פונ זיי אינ הויז־באַלעכײַימ. אזוי איז אנטשטאַנענ די פיצוכט.

עס איז קלאָר, אז דאָס אלץ האָט באַטײַט א באַדײַטנדיקע העכער־רונג פונ דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט, א באַדײַטנ־

דיקנ וווּקס פונ די פּראָדוקטיווע קרעפטנ אינ דער אורשפּרינגלעכער געזעלשאפט.

צוזאמענ דערמיט זיינענ פארגעקומענ אויכ אויסערגעוויינלעכ־וויכטיקע ענדערונגענ אינ די פּראָדוציר פארהעלטענישנ, אינ דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, עס איז דערשינענ די אזויגערופענע געזעלשאפטלעכע ארבעט־צעטיילונג, ד. ה. פארשיידענע פּראָדוציר־ארבעטנ זיינענ אָפּגעזונדערט געוואָרנ אונ האָבנ זיכ פארפעסטיקט פאר דעמ אָדער יענעמ טייל געזעלשאפט.

צומ ערשטנ מאָל איז די ארבעט־צעטיילונג אנטשטאנענ אראנק די נאטירלעכע אונטערשיידנ צווישנ דעמ מענערשנ אונ פרויישנ טייל פונ דער געזעלשאפט. בא ענגעלסנ לייענענ מיר וועגנ דעמ:

„דער מאנ האלט מילכאָמע, גייט אפ יאגד אונ פישפאנג, שאפט שפּייז אינ רויענ צושטאנד אונ די געצייג, וואָס זיינענ פאר דעמ נייטיק. די פרוי ארבעט אינ דער היימ אונ איז פארנומענ מיט צוגרייטנ עסנ אונ קליידונג, זי קאָכט, זי שפּינט, זי נייט. אי ער אי זי זיינענ יעדערער באלעבאטימ אפ זיינ געביט: דער מאנ אינ וואלד, די פרוי אינ הויז. יעדערער איז דער אייגנטימער פונ די געצייג, וואָס ער האָט אויסגעארבעט אונ געברויכט: דער מאנ — פונעמ געווער אונ פונ די יעגערשע אונ פישפאנגערישע מאכשירימ, די פרוי — פונ די הויז־כּפּייצימ. די הויז־ווירטשאפט ווערט געפירט אפ קאָמוניסטישע יעסוידעס פאר עטלעכע, אָפטמאָל, א סאכ פאמיליעס. דאָס, וואָס עס ווערט געמאכט אונ אויסגענוצט געמיינזאמ, איז דאָס געמיינזאמע אייגנטומ: דאָס הויז, דער גאָרטנ, דאָס שיפל".

מיט דער אנטוויקלונג פונ די פּראָדוקטיווע קרעפטנ, מיט דער ארבעט־צעטיילונג אנטשטייט אזויארומ נאָכ אינ די טיפעניש פונ דער אורשפּרינגלעכער קאָמוניסטישער געזעלשאפט דאָס פּריוואטע אייגנטומ אפ ארבעט־געצייג.

ווייטער אנטשטייט די געזעלשאפטלעכע ארבעט־צעטיילונג צווישנ די באזונדערע שטאמענ אונ שוואָטימ. אלס באזע פאר אזא ארבעט־צעטיילונג האָבנ געדינט די פארשיידנהייטנ אינ די נאטורבאדינגונגענ.

בא דער שוואכקייט פונ די פּראָדוקטיווע קרעפטנ אינ דער אורשפּרינגלעכער געזעלשאפט איז די ווירקונג פונ די נאטור־קרעפטנ ביכלאל זייער גרויס.

מארקס שרייבט:

„וואָס קלענער עס איז דער סכומ נאטירלעכע באדערפענישנ, וואָס איז אבסאָליוט נייטיק צו באפרידיקנ, וואָס גרעסער עס איז די נאטירלעכע פרוכטבארקייט פונעמ באָדנ אונ וואָס גינסטיקער עס איז דער קלימאט, אלץ ווייניקער איז די ארבעט־צייט, וואָס איז נייטיק אפ אונטערצוהאלטנ אונ רעפּראָדוצירנ דאָס לעבנ פונ דעמ פּראָדוצירער, אלץ גרעסער קאָנ בעמיילע זיינ דער איבערפלוס פונ זיינ ארבעט".

אָט פארוואָס דאָס לעבנ פונ דער מענטשהייט הייבט זיכ אָנ אינ די הייסע לענדער, וווּ געוויקסנ זיינענ פאראנ בעשעפע אונ וווּ עס פאָדערט זיכ ניט קיינ באזונדערע פארזאָרגונג אפ קליידונג אונ וווינונג. למשל, אפ די מיזרעכ־אינדזלענ פונ אזיע וואקסנ גאנצענע וועלדער פונ סאגאָ — ברויטבוימ. די איינוווינער האב



פרימיטיווע ארבעט־געצייג אין דער פרימיטיווער געזעלשאפט: פישערשע נעצן

די ביימער, גראבלען ארום דעם מארך, מישן אים צונויף מיט וואסער און, אָפּ־זייענדיק, באקומען זיי פארטיקע מעל. איין בוים גיט פון 300 ביז 600 פונט מעל. דאָרט גייט מען אין וואלד אריין „אָנצוהאקן זיך ברויט", ווי בא אונדז גייט מען אין וואלד נאָך האָלץ.

עס פארשטייט זיך, אז די רײַכערע נאטור־באדינגונגען האבן מיטגעווירקט דער שנעלערער אנטוויקלונג פון איינע שוואָטים, איידער פון אנדערע. לעמאָשל, די אײַנוווינער פון יענע ערטער, ווו עס איז ניטאָ קיין מע־טאל־ארץ, האָבן ניט געקאָנט זעלבשטענדיק דערפינדן אײַזערנע געצייג. צוליב דעם, וואָס אין דעם מיזרעכדיקן האלב־קײַלעך זײַנען ניט געווען קיין פאסיקע באלעכײַים אָפּ פארוואנדלען זיי אין הויזבאלעכײַים, איז דאָרט פארהאלטן געוואָרן די אנט־וויקלונג פון פיצוכט.

אָבער די שעפע נאטור־רײַכטימער פאר זיך אליין גענומען רופט נאָך ניט ארויס קיין געזעלשאפטלעכע ארבעט־צעטיילונג. די ארבעט־צעטיילונג איז א רעזולטאט פון דער פארשיידנקייט אין די נאטור־באדינגונגען. לעמאָשל, א שעפע פון פיש אין א וועלכן־ניט־איז קאנט וועט אומפארמײַדלעך סטימולירן די באפעלקערונג סאָפּקאָלסאָפּ צו מאכן דעם פישפאנג פאר איר גרונט־באשעפטיקונג. פאשע־פלעצער און באלעכײַים, וואָס מע קאָן פארוואנדלען אין הויזבאלעכײַים, וועלן סטימולירן צו פארנעמען זיך הויפטזאכלעך מיט פיצוכט.

אזוי אנטשטייט אפ דער באזע פון די פארשיידענע נאטור־באדינגונגען די ארבעט־צעטיילונג אין דער געזעלשאפט.

אָבער די ווײַטערדיקע ענדערונגען אין דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג קאָן מען שוין ניט דערקלערן מיט דער פארשיידנקייט פון די נאטור־באדינגונגען. די פיזיקע באדינגונגען בלײַבן אומגעענדערט אין פארלויף פון א סאך יאָר־הונדערטער און יאָרטויזנטער, לעמאָשל, שטיינקוילן, אײַזנארץ און נאפט זײַנען מיליאָנען יאָרן רויִק געלעגן אין דער ערד און האָבן ניט געהאט קיין שום ווירקונג אפ דער אנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט.

וואָס איז די סיבע דערפון? די סיבע דערפון איז דאָס, וואָס מיט די פינגער וועסטו קיין קוילן ניט אויסגראָבן און דו וועסט ניט אויסזויגן פון דער ערד די נאפט אָן די אנטשפּרעכיקע טעכנישע צוריכטונגען. בלויז די אנטוויקלונג פון די

פראָדוציר־מיטלענ ניט דעמ מענטשנ א מעגלעכקייט צו פאנאנדעראַרבעטנ די נאַטור־רײַכטימער, וואָס זײַנענ פריִער געבליבנ ניט אויסגענוצט.

הייסט עס, אז די דערקלערונג פונ די ווײַטערדיקע ענדערונגענ אינ דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג דאַרפ מענ זוכנ אינ דער *אנטוויקלונג* פונ די *פראָדוציר־מיטלענ*.

מיר וועלנ ווײַטער זענ, אז וואָסער אויפנ אייגנטלעכ די אנטוויקלונג פונ די פראָדוציר־מיטלענ ברענגט צו דער ענדערונג פונ דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג.

די אײַנטיילונג פונ דער געזעלשאַפט אינ קלאַסנ

די *ערשטע גרויסע געזעלשאַפטלעכע ארבעט־צעטיילונג* איז געווענ דאָס אָפּזונדערנ די פיצוכט אלס וויכטיקסטע פראָדוציר־באַשעפטיקונג פונ באַזונדערע געזעלשאַפטנ: עס האָבנ זיכ באַוויזנ *פאַסטעכ־שוואָטימ*.

דאָס צוגעווינענ אונ האָדעווענ באַלעכײַימ האָט גענומענ געבנ דעמ מענטשנ א סאַכ מער לעבנסמיטלענ, איידער פריִער, — מער מילכ, פלייש, פעל, וואָל, וואָלענע אויסאַרבעטונגענ אא. די ארבעט־פראָדוקטיווקייט פונ די שטאַמ־פאַרבאַנדנ וואָס האָבנ אָנגעהויבנ צו פאַרנעמענ זיכ מיט פיצוכט, האָט זיכ *שטאַרק אויפגעהויבנ*.

עס האָט זיכ באַוויזנ צומ ערשטנ מאָל אינ דער געשיכטע דער *מערפראָדוקט*, וואָס איז פאַרבליבנ נאָכ באַפרידיקנ די נייטיקע באַדערפענישנ.

אונ צוזאַמענ דערמיט איז צומ ערשטנ מאָל אנטשטאַנענ אויכ די מעגלעכקייט *אויסצוטוישנ די איבערפליסיקע פראָדוקטנ* בײַ אנדערע שטאַמענ.

ביסלעכווײַז איז בײַ די פאַסטעכ־שוואָטימ די פיצוכט געוואָרנ די *גרונט־*באַשעפטיקונג אונ אויפ די איבעריקע נייטיקע זאַכנ האָבנ זיי גענומענ אויסבײַטנ די פיצוכט־פראָדוקטנ. ענגעלס שרײַבט, אז אויפ די פריִערדיקע אנטוויקלונג־שטופעס

„האָט געקאָנט אנטשטיינ בלויז דער אויסטויש אינעווייניק אינעמ שייוועט, אונ אויכ דער דאָזיקער אויסטויש איז פאַרבליבנ אנ אויסנאַמ־פאַל. דאָ, פאַרקערט, נאָכ דעמ, ווי עס טיילנ זיכ אויס די פאַסטעכ־שוואָטימ, געפינענ מיר גרייט אלע באַדינגונגענ פאַר דעמ אויסטויש צווישנ די מיטגלידער פונ פאַרשיידענע שוואָטימ, פאַר זײַנ אנטוויקלונג אונ פאַרפעסטיקונג אלס שטענדיקנ אינסטיטוט. לעכאַטכילע איז דער אויסטויש פאָרגעקומענ צווישנ איינ שייוועט אונ דעמ צווייטנ בײַ דער פאַרמיטלונג פונ זייערע שטאַמ־עלטסטע; אָבער ווענ די סטאַדעס האָבנ גענומענ אריבערגיינ אינ פריוואַט־אייגנטומ, האָט אלצ מער אָנגעהויבנ דאָמינירנ אונ איז ענדלעכ געוואָרנ די איינציקע פאָרמ דער אויסטויש צווישנ באַזונדערע פערזאָנענ".

אזוי האָבנ דער אויפשטײַג פונ דער פראָדוקטיווקייט אונ די געזעלשאַפטלעכע ארבעט־צעטיילונג געבראַכט צו דער אנטשטייונג אונ אנטוויקלונג פונעמ אויסטויש.

אונ ווײַבאַלד דער אויסטויש איז אנטשטאַנענ, האָט ער אליינ אָנגעהויבנ ארויסרופנ די ווײַטערדיקע פאַרברייטערונג פונ דער פראָדוקציע, ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיווע קרעפטנ. דאָס אלצ האָט געבראַכט צו נײַע נאָכ מער וויכטיקע



מע קאָכט שפּײַז — אין דער אורשפּרינגלעכער געזעלשאַפט

ענדערונגען אין די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן, אין דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג.

פריִער ביים א מילכאָמע פלעגט מען געווײנלעך די געפאנגענע דערהארגענען און אופעסן. אן אנדער נוץ פונעם געפאנגענעם איז שווער געווען ארויסצובאקומען. מיט זײַן ארבעט האָט געקאָנט דערנערן זיך בלויז ער אליין.

איצט אָבער, דאנק דעם אופשטײַג פון דער פּראָדוקטיוויטעט, האָט שוין די ארבעט פונעם געפאנגענעם געקאָנט געבן א מערפּראָדוקט, וואָס דערמיט האָבן זיך געקאָנט באנוצן די זיגער. דעריבער האָט מען די געפאנגענע גענומען פארוואנדלען אין שקלאפן.

אזויארום, זאָגט ענגעלס

„איז פון דער ערשטער גרויסער געזעלשאפטלעכער ארבעט־צעטיילונג אנטשטאנען אויך די ערשטע גרויסע אײַנטיילונג פון דער געזעלשאפט אין צוויי קלאסן — אין הערן און שקלאפן, עקספּלואטאטערס און עקספּלואטירטע".

די אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט איז געגאנגען ווײַטער. דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט מאכן בראָנז, נאָכדעם אײַזן, אויסארבעטן בראָנזענע און נאָכדעם אײַזערנע געצײַג. די שטיינערנע האק האָט אָפּגעטראָטן דאָס אָרט דער בראָנזענער, נאָכדעם דער אײַזערנער. עס האָבן זיך באוויזן אײַזערנע מעסערס אף דער סאָכע, אן אײַזערנער פלוג, קאָלערליי אינסטרומענטן פון אײַזן.

דאן איז געוואָרן מעגלעך ערדארבעט אין א ברייטן מאסשטאב, דאָס פארוואנדלען וואלד־שטעכן אין אקער־ערד. דאן האָבן באקומען א ברייטע פארשפּרייטונג די פארשיידענע מעלאָכעס.

צו וואָס זשע האָט עס געבראכט? בא ענגעלסן לייענען מיר:

„אַזאַ פאַרשײדנאַרטיקע טעטיקײט האָט שוינ ניט געקאָנט אויספילנ אײנ אונ די זעלבע פּערזאָנ; עס איז פאָרגעקומענ די צווייטע גרויסע אַרבעט-צעטיילונג: די מעלאָכע האָט זיכ אָפּגעטיילט פונ דער ערדאַרבעט".

די אַרבעט-צעטיילונג האָט פאַרגרעסערט די אַרבעט-פּראָדוקטיווקײט. עס האָט זיכ געהעכערט דער ווערט פונ דער מענטשלעכער אַרבעט-קראַפט. דאָס האָט זיכ קווי-דעמיקאַל אָפּגערופנ אופ דער אַנטוויקלונג פונ דער שקלאַפערײ.

ביז דאַנ איז די שקלאַפערײ געווענ אַ זעלטענע דערשײנונג. דער שקלאַפ איז געווענ אַנ איינפאַכער געהילפ אינ דער ווירטשאַפט. איצט טרײבט מענ די שקלאַפנ צענדליקערווײז צו אַרבעט אופ די פעלדער אונ אינ די וואַרשטאַטנ. די צאָל שקלאַפנ שטײגט שנעל. אינ די אַמאָליקע שטעט, לעמאָשל, אינ אַטענ, קאָרינט אונ אַנדערע איז אופ יעדנ פרײענ בירגער אויסגעקומענ דורכשניטלעכ פונ 10 ביז 20 שקלאַפנ.

צוזאַמענ דערמיט ענדערט זיכ דער קוק אופ אַרבעט. אָפנ אַרויסבאַקומענ לעבנס-מיטלענ מיט אײגענער מי האָבנ די הערשנדיקע קלאַסנ גענומענ קוקנ ווי אופ אַ דערנידערנדיקער באַשעפטיקונג, וואָס איז שענדלעכער, איידער רויבערײ.

מיט דער העכערונג פונ דער אַרבעט-פּראָדוקטיווקײט אונ מיט דער פאַרשפּרײטונג פונ דער שקלאַפערײ האָט זיכ שטאַרק פאַרגרעסערט דער סכום מערפּראָדוקט. דאָס האָט געבראַכט צו דער ווײטערדיקער אַנטוויקלונג פונעם אויסטויש. ענגעלס זאָגט:

„מיט דער פאַנאַנדערפאַלונג פונ דער פּראָדוקציע אופ צוויי גרויסע גרונט-צווײגנ—ערדאַרבעט אונ מעלאָכע—אַנטשטייט די פּראָדוקציע דירעקט פאַרנ אויסטויש, די סכוירע-פּראָדוקציע; צוזאַמענ מיט איר אַנטשטייט דער האַנדל ניט בלויז אינ דעמ שײוועט גופע אונ אופ זײנע גרענעצנ, נאָר אויכ דער יאַמהאַנדל. דאָס אַלצ איז נאָכ דערווײל אינ אַ זייער ווייניק אַנטוויקלטער פאָרמ. די אײדעלע מעטאַלנ הייבנ אָנ צו ווערנ די דאָמינירנדיקע אונ אַלגעמײנע סכוירע—געלט, אָבער מע מאַכט נאָכ ניט קיינ מאַטבײעס, נאָר מע טוישט אויס אײנפאַכ לויט דער וואָג".

אַזוי אַרומ, ווערט דער איינפאַכער אויסטויש פונ פּראָדוקטנ אופ פּראָדוקטנ ביסלעכווײז פאַרוואַנדלט אינ קויפ אונ פאַרקויפ, אינ האַנדל, אונ דער געברויכ-פּראָדוקט ווערט אַ סכוירע. די איינפאַכע געברויכערישע ווירטשאַפט, אָדער די אַזויגערופענע נאַטוראַלע ווירטשאַפט, וואָס האָט פּראָדוצירט פּראָדוקטנ בלויז פאַרנ אייגענעמ געברויכ, ווערט ביסלעכווײז אַ סכוירע-ווירטשאַפט, וואָס פּראָדוצירט פּראָדוקטנ צו פאַרקויפנ אופ דער זײט. עס ווערנ אײנגעשטעלט באַשטימטע פּונקטנ אופ פאַרקויפנ אונ קויפנ, וואָס ווערנ האַנדל-אונ מעלאָכע-צענטערס—שטעט.

אָט דאָס אַלצ ברענגט צו דער דריטער, זייער וויכטיקער אַרבעט-צעטיילונג אונ צוזאַמענ דערמיט צו דער אַנטשטייונג פונ אַ נײעמ קלאַס, וואָס פאַרנעמט זיכ אויסשליסלעכ מיט אויסטויש, מיט האַנדל,—דעמ קלאַס סאָכרימ. ענגעלס שרײבט:

„די אַלע ביז איצט געוועזענע אָנהייבנ פונ דער קלאַסנ-אויסבילדונג האָבנ נאָר געהאַט אַ שײכעס אויסשליסלעכ צו דער פּראָדוקציע; זיי האָבנ

איינגעטיילט די מענטשן, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט אין דער פּראָדוקציע, אין אָנפירער און אויספירער, אָדער אין גרעסערע און ווייניקער באַדייטנדיקע פּראָדוצירער. איצט דערשיינט צום ערשטן מאָל א קלאַס, וואָס נעמט ניט קיין שום אָנטייל אין דער פּראָדוקציע און פאַרכאַפּט אין אַלגעמיין און אינגאַנצן גענומען די אָנפירונג פון דער פּראָדוקציע און אונטערוואַרפט עקאָנאָמיש אונטער זיך די פּראָדוצירער, — א קלאַס, וואָס ווערט דער אומבאַזייטיקלעכער פאַרמיטלער צווישן יעדערע צוויי פּראָדוצירער, עקספּלואַטירנדיק דערביי ביידן. אונטערן אויסרייד צו באַפרייען די פּראָדוצירער פון דער מי און ריזיקע, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן אויסטויש, אונטערן אויסרייד פון פאַרברייטערן דעם אָפּזאַץ פון זייערע פּראָדוקטן ביז די פאַרוואָרפנסטע מערק, קעדיי אַזוי אַרום צו ווערן דער סאַמע נוצלעכער קלאַס פון דער באַפעלקערונג, בילדעט זיך אויס א קלאַס פּאַראַזיטן, א קלאַס ווירקלעכע געזעלשאַפטלעכע קעסט־לייט, וואָס אלס באַלוינונג פאַר די אין דער ווירקלעכקייט אומבאַדייטנדיקע נוצן, וואָס ער ברענגט, נעמט ער אַראָפּ דעם שמאַנט סיי פון דער היימישער און סיי פון דער אויסלענדישער פּראָדוקציע, — דערווערבט שנעל קאָלאָסאַלע רייכטימער און דעם אַנטשפּרעכיקן דערצו געזעלשאַפטלעכן איינפלוס".

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער סכוירע־פּראָדוקציע, ד. ה. פון דער פּראָדוקציע פאַרן פאַרקויף, הערט אויף דער פּראָדוצירער צו זיין דער געבויער פון זיין פּראָדוקט: דער פּראָדוקט גייט אוועק פון אים אין פרעמדע הענט, ער באַקומט פאַרן פּראָדוקט געלט.

מיט דער אַנטוויקלונג פונעם האַנדל וואַקסט אויס די מאַכט פון געלט. געלט דאָס איז א באַזונדער מין סכוירע, וואָס אויב מע וויל, קאָן מען עס פאַרוואַנדלען אין יעטווידער סכוירע. געלט קאָן מען לייכט איינהיטן, געלט קאָן מען אָפּגעבן אלס האַלוואָע פאַר פּראָצענטן, באַקומען פאַר דעם האַכנאָסע אָן שום אַרבעט־פאַרווענדונג. עס אַנטשטייען פּאַראַזיטן־פּראָצענטניקעס.

מיט דער אַנטשטייונג פון מעטאַלענעם געלט (געמינצטע מאַטבייעס) ווערן באַזונדערס פאַרגרעסערט די פאַרמעגנס־אונטערשיידן, עס קומט פאָר א שנעלע אָנזאַמלונג פון רייכטימער אין די הענט פון א קליינעם שיכט פון דער געזעלשאַפט און א פאַראָרעמונג פון די מאַסן. ענגעלס זאָגט:

„צוגלייך מיט דער איינטיילונג אין פרייע און שקלאַפן אַנטשטייט דער אונטערשייד צווישן רייכע און אָרעמע — אלס רעזולטאַט פון דער נייער אַרבעט־צעטיילונג — א נייע צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף קלאַסן. די פאַרמעגנס־אונטערשיידן צווישן די באַזונדערע הויפּטן פון די פאַמיליעס צעשטערן די פאַרצייטיקע קאָמוניסטישע פאַמיליע־געמיינדע אומעטום, ווו זי האָט זיך נאָך איינגעהיט; צוזאַמען דערמיט ווערט אויך פאַרשוווּנדן די געמיינזאַמע ערד־באַאַרבעטונג אויפן כעזשבן פון דער דאָזיקער געמיינדע. די אַקער־ערד ווערט איבערגעגעבן אין באַנוץ צו באַזונדערע פאַמיליעס, צוערשט אויף א געוויסער צייט, נאָכדעם איינמאָל פאַר אלעמאָל... די איינציל־פאַמיליע ווערט דער גרונטיקער ווירטשאַפטלעכער איינס פון דער געזעלשאַפט".

פריער איז די ערד געווען דאָס אייגנטום פונעם שטאַם, פון דער געזעלשאַפט

קיינ איינצלנע פערזאָנ האָט ניט געקאָנט איבער איר באלעבאטעווענ. איצט האָט דאָס פריוואט־אייגנטומ אפ ערד געגעבנ די איינצלנע פערזאָנענ דאָס אומבאגרענעצטע רעכט צו באזיצנ ערד. די ערד איז געוואָרנ א סכוירע, וואָס מע פארקויפט אונ מע פארמאשקנט.

כוצ די רײַכטימער, וואָס באשטייענ אינ שקלאפנ, געלט אונ סכוירעס, איז אנטשטאנענ א רײַכטומ, וואָס באשטייט אינ ערד, וואָס די פארמעגלעכע מענטשנ האָבנ אָנגעהויבנ פארקאפנ קויפנדיק זי אונ געבנדיק געלט אונטערנ מאשקנ פונ ערד. עס זײַנענ אויפגעקומענ גרויסע ערד־אייגנטימער, וואָס פלעגנ פארקנעכטנ די ערדארבעטער.

שוינ אינ פארצײַטיקנ גריכלאנד, זײַנענ די פעלדער געווענ פול מיט אויפשריפטנ, אז דער געגעבענער ערדכיילעק איז פארמאשקנט בא יענעמ אונ יענעמ פאר אזא אונ אזא סומע געלט. די פעלדער, וואָס אפ זיי זײַנענ קיינ אויפשריפטנ ניט געווענ, זײַנענ מערסטנטייל שוינ אריבער אלס אייגנטומ צומ פראָצענטניק פאר ניט באצאָלנ דעמ כויוו.

נאָכ מער איז אויסגעוואקסנ די קאָנצענטרירונג פונ אלע רײַכטימער בא א קליינצאָליקנ קלאס אינ די הענט. נאכ מער האָט זיכ פארגרעסערט די צאָל אומפארמעגלעכע אונ די פאראָרעמונג פונ די מאסנ.

אזוי האָט זיכ ביסלעכווײַז געענדערט אונ איז צעפאלנ די פרימיטיווע קאָמוניסטישע אָרדענונג.

ווו זשע איז דער וואָרצל, ווו איז די גרונט־סיבע פונ די דאָזיקע אלע ענדערונגענ?

די גרונט־סיבע איז די אנטוויקלונג פונ די פראָדוציר־מיטלענ, פונ די פראָדוקטיווע קרעפטנ. פונדאנענ נעמענ זיכ: דער וווּקס פונ דער ארבעט־פראָדוקטיוויטעט, די געזעלשאפטלעכע ארבעט־צעטיילונג, די אנטשטייונג פונ פריוואט־אייגנטומ, די אנטוויקלונג פונ אויסטויש, די אײַנטיילונג פונ דער געזעלשאפט אינ קלאסנ אאוו.

אָט דאָס אלצ האָט טאקע סאָפקאָלסאָפ געבראכט צומ פארבײַטנ די פרימיטיווע קאָמוניסטישע אָרדענונג, וואָס איז געווענ געגרינדעט אפ גלײַכהײַט, אפ געמיינזאמער ארבעט אונ אפנ געזעלשאפטלעכנ אייגנטומ, — מיט אנ אנדער אָרדענונג, וואָס איז געגרינדעט אפ פריוואט־אייגנטומ, אפ דער קלאסנ־צעטיילונג אונ אפ דער עקספלואטאציע פונ איינ מענטש דורכנ אנדערנ.

שקלאפערײַ אונ לײַבאייגנטומ

די ערשטע קלאסנ־דיפערענציאציע אינ דער געשיכטע איז געווענ, ווי מיר געדענקענ, די צעטיילונג פונ דער געזעלשאפט אפ שקלאפנ אונ הארנ. די ערשטע עקספלואטאציע־פאָרמ איז געווענ שקלאפערײַ.

די שקלאפנ־באזיצערישע געזעלשאפט האָט זיכ באזירט אפ דער צוואנג־ארבעט פונ די שקלאפנ. דער שקלאפ איז געווענ מעכוייעוו זײַנ גאנצע ארבעט־צײַט האָרעווענ פארנ האר. די שקלאפנ זײַנענ געווענ דעמ הארס פולשטענדיק אייגנטומ, דער לעבעדיקער אינווענטאר אינ זײַנ ווירטשאפט. מיט ווייער מי האָבנ זיי געשאפנ פארנ שקלאפנ־באזיצערישנ קלאס א קאָלאָסאלע מאסע מערפראָדוקט.

אָבער דעמ שקלאַפס אַרבעט האָט געלוינט דעמ שקלאַפנ־באַזיצער בלויז אַזוי לאַנג, ביזוואַנענ די ווירטשאַפט איז געווענ אויסגערעכנט נאָר פאַרנ אייגענעמ געברויכ, ביזוואַנענ זי איז פאַרבליבנ אַ נאַטוראַלע. אָבער די אַנטוויקלונג פונעמ האַנדל האָט געעפנט אַלצ ברייטערע מעגלעכקייטנ פאַר אָפּזעצנ די פּראָדוקטנ אויפ דער זײַט. דאַנ האָט זיכ אָנגעהויבנ אַרויסווײַזנ, אַז קיינ שומ צוואַנג־מאַסמיטלענ קאָנענ ניט באַוואָרענענ דעמ שקלאַפנ־באַזיצער דעמ געווונטשענעמ צוגוויקס פונעמ מערפּראָדוקט. פאַרנ שקלאַפנ־באַזיצער האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, לוינט מער אײַנצוטיילנ זײַנע מאַיאָנטקעס אויפ דראָבנע כאַלאָקימ און אוועקזעצנ אויפ זיי די פאַמיליעס פונ די שקלאַפנ מיט דעמ, אַז אַ טייל פונ דער ברוטאָ־האַכנאָסע זאָלנ זיי איבערלאָזנ פאַר זיכ און דאָס איבעריקע זאָלנ זיי אָפּגעבנ דעמ „האַר“.

די שקלאַפערײַ איז געוואָרנ עקאָנאָמיש ניט לוינבאַר, זי איז געוואָרנ אַ שטערונג פאַר דער אַנטוויקלונג פונ די פּראָדוקטיווע קרעפטנ פונ דער געזעלשאַפט. אַט דאָס האָט טאַקע געדינט אַלס גרונט־סיבע דערפונ, פאַרוואָס די שקלאַפערײַ איז געפאַלנ. די אויפשטאַנדנ פונ די שקלאַפנ קעגנ די האַרנ האָבנ צעטרייסלט די שקלאַפנ־באַזיצערישע אָרדענונג און האָבנ געבראַכט צו איר אונטערגאַנג.

אַזוי איז געפאַלנ די שקלאַפערײַ. אויפ די רוינעס פונ דער שקלאַפנ־באַזיצערישער געזעלשאַפט איז אויפגעקומענ די לײַבייגנטומ־אָרדענונג.

דער לײַבייגענער איז שוינ ניט קיינ קנעכט. לויטנ געזעץ קאָנ ניט דער באַלעבאָס מאַכנ מיט אימ אַלצ, וואָס אימ געפעלט. ער טאָר אימ, למשל, ניט האַרגענענ. אָבער דאָס איז אויכ נאָכ ניט קיינ פרײַער. דער באַלעבאָס מעג אימ פאַרקויפנ. דער לײַבייגענער איז מעכויעוו אַ טייל צײַט אַרבעטנ פאַרנ „האַר“ אָנ שומ באַלוינונג. די אַרבעט פונעמ לײַבייגענעמ איז פאַרבליבנ אַ צוואַנג־אַרבעט. דאָס לײַבייגנטומ איז געווענ די צווייטע עקספּלואַטאַציע־פאָרמ אינ דער געשיכטע.

אָבער די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פונעמ האַנדל און פונ דער אינדוסטריע האָט געבראַכט דערצו, אַז אויכ די לײַבייגנטומ־ווירטשאַפט, וואָס איז באַזירט אויפ דער צוואַנג־אַרבעט פונ די פּויערימ, איז געוואָרנ עקאָנאָמיש ניט לוינבאַר. די פּריצימ האָבנ אָנגעהויבנ געפינענ גרעסערע נוצנ פאַר זיכ אינ אָפּלאָזנ זייערע פּויערימ אויפ לײַב־געצאָלט („אָבראָק“). דער לײַבייגענער פּויער האָט געמעגט אַרבעטנ ווי ער האָט געוואָלט און וווּ ער האָט געוואָלט. אָבער ער איז געווענ מעכויעוו צו צאָלנ דעמ פּאָרעצ יעדנ יאָר באַשטימטנ לײַב־געצאָלט.

אייניקע פּריצימ האָבנ געהאַלטנ פאַר בעסער אָפּצוגעבנ זייער ערד אינ אַרענדע די פּויערימ. אַנדערע, ווידער, האָבנ אָנערקענט פאַר מער לוינבאַר, אַז די ערד זאָלנ באַאַרבעטנ „פרײַ־געדונגענע“ אַרבעטער. למשל, איינ גוטבאַזיצער אינ מאָסקווער אויעזד פלעגט באַקומענ פונ אַ לײַב־אייגענער פאַמיליע 15 קוואָרט קאָרנ און פונעמ „פרײַ־געדונגענעמ“ אַרבעטער און אַרבעטערנ — 46 קוואָרט. באַ איינ וואָלגער סויכער פלעגט אַ „פרײַ־געדונגענער“ אַרבעטער פאַראַקערנ העכער 9 דעסיאַטינ, און אינעמ שכײַנעסדיקנ פירשטלעכנ מאַיאָנטעק פלעגנ די לײַבייגענע פאַראַקערנ ניט מער, ווי צו 5 דעסיאַטינ אויפ אַ מענטשנ.

עס איז איבעריק צו זאָגנ, אַז דאָס לײַבייגנטומ האָט שטאַרק

פאַרהאַלטנ די אַנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע.

די אַרבעט־קראַפט (די לײַבאײגענע) האָט זיכ געפונענ בא די פּריצימ אינ רעשוס און די פאַבריקאַנטנ האָבנ געמוזט אינ דער סומע אַרבעטלוינ אָפּצאָלנ אויכ דעמ לײַבגעצאָלט דעמ פּאַרעצ פאַרנ לײַבאײגענעמ, וואָס ער האָט אָפּגעלאָזנ אַפּ דער פאַבריק אַרבעטנ. עס פאַרשטייט זיכ, אַז פאַר די פאַבריקאַנטנ איז דאָס געווענ ניט לוינבאַר, און זיי האָבנ געשטרעבט דערצו, אַז דאָס לײַבאײגנטומ־רעכט זאָל אָפּגעשאַפט ווערנ.

אָט דאָס זײַנענ די עקאָנאָמישע סיבעס, וואָס האָבנ געבראַכט דערצו, אַז דאָס לײַבאײגנטומ־רעכט איז געפאַלנ. דאָס לײַבאײגנטומ איז געוואָרנ אַ שטערונג פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פונ די פּראָדוקטיווע קרעפטנ. די פּויערימ־אויפשטאַנדנ קעגנ די לײַבאײגנ־טימער האָבנ צעטרייסלט די לײַבאײגנטומ־אָרדענונג און האָבנ סאָפּקאָלסאָפּ געצוווּנגענ אָפּשאַפנ זי.

מיר וועלנ ווײַטער זענ, וויאַזוי די פּריוואַטע ווירטשאַפט, וואָס איז באַפרײַט געוואָרנ פונ די לײַבאײגנטומ־פּענטעס, האָט געבראַכט צו דער שנעלער אַנטוויקלונג פונ אַ נײַער, דער דריטער אינ דער געשיכטע עקספּלואַטאַציע־פאָרמ — צו דער קאַפּיטאַליסטישער לוינאַרבעט.

די אַנטשטייונג פונ דער מעלוכע

די ענדערונג פונ דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס מיר האָבנ געשילדערט, האָט אַרויסגערופנ אַלצ מער די נייטיקייט פונ אַ שטאַרקער מאַכט.

שוינ די פאַרייניקונג פונ די שוואָטימ אינ פאַרבאַנדנ פאָדערט אַ שטאַרקערע מאַכט, איידער די שטאַמ־עלטסטע און די מיליטער־פירער. די אַנטשטייונג פונ שקלאַ־פערײַ שאַפט די נייטיקייט אינ צוואַנג־אָרגאַנענ, וואָס זאָלנ זײַנ מעסוגל צו האַלטנ אינ אונטערטעניקייט די שקלאַפנ.

מיטנ וווּקס פונ דער אַרבעט־פּראָדוקטיוויטעט און מיט דער אַנטוויקלונג פונעמ אויסטויש ווערנ אַלצ אָפטער די מילכאָמעס, עס בײַט זיכ זייער כאַראַקטער. פריער פלעגנ די שטאַמ־פאַרבאַנדנ, פאַרמערנדיק זיכ און אַריבערוקנדיק זיכ, קעדיי צו זוכנ שפּײַז, קומענ אינ צוזאַמענשטויס איינער מיטנ אַנדערנ צוליב דער טעריטאָריע. איצט האָבנ זיי אָנגעהויבנ האַלטנ מילכאָמע ניט בלויז צוליב דער טעריטאָריע אַפּ צו אַרויס־באַקומענ שפּײַז, נאָר הויפּטזאַכלעכ, קעדיי צו באַראַבעווענ דעמ רײַכנ שאָכנ און באַקומענ פאַר זיכ שקלאַפנ. די מילכאָמע איז געוואָרנ אַ מיטל צו ווערנ רײַכ. די מילכאָמע איז געוואָרנ אַ שטענדיקער געווערב.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די מאַכט פונעמ מיליטער־פירער האָט זיכ פאַר־שטאַרקט, און האָט זיכ פאַרוואַנדלט אינ אַ באַשטענדיקער, און נאָכדעמ אינ אַ ירושע־מאַכט, וואָס האָט קאָנצענטרירט אינ אירע הענט די גאַנצע
פאַרוואַלטונג און האָבנ עקזיסטירט אַפּנ כעזשבנ פונ עקספּלואַטירנ די מאַסנ.
בילדונג פונ אַ באַזונדערנ פּריווילעגירטנ שטאַנד — פונ רײַכע און מעיוכעסדיקע מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ פאַרנומענ מיטנ מיליטער־וועזנ און מיט דער
פאַרוואַלטונג און האָבנ עקזיסטירט אַפּנ כעזשבנ פונ עקספּלואַטירנ די מאַסנ.

די אָפטע מילכאָמעס האָבנ מיטגעווירקט דערצו, אַז די שוואָטימ זאָלנ זיכ פאַר־



די צאריש-פריצישע מעלוכע. (א בילד פונ דער אומלעגאלער צײַטונג
פונ אונדזער פארטיי — „איסקרא”)

רייניקנ אינ גרויסע פארבאנדנ צוליב געמײנזאמער פארטיידיקונג אונ צוליב די געמײנזאמע מיליטערישע אָנפאלנ. די אנטוויקלונג ווידער פונעמ האנדל האט מיטגעווירקט דער דערנעענטערונג פונ די שווארטימ אונ האָט זיי געשטויסנ צו שאפנ שטארקע פארבאנדנ, וואָס זאָלנ זײַנ פייִק צו אָרגאניזירנ די באוואכונג פונ די האנדל-קאראוואנענ אונ די פארטיידיקונג פונ די „רעכט” פונ די האנדללײַט.

א שטארקע מאכט האָט זיכ ארויסגעוויזנ נייטיק אפ אָפהיטנ דאָס פריוואט-אייגנטומ, דאָס רײַכטומ פונ די אייגנטימער, פארפעסטיקנ די פארשיידענע אויפאנימ פונ דערווערבנ פריוואט-אייגנטומ, פארפעסטיקנ זי אלס באזע פונ דער נײַער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, אויסוואָרצלענ די רעשטלעכ פונעמ אור-שפּריגלעכנ קאָמוניסטישנ אייגנטומ, פונ דער אורשפּרינגלעכער שטאמ-אָרדענונג „פאריוביקנ” די אײַנטיילונג פונ דער געזעלשאפט אפ קלאסנ אונ האלטנ אינ אונ-טערטעניקײַט די פארשקלאפטע, עקספּלואטירטע מאסנ.

די ראַזיקע אַלע באַדינגונגענ האָבנ עס געבראַכט צו דעם, אַז אַפ דער טעריטאָריע פונ די גרויסע שוואָטימ־פאַרבאַנדנ איז אַנטשטאַנענ א מעלוכע־מאַכט. די פאַרצייטיקע מעלוכעס פלעגנ פאַרנעמענ א שעטעכ פונ אומגעפער 10 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער מיט א באַפעלקערונג אַנ ערעכ בא 100 טויזנט מענטשנ.

די בורזשואַזע געלערנטע אונ די בורזשואַזע מעשאַרסימ פונעמ לאַגער פונ די פאַלשע סאָציאַליסטנ באַהויפטנ, אַז די מעלוכע־מאַכט שטייט „איבער די קלאַסנ", אַז איר אויפגאַבע איז אָפּהיטנ די אינטערעסנ פונ דער גאַנצער געזעלשאַפט אָנ אונטערשייד פונ קלאַסנ, אויסגלייכנ די קעגנזייצלעכע קלאַסנ־אינטערעסנ, אָפּהיטנ עפעס א העכסטע גערעכטיקייט.

אינדערעמעסנ איז עס קלאַל ניט אַזוי. די מעלוכע־מאַכט איז שטענדיק געווענ א געצייג פונ קלאַסנ־אונטערדריקונג. די מעלוכע איז ניט קיינ אַנדער זאַכ, ווי אַנ אָרגאַנ, א געצייג פונ הערשאַפט פונעמ סאַמע מעכטיקנ קלאַס פונ דער געזעלשאַפט. ענגעלס שרייבט:

„די אַנטיק־מעלוכע * איז געווענ הויפּטזאַכלעכ א מעלוכע פונ שקלאַפנ־אייגנטימער.

אַפ אונטערוואַרפנ די קנעכט, פונקט ווי די פעאָדאַלע; מעלוכע איז דער אָרגאַנ פונעמ אַדל אַפ אונטערוואַרפנ אונ צוימענ די לייביגענע אונ אָפּהענגיקע פויערימ, אונ די היינטצייטיקע פאָרשטייערשאַפטלעכע מעלוכע איז דאָס געצייג פונעמ קאַפּיטאַל אַפ עקספּלואַטירנ די לוינ־אַרבעט".

מאַרקס אונ ענגעלס פאַרבינדנ דירעקט די אַנטשטייונג פונ דער מעלוכע מיט דער איינטיילונג פונ דער געזעלשאַפט אינ קלאַסנ.

די אָנקלאַסנדיקע אורשפּרינגלעכע געזעלשאַפט האָט ניט געוווּסט קיינ שום צוואַנג־מיטלענ, כוץ דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. די ראַזיקע געזעלשאַפט אינגאַנצנ גענומענ איז געווענ א זעלבסטשטענדיקע, באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציע.

פונ דער צייט, זינט די געזעלשאַפט האָט זיכ צעשפּאָלטנ אַפ קלאַסנ, איז אַזאַ אָרגאַניזאַציע געוואָרנ אוממעגלעכ. דער הערשנדיקער קלאַס אָרגאַניזירט א באַזונדערע באַוואָפנטע קראַפט, קעדיי צו האַלטנ אינ צוימ דעמ אונטערדריקטנ קלאַס.

פאַרטייטשנדיק מאַרקסנ אונ ענגעלסנ, שרייבט לענינ:

„די מעלוכע איז א פּראָדוקט אונ אַנטפּלעקונג פונ דער אוממעשאָלעמדיקייט פונ די קלאַסנ־ווידערשפּרוכנ... לויט מאַרקסנ וואָלט די מעלוכע ניט געקאָנט ניט אַנטשטיינ, ניט האַלטנ זיכ, ווענ עס וואָלט מעגלעכ געווענ א שאָלעמ צווישנ די קלאַסנ... לויט מאַרקסנ איז די מעלוכע אַנ אָרגאַנ פונ קלאַסנ־הערשאַפט, אַנ אָרגאַנ, וואָס מיט זיינ הילפ אונטערדריקט איינ קלאַס דעמ אַנדערנ".

דער הערשנדיקער קלאַס שאַפט, אַכוץ א באַזונדערער באַוואָפנטער קראַפט (מיליטער), נאָכ פאַרשיידענע מאַכט־אונ צוואַנג־אָרגאַנענ (טורמעס, גע-

* אַנטיק־מעלוכע — באַטייט אַלטערטימלעכע מעלוכע; פעאָדאַלע — באַטייט לייביגנטומ־מעלוכע; פאָרשטייערשאַפטלעכע — באַטייט מיט אויסגעווײלטע „פאָלק־פאָרשטייער" אינעמ אַזוי גערופענעמ פּאַרלאַמענט. די מערהייט אינ די פּאַרלאַמענטנ האָט שטענדיק די בורזשואַזיע.

ריכט אא.). שווינ אינ דער פארצײַטיקער מעלוכע געפינענ מיר א פּאָליציי, וואָס איז כּפּעציעל צונעפּאסט אפּ אָפּהיטנ די „אינערלעכע אָרדענונג". דער הערשנדיקער קלאס שאפט א צאָלרײַכנ אדמיניסטראטיווג אפּאראט — א גאנצע ארמיי באאמטע, וואָס שטיצט זיכ אפּ א באוואָפּנטער קראפּט. ער באלייגט די באפעלקערונג מיט טשינשנ און שטײַערנ. ער גיט ארויס געזעצנ אפּ באשיצנ זײַנע קלאסנ־אינטערעסנ. די מעלוכע־מאכט ווערט, לויט מארקס אויסדרוק, א „קאָמיטעט, וואָס פארוואלטעט מיט די אינײאָנימ פונעמ הערשנדיקנ קלאס".

מיט דער אנטוויקלונג פונ דער מעלוכע באקומענ די הערשנדיקע קלאסנ די מעגלעכקײַט צו פארשטארקנ אינ א קאָלאָסאלער מאָס די אונטערדריקונג און עקספּלואטאציע פונ די פאָלקס־מאסנ, אָנווענדנדיק דירעקטנ געוואלדטאט „אינ נאָמענ פונ געזעצ" אָדער אָנ יעטווידער געזעצ (לעמאָשל, דאָס אָפּנעמענ די פּראָדוציר־מיטלענ פאר כויווס, אָדער די גרויסע ערדבאזיצער נעמענ אָפּ די ערד בא די קליינע אדג.). און די העכערונג פונ דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט, די ברייטע אנטוויקלונג פונעמ האנדל, די אנטוויקלונג פונ נײַע אָפּזאצ־מערק, די אנטדעקונג און דעראָבערונג פונ גאנצע לענדער (אמעריקע) סטימולירנ אלץ מער צו אנטוויקלענ די פּראָדוקציע, רופנ ארויס בא די רײַכע קלאסנ אנ אומדערזעטלעכנ דאָרשט רײַכ צו ווערנ.

קלאסנקאמפ

ביז איצט האָבנ מיר אינ אונדזער שמועס קלאָר געמאכט, וויאַזוי עס אנטוויקלענ זיכ די פּראָדוקטיווע קרעפטנ פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט און וויאַזוי די דאָזיקע אנטוויקלונג ברענגט אומפארמײַדלעכ צו דער ענדערונג פונ דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג.

איצט דארפנ מיר קלאָר מאכנ, וויאַזוי, אייגנטלעכ, קומט פאָר די דאָזיקע ענדערונגענ פונ דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג.

די פאלשע סאָציאַליסטנ, די פארעטער פונ דער ארבעטער־זאכ טײַטשנ אויס די לערע פונ מארקס—ענגעלס, לענינ—סטאלינ אזוי, אז די ענדערונג פונ דער געזעלשאפטלעכער אײַנאָרדענונג קומט אָנ פונ זיכ אליינ, מעכאניש, אָנ קאמפ. אזא אויסטײַטשונג פארקריפּלט אינ גרונט דעמ מארקסיזמ—לענינизמ. זי נעמט ארויס פונ אימ דעמ רעוואָליוציאָנערנ אינהאלט. אזא אויסטײַטשונג פירט צו מאכנ שאָלעמ מיטנ הערשנדיקנ קלאס. זי ווערט פארשפרייט דורכ די בורזשואזע מעשאָרסימ און ווערט גערנ אונטערשטיצט פונ דער בורזשואזיע.

מארקס, ענגעלס און לענינ האָבנ ענערגיש געקעמפט קעגנ אזא קאָנטררעוואָליוציאָנערער פארקריפּלונג פונ זייער לערע. באזונדער סטאלינ זעצט אנטשיידנ פאָר דעמ דאָזיקנ קאמפ.

דער מארקסיזמ—לענינизמ מאכט, ערשטנס, קלאָר די סיבעס, וואָס רופנ ארויס די נייטיקײַט צו ענדערנ די געזעלשאפטלעכע אײַנאָרדענונג.

דער מארקסיזמ—לענינизמ, באווײַזט צווייטנס, וויאַזוי אינ דער געזעלשאפט ווערט רײַפ יענע מענטשנ־קראפט, יענער קלאס,

װעלכער קעמפט פאר פארװירקלעכנ די נײע געזעלשאפט־לעכע ארדענונג.

דער מארקסיזמ—לענינױזמ לערנט, דריטנס, װי אזױ דער נײער קלאס דארפ פירנ דעמ קאמפ פאר זײנ באפרײונג.

דער מארקסיזמ—לענינױזמ איז א רעװאלוציאנערע לערע, װאס גיט דעמ פראלעטאריאט אינ די הענט דאס שארפסטע קאמפ־געװער קעגנ דער בורזשואזיע.

מיר האבנ שוינ גערעדט װעגנ דער אײנטײלונג פונ דער געזעלשאפט אינ קלאסנ, בא פארשײדענע קלאסנ זײנענ די אינטערעסנ פארשײדענע, פײנטלעכע, דירעקט קעגנזעצלעכע. לאמיר נעמענ די שקלאפנ אונ שקלאפנ־באזיצער. צי קאנ מענ דענ שאלעמ מאכנ צװישנ די אינטערעסנ פונ די דאזיקע קלאסנ? עס לאזט זיכ אױכ ניט מאכנ שאלעמ צװישנ די קלאסנ־אינטערעסנ פונ די לײבײגענע אונ פריצימ. דירעקט קעגנזעצלעכ אונ אומבעשאלעמדיק פײנטלעכ זײנענ די אינטערעסנ פונ די צװײ גרונט־קלאסנ פונ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט — פונעמ פראלעטאריאט אונ פונ דער בורזשואזיע.

מיט דער ערשטער אײנטײלונג פונ דער געזעלשאפט אינ קלאסנ, מיט דער אנטשטײונג פונ דער שקלאפערײ האט זיכ אנגעהױבנ א קאמפ צװישנ די קלאסנ. די געשיכטע פונ דער מענטשהײט איז געװארנ די געשיכטע פונעמ אנױפהערלעכנ קלאסנקאמפ, די געשיכטע פונ דעמ, װי אײנע קלאסנ װערנ דערהױבנ, װי אנדערע גײענ אונטער, די געשיכטע פונ דעמ, װי אײנ קלאס װארפט אפ א רעװאלוציאנערנ אופנ אראפ דעמ צװײטנ. יעדער קלאס קעמפט פאר אזא געזעלשאפטלעכער ארדענונג, װאס אנטשפרעכט אמבעסטנ זײנע קלאסנ־אינטערעסנ.

אינ דער פארצײטיקער געזעלשאפט איז געגאנגענ אנ אנױפהערלעכער קאמפ פונ די שקלאפנ קעגנ די שקלאפ־באזיצער. דער סאמע אנגעזעענער איז געװענ דער אופשטאנד פונ די שקלאפנ אינ דער פארצײטיקער רױמישער מעליכע, מיט העכער 2000 יאר צוריק, אונטער ספארטאקוס אנפירונג. ספארטאקוס האט זיכ אײנגעגעבנ צו פאראײניקנ צענדליקער טױזנטער שקלאפנ. ער האט צעקלאפט א גאנצע רײ פונ די בעסטע רױמישע מיליטער־פירער אונ האט אנגעיאגט א שרעק אפנ קלאס שקלאפנ־באזיצער. ספארטאק האט זיכ געהאלטנ דרײ יאר. דער אופשטאנד איז אונטערגעדריקט געװארנ מיט קאלאסאלער אנשטרענגונג אונ מיט בעסטיאלער אכזאריעס. 6000 שקלאפנ האט מענ געקרײציקט לענגױס די װעגנ.

אינ דער לײב־אײגנטומ־געזעלשאפט איז געגאנגענ א ניט װײניקער אקשאנעדיקער קלאסנקאמפ צװישנ די לײבײגענע פױערימ אונ די פריצימ. למשל, אינעמ 16־טנ יארהונדערט האבנ די פױערשע מילכאמעס קעגנ די גוטבאזיצער ארומגעכאפט קימאט גאנצ דײטשלאנד. די אופגעשטאנענע האבנ פארמולירט זײערע פאדערונגענ אינ 12 ארטיקלענ אונטערנ נאמענ:

„די גרינטלעכע אונ עמעסע הױפטפונקטנ, אינ װעלכע עס האלטנ זיכ פאר באװולט אלע פױערימ; אונ דארפישע ארבעטער פונ די גײסטלעכע אונ װעלטלעכע הערשער".

„די גרינטלעכע אונ עמעסע הױפטפונקטנ, אינ װעלכע עס דאס לײבאײגנטומ־רעכט, פארניכטנ די סאמע באלעסטיקנדיקע פליכטנ, אפשאפנ די סאמע ניט יױשערדיקע פריװילעגיעס פונעמ אדל.

די גוטבאזיצער האָבנ ארויסגעוויזנ אנ אכזאָריעסדיקנ ווידערשטאנד דעמ פויערשנ אופשטאנד. די אופגעשטאנענע האָבנ גענומענ אונטערצינדנ די פריצישע שלעסער אונ פארניכטנ די גוטבאזיצער. דער אופשטאנד איז אונטערדריקט געוואָרנ ערשט דורכ די פאראייניקטע אָנשטרענגונגענ פונ די העמלטיקע דראָבנע דײַטשישע מעלוכעס מיט דער הילפ פונ אזוינע מאָסמיטלענ, ווי פארוויסטנ גאנצע געגנטנ.

בא אונדז אינ רוסלאנד האָט דעמ גרעסטנ דערפאָלג געהאט דער פויערשער אופשטאנד אונטער דער אָנפירונג פונעמ פויער־קאזאק יעמעליאנ איוואנאָוויטש פוגאטשאָוו אינ 18-טנ יאָרהונדערט. ער האָט ארומגעכאפט גאנצ דאָרעמ־מיזרעכ רוסלאנד ביז קאזאנ, פערמ, יעקאטערינבורג. די אופשטענדלער האָבנ געצונדנ די פריצישע הויפנ, אויסגעראָטנ די פריצימ, פלעגנ אָפשאפנ דאָס לײַביגנטומ־רעכט אינ די פארכאפטע אויעזדנ אונ גובערניעס. א גאנצע ריי שטעט האָבנ זיכ געפונענ בא זיי אינ די הענט. פוגאטשאָוו האָט גענומענ קאזאנ אונ האָט צעקלאפט א סאכ צארישע גענעראלנ.

אינ זײַנ מאניפעסט האָט פוגאטשאָוו באפרײַט די פויערימ פונ לײַביגנטומ־אָפהענגיקײַט, „פונ רעקרוטירונגענ, פונ קאָפ־שטײַערנ אונ אנדערע געלט־טשינשנ", „פונ אלע טשינשנ אונ באלעסטיקונגענ, וואָס די ראָצכימ־אדעליקע, די שטאָטישע כאבארניקעס אונ ריכטער האָבנ פריִער ארופגעלייגט אפ די פויערימ אונ אפנ גאנצנ פאָלק".

דער מאניפעסט האָט „געשענקט" די פויערימ „ערד, וואלד־אונ היישניט־גיטער, פישפאנגערײַענ, זאלצ אָזערעס אָנ אויסקויפ אונ אָנ לײַבגעצאָלט".

צו פוגאטשאָוונ האָבנ זיכ פאראייניקט ניט בלויז די פויערימ, נאָר אויכ די ארבעטער פונ די אוראלער גורזאוואָדנ, ווי אויכ די נאָמאדישע פעלקער — די באשקירנ, קירגיזנ, קאלמיקנ. די אוראלער ארבעטער האָבנ באזאָרגט די אופגעשטאנענע מיט הארמאטנ, קוילנ, פולווער אונ האָבנ געגעבנ פוגאטשאָוונ געניטע ארטילעריסטנ.

דער אופשטאנד איז מיט אויסערגעוויינלעכער אכזאָריעס אונטערדריקט געוואָרנ ערשט נאָכ דרײַ יאָר קאמפ.

אינ 1775 יאָר האָט מענ פוגאטשאָוונ געבראכט צו פירנ אינ א שטײַג קיינ מאָסקווע אונ מע האָט אימ געפערטלט אפנ באָלאָטנע־פלאצ. דאָס „פערטלענ" איז געווענ א באזונדערס אכזאָריעסדיקע שטראָפ: מע פלעגט אָפהאקנ צוערשט די הענט, די פיס אונ נאָכדעמ ערשט דעמ קאָפ. דער טאליענ האָט אלפיטאָעס אָפגעהאקט פוגאטשאָוונ צוערשט דעמ קאָפ.

וועגנ פוגאטשאָוומ אופשטאנד שרײַבט אונדזער בעסטער היסטאָריקער־קאָמוניסט מ. נ. פאָקראָווסקי:

„דער גרויסער פויערשער אופשטאנד איז געווענ דער ערשטער אופשטאנד פונ אלע אונטערדריקטע אינ צארישנ רוסלאנד — אונ פוגאטשאָוומ מאניפעסטנ צו די קירגיזנ, באשקירנ, קאלמיקנ זײַנענ געווענ דער מאָרגנשטערנ פונ באפרײַונג פאר די ניט־רוסישע פעלקערשאפטנ, וואָס איז פארגעקומענ פאר אונדז אינ די אויגנ. אונ דער געמיינזאמער קאמפ פונ די אוראלער בארג־ארבעטער אונ פויערימ דערמאָנט אונדז יענעמ פאָליטישנ צוזאמענשלוס פונעמ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ, וואָס האָט אינ די זעלבע ערטער אינ 1919 יאָר אונדז געהאָלפנ אָפשלאָגנ אונ צעקלאפנ קאָלטשאקנ".

די אופשטאנדנ פונ די שקלאפנ אונ לײַביגענע האָבנ ניט געבראכט דירעקט

צום ניצאָכן, אָבער זיי האָבן צעטרייסלט די שקלאַפן־באַזיצערישע, די לײַבאייגנטימערישע אָרדענונג און האָבן געדינט אַלס איינע פון די וויכטיקסטע סיבעס פון אָפּשאַפן די שקלאַפערײַ און דאָס לײַבאייגנטום.

די בורזשואַזיע איז געקומען צו דער הערשאַפט דורך אַן אַכזאָריעסדיקן קלאַסנקאַמף קעגן דעם אַדל.

אין ענגלאַנד איז אין 1640 יאָר פאָרגעקומען אַ בורזשואַזע רעוואָלוציע, וואָס האָט געדויערט אַ ריי יאָרן. אין 1649 יאָר איז געקעפּט געוואָרן דער ענגלישער קיניג קאַרל דער ערשטער.

אין פראַנקרײַך איז פאָרגעקומען אַ בורזשואַזע רעוואָלוציע אין 1789 יאָר און האָט אויך געדויערט אַ גאַנצע ריי יאָרן. די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט אָרגאַניזירט אַן אַכזאָריעסדיקן טעראָר* קעגן דעם אַדל. באַצאָלט מיט זײַן קאָפּ האָט אויך דער פראַנצויזישער קיניג לודאָוויק דער 16־טער: מע האָט אים געקעפּט עפנטלעך מיט דער הילף פון אַ גיליאָטינע (אַ ספּעציעלע מאַשין, מיט וועלכער מע פלעגט אַראָפּהאַקן די קעפּ די קאָנטררעוואָלוציאָנערן).

סאָף 18־טן און אין דער ערשטער העלפט 19־טן יאָרהונדערט איז דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע תקופה בורזשואַזע רעוואָלוציעס אין אַ ריי לענדער.

דער קלאַסנקאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזיע הייבט זיך אָן מיט דער אַנטשטייונג פונעם קאַפּיטאַליזם. אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט דער אַרבעטער־קלאַס קעסיידער געפירט און פירט אַ קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטן. באַזונדערע עקאָנאָמישע שטרײַקן וואַקסן זיך ניט־זעלטן פאַנאַנדער אין אַן אַלגעמיינעם שטרײַק, די שטרײַקער שטעלן אַרויס פּאָליטישע פאָדערונגען, די שטרײַקן גייען אַריבער אין באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן און אויפשטאַנדן.

אין 1871 יאָר האָבן די אַרבעטער פון פּאַריזש, דער הויפּטשטאָט פון פראַנקרײַך פאַרכאַפּט די מאַכט און האָבן באַוויזן אײַנצוהאַלטן זי אין פאַרלויף פון 2 מיט אַ האַלבן כוידעש.

אין 20־טן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס. אין 1917 יאָר איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. אין 1919 יאָר זײַנען פּראָקלאַמירט געוואָרן אין אונגאַרן און אין בײַערן ראַטן־רעפּובליקן, וואָס האָבן עקזיסטירט עטלעכע כאַדאָשים.

די אַרבעטער און אַרבעטנדיקע פּויערים פונעם געוועזענעם רוסלאַנד האָבן אין פאַרלויף פון העכער 3 יאָר געפירט דעם סאַמע פאַרביסענעם בירגערקריג, קעדיי צו אונטערדריקן דעם ווידערשטאַנד פון די פּריצים און פון דער בורזשואַזיע, וואָס זיי צו הילף איז געקומען די וועלט־בורזשואַזיע.

דער פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן איז אַרויס אַ זיגער פון דעם דאָזיקן קאַמף און איז געוואָרן דער זײַל פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג אין אַלע לענדער.

דער קלאַסנקאַמף אין ראַטנפאַרבאַנד ווערט פאָרגעזעצט אין אַן אַנדער פאָרם,

---

* טעראָר באַטײַט אָנשרעקונג. דאָס באַנוצן די סאַמע אַכזאָריעסדיקע מאָסמיטלען ביז טויט־שטראָף און מאַסעווע צעשיסונגען.

יעמעליאנ פוגאטשאָוו מישפּעט די פּריצימ

מיט אנדערע מיטלענ. דער פּראָלעטאריאט, וואָס שטייט איצט בא דער מאכט, ליקווידירט די לעצטע רעשטלעכ קאפּיטאליסטישע קלאסנ, אונטערדריקט ענערגיש זייער ווידערשטאנד.

אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער ווערט אלצ מער פארשארפט דער קלאסנקאמפ פונעמ פּראָלעטאריאט קעגנ דער בורזשואזיע פאר דער מאכט, פארנ ניצחונ פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע.

דער גרונט־געזעצ פונ דער אנטוויקלונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט

איצט וועלנ מיר אונטערציענ די סאכאקלענ, מיר וועלנ מאכנ די אויספירנ פונ אונדזער קורצנ היסטארישנ איבערזיכט.

אינ וואָס באשטייט דער טאָכ פונ דער לערע פונ מארקס—ענגעלס, לענינ—סטאלינ וועגנ דער אנטוויקלונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט?

די געשיכטע באווײַזט אונדז, אז די פּראָדוציר־מיטלענ אינ דער מענטשלעכער געזעלשאפט ענדערנ זיכ, אנטוויקלענ זיכ אָנ אויפהער אונ אומפארמײַדלעכ. אינ קאמפ קעגנ דער נאטור פארפולקומט דער מענטש די גאנצע צײַט זײַנע געצײַג, דערפינדעט נײַע.

צוזאמענ מיט דער קעסיידערדיקער אנטוויקלונג פונ די פּראָדוציר־מיטלענ ווערט דער מענטש אלצ שטארקער אינ קאמפ קעגנ די נאטור־קרעפטנ, דעמ מענטשנס ארבעט ווערט פּראָדוקטיווער, די באפעלקערונג פארגרעסערט זיכ שנעלער. מיט איינ וואָרט, די פּראָדוקטיווע קרעפטנ פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט אנטוויקלענ זיכ קעסיידער, זיי וואקסנ אויפ.

די פּראָדוצירונג פונ מאטעריעלע ווערטנ, די אנטוויקלונג פונ די פּראָדוציר־מיט־



די אופגעשטאנענע באפעלקערונג פונ פאריזש (פראנקרייכ)
נעמט דעמ 14־טנ יולי 1789 יאָר די פעסטונג באסטיליע

לענ, פונ די פראָדוקטיווע קרעפטנ בילדעט עס די באזע פאר דער אנטוויק־לונג פונ יעטווידער מענטשלעכער געזעלשאפט.

אָפּהענגיק פונ דער אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיווע קרעפטנ ענדערנ זיכ אויכ די פראָדוציר־פארהעלטענישנ אונ צוזאמענ מיט זיי ענדערט זיכ אויכ די גאנצע איינאָרדענונג פונ דער געזעלשאפט.

אפ אזא אויפנ איז דער וויסנשאפטלעכער סאָציאליזמ פונ מארקס—ענגעלס, לע־נינ—סטאלינ א מאטעריאליסטישע לערע. זי געפינט אינ דער פראָדוצי־רונג פונ מאטעריעלע ווערטנ די טרייב־שינעס פונ דער אנטוויקלונג פונ דער געזעלשאפט, די סיבעס פונ די ענדערונגענ פונ דער געזעלשאפטלעכער אָר־דענונג. ענגעלס שרייבט:

„דער מאטעריאליסטישער באנעמ פונ דער געשיכטע באזירט זיכ אפ דע־האנאכע, אז די פראָדוצירונג, אונ נאָכ דער פראָדוצירונג אויכ דער אויסטויש פונ די פראָדוקטנ דינענ פאר א באזע פונ יעטווידער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג... פונדאנענ איז געדרונגענ, אז די גרונט־סיבעס פונ די סאָציאלע איבערקערענישנ דארפ מענ זוכנ ניט אינ די קעפ פונ די מענטשנ... נאָר אינ דער ענדערונג פונעמ פראָדוציר־אונ אויסטוישאויפנ".

די מארקסיסטישע וויסנשאפט האָט פעסטגעשטעלט פאָלגנדיקע גרונט־געזעצ פונ דער געשיכטע:

די אנטוויקלונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט איז

אפהענגיק פונ דער אנטוויקלונג פונ אירע פראָדוציר-מיטלענ, פונ אירע פראָדוקטיווע קרעפטנ. די פראָדוקטיווע קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט, וואָס אנטוויקלענ זיכ, רופנ אומפארמיידלעכ ארויס די נויטווענדיקייט פונ אנ ענדערונג פאר דער אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיווע קרעפטנ מיט אויכ פונ דער גאנצער געזעלשאפטלעכער איינאָרדענונג. די אלטע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג ווערט א שטערונג פאר דער אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט. די עקזיסטענצ פונ דער דאָזיקער אָרדענונג שטעלט זיכ אינ קעגנזאצ צו די אינטערעסנ פונעמ נייעמ קלאס, וואָס איז אנטשטאנענ אינ דער געזעלשאפט. באפקאָלסאָפ הייבט זיכ אופ דער אונטערדריקטער קלאס אונ ווארפט אראָפ מיט געוואלט די מאכט פונעמ הערשנדיקנ קלאס, אָרגאניזירט זיינ אייגענע מאכט, שאפט א נייע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג, נייע פראָדוציר-פארהעלטענישנ, וואָס גיבנ א מעכטיקנ שטויס דער אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיווע קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט.

אָט דאָס איז די הויפט-און גרונטהאנאָכע פונעמ מאטעריאליסטישנ באנעמ פונ דער געשיכטע, וואָס מארקס אונ ענגעלס האָבנ פאנאנדערגעארבעט. אפ דער דאָזיקער האנאָכע טאקע באזירט זיכ די מויערפעסטע וויסנשאפטלעכע זיכערקייט פונ די מארקסיסטנ-לענינצעס, פונ די קאָמוניסטנ, ניט בלויז אינ דער מע-לעכקייט, ניט בלויז אינ דער נייטיקייט, נאָר אויכ אינ דער אבסאָליוטער אומפארמיידלעכקייט דערפונ, אז די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט וועט פארניכטעט ווערנ אונ וועט פארביטנ ווערנ מיט דער סאָציאליסטישער אָרדענונג.

דערצו זיינענ נייטיק בלויז די באוווּסטזיניקע, אָרגאניזירטע אָנשטרענגונגענ פונעמ ארבעטער-קלאס אונ פונ אלע ארבעטנדיקע, — אָנשטרענגונגענ, וואָס זיינענ געצילט אפ אראָפווארפנ די מאכט פונ דער בורזשואזיע, שאפנ אנ אייגענע מאכט אונ אָרגאניזירנ א סאָציאליסטישע געזעלשאפט.



צווייטער טייל

ווי אזוי איז אנטשטאנענ דער קאפיטאליזמ אונ צו וואָס האָט געבראַכט זײַנ אנטוויקלונג

די אנטשטייונג פונ קאפיטאליזמ

מיר וויסנ, אז ביז דער אנטשטייונג פונ קאפיטאליזמ איז די איבערוועגנדיקע מאסע באפעלקערונג באשטאנענ פונ *קליינע פריוואטע פראָדוצירער*, וואָס האָבנ געהאט זייערע אייגענע פראָדוציר־מיטלענ.

„אינ דאָרפ, — זאָגט ענגעלס, — האָט געהערשט די ערד־ארבעט פונ די קליינע, פרײַע אָדער לײַביגענע פויערימ, אינ די שטעט — די האנטווערקערײַ. די ארבעט־געצייג — די ערד, די לאנדווירטשאפטלעכע געצײַג, די ווארשטאטנ אונ אינסטרומענטנ פונ די האנטווערקער — זײַנענ געווענ ארבעט־געצײַג פונ באזונדערע פערזאָנענ, זײַנענ געווענ אויסגערעכנט בלויז אפנ אינדיווידועלנ געברויכ אונ האָבנ בעמייל געמוזט פארבלײַבנ קליינע, ניט פארפולקומטע, באגרענעצטע. אָבער דערפאר טאקע האָבנ זיי געהערט די פראָדוצירער גופא".

לוינארבעט פלעגט זיכ טרעפנ בלויז אלס אויסנאמ. אָנדינגענ זיכ אפ טאָג־ארבעט צײַטווײַליק פלעגנ בלויז איינצלנע פראָדוצירער. זיי פלעגנ אײַנהיטנ זייער שטיקל ערד, זייער פראָדוקציע.

די פראָדוקטנ פונ דער ארבעט זײַנענ, נאטירלעכ, געווענ דאָס אייגנטומ פונ די באזיצער פונ די פראָדוציר־מיטלענ, וואָס זײַנענ אינ דער זעלבער צײַט געווענ די פראָדוצירער. די פראָדוקציע איז קוידעמקאָל געפירט געוואָרנ אפ באפרידיקנ די באדערפענישנ פונ די פראָדוצירער גופא אונ פונ זייערע פאמיליעס. אינ דאָרפ זײַנענ די לײַביגענע פויערימ געווענ געצווונגענ צו באפרידיקנ מיט זייער מי אויכ די באדערפענישנ פונ די פריצימ. אינ פארקויפ פלעגנ אָנקומענ בלויז די מויסרעס לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטנ. אינ די שטעט פלעגנ די באלמעלאָכעס ארבעטנ, פארשטייט זיכ, פארנ פארקויפ. אָבער אויכ זיי האָבנ געהאט זייערע גערטנער, זייערע בעהיימעס, פלעגנ אליינ פראָדוצירנ דעמ גרעסטנ טייל זאכנ, וואָס זײַנענ

זיי געווענ נייטיק. דער אויסטויש, דער האנדל זײַנענ נאָכ פארהעלטניסמעסיק שוואכ געווענ אנטוויקלט.

אָבער אינ אזאַ געזעלשאפט פונ אײַנפאכע סכוירעפּראָדוצירער האָט שוינ, ווי מיר געדענקענ, עקזיסטירט די אײַנטיילונג אפ קלאסנ, די דיפערענציאציע אפ רײַכע אונ אָרעמע. די אנטוויקלונג פונעמ האנדל האָט באַזונדערכ מיטגעווירקט דער אָנזאמלונג פונ רײַכטימער אינ די הענט פונ די ניט צאָלרײַכע קלאסנ אונ דער פארארעמונג פונ ארבעטנדיקע מאסנ.

די אנטשטייונג פונעמ קאפּיטאליזמ באציט זיכ צומ 16־טנ יאָרהונדערט.

דער קאפּיטאליסט־אונטערנעמער דערשײַנט צוערשט אלס אזא, וואָס צעגיט די קליינע פּראָדוצירער די ארבעט אהיימ. די האנטווערקער, די קוסטארנ ארבעטנ מיט זייער אייגענעמ געצײַג פונעמ קאפּיטאליסטס מאטעריאל אונ זיי ליפערנ אימ אפּ א פארטיקנ פּראָדוקט.

דאָס איז די ערשטע אנטוויקלונג־שטופע פונעמ קאפּיטאליזמ, די אזוי־גערופענע הויז־סיסטעמ פונ דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע. בא איר האָט נאָכ דער פּראָדוצירער דאָס אויסזענ פונ א זעלבשטענדיקנ, אינ דערווירקלעכקײַט אָבער פאלט ער ארײַנ אינ א הארבער קנעכטשאפט צומ אונטערנעמער־קאפּיטאליסט, וואָס באקומט פונ זײַנ ארבעט קאָלאָסאלע פּראָפיטנ.

ווײַטער קלײַבט צונויפ דער קאפּיטאליסט די צערוינירטע קליינע פּראָדוצירער אינ זײַנ לאָקאל אונ שטעלט אוועק זײַנע פּראָדוציר־געצײַג.

אזוי אנטשטייט די גרויסע אינדוסטריעלע פּראָדוקציע, וואָס באזירט זיכ אפּ האנט־ארבעט, — די מאנופאקטור. דאָס איז די צווייטע אנטוויקלונג־שטופע פונ דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע.

די ערשטע צײַט פארבלײַבנ אינ דער מאנופאקטור די זעלבע ניט קאָמפּליצירטע פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס בא די קליינע זעלבשטענדיקע פּראָדוצירער. דער אונטערשייד באשטייט בלויז אינ דעמ, וואָס זיי זײַנענ צונויפגעזאמלט אינ א גרויסער צאָל אונ אינ דעמ, וואָס אינ דער מאנופאקטור ווערט אײַנגעפירט די טעכנישע ארבעט־צעטיילונג, ד. ה. די אויסארבעטונג פונ דער זאכ ווערט אײַנגעטיילט אינ באזונדערע קליינע ארבעטנ, וועלכע עס פילנ אויס א כאכ ארבעטער גלײַכצײַטיק. דאָס העכערט באדײַטנדיק די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט אונ פארגרעסערט דערמיט גופע די פּראָפיטנ פונעמ קאפּיטאליסט.

צוליב דער העכערער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט אונ אנדערע מײַלעס פונ דער גרויסער פּראָדוקציע, איז דער קערנקאָסט פונ דער פּראָדוקציע באמ קאפּיטאליסט נידעריקער, איידער באמ קליינעמ פּראָדוצירער. פארקויפט אָבער ווערנ די פּראָדוקטנ סײַ דעמס סײַ יענעמס אפּ איינע אונ די זעלבע מערק לויט אומגעפער די זעלבע פּרײַזנ. אזוי־ארומ, ווײַזט זיכ דער קליינער פּראָדוצירער ארויס אינ אנ ערגערער לאגע אינ פארגלײַכ מיטנ קאפּיטאליסט. די קליינע פּראָדוצירער האלטנ ניט אויס די קאָנקורענצ פונ די קאפּיטאליסטנ, א סאכ פונ זיי ווערנ צערוינירט.

נאָר אָט ווערט אינ ענגלאנד אינ 1765 יאָר דערפונדנ א דאמפּ־מאשינ אונ נאָכ איר — א מאסע אלערליי מאשינעס.

„אָנשטאָט דער שפּינראָד, דעמ האנט־וועבשטול, דעמ שמיד־האמער, — זאָגט ענגעלס, — האָבנ זיכ באוויזנ שפּינערײַ־מאשינעס, מעכאנישע וועב־

שטולנ, דער דאמפהאמער; אָנשטאָט די קלײנינקע װארשטאטנ — קאָלאָ־סאלע פאבריקנ, װאָס פאָדערנ די פארײניקטע ארבעט פונ הונדערטער אונ טױזנטער ארבעטער“.

די דערפינדונג פונ מאשינעס האָט געגעבנ א נײעמ שטױס צו דער פארשפרײטונג פונ דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע, צו דער אנטװיקלונג פונעמ קאפיטאליזמ. די ארבעט־פראָדוקטיװקײט װאקסט אױס אינ צענדליקער, הונדערטער אונ טױזנטער מאָל. דער שוסטער, למשל, ארבעט אױס אײנ פאָר שטיװל פאר א גאנצנ טאָג, אונ די אױסארבעטונג פונ דער זעלבער פאָר מיט א מאשינ פאָדערט סאכאקל א פערטל שאָ. די האנט־שטריקערנ מאכט 1500 אױגלעכ א שאָ, אונ אפ דער שטריק־מאשינ שטײגט די פראָדוקטיװקײט אינ 2—3 טױזנט מאָל. אפ אַנ אײנפאכער דרײבאנק ארבעט אױס אנ ארבעטער 10—15 שרױפנ א טאָג, אונ א מאשינ־אױטאָמאט מאכט זײ פונ 3000 ביז 5000 א שאָ.

די צערוינירונג פונ די קלײנע זעלבשטענדיקע פראָדוצירער װערט פארשטארקט אינ א קאָלאָסאלער מאָס. זײערע פראָדוציר־מיטלענ, זײערע פראָדוקטנ װערנ אלצ מער אנטװערטעט אונ פאר זײ בלײבט קײנ אנדער ברײרע ניט, װי מאסנװײז אָנצופילנ די רײענ פונ די לױנארבעטער.

אזױ װערט געשאפנ די הײנטצײטיקע גרױסע אינדוסטריע מיט אירע גיגאנטישע פאבריקנ אונ זאװאָדנ, װאָס פארײניקנ אונטער אײנ דאכ טױזנטער אונ צענדליקער טױזנטער ארבעטער.

די ראָליע פונ געװאלדטאט אינ דער אנטשטײונג אונ אנטװיקלונג פונ קאפיטאליזמ

דער קאפיטאליסט קאָנ אָרגאניזירנ זײנ אונטערנעמונג בלױז אינ דעמ פאל, װענ ער געפינט די מענטשנ, װאָס פארקױפנ זײער ארבעט־קראפט. פאר דער אנטװיקלונג פונעמ קאפיטאליזמ איז נײטיק, עס זאָל זײנ די אזױגערופענע „פרײע ארבעט־קראפט“, ד. ה. ס'זאָלנ זײנ ארבעטער, װאָס זאָלנ קאָנענ אונ זײנ געצװונגענ פאר געצאָלט פארדינגענ זיכ דעמ קאפיטאליסט.

דאָס פאלנ פונעמ לײבײגנטומ־רעכט האָט באפרײט די פױערימ פונ דער פערזענלעכער אָפהענגיקײט. עס פארשטײט זיכ אָבער, אז דער פערזענלעכ פרײער פראָדוצירער װעט ניט גײנ ארבעטנ פאר געצאָלט אינ א פרעמדער װירטשאפט, אױב בא אימ איז פאראנ זײנ אײגענע. עס איז נײטיק, אז ער זאָל זײנ געצװונגענ דערצו. עס איז נײטיק, אז עס זאָל נאָכ פארקומענ זײנ „באפרײונג“ פונ די אײגענע פראָדוציר־מיטלענ. עס איז נײטיק די פארװאנדלונג פונ די זעלבשטענדיקע קלײנע פראָדוצירער אינ פראָלעטאריער, װאָס האָבנ גאָרניט, כוץ זײער ארבעט־קראפט.

די גאלאָכימ, די קאפיטאליסטנ, די בורזשואזע געלערנטע פרואװנ זיכ אפ זײער שטײנער דערקלערנ די דאָזיקע פארװאנדלונג. מארקס גיט אָבער זײער דערקלערונג אינ אזױנע װערטער:

„פארצײטנ האָט עקזיסטירט, פונ אײנ זײט, א הײפל ארבעטזאמע, פארנינפטיקע אונ קוידעמקאָל שפאָרזאמע אױסדערװײלטע, אונ, פונ דער צװײטער זײט, — א מאסע פוליאקעס, אָפגעריסענע, װאָס האָבנ פארהולטײ־

וועט אלצ, וואָס בא זיי איז געווענ, אונ אפילע מער פונ דעם. אזוי האָט פּאַסירט, אַז די ערשטע האָבנ אָנגעזאַמלט רײַכטימער אונ בא די לעצטע איז סאָפקאָלסאָפ גאָרניט געבליבנ צו פאַרקויפנ, כוצ זייער אייגענער פעל. פונ דאַנ אָנ עקזיסטירט א ברייטע מאַסע אָרעמשאַפט, וואָס, ניט געקוקט אַפ איר גאַנצער האָרעוואַניע, האָט זי נאָכ אַלצ ניט וואָס צו פאַרקויפנ, כוצ זיכ אליינ, אונ א הייפעלע גווירימ, וואָס זייער רײַכקייט האַלט אינ איינ וואַקסנ, האַגאַמ זיי האָבנ שוינ גאָר לאַנג אויפגעהערט צו אַרבעטנ".

דאָס זיינענ „אומגעלומפּערטע קינדערשע באָבעמייסעס" — באַמערקט מאַרקס. „ווי באַוווסט, שפּילנ אינ דער ווירקלעכער געשיכטע די גרעסטע ראָליע די דעראָבערונג, פאַרקנעכטונג, רויבערײַ, — מיט איינ וואָרט, געוואַלדטאַט".

אונ מאַרקס דערציילט גענוי אַפנ בײַשפּיל פונ ענגלאַנד, וויאַזוי עס איז אינ דער ווירקלעכקייט אַנטשטאַנענ דער קאַפּיטאַליזמ.

אינ 16-טנ יאָרהונדערט איז אינ ענגלאַנד די לײַבײגנטומ־אָפּהענגיקייט שוינ פּראַקטיש פאַרשווונדנ געוואָרנ. דאָס לאַנד איז געווענ פול מיט דראָבנע זעלבשטענ־דיקע פּויערשע ווירטשאַפטנ. צווישנ זיי זיינענ געלעגנ ניט קיינ צאָלרייכע, אָבער גרויסע פּריצישע מאַיאָנטקעס. די פּויערימ האָבנ באַזעסנ די ערד אַפנ גרונט פונעמ פּאַרצײַטיקנ אייגנטומ־רעכט אונ זיי האָבנ געצאָלט פאַר איר לייב־געצאָלט אָדער אַרענדע.

א דירעקטער שטויס צו ענדערנ די דאָזיקע לאַגע איז געווענ די אַנטוויקלונג פונ דער טעקסטיל־אינדוסטריע אונ דער אויפשטייג פונעמ נאָכפרעג אַפ וואָל. די גוטבאַזיצער זיינענ שטאַרק געפעלנ געוואָרנ די הויכע פּרייזנ אַפ וואָל אונ זיי האָבנ אָנגעהויבנ גאָר פּאַשעט אַראָפּטרייבנ מיט געוואַלט די פּויערימ פונ זייערע אייגנגעזעסענע ערדנ אונ פאַרוואַנדלענ די אַקער־ערד אינ פּאַשע־פּלעצער.

„די וווינונגענ פונ די פּויערימ... האָט מענ מיט געוואַלט צעשטערט אָדער פאַרוואָרפנ — דערציילט מאַרקס אַפנ סמאַכ פונ די פּאַרצײַטיקע פּאַרצייכע־נונגענ — עס זיינענ פאַרשווונדנ געוואָרנ אָנ א שיר הייזער אונ דראָבנע ווירטשאַפטנ..., וואָס מע האָט כאָרעוו געמאַכט אונ פאַרוואַנדלט אינ פּאַשע־פּלעצער פאַר שאָפ, אונ עס זיינענ פאַרבליבנ בלויז די פּריצישע הייזער".

אינ 18-טנ יאָרהונדערט האָבנ די גוטבאַזיצער אונ קאַפּיטאַליסטנ דורכגעפירנ די אַזויגערופענע „געזעצנ וועגנ אַפּצאַמענ די געמיינדע־ערדנ" וואָס אַפ זייער גרונט האָט מענ געקאָנט שוינ אַפנ „געזעצלעכנ" אויפנ באַגיינ די זעלבע רויבערײַ — אָפּנעמענ מיט געוואַלט בא די פּויערימ די דוירעסדיקע געמיינדע־ערדנ אונ פאַרוואַנדלענ זיי אינ א פּריוואַט־אייגנ־טומ פונ די גוטבאַזיצער. די דאָזיקע ערדנ זיינענ אויכ פאַרוואַנדלט גע־וואָרנ אינ פּאַשע־פּלעצער.

„אַלס רעזולטאַט הערפונ, — זאָגט מאַרקס, אַפנ סמאַכ פונ די פּאַרצײ־כענונגענ — ווערט אינ א סאַכ לאַנדשאַפטנ ניט אויפגעאַקערט אַפילע קיינ 50 אַקער, האַגאַמ פריער פלעגט מענ צעאַקערנ ביז 1500 אַקער. רויִנעס פונ די וווינונגהייזער, שייערנ, פערד־שטאַלנ, וואָס זיינענ דאָ אַמאָל געשטאַנענ,

אַט דאָס זײַנען די איינציקע שפּורן, וואָס זײַנען פֿאַרבליבן פֿון די פֿריִערדיקע אײַנוווינער”.

צולעצט, האָבן די גוטבאַזיצער פּראַקטיקירט דאָס אַזוי־גערופֿענע „אָפּרייניקן די מאַיאָנטקעס”, ד. ה. זיי פֿלעגן ניט בלויז פֿאַרכאַפּן די פּויערשע ערדן, נאָר זיי פֿלעגן אויך צעשטערן מיט דער הילף פֿון מיליטערישער קראַפֿט, פֿאַרברענען גאַנצע דערפֿער, קעדיי ניט איבערצולאָזן קיין שום מאָקעם־מענוכע פֿאַר די אײַנוווינער. אַף דער ערד, וואָס איז אַף אַזאַ אויפֿן „אָפּגערייניקט” געוואָרן פֿון די פּויערים, האָבן די גוטבאַזיצער אָרגאַניזירט שאָפֿצוכט. למשל, איין הערצאָגין בלויז האָט פֿאַרכאַפּט אַף אַזאַ אויפֿן 795 טויזנט אַקער פֿון אייביק אָן פּויערשע ערד, האָט אַראָפּגעטריבן פֿון איר 15 טויזנט פּויערים און האָט באַזעצט 131 טויזנט שעפּסן. ניט אומזיסט האָט טאָמאַס מאָר אָנגערופֿן ענגלאַנד פֿון זײַן צײַט „דאָס לאַנד, ווו די שעפּסן עסן אויף די מענטשן”.

און אַ סך גוטבאַזיצער האָבן פֿאַרוואַנדלט די פֿאַרכאַפּטע ערדן פֿאַשעט אין יאַגד־פֿעלצער.

אַט אַף וואָס פֿאַר אַן אויפֿן — אָפּנעמענדיק מיט געוואַלט די ערד בײַ הונדערטער טויזנטער פּויערים — איז געשאַפֿן געוואָרן „פֿרײַע” אַרבעטקראַפֿט פֿאַר די קאַפּיטאַליסטן.

נאָך מער: די דאָזיקע געוועזענע פּויערים, וואָס מע האָט געטריבן צו גיין בעטלען, האָט מען גענומען צווינגען אַפֿן סאַמע בעסטיאַלן אויפֿן צו אַרבעטן אַף די קאַפּיטאַליסטן. דער געזעץ האָט באַפֿוילן מע זאָל די „בעטלער”, „בראָדיאַגעס”, וואָס זײַנען פֿײַיִק צו אַרבעט, צובינדן צו אַ טאַטשקע און שלאָגן מיט בײַטשן ביז וואַנען עס וועט זיך ניט גיסן קיין בלוט. אויב דער „בראָדיאַגע” פֿלעגט אַרײַנפֿאַלן אַ צווייטן מאָל, פֿלעגט די שטראָף איבערגעכאַזערט ווערן און מע פֿלעגט בײַ אים אָפּשנײַדן אַ האַלבן אויער. צום דריטן מאָל פֿלעגט מען אָפּהאַקן מיט אַ האַק דעם קאָפּ — מע פֿלעגט אים קעפּן ווי אַ שווערן פֿאַרברעכער לעגאַבע דער געזעלשאַפֿט.

יעדערן, וואָס „דרייט זיך אַרום פֿון אַרבעט”, פֿלעגט מען אָפּגעבן אין קנעכטשאַפֿט צו דעם, וואָס פֿלעגט אַף אים מאָסערן, און יענער האָט געהאַט רעכט צווינגען אים צו אַרבעטן, שלאָגנדיק מיט בײַטשן און אויך אָנטאָן קייטן. אויב אַזאַ שקלאַף איז אַנטלאָפֿן, — פֿלעגט מען אים שטעלן אַ שטעמפּל אָפֿן שטערן אָדער אָפֿן באַק און, ווען מע האָט אים געכאַפּט צום דריטן מאָל, האָט מען אים געקעפּט. אַזוי, שרײַבט מאַרקס, —

„האָט מען די דאָרפֿישע באַפֿעלקערונג, וואָס איז מיט געוואַלט באַרויבט געוואָרן פֿון דער ערד, אַרויסגעטריבן געוואָרן און אין אַ ברייטן מאַסשטאַב פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין בראָדיאַגעס, געסטאַרעט זיך, שטיצנדיק זיך אַף די דאָזיקע אומענטשלעכע טעראָריסטישע געזעצן, צוגעוווינען צו דיסציפּלין פֿון לוין־אַרבעט מיט דער הילף פֿון בײַטשן, שטעמפּלען, פּײַניקונגען”.

אינעם איצטיקן ענגלאַנד זײַנען שוין ניטאָ קיין פּויערים אין אייגנטלעכן זין פֿונעם דאָזיקן וואָרט.

דער קאַפּיטאַליזם איז אויסגעוואַקסן ניט בלויז אַפֿן בלוטיקן געוואַלדטאַט אינווייניק אין די מעלוכעס גופֿע, נאָר אויך אַפֿן דעראָבערן אַנדערע לענדער. די בור־

ВУльянов (Ленин)

И. Сталин

זשוואזיע פלעגט שיקנ אינ אלע זייטנ, גלייכ נאכ די האנדל־קאראוואנענ אונ שיפנ, א באוואפנטע קראפט אונ א קריגספלאט, קעדיי צו פארכאפנ אומעטום די פרייע ערדנ אונ איינעמענ די האלב־ווילדע שוואכע פעלקער (קאלאניעס). די געשיכטע פונ יעטווידער קאפיטאליסטישער מעלוכע איז פול מיט אזוינע פארכאפונגענ.

אזויארום, איז די אנטשטייונג אונ אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ פארגעקומענ ניט בלויז דורכנ עקאנאמישנ קאמפ, דורכ דער „פרידלעכער" ענדערונג פונ די ווירטשאפטלעכע פארהעלטענישנ, נאר אויכ מיט דער הילפ פונ דירעקטנ געוואלדטאט איבער די ארבעטנדיקע מאסנ דורכ דעראבערונג אונ קאלאניאלער רויבעריי.

די פויערימ־„באפרייונג" אונ די אנטוויקלונג פונ קאפיטאליזמ אינ רוסלאנד

אינעמ געוועזענעמ צארישנ רוסלאנד איז דער קאפיטאליזמ אנטשטאנענ אפנ זעלבנ אופנ. די אנטוויקלונג פונ די פראדוקטיווע קרעפטנ, די ארבעט־צעטיילונג צווישנ דער האנטווערקעריי אונ ערדארבעט, די איינטיילונג אינ קלאסנ לויטנ פארמעגנ, די אנטוויקלונג פונעמ האנדל האבנ געבראכט דערצו, אז די רייכטימער האבנ זיכ קאנצענטרירט ביי א קליינעמ צאל גרויסע אייגנטימער אינ די הענט.

די אינטערעסנ פונ דער אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע אונ האנדל, די אינטערעסנ פונ העכערנ די פראדוקטיווקייט פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט, די פויערישע אופשטאנדנ האבנ באוועגט די מעלוכע־מאכט פונעמ הערשנדיקנ קלאס (גוטסבאזיצער) אפצושאפנ דאס לייביגנטומ־רעכט.

אינ 1861 יאר האט די צארישע רעגירונג ענדלעכ באשלאסנ צו „באפרייענ" די פויערימ פונ דער לייביגנטומ־אפהענגיקייט אונ פאר איינ וועג אויכ פונ דער ערד. לענינ שרייבט אזוי וועגנ דער דאזיקער „באפרייונג":

„די אפשאפונג פונ לייביגנטומ־רעכט האט דורכגעפירט ניט דאס אופגעשטאנענע פאלק, נאר די רעגירונג, וואס האט נאכ דער מאפאלע אינ דער קרימער מילכאמע דערזענ די פולשטענדיקע אומגלעכקייט איינצוהיטנ די לייביגנטומ־פאראנדקעס.

„באפרייט" די פויערימ אינ רוסלאנד האבנ די פריצימ אליינ, די פריצישע רעגירונג פונעמ זעלבסטהערשערישנ צאר אונ זיינע טשינאווניקעס...

דער צאר אליינ האט זיכ מודע געווענ, אז מע דארפ באפרייענ פונ אויבנ, כאלעמאנ מע האט ניט גענומענ באפרייענ פונ אונטנ".

לענינ זאגט:

„די רוסישע פויערימ האבנ די הערנ נאבעלע פריצימ „באפרייט" אזוי, אז העכער א פינפטביילעק פויערישע ערד איז אפגעשניטנ געווארנ לעטובעס די פריצימ... אינ איניקע גובערניעס האט מענ אפגעשניטנ, אפגענומענ ביי די פויערימ ביז איינ דריטל אונ אפילע ביז צוויי פינפטל פויערישע ערד...

פאר זייערע, מיט שווייס אונ בלוט באגאסענע פויערישע ערדנ, זיינענ די פויערימ געצווונגענ געווענ צו באצאלנ אויסקויפגעלט, ד. ה. צינזנ די

נעבעטיקע שקלאפנ-באזיצער... דערבײַ האָט מענ אראָפגעשונדנ* אינ צוויי מאָל אונ דרײַ מאָל העכער פונעמ ווירקלעכנ פרײַז אפ דער ערד...

הונדערטער מיליאָנענ רובל אזוינע צינז האָבנ די פויערימ אויסגעצאָלט די לײַבײגנטימער, וואָרנדיק צערוינירט אלצ מער אונ מער. די גוטבאזיצער האָבנ ניט בלויז אָנגעראבעוועט פאר זיכ די פויערשע ערדנ... נאָר זיי האָבנ אפ יעדנ טריט אונ שריט אָנגעמאכט פאסטקעס, ד. ה. זיי האָבנ אזוי פאנאנדערגערענעצט די ערד, אז בא די פויערימ האָבנ געפעלט דאָ פאשעפלעצער, דאָ לאָנקעס, דאָ וועלדער, דאָ אנ אָרט, ווו אָנפויענ די בעהיימעס.

די פויערימ אינ דער מע'רהײַט גובערניעס פונ גרונט-רוסלאנד זײַנענ פארבליבנ אויכ נאָכנ אָפשאפנ דאָס לײַבײגנטומ-רעכט אינ דער פריערדיקער אויסוועלאָזער קנעכטשאפט בא די פריצימ. אויכ נאָכ דער באפרײַונג זײַנענ די פויערימ פארבליבנ דער „נידעריקסטער" שטאנד, די טשינש-בעהיימע, דער „שווארצער ביינ", איבער וועלכנ עס פלעגנ זיכ לוסטיק מאכנ די נאטשאלסטווע, וואָס די פריצימ האָבנ אוועקגעשטעלט, פלעגט רײַסנ טשינשנ, שמײַסנ מיט ריטער, געבנ קלעפ אונ איזדיעקעווענ זיכ".

דאָס פויערטומ איז געווענ אופגעבראכט פונ אזא „באפרײַונג". ניט וויניק פויערשע אופשטאנדנ האָט די צארישע רעגירונג דערטרונקענ אינ טײַכנ בלוט אונ אינעמ פײַער פונ די פארברענטע דערפער. סאָפקאָלאָס איז פאר די ברייטע מאסנ געבליבענעמ אָנ ערד צערוינירטנ פויערטומ ניט פארבליבנ קיינ אנדער ברירע, ווי זוכנ ארבעט אפ דער זײַט, אינ די שטעט.

אָט וויאזוי די קאפיטאליסטנ אינ רוסלאנד האָבנ באקומענ בעשעפטע „פרײַע" ארבעט-קראפט:

„נאָכדעמ, ווי עס איז געפאלנ דאָס לײַבײגנטומ-רעכט אינ רוסלאנד, — זאָגט לענינ, — האָבנ זיכ אלצ שנעלער אונ שנעלער אנטוויקלט די שטעט, זײַנענ געוואָקסנ די פאבריקנ אונ זאוואָדנ, האָבנ זיכ געבויט אײַזנבאנענ...

די אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ אינ רוסלאנד איז אוועק מיט אזא שנעלקײַט, אז אינ עטלעכע יאָרצענדליקער זײַנענ פאָרגעקומענ פארוואנדלונגענ, וועלכע האָבנ אינ אייניקע אלטע לענדער פונ אייראָפע פארנומענ גאנצע יאָרהונדערטער".

דער עלטערער דאָר פויערימ אונ ארבעטער האָט אפ זיכ דורכגעמאכט אונ געיעגט גוט, וויאזוי עס האָט זיכ אנטוויקלט בא אונדז דער קאפיטאליזמ. מיט זייערע הענט זײַנענ אויסגעבויט געוואָרנ טויזנטער פאבריקנ, זאוואָדנ אונ פאלאצנ פונ די גווירימ, מיט זייערע הענט זײַנענ דורכגעלייגט געוואָרנ טויזנטער קילאָמעטערס רעלסנ-וועגנ.

אינ דאָרפ גופע האָט די „באפרײַונג" פונ די פויערימ געשאפנ די באדינגונגענ פאר דער שנעלער אנטוויקלונג פונ קאפיטאליזמ. לאָמיר א קוק טאָנ, וויאזוי עס האָבנ זיכ אינ דאָרפ גענומענ אנטוויקלענ די קאפיטאליסטישע פראָדוקציע-פארהעלטענישנ.

דאָס קאָלאָסאלע לאנד אונדזערס איז געווענ באדעקט מיט מיליאָנענ קליינע אונ דריבנע ווירטשאפטנ פונ די זעלבשטענדיקע ערדבאזיצערס. אָבער א גוטע

* פונ די פויערימ.



באמ באלעגופ.

העלפט און דערצו פונ די בעסערע ערד האט געהערט די פריצימ און באלעגופימ. ביז 70 מיליאנ דעסיאטינ האבנ זיכ געפונענ בא 28 טויזנט גרויסע פריצימ אינ די הענט. דערפונ האבנ 5000 פריצימ געהאט צו 4000 דעסיאטינ יעדערער און 700 מענטשנ האבנ געהאט צו 30 טויזנט יעדערער.

,,עס פארשטייט זיכ, — זאגט לענינ, — אז די מיליאנענ און צענדליקער

מיליאָנענ פאָלק האבנ געמוזט אפקומענ, הונגערנ און וועלנ שטענדיק אפקומענ אינ הונגער, קאָלזמאנ בא עטלעכע טויזנט גווירימ אינ די הענט וועלנ זײַנ אזוינע אומגעהייערע סכומענ ערד".

די גוטבאזיצער פלעגנ ,,אפגעבנ אינ ארענדע" די פויערימ ,,זייער" (וואָס זיי האבנ אפגענומענ בא די פויערימ) ערד און פלעגנ פאָדערנ פאר דעמ א העלפט גע־רעטעניש, אָדער זיי פלעגנ צווינגענ די פויערימ אפצוארבעטנ אינ זייערע מאיאנט־קעס. ניט זעלטנ פלעגנ די פריצימ ,,פארדינגענ" די ערד די רײַכע פויערימ און זיי, ווידער, פלעגנ פונ זיכ ,,איבערפארדינגענ" די אָרעמסטע. אזוי האט מענ צווײַ־פאכ ראבירט די פויערשע מאסע.

דער ,,אייגענער ברודער" דער רײַכער פויער איז געווענ ניט קיינ קלענערער עקס־פלואטאטער, איידער דער פאָרעצ. בא די באלעגופימ זײַנענ אינ צארישנ רוסלאנד געווענ דורכשניטלעכ צו 50 דעסיאטינ אויפ א הויפ. עס איז קלאָר, אז אזויפיל ערד איז איבער די קויכעס פאר איינ פאמיליע צו באארבעטנ. פלעגנ די רײַכע פויערימ אַנ־מעטומ דינגענ פאר זייערע ווירטשאפטנ ארבעטקראפט פונ דער זײַט. די רײַכע פוי־ערימ, די באלעגופימ דאָס זײַנענ די דאָרפישע קאפיטאליסטנ, וואָס שטאמענ פונעמ פויערטומ גופע.

די דריבנע פויערשע ווירטשאפט, וואָס פראָדוצירט

פּראָדוקטנ צו פאַרקויפנ אויפנ מאַרק, ברענגט אומפאַרמידלעכ אויפ דער וועלט באַלעגופים.

וויאַזוי און פאַרוואָס?

יעדער פּויער איז א פּריוואַט-אייגנטימער פונ די אָדער יענע פּראָדוציר-מיטלענ (געצײַג, פי און אינ די אַמאָליקע צײַטנ אויכ פונ דער ערד).

יעדער פּויער איז אויכ א פּריוואַט-אייגנטימער פונ די פּראָדוקטנ, וואָס ער האָט פּראָדוצירט. נאָכדעמ, ווי ער דעקט די הוצאָעס אַפ דער ווירטשאַפט און אַפ דער פאַמיליע, פאַרקויפט ער די איבערגעבליבענע פּראָדוקטנ אויפנ מאַרק און דאָס געלט פאַרנוצט ער פאַר זיכ.

אָבער די פּראָדוציר-מיטלענ זײַנענ פאַנאַנדערגעטיילט צווישנ די פּויערשע ווירטשאַפטנ ניט גלײַכמעסיק, בײַ איינע זײַנענ פאַראַנ מער, בײַ אַנדערע — ווייניקער. דעריבער ווײַזט זיכ אַרויס, אַז אינ איינע ווירטשאַפטנ איז דער איבערפלוס פונ פּראָדוקטנ א גרעסערער און בײַ אַנדערע — א קלענערער, בײַ די דריטע, ווידער, סטײַעט ניט אפילע קיינ פּראָדוקטנ פאַר די באַדערפענישנ פונ דער ווירטשאַפט און פונ דער פאַמיליע. דעריבער קאָנ שטענדיק דער באַלעבאָס, וואָס האָט אַנ איבערפלוס, „אַוועקלאָזנ אימ אינ אומזאוצ" — געבנ דעמ ניטבאַדערפטיקנ א האַלוואָע אינ פּראָצענטנ, פאַרברויכנ אַפ אויפקויפנ און איבערקויפנ סכוירעס, דינגענ אַרבעט-קראַפט פונ דער זײַט פאַר זײַנ ווירטשאַפט.

אַזוי אַרומ, ווערט א טייל פּויערימ קעסיידער פאַרוואַנדלט פונ איינפאַכע סכוירע-פּראָדוצירער, וואָס לעבנ פונ זייער אייגענער מי, אינ קליינע קאַפּיטאַליסטנ, אינ עקספּלואַטאַטערס.

אַזוי זײַנענ אַנטשטאַנענ און האָבנ זיכ געמערט בײַ אונדז די קליינע דאָרפישע קאַפּיטאַליסטנ. דאָס געלט, וואָס זיי פלעגנ אָנזאַמלענ פונ דער אַרבעט פונ דער דאָרפישער אָרעמשאַפט, פלעגנ זיי אַרײַנלייגנ אינ האַנדל, אַפ אײַנקויפנ ערד, אַפ אָרגאַניזירנ קליינע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ. אַזוי איז אויפגעקומענ צוגלײַכ מיטנ אַלטנ אַריסטאָקראַטישנ פּאָרעצ דער נײַער — „שמוציקער פּאָרעצ" פונ די פּויערימ. אַזוי פלעגנ זיכ אָנפילנ די רייענ פונ דער גרויסער האַנדל-אינדוסטריעלער בורזשואַזיע מיט די רײַכ-געוואָרענע קליינע קאַפּיטאַליסטנ פונ די פּויערימ.

די גרונט-קלאַסנ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט

לאָמיר איצט א קוק טאָנ, צו וואָס האָט געבראַכט די אַנטוויקלונג פונ די פּראָדוקטיווע קרעפטנ אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

גיגאַנטיש זײַנענ אויסגעוואַקסנ די פּראָדוקטיווע קרעפטנ פונ דער געזעלשאַפט. די נעבעכדיקע פּראָדוציר-מיטלענ פונ דער פאַרקאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס זײַנענ אײַנגעהיט געוואָרנ נאָכ איצט בײַמ קוסטאַר און באַלמעלאָכע, — זײַנענ קינדערישע שפּילצײַג אינ פאַרגלײַכ מיט די הײַנטצײַטיקע פאַבריקנ, זאַוואָדנ און מיט די גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגענ מיט זייערע מעכטיקע מאַשינעס און אַפּאַראַטנ. די אַרבעט-פּראָדוקטיווקײַט אינ די דאָזיקע גיגאַנטנ לאָזט זיכ גאָר ניט פאַרגלײַכנ מיט דער פּראָדוקטיווקײַט פונ דער דריבנער ווירטשאַפט.

די איינפאכע געצייג אָדער, אינ בעסטנ פאל, די ניט־קאָמפליצירטע מאשינענ זיינענ פארביטנ געוואָרנ מיט א מעכטיקער פארפולקומטער טעכ־ניק, די מענטשלעכע קראפט אָדער די קראפט פונ די באלעבאטים איז פארביטנ געוואָרנ מיט די מעכטיקע נאטור־קרעפטנ (דאמפ, גאז, עלעקטרע). די אלטפרענקישע ארבעט־מעטאָדנ זיינענ פארביטנ געוואָרנ מיט וויסנשאפט־לעכע מעטאָדנ פונ פירנ די פראָדוקציע אונ פונ אָרגאניזירנ די ארבעט.

צוזאמענ דערמיט איז פארגעקומענ א נייע צעטיילונג פונ דער געזעלשאפט אינ צוויי גרונט־קלאסנ — פראָלעטאריאט אונ בורזשואזיע.

פונ איינ זייט, האָבנ זיכ אויסגעטיילט די אייגנטימער פונ די גרויסע פראָדוציר־מיטלענ, וואָס ארבעטנ אליינ ניט, נאָר צווינגענ צו ארבעטנ פאר זיכ אונ נעמענ פאר זיכ צו די פראָדוקטנ פונ פרעמדער ארבעט. דאָס זיינענ די קאפיטאליסטנ, די בורזשואזיע, דער צווינגע־נענדיקער קלאס.

פונ דער צווייטער זייט, האָבנ זיכ אויסגעטיילט די אומפארמעגלעכע מענטשנ, וואָס פאר א שטיקל ברויט פארקויפנ זיי דאָס איינציקע רייכטום, — זייער ארבעט־קראפט. דאָס זיינענ די ארבעטער, דער פראָלעטאריאט, דער פראָדוצירנדיקער קלאס.

די ארבעטער זיינענ די לוינ־שקלאפנ פונעמ קאפיטאליסט. אינדערעמענ, מיט וואָס אונטערשיידט זיכ די לאגע פונעמ פראָלעטאריאט אינ פארגלייכ מיט דער לאגע פונעמ שקלאפ?

„דער שקלאפ איז פארקויפט איינמאָל פאר אלעמאָל, — שרייבט ענ־געלס, — דער פראָלעטאריאט דארפ זיכ אליינ פארקויפנ יעדנ טאָג אונ יעדע שעה! דער שקלאפ איז דעמ הארס אייגנטומ אונ שוינ צוליבנ הארס פארינטערעסירטקייט האָט דער שקלאפ א באוואָרנטע עקזיסטענצ, ווי נע־בעכדיק זי זאָל ניט זיינ. יעדער פראָלעטאריער באזונדערס איז אזוי צו זאָגנ דאָס אייגנטומ פונעמ גאנצנ בורזשואזנ קלאס. זיינ ארבעט ווערט געקויפט בלויז דאנ, ווענ עמעצער נייטיקט זיכ אינ איר אונ דעריבער האָט ער ניט קיינ באוואָרנטע עקזיסטענצ”.

די קאפיטאליסטנ קויפנ די ארבעט־קראפט פאר איר מארק־ווערט. אָבער וויפל איז ווערט די ארבעט־קראפט?

זי איז ווערט אזוי פיל, וויפל עס זיינענ ווערט די לעבנס־מיטלענ, וועלכע זיינענ נייטיק אפ אונטערצוהאלטנ די עקזיסטענצ פונ די ארבעטער. דער ווערט פונ די דאָזיקע מיטלענ בילדעט עס דעמ ווערט פונ דער ארבעט־קראפט. אויס־געדריקט אינ געלט, רופט זיכ אָנ דער דאָזיקער ווערט ארבעטלוינ.

דער פרייז פונ דער ארבעט־קראפט, ווי פונ אנדערע סכוירעס, וואקלט זיכ, אָפּהענגיק פונעמ נאָכפרעג אונ אָנבאָט. אויב אפנ מארק זיינענ פאראנ א סאכ ארבעטהענט, זיינענ זיי ביליקער. אויב ווייניק — איז דער פרייז זייער טייערער. די ארבעטער שטרעבנ צו א העכערנ ארבעטלוינ. די קאפיטאליסטנ סטארענ זיכ אראָפּצוזעצנ אימ.

אינ אלגעמיינ האלט זיכ דער פרייז פונ דער ארבעטקראפט אפנ ניוואָ פונעמ ווערט פונ די לעבנס־מיטלענ, וועלכע זיינענ נייטיק אפ פראָדוצירנ זי, ד.ה. אפ

אונטערצוהאַלטנ דאָס לעבנ אונ אַפ פאַרמערנ די ארבעטער, דעמ ארבעטער־קלאַס.

אָבער די ארבעטסקראַפט איז אַ באַזונדער מינ סכוירע. דאָס איז אַ סכוירע, וואָס קאָנ אַלײנ *שאַפנ אַ ווערט*.

די קאַפּיטאַליסטנ נוצנ אויס זײער לאַגע, זײער מאַכט אונ צווינגענ די ארבע־טער צו ארבעטנ לענגער, — אײדער דאָס איז נײטיק צו דעקנ דאָס, וואָס עס איז פאַרווענדעט געוואָרנ אַפ קויפנ די ארבעטסקראַפט.

אַזוי־אַרום, זאָגט לענינ:

„געברויכט דער ארבעטער אײנ טײל ארבעטסטאָג אַפ דעקנ די הויצאָעס אַפ אויסהאַלטנ זיכ אונ זײנ פאַמיליע (ארבעטלוינ), אונ דעמ צווײטנ טײל טאָג האָרעוועט דער ארבעטער *אומזיסט*, שאַפנדיק פאַרנ קאַפּיטאַליסט *מערווערט*, דעמ קוואַל פונ רעווע, דעמ קוואַל פונ רײַכטומ פאַרנ קלאַס קאַפּיטאַליסטנ“.

די קאַפּיטאַליסטנ נעמענ צו פאַר זיכ אונ פאַרקויפנ די *גאַנצע* פּראָדוקציע, וואָס די ארבעטער האָבנ אויסגעאַרבעט, אונ צאָלנ אויס די ארבעטער *בלויז אַ טײל* פונעמ באַקומענעמ געלט — דעמ *ארבעטלוינ*.

מאַקע אָט דער טײל ווערטנ, וואָס פאַר אימ צאָלנ ניט די קאַפּיטאַליסטנ אונ וואָס איז געשאַפנ געוואָרנ דורכ דעמ ארבעטערס מי, בילדעט דעמ מערווערט, וואָס פאַרבלײַבט אַזוי־אַרום אינגאַנצנ אינ רעשוס פונעמ קלאַס קאַפּיטאַליסטנ.

דעמ מערווערט האָט *אַנטדעקט מאַרקס* אונ האָט דערמיט גופע צומ ערשטנ מאָל דערקלערט, פונוואַנענ באַקומענ די קאַפּיטאַליסטנ דעמ רעווע, וויאַזוי קומט פאָר די קאַפּיטאַליסטישע אָנזאַמלונג.

דער קוואַל פונ די קאַפּיטאַליסטישע האַכנאָסעס, פונ די רײַכטימער פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז *די ניטבאַצאָלטע ארבעט פונ די ארבעטער, דער מערווערט*, וואָס *די בורזשואַזיע האָט צוגעאײגנט*.

דער ארבעטלוינ, ווידער, איז דער אײנציקער קוואַל פונ די קלאָגעדיקע עקזיס־טענצ־מיטלענ פונעמ ארבעטער־קלאַס.

דער פּראָלעטאַריאַט אונ די בורזשואַזיע זײַנענ די צווײ *גרונט־קלאַסנ*, די *צווײ הויפּט־קרעפטנ* פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. צווישנ זײ גײט אַ *פאַרביטערטער קלאַסנקאַמפ*.

די גרונט־ווידערשפּרוכנ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט

באַווײַזנדיק דעמ קוואַל פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אָנזאַמלונג, האָבנ מאַרקס אונ ענגעלס צוזאַמענ דערמיט אויפגעדעקט דעמ *ווידערשפּרוכ*, דעמ *קעגנזאַצ*, די *פײַנטלעכקײט* צווישנ די *קלאַסנ־אינטערעסנ* פונ די *לוינאַרבעטער* אונ *ארבעטגעבער*.

אינדערעמעסנ, די ארבעטער זײַנענ פאַרינטערעסירט אינ *העכערנ* דעמ ארבעטלוינ. די קאַפּיטאַליסטנ, פאַרקערט, זײַנענ פאַרינטערעסירט אינ *אַראָפּ־*

אינ דער קאַפּיטאַליסטישער פאַבריק: מע צאָלט אויס סכירעס די ארבעטער

זעצנ דעמ ארבעטלוינ. די ארבעטער זײַנענ פאַרינטערעסירט אינ פאַרקירצנ דעמ ארבעטטאָג. די קאַפּיטאַליסטנ, פאַרקערט, זײַנענ פאַרינטערעסירט אינ פאַרלענגערנ דעמ ארבעטטאָג. דער ארבעטער־קלאַס איז פאַרינטערעסירט אינ דעמ, אַז די פּראָדוציר־מיטלענ אונ די מאַכט זאָלנ זײַנ בא אימ, אונ ניט בא די קאַפּיטאַליסטנ, אַז דער באַלעבאָס אינ דער אונטערנעמונג אונ אינ דער מעלוכע זאָל זײַנ ער, אונ ניט די בורזשואַזיע. די קאַפּיטאַליסטנ האַלטנ זיכ מיט די ציינער פאַר „זייערע" פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ, מיט אַלע מיטלענ באַוואַכנ זיי „זייערע" רײַכטימער, זייער מאַכט.

דער ווידערשפּרוכ צווישנ די קלאַסנ־אינטערעסנ פונ די לוינאַרבעטער אונ קאַפּיטאַליסטנ איז איינער פונ די גרונטיקע, אומבעשאָלעמדיקע ווידערשפּרוכנ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אָבער ער דרינגט ארויס פונ אַנ אַנדער גרונט־אונ הויפּט־ווידערשפּרוכ. אינ וואָס באַשטייט דער דאָזיקער ווידערשפּרוכ?

בא דער איינפאַכער סכוירע־פּראָדוקציע איז די פּראָדוקציע געוועזנ אַ פּריוואַטער אייגנס פונ די באַזונדערע פּראָדוצירער. די ארבעט איז געוועזנ אַנ אינדיווידועלע. יעדער פּראָדוצירער האָט געאַרבעט אינ זײַנ ווירטשאַפט. דער פּראָדוצירער איז גלײַכצײַטיק געוועזנ דער אייגנטימער פונ די פּראָדוציר־מיטלענ אונ פונ די פּראָדוקטנ פונ זײַנ ארבעט. דאָס איז געוועזנ נאַטירלעכ.

מיט דער אַנטשטייונג פונ דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע האָט זיכ די דאָזיקע לאַגע ראַדיקאַל געענדערט.

די גרויסע מאַשינ־פאַבריק פאַראייניקט דירעקט פאַר געמיינזאַמער ארבעט הונדערטער אונ טויזנטער פּראָדוצירער, וואָס האָבנ ניט קיינ אייגענע פּראָדוציר־מיטלענ.

מארקס האט דער ערשטער אנגעוויזן אף דער ראליע פון דער מאשין, וואס פארוואנדלט די ארבעט פון צעשפליטערטע ארבעטער אין א קאלעקטיווער ארבעט.

דער באלמעלאכע, דער קוסטאר ארבעט איינציקוויז, מיט דער הילף פון זייערע קליינע ארבעט־געצייג. דער קאפיטאליסט אין דער מאנופאקטור צווינגט צו ארבעטן קאלעקטיוו א גאנצע גרופע ארבעטער מיט דער הילף פון די זעלבע איינפאכע פראדוציר־מיטלען.

אבער אין דעם דאזיקן פאל ווערט נאך די קאלעקטיווע ארבעט ניט ארויסגערופן דורך די ארבעטס־מיטלען גופא. קעדיי זיי אוועקלאזן אין גאנג, איז גענוג אן איינצלנער ארבעטער.

גאר אן אנדער זאך איז די גרויסע מאשין. אף איר ארבעטן איינציקוויז קאן מען ניט. ווען עס באווייזט זיך די גרויסע מאשין, איז דער קאפיטאליסט געצוווּנגען אנצוקומען צו דער געמיינזאמער ארבעט פון א גאנצער גרופע ארבעטער. הונדערטער און טויזנטער ארבעטער הארעווען קאלעקטיוו בא די מאשינעס אין די קאפיטאליסטישע פאבריקן און זאוואדן.

קאלעקטיווע ארבעט פאדערט די מאשין גופא. די קאלעקטיווע ארבעט ווערט ארויסגערופן דורך דער טעכנישער נויטווענדיקייט.

צוזאמען דערמיט הערן אויך די ארבעט־פראדוקטן אוף צו זיין דאס ווערק פון איינצלנע פערזאנען. ענגעלס שרייבט:

„די גארן, די שטאפן, די מעטאלענע סכוירעס, וואס גייען איצט ארויס פון די פאבריקן און זאוואדן, שטעלן מיט זיך פאר דעם פראדוקט פון דער ארבעט פון א מאסע ארבעטער, וואס האבן לויט דער ריי צוגעלייגט צו זיי זייערע אנשטרענגונגען, איידער זיי האבן זיי צוגעגעבן די ענדגילטיקע פארם. קיינער באזונדער גענומען קאן ניט זאגן וועגן זיי: „דאס האב איך געמאכט, דאס איז מיין פראדוקט”.

די ארבעט־פראדוקטן זיינען געווארן דאס געמיינזאמע ווערק ניט בלויז פונעם ארבעטער־קאלעקטיוו פון דער געגעבענער אונטערנעמונג, נאר פון די ארבעטנדיקע פון דער גאנצער געזעלשאפט. קעדיי אויסצוארבעטן, לעמאשל, גארן אדער שטאף, איז נייטיק ניט בלויז די ארבעט פון די טעקסטילער, נאר אויך די ארבעט פון די ערדארבעטער, וואס פראדוצירן וואל און בוימוואל, די ארבעט פון די ארבעטער, וואס בויען די מאשינעס, וואס באקומען ארויס דאס הייצווארג אאוו.

אויך די ארבעט פון די קליינע פריוואטע פראדוצירער האט פארלארן איר אפגעזונדערטקייט. אף פראדוצירן, לעמאשל, ווייץ איז נייטיק ניט בלויז דעם פויערס ארבעט, נאר אויך די ארבעט פון די ארבעטער, וואס האבן ארויסבאקומען ארץ, קוילן, האבן אויסגעשמאלצן מעטאל, האבן אויסגעבויט זאוואדן אף פראדוצירן די לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס און געצייג, האבן זיי אויסגעארבעט און געבראכט צופירן זיי צו די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער אאוו.

הייסט עס, אז אינעם ווייץ זיינען ארייננעלייגט די טיילכלעך ארבעט פון די ארבעטנדיקע פון א גאנצער ריי פאלקווירטשאפטלעכע צווייגן, און ניט בלויז דעם פויערס ארבעט. אן דער ארבעט פון די

דאָזיקע אַלע אַרבעטנדיקע וואָלט דער פּויער *ניט געקאָנט* פּראָדוצירנ זײַנ ווייצ. דעמ פּויער זײַנענ אויכ נייטיק פאַר דער פּראָדוקציע, פאַרנ לעבנ א סאַכ אַנדערע פּראָדוקטנ, וואָס ער אַלײנ פּראָדוצירט זײ ניט, נאָר ער באַקומט פונ אַנדערע אַרבעטנדיקע.

אַזוי אַרום *האָט די פּראָדוקציע אינ דער הײַנטצײַטיקער געזעלשאַפט באַקומענ א געזעלשאַפטלעכנ כאַראַקטער*; *די פּראָדוקטנ, ווער עס זאָל זײ ניט פּראָדוצירנ, זײַנענ די פּרוכט פונ דער קאָלעקטיווער אַרבעט פונ אַלע אַרבעטנדיקע פונ דער געזעלשאַפט.*

אָבער וועמענ געהערנ די פּראָדוציר־מיטלענ אונ די פּראָדוקטנ פונ דער אַרבעט אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט?

זײ געהערנ, ווי פריִער, *פּריוואַטע פּערזאָנענ*. די גרונטמאַסע פונ די דאָזיקע פּראָדוציר־מיטלענ אונ פּראָדוקטנ געהערט *די קאַפּיטאַליסטנ אונ פּריצים*.

די פּראָדוקציע אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט האָט *א געזעלשאַפטלעכנ כאַראַקטער*. אָבער די פּראָדוציר־מיטלענ אונ די פּראָדוקטנ פונ דער אַרבעט פאַרבלײַבנ אינעמ *פּריוואַטנ אײגנטומ*.

אינ דעמ באַשטײט טאַקע דער הויפּט־ווידערשפּרוכ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס מאַרקס אונ ענגעלס האָבנ אויפגעדעקט. ער איז דער גרונטקוואַל פונ אַלע ווידערשפּרוכנ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דער ווידערשפּרוכ צווישנ לוינאַרבעט אונ קאַפּיטאַל, צווישנ רײַכע אונ אָרעמע, צווישנ די באַלכוירעס אונ פּראָצענטניקעס אאַוו. — די דאָזיקע אַלע ווידערשפּרוכנ האָבנ זײער וואָרצל אינ דעמ הויפּטלעכנ אומבעשאָלעמדיקנ ווידערשפּרוכ, וואָס די מיטלענ אונ די פּראָדוקטנ פונ דער אַרבעט געפינענ זיכ נאָכ אינ *פּריוואַטנ אײגנטומ* אינ דער צײַט, ווענ די אַרבעט אַלײנ איז שוינ לאַנג געוואָרנ א *געזעלשאַפטלעכע*.

דער אײנציקער אויפנ צו לייזנ דעמ דאָזיקנ הויפּט־ווידערשפּרוכ, — אונ מיט אים אויכ אַלע איבעריקע ווידערשפּרוכנ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, — באַשטײט אינ *אָפּנעמענ די פּראָדוציר־מיטלענ בײַ די קאַפּיטאַליסטנ אונ פּריצים אונ איבערגעבנ זײ אינ געזעלשאַפטלעכנ אײגנטומ*, ווי דאָס האָבנ געטאָנ די אַרבעטער אונ פּויערימ אינ ראַטנ־פאַרבאַנד. דאָס איז דער אײנציקער אויפנ צו באַפרידיקנ אינ א פולער מאָס די אינטערעסנ פונ די אַרבעטער אונ פונ אַלע אַרבעטנדיקע.

אָבער קעדײ דאָס צו פאַרווירקלעכנ, דאַרפ מענ צוערשט *אַראָפּוואַרפנ די מאַכט פונ דער בורזשואַזיע*. צו דעמ פירט טאַקע, ווי מיר וועלנ ווײַטער זענ, דער גאַנצער אַנטוויקלונג־גאַנג פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

דער אימפּעריאַליזמ איז די לעצטע שטופע פונעמ קאַפּיטאַליזמ

פונ אָנהײב 20־טנ יאָרהונדערט אָנ איז דער קאַפּיטאַליזמ אַרײַנגעטראָטנ אינ א נײַער שטופע פונ זײַנ אַנטוויקלונג, וואָס רופט זיכ אָנ *אימפּעריאַליזמ*.

דעמ דאָזיקנ נײַסטנ אַנטוויקלונג־פּעריאָד פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעל־

שאפט האט לעניג דערלערנט אונ גענוי פארמולירט אינ זיינע ווערק. ער האט דערקלערט, וואס איז אזוינס אימפעריאליזמ, האט אופגעדעקט זיינע ספעציפישע אייגנשאפטנ. ער האט באוויזנ, אז דער אימפעריאליזמ איז די לעצטע שטופע פונעמ קאפיטאליזמ.

ווי מיר ווייסנ באטײַט דער קאפיטאליזמ, אז אינ די הענט פונ איינצלנע פער־זאנענ ווערנ אנגעזאמלט פראדוציר־מיטלענ, וואס מיט זיי ווערנ עקספלואטירט די לוינ־ארבעטער. צווישנ די קאפיטאליסטנ גייט א קעסיידערדיקע קאנקורענצ, א קאמפ פאר דער ווי ווייט מעגלעכ גרעסערער קאפיטאל־אנזאמלונג. אינ דעמ דאזיקנ קאמפ ווערנ די קליינע קאפיטאליסטנ צערויִנירט אונ די גרויסע ווערנ נאכ רײַכער.

די קאנקורענצ פירט דערצו, אז די גרעסטע מאסע רייכטימער ווערט קאנצענ־טרירט בא א קליינער צאל גרויסע אייגנטימער אינ די הענט. לעמאשל, אינ צאפנ־אמעריקע האבנ די רייכע קלאסנ לויט די אויסרעכענונגענ פונעמ בורזשואזנ געלע־רנטנ קינג ביז דער מילכאמע באטראפנ סאכאקל 2 פראצ. פונ דער באפעלקע־רונג, קאנצענטרירט אבער אינ זייערע הענט האבנ זיי 60 פראצ. פונעמ גאנצנ נאציאנאלנ רייכטומ. די ארעמע קלאסנ אבער (די ארבעטער, די קליינע אייגנטי־מערס) האבנ באטראפנ 65 פראצ. פונ דער באפעלקערונג, געהאט אבער האבנ זיי סאכאקל 5 פראצ. פונעמ נאציאנאלנ רייכטומ. אפ די מיטלע קלאסנ, וואס האבנ באטראפנ 33 פראצ., איז אויסגעקומענ 35 פראצ. פונ נאציאנאלנ רייכטומ.

אפ דער נײַער שטופע דערגרייכט די קאפיטאליסטישע אנזאמלונג א קאלאסאלע מאס אונ פירט צו דער קאנצענטראציע פונ קאלאסאלע פראדוציר־מיטלענ אונ קאפיטאלנ בא א קליינ הײַפל פערזאנענ אינ די הענט.

גלייכצייטיק דערמיט ווערט קאנצענטרירט בא א קליינער גרופע קאפיטאליסטנ דער געלט־קאפיטאל, דער באנק־קאפיטאל. אינ יעדנ קאפיטאליסטישנ לאנד זיינענ פאראנ סאכאקל צו עטלעכע נאר גרויסע בענק, צו א הײַפל געלט־מאגנאטנ, וואס באלעבאטעווענ איבערנ גאנצנ ווירטשאפטלעכנ לעבנ פונ לאנד אונ ווארפנ אונטער אונטער זיכ דעמ אינדוסטריעלנ קאפיטאל אונ די קלע־נערע קאפיטאליסטנ.

די קאנצענטרירונג פונ די פראדוציר־מיטלענ האט געבראכט צו דער אויסביל־דונג פונ מעכטיקע קאפיטאליסטישע פארבאנדנ (טרעסטנ, סינ־דיקאטנ, קארטעלנ). ביסלעכווײַז פאלט ארײַנ אינ די הענט פונ די ווייניקע נאר גרויסע באזיצערס די אנטשיידנדיקע מאסע פראדוציר־מיטלענ אונ קאפיטאלנ פונ גאנצע אינדוסטריעלע צווײַגנ, צומאל אפילע ניט בלויז פונ איינ לאנד, נאר פונ א ריי לענדער. דערבײַ קויפנ אופ די קאפיטאליסטישע פארבאנדנ די רויווארג־קוואלנ אונ די אונטערנעמונגענ פונ זיי־ערע קאנקורענטנ, דערצו נוצנ זיי אויס די פארלאמענטנ אונ באגייענ אפטמאל פא־שעט קרימינעלע פארברעכנס.

דאס אומבאגרענעצטע באלעבאטעווענ פונ א הײַפל גרויסע קאפיטאליסטנ אינ א וועלכנ ניט איז צווײַג רופט זיכ אנ קאפיטאליסטישע מאנאפאל. לע־מאשל, א גרופע גרויסע קאפיטאליסטנ פארכאפנ קימאט די גאנצע נאפט־פראדוק־ציע — וועט דאס הייסנ קאפיטאליסטישע נאפט־מאנאפאל. א צווייטע גרופע פאר־

כאַפּט צו זיכ אינ די הענט, לאָמיר זאָגנ, די שוועבעלעכ-פּראָדוקציע — הייסט עס קאַפּיטאליסטישע שוועבעלעכ-מאָנאָפּאָל אאוו.

די מאָנאָפּאָל רופט לענינ אָנ „דעמ טיפּסטנ עקאָנאָמישנ יעסאָד פונ אימפּעריאליזמ". דעמ אימפּעריאליזמ רופט ער אָנ „מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאליזמ". מיט אנדערע ווערטער, אונטער אימפּעריאליזמ האָט לענינ פארשטאנענ אזא קאַפּיטאליזמ, וואָס בא אימ דאָמינירנ די מאָנאָפּאָליסטישע פארבאנדנ פונ די קאַפּיטאליסטנ.

די קאַפּיטאליסטישע אונטערנעמונגענ פּראָדוצירנ קאָלאָסאלע מאסנ סכוירעס. פאר זייער אָפּזאַץ זײַנענ נייטיק מערק. אינ די אינדוסטריעלע לענדער סטײַעט שוינ לאנג ניט קיינ אייגענע אינערלעכע מערק פארנ אָפּזאַץ. די קאַפּיטאליסטנ פירנ ארויס אומגעהייער גרויסע מאסנ סכוירעס אפ די אויסערלעכע, אויסלענדישע מערק, באזונדערס אינ די לאנדווירטשאפטלעכע, אָפּגעשטאנענע לענדער, וואָס זײַנענ שוואכ אנטוויקלט אינ אינדוסטריעלער הינזיכט (קאָלאָניעס אונ האלב-קאָלאָניעס).

מיט דער אנטשטייונג פונ די מאָנאָפּאָליסטישע פארבאנדנ האָט זיכ די יאָגעניש נאָכ די אויסערלעכע מערק אומגעהייער פארשטארקט.

אינ די אינדוסטריעלע קאַפּיטאליסטישע לענדער בילדעט זיכ א קאָלאָסאלער „איבערפלוס פונ קאַפּיטאלנ", וואָס געפינענ ניט פאר זיכ קיינ לוינבארע אָנווענדונג אינ לאנד גופע. די קאַפּיטאליסטנ פונ די דאָזיקע לענדער האָבנ גענומענ ארויספירנ קאַפּיטאלנ קיינ אויסלאנד, אינ די מער אָפּגעשטאנענע לענדער, אינ די קאָלאָניעס אונ האלב-קאָלאָניעס, האָבנ אָנגעהויבנ ארײַנלייגנ זיי דאָרט אינ די אינדוסטריעלע, קאָמערציעלע אונ אינ די באנק-אונטערנעמונגענ.

אינ די דאָזיקע לענדער, זאָגט לענינ:

„זײַנענ קאַפּיטאלנ פאראנ ווייניק, דער פּרייז פונ דער ערד איז פארהעלטנישמעסיק ניט קיינ גרויסער, דער ארבעטלוינ איז א נידעריקער, די רוי-מאטעריאלנ זײַנענ ביליקע".

דורכ דער סאמע אכזאָריעסדיקער עקספּלואטאציע פונ די ארבעטנדיקע מאסנ באקומענ דאָרט די קאַפּיטאליסטנ קאָלאָסאלע איבערפּראָפיטנ.

מיט דער אנטשטייונג פונ די מאָנאָפּאָליסטישע פארבאנדנ האָט זיכ זייער שטארק פארגרעסערט דער ארויספיר פונ קאַפּיטאלנ אינ די פרעמדע לענדער.

לענינ האלט דעמ ארויספיר פונ קאַפּיטאלנ פאר „איינער פונ די סאמע וועזנטלעכסטע עקאָנאָמישע יעסוידעס פונעמ אימפּעריאליזמ".

דער קאַפּיטאליזמ האָט זיכ אנטוויקלט אפ דער באזע פונ פרייער קאָנקורענצ אונ איצט, — זאָגט לענינ, — „האָט דאָס אָרט פונ פרייער קאָנקורענצ אָנגעהויבנ פארנעמענ די מאָנאָפּאָל". די קאָנקורענצ פונ די באזונדערע אונטערנעמונגענ אינעווייניק אינ לאנד, דער קאמפּ פונ די קאַפּיטאליסטנ פונ די פארשיידענע לענדער צווישנ זיכ האָט אָנגעהויבנ אלצ מער צו פארביטנ ווערנ מיט דער קאָנקורענצ פונ די טרעסטנ, פונ די מאָנאָפּאָליסטישע אונטערנעמער-פארבאנדנ. די קאָנקורענצ פונ די באזונדערע קאַפּיטאליסטנ האָט ניט אויפגעהערט. אָבער דאָס ערשטע אָרט לויט דער וויכטיקייט האָט פארנומענ דער קאמפּ פונ די מאָנאָפּאָליסטישע פארבאנדנ פאר די אָפּזאַצ-מערק, פאר די רויוואַרג-קוואלנ אונ

פארנ קאפיטאל־ארויספיר, ווי אויכ דער קאמפ אינווייניק אינ די דאָזיקע פאר־באנדנ פארנ כיילעק אינ די רעוואָכימ. די קאָנקורענצ איז געוואָרנ נאָכ שארפער אונ פארביטערטער.

דער באנק־קאפיטאל אונ דער אינדוסטריעלער מאָנאָפּאָליסטישער קאפיטאל האָבנ גענומענ זיכ קאָנצענטרירנ בא איינע אונ די זעלבע פערזאָנענ אינ די הענט.

די בענק ניט בלויז, וואָס זיי באלעבאטעווענ שוינ איבערנ געלט־קאפיטאל, — זיי ווערנ די *דירעקטע אָדער אומדירעקטע באלעבאטימ פונ די גרעסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ אונ פונ זייערע פארייניקונגענ*, די גרינדער פונ נייע אונטערנעמונגענ אונ פונ גאנצע אינדוסטריע־צווייגנ.

דער באנק־קאפיטאל וואקסט זיכ אזויארומ *צונויפ* מיטנ אינדוסטריעלנ, ער ווערט פארוואנדלט אינעמ אזויגערופענעמ *פינאנצ־קאפיטאל*.

קאָלאָסאלע געלט־מיטלענ, די גרעסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, האנדל־ אינ טראנספּאָרט־אונטערנעמונגענ, די רייכסטע רויווארג־אונ הייצווארג־קוואלנ, די בעסטע מערק האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ אינ דעמ פולשטענדיקנ רעשומ פונ ווייניקע „וועלטהערשער", וואָס האָבנ אונטערגעוואָרפנ אונטער זיכ ניט בלויז דאָס גאנצע ווירטשאפטלעכע לעבנ, נאָר אויכ די פארלאמענטנ אונ די קאפיטאליסטישע רעגי־רונגענ. למאָשל, דער אמעריקאנישער קאפיטאליסט־באנקיר *מאָרגאנ* האָט אונ־טערגעוואָרפנ אונטער זיכ א קאָלאָסאלע גרופּע אונטערנעמונגענ, וואָס באטרעפנ סאכאקל 74 *מיליארד דאָלאר*.* וואָס מאכט אויס בא א *פערטכיילעק* פונעמ גאנצנ נאציאָנאלנ רייכטומ פונ צאָפנ־אמעריקע.

דער אימפּעריאליזמ באטייט טאקע *די אלמעכטיקייט פונעמ דאָזיקנ הייפל מיליארדערנ*.

„בוכשטעבלעכ עטלעכע הונדערט מיליארדערנ אונ מיליאָנערנ האלטנ אינ די הענט דעמ שיקזאל פונ דער גאנצער וועלט", — זאָגט לענינ.

לענינ רופט אָנ דעמ אימפּעריאליזמ „*עפּאָכע פונ פינאנצ־קאפּי־טאל*".

אינ דער יאָגעניש נאָכ פראָפיטנ זיינענ די קאפיטאליסטנ ארומגעלאָפנ דעמ גאנצנ ערדקיילעכ, זיינענ אריינגעדרונגענ אינ די סאמע פארוואָרפענע ווינקלענ. צומ אָנהייב 20־טנ יאָרהונדערט זיינענ שוינ אינ ערגעצ ניט פארבליבנ ניט קיינ פארנומענע ערדנ, ד. ה. אזוינע, וואָס געהערנ ניט דער אָדער יענער מעלוכע. *די גאנצע וועלט האָט זיכ ארויסגעוויזנ צעטיילט צווישנ די קאפיטאליסטישע מעלוכעס*.

עטלעכע פונ די גרעסטע קאפיטאליסטישע מעלוכעס האָבנ מיט גוואלד פאר־כאפּט אונ פארייניקט צו זיכ די קאָלאָסאלסטע שעטעכנ אינ אזיע, אפריקע, אוו־סטראליע, אפ די אינדזלענ פונעמ שטילנ אָקעאנ אאוו. למאָשל, ענגלאנד, וואָס פארנעמט א שעטעכ פונ 244 טויזנט קוואדראט קילאָמעטער, האָט פארכאפּט 41 מיליאָנ קוו. קילאָמעטער, ד. ה. אינ 163 מאָל מער, איידער זי אליינ פארנעמט. פראנקרייכ, וואָס פארנעמט 551 טויזנט קוואדראט־קילאָמעטער, האָט פארכאפּט 11 מיט א האלבנ מיליאָנ קוואדראט קילאָמעטער, ד. ה. אינ 20 מאָל מערער, איי־

* א דאָלאר האָט ביז דער אינפלאציע אינ אמעריקע באטראָפנ בא 2 רובל.

דער איר אייגענער שטאַט. די קלײנינקע בעלגיע, וואָס פאַרנעמט סאַכאַקל 31 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער, האָט פאַרכאַפּט באַ 2 מיט א האַלבנ מיליאָנ קוואַדראַט־קילאָמעטער, ד. ה. אינ 80 מאָל מער, איידער איר אייגענער שטאַט.

די קאָלאָסאַלע מערהײט פעלקער, באַ דרײַ פערטל באַפעלקערונג פונעם ערדקײַלעכ, האָט זיכ ארויסגעוויזנ אונטער דער מאַכט אונ אונטערדריקונג פונ א קלײנער צאָל גרויסע אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס, מעלוכעס־רויבער, מעלוכעס־פּראָצענטניקעס, וואָס פאַרמאָגנ קאָלאָסאַלע רײַכטימער אונ א מעכטיקע מיליטערישע קראַפט.

דער פינאַנצ־קאַפּיטאַל האָט גענומענ דורכפירנ אנ עקאָנאָמישע צעטײלונג פונ דער וועלט, ד. ה. די מאָנאָפּאָליסטישע פאַרבאַנדנ פונ די גרעסטע קאַפּיטאַליסטנ האָבנ אָנגעהויבנ פאַרכאַפּנ אונ צעטײלנ צווישנ זיכ די אָפּזאַצ־מערק, די רויוואַרג־קוואַלנ, די ערטער אַפּ אָנווענדנ די קאַפּיטאַלנ אומאָפּהענגיק פונ דעם, וואָסער מעלוכע זיי געהערנ.

אזוי, למשל, האָבנ צוויי מאָנאָפּאָליסטישע קאַפּיטאַליסטנ־פאַרבאַנדנ פונ דער עלעקטרישער אינדוסטריע, „צוויי גרויסע עלעקטרישע מעלוכעס", איינע — אנ אמעריקאַנישע, א צווייטע — א דײַטשישע, זיכ פאַרשטענדיקט אינ אָנהייב 20־טנ יאָרהונדערט וועגנ אײַנטײלנ צווישנ זיכ די וועלט אַפּ אזא אופנ: די אמעריקאַנישע נעמט פאַר זיכ די פאַראייניקטע שטאַטנ פונ צאָפנ־אמעריקע אונ קאַנאַדע, די דײַטשישע באַקומט דײַטשלאַנד, עסטרײַכ, רוסלאַנד, האָלאַנד, דענעמאַרק, שווייצ, טערקײַ אונ די באַלקאַנישע לענדער. דעמ אַלוועלטלעכנ קעראָסינ־מאַרק האָבנ צעטײלט צווישנ זיכ די צוויי גרעסטע פינאַנצ־גרופּעס: די אמעריקאַנער מיט ראָקפעלערנ בעראָש אונ די געוועזענע באַלעבאַטימ פונ די באַקוער געווערבנ אינ רוסלאַנד — ראָטשילד אונ נאָבעל אאַוו.

עס פאַרשטייט זיכ, אז די רעגירונג פונ יעדער קאַפּיטאַליסטישער מעלוכע העלפט מיט אַלע מיטלענ „אירע" קאַפּיטאַליסטנ צו קעמפנ פאַר די אָפּזאַצ־מערק, פאַר די רויוואַרג־קוואַלנ אאַוו. אזוי ווי אָבער קיינ „פרייע", ד. ה. ניט קיינ פאַרכאַפּטע ערדנ זײַנענ שוינ ניטאָ, ברענגט דאָס אומפאַרמײַדלעכ צו מיליטערישע צוזאַמענשטויסנ, צו מילכאָמעס, פאַר א נײַער איבערפאַרטײלונג פונ דער וועלט.

אימפּעריאַליזמ באַטײַט די עפּאָכע פונ רויבערישע מילכאָמעס פאַר די אָפּזאַצ־מערק, פאַר די רויוואַרג־קוואַלנ אונ ארויספיר פונ קאַפּיטאַלנ, פאַר איבערפאַרטײלנ די שוינ צעטײלטע וועלט. אימפּעריאַליזמ באַטײַט די פאַרקנעכטונג פונ גאַנצע לענדער אונ פעלקער, די אומגעהײַערע פאַרשטאַרקונג פונעם נאַציאָנאַלנ יאָכ.

אָבער, דערגרײַכנדיק זײַנ העכסטע אנטוויקלונג־שטופּע, איז דער קאַפּיטאַליזמ צוזאַמענ דערמיט געקומענ צומ ראַנד פונ זײַנ אונטערגאַנג. דער קאַפּיטאַליזמ האָט אָנגעהויבנ לעבעדיקערהייט פוילנ אונ זיכ צעפאַלנ.

פאַרוואָס?

דאָס דערקלערט זיכ מיטנ סאַמע טאָכ פונעם אימפּעריאַליזמ.

א הײַפל גרויסע קאַפּיטאַליסטנ, וואָס האָבנ פאַרכאַפּט אינ זייער מאָנאָפּאָלנ, אויסשליסלעכנ רעשוס א וועלכנ ניט איז צווײַג באַקומט די מעגלעכקייט אײַנצו־

שטעלנ אינ דעמ דאָזיקנ צווייג געהעכערטע — *מאָנאָפּאָל־פּרייזנ*. די קאַפּיטאַליסטנ־מאָנאָפּאָליסטנ געפעלט בעסער צו פאַרגרעסערנ אָנ שומ דײַגעס זייערע רעוואָכימ דורכ אַנ אייגפאַכער העכערונג פונ די פּרייזנ, נִיט *אײַנפירנדיק* *קיינ טעכנישע פאַרבעסערונגענ*, וואָס פאַר זיי זײַנענ נייטיק אינוועסטיציעס פונ קאַפּיטאַל. זיי קויפנ צונויפ די פּאַטענטנ (אייגנטומ־רעכט) אפ דערפינדונגענ אונ לייגנ זיי אַרײַנ אינ טישקעסטל. אַזויאַרומ *ווערט פאַרהאַלטנ די אַנטוויקלונג פונ דער טעכניק, פונ דער וויסנשאַפט* *אונ צוזאַמענ דערמיט אויכ די גאַנצע אַנטוויקלונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.*

לעמאָשל, אינ דײַטשלאַנד האָט מענ אַנטדעקט מיטלענ, וויאַזוי אַרויסצובאַקומענ נאַפט פונ נידעריקע סאָרטנ קוילנ. די דאָזיקע קאָלאָסאַלע אַנטדעקונג גיט אַ מעגלעכקײַט קימאַט אומעטומ אַרויסצובאַקומענ ביליקע נאַפט. איר אָנווענדונג וואָלט פאַרגרעסערט אינ אַ קאָלאָסאַלער מאָס די אַלוועלטלעכע נאַפט־פּראָדוקציע, וואָלט שטאַרק אַראָפּגעזעצט די פּרייזנ אפ נאַפט, וואָלט געגעבנ אַ מעכטיקנ שטויס דער אַנטוויקלונג פונ די פּראָדוקטיווע קרעפטנ פונ דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אָבער דאָס לוינט ניט פאַר די מעכטיקע מאָנאָפּאָליסטישע טרעסטנ, וואָס האָבנ פאַרכאַפּט אַלע וויכטיקסטע נאַפט־קוואַלנ: דאָס וואָלט בײַ זיי אָפּגענומענ קאָלאָסאַלע פּראָפיטנ. דער אַמעריקאַנישער נאַפט־טרעסט „סטאַנדאַרט אויל" האָט אופגעקויפט די פּאַטענטנ אפ דער נײַער אַנטדעקונג אונ האָט זיי פאַרבאַהאַלטנ.

אַ צווייטער בײַשפּיל. דער דײַטשישער געלערנטער *בערגיוס* האָט אויסגעפונענ אַ מיטל, וויאַזוי אַרויסצובאַקומענ צוקער פונ האָלצ־מאַסע. דאָס גיט אַ מעגלעכקײַט צו פּראָדוצירנ דעמ דאָזיקנ פּראָדוקט פונ ערשטער נויטווענדיקײַט אינ קאָלאָסאַלע מאַסשטאַבנ אונ פאַר ביליקע פּרײַזנ. אָבער די דײַטשישע מאָנאָפּאָליסטנ, אייגנטימער פונ די צוקער־זאַוואָדנ, וואָס פּראָדוצירנ צוקער פונ צוקער־בורעקעס, וואָלטנ אינ אַזאַ פאַל פאַרלאָרנ זייערע הויכע פּראָפיטנ, האָבנ זיי דערײַבער פאַרהאַלטנ די פאַרווירקלעכונג פונ דער דאָזיקער אַנטדעקונג.

נאָכ איינ בײַשפּיל. די מוער פונעמ דײַטשישנ כימישנ טרעסט „אי. ג. פאַרבע־אינדוסטריע" האָבנ דערפונדנ *פּלאַזמאָכינ*, אַ נײַ מיטל צו קעמפנ קעגנ דער געפערלעכער קראַנקײַט — מאַליאַריע. אָבער פּלאַזמאָכינ וואָלט געמוזט אַרויסשטויסנ דעמ כינינ, אונ די כינינ־פּראָדוקציע איז די מאָנאָפּאָל פונעמ האָלענדישנ כינינ־טרעסט. האָט דער דאָזיקער טרעסט באַצאָלט אַ קאָלאָסאַלע געלט־סומע דעמ דײַטשישנ כימישנ טרעסט פאַר דעמ, אַז די דערפינדונג זאָל ניט אָנגעווענדט ווערנ, אונ זי ווערט ניט אָנגעווענדט.

אַזוינע בײַשפּילנ וואָלט מענ געקאָנט ברענגענ אָנ אַ שיר. לענינ האָט געשריבנ נאָכ אינ 1913 יאָר:

„ווו דו גייסט ניט אַ וואָרפ מיטנ אויג — אפ יעדנ שריט באַגעגנסטו אופגאַבנ, וואָס די מענטשהײַט איז אינגאַנצנ בעקויעכ צו לייזנ *טייקעפ*. *שטערט דער קאַפּיטאַליזמ*. ער האָט אָנגעזאַמלט הויפנס ריײַכטימער — אונ האָט געמאַכט די מענטשנ *פאַר שקלאַפנ* פונ די דאָזיקע ריײַכטימער. ער האָט געלייזט די סאַמע קאָמפּליצירטע פראַגנ פונ דער טעכניק — אונ האָט *פאַרהאַלטנ דאָס דורכפירנ אינ לעבנ די טעכנישע פאַרבעסערונגענ* צוליבנ דאַלעס אונ פינצטערקײַט

פונ די מיליאַנענ באַפּעלקערונג, צוליב דער טעמפּער קאַרגשאַפט פונ א הײַפל מיליאַנערנ".

אזוי רופט אומפארמײַדלעכ ארויס די מאָנאָפּאָל באַם פּריוואַט-אײגנטום אפ די פּראָדוציר-מיטלענ א שטילשטאַנד אונ פאַרפוילונג.

די הערשאַפט פונעמ פינאַנצ-קאַפּיטאַל באַטײַט, אז עס איז געשאַפנ געוואָרנ אונ עס וואַקסט שנעל דער שיכט אַזױגערופענע ראַנטיע, ד. ה. קאַפּיטאַליסטנ, וואָס האָבנ ניט די מינדסטע באַציִונג צו דער פּראָדוקציע, עס וואַקסט דער שיכט פוסטעפּאַסניקעס, וואָס לעבנ אויסשליסלעכ אפ די האַכנאָסעס פונ די ווערט-פּאַפּירנ. דער ראַנטיע — דאָס איז דער סאַמע בוילעט אויסגעדריקטער פּאַראַזיט, דער סאַמע טיפּישער פאָרשטײער פונעמ פּאַראַזיטישנ קלאַס, וואָס אזא איז די בורזשואַזיע.

צו וואָס פאַר א קאָלאָסאַלנ מאַסשטאַב דער דאָזיקער פּאַראַזיטיזמ דער-גרײכט, באַווײַזט דער בײַשפּיל פונ ענגלאַנד. דאָס איז אײנס פונ די סאַמע אינ-דוסטריעלע אונ קאָמערציעלע לענדער, אונ די האַכנאָסעס פונ די ראַנטיע זײַנענ דאָרט אינ 5 מאָל העכער, אײדער די האַכנאָסעס פונ ענגלאַנדס גאַנצנ אויסער-לעכנ האַנדל.

די הערשאַפט פונעמ פינאַנצ-קאַפּיטאַל, דער ארויספיר פונ קאַפּיטאַלנ אינ אויסלאַנד פאַרוואַנדלענ גאַנצע מעלוכעס אינ פּאַראַזיטנ, וואָס לעבנ פונ ראַ-בירנ די קאָלאָניעס אונ די שוואַכערע לענדער.

זינט דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע אינ די יאָרנ 1914—1918 איז דער אַלוועלטלעכער מעלוכע-פּראָצעגטניק געוואָרנ די צאָפנ-אַמעריקאַנישע פּאַרײניקטע שטאַטנ, וואָס האָבנ קאָנצענטרירט בא זיכ שיר ניט א העלפט גאָלד-רעזערוונ פונ דער גאַנצער וועלט.

עס איז פאַרשטענדלעכ, פאַרוואָס לענינ רופט אָנ דעמ אימפּעריאַליזמ „פּאַראַזיטישער" אָדער „פוילנדיקער קאַפּיטאַליזמ" אונ „אָפּשטאַרבנדיקער קאַפּיטאַליזמ". לענינ זאָגט:

„דער גיגאַנטישער פּראָגרעס פונ דער טעכניק ביכלאַל אונ פונ די פאַר-קער-וועגנ ביפראַט, דער קאָלאָסאַלער וווּקס פונעמ קאַפּיטאַל אונ פונ די בענק האָבנ אויפגעטאָנ דאָס, וואָס דער קאַפּיטאַליזמ איז גע-וואָרנ אינגאַנצנ רײַפ אונ איבערײַפ. ער האָט זיכ אי-בערגעלעבט. ער איז געוואָרנ די רעאַקציאָנערסטע שטע-רונג פאַר דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. ער איז פאַר-וואַנדלט געוואָרנ אינ אַנ אַלמעכטיקײט פונ א הײַפל מיליאַרדערנ אונ מי-ליאָנערנ, וואָס שטויסנ די פעלקער צו א בלוטבאָד".

אָט פאַרוואָס די העכסטע אַנטוויקלונג-שטופע פונעמ קאַפּיטאַליזמ — דער אימפּעריאַליזמ, ברענגט צומ אומפאַרמײַדלעכנ אונטערגאַנג פונ דער קאַפּיטאַליסטי-שער וועלט.

אָבער דער דאָזיקער אונטערגאַנג וועט ניט קומענ פונ זיכ אַלײנ, אלס רעזול-טאַט פונ דער אינערלעכער צעפאַלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ. די קאַפּיטאַליסטנ הערנ ניט אויפ צו עקספּלואַטירנ די אַרבעטער, די בורזשואַזיע אונטערדריקט נאָכ מער אונ וועט אונטערדריקנ דעמ אַרבעטער-קלאַס אויכ אינ די באַדינגונגענ פונ דער פוילונג, פונ דער צעפאַלונג פונ קאַפּיטאַליזמ. די קאַפּיטאַליסטישע אָר-

דענונג דארפ מענ אראפווארפנ דורכ א פראָלעטארישער רעוואָלוציע און פארבייטנ זי מיט דער סאָציאליסטישער אָרדענונג.

אלע באדינגונגענ צו פארווירקלעכנ די דאָזיקע אויפגאבע זיינענ צוגעגרייט דורכ דער אנטוויקלונג פונ קאפיטאליזמ. דער קאפיטאליזמ האָט אפ זיינ העכסטער שטופע געשאפנ די מאטעריעלע באדינגונגענ, וואָס זיינענ נייטיק פארנ סאָציאליזמ: א הויכ־אנטוויקלטע טעכניק, די קאָנצענטראציע פונ דער פראָדוקציע און די פארגעזעלשאפטלעכונג פונ דער ארבעט אינ די גרויסע אונטערנעמונגענ. פונ דער צווייטער זייט, האָבנ זיכ באמ אימפעריאליזמ פארשטארקט ביז גאָר די עקספלואטאציע און אונטערדריקונג פונ די ארבעטנדיקע מאסנ מיצאד דעמ קאפיטאל. די צעפאלונג פונעמ קאפיטאליזמ ווערט באגלייט מיט אנ אומגעהערטנ ווירטשאפט־לעכנ קריזיס, מיט א שרעקלעכער ארבעטלאָזיקייט, מיט הונגער, מיט דער פאראָרעמונג פונ די מיליאָניקע מאסנ, און דאָס, ווידער, רופט ארויס אנ אלצ שטייגנדיקע אויפרעגונג באמ ארבעטער־קלאס און פויערטומ, הייבט זי אויפ אפ א רעוואָלוציע.

„אימפעריאליזמ איז דער ערעוו פונ דער סאָציאלער רעוואָלוציע פונעמ פראָלעטאריאט, — האָט געשריבנ לענינ, — דאָס האָט זיכ פונ 1917 יאָר אָנ באשטעטיקט אינ אלוועלטלעכנ מאסשטאב".

לענינ האָט אָנגעוויזנ, אז די אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ אפ זיינ לעצטער שטופע פארלייכטערט און פארשנעלערט דעמ אָנקומ פונ דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע. לענינ האָט אנטדעקט דעמ באזונדערנ געזעצ פונ דער אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ אפ זיינ אימפעריאליס־טישער שטופע און האָט באוויזנ, אז אדאנק דעמ דאָזיקנ געזעצ ווערט פארלייכ־טערט דער ניצאָכנ פונעמ סאָציאליזמ צוערשט אינ איינ לאנד און נאָכדעמ אינ אנ־דערע לענדער און אינ דער גאנצער וועלט.

דער טאָכ פונעמ דאָזיקנ געזעצ איז אזא:

פריער, ווענ אפנ ערדקיילעכ זיינענ נאָכ געווענ „פרייע" ערדנ, איז די אנטוויק־לונג פונעמ קאפיטאליזמ פארגעקומענ מער אָדער ווייניקער גלאטיק, אינ פארהעלטנישמעסיק „פרידלעכע" באדינגונגענ, דורכ פרייער קאָנקורענצ. דער קאפיטאליזמ האָט ביסלעכווייז איינגענומענ אלצ נייע און נייע לענדער, „פרייע" טעריטאָריעס, אייניקע קאפיטאליסטישע מעלוכעס האָבנ לאנגזאמ, אינ פארלויפ פונ לאנגע יאָרנ איבערגעיאָגט אינ זייער אנטוויקלונג די אנדערע.

אָבער צומ אָנהייב 20־טנ יאָרהונדערט, ווי מיר וויסנ, האָט זיכ דער גאנצער ערדקיילעכ שוינ אויסגעוויזנ צעטיילט צווישנ די גרעסטע קאפיטאליסטישע מעלוכעס. די שטרעבונג פונ די קאפיטאליסטנ פונ די פארשיידענע לענדער צו באהערשנ נייע אָפזאצ־מערק און רויווארג־קוואלנ האָט איצט אומפארמיידלעכ געמוזט ברענגענ צו וועלט־מילכאָמעס צוליבנ איבערפארטיילנ דעמ שוינ צעטיילטנ ערדקיילעכ.

כוצ דעמ איז די אנטוויקלונג פונ דער טעכניק איצט אוועק מיט אזא פארשנע־לערטנ גאנג, אז דאָס האָט געגעבנ א מעגלעכקייט אייניקע קאפיטאליסטישע

לענדער — די יונגע, פריער אפגעשטאנענע, — שנעל צו דעריאגנ און אריבעריאגנ די אנדערע, אלטע לענדער פונ קאפיטאליזמ. דאס האט נאכ מער פארשטארקט די שטרעבונג אויסצונוצנ די דערגרייכטע עקאנאמישע און מיליטערישע מאכט אפ דעראבערנ נייע לענדער. דאס האט נאכ מער פארשארפט דעמ קאמפ צווישנ די קאפיטאליסטישע לענדער.

פונ יענער צייט אנ האט דער קאפיטאליזמ גענומענ אנטוויקלענ זיכ באזונדערס ניט-גלײכמעסיק, שפרונגענווײז, דורכ דעמ, וואס איינציקע קאפיטאליסטישע לענדער האבנ שנעל ארויסגעשטויסנ פונעמ וועלט-מארק אנדערע, דורכ דער אומגעהײערער פארטיפונג און פארשארפונג פונ די ווידערשפרוכנ צווישנ די קאפיטאליסטישע מעלוכעס, דורכ דעמ, וואס די מיליטערישע צוזאמענשטויסנ צווישנ די באזונדערע מעלוכעס זײנענ איבערגעוואקסנ אינ וועלט-מילכאמעס צוליבנ איבערפארטײלנ די וועלט. די ערשטע מילכאמע אזא איז עס געווענ די וועלט-מילכאמע אינ די יארנ 1914—1918.

אט די דאזיקע ניטגלײכמעסיקײט אינ דער אנטוויקלונג פונ קאפיטאליזמ האט עס לענינ פעסטגעשטעלט אלס באזונדערנ געזעץ. לאמיר א קוק טאנ, וואס דרינגט ארויס פונעמ דאזיקנ געזעץ.

די פארטיפונג און פארשארפונג פונ די ווידערשפרוכנ צווישנ די קאפיטאליסטישע מעלוכעס, דער פארביטערטער קאמפ צווישנ זיי, די אלוועלטלעכע מילכאמעס, וואס צעטרייסלענ ביזנ גרונט די ווירטשאפט פונ די קאפיטאליסטישע לענדער און וואס רופנ ארויס די אופרעגונג פונ די ארבעטנדיקע מאסנ, — אט דאס אלצ שוואכט אפ דעמ פראנט פונעמ וועלט-קאפיטאליזמ, אט דאס צעטרייסלט די שטאנדהאפטיקײט פונ דער קאפיטאליסטישער ארדענונג, שאפט א מעגלעכקײט פאר א רעוואליוציאנערנ דורכרײס פונעמ קאפיטאליסטישנ פראנט אינ זײנ שוואכסטנ רינג, א מעגלעכקײט פארנ ניצחונ פונ דער פראלעטארישער רעוואליוציע, א מעגלעכקײט פארנ ניצחונ פונ סאציאליזמ אינ איינ לאנד.

אט זײנענ לענינס ווערטער, וואס ער האט אנגעשריבנ אינ 1915 יאר:

„די ניטגלײכמעסיקײט פונ דער עקאנאמישער און פאליטישער אנטוויקלונג איז אנ אומבאדינגטער געזעצ פונעמ קאפיטאליזמ. פונדאנענ איז געדרונגענ, אז עס איז מעגלעכ דער ניצחונ פונ סאציאליזמ צוערשט אינ איניקע אדער אפילע אינ איינ באזונדער גענומענעמ קאפיטאליסטישנ לאנד".

דער פראלעטאריאט און זײנ רעוואליוציאנערע פארטיי אינ יעדנ לאנד, ווי עס האבנ זיכ געשאפנ גינסטיקע באדינגונגענ פאר דער רעוואליוציע, דארפ אופהײבנ אנ אופשטאנד, אראפווארפנ די מאכט פונ דער בורזשואזיע, אײנשטעלנ די דיקטאטור פונ פראלעטאריאט, צוטרעטנ צו ארגאניזירנ א סאציאליסטישע געזעלשאפט און מאכנ פונ זײנ לאנד א פעסטונג פונעמ סאציאליזמ — א שטיצפונקט פאר דער פראלעטארישער רעוואליוציע אינ אנדערע לענדער.

919—6

אָט דאָס אַלצ קאָנ און דאַרפ דער פּראָלעטאַריאַט פונ אַזאַ לאַנד טאָנ מיט זײַנע אײגענע קרעפטנ, אָנשפּאַרנדיק זיכ אויפ דער אונטערשטיצונג פונ די ברײטע מאַסנ אַרבעטנדיקע, בײַמ מיטגעפיל און בײַ דער אונטערשטיצונג פונ די פּראָלעטאַריער פונ אַנדערע לענדער.

„דער זיגרײַכער פּראָלעטאַריאַט פונעמ דאָזיקנ לאַנד, — זאָגט לענינ, — וואָס האָט עקספּראָפּריִרט די קאַפּיטאַליסטנ און אָרגאַניזירט בײַ זיכ אַ סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע, וואָלט זיכ געשטעלט קעגנ דער איבעריקע־קאַפּיטאַליסטישער וועלט, צוציִענדיק צו זיכ די אונטערדריקטע מאַסנ פונ אַנדערע לענדער, און וואָלט אויפגעהויבנ אינ זײ אַנ אויפשטאַנד קעגנ די קאַפּיטאַליסטנ, אַרויסטרעטנדיק אינ פאַל פונ אַ נויט אַפילע מיט מיליטערישער קראַפט קעגנ די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסנ און זײערע מעלוכעס“.

אָט וואָס עס זאָגט די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע טעאָריע — דער לעני־ניזמ — וועגנ דעמ אימפּעריאַליזמ און וועגנ דעמ ניצחונ פונ דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, צוערשט כאָטש אינ אײנ לאַנד.

די ריכטיקײט פונ דער דאָזיקער טעאָריע איז אינגאַנצנ באַשטעטיקט געוואָרנ דורכנ גאַנצנ אַנטוויקלונגגאַנג פונעמ קאַפּיטאַליזמ פאַרנ ערשטנ דריטל פונ 20־טנ יאָרהונדערט און באַזונדערס דורכ דער זיגרײַכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אינ דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג איז שוינ אַראָפּגעוואָרפנ געוואָרנ אינ אײנ לאַנד, וואָס האָט זיכ אַרויסגעוויזנ פאַר דעמ שוואַכסטנ באַציִרק פונעמ אימפּעריאַליסטישנ פראָנט. די סאָציאַליסטישע געזעל־שאַפט בויט זיכ אינ ראַטנפאַרבאַנד — אינ אַ זעקסטכײלעק פונ דער וועלט.

די עפּאָכע פונ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס האָט זיכ אָנגעהויבנ. די קאַפּיטאַ־ליסטישע אָרדענונג וועט אַראָפּגעוואָרפנ ווערנ אויכ אינ אַנדערע לענדער. די פּראָ־לעטאַרישע רעוואָלוציע וועט זיגנ אינ דער גאַנצער וועלט. די סאָציאַליסטישע, נאָכדעמ אויכ די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט וועט אויסגעבויט ווערנ.

דריטער טייל

דער קריזיס פונ קאפיטאליזמ

דער עקאנאמישער וועלט־קריזיס

מיר וייסנ, וויאזוי די אנטוויקלונג פונ די פּראָדוקטיווע קרעפטנ האָט געבראכט צו דער פארשפּרייטונג פונ די קאפּיטאליסטישע פארהעלטענישנ אינ דער גאנצער וועלט. אָבער מיר האָבנ צוזאמענ דערמיט געזענ, וויאזוי דער קאפּיטאליזמ, דערגרייכנדיק די העכסטע קראפט אונ מעכטיקייט האָט *אָנגעהויבנ פוילנ אונ צעפאלנ ווערנ*.

די פארפוילונג אונ צעפאלונג פונעמ קאפּיטאליזמ האָט זיכ באזונדערס קלאָר אנטפּלעקט אינ די לעצטע יאָרנ, ווענ אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער האָט אויסגעבראָכנ א *ווירטשאפטלעכער קריזיס* פונ א נאָכ ניט געוועזענער קראפט.

די ווירטשאפטלעכע קריזיסנ זיינענ אייגנטימלעכ פאר דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט. זיי כאזורנ זיכ איבער אומגעפער יעדע 10 יאָר.

געוויינלעכ הייבט זיכ אָנ דער קריזיס פונ א פארלאנגזאמונג אינעמ אָפּזאצ, אונ נאָכדעמ אויכ אינ דער סכוירע־פּראָדוקציע. פּלוצלינג ווייזט זיכ ארויס, אז סכוירעס זיינענ פּראָדוצירט געוואָרנ א סאכ מער, איידער מע קאָנ זיי קויפנ, — עס אנטפּלעקט זיכ די אזויגערופענע „איבערפּראָדוקציע". עס קומט אָנ א שטילשטאנד אינ די ווירטשאפטלעכע געשעפטנ. עס „פּלאצנ" די האנדלהייזער אונ בענק. עס ווערנ אנשווייגנ די פאבריק־זאוואָדישע סירענעס. עס ווערנ אויסגעלאָשנ די דאָמנעס. א מאסע ארבעטער אונ ארבעטערנס פארבלייבנ אָנ ארבעט אונ הונגערנ.

אָבער דער איצטיקער קריזיס, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ דער צווייטער העלפט 1929 יאָר, האָט אָנגענומענ אזא גרייס, וואָס איז קיינמאָל פריער ניט געזענ געוואָרנ, אונ האָט דערגרייכט א נאָכ ניט געוועזענע שארפקייט.

דאָס איז א *וועלט*־קריזיס. ער האָט ארומגעכאפּט *אלע* קאפּיטאליסטישע לענדער. ער האָט אומעטומ באהערשט סיי די *אינדוסטריע* אונ סיי די *לאנדווירטשאפט*.

דער אלוועלטלעכער האנדל־אומזאצ האָט זיכ *פארקלענערט* פאר דער צייט פונעמ קריזיס ביז *צוויי פינפטל* פונ זיינ פריערדיקער גרייס.

די אלגעמיינע אינדוסטריעלע פראָדוקציע פונ אלע קאפּיטאליסטישע לענדער איז פאר דער צייט פונעם קריזיס געפאלנ ביז דריי פינפטל פונ דער פריערדיקער. אינ אזא רייכנ לאנד, ווי די פאראייניקטע שטאטנ פונ צאָפנ-אמעריקע, איז די אינדוסטריעלע פראָדוקציע פארקלענערט געוואָרנ אינ אלגעמיינ אפ א העלפט.

אינ אזעלכע וויכטיקע צווייגנ, ווי שטאָל אונ טשוהונ, האָט זיכ די פראָדוקציע פארקלענערט אינ צאָפנ-אמעריקע ביז א פערטכיילעק אונ ביז א פינפטכיילעק.

פונ די 200 פונקציאָנירנדיקע דאָמנעס זיינענ איצט פארבליבנ אינ צאָפנ-אמעריקע סאכאקל 38 — ווייניקער ווי א פינפטכיילעק.

אינ ענגלאנד איז דער אלגעמיינער פארנעמ פונ דער אינדוסטריעלער פראָדוקציע געפאלנ ביז א פינפטכיילעק.

אויב מע זאָל פארגלייכנ די איצטיקע אויסארבעטונג מיט דער פראָדוקציע פונ די פאָריקע יאָרנ, וועט זיכ ארויסווייזנ, לעמאָשל, אז די אלוועלטלעכע שטאָל-פראָדוקציע האָט זיכ איצט אראָפּגעלאָזנ ביזנ ניוואָ פונ 1898 יאָר! איצט ווערט אויסגעארבעט שטאָל אזוי פיל, וויפל עס פלעגט אויסגעארבעט ווערנ מיט 35 יאָר צוריק! ענגלאנד פראָדוצירט איצט אזוי פיל טשוהונ, וויפל זי האָט פראָדוצירט מיט 73 יאָר צוריק!

די גרונט-צווייגנ פונ דער אינדוסטריע אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער האָט דער קריזיס אָפּגעוואָרפנ אפ א האלבהונדערטער אונ מער יאָרנ צוריק. אזוי ווייט איז פארגאנגענ די צעשטערונג פונ די פּראָדוקטיווע קרעפטנ אינ די בורזשואזע מעלוכעס.

אויכ די לאנדווירטשאפט פאלט אינ אלע קאפּיטאליסטישע לענדער. דער פארזיי-שעטעכ ווערט פארקירצט. לעמאָשל, אינ צאָפנ-אמעריקע האָט זיכ דער פארזיי-שעטעכ פאר דער צייט פונעם קריזיס פארקלענערט אפ 2 מיט א האלבנ מיליאָנ העקטאר. דער פארזיי פונ ווייץ האָט זיכ פארקלענערט אפ 11 פראָצ., פונ ווינטער-ווייץ — אפ 17 פראָצ., פונ בוימוואָל — אפ 20 פראָצ., אינ דייטשלאנד אונ טשעכאָסלאָוואקיע האָט זיכ דער פארזיי פונ צוקער-בורעקעס פארקלענערט אפ 22—30 פראָצענט, אינ לעטלאנד אונ ליטע האָט זיכ דער פארזיי פארקלענערט אפ 25—30 פראָצענט אאוו.

א סאכ שטארקער זיינענ געפאלנ די אויסגאבנ אפ די גרונטיקע פּראָדוציר-מיטלענ אינ דער לאנדווירטשאפט (מאשינעס, ארבעט-פי, באמיסטיקונג אדג.). אינ צאָפנ-אמעריקע האָבנ זיכ די דאָזיקע אויסגאבנ פארקלענערט קימאט אינ צוויי מאָל. די לאנדווירטנ הערנ אפ צו באנייענ די פּראָדוציר-מיטלענ. אינ א סאכ ערטער וואלגערנ זיכ די לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס אפ די פעלדער אונ זשאווערנ. די סילאָס-טורעמס, די שייערנ, די הייזער פאלנ איינ. דאָס פי בלייבט אפ די פאשע-פלעצער אונ קומט אומ.

די לאנדווירטשאפט קערט זיכ אום פונעם טראקטער צום פערד אונ צום מויל-אייזל. די פּראָדוקציע פונ טראקטערס אונ פונ אנדערע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס האָט זיכ פארקלענערט אינ צאָפנ-אמעריקע — דעמ לאנד פונ טראקטערס — קימאט אינ זעקס מאָל.

די דירעקטע, די נאָענטסטע סיבע דערפונ, וואָס די לאנדווירטשאפט פאלט, איז



דער אַרויסלאָז פֿונ די אינדוסטריעלע סכוירעס אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אינ 1932 יאָר אינ פֿאַרגלײַכ מיט 1928 יאָר (אינ פּראָצענט)

דײַטשלאַנד, צאַפּ"ש, פֿראַנקרײַכ, ענגלאַנד.
1928 י.

דאָס שאַרפֿע פֿאַלנ פֿונ די פּרײַזנ אַפֿ די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע סכוירעס. אַזאַ פֿאַלנ איז אַ רעזולטאַט ניט בלויז פֿונ דער „איבערפּראָדוקציע" פֿונ די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטנ. נאָר אויכ פֿונ דער דירעקטער רויבערײַ מיצאַד די מאָנאָפּאָליסטישע קאַפּיטאַליסטנ־פֿאַרבאַנדנ. די דאָזיקע פֿאַרבאַנדנ נוצנ אויס די „איבערפּראָדוקציע" אונ צווינגענ די פּראָדוציר־ער צו פֿאַרקויפֿנ זייערע פּראָדוקטנ פֿאַר אומגעהייער נידעריקע פּרײַזנ. אונ אינ דער זעלבער צײַט פֿאַרקויפֿנ זיי די אָפּגעקויפֿטע סכוירעס די געברויכער אינ די שטעט לויט די פֿריערדיקע הויכע איינצל־פּרײַזנ אונ הייבנ זיי נאָכ צומאָל אויפֿ נאָכ מער. אַזוי ראַבירט דער גרויסער קאַפּיטאַל צווייפֿאַכ — אי די פּראָדוצירער, אי די געברויכער. אינ צאָפֿנ־אַמעריקע זײַנענ די פּרײַזנ אַפֿ די גרונט־פּראָדוקטנ — ווייץ, בוימוואָל, וואָל, כאַזערפֿלייש — געפֿאַלנ קימאַט אינ דרײַ מאָל, אונ אַפֿ קוקורוזע — קימאַט אינ פֿיר מאָל.

די ברוטאָ־האַכנאָסע פֿונ דער לאַנדווירטשאַפֿט אינ צאָפֿנ־אַמעריקע האָט זיכ פֿאַר דער קריזיס־צײַט פֿאַרקלענערט מער ווי אַפֿ העלפֿט, אונ די ריינע האַכנאָסע האָט זיכ פֿאַרקלענערט קימאַט אינ פֿינפֿ מאָל.

די עקזיסטירנדיקע פּרײַזנ ברענגענ העזעק דער מערהײַט פּראָדוצירער (די דריבנע ווירטשאַפֿטנ). אינ צאָפֿנ־אַמעריקע דעקנ זיי אַפֿילע ניט בלויז די צאָלונגענ פֿונ דער דריבנער ווירטשאַפֿט פֿאַר דער ערד, אונ אינ איינִיקע פֿאַלנ דעקנ זיי אַפֿילע ניט די הויצאָעס אַפֿ אַריבערפֿירנ די פּראָדוקטנ ביזנ מאַרק. איינ פּויער אינעמ שטאַט קאַנזאַס (צאָפֿנ־אַמעריקע) האָט געבראַכט צו פֿירנ אַפֿנ מאַרק ווייץ, אָבער ווענ ער האָט זיכ דערוווּסט וועגנ דעמ פּרײַז, האָט ער פֿאַרקערעוועט די פֿור אַפֿ צוריק אונ אַלס פּראָטעסט האָט ער אַפֿנ וועג אַהיימ אויסגעשאָטנ זײַנ גאַנצנ ווייץ.

די פּרײַזנ אַפֿ די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטנ האָבנ זיכ אַראָפּגעקײַקלט באַרג אַראָפּ אונ אינ דער זעלבער צײַט זײַנענ די שטײַערנ אונ אָפּצאָלנ שטאַרק אויסגעוואָקסנ. אינ רעזולטאַט דערפֿונ אַרבעט דער פּויער יעדנ פֿינפֿטנ טאָג, אונ אינ אַ סאַכ ראַיאָנענ אַפֿילע יעדנ דריטנ טאָג בלויז אַפֿ באַצאָלנ די שטײַערנ.

אָבער אויכ די שטארק געפאלענע פרײַזנ ברענגענ נאָכ אלצ *רעוועכ* די גרויסע קאפיטאליסטישע ווירטשאפטנ, ווײַל דער קערנקאָסט פונ זייער פראָדוקט איז א כאכ נידעריקער.

דער קריזיס ברענגט מיט זיכ א רוינירונג *פאר דער מאסע דריבנע ווירטשאפטנ*, אונ די גרויסע קאפיטאליסטישע ווירטשאפטנ, די פריצימ אונ באלעגופימ, ווי אויכ די קאפיטאליסטנ, וואָס קויפנ אופ די פראָדוקטנ, ווערנ נאָכ רײַכער פונ דער רוינירונג אונ דעמ אונטערגאנג פונ די דריבנע ווירטשאפטנ פונ דער פויערשער מאסע.

דער פולשטענדיקער כורבנ פונעמ גאנצנ ווירטשאפטלעכנ לעבנ אינ די קאפי־טאליסטישע לענדער לאָזט זיכ אויכ פילנ אינ דער צערודערונג פונ דער געלט־צירקוליאציע.

די צאָל „געפלאצטע" בענק אינ דער אומגעהייער רײַכער אמעריקע האָט פאר די קריזיס־יאָרנ באטראָפנ 5738, אינ ענגלאנד 17.036, אינ פראנקרײַכ איז די צאָל באנקראָטנ געוואָקסנ אפ אזא אויפנ: 1929 יאָר — 8712, 1930 יאָר — 9072, 1931 יאָר — 10.872, 1932 יאָר — 14.033.

עס באנקראָטירנ ניט בלויז טויזנטער קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגענ, — עס באנקראָטירנ גאנצענע שטעט, קליינע אונ גרויסע. די שטאָט־פארוואלטונגענ הערנ אופ צו צאָלנ, עס שטעלנ זיכ אָפ די אונטערנעמונגענ, וועלכע באדינענ די שטאָ־טישע באפעלקערונג, עס פארמאכנ זיכ די שולנ אאוו.

עס האָט באנקראָטירט די גוואלדיק רײַכע אינדוסטריעלע שטאָט אינ צאָפנ־אמעריקע — *טשיקאגאָ*: א האלב מיליאָנ קינדער זײַנענ געבליבנ אָנ א שול, די לערער באקומענ ניט קיינ געהאלט פונ אפרעל 1931 יאָר אָנ.

עס האָט באנקראָטירט די רײַכע אינדוסטריעלע שטאָט אינ צאָפנ־אמעריקע — *ניו־יאָרק*. עס האָבנ באנקראָטירט דרײַ גרויסע שטעט אינ דײַטשלאנד — פראנק־פורט, קעלנ, דרעזדענ אאוו.

עס באנקראָטירנ גאנצע מעלוכעס. העכער 2 צענדליק קאפיטאליסטישע מעלו־כעס האָבנ אָפגעשטעלט די צאָלונגענ פונ זייערע אויסלענדישע כויוועס. די אלגע־מיינע סומע פונ די דאָזיקע כויוועס באטרעפט 7—8 מיליארד גאָלד־רובל. צווישנ די מעלוכעס־באנקראָטנ זײַנענ — אונגארנ, עסטרײַכ, באָלגאריע, גריכנלאנד אונ א ריי מעלוכעס פונ דאָרעמ־אמעריקע.

עס איז געבליבנ הענגענ אינדערלופטנ די פראגע וועגנ צאָלנ כויוועס אפילע מיצאד אזוינע גרויסע מעלוכעס, ווי ענגלאנד, פראנקרײַכ, איטאליע, שוינ אָפגע־רעדט פונ דײַטשלאנד.

דער וועלט־קריזיס האָט געשאפנ א *ניט געזעענע ארבעטלאָזיקייט* אינ אלע קאפיטאליסטישע לענדער.

א מער אָדער ווייניקער באדײַטנדיקע צאָל ארבעטלאָזע איז שטענדיק פאראנ אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. די קליינע פראָדוצירער, וואָס ווערנ רוי־נירט (האנטווערקער אונ פויערימ) הערנ ניט אופ צו קאָמפלעקטירנ די רייענ פונ די לוינ־ארבעטער. די פארפולקומונג פונ דער טעכניק גיט די קאפיטאליסטנ א מעג־לעכקײַט אלצ מער צו פארבײַטנ די האנט־ארבעט מיט מאשינעס, די אלטע מאשי־נעס מיט נײַע, מער פולקומע, אונ אזויארום צו באגייג זיכ מיט א קלענערער צאָל ארבעטער. די פארפולקומטע מאשינ פארייניקט דעמ ארבעטערס ארבעט אונ גיט א



א ריי פונ די ארבעטלאָזע בא דער ראיאָנער ארבעט־בירזשע
אינ דער שטאָט האמבורג (דײַטשלאנד)

מעגלעכקײַט די קאפּיטאליסטנ אָנצוווענדנ אלצ ברייטער די מער ביליקערע פרויענ־ אונ קינדער־ארבעט.

די באדערפעניש פונ די אונטערנעמער אינ לעבעדיקער ארבעט, דער **נאָכ־פרעג** מיצאד די קאפּיטאליסטנ אפ ארבעטקראפט **שטײט** אפ אראנק דעמ אלעמענ **פונעמ אָנבאָט** פונ ארבעטקראפט. אזוינע, וואָס זוכנ ארבעט, זײַנענ שטענדיק פאראנ מער, וויפל עס איז פאראנ ארבעט. אָט דאָס שאפט עס די אזוי גערופענע **רעזערווע ארבעט־ארמײ**, פּאשעט גערעדט — די **ארמײ ארבעטלאָזע**.

אזויארומ גײט אינ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט שטענדיק א **טײל ארבעטקראפט פארלאָרנ**, געפינט ניט פאר זיכ קײנ **אָנווענדונג**, ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס די פּראָדוקציע וואקסט אונ די רײַכטימער פונ די קאפּיטאליסטנ פארגרעסערנ זיכ. אונ בײַמ די קריזיסנ פארבלײַבנ אָנ ארבעט אונ הונגערנ מיליאָנענ ארבעטער.

אָבער די טײלווײַזע אונ צײַטווײַליקע ארבעטלאָזיקײַט פאר געוויסע שיכטנ ארבעטער־קלאס אינ די פריקע יאָרנ, אפילע די ארבעטלאָזיקײַט אינ די קריזיס־פעריאָדנ איז ניט צו פארגלײַכנ מיט דער איצטיקער לאגע פונ די ארבעטער־מאסנ אינ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט.

„דער געשפּענסט פונ ארבעטלאָזיקײַט שפּרײַזט איבער דער גאנצער וועלט, פארשפּרײטנדיק אומעטומ אומרו אונ שרעק", — האָט געזאָגט דער דירעקטאָר פונעמ וועסטמינסטער־באנק אינ ענגלאנד. דער ניט פולער דיסקאָנט פונ דער ארבעטלאָזיקײַט בלויז אינ די לענדער פונ אײראָפּע אונ אמעריקע דערווײַזט, אז אינ זײ דערגרײכט די אלגעמײנע צאָל ארבעטלאָזע די אומגעהײערע ציפער פונ **העכער**

50 מיליאָנ מענטשנ. דאָס איז ניט רעכנענדיק די טיילוויַיז ארבעטלאָזע, וואָס האָבנ ארבעט באָטש אפ איינ טאָג אינ וואָכ, אונ ניט רעכנענדיק די פאמיליעס.

יעדער דריטער מענטש אינ אייראָפּע אונ אמעריקע זיצט אָנ ארבעט. העכער א העלפט פונ גאנצנ ארבעטער־קלאס איז אָינגאנצנ אָדער טיילוויַיז ארבעטלאָז.

אויב מע זאָל ארייַנרעכענענ אויכ די פאמיליעס פונ די ארבעטלאָזע, וועט זיכ ארויסוויַיזנ, אז אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער פונ אייראָפּע אונ אמעריקע זיצנ אָנ ארבעט אונ הונגערנ אזויפיל מענטשנ, וויפל עס באטרעפט אומגעפער די גאנצע באפעלקערונג פונ אונדזער פארבאנד!

אָט צו וואָס דער קאפּיטאליזמ האָט דערפירט די ארבעטנדיקע!

דער קריזיס האָט ארייַנגעשלײַדערט די ארבעטער אונ פויערים פונ די קאפּיטאליסטישע לענדער אינעמ אָפגרונט פונ אומבאשרייַבלעכע צאָרעס, אונ לייַדנ.

מיר וויסנ שוינ וועגנ דעמ פונ די ערשטע בלעטלעכ פונ אונדזער בוכ.

בא די סאמע פינצטערע אונ אָפגעשטאנענע שיכטנ פונ דער ארבעטער־אונ פויערימ־מאסע רופט ארויס דער קריזיס די פראגע:

ווענ זשע וועלנ זיכ ענדיקנ די דאָזיקע יעסורימ? ווו איז דער אויסוועג? וואָס זייַנענ די סיבעס פונעמ קריזיס?

אפילע די בורזשואזע געלערנטע, לעמאָשל, דער דייַטשישער עקאָנאָמיסט באָן שרייַבט:

„בא טויזנטער מענטשנ שטעלט זיכ די ביז גאָר נאַיווע פראגע: צי האָט די קאפּיטאליסטישע סיסטעמ ביכלאל וועלכע ־ ניט־איז רעכט אפ עקזיסטענצ, אויב זי איז אינעמ רייַכסטנ לאנד אינ דער וועלט (אינ צאָפנ־אמעריקע) ניט אימשטאנד צו שאפנ אזא אָרדענונג, וואָס זאָל גאראנטירנ עקזיסטענצ־מיטלענ פאר דער פארהעלטניסמעסיק ניט גערינגער, ארבעטזאַמער, פייַיקער באפעלקערונג, אונ מיליאָנענ מענטשנ זאָלנ דערבייַ ניט זייַנ געצוווּנגענ פונ צייַט צו צייַט צו לעבנ אינ דאלעס אונ אָנצוקומענ צו אומזיסטע קיכנ אונ נאכטלעגערס".

די עסטרייַכישע בורזשואזע צייַטונג „נייע פרייַע פרעסע" שרייַבט:

„א סאכ מענטשנ פרייַיקט די דאָזיקע שרעקלעכע פראגע: ניט שוינ זשע איז די קאפּיטאליסטישע סיסטעמ שולדיק אינ די דאָזיקע אלע צאָרעס?"

יאָ, אָנ שומ ספּעק, אינ די דאָזיקע אלע שרעקלעכע צאָרעס איז שולדיק טאקע די קאפּיטאליסטישע אָרגאניזירונג פונ דער ווירטשאפט. יאָ, די קאפּיטאליסטישע ווירטשאפט־סיסטעמ האָט ניט קיינ רעכט אפ עקזיסטענצ.

צי ארבעטנ דענ די קאפּיטאליסטישע אונטערנעמונגענ, קעדיי צו באפרידיקנ די באדערפעניששנ פונ די ארבעטנדיקע? וואָס פאר א ווירקלעכ נאַיווע, נארישע פראגע! ווענ דאָס וואָלט טאקע געווענ אזוי, וואָלט די מענטשהייַט שוינ לאנג געווענ גליקלעכ!

אָבער דאָס איז דאָכ טאקע די מייַסע, וואָס די קאפּיטאליסטנ פארנעמענ זיכ מיט דער פּראָדוקציע אויסשליסלעכ, קעדיי צו באקומענ רעווענ. יעדער קאפּיטאליסט שטרעבט ווי וויַיט מעגלעכ מער צו פארברייטערנ זייַנ פּראָדוקציע,

שאפנ ווי ווײַט מעגלעכ מער סכוירעס אונ צעקלאפּנ אפנ מארק די איבעריקע קאַ־פּיטאליסטנ אויסשליסלעכ, קעדיי אליינ צו באקומענ וואָס מער רעוועכ.

דערבײַ ווייס ניט פאָרויס דער קאפּיטאליסט, צי וועלנ זײַנע סכורעס געפינענ אנ אָפּזאצ אפנ מארק אונ לויט וואָס פאר א פרײַז.

אָבער ווער איז דער קויפער, דער געברויכער פונ די סכוירעס? די קאפּיטא־ליסטנ בילדנ בלויז א נישטיקע מינדערהייט פונ דער באפעלקערונג. די קאפּיטא־ליסטנ אליינ אונ די מענטשנ, וואָס באדינענ זיי, קאָנענ פארברויכנ בלויז אנ אומבאדײַטנדיקנ טייל סכוירעס, וואָס ווערנ פּראָדוצירט אינ די קאפּיטאליסטישע אונטערנעמונגענ. דער גרונט-קויפער אונ פארברויכער פונ די סכוירעס זײַנענ די ארבעטער, די ארבעטנדיקע מאסנ.

אָבער אינ זייער יאָגעניש נאָכ פּראָפיטנ סטארענ זיכ די קאפּיטאליסטנ אונ גוטבאזיצער וואָס מער אראָפּזעצנ דעמ ארבעטלוינ פונ די ארבעטער, אונ ווי ווײַט מער פארקלענערנ די האכנאָסעס פונ די קליינע פּראָדוצירער, וואָס זײַנענ פונ זיי אָפּהענגיק, וואָס קויפנ בא זיי סכוירעס, וואָס ארענדירנ ערד אאַוו.

אזוי ארום, באקומט זיכ, אז די קאפּיטאליסטנ אליינ האקנ אונטער דעמ צווײַג, אפ וועלכנ זיי זיצנ. די פּראָדוקציע אינ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט וואקסט גיגאנטיש, אונ דער צאָלפּייִיקער נאָכפרעג אפ די סכוירעס פאלט רעלאטיוו.

אומפארמײַדלעכ, פריִער אָדער שפּעטער, קומט אָנ אזא לאגע, ווענ אלצ א גרע־סערער אונ גרעסערער טייל סכוירעס געפינט ניט פאר זיכ קיינ אָפּזאצ אפנ מארק, ווײַל די גרונט-מאסע געברויכער איז ניט אימשטאנד זיי צו קויפנ. עס זאמלענ זיכ אָנ קאָלאָסאלע לאגערנ סכוירעס, עס באקומט זיכ א סכוירעס-איבער־פּראָדוקציע — אנ איבערפּראָדוקציע פונ ברויט, פלייש, פוטער, שטאָפנ, שיכ, הייזווארג אאַ. די הענדלער הייבנ אָנ ווייניקער קויפנ סכוירעס בא די פאב־ריקאנטנ, די פאבריקאנטנ פארקירצנ דעמ אײַנקויפ פונ מאשינעס, רויווארג אונ הייזווארג, זיי הייבנ אָנ פארמאכנ די פאבריקנ אונ זאוואָדנ, די גוטבאזיצער פאר־קירצנ די פּראָדוקציע פונ לאנדווירטשאפטלעכע סכוירעס. מיט איינ וואָרט, עס קומט אָנ א קריזיס.

עס איז קלאָר ביז גאָר, אז די סיבע פונ די קריזיסנ ליגט אינעמ סאמע טאָכ פונעמ קאפּיטאליזמ.

לאָמיר זיכ דערמאָנענ דעמ הויפּט-ווידערשפּרוכ פונ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט — דעמ ווידערשפּרוכ צווישנ דעמ געזעלשאפטלעכנ כאראקטער פונ דער ארבעט אונ דעמ קאפּיטאליסטישנ אויפנ פונ דער צוייגענונג. אינ אימ טאקע ליגט די דערקלערונג פונ די קריזיסנ. אינדערעמעסנ. דער געזעלשאפטלעכער כא־ראקטער פונ דער ארבעט אינ די גרויסע קאפּיטאליסטישע אונטערנעמונגענ שאפט קאָלאָסאלע מעגלעכקײַטנ פארנ וווּקס פונ דער פּראָדוקציע, אונ די קאפּיטאליסטנ שטרעבנ אויפצוהייבנ די פּראָדוקציע ביז דער העכסטער מאָס, קעדיי ארויסצופּרעסנ וואָס מער רעוועכ. דער קאפּיטאליסטישער אויפנ, ווידער, פונ דער צוייגענונג גיט די קאפּיטאליסטנ א מעגלעכקײַט צו האלטנ די לעבנ-באדערפענישנ פונ די ארבעטנדיקע מאסנ אפנ נידעריקסטנ ניוואָ. אדאנק דעמ פאלט רעלאטיוו דער צאָלפּייִיקער נאָכפרעג אפ סכוירעס מיצאד די מיליאָניקע מאסנ גרונט-געברויכער. דער ראָזיקער ווידערשפּרוכ צווישנ דעמ קאָלאָסאלנ וווּקס פונ

דער פּראָדוקציע און דעמ רעלאַטיוונ פאַלנ פונעמ צאָלפּייִקנ נאָכפרעג אַפ די סכוירעס, וואָס דרינגט ארויס פונעמ הויפּטווידערשפּרוכ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, איז עס די גרונט-סיבע פונ די קריזיסנ. כאַווער סטאַלינ זאָגט:

„ווענ דער קאַפּיטאַליזמ וואָלט געקאָנט צופּאַסנ די פּראָדוקציע ניט צומ באַקומענ דעמ מאַקסימומ רעווח, נאָר צומ פאַרבעסערנ סיסטעמאַטיש די מאַטעריעלע לאַגע פונ די פאָלקסמאַסנ, ווענ ער וואָלט געקאָנט פאַרווענדנ דעמ רעווח ניט אַפ באַפרידיקנ די קאַפּריזנ פונ די פּאַראַזיטישע קלאַסנ, ניט אַפ פאַרפולקומענ די עקספּלואַטאַציע-מעטאָדנ, ניט אַפ ארויספירנ קאַפּיטאַל, נאָר אַפ אויפהייבנ סיסטעמאַטיש די מאַטעריעלע לאַגע פונ די אַרבעטער און פּויערימ, דאַנ וואָלטנ ניט געווענ קיינ קריזיסנ. אָבער דאַנ וואָלט אויכ דער קאַפּיטאַליזמ ניט געווענ קיינ קאַפּיטאַליזמ. קעדיי צו פאַרניכטנ די קריזיסנ, דאַרפ מענ פאַרניכטנ דעמ קאַפּיטאַליזמ".

אַלגעמיינער קריזיס פונעמ קאַפּיטאַליזמ

אונדז איז קלאָר די סיבע פונ די קריזיסנ אינ דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. אָבער פאַר אונדז שטעלט זיכ די פראַגע:

פאַרוואָס אָבער האָט בא הײַנטיקנ טאָג דער עקאָנאָמישער קריזיס אָנגענומענ אַזאַ קאָלאָסאַלנ מאַסשטאַב, האָט פאַרכאַפּט די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט, האָט אויפגעטרייסלט ביזנ גרונט די גאַנצע ווירטשאַפט פונ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער?

די סיבע דערפונ איז דאָס, וואָס דער איצטיקער עקאָנאָמישער קריזיס קומט פאָר אינ די באַדינגונגענ פונ דער אַלגעמיינער צעפאַלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ.

מיר ווייסנ, אַז פונ אָנהייב 20־טנ יאָרהונדערט אַפ דער לעצטער שטופע פונ זײַנ אַנטוויקלונג האָט דער קאַפּיטאַליזמ אָנגעהויבנ פוילנ און צעפאַלנ ווערנ. די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע פונ די יאָרנ 1914—1918 און אירע רעזולטאַטנ האָבנ באַזונדערס פאַרשטאַרקט און פאַרשנעלערט די צעפוילונג און צעפאַלונג פונ דעמ קאַפּיטאַליזמ. פונעמ דאָזיקנ מאָמענט אָנ הייבט זיכ טאַקע אָנ דער אַלגעמיינער קריזיס פונעמ קאַפּיטאַליזמ, ד. ה. די צעפאַלונג פונ דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, פונ דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעמ אינגאַנצנ גענומענ.

די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע האָט אינ פאַרלויפ פונ 4 יאָר אײַנגעשלונגענ אַנ אומגעהייערנ סכומ מיטלענ אַפ ניטפּראָדוקטיווע אויסגאַבנ — אַפ פּראָדוצירנ געצײַג און מאַטעריאַל פאַר צעשטערונג, אַפ אויסהאַלטנ מיליאָניקע אַרמייענ. אַפ גאַנצענע יאָרנ האָט די מילכאָמע אָפּגעריסנ פונ דער פּראָדוקציע צענדליקער מיליאָנענ אַרבעטנדיקע, און צענדליקער מיליאָנענ האָט זי צעקאַליעטשעט און פאַרניכטעט. די מענטשנ־פאַרלוסטנ אינ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע האָט לעניג אָפּגעשאַצט ניט ווייניקער, ווי אינ 10 מיליאָנ דערהאַרגעטע און אינ 20 מיליאָנ צעקאַליעטשעטע. וואָס די דאָזיקע ציפערנ באַטײַטנ, איז צו זענ דערפונ. אַז די אַלגעמיינע צאָל מילכאָמע-קאָרבאָנעס באַטרעפט איינ דריטטיילעק פונ

דער גאַנצער אַרבעטספּייַקער באַפעלקערונג פונ ראַטנפאַרבאַנד און באַטרעפט העכער אַ העלפט פונ דער גאַנצער זעלבסטעטיקער באַפעלקערונג פונ דעמ איצטיקנ פראַנקרייַכ.

אינ די ראַיאָנענ פונ די מיליטערישע אָפּעראַציעס האָט די מילכאָמע פאַרוויסט גאַנצע געגנטנ און לענדער. די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע, וואָס מע האָט איבערגעלאָזט אויפ די פרויענ און קינדער, האָט זיכ שטאַרק פאַרקירצט. אַ מאַסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ האָבנ זיכ נאָכ דער מילכאָמע פאַרמאַכט, די איבעריקע האָבנ גענומענ אַרבעטנ קעסיידער מיט ניט קיינ פולער אָנלאָדונג. די אַרבעטער, וואָס האָבנ זיכ אומגעקערט פונ די פראָנטנ, האָבנ געבילדעט מיליאָניקע אַרמייענ אַרבעטלאָזע.

אינ צווישנ אָט דעמ גאַנצנ כורבנ און יערידע זייַנענ אומגעהייער אויסגע־וואַקסנ אויפ פעטנ באָדנ פונ דער מילכאָמע בלויז די רעוואָכימ און רייַכטימער פונ דער בורזשואַזיע. עס זייַנענ צוגעקומענ נייַע טויזנטער מיליאָנערנ און מיליאַרדערנ. לעמאָשל, אינ צאָפנ־אַמעריקע זייַנענ פאַר דער מילכאָמע־צייַט אויפגעקומענ 21 טויזנט נייַע מיליאָנערנ.

אָבער ניט בלויז די ווירטשאַפט פונ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז צערודערט געוואָרנ. די מאַכט גופע פונ דער בורזשואַזיע איז געבליבנ הענגענ אויפ אַ האָר, און אינ אייניקע לענדער האָט דער דאָזיקער האָר געפּלאַצט.

לאָמיר נעמענ פראַנקרייַכ — די „זיגערנ” פונ דער מילכאָמע. פונ די געהיימע דאָקומענטנ, וואָס זייַנענ ערשט איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרנ, דערוויסנ מיר זיכ, וואָס איז געווענ אינ פראַנקרייַכ אינ 1917 יאָר. אינ אַפּרעל, מייַ און יוני זייַנענ פאָרגעקומענ אויפשטאַנדנ אינ 115 אַרמייִשע טיילנ, דערונטער אינ 75 אינפאַנטעריע־פּאָלקנ, אינ 12 אַרטילעריע־פּאָלקנ, אינ 23 אינזשעניער־באַטאַליאָנענ אאַוו. דער גרונט־יאָדער פונ דער פראַנצויזישער אַרמיי איז געווענ אַרומגעכאַפּט מיט אויפשטאַנדנ. די סאָלדאַטנ האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט אונטערצוואַרפנ זיכ די באַפעלנ פונ דער קאָמאַנדירונג, האָבנ אַרויסגעוויזנ אַ ווידערשטאַנד בעשאַס מע האָט זיי געשיקט אויפ די פאָדערשטע פּאָזיציעס, צווישנ די סאָלדאַטנ זייַנענ פאַרשפּרייט געוואָרנ צעטלענ: „אַראָפּ די מילכאָמע!” „אַ טויט אירע אינִיציאַטאָרנ!”. די מיליטער־טיילנ האָבנ דעמאָנסטרירט אינ געשלאָסענע רייענ, זינגענדיק דעמ „אינטערנאַציאָנאַל”. אינ איינעמ פונ די געהיימע ראַפּאָרטנ לייענענ מיר:

„דער גאַנצער אַרטילעריע־קאָרפּוס האָט זיכ אָפּגעזאָגט צו גייִנ אינ די טראַנשייעס. ניט די רעדעס, ניט די טרערנ פונ די פּאָלקאָווניקעס און פונעמ קאָרפּוס־קאָמאַנדיר גענעראַל לעברענ האָבנ ניט געקאָנט איבערצייַגנ די סאָלדאַטנ, זיי זאָלנ זיכ אונטערוואַרפנ ווען ניט איז באַפעל. די סאָלדאַטנ האָבנ מער ניט געוואָלט זיכ אונטערוואַרפנ די אומפּייִקע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע שעפנ. זיי האָבנ איינער דעמ אַנדערנ געשוואָרנ טרייַהייַט. זיי רייִדנ וועגנ אַ באַוואָפנטנ מאַרש אויפ פּאַריז”.

די אויפגעשטאַנענע טיילנ האָבנ אויסגעוויילט זייערע שעפנ און האָבנ שטרענג אויסגעפילט זייערע באַפעלנ. צווישנ די אויפגעשטאַנענע זייַנענ געווענ אויכ אָפיצערנ. אינ אַ ריי ערטער זייַנענ פאָרגעקומענ בלוטיקע צוזאַמענשטויסנ מיט דער זשאַנדאַרמעריע. ביז וואָס פאַר אַ שאַרפקייַט עס איז דערגאַנגענ די לאַגע,

איז צו זענ פונ דער רעדע פונ דעמ קריג־מיניסטער פענלעווע. אפ א געהיימער זיצונג פונעמ פארלאמענט האט ער געזאגט:

„מיר האבנ געציילט — אונ מיט וואס פאר אנ אומרו! — די צאל פרישע דיוויזיעס צווישנ דעמ פראנט אונ פאריזש, וואס אפ זיי וואלט מענ זיכ געקאנט פארלאזנ. אינ פארלויפ פונ עטלעכע טעג, — איכ בעט שווייגנ וועגנ דעמ, — אינ דעמ מאמענט, ווענ מע האט זיכ געקאנט ריכטנ אפ א דייטשישער אטאקע, האט צווישנ דעמ פראנט אונ פאריזש זיכ געפונענ סאכאקל איינ זיכערע דיוויזיע".

בלויז מיט דער גרעסטער מי האט זיכ איינגעגעבנ דער פראנצויזישער בורזשואזיע צו אונטערדריקנ די אופשטאנדנ אינ דער ארמיי אונ איינצוהאלטנ זיכ בא דער מאכט. די צאל צעשאסענע רעוואליוציאנערנ ווערט געשאצט אינ צענדליקער טויזנטער.

איינע פונ די הויפט־סיבעס פארוואס די אופשטאנדנ האבנ זיכ געענדיקט מיט א מאפאלע, איז באשטאנענ אינ דעמ, וואס דאנ איז נאכ אינ פראנקרייכ ניט געווענ קיינ רעוואליוציאנערע פראלעטארישע קאמוניסטישע פארטיי, וואס זאל זיכ שטעלנ בעראש פונעמ אופשטאנד אונ זאל פירנ דאס מיליטער צו שטורעמענ דעמ קאפיטאליזמ. אונ די אזויגערופענע „סאציאליסטישע ארבעטער־פארטיי" האט פאראטנ די ארבעטער, האט זיכ אריבערגעווארפנ אפ דער זייט פונ דער פראנצויזישער בורזשואזיע.

אינ רוסלאנד האט די אימפעריאליסטישע מילכאמע, דער ווירטשאפטלעכער כורבנ, וואס זי האט ארויסגערופנ, אונ די גאנצע דור־דוירעסדיקע צארישע ארדענונג פונ גוואלדטאט אונ קנעכטשאפט אופגעהויבנ אזא מעכטיקע כוואליע פאלקצארנ, אז זי האט אראפגעשווענקט ניט בלויז די צאריש־פריצישע זעלבסטהערשונג, נאר נאכ איר אויכ די בורזשואזיע. בעראש פונ דער רעוואליוציע אינ רוסלאנד האט זיכ געשטעלט די פארהארטעוועטע אינ שלאכטנ פראלעטארישע פארטיי באלשעוויקעס, וואס ריכטעט זיכ מיט דער מארקסיסטיש־לענינישער טעאריע. רוסלאנד האט זיכ ארויסגעוויזנ פארנ שוואכסטנ רינג אינ דער קייט פונ די אימפעריאליסטישע מעלוכעס. דער דאזיקער רינג איז צעקלאפט געווארנ דורכנ רעוואליוציאנערנ דראנג פונ די ארבעטער. אינ נאיאבער 1917 יאר איז די בורזשואזע מאכט אינ רוסלאנד אפ שטענדיק אומגעקומענ.

אינ נאיאבער 1918 יאר איז פארגעקומענ א רעוואליוציע אינ די באזיגטע לענדער — אינ דייטשלאנד, עסטרייכ, אונגארנ אא. די אימפעראטארישע אונ קיניגלעכע מאכט, וואס האט עקזיסטירט אינ די דאזיקע לענדער, איז געפאלנ. עס זיינענ אנטשטאנענ ראטנ פונ די ארבעטערשע אונ סאלדאטישע דעפוטאטנ לויטנ רוסישנ מוסטער. די בורזשואזיע האט זיכ פארלארנ. אינ אייניקע לענדער (אינ אונגארנ אונ בייערנ, אינעמ סאמע צענטער פונ מיטעל־אייראפע) איז אנטשטאנענ אינ מארט 1919 יאר א ראטנ־מאכט, וואס האט אנגעיאגט אפ דער בורזשואזיע אנ איימע אונ ציטערניש. די אונגארישע ראטנ־רעפובליק האט עקזיסטירט פונ 21-טנ מארט ביזנ 1-טנ אווגוסט 1919 יאר.

געראטעוועט די בורזשואזיע האט בלויז דאס, וואס עס זיינענ נאכ ניט געווענ אינ דייטשלאנד אונ אינ די אנדערע לענדער קיינ קאמוניסטישע פארטייענ; די אזויגערופענע „סאציאליסטישע ארבעטער־פארטייענ" („סאציאל־דעמאקראטנ"), וואס

זײַנען אריבער אױפֿ דער זײַט פֿונ דער בורזשואַזיע נאָכ אינ אָנהײב מילכאָמע, האָבנ געהאָלפֿנ דער בורזשואַזיע ארױסדראפּענ זיכ. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט מיט איר פֿאַראַט געראַטעװעט האַנ דעמ קאַפּיטאַליזמ פֿונ אונטערגאַנג. װענ די בורזשואַזיע איז געקומענ צו זיכ, האָט זי זיכ מיט דער גאַנצער רעציכע געװאָרפֿנ אױפֿ די רעװאָליוציאָנערע אַרבעטער.

אױפֿ א צײַט האָט דער בורזשואַזיע געלונגענ צו דערשטיקנ די רעװאָליוציאָנערע סרײַפֿע אינ די מערבֿ־אײראָפּײַשע לענדער. אָבער ניט געקוקט אױפֿ אַלע אָנשטרענגונגענ, האָט די בורזשואַזיע פֿונ דער גאַנצער װעלט ניט געקאָנט בײַקומענ די ראַטנ־מאַכט, װאָס האָט זיכ געשאַפֿנ אינ דער געװעזענער רוסלענדישער אימפּעריע. זײַט בא זײַט מיט די בורזשואַזע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס איז אױפֿ אײנ זעקסטכײלעק פֿונעמ ערדקײַלעכ אַנטשטאַנענ און זיכ באַפֿעסטיקט א סאָציאַליסטישע אַרבעטער־מעלוכע.

די אַנטשטײונג פֿונ דער אַרבעטער־מעלוכע האָט װעזנטלעכ געענדערט די גאַנצע לאַגע אינ דער װעלט. צומ ערשטנ מאָל אינ דער געשיכטע האָט זיכ באַװיזנ א קראַפֿט, װאָס איז פֿײַיִק צו לאָזנ אינ גאַנג קעגנ קאַפּיטאַליזמ די גאַנצע מאַכט פֿונ א היגנטצײַטיקער גרױסער מעלוכע. האָס האָט די בורזשואַזיע פֿאַרשטאַנענ. כוצנ קאַמפּ קעגנ דעמ אַרבעטער־קלאַס פֿונ זײערע לענדער, כוצנ קאַמפּ צװישנ זיכ, האָבנ די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס אָנגעהױבנ א פֿאַרביטערטנ קאַמפּ קעגנ דעמ אַרבעטער־קלאַס, װאָס איז אָרגאַניזירט אינ א מעלוכע, ד. ה. קעגנ ראַטנ-רוסלאַנד.

דער דאָזיקער קאַמפּ צװישנ די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס און דער ערשטער אַרבעטער־מעלוכע האָט באַקומענ אַנ ערשטראַנגיקע, אַנטשײדנדיקע באַדײַטונג. לענינ האָט געזאָגט אינ 1920 יאָר:

„בא דער איצטיקער װעלט־לאַגע, נאָכ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, װערנ די קעגנזײַטיקע פֿאַרהעלטענישנ פֿונ די פֿעלקער, די גאַנצע װעלט־סיסטעמ פֿונ די מעלוכעס באַשטימט דורכנ קאַמפּ פֿונ א קלײנער גרופּע אימפּעריאַליסטישע נאַציעס קעגנ דער סאָװעטישער באַװעגונג און די סאָװעטישע מעלוכעס, װאָס בערױש פֿונ זײ שטײט ראַטנרוסלאַנד“.

די טיפֿע ריכטיקײַט פֿונ דער דאָזיקער אָנװײַזונג איז אינגאַנצנ באַשטעטיקט געװאָרנ אינ די שפּעטערדיקע יאָרנ. דער אַרבעטער־קלאַס פֿונ די סאָװעטישע רעפּובליקנ האָט געשאַפֿנ אינ זײַנ מעלוכע זײַנ אײגענע װירטשאַפֿט־סיסטעמ, װאָס אונטערשײדט זיכ ראַדיקאַל פֿונ דער קאַפּיטאַליסטישער װירטשאַפֿט־סיסטעמ. די קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פֿונעמ דאָזיקנ פֿאַקט שטרײַכט אונטער כאַװער סטאַלינ אינ אַזױנע װערטער:

„דער קאַפּיטאַליזמ שטעלט שױנ ניט פֿאָר די אײנציקע און אַלצ אַרומכאַפּנדיקע סיסטעמ פֿונ דער װעלט־װירטשאַפֿט... צוגלײַכ מיט דער קאַפּיטאַליסטישער װירטשאַפֿט־סיסטעמ עקזיסטירט די סאָציאַליסטישע סיסטעמ, װאָס װאַקסט, װאָס פֿראָגרעסירט, װאָס איז קעגנגעשטעלט דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעמ און װאָס מיטנ סאַמע פֿאַקט פֿונ איר עקזיסטענצ דעמאָנסטרירט זי די פֿאַרפֿױלטקײַט פֿונעמ קאַפּיטאַליזמ, צעטרײסלט זײַנע יעסױדעס“.

דער װידערשפּרוכ צװישנ דער קאַפּיטאַליסטישער װעלט און דעמ פֿאַרבאַנד פֿונ

די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקנ, צווישנ דער קאַפּיטאַליסטישער אונ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט־סיסטעמענ איז בא היינטיקנ טאָג *דער וויכטיקסטער אונ גרונטיקער ווידערשפּרוכ*, וואָס צעפרעסט, גראָבט אונטער די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. פונעמ לייזנ דעמ דאָזיקנ ווידערשפּרוכ, פונ דעמ, וואָס פאַר אַנ אויסגאַנג עס וועט זיינ פונעמ קאַמפּ צווישנ סאָציאַליזמ אונ קאַפּיטאַליזמ, איז אָפּהענגיק די גאַנצע ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פונ דער מענטשהייט.

צוזאַמענ דערמיט זיינענ אַלע אַלטע ווידערשפּרוכנ אינ דער בורזשואַזער געזעלשאַפט ניט בלויז פאַרבליבנ, נאָר זיינענ אויסגעוואַקסנ אונ וואַקסנ אַלצ מער.

עס האָט זיכ פאַרשטאַרקט אונ פאַרשאַרפט דער ווידערשפּרוכ צווישנ דעמ געזעלשאַפטלעכנ כאַראַקטער פונ דער אַרבעט אונ דער פּריוואַטער צוייגענונג פונ די פּראָדוקטנ, דער ווידערשפּרוכ צווישנ לוינאַרבעט אונ קאַפּיטאַל. קיינמאָל זיינענ נאָכ די דאָזיקע ווידערשפּרוכנ ניט געווענ אַזוי שאַרפ, ווי איצט, ווענ אינעמ לאַגער פונ דער בורזשואַזיע זיינענ אינ רעזולטאַט פונ דער מילכאָמע אויסגעוואַקסנ, ווי שוואָמענ, טויזנטער נייע מיליאָנערנ אונ מיליאַרדערנ אונ אינעמ לאַגער פונ פּראָלעטאַריאַט זיינענ אויסגעוואַקסנ די אומגעהערטע אַרבעטלאָזיקייט אונ דאַלעס.

עס האָבנ זיכ פאַרשטאַרקט אונ פאַרשאַרפט די ווידערשפּרוכנ צווישנ די גרעסטע אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס, נאָכ פאַרביטערטער איז געוואָרנ דער קאַמפּ צווישנ זיי פאַר די אָפּזאַצ־מערק, פאַר די רויוואַרג־קוואַלנ, פאַרנ קאַפּיטאַל־אַרויספיר. קיינ איינע פונ די מעלוכעס־„זיגערנס" איז ניט געבליבנ „צופרידנ" מיט דער וועלט־צעטיילונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ נאָכ דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מילכאָמע (לויטנ ווערסאַלער אונ אַנדערע שאָלעמ־אָפּמאַכנ). פראַנקרייכ באַטראַכט זיכ פאַר א „באַאוולטע" מיצאַד ענגלאַנד, וואָס האָט אָנגעראַבעוועט נאָכ מער קאָלאָניעס. יאַפּאַניע האָט פאַרכאַפּט די געוועזענע דייטשישע קאָלאָניעס (די אינדזלענ אַפנ שטילנ אָקעאַנ) בא צאָפנ־אַמעריקע אונטער דער סאַמע נאָז. נאָכ מער: יאַפּאַניע פאַרכאַפּט איצט איינ געגנט נאָכ דער צווייטער אינ כינע אונ רופט דערמיט אַרויס א ווילדע רעציכע בא דער אַמעריקאַנישער בורזשואַזיע, וואָס האָט אַריינגעלייגט אינ כינע קאָלאָסאַלע קאַפּיטאַלנ. פראַנקרייכ האָט פאַרנומענ די גרויסע קרעלנ־אינדזלענ האַרט בא סאַמע יאַפּאַניע. די אייראָפּייִשע מעלוכעס, באַזונדערס ענגלאַנד, שאַרפנ די ציינ קעגנ צאָפנ־אַמעריקע, וואָס איז נאָכ דער מילכאָמע געוואָרנ דאָס רייכסטע לאַנד, האָט פאַרוואַנדלט אַלע אייראָפּייִשע מעלוכעס אינ אירע באַלכויוועס אונ הערט ניט אופ צו פאַרגרעסערנ איר קריג־פלאָט, אונ נאָכ איר יאָגנ זיכ נאָכ אינ די יאַמ־באַוואָפענונגענ אויכ אַנדערע מעלוכעס.

עס האָבנ זיכ פאַרשטאַרקט אונ פאַרשאַרפט די ווידערשפּרוכנ צווישנ די „געזיגטע" אונ „באַזיגטע" מעלוכעס. די מעלוכעס — „זיגערנס" האָבנ אַרופגעזעצט אַפ דער קייט דעמ דייטשישנ אימפּעריאַליזמ, האָבנ אימ אויסגעהאַקט די ציינער אונ נעגל, האָבנ באַגרענעצט זיינע באַוואָפנטע קרעפטנ אונ די אָנזאַמלונג־מעגלעכקייט, האָבנ אימ געצוווּנגענ צאָלנ א קאָלאָסאַלנ מילכאָמע־צינז. אָבער די דייטשישע בורזשואַזיע ווייזט אַרויס א גרויסע לעבנספייִקייט אַפנ כעזשבנ פונ דער פאַרשטאַרקטער עקספּלואַטאַציע פונעמ אַרבעטער־קלאַס. זי וויל ניט, פאַרשטייט זיכ, בעשומויפּנ צופרידנשטעלנ זיכ מיט איר לאַגע, האָט „ניט פרעגנדיק בא קיינעמ", אויפגעהערט צאָלנ די מילכאָמע־צינזנ, האָט אָנגעהויבנ צו באַוואָפענענ זיכ, שטעלנדיק די „זיגער" פאַר א געשעענעמ פאַקט, זי שטרעבט אַקשאָנעסדיק איבערקוקנ דעמ ווערסאַלער אָפּ־



פויערים פון שפאניע, וואָס מע האָט אַרעסטירט
פאַר די פּרוּוונג צו צעטיילן די פּריצישע ערד

מאַכט. אָבער וועגן דעם ווייל אפילו ניט הערן די פראַנצויזישע בורזשואזיע און קיין שום „פשאָרע״־פאַרשלאָגן האָבן ניט קיין דערפאָלג.

צולעצט האָבן זיך פאַרשטאַרקט און פאַרשאַרפט די ווידערשפּרוכן צווישן די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס און די קאָלאָניעס — אונטערגעוואָרפענע לענדער. פאַר דער צייט, וואָס די אימפּעריאַליסטן האָבן זיך געשלאָגן צווישן זיך, איז אין די קאָלאָניעס פעסט געוואָרן זייער אייגענע יונגע בורזשואזיע. די קאָלאָניעס ווילן מער ניט אונטערוואַרפן זיך זייערע „באַלעבאַטים״. עס פאַרשטאַרקט זיך אַלץ מער אין די קאָלאָניעס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג קעגן די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן און קעגן דער „אייגענער״ בורזשואזיע. ביים די בורזשואזיע פון די קאָלאָניעס גייט אָפּ פּשאָרעס מיט די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס, קעמפט אַנטשיידן דער אַרבעטער־קלאַס און דאָס פויערטום פון די קאָלאָניאַלע לענדער ניט בלויז פאַר זייער באַפרייונג פונעם אימפּעריאַליסטישן יאָך, נאָר אויך פאַר אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון דער בורזשואזיע און פון די פּריצים אינעם אייגענעם לאַנד.

אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער קומט איצט פאָר אַ נייער מעכטיקער אויפשטייג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אין שפּאַניע איז אין אַפּרעל 1931 יאָר פאָרגעקומען אַ בורזשואזע רעוואָלוציע. די קיניגלעכע מאַכט איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן. אָבער די בורזשואזיע האָט ניט בלויז איינגעהאַלטן אירע פאַבריקן און זאַוואָדן, — עס איז פאַרבליבן אומגערירט דער אַלטער פּריצישער ערד־באַזיץ. דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף פון די שפּאַנישע אַרבעטער און פויערים גייט ווייטער. שטורמיש וואַקסן די שטרייקן און אין אייניקע ערטער גייען זיי אַריבער אין אַ באַוואָפנטן פאָלק־אויפשטאַנד. אין אַ סאַך ערטער פאַרכאַפּן די פויערים די פּריצישע מאַיאָנטקעס, פאַרברענען די הויפן און נעמען זיך באַאַרבעטן די פּריצישע ערד.

אין יאַפּאָניע פאַרשטאַרקט זיך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די אַרבעטער, פויערים, קלייןבירגערטום, צווישן דער סטודענטנשאַפט און אין דער אַרמיי.

הונגעריקער סאָלדאַטן, ווי אויך אָפּיצערן ווערן אַרעסטירט פֿאַר רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע.

אין ענגלאַנד, אינעם פֿלאָט פֿון דער „יאַמען־הערשערן", וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט ביז איצט מיט „זײַן געטרײַהײט דעם קיניג און פֿאָטערלאַנד", זײַנען געווען גרויסע מאַטראָסן־אומרוען.

עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שטרײַקן קומען פֿאָר אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ניט זעלטן ווערן זיי פֿאַרוואַנדלט אין אַלגעמיינע פּאָליטישע שטרײַקן, ווי, למשל, אין פּוילן, אין בעלגיע, טשעכאָסלאָוואַקיע, שוועדן און אַנדערע לענדער.

אין דער מערהײט פֿאַלן ווערן די שטרײַקן באַגלייט מיט פֿאַרביטערטע צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי, מיטן מיליטער און די שטרײַקברעכער (געדונגענע באַנדעס פֿון די קאַפּיטאַליסטן). בײַם דעם העלדישן שטרײַק אינעם רומענישן נאַפֿט־ראַיאָן פּלאָעשטי האָבן די אַרבעטער אַנטוואָפֿנט די זשאַנדאַרמעריע, דאָס מיליטער, ווידער, וואָס מע האָט אַרויסגעשיקט אויף אײַנשטילן די אומאָרדענונגען, האָט זיך גענומען ברידערן מיט די אַרבעטער.

די שטרײַקער האָבן, צווישן אַנדערן, אַרויסגערוקט אַ נײַע פֿאָרם פֿון קאַמף: זיי פֿאַרבלײַבן אין די אונטערנעמונגען, אָרגאַניזירן אין זיי אַ שוץ קעגן דער פּאָליציי און די שטרײַקברעכער, וואָס רײַסן אַראָפּ דעם שטרײַק, אָרגאַניזירן געזעלשאַפֿטלעכע דערנערונג אאַ. מערקווירדיק איז אין דער דאָזיקער הינזיכט דער שטרײַק פֿון די מעטראָפּאָליטען־אַרבעטער (פֿון דער שטאָטישער אונטערערדישער באַן) אין טאָקיאָ צוליב דעם, וואָס מע האָט אָפּגעזאָגט פֿון דער אַרבעט די, וואָס זײַנען געווען מאָביליזירט אויף דער מלחמה. די אַרבעטער זײַנען געבליבן זיצן אין דער אונטערערדישער באַן, האָבן זיך באַוואָרנט מיט שפּײַז, האָבן פֿאַרבאַריקאַדירט דעם אַרײַנגאַנג מיט וואַגאָנעס און מיט אַ דראָט־פֿאַרצאַמונג, דורך וועלכער זיי האָבן דורכגעלאָזט אַ שטראָם פֿון הויכער שפּאַנונג. וויפֿל די פּאָליציי האָט זיך ניט באַמיט צו נעמען די דאָזיקע פֿעסטונג, איז איר ניט געלונגען. די אַרבעטער האָבן דעם שטרײַק געוווּנען.

אין אַ רײ לענדער ווערט דער קאַמף פֿון די אַרבעטער קעגן די קאַפּיטאַליסטן דורכגעפֿלאָכטן מיט רעוואָלוציאָנערע מאַסן־שלאַכטן פֿון די פּויערים קעגן די פּריצים.

די פּויערשע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך באַזונדערס שטאַרק אַנטוויקלט אין פּוילן, אין מערב־אוקראַינע, אין דער קאַרפּאַטער אוקראַינע און אין יוגאָסלאַוויע. גאַנצע אויעזדן פֿלעגן זיך אַרויסווײַזן אין די הענט פֿון די פּויערשע פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן. די בורזשואַזיע האָט באַנוצט אַזעלכע מיטלען, ווי שמײַסן, פּײַניקן, טליעס, פֿאַרברענען דערפֿער. אין 1933 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער פּויערשער אויפֿשטאַנד אינעם דאָרף קאָזאָדזשע (פּוילן) פֿון דעם, וואָס די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן אָפּנעמען בײַ די פּויערים פֿאַר די שטײַערן אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, און אויסברעכן די פֿענצטער אין די הײַזער „אין סיידער פֿון באַשטראָפֿונג". די פּויערים האָבן געשיקט „רויטע קוריערן" אין די שכײנעסדיקע דערפֿער. די פּאָליציי האָבן זיי צעמיימעסט און פֿאַרטריבן. די באַוועגונג האָט זיך שנעל פֿאַרשפּרייט אויף גאַנצע 8 אויעזדן פֿון קראָקער און לעמבערגער וואָיעוואָדסטוועס, האָט אַרומגעכאַפּט צענדליקער טויזנטער פּויערים, האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ רײ שלאַכטן צווישן די אויפֿשטענדלער און מיליטער. די גאַנצע באַוועגונג איז פֿאָרגעקו־

די גרויסע ערד־באַזיצער פאַרברע־נענ די ווייצ נאָכ פארנ אָפשניידנ (צאָפנ־אַמעריקע)

מענ אונטער די לאָזונגענ פונ דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פונ פוילנ: „די גאַנצע ערד אָנ אויסקויפ די פויערימ!“ — „קיינ קאָפיקע שטייערנ דער פאַשיסטישער דיקטאַטור!“. די רעגירונג האָט פאַרפלייצט די אופגעשטאַנענע אויעזדנ מיט מיליטער, וואָס איז געווענ באַוואָפנט מיט קוילנוואַרפער אונ מיט גאַז־באָמבעס.

א קאָלאָסאַלנ מאַסשטאַב האָט אָנגענומענ די באַוועגונג פונ די פערמערס (פויערימ) אינ צאָפנ־אַמעריקע קעגנ דעמ אויספאַרקויפנ דאָס פאַרמעגנ אונ ארויסזעצנ די פערמערס פאַר ניט צאָלנ די כויווס. אינ דער פערמערשער באַוועגונג באַטייליקנ זיכ אויכ די ארבעטלאָזע ארבעטער.

אינ אלע לענדער האָט זיכ פאַרשטאַרקט די באַוועגונג פונ די ארבעטלאָזע — שטורמישע דעמאָנסטראַציעס, הונגער־מאַרשנ" אאַוו.

אינ די קאָלאָניעס אונ האַלב־קאָלאָניעס איז א שטאַרקער אופשטייג פונ דער רעוואָליוציאָנערער מאַסנ־באַוועגונג אינ שטאָט אונ דאָרפ קעגנ די אויסלענדישע אימפעריאַליסטנ, באַזונדערס אינ כינע, אינדיע, אינדאָכינע. אינ פעוורואַל 1933 יאָר איז פאָרגעקומענ אַנ אופשטאַנד אופ דער גרעסטער קריג־שיפ פונ דער האָלענדישער קאָלאָניאַלער עסקאַדרע. דעמ אופשטאַנד האָבנ אופגעהויבנ די מאַטראָסנ פונ דער אָרטיגער בירטיקער באַפעלקערונג, אָבער באַטייליקט אינ אימ האָבנ זיכ אויכ די ווייסע מאַטראָסנ. 5 טעג האָבנ זיכ געהאַלטנ די אופגעשטאַנענע.

צולעצט הערט ניט אופ אינ כינע צו אַנטוויקלענ זיכ אונ פאַרפעסטיקנ די ראַטנ־מאַכט אינ א באַדייטנדיקנ טייל לאַנד. די כינעזישע רויטע ארמיי האָט זיגרייכ אָפגעשלאָגנ פינפ אָנגריפנ פונ די כינעזישע ווייסגוואַרדייער.

די טיפע צערודערונג פונ דער גאַנצער פראָדוקציע אונ אויסטויש, די אָנמעכטיקייט פונ דער בורזשואַזיע אופצושטעלנ דעמ „נאָרמאַלנ" גאַנג פונ ווירטשאַפטלעכנ לעבנ, די אומגעהייערע פאַרשאַרפונג פונ אלע ווידערשפּרוכנ פונ דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, די אַנטשטייונג פונ דער ערשטער סאָציאַליסטישער ארבעטערמעלוכע, די פאַרשטאַרקונג פונ די ווידערשפּרוכנ צווישנ איר אונ דער קאַפיטאַליסטישער וועלט, דער נייער אופשטייג פונ דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג קעגנ דער בורזשואַזיע אינ אלע לענדער אונ דער וווּקס פונעמ לעבעדיקנ מיטגעפיל מיצאַד די ארבעטנדיקע מאַסנ צומ פאַרבאַנד פונ די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקנ — אָט דאָס אלצ כאַראַקטעריזירט טאַקע די צעפאַלונג, די צעלייזונג פונ דער קאַפיטאַליסטישער סיסטעמ, דעמ אַלגעמיינעמ קריזיס פונעמ קאַפיטאַליזמ.

די בורזשואזיע זוכט אנ אויסוועג פונעמ קריזיס

די בורזשואזיע וואַרפט זיכ אינ אַלע זײַטנ, זוכנדיק אנ אויסוועג פונעמ קריזיס. אָבער אינ וואָס זעט זי דעמ אויסוועג? וואָס טוענ די קאַפּיטאַליסטנ, כּדי ארויסצוגייִנ פונעמ קריזיס?

די קאַפּיטאַליסטנ טײַנענ אַזוי: „סכוירעס זײַנענ פאַראַנ צופיל, די פּרײַזנ אַפ זיי זײַנענ צו נידעריק. איז לאָמיר פארניכטנ א טייל סכוירעס, דאַנ וועלנ זיכ די פּרײַזנ אַפ זיי אופהייבנ אונ די געשעפטנ וועלנ זיכ פארבעסערנ". אונ אַזוי טוענ זיי טאַקע.

אינ צאָפנ־אַמעריקע האָט די „לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרוואַלטונג" באַשלאָסנ צו פארניכטנ א דריטל בוימוואָל פונ דער גערעטעניש פונ 1931 יאָר (באַ 5 מיליאָנ פּעק).

אינעמ שטאַט ניו־יאָרק האָט די מילכ־פארניכטונג אָנגענומענ אַזאַ מאָס, אַז דער דעפּאַרטאַמענט פאַר געזונט־פאַרהיטונג האָט פארעפנטלעכט א דערקלערונג, ווו ער ווײַזט אָנ: „אויב מע וועט אינ אַזא סכום אַראָפּלאָזנ מילכ אינ די טײַכנ, קאָנ דאָס ברענגענ דערצו, אַז די פיש זאָלנ אומקומענ". אינ דער שטאָט אָקלענד (שטאַט קאַליפאָרניע) האָבנ די מילכ־פירמעס אויסגעגאָסנ אינ די טײַכנ 100 טויזנט גאַלאָנ מילכ, ד. ה. אַזא סכום, וואָס איז גענוג אַפ באַזאָרגנ מאָסקווע אינ פארלויפ פונ 4 כאָדאָשימ צו איינ ליטער אַפ א מענטשנ א טאָג.

אינ בראַזיליע האָבנ די באַלעבאַטימ פונ די קאַווע־פּלאַנטאַציעס אינ די שטאַטנ סאַנ־פּאַול אונ מינעס־העראַס געמאָלדנ דער רעגירונג, אַז זיי האָבנ בעדייע צו פארניכטנ — ארויספירנ אונ ארײַנוואַרפנ אינ יאַמ — 18 מיליאָנ זעק קאַווע (1 מיליאַרד 80 מיליאָנ קילאָגראַמ) — א סכום, וואָס איז גענוג אַפ צו באַפרידיקנ די יערלעכע באַדערפעניש פונ דער גאַנצער וועלט.

די רעגירונג האָט געגעבנ די האַסקאָמע אַפ פארניכטנ 12 מיליאָנ זעק קאַווע.

אינ קאַנאַדע האָט מענ פארברענט 2 מיליאָנ בושעלעס ווייץ. אינ אויסטראַליע האָט מענ געקוילעט אונ פארגראָבנ אינ דער ערד 300 טויזנט געזונטע שעפּסנ.

אינ עגיפּטנ האָט מענ פארברענט 150 טויזנט טאָנ בוימוואָל, אינ דײַטשלאַנד האָט מענ פארניכטעט 26 טויזנט צענטנער צוקער־בורעקעס.

אַפ דעמ ברעג פונ שטילנ אָקעאַנ אינ דעמ אויבס־אונ גרינס־ראַיאָנ פונ צאָפנ־אַמעריקע גיט ארויס דער פארבאַנד פונ אויבס־הענדלער פּרעמיעס די פּראָדוצירער פאַר אויסרײַסנ מיטנ וואָרצל די פרוכט־ביימער!

די גובערנאַטערס פונ מאָריי אונ סטערלינג (צאָפנ־אַמעריקע) האָבנ דערקלערט קריג־צושטאַנד, כּדי צו צווינגענ די באַזיצער פונ די נאַפט־קוואַלנ זיי זאָלנ אָפּשטעלנ דעמ נאַפט־ארויסבאַקומ.

אָבער די דאָזיקע אַלע מאָסמיטלענ רירנ ניט אָנ דעמ איקער: דאָס פּריוואַטע אייגנטומ אַפ די פּראָדוציר־מיטלענ אונ דעמ אומפארמײַדלעכנ באַמ קאַפּיטאַליזמ דאָלעס פונ די גרונט־קויפערס פונ די סכוירעס — פונ דער ארבעטנדיקער מאַסע.

דער קריזיס הערט ניט אופ צו אנטוויקלענ זיכ, פארברייטערנ זיכ אונ פארטיפנ זיכ.

אויכ דער געדאנק פונ די בורזשואזע געלערנטע ווארפט זיכ אינ אלע זײַטנ, קעדיי צו געפינענ אנ אויסוועג. זיי טראכטנ אזוי:

ווו איז די סיבע פונ אזא קאלאסאלער איבערפראדוקציע פונ סכוירעס? די סיבע ליגט אינעמ אומענדלעכנ פראגרעס פונ דער טעכניק, אינעמ קעסיידערדיקנ דערפינדנ אלץ נײַע אונ נײַע מעכטיקע אונ פולקומע מאשינעס, וואס ווארפנ ארויס קאלאסאלע סכומענ פראדוקציע אונ זעצנ ארופ די באדערפעניש אינ ארבעטקראפט.

אונ אט הייבט זיכ אנ אינ דער בורזשואזער פרעסע אנ עמעסער מארש קעגנ דער מאשינ, קעגנ דעמ טעכנישנ פראגרעס.

איינ בורזשואזער געלערנטער ליגט פאר די קאפיטאליסטנ אלס איינציקנ אויסוועג „ארויסיאגנ די מאשינ-פראדוקציע”. א צווייטער בורזשואזער געלערנטער גיט אנ אייצע:

„אפשטעלנ די דערפינדונגענ לעכאלאפאכעס אפ א צענדליק יאר אונ באטראכטנ אלע דערפינדער אלס געפערלעכע מעשוגאימ, וואס פאדערנ א געהעריקע אופפאסונג אונ האשגאכע”.

דאס איז שוינ אנ אפענע פריידיקונג אומצוקערנ זיכ צוריק צו דער האנט-ארבעט — צומ מיטלאלטער. אונ די קאפיטאליסטנ הייבנ שוינ אנ ווו-ניט-ווו צו פאלגנ דער דאזיקער אייצע. אינ מאנטשעסטער, דעמ טעקסטיל-צענטער פונ ענגלאנד, זײַנענ פארניכטעט געווארנ טויזנטער וועבשטולנ, הונדערטער, קלוימערשט, „אלטע” שיפנ. אינ צאפנ-אמעריקע האט מענ פארקויפט אפ בראכווארג 8 מיליאנ אוטאמאבילנ — העכער א דריטל פונ דער גאנצער צאל אוטאמאבילנ אינ לאנד. אינ דער שטאט דעטראיט אינ די בארימטע פארדס זאוודנ צעברעכט מענ מיט דאמפ-האמערס אפ בראכווארג די אוטאמאבילנ, וואס מע האט ניט וועמענ צו פארקויפנ.

מיר, אינ ראטנפארבאנד, שאפנ מאשינעס. זיי, די קאפיטאליסטנ, פארניכטנ די מאשינעס. בא אונדז אינ ראטנפארבאנד באגריסנ די ארבעטער אונ פויערימ יעדע מאשינ, וואס פארקירצט די ארבעט-צײַט אונ פארלײַכטערט די ארבעט. בא זיי אבער, בא די קאפיטאליסטנ, פארשילט מענ די מאשינ אונ די טעכניק. די בורזשואזע געלערנטע פארשטייענ ניט אדער ווילנ ניט פארשטיינ, אז ניט די מאשינ האט פארפירט דעמ קאפיטאליזמ אינ א טעמפנ ווינקל, נאר דאס פריוואטע אייגנטומ אפ די מאשינעס, אפ די פראדוציר-מיטלענ.

די געזעלשאפט, וואס אנשטאט צו שטיצנ זיכ אפ דער אנטוויקלונג פונ דער טעכניק אונ וויסנשאפט, זאגט זיכ אפ פונ זיי, וואס גייט גיט פארויס, נאר רוקט זיכ אפ צוריק, — די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט איז בעפײַרעש פארורטיילט אפ אונטערגאנג.

די בורזשואזיע זעט, אז די געשעפטנ פונ קאפיטאליזמ זײַנענ שוואכ. די רעגירער פונ דער בורזשואזיע לאזנ זיכ ניט ארײַנ אינ קיינ בקירעס וועגנ די סיבעס פונ קריזיס, נאר זיי כאפנ זיכ פאר די אלטע אויסגעפרוווטע מיטלענ אפ ארויסצוגיינ פונ קריזיס.

די בורזשואזיע וויל ראטעווענ אירע פראפיטנ דורכ א פארסירטנ אנגריפ אפנ ארבעטער-קלאס, אראפזעצנדיק דעמ שוינ אזוי אויכ נידעריקנ ארבעטלוינ פונ די



אײערפעלדס מעטאלורגישער
זאװאָד אינ רור (דײַטשלאנד)
אינ 1931 יאָר

ארבעטער, פארקירצנדיק אונ אײנגאנצנ אָפּשאפנדיק די אזוי אויכ נישטיקע מעלוכע-שטיצע פונ די ארבעטלאָזע. לעמאָשל, אינ דײַטשלאנד האָט דער װעכנטלעכער פאר-דינסט פונ אנ ארבעטער דורכשניטלעכ באטראָפנ אינ 1929 יאָר 42 מארק, אונ אינ אװגוסט 1933 יאָר — סאכאקל 19 מארק, ד. ה. דער פארדינסט איז פארקלענערט געװאָרנ מער װי אפּ א העלפט.

אינ אײניקע צװײַגנ איז דער ארבעטלױנ נאָכ מער אראָפּגעזעצט געװאָרנ. די מעטאליסטנ באקומענ בלױז דרײַ פינפטל פונ זײער פריִערדיקנ לױנ אונ די בױ-ארבעטער — װײניקער װי א פינפטל.

עס איז אױסגערעכנט געװאָרנ, אז מיטנ אראָפּזעצנ דעם ארבעטלױנ האָבנ די דײַטשישע קאפּיטאליסטנ באראבעװעט די ארבעטער פאר דער צײַט פונעם קריזיס אפּ 20 מיליארד מארק.

כאָטש דעם האָט די דײַטשישע בורזשואזיע דורכגעפירט די אזױגערופענע „נױט-דעקרעטנ" — געזעצנ װעגנ פארקלענערנ אזױ שטארק די שטיצע פאר ארבעטלאָזע, אז די דאָזיקע שטיצע איז געװאָרנ מאמעש א כױזעק איבער די ארבעטלאָזע.

אינ צאָפנ-אמעריקע איז דער ארבעטלױנ אראָפּגעזעצט געװאָרנ אינ אלגעמײנ אפּ א העלפט. דאָרט האָט די בורזשואזיע אָרגאניזירט אנ עמעסנ מיליטערישנ מארש — מיט ארטילעריע, געפאנצערטע אװטאָמאָבילנ אונ שטיקנדיקע גאזנ — קעגנ די... ארבעטלאָזע קאליקעס, אינװאלידנ פונ דער אימפּעריִאליסטישער מילכאָמע, װאָס האָבנ זיכ פארזאמלט מיט די פרױענ אונ קינדער אינ דער הױפּט-שטאָט ניט קעדײ אראָפּצװארפנ די מאכט פונ קאפּיטאל, נאָר קעדײ פאָדערנ די באלױנונג, װאָס די רעגירונג האָט צוגעזאָגט די אינװאלידנ.

די בורזשואזיע װיל ראטעװענ איר מאכט מיט דער הילפ פונ סאמע בעסטיאלנ אונטערדריקנ די רעװאָליוציאָנערע ארבעטער-באװעגונג.

פאר דער בורזשואזיע איז װײניק די פּאָליציי, די זשאנדארמעריע, די טורמעס, די פארשיקונגענ, די געריכטנ, די קעפּנגענ „לױטנ געריכט" אדג. דער בורזשואזיע גיבנ ניט די געװוּנשענע רעזולטאטנ די דאָזיקע אלע געװײנלעכע מיטלענ פונ אונטערדריקנ די רעװאָליוציאָנערע באװעגונג.

די בורזשואזיע שפּײַט אפּ יעטװידער „געזעצלעכקײַט", װאָס זי אלײנ האָט געשאפנ. זי צעטרעט אפּ שטיקלעכ די בורזשואזע קאָנסטיטוציעס, װארפט אָפּ יעטװי-

איצט איז אפנ אָרט פונעם דאָ־זיקנ זאוואָד א לײדיקער פלאצ. דער באלעבאָס האָט אים אינ 1932 יאָר כאָרעוו געמאכט

דער צודעק אונ צופארבונג פונ איר קלאסנמאכט אונ גײט אלצ מער אריבער צומ דירעקטנ אונטערדריקנ די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג מיט אלע מאָסמיטלענ פונ באוואָפנטנ גוואלדטאט, צו דער אָפענער דיקטאטור פונ קאפיטאל אינ איר גאנצער באקעטקײט, צומ אָפענעמ טעראָר קעגנ דעמ ארבעטער־קלאס, צומ אזױגערופענעמ פאשיזמ.*

די וועלט־בורזשואזיע שטרעבט צו געפינענ אנ אויסוועג פונעמ קריזיס אינ נײַע אימפעריאליסטישע מילכאָמעס.

די מיליטערישע קרעפטנ אונ מיליטערישע אויסגאבנ פונ די קאפיטאליסטישע מעלוכעס זײַנענ באדײַטנדיק אויסגעוואָקסנ זינט דער לעצטער אימפעריאליסטישער מילכאָמע אונ וואקסנ אלצ מער. די ארמייענ פונ די 5 גרויסע מעלוכעס — פראנקרײַכ, גרויס־בריטאניע, איטאליע, צאָפנ־אמעריקע אונ יאפאניע — האבנ צוזאמענ באטראָפנ אינ 1914 יאָר 1 מיליאָנ 541 טויזנט מאנ, אונ אינ 1932 יאָר האָבנ זײ שוינ באטראָפנ, לויט באוווסטזיניק פארקלענערטע אָפיציעלע יעדיעס בא 2 מיליאָנ מענטשנ, ד. ה. זײ האָבנ זיכ פארגרעסערט ווײניקסטנס אפ 1 דריטל. די מיליטערישע יאבאָשע־קרעפטנ פונ פראנקרײַכ באטרעפנ 724 טויזנט מענטשנ, אונ צוזאמענ מיט די קרעפטנ פונ אירע פארבינדעטע — פוילנ, רומעניע, יוגאָסלאוויע, טשעכאָסלאָוואקיע אונ בעלגיע — 1 מיליאָנ 540 טויזנט מענטשנ, ד. ה. פונקט אזויפיל, וויפל עס איז געוועג אינ 1914 יאָר בא אלע אויבנ־אָנגערופענע גרויסע מעלוכעס צוזאמענ.

די מיליטערישע הויצאָעס אפ די יאבאָשע,־יאמ־ אונ לופט־באוואָפענונגען פונ די גרויסע מעלוכעס האָבנ באטראָפנ אינ 1914 יאָר 1 מיליארד 153 מיליאָנ דאָלאר, אונ אינ 1931 יאָר האָבנ זײ שוינ באטראָפנ 2 מיליארד 373 מיליאָנ דאָלאר, ד. ה. זײ האָבנ זיכ פארגרעסערט אינ העכער 2 מאָל. דערבײַ זײַנענ דאָ באוויזנ געוואָרנ בלויז די הויצאָעס לויט די מיליטערישע ביודזשעטנ, ניט רעכענענדיק אנדערע הויצאָעס אפ מיליטערישע צילנ.

פונ אלע אינדוסטריע־צווײַגנ אינ די קאפיטאליסטישע לענדער איז פאראנ בלויז

* וועגנ פאשיזמ וועלנ מיר רײדנ גענוי אינ אונדזער 6־טנ שמועס.

אײנ צװײַג, װאָס װײס ניט פונ קײנ קריזיס — דאָס איז די מיליטערישע אינדוסטריע. זי ארבעט מיט א װילדנ טעמפּ. זי װאַקסט. פונ אלע מינימ בװיגנגענ בליט בלױז אײנ מינ: די בװיגנג פונ נײַע טורמעס...

אינ אזא קלײנ לאַנד, װי, לעמאָשל, פּױלנ, באטרעפט די דורכשניטלעכע כױדעשפּראָדוקציע פונ דער מיליטערישער אינדוסטריע: 20 מיליאָנ פּאטראָנעס פאר ביקסנ אונ קױלנװארפער, 60 טױזנט ארטילעריע־סנאריאדנ, 18 טױזנט ביקסנ, 500 קױלנװארפער, 20 הארמאטנ, 40 עראָפּלאַנען. מיטנ מאָביליזירנ די גאנצע אינדוסטריע קאָנ מענ די דאָזיקע ציפער פארגרעסערנ אינ פינפ מאָל.

די מער אָפּנהארציקע קאפּיטאליסטישע רױבער באהאלטנ ניט זײערע צוגרײטונגענ צו א נײַער אימפּעריאליסטישער װעלט־מילכאָמע. אָט, לעמאָשל, װאָס עס זאָגט װעגנ דעמ לאָרד ביװערברוק, דער צײַטונג־קיניג פונ ענגלאַנד:

„אײראָפּע גרײט זיכ צו א נײַער גרױסער מילכאָמע. די מיליטערישע אונטערנעמונגענ געפינענ זיכ אינ פולנ גאנג. אפ א פאָרסירטנ אױפנ ארבעטנ די לאבאָראטאָריעס (אפ אױסארבעטנ כימישע קריג־מיטלענ). די גענעראַל־שטאבנ הערנ ניט אופ צונױפשטעלנ פּלענער. קימאט אינ יעדנ לאנד איז אנטװיקלט א ברײטע טעטיקײַט, װאָס דער ציל אירער איז אײנער: מילכאָמע".

די בײזע רעציכע אונ דער האס פונ דער װעלט־בורזשואזיע צו דער ארבעטער־פּױערשער מעלוכע, — װאָס װערט אלץ פעסטער אונ בליט אינ דער צײַט, װענ די קאפּיטאליסטישע װירטשאפט גײט אונטער, — טרײַבט צוזאמענ דערמיט די קאפּיטאליסטישע מעלוכעס צו גרײטנ אפ א פאָרסירטנ אױפנ אנ אינטערװענץ, א מיליטערישנ אָנפאל אפנ ראטנפארבאנד.

מיר װײסנ װעגנ דעמ פּינקטלעכ אונ זיכער פונ די דאָקומענטנ פונעמ געריכט איבער די קאָנטררעװאָליוציאָנערע שעדיקער־אָרגאניזאציעס, װאָס זײַנענ געשטאנענ אינ פארבינדונג מיט די מיליטערישע שטאבנ פונ די אימפּעריאליסטישע מעלוכעס. דער געריכט האָט פעסטגעשטעלט, אז א גאנצע רײ קאפּיטאליסטישע רעגירונגענ מיט פראנקרײַכ בעראָש, באמ אָנטײל פונ די רוסישע װײַסגװארדײַשע אָרגאניזאציעס אינ אױסלאנד, האָבנ אױסגעארבעט א געװיסנ פּלאנ פונ א מיליטערישנ אָנפאל אפנ ראטנפארבאנד. דער אָנפאל איז געװענ באשטימט אפנ 1930 יאָר, אָבער נאָכדעמ האָט מענ אימ אָפּגעלײגט.

אונדזערע באציונגענ מיט פראנקרײַכ האָבנ זיכ איצט באדײַטנדיק פארבעסערט, הױפּטזאכלעכ אונטער דער װירקונג פונ דער אױסגעװאָקסענער מילכאָמע־געפאר פאר פראנקרײַכ מיצאד דײַטשלאנד. אָבער אינ אפּרעל 1933 יאָר זײַנענ די באציונגענ מיט ענגלאנד פארערגערט געװאָרנ.

די ענגלישע רעגירונג האָט זיכ צוגעטשעפּעט צו דעמ, װאָס דער סאָװעטישער געריכט האָט פארמישפּעט ענגלישע שעדיקער, שפּיאָנענ אונ זי האָט פארװערט ארײַנפירנ סאָװעטישע סכױרעס קײנ ענגלאנד. אײניקע ענגלישע צײַטונגענ אונ זשורנאלנ האָבנ אָפּנ גערופנ צו אנ אינטערװענץ אינ ראטנפארבאנד. עמעס, די ענגלישע רעגירונג האָט אינגיכנ אָפּגעשאפט איר פארבאָט ארײַנצופירנ סאָװעטישע סכױרעס. אָבער די ענגלישע בורזשואזיע הערט ניט אופ אירע פּרוװנ צונױפצוקלאפּנ א נײַע פארײניקונג פונ די אימפּעריאליסטישע מעלוכעס קעגנ דעמ ראטנפארבאנד.

אינ א קאָלאָסאלער מאס האָט זיכ פארגרעסערט די אינטערװענציע־געפאר מי־



1931 יאָר 1914 יאָר

וווקס פונ די אויסגאַבנ אפּ באַוואָפענונג בא די פינפּ גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס (אינ מיליאָנענ דאָלאר)

צאַד דײַטשלאַנד נאָכ דעם, ווי דאָרט זײַנענ די פאַשיסטנ געקומענ צו דער מאַכט. עמעס, די פאַשיסטישע רעגירונג היט דערווײַל אָפּ די פּאָליטישע אונ קאָמער־ציעלע אָפּמאַכנ, וואָס זײַנענ געשלאָסנ געוואָרנ צווישנ דײַטשלאַנד אונ דעם ראַ־טנפאַרבאַנד. אָבער די פאַשיסטישע פירער דערקלערנ אָפּנ, אז דײַטשלאַנד דאַרפּ פאַרברייטערנ אירע גרענעצנ אפּ מיזרעכ, אונ זיי בויענ פּלענער אָפּצור־ײַסנ פונ ראַטנפאַרבאַנד גאַנצע רעפּובליקנ (אוקראַינע אונ קאַווקאַז).

אפּ אונדזערע מיזרעכ־גרענעצנ איז גוואַלדיק גרויס די אינטערווענציע־געפאַר מיצאַד יאַפּאָניע. די יאַפּאַנישע רעגירונג האַלט אָפיציעל אונטער די פרידלעכע באַציִונגענ מיטנ ראַטנפאַרבאַנד. מיטנ צוועק צו פאַרפעסטיקנ דעם שאָלעמ אינ מיזרעכ האָט די ראַטנ־רעגירונג פאָרגעלייגט צו פאַרקויפנ די מיזרעכ־כינעזישע אייזנבאַנ דער מאַנדזשורער מעלוכע, וואָס איז געשאַפנ געוואָרנ נאָכדעמ, ווי יאַ־פּאָניע האָט אײַנגענומענ מאַנדזשוריע בא כינע*. די יאַפּאַנישע רעגירונג איז א פאַרמיטלערנ אינ די אונטערהאַנדלונגענ וועגנ פאַרקויפנ די דאָזיקע באַנ. אָבער אינ דער זעלבער צײַט פאָדערנ אָפּנ די יאַפּאַנישע מיליטאַריסטנ, אז מע זאָל די דאָזיקע באַנ אָפּנעמענ מיט באַוואָפנטער קראַפט אונ זיי בויענ פּלענער צו פאַרכאַפּנ גאַנצע טערי־טאָריעס אינ אונדזער וויטנ מיזרעכ.

די אינטערווענצ ווערט אָפּגעהאַלטנ דערפאַר, ווײַל די ראַטנ־רעגירונג פירט אקשאָנעסדיק אונ קאָנסעקווענט א פּאָליטיק פונ שאָלעמ מיט אַלע מעלו־כעס אינ גיט זיכ ניט אונטער אפּ קיינ מילכאָמע־פּראָוואָקאַציע. די אינטערווענצ ווערט אָפּגעהאַלטנ דערפאַר, ווײַל אינ ראַטנפאַרבאַנד איז אויסגעוואַקסנ אנ איי־

---

* די מיזרעכ־כינעזישע אייזנבאַנ האָט אויסגעבויט די צאַרישע רעגירונג צוליב מיליטערישע צילנ פאַרנ געלט פונ רוסישנ פאָלק אפּ דער טעריטאָריע פונ כינע (דורכ מאַנדזשוריע). די דאָזיקע באַנ איז דאָס אייגנטומ פונ ראַטנפאַרבאַנד.

גענע מעכטיקע אינדוסטריע, וואָס פּראָדוצירט ניט בלויז ערשטקלאסיקע מאשינעס, נאָר אויכ די בעסטע באוואָפענונג פאר דער רויטער ארמיי, וואָס איז פייִק צו געבנ א מעכטיקנ ווידערשטאנד די אימפעריאליסטנ. די אינטערווענצ ווערט אָפּ־געהאלטנ אויכ דערפאר, ווייל אינ אלע קאפיטאליסטישע לענדער וואקסט די רע־וואָליוציאָנערע באוועגונג, עס וואקסט אינ די ארבעטנדיקע מאסנ דער מיטגעפיל צומ ראטנפארבאנד אונ די אנטשיידנקייט ארויסצוטרעטנ צו באשיצנ אימ אינ פאל פונ אנ אָנפאל אפ אימ. די אינערלעכע ווידערשפרוכנ צווישנ די קאפיטאליס־טישע מעלוכעס שטערנ דער עגרעסיוויטעט פארשטענדיקונג וועגנ דורכפירנ די אינטערווענצ.

אָנגריפ אפנ ארבעטער־קלאס, פאשיסטישער טעראָר קעגנ די ארבעטער, אימ־פעריאליסטישע מילכאָמע, אינטערווענצ קעגנ ראטנפאַרבאנד — אָט דאָס איז דער בורזשואזער אויסוועג פונ קריזיס.

אָבער דאָס אלצ פארשארפט בלויז דעמ קריזיס, דעמאסקירט ביז גאָר די בור־זשואזיע פאר די ברייטסטע מאסנ, הייבט אופ די מאסנ אפ אנטשיידנדיקע שלאכטנ פאר ארומוואַרפנ דעמ קאפיטאליזמ.



פערטער טייל

די פראָלעטארישע רעוואָליוציע און די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט

ווו זשע איז דער אויסוועג?

מיר וויסנ, וואָס איז אזוינס דער קריזיס פונ קאפיטאליזמ. מיר האָבנ געזענ, וואָס ער באטייט פאר די ארבעטנדיקע.

עס פארשטייט זיכ, אז דער ארבעטער־קלאס אונ די ארבעטנדיקע מאסנ קאָנענ ניט ניט זוכנ זייער אויסוועג פונעמ קריזיס, פונ דער קאפיטאליסטישער שקלאפעריי מיט אלע אירע גרוילנ.

דעמ דאָזיקנ אויסוועג ווייזט זיי אָנ די לערע פונ מארקס—ענגעלס, לענינ—סטאלינ.

די גרונט־סיבע פונ דער פארשקלאפטער לאגע פונ די ארבעטנדיקע מאסנ אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט איז דאָס פריוואטע אייגנטומ אפ די פראָדוציר־מיטלענ, וואָס זיינענ קאָנצענטרירט בא דער בורזשואזיע אינ די הענט.

דער גרונט־ווידערשפרוכ פונ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט באשטייט אינ דעמ, וואָס די ארבעט איז געוואָרנ א געזעלשאפטלעכע אונ די מיטלענ אונ פראָדוקטנ פונ דער ארבעט פארבלייבנ נאָכ אלצ אינ פריוואטנ אייגנטומ. א הייפל גרויסע אייגנטימער נעמט צו די פראָדוקטנ פונ דעמ ארבעטערס ארבעט אונ לאָזט פאר אימ איבער בלויז דעמ ארבעטלוינ. א הייפל גרויסע אייגנטימער עקספלואטירט די ארבעט פונ די פויערשע מאסנ.

עס איז קלאָר, אז אזא אָרדענונג לאָזט זיכ אבסאָליוט ניט צונויפפארנ ניט מיט די אינטערעסנ פונ די ארבעטער, ניט מיט די אינטערעסנ פונ דער גאנצער געזעלשאפט, וואָס די איבערוועגנדיקע מערהייט אירע בילדנ די ארבעטנדיקע.

עס איז קלאָר, אז די פראָדוציר־מיטלענ, וואָס מיט זייער הילפ ארבעטנ קאָלעקטיוו די ארבעטער, אונ די פראָדוקטנ, וואָס זיי פראָדוצירנ, דארפנ געהערנ געמיינזאמ די ארבעטער.

דער געזעלשאפט פונ די ארבעטנדיקע, אָבער ניט קיינ פריוואטע פערזאָנענ, די רײַכע ליידיקגייער.

אָט דאָס איז דער הויפּט-אויספיר, וואָס צו אים זײַנענ געקומענ די גרינדער פונעמ וויסנשאפטלעכנ סאָציאַליזמ — מארקס אונ ענגעלס.

דערינ איז דער אײנציקער אויסוועג פונ די ווידערשפּרוכנ פונ קאפּיטאליזמ. דערינ איז פאר די ארבעטער אונ פאר אלע ארבעטנדיקע דער אײנציקער אויסוועג פונעמ דאלעס אונ פונ דער קאפּיטאליסטישער שקלאפערײַ.

די קאָמוניסטנ באזירנ זיכ טאקע אפ דער דאָזיקער לערע פונ מארקס—ענגעלס, וואָס לענינ אונ סטאלינ האָבנ אנטוויקלט. צוזאמענ מיט זייערע לערער לייגנ טאקע פאָר די קאָמוניסטנ אָפּצונעמענ מיט דער הילפ פונ א רעוואָלוציע בא דער בורזשואזיע אונ איבערגעבנ אלס אײגנטומ דער ארבעטער־מעלוכע, אלס אײגנטומ פונ אלע ארבעטנדיקע יענע פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס מיט זייער הילפ ארבעטנ געמײנזאמ די ארבעטנדיקע.

דאָס איז דער איקער פונעמ גאנצנ ענינ.

דאנ וועט פארשווינדנ די עקספּלואטאציע פונ מענטשנ דורכ מענטשנ, דאנ וועלנ זיכ אײַנשטעלנ כאווערישע פּראָדוציר־פארהעלטענישנ צווישנ די מענטשנ, דאנ וועלנ אויכ די פּראָדוצירטע פּראָדוקטנ בילדנ דאָס אלגעמײנע אײגנטומ פונ די, וואָס פּראָדוצירנ זיי. דאנ וועלנ פארשווינדנ דער לוקסוס אונ די קאָלאָסאלע דייכטימער פונ אײניקע, דער דאלעס אונ הונגער פונ אנדערע. דאנ וועט געמענ א סאָפ צו דער קאפּיטאליסטישער אנארכיע (אומאָרדענונג) אינ דער פּראָדוקציע, וואָס בא איר פירט יעדער „באלעבאָס" די פּראָדוקציע לויט זײַנ אײגענעמ אײנזענ אונ לויט זײַנע אינטערעסנ. דאנ וועט די גאנצע פּראָדוקציע אונ די פאנאנדערטײלונג געפירט ווערנ לויט אנ אײנהײטלעכנ פּלאנ, לויט די אינטערעסנ פונ אלע ארבעטנדיקע.

אפ אזא אופנ לײגנ פאָר די קאָמוניסטנ צו מאכנ א סאָפ צומ קאפּיטאליזמ אונ אריבערגײנ צומ סאָציאליזמ.

די קאָמוניסטנ וואָלטנ געוועננ פוסטע טרוימער אינעמ פאל, ווענ אפ דער וועלט וואָלט ניט געוועננ קײנ גרויסע פּראָדוקציע, ווענ אינ דער דאָזיקער פּראָדוקציע וואָלטנ שוינ ניט געארבעט פּראָדוקטיוו קאָלאָסאלע מאסנ ארבעטנדיקע, ווענ די קאָמוניסטנ וואָלטנ, אזוי ווי די אוטאָפּיסטנ, געוואָלט לויט זייער אײגענער אויסטראכטעניש שאפנ פּלוצלינג א גרויסע געזעלשאפטלעכע פּראָדוקציע אונ באזאָרגנ אלע ארבעטנדיקע בעשעפע, אונ אינ דער ווירקלעכקײַט וואָלט דערצו קײנ מעגלעכקײַט ניט געוועננ.

אָבער דאָס איז דאָכ טאקע די מײַסע, וואָס די דאָזיקע מעגלעכקײַט איז יאָ פאראנ. א מעכטיקע גרויסע אינדוסטריע עקזיסטירט. די קאָלעקטיווע געזעלשאפטלעכע ארבעט אינ איר עקזיסטירט. אָט וויאזוי לענינ האָט גערעדט וועגנ דעמ אינ 1921 יאָר, ווענ די גרויסע אינדוסטריע איז נאָכ בא אונדז געוועננ שוואכ אונ צערויִנירט:

„אויב מע זאָל נעמענ די פראגע אינ וועלט־מאסשטאב, איז אזא בליִענדיקע גרויסע אינדוסטריע, וואָס קאָנ באזאָרגנ די וועלט מיט אלע פּראָדוקטנ, פאראנ אפ דער ערד. נאָר בלויז זיי קאָנענ זי ניט אוועקלאָזנ אינ גאנג אנ־

דערש, ווי אפ בויען הארמאטנ, מאכנ סנאריאדנ און אנדערע געצײַג, וואס זײַנען מיט אזא גרויסנ דערפאלג אנגעווענדט געווארנ אינ די יארנ 1914—1918. דאנ האט די אינדוסטריע געארבעט פאר דער מילכאמע און באזארגט האט זי די מענטשהײַט מיט אירע פראדוקטנ אינ אזא פולער מאס, אז בא אונדז האבנ זיכ ארויסגעוויזנ ניט ווייניקער, ווי 10 מיליאנ מענטשנ דערהארגעטע און ניט ווייניקער ווי 20 מיליאנ צעקאליעטשעטע... אט אפ וואס עס האט געארבעט די דאזיקע רײַכע, פארגעשריטענע גרויסע אינדוסטריע... דאכ האבנ מיר דאס רעכט צו זאגנ, אז אינ וועלט-מאסשטאב איז אזא אינדוסטריע פאראנ. אפ דער וועלט זײַנען פאראנ לענדער מיט אזא פארגעשריטענער גרויסער אינדוסטריע, וואס קאנ באזארגנ מיטאמאל הונדערטער מיליאנענ אפגעשטאנענעמ פויערטומ. מיר לייגנ דאס אינ יעסאד פונ אונדזערע אויסרעכענונגענ".

אט דאס זײַנען לענינס ווערטער. און די הײַנטצײַטיקע וויסנשאפט באשטעטיקט אינגאנצנ זייער פולשטענדיקע ריכטיקײַט.

א סאכ געלערנטע (ניט קאמוניסטנ) האבנ זיכ געפרווט אויסרעכענענ, וויפל וואלטנ געדארפט די מענטשנ ארבעטנ, ווענ מע זאל די גאנצע פראדוקציע און פאנאנדערטיילונג ארגאניזירנ אפ א געזעלשאפטלעכנ אופנ, אנווענדנדיק די סאמע פארפולקומטע טעכניק און אלע אנטוויקלונגענ פונ דער וויסנשאפט.

די געלערנטע זײַנען געקומענ צומ אויספיר, אז עס וואלט גענוג געווענ סאכאקל עטלעכע שא ארבעט א טאג, העכסטנס — 5 שא, קעדיי אינ א פולער מאס צו באפרידיקנ אלע מאטעריעלע און גײַסטיקע באדערפענישנ פונ דער געזעלשאפט.

אט דא ניט לאנג איז א גרופע אמעריקאנישע טעכניקער בעראש מיט האווארד סקאט אינ רעזולטאט פונ אירע אויסרעכענונגענ געקומענ צו אזא אויספיר:

„די וויסנשאפטלעכע אנטדעקונגענ און די אנטוויקלונג פונ דער טעכניק האבנ בא הײַנטיקנ טאג באוואפנט די מענטשהײַט מיט קרעפטנ, וואס קאנענ באווארענענ אלעמעמ וווילשטאנד, אויב מע זאל נאר די דאזיקע קרעפטנ ווי געהעריק אויסנוצנ.

די דערוואקסענע באפעלקערונג פונ צאפנ-אמעריקע קאנ באפרידיקנ אלע אירע מאטעריעלע באדערפענישנ, ארבעטנדיק צו 4 שא א טאג בא א פירטאגיקער ארבעט-וואכ“.

קארל באלאד, וואס האט געמאכט די אויסרעכענונגענ פאר דײַטשלאנד נאכ אינ 1919 יאר, האט אויסגעפונענ, אז פאר יעדנ מיטגליד פונ דער געזעלשאפט וואלט גענוג געווענ אפצוארבעטנ פאר זײַנ גאנצ לעבנ אינ די אדער יענע טערמינענ פינפ אדער פינפ מיט א האלבנ יאר, קעדיי צו באקומענ פונ דער מעלוכע רעכט צו ווערנ אויסגעהאלטנ אומזיסט אינ פארלויפ פונ זײַנ איבעריק לעבנ. און באלאד גיט צו, אז אפ אזא רעפארמ אינ דײַטשלאנד וואלט זיכ געפאדערט בלויז איינ אכטכיילעק אויסגאבנ, וואס די וועלט-מילכאמע האט איינגעשלונגענ.

און די קאפיטאליסטנ ווילנ פארשמירנ די אויגנ די ארבעטנדיקע מיטנ ליגנ, אז דעמ סאציאליזמ קאנ מענ, קלוימערשט, ניט פארווירקלעכנ, אז עס איז, קלוימערשט, אוממעגלעכ צו באווארענענ אלעמענ און יעדנ א גוט מענטשלעכ לעבנ.

די סאָנימ פונעמ סאָציאַליזמ, די קאַפּיטאַליסטנ און זייערע מעשאָרסימ, סטאַרענ זיכ אָפּצוציִענ די אויפמערקזאַמקייט פונ די אַרבעטנדיקע פונ יענע קאָלאָסאַלע און מעכטיקע פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס זײַנענ געשאַפנ געוואָרנ דורכ דער אַלגעמיינער מי פונ דער אַרבעטנדיקער מענטשהײַט און וואָס די קאַפּיטאַליסטנ האָבנ פאַרכאַפּט אינ זייער פּריוואַטנ אייגנטומ.

די סאָנימ פונעמ סאָציאַליזמ באַהויפּטנ, אַז יעדער מענטש איז, קלוימערשט, לויט דער נאַטור א פּריוואַטער אייגנטימער און ער וויל ניט אַנדערש, נאָר זײַנ א פּריוואַטער באַלעבאָס, אַז דאָס אַלגעמיינע אייגנטומ קאָנ מענ קלוימערשט ניט פאַרווירקלעכנ, אַז די אַלגעמיינע אַרבעט איז קלוימערשט אומעגלעכ צו אָרגאַניזירנ. זיי זאָגנ א ליגנ.

זיי סטאַרענ זיכ פאַרשווײַגנ דעמ פאַקט, אַז אינ די אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט שוינ לאַנג ניט קיינ שומ פּריוואַטנ אייגנטומ די מערהײַט אַרבעטנדיקע, צענדליקער און צענדליקער מיליאָנענ מענטשנ, און דאָס איינציקע רייכטומ פונ די דאָזיקע מענטשנ באַשטייט אינ זייער אַרבעטקראַפט, וואָס זיי זײַנענ געצוווּנגענ צו פאַרקויפנ די קאַפּיטאַליסטנ אַלס סכוירע. די קאַפּיטאַליסטנ סטאַרענ זיכ פאַרדעקנ דעמ פאַקט, אַז די אַלגעמיינע אַרבעט עקזיסטירט שוינ גאָר לאַנג אינ זייערע פאַבריקנ און זאַוואָדנ.

פאַרוואָס זשע איז אומעגלעכ אײַנפירנ אויכ דאָס אַלגעמיינע אייגנטומ אַפ די דאָזיקע פאַבריקנ און זאַוואָדנ? עס איז פולקומ מעגלעכ! די אונטערנעמונגענ וועלנ דערפונ קלאַל ניט לײַדנ. די אַרבעט וועט אינ זיי אָוועקגיינ א סאַכ בעסער. די אָרגאַניזירונג פונ דער פּראָדוקציע וועט זיכ ראַדיקאַל פאַרבעסערנ. די אַרבעט־פּראָדוקטיוויקײַט וועט גיגאַנטיש אויסוואַקסנ.

לײַדנ וועלנ בלויז די אינטערעסנ פונ א הײַפל קאַפּיטאַליסטנ. איבערבײַטנ וועט זיכ דער אייגנטימער פונ די אונטערנעמונגענ. אַנשטאָט די פּריוואַטע באַלעבאַטימ וועט ווערנ א באַלעבאָס די געזעלשאַפט.

אָט דאָס קאָנענ טאַקע ניט דערלאָזנ די קאַפּיטאַליסטנ. קעגנ דעמ טאַקע קעמפנ מיט אַלע קויכעס די בורזשואַזיע.

קעדיי אײַנפירנ אַלגעמיינע אייגנטומ אַפ די אינדוסטריעלע און גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגענ, רופנ די קאָמוניסטנ אַלע אַרבעטער צו אָרגאַניזירנ זיכ און אַראָפּוואַרפנ די מאַכט פונ דער בורזשואַזיע.

דאָס איז שווער. דאָס קאָנ מענ מיטאַמאָל ניט מאַכנ. די דאָזיקע שוועריקײַטנ פאַרשווייגנ ניט די קאָמוניסטנ. פאַרקערט, זיי ווײַזנ דירעקט אָנ אַפ איר, זיי דערקלערנ אָפנ, אַז אָנ א פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, ניט אַראָפּוואַרפנדיק די מאַכט פונ דער בורזשואַזיע, איז ניט מעגלעכ צו פאַרווירקלעכנ דעמ סאָציאַליזמ. אָנ א פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע זײַנענ אַלע שמועסנ וועגנ סאָציאַליזמ א זיסינקער ליגנ און א שווינדל.

בלויז דורכ א רעוואָליוציע און דורכ אײַנשטעלנ זייַנ אייגענע מאַכט — די

דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט — קאָנ דער ארבעטער־קלאס באקומענ אונ איינהאלטנ בא זיכ אינ די הענט די פאבריקנ, די זאוואָדנ, די ערד. בלויז מיטנ דאָזיקנ וועג קאָנ ער פארפעסטיקנ די נייע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג אונ אויסבויענ אנ אָנקלאסנדיקע סאָציאליסטישע געזעלשאפט.

וואָס איז אזוינס דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט

די געשיכטע פונ די רעוואָליוציעס ווייס וועגנ א פרווו פונ די ארבעטער נאָכ אינ פאָריקנ יאָרהונדערט אראָפצוּווארפנ די מאכט פונ דער בורזשואזיע. ביים דער מילכאָמע צווישנ פראנקרייכ אונ פרייסנ האָבנ די ארבעטער פונ פאריז, וואָס די דײַטשנ האָבנ באלאגערט אונ פונוואַנענ די רעגירונג איז אנטלאָפנ, פארכאפט די מאכט אונ פראָקלאמירט די בארימטע פאריזשער קאָמונע (18-טנ מארט 1871 יאָר).

72 טעג האָט עקזיסטירט די פאריזשער קאָמונע. ביז איצט האָט זיכ איינגעהיט אינ פאריז די וואנט, וואָס בא איר זײַנענ צעשאָסנ געוואָרנ די לעצטע קאָמונארנ. יעדנ יאָר דעמ 18-טנ מארט קומענ צומ דאָזיקנ אָרט די פאריזשער ארבעטער באערנ דעמ אָנדענק פונ דער גרויסער קאָמונע.

די פאריזשער קאָמונע איז לויט מארקס אויסדרוק געווענ די ערשטע „רעגירונג פונעמ ארבעטערקלאס”, די „דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט”, דער „רומפולער אנזאָגער פונ דער נײַער געזעלשאפט”.

אינ 46 יאָר ארומ, אינ אָקטיאבער 1917 יאָר, האָט דער ארבעטער־קלאס פונ רוסלאנד אראָפגעוואָרפנ די בורזשואזע מאכט, האָט איינגעשטעלט זײַנ דיקטאטור אונ האָט געשאפנ די ערשטע אינ דער געשיכטע מעכטיקע פראָלעטארישע מעלוכע — דעמ פארבאנד סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפובליקנ.

די פאריזשער קאָמונע אונ באזונדערס אונדזער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָבנ פולשטענדיק באשטעטיקט אינ דער פראקטיק מארקס לערע וועגנ דער דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט. מארקס האָט געלערנט:

„דער קלאסנקאמפ פירט אומפארמײַדלעכ צו דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט... די דאָזיקע דיקטאטור אליינ בילדעט בלויז דעמ איבערגאנג צו דער פארניכטונג פונ יעטווידער קלאס אונ צומ איינשטעלנ א געזעלשאפטלעכע אָרדענונג, ווו עס וועט ניט זײַנ קיינ אָרט פאר דער טיילונג אפ קלאסנ”.

די לערע וועגנ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט איז דער איקער פונעמ מארקסיזמ.

לענינ האָט אנטוויקלט די דאָזיקע לערע פונ מארקס—ענגעלס וועגנ דעמ אראָפווארפנ מיט גוואלט די מאכט פונ דער בורזשואזיע אונ וועגנ דער פאָליטישער הערשאפט פונעמ פראָלעטאריאט.

אפ דער דערפארונג פונ דער פאריזשער קאָמונע, באזונדערס פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, האָט ער געשאפנ א פאנאנדערגעוויקלטע טעאָריע וועגנ

די פאריזשער קאָמונארנ אפ די באריקאַדעס

דער פּראָלעטארישער דיקטאטור. די דאָזיקע טעאָריע בילדעט דעמ וויכטיקסטנ טייל פונעמ מארקסיזמ—לענינизמ. אָט אינ וואָס זי באשטייט.

פונ דער סאמע אנטשטייונג אָנ פונעמ פּראָלעטאריאט פירנ די ארבעטער קעגנ די קאפּיטאליסטנ א קעסיידערדיקנ קאמפּ. אָבער ניט יעטווידער קאמפּ איז א קלאסנקאמפּ פונעמ פּראָלעטאריאט קעגנ דער בורזשואזיע.

„בלויז דאַנ, — שרייבט לענינ, — ווענ דער איינצלנער ארבעטער באנעמט, אז ער איז א מיטגליד פונעמ גאנצנ ארבעטער־קלאס, ווענ אינ זיינ אלטעגלעכנ, קליינעמ קאמפּ קעגנ די איינצלנע באלעבאטימ אונ קעגנ די איינצלנע באאמטע זעט ער דעמ קאמפּ קעגנ דער גאנצער בורזשואזיע אונ קעגנ דער גאנצער רעגירונג, בלויז דאַנ ווערט זיינ קאמפּ א קלאסנ־קאמפּ".

דער מארקסיזמ—לענינизמ לערנט די ארבעטער אזא קלאסנקאמפּ, וואָס שטעלט אלס גרונט־ציל ארָאָפּצוווארפנ די מאכט פונ דער בורזשואזיע.

„א מארקסיסט איז בלויז דער,— זאָגט לענינ,— וואָס פארשפּרייט די אָנערקענונג פונ קלאסנקאמפּ ביזנ אָנערקענענ די דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט".

די געשיכטע באווייזט אונדז, אז די גרונט־פראגע פונ דער רעוואָליוציע איז די פראגע וועגנ מאכט. קיינמאָל אונ אינערגעץ האָט דער הערשנדיקער קלאס ניט אָפּגעטראָטנ זיינ מאכט אָנ דעמ סאמע פארביטערטנ קאמפּ, קיינמאָל אונ אינערגעץ האָט ער זיכ ניט אָפּגעשטעלט פאר קיינ שום רעציכעס, פאר קיינ שומ

פארברעכנס, קעדיי איינצוהאלטנ די מאכט, קעדיי צו דערטרינקענ אינ בלוט דעמ מינדסטנ אטענטאט אפ זײַנ הערשאפט.

בלויז די פארעטער פונ די ארבעטער קאָנענ שטײַנ פאר א פארשטענדיקונג, פאר א פשאָרע מיט דער בורזשואזיע, ווי דאָס טוענ די אזוינגערופענע „סאָציאליסטישע", „סאָציאלדעמאָקראטישע" פארטייענ. לענינ האָט אָנגערופנ „אויסוואָרפ" אזעלכע „טעוערסטע באלעבעסלדיקע טעמפּעקעפיקײַט" אונ „דירעקטנ באַשווינדלענ די ארבעטער" יעטווידער גערדאנק וועגנ דעמ, אז די קאפיטאליסטנ וועלנ פרייוויליק אָפּגעבנ די מאכט.

די בורזשואזיע מוז מענ אראָפּווארפנ דורכ א באוואָפנטנ אופשטאנד. אָבער דאָס איז גאָר ווייניק. דאָס איז בלויז דער אָנהייב פונ דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע.

נאָכנ פארכאפנ די מאכט בײַ דער בורזשואזיע הערט בעשומאופנ ניט אופ דער קלאסנקאמפ, נאָר פארקערט, ער ווערט אינ א הויכער מאָס פארשטארקט אונ פארשארפט. די אראָפּגעוואָרפענע בורזשואזיע ווערט פארביטערט ביז דער העכסטער מאָס, זי כאפט זיכ פאר איר געלט, פאר אירע פארבינדונגענ, פאר איר דערפארונג פונ פארוואלטנ, קאָמאנדעווענ, זי אָרגאניזירט קאָנטררעוואָליוציאָנערע באנדעס, ווענדט זיכ נאָכ הילפ צו דער אינטערנאציאָנאלער בורזשואזיע — קעמפט ווי א צעיושעטע חיה. לענינ האָט געשריבנ:

„די אראָפּגעוואָרפענע עקספּלואטאטערס, וואָס האָבנ זיכ ניט געריכט, אז מע זאָל זיי אראָפּווארפנ, ניט געגלייבט דערינ, האָבנ ניט דערלאָזנ דעמ געדאנק וועגנ דעמ, ווארפנ זיכ נאָכ דער ערשטער מאָפּאָלע מיט א פארצענפאכטער ענערגיע, מיט ווילדער לײַדנשאפט, מיט א האַס, וואָס איז אויסגעוואָקסנ אינ 100 מאָל, ווארפנ זיכ אינ שלאכט פאר צוריקערנ דעמ אָפּגענומענעמ „גאנײַדנ", פאר זייערע פאמיליעס, וואָס האָבנ געלעבט אזוי געשמאק אונ וואָס איצט פארמישפּעט זיי דער „האמויגישער אויסוווּרפ" אפ רויִנירונג אונ דאלעס (אָדער אפ „פּראָסטער" ארבעט...)".

אָט פארוואָס די ערשטע אופגאבע פונעמ פּראָלעטאריאט, וואָס האָט פארכאפט די מאכט, באשטייט אינ צעברעכנ פאר יעדנ פרײַז, דערשטיקנ, פארניכטנ ראדיקאל יעטווידער ווידערשטאנד פונ דער בורזשואזיע אונ פארפעסטיקנ די מאכט פונעמ ארבעטער־קלאס.

אָט פארוואָס איז אומבאדינגט נייטיק די דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט, — די „אײַזערנע מאכט פונ די ארבעטער", — ווי לענינ האָט זי אָנגערופנ, — די „מאכט, וואָס איז דעראָבערט געוואָרנ אונ וואָס ווערט אונטערשטיצט דורכנ גוואלדטאט פונעמ פּראָלעטאריאט איבער דער בורזשואזיע", די „מאכט, וואָס ווערט ניט געטיילט מיט קייִנעמ אונ וואָס שפּארט זיכ אָנ דירעקט אפ דער באוואָפנטער קראפט פונ די מאסנ".

אָבער בײַ דער גאנצער נייטיקײַט צו דערשטיקנ אָנראכמאָנעס די בורזשואזיע איז האָס ניט די איינציקע אופגאבע פונ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור. נאָכנ ניצאָכנ פונעמ פּראָלעטאריאט איז וויכטיקער ווי אלצ פאר אימ — באוואָרענענ פאר

זיכ דעמ מיטגעפיל און די פעסטע אונטערשטיצונג פונ דער גאנצער מאסע ארבעטנדיקע.

פארוואָס איז דאָס אזוי וויכטיק?

די מײַסע דערפונ איז דאָס, וואָס ווײַט ניט מיטאמאָל און ווײַט ניט די גאנצע ניט־פּראָלעטארישע מאסע ארבעטנדיקע (די פּויערים, די קליינ־אייגנטימער) שטעלנ זיכ אפ דער זײַט פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאריאט. די דאָזיקע מאסע וואקלט זיכ לאנג — דאָ גייט זי מיטנ פּראָלעטאריאט, און דאָ שרעקט זי זיכ פאר די שוועריקײַטנ פונ דער רעוואָליוציע און ווארפט זיכ ווידער אריבער צו דער בורזשואזיע.

„דער פּויער אלס האָרעפּאשניק, — זאָגט לענינ, — ציט זיכ צומ סאָציאַליזמ. אימ געפעלט בעסער די דיקטאטור פונ די ארבעטער, איידער די דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע. דער פּויער אלס ברויט־פארקויפער ציט זיכ צו דער בורזשואזיע, צומ פרײַענ האנדל, ד. ה. צוריק צומ „צוגעווינטנ", אלטנ „דויער־דויערעסדיקנ" קאפּיטאליזמ".

דער פּראָלעטאריאט דארפ פאר יעדנ פּרײַז באוואָרענענ א פעסטע אלטעג־לעכע אָנפירונג מיט די ניט־פּראָלעטארישע ארבעטנדיקע מאסנ, בײַקומענ זייערע וואקלונגענ, זייער דראנג צומ צוגעווינטנ קליינ־אייגנטימערישנ שטײַגער, זייער צעברעקלטקײַט, זייערע פעלערנ, זייערע שוואכקײַטנ, וואָס זײַנענ א פּראָדוקט פונעמ פּריוואטנ אייגנטומ, צוציִענ זיי פולשטענדיק אפ דער זײַט פונעמ ארבעטער־קלאס און ארײַנציִענ זיי אינגאנצנ אינ דער בויונג פונעמ נייעמ לעבנ.

„די דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט — לייענענ מיר בא לענינענ — איז די סאמע פולע פארווירקלעכונג פונ דער אָנפירונג מיט אלע ארבעטנדיקע און עקספּלואטירטע, וואָס זײַנענ אונטערדריקט, דערשלאָגנ, דערשטיקט, אָנגעשראָקנ, צעברעקלט, אָפּגענארט פונעמ קלאס קאפּיטאליסטנ".

אזויארומ, באטײַט די פּראָלעטארישע דיקטאטור ניט בלויז מילכאָמע און גוואלדטאט קעגנ דער בורזשואזיע. בענגייע דעמ ארבעטנדיקנ פּויערטומ באטײַט די דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט אָנפירונג, איבערצײַגונג, דערציִונג, הילפ, א בונד, א געמיינזאמענ קאמפ קעגנ די עקספּלואטאטערס און אונטערדריקער פונ די ארבעטנדיקע, פאר פארניכטנ יעטווידער עקספּלואטאציע, פארנ סאָציאַליזמ.

„די דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט, — לערנט לענינ, — איז א באזונדערע פאָרמ קלאסנבונד צווישנ דעמ פּראָלעטאריאט, דעמ אוואנגארד פונ די ארבעטנדיקע, און די צאָלרײַכע ניט־פּראָלעטארישע שיכטנ ארבעטנדיקע (קליינבירגערטומ, קליינע באלעבאטימלעך, דאָס פּויערטומ, אינטעליגענץ אאוו.) אָדער מיט זייער מערהײַט, א בונד קעגנ דעמ קאפּיטאל, א בונד מיטנ צוועק אינגאנצנ אראָפּצוווארפנ דעמ קאפּיטאל, אינגאנצנ אונטערדריקנ דעמ ווידערשטאנד פונ דער בורזשואזיע און די רעסטאווראציע־פּרווונ * פונ איר זײַט, א בונד מיטנ צוועק צו שאפנ ענדגילטיק און פארפעסטיקנ דעמ סאָציאַליזמ".

דער דאָזיקער זײַט פונ דער דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט האָט לענינ צוגע־

---

* רעסטאווראציע באטײַט אָפּשטעלנ די פריערדיקע מאכט.

געבנ אנ אויסשליסלעכ וויכטיקע באדײַטונג. דאָס איינהײַטנ דעמ בונד מיטנ פויערטומ בא דער אָנפירונג פונעמ ארבעטער־קלאס מיטנ פויערטומ, האָט לענינ אָנגערופנ „דער העכסטער פרינציפ פונ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט".

פארוואָס רעדט לענינ וועגנ דער באזונדערער פאָרמ פונעמ בונד פונעמ פראָלעטאריאט מיטנ פויערטומ?

ווײַל ניט יעטווידער בונד איז נייטיק דעמ פראָלעטאריאט, נאָר א בונד טאקע, בעפיירעש קעדיי צו קעמפנ פארנ סאָציִאליזמ. איז דאָכ די גרונט־אופגאבע פונעמ פראָלעטאריאט, זײַנ שטענדיקער ציל — אויסבויענ די סאָציִאליסטישע געזעלשאפט.

דאָס איז אנ אומגעהייער שווערע אונ קאָמפליצירטע אופגאבע.

אויסבויענ דעמ סאָציִאליזמ — מײַנט פארניכטנ די קלאסנ, מאכנ אלעמענ פאר מיטארבעטער פונ אנ איינהײַטלעכער געזעלשאפטלעכער ווירטשאפט. אויסבויענ דעמ סאָציִאליזמ באטײַט שאפנ א סאכ א העכערע ארבעט־אָרגאניזירונג איידער באמ קאפיטאליזמ. אויסבויענ דעמ סאָציִאליזמ הייסט אָרגאניזירנ א פלאנעווע פראָדוקציע אונ פארטיילונג אינ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט אפ דער באזע פונעמ געמיינזאמענ באזיץ פונ די פראָדוציר־מיטלענ, אפ דער באזע פונעמ שטרענגסטנ דיסקאָנט אונ קאָנטראָל איבער דער מאָס ארבעט אונ דער מאָס געברויכ. דאָס אויסבויענ דעמ סאָציִאליזמ פאָדערט א לאנגנ אונ אקשאָנעסדיקנ קאמפ ניט בלויז קעגנ די רעשטלעכ קאפיטאליסטישע קלאסנ, וואָס ווײַזנ ארויס א ווידערשטאנד, נאָר אויכ קעגנ די אײַנגעוואָרצלטע געוווינהײַטנ פונ די ארבעטנדיקע צו דער אלטער אינדיווידועלער אונ קאפיטאליסטישער ווירטשאפט־פירונג, קעגנ די קליינ־אייגנטימערישע שטרעבונגענ אונ פאָרורטיילנ, קעגנ דער צעשטויבטקײַט, אומדיסציפלינירטקײַט, אומקולטורעלקײַט פונ די קליינע אייגנטימער.

אָט פארוואָס עס איז דער סאָציִאליסטישער בויונג נייטיק די פעסטע אָנפירונג פונעמ פראָלעטאריאט. עס איז נייטיק די פראָלעטארישע דיקטאטור.

אלזאָ, די דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט האָט דרײַ גרונט־אופגאבנ אָדער דרײַ גרונט־זײַטנ. לאָמיר זיי אויסרעכענענ מיט כ. סטאלינס ווערטער:

„1) אויסנוצנ די מאכט פונ פראָלעטאריאט אפ אונטערדריקנ די עקספלואטאטערס, אפ צו שיצנ דאָס לאנד, אפ צו פארפעסטיקנ די פארבינדונגענ מיט די פראָלעטאריער פונ אנדערע לענדער, פאר דער אנטוויקלונג אונ פארנ ניצאָכנ פונ דער רעוואָליוציע אינ אלע לענדער.

2) אויסנוצנ די מאכט פונעמ פראָלעטאריאט אפ ענדגילטיק אָפרײַסנ די ארבעטנדיקע אונ עקספלואטירטע מאסנ פונ דער בורזשואזיע, אפ פארפעסטיקנ דעמ בונד פונעמ פראָלעטאריאט מיט די דאָזיקע מאסנ, אפ ארײַנציִענ די דאָזיקע מאסנ אינ דער סאָציִאליסטישער בויונג, אפ דעמ, אז דער פראָלעטאריאט זאָל מעלוכיש אָנפירנ מיט די דאָזיקע מאסנ.

3) אויסנוצנ די מאכט פונעמ פראָלעטאריאט אפ אָרגאניזירנ דעמ סאָציִאליזמ, אפ פארניכטנ די קלאסנ, אפ אריבערגיינ אינ א געזעלשאפט אָנ קלאסנ, אינ א געזעלשאפט אָנ א מעלוכע".

אַט וואָס איז אַזוינס דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. עס וואָלט געווענ גיט ריכ־טיק צו נעמענ בלויז איינ זײַט פונ דער דיקטאטור, שטעלנ פאר זיכ בלויז איינע פונ אירע אופגאבנ. דאָס וואָלט באַטײַט פארקריפּלענ דעם באגריפ דיקטאטור פונ פראָ־לעטאריאט אונ שטעלנ פאר א געפאר דעם גאנצנ סאָציאַליזם. בלויז די פארווירקלע־כונג פונ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אינ איר גאנצער פולקײַט. אינ אלע אירע אנטפלעקונגענ קאָנ באווארענענ דעם פולשטענדיקנ ניצאָכנ פונ סאָציאַליזם.

די סאָנים פונ די פויערים סטארענ זיכ אופשטעלנ זיי קעגנ דעם פראָלעטאריאט, קעגנ זײַנ אָנפירונג. אָבער דער ארבעטער־קלאס איז דער פארגעשריטענער טייל פונ די ארבעטנדיקע מאסנ, דער סאמע באהעפטער, אָרגאניזירטער, פארהאַרטעוועטער אינ לאנגנ קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע. דאָס פויערטום אָבער איז צעבראָקלט, ניט אָרגאניזירט. די פראָלעטאריער זײַנענ אפ קיינ אויפנ ניט אונ מיט גאָרניט צונויפגע־בונדנ מיטנ פריוואטנ אייגנטום אפ פראָדוציר־מיטלענ — דער באזע פונ דער קאפּי־טאַליסטישער געזעלשאפט. די פויערים אָבער האָבנ זייערע אייגענע פראָדוציר־מיט־לענ. זאָל זײַנ, אז בא די ארבעטנדיקע פויערים איז דאָס דאָזיקע אייגנטום א קליינס, זאָל זײַנ, אז דאָס באוואָרנט ניט אפילע די עקזיסטענצ פונ זײַנע באזיצער. אָבער זיי האלטנ זיכ פאָרט פעסט פאר זייער אייגנטום אונ דעריבער וואקלענ זיי זיכ, דעריבער שטעלנ זיי זיכ ניט מיטאמאָל אונ איינמאָל פאר אלע מאָל אפ דער זײַט פונעם פראָ־לעטאריאט, אפ דער זײַט פונעם אַלגעמיינעם אייגנטום — קעגנ דער בורזשואזיע, קעגנ דעם פריוואטנ אייגנטום.

אָט פארוואָס דער פראָלעטאריאט איז דער איינציקער ווירקלעכ רעוואָלוציאָנערער קלאס, דער סאמע אָנפשאָרעדיקער אונ ביזנ סאָפ קאָנסעקווענטער קעמפער קעגנ דער בורזשואזיע, פארנ סאָציאַליזם.

אָט פארוואָס, זאָגט לענינ, —

„בלויז א באשטימטער קלאס, נעמלעכ די שטאָטישע אונ ביכלאל די פאב־ריק־זאוואָדישע אינדוסטריעלע ארבעטער זײַנענ אימשטאנד אָנצופירנ מיט דער גאנצער מאסע ארבעטנדיקע אונ עקספּלואטירטע אינ קאמפ פאר אראָפּווארפנ דעם יאָכ פונ קאפּיטאל, אינעם גאנג פונ דעם אראָפּווארפנ גופע, אינעם קאמפ פאר אײַנהאלטנ אונ פארפעסטיקנ דעם ניצאָכנ, אינ שאפנ א נײַע, סאָ־ציאַליסטישע, געזעלשאפטלעכע אָרדענונג, אינעם גאנצנ קאמפ פאר פאר־ניכטנ פולשטענדיק די קלאסנ".

מיר האָבנ געזענ, אז אינ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט געהערט די מאכט דעם סאמע שטארקנ אונ אָרגאניזירטנ קלאס — דער בורזשואזיע אראָפּווארפנדיק די בורזשואזיע, נעמט די מאכט דער פראָלעטאריאט אלס שטארק־סטער אונ אָרגאניזירטסטער קלאס פונ דער נײַער געזעלשאפט.

„אָדער די דיקטאטור, (ד. ה. די אײַזערנע מאכט) פונ די פּריצים אונ קאפּיטאליסטנ, — זאָגט לענינ, — אָדער די דיקטאטור פונעם ארבעטער־קלאס קיינ מיטנ איז ניטאָ".

די סאָנים פונ די ארבעטער אונ פויערים סטארענ זיכ פארצושטעלנ די זאכ אזוי, אז די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט איז א „דיקטאטור איבערנ פראָלעטא־ריאט", א „געוואלדטאט איבער די ארבעטנדיקע". דאָס איז א ליגנ. אינדערעמעסנ

באזירט זיכ די דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט אפנ ברידערלעכנ בונד פונ די אר־בעטער און פויערימ.

כ. סטאלינ זאָגט:

„די דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט איז געשאפנ געוואָרנ בא אונדז אינ לאנד אפ דער באזע פונעמ בונד פונ די ארבעטער און פויערימ. דאָס איז די ערשטע און גרונטלעכע באזע פונ דער ראטנ־רעפובליק. די ארבעטער און פויערימ וואָלטנ ניט געקאָנט באזיגנ די קאפיטאליסטנ און פריצימ, ווענ אזא בונד וואָלט ניט געווענ. די ארבעטער וואָלטנ ניט געקאָנט צעקלאפנ די קאפיטאליסטנ אָנ דער אונטער־שטיצונג פונ די פויערימ. די פויערימ וואָלטנ ניט געקאָנט צעקלאפנ די פרי־צימ אָנ דער אָנפירונג מיצאד די ארבעטער. וועגנ דעמ רעדט די גאנצע גע־שיכטע פונעמ בירגערקריג בא אונדז אינ לאנד. אָבער דער קאמפ פאר פאר־פעסטיקנ די ראטנ־רעפובליק איז נאָכ ווײַט ניט פארענדיקט, — ער האָט אָנ־גענומענ בלויז א נײַע פאָרמ. פריער האָט דער בונד פונ די ארבעטער און פויערימ געהאט די פאָרמ פונ א מיליטערישנ בונד, ווײַל ער איז געווענ גע־צילט קעגנ קאָלטשאקנ און דעניקינענ. איצט דארפ דער בונד פונ די ארבע־טער מיט פויערימ אָנעמענ די פאָרמ פונ ווירטשאפטלעכער מיט־ארבעט צווישנ שטאָט און דאָרפ, צווישנ די ארבעטער און די פויערימ, ווײַל ער איז געצילט קעגנ דעמ סוחער און באלעגופ, ווײַל ער האָט פאר זײַנ ציל די קעגנזײַטיקע באזאָרגונג פונ די פויערימ און ארבעטער מיט אלדאָס נייטיקע".

לויט דער מײנונג פונ אונדזערע סאָנימ קומט אויס אזוי, אז עס איז ניטאָ קיינ שום אונטערשייד צווישנ דער דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע און דער דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט: אי דאָרט, אי דאָ, טײַנענ זיי, איז פאראנ געוואלדטאט. דעמ דאָזיקנ ליגנ און שווינדל דעמאסקירט לענינ:

„דער ראדיקאלער אונטערשייד צווישנ דער דיקטאטור פונעמ פראָלעטא־ריאט און דער דיקטאטור פונ אנדערע קלאסנ, — דער דיקטאטור פונ די פריצימ אינ מיטלאלטער, דער דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע אינ אלע צי־ויליזירטע קאפיטאליסטישע לענדער, — באשטייט אינ דעמ, וואָס די דיק־טאטור פונ די פריצימ און פונ דער בורזשואזיע איז געווענ א געוואלדזאמע אונטערדריקונג פונעמ ווידערשטאנד פונ דער קאָלאָסאלער מערהײַט באפעל־קערונג, נעמלעכ, פונ די ארבעטנדיקע. פארקערט, די דיקטאטור פונעמ פראָ־לעטאריאט איז די געוואלדזאמע אונטערדריקונג פונעמ ווידערשטאנד פונ די עקספלואטאטערס ד. ה. פונ דער נישטיקער מינדערהײַט באפעלקערונג, פונ די פריצימ און קאפיטאליסטנ".

דער אונטערשייד איז ווירקלעכ א ראדיקאלער!

דאָס אונטערדריקנ די קאָלאָסאלע מערהײַט האָט געהאט דעמ ציל צו פאר־פעסטיקנ די פריצישע און קאפיטאליסטישע שקלאפערײַ. דאָס אונטערדריקנ די נישטיקע מינדערהײַט האָט דעמ ציל צו פארניכטנ אפ שטענדיק יעטווי־דער שקלאפערײַ, יעטווידער מעגלעכקײַט, אז איינ מענטש זאָל עקספלואטירנ א צווייטנ מענטשנ, שאפנ אזא געזעלשאפט, ווו קיינ קלאסנ זאָלנ ניט זײַנ און עס וועט אפאלנ די נייטיקײַט אינ א וועלכער ניט איז אונטערדריקונג און צוואנג.

ווי אַזוי ווערט פאַרווירקלעכט
די דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט

מאַרקס, ענגעלס און באַזונדערס לענינ, וואָס האָט אינ פאַרלויפ פונ העכער 8 יאָר אָנגעפירט מיט דער זיגרייכער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, ווי אויכ כאַווער סטאַלינ, וואָס פירט איצטער אָנ מיטנ קאַמפ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאַריאַט האָבנ געגעבנ ניט בלויז אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פונ דער דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויכ אָנווייזונגענ וועגנ איר פאַרווירקלעכונג, וועגנ אירע פאָרמענ. די וויכטיקסטע פונ די דאָזיקע אָנווייזונגענ זיינענ פאָלגנדיקע:

די בורזשואַזיע האָט געשאַפנ איר „מאַשינ פונ אַ קלאַסנ-מעלוכע“, לויט מאַרקס אויסדרוק, — איר מעלוכע-מאַכט מיט אַ ביוראָקראַטיע (באַאַמטע), פּאָליציי, אַרמיי, געסטלעכע, געריכטנ, טורמעס א. אַ. וו. וויאַזוי דאַרפ זיכ באַגיינ מיט דער דאָזיקער „מאַשינ“ דער אויפגעשטאַנענער פּראָלעטאַריאַט?

מאַרקס גיט אַנ ענטפער אַפ דער דאָזיקער פראַגע:

„ניט איבערגעבנ די ביוראָקראַטיש-מיליטערישע מאַשינ פונ איינע הענט אינ אַנדערע, ווי דאָס פלעגט זיינ ביז איצט, נאָר צ ע ש ט ע ר נ די דאָזיקע מאַשינ. טאַקע דאָס איז דער פאָרויסיקער באַדינג פונ יעטווידער ווירקלעכער פאָלקסרעוואָליוציע“.

די בורזשואַזע מעלוכע מיט אַלע אירע אַנשטאַלטנ איז ניט עפּעס אַנדערס, ווי אַ געצייג צו אונטערדריקנ, דערשטיקנ, עקספּלואַטירנ די אַרבעטנדיקע. מע קאָנ ניט ענדערנ, איבערמאַכנ דאָס דאָזיקע געוואַלדטאַט-געצייג אַזוי, אַז דאָס זאָל דינענ די אַרבעטער-אינטערעסנ. קעדיי ניט צו פאַרלירנ די אָקאָרשט דעראָבערטע מאַכט, קעדיי אַריינצוציענ אינ דער רעוואָליוציע די ברייטסטע פאָלקס-מאַסנ, דאַרפ דער פּראָלעטאַריאַט טייקעפ צעקלאַפּנ, פאַרניכטנ די אַלטע מעלוכע-מאַשינ, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט און שאַפנ אַנ אייגענעמ מעלוכע-אַפּאַראַט.

אָט דאָס איז די ערשטע אָנווייזונג פונעמ מאַרקסיזמ-לענינּיזמ וועגנ די אויפגאַבנ פונ פאַרווירקלעכנ די דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט.

לענינ האָט נאָכ ביז דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע הייס פאַרטיידיקט די דאָזיקע אָנווייזונגענ פונ מאַרקס-ענגעלס קעגנ דעמ אָפּאָרטוניסטישנ פאַרקריפּלענ זיי מיצאַד די סאָציאַל-דעמאָקראַטנ. לענינ האָט פאַראַלגעמיינערט די דערפאַרונג פונ אונדזער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, וואָס האָט אַרויסגערוקט די ר אַ ט נ אַלס מאַכט-אָרגאַנענ. לענינ האָט דערוויזנ טעאָרעטיש, וויסנשאַפטלעכ און האָט באַוויזנ אַפ דער פּראַקטיק פונ דער סאָוועטישער בויונג, וואָס בעראָש פונ איר איז ער געשטאַנענ, אַז די ר אַ ט נ ז יי נ ע נ ע ס י ע נ ע נ יי ע פ אָ ר מ מ ע ל ו כ ע-מ אַ כ ט, י ע נ ע ר נ יי ע ר ט י פּ מ ע ל ו כ ע, וו אָ ס מ י ט ז יי ד אַ ר פ ד ע ר פּ ר אָ ל ע ט אַ-ר י אַ ט א י נ אַ ל ע ל ע נ ד ע ר פ אַ ר ב י ט נ ד י אַ ל ט ע מ ע ל ו כ ע-מ אַ ש י נ, וו אָ ס ע ר וו ע ט כ אַ ר ע וו מ אַ כ נ.

אָט דאָס איז די צווייטע אָנווייזונג פונ מאַרקסיזמ-לענינּיזמ וועגנ די אויפגאַבנ פונ פאַרווירקלעכנ די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, וועגנ אירע פאָרמענ.

וואָס זשע זיינענ אַזוינס די ראַטנ, די ראַטנ-מעלוכע?

די ראַטנ פאַרווירקלעכנ די מאַכט פונ די אַרבעטנדיקע — פונ די אַרבעטער און פויערימ. די גאַנצע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג פונ 18-יאָריקנ עלטער אָנ

אינ יעדער שטאָט אונ אינ יעדנ דאָרפ װילט אויס איר מאַכט — דעמ ראַט פונ די אַרבעטער׳שע, פויערשע אונ רויטאַרמײיִשע דעפּוטאַטנ. בלויז די עקספּלואַ־ טאַטאָרישע עלעמענטנ האָבנ באַ אונדז ניט דאָס רעכט צו װײלנ אונ צו װערנ אויסגעװײלט אינ די ראַטנ. אָבער זײ זײַנענ אַ גישטיקע צאָל אינ פאַרגלײַכ מיט דער מאַסע אַרבעטנדיקע. די דאָזיקע עלעמענטנ זײַנענ אָנגעװיזנ אינ דער קאָנסטי־ טוציע פונ יעדער ראַטנ־רעפּובליק. דאָס זײַנענ די פּערזאָנענ, װאָס באַנוצנ זיכ מיט לוינ־אַרבעט מיטנ צװעק אַרויסצובאַקומענ רעװעכ; די פּערזאָנענ, װאָס לעבנ פונ ניטהאָרעפּאַשנער האַכנאָסע, נעמלעכ: פּראָצענטנ פונ קאַפּיטאַל, האַכנאָסעס פונ אונטערנעמונגענ, אײַנקונפטנ פונ פאַרמעגנ אדג.; די פּריװאַטע הענדלער, די האַנדל־פאַרמיטלער אונ קאָמערציעלע פאַרמיטלער; די גײַסטלעכע טוער פונ די רעליגיעזע קולטנ, די אָנגעשטעלטע אונ אַגענטנ פונ דער געװעזענער פּאָליציי אדג.

די װײלער האָבנ דאָס רעכט צו יעטװידער צײַט אָפּרופנ יעטװידער דעפּוטאַט זײערנ, װאָס האָט ניט באַרעכטיקט זײער צוטרוי, אונ דורכפירנ נײַע װאַלנ.

יעדער ראַט, אָנהײבנדיק פונעמ דאָרפישנ, איז אינ זײַנ טעריטאָריע דער העכ־ סטער מאַכט־אָרגאַנ.

די אָרטיקע ראַטנ קלײַבנ זיכ צונויפ אויפ זײערע צוזאַמענפאָרנ — ראַיאָנישע, קאַנטאָנישע (געגנטלעכע), רעפּובליקאַנישע אונ אַלפאַרבאַנדישע צוזאַמענפאָרנ. די ראַטנ אונ צוזאַמענפאָרנ װײלנ אויס זײערע אויספיר־אָרגאַנענ — פּרע־ זידיומענ אונ אויספיר־קאָמיטעטנ פונ די ראַטנ. דער צוזאַמענפאָר, אונ פאַר דער צײַט צװישנ די צוזאַמענפאָרנ — דער אויספיר־קאָמיטעט איז די העכסטע מאַכט אינ די ראַמענ פונ דער טעריטאָריע, װאָס ער פאַראײניקט.

די אונטערשטע ראַטנ־אָרגאַנענ װאַרפנ זיכ אונטער די אַנטשפּרעכיקע העכערע.

אָפּ אָנפירנ דירעקט מיט די באַזונדערע צװײַגנ פונ דער מעלוכע־פאַרװאַלטונג װערנ אינ יעדער ראַטנ־רעפּובליק געשאַפנ פאָלקס־קאָמיסאַריאַטנ. די אַלגעמײנע פאַרװאַלטונג מיט יעדער רעפּובליק געהערט דעמ ראַט פונ די פאָלקס־קאָמיסאַרנ.

אָט אַזאַ איז אינ די גרונטשטריכנ דער געבוי פונ דער ראַטנ־מאַכט.

לענינ האָט אינ זײַנ אַרטיקל „צי װעלנ די באָלשעװיקעס אײַנהאַלטנ די מעלו־ כע־מאַכט?", װאָס איז אָנגעשריבנ געװאָרנ נאָכ פאַר דער אָקטיאַבער־רעװאָ־ לוציע, פאַרויסגעװיזנ די אײַנגעטימלעכקײט אונ די מײַלעס פונ דעמ צוקונפטיקנ סאָװעטישנ מעלוכע־געבוי. ער האָט געשריבנ:

„די ראַטנ זײַנענ דער נײַער מעלוכע־אַפּאַראַט, װאָס גיט, ערשטנס, אַ באַװאָפנטע קראַפט די אַרבעטער אונ פויערימ, דערבײַ איז די דאָזיקע קראַפט ניט אָפּגעריסנ פונעמ פאָלק, װי די קראַפט פונ דער אַלטער שטענדיקער אַרמײ, נאָר איז אָפּנ ענגסטנ אויפנ מיט אימ פאַרבונדנ: אינ מיליטערישע־ הינזיכט איז די דאָזיקע קראַפט אָנ אַ ערעכ אַ מעכטיקערע, אײדער די פריִ־ ערדיקע; אינ רעװאָלוציאָנערער הינזיכט לאָזט זי זיכ מיט קײנ שומ אַנדע־ רער ניט פאַרבײַטנ. צװײטנס, גיט דער דאָזיקער אַפּאַראַט אַ פאַרבינדונג מיט די מאַסנ, מיט דער מערהײט פונ פאָלק אַזאַ ענגע, אומצערײַסלעכע, װאָס קאָנ לײַכט דורכגעקאָנטראָלירט אונ באַנײַט װערנ, אַז קײנ גלײַכנ דערצו איז אינעמ פריערדיקנ מעלוכע־אַפּאַראַט קײנ זײַכער ניטאָ. דריטנס, איז דער דאָזיקער אַפּאַראַט צוליב דעמ, װאָס זײַנ באַשטאַנד איז אויסגע־

ווילט און קאנ געביטנ ווערנ לויטנ ווילנ פונ פאלק אנ שום ביוראקראטישע פארמאליטעטנ, א סאכ מער דעמאקראטיש, איידער די פריערדיקע אפאראטנ. פערטנס, גיט ער א נאענטסטע פארבינדונג מיט די פארשיידנסטע פראפעסיעס און פארלייכטערט דערמיט די סאמע פארשיידנע רעפארמעס פונ טיפסטנ כאראקטער אנ ביוראקראטיע. פינפטנס, גיט ער די פארמ פונ ארגאניזירנ אנ אוואנגארד, ד.ה. פונעם סאמע באוווסטזיניקנ, סאמע ענערגישנ, פארגעשריטנסטנ טייל פונ די אונטערדריקטע קלאסנ, פונ די ארבעטער און פויערים אונ איז אפ אזא אויפנ דער אפאראט, וואס מיט זיינ הילפ קאנ דער אוואנגארד פונ די אונטערדריקטע קלאסנ אויפהייבנ, דערציענ, לערנענ אונ פירנ נאכ זיכ די גאנצע גיגאנטישע מאסע פונ די האזיקע קלאסנ, וואס איז ביז איצט געשטאנענ אינגאנצנ אויסערנ פאליטישנ לעבנ, אויסער דער געשיכטע. זעקסטנס, גיט ער א מעגלעכקייט... פאראייניקנ אינ דער פערזאנ פונ די אויסגעוויילטע פאלקס-פארשטייער סיי די געזעצגעבערישע פונקציע, סיי די אויספילונג פונ די געזעצנ. אינ פארגלייכ מיטנ בורזשואזנ פארלאמענטאריזמ איז עס אזא שריט פאראויס אינ דער אנטוויקלונג פונ דער דעמאקראטיע, וואס האט אנ אלוועלטלעכ-היסטארישע באדייטונג".

די פראלעטארישע רעוואלוציע האט פולשטענדיק פארווירקלעכט די דאזיקע פאראויסזאגונג דעמ פירערס. די ראטנ זיינענ בא אונדז געווארנ יענער נייער אפאראט פונ מעלוכע-מאכט, וואס וועגנ אימ האט עס לענינ געשריבנ.

די ראטנ זיינענ בא אונדז די דירעקטע ארגאניזאציע פונ די ארבעטנדיקע גופע, וואס פארווירקלעכט די מעלוכע-פארוואלטונג.

די ראטנ האבנ געעפנט פאר אלע ארבעטנדיקע אנ אויסנאמ א פרייענ צוטריט צו באטייליקנ זיכ אינ דער מאכט. בלויז די עקספלואטאטארס האבנ ניט בא אונדז קיינ וואלרעכט.

די ראטנ האבנ פארניכטעט ניט בלויז דאס עקספלואטירנ די ארבעטנדיקע מיצאד דער בורזשואזיע, נאר אויכ די אונטערדריקונג פונ איינ פאלק דורכ א צווייטנ. אינ די ראטנ זיינענ ברידערלעכ פאראייניקט די ארבעטנדיקע פונ אלע נאציאנאליטעטנ, וואס געפינענ זיכ אינ אונדזער מעלוכע.

די ראטנ זיינענ די סאמע נאענטסטע מאכט צו די מאסנ, די סאמע באוועגלעכע און סאמע ביליקע לויט די הויצאעס אפ אויסהאלטנ זי.

די ראטנ האבנ באווארנט די ווירקלעכע פרייהייט פאר די ארבעטנדיקע — די פרייהייט פונ פארזאמלונגענ, פונ פארבאנדנ, פונ פרעסע. ווייל בלויז בא דער ראטנ-מאכט האבנ די ארבעטנדיקע באקומענ אלע מעגלעכקייטנ צו פארזאמלענ זיכ און ארגאניזירנ זיכ, ארויסגעבנ זייערע צייטונגענ, זשורנאלנ, ביכער (די דרוקערייענ, פאפיר-פאבריקנ, פאלאצנ האט מענ אפגענומענ בא דער בורזשואזיע).

די ראטנ האבנ פארלייכטערט דער פארטיי פונ פראלעטאריאט די אויפגאבע צו באהעפטנ ארומ אימ און פירנ די ברייטסטע מאסנ ארבעטנדיקע צומ קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע, צומ בויענ א ניי לעבנ — א סאציאליסטישע געזעלשאפט. דורכ די ראטנ פארווירקלעכט דער פראלעטאריאט זיינ דיקטאטור, זיינ אנפירונג מיט די ארבעטנדיקע מאסנ.



סכעמע פונ פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקנ

„די ראַטנמאַכט איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמ פונ דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט", — זאָגט לענינ.

די דריטע אָנווײַזונג פונעמ מאַרקסיזמ-לעניניזמ וועגנ די אויפגאַבנ פונ פאַרווירקלעכנ די דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט באַציט זיכ צו דער אָרגאַניזירונג פונ דער באַוואָפנטער קראַפט.

די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור דאַרפ זיכ אָנשפּאַרנ אַפ איר אייגענער באַוואָפנטער קראַפט — אַפ דער רויטער אַרמיי.

די רויטע ארמיי

דער וויכטיקסטער באשטאנד־טייל פונ דער מעלוכע־מאשינ פונ דער בורזשואזיע איז די ארמיי. פאר דער בורזשואזיע איז די ארמיי נייטיק, ווי זי זאגט, „קעגנ דעמ אויסערלעכנ סוינע", ד. ה. פאר מילכאמעס צווישנ די קאפיטאליסטנ אפ דעראבערנ מערק, רויווארג־קוואלנ, ערטער, ווו אריינלייגנ קאפיטאל, אפ ראבירנ אונ צעטיילנ די לענדער צווישנ די אימפעריאליסטישע מעלוכעס.

אבער קורעמקאל איז די ארמיי נייטיק דער בורזשואזיע קעגנ דעמ אייגענעמ, „אינערלעכנ סוינע" — קעגנ דעמ ארבעטער־קלאס. עס איז גענוג צו זאגנ, אז אינ אלע בורזשואזע מעלוכעס דינט די ארמיי אפ אונטערדריקנ אונ צעשיסנ די שטרייקנ, דעמאנסטראציעס, אופשטאנדנ. אינ זייערע קאלאניעס האלטנ אלע אימפעריאליסטישע מעלוכעס גרויסע ארמייענ אפ אונטערדריקנ די קעסיידערדיקע אופשטאנדנ פונ די ארבעטנדיקע קעגנ די אויסלענדישע אימפעריאליסטנ.

אינ דער היינטצייטיקער בורזשואזער געזעלשאפט וואלט די מאכט פונ דער בורזשואזיע זיכ נית געקאנט איינהאלטנ אפילע א קורצע צייט, ווענ זי וואלט זיכ נית געשטיצט אפ א מעכטיקער באוואפנטער קראפט.

דער באוווסטזיניקער פארגעשריטענער טייל ארבעטער־קלאס דארפ צעטרייסלענ, צעלייגנ דעמ דאזיקנ שטיצ־פונקט פונ דער בורזשואזיע דורכ אגיטאציאנעלער אונ ארגאניזאציאנעלער ארבעט אינ דער ארמיי, וואס דעמ מאסעוונ מענטשנ־מאטעריאל פאר איר שעפט די בורזשואזיע פונ די ארבעטנדיקע. די רעוואליוציאנערע פארטיי פונ פראלעטאריאט דארפ צוגרייטנ פונ די בעסטע, פונ די סאמע דרייסטע אונ מעסירעסנעפעשדיקע ארבעטער באוואפנטע אטריאדנ, דרוזשינעס, וואס זאלנ זיכ קאנענ שטעלנ בעראש פונעמ אופשטאנד קעגנ דער בורזשואזיע אונ שאפנ דעמ יאדער פונ די באוואפנטע קרעפטנ פונ דער רעוואליוציע. אזוינע אטריאדנ זיינענ פאר דער אקטיאבער־רעוואליוציע אונ די ערשטע צייט נאכ איר געווענ בא אונדז די רויטגווארדייער. אונ טייקעפ נאכנ אראפווארפנ די מאכט פונ דער בורזשואזיע האט די פראלעטארישע רעוואליוציע געמוזט צוטרעטנ צומ ארגאניזירנ איר אייגענע רויטע ארמיי.

בא אונדז איז די רויטע ארמיי ארגאניזירט געווארנ לויטנ דעקרעט פונ 28־טנ יאנוואר 1918 יאר.

שוינ פונ דעמ, וואס איז אויבנ געזאגט געווארנ וועגנ דער נייטיקייט פונ דער פראלעטארישער דיקטאטור, איז אבסאליוט קלאר, פארוואס איז פארנ ארבעטער־קלאס אומבאדינגט נייטיק צו האבנ אנ אייגענע באוואפנטע קראפט. לעניג זאגט וועגנ דעמ:

„קעדיי צו באשיצנ די מאכט פונ די ארבעטער אונ פויערימ קעגנ די מערדער, ד. ה. קעגנ די פריצימ אונ קאפיטאליסטנ, דארפנ מיר האבנ א מעכטיקע רויטע ארמיי".

אינ דער רעזאליוציע פונעמ 6־טנ צוזאמענפאר פונעמ קאמוניסטישנ אינטערנאציאנאל וועגנ די מאסמיטלענ צו קעמפנ קעגנ דער געפאר פונ אימפעריאליסטישע מילכאמעס לייענענ מיר:



אונדזער רויטע ארמיי: פונ רעכטס — א רויטארמייער מיט אנ אויטאמאטישער ביקס, פונ לינקס — א טאנק

„קעדיי צו באשיצנ זיכ פונעמ אימפעריאליזמ דארפ דער פראלעטאריאט האבנ א שטארקע, דיסציפלינירטע, גוט באוואפנטע, שלאכטפייִקע רויטע ארמיי...

די רויטע ארמיי איז די פארמ פונ דער מיליטערישער ארגאניזאציע פונ דער ראטנמאכט, דאס הייסט, די ארמיי פונ דער דיקטאטור פונ פראלעטאריאט".

די נייטיקייט אינ א באוואפנטער קראפט פאר די ארבעטנדיקע וועט ווערנ איבעריק ערשט דאנ, ווענ ניט בלויז אינ איינ לאנד, נאר אינ דער גאנצער וועלט וועט די בורזשואזיע אראפגעווארפנ און ענדגילטיק באזיגט ווערנ.

כאווער סטאלינ דערקלערט אינ פאלגנדיקע ווערטער דעמ גרונט-אונטערשייד צווישנ דער רויטער ארמיי און די ארמייענ פונ דער בורזשואזיע.

„די ערשטע און וויכטיקסטע באזונדערקייט פונ אונדזער רויטער ארמיי באשטייט אינ דעמ, וואס זי איז די ארמיי פונ די באפרייטע ארבעטער און פויערימ, זי איז די ארמיי פונ דער אקטיאבער-רעוואליוציע, די ארמיי פונ דער דיקטאטור פונ פראלעטאריאט. אלע ארמייענ, וואס האבנ ביז איצט עקזיסטירט, וואס פאר א באשטאנד זיי זאלנ ניט האבנ, זײַנענ די ארמייענ אפ פארפעסטיקנ די מאכט פונ קאפיטאל. זיי זײַנענ געווענ און פארבלײַבנ די ארמייענ פונ דער קאפיטאל-הערשאפט...

צי איז דענ ניט ריכטיק, אז די ארמיי אונטערדריקט דארט די ארבעטער, אז זי דינט דארט אלס זײַל פונ די הערשער? צומ אונטערשייד פונ אזוינע ארמייענ האט אונדזער רויטע ארמיי די באזונדערקײַט, וואס זי איז דאס געצײַג פונ פארפעסטיקנ די מאכט פונ די ארבעטער און פויערימ, דאס געצײַג פונ פארפעסטיקנ די דיקטאטור פונ פראלעטאריאט, דאס געצײַג פונ באפרײַענ די אר-

בעטער אונ פויערימ פונעמ יאָכ פונ די פריצימ אונ קאפיטאליסטנ. אונדזער ארמיי איז די ארמיי פונ באפרייענ די ארבעטנדיקע״.

דער באשטאנד גופע, דער געבוי פונ דער רויטער ארמיי, די דערציִונג פונ דער רויטער ארמיי אונטערשיידנ זיכ שארפ פונ די קאפיטאליסטישע ארמייענ.

די דעלעגאציעס פונ די אויסלענדישע ארבעטער האָבנ זיכ געקאָנט איבערצייגנ מיט די אייגענע אויגנ, אז *דאָס באוואָפנטע פאָלק* — *די רויטע ארמיי איז די גאראנטיע פונ אונדזער פרייהייט*. איינער פונ די דייטשישע ארבעטער, מארטינ הערצ, האָט נאָכדעמ געשריבנ:

„דער באוואָפנטער פראָלעטאריאט וועט קיינ איינ טאָג ניט דולדנ א רעגירונג פונ אונטערדריקער אונ עקספּלואטאטערס. ווער עס גלייבט ניט אינ דעמ, זאָל באוואָפענענ דעמ דייטשישנ פראָלעטאריאט״.

די רויטע ארמיי באשטייט *בלויז פונ ארבעטנדיקע* — פונ ארבעטער, פויערימ, אָנגעשטעלטע א. א. די עקספּלואטאטאָרישע עלעמענטנ ווערנ אינ דער רויטער ארמיי *ניט צוגעלאָזנ*. די ארבעטער באטרעפנ אינ דער רויטער ארמיי 43 פראָצ. פונ דער גאנצער צאָל, די פויערימ, הויפּטזאכלעכ די קאָלווירטניקעס — 47 פראָצ. אונ די איבעריקע ארבעטנדיקע — 10 פראָצ. *דרייפינפטל* פונעמ גאנצנ באשטאנד פונ דער רויטער ארמיי קומט אויס אפ די קאָמוניסטנ אונ קאָמיוגיסטנ.

די קאָמאנדירנ פונ דער רויטער ארמיי זיינענ, פארשטייט זיכ, אויכ פונ די ארבעטנדיקע, פונ די ארבעטער אונ פויערימ. דער גאנצער וועלט איז באוווּסט, אז די פירער פונ דער רויטער ארמיי, ווי דער פאָלק-קאָמיסאר פאר מיליטער אונ יאמ-איניאָנימ כאווער ק. יע. וואָראָשילאָוו, דער מיטגליד פונעמ רעוואָלוציאָנערנ מיליטערישנ ראט כאווער ס. מ. בודיאָני אונ א סאכ אנדערע — זיינענ געוועזנ ארבעטער אונ פויערימ.

אינ דער רויטער ארמיי איז ניטאָ קיינ אָפּגרונט צווישנ דעמ קאָמאנדיר-באשטאנד אונ דער געוויינלעכער מאסע, ווי אינ די קאפיטאליסטישע ארמייענ. אינ דער ראטנ-מעלוכע איז ניטאָ קיינ אָפּגרונט צווישנ דער רויטער ארמיי אונ דעמ פאָלק, ווי אינ די בורזשואזע מעלוכעס. די קאָמאנדירנ אונ די געוויינלעכע רויט-ארמייער, די רויטע ארמיי אונ דאָס פאָלק בילדנ בא אונדז *איינ גאנצע, איינ סאָלידארישע מישפּאָכע*.

די ראטנ-רעגירונג פירט די גאנצע צייט א פעסטע אונ אומאָפּנייגבארע *פּאָליטיק פונ שאָלעמ* אונ פונ פארשטארקנ די האנדל-באציִונגענ מיט אלע מעלוכעס. פאר די 16 יאָר פונ איר עקזיסטענצ האָט די ראטנמאכט פאקטיש באוויזנ, אז זי וויל מיט קיינ מעלוכע ניט האלטנ מילכאָמע אונ בא קיינ איינ מעלוכע קלייבט זי זיכ ניט אָפּצונעמענ קיינ טעריטאָריעס.

„די דאָזיקע שאָלעמ-פּאָליטיק, — האָט געזאָגט כאווער סטאלינ, — וועלנ מיר פירנ אויכ לעהאבא מיט אלע קרעפטנ, מיט אלע מיטלענ. קיינ איינ שפּאנ פרעמדע ערד ווילנ מיר ניט, אָבער אויכ אונדזער ערד, קיינ איינ ווערשאָק אונדזער ערד וועלנ מיר קיינעמ ניט אָפּגעבנ״.

דער ראטנ-רעגירונג האָט זיכ איינגעגעבנ שליסנ אָפּמאכנ וועגנ ניט אָנפאלנ מיט א גאנצער ריי מעלוכעס, דערונטער מיט פראנקרייכ, פוילנ א. א.



אונדזער רויטע ארמיי. שווערע ארטילעריע

אָבער עס פארשטייט זיכ, אז אזוינע אָפּמאכנ באזײַטיקנ ניט די מילכאָמע־געפאר. ווי מיר האָבנ שוינ געזאָגט, וואקסט אלצ מער אינ דער גאנצער קאפּיטאַ־ליסטישער וועלט מיט יעדנ יאָר, מיט יעדנ כוידעש די געפאר פונ א נײַער אימ־פּעריאַליסטישער וועלט־בלוטבאָד, אונ צוזאמענ דערמיט ווערט אַלצ ערנסטער די דירעקטע געפאר פונ א באוואָפנטנ אָנפאל אפנ ראטנפארבאנד מיצאַד די אימ־פּעריאַליסטישע מעלוכעס.

אינ אזוינע באדינגונגענ זײַנענ אונדזער ראטנ־רעגירונג אונ די קאָמוניסטישע פּארטיי געווענ מעכויעוו אָנווענדנ אלע קרעפטנ אונ מיטלענ, קעדיי וואָס בעסער אונ זיכערער אָוועקשטעלנ די לאנדשוצ פונ ראטנ־פארבאנד, דעמ שוצ פונ די ארבעטער אונ פויערימ קעגנ א ראַצכישנ אָנפאל פונ די אימפּעריאַליסטנ.

אונ צוליב דעמ האָט מענ קוידעמקאָל אונ פאר יעדנ פּרײַז געמוזט וואָס גיכער אנטוויקלענ די גרויסע סאָציאַליסטישע אינדוסטריע, אונ נאָכדעמ אויכ שאפנ א גרויסע סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע אויכ אינ דער ערד־ארבעט (ראטעווירטנ אונ קאָלווירטנ). ווײַל די קראפט פונ דער רויטער ארמיי איז דירעקט אָפּהענגיק פונ דעמ, וויאזוי זי איז באוואָפנט אונ באזאָרגט, אונ די באַ־זואָפענונג, ווידער, אונ באזאָרגונג ארבעט אויס פאר דער רויטער ארמיי אונדזער אינדוסטריע, די דערנערונג אונ רויוואַרג שטעלט צו אונדזער לאנדווירטשאפט.

בלויז אפּ א מעכטיקער עקאָנאָמישער באזע, אינ דער ערשטער ריי אפּ דער באזע פונ דער גרויסער שווערער אינדוסטריע קאָנ מענ שאפנ א מעכטיקע ארמיי.

אינ דעמ אלטנ רוסלאנד איז ניט געווענ קײַנ מעכטיקע אינדוסטריע, אונ די ארמיי פונ צארישנ רוסלאנד איז געווענ איינע פונ די סאמע אָפּגעשטאנענע, שוואכע ארמייענ, ניט געקוקט אפּ איר קאָלאָסאלער צאָלרײַכקײַט. זי איז געווענ באוואָפנט בלויז מיט ביקסנ, מיט לײַכטע דרײַצאָליקע הארמאטנ אונ מיט א קליי־

נער צאָל „מאַקסימענ“ — געשטעל־קוילנוואַרפער אונ האַוביצעס. די דאָזיקע גאַנצע באַוואָפענונג בלײַבט מענ קויפנ אינ אויסלאַנד. די דאָזיקע פאַרעלטערטע אונ ביז נאָר אָפּגענוצטע מיליטערישע טעכניק האָט אונדזער רויטע אַרמיי באַקומענ בעיערושע.

די ראַטנמאַכט האָט אינגאַנצנ איבערבאַוואָפנט איר אַרמיי לויטנ פּלאַנ, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי האָט באַשטעטיקט, אונ אונטער סטאַלינס סאַמע אויפמערקזאַמער אויפזיכט.

עס איז פאַרבעסערט געוואָרנ אונדזער דרייליניייִקע ביקס אונ עס איז אײַנגעפירט געוואָרנ א נײַע אויטאָמאַטישע אַליינלאָדנדיקע ביקס. עס זײַנענ אײַנגעפירט געוואָרנ קוילנוואַרפער פונ אַלע היינטצײַטיקע טיפּנ — פונ די האַנטיקע ביז די גרויסקאַליבערדיקע (פאַר טאַנקענ אונ אַוויאַציע). עס איז געשאַפנ געוואָרנ אַנ אַרטילעריע פונ אַלע נײַסטע טיפּנ — פונ דער קליינקאַליבערדיקער ביז דער שווערער אונ ספּעציעלער (טאַנקישע, קעגנ־טאַנקישע אונ קעגנ־עראָפּלאַנישע). עס איז געשאַפנ געוואָרנ אַנ אַוויאַציע פונ אַלע הײַנטצײַטיקע טיפּנ — פונ צעשטערער ביז באָמבנ־פירער, עס זײַנענ געשאַפנ געוואָרנ טאַנקעס פאַר קאַלערליי באַדערפענישנ. עס זײַנענ, צולעצט, געשאַפנ געוואָרנ אויכ די נייטיקע כימישע מיטלענ.

אונ לענגויס אונדזערע מערעוודיקע אונ מיזרעכדיקע, די סאַמע באַדראָטע גרענעצנ איז אויסגעבויט געוואָרנ א גאַנצער קאָרדאָנ פאַרפעסטיקונגענ אַזוי, אַז די אינטערווענטנ וועלנ האָבנ בײַצוקומענ א וואַנט פונ א קוילנוואַרפערישנ אונ אַרטילערישנ פײַער, איידער זיי וועלנ אַרײַנ צו אונדז אינ לאַנד.

די גאַנצע אויסגערעכנטע נײַסטע אונ בעסטע באַוואָפענונג ווערט פּראָדוצירט אינ נייטיקנ סכום אינגאַנצנ אינ אונדזערע אייגענע זאַוואָדנ, מיט די הענט פונ אונדזערע אַרבעטער, טעכניקער אונ אינזשעניערנ.

„אינ רעזולטאַט פונ דער דאָזיקער אַרבעט, — זאָגט כ' וואָראָשילאָוו, — איז די רויטע אַרמיי פונ אַן אָפּגעשטאַנענער אַרמיי פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ א היינטצײַטיקער, פאָרגעשריטענער אַרמיי. אינ דער אינדוסטריע איז געשאַפנ געוואָרנ א פּראָדוקציר־באַזע, וואָס קאָנ פּראָדוצירנ אַלע הײַנטצײַטיקע טעכנישע קאַמפמיטלענ. די שלאַכטפייִקייט פונ דער רויטער אַרמיי איז גיגאַנטיש אויסגעוואַקסנ, אומגעהייער אויסגעוואַקסנ איז די לאַנדשוץ פונ ראַטנפאַרבאַנד“.

דער סאַמע ערשטער כיִוו אונ בלוטיקער אינטערעס פונ יעדנ אַרבעטער, קאָלווירטניק אונ אַרבעטנדיקנ פויער איז מיטצווירקנ מיט אַלע קרעפטנ אונ מיטלענ דער ווײַטערדיקער פאַרפעסטיקונג פונ אונדזער לאַנדשוץ.

אונ די מעכטיקײַט פונעמ ראַטנפאַרבאַנד, די קראַפט פונ דער רויטער אַרמיי ווערט געשמידט אינ אונדזערע זאַוואָדנ, ווערט רײַפ אויפ אונדזערע פעלדער, ווערט געשאַפנ דורכ די האָרעפּאַשנע אָנשטרענגונגענ פונ יעדנ פונ אונדז. וואָס פעסטער עס איז אונדזער ווירטשאַפט, וואָס העכער עס איז די אַרבעט־פּראָדוקטיוו־

קײנ אינ יעדער אונטערנעמונג, וואָס פעסטער עס איז די ארבעטדיסציפּלינ, וואָס שטרענגער יעדער ראטווירט אונ קאָלווירט, יעדער פויער באציט זיכ צו זײַנע פאַרפליכטונגענ פאר דער ארבעטער־פויערשער מעלוכע, — אלצ פעסטער איז דער ראטנפארבאנד, אלצ זיכערער איז זײַנ לאנדשוצ, אלצ נעענטער איז דער ניצאָכנ פונעמ סאָציאליזמ אינ דער גאנצער וועלט.

✶

שלוס

אינ אונדזער ערשטנ שמועס האָבנ מיר זיכ באקענט מיטנ סאָציאליזמ, ווי מיט א וויסנשאפט, די האָזיקע וויסנשאפט — די לערע פונ מארקס, ענגעלס, לענינ, סטאלינ — דעקט אופ די גרונט־געזעצנ פונ דער אנטוויקלונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט אונ גיט די קאָמוניסטנ א פעסטע וויסנשאפטלעכע זיכערקײט אינעמ אומפארמײַדלעכנ אונטערגאַנג פונעמ קאפיטאליזמ אונ אינעמ טריומפ פונעמ סאָציאליזמ.

מיר האָבנ געזענ, וויאזוי דער קאפיטאליזמ אנטוויקלט זיכ פונ דער קלײנער סכוירע־פּראָדוקציע, וויאזוי די מעלוכעמאכט פונ די הערשנדיקע קלאסנ פארוואנדלט מיט גוואלט די ברײטע מאסע קלײנע זעלבסטעטיקע פּראָדוצירער אינ פּראָלעטאריער, וויאזוי די געזעלשאפט טײלט זיכ אלצ מער אײַנ אינ צווײ גרונטיקע אומבעשאָלעמדיקע פײַנטלעכע קלאסנ — אינ **פּראָלעטאריער** אונ **בורזשואזיע**.

אינ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט שאפנ זיכ טיפע אומבעשאָלעמדיקע ווידערשפּרוכנ: דער ווידערשפּרוכ צווישנ דעמ געזעלשאפטלעכנ כאראקטער פונ דער פּראָדוקציע אונ דער פּריוואטער צווײגענונג פונ די מיטלענ אונ פּראָדוקטנ פונ דער ארבעט; דער ווידערשפּרוכ צווישנ די לוינארבעטער אונ די ארבעטגעבער, צווישנ ארבעט אונ קאפּיטאל.

אנ אומגעהײַערע פארשטארקונג אונ פארשארפונג דערגרײכנ אלע ווידערשפּרוכנ פונ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט אפ דער העכסטער אונ לעצטער אנטוויקלונג־שטופע פונעמ קאפּיטאליזמ — באמ **אימפּעריאליזמ**, ווענ עס הײבט זיכ אָנ די פארפוילונג אונ צעפאלונג פונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג, ווענ עס קומט אָנ די עפּאָכע פונ קאפּיטאליסטישע וועלט־מילכאָמעס אונ פּראָלעטארישע רעוואָליוציעס.

די ערשטע אימפּעריאליסטישע וועלט־מילכאָמע האָט פארשנעלערט אונ פארשטארקט די פארפוילונג פונעמ קאפּיטאליזמ. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ דער אלגעמײנער קריזיס — די צעפאלונג פונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג. צוגלײַכ מיט די בורזשואזע מעלוכעס, צוגלײַכ מיט דער קאפּיטאליסטישער ווירטשאפט־סיסטעמ איז אנטשטאנענ די ערשטע פּראָלעטארישע מעלוכע, איז אנטשטאנענ די סאָציאליסטישע ווירטשאפט־סיסטעמ. צווישנ זײ גײט א קאמפּ, וואָס דער אויסגאנג זײַנער וועט באשליסנ דעמ שיקזאל פונ דער מענטשהײַט.

דער אָרהנטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס דויערט שוינ פיר יאר אפנ באָדנ פונ דער אלגעמײנער צעפאלונג פונ קאפּיטאליזמ, האָט אָנגענומענ אזוינע מאסשטאבנ לויט דער ברײט, טיפ אונ שארפקײט, וואָס זײַנענ נאָכ ניט געזענ געוואָרנ.

האָט פארכאפט אלע קאפיטאליסטישע לענדער, האָט אריינגעוואָרפנ אינ ארבעטלאָזיקייט, הונגער, פארערמונג צענדליקער מיליאָנענ ארבעטנדיקע.

די בורזשואזיע זוכט א אויסוועג פונעמ קריזיס אינ פארקירצנ די פראָדוקציע, אינ פארניכטנ א טייל סכוירעס, וואָס געפינענ ניט קיינ אָפזאצ, אינ אראָפזעצנ דעמ ארבעטלוינ, אינ סאמע צעיושעטנ אונטערדריקנ די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג פונ די ארבעטער אונ פויערימ. אינ איינשטעלנ אנ אָפענע דיקטאטור פונ קאפיטאל, אינ נייע אימפעריאליסטישע מילכאָמעס, אינ צוגרייטנ א באוואָפנטנ אָנפאל אפנ ראטנפארבאנד.

די איינציקע מעגלעכע לייזונג פונ די ווידערשפרוכנ פונ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, דער איינציקער אויסוועג פונעמ קריזיס אונ פונ דער קאפיטאליסטישער שקלאפעריי באשטייט אינ אראָפווארפנ די מאכט פונ דער בורזשואזיע דורכ א באוואָפנטנ אופשטאנד, אינ איבערגעבנ די פראָדוציר־מיטלענ פונעמ פריוואטנ־אייגנטומ אינ געזעלשאפטלעכנ, אינ איינשטעלנ די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, אינ אונטערדריקנ אָנ ראכמאָנעס יעטווידער ווידערשטאנד פונ דער בורזשואזיע אונ אינ אויסבויענ אנ אָנקלאסנדיקע סאָציאליסטישע געזעלשאפט.

אונדזער פארבאנד סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפובליקנ דינט אינ דער דאָזיקער הינזיכט אלס מוסטער פאר אלע לענדער. פארפעסטיקנ די ווירטשאפטלעכע מאכט פונ ראטנפארבאנד, פארפעסטיקנ זיינ לאנדשוצ איז דער סאמע ערשטער כויוו פונ יעדערנ פונ אונדז.

די ראטנ־מעלוכע, וואָס איז אויסגעבויט אפנ מויערפעסטנ פונדאמענט פונ דער גרויסער סאָציאליסטישער ווירטשאפט, וואָס די שטארקע רויטע ארמיי באשיצט זי — איז דער מויערפעסטער טייל פונ דער פראָלעטארישער וועלט־רעוואָליוציע. אונ בלויז זי אליינ קאָנ אראָפנעמענ פונ אונדז אפ שטענדיק די געפאר פונ אנ אימפעריאליסטישנ אָנפאל אונ באפרייענ די גאנצע ארבעטנדיקע מענטשהייט פונ מילכאָמעס אונ פונ קאפיטאליסטישער קנעכטשאפט.

פראגנ פאר זעלבסטקאָנטראָל

וואָס רעדט מענ בא אייכ אינ קאָלווירט, ראטווירט, אינ דער מאשינ־טראקטאָרישער סטאנציע, אינ דאָרפ וועגנ די אמאָליקע פאָראָנדקעס בא אונדז אינ לאנד? וואָס רעדט מענ וועגנ לייב־אייגנטומ־רעכט? וועגנ קאפיטאליזמ? וועגנ דער לאגע אינ אויסלאנד? וועגנ דער ראטנמאכט? וועגנ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט? וועגנ דער רויטער ארמיי?

פרוווט פאנאנדערקלייבנ אָט דאָס אלצ, וואָס איר האָט געהערט וועגנ די דאָזיקע פראגנ, שטיצנדיק זיכ אפנ אינהאלט פונ אונדזער ערשטנ שמועס.

ע ר ש ט ע ר ט י י ל

1. וואָס איז אזוינס אוטאָפישער אונ וויסנשאפטלעכער סאָציאליזמ?
2. וואָס בילדעט דעמ יעסאָד פונ יעטווידער מענטשלעכער געזעלשאפט?
3. וואָס זיינענ אזוינס פראָדוציר־מיטלענ?
4. וואָס זיינענ אזוינס די פראָדוקטיווע קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט?
5. וואָס איז אזוינס מערפראָדוקט?

6. וויאזוי איז אנטשטאנענ די איינטיילונג פונ דער געזעלשאפט אינ קלאסנ?
7. וואס איז אזוינס מעלוכע און וויאזוי איז זי אנטשטאנענ?
8. פונ וואס זיינענ אפהענגיק, וויאזוי קומענ פאר די ענדערונגענ אינ דער איינארדענונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט?

צווייטער טייל

1. אינ וואס באשטייענ די פראדוציר-פארהעלטענישנ אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט און וויאזוי זיינענ זיי אנטשטאנענ?
2. וואס איז עס אזוינס מערווערט?
3. וויאזוי האט זיכ אנטוויקלט דער קאפיטאליזמ אינ רוסלאנד? וויאזוי איז אנטשטאנענ און וואס שטעלט מיט זיכ פאר דאס באלעגופנטומ?
4. רופט אנ די גרונט-קלאסנ און די גרונטווידערשפרוכנ פונ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.
5. וואס איז אזוינס אימפעריאליזמ?
6. פארוואס איז אומפארמיידלעכ דער אונטערגאנג פונ קאפיטאליזמ? פארוואס איז מעגלעכ דער ניצאכנ פונ סאציאליזמ אינ איינ לאנד?

דריטער טייל

1. וואס זיינענ עס אזוינס עקאנאמישע קריזיסנ און פארוואס פאסירנ זיי אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט?
2. מיט וואס אונטערשיידט זיכ דער איצטיקער עקאנאמישער קריזיס פונ די פריערדיקע?
3. וואס איז עס אזוינס אלגעמיינער קריזיס פונ קאפיטאליזמ און וואס זיינענ זיינע סיבעס?
4. אינ וואס זעט די בורזשואזיע דעמ אויסוועג פונעמ קריזיס?

פערטער טייל

1. אינ וואס איז דער אויסוועג פונ דער קאפיטאליסטישער שקלאפעריי?
2. וואס איז עס אזוינס דיקטאטור פונ פראלעטאריאט?
3. וויאזוי איז איינגעארדנט די ראטנ-מעלוכע? וואס זיינענ אירע מעלעס אינ פארגלייכ מיט דער בורזשואזער מעלוכע?
4. וואס איז עס אזוינס די רויטע ארמיי און פארוואס איז זי נייטיק?



צווייטער שמועס

דער קאַמפ פאַר סאָציאַליזמ און קאָמוניזמ

וועגנ וואָס רעדט זיכ אינ דעמ שמועס

די מאַכט פונ דער בורזשואַזיע איז שוינ אַראָפּגעוואָרפנ אינ איינ לאַנד — אינעם געוועזענעם צאַרישנ רוסלאַנד.

נאָכ דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע אינ 1917 יאָר האָט זיכ בײַ אונדז אָנגעהויבנ די סאָציאַליסטישע בויונג.

איצט זײַנענ מיר שוינ צוגעטראָטנ דירעקט צומ אויסבויענ די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

אָבער אונדזערע סאָנימ זאָגנ:

— וואָס איז עס פאַר א סאָציאַליזמ? אַלצ פעלט. קיינ סכוירע באַקומסטו ניט. און וואָס איר בויט פאַבריקנ און זאַוואָדנ, האָט מענ אויכ ביז אײַכ געבויט. ווו זשע איז אײַער באַרימטער סאָציאַליזמ? אינ וואָס זשע דריקט ער זיכ אויס?

— איר האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אינ איינ לאַנד און איר ווילט צווינגענ אַלעמענ צו אַרבעטנ ווי אײַכ געפעלט. און אַרומ אײַכ — זײַנענ קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווו די ווירטשאַפט גייט אַפנ אַלטנ שטייגער, אַפ דער אַלטער אויסגעפּרווטער באַזע פונ פּריוואַטנ אינטערעס און פרײַער קאָנקורענצ. וויאַזוי קאָנט איר זיכ ספּראַווענ? אַפ דער זייט פונעמ קאַפּיטאַליזמ זײַנענ אַלע מײַלעס. דער קאַפּיטאַליזמ איז שטאַרקער. ער וועט זיגנ.

אַזוי זאָגנ אונדזערע סאָנימ. אינ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי גופא זײַנענ געווענ מענטשנ, וואָס האָבנ אויכ געזאָגט, אַז אינ איינ לאַנד און דער־

צי נאָך אין אַזאַ אָפּגעשטאַנענעם ווי אונדזערס, קאָן מען דעם סאָציאַליזם ניט אויסבויען.

מיר האָבן דערלערנט, וואָס איז אונדזער סאָציאַליזם, וואָס איז אונדזער קאָמוניזם, און וואָס באַשטייט די סאָציאַליסטישע איינאָרדענונג פון דער געזעלשאַפט.

און וואָס איז שוין דער סאָציאַליזם ביי אונדז פאַרווירקלעכט געוואָרן?

וואָס זיינען די פּלענער פון דער ווייטערדיקער סאָציאַליסטישער בויונג?

מיט וואָס דערקלערן זיך די דערפאָלגן פון אונדזער סאָציאַליסטישער בויונג? מיט וואָס דערקלערן זיך אירע שוועריקייטן, די פעלערן, דאָס פעלן פון פּראָדוקטן אאַז.?

אויף וועמענס זייט זיינען אין דער ווירקלעכקייט די מיליאָנען: צי אויף דער זייט פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט־סיסטעם אָדער אויף דער זייט פון קאַפּיטאַליזם?

מיט די דאָזיקע אַלע פראַגן וועלן מיר זיך טאַקע פאַרנעמען אין אונדזער צווייטן שמועס.

דעם דאָזיקן שמועס טיילן מיר איין אין דריי טיילן.

ערשטער טייל. וואָס איז אונדזער סאָציאַליזם און קאָמוניזם?

צווייטער טייל. ווי אַזוי בויט זיך דער סאָציאַליזם אינעם ראַטנפאַרבאַנד.

דריטער טייל. די גרויסע אינדוסטריע איז די באַזע פון דער סאָציאַליסטישער בויונג.



ערשטער טייל

וואָס איז אזוינס סאָציאַליזם און קאָמוניזם

וואָס באטײַט סאָציאַליזם

מיר האָבנ געזענ, וויאזוי עס איז אנטשטאנענ די קאפיטאליסטישע אָרדענונג, וויאזוי די אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ האָט צוגעגרייט די באדינגונגענ און האָט געמאכט פאר נייטיק און אומפארמײַדלעכ דאָס פארבײַטנ די קאפיטאליסטישע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג אפ א סאָציאַליסטישער דורכ א פראָלעטארישער רעוואָליוציע.

נאָכ אינ די טיפענישנ פונ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט אנטשטייענ די קרעפטנ, וואָס קעמפנ קעגנ דעמ קאפיטאליזמ, פארנ סאָציאַליזמ.

„דעמ האַזיקנ קאמפ, — דערקלערט לענינ, — פירנ קיינעמקאָל די לוינארבעטער, וואָס זײַנענ דירעקט און אינגאנצנ אָפהענגיק פונעמ קאפיטאל. די קליינע באלעבאטימ ווידער באזיצנ טיילווײַז אליינ קאפיטאל, עקספלואטירנ אליינ ניט זעלטנ ארבעטער. דעריבער שטעלנ זיכ ניט אלע פונ די קליינע פויערימ אינ די רייענ קעמפער פארנ סאָציאַליזמ, נאָר בלויז יענע, וואָס גייענ אריבער אנטשיידנ און באוווּסטזיניק אפ דער זײַט פונ די ארבעטער קעגנ דעמ קאפיטאל, אפ דער זײַט פונעמ געמיינזאמענ אייגנטומ קעגנ דעמ פריוואטנ אייגנטומ".

די דאָזיקע ווערטער זײַנענ געשריבנ געוואָרנ אינ נאָיאבער 1905 יאָר. אָבער זיי קלינגענ איצט אזוי ווי לעבעדיקע. טאקע לויט דער באציִונג צומ געמיינזאמענ אייגנטומ אורטיילנ מיר איצט אומפעלערהאפט, ווער פונ די פויערימ איז פארנ סאָציאַליזמ, ווער — קעגנ.

אונדזער ארבעטער-קלאס איז די הויפטקראפט, וואָס פירט אָנ מיט אלע ארבעטנדיקע אינ קאמפ פארנ סאָציאַליזמ.

דער טאָכ פונעמ סאָציאַליזמ באשטייט אינ דער פולשטענדיקער פארניכטונג פונ עקספלואטאציע, אינ דער פולשטענדיקער פארניכטונג פונ די קלאסנ און פונ די קלאסנאונטער-

שיידנ, אינ אָרגאניזירנ אנ אָנקלאסנדיקע געזעלשאפט אפ דער באזע פונעם געמיינזאמענ באזיצ פונ די פראָדוציר־מיטלענ.

וואָס זשע פאָדערט זיכ אפ אויכבויענ דעמ סאָציאליזמ?

ערשטנס, פאָדערט זיכ דערצו אראָפוואַרפנ די מאכט פונ דער בורזשואזיע דורכ א רעוואָליוציע אונ אײַנשטעלנ אינ דער מעלוכע די מאכט פונעם ארבעטער־קלאס, די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט אפ אונטערדריקנ אומדערבארעמדיק יעטווידער ווידערשטאנד פונ דער בורזשואזיע, אפ ארײַנציענ די ברייטע מאסנ ארבעטנדיקע אינ דער סאָציאליסטישער בויונג, אפ אויסבויענ די סאָציאליסטישע געזעלשאפט.

צווייטנס, פאָדערט זיכ דערצו פארניכטנ דאָס גרויסע פריוואטע אייגנטומ אפ די פראָדוציר־מיטלענ דורכ נאציאָנאליזאציע, ד. ה. דורכ איבערגעבנ אינ אלגעמיינעמ מעלוכישנ אייגנטומ אלע גרויסע אונטערנעמונגענ אינ דער אינדוסטריע אונ אינ דער לאנדווירטשאפט אונ אויכ די גאנצע ערד אונ די גרויסע טראנספּאָרט־מיטלענ.

דריטנס, פאָדערט זיכ דערצו רעאָרגאניזירנ דאָס קליינע פריוואטע אייגנטומ דורכ קאָלעקטיוויזאציע, ד. ה. דורכ דער פרייוויליקער פארײַניקונג פונ די קליינע האָרעפאשנע פויערשע ווירטשאפטנ אינ גרויסע געזעלשאפטלעכע ווירטשאפטנ בא דער אונטערשטיצונג אונ אונטער דער אָנפירונג פונ דער פראָלעטארישער מעלוכע.

פערטנס, — פארניכטנ די קאפּיטאליסטישע פארהעלטעניש אינ דער פראָדוקציע, אָרגאניזירנ די פראָדוקציע אפ דער באזע פונ געמיינזאמער ארבעט אינ די פארגעזעלשאפטלעכטע אונטערנעמונגענ.

פינפטנס, — פארניכטנ די קלאסנ אונ די קלאסנ־אונטערשיידנ, אָרגאניזירנ אנ אָנקלאסנדיקע געזעלשאפט, ווו אלע מיטגלידער זײַנענ מיטארבעטער פונ איינ איינהײַטלעכער געזעלשאפטלעכער ווירטשאפט.

זעקסטנס, — פארניכטנ דעמ פריוואטנ האנדל, פארבײַטנ אימ מיטנ אָרגאניזירטנ (סאָוועטישנ) האנדל אנ קאפּיטאליסטנ אונ ספּעקוליאנטנ, אונ נאָכדעמ אויכ מיט אנ אָנגעלטיקנ פראָדוקטנ־אויסטויש.

זיבעטנס, — פארניכטנ די אנארכיע (אומאָרדענונג) פונ דער קאפּיטאליסטישער ווירטשאפט, וואָס די פריוואטע פּערזאָנענ פירנ צוליב זייערע אינטערעסנ, — סאָציאליזמ באטײַט אָרגאניזירנ אנ איינהײַטלעכע, פּלאנעווע פראָדוקציע אונ פאנאנדערטיילונג אינ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט.

אכטנס, — פארניכטנ די ווירטשאפטלעכע, טעכנישע אונ קולטורעלע אָפּגעשטאנענקייט פונ דארפ, פארניכטנ אינ גרונט דעמ קעגנזאצ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ.

ניינטנס, — שאפנ די באדינגונגענ, וואָס זײַנענ נייטיק אפ פארניכטנ אינ דער צוקונפט די אונטערשיידנ צווישנ די ארבעטנדיקע לויט דער קוואליפיקאציע, אפ פארניכטנ דעמ קעגנזאצ צווישנ דער גײַסטיקער אונ

פיזישער ארבעט, אַפֿן אײַנשטעלן פולשטענדיקע גלײַכהייט צווישן די מענטשן.

און וואָס איז אַזוינס סאָציאַליזם. און וואָס זײַנען די גרונט־באַדינגונגען אָדער פֿאָדערונגען, וואָס זייער פֿאַרווירקלעכונג באַטײַט סאָציאַליזם.

מאַרקס זאָגט:

„צווישן דער קאַפּיטאַליסטישער און קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט ליגט אַ פּעריאָד פֿון רעוואָלוציאָנערער פֿאַרוואַנדלונג פֿון דער ערשטער אין דער צווייטער. דעם דאָזיקן פּעריאָד אַנטשפּרעכט אויך דער פּאָליטישער איבערגאַנג־פּעריאָד, און די מלוכה פֿונעם דאָזיקן פּעריאָד קאָן ניט זײַן קיין שום אַנדער זאַך אויסער דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט".

דער סאָציאַליזם ווערט פֿאַרווירקלעכט ניט מיטאַמאָל. פֿון דעראָבערן די מאַכט ביז אָרגאַניזירן די אָנקלאַסנדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט גייט דורך אַ לאַנגע ריי יאָרן.

אין אויסבויען דעם סאָציאַליזם גייען מיר פֿון איין עטאַפּ צום צווייטן. דאָס באַטײַט אָבער ניט, אַז מיר בויען דעם סאָציאַליזם שטיקלעכווײַז — הײַנט איין שטיקל, מאָרגן אַ צווייטס, ניט זאָרגנדיק וועגן דעם גאַנצן, פֿאַרגעסנדיק וועגן דעם ציל פֿון דער בויונג.

נײַן, אונדזער אַרבעט אויף יעדן באַצירק, אויף יעדן עטאַפּ פֿון דער בויונג איז ענג פֿאַרבונדן מיט אַלע אַנדערע באַצירקן און מיטן גאַנצן פּלאַן פֿון בויען דעם סאָציאַליזם אין גאַנצן גענומען. די אַרבעט אויף יעדן באַצירק און אויף יעדן עטאַפּ באַוואָרנט דעם אַלגעמיינעם דערפֿאָלג פֿון דער בויונג און דעם אַלגעמיינעם שנעלן גאַנג פֿאָרויס צום ענדציל.

דער קליינבירגערלעכער „סאָציאַליזם"

אָבער עס איז פֿאַראַן אַ פֿאַרשיידענער באַנעם פֿון סאָציאַליזם. לענין האָט געשריבן:

„סאָציאַליזם איז פֿאַראַן פֿאַרשיידענער, אויף דער וועלט איז אַפֿילו פֿאַראַן אַ גאַלאַכישער סאָציאַליזם, עס איז פֿאַראַן אַ באַלעבעסלדיקער סאָציאַליזם, עס איז פֿאַראַן אַ פּראָלעטאַרישער סאָציאַליזם".

די מײַסטע דערפֿון איז, וואָס די הערשנדיקע קלאַסן באַנעמען אויסגעצייכנט די גאַנצע צוציונג־קראַפֿט פֿון די סאָציאַליסטישע אידייען פֿאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן און זיי סטאַרען זיך פֿאַרקריפּלען דעם וויסנשאַפֿטלעכן, פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם, קעדיי צו ריכטן די אַרבעטנדיקע מאַסן אויף אַ פֿאַלשן וועג.

„אַלע מענטשן זײַנען ברידער" — פּרעדיקן די אַזוי־גערופֿענע „קריסטלעכע סאָציאַליסטן", קעדיי צו פֿאַרדעקן די קאַפּיטאַליסטישע רויבערײַ און עקספּלואַטאַציע פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן.

ווייניק אונטערשיידן זיך פֿונעם גאַלאַכישן סאָציאַליזם די אַזוי־גערופֿענע „סאָצי־

אליסטישע" אָדער „סאָציאַלדעמאָקראַטישע" פּאַרטייען, וואָס זײַנען אריבער אפּ דער זײַט פונעם קלאַסנ־סויגע און פאַרייניקנ „קלאַסנ־שאָלעם", א פאַרשטענדיקונג מיט דער בורזשואזיע אָנשטאָט רעוואָליוציאָנערנ קלאַסנקאַמפּ קעגנ איר.

צולעצט, די *פאַשיסטנ* — א בורזשואזע פּאַרטיי, וואָס אָרגאַניזירט אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער טעראָר קעגנ די ארבעטנדיקע מאַסנ, גראָמירט די רעוואָליוציאָנערע ארבעטערשע און פּויערשע אָרגאַניזאַציעס, דערמאָרדעט אינ מיטנ העלנ טאָג רעוואָליוציאָנערע ארבעטער און זייערע פירער, — די דאָזיקע פאַשיסטנ רופנ זיכ אויכ אָנ „סאָציאַליסטנ".

אזוי שטרעבנ די בורזשואזע פּאַרטייען צו פאַרדעקנ זיכ מיט ווערטער וועגנ סאָציאַליזם, קעדיי אָפּצונאַרנ די ארבעטער. און דאָס איז די אָפּשטאַמונג פונ אייניקע פאַלשע סאָציאַליסטישע לערעס.

אנדערע פאַלשע סאָציאַליסטישע לערעס אנטשטייענ צווישנ די ניטפּראָלעטאַרישע ארבעטנדיקע מאַסנ, וואָס האָבנ נאָכ ניט פאַרשטאַנענ, וויאַזוי מע דאַרפ זיכ באַפרייענ פונ דער עקספּלואַטאַציע פונ די גרויסע אייגנטימער. די מינסטע דערפונ איז, וואָס די קליינע פּויערים, די האַנטווערקער, די הענדלער — די האָרעפּאַשנע קליינע מענטשנ ווערנ אויכ עקספּלואַטירט פונעם קאַפּיטאַל און ניט זעלטנ אפילע מער, איידער די ארבעטער. פונדאַנענ נעמט זיכ די האַס פונ די האָרעפּאַשנע קליינע מענטשנ צו די רײַכע קלאַסנ. פונדאַנענ נעמט זיכ זייער שטרעבונג צו פאַרניכטנ דעם אונטערשייד צווישנ די אָרעמע און רײַכע. דער דאָזיקער ווונטש ליגט עס אינ דעם יעסאָד פונעם באַלעבעסלדיקנ, קליינבירגערלעכנ, פּאָלקישנ, פּויערישנ קלוימערשטנ „סאָציאַליזם".

לענינ שרײַבט וועגנ אים:

„דער באַלעבעסלדיקער סאָציאַליזם איז דער טרוים פונעם קליינעם אייגנטימער וועגנ דעם, וויאַזוי פאַרניכטעט מענ דעם אונטערשייד צווישנ די רײַכע און די אָרעמע. דער באַלעבעסלדיקער סאָציאַליזם רעכנט, אז מע קאָנ אלע מענטשנ מאַכנ פאַר „אויסגעגלײַכטע" באַלעבאַטימלעכ, פאַר ניט קיינ אָרעמע און ניט קיינ רײַכע... אינ דער ווירקלעכקײַט אָבער קאָנ מענ ניט פאַרניכטנ דעם דאַלעס און די אָרעמקײַט אפּ אזאַ אויפנ, ווי דאָס וויל טאָנ דער קליינער אייגנטימער... קיינ שום געזעצנ אינ דער וועלט וועלנ ניט זײַנ אימשטאַנד צו פאַרניכטנ די אומגלײַכהײַט און עקספּלואַטאַציע קאָלזמאַנ עס פאַרבלײַבט די ווירטשאַפט פונ מאַרק, קאָלזמאַנ עס האַלט זיכ די מאַכט פונ געלט אונ די קראַפט פונ קאַפּיטאַל".

די קליינבירגערלעכע, די פּויערישע אָדער פּאָלקישע „סאָציאַליסטנ" טראַכטנ צו פאַרווירקלעכנ דעם סאָציאַליזם דורכ איבערבויענ אפּ א פרידלעכנ אויפנ די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, און אייניקע — אפילע דורכ אראָפּוואַרפנ די מאַכט פונ גרויסנ קאַפּיטאַל. אָבער אי אינ דעם אי אינ יענעם פאַל לאָזנ זיי איבער *אומבארירט די קליינע פּריוואַט־אייגנטימערישע אָרדענונג*. פאַרקערט, זיי נייענ ארויס פונ דער דאָזיקער אָרדענונג און אלע זייערע שטרעבונגענ באַשטייענ אינ פאַרוואַנדלענ אלע מענטשנ אינ פּריוואַטע אייגנטימער.

„א ווונטש, — באַמערקט גיפטיק מאַרקס, — וואָס איז פּונקט אזוי ניט אויספילבאַר, פּונקט אזוי גיט קאָמוניסטיש, ווי דער ווונטש צו פאַרוואַנדלענ אלע מענטשנ, אינ צאַרנ, קיניגנ און פּויפּסטנ".

באַ אונדז אינ רוסלאַנד איז לאַנג געגאַנגענ דער אידייענ-קאַמפּ פונ פּראָלעטאַרישנ סאָציאַליזמ אונ קלייןבירגערלעכנ „סאָציאַליזמ", א קאַמפּ צווישנ דער אַרבעטערשער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אונ די קלייןבירגערלעכע פּאַרטייענ (די אַזויגערופענע „סאָציאַליסטנ-רעוואָלוציאָנערנ", אָדער „עסערנ", „פאָלקס-סאָציאַליסטנ" אאַז.).

די עסערנ פלעגנ פאַרזיכערנ, אַז עס איז גענוג אַראָפּוואַרפנ דעמ צאַריזמ אונ צעטיילנ „אויסגלײַכעריש" די גאַנצע ערד צווישנ די פּויערימ, קעדיי באַ אונדז זאָל אָנקומענ דאָס קיניגרײַכ פונ סאָציאַליזמ. אָבער די באָלשעוויקעס האָבנ דירעקט אונ אָפנ געמאָלדנ, אַז דאָס צעטיילנ די ערד אפילע לויט די סאַמע „אויסגלײַכערישע" נאָרמעס איז נאָכ קלאָר ניט קיינ סאָציאַליזמ. קעדיי אײַנצופירנ סאָציאַליזמ, דאַרפ מענ אַראָפּוואַרפנ די מאַכט פונ קאַפּיטאַל, איבערגעבנ די ערד, די פאַבריקנ, זאַוואָדנ אינעמ אייגנטומ פונ אַלע אַרבעטנדיקע אונ אָרגאַניזירנ א גרויסע געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע. לענינ האָט געזאָגט אָפנ ערשטנ צוזאַמענפאָר פונ די פּויערישע דעפּוטאַטנ אינ מײַ 1917 יאָר:

„די ערד עסנ קאָנ מענ ניט, אונ קעדיי צו פירנ א ווירטשאַפט דאַרפ מענ האָבנ געצײַג, בעהיימעס, אײַנריכטונגענ, געלט; אָנ געלט, אָנ געצײַג קאָנ מענ ניט פירנ קיינ ווירטשאַפט...

ביזוואַנענ די מאַכט פונ געלט איז פאַרבליבנ, וואָס פאַר א „נאָרמעס" מע זאָל ניט אײַנשטעלנ, וועלנ זיי אינ בעסטנ פאַל פאַרבלײַבנ ניט צוגעפּאַסט פאַרנ לעבנ דערפאַר, ווײַל זיי רעכענענ זיכ ניט מיטנ הויפּט-פאַקטער, אַז דאָס אייגנטומ אָפ די געצײַג, אָפ די בעהיימעס, אָפ געלט איז פאַנאַנדערגעטיילט ניט גלײַכמעסיק: זיי רעכענענ זיכ ניט מיט דעמ, אַז עס עקזיסטירט לוינאַרבעט, וואָס ווערט עקספּלואַטירט".

די עסערנ האָבנ, פאַרשטייט זיכ, קיינ שומ סאָציאַליזמ ניט אײַנגעפירנ, אונ נאָכנ אַראָפּוואַרפנ דעמ צאַריזמ האָבנ זיי זיכ אַריבערגעוואָרפנ אָפ דער זײַט פונ דער בורזשואַזיע אונ האָבנ צוזאַמענ מיט איר גענומענ הריגנ די פּויערימ.

די פּויערישע מאַסנ האָבנ גערנ אונטערגעשטיצט דעמ באָלשעוויסטישנ פּראָלעטאַרישנ לאָזונג „עקספּראָפּריִרנ די עקספּראָפּריִאַטערס", ד. ה. אָפּנעמענ דאָס אייגנטומ באַ די גרויסע באַזיצער. די פּויערישע מאַסנ האָבנ איבערגעזעצט דעמ דאָזיקנ לאָזונג אָפ זייער שפּראַכ: „ראַבעווע דאָס אָנגעראַבעוועטע."

לענינ האָט באַגיטיקט די דאָזיקע רוסישע איבערזעצונג פונ מאַרקס באַרימטנ לאָזונג. אָבער ער האָט גלײַכ דעמאָלט אָנגעוויזנ, אַז די אַרבעטער קעמפנ ניט בלויז פאַר אָפּנעמענ באַ די קאַפּיטאַליסטנ אונ פּריצימ די פּראָדוציר-מיטלענ, נאָר אויכ פאַר אויסנוצנ געמיינזאַמ די אָפּגענומענע פּראָדוציר-מיטלענ אינ דער געמיינזאַמער ווירטשאַפט, אונ ניט טיילנ זיי צווישנ זיכ. לענינ האָט דערקלערט: די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע זאָגט: „דאָס אָנגעראַבעוועטע צייל איבער אונ לאָז ניט, אַז יעדער באַזונדער זאָל עס אַוועקשלעפּנ".

נאָכנ אַראָפּוואַרפנ די בורזשואַזיע האָבנ די פּויערימ צעטיילט „אויסגלײַכעריש" צווישנ זיכ די פּריצישע אונ אַנדערע ערדנ. דערינ האָבנ זיכ אַנטפּלעקט די קלייג-אייגנטימערישע שטרעבונגענ פונ די פּויערימ.

די באָלשעוויקעס האָבנ געהאַלטנ פאַר נייטיק צו מאַכנ א האַנאָכע די פּויערישע מאַסנ אינ דער פראַגע וועגנ צעטיילנ די ערד, קעדיי צו באַוואָרענענ דעמ פּראָלעטאַריאַט אינ זײַנ קאַמפּ קעגנ דער בורזשואַזיע די אונטערשטיצונג פונ דער איבער-

וועגנדיקער מערהייט ארבעטנדיקע. לענינ האָט נאָכ ביז דער אָקטיאָבער-רעוואָליוציע דערוויזנ, אז די ארבעטער-פּארטיי דאַרפ אינ קיינ פאל ניט פאַנאַנדערגיינ זיכ מיטנ פּויערטומ צוליב דער פראגע וועגנ צעטיילנ די ערד. פּאַרקערט, די ארבעטער-פּארטיי דאַרפ זיכ שטעלנ בעראָש פונ דער פּויערשער באַוועגונג קעגנ די פּריצימ אונ פּאַקטיש באַווייזנ, אז בלויז דער רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט דעראָבערט די מאַכט, קאָנ פאַרווירקלעכנ די פּויערשע פאָדערונגענ וועגנ דער ערד.

דער איקער באַשטייט אינ דעמ, האָבנ געהאַלטנ די באָלשעוויקעס, אז די בורזשואזיע זאָל אראָפּגעוואָרפנ ווערנ, אז די מאַכט אונ אַלע גרויסע פּראָדוציר-מיטלענ זאָלנ זיינ באַמ פּראָלעטאַריאַט אינ די הענט, דער איקער באַשטייט אינ דעמ, אז די פּויערימ זאָלנ פעסט וויסנ, אז צו די פּריצימ איז געקומענ א סאָפ אונ אז דער ארבעטער-קלאַס איז זייער געטרייער פאַרבינדעטער אונ פירער.

דאָס לעבנ האָט באַוויזנ, אז די באָלשעוויקעס זיינענ געווענ פולשטענדיק גערעכט. די פּויערימ האָבנ דערזענ, אז ווירקלעכ די סאַמע „אויסגלייכערישע" צעטיילונג פונ דער גאַנצער ערד ראַטעוועט נאָכ ניט די פּויערשע מאַסנ פונ נויט, פאַרניכטעט ניט די מאַכט פונ געלט, אז אויכ באַ „דער אויסגלייכערישער צעטיילונג" הייבנ אָנ צו וואַקסנ די באַלעגופימ, אז דער קליינבירגערלעכער „סאָציאַליזמ" דראָט אינ דער ווירקלעכקייט מיט אומקערנ זיכ אָפּ צוריק, מיט אויפשטעלנ די אַלטע בורזשואַזע אָרדענונג. די ברייטע דערקלערונג-ארבעט פונ די באָלשעוויקעס אינ די מאַסנ, די גאַנצע פּראַקטישע ארבעט פונ דער פּאַרטיי באַ דער סאָציאַליסטישער בויונג אינ דאָרפ אונ באַמ קאַמפּ קעגנ באַלעגופּעטומ האָבנ באַוויזנ די פּויערשע מאַסנ דעמ איינציק ריכטיקנ וועג, אונ זיי האָבנ סאָפקאָלסאָפ א קער געטאָנ זיכ פונ דער דריבנער אינדיווידועלער ווירטשאַפט צו דער גרויסער געזעלשאַפטלעכער, קאָלעקטיווער ערדאַרבעט.

אָבער אויכ באַ הייַנטיקנ טאָג ברענגענ נאָכ א גרויסנ שאָדנ די אידייענ פונ קליינבירגערלעכנ „סאָציאַליזמ", לעמאָשל, אינ דער קאָלווירטישער באַוועגונג. דאָ דריקנ זיכ אויס די דאָזיקע אידייענ אינ דער שטרעבונג צו טיילנ אַלע האַכנאָסעס „אויסגלייכעריש" צווישנ די קאָלווירט-מיטגלידער, אומאָפּהענגיק פונ דער ארבעט, וואָס יעדערער לייגט ארייַנ, אונ גאָר ניט איבערלאָזנדיק אָפּ אונטערהאַלטנ אונ פאַרברייטערנ די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט.

אַזאַ צעטיילונג קאָנ זיכ אויסדריקנ אינ ערשטנ אויגנבליק אַלס די סאַמע יושערדיקע אונ סאַמע סאָציאַליסטישע, וואָס איז נאָר מעגלעכ. פלעגנ דאָכ די אונטערנעמער באַמ קאַפּיטאַליזמ אָפּנעמענ באַ די ארבעטנדיקע די פּראָדוקטנ פונ זייער ארבעט אונ איבערלאָזנ זיי נישטיקע ברעקלעכ. באַמ סאָציאַליזמ אָבער זאָל, קלוימערשט, די גאַנצע פּראָדוקציע גיינ פאַר די ארבעטנדיקע אונ זאָל זי צעטיילט ווערנ צווישנ זיי „גלייַכ".

אינדערעמעסנ אָבער איז קיינ שומ סאָציאַליסטישעס דערינ ניטאָ. אינדערעמעסנ אנטפּלעקט זיכ דאָ די דירעקטע ארבעט פונעמ קלאַסנ-סוינע — פונעמ באַלעגופּעטומ.

אויב מע זאָל צעטיילנ צווישנ די קאָלווירט-מיטגלידער די גאַנצע פּראָדוקציע, ניט אויסטיילנדיק קיינ מיטלענ אויפ אונטערהאַלטנ אונ אנטוויקלענ די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט, וועלנ די געצייג אונ מאַשינעס זיכ גיכ אָפּנוצנ, די בעהיימעס וועלנ גיכ אויספּייגערנ, די ערד וועט אויסגעצערט ווערנ, — מיט איינ וואָרט, אַזוינע קאָלווירט-

ניקעס וועלן נאָר פּאַשעט אופּעסן זייער קאָלעקטיווע ווירטשאַפט און וועלן בלײַבן בײַ גאָרניט.

אויב מע זאָל צעטיילן אין די קאָלווירטן די גאַנצע פּראָדוקציע, ניט אויס־טיילנדיק אַ באַשטימטן טייל אַף אויספילן די פאַרפליכטונגען פאַר דער מעלוכע, וועט דאָס אָפּשוואַכן די מאַכט פונעם אַרבעטער־פּויערשן האַנטפאַרבאַנד און וועט פאַרשטאַרקן די געפאַר פון אַן אָנפאַל פון דער צווישנפעלקערלעכער בורזשואַזיע.

אויב מע זאָל צעטיילן די קאָלווירטישע האַכנאָסעס גלײַך, אומאָפּהענגיק פון דער אַרבעט, וואָס יעדערער האָט אַרײַנגעלייגט, וועלן קאָנען באַקומען זייער כיילעק אויך די, וואָס האָבן ניט געאַרבעט. די לאָדערס און פּוליאַקעס וועלן אויסנוצן אַזאַ מעגלעכקייט, די אַרבעטס־דיסציפּלין אין קאָלווירט וועט אָפּגעשוואַכט ווערן אין דער קאָלווירט וועט צעפאַלן ווערן.

די אידייען פונעם קליינבירגערלעכן „סאָציאַליזם“ אַנטפּלעקן זיך אויך אין דער שטרעבונג אויסצוגלײַכן דעם אַרבעטלוין פון די אַרבעטער. אין דער ווירקלעכקייט פאַרקלענערט דאָס בלויז דעם אַרבעטערס פאַראינטערעסירטקייט אין די רעזולטאַטן פון דער פּראָדוקציע, אין העכערן זײַן קוואַליפיקאַציע און עס פירט דערצו, אַז עס פאַלט די אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט.

אין אַ שמועס מיטן כאַווער סטאַלין האָט אַ דײַטשישער שרײַבער געפרעגט, צי איז ניט די „אַלגעמיינע אויסגלײַכונג“ אַ סאָציאַליסטישער אידעאַל. אַלס ענטפער דערויף האָט סטאַלין אָנגעוויזן, אַז דער סאָציאַליזם איז ניט קיין כאַלוקע און האָט דערקלערט דעם וויסנשאַפטלעכן מאַרקסיסטיש־לענינישן באַנעם פון סאָציאַליזם. ער האָט געזאָגט:

„די אויסגלײַכערײַ האָט ניט קיין שום געמיינזאַמעס מיטן מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם. בלויז די מענטשן, וואָס זײַנען ניט באַקאַנט מיטן מאַרקסיזם, קאָנען זיך פאָרשטעלן די זאַך אַזוי פּרימיטיוו, * אַז די רוסישע באָלשעוויקעס ווילן קלוימערשט צונויפנעמען אַלע רײַכטימער אינאיינעם און נאָכן דעם צעטיילן זיי אַף גלײַך...

אַזאַ סאָציאַליזם, וואָס בײַ אים זאָלן אַלע מענטשן באַקומען איין און דעם זעלבן געצאָלט, אַ גלײַכן סכום פלייש, אַ גלײַכן סכום ברויט, זאָלן טראָגן איינע און די זעלבע קליידונג, זאָלן באַקומען איינע און די זעלבע פּראָדוקטן אין איין און דעם זעלבן סכום, — פון אַזאַ סאָציאַליזם ווייס ניט דער מאַרקסיזם.. קאָלזמאַן די קלאַסן זײַנען ענדגילטיק ניט פאַרניכטעט און קאָלזמאַן די אַרבעט איז ניט געוואָרן פון אַן עקזיסטענץ־מיטל די ערשטע לעבנס־באַדערפעניש, אַ פרײַוויליקע אַרבעט לעטויוועס דער געזעלשאַפט, וועלן די מענטשן באַקומען געצאָלט פאַר זייער מי לויט דער אַרבעט. „פון יעדערן לויט זײַנע פעיִקייטן, יעדערן לויט זײַן אַרבעט“, — אָט אַזאַ איז די מאַרקסיסטישע פאָרמולע פונעם סאָציאַליזם“.

די אידייען פונעם קליינבירגערלעכן אויסגלײַכערישן „סאָציאַליזם“ לאָזן זיך ניט צונויפּאָרן מיטן וויסנשאַפטלעכן פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם. זיי זײַנען אין גרונט פײַנטלעך די אינטערעסן פון די אַרבעטער, די אינטע-

* דאָס הייסט פאַרײַנפאַכט.

רעסנ פונ די ארבעטנדיקע מאסנ. עס איז נייטיק דער סאָ־מע אנטשיידענער קאמפ קעגנ די אידייענ פונ קליינבירגערלעכנ „סאָציאַליזמ", קעגנ די אידייענ וועגנ דער אויסגלײַכערישער צעטיילונג פונ די רײַכטימער, וואָס עס האָט געשאַפנ די געזעלשאַפטלעכע ארבעט.

די סאָציאַליסטישע אײַנאָרדענונג פונ דער געזעלשאַפט

לאָמיר איצט באַטראַכטנ, אינ וואָס באַשטייט די סאָציאַליסטישע אײַנאָרדענונג פונ דער געזעלשאַפט, וויאַזוי האָבנ זי זיך פאָרגעשטעלט אונדזערע לערער.

מארקס, ענגעלס, לענינ, סטאַלינ האָבנ ניט וויײניק מי פארווענדט אפ אָפּלייקע־נענ די פארשיידענע אומגעלומפּערטע באָבעמײַסעס, וואָס די בורזשואַזיע פארשפּרייט וועגנ דעמ סאָציאַליזמ. דער באַליבטער מעטאָד פונ די בורזשואַזע געלערנטע באַשטייט אינ פארקריפּלענ צוערשט די לערע וועגנ סאָציאַליזמ אונ נאָכדעמ „צו מאַכנ א טעל" פונ דעמ אומגעוויסנהאַפטנ אַבסורד, וואָס זיי האָבנ אויסגעטראַכט.

אַזוי, למשל, טײַנעט אומעטומ די בורזשואַזיע אפ אַלערליי אויפנים, אַז די קאָמוניסטנ ווילנ אַלעמענ אויסגלײַכנ, אַלע מענטשנ מאַכנ פאַר גלײַכע. אָבער צי קאָ־נענ דענ די מענטשנ זײַנ גלײַכע? וואָס פאַר אַנ אומגעלומפּערטע זאַכנ, טײַנענ זיי, וואָס פאַר אַ טיפּשעס!

לענינ האָט געגעבנ צו פארשטיינ גענוי איינעמ אַ טעמפּנ אונ אומגעוויסנהאַפטנ בורזשואַזנ פּראָפעסער, אַז די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטנ — די קאָמוניסטנ

> „באַרשטייענ אונטער גלײַכהײַט... אפנ פּאָליטישנ געביט *גלײַכבארעכ־טיקונג*, אונ אפנ עקאָנאָמישנ געביט... *די פאַרניכטונג פונ קלאַסנ*. וועגנ אײַנשטעלנ אָבער אַ מענטשלעכע גלײַכהײַט אינ זינ פונ גלײַכהײַט פונ די קרעפטנ אונ פעיִקײַטנ (פיזישע אונ גײַסטיקע) טראַכטנ גאָר אַפילע *ניט די סאָציאַליסטנ*".

די קאָמוניסטנ קעמפנ פאַר פאַרניכטנ די קלאַסנ. וואָס זשע באַטײַט עס?

> „*פאַרניכטנ די* קלאַסנ, — האָט געגעבנ צו פארשטיינ לענינ, — דאָס באַטײַט אַוועקשטעלנ *אַלע* בירגער אינ אַ *גלײַכער* פארהעלטעניש צו די *פּראָדוציר־מיטלענ* פונ דער גאַנצער געזעלשאַפט, דאָס באַטײַט — אַלע בירגער האָבנ אַ *גלײַכנ* צוטריט צו דער ארבעט אפ די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוציר־מיטלענ, אפ דער געזעלשאַפטלעכער ערד, אפ די געזעלשאַפטלעכע פאַבריקנ אאַוו.".

פאַרניכטנ די אײַנטיילונג פונ דער געזעלשאַפט אינ קלאַסנ, די אײַנטיילונג אינ אַזוינע, וואָס האָבנ פּראָדוציר־מיטלענ אונ אינ אַזוינע, וואָס האָבנ זיי ניט, מאַכנ אַלע פּראָדוציר־מיטלענ פאַרנ געמײנזאַמענ אייגנטומ פונ אַלע, וואָס ארבעטנ מיט זיי — אָט וויאַזוי די קאָמוניסטנ פארשטייענ גלײַכהײַט.

אַ צווייטע אומגעלומפּערטע באָבעמײַסע, וואָס די בורזשואַזיע פארשפּרייט, באַ־שטייט אינ דעמ, אַז די קאָמוניסטנ ווילנ, קלוימערשט, אָפּנעמענ מיט גוואַלד בא די קליינ־פויערימ זייער פּריוואַט־אייגנטומ. מיטנ דאָזיקנ ליגנ, מיט דער דאָזיקער רעכילעס וויל די בורזשואַזיע אופשטעלנ קעגנ די קאָמוניסטנ די ניטפּראָלעטאַרישע גרונטמאַסע ארבעטנדיקע — דאָס קליינ־פויערטומ.

די גרונטלייגער פונעמ סאָציאַליזמ, פונעמ קאָמוניזמ — מארקס אונ ענגעלס אונ אויכ לענינ אונ סטאלינ האָבנ שטענדיק אָנגעוויזנ אונ אונטערגעשטראָכנ, אַז בענעגייע צו די קליינע ארבעטנדיקע אייגנטימער דערלאָזנ די קאָמוניסטנ אינ קיינ שומ פאל ניט קיינ גוואלדטאט.

בענעגייע די קליינע אייגנטימער, — האָט לענינ געזאָגט, —

„באשטייט די ראָל פונעמ פראָלעטאריאט... אינ אָנפירנ מיטנ אריבערגיינ פונ די דאָזיקע קליינע באלעבאטימ צו דער פארגעזעלשאפטלעכטער, קאָלעקטיווער, געמיינזאמער אַרבעט".

די קאָלעקטיוויזאציע, ד. ה. די פרייוויליקע פאראייניקונג פונ די דראָבנע ווירטשאפטנ אינ קאָלווירטנ, — אָט דאָס איז דער וועג פונעמ אריבערגאנג, פונ פארוואנדלענ דאָס קליינע פריוואטע אייגנטומ אינ א גרויס געזעלשאפטלעכ, סאָציאַליסטיש אייגנטומ.

די דריטע בורזשואזע באָבעמײַסע: די קאָמוניסטנ ווילנ, קלוימערשט, פארניכטנ ביכלאל יעטווידער פערזענלעכ אייגנטומ, צווינגענ אלעמענ „עסנ פונ איינ שיסל", טראָגנ געמיינזאמע קליידער אד"ג.

אינ דערווירקלעכקײַט פאָדערנ די קאָמוניסטנ צו פארניכטנ דאָס פריוואטע אייגנטומ בלויז אפ די פראָדוציר־מיטלענ, וואָס דינענ אלס געצײַג צו עקספלואטירנ פרעמדע ארבעט.

מארקס אונ ענגעלס האָבנ געשריבנ:

„מיר ווילנ קלאל ניט אָפשאפנ דאָס דאָזיקע פערזענלעכע צוייגענענ די פראָדוקטנ פונ דער ארבעט, וואָס דינענ אפ רעפראָדוצירנ דאָס דירעקטע לעבנ, די צוייגענונג, וואָס לאָזט ניט איבער קיינ שומ ריינע האכנאָסע, וואָס זאָל קאָנענ שאפנ א מאכט איבער פרעמדער ארבעט".

דער קאָמוניזמ נעמט בא קיינעמ ניט אָפ די מאכט צו צוייגענענ פאר זיכ די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטנ, ער נעמט אָפ בלויז די מאכט צו פארקנעכטנ פרעמדע ארבעט מיט דער הילפ פונ דער דאָזיקער צוייגענונג".

פארקערט. באמ קאפיטאליזמ עסנ צוליב האלעס ניט זעלטנ די ארבעטער אונ פויערימ פונ איינ שיסל, אינ די פויערשע פאמיליעס איז אָפטמאָל פאראנ בלויז איינ פאָר געמיינזאמע שטיוול, איינ געמיינזאמער פוטער פאר אלעמענ אד"ג. דער סאָציאַליזמ אָבער באוואָרנט די סאמע פולע באפרידיקונג פונ די פערזענלעכע באדערפענישנ פאר אלע מיטגלידער פונ דער געזעלשאפט פונעמ געזעלשאפטלעכנ געברויכ־פאָנד.

די סאמע אומגעלומפערטע אונ ווילדע באָבעמײַסע, וואָס אונדזערע סאָנימ פארשפרייטנ וועגנ סאָציאַליזמ, איז אזא: די קאָמוניסטנ ווילנ, קלוימערשט, אײַנפירנ „געמיינזאמקײַט פונ פרויענ". דעמ דאָזיקנ אבסורד האָבנ אויסגעלאכט נאָכ מארקס אונ ענגעלס אינעמ „קאָמוניסטישנ מאניפעסט":

„דער בורזשוא קוקט אפ זײַנ פרוי, ווי אפ אנ איינפאכ פראָדוציר־געצײַג. ער הערט, אז די פראָדוציר־מיטלענ האָט מענ בעדייע איבערגעבנ אינ געמיינ־

זאמענ באנוצ אונ ער קאַנ, פארשטייט זיכ, זיכ ניט ארויסשלאָגנ דעמ געדאנק, אז אויב די פרויענ וועט טרעפנ דער זעלבער שיקזאל".

ניט געקוקט אפ דער גאנצער נידערטרעכטיקײט פונ דער דאָזיקער אויסטראכטעניש, כאזוערנ דאָס איבער אינ איינ קאָל די בורזשואזע צײַטונגענ ביז איצט, אונ אונדזער דאָרפישע בורזשואזיע (די באלעגופים) האָט אינ קאמפ קעגנ סאָציאליזמ איינ צײַט שטארק פארשפרייט קלאנגענ, אז „אינ די קאָלווירטנ וועט מענ שלאָפנ אונטער איינ קאָלדרע," וואָס וועט האלטנ אזויפיל אונ אזויפיל צענדליק מעטער די לענג.

הינטער די דאָזיקע אלע בייזוויליקע בילבולימ קעגנ דעמ סאָציאליזמ איז צו זענ קלאָר די שטרעבונג פונ דער בורזשואזיע צו פארבאהאלטנ דעמ טאָכ פונ דער סאָציאליסטישער אָרגאניזירונג פונ דער געזעלשאפט.

דער דאָזיקער טאָכ באשטייט אינ פארניכטנ די קלאסנ, אינ באזײַטיקנ די געזעלשאפטלעכע אומגלײַכהײַט דורכ אָפנעמענ מיט גוואלט די פראָדוציר־מיטלענ בא דער בורזשואזיע אונ אײַנשטעלנ אפ זיי א געמיינזאמ אייגנטומ.

לענינ באשרײַבט דיווירטשאפטלעכע אײַנאָרדענונג פונ דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט אפ אזא אויפנ:

„די פראָדוציר־מיטלענ זײַנענ שוינ ארויס פונעמ פריוואטנ אייגנטומ פונ די באזונדערע פערזאָנענ. די פראָדוציר־מיטלענ געהערנ דער גאנצער געזעלשאפט. יעדער מיטגליד פונ דער געזעלשאפט, וואָס פילט אויס א געוויסנ כיילעק געזעלשאפטלעכ־נייטיקע ארבעט, באקומט א צײַגעניש פונ דער געזעלשאפט, אז ער האָט אזא אונ אזא סכומ ארבעט אָפגעארבעט. לויט דער דאָזיקער צײַגעניש באקומט ער פונ די געזעלשאפטלעכע שפײַכלערס פונ די געברויכ־זאכנ אנ אנטשפרעכנדיקנ סכומ פראָדוקטנ.

פונ דער גאנצער געזעלשאפטלעכער ארבעט פונ דער גאנצער געזעלשאפט איז נייטיק ארָאָפצורעכענענ אי דעמ רעזערוו־פאָנד אי דעמ פאָנד אפ פארברייטערנ די פראָדוקציע אי האָס פארבײַטנ די „אָפגענוצטע" מאשינעס אדגל., אונ נאָכדעמ די געברויכ־זאכנ — דעמ פאָנד אפ די פארוואלטונג־הויצאָעס, אפ שולנ, שפיטאָלנ, זקיינימ־הײַזער אדג....

נאָכנ אראָפרעכענענ דעמ סכומ ארבעט, וואָס גייט אפנ געזעלשאפטלעכנ פאָנד, באקומט אזויארומ יעדער ארבעטער פונ דער געזעלשאפט אזוי פיל, וויפל ער האָט איר געגעבנ".

ווי מיר זעענ, איז פאראנ א ראדיקאלער אונטערשייד צווישנ דער וויסנשאפטלעכער, פראָלעטארישער ווירקלעכ־סאָציאליסטישער אָרגאניזירונג פונ דער געזעלשאפט פונ איינ זײַט אונ דעמ קליינבירגערלעכנ „סאָציאליזמ" מיט די ליגנערישע באָבעמײַסעס פונ דער בורזשואזיע, פונ דער צווייטער זײַט.

אינ רעזולטאט פונ אזא אײַנאָרדענונג פונ דער געזעלשאפט ווערט פולשטענדיק באזײַטיקט די מעגלעכקײַט, אז איינ יקע מיטגלידער פונ דער געזעלשאפט זאָלנ עקספלואטירנ אנדערע, ווײַל עס זײַנענ ניטאָ קיינ פריוואטע אייגנטימער, וואָס האָבנ פראָדוציר־מיטלענ אונ עס זײַנענ ניטאָ קיינ אומפארמעגלעכע, וואָס נייטיקנ זיכ אינ א שטיקל ברויט.

עס וועט אין גרונט פאַרניכטעט דער פּאַראַזיטיזם, ווייל געברויך־מיטלען קאָן מען באַקומען בלויז פאַר אַרבעט: ווער עס אַרבעט ניט, דער עסט ניט.

עס וועלן געשאַפן אַלע באַדינגונגען פאַר דער סאַמע מעכטיקער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע, וואָס קאָן גאָרניט געמאָלט זיין באַם קאַפּיטאַליזם, און פאַר באַפרידיקן אין דער פולסטער מאָס די באַדערפענישן פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.

אָט אַזאַ איז די סאָציאַליסטישע איינאָרדענונג פון דער געזעלשאַפט.

די מײַלעס פון דער סאָציאַליסטישער איינאָרדענונג פון דער געזעלשאַפט

די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפטלעכע איינאָרדענונג גיט אונדז אַ גאַנצע ריי גאָר וויכטיקע אַנטשיידנדיקע מײַלעס לעגאַבע דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפטלעכער אָרדענונג.

די גרונטיקע און וויכטיקסטע מײַלע איז דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען.

דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטום איז בא אונדז געוואָרן דער יעסאָד פון דער גאַנצער פאָלקווירטשאַפט סיי אין דער אינדוסטריע סיי אין דער לאַנדווירטשאַפט.

איינפירן געזעלשאַפטלעכע אייגנטום באַטייט פאַרניכטן די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן — די פּריצים, קאַפּיטאַליסטן, באַלעגופים. דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטום פאַרניכטעט אַזאַ אָרדענונג, וועג דער מערפּראָדוקט, וואָס ווערט געשאַפן דורך דער אַרבעט פון די מאַסן, פאַלט אַריין צו אַ הייפל עקספּלואַטאַטאָרן אין קעשענע.

אונדזערע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען געבויט אויף דער באַזע פונעם געזעלשאַפטלעכן אייגנטום, אונדזערע פאַבריקן, זאַוואָדן, ראַטווירטן, קאָלווירטן גיבן אין דעם אַלגעמיינעם פאָלקס־קעסל קאָלאָסאַלע מיטלען, וואָס די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע מעלוכע גיט אויס אויסשליסלעך פאַרן וווילזיין פון די אַרבעטנדיקע. לעמאָשל, אין 1933 יאָר ווערט פון 35 מיליאַרד רובל מעלוכע־האַכנאָסעס פון ראַטנ־פאַרבאַנד 93 פּראָצ., ד. ה. העכער ניין צענטל פון אַלע איינ־קונפטן, פאַרווענדט אויף ווירטשאַפטלעכע, געזעלשאַפטלעכ־קולטורעלע באַדערפענישן און בלויז 7 פּראָצ. גייט אויף לאַנדשוץ און אויף פאַרוואַלטן מיטן לאַנד.

קיין זייכער דערפון איז ניטאָ און קאָן ניט זיין אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וווּ עס הערשט דאָס פּריוואַטע אייגנטום, דאָס פּריוואַטע אָנשטאָפּן די קעשענעס, וווּ די אומדערזעטיקטע קישקע פון קאַפּיטאַל שלינגט איין די פּרוכט פון דער פאָלקס־אַרבעט, וווּ ביז אַ העלפט מאַלכ־האַכנאָסעס ווערט פאַרווענדט אויף רויבערישע מיל־כאָמעס.

אָבער דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטום איז נאָך ניט די איינציקע מײַלע פון דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזירונג פון דער ווירטשאַפט.

אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער זײַנענ שטענדיק פאראנ אַרבעטלאָזע, און שטענדיק כאזערנ זיך איבער די קריזיסנ. בײַם די קריזיסנ כאפּט ארום די ארבעטלאָזיקײַט מיליאָנענ און צענדליקער מיליאָנענ מענטשנ.

מיליאָניקע מאסנ בלײַבנ אָנ א דאך און הונגערנ... און פארוואָס?

ניט פונ אומגערעטעניש, ניט פונ פארפלײצונג אָדער אנ אנדער סטיכישנ אומגליק, ניט פונ מאנגל אינ פּראָדוקטנ, נאָר פונ דער קאפּיטאליסטישער „איבער־פּראָדוקציע”.

„די וועלט שטארבט אויס פונ הונגער בײַ א קאָלאָסאלנ איבערפלוס פונ פּראָדוקטנ”, — ווי עס האָט געזאָגט דער ענגלישער שרײַבער אועלס.

צי קאָנ מענ זיך פאָרשטעלנ אַ מער אומגעלומפּערטע און ווילדע לאגע?!

אזא לאגע איז ניטאָ און קאָנ ניט זײַנ אינ אונדזער פארבאנד סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפּובליקנ.

בײַ אונדז איז ניטאָ קײנ ארבעטלאָזיקײַט, בײַ אונדז זײַנענ ניטאָ קײנ קריזיסנ. און זײ קאָנענ ניט זײַנ.

אינ אונדזער סאָציאליסטישער ווירטשאפט בילדנ די פּראָדוציר־מיטלענ און די ארבעט־פּראָדוקטנ דאָס געמײנזאמע אײגנטום פונ די ארבעטנדיקע.

בײַ אונדז ווערט די פּראָדוקציע און צעטײלונג געפירט ניט צוליב דעם, קעדײ א הײַפל לײדיקגײער זאָל ניסאשער ווערנ, נאָר קעדײ צו באפרידיקנ דירעקט די נויטנ און באדערפענישנ פונ די ארבעטנדיקע. בײַ אונדז ווערט די פאָלקווירטשאפט געפירט אפ א פּלאנמעסיקנ אויפנ.

בײַ אונדז, אינ ראטנפארבאנד, — זאָגט כאווער קאלינינ, — בײַ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור, אינ די באדינגונגענ פונ דער פּלאנעווער סאָציאליסטישער ווירטשאפט זײַנענ יעדע פאבריק, יעדער זאוואָד, יעדער ראטווירט, יעדער קאָלווירט פעסט פארבונדנ צווישנ זיך, זײער ארבעט איז ענג איבערגעפלאָכטנ, דערגאנצנ אײנער דעמ אנדערנ. דער ארבעטער באמ ווערקשטעל אינ סאָציאליסטישנ זאוואָד, דער קאָלווירטניק אינ קאָלווירטישנ פעלד ארבעט ניט בלויז, קעדײ אײנער זאָל באקומענ דעמ ארבעטלויג, וואָס אימ קומט, און דער צווײטער — א באשטימטנ סכומ טעג ארבעט. נײנ, אלס אקטיווע בויער פונ סאָציאליזמ פילנ זײ אויס יעדערער אפ זײַנ באצירק יענעמ טײל אלגעמײנע ארבעט, וואָס די פּארטײ און רעגירונג לײגנ אפ זײ ארופ”.

אפ יעדנ יאָר און אפ א גאנצנ פינפיאָר ווערנ בײַ אונדז צונויפגעשטעלט פּלענער פונ דער אנטוויקלונג פונ דער פאָלקווירטשאפט. עס ווערט פאָרויס דיסקאָנטירט, וואָסערע האכנאָסעס עס וועלנ זײַנ פונ דער פאָלקווירטשאפט, וואָסערע אויסגאבנ עס וועלנ זיך פאָדערנ אפ איר, וואָס דארפ מענ און וואָס איז מעגלעכ פארנעמענ, קעדײ באפרידיקנ אפנ בעסטנ אויפנ די באדערפענישנ פונ דער באפעלקערונג.

אפ א יאָר און אפ פינפ יאָר פאָרויס ווערנ צונויפגעשטעלט כעזשבוינעס פאר יעדנ צווײַג פונ דער פאָלקווירטשאפט: וויפל און וואָסערע פּראָדוקטנ ער דארפ פּראָדוצירנ, וויפל מאטעריעלע מיטלענ און ארבעטקראפט פאָדערנ זיך פאר אימ, וויפל און וואָסערע מאשינעס און וואָס פאר אנ אויסשטאטונג דארפ מענ אײַנשאפנ, אפ וויפל איז מעגלעכ און מע דארפ אופהײבנ די ארבעט־פּראָדוקטיוויקײַט, ארּאָפּזעצנ

דעמ קערנקאַסט, וואָסערע נײַע אונטערנעמונגענ דאַרפ מענ אויסבויענ, וויפל אונ וואָסערע קוואַליפיצירטע אַרבעטקראַפט דאַרפ מענ צוגרייטנ אאַוו.

מיר שליסנ אײַנ אינ די פּראָדוציר־פּלענער אויכ די אַרבעטנ פונ אונדזערע געלערנטע אונ פונ אונדזערע דערפינדער. מיר נוצנ אויס יעדע וויסנשאַפטלעכע אונ טעכנישע קראַפט צוגונסטנ די אַרבעטנדיקע. פאַר די טוער פונ דער וויסנשאַפט אונ טעכניק באַוואָרנט די ראַטנמאַכט די בעסטע באַדינגונגענ, וואָס וועגנ זיי וואָלט מענ אַפילע ניט צו טרוימענ אינ אויסלאַנד. בא אונדז קומענ ניט אומ די געלערנטע אונ אינזשעניערנ פונ הונגער, אַזוי ווי אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

בא אונדז איז ניטאָ קיינ אַרבעטלאָזיקייט, בא אונדז זײַנענ ניטאָ אונ קאָנענ ניט זײַנ קיינ קריזיסנ. בא אונדז קאָנ ניט זײַנ קיינ מאַנגל אינ „צאָלפּייִקנ" נאָכפרעג אַפ פּראָדוקטנ. פאַר יעדער פּאָר אַרבעט־הענט איז בא אונדז באַוואָרנט אַרבעט.

בא אונדז איז ניטאָ אונ קאָנ ניט זײַנ קיינ פאַרברעכערישע צעשטערונג פונ די פּראָדוציר־מיטלענ, קיינ פאַרניכטונג פונ די פּראָדוקטנ, ווי בא די קאַפּיטאַליסטנ אינ דער צײַט פונ קריזיסנ. בא אונדז איז ניטאָ קיינ קאָנקורענצ־קאַמפ צווישנ די אונטערנעמונגענ. בא אונדז ווערנ אויסגענוצט אַלע פאַראַנענע פּראָדוציר־מיטלענ. בא אונדז גייט ניט פאַרלאָרנ אומזיסט די אַרבעטקראַפט אָנ אָנווענדונג אַזוי, ווי אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

מיר צעשטערנ ניט, נאָר מיר אַנטוויקלענ, מיר האָדעווענ אונדזערע פּראָדוקטיווע קרעפטנ.

צולעצט, די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט שאַפט די באַדינגונגענ, וואָס באַוואָרענענ דעמ אויפשטײַג פונ דער אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט אַפ אַזאַ הייכ, וואָס איז ניט צו דערגרייכנ באַמ קאַפּיטאַליזמ.

די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט ניט בלויז וואָס זי פאַרבעסערט ראַדיקאַל די לאַגע פונ די אַרבעטער אונ פונ די פּויערימ־קאָלווירטניקעס, נאָר זי ענדערט אויכ אינ גרונט זייער באַציִונג צו דער אַרבעט.

אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז די אַרבעט אַ שווערע לוינ־שקלאַפערײַ. מע קאָנ זיכ גאָר ניט פאָרשטעלנ, אַז אינ די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגענ זאָלנ די אַרבעטער צווישנ זיכ פירנ אַ געוועט, וויאַזוי אויסצואַרבעטנ וואָס מער אונ בעסער פּראָדוקטנ. אַפנ אַרבעטער, וואָס סטאַרעט זיכ באַמ קאַפּיטאַליסט, קוקנ די כאַוויירימ מיט רעכט, ווי אַפ אַנ אונטערלעקער באַמ באַלעבאָס.

בא אונדז אָבער אינ ראַטנפאַרבאַנד אַרבעטנ די אַרבעטער אונ קאָלווירטניקעס פאַר זיכ אַליינ. די שטרעבונג אויסצואַרבעטנ פּראָדוקטנ, וואָס מער אונ פונ אַ בעסערער קוואַליטעט, איז בא אונדז אַ גאַנצ נאַטירלעכע, לויבנסווערטע שטרעבונג פונ יעדנ באַוווּסטזיניקנ אַרבעטער אונ קאָלווירטניק. דער סאָציאַליסטישער געוועט אונ שלאָגלערײַ האָט אַרומגעכאַפט די מיליאָניקע מאַסנ אַרבעטער אונ קאָלווירטניקעס. ווי ברייט ער האָט זיכ פאַרשפּרייט אינ דאָרפ, באַווײַזנ אָנשוילעכ די צוזאַמענפאָרנ פונ די קאָלווירטניקעס־שלאָגלער, וואָס קומענ פאָר אומעטומ.

די בורזשואַזיע האָט געלויבט אַפ אַלע אויפנימ איר קאָנקורענצ־קאַמפ, די אונטערנעמונג־פרײַיקײַט פונ די פּריוואַטע אייגנטימער. די בורזשואַזיע האָט געטײַנעט, אַז קלוימערשט דעמ „מענטשנס טעווע" אַליינ אָנערקענט בלויז דעמ פערזענלעכנ

אינטערעס, די עגאָיִסטישע נוצנ. דאָס איז, קלוימערשט, די איינציקע טרײַב־קראַפט פונ יעטווידער דערפאָלג, פונ יעטווידער אנטוויקלונג.

אונדזערע שלאָגלער לייקענענ אָפּ מיט מעשימ דעמ דאָזיקנ ליגנ און רעבילעס אפ דער מענטשלעכער נאַטור. אונדזער סאָציאַליסטישער געוועט און שלאָגלערײַ באַשטעטיקנ אינגאַנצנ לעניִנס טיפע גערעכטיקייט, וואָס ער האָט געשריבנ נאָכ אינ 1918 יאָר:

„דער סאָציאַליזמ ניט נאָר וואָס ער לעשט ניט אויס דעמ געוועט, נאָר פאַרקערט, ער שאַפט צומ ערשטנ מאָל די מעגלעכקייט אָנצווענדנ אימ ווירקלעכ ברייט, ווירקלעכ אינ אַ מאַסנ־מאַסשטאַב, אַרײַנציִענ ווירקלעכ די מערהייט אַרבעטנדיקע אפ דער אַרענע פונ אַזאַ אַרבעט, ווו זיי קאָנענ זיכ אַנטפּלעקנ, פאַנאַנדערוויקלענ זייערע פעיִקייטנ, אויפדעקנ זייערע טאַלאַנטנ, וואָס זײַנענ פאַראַנ אינ פאָלק אַ ניטגערירטער קוואַל און וואָס דער קאַפּיטאַליזמ האָט געקוועטשט, געדריקט, געשטיקט טויזנטערווײַז און מיליאָנענווײַז".

עס איז פאַראַנ אַ ראַדיקאַלער אונטערשייד, אַ דירעקטער קעגנזאַצ צווישנ דער קאַפּיטאַליסטישער קאָנקורענצ און דעמ סאָציאַליסטישנ געוועט. דעמ דאָזיקנ אונטערשייד דערקלערט כאַווער סטאַלינ:

„דער קאָנקורענצ־פּרינציפּ: די מאַפּאָלע און דער טויט פונ איינִיקע, דער ניצאָכנ און די הערשאַפט פונ אַנדערע. דער פּרינציפּ פונ סאָציאַליסטישנ געוועט איז כאַווערישע הילפ די אָפּגעשטאַנענע מיצאַד די פאָרגעשריטענע, קעדיי צו דערשלאָגנ זיכ אַנ אַלגעמיינעמ אויפשטײַג. די קאָנקורענצ זאָגט: שלאָג ביז צומ טויט די אָפּגעשטאַנענע, קעדיי צו פאַרפעסטיקנ די אייגענע הערשאַפט. דער סאָציאַליסטישער געוועט זאָגט: אייניקע אַרבעטנ שלעכט, אַנדערע גוט, די דריטע בעסער, — דעריאָג די בעסטע און דערשלאָג זיכ אַנ אַלגעמיינעמ אויפשטײַג".

די גרעסטע באַדײַטונג פונעמ סאָציאַליסטישנ געוועט באַשטייט אינ דעמ, וואָס ער דערציט איבער, געבוירט איבער די אַרבעטנדיקע מאַסנ, נעמט פונ זיי אַראָפּ די דורדורעסדיקע קרעצ פונ די אייגנטימערישע איבערבלײַבעכצנ און פאָרורטיילנ. אינעמ סאָציאַליסטישנ געוועט און שלאָגלערײַ וואַקסנ נײַע מענטשנ — מענטשנ פונ דער נײַער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

„דאָס סאַמע מערקווירדיקע אינעמ געוועט באַשטייט אינ דעמ, — זאָגט כ' סטאַלינ, — וואָס ער מאַכט אַ ראַדיקאַלע איבערקערעניש אינ די אָנשויונגענ פונ די מענטשנ אופ אַרבעט, ווײַל ער פאַרוואַנדלט די אַרבעט פונ אַ שענדלעכער און שווערער לאַסט, ווי זי האָט זיכ גערעכנט פריִער, אינ אַ זאַכ פונ ערע, אינ אַ זאַכ פונ רומ, אינ אַ זאַכ פונ מוט און העלדישקייט. קיינ זייכער דערפונ איז ניטאָ און קאָנ ניט זײַנ אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָרט, בײַ זיי, בײַ די קאַפּיטאַליסטנ, איז די סאַמע געווינטשענע זאַכ, וואָס פאַרדינט די געזעלשאַפטלעכע באַגײַטיקונג — צו האָבנ רענטע, לעבנ פונ פּראָצענטנ, זײַנ פרײַ פונ אַרבעט, וואָס רעכנט זיכ פאַר אַ מיעסע באַשעפטיקונג. בײַ אונדז אינ פּסס"ר איז פאַרקערט, די סאַמע געווינטשענע זאַכ, וואָס פאַרדינט די געזעלשאַפטלעכע באַגײַטיקונג, ווערט די מעגלעכקייט צו זײַנ אַנ אַרבעט־העלד, די מעגלעכקייט צו זײַנ אַ העלד פונ שלאָגלערײַ,

וואָס איז אַרומגערינגלט מיטנ אַרעאָל פונ קאַוועד צווישנ די מיליאָנענ אַרבעטנדיקע".

אָט וואָס פאַר א טיפע ענדערונג עס קומט פאָר בא אונדז אינ דער באַציִונג פונ די מאַסנ צו דער אַרבעט!

עס פאַרשטייט זיכ, אַז די פרייַע סאָציאַליסטישע אַרבעט לאָזט זיכ גאָר ניט פאַרגלייַכנ לויט איר פראָדוקטיוויטעט מיט דער קנעכטישער אַרבעט פאַר קאַפיטאַליסט אונ פּאָרעצ. עס איז קיינ וווּנדער ניט, אַז בא פיל אַרבעטנ האָבנ אונדזערע אַרבעטער געשלאָגנ וועלט-רעקאָרדנ פונ אַרבעט-פראָדוקטיוויטעט, ניט געקוקט אַפ דעמ, וואָס די טעכנישע באַדינגונגענ בא אונדז זייַנענ נאָכ אינ אַלגעמייַנ נידעריקער, איידער די אויסלענדישע.

לעמאָשל, אונדזער גיגאַנט, — דער סטאַלינגראַדער טראַקטאָר-זאַוואָד איז אויסגעבויט געוואָרנ סאַכאַקל אינ 11 כאָדאָשימ. לויטנ פלאַנ פונ די אַמעריקאַנישע אינזשעניערנ האָט מענ אַפ אויסבויענ דעמ מעכאַנישנ מאָנטאַזש-צעכ אָנגעמערקט 162 טעג. די פאַרוואַלטונג פונ טראַקטאָרבוי האָט אָנגעמערקט אַפ דער האָזיקער אַרבעט 62 טעג אונ די שלאָגלער האָבנ זי אויסגעפילט אינ 28 טעג! אינעמ גוס-צעכ האָט מענ אַפ אייַנשטעלנ די קופּל-אויוונס געגעבנ 16 טעג. אונ די שלאָגלער האָבנ זיי אייַנגעשטעלט אינ 5 טעג!

אַפ דער בויונג פונ דער דניעפּערשער עלעקטרע-סטאַנציע האָט מענ לויטנ פלאַנ פונ 1930 יאָר געדאַרפט אייַנלייגנ 427 טויזנט קובאָמעטער בעטאָנ. אונ די שלאָגלער האָבנ אייַנגעלייגט 518 טויזנט! דער אַמעריקאַנער קאָנסולטאַנט פונ דער בויונג קופּער האָט וועגנ דעמ געשריבנ: „מיט דעמ איז אייַנגעשטעלט געוואָרנ א וועלט-רעקאָרד: דער האָזיקער פאַקט וועט באַוווּסט ווערנ אומעטומ אונ וועט פאַררעכנט ווערנ אַלס קאָלאָסאַלער פאַרדינסט פונ די ראַטנ-רעפּובליקנ".

דער סאָציאַליסטישער געוועט אונ שלאָגלערייַ, וואָס האָבנ אַרומגעכאַפּט די ברייטסטע מאַסנ, האָבנ אונדז געהאָלפנ באַצוקומענ די אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטנ פונ דער בויונג, באַקומענ דעמ פאַרביטערטנ ווידערשטאַנד פונעמ קלאַסנ-סוינע, די שעדיקערייַ, דעמ סאַבאָטאַזש, דאָס פוסטעפאַסעווענ אדג. אָט פאַרוואָס כאַווער סטאַלינ, ווענ ער האָט גערעדט וועגנ די קרעפטנ, וואָס האָבנ באַוואָרנט דעמ ניצאָכנ פונעמ ערשטנ פינפיאָר, האָט אַרויסגערוקט אַפנ ערשטנ אָרט די אַקטיוויטעט אונ מעסירעסנעפעשדיקייט פונ די מאַסנ, וואָס האָבנ פאַנאַנדערגעוויקלט דעמ סאָציאַליסטישנ געוועט אונ שלאָגלערייַ.

„עס קאָנ ניט זייַנ קיינ סאָפעק, — האָט געזאָגט כאַווער סטאַלינ, — אַז אָנ דעמ דאָזיקנ אומשטאַנד וואָלטנ מיר זיכ ניט געקאָנט דערשלאָגנ צומ ציל, וואָלטנ מיר ניט געקאָנט זיכ א רוק טאָנ פאָרויס אַפ קיינ איינ שריט".

דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטומ אַפ די פראָדוציר-מיטלענ, די פּלאַנעווע ווירטשאַפט מיטנ אויסנוצנ אַלע דערגרייכונגענ פונ דער וויסנשאַפט אונ טעכניק, די סאָציאַליסטישע אַרבעט-פאָרמענ — אָט דאָס זייַנענ די גרונטיקע אונ אַנטשיידנדיקע פאָרצוגנ פונ דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפטלעכער אָרדענונג לעגאַבע דער קאַפיטאַליסטישער.

דער סאָציאַליזמ איז די ערשטע שטופע פונ קאָמוניזמ

אָבער דער סאָציאַליזמ איז נאָכ ניט די סאַמע פולקומע אָרדענונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אונ ווירקלעכ: די פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פונ אַלע פּראָדוציר־מיטלענ, אַלעמענס גלײַכער אַנטײל אינ דער אַרבעט אונ אינ דער פאַרטײלונג פונ די געבראויכ־פּראָדוקטנ לויט דער אַרבעט — צי באַטײַט דאָס אַלצ פולשטענדיקע גלײַכהײַט אונ פולשטענדיקע גערעכטיקײַט?

ניינ, דאָס באַטײַט נאָכ ניט. די קאָמוניסטנ דערקלערנ אָפנ, אַז באַם סאָציאַליזמ איז נאָכ ניטאָ קײנ *פולשטענדיקע* גלײַכהײַט אונ קײנ *פולשטענדיקע* גערעכטיקײַט.

פאַרוואָס אָבער? לאָמיר זיכ פאַנאַנדערקלײַבנ אינ דער דאָזיקער וויכטיקער פראַגע.

מיר האָבנ געזענ, אַז דער סאָציאַליזמ איז פרײַער פונ אַלצ די *גלײַכהײַט פונ אַלעמענ אינעמ זינ פונ באַזיצנ געמײנזאַמ די פּראָדוציר־מיטלענ*. אינ דער דאָזיקער הינזיכט האָבנ מיר ווירקלעכ א *פולשטענדיקע גלײַכהײַט*, וואָס דריקט זיכ אויס דערינ, וואָס יעדער מיטגליד פונ דער געזעלשאַפט איז אינ א גלײַכער מאָס דער באַזיצער פונ די *געזעלשאַפטלעכע* פּראָדוציר־מיטלענ. אינ דעמ איז דער ראַדיקאַלער, פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישנ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אונ דער בורזשואַזער, וואָס אָגערעכנט אויכ פאַר אַלע בירגער „גלײַכע רעכט” צו באַזיצנ די פּראָדוציר־מיטלענ, אָבער אינ דער ווירקלעכקײַט באַטײַט דאָס דאָזיקע פאַר אַלעמענ גלײַכע רעכט אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט *די טיפסטע אומגלײַכקײַט, די סאַמע סקאַנדאַליעזע אומגערעכטיקײַט*, ווײַל אײניקע באַזיצנ קאָלאָסאַלע פּראָדוציר־מיטלענ, אַנדערע — נישטיקע, די דריטע האָבנ אַבסאָליוט גאָרניט, כוץ די אַרבעט־הענט אונ זײַנענ געצווונגענ פאַרקויפנ זייער אַרבעטקראַפט די רײַכע אײגנטימער.

סאָציאַליזמ באַטײַט *גלײַכהײַט אינעמ זינ פונ גלײַכע פליכטנ פאַר אַלעמענ צו אַרבעטנ*. סאָציאַליזמ באַטײַט *גלײַכהײַט אינעמ זינ פונ רעכט פאַר אַלעמענ אפ א גלײַכנ סכומ געבראויכ־פּראָדוקטנ פאַר א גלײַכער אַרבעט. ווער עס אַרבעט ניט, דער עסט ניט*. דערינ איז אויכ דער ראַדיקאַלער פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישנ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אונ דער קאַפּיטאַליסטישער, וואָס ניט בלויז זי שטעלט ניט אײַנ אַזאַ פליכט, נאָר זי פאַרגעזעצלעכט פאַר די אײגנטימער דאָס „רעכט” אויסצונוצנ די פרוכט פונ פרעמדער אַרבעט, ניט אַרבעטנדיק.

אָבער צי איז דענ דאָס אַלצ א ווירקלעכע *פולשטענדיקע* גלײַכהײַט אונ גערעכטיקײַט? אָט דאָס איז טאַקע די מײַסע, וואָס נאָכ *ניט*.

די מענטשנ זײַנענ לויט זייערע קרעפטנ אונ פײַיקײַטנ — *פאַרשיידענע*. אײנ אונ דער זעלבער סכומ אַרבעט ווײַזט זיכ אַרויס פאַר אײניקע שווערער, פאַר אַנדערע — לײַכטער. אינ אײנ אונ דער זעלבער אַרבעט־צײַט אַרבעטנ אויס אײניקע מער אונ אַנדערע — ווייניקער. דאָ גייענ מיר נאָכ צו צו די מיטגלידער פונ דער

באַציאַליסטישער געזעלשאַפט אינ א געוויסער מאָס פאָרמעל, מיט א גלײַכער מאָס צו פארשיידענע מענטשנ.

אָבער די פולשטענדיקע גלײַכהײַט אונ גערעכטיקײַט פאָדערנ, אז מיר זאָלנ נעמענ אינ אכט יעדערנס קרעפטנ אונ פײַיקײַטנ אונ מיר זאָלנ באַדערנ ארבעט לויט יעדנס קרעפטנ אונ פײַיקײַטנ. דאָס איז נאָכ באַם סאָציאַליזם ניטאָ.

מיר גיבנ ארויס פאַר א גלײַכער ארבעט א גלײַכנ סכום פראָדוקטנ, אָבער די באַדערפעניש באַ פארשיידענע מענטשנ זײַנענ פארשיידענע. אינ איינ פאַמיליע זײַנענ פאַראַנ מער ניטארבעטספּייִקע, אינ א צווייטער ווייניקער אאַוו. אויב דאָ גייענ מיר נאָכ צו צו פארשיידענע מענטשנ מיט א גלײַכער מאָס.

אונ די פולשטענדיקע ווירקלעכע גלײַכהײַט אונ גערעכטיקײַט פאָדערנ, אז מיר זאָלנ דיסקאָנטירנ די פארשיידנקײַטנ אינ די באַדערפענישנ באַדי באַזונדערע מיטגלידער פונ דער געזעלשאַפט אונ זאָלנ געבנ יעדערנ א מעגלעכקײַט צו באַקומענ פראָדוקטנ פונ דער געזעלשאַפט לויט דער מאָס פונ זײַנע באַדערפענישנ. אָט דאָס איז נאָכ באַם סאָציאַליזם ניטאָ.

דער סאָציאַליזם איז בלויז די ערשטע שטופע, אָדער די „ערשטע פאַזע" פונ דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, ווי מארקס האָט געזאָגט. דערקלערנדיק לויט מארקסנ די באַזונדערקײַטנ פונ דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, שרײַבט לענינ:

> „קיינ גערעכטיקײַט אונ גלײַכהײַט קאָנ אזויארום די ערשטע פאַזע פונעם קאָמוניזם נאָכ ניט געבנ: פארשיידנקײַטנ אינ רײַכקײַט וועלנ פארבלײַבנ, אינ פארשיידנקייטנ ניט קיינ יוישערדיקע, אָבער עס וועט אוממעגלעכ זײַנ, אז איינ מענטש זאָל עקספּלואטירנ א צווייטנ מענטשנ, ווײַל מע קאָנ ניט פאַרכאַפנ די פּראָדוציר־מיטלענ, די פאַבריקנ, די מאַשינעס, די ערד א.א. אינ פּריוואַטנ אייגנטום... מארקס באַווײַזט דעם אנטוויקלונג־גאַנג פינ דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, וועלכע איז געצוווּנגענ צוערשט פארניכטנ בלויז יענע „אומגערעכטיקײַט", וואָס איינצלנע פּערזאָנענ האָבנ פארכאַפט די פּראָדוציר־מיטלענ, אונ וואָס איז ניט אימשטאַנד מיטאמאָל צו פארניכטנ אויכ די ווײַטערדיקע אומגערעכטיקײַט, וואָס באַשטייט אינ פאַנאַנדערטיילנ די געברויכ־מיטלענ „לויט דער ארבעט" (אָבער ניט לויט די באַדערפענישנ)".

אָט וויאַזוי עס האַלט מיט דער גלײַכהײַט אינ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

די פולשטענדיקע גלײַכהײַט ווערט פארווירקלעכט באַם סאָציאַליזם בלויז אינ איינ הינזיכט: אינ הינזיכט פונ באַזיצנ געמיינזאַמ די פּראָדוציר־מיטלענ. אָבער בענוגע דער ארבעט אונ דעמ פארטיילנ די פּראָדוקטנ פארבלײַבט נאָכ א געוויסע אומגלײַכהײַט.

פארשטייט זיכ, אז דאָס איז אבסאָליוט ניט יענע אומגלײַכהײַט, וואָס אינ דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, ווו די ארבעטנדיקע מיטגלידער דערווערבנ גאָרניט אונ די, וואָס דערווערבנ יאָ, האָרעווענ ניט. פונ דער אומגלײַכהײַט באַם סאָציאַליזם אנטשטייט בעשומויפנ ניט די מעגלעכקײַט פאַר אייניקע מיטגלידער פונ דער געזעלשאַפט צו עקספּלואַטירנ די אנדערע. עס האַנדלט זיכ בלויז וועגנ א געוויסנ

גראַד אומגלײַכהײַט, וועלכע נעמט זיך דערפונ, וואָס די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט איז געצוווּנגענ אָנצוּווענדנ **אַ גלײַכע מאָס** אינ דער אַרבעט אונ אינעמ געברויכ צו **ניט גלײַכע** מענטשנ.

קעדיי דאָס אויסצומײַדנ, דאַרפ מענ אײַנפירנ דעמ **קאָמוניסטישנ פרינציפ: יעדערער זאָל אַרבעטנ לויט די קרעפטנ אונ פײַקײַטנ, יעדערער זאָל באַקומענ לויט די באַדערפעניש.**

פאַרוואָס אָבער קאָנ מענ מיטאַמאָל ניט פאַרווירקלעכנ דעמ דאָזיקנ קאָמוניסטישנ פרינציפ? אזא פראַגע שטעלנ אַ סאַכ אונ אײניקע היציקע קעפ, טראָצ די אָנווײַזונגענ פונ מאַרקס־ענגעלסנ אונ טראָצ דער פּאַרטײ־פּאָליטיק, פּרוּווּנ זיך בײַ אונדז טײקעפ אײַנשטעלנ קאָמוניסטישע פּאָראָנדקעס.

לענינ ענטפערט אפ דער דאָזיקער פראַגע אַזוי:

„די העכסטע אַנטוויקלונג־פאַזע פונעמ קאָמוניזמ... זעט פאָרויס אי די ניט איצטיקע אַרבעט־פּראָדוקטיווקײַט אי דעמ **ניט איצטיקנ** באַלעבעסל, וואָס איז פײַיִק, ווי, לעמאָשל, די בורסאַקעס בײַ פּאָמיאַלאָווסקינ* קאַליע מאַכנ „סתמ" די סקלאַדנ פונ געזעלשאַפטלעכנ רײַכטומ אונ פאָדערנ דאָס אומעגלעכע".

דאָ ווײַזט לענינ אָנ צוויי וויכטיקע באַדינגונגענ, וואָס זײַנענ נייטיק אפ פאַרווירקלעכנ דעמ פולשטענדיקנ קאָמוניזמ.

ערשטנס, אַז אָנ אַנ **ערעכ העכערע** אַרבעט־פּראָדוקטיווקײַט, איידער בײַמ סאָציאַליזמ.

צווייטנס, אַז אָנ אַנ **ערעכ העכערע באַוווּסטזיניקײַט, קולטורעלקײַט** פונ די **אַרבעטנדיקע**.

די מײַסע דערפונ איז, וואָס די **סאָציאַליסטישע בויונג קומט פאָר צוערשט אפ דער באַזע פונ די פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס זײַנענ באַקומענ געוואָרנ פונעמ קאַפּיטאַליזמ**. אָבער די דאָזיקע פּראָדוציר־מיטלענ זײַנענ ווײַט ניט אַזוי פולקומ אונ אַזוי מעכטיק, ווי מע וואָלט געדאַרפט. אָפּנעמענדיק זיי בײַ די קאַפּיטאַליסטנ, באַקומט די פּראָלעטאַרישע מעלוכע אַ מעגלעכקײַט קעסיידער צו העכערנ די אַרבעט־פּראָדוקטיווקײַט, צו פאַרבעסערנ דעמ געברויכ פונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ אונ ביסלעכווײַז **צו העכערנ זייער מאַטעריעלנ ניוואָ** אינ אַ סאַכ מאָל אינ פאַרגלײַכ מיט דער לאַגע בײַמ קאַפּיטאַליזמ.

אָבער די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט **איז ניט אימשטאַנד מיטאַמאָל אויפהייבנ די טעכניק אונ די אַרבעט־פּראָדוקטיווקײַט אפ אַזאַ הייכ**, אַז דאָס זאָל באַוואָרענענ דאָס אַרויסגעבנ פּראָדוקטנ אַלע מיטגלידער פונ דער געזעלשאַפט אינ **יעטווידער** סכומ, אָפּהענגיק אויסשליסלעכ פונ יעדנס באַדערפעניש. זי איז **ניט אימשטאַנד מיטאַמאָל צו העכערנ די טעכניק אפ אַזויפיל**, אַז אינ אַלע צווײַגנ פונ דער פאָלקווירטשאַפט זאָלנ די פאַרשיידנאַרטיקע אַרבעט־פּראָצעסנ דערפירט ווערנ צו דער אײנפאַכער אָנפירונג מיט מאַשינעס אונ אַזוי אַרומ פאַרניכטנ דעמ אונטערשייד צווישנ דעמ

---

* פּאָמיאַלאָווסקי — אַ רוסישער שרײַבער, וואָס איז באַקאַנט מיט זײַנ באַשרײַבנ דעמ לעבנ אינ דער „בורסע" (אַ שול, וואָס גרייט צו גײַסטלעכע) מיט די ווילדע דערציִונג־מעטאָדנ אינ דער דאָזיקער טיפּישער שול פונעמ אַלטנ צאַרישנ רוסלאַנד.

אינדוסטריעלנ אונ לאנדווירטשאפטלעכנ ארבעטער, פארגיכטנ דעמ קעגנזאצ צווישנ דער גײַסטיקער אונ פיזישער ארבעט.

ווענ דער ארבעטער־קלאס שטעלט איינ זײַנ דיקטאטור, קאָנ ער טייקעפ פארקירצנ דעמ ארבעטסטאָג אינ די מעלוכישע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ אונ ביסלעכווײַז פארקירצנ אימ ווײַטער. אָבער די סאָציאַליסטישע געזעלשאפט איז ניט אימשטאנד מיטאמאָל אראָפּצוזעצנ דעמ סכומ געזעלשאפטלעכ־נייטיקע ארבעט ביז דער סאמע קלענסטער מאָס, ביז עטלעכע שאָ א טאָג.

די אומעגלעכקײַט טייקעפ צו העכערנ די טעכניק אונ אראָפּצוזעצנ די ארבעטצײַט ביז דער געפאָדערטער מאָס דערלויבט ניט מיטאמאָל צו שאפנ אלע נייטיקע באדינגונגענ אפ אופהייבנ דעמ קולטורעלנ ניוואָ פונ די ארבעטנדיקע מיט אזא שנעלקײַט, ווי מע וואָלט געדארפט.

באמ סאָציאַליזמ פארבלײַבנ נאָכ רעשטלעכ קאפּיטאליזמ. די האָזיקע רעשטלעכ אנטפלעקנ זיכ אגעוו אינ דעמ, וואָס בא מענטשנ היטנ זיכ נאָכ אײַנ די אלטע אָנשויונגענ, געוווינהײַטנ. די מערהײַט מענטשנ קוקט נאָכ אפ דער ארבעט לויטנ אלטנ שטייגער — בלויז ווי אפ א מיטל צו לעבנ. דער מענטש קאָנ ניט מיטאמאָל אויסלערנענ זיכ ארבעטנ אונ באנוצנ זיכ מיט די געברויכ־פּראָדוקטנ קאָמוניסטיש — אָנ פּינקטלעכ אײַנגעשטעלטע פליכטנ אונ רעכט, אָנ דעמ שטרענגסטנ דיסקאָנט אונ קאָנטראָל מיצאד דער געזעלשאפט אונ דער מעלוכע איבער דער אָפּהיטונג פונ די ארבעט־נאָרמעס אונ געברויכ־נאָרמעס.

אָט דאָס זײַנענ די סיבעס, די באדינגונגענ, וואָס צוליב זיי איז אומעגלעכ מיטאמאָל דורכפירנ אינ לעבנ דעמ קאָמוניסטישנ פּרינציפּ — דעמ קלאל: „פונ יעדנ לויט די פעיִקײַטנ, יעדנ לויט די באדערפענישנ".

לענינ זאָגט:

„אזוי לאנג ביז עס וועט אָנקומענ די „העכסטע" פאזע פונ קאָמוניזמ, פאָדערנ די סאָציאַליסטנ דעמ שטרענגסטנ קאָנטראָל מיצאד דער געזעלשאפט אונ מיצאד דער מעלוכע איבער דער מאָס ארבעט אונ מאָס געברויכ...

דיסקאָנט אונ קאָנטראָל — אָט דאָס איז דער איקער, וואָס עס פאָדערט זיכ פאר דער „רעגולירונג", פאר דער ריכטיקער פונקציאָנירונג פונ דער ערשטער פאזע פונ דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט".

באזונדערס אינ אָנהייב פונ איר אָרגאַניזירונג איז די סאָציאַליסטישע געזעלשאפט געצוווּנגענ צו פירנ דעמ סאמע אכזאָריעסדיקנ קאמפ קעגנ די פרווונ ארויסצודרייענ זיכ פונ דער ארבעט, קעגנ די באלאָגימ צו לעבנ אפ יענעמס כעזשבנ, צו געבנ דער געזעלשאפט וואָס ווייניקער אונ נעמענ פונ איר וואָס מערער. די סאָציאַליסטישע געזעלשאפט דערציט צווישנ אלע אירע מיטגלידער א קאָמוניסטישע באציִונג צו דער ארבעט — דעמ באוווסטזײַנ, אז עס איז נייטיק געוויסנהאפט אויסצופילנ אלע ארבעט־אופגעבונגענ לויט יעדנס קרעפטנ אונ פעיִקײַטנ.

די בורזשואזע געלערנטע האלטנ דאָס פאר אומעגלעכ. זיי דערקלערנ די פוילקײַט אלס „נאטירלעכע אייגנשאפט" פונעמ מענטשנ. לויט זייער מוסטער האָט טראָצקי געשריבנ: „לויטנ אלגעמייגעמ קלאל שטרעבט דער מענטש ארויסצודרייענ זיכ פונ ארבעט".

דאָס איז אַנ אַבסורד. די שטרעבונג צו פוסטעפּאַסעווענ איז אַנ איבערבלײַבעניש פונעמ קאַפּיטאַליזמ, ווענ די אַרבעט איז געווענ אַ שווערע שקלאַפערײַ. די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט פאַר־לײַכטערט ביז גאָר, פאַרײַנפאַכט די אַרבעט, פאַרוואַנדלט זי, ווי מאַרקס האָט געזאָגט, פונ אַ „מיטל צו לעבנ אינ דער ערשטער באַדערפעניש פונ לעבנ". די סאָציאַ־ליסטישע געזעלשאַפט באַוואָרנט אַלע נייטיקע באַדינגונגענ אָפ דערציִענ אירע מיט־גלידער אינעמ קאָמוניסטישנ גײַסט, אָפ שאַפנ ווירקלעכ אַ קאָמוניסטישע באַציִונג צו דער אַרבעט.

אינ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט פאַרבלײַבט נאָכ די נייטיקײַט אינ צוואַנג־אָרגאַנענ, אינ מעלוכע־מאַכט.

די מײַסע דערפונ איז, וואָס די ערשטע צײַט ווערנ נאָכ אינ דער סאָציאַליסטי־שער געזעלשאַפט אײַנגעהיט די רעשטלעכ פונ דער קלאַסנ־אָרדענונג, עס פאַרבלײַבנ נאָכ די מענטשנ, וואָס האָבנ געהערט צו די אַלטע קלאַסנ, וואָס קאָנענ בעשומ־אופנ ניט שאָלעמ מאַכנ מיט דער נײַער אָרדענונג אונ קעמפנ קעגנ איר אָפנ סאַמע פאַר־ביסענעמ אופנ. כוץ דעמ פאַרבלײַבנ נאָכ די רעשטלעכ פונעמ אַמאָל צווישנ די אַרבעטנדיקע מאַסנ. די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט שטעלט אײַנ אירע געזעצנ, וואָס אָפ אָפּהיטנ זײ דאַרפ מענ אַכטונג געבנ, וואָס פאַר ברעכנ זײ דאַרפ מענ שטראָפנ.

כוץ דעמ, קאָנ די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אַנטשטײנ צוערשט בלויז אינ איינ לאַנד, — ווי דאָס איז איצט, — אָדער אינ עטלעכע לענדער. דעריבער זײַנענ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט נייטיק ניט בלויז אירע צוואַנג־אָרגאַנענ, ניט בלויז איר מעלוכע־מאַכט, נאָר אויכ איר באַוואָפנטע קראַפט אָפ באַשיצנ זיכ פונ די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס, — ווי די רויטע אַרמיי אינ ראַטנפאַרבאַנד.

אָט פאַרוואָס עס איז אינ קיינ שומ פאַל ניט מעגלעכ אינ אונדזער סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפט, וואָס האַלט זיכ אינ בויענ, צו „אָפּשאַפנ" די מעלוכע־מאַכט, „ליקווידירנ" די צוואַנג־אָרגאַנענ, „אָפּשאַפנ" די דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט. בלויז די סאָנימ פונ די אַרבעטנדיקע אונ די מיטהעלפער פונ אונדזערע סאָנימ — די אָפּאָרטוניסטנ — קאָנענ פאַרלייגנ אַזוינע זאַכנ.

אַזוי אַרומ איז דער סאָציאַליזמ אַ באַזונדערער פּעריאָד אינ דער געשיכטע פונ דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

דאָס איז אַזאַ פּעריאָד, ווענ די געזעלשאַפט הייבט אופ אָפ אַ ניט געהערטער הייכ די פּראָדוקטיווע קרעפטנ, וואָס זי האָט באַקומענ פונ קאַפּיטאַליזמ, ווענ זי פירט דורכ אַ פולשטענדיקע גרונטיקע טעכנישע אונ סאָציאַלע רעקאָנסטרוקציע, אַנ אײַ־בערבויונג אינ אַלע אירע טײלנ אונ שיכטנ, ווענ זי באַזײַטיקט אַלע אונ קאָלערליי רעשטלעכ פונ דער אַלטער קלאַסנ־אָרדענונג, ווענ אַלע מיטגלידער פונ דער געזעל־שאַפט לעבנ אויס די רעשטלעכ אַלטע אָנשויונגענ אונ געוווינהייטנ, וואָס זײ האָבנ געיאַרשנט פונ דער קאַפּיטאַליסטישער פאַרגאַנגענהײַט, זאָגאַר אײַנ אינ מאַרכ אונ אינ בלוט די נײַע — די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישנ.

מיט איינ וואָרט, דאָס איז דער צוגרײטפּעריאָד צו דער פאַנאַנ־דערגעוויקלטער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

מע קאָנ ניט אויסמײַדנ דעמ דאָזיקנ פּעריאָד, „איבערשפּרינגענ" איבער אימ,

אָרגאניזירנ מיטאמאָל א קאָמוניסטישע אָרדענונג, וואָס בא איר זאָל יעדערער ארבעטנ לויט זיינע קרעפטנ און פייִקייטנ און זאָל באקומענ לויט זיינע באדערפענישנ. עס איז ניט דערלאָזבאר די שטרעבונג „אָפּצושוואכנ" דעמ שטרענגסטנ קאָנטראָל פונ דער געזעלשאפט און מעלוכע איבער דער מאָס ארבעט און געברויכ, „לינדערנ" די הארבע אויפווירקונג אפ די פּויליאקעס און צעריבער פונ די געזעלשאפטלעכע פאָנדנ, „אָפּשאפנ" די דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט. אלע אזוינע שטרעבונגענ ברענגענ בלויז שאָדנ די ארבעטנדיקע און נוצנ דעמ קלאסנ־סוינע.

די קאָמוניסטישע געזעלשאפט

אָבער די סאָציאליסטישע געזעלשאפט איז ניט אָפּגעטיילט מיט א וועלכער ניט איז שארפער גרענעצ פונ דער קאָמוניסטישער. אינ דער מאָס ווי די סאָציאליסטישע אָרדענונג וועט זיכ פארפעסטיקנ אינ דער ווירטשאפט און אינ די מויכעס, אינ די געוווינהייטנ פונ די מענטשנ, וועט די סאָציאליסטישע געזעלשאפט אריבערגייענ אינ א קאָמוניסטישער.

לענינ זאָגט, אז טייקעפ נאָכנ אָרגאניזירנ די סאָציאליסטישע געזעלשאפט.

„וועט פאר דער מענטשהייט אומפארמיידלעכ זיכ שטעלנ די פראגע וועגנ גיינ ווייטער פונ פאָרמעלער גלייכהייט צו פאקטישער, ד. ה. צו פארווירקלעכנ דעמ קלאָל: „יעדערער לויט די פייִקייטנ, יעדערנ לויט די באדערפענישנ"".

די קאָמוניסטישע געזעלשאפט וועט אויסגעבויט ווערנ אפ איר אייגענער באזע, אפ דער באזע פונ א נאָכ ניט געזעענער הויכער טעכניק און פונ א נאָכ ניט געזעענער הויכער לויט דער קוואליטעט ארבעטקראפט, ווי דאָס וועט זיינ די פרייע אלזייטיק־אנטוויקלטע מענטשלעכע פערזענלעכקייט. אינ דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט, ווי מארקס זאָגט, „וועלנ אלע קוואלנ פונעמ געזעלשאפטלעכנ רייכטומ זיכ א גאָס טאָנ מיט א פולנ שטראָמ".

אינ דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט וועט ניט זיינ ניט די ארבעט־צעטיילונג, וואָס מאכט טעמפּ דעמ מענטשנ, ניט דער קעגנזאצ צווישנ דער גייסטיקער און פיזישער ארבעט, ניט דער קעגנזאצ צווישנ שטאָט און דאָרפ. אינ דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט וועט זיכ די געזעלשאפטלעכ־נייטיקע ארבעט באגרענעצנ בלויז מיט עטלעכע שאָ אייִנפאכער לייכטער ארבעט, וואָס באשטייט אינ אָנפירנ מיט די מאשינעס.

אינ דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט, — זאָגט לענינ, —

„וועלנ די מענטשנ אפ אזויפיל זיכ צוגעוווינענ צומ אָפּהיטנ די גרונט־קלאָלימ פונ צוזאמענלעבונג, און...זייער ארבעט וועט אפ אזויפיל זיינ פראָדוקטיוו, אז זיי וועלנ פרייוויליק ארבעטנ לויט די פייִקייטנ... די צעטיילונג פונ די פראָדוקטנ וועט ניט פאָדערנ דאנ, אז די געזעלשאפט זאָל נאָרמירנ דעמ סכומ פראָדוקטנ, וואָס יעדערער באקומט, יעדערער וועט פריי נעמענ „לויט דער באדערפעניש"".

אינ דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט וועט יעדער מיטגליד אירער זיכ אויסלערנענ אָנפירנ מיט דער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע און פאנאנדערטיילונג,

זעלבשטענדיק פירנ א דיסקאָנט אונ קאָנטראָל איבער דער ווירטשאַפט. די פרוּוונג ארויסצודרייענ זיכ פונעמ דאָזיקנ אלפאָלקישנ דיסקאָנט אונ קאָנטראָל וועלנ זיינ א ביז גאָר זעלטענער אויסנאַמ. לענינ שרייבט:

„די *נייטיקייט* אָפּצוהיטנ די ניט קאָמפּליצירטע גרונטיקע קלאָלימ פונ יעטווידער געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענלעבונג וועט זייער גיכ ווערנ א *געוווינהייט*".

אינ אזא געזעלשאַפט, אונ בלויז אינ איר, פאַלט אָפּ די נייטיקייט פונ א וועלכנ ניט איז צוואַנג, די נייטיקייט פונ די אָרגאַנענ פונ מעלוכע־מאַכט, פונ א מעלוכע.

מיר וויסנ, אז די מעלוכע האָט עקזיסטירט ניט פונ אייביקע יאָרנ. אפּ א געוויסער אנטוויקלונג־שטופּע פונ דער געזעלשאַפט איז זי אנטשטאַנענ אלס געציינ פונ הערשאַפט פונ איינ קלאַס איבער א צווייטנ. אפּ א געוויסער אנטוויקלונג־שטופּע פונ דער געזעלשאַפט, נעמלעכ, *באַמ קאָמוניזמ*, וועט די מעלוכע פאַרשווינדנ ווערנ. ענגעלס שרייבט וועגנ דעמ:

„ווענ עס וועלנ ניט זיינ קיינ געזעלשאַפטלעכע קלאַסנ, וואָס מע דאַרפ האַלטנ אונטערטעניק, ווענ עס וועט ניט זיינ קיינ הערשאַפט פונ איינ קלאַס איבער א צווייטנ אונ קיינ קאַמפּ פאַר דער עקזיסטענצ, וואָס האָט זיינע וואָרצלענ אינ דער היינטצייטיקער אנאַרכיע * פונ דער פּראָדוקציע, ווענ עס וועלנ באַזייטיקט ווערנ די צוזאַמענשטויסנ אונ גוואַלדטאַטנ, וואָס דרינגענ ארויס פונדאַנענ, דאַנ וועט שוינ ניט זיינ וועמענ צו אונטערדריקנ אונ איינהאַלטנ, דאַנ וועט פאַרשווינדנ די נייטיקייט אינ מעלוכע־מאַכט, וואָס פילט איצט אויס די דאָזיקע פונקציע... ** דאָס אריינמישנ זיכ פונ דער מעלוכע־מאַכט אינ די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישנ וועט ווערנ ביסלעכווייז איבעריק אונ וועט פונ זיכ אליינ אויפהערנ. אָפּנ אָרט פונ פאַרוואַלטנ מיט פּערזאָנענ שטעלט זיכ דאָס פאַרוואַלטנ מיט זאַכנ אונ די אָנפירונג מיט די פּראָדוצירפּראָצעסנ. די מעלוכע ווערט ניט „אָפּגעשאַפט", זי *שטאַרבט אָפּ*".

אָט אָפּ וואָס פאַר אנ אויפנ עס וועט ביסלעכווייז פאַרשווינדנ, עס וועט אָפּשטאַרבנ די מעלוכע אינ דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. די צוואַנג־אויפגאַבנ וועלנ ביסלעכווייז אָפּפאַלנ, ווייל מע וועט זיי ניט דאַרפנ, עס וועלנ פאַרבלייבנ בלויז די אויפגאַבנ פונ ווירטשאַפטלעכנ דיסקאָנט אונ קאָנטראָל, די אויפגאַבנ פונ פאַרוואַלטנ מיט דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע אונ פאַרטיילונג.

די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט וועט פאַרווירקלעכנ די גרעסטע מאַכט פונ דעמ מענטשלעכנ קאָלעקטיוו איבער דער נאַטור, וועט אייננעמענ אלע אירע קרעפטנ אונ זיי אוועקשטעלנ זיכ צו דינסט.

די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט וועט פאַרווירקלעכנ די העכסטע פרייהייט אונ פולשטענדיקע ווירקלעכע גלייכהייט צווישנ די מענטשנ.

---

* דאָס הייסט, אומאָרדענונג.

** דאָס הייסט, די אויפגאַבע.



צווייטער טייל

ווי אזוי דער סאָציאַליזמ בויט זיכ אינ ראטנפאַרבאַנד

אינ וואָס איז דער סאָציאַליזמ פאַרווירקלעכט געוואָרנ אינ ראַטנפאַרבאַנד

מיר ווייסנ, וואָס איז אַזוינס סאָציאַליזמ. אונדז איז איצט לייכטער פאַנאַנדערצוקלייבנ זיכ, אינ וואָס אונ אינ וואָכער א מאָס דער סאָציאַליזמ איז שוינ בא אונדז פאַרווירקלעכט.

לאָמיר נעמענ די *ערשטע פאָדערונג*, וואָס איז נייטיק אָפּ פאַרווירקלעכנ דעמ סאָציאַליזמ: די מעלוכע־מאַכט פונעמ ארבעטער־קלאַס, די דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט. זי איז איינגעשטעלט געוואָרנ בא אונדז זינט דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אינ 1917 יאָר.

לאָמיר נעמענ די *צווייטע פאָדערונג* — פאַרניכטנ דאָס גרויסע פּריוואַטע אייגנטומ אָפּ די פּראָדוציר־מיטלענ. אינ ראַטנפאַרבאַנד איז שוינ די דאָזיקע פאָדערונג פאַרווירקלעכט בעניגייע אלע *וויכטיקסטע פּראָדוציר־מיטלענ*.

אינ אונדזער פּראָלעטארישער מעלוכע בילדנ אלע פאַבריקנ, זאַוואָדנ, ערצ־גרובנ אונ די איבעריקע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ אונ אויכ די אייזנבאַנענ, די שיפערײַ אאַוו. דאָס *אלגעמיינע מעלוכישע אייגנטומ*.

אלע ערדנ, די ערדרייכטימער, די וועלדער, די וואַסערנ מיט זייערע רייכטימער בילדנ ווידעראַמאָל דאָס *אלגעמיינע מעלוכישע אייגנטומ*. אלע גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס זיינענ קאָנצענטרירט אינ די ראַטווירטנ אונ אינ די מאַשינ־טראַקטערשע סטאַנציעס, בילדנ אויכ דאָס *אלגעמיינע מעלוכישע אייגנטומ*.

ס'איז איינגעשטעלט געוואָרנ דאָס אלגעמיינע, מעלוכישע אייגנטומ אויכ אָפּ דער פּראָדוקציע, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט אינ די מעלוכישע אונטערנעמונגענ.

מיר נעמענ די *דריטע פאָדערונג* — די סאָציאַליסטישע איבערבויונג פונ דעמ קלייגעמ פּריוואַטנ אייגנטומ. די דאָזיקע פאָדערונג איז שוינ פאַרווירקלעכט

באַ אונדז אינ אַ קאָלאָסאַלער מאָס דורכ דעם, וואָס די איבערוועגנדיקע מערהייט דראָבנע פּויערשע ווירטשאַפטנ האָבנ זיכ פריוויליק פאַראייניקט אינ קאָלווירטנ.

אינ אונדזערע קאָלווירטנ בילדנ די פּראָדוציר־מיטלענ אַ געמיינזאַם (האַ־גאָם ניט קיינ מעלוכיש) אייגנטום. די פּראָדוקטנ, וואָס ווערנ אויסגעאַרבעט אינ די קאָלווירטנ, בילדנ אויכ דאָס געמיינזאַמע אייגנטום, וואָס די קאָלווירטנ טיילנ פאַנאַנדער טיילווייז אָפּ די אַלגעמיינ־מעלוכישע באַדערפענישנ (די אַבליגאַטערישע אָפּליפערונג — דאָס פאַרקויפנ דער מעלוכע), טיילווייז אָפּ דער געמיינזאַמער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, טיילווייז אָפּ די פּערזענלעכע באַדערפענישנ פונ די קאָלווירט־מיטגלידער. *

די פערטע פאָדערונג — פאַרניכטנ די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישנ. אינ ראַטנפאַרבאַנד זיינענ שוינ איינגעשטעלט כאַווערישע סאָציאַליסטישע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישנ אינ אַלע מעלוכישע, אינדוסטריעלע און לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגענ און אויכ אינ די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטנ. ניט אינ די דאָזיקע אונטערנעמונגענ, ניט אינ אונדזערע קאָלווירטנ איז ניט מעגלעכ, אַז איינ מענטש זאָל עקספּלואַטירנ דעם צווייטנ, איז אוממעגלעכ אויסנוצנ די פּראָדוקטנ פונ דער אַרבעט פאַר פּריוואַטנ רייכ ווערנ.

די פינפטע פאָדערונג — פאַרניכטנ די קלאַסנ און קלאַסנ־אונטערשיידנ. די גרונטיקע עקספּלואַטאַטערישע קלאַסנ — די פּריצים און גרויסע קאַפּיטאַליסטנ — זיינענ שוינ באַ אונדז לאַנג פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרנ.

עס איז נאָכ פאַרבליבנ אַ קליינער טייל דאָרפישע קאַפּיטאַליסטנ. מיר פאַרענדיקנ איצט ליקווידירנ אינ גאַנצנ פאַרבאַנד דעם דאָזיקנ לעצטנ עקספּלואַטערישנ קלאַס אָפּ דער באַזע פונ דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע פונ די פּויערשע האָרעפּאַשנע ווירטשאַפטנ.

באַ אונדז איז נאָכ איינגעהיט געוואָרנ די איינטיילונג פונ די אַרבעטנדיקע אינ צוויי קלאַסנ: אַרבעטער און פּויערים. די דאָזיקע איינטיילונג איז צו אונדז אַריבער פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. אינ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט, פאַרשטייט זיכ, ניט זיינ אַזאַ איינטיילונג. די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע איז אַ קאָלאָסאַלער טריט אינ הינזיכט פונ פאַרניכטנ פולשטענדיק די קלאַסנ־איינטיילונגענ און אונטערשיידנ. די דאָזיקע אונטערשיידנ וועלנ אויסגעגלייכט ווערנ און פאַרשווינדנ אינ דער מאָס ווי די קאָלווירטנ וועלנ זיכ אַנטוויקלענ אינ גרויסע מאַשינ־אונטערנעמונגענ, אינ דער מאָס ווי מע וועט איינפירנ אינ זיי די נייסטע טעכניק, אינ דער מאָס פונ דער סאָציאַליסטישער איבערדערציונג און קולטורעלנ וווּקס פונ די קאָלווירטישע מאַסנ. אינ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועלנ אַלע זיינ אַרבעטער פונ אַנ איינהייטלעכער געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט. **

די זעקסטע פאָדערונג — איינשטעלנ אַנ אָנגעלטיקנ פּראָדוקטנ־אויס־

---

* דעם אונטערשייד צווישנ די מעלוכישע און קאָלעקטיווע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ וועלנ מיר קלאָר מאַכנ אינ אונדזער דריטנ שמועס.

** וועגנ דעם גענוי אינ או.דזער דריטנ שמועס.

טויש. מיר געפינענ זיכ אפנ וועג צו פארווירקלעכנ די דאָזיקע פאָדערונג. מיר גרייטנ צו איר פארווירקלעכונג דורכ א גאנצער ריי מאָסמיטלענ, אינ דער ערשטער ריי, פאנאנדערוויקלענדיק מיט אלע מיטלענ דעמ סאָוועטישנ האנדל.

דער פריוואטער האנדל איז בא אונדז ליקווידירט געוואָרנ. דאָס איז א קאָלאָסאלע דערגרייכונג.

דער סכוירעאומזאצ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ קומט פאָר בא אונדז אינ גרונט אינ סיידער פונ סאָוועטישנ האנדל — מעלוכישנ, קאָאָפעראטיוונ, קאָלווירטישנ — מיט דער הילפ פונ געלט. דער דאָזיקער האנדל אונטערשיידט זיכ גרינטלעכ פונעמ פריוואטנ האנדל, ווײַל דער ציל זײַנער איז ניט ארויסצובאקומענ רעווענ, נאָר צו באפרידיקנ אפנ בעסטנ אויפנ די באדערפענישנ פונ די ארבעטנדיקע פונ שטאָט אונ דאָרפ.

דאָכ איז דאָס נאָכ ניט קיינ אָנגעלטיקער אויסטויש פונ די אינדוסטריעלע אונ לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטנ פונ שטאָט אונ דאָרפ. אפ אָרגאניזירנ אזא אויסטויש איז נייטיק א גאנצע ריי באדינגונגענ, וואָס בא אונדז זיינענ זיי נאָכ דערווייל ניטאָ.

אָט פארוואָס עס איז איצט אוממעגלעכ פארניכטנ דעמ האנדל, דאָס געלט אונ איינפירנ אנ אָנגעלטיקנ פראָדוקטנ־אויסטויש.

אָט פארוואָס די פארטיי אונ די ראטנמאכט פאָדערנ איצט אינ זייערע באשטימונגענ צו פאנאנדערוויקלענ מיט אלע מיטלענ דעמ סכוירעאומזאצ אינ סיידער פונ סאָוועטישנ האנדל.*

די זיבעטע פאָדערונג — אָרגאניזירנ א פלאנגעווע ווירטשאפט. אינ דער אינדוסטריע אונ אינעמ גרעסטנ טייל לאנדווירטשאפט, אינ די ראטווירטנ אונ אינ די קאָלווירטנ ווערנ שוינ די פראָדוקציע אונ פארטיילונג געפירט אינ א פלאנעוונ סיידער. נאָכ מער: מיר שטעלנ צונויפ יאָריקע אונ פינפיאָריקע אנטוויקלונגפלענער פונ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט. דאָס איז א קאָלאָסאלע דערגרייכונג. אָנ סאָפעק וועלנ מיר אויכ אפ דעמ דאָזיקנ געביט זיכ דערשלאָגנ פולשטענדיקע אונ ענדגילטיקע דערפאָלגנ.

די אכטע פאָדערונג — פארניכטנ די קעגנזאצנ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ. אויכ די דאָזיקע אויסערסט שווערע אויפגאבע לייזט דער פארבאנד סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפובליקנ זייער דערפאָלגרייכ.

דער קעגנזאצ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ איז צו אונדז אריבער פונ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. דער קאפיטאליזמ פירט דאָס דאָרפ צו רויִנירונג, פאראָרעמונג, צו זײַנ פאָליטישער, עקאָנאָמישער אונ קולטורעלער פארקנעכטונג מיצאד דער שטאָט, — מיצאד דער שטאָטישער סאָכרישער, אינדוסטריעלער אונ פינאנציעלער בורזשואזיע. באמ קאפיטאליזמ איז ניט מעגלעכ צו באזײַטיקנ דעמ קעגנזאצ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ. פארקערט, ער ווערט אלץ מער אונ מער פארטיפט. די עקספלואטאציע פונעמ דאָרפ מיצאד דער קאפיטאליסטישער שטאָט איז איינע פונ די יעסוידעס פונ דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג.

די פראָלעטארישע סאָציאליסטישע שטאָט האָט באפרײַט דאָס דאָרפ פונ דער פריצישער אונ קאפיטאליסטישער שקלאפערײַ. די פראָלעטארישע שטאָט

---

* וועגנ סאָוועטישנ האנדל גענוי אינעמ פערטנ טייל פונעמ פערטנ שבועס.



טראקטער־לײַנצופער

העלפט דעמ דאָרפ אופהייבנ זיכ צומ ניוואָ פונ דער שטאָטישער סאָציאליסטישער טעכניק אונ קולטור. דער פּראָלעטאריאט שטעלט פאר זײַנ דירעקטע אופגאבע דאָס פארניכטנ דעמ קעגנזאצ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ.

מיר האָבנ זיכ שוינ דערשלאָגנ צו אנטשיידנדיקע דערפאָלגנ אינ הינזיכט פונ שאפנ די באדינגונגענ, וואָס זײַנענ נייטיק אפ פארניכטנ דעמ קעגנזאצ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ. די ווירטשאפט אינ שטאָט אונ די ווירטשאפט אינ דאָרפ איז געווענ בא אונדז אויסגעבויט אפ א פארשיידענער באזע. אינ שטאָט — אפ דער באזע פונעמ געמיינזאמענ אייגנטומ אפ די פּראָדוציר־מיטלענ (מעלוכישע סאָציאליסטישע אינדוסטריע), אונ אינ דאָרפ איז די ווירטשאפט געווענ אָרגאניזירט הויפטזאכלעכ אפ דער באזע פונעמ פּריוואטנ אייגנטומ (די פויערשע אינדיווידועלע ווירטשאפט).

דער דאָזיקער גרונטלעכער קעגנזאצ איז שוינ איצט באזײַטיקט אינ א באדײַטנדיקער מאָס אונ וועט אלצ מער באזײַטיקט מיטנ אָרגאניזירנ ראטווירטנ, מיט דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע פונ די אָרעמפויערשע אונ מיטלפויערשע ווירטשאפטנ אונ מיט דער ליקווידירונג פונ די באלעבאטישע ווירטשאפטנ. דער ראטווירט איז פונקט אזא מעלוכישע סאָציאליסטישע ווירטשאפט, ווי דער מעלוכישער זאוואָד אָדער די פאבריק. דער קאָלווירט איז אויכ א געזעלשאפטלעכע סאָציאליסטישע ווירטשאפט (האגאמ ניט קיינ מעלוכישע).

עס וועט אויכ באזײַטיקט דער קעגנזאצ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ אינעמ פּראט פונעמ שארפנ אונטערשייד אינ דער טעכניק פונ דער פּראָדוקציע.

אינ דער אינדוסטריע איז בא אונדז פאראנ א הויכע מאשינ-טעכניק, אָבער אינ דער לאנדווירטשאפט האָבנ ביז דער לעצטער צײַט דאָמינירט די קליינע האנט- אונ פערדגעצײַג אונ איינפאכע מאשינעס. מיר רוקנ איצט אריבער מיט א גרויסער שנעלקײַט די גרויסע מאשינ-טעכניק אינ דער לאנדווירטשאפט. אינ פארלויפ פונ די נאָענטסטע יאָרנ וועט אונדזער גאנצע לאנדווירטשאפט ווערנ א גרויסע מאשיניזירטע, מעכאניזירטע פראָדוקציע, ווי די אינדוסטריע.

צולעצט, הייבט שוינ אָנ ביסלעכווײַז צו פארשווינדנ אויכ דער קולטורעלער קעגנזאץ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ.

בא אונדז אינ ראטנפארבאנד פירט נאָכ זיכ די גרויסע מאשינ-טעכניק אינ דאָרפ ארײַנ די סאָציאליסטישע קולטור מיט איר נײַער ארבעט-אָרגאניזאציע, מיט אירע שולנ, ביבליאָטעקנ, קלובנ, טעאטערס, קינאָ, ראדיאָ, פרעסע אונ מיט א גאנצער נעצ אנדערע קולטור-שטייגערישע אנשטאלטנ. אינ 1932 יאָר האָבנ מיר פארמאָגט אינ דאָרפ 40 טויזנט לייענשטיבלעכ, קאָלווירטישע קלובנ אונ רויטע ווינקלענ, 200 געדרוקטע צײַטונגענ פונ די מאשינ-טראקטערשע סטאנציעס, 104 געדרוקטע צײַטונגענ אינ די ראטווירטנ, בא 3000 סטעקלאָגראפישע צײַטונגענ אינ די קאָלווירטנ, מאשינ-טראקטערשע סטאנציעס אונ אינ די ראטווירטנ, בא 200 טויזנט וואנט-צײַטונגענ אינ די קאָלווירטנ אונ אינ די בריגאדעס. דרײַ מיט א האלב מיליאָנ קינדער זײַנענ געווענ אינ יאסלעס. אזויארום ווערנ אינ דאָרפ ביסלעכווײַז געשאפנ די זעלבע לעבנ-באדינגונגענ, ווי אינ שטאָט.

די שטעט, ווידער, ענדערנ זיכ ראדיקאל. דאָס איז באזונדערס צו זענ אפ די נײַע שטעט. די דאָזיקע שטעט אנטשטייענ ארומ די נײַ-אויסגעבויטע גרויסע פאבריק-זאוואָדישע אונטערנעמונגענ, זיי זײַנענ קוידעמקאָל פראָדוקציר-צענטערס, ווו עס קאָנצענטרירנ זיכ די געזעלשאפטלעכ-קולטורעלע אנשטאלטנ. אונדזערע ראטווירטנ אונ די גרעסטע קאָלווירטנ מיט די מאשינ-טראקטערישע סטאנציעס אינ דער שפיץ ווערנ אויכ אזוינע צענטערס מיט דעמ אונטערשייד בלויז, וואָס אינעמ ערשטנ פאל איז די פראָדוקציע אנ אינדוסטריעלע אונ אינעמ צווייטנ פאל — א לאנדווירטשאפטלעכע.

די נײַע פראָדוציר-קולטורעלע צענטערס בויענ זיכ אינ פלאגעוונ סיידער. דערבײַ ווערט גענומענ אינ אכט די גלײַכמעסיקע פאנאנדערטיילונג איבערנ גאנצנ פארבאנד — צווישנ די דערפער, אינ די סטעפעס, אינ די נאָמאדישע לאנדשעטעכנ, אינ די וועלדער אונ טונדרעס.

צולעצט, די שנעלע אנטוויקלונג פונ די פארקער-אונ פארבינדונג-מיטלענ פונ אלע מינימ (אײַזנבאנענ, שיפערײַ, לופט-פארקער, פאָסט, טעלעגראפ, טעלעפאָנ, ראדיאָ) ווירקט שטארק מיט דער פארניכטונג פונעמ קעגנזאץ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ.

אָט דאָס אלצ צוזאמענ גענומענ באוואָרנט סאָפקאָלסאָפ די פולשטענדיקע פארניכטונג פונעמ קעגנזאץ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ.

צולעצט, די נײַנטע פאָדערונג — שאפנ די באדינגונגענ אפ פארניכטנ די אונטערשיידנ צווישנ די ארבעטער פונ פארשיידענער קוואליפיקאציע, פארניכטנ דעמ קעגנזאץ צווישנ דער גײַסטיקער אונ פיזישער ארבעט. די לייזונג אויכ פונ דער דאָזיקער אומגעהייער שווערער קאָמפליצירטער אופגאבע ווערט באוואָרנט דורכ

באַ אַסאַך קאָלווירטנ זײַנענ אָרגאַניזירט פּאָסט־אַגענטורנ

דער גאַנצערווירטשאַפטלעכער אונ געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג פונ אונדזער ראַטנ־פאַרבאַנד.

מיר גלידערנ שנעל אײַנ די פאַרפולקומטע טעכניק אינ אַלע אַרבעט־פּראָצעסנ ניט בלויז אינ דער אינדוסטריע, נאָר אויכ אינ דער לאַנדווירטשאַפט. אונ נאָכ מאַרקס אונ ענגעלס האָבנ אָנגעוויזנ, אַז „די מאַשינעס רײַבנ אָפּ אַלץ מער אונ מער די אונטערשיידנ אינ די באַדינגונגענ פונ דער אַרבעט".

מיר האָבנ פאַרקירצט דעם אַרבעט־טאָג קימאַט אינ דער גאַנצער אינדוסטריע ביז 7 שאָ, אונ אינ אייניקע צווײַגנ — ביז 6 שאָ אונ מיר האָבנ אײַנגעפירט אַ פאַרקירצטע אַרבעט־וואָכ מיט אַנ אָפּרו יעדנ 6־טנ טאָג אינ דער מערהײַט אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ. דערמיט גופא האָבנ די אַרבעטער באַקומענ מער פרײַע צײַט פאַר דער קולטורעלער אַנטוויקלונג. די מאַטעריעלע לעבנ־באַדינגונגענ פונ די אַרבעטער ווערנ פאַרבעסערט מיט יעדנ יאָר סײַ אינ שטאָט, סײַ אינ דאָרפ — אינ די ראַטווירטנ אונ אינ די קאָלווירטנ.

מיר האָבנ שוינ אײַנגעפירט אַלגעמײנע אָנפאַנג־בילדונג. אַנאַלפאַבעטנ זײַנענ באַ אונדז פאַרבליבנ כּמעט 10 פּראָצ. אונ ביז דער רעוואָליוציע זײַנענ זיי געווענ 75 פּראָצ. באַזונדערס איבעראַשנדיק איז דער וווּקס פונ דער שרײַבקענעוודיקײַט אינ די נאַציאָנאַלע רעפּובליקנ. לעמאָשל, אינ ווײַסרוסלאַנד זײַנענ ביז דער רעוואָליוציע געווענ כּמעט 24 פּראָצ. שרײַבקענעוודיקע אונ איצט 90 פּראָצ., אינ קאַלמיקיע זײַנענ נאָכ אינ 1920 יאָר געווענ כּמעט 2,3 פּראָצ. שרײַבקענעוודיקע, אונ איצט — 90 פּראָצ.; אינ טשעטשניע זײַנענ געווענ שרײַבקענעוודיקע ווייניקער, ווי 1 פּראָצענט אונ איצט — 70 פּראָצ. א. א. וו.

מיר זײַנענ צוגעטראָטנ צום אײַנפירנ אָבליגאַטאָרישע 7־יאָריקע בילדונג. מיר האָבנ אײַנגעפירט אָבליגאַטאָרישע בילדונג פאַר אַלע אַרבעטער, וואָס באַדינענ קאָמפּליצירטע מעכאַנიזמענ אונ אינסטאַליאַציעס. מיר האָבנ געמאַכט די בילדונג,

איינגעשלאָסנ די הויכע צוטריטלעכ פאר די ברייטסטע שיכטנ ארבעטנדיקע.

די צאָל שילער אינ די מיטלשולנ פאר אלגעמיינער בילדונג האָט דערגרייכט 4 מיליאָנ 359 טויזנט. אינ די פאבריק־זאוואָדישע אונ פראָפעסיאָנעלע שולנ זיינענ פאראנ 1 מיליאָנ 177 טויזנט שילער. אינ די טעכניקומענ אונ ארבעטער־פאקולטעטנ — 1 מיליאָנ 437 טויזנט. די צאָל סטודענטנ פונ די הויכשולנ דערגרייכט א האלבנ מיליאָנ.

אָט דאָס אלצ זיינענ ניט עפעס פריצישע אונ סאָברישע זינדלעכ, ניט קיינ אריסטאָקראטיע־לייט, וואָס האָבנ זיכ געלערנט בלויז קעדיי בעסער צו קאָמאנדעווענ מיטנ פאָלק אונ עקספלואטירנ די ארבעטנדיקע. דאָס זיינענ די קינדער פונ די ארבעטער אונ פויערים, וואָס גרייטנ זיכ בויענ דעמ סאָציאַליזמ, בויענ א נייע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט.

איינ דריטל בירגער פונ האטנפארבאנד איז ארומגעכאפט מיט דעמ אָדער יענעמ מינ לערע. יעדער דריטער, אונ אינ אסאכ זאוואָדנ אונ פאבריקנ — יעדער צווייטער — לערנט זיכ. אינ קיינ איינ לאנד פונ דער וועלט איז קיינ שומ זייכער דערפונ נימאָ.

די סיסטעמ גופע פונ דער בילדונג אונ דערציונג ענדערנ מיר ראדיקאל. מיר פירנ איינ פאָליטעכנישע בילדונג, קעדיי, ווי לענינ האָט געשריבנ, —

„אריבערגיינ צו פארניכטנ די ארבעט־צעטיילונג צווישנ די מענטשנ, צו דערציענ, לערנענ אונ צוגרייטנ אלזייטיק אנטוויקלטע אונ אלזייטיק צוגעגרייטע מענטשנ, מענטשנ, וואָס קאָנענ אלצ טאָנ".

די וויטערדיקע אנטוויקלונג פונ דער טעכניק, די העכערונג פונ דער ארבעט־פראָדוקטיווקייט באוואָרענענ נאָכ גרעסערע מאטעריעלע אונ קולטורעלע מעגלעכקייטנ אפ דערציענ פונעמ גאנצנ יונגנ דאָר פאָליטעכניש (אלזייטיק) צוגעגרייטע מענטשנ, וואָס באזיצנ אלע קענטענישנ אונ רעגילעסנ, וועלכע זיינענ נייטיק פארנ אקטיוונ אָנטייל אינ דעמווירטשאפטלעכנ אונ געזעלשאפטלעכנ לעבנ.

דאָס איז די סאמע שווערע, סאמע קאָמפליצירטע אופגאבע — צו באזייטיקנ די טעכנישע ארבעט־צעטיילונג צווישנ די מענטשנ, די אונטערשיידנ צווישנ זיי לויט דער קוואליפיקאציע, פארניכטנ דעמ קעגנזאצ צווישנ דער גייסטיקער אונ פיזישער ארבעט. זי וועט געלייזט ווערנ אינ א פולער מאָס בלויז אינ דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט.

ווי מיר זעענ, איז דער סאָציאַליזמ שוינ פארווירקלעכט געוואָרנ אינ ראטנפארבאנד אינ א קאָלאָסאלער מאָס אונ די פולשטענדיקע פארווירקלעכונג זיינע איז אינגאנצנ באוואָרנט.

שוינ אפנ 16־טנ פארטיי־צוזאמענפאָר האָט כאווער סטאלינ אָנגעוויזנ, אז אונדזער לאנד איז ארייַנגעטראָטנ אינ פעריאָד פונ סאָציאַליזמ.

בא אונדז זיינענ פארווירקלעכט ניט בלויז אזוינע באדינגונגענ, וואָס זיינענ נייטיק פארנ אויסבויענ די סאָציאַליסטישע געזעלשאפט, ווי די דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט אונ די פארגעזעלשאפטלעכונג פונ אלע וויכטיקסטע פראָדוציר־מיטלענ אינ דער אינדוסטריע אונ אינ דער לאנדווירטשאפט.

מיר זיינענ שוינ נאָענט צו דער פארווירקלעכונג פונ דער סאמע וויכטיקער אונ גרונטיקער סאָציאַליסטישער פאָדערונג: פאר־

ניכטנ די קלאסנ, פארניכטנ אלע רעשטלעכ קלאסנ־געבוי פונ דער געזעל־שאפט, אלע ווארצלענ אונ ווארצלעכ פונ מענטשלעכער עקספלואטאציע.

מיר זײַנען שוינ נאָענט צומ אויסבויענ א פולשטענדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט.

דער ערשטער פינפיאָר—
די אויסבויונג פונעמ פונדאמענט פונעמ סאָציאַליזמ

אינ די ערשטע יאָרנ נאָכנ אראָפּווארפנ די בורזשואזיע זײַנענ די ראטנמאכט, די ארבעטער אונ פויערימ געווענ געצוווּנגענ מילכאָמע צו האלטנ מיט די ווײַס־גווארדייער אונ מיטנ מיליטער פונ דער אויסלענדישער בורזשואזיע, וואָס איז גע־קומענ זיי צו הילפ. ערשט דאנ, ווענ עס האָט זיכ געענדיקט דער בירגערקריג, אינ 1921 יאָר, האָבנ מיר זיכ געקאָנט נעמענ צו דער בויונג.

אָנגעהויבנ האָבנ מיר פונ איינפאכנ אופשטעלנ די אלטע ווירטשאפטלעכע אונטערנעמונגענ, וואָס די מילכאָמע האָט כאָרעוו געמאכט. אָבער אינ די יאָרנ 1927—1928 זײַנענ מיר שוינ אריבער צו רעקאָנסטרוקציע, ד. ה. צומ איבערבויענ די פאָלקווירטשאפט אופ א סאָציאַליסטישנ שטייגער.

עס איז צונויפגעשטעלט געוואָרנ א פלאנ פונ אנטוויקלענ די פאָלקווירטשאפט אופ 5 יאָר פאָרויס: פונ 1929 ביז 1933 יאָר. דער דאָזיקער פלאנ האָט באקומענ א קורצנ נאָמענ, וואָס איז באוווּסט דער גאנצער וועלט: „פינפיאָר" („פיאטילעטקא").

וואָס זשע פאר אנ אופגאבע זײַנענ געשטאנענ פאר אונדזער ערשטנ פינפיאָר? באוווּסטער סטאלינ האָט אופנ יאנוואר־פּלענומ פונ צ"ק אונ צק"ק אלק"פ(ב) געזאָגט:

„די גרונט־אופגאבע פונעמ פינפיאָר איז באשטאנענ אינ אריבערפירנ אונדזער לאנד מיט זײַנ אָפּגעשטאנענער, צומאָל מיטלאלטערלעכער טעכניק — אופ די רעלסנ פונ דער נײַער הײַנטצײַטיקער טעכניק.

די גרונט־אופגאבע פונעמ פינפיאָר איז באשטאנענ אינ פארוואנדלענ פסס"ר פונ אנ אגראר אונ אָנמעכטיק לאנד, וואָס איז אָפּהענגיק פונ די קאפּ־ריזנ פונ די קאפּיטאליסטישע לענדער, — אינ אנ אינדוסטריעל אונ מעכטיק לאנד, וואָס איז אינגאנצנ זעלבשטענדיק אונ אומאָפּהענגיק פונ די קאפּריזנ פונעמ וועלט־קאפּיטאליזמ.

די גרונט־אופגאבע פונעמ פינפיאָר איז באשטאנענ אינ דעמ, אז פאר־וואנדלענדיק פסס"ר אינ אנ אינדוסטריעל לאנד, — זאָל מענ ארויסשטויסנ ביזנ סאָפּ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ, פארברייטערנ דעמ פראָנט פונ די סאָציאַליסטישע ווירטשאפט־פאָרמענ אונ שאפנ אנ עקאָנאָמישע באזע פאר דער פארניכטונג פונ די קלאסנ אינ פסס"ר, פארנ אויסבויענ די סאָציאַ־ליסטישע געזעלשאפט.

די גרונט־אופגאבע פונעמ פינפיאָר איז באשטאנענ אינ שאפנ בא אונדז אינ לאנד אזא אינדוסטריע, וואָס זאָל זײַנ מעסוגל צו איבערבאוואָפענענ אונ רעאָרגאניזירנ ניט בלויז די אינדוסטריע אינגאנצנ גענומענ, נאָר אויכ דעמ טראנספּאָרט, נאָר אויכ די לאנדווירטשאפט — אופ דער באזע פונעמ סאָציאַליזמ.

די גרונט־אויפגאַבע פונעם פינפיאָר איז באַשטאַנענ אינ אריבערפירנ די קאָדריבנע אונ צעבראָקלטנ לאַנטווירטשאַפט אפ די רעלסנ פונ גרויסער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט אונ באַוואָרענענ דערמיט גופא די עקאָנאָמישע באַזע פונעם סאָציאַליזמ אינ דאָרפ אונ אַזוי־אַרומ ליקווידירנ די מעגלעכקייט אופצושטעלנ דעמ קאַפּיטאַליזמ אינ פסס"ר.

צולעצט, איז די אויפגאַבע פונעם פינפיאָריקנ פּלאַנ באַשטאַנענ אינ שאַפנ אינ לאַנד אַלע נייטיקע טעכנישע אונ עקאָנאָמישע פאָרהאַנאַכעס אפ אופצוהייבנ מאַקסימאַל די שוצפייִקייט פונ לאַנד, וואָס גיט אַ מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירנ אַנ אַנטשיידענעמ ווידערשטאַנד קעגנ אַלע אונ קאָלערליי פּרוּוונ פונ אַ מיליטערישער אינטערווענציע פונ אויסנ, קעגנ אַלע אונ קאָלערליי פּרוּוונ פונ אַ מיליטערישנ אָנפאַל פונ אויסנ".

אַ פאַנטאַזיע! גערעדט פונ היץ! אַ משוגעס! — האָט געשריִענ מיט רעציכע די בורזשואַזיע פונ אַלע לענדער, ווענ זי האָט זיכ דערוווּסט וועגנ אונדזער פינפיאָר. אָבער די אַרבעטער אונ פויערימ האָבנ ארויסגערוקט אַנ אַנטקעגנדיקנ פּלאַנ: *פאַרענדיקנ דעמ פינפיאָר אינ פיר יאָר!* אונ, ווי אַלעמענ איז באַוווּסט, איז דער דאָזיקער אַנטקעגנדיקער פּלאַנ דערפאָלגרייכ אויסגעפילט געוואָרנ. אונדזער ערשטער פינפיאָר איז פאַרענדיקט געוואָרנ ניט אינ 1933 יאָר, נאָר אינ *1932 יאָר*.

פאַרוואָס איז דער פּלאַנ געוואָרנ אויסגעפילט אפילע פאַרנ טערמינ?

די אַרבעטערנ פונ דער נאַראָפאָמינער פאַבריק, אַנ אומפּאַרטייִשע, אַ מיטגליד פונ צענטראַלנ אויספיר־קאָמיטעט פונ פאַרבאַנד — כיטע *ראָזשקאָווא* האָט געזאָגט אפ אַ זיצונג פונעם קאָמיטעט:

„די סאָנימ אונדזערע, די קלאַסנ־פרעמדע עלעמענטנ, האָבנ ניט געטראַכט אַז מיר וועלנ אויספילנ דעמ פינפיאָר אינ פיר יאָר. זיי האָבנ פאַרגעסנ וועגנ דעמ, אַז דער פּראָלעטאַריאַט אַליינ, דער אַרבעטער־קלאַס אונ אַלע אַרבעטנדיקע האָבנ באַשטעטיקט דעמ גרויסנ פּלאַנ פונ דער פאָלקווירטשאַפט. אַרבעטנדיק אפ די ווערקשטעלנ, אפ די פעלדער, אינ די מאַשינ־טראַקטערישע סטאַנציעס, האָבנ די אַרבעטנדיקע פונ אונדזער לאַנד *אַליינ באַשטעטיקט דעמ פינפיאָריקנ פּלאַנ אונ האָבנ אימ אויסגעפילט*. אָט דאָס האָבנ פאַרגעסנ אונדזערע סאָנימ. זיי זיצנ אפ די שטולנ אינ די פּאַרלאַמענטנ אונ וויסנ ניט, וויאַזוי צו נעמענ זיכ באַ דער כאָכע. פאַר דער מאַשינ. אָבער מיר אַלע זײַנענ אַרבעטנדיקע".

איצט וואַגט מענ שוינ ניט אויכ אינעמ לאַגער פונ אונדזערע סאָנימ אָפּצולייקענענ די דערפאָלגנ פונעם פינפיאָר.

וואָס זשע זײַנענ די סאַכאַקלענ, די רעזולטאַטנ פונ אויספילנ דעמ ערשטנ פינפיאָריקנ פּלאַנ?

פאַר די פיר יאָר איז אַרײַנגעלייגט געוואָרנ אינעמ פאַרגעזעלשאַפטלעכטנ סאָציאַליסטישנ סעקטער (טייל) פונ דער פאָלקווירטשאַפט — אינ דער אינדוסטריע, אינ דעמ טראַנספּאָרט, אינ די ראַטווירטנ, אינ די קאָלווירטנ, אינ דער קאָאָפּעראַציע אונ אַנדערע — 48 *מיליאַרד 400 מיליאָנ רובל* (אונ לויטנ פּלאַנ האָט מענ גערעכנט אַרײַנלייגנ פאַר די פינפ יאָר 39 מיליאַרד 900 מיליאָנ רובל). פונ דער דאָזיקער סומע איז אינ דער אינדוסטריע אַרײַנגעלייגט געוואָרנ העכער

23 מיליארד און אינ דער לאנדווירטשאפט קימאט 16 מיליארד. דערפונ 12 מיליארד 700 מיליאָנ אפנ כעזשבנ פונ דער מעלוכע.

פאר די פיר יאָר איז די פראָדוקציע פונ אונדזער גרויסער אינדוסטריע אויסגעוואקסנ פונ 15 מיליארד 700 מיליאָנ ביז 34 מיליארד 300 מיליאָנ, ד. ה. מער ווי אינ צוויי מאָל (אפ 219 פראָצ.). אינ פארגלײַכ מיט דער אינדוסטריע פונ צארישנ רוסלאנד (1913 יאָר) האָט זיכ די פראָדוקציע פונ אונדזער אינדוסטריע פארגרעסערט מער, ווי אינ דרײַ מאָל (אפ 334 פראָצ.).

באזונדערס שטארק איז אויסגעוואָקסנ די מאשינבוי־אינדוסטריע: אינ פינפ מאָל פאר פיר יאָר און לעגאבע דעמ פארמילכאָמעדיקנ ניוואָ — מער ווי אינ צענ מאָל.

א סאכ אינדוסטריע־צווײַגנ זײַנענ ערשט געשאפנ געוואָרנ פאר די יאָרנ פונעמ פינפיאָר אָדער האָבנ זיכ הויכ אנטוויקלט פונ א שוואכער, אָפטמאָל האלב־קוסטארישער פראָדוקציע. אָט אזוינע זײַנענ די טראקטער־אינדוסטריע, די קאָמבײַנענ־אינדוסטריע, די אינדוסטריע פונ לאנדווירטשאפטלעכער מאשינבויונג (כוצ טראקטערס און קאָמבײַנענ), די אווטאָמאָביל־אינדוסטריע, די אוויאציע־אינדוסטריע, די עלעקטראָטעכנישע, די ווערקשטעלבוי־אינדוסטריע, די אליומיניומ־אינדוסטריע, די אינדוסטריע פונ קינסטלעכע פיברעס, די טריקאָטאזש־אינדוסטריע, די קאָנסערוונ־אינדוסטריע, די פלייש־אינדוסטריע און א סאכ אנדערע.

מיר האָבנ זיכ דערשלאָגנ, אז מיר קאָנענ אינ אונדזערע אייגענע זאוואָדנ מיט אונדזערע אייגענע מיטלענ פראָדוצירנ יעטווידער מאשינ און מעכאניזמ, אָנהייבנדיק פונ די סאמע קליינע און דעליקאטע, ווי די ביז גאָר פינקטלעכע אויסמעסט־אפאראטנ, אָדער קלאנגענ־קינאָ־אפאראטנ, ביז די גיגאנטישע מאשינעס, ווי די עלעקטרישע טורבאָגענעראטערס אָדער בליומינגענ.

אונדזער אינדוסטריע איז פאר די פיר יאָר פונעמ פינפיאָר אויסגעוואָקסנ מיט אנ אומגעהייערער שנעלקײַט. און די אינדוסטריע פונ די קאפיטאליסטישע לענדער האָט פאר די זעלבע יאָרנ — די יאָרנ פונ הארבנ קריזיס בא די קאפיטאליסטנ — זיכ שנעל געקײַקלט אראָפ. לאָמיר דערמאָנענ, אז די אינדוסטריעלע פראָדוקציע פונ די וויכטיקסטע קאפיטאליסטישע לענדער איז געפאלנ מער, ווי אפ א העלפט אינ אפילע נאָכ נידעריקער.

אינ רעזולטאט פונ דער מעכטיקער אנטוויקלונג פונ אונדזער אינדוסטריע האָט זיכ שארפ געענדערט איר באדײַטונג אינ דער פאָלקווירטשאפט. אינ 1928 יאָר האָט די אינדוסטריעלע פראָדוקציע באטראָפנ 42 פראָצ. פונ דער גאנצער פאָלקווירטשאפטלעכער פראָדוקציע, און די לאנדווירטשאפט — 58 פראָצ. אינ 1932 יאָר האָט די אינדוסטריעלע פראָדוקציע באטראָפנ שוינ 70 פראָצ. און די לאנדווירטשאפטלעכע — סאכאקל 30 פראָצ.

אזוי ארום איז די אויפגאבע פונעמ פינפיאָר — אריבערצופירנ דעמ ראטנפארבאנד אפ די רעלסנ פונ דער פאָרגעשריטענער נײַסטער טעכניק, פארוואנדלענ דעמ ראטנפארבאנד פונ אנ אגראר, לאנדווירטשאפטלעכ לאנד, פונ א שוואכ לאנד, אינ אנ אינדוסטריעל מעכטיק לאנד, — די דאָזיקע אויפגאבע איז אינ גרונט גלענצנדיק געלייזט געוואָרנ. דערבײַ זײַנענ די לעצטע רעשטלעכ קאפיטאליסטישע עלעמענטנ ארויסגעשטויסנ געוואָרנ פונ דער אינדוסטריעלער פראָדוקציע.

919 — 11



ער ערשטער סאָוועטישער בלּיומינג

נאָכ אינ 1930 יאָר האָט די פּראָדוקציע פונ די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגענ באַטראָפנ אינ דער אַלגעמיינער מאַסע פּראָדוקציע פונ אונדזער גרויסער אינדוסטריע ווײניקער ווי אײנ פּראָצ.

אפ דער באַזע פונ אינדוסטריאַליזאַציע, פונ דער אַנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע איז דערפאָלגרײכ געלייזט געוואָרנ אינ גרונט אויכ די אויפגאַבע: איבערבאַוואָפענענ די רויטע אַרמיי, פאַרפעסטיקנ די שוצפײיִקײט פונעמ ראַטנפאַרבאַנד.
וועגנ דעמ זאָגט כאַווער סטאַלינ:

„פונ אַ לאַנד אַ שוואַכס אונ ניט צוגעגרייטס צו פאַרטיידיקנ זיכ, איז דער ראַטנפאַרבאַנד פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ אַ מעכטיק לאַנד אינ זינ פונ שוצפײיִקײט, אינ אַ לאַנד, וואָס איז גרייט צו קאָלערליי צופעליקײטנ, אינ אַ לאַנד, וואָס איז פײיִק צו פּראָדוצירנ אינ אַ מאַסנמאַסשטאַב אַלע הײנטצײטיקע שוצגעצײג אונ באַזאָרגנ מיט זיי זײנ אַרמיי אינעמ פאַל פונ אַנפאַל פונ אויסנ".

אינ דער לאַנדווירטשאַפט איז דער פאַרזײ־שעטעכ פאַר פיר יאָר פאַרברייטערט געוואָרנ אפ 21 מיליאָנ העקטאַר. אונ לעגאַבע דעמ פאַרמילכאָמעדיקנ ניוואָ איז דער פאַרזיי פאַרגרעסערט געוואָרנ אפ דרײַסיק מיליאָנ העקטאַר. די סכוירע־פּראָדוקציע פונ דער לאַנדווירטשאַפט איז אויסגעוואַקסנ אינ צוויי מאָל: פונ 700 מיליאָנ פוד ביז 1400 מיליאָנ פוד ברויט, וואָס די מעלוכע פאַרגרייט. דערבײַ האָט אינ 1928 יאָר דער סאָציאַליסטישער סעקטאָר — די ראַטווירטנ אונ קאָלווירטנ — געגעבנ פונעמ דאָזיקנ סכומ סאַכאַקל 10 פּראָצענט, אונ אינ 1932 יאָר האָבנ זיי שוינ געגעבנ 75 פּראָצענט.

די סאָציאַליסטישע פיצוכט איז אויסגעוואָקסנ אינ צענדליקער

מאָל. בלויז אינ די גרויסע ראטווירטנ אונ אינ די קאָלווירטישע סכויר־פערמעס איז די צאָל רינדער אויסגעוואָקסנ פונ 332 טויזנט ביז 7 מיליאָנ 600 טויזנט שטיק. (דערונטער אינ די קאָלווירטישע פערמעס 5 מיליאָנ 500 טויזנט).

די צאָל כאזיירים אינ די גרויסע ראטווירטנ אונ אינ די קאָלווירטישע פערמעס האָט זיכ פארגרעסערט פונ 75 טויזנט ביז 3 מיליאָנ 600 טויזנט (דערונטער אינ די קאָלווירטישע פערמעס 2 מיליאָנ 600 טויזנט). די צאָל שעפּסנ אונ ציגנ איז אויסגעוואָקסנ פונ 970 טויזנט ביז 9 מיליאָנ 900 טויזנט שטיק (דערונטער אינ די קאָלווירטישע פערמעס 5 מיליאָנ 600 טויזנט).

מע דאַרפ אָבער באמערקנ, אז די אנטוויקלונג פונ דער פיצוכט אינגאנצנ גענומענ איז אָפּגעשטאנענ לעגאבע די אָנמערקונגענ פונעמ פינפיאָריקנ פּלאנ. דאָס דערקלערט זיכ דערהויפּט דערמיט, וואָס דער אָפּגעשטאנענער טייל פויערטומ האָט אונטער דער ווירקונג פונ דער באלעבאטישער אגיטאציע אינ א גרויסער צאָל פארניכטעט דאָס פי.

אינ דער לאנדווירטשאפט איז דער פינפיאָר קוידעמקאָל געווענ א פינפיאָר פונ קאָלעקטיוויזאציע. פאר די פיר יאָר האָט זיכ די צאָל קאָלווירטנ פארגרעסערט פונ 33 טויזנט ביז 211 טויזנט. די צאָל פויערשע ווירטשאפטנ, וואָס זיינענ פארייניקט אינ די קאָלווירטנ, איז אויסגעוואָקסנ פונ 400 טויזנט ביז 15 מיליאָנ. דער פּראָצענט קאָלעקטיוויזירטע ווירטשאפטנ האָט זיכ אויפגעהויבנ פונ 2 ביז 62. דער קאָלעקטיוויזאציע־פּלאנ איז איבערגעשטיגנ געוואָרנ פאר פיר יאָר אינ דריי מאָל.

ראטווירטנ זיינענ בא אונדז געווענ אינ 1928 יאָר 3000. אונ איצט זיינענ פאראנ 5.820. מאשינ־טראקטערשע סטאנציעס איז געווענ סאכאקל איינע אונ איצט איז פאראנ 2.650.

די קאָלווירטנ אונ ראטווירטנ צוזאמענ האָבנ פארזייט אינ 1928 יאָר סאכאקל 5 פּראָצ. פונעמ גאנצנ פארזיי־שעטעכ. אונ אינ 1932 יאָר האָבנ זיי פארזייט 80 פּראָצ. דער פארזיי־פּלאנ אינ פערטנ יאָר פונעמ פינפיאָר איז איבערגעשטיגנ געוואָרנ אינ 4 מיט א האלבנ מאָל.

די פויערימ, וואָס זיינענ איצט ארייַנ אינ די קאָלווירטנ, האָבנ פארזייט אינ 1928 יאָר אלס אינדיווידואלנ 60 מיליאָנ העקטאר. נאָכנ פארייניקנ זיכ אָבער אינ די קאָלווירטנ האָבנ זיי פארזייט אינ 1932 יאָר 90 מיליאָנ העקטאר.

אָט דאָס אלצ באטייט, אז אונדזער לאנדווירטשאפט איז ניט בלויז מעכטיק אויסגעוואָקסנ, נאָר זי איז אויכ גרינטלעכ רעקאָנסטרויִרט, איבערגעבויט געוואָרנ. אָנשטאָט דער דריבנער, פּריוואט־אייגנטימערישער ווירטשאפט, וואָס האָט דאָמינירט אינ אָנהייב פינפיאָר, האָט איצט די הערשנדיקע לאגע פארנומענ די גרויסע סאָציאליסטישע פּראָדוקציע אינ דער פאָרמ פונ ראטווירטנ אונ קאָלווירטנ.

אָפ אזא אויפנ איז די אויפגאבע פונעמ פינפיאָר — איבערבאוואָפנענ די לאנדווירטשאפט אונ איבערבויענ זי אָפ א סאָציאליסטישנ שטייגער, פארשפּרייטנ די סאָציאליסטישע ווירטשאפט־פאָרמענ אָפנ דאָרפ, שאפנ אויכ אינ דאָרפ אנ עקאָנאָמישע באזע פארנ סאָציאליזמ, — די דאָזיקע אויפגאבע איז אויכ גלענצנד אינ גרונט געלייזט געוואָרנ. די סאָציאליסטישע ווירטשאפט־פאָרמענ האָבנ געזיגט אינ דאָרפ ענדגילטיק אונ אָפ שטענדיק.

יעטווידער מעגלעכקײט פארנ דאָרפ צוריקערנ זיכ אפנ קאפיטאליסטישנ אנטוויק־לונג־וועג איז באזײטיקט געוואָרנ. אונ דער לעצטער קאפיטאליסטישער קלאס — דאָס באלעבאטום — איז אינ גרונט ליקווידירט געוואָרנ.

אונ אינ די קאפיטאליסטישע לענדער איז די לאנדווירטשאפט פאר דער זעלבער צײט אוועק בארג אראָפ. לאָמיר דערמאָנענ די באדײטנדיקע פארקירצונג, דאָס פאלנ פונ דער ברוטא־פראָדוקציע מער ווי אפ א העלפט אא.

אינ רעזולטאט פונ דער שנעלער אונ מעכטיקער אנטוויקלונג פונ דער פאָלק־ווירטשאפט פארנ פינפיאָר אינ פיר יאָר האָט זיכ באדײטנדיק פארגרעסערט די באפעלקערונג, זײנענ שטארק אויסגעוואָקסנ די פאָלק־האכנאָסעס אונ עס האָט זיכ שארפ פארבעסערט די מאטעריעלע לאגע פונ די ארבעטער אונ פויערימ.

אײנער פונ די בוילעטע צײגער דערפונ, אז עס האָט זיכ פארבעסערט דאָס לעבנ פונ די ארבעטנדיקע מאסנ, איז דער שנעלער וווּקס פונ דער באפעלקערונג. פארקערט, די פארערגערונג פונ די לעבנ־באדינגונגענ פונ די מאסנ ברענגט דערצו, אז עס פאלט דער וווּקס פונ דער באפעלקערונג אונ קאָנ אפילע ברענגענ צו א פאר־קלענערונג פונ דער צאָל באפעלקערונג.

אינ ראטנפארבאנד איז די באפעלקערונג אויסגעוואָקסנ פונ 137 מיליאָנ מענטשנ אינ 1923 יאָר ביז 161 מיליאָנ אינ 1930 יאָר. פאר אײנ 1931 יאָר האָט זיכ די באפעלקערונג פונ ראטנפארבאנד פארגרעסערט אפ 3 מיליאָנ מענטשנ, אָדער אפ 1,85 פראָצ. אונ די באפעלקערונג פונ פראנקרײכ האָט זיכ פארגרעסערט פארנ זעלבנ יאָר אפ 600 טויזנט מענטשנ, אָדער אפ 1,46 פראָצ. די באפעלקערונג פונ צפונ־אמעריקע איז אויסגעוואָקסנ אפ 1 מיליאָנ 500 טויזנט מענטשנ, אָדער אפ 1,2 פראָצ. די באפעלקערונג אינ דײטשלאנד אונ ענגלאנד איז געבליבנ אָנ ענדערונג, אונ די באפעלקערונג פונ איטאליע האָט זיכ פארקלענערט אפ 400 טויזנט מענטשנ, אָדער אפ 1 פראָצענט.

אזויארום האָט זיכ די באפעלקערונג פונ ראטנפארבאנד פאר אײנ יאָר פארגרעסערט קימאט אינ צוויי מאָל מער, איידער די באפעלקערונג פונ די 5 גרעסטע קאפיטאליסטישע לענדער צוזאמענגענומענ.

די בורזשואזע געלערנטע האלטנ, אז דער יערלעכער צוּווּקס פונ דער באפעל־קערונג אינ די גרונטיקע קאפיטאליסטישע לענדער דעקט ניט די נאטירלעכע פאר־קלענערונג פונ דער באפעלקערונג. דאָס באטײט, אז די קאפיטאליסטישע לענדער שטייענ אונטער א געפאר, ווי די בורזשואזע געלערנטע דריקנ זיכ אויס, פונ „טראגישער דעפאָפוליאציע", פּשוטער גערעדט — פונ אויסשטארבונג.

די באפעלקערונג פונ די גרונטיקע קאפיטאליסטישע לענדער ווערט פארקירצט, די באפעלקערונג פונעמ פארבאנד סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפובליקנ וואקסט שנעל.

צי דארפ מענ האָבנ א מער בוילעטנ באווײז, אז דער קאפיטאליזמ ברענגט די ארבעטנדיקע דעגענעראציע אונ אונטערגאנג, אונ דער סאָציאליזמ פארבעסערט די לעבנ־באדינגונגענ פונ די מאסנ?

די פאָלק־האכנאָסעס זײנענ אויסגעוואקסנ פאר די פיר יאָר ביז 45 מיליארד, ד. ה. אפ 85 פראָצ. אינ פארגלײכ מיט 1928 יאָר.

מיר דארפנ אָבער באטראכטנ, וויאזוי עס ווערט פאנאנדערגעטיילט באַ אינדזנ די שנעל־וואקסנדיקע פאָלק־האכנאָסע צווישנ דעמ סאָציאליסטישנ סעקטער אונ דעמ פריוואטנ סעקטער פונ דער פאָלקווירטשאפט, ד. ה. צווישנ די מעלוכישע אונ קאָל־ווירטיש־קאָאָפעראטיווע אונטערנעמונגענ, פונ איינ זײַט, אונ דער פריוואט־אייגנטימערישער ווירטשאפט — פונ דער צווייטער.

אנ אנטשיידנדיקע באַדײַטונג האָט טאקע די פאנאנדערטיילונג פונ די האכנאָסעס צווישנ די דאָזיקע סעקטערס. אויב, לעמאָשל, אלץ א גרעסערער אונ גרעסערער טייל פונ דער שטײַגנדיקער פאָלק־האכנאָסע וואָלט געגאנגענ אינעמ פריוואט־ווירטשאפטלעכנ סעקטער, איז קלאָר, אז דאָס וואָלט געבראכט סאָפקאָלסאָפ צומ ניצאָכנ פונ קאפיטאליזמ.

ווי זשע ווערט פאנאנדערגעטיילט די פאָלק־האכנאָסע צווישנ דעמ סאָציאליסטישנ אונ פריוואטנ סעקטער פונ דער פאָלקווירטשאפט?

אינ 1928 יאָר איז אינעמ סאָציאליסטישנ סעקטער אָנגעקומענ בלויז א העלפט פאָלק־האכנאָסע, די צווייטע העלפט איז פארבליבנ אינעמ פריוואטנ סעקטער.

אינ 1932 יאָר איז אינ סאָציאליסטישנ סעקטער שוינ אָנגעקומענ 87 פראָצ. פאָלק־האכנאָסע אונ אפנ כיילעק פונעמ פריוואטנ סעקטער איז אויסגעקומענ סאכאקל 13 פראָצענט.

אזא פאנאנדערטיילונג פונ דער פאָלק־האכנאָסע צווישנ דעמ סאָציאליסטישנ אונ פריוואטנ סעקטערנ באַווײַזט אָנשוילעכ, אז עס האלט נאָענט באַמ פולשטענדיקנ אונ ענדגילטיקנ ניצאָכנ פונ דער סאָציאליסטישער ווירטשאפט אינעמ ראטנפארבאנד.

וועגנ דער פארבעסערונג פונ דער מאטעריעלער לאַגע פונ די ארבעטער רעדט קיידעמקאָל דער פאקט, אז דער פינפיאָר האָט פארניכטעט די ארבעטלאָזיקײַט. נאָכ מיט דרײַ יאָר צוריק איז באַ אונדז געווענ באַ אָנדערהאלבנ מיליאָנ ארבעטלאָזע. איצט אָבער, ווי כאווער סטאלינ זאָגט, „האָבנ שוינ די ארבעטער באַוויזנ צו פארגעסנ די ארבעטלאָזיקײַט, איר יאָכ, אירע גרוילנ“.

ניט אזוי איז אינ די קאפיטאליסטישע לענדער. מיר ווייסנ, אז דאָרטנ זײַנענ פאראנ צענדליקער מיליאָנענ ארבעטלאָזע אונ זייער צאָל וואקסט.

דער דורכשניטלעכער יערלעכער פארדינסט פונ די ארבעטער האָט זיכ אויפגעהויבנ פאר די פיר יאָר פונ 703 רובל ביז 1356 רובל, ד. ה. ער איז אויסגעוואָקסנ קימאט אינ צוויי מאָל. די גאנצע סומע אויסגעצאָלטנ ארבעטלוינ איז אויסגעוואָקסנ פונ 8 מיליארד ביז העכער 30 מיליארד רובל, ד. ה. זי האָט זיכ פארגרעסערט מער ווי אינ 3 מיט א האלב מאָל.

כוץ דעמ, האָבנ די סומעס, וואָס מע האָט ארויסגעגעבנ די ארבעטער לויט דער סאָציאלער סטראכירונג, זיכ פארגרעסערט פונ 1 מיליארד ביז העכער 4 מיליארד רובל.

מיט דער געזעלשאפטלעכער דערנערונג האָבנ זיכ באנוצט אינ 1928 יאָר בלויז 550 טויזנט ארבעטער, אינ 1932 יאָר — שוינ 14 מיליאָנ אָדער 70 פראָצ. פונ אלע פערזאָנענ, וואָס זײַנענ פארנומענ מיט לוינארבעט.

אינ די קאפיטאליסטישע לענדער אָבער איז פאר די זעלבע יאָרנ דער ארבעט־



1928 יאָר — 1932 יאָר

וווּקס פונ דער צאָל קאָלווירטנ

לויג, ווי מיר געדענקענ, אראָפּגעזעצט געוואָרנ אפ א העלפט, אונ די ארבעטער פארלירנ פונ דער האָזיקער אראָפּזעצונג צענדליקער מיליארדנ.

א גרינטלעכע פארבעסערונג איז פארגעקומענ אינ דער לאגע פונ די ארבעטנדיקע מאסנ אינ דאָרפ. כאַווער סטאלינ זאָגט וועגנ דעמ אזוי:

„וואָס האָט דער פינפיאָר אינ פיר יאָר געגעבנ די אָרעמפויערימ אונ די אונטערשטע שיכטנ מיטלפויערימ? ער האָט ארונטערגעריסנ אונ צעקלאפּט דאָס באלעגופנטומ אלס קלאס, באפרײענדיק די אָרעמפויערימ אונ א גוטע העלפט מיטלפויערימ פונ דער באלעגופישער פארשקלאפונג... ער האָט דערמיט גופע פארניכטעט די מעגלעכקײט פאר א דיפערענציאציע פונעמ פויערטומ אפ עקספּלואטאטערס — באלעגופימ אונ אפ עקספּלואטירטע — אָרעמפויערימ. ער האָט אופגעהויבנ די אָרעמשאפט אונ די נידעריקע שיכטנ מיטלפויערימ אינ די קאָלווירטנ ביז דער לאגע פונ באזאָרגטע מענטשנ אונ האָט דערמיט גופע פארניכטעט דעמ רויִנירונג-אונ פאראָרעמונג-פראָצעס אינעמ פויערטומ. איצט האָבנ מיר שוינ ניט אזוינע פאלנ, אז מיליאָנענ פויערימ זאָלנ זיכ יערלעכ אָפּרײסנ פונ זייערע ערטער אונ אוועקגײנ אפ פארדינסטנ אינ ווײטע קאנטנ. קעדיי ארויסצײענ דעמ פויער אפ ארבעט ערגעצ ווו אויסער זײנ אייגענעמ קאָלווירט, דארפ מענ איצט אונטערשרײבנ אנ אָפּמאכ מיטנ קאָלווירט אונ דערצו נאָכ באוואָרענענ דעמ קאָלווירטניק אנ אומזיסטע רײזע מיט דער אײזנבאנ. איצט האָבנ מיר שוינ ניט אזוינע פאלנ, אז הונדערטער טויזנטער אונ מיליאָנענ פויערימ זאָלנ רויִנירט ווערנ אונ זאָלנ אָפּשלאָגנ די שוועלנ פונ די פאבריקנ אונ זאוואָדנ. דאָס איז געווענ, אָבער דאָס איז שוינ לאנג פארשוווּנדנ. איצט איז דער פויער א באוואָרנטער באלעבאָס, א מיטגליד פונ קאָלווירט, וואָס האָט אינ זײנ רעשוס טראקטערס, לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, זריִע-פאָנדנ, רעזערוו-פאָנדנ אאוו. אהנ.”

אָט וואָס דער פינפיאָר האָט געגעבנ די ארבעטנדיקע מאסנ פונ דאָרפ.

אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער אָבער האָט זיכ פאר די זעלבע יאָרנ פארשטארקט די קלאסנ-דיפערענצירונג אינ דאָרפ, די רויִנירונג, די פאראָרעמונג פונעמ פויערטומ.

די אלגעמיינע סאכאקלענ פונעמ ערשטנ פינפיאָריקנ אנטוויקלונג-פּלאנ פונ אונדזער פאלקווירטשאפט זײנענ אזוינע:

דער ראטנפארבאנד איז פארוואנדלט געוואָרנ פונ א שוואכ אגראר לאנד אינ א מעכטיק אינדוסטריעל לאנד, וואָס איז פייִק צו געבנ א צעשמעטערנדיקנ ווידערשטאנד יעטווידער אָנפאל פונ די אימפעריאליסטנ.

דער ראטנפארבאנד איז פונ א לאנד פונ קליינער אונ דריבנער לאנדווירטשאפט געוואָרנ א לאנד פונ דער גרעסטער אינ דער וועלט סאָציאליסטיש־אָרגאניזירטער לאנדווירטשאפט.

די סאָציאליסטישע פראָדוקציע האָט פארנומענ די הערשנדיקע לאגע אינ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט סײַ אינ שטאָט סײַ אינ דאָרפ. אינ ראטנפארבאנד איז פארלייגט געוואָרנ דער פונדאמענט פונ סאָציאליזמ. עס איז באוואָרנט געוואָרנ דער פולשטענדיקער ניצאָכנ פונ דער קאָלווירטישער אָרדענונג אינ דאָרפ. עס איז באוואָרנט אינ א פולער מאָס די אויסבויונג פונ דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט אינ אונדזער פארבאנד.

אונדזערע ארבעטער אונ פויערימ האָבנ באוויזנ דער גאנצער וועלט אינ דער פראקטיק דעמ פאָרצוג פונ דער סאָוועטישער סאָציאליסטישער ווירטשאפטס־סיסטעמ לעגאבע דער קאפיטאליסטישער סיסטעמ, וואָס גייט אונטער פאר אלעמענ אינ די אויגנ.

אָט אזא איז די קאָלאָסאלע אלוועלטלעכ־היסטאָרישע באדײַטונג פונ אונדזערע ערשטנ פינפיאָריקנ פלאנ.

דער צווייטער פינפיאָר—
די אויסבויונג פונ דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט

דאָס פארענדיקנ דעמ ערשטנ פינפיאָר אינ פיר יאָר האָט געפאָדערט שוינ אינ 1932 יאָר פאנאנדערצוארבעטנ דעמ צווייטנ פינפיאָריקנ פלאנ אפ אנטוויקלענ די פאָלקווירטשאפט (1933—1937 יאָרנ). וואָס זשע זײַנענ די הויפט־אויפגאבנ, די גרונט־אָנצייכענונגענ פונעמ צווייטנ פינפיאָר?

אינ פעווראל 1932 יאָר איז פאָרגעקומענ די 17־טע פארטיי־קאָנפערענצ. זי האָט געגעבנ די דירעקטיוונ אפ צונויפשטעלנ דעמ צווייטנ פינפיאָריקנ פלאנ אפ אנטוויקלענ די פאָלקווירטשאפט אינ ראטנפארבאנד. אינ דער רעזאָליוציע איבער די פאָרטראגנ פונ די כאווײרימ מאָלאָטאָוו אונ קויבישעוו לייענענ מיר:

„די קאָנפערענצ האלט, אז די פאָליטישע גרונט־אויפגאבע פונעמ צווייטנ פינפיאָר איז ענדגילטיק צו ליקווידירנ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ אונ די קלאסנ בכלל, פולשטענדיק פארניכטנ די סיבעס, וואָס רופנ ארויס די קלאסנ־אונטערשיידנ אונ עקספלואטאציע, אונ בײַקומענ די רעשטלעכ קאפיטאליזמ אינ דער עקאָנאָמיק אונ אינעמ באוווסטזײַנ פונ די מענטשנ, פארוואנדלענ די גאנצע ארבעטנדיקע באפעלקערונג פונ לאנד אינ באוווסטזיניקע אונ אקטיווע בויער פונ דער אָנקלאסנדיקער סאָציאליסטישער געזעלשאפט”.



וווּקס פונ דער צאָל מאַשינ-טראַקטאָרישע סטאַנציעס

1928 יאָר

1932 יאָר

אזוי ארומ איז דער צווייטער פינפיאָר א פינפיאָר פונ אויסבויענ אינ אונדזער פאַרבאַנד די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

לאָמיר באַטראַכטנ גענויער א ריי באַזונדערע אופגאַבנ, וואָס גייענ ארײַנ אינ דער גרונטיקער אונ וויכטיקסטער פּאָליטישער אופגאַבע צו פאַרניכטנ די קלאַסנ, וואָס שטייט פאַרנ צווייטנ פינפיאָר.

אונטער דער ענדגילטיקער ליקווידירונג פונ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ אונ קלאַסנ בכלל מיינט מענ דאָ קודעמקאָל — פאַרענדיקנ פולשטענדיק ליקווידירנ דאָס באַלעגופנטומ אלס קלאַס אונ אויכ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ אינ שטאָט (די קליינע אונטערנעמער, די פּריוואַטע הענדלער, די ספּעקולאַנטנ, די איבערפאַרקויפער אד״ג). מיט דער ליקווידירונג פונעמ באַלעגופנטומ וועט בײַ אונדז פאַרשווינדנ דער לעצטער עקספּלואַטאַרישער קלאַס, מיט דער ליקווידירונג פונ די לעצטע קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ וועט בײַ אונדז פאַרשווינדנ יעטווידע מעגלעכקײַט, אַז איינ מענטש זאָל עקספּלואַטירנ א צווייטנ.

ווײַטער, אונטער דער ענדגילטיקער ליקווידירונג פונ די קלאַסנ בכלל ווערט פאַרשטאַנענ — פולשטענדיק פאַרענדיקנ די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע פונ די פויערשע ווירטשאַפטנ. ניט זייענדיק קיינ עקספּלואַטאַרישער קלאַס, בילדנ אָבער די אַרבעטנדיקע פויערימ א באַזונדערנ שיכט קליינע פּריוואַטע אייגנטימער, וואָס פונ אימ טיילנ זיכ אויס באַזונדערע קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ. די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע באַטײַט טאַקע די פאַרשווינדונג פונעמ שיכט קליינע אייגנטימער, זייער פאַרוואַנדלונג אינ קאָלווירטניקעס.

עס פאַרבלײַבנ נאָכ געוויסע קלאַסנ-אונטערשיידנ, וואָס זײַנענ אריבער צו אונדז פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. עס פאַרהיטנ זיכ נאָכ די רעשטלעכ, די איבערבלײַבענישנ פונ דער קלאַסעווער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג אינ דער ווירטשאַפט אונ אינ דעמ באַוווּסטזײַנ פונעמ מענטשנ. עס איז נאָכ פאַראנ אנ אונטערשייד צווישנ דער מעלוכישער סאָציאַליסטישער אונטערנעמונג אונ דער קאָלעקטיווער סאָציאַליסטישער אונטערנעמונג, אנ אונטערשייד צווישנ דעמ אַרבעטער אונ קאָלווירטניק. עס זײַנענ נאָכ פאַראנ רעשטלעכ פּריוואַט-אייגנטימערישע שטרעבונגענ בײַ די קאָלווירטניקעס, רעשטלעכ בורזשואַזע אָנשוינגענ בײַ די אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער אד״ג.

דאָס בײַקומענ אַט די אַלע רעשטלעכ אונ איבערבלײַבענישנ פונעמ קאַפּיטאַליזמ גײט אויכ אַרײַנ אינ דער אַלגעמײנער אופגאַבע צו פאַרניכטנ פולשטענדיק די קלאַסנ. דאָס ווערט דערגרײכט אַפ דער באַזע פונ אונטערפירנ אונטער די קאָלווירטנ די גרויסע מאַשינ-טעכניק (מאַשינ-טראַקטאָרישע סטאַנציעס), דורכ איבערדערציִענ די קאָלווירטניקעס אונ די גאַנצע מאַסע אַרבעטנדיקע אינ באַוווּסטזיניקע אונ אַקטיווע בויער פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, בײַ דער אַרבעט גופע אינ דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, אינעמ סאַמע גאַנג פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג, אונטער דער אָנפירונג פונעמ פאָרגעשריטענעמ טײל פּראָלעטאַריאַט — פונ זײַנ פּאַרטײ.

מיט דער פאַרשווינדונג פונעמ קלאַס דאָרפישער בורזשואַזיע דורכ דער ליקווידירונג פונעמ באַלעגופנטומ, מיט דער פאַרשווינדונג פונעמ שיכט קלײנע אַרבעטנדיקע אײגנטימער דורכ פאַרענדיקנ די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע, מיטנ פאַרפעסטיקנ אונ אַנטוויקלענ די קאָלווירטנ אַפ דער באַזע פונ דער הויכער מאַשינ-טעכניק, מיטנ איבערדערציִענ סאָציאַליסטיש די אַרבעטנדיקע מאַסנ ווערנ בײַ *אונדז פאַרניכטעט די לעצטע סיבעס, וואָס רופנ נאָכ אַרויס עקספּלואַטאַציע, די קלאַסנ-אײַנטײלונג אונ די קלאַסנ-אונטערשײדנ.*

די פולשטענדיקע ליקווידירונג פונ די רעשטלעכ פונ די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסנ, די מעכטיקע אַנטוויקלונג פונ דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט אונ דער וווּקס פונ דער פאָלק-האַכנאָסע וועלנ געבנ אַ מעגלעכקײַט באַדײַטנדיק צו פאַרבעסערנ די מאַטעריעלע לאַגע פונ די אַרבעטנדיקע. דאָ שטעלט די פּאַרטײ-קאָנפערענצ אַזאַ אופגאַבע:

„די קאָנפערענצ האַלט, אַז *דאָס באַוואָרענענ די באַפעלקערונג מיט די גרונטיקע געברויכ-סכוירעס, דערונטער מיט עסנוואַרג, דאַרפ צומ סאָפ צווײטנ פּינפיאָר פאַרגרעסערט ווערנ ניט ווײניקער, ווי אינ 2—3 מאָל לעגאַבע דעמ סאָפ ערשטנ פּינפיאָר*".

קעדײ צו אופהײבנ דעמ מאַטעריעלנ ניוואָ פונ די אַרבעטנדיקע אונ אויסבויענ די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, וועט מענ דאַרפנ אינ פאַרלויפ פונעמ צווײטנ פּינפיאָר *לײזנ אַ גאַנצע רײ אויסערסט וויכטיקע ווירטשאַפטלעכע אופגאַבנ.* מיר האָבנ אָנגעהויבנ אינ דעמ ערשטנ פּינפיאָר טעכניש רעקאָנסטרויִרנ (איבערבויענ) די גרונט-צווײַגנ פונ דער פאָלקווירטשאַפט: די מעטאַלורגיע, מאַשינ-בויונג, נאַפט-אינדוסטריע, קוילנ-אינדוסטריע, ווי אויכ פונ דער לאַנדווירטשאַפט. די פּאַרטײ-קאָנפערענצ ווײַזט אָנ:

„*די גרונטיקע אונ אַנטשײדנדיקע ווירטשאַפטלעכע אופגאַבע פונעמ צווײטנ פּינפיאָר איז פאַרענדיקנ די רעקאָנסטרוקציע פונ דער גאַנצער פאָלקווירטשאַפט, שאַפנ די נײַסטע טעכנישע באַזע פאַר אַלע צווײַגנ פונ דער פאָלקווירטשאַפט*".

דאָס שאַפנ אַזאַ טעכנישע באַזע וועט האָבנ די גרעסטע באַדײַטונג פאַר דער גאַנצער זאַכ פונעמ סאָציאַליזמ.

ביז איצט פלעגנ אונדזערע ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטנ, די שוועריקייטנ פונ אונדזער בויונג זיכ נעמענ דערהויפט פונ דעמ, וואָס מיר זײַנענ אַ לאַנגע צײַט געווענ געצוווּנגענ שטיצנ זיכ אינ גרונט אפ דער אַלטער, אָפּגעשטאַנענער טעכנישער באַזע, וואָס מיר האָבנ געיאַרשנט פונעמ קאַפּיטאַליזמ. פאַרענדיקנדיק די טעכנישע רעקאָנסטרוקציע, וועלנ מיר דערמיט גופע פולשטענדיק פאַרבײַטנ די דאָזיקע פאַרעלטערטע, ביז גאָר ניט גענוגנדיקע באַזע מיט אונדזער אייגענער סאָציאַליסטישער טעכניק און אפ איר באַזע וועלנ מיר אינ פיל מאָל איבערשטײַגנ אונדזערע איצטיקע טעמפּנ, אונדזער איצטיקע אַרבעט־פּראָדוקטיווקײַט.

„די פירנדיקע ראָליע אינ פאַרענדיקנ די טעכנישע רעקאָנסטרוקציע געהערט דער סאָוועטישער מאַשינ־בויונג", ווערט געזאָגט אינ דער רעזאָליוציע פונ דער קאָנפערענצ. דאָס איז פאַרשטענדלעכ: די טעכנישע רעקאָנסטרוקציע פאָדערט נײַע מאַשינעס, נײַע אויסשטאַטונג און בעמיילע אויכ דעמ וווּקס פונ די מאַשינ־בוי־זאַוואָדנ.

די פּראָדוקציע פונ אונדזער מאַשינ־בויונג דאַרפ זיכ פאַרגרעסערנ צומ סאָפ צווייטנ פינפיאָר (אינ 1937 יאָר) ניט ווייניקער, ווי אינ דרײַ—דרײַ מיט אַ האַלבנ מאָל לעגאַבע דעמ סאָפ ערשטנ פינפיאָר (1932 יאָר). אַלע צווײַגנ פונ דער פאָלקווירטשאַפט, אײַנגעשלאָסנ אי דעמ טראַנספּאָרט, אי די קאָמוניקאַציע, אי דעמ האַנדל, דאַרפנ באַדינט ווערנ מיט די סאַמע פולקומע מאַשינעס און אַפּאַראַטנ פונ אונדזער אייגענער פּראָדוקציע.

באַזונדערס וויכטיק איז דאָס, וואָס אונדזער ווירטשאַפט באַקומט אינ צווייטנ פינפיאָר די נײַסטע ענערגעטישע (קראַפט) באַזע. דער קאַפּיטאַליזמ האָט זיכ אַנטוויקלט אפ דער באַזע פונ דאַמפ־ענערגיע. דער סאָציאַליזמ דאַרפ האָבנ זײַנ אייגענע ענערגעטישע באַזע. לענינ האָט ניט איינמאָל אָנגעוויזנ, אַז אַזאַ באַזע איז די עלעקטרישע ענערגיע.

די עלעקטרישע קראַפט קאָנ מענ צומ לײַכטסטנ פאַרוואַנדלענ אינ יעטווידער אַנדער פאָרמ ענערגיע: אינ מעכאַנישער, אינ טערמאָ־ענערגיע, אינ ליכט־ענערגיע, אינ כימישער און אינ קלאַנג־ענערגיע. די עלעקטרישע קראַפט איז די ביליקסטע די פּראָדוקטיווסטע און די באַקוועמסטע פאַר דער אָנווענדונג. מיט די קלענסטע אויסגאַבנ ווערט זי פונעמ אָרט, ווו זי ווערט אויסגעאַרבעט, איבערגעגעבנ אפ קאָלאָסאַלע דיסטאַנצנ (ביז 1000 קילאָמעטער). זי ווערט לײַכט אָנגעווענדט פאַר די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע פּראָדוצירישע, קולטורעלע און שטייגערדישע באַדערפענישנ (אַלס קוואַל פונ באַוועגונג, פונ וואַרעמקייט, ליכט אאַ.). זי פאַרלײַכטערט ביז גאָר און פאַרייִנפאַכט די אַרבעט, זי הייבט אופ אינ פיל מאָל איר פּראָדוקטיווקײַט. בלויז מיט דער הילפ פונ עלעקטרע־ענערגיע זײַנענ מעגלעכ אַ סאַכ פונ די נײַסטע פּראָדוציר־פּראָצעסנ.

עלעקטראָענערגיע איז די רעוואָלוציאָנערסטע קראַפט. אפ צו באַקומענ דאַמפ־ענערגיע דאַרפ מענ האָבנ אינ יעדער אונטערנעמונג אַ באַזונדערע אינסטאַליאַציע. מיט עלעקטראָענערגיע קאָנ מענ באַדינענ פונ איינ צענטער הונדערטער און טויזנטער אונטערנעמונגענ. די גרויסע עלעקטראָצענטראַלנ קאָנענ ראַ־

ציִאָנעל אויסגענוצט ווערנ בלויז ביטנ, אויב עס ווערנ פארגעזעלשאפט־לעכט די פּראָדוציר־מיטלענ.

אינעמ צווייטנ פינפיאָר וועט פארווירקלעכט ווערנ אנ אויסערסט ברייטע עלעקטריפיקאציע פונ דער אינדוסטריע אונ די בעהאדראָגעדיקע אײַנגלידערונג פונ דער עלעקטראָ־ענערגיע אינ דער לאנדווירטשאפט. די קאָנפערענצ האָט אָנער־קענט פאר נייטיק צו פארגרעסערנ די אויסארבעטונג פונ עלעקטראָענערגיע ניט ווייניקער ווי אינ 6 מאָל.

אפ פּראָדוצירנ עלעקטראָענערגיע דארפנ אויסגענוצט ווערנ די קאָלאָסאלע רע־זערוונ וואסער־קראפט, די גרונטיקע אונ אָרטיקע פלאסטנ שטיינקוילנ, די נאפט־קוואלנ, טאָרפ, שיפער. דער שטיינקויל־ארויסבאקומ דארפ פארגרעסערט ווערנ אינ דרײַ מאָל, דער נאפט־ארויסבאקומ דארפ פארגרעסערט ווערנ אינ 2 מיט א האלבנ — 3 מאָל אאוו.

שוינ איצט זײַנענ א סאכ אונטערנעמונגענ אונדזערע לויט זייער טעכניק ניט הינטערשטעליק לעגאבע די אויסלענדישע קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגענ אָדער זיי האָבנ זיי אפילע אריבערגעיאָגט. אונ אינ רעזולטאט פונ דער פולשטענדיקער טעכנישער רעקאָנסטרוקציע וועט אונדזער פארבאנד זיכ ארויסרוקנ לויט דער טעכ־ניק אפנ ערשטנ אָרט אינ אייראָפּע. אונדזער פארבאנד וועט זיכ פארוואנדלענ „פונ א לאנד, וואָס פירט ארײַנ מאשינעס אונ אויסשטאטונג, אינ א לאנד, וואָס פּראָדוצירט זעלבשטענדיק מאשינעס אונ אויסשטאטונג“. דאָס וועט באוואָרענענ דעמ ראטנפארבאנד די פולשטענדיקע עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקײַט פונ די קאפּיטא־ליסטישע לענדער.

אונדזער מעטאלורגיע דארפ באוואָרענענ די פולשטענדיקע באפרידיקונג פונ דער באדערפעניש אינ טשוהונ, אי הויכקוואליטאטיוונ שטאָל אינ קופּער, בלײַ, אליומיניומ אונ אינ זעלטענע מעטאלנ.

די כעמישע אינדוסטריע דארפ דעריאָגנ אינ איר אנטוויקלונג אנדערע צווײַגנ אונ ווענדנ א באזונדער אויפמערקזאמקײַט אפ אויסארבעטנ באמיס־טיקונג פאר דער לאנדווירטשאפט.

דער אײַזנבאנ־טראנספּאָרט וועט פאנאנדערוויקלענ נײַע טויזנטער קילאָמעטערס באנ. די גאנצע טראנספּאָרט־ארבעט וועט גרינטלעכ איבערגעבויט ווערנ. א באדײַ־טנדיקער טייל אײַזנבאנענ וועט עלעקטריפיצירט ווערנ.

א קאָלאָסאלע ראָליע אינ העכערנ דעמ לעבנ־ניוואָ פונ די ארבעטנדיקע דארפ אָפּשפּילנ די לײַכטע אינדוסטריע אונ די שפּײַז־אינדוסטריע, וואָס פּראָדוצירט זאכנ פארנ מאסנ־געברויכ.

אינ דעמ צווייטנ פינפיאָר דארפנ אויסגעבויט ווערנ נײַע טעקסטיל־קאָמבינאטנ אינ מיטל־אזיע אונ אינ מײַרעוו־סיביר, נײַע פלייש־קאָמבינאטנ, הונדערטער נײַע קאָלאָסאלע אונטערנעמונגענ מיט דער סאמע פארפולקומטער טעכניק: ניי־פאבריקנ, שוכ־פאבריקנ, צוקער־זאוואָדנ, זייפ־זאוואָדנ, גלאָז־אונ פאָרצעלײַ־זאוואָדנ, גיגאנטישע מילנ, מאקאראָנענ־פאבריקנ, ברויט־זאוואָדנ אונ אנדערע.

אונדזער לײַכטע אינדוסטריע אונ די שפּײַז־אינדוסטריע דארפנ פאנאנדערוויק־לענ זייער פּראָדוקציע אפ אזוי פיל, אז צומ סאָפ פינפיאָר זאָל מענ

פארדרייפאכנ די איצטיקע געברויכנארמעס פונ די יאכנ פארנ מאסנגעברויכ.

אינעם צווייטנ פינפיאָר דארפ פארענדיקט ווערנ אויכ די פולסאָציאליס־טישע רעקאָנסטרוקציע פונ דער לאנדווירטשאפט. אזא רע־קאָנסטרוקציע שליסט איינ אינ זיכ צוויי אופגאבנ:

ערשטנס, דאָס איינפירנ די גרויסע מאשינ־טעכניק אינ אלע ראטווירטנ אונ דאָס ארומכאפנ אלע קאָלווירטנ מיט מאשינ־טראקטערישע סטאנציעס;

צווייטנס, דאָס פארענדיקנ די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאציע פונ די דראָבנע פויערשע ווירטשאפטנ, ליקווידירנ אינ א פולער מאָס אלע באלעגופישע ווירטשאפטנ, פארפעסטיקנ די קאָלווירטנ אונ סאָציאליסטיש איבערדערציִענ די קאָלווירטניקעס.

די קאָנפערענצ שטרייכט אונטער:

„די אופגאבנ צו פארפעסטיקנ אָרגאניזאציאָנעל-ווירטשאפטלעכ די קאָלווירטנ אונ איבערדערציִענ סאָציאליסטיש די קאָלווירטישע מאסנ דארפנ שטיינ אינ צענטער פונ דער אופמערקזאמקייט אויכ אינעם צווייטנ פינפיאָר".

שוינ אינעם ערשטנ פינפיאָר האָבנ אינ רעזולטאט פונ דער סאָציאליסטישער בויונג אינ דער לאנדווירטשאפט בא אונדז זיכ אָנגעהויבנ שאפנ די באדינגונגענ, וואָס העלפנ פארניכטנ דעמ קעגנזאצ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ. דער צווייטער פינפיאָר דארפ שאפנ די באדינגונגענ אפ פארניכטנ פולשטענדיק דעמ דאָזיקנ קעגנזאצ. אינ דער רעזאָליוציע פונ דער קאָנפערענצ ווערט וועגנ דעמ געזאָגט:

„די פולשטענדיקע קאָלעקטיוויזאציע פונ דער לאנדווירטשאפט, דער וווּקס פונ די גרויסע מעלוכישע לאנדווירטשאפטלעכע אונטערנעמונגענ אונ דאָס באוואָפענענ די ראטווירטנ אונ קאָלווירטנ מיט דער פאָרגעשריטענער מאשינ־טעכניק, וואָס פארוואנדלט אינ דער פראקטיק די לאנדווירטשאפט־לעכע ארבעט אינ א מינ אינדוסטריעלע ארבעט, אונ דאָס באַדייטנדיקע פארפעסטיקנ די טראנספּאָרט־פארבינדונג אונ דעמ סכוירע־אומזאצ צווישנ דער אינדוסטריע אונ דער לאנדווירטשאפט — שאפנ די באדינגונגענ פארנ פולשטענדיקנ באזייטיקנ דעמ קעגנזאצ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ".

אינ דעמ צווייטנ פינפיאָר דארפנ מיר זיכ דערשלאָגנ א ווייטערדיקנ אונ נאָכ שנעלערנ אופשטייג פונ דער קערנער־ווירטשאפט.

אָנ אזא אופשטייג פונ דעמ קערנער־צווייג איז אומעגלעכ די ווייטערדיקע אנט־וויקלונג פונ די איבעריקע לאנדווירטשאפטלעכע צווייגנ. די קערנער־ווירטשאפט איז די באזע פאר דער אנטוויקלונג פונ דער פיצוכט אונ פונ די טעכנישע קול־טורנ. דער סאָציאליסטישער פיצוכט זיינענ נייטיק קאָלאָסאלע מאסנ קאָנצענט־רירטנ פיטער (קערנער אונ אָפּפאל פונ דער קערנער־פּראָדוקציע). די ווירטשאפטנ, וואָס האָבנ זיכ ספּעציאליזירט אפ טעכנישע קולטורנ (בוימוואָל, ליינ, צוקער־בורע־קעס אא.) דארפ מענ באוואָרענענ מיט ברויט.

דעריבער דארפ אינ דער לאנדווירטשאפט, — זאָגט די קאָנפערענצ, —

„די צענטראלע אופגאבע פונעמ צווייטנ פינפיאָר ווערנ דאָס העכערנ

אנטשיידנ די געראָטנקייט פונ די קאָלווירטישע אונ ראטווירטישע פעלדער אונ די באָלשעוויסטישע לייזונג פונ דער פראגע וועגנ קאמפ קעגנ טריקעניש".

דאָ מיינט מענ דאָס ברייטסטע אײנגלידערנ אינ דער לאנדווירטשאפט די אגראָטעכנישע מאָסמיטלענ, וואָס העלפנ אײנהיטנ די פײכטקייט אינעמ באָדנ (די געהעריקע צוגרייטונג פונעמ באָדנ צומ פארזיי, די ברייקע אונ קורצע פארזיי-טערמינענ, דאָס פארניכטנ די ווילד-גראָזנ אדג.). דאָ מיינט מענ אויכ די גרויסע בויונג-אײנריכטונגענ, באזונדערס דעמ גראנדיעזנ פלאנ פונ באוואסערנ טראנסוואָלגע דורכ אויסבויענ א גיגאנטישע דאמבע אונ א וואסער-עלעקטראָסטאנציע אפ דער וואָלגע נעבנ קאמישינ מיט א מעכטיקייט פונ פיר דניעפרישע עלעקטראסטאנציעס (בא 2 מיליאָנ קילאָוואט). די דאָזיקע דאמבע אונ סטאנציע וועלנ געבנ א מעגלעכקייט צו באוואסערנ העכער 4 מיליאָנ העקטאר אונ צו באקומענ פונ די דאָזיקע באגיס-ערדנ 300 מיליאָנ פוד בעסטנ ווייצ. אזוי שלאָגנ די באָלשעוויקעס די טריקעניש אינ סאמע צענטער אירנ.

אפנ געביט פונ פיצוכט האָט די קאָנפערענצ געשטעלט אינ צווייטנ פינפיאָר די אויפגאבע

„צו דערשלאָגנ זיכ אזא פארגרעסערונג פונ דער סטאדע אונ וווּקס פונ דער סכוירע-פראָדוקציע, וואָס זאָל אנטשפרעכנ דעמ לייזנ אינ גרונט די פיצוכט-פראָבלעמ פאר פסס"ר, ווי די פארטיי האָט זיכ דאָס דערשלאָגנ אינעמ ערשטנ פינפיאָר בנוגע צו דער קערנער-פראָבלעמ".

דער קאָלאָסאלער וווּקס פונ דער אינדוסטריע אונ פונ דער לאנדווירטשאפט וועט באדייטנדיק פארגרעסערנ די מאסע פראָדוצירטע פראָדוקטנ אונ וועט שאפנ גינסטיקע באדינגונגענ פאר דער ברייטער פאנאנדערוויקלונג פונעמ סכוירע-אומזאצ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ, צווישנ די אינדוסטריעלע אונ לאנדווירטשאפטלעכע ראיאָנענ.

די אנטוויקלונג, ווידער, פונעמ סכוירע-אומזאצ וועט מיטהעלפנ צונויפזאמלענ די צעשטויבטע סכוירע-מאסנ, בעסער אויסצונוצנ די סכוירע-רעזערוונ, וואָס זײנענ פאראנ אינ לאנד, פארבעסערנ די באזאָרגונג פונ די ארבעטנדיקע, וועט מיטהעלפנ דעמ שנעלערנ וווּקס פונ דער סאָציאליסטישער אָנזאמלונג אונ אינ רעזולטאט — דעמ נאָכ גרעסערנ אופשטײג פונ דער פראָדוקציע.

די שנעלע אנטוויקלונג פונ דער סאָציאליסטישער ווירטשאפט וועט פארקומענ ניט בלויז אינ די גרונטיקע צענטראלע ראיאָנענ פונעמ ראטנפארבאנד, נאָר אויכ אינ די נאציאָנאלע רעפובליקנ אונ געגנטנ. דאָס וועט באוואָרענענ, — זאָגט די קאָנפערענצ, —

„דאָס אויסלעבנ די עקאָנאָמישע אונ קולטורעלע אָפגעשטאנענקייט פונ די נאציאָנאליטעטנ, וואָס איז געיארשנט געוואָרנ פונעמ צארישנ קאָלאָניאל-קאפיטאליסטישנ רעזשימ".

אט דאָס זײנענ די גרונט-אויפגאבנ, וואָס די 17-טע פארטיי-קאָנפערענצ האָט געשטעלט פארנ צווייטנ פינפיאָר. די קאָנפערענצ האָט אונטערגעשטראָכנ, אז די לייזונג פונ די דאָזיקע אויפגאבנ איז אומפארמײדלעכ פארבונדנ מיט דער פארשארפונג פונעמ קלאסנקאמפ אינ באזונדערע מאָמענטנ אפ באזונדערע באצירקנ פונ דער סאָציאליסטישער

בוינג און איז מעגלעכ בלויז ביטנ, אויב עס וועט געגעבנ ווערנ אנ אומדער־בארעמדיקער שטויס אפ צוריק דעמ ווידערשטאנד פונ די רעשטלעכ קאפיטאליס־טישע קלאסנ, ביטנ, אויב עס וועלנ בײַגעקומעג ווערנ די בורזשואזע און קלײַנ־בירגערלעכע פארורטיילנ צווישנ די ארבעטנדיקע, ביטנ. אויב עס וועט מיט אלע מיטלענ פארפעסטיקט ווערנ די פראלעטארישע דיקטא־טור און עס וועט געפירט ווערנ אנ אנטשיידענער קאמפ קעגנ די אפארטוניסטישע אפנייגנ אינ דער פארטיי, באזונדערס קעגנ דעמ רעכטנ אפנייג, וואס איז די הויפט־געפאר אפנ געגעבענעמ עטאפ.

די אופגאבנ, וואס די פארטיי האט געשטעלט פארנ צווייטנ פינפיאר, האבנ א קאלאסאלע באדײַטונג פאר דער גאנצער געשיכטע פונ דער מענטשהײַט. די פאר־ווירקלעכונג פונ די דאזיקע אופגאבנ וועט באטײַטנ דעמ פולשטענדיקנ אופבוי פונ דער סאציאליסטישער געזעלשאפט אפ איינ זעקסט־ביילעק פונ דער וועלט.





דריטער טייל

די גרויסע אינדוסטריע איז די באַזע פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג

לעבּנ וועגנ דער גרויסער אינדוסטריע

מיר האָבנ געזענ, וואָס פאַר א קאָלאָסאַלע דערפאָלגנ אונדזער לאַנד האָט זיכ דערשלאָגנ אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג.

אָבער וואָס איז די באַזע פונ די דאָזיקע קאָלאָסאַלע דערגרייכונגענ?

פאַר אזא באַזע דינט די אנטוויקלונג פונ אנ אייגענער גרויסער אינדוסטריע אינ ראַטנפאַרבאַנד — די אינדוסטריאַליזאַציע פונ אונדזער לאַנד.

די פראַגע וועגנ דער אינדוסטריע האָבנ געשטעלט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אונ די ראַטנמאַכט טייקעפּ, ווי עס האָט זיכ געענדיקט דער בירגערקריג. זי איז געשטעלט געוואָרנ אזוי, אז עס איז נייטיק, אז מיר זאָלנ וואָס שנעלער שאַפנ אנ אייגענע מעכטיקע אינדוסטריע.

ניט לייכט איז געווענ דורכצופירנ אינ לעבּנ דעם דאָזיקנ באַשלוס אינ א קליינ-פּויעריש לאַנד, דערצו נאָכ אינ אזא, וואָס איז געווענ רויִנירט פונ דער מילכאָמע. דאָס ראַטנלאַנד האָט געקאָנט פאַנאַנדערוויקלענ די אינדוסטריעלע בויונג אויסשליסלעכ מיט זיינע אייגענע מיטלענ. מיר האָבנ זיכ אָנגעשטויסנ אפּ א פאַרביטערטנ ווידערשטאַנד קעגנ דער אינדוסטריאַליזאַציע פונ ראַטנלאַנד מיצאַד דער אינטערנאַציאָנאַלער בורזשואַזיע אונ מיצאַד די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ אינ לאַנד.

א סאַכ האָבנ געצווייפלט צי עס איז ריכטיק אונ צי עס לאָזט זיכ פאַרווירקלעכנ אזא באַשלוס. צו וואָס דאַרפנ מיר א גרויסע אינדוסטריע אונ נאָכ דערצו אנ אייזנ-אינדוסטריע, א שטאָלגוס-אינדוסטריע, א מאַשינבוי-אונ שטיינקוילנ-אינדוסטריע? מיר וואָלטנ זיכ באַגאַנגענ אויכ אָנ איר. מע וואָלט געדאַרפט אופוואַרטנ.

אזעלכע געדאַנקענ פלעגט אונטערזאָגנ דעמ פויער די באַלעגופישע אגיטאַציע.

נאָר ערשט, ווענ די אינדוסטריאַליזאַציע האָט אָנגעהויבנ ברענגענ אירע פּרוכט, ווענ עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ באַווייזנ אינ דאָרפ מאַשינעס אינ א גרויסער צאָל,

איז לייכטער געוואָרנ די אויפגאבע פונ דער פארטיי צו איבערצייגנ די ברייטע פויערשע מאסנ וועגנ די נוצנ אונ נויטווענדיקייט פונ דער גרויסער אינדוסטריע. די פאָרגעשריטענע קאָלווירטניקעס זיינענ געוואָרנ הייסע אָנהענגער אונ קעמפער פאר דער אינדוסטריאליזאציע פונ פארבאנד. אָבער צי זיינענ דענ נאָכ אויכ איצט ווייניק פארבליבנ צווישנ די ארבעטנדיקע פויערימ אונ קאָלווירטניקעס אזוינע מענטשנ, וואָס פארשטייענ נאָכ ניט די גאנצע וויכטיקייט אונ נייטיקייט פונ אנ אייגענער גרויסער אינדוסטריע פאר אונדז?

צי זיינענ דענ פאראנ ווייניק פויערימ, וואָס קוקנ אפ דער אנטוויקלונג פונ דער גרויסער אינדוסטריע, ווי אפ אנ איניע, וואָס האָט צו זיי קיינ שייכעס ניט?

אפילע צווישנ די פארטיי־מיטגלידער זיינענ געווענ מענטשנ (די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ), וואָס האָבנ אונטערנ דרוק פונעמ באלעגופ געקעמפט קעגנ דעמ באשלוס, וואָס די פארטיי האָט אָנגענומענ וועגנ אינדוסטריאליזירנ שנעל דאָס לאנד.

אָט פארוואָס מיר דארפנ גענוי באטראכטנ די פראגע וועגנ דער אינדוסטריע.

נאָכ מארקס אונ ענגעלס האָבנ באוויזנ, אז די אנטוויקלונג פונ דער גרויסער אינדוסטריע שאפט סיי די *מאטעריעל־פראָדוצירישע באזע* פארנ סאָציאליזמ אונ סיי אויכ דעמ *קלאס*, וואָס קעמפט פארנ סאָציאליזמ.

לענינ אונ סטאלינ האָבנ אינ זייערע ווערק (אונ רעדעס) א סאכ מאָל דערקלערט די באדייטונג פונ דער גרויסער אינדוסטריע פאר דער אויסבויונג פונ סאָציאליזמ. ווענ נאָכ לאנגע יאָרנ מילכאָמע זיינענ נאָכ אונדזערע פאבריקנ אונ זאוואָדנ געשטאנענ כאָרעוו אונ פארמאכטע, האָט לענינ אינ 1921 יאָר דרינגענדיק אָנגעוויזנ אונ איבערגעכאזערט, אז אונדזער גרונט־אויפגאבע איז אויפשטעלנ די גרויסע אינדוסטריע.

„די ווירקלעכע אונ איינציקע באזע... פאר שאפנ א סאָציאליסטישע געזעלשאפט איז איינע אונ בלויז איינע — דאָס איז די גרויסע אינדוסטריע... אָנ א הויכ אוועקגעשטעלטער גרויסער אינדוסטריע קאָנ גאָר קיינ רייד ניט זיינ וועגנ סאָציאליזמ ביכלאל אונ נאָכ ווייניקער קאָנ זיינ א רייד וועגנ דעמ בענעגייע צו א פויערשנ לאנד“.

לענינ האָט אונטערגעשטראָכנ די *באזונדערס וויכטיקע באדייטונג פונ דער שווערער אינדוסטריע*, וואָס ארבעט אויס פראָדוציר־מיטלענ פאר דער גאנצער פאָלקווירטשאפט (מאשינעס, געצייג, הייצווארג אאז.). ער האָט געזאָגט אינ 1922 יאָר, נאָכ דער אומגערעטעניש:

„א רעטונג פאר רוסלאנד איז ניט בלויז א גוטע גערעטעניש אינ דער פויערשער ווירטשאפט, דאָס איז נאָכ ווייניק, — אונ ניט בלויז א גוטער צושטאנד פונ דער לייכטער אינדוסטריע, וואָס שטעלט צו דעמ פויער געברויכ־ארטיקלענ — דאָס איז נאָכ אויכ ווייניק, — אונדז איז אויכ נייטיק א *שווערע* אינדוסטריע“.

טאקע דער פארשנעלערטער וווּקס פונ דער *שווערער* אינדוסטריע אונ בלויז ער קאָנ אינ א פולער מאָס באפרייענ אונדזער לאנד פונ דער עקאָנאָמישער אָפּהענגיקייט פונ די קאפיטאליסטישע מעלוכעס, שאפנ די טעכנישע באזע פאר איבערבויענ די *גאנצע* פאָלקווירטשאפט, שנעל באוועגנ פאָרויס די סאָציאליסטישע בויונג אונ פארפעסטיקנ די שוצפייִקייט פונ אונדזער לאנד.

די שווערע אינדוסטריע באזאָרגט מיט מאשינעס די *גאנצע* פאָלקווירטשאפט

זי גיט מאשינעס אונדזער לייכטער אינדוסטריע, וואָס פראָדוצירט ארטיקלענ פארנ מאסנ־געברויכ (מאנופאקטור, שיכ, קאלאָשנ, קליידער, געפעס, זייפ, קעראָסינ אאוו.). זי גיט מאשינעס אונדזער שפייז־אינדוסטריע, וואָס שטעלט צו שפייז־פראָדוקטנ (צוקער, זאלצ, טיי, קאָנסערוונ, פיש, מעל־פראָדוקטנ, קאָנדיטאָריי־פראָדוקטנ, מילכ־פראָדוקטנ אאוו.).

דער וווּקס פונעמ ווילשטאנד פונ די ארבעטנדיקע רופט ארויס א קעסיידערדיקנ וווּקס פונעמ נאָכפרעג אפ די סכוירעס פארנ מאסנ־געברויכ. קעדיי צו באפרידיקנ דעמ דאָזיקנ נאָכפרעג דארפ מענ בויענ נייע טעקסטיל־אונטערנעמונגענ, שיכ־אונטערנעמונגענ, קאָנסערוונ־אונטערנעמונגענ אא.

פונוואנענ זשע זאָל מענ נעמענ מאשינעס אפ אויסשטאטנ זיי?

פונ אויסלאנד ארייננפירנ אלע מאשינעס, וואָס זיינענ אונדז נייטיק, קאָנענ מיר ניט, ווייל דאָס וואָלט אונדז געמאכט אָפהענגיק פונ די אויסלענדישע קאפיטאליסטנ. אונ די דאָזיקע אָפהענגיקייט וואָלט געוואָקסנ צוזאמענ מיטנ וווּקס פונ אונדזערע באדערפענישנ אינ מאשינעס, אינ ווערקשטעלנ, אינ אויסשטאטונג פאר אונדזערע פאבריקנ אונ זאוואָדנ.

אויב מיר ווילנ ניט זיכ לאָזנ פארקנעכטנ בא די אויסלענדישע קאפיטאליסטנ, דארפנ מיר פראָדוצירנ מאשינעס בא זיכ אינ ראטנפארבאנד. דעריבער טאקע האָט פאר אונדז א קאָלאָסאלע באדייטונג די אנטוויקלונג פונ דער מעטאלורגיע אונ פונ דער מאשינ־בויונג אונ אויכ פונ אנדערע צווייגנ פונ דער שווערער אינדוסטריע, וואָס פונ זיי איז אָפהענגיק די דערפאָלגרייכע ארבעט פונ דער מעטאלורגיע אונ פונ דער מאשינ־בויונג (הייצווארג, נאפט, קוילנ, טאָרפ, עלעקטרישע אינדוסטריע אא.).

„ניט ראטעווענדיק די שווערע אינדוסטריע, ניט אופשטעלנדיק זי, — האָט געזאָגט לענינ אינ 1922 יאָר, — וועלנ מיר ניט קאָנענ אויסבויענ קיינ שומ אינדוסטריע, אונ אָנ איר וועלנ מיר ביכלאל אומקומענ אלס זעלבשטענדיק לאנד".

די שווערע אינדוסטריע איז אונדז אויכ נייטיק נאָכ דערפאר, ווייל בלויז די אנטוויקלונג פונ דער דאָזיקער אינדוסטריע, וואָס שאפט א פארפולקומטע טעכניק, קאָנ אופהייבנ די ארבעט־פראָדוקטיוויקייט אסאכ העכער, איידער באמ קאפיטאליזמ. אונ דאָס האָט אנ אנטשיידנדיקע באדייטונג. דער סאָציאליזמ, דער קאָמוניזמ קאָנ זיגנ בלויז אפ דער באזע פונ א העכערער טעכניק אונ ארבעט־פראָדוקטיוויקייט. לענינ שרייבט:

קאָמוניזמ איז, — א העכערע, לעגאבע דער קאפיטאליסטישער, ארבעט־פראָדוקטיוויקייט פונ פרייוויליקע, באוווּסטזיניקע, פאריייניקטע ארבעטער, וואָס נוצנ אויס די פאָרגעשריטענע טעכניק".

לענינ פלעגט אָנווייזנ אפ דער אומבאדינגטער נויטווענדיקייט צו אנטוויקלענ אונדזער אינדוסטריע אפ אזוי פיל, אז מע זאָל באקומענ אונדזער ווירטשאפטלעכע אָפגעשטאנענקייט, לעגאבע די פאָרגעשריטענע קאפיטאליסטישע לענדער אונ איבעריאָגנ זיי אינ ווירטשאפטלעכער הינזיכט. נאָכ ביז דער

919 - 12

אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, אינ סעפּטעמבער 1917 יאָר האָט לענינ דערוויזנ, אַז רוסלאַנד, וואָס האָט לויט איר פּאָליטישער אָרדענונג דעריאָגט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, *דאַרפ גיינ ווייטער* — *צומ סאָציאַליזמ*, אַז פאַר רוסלאַנד שטייט מיט אַנ אומדערבאַרעמדיקער שאַרפקייט די פראַגע: „אָדער אונטערגיינ אָדער דעריאָגנ די פאַרגעשריטענע לענדער אונ איבעריאָגנ *זיי אויכ עקאָנאָמיש*".

צוליעצט, האָט לענינ קלאָר געמאַכט די באַזונדערס אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג פונ דער גרויסער אינדוסטריע פאַר דער *סאָציאַליסטישער איבערבויונג פונ דער לאַנדווירטשאַפט* אינ אַ לאַנד, ווו עס האָט דאָמינירט די קליינפּויערשע ערדאַרבעט, אינ דעמ איינציקנ דערווייל לאַנד פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט פיינטלעכע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס.

דער פּראָלעטאַריאַט פונ אַזאַ לאַנד דאַרפ האָבנ אינ זיינ רעשות קאָלאָסאַלע סומעס פּראָדוציר־מיטלענ — טראַקטערס, קאָמביינענ אונ אַנדערע קאָמפּליצירטע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס, קעדיי טעכניש איבערבאַוואָפענענ די לאַנדווירטשאַפט. ער דאַרפ האָבנ קאָלאָסאַלע מאַסנ סכוירעס פאַרנ ברייטנ געברויכ, קעדיי צו באַפרידיקנ מיט זיי דאָס פּויערטומ אַ סאַכ מער אונ בעסער, איידער דאָס האָבנ געטאָנ די קאַפּיטאַליסטנ, קעדיי צוציענ די פּויערשע מאַסנ אינגאַנצנ אַפ זיינ זייט אונ באַוואָרענענ דעמ פעסטנ קער זייערנ צומ סאָציאַליזמ.

פונוואַנענ זשע זאָל דער פּראָלעטאַריאַט פונ אַזאַ לאַנד, וואָס געפינט זיכ אינ אַ קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג, נעמענ דעמ נייטיקנ סכומ אינדוסטריעלע אויסאַרבעטונגענ?

בלויז אַנ אייגענע, הויכ־אַנטוויקלטע אינדוסטריע קאָנ דאָס געבנ.

דער פּראָלעטאַריאַט פונעמ פּויערשנ לאַנד דאַרפ איבערבויענ די *קליינע* פּריוואַטע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע אינ אַ *גרויסער סאָציאַליסטישער*. מאַכנ דאָס קאָנ מענ *בלויז אַפ דער באַזע פונ אַ גרויסער מאַשינ־טעכניק*.

נאָכ אינ אָנהייב רעוואָלוציע האָט לענינ געזאָגט אַפנ ערשטנ צוזאַמענפאָר פונ די קאָמונעס וועגנ די קויכעס פונ דער טעכניק.

„אונדזער פליכט אונ כיוו איז צו וועקנ זיי דערופ, אַז די סאַמע אָפּגעשטאַנענע פּראָדוקציע, די ערדאַרבעטערישע, די לאַנדווירטשאַפטלעכע זאָל אויפגעשטעלט ווערנ אַפ נייע רעלסנ, קעדיי מע זאָל זי *רעאָרגאַניזירנ* אונ פאַרוואַנדלענ די ערדאַרבעט פונ אַ געווערב, וואָס ווערט געפירט ניט באַוווסטזיניק, אַפנ אַלטפּרענקישנ שטייגער, אינ אַ געווערב, וואָס איז באַזירט *אַפ דער וויסנשאַפט אונ אַפ די דעראָבערונגענ פונ דער טעכניק*".

עס איז אויכ איבעריק צו זאָגנ, אַז *בלויז אַנ אייגענע הויכ־אַנטוויקלטע אינדוסטריע* קאָנ געבנ דעמ פּראָלעטאַריאַט די גרויסע מאַשינ־טעכניק, וואָס איז נייטיק אַפ איבערבויענ די פּויערשע ווירטשאַפט.

אָט פאַרוואָס לענינ האָט געהאַלטנ, אַז

„די איינציקע מאַטעריעלע באַזע פונעמ סאָציאַליזמ קאָנ זיינ די גרויסע

מאשינ־אינדוסטריע, וואָס איז פייִק צו רעאָרגאניזירנ* אויכ די ערד־ארבעט".

אָט פארוואָס לענינ איז אזוי באשטאנענ אפֿ דער נייטיקייט אויכ צו אנטוויקלענ בא אונדז אנ אייגענע גרויסע אינדוסטריע, באזונדערס די שווערע אינדוסטריע.

אָט דאָס זײַנענ לענינס גרונט־געדאנקענ וועגנ דער באדײַטונג אונ דער ראָליע פונ דער גרויסער אינדוסטריע.

אפ וויפל ריכטיק עס זײַנענ די דאָזיקע אלע אָנווײַזונגענ לענינס, איז צו זענ אפֿנ בײַשפּיל פונ כינע. כינע איז אנ אגראר לאנד, אנ ערדארבעטעריש־לאנד, דאָרט זײַנענ פאראנ אייגענע וועבערײַ־פאבריקנ אונ פארשיידענע אנדערע פאבריקנ. אָבער עס איז ניטאָ קיינ אייגענע שווערע אינדוסטריע. כינע פראָדוצירט ניט קיינ אײַזנ. קיינ שטאָל, קיינ מאשינעס, זי קאָנ ניט פראָדוצירנ קיינ הארמאטנ, טאנקענ, עראָפּלאנענ. אלע נייטיקע מאשינעס, די גאנצע נייטיקע באוואָפענונג דארפ כינע אײַנפירנ פונ אויסלאנד. אונ מיר זעענ, אז כינע — א קאָלאסאל לאנד מיט הונדערטער מיליאָנענ באפעלקערונג — געפינט זיכ אינ דער סאמע שווערער אונ דערנידעריקנדיקער אָפּהענגיקייט פונ די אויסלענדישע אימפּעריאליסטישע מעלוכעס. נאָכ מער: די אויסלענדישע אימפּעריאליסטנ — לעמאָשל, די יאפּאָניער — קומענ אפילע גאנצ פאָשעט, ניט דערקלערנדיק קיינ מילכאָמע, אונ פארכאפּנ בא כינע אייננ געגנט נאָכ א צווייטער.

אָט אזא איז דער שיקזאל פונ א לאנד, וואָס האָט ניט קיינ אייגענע שווערע אינדוסטריע.

סטאלינ וועגנ דער אינדוסטריאליזאציע פונעמ ראטנפארבאנד

די לענינשע געדאנקענ וועגנ דער באדײַטונג פונ דער גרויסער אינדוסטריע האָט אנטוויקלט כ' סטאלינ אונ האָט זיי פארקערפּערט אינ קאָנקרעטע, פּראקטישע לאָזונגענ, וואָס זײַנענ מאכטיקע געלייגט געוואָרנ אינ יעסאָד פונ דער גאנצער ארבעט אונדזערער אפּ אינדוסטריאליזירנ דאָס לאנד.

וואָס פאר אנ אינדוסטריאליזאציע דארפנ מיר האָבנ?

ניט יעטווידער, — זאָגט כ' סטאלינ. די קאפּיטאליסטנ האָבנ זיכ אויכ פארנומענ אונ פארנעמענ זיכ מיט אינדוסטריאליזאציע. אָבער די קוואלנ, די צילנ אונ רעזולטאטנ פונ דער קאפּיטאליסטישער אינדוסטריאליזאציע זײַנענ גאר אנדערע.

די קאפּיטאליסטישע אינדוסטריעלע לענדער האָבנ אנטוויקלט זייער אינדוסטריע, פארכאפּנדיק אונ רויבנדיק די קאָלאָניעס — די אָפּגעשטאנענע ערדארבעטערישע לענדער. אזוי איז אויסגעוואָקסנ, לעמאָשל, די אינדוסטריע פונ ענגלאנד, דער עלטסטער אינדוסטריעלער מעלוכע.

די מעכטיקע קאפּיטאליסטישע אינדוסטריע האָט זיכ אויכ אנטוויקלט דורכ דעמ, וואָס איינ לאנד האָט מיליטעריש צעבראָמירט דאָס צווייטע אונ האָט אופּגעמאָנט בא דער באזיגטער מעלוכע קאָלאָסאלע מילכאָמע־צינזנ. אפּ

---

* דאָס הייסט איבערבויענ.

אַזעלכע הייבונג איז אויסגעוואַקסנ, לעמאָשל, די גרויסע אינדוסטריע פונ דײַטשלאַנד, וואָס האָט אינ 1871 יאָר צעגראָמירט פראַנקרײַכ.

די מיטלענ פאַר דער אינדוסטריאַליזאַציע פלעגנ די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס באַקומענ אויכ דורכ פאַרקנעכטנדיקע קאָנצעסיעס (אָרענדעס), וואָס זיי פלעגנ באַקומענ בײַ די אָפּגעשטאַנענע לענדער, און דורכ פאַרקנעכטנדיקע הלוואָעס, וואָס זיי גיבנ די דאָזיקע לענדער. פראַנקרײַכ און אַנדערע מעלוכעס האָבנ אַפּ אַזאַ אויפנ אָנגעראַבעוועט ניט ווייניק מיטלענ בײַ דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פונ דעמ צאַרישנ רוסלאַנד.

אָט דאָס זײַנענ די קוואַלנ, וואָס פונ זיי האָבנ די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס געשעפּט די מיטלענ פאַר זייער אינדוסטריאַליזאַציע.

מיט אַזעלכע וועגנ באַקומט ניט דער ראַטנפאַרבאַנד קיינ מיטלענ אַפּ אַנטוויקלענ זײַנ אינדוסטריע.

די מיטלענ, וואָס זײַנענ נייטיק אַפּ אינדוסטריאַליזירנ דאָס לאַנד, באַקומענ מיר פונ אונדזער אינדוסטריע, אַפּנ כעזשבנ פונ אירע אינערלעכע אָנזאַמלונגענ. די דאָזיקע מיטלענ באַקומענ מיר פונ אונדזער לאַנדווירטשאַפט. די דאָזיקע מיטלענ באַקומענ מיר פונ די שטײַערנ און פונ אַנדערע מעלוכע־הכנסות, פונ די אָפּשפּאָרונגענ, וואָס ווערנ אַרײַנגעטראָגנ אינ די שפּאָר־קאַסעס, פונ די אינערלעכע הלוואָעס, וואָס די אַרבעטנדיקע מאַסנ אונטערשטיצנ ברייט.

אונדזער אינדוסטריאַליזאַציע באַטײַט דאָס בויענ אַ גרויסע אינדוסטריע, באַזירט אַפּ די אינערלעכע קוואַלנ פונעמ ראַטנפאַרבאַנד, ניט באַראַבעווענדיק קיינ פרעמדע לענדער און ניט שליסנדיק קיינ פאַרקנעכטנדיקע אָפּמאַכנ מיט די קאַפּיטאַליסטנ.

לויט אירע צילנ און רעזולטאַטנ באַטײַט די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריאַליזאַציע אַ פאַרשטאַרקונג פונ דער עקספּלואַטאַציע פונעמ אַרבעטער־קלאַס. זי באַטײַט דעמ ניצאָכנ פונ די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגענ איבער דער קליינער פּראָדוקציע. זי באַטײַט די רויִנירונג פונ מיליאָנענ קליינע פּראָדוצירער, פּויערימ אאַ. זי פירט צו דער פאַרפעסטיקונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ.

גאָר אַנ אַנדער זאַכ איז אונדזער אינדוסטריאַליזאַציע.

> „דער כאַראַקטעריסטישער שטריכ פונ אונדזער אינדוסטריאַליזאַציע, — זאָגט כ׳ סטאַלינ, — באַשטייט אינ דעמ, וואָס זי איז אַנ אינדוסטריאַליזאַציע אַ סאָציאַליסטישע, אַנ אינדוסטריאַליזאַציע, וואָס באַוואָרנט דעמ ניצאָכנ פונעמ פאַרגעזעלשאַפטלעכטנ סעקטער פונ דער אינדוסטריע איבערנ פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכנ סעקטער, איבערנ קליינ־סכוירע־דיקנ און קאַפּיטאַליסטישנ סעקטער".

אַזוי אַרום באַטײַט די סאָציאַליסטישע אינדוסטריאַליזאַציע דעמ ניצאָכנ פונעמ סאָציאַליזמ איבערנ קאַפּיטאַליזמ.

אַ גרויסנ קאַמפּ האָט די פּאַרטיי געהאַט אויסצוהאַלטנ קעגנ די אָפּאָרטוניסטנ פונ אַלע מינימ איבער דער פראַגע וועגנ די טעמפּנ (שנעלקייט) פונ דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאַציע. די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ האָבנ געקעמפט קעגנ דער אינדוסטריאַליזאַציע, זיי האָבנ געפאָדערט אַראָפּזעצנ אירע טעמפּנ. די „לינקע" אָפּאָרטוניסטנ האָבנ צוערשט אַרויסגערוקט פאַנטאַסטישע

פלענער פונ „איבערינדוסטריאליזאציע״, אונ נאכדעמ האבנ זיי אינ דער ווירקלעכקייט זיכ ארויסגעוויזנ אנהענגער פונ אינדוסטריאליזאציע-טעמפנ, וואס פארקלענערנ זיכ קעסיידער. *

א קאלאסאלע ראליע אינעמ קאמפ קעגנ די אפארטוניסטנ אינ דער האזיקער פראגע האט אפגעשפילט כ׳ סטאלינ.

דערווידערנדיק די רעכטע אפארטוניסטנ אפנ פלענומ פונ צענטראל-קאמיטעט אינ 1928 יאר, האט כ. סטאלינ מיט א באזונדער שארפקייט געשטעלט די פראגע וועגנ דער נייטיקייט פונ א שנעלנ טעמפ (טאנג) פונ דער אינדוסטריאליזאציע. פארלאזנדיק זיכ אפ לענינענ, האט כ׳ סטאלינ געזאגט:

„מיר האבנ דעריאגט אונ אריבערגעיאגט די פארגעשריטענע קאפיטאליסטישע לענדער אינעמ זינ פונ איינשטעלנ א נייע פאליטישע ארדענונג, א סאוועטישע ארדענונג, דאס איז גוט. אבער דאס איז ווייניק. כדי צו דערשלאגנ זיכ דעמ ענדגילטיקנ ניצאכנ פונעמ סאציאליזמ, דארפ מענ נאכ דעריאגנ אונ אריבעריאגנ די דאזיקע לענדער אויכ אינ טעכניש-עקאנאמישער הינזיכט. אדער מיר וועלנ זיכ דאס דערשלאגנ, אדער מע וועט פונ אונדז מאכנ א טעל. דאס איז ריכטיק ניט בלויז פונעמ שטאנדפונקט פונ אויסבויענ דעמ סאציאליזמ. דאס איז ריכטיק אויכ פונעמ שטאנדפונקט פונ פארטיידיקנ די אומאפהענגיקייט פונ אונדזער לאנד אינ די באדינגונגענ פונ דער קאפיטאליסטישער ארומרינגלונג. עס איז אוממעגלעכ צו פארטיידיקנ די אומאפהענגיקייט פונ אונדזער לאנד, ניט האבנדיק קיינ גענוגנע אינדוסטריעלע באזע פארנ לאנדשוצ. עס איז אוממעגלעכ צו שאפנ אזא אינדוסטריעלע באזע, ניט באזיצנדיק די העכסטע טעכניק אינ דער אינדוסטריע. אט צוליב וואס אונדז איז נייטיק, אונ אט וואס עס דיקטירט אונדז דעמ שנעלנ אנטוויקלונג-טעמפ פונ דער אינדוסטריע״.

אינעמ פארטראג אפנ 16-טנ פארטיי-צוזאמענפאר אינ 1930 יאר האט כ׳ סטאלינ זיכ ארויסגעזאגט נאכ שארפער:

„די מענטשנ, וואס פלוידערנ וועגנ דער נייטיקייט אראפצוזעצנ דעמ אנטוויקלונג-טעמפ פונ דער אינדוסטריע, זיינענ סאנימ פונעמ סאציאליזמ, אגענטנ פונ אונדזערע קלאסנ-סאנימ״.

ענדלעכ, אינ דער רעדע אפ דער I אלפארבאנדישער קאנפערענצ פונ די טוער פונ דער סאציאליסטישער אינדוסטריע דעמ 4-טנ פעברואל 1931 יאר האט כ׳ סטאלינ נאכאמאל מיט דער גאנצער פעסטקייט אונ קאנקרעטקייט געשטעלט די פראגע וועגנ דעמ אינדוסטריאליזאציע-טעמפ:

„צומאל פרעגט מענ, — האט געזאגט כ׳ סטאלינ, — צי קאנ מענ ניט א ביסל פארלאנגזאמענ די טעמפנ, פארהאלטנ די באוועגונג. ניינ, מע קאנ ניט, באוויירימ! מע קאנ ניט אראפזעצנ די טעמפנ! פארקערט, לויט די קרעפטנ אונ מעגלעכקייטנ דארפ מענ זיי פארגרעסערנ...

פארהאלטנ די טעמפנ — דאס הייסט אפשטיינ, אונ די אפשטייענדיקע שלאגט מענ...

* געניער וועגנ דעמ — אינעמ צווייטנ טייל פונעמ זעקסטנ שמועס.

צי ווילט איר דענ, אַז אונדזער סאָציאַליסטיש פאָטערלאַנד זאָל דערהאַרגעט ווערנ אונ עס זאָל פאַרלירנ זײַנ אומאָפהענגיקייט? אָבער אויב איר ווילט דאָס ניט, מוזט איר אינ סאַמע קורצנ טערמינ ליקווידירנ זײַנ אָפגעשטאַנענקייט אונ אַנטוויקלענ ווירקלעכע באָלשעוויסטישע טעמפנ אינ דער בויונג פונ זײַנ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט...

מיר זײַנענ אָפגעשטאַנענע פונ די פאָרגעשריטענע לענדער אַפ 50—100 יאָר. מיר דאַרפנ דורכלויפנ די דאָזיקע דיסטאַנצ אינ 10 יאָר...

מאַקסימום אינ 10 יאָר דאַרפנ מיר דורכלויפנ די דיסטאַנצ, וואָס אַפ איר זײַנענ מיר אָפגעשטאַנענ פונ די פאָרגעשריטענע לענדער פונ קאַפיטאַליזמ".

קעדיי צו דעריאָגנ די פאָרגעשריטענע קאַפיטאַליסטישע לענדער אינ טעכניש־עקאָנאָמישער הינזיכט העכסטנס אינ 10 יאָר, דאַרפנ מיר דערלערנענ די טעכניק, דערלערנענ די וויסנשאַפט פונ פאַרוואַלטנ מיט דער פראָדוקציע, ווערנ ווירקלעכע אָנפירער, באַלעבאַטימ.

„די באָלשעוויקעס דאַרפנ באַהערשנ די טעכניק, — זאָגט כ׳ סטאַלינ, — עס איז שוינ צײַט די באָלשעוויקעס זאָלנ אַלײנ ווערנ ספעציאַליסטנ. די טעכניק אינעמ רעקאָנסטרוקציע־פעריאָד לייזט אַלצ".

לענינס אונ סטאַלינס אָנווײַזונגענ אינ טאַט

לענינס אונ סטאַלינס אָנווײַזונגענ זײַנענ פאַרווירקלעכט געוואָרנ אינ לעבנ מיט אַ קאָלאָסאַלנ דערפאָלג. אונדזער פאַרטיי, די ראַטנמאַכט, די אַרבעטער אונ אַרבעטנדיקע מאַסנ האָבנ מיט דער גרעסטער אַקשאָנעס, ציגל נאָכ אַ ציגל אויפגעשטעלט אונ געבויט אונדזער גרויסע אינדוסטריע, אויסגראַבלענדיק פונ אומעטומ מיטלענ פאַר איר. די פאַרטיי האָט מיט דער גרעסטער אײַנגעשפאַרטקייט דורכגעפירט *די פאָליטיק פונ אינדוסטריאַליזירנ* דאָס לאַנד, ניט געקוקט אַפ אַלע שוועריקייטנ, ניט געקוקט אַפ דעמ, וואָס די קאַפיטאַליסטישע לענדער האָבנ זיכ אָפגעזאָגט צו געבנ קרעדיטנ, ניט געקוקט אַפ דער שעדיקערײַ אונ אַנדערע אַרויסטרעטונגענ פונעמ קלאַסנ־סוינע, ניט געקוקט אַפנ אָפאָרטוניסטישנ ווידערשטאַנד אינ דער אייגענער סוויווע.

אונ די פאַרטיי האָט זיכ דערשלאָגנ דאָס איריקע. דער לאָזונג פונ לענינ־סטאַלינ וועגנ שאַפנ אַ סאָציאַליסטישע גרויסע אינדוסטריע איז *פאַרווירקלעכט געוואָרנ אינ לעבנ*. נאָכ אינ 1930 יאָר אַפ דעמ 16־טנ פאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט כ׳סטאַלינ דערוויזנ מיט ציפער אינ די הענט, אַז פונ דער גאַנצער פראָדוקציע פונ אונדזער אינדוסטריע האָבנ די קאַפיטאַליסטישע אונטערנעמונגענ געגעבנ *ווייניקער ווי 1 פראָצ*.

„עס איז קלאָר, — האָט געזאָגט כ׳ סטאַלינ, — אַז די פראַגע „ווער — וועמענ", די פראַגע צי וועט דער סאָציאַליזמ באַזיגנ די קאַפיטאַליסטישע עלעמענטנ אינ דער אינדוסטריע, אָדער זיי וועלנ באַזיגנ דעמ סאָציאַליזמ,— איז שוינ אינ גרונט געלייזט געוואָרנ לעטויוועס די סאָציאַליסטישע פאָרמענ פונ דער אינדוסטריע. זי איז געלייזט געוואָרנ ענדגילטיק אונ אַפ שטענדיק".

נאָכ אינ 1929 יאָר איז דאָ געווענ א הוילער סטעפ

צומ סאָפ ערשטנ פינפיאָר זײַנענ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ אַרויסגעשטויסנ געוואָרנ פונ אונדזער אינדוסטריע אינגאַנצנ אונ פולשטענדיק.

אונדזער גרויסע אינדוסטריע, ווי מיר ווייסנ, האָט זיכ אַנטוויקלט אַפ אַזוי פיל, אַז זי האָט לויט איר פּראָדוקציע פאַרנומענ דאָס דאָמינירנדיקע אָרט אינ דער גאַנצער פאָלקווירטשאַפט. לאָמיר דערמאָנענ די ציפער: 70 פּראָצ. פונ דער אַלגעמיינער מאַסע פּראָדוקציע גיט די אינדוסטריע.

באַזונדערע אָנשטרענגונגענ האָט קאָנצענטרירט די פּאַרטיי אונ די ראַטנמאַכט אַפנ אַנטוויקלענ די שווערע אינדוסטריע. אינ איר איז אַרײַנגעלייגט געוואָרנ דער גרעסטער טייל מיטלענ, וואָס איז פאַרווענדט געוואָרנ אינעמ ערשטנ פינפיאָר אַפ דער אינדוסטריע, נעמלעכ: 19 מיליאַרד פונ 23 מיליאַרד רובל. אונ צומ שטאַרקסטנ איז אויסגעוואַקסנ פאַר די פיר יאָר די שווערע אינדוסטריע: מער ווי אינ דריי מאָל (אַפ 331 פּראָצ.), אינ דער צייט, ווענ די גאַנצע אינדוסטריע איז אויסגעוואַקסנ אַפ 219 פּראָצ.

אינ דער שווערער אינדוסטריע איז פאַראַנ א צווײַג פונ אויסשליסלעכ-וויכטיקער באַדײַטונג — די שוואַרצע מעטאַלורגיע: די פּראָדוקציע פונ טשוהונ, אײַזנ אונ שטאָל.

די שוואַרצע מעטאַלורגיע — דאָס איז דער יעסאָד פונ די יעסוידעס. דאָס איז די באַזע פונ דער שווערער אינדוסטריע, אונ זי, ווידער, איז די באַזע פונ דער אינדוסטריאַליזאַציע, די באַזע פונ דער פולשטענדיקער איבערבויונג פונ אונדזער גאַנצער ווירטשאַפט. די שוואַרצע מעטאַלורגיע גיט רויוואַרג — מעטאַל פאַר אונדזער אינדוסטריע, וואָס פּראָדוצירט מיטלענ פאַר אַלע צווײַגנ פונ דער פאָלקווירטשאַפט.

אָנהייבנדיק פונעמ 16-טנ פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר איז אַפ דער אַנטוויקלונג פונ דער שוואַרצער מעטאַלורגיע געווענדט געוואָרנ א באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פונ דער פּאַרטיי אונ פונ אַרבעטער-קלאַס.

„די הויפּטפּראָבלעמ איז פאָרסירנ* די אַנטוויקלונג פונ דער שוואַרצער מעטאַלורגיע", — האָט געזאָגט כ' סטאַלינ אַפנ 16-טנ פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר.

דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר האָט באַשטימט צו שאַפנ א צווייטע קוילנ-מעטאַלורגישע באַזע אינ אוראַל-קוזנעצקער ראַיאָנ (די ערשטע באַזע האָבנ מיר אינ אוקראַינע). איצט איז די דאָזיקע באַזע שוינ געשאַפנ געוואָרנ.

---

* דאָס הייסט פאַרשטאַרקנ.



איצט געפינט זיכ דאָ דער מאגניטאָגאָרסקער זאוואָד,
איינער פונ די גרעסטע זאוואָדנ אינ דער וועלט

די שווארצע מעטאלורגיע האָט זיכ דערשלאָגנ גרויסע דערפאָלגנ. אָבער די דאָזיקע דערפאָלגנ זײַנענ נאָכ גאָר ניט גענוג. דער וווּקס פונ דער שווארצער מעטאלורגיע קאָנ ניט אָניאָגנ דעם וווּקס פונ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט. אונדזער מאשינבויונג שטעלט ארויס א קאָלאָסאלנ נאָכפרעג אפ מעטאל, וואָס די מעטאלורגיע קאָנ נאָכ ניט געבנ אינ דער נייטיקער מאָס. די מאשינבוי־אינדוסטריע איז אויסגעוואָקסנ לעגאבע דעם 1928 יאָר אינ פינפ מאָל אונ די שטאָל־פּראָדוקציע, לעמאָשל, האָט זיכ פארגרעסערט פאר דער זעלבער צײַט בלויז אפ 36 פּראָצ. די אָפּגעשטאנענקייט פונ דער שווארצער מעטאלורגיע פארהאלט די טעכנישע איבערבויונג פונ אנדערע אינדוסטריע־צווײַגנ, פונ דער לאנדווירטשאפט אונ טראנספּאָרט.

בײַקומענ די דאָזיקע אָפּגעשטאנענקייט איז איצט א ביז גאָר וויכטיקע ווירטשאפטלעכע אונ פּאָליטישע אויפגאבע. דער פּלענום פונעמ צענטראל־קאָמיטעט פונ דער פּארטיי אינ סענטיאבער 1932 יאָר האָט וועגנ דעם אזוי געזאָגט אינ זײַנ רעזאָליוציע:

„די אויפגאבנ, וואָס שטייענ פארנ לאנד, — טעכניש איבערבאוואָפענענ די לאנדווירטשאפט, שנעל אנטוויקלענ אונ איבערבאוואָפענענ דעם טראנספּאָרט, פארפעסטיקנ דעם לאנדשוצ אונ אנטוויקלענ די מאשינבוי־אינדוסטריע, — קאָנענ ניט געלייזט ווערנ, אויב מע זאָל ניט שארפ פארגרעסערנ די מעטאל־אויסשמעלצונג, אויב מע זאָל ניט פאָרסירנ די בויונג פונ די נייע זאוואָדנ אונ צעכנ".

די באָלשעוויסטישע אײַנגעשפּארטקייט אונ ענערגיע פונ די ארבעטער מוזנ שנעל אויפהייבנ די שווארצע מעטאלורגיע אפ דער געהעריקער הייכ.

די קאָלאָסאלע דערפאָלגנ אינ דער אנטוויקלונג פונ דער שווערער אינדוסטריע האָבנ געענדערט די לאגע מיט דער לײַכטער אינדוסטריע. פריער זײַנענ מיר געווענ געצווונגענ מאכנ עקאָנאָמיע אפ אלצ, דערונטער אויכ אפ דער לײַכטער אינדוסטריע, קעדיי צו באוועגנ פאָרויס די שווערע אינדוסטריע. איצט קאָנענ מיר שוינ אָפּגעבנ א סאכ מער מיטלענ אפ דער אנטוויקלונג פונ דער לײַכטער אונ שפּײַז־אינדוסטריע. אונ דאָס הייסט, אז שוינ אינ 1932 יאָר האָט זיכ באדײַטנדיק פארגרעסערט די באזאָרגונג פונ די ארבעטנדיקע מיט זאכנ פארנ מאסנ־געברויכ אונ מיט פּראָדוקטנ פונ דער שפּײַז־אינדוסטריע. מיר ווייסנ, אז צומ סאָפ צווייטנ פינפיאָר דארפ די דאָזיקע באזאָרגונג אויסוואקסנ ניט ווייניקער ווי אינ צוויי— דריי מאָל.

צוזאמענ מיטנ וווּקס פונ דער אינדוסטריע וואקסט שנעל אויכ דער ארבעטער־קלאס, עס וואקסט די גרונטיקע, די פירנדיקע מאסע בויער פונ סאָציאליזמ. די צאָל ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע פונ דער אינדוסטריע, טראנספּאָרט אונ לאנדווירטשאפט האָט זיכ פארגרעסערט אפ אזא אויפנ: אינ 1928 יאָר זײַנענ געווענ 12,4 מיליאָנ מענטשנ. אינ 1930 יאָר — 14,5 מיליאָנ, אינ 1931 יאָר — 18,1 מיליאָנ, אינ 1932 יאָר — 21 מיליאָנ מענטשנ.

אז מיר האָבנ געשאפנ אנ אייגענע מעכטיקע אינדוסטריע אונ געוואָרנ אנ אינדוסטריעל לאנד, האָבנ מיר אלע אָנגאבנ אפ פארווירקלעכנ די אופגאבע — דעריאָגנ אונ אריבעריאָגנ די פאָרגעשריטענע קאפּיטאליסטישע לענדער אינ טעכניש־עקאָנאָמישער הינזיכט העכסטנס אינ 10 יאָר.

אינ דער לייזונג פונ דער דאָזיקער אופגאבע האָבנ מיר זיכ שוינ דערשלאָגנ באדײַטנדיקע דערפאָלגנ. די דאָזיקע דערפאָלגנ ווארפנ זיכ באזונדערס אינ די אויגנ אינ צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס די קאפּיטאליסטישע וועלט ליידט פונ א קאָלאָסאלנ קריזיס, וואָס גיט איר נית קיינ מעגלעכקײַט צו באוועגנ זיכ פאָרויס אונ ווארפט זי אפילע אָפּ ווייט אפ צוריק.

מיר האָבנ נית געהאט קיינ טראקטער־אינדוסטריע. איצט אָבער האָבנ מיר פארנומענ דאָס ערשטע אָרט אינ דער וועלט לויט דער טראקטער־פּראָדוקציע.

מיר האָבנ נית געהאט קיינ קאָמבײַנענ־אינדוסטריע. איצט אָבער שטייענ מיר אפנ ערשטנ אָרט אינ דער וועלט לויט דער קאָמבײַנענ־פּראָדוקציע.

מיר האָבנ געהאט זייער א שוואכע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינענבויונג. איצט אָבער זײַנענ מיר אפנ ערשטנ אָרט אינ דער וועלט לויט דער פּראָדוקציע פונ לאנדווירטשאפטלעכנ אינווענטאר. לויט דער אלגעמיינער מאשינענבויונג זײַנענ מיר ארויס אפנ ערשטנ אָרט אינ אייראָפּע אונ אפנ צווייטנ אָרט אינ דער גאנצער וועלט.

מיר האָבנ געהאט זייער א שוואכע שווארצע מעטאלורגיע. איצט אָבער פארנעמענ מיר דאָס ערשטע אָרט אינ אייראָפּע אונ דאָס צווייטע אינ דער וועלט לויט דער טשוהונ־פּראָדוקציע.

בא אונדז איז די אויסארבעטונג פונ דער עלעקטרישער ענערגיע געשטאנענ אפנ נידעריקסטנ ניוואָ. איצטער אָבער האָבנ מיר זיכ ארויסגערוקט אפנ דריטנ אָרט אינ דער וועלט לויט דער עלעקטראָענערגיע־פּראָדוקציע.

מיר האָבנ נית געהאט קיינ כעמישע אינדוסטריע. איצט אָבער זײַנענ מיר אפנ פערטנ אָרט לויט דער פּראָדוקציע פונ כעמישע פּראָדוקטנ.

בא אונדז איז די הייצוואַרג־אינדוסטריע געווענ איינע פונ די סאמע אָפּגעשטאנענע צווישנ אנדערע לענדער. איצט אָבער האָבנ מיר זיכ דערשלאָגנ דאָס ערשטע אָרט אינ דער וועלט לויט דער טאָרפ־פּראָדוקציע, דאָס ערשטע אָרט אינ אייראָפּע אונ דאָס צווייטע אָרט אינ דער וועלט לויט דער נאפט־פּראָדוקציע, דאָס פערטע אָרט אינ דער וועלט לויט דער קוילנ־פּראָדוקציע.

אויב מע זאָל נעמענ די פּראָדוקציע פונ אלע אינדוסטריע־צווײַגנ פונ די פינפ



ויפנ-טראקטער פונעמ טשעליא-בינסקער טראקטער-זאוואָר

וויכטיקסטע אינדוסטריעלע לענדער פארנ 1928 יאָר און פאר 1932 יאָר, וועט זיכ באקומענ פאָלגנדיק בילד:

1928	1932
1. צאָפנ-אמעריקע	1. צאָפנ-אמעריקע
2. דייטשלאנד	2. פססר
3. ענגלאנד	3. ענגלאנד
4. פראנקרייכ	4. דייטשלאנד
5. פססר	5. פראנקרייכ

מיר זעענ, אז בלויז די גרעסטע אינדוסטריעלע לענדער — צאָפנ-אמעריקע און ענגלאנד — האָבנ איינגעהיט זייערע ערטער אינ דער וועלט-פראָדוקציע. דייטשלאנד האָט זיכ אראָפּגעלאָזט פונעמ צווייטנ אָרט אפנ פערטנ, פראנקרייכ — פונעמ פערטנ אפנ פינפטנ. און דער ראטנפארבאנד האָט זיכ אופגעהויבנ פונעמ פינפטנ אָרט אפנ צווייטנ.

אט דאָס זיינענ די רעזולטאטנ פונעמ ערשטנ פינפיאָר אינ וועלט-מאסשטאב. בא אונדז זיינענ פאראנ צענדליקער זאוואָדנ-גיגאנטנ, וואָס זיינענ ניטאָ ניט אינ איירָאָפּע, ניט אפילע אינ אמעריקע. אזוינע זאוואָדנ זיינענ דער שטאָלצ פונ ראטנפארבאנד, זיינ גרעסטע דעראָבערונג.

אינ 1933 יאָר, לעמאָשל, האָט אָנגעהויבנ ארבעטנ דער טשעליאבינסקער טראקטער-זאוואָד — דער פערטער לויטנ כעזשבנ. כוץ די טראקטערס פונ דער מארקע „КП“. („קראסני פוטילאָוועצ“), „С13“ (סטאלינגראדער טראקטער-זאוואָד), „ХТЗ“. (כארקאָווער טראקטער-זאוואָד), באווייזט זיכ אפ די סאָוועטישע פעלדער א נייע מארקע: „סטאלינעצ-60“ — א מעכטיקער רויפּנ-טראקטער פונ 60 פערד-קראפט.

דאָס איז דער סאמע מעכטיקער טראקטער. זיינ אויסארבעטונג-נאָרמע איז 20 העקטאר א טאָג.

אָבער ניט בלויז די מעכטיקייט אונטערשיידט דעמ „סטאלינעצ“. ער באוועגט

זיכ ניט אפ רעדער, נאָר אפ רויפנ. דעריבער קאָנ ער ארבעטנ מיט דערפאָלג אפ די שוואכע און פייכטע באָדנס, ער האָט ניט מוירע פאר ניט קיינ גלאטנ באָדנ, ער גייט אריבער גאנצ גרויסע גראָבנס. אדאנק דעמ גיט דער „סטאלינעצ" א מעגלעכקייט אָנצוהייבנ די פרילינג-ארבעטנ א סאכ פריִער און פאַרזעצנ די הארבסט-ארבעטנ א סאכ לענגער.

דער „סטאלינעצ" גיט א מעגלעכקייט צו פאנאנדערוויקלענ אפנ ברייטסטנ אויפנ דעמ גאָר-פריִיקנ פרילינג-פארזיי און פארגרעסערנ די אופאקערונג פונ פרירערד. דער „סטאלינעצ" — און בלויז ער וועט העלפנ אָפּרייניקנ פונ די קוסטארניקעס מיליאָנענ העקטאר פרוכטבארע ערד אינ אונדזערע צאָפנדיקע ראיאָנענ. דער „סטאלינעצ" איז די גרונט-קראפט פונ דער טעכנישער איבערקערעניש אינ דאָרפ, א מעכטיקער הייבער אפ פארצווייפאכנ און פארדרייפאכנ די לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקציע.

אינ זייער ווענדונג צו אלע קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס פונ פארבאנד שרייבנ די ארבעטער און ספּעציאליסטנ פונ טשעליאבינסקער טראקטער-זאוואָד:

„דער טשעליאבינסקער טראקטער-זאוואָד — דאָס איז א זאוואָד, וואָס האָט ניט צו זיכ קיינ גלייכנ אינ דער וועלט, א זאוואָד, וואָס די צעכנ זיינע זיינענ אויסגעשטאט מיט דער סאמע פאָרגעשריטענער טעכניק פונ דער מאשינבויונג.

דער זאוואָד האָט זיכ אויסגעשפּרייט אפ א טעריטאָריע פונ העכער 1000 העקטאר. דער שטעטעכ פונ די צעכנ, וואָס זיינענ אָנגעטאָנ אינ אייזנבעטאָנ און אינ גלאָז, באטרעפט 183 העקטאר.

דער גוס-צעכ פונעמ זאוואָד איז לויט זיינ פארנעמ און לויט דער טעכנישער באוואָפענונג דער גרעסטער אינ דער וועלט. אזוינע צעכנ זיינענ ניטאָ ניט בא פאָרדנ, ניט בא קאטערפילערנ.

דער קוזניע-צעכ איז אויסגעשטאט מיט דער פולקומסטער טעכניק פונ דער קוזניע-פראָדוקציע.

פאר דער פולער יערלעכער פראָדוקציע וועט דער זאוואָד דארפנ האָבנ 470 טויזנט טאָנ מעטאל און אויסארבעטונגענ.

די טראקטער-פראָדוקציע אינ אזא מאסשטאב דארפ אָפּשפּילנ אנ אויסשליסלעכע ראָליע אינ דער איבערבויונג פונ דער לאנדווירטשאפט און פונ גאנצע פראָדוקציע-צווייגנ, אינ קאמפ פאר בעסער עקספּלואטירנ די נאטור, פאר פראָדוצירנ וואָס מער ברויט און לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטנ, פאר לייזנ די גרונט-אויפגאבע, וואָס איז געשטעלט געוואָרנ פאר דער קאָלעקטיוויזאציע: מאכנ אלע קאָלווירטניקעס פאר פארמעגלעכע, אונדזער גאנצ לאנד רייכער".

דער לאָזונג פונעמ טשעליאבינסקער טראקטער-זאוואָד, וואָס איז ארויסגעוואָרפנ געוואָרנ בא דער עפענונג פונעמ זאוואָד, איז:

— שלאָג דעמ סוינע ניט מיט ווערטער, נאָר מיט טראקטערס!

דער טשעליאבינסקער טראקטער-זאוואָד איז, פונקט אזיווי אלע אונדזערע בעסטע זאוואָדנ, אויסגעשטאט מיט קאנווייערס. און א קאָנווייער באטייט



אוראלער זאוואָד פאר שווערער מאשינבויונג.

פראָדוצירנ מיט אנ אומפהערלעכנ שטראָמ. דורכנ גאנצנ צעכ אפ א האלב קילאָמעטער די לענג באוועגט זיכ לאנגזאמ א ברייטע סטענגע, אונ בא די זייטנ שטעלנ אפ איר ארופ די ארבעטער אונ פאסנ־צו איינעמ צומ אנדערנ די באזונדערע טיילנ פונעמ צוקונפטיקנ טראקטער, — יעדערער טוט שנעל זיינ ארבעט. אינ אָנהייב צעכ זיינענ אפ דער סטענגע פאראנ בלויז באזונדערע טיילנ פונ דער מאשינ, אונ אינ סאָפ צעכ רעוועט א ווארעמינקער, פארטיקער טראקטער — פאָר ארויס אקערנ!

אפ אזא אויפנ וועט דער טשעליאבינסקער טראקטער־זאוואָד געבנ 40 טויזנט „סטאלינצעס", ד. ה. צו 2 מיליאָנ 400 טויזנט פערדקראפט א יאָר. דאָס איז ניט אפ קיינ סאכ ווייניקער, איידער עס גיבנ איצט אונדזערע צוויי גיגאנטנ צוזאמענ — דער סטאלינגראדער אונ כארקאָווער טראקטער־זאוואָדנ. אָט אזא איז די מאכט פונעמ נייעמ ריז.

לאָמיר נאָכ ברענגענ אלס ביישפיל דעמ ניי־געעפנטנ אוראלער זאוואָד פאר שווערער מאשינבויונג. דער דאָזיקער זאוואָד קאָנ אויסארבעטנ די באליביקע גרעסטע אָפגוסנ אונ געשמידנ, ער קאָנ אויסארבעטנ די באליביקע מעכטיקסטע מאשינעס. זיינ אויפגאבע איז צו באזאָרגנ מיט א פולנ קאָמפלעקט אויסשטאטונג אונדזערע גרויסע מעטאלורגישע זאוואָדנ. אימ רופט מענ דעריבער אָג זאוואָד, וואָס פראָדוצירט זאוואָדנ.

עס איז זיכ שווער אפילע פאָרצושטעלנ די גרייס אונ די מעכטיקייט פונ די מאשינעס, וואָס ארבעטנ אינעמ דאָזיקנ זאוואָד. לעמאָשל, זיינע הייב־קראנענ קאָנענ אויפהייבנ מאסעס, וואָס וועגנ 250 טאָנ (העכער 15 טויזנט פוד). אינ דעמ טשוהונ- אונ שטאָל־צעכנ פונעמ זאוואָד קאָנ מענ אָפגיסנ מאשינ־טיילנ, לעמאָשל, געשטעלנ פאר בליומינגס, וואָס וועגנ ביז 90 טאָנ (5 מיט א האלבנ טויזנט פוד). אינ דעמ קוזניע־פרעס־צעכ קאָנ מענ פרעסנ גוס־שטיקער, וואָס וועגנ ביז 250 טאָנ, לעמאָשל, וואלנ, באראבאנענ, צילינדערס אדג. אינ דעמ מעכאנישנ צעכ, אפ די הובל־אונ דריי־בענק קאָנ מענ באארבעטנ מאשינ־דעטאלנ, וואָס וועגנ ביז 120 טאָנ (העכער 7000 פוד). די הובל־באנק נעמט א שניצל, וואָס האלט 12 מעטער די לענג אונ 5 מעטער די ברייט. אפ דער דרייבאנק קאָנ מענ אוועקשטעלנ אפ באארבעטנ א דעטאל, וואָס האלט צוואנציק מעטער די לענג.

דער אוראלער זאוואָד איז א גאנצער פאלאצ פונ דער גרעסטער טעכניק. לויט דער מעכטיקייט פונ דער אויסשטאטונג פונ איינעקע זיינע צעכנ איז דאָס דער

איינציקער זאַוואָד ניט בלויז אינעם ראַטנפאַרבאַנד, נאָר אויך אין דער גאַנצער וועלט.

עס איז קלאָר ביז גאָר, אַז די אויפגאַבע, וואָס די פּאַרטיי און די ראַטנמאַכט האָבן געשטעלט, — דעריאָגן און איבעריאָגן דעם קאַפּיטאַליזם לויט דער טעכניק און אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט, איז גאַנץ רעאַל און וועט אָן ספק געלייזט ווערן מיט דערפאָלג אין ענגע טערמינען, וואָס ח. סטאַלין האָט אָנגעמערקט, ד. ה. ניט מער און עפּשער אַפילו ווייניקער, איידער אין 10 יאָר.

באַהערשן פולשטענדיק די נײַע טעכניק

אונדזערע דערגרייכונגען אין דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע זײַנען אַ אַזויפיל גרויס, אַז די פראַגע גופא וועגן די אינדוסטריאַליזאַציע־טעמפּן ווערן געשטעלט אינעם צווייטן פינפיאָר שוין אַנדערש, איידער אינעם ערשטן.

אין די יאָרן פונעם ערשטן פינפיאָר האָבן מיר געדאַרפט וואָס שנעלער אויסבויען וואָס מער נײַע מעכטיקע אונטערנעמונגען מיט אַ הויכער טעכניק. מיר זײַנען געווען מעכוויעוו פאַר יעדן פּרײַז אין סאַמע קורצן טערמינען צו מאַכן אַ סך מיט אונדזער גוואַלדיקער ווירטשאַפטלעכער אָפּגעשטאַנענקייט, קעדיי צו ווערן פאַר די סאָנים אַ לאַנד, וואָס איז גרייט אָפּשלאָגן יעטווידער אימפּעריאַליסטישן אָנפאַל.

דער קאַמף פאַר די שנעלסטע בויונג־טעמפּן איז געווען דער צענטער פון אַלע פראַגן, די אויפגאַבע פון אַלע אויפגאַבעס.

צום אָנהייב צווייטן פינפיאָר האָבן מיר געשאַפן אַ הויכע טעכניק, וואָס באַוואָרנט אונדז די פולשטענדיקע סאָציאַל־טעכנישע איבערבויונג פון דער גאַנצער פאָלקווירטשאַפט, מיר האָבן דערמיט גופא שטאַרק פאַרפעסטיקט דעם לאַנדשוץ, באַרשטייט זיך, אַז מיר דאַרפן און וועלן פאַרזעצן די בויונג, פאַרשטאַרקן זי, באַזונדערס אויף אייניקע באַצירקן, אויף אַזוינע, לעמאָשל, ווי די שוואַרצע מעטאַלורגיע. מיר וועלן ווייטער אַנטוויקלען די טעכניק, מיר וועלן נאָך מער פעסטיקן דעם לאַנדשוץ. אָבער אין גרונט גענומען זײַנען שוין די דאָזיקע אויפגאַבן געלייזט. ניט אין דעם איז איצט דער איקער.

מיר דאַרפן באַ זיך איצינד פרעגן: אָבער צי האָבן מיר זיך אויסגעלערנט אויסצונוצן די נייע הויכע טעכניק?

אין דערויף וועט מען מוזן ענטפערן: ניין, נאָך ניט אויסגעלערנט זיך.

די נייע פאַרפולקומטע מאַשינעס מאַכן מיר אָפטמאָל קאַליע און מיר ברעכן, ווײַל מיר ווייסן ניט ווי צו באַגיין זיך מיט זיי. די נײַע סאַמע פאַרפולקומטע מאַשינעס אַרבעטן באַ אונדז ניט זעלטן שלעכט, און צומאָלס שטייען זיי אינגאַנצן צוליב מאַנגל אין טעכנישע קענטענישן באַ די מענטשן, וואָס מע האָט צו זיי אוועקגעשטעלט. די אָרגאַניזאַציאָנעל־טעכנישע און פּאָליטישע אָנפירונג מיט די נייע אונטערנעמונגען, מיט דער גלענצנדיקער טעכניק איז נאָך שלעכט אָרגאַניזירט, די אַרבעט־דיסציפּלין איז שוואַך.

אין רעזולטאַט פון דעם אַלעם באַקומען מיר נאָך ווייט ניט דעם גאַנצן סכום פּראָדוקציע, וואָס מיר וואָלטן געדאַרפט באַקומען מיט דער הילף פון דער נייער הויכער טעכניק. אין רעזולטאַט פון דעם אַלעם איז די קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע אַ נידעריקע און דער קערנקאָסט איז אַ הויכער.

אָט פאַרוואָס עס ווערט אינ צווייטנ פינפיאָר מיט דער גאַנצער קראַפט אַרויסגערוקט אַפנ ערשטנ אָרט, זייט-באַזייט מיט דער פריערדיקער אופגאַבע, אַנ אַנדערע אופגאַבע:

באַהערשנ פולשטענדיק די הויכע טעכניק, וואָס מיר האָבנ געשאַפנ, באַהערשנ זי אַפ אַלע 100 פּראָצ., אויסלערנענ זיכ אַרבעטנ ווי געהעריק מיט די נײַע מאַשינעס, אופהייבנ די קוואַליפיקאַציע פונ די אַרבעטער, העכערנ די קוואַליטעט פונ דער אַרבעט.

די דאָזיקע אופגאַבע האָט אונטערגעשטראָכנ כ. סטאַלינ אַפנ פּלענומ פונעמ צענטראַל-קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי אינ יאַנוואַר 1933 יאָר.

ער האָט געזאָגט:

„אינעמ פּעריאָד פונעמ ערשטנ פינפיאָר האָבנ מיר באַוויזנ צו אָרגאַניזירנ דעמ ענטוזיאַזמ, דעמ פּאַטאָס * פונ דער נײַער בויונג אונ מיר האָבנ זיכ דערשלאָגנ אַנטשיידנדיקע דערפאָלגנ. דאָס איז זייער גוט. אָבער איצט איז דאָס ניט גענוג. איצט דאַרפנ מיר די דאָזיקע זאַכ דערגאַנצנ מיטנ ענטוזיאַזמ, מיטנ פּאַטאָס פונ באַהערשנ די נײַע זאַוואָדנ אונ די נײַע טעכניק, מיט אופהייבנ ערנסט די אַרבעט-פּראָדוקטיווקייט, מיט פאַרקירצנ ערנסט דעמ קערנקאָסט.

אינ דעמ איז איצט דער איקער".

דער צווייטער פינפיאָר אונטערשיידט זיכ פונעמ ערשטנ דערמיט, וואָס ער וועט זיינ הויפּטזאַכלעכ דער פינפיאָר פונ באַהערשנ די נײַע טעכניק, סײַ אינ דער אינדוסטריע אונ סײַ אינ דער ערדאַרבעט, דער פינפיאָר פונ פאַרפעסטיקנ אָרגאַניזאַציאָנעל די נײַע אונטערנעמונגענ אינ דער לאַנדווירטשאַפט — די קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ.

דאָס באַטייט דורכויס ניט, אַז מיר וועלנ זיכ מער ניט פאַרנעמענ מיט נײַער בויונג. פאַרקערט, גראָד דאָס דערפאָלגרייכע באַהערשנ די נײַע טעכניק וועט באַוואָרענענ צומ בעסטנ די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פונ דער נײַער בויונג.

„דאָס הייסט, — ווערט געזאָגט אינ דער רעזאָליוציע פונעמ יאַנוואַר-פּלענומ, — אַז דער צווייטער פינפיאָר, אויב ער וויל אויסרעכענענ אַפ אַנ ערנסטנ דערפאָלג, דאַרפ דערגאַנצנ דעמ איצטיקנ לאָזונג פונ דער נײַער בויונג מיטנ נײַעמ לאָזונג באַהערשנ די נײַע אונטערנעמונגענ אונ די נײַע טעכניק".

דער לאָזונג פונ שנעלע טעמפּנ ווערט ניט אָפּגעשאַפט, נאָר געענדערט, ער ווערט אָנגעפילט מיט אַ נײַעמ אינהאַלט, ער ווערט פאַרשאַרפט אינ אַנ אַנדער ריכטונג. ער קלינגט איצט אַזוי:

— פאַר דער שנעלסטער באַהערשונג פונ דער נײַער טעכניק.

— פאַר העכערנ צומ שנעלסטנ די קוואַליטעט פונ דער אַרבעט, די קוואַליטעט פונ דער פּראָדוקציע.

— פאַרנ שנעלסטנ וווּקס פונ דער אַרבעט-פּראָדוקטיווקײַט.

---

* דאָס הייסט די באַגייסטערונג, דעמ ברענ.

כ. סטאלינ האָט געזאָגט אפנ פלענומ, אז אינעמ צווייטנ פינפיאָר איז די ערשטע יאָרנ זיינע דארפ מענ נעמענ וויניקער שנעלע אנטוויקלונג-טעמפנ. פונ דער אינדוסטריע דעמ דורכשניטלעכנ יערלעכנ צוווקס פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע האָט ער אָנגעמערקט אָפ 13—14 אָנשטאָט 22 פראָצ. יערלעכנ צוווקס פארנ ערשטנ פינפיאָר.

צי הייסט דאָס, אז מיר זאָגנ זיכ אָפ אצינד פונ דער אופגאַבע דעריאָגנ אונ אריבעריאָגנ דעמ קאפיטאליזמ אינ דער טעכניק אונ אַרבעט-פּראָדוקטיוויטעט? אָפ קיינ האָר ניט. די קאפיטאליסטישע לענדער קאָנענ איצט אפילע ניט טרוימענ וועגנ וועלכע ניט איז 5 פראָצ. יערלעכנ צוווקס פונ זייער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, אזוי ווי אינ זייערע בעסטע צייטנ. מיר אָבער מערקנ אָנ 13—14 פראָצ. צוווקס אונ בלויז אלמ די קלענסטע אופגעבונג. דערביי באטייט אצינד יעדער פראָצענט צוווקס א סאכ מער, ואיידער פריער. לעמאָשל, אינ 1925 יאָר האָט 1 פראָצ. צוווקס באטראָפנ 45 מיליאָנ רובל אונ אינ 1933 יאָר איז ער אינ זיבנ מאָל מער.

מיר נעמענ אצינד וויניקער שנעלע אנטוויקלונג-טעמפנ, קעדיי צו באהערשנ די דערגרייכטע רעזולטאטנ אינ דער בויונג פונ די נייע אונטערנעמונגענ. אָבער דאָס מיינט קלאל ניט, אז מיר הערנ אופ צו וואקסנ, אז מיר באגרענעצנ זיכ אינ דער באוועגונג פאָרויס. כ. סטאלינ זאָגט:

„בלויז אָפ דער האָזיקער באזע* קאָנענ מיר זיכ דערשלאָגנ, לאָמיר זאָגנ, אז צו דער צווייטער העלפט צווייטנ פינפיאָר וועלנ מיר נעמענ א נייעמ מעכטיקנ פאנאנדערלויפ סיי אינ געביט פונ דער בויונג אונ סיי אינ געביט פונ דעמ צוווקס פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע".

אזוי איז, ווענ א מעכטיקער בארג-שטראָמ באגעגנט אָפ זיינ וועג א פאר-טיפונג, פארלאנגזאמט ער א ביסל זיינ שטורמישנ לויפ, ער וואקסט, קעדיי נאָכדעמ נאָכ האסטיקער א וואָרפ טאָנ זיכ ווייטער.

וואָס גיט די אינדוסטריע דעמ דאָרפ

אונדזער אינדוסטריע האָט אונטערגעפירט א פעסטנ פונדאמענט אונטער דער גאנצער פאָלקווירטשאפט אונ אונטער דעמ לאנדשוץ פונ האטנפארבאנד.

לאָמיר נעענטער באטראכטנ וואָס האָט געגעבנ די אינדוסטריע דעמ דאָרפ.

די אינדוסטריע האָט געוואָרפנ אינ דאָרפ פאר די פיר יאָר פונעמ ערשטנ פינפ-יאָר פאר 1 מיליארד 600 מיליאָנ רובל אינווענטאר. אָפ וויפל קאָלאָסאל איז די דאָזיקע סומע, קאָנ מענ זענ דערפונ, אז צומ אָנהייב פינפיאָר האָט דער גאנצער ווערט פונ די מאשינעס אונ געציינ אינ אונדזער לאנדווירטשאפט באטראָפנ 1 מיליארד 150 מיליאָנ רובל.

אָבער עס איז וויניק צו זאָגנ, אז די אינדוסטריע האָט סאכאקל פאר עטלעכע יאָר, פאר אונדז אינ די אויגנ, געהעכערט די באוואָפנטקייט פונ דאָרפ מיט אינ-ווענטאר אינ צוויי מיט א דריטל מאָל. באזונדערס וויכטיק איז דאָס, וואָס אינ דער אלגעמיינער מאסע נייעמ אינווענטאר באטרעפט דער גרויסער מאשינ-אינווענטאר פונ דער מעכאנישער שלעפּ-

* דאָס הייסט, אָפ דער באזע פונ באהערשנ די נייע טעכניק.



סטאַלינגראַדער טראַקטאָר־זאַוואָד

קראַפט לויטן ווערט 43 פּראָצ. און צום אָנהייב פינפיאָר איז אַזאַ אינווענטאַר קימאַט ניט געווען אין דאָרף.

די אינדוסטריע האָט געגעבן דער לאַנדווירטשאַפט פון גרויסע מאַשינעס 120 טויזנט טראַקטאָרס מיט אַן אַלגעמיינער מעכטיקייט פון 1 מיליאָן 900 טויזנט פערדקראַפט. דערפון אַרבעטן 80 טויזנט טראַקטאָרס אַפ די קאָלווירטישע פעלדער.

פאַר די ערשטע 6 כאָדאָשים פון 1933 יאָר האָט אונדזער אינדוסטריע אַרויסגעלאָזן שוין 33 טויזנט טראַקטאָרס מיט אַ מעכטיקייט פון 992 טויזנט פערדקראַפט, ד. ה. זי האָט פאַרן האַלביאָר געגעבן אַ העלפט פון דער טראַקטאָר־מעכטיקייט, וואָס עס האָט געשאַפן דער ערשטער פינפיאָר.

בלויז פאַר די צוויי לעצטע יאָרן פונעם פינפיאָר האָט די אינדוסטריע געגעבן 150 טויזנט טראַקטאָר־פלוגן, 60 טויזנט טראַקטאָר־זייִמאַשינעס, 20 טויזנט טראַקטאָר־דרעשמאַשינעס, 13 טויזנט 500 קאָמבײַנען, 10 טויזנט 300 אויטאָמאָבילן, 15 טויזנט לײַנצופּערס, 10 טויזנט קאַרטאָפלזעצער. כוץ דעם זײַנען אַרויסגעלאָזן געוואָרן פאַר 1932 יאָר צו עטלעכע טויזנט קוקורוזע־קאָמבײַנען, קוקורוזע־דרעשמאַשינעס, בורעקעס־קאָמבײַנען, בוימוואָל אָראָפּנעם־מאַשינעס אאַ.

אַזוי אַרום האָט די אינדוסטריע ניט פּאַשעט באַוואָפנט, נאָר ווירקלעך איבערבאַוואָפנט דעם ערדאַרבעטער. זי האָט פאַרביטן אַ באַדײַטנדיקן טייל האַנט־און פערד־אינווענטאַר מיט טראַקטאָר־אינווענטאַר.

די אינדוסטריע האָט געהאָלפן די פויערים גרינטלעך איבערבויען זייער ווירטשאַפט, שאַפן אַפ דער באַזע פון דער מאַשין־טעכניק אַ גרויסע קאָלעקטיווע פּראָדוקציע אַפן אָרט פון דער קליינער אינדיווידועלער.

צום אָנהייב פינפיאָר האָבן 47 פּראָצענט פויערשע ווירטשאַפטן געהאַט בלויז אַקער־אינווענטאַר. און 27 פּראָצ. ווירטשאַפטן האָבן בכלל ניט געהאַט קיין אינווענטאַר, ניט קיין אַרבעט־פי. דרײַ פערטל פויערשע ווירטשאַפטן האָבן ניט געוווּסט פון געברויכן מאַשינעס.

אין 1928 יאָר איז אײַן צענטבײַלעק שעטעכ זומער־טוועס אויפגעאַקערט געוואָרן מיט אַזאַ אַלטפרענקישן געצײַג, ווי די סאָכע. דרײַ פערטל שעטעכ זומער־טוועס איז פאַרזייט געוואָרן אַפן אַלטפרענקישן אופן — פון דעם זײַ־קאָרב. העכער אַ דריטל שניט־שעטעכ איז אָפּגעשניטן געוואָרן מיטן סערפּ און מיט דער קאָסע. צוויי פינפטל גערעטעניש איז אויסגעדראָשן געוואָרן מיטן דרעש־שטעקן.



די ארבעט-פאַרווענדונג אפ אופאַקערן, באַראָנע-ווען און פאַרזייען איין העקטאַר. (אין מענטשן-טעג).

1 מענטש-טאָג
אין די קאָלווירטן,
וואָס ווערן באַדינט פון די מטס.

5 מענטשן-טעג —
אין די אינדיווידו-
עלע ווירטשאַפטן

צום סאָף פינפיאָר, ד. ה. אין 1932 יאָר, האָט זיך מיט די מאַשינעס באַנוצט שוין די קאָלאָסאַלע מערהייט פון סאָוועטישע ווירטשאַפטן (די ווירטשאַפטן, וואָס זײַנען אַרײַן אין די קאָלווירטן). העכער א העלפט קאָלווירטן זײַנען באַדינט געוואָרן מיט מאַשין-טראַקטאָרישע סטאַנציעס און האָבן געקאָנט אויסנוצן די גאַנצע קאָמפּליצירטע סיסטעם מאַשינעס: דאָ גייט אַרײַן אי דער אַקער-אינווענטאַר אי דער פאַרזיי-אינווענטאַר אי דער יעט-אינווענטאַר אי דער שניט-אינווענטאַר אי דער דרעש-אינווענטאַר פון מעכאַנישער שלעפּקראַפט. די איבעריקע קאָלווירטן האָבן זיך אויך באַנוצט מיט א גאַנצן קאָמפּלעקט מאַשינעס פון פערדישער שלעפּקראַפט. אויך אין דער אינ-דיווידועלער ווירטשאַפט זײַנען איינציקע איינפאַכע מאַשינעס אַרײַן אין ברייטן געברויך.

אין 1933 יאָר קאָן דאָס דאָרף באַם אויסנוצן גוט דעם אינווענטאַר פאַר-אַקערן מיט טראַקטאָרס בא א דריטל שעטעך זומער-טוועס, פאַרזייען די זומער-טוועס קימאַט אינגאַנצן מיט דער הילף פון מאַשינעס, אָראָפּנעמען די גערעטעניש אפ דרײַ פערטל מיט דער הילף פון מאַשינעס פון פערדישער שלעפּ-קראַפט און אפ איין זעקסטבײַלעך מיט דער הילף פון טראַקטאָרס און קאָמבײַנען, אויסדרעשן אין א פולער מאָס מיט דער הילף פון מאַשינעס פון פערדישער און מעכאַנישער שלעפּקראַפט.

לאָמיר באַווײַזן אפ איינציקע בײַשפּילן, וואָס באַטײַט פאַרן פויער די איבער-באַוואָפענונג, די איבערבויונג פון זײַן ווירטשאַפט.

מיט די הענט האָט דער פויער געקאָנט פאַרזייען בא 3 העקטאַר א טאָג. די טראַקטאָר-זיימאַשין גיט דעם קאָלווירט 18 העקטאַר א טאָג, הייסט עס, אַז זי פאַרשנעלערט אין 6 מאָל און פאַרלײַכטערט, פאַרשטייט זיך, די אַר-בעט פונעם האַנט-פאַרזיי. כוץ דעם גיט זי עקאָנאָמיע 50 פוד קערנער.

מיט די הענט קאָן א פויערטע זעצן בא צוויי צענטל העקטאַר קאַרטאָפל א טאָג, דער טראַקטאָר-קאַרטאָפלזעצער גיט 10 העקטאַר א טאָג. הייסט עס, אַז ער פאַרשנעלערט אין 50 מאָל די ארבעט פון זעצן מיט דער האַנט.

מיט די הענט צופּט א פויערטע לײַן פון איין דריטל ביז א האַלבן העקטאַר א טאָג. דער טראַקטאָר-לײַנצופּער גיט 25—30 העקטאַר א טאָג. הייסט עס, ער פאַר-שנעלערט אין פופציקהונדערט מאָל די ארבעט פון צופּן מיט דער האַנט.



וויפל קארטאָפל קאָן זעצן א בויערטע פאר 1 טאָג מיט די הענט און וויפל — א טראַקטארישער קארטאָפל־זעצער

די טראַקטער-דרעשמאַשין גיט פאר א טאָג אין פיר מאָל מער קערנער, איידער א פירפערדיקע דרעשמאַשין. זי אַליין פארבייט 20 פערד־טעג און 30 מענטשן־טעג.

איין קערנער־קאָמביין פארבייט פאר א 10 שאָיקן טאָג די ארבעט פון 4—5 פערדיקע שנייד־מאַשינעס און 2 פערדיקע דרעשמאַשינעס.

דער בוריקעס־קאָמביין, וואָס שניידט אראָפ די באָטווע, גראָבט אויס, רייניקט אָפּ פון דער ערד די בוריקעס און לייגט צונויף אין א הויפן די באָטווע באזונדער און די בוריקעס באזונדער, — ער נעמט אראָפּ 5 העקטאר צוקער־בוריקעס א טאָג און פארבייט 50—70 פרויען־ארבעטער.

פאר אונדז אין די אויגן באפרייט די אינדוסטריע מיט יעדן יאָר אלץ מער דאָס יאָרפאָלק פון דער דויער־דווירעסדיקער אָנגעשטרענגטער, אויסצערנדיקער, פארטעמפנדיקער אומענטשלעכער ארבעט. די אינדוסטריע לייגט אלץ מער אריבער די שווערע אומענטשלעכע ארבעט פונעם פויער אף די אייזערנע פלייצעס פון די מאשינעס.

און צוזאמען דערמיט שטייגט אין א קאָלאָסאַלער מאָס אויך די פּראָדוקטיווקייט פון דער לאַנדווירטשאפטלעכער ארבעט. וועגן דעם ריידן איבערצייגנדיק אָט וואָסערע פאַקטן.

אין 1932 יאָר האָבן 10 מיליאָן אינדיווידועלע ווירטשאפטן פארזייט 19 מיליאָן העקטאר, אָדער דורכשניטלעך ווייניקער ווי 2 העקטאר אף א ווירטשאפט. 8 מיליאָן קאָלווירטישע הויפן, וואָס זיינען גיט באדינט געוואָרן פון מאשין־טראקטערישע סטאנציעס, האָבן פארזייט 31 מיליאָן העקטאר, אָדער כמעט צו 4 העקטאר אף א הויף. און 7 מיליאָן קאָלווירטישע הויפן, וואָס זיינען באדינט געוואָרן מיט מאשין־טראקטערישע סטאנציעס, האָבן פארזייט 35 מיליאָן העקטאר, אָדער צו 5 העקטאר אף א הויף.

הייסט עס, אז די ארבעט־פּראָדוקטיווקייט אין די קאָלעקטיווע ווירטשאפטן, וואָס זיינען באזאָרגט מיט מאשינעס, האָט זיך שוין אויפגעהויבן אין צוויי מאָל און אין צוויי מיט א האלבן מאָל לעגאבע די אינדיווידועלע ווירטשאפטן.

עס איז אויסגערעכנט געוואָרן, אז די ארבעט־פארוועגדונג אף אופאקערן, בראָנעווען און פארזייען איין העקטאר אין דער אינדיווידועלער ווירטשאפט באטרעפן פינף און צוויי הונדערטל מענטשן־טעג. אין די קאָלווירטן אָבער מיט א

פערד־מאשינישער באארבעטונג (וואָס ווערנ ניט באדינט פונ מאשינ־טראקטערשע סטאנציעס) באטרעפנ די דאָזיקע ארבעט־פארווענדונגענ סאכאקל צוויי מיט אכט אונ זעכציק הונדערטל מענטשנ־טעג, ד. ה. קימאט אינ צוויי מאָל ווייניקער. אונ אינ די קאָלווירטנ מיט א מעכאנישער באארבעטונג (וואָס ווערנ באדינט פונ מאשינ־טראקטערשע סטאנציעס) באטרעפנ די ארבעט־פארווענדונגענ בלויז איינ אונ זעקס הונדערטל מענטשנ־טעג, ד. ה. אינ פינפ מאָל ווייניקער, איידער אינ דער אינדיווידועלער ווירטשאפט.

אָט וואָס עס גיבנ דעמ דאָרפ די גרויסע מאשינ־טעכניק אונ די גרויסע פארגעזעלשאפטלעכטע ווירטשאפט, וואָס איז אויסגעבויט אפ איר באזע.

צי וואָלט געקאָנט געמאָלט זײַנ עפּעס אזוינס אָנ דער גרויסער אינדוסטריע, באזונדערס אָנ דער שווערער אינדוסטריע, וואָס גיט אײַזנ, שטאָל, הייצוואַרג פאר דער מאשינבויונג?

עס איז קלאָר, אז עס קאָנ אבסאָליוט ניט געמאָלט זײַנ.

אָנ דער גרויסער אינדוסטריע וואָלט דאָס דאָרפ אפנ אלטנ שטייגער געקאָלערפעט די ערד מיט דער סאָכע, וואָלט געשניטנ די גערעטעניש מיטנ קרומענ געהארבטנ מעסער, וואָלט ארומגעקלאפט די זאנגענ מיטנ הילצערנעמ קלאפער.

אָנ דער פּאָליטיק פונ אינדוסטריאליזירנ דאָס לאנד, וואָס די פּארטיי אונ די ראטנמאכט פירנ פעסט דורכ, וואָלטנ בא אונדז ניט בלויז ניט געווענ קיינ קאָלאָסאלע דערגרייכונגענ אינ דער לאנדווירטשאפט, נאָר אונדזער לאנד וואָלט זיכער אויכ געהאט אויסצושטיינ אָנ אָנפאל מיצאד די אויסלענדישע אימפּעריאליסטנ.

יעדער קאָלווירטניק, יעדער ארבעטנדיקער פּויער דארפ קוקנ אפ דער אנטוויקלונג פונ אונדזער מעלוכישער גרויסער אינדוסטריע, ווי אפ זײַנ לײַבלעכער, אייגענער זאכ, ווי אפ דער באזע פונ דעמ פראָגרעס פונ דער לאנדווירטשאפט, ווי אפנ קוואל פונ דער מאכט פונ אונדזער רויטער ארמיי, דער פארטיידיקערנ פונ די סאָוועטישע פעלדער.

אונדזערע שוועריקייטנ
אונ מיט וואָס קאָנ מענ זיי דערקלערנ

אָבער אויב די דערפאָלגנ פונעמ סאָציאליזמ זײַנענ אזוי גרויס, איז פארוואָס איז נאָכ אלצ פאראנ בא אונדז אָרעמקײַט, א מאנגל אינ פּראָדוקטנ? פארוואָס זײַנענ אזוי גרויס די שוועריקײַטנ פונ אונדזער בויונג?

מיט דער דאָזיקער פראגע אינטערעסירנ זיכ א סאכ מענטשנ. אונדזערע סאָנימ אָבער האָבנ א בייזע האנאָע, זיי האָפנ, אז די שוועריקײַטנ וועלנ אונדז טאקע אומברענגענ.

אָבער מיר האָבנ ניט מוירע פאר די שוועריקײַטנ. מיר ווייסנ זייערע סיבעס אונ קאָנענ זיי בײַקומענ.

די שוועריקײַטנ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג זײַנענ בא אונדז גרויס קוידעמקאָל דערפאר, ווײַל נאָכ דער הערשאפט פונ די פריצימ אונ קאפּיטאליסטנ איז אונדז געבליבנ בעיערושע א קאבצאָניש פינצטער לאנד, וואָס איז אינגאנצנ רויִנירט געווענ פונ דער מילכאָמע.

ווענ דער ארבעטער-קלאס האט גענומענ צו זיכ אינ די הענט די ווירטשאפט, א גרגטלעכ צעשטערטע פונ דער אימפעריאליסטישער מילכאמע, ווענ דער ארבעטער-קלאס האט גענומענ אופהייבנ, אנטוויקלענ, איבערבויענ די אינדוסטריע אונ די ערד-ארבעט, — האט ער זיכ אנגעשטויסנ אפ אומגעהייער גרויסע שוועריקייטנ, דאפקע צוליב דער שוואכקייט, אפגעשטאנענקייט, צערוינירטקייט פונ דער אינדוסטריע, צוליב דעמ אגאלפאבעטיזמ, דער אומקולטורעלקייט פונ די ארבעטנדיקע מאסנ, צוליב דעמ אומגעהייער שארפנ מאנגל אינ קוואליפיצירטע ארבעטער, ספעציאליסטנ, צוליב דער זייער נידעריקער ארבעט-פראדוקטיווקייט אינ דער אינדוסטריע אונ באזונדערס אינ דער לאנדווירטשאפט.

אט דאס איז די ערשטע סיבע, וואס צוליב איר האבנ מיר נאכ ניט באוויזנ אויפצולעבנ די ארעמקייט אונ-אונדזער ווירטשאפט קאנ נאכ ניט באפרידיקנ אינ א פולער מאל אלע באדערפענישנ פונ די ארבעטנדיקע, ניט געקוקט אפ די קאלאסאלע דערפאלגנ פונ דער סאציאליסטישער בויונג.

ווײַטער האבנ מיר געדארפט צוערשט אופשטעלנ די כארעווע ווירטשאפט, אופהייבנ אונ טעכניש איבערבויענ די גרויסע אינדוסטריע, אופהייבנ אונ גרינטלעכ איבערבויענ די לאנדווירטשאפט — שאפנ גרויסע מעלוכישע אונטערנעמונגענ (ראט-ווירטנ), פארייניקנ די הריבנע פויערשע ווירטשאפטנ אינ קאלווירט, דערשלאגנ זיכ, אז די סאציאליסטישע ווירטשאפטלעכע אונטערנעמונגענ זאלנ באקומענ די איבערהאנט אינ דער גאנצער פאלקווירטשאפט.

אינ דער לייזונג פונ די דאזיקע אלע אופגאבנ האבנ מיר זיכ שוינ דערשלאגנ גרויסע דערפאלגנ. אבער פאר אונדז שטייענ נאכ גראנדיעזע אופגאבנ אינעמ זינ פונ אופהייבנ די פראדוקטיווקייט פונ דער פאלק-ארבעט, אינעמ זינ פונ אריבערפירנ די גאנצע ווירטשאפט אפ דער באזע פונ דער נײַסטער טעכניק אינ פארענדיקנ אינגאנצנ איבערמאכנ סאציאליסטיש דאס דארפ.

עס איז פאראנ נאכ איינ זײַט פונ דער סאציאליסטישער בויונג, וואס אפ איר האט אנגעוויזנ לענינ:

„די ארבעט פונ ארגאניזירנ אנ אומגעהייער קאמפליצירטע אונ דעליקאטע נעצ נײַע ארגאניזאציאנעלע פארהעלטענישנ, וואס כאפנ ארומ די פלאנמעסיקע פראדוקציע אונ פארטיילונג פונ די פראדוקטנ, וואס זײַנענ נייטיק פאר דער עקזיסטענצ פונ צענדליקער מיליאנענ מענטשנ“.

עס פארשטייט זיכ, אז מיטאמאל אט דאס אלצ פארווירקלעכנ איז אומעגלעכ. מע קאנ ניט מיטאמאל אופהייבנ די פאלקווירטשאפט אפ דער נייטיקער הייכ, מע קאנ ניט מיטאמאל ארגאניזירנ סאציאליסטיש די גאנצע פראדוקציע אונ פאנאנדערטיילונג, מע קאנ ניט מיטאמאל אויסבויענ די סאציאליסטישע געזעלשאפט.

אט דאס איז די צווייטע סיבע, וואס מיט איר דערקלערט זיכ פארוואס בא אונדז איז נאכ פאראנ א מאנגל אינ א סאכ פראדוקטנ אונ וואס מיט איר דערקלערנ זיכ אונדזערע שוועריקייטנ.

אונדזער בויונג-ארבעט איז אינ אנהייב גוואלדיק פארשווערט געווארנ צוליב דעמ, וואס די רעשטלעכ צעגראמירטע עקספלואטאטארישע קלאסנ פרווונ זיכ מיט

אלע מיטלענ שטערנ דער סאָציאַליסטישער בויונג, פאַרהאַלטנ די טעמפּנ, קעדיי אָפּרוקנ די שאָ פונ זייער ענדגילטיקנ אונטערגאַנג. ארויסטרעטנ אָפנ האָבנ זיי שוינ ניט קיינ מעגלעכקייט. טוענ זיי אלצ בישטיקע. זיי פאַרנעמענ זיכ מיט שעדיקערײַ אינ די ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגענ אונ אנשטאַלטנ, זיי קריכנ ארײַנ אינ די קאָלווירטנ, קעדיי צו דעזאָרגאַניזירנ זיי, זיי צעשלעפּנ דאָס קאָלווירטישע, מעלוכישע פאַרמעגנ אאַוו. זיי באַקומענ הילפ פונ דער אויסלענדישער בורזשואַזיע. אונ די דאָזיקע בייזע פּלענער פונעמ קלאַסנ־סוינע באַגעגענענ ניט אײַנ געוויסע פאַלנ דעמ נעהעריקנ ווידערשטאַנד מיצאַד איינצלנע פּאַרטיי־מיטגלידער, מיצאַד איינצלנע פּאַרטיי־קעמערלעכ.

כאָוועד סטאַלינ זאָגט:

„הינטער אונדזערע שוועריקײַטנ זײַנענ פאַרבאָרגנ אונדזערע קלאַסנ-סאָנימ... די דאָזיקע שוועריקײַטנ ווערנ קאָמפּליצירטער צוליב דעמ פאַרצווייפלטנ ווידערשטאַנד פונ די אָפּשטאַרבנדיקע קלאַסנ פונ אונדזער לאַנד, צוליב דער אונטערשטיצונג פונ די דאָזיקע קלאַסנ פונ אויסנ, צוליב דעמ, וואָס עס זײַנענ פאַראַנ ביוראָקראַטישע עלעמענטנ אינ אונדזערע אייגענע אנשטאַלטנ אונ וואָס עס איז פאַראַנ א ניטזיכערקײַט אונ אינערטקײַט אינ איינ יקע צווישנשיכטנ פונ אונדזער פּאַרטיי".

אָט דאָס איז די דריטע סיבע פונ אונדזערע שוועריקײַטנ אונ פונעמ מאַנגל אינ א סאַכ פּראָדוקטנ.

מע דאַרפ נאָכ האָבנ אינ זינענ, אז די באַדערפענישנ פונ די ארבעטנדיקע באַ אונדז זײַנענ אומגעהייער אויסגעוואָקסנ אונ וואַקסנ.

באַ דער דאַלעסדיקער לאַגע, אינ וועלכער עס האָבנ זיכ געפונענ די פאָלק־מאַסנ אינ צאַרישנ רוסלאַנד, פלעגנ א סאַכ פונ די נייטיקסטע באַדערפעגישנ פונ די ארבעטנדיקע פאַרבלײַבנ אינגאַנצנ ניט באַפרידיקט אָדער זיי פלעגנ באַפרידיקט ווערנ אַפ א פּרימיטיוונ אויפנ. א סאַכ פונ די אינדוסטריעלע פּראָדוקטנ פונעמ מאַסנ־געברויכ זײַנענ געווענ א ל ו ק ס ו ס פ א ר ד י מ א ס נ. די קאָלאָסאַלע מערהײַט ארבעטנדיקע פונ צאַרישנ רוסלאַנד איז געגאַנגענ באָרוועס אָדער זי פלעגט אָנטאָנ פּאָסטעלעס אונ אליינ געמאַכטע קליידער.

וויפל לעדערנע שוכוואַרג איז אויסגעארבעט געוואָרנ אינ אלטנ רוסלאַנד? 8 מיליאָנ 400 טויזנט פּאָר א יאָר. דאָס איז אַפ 138 מיליאָנ באַפעלקערונג! עס קומט אויס צו 6 פּאָר אַפ 100 מענטשנ!

אונ באַ אונדז איז אינ 1931 יאָר אויסגעארבעט געוואָרנ 76 מיליאָנ 800 טויזנט פּאָר לעדערנע שיכ. אונ דאָכ סטײַעט ניט! דאָס איז אויכ פאַרשטענדלעכ: צי וועלנ זיכ דענ איצט געפינענ א סאַכ ארבעטנדיקע, וואָס זאָלנ ניט קאָנענ קויפנ צו איינ אונ אמאָל אויכ צוויי פּאָר לעדערנע שיכ?

אזא זאַכ פונ ערשטער נויטווענדיקײַט, ווי ווירטשאַפטלעכע זייפ, פלעגט אויסגעארבעט ווערנ 94 טויזנט טאָנ א יאָר, צו אָנדערהאַלבנ פונט אַפ א מענטשנ א יאָר. אונ באַ אונדז איז אויסגעארבעט געוואָרנ אינ 1931 יאָר 182 טויזנט טאָנ זייפ. אונ דאָכ סטײַעט עס ניט. כוץ דעמ דערלאַנג איצט דעמ דאַרפ אויכ טואַלעט-זייפ!

הייסט עס, אז דער מאַנגל אינ פּראָדוקטנ איז באַ אונדז אויכ אָפּהענגיק דער־

זונג, וואָס עס זײַנענ מיט אַנ אומגעהײערער שנעלקײט אויסגעוואַקסנ אונ עס וואַקסנ די באַדערפֿענישנ פֿונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ. אָט דער דאָזיקער גרענעצלאָזער וווּקס פֿונ די באַדערפֿענישנ פֿונ די מאַסנ איז דער קעסיידערדיקער סטימול אונ די באַזע פֿונ אונדזער ווײַטערדיקער ווירטשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג. אָבער צוזאַמענ מיט דעמ ליגט טאַקע דאָ אויכ פֿאַרבאָרגנ אינ דער געגעבענער צײַט אײנע פֿונ די סיבעס, וואָס אונדז פֿעלט אַ סאַכ זאַכנ, אײנע פֿונ די סיבעס פֿונ אונדזערע שוועריקײַטנ. שוועריקײַטנ זײַנענ פֿאַראַנ פֿאַרשײדענע.

לעמאָשל, די קאַפּיטאַליסטישע לענדער לעבנ איצט איבער די קאָלאָסאַלסטע שוועריקײַטנ צוליבנ קריזיס, צוליב דער צעפֿאַלונג פֿונ דער גאַנצער ווירטשאַפֿט. די דאָזיקע שוועריקײַטנ פֿירנ צו דער ווײַטערדיקער פֿאַראָרעמונג פֿונ די פֿאָלק-מאַסנ אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, זײ פֿירנ דעמ קאַפּיטאַליזמ צומ אונטערגאַנג.

אָבער אונדזערע שוועריקײַטנ זײַנענ גאָר פֿונ אַנ אַנדער מינ. כאַווער סטאַלינ דערקלערט:

„ווענ מיר אָבער רײדנ וועגנ אונדזערע שוועריקײַטנ, האָבנ מיר אינ זינענ ניט קײנ יערידע אונ ניט קײנ שטילשטאַנד אינ דער אַנטוויקלונג, נאָר דעמ וווּקס פֿונ אונדזערע קרעפֿטנ, דעמ אויפֿשטײַג פֿונ אונדזערע קרעפֿטנ, די באַוועגונג פֿונ אונדזער עקאָנאָמיק פֿאָרויס. אַפֿ וויפֿל פּונקטנ אַ רוק טאָנ זיכ פֿאָרויס צו אַזאַ אונ אַזאַ טערמינ, אַפֿ וויפֿל פּראָצענטנ אויסאַרבעטנ מער פּראָדוקטנ, אַפֿ וויפֿל מיליאָנ העקטאַר פֿאַרזײענ מער, אַפֿ וויפֿל כאַדאָשימ פֿריִער אויסבויענ דעמ זאַוואָד, די פֿאַבריק, די אײַזנבאַנ, — אָט וואָסערע פֿראַגנ מע האָט באַ אונדז אינ זינענ, ווענ מע רעדט וועגנ שוועריקײַטנ. הײסט עס, אונדזערע שוועריקײַטנ זײַנענ, אינ אונטערשײד פֿונ די שוועריקײַטנ, לאָמיר זאָגנ, פֿונ אַמעריקע אָדער ענגלאַנד, שוועריקײַטנ פֿונ וווּקס, שוועריקײַטנ פֿונ באַוועגנ זיכ פֿאָרויס".

אָט פֿאַרוואָס אונדזערע שוועריקײַטנ לאָזנ זיכ אײַנגאַנצנ בײַקומענ אונ באַזײַטיקנ.

נאָכ מער: מיר האָבנ זיכ שוינ דערשלאָגנ אַנטשײדנדיקע דערפֿאָלגנ אינעמ פּראַט פֿונ בײַקומענ די שוועריקײַטנ. לאָמיר טאַקע דערמאָנענ זיכ אָנ די יאָרנ, ווענ ראַטנ-רוסלאַנד איז געווענ צונויפֿגעפּרעסט מיט אַ רונג פֿײַנטלעכע אַרמײענ, ווענ די אַרבעטער האָבנ געליטנ אַלע יעסורימ פֿונ הונגער, ווענ אינ דער אינדוסטריע האָבנ מיר געהאַט בלויז די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגענ אונ אויכ זײ האָבנ קימאַט ניט געאַרבעט, ווענ אינ דער לאַנדווירטשאַפֿט איז באַ אונדז געווענ בלויז די דריבנע אינדיווידועלע ווירטשאַפֿט אונ דערצו נאָכ אַ רויִנירטע פֿונ דער מילכאָמע. לאָמיר אָט דאָס אַלצ זיכ דערמאָנענ, אונ מיר וועלנ מוזנ אָנערקענענ, אַז די הויפּט-שוועריקײַטנ זײַנענ שוינ איצט פֿאַרבליבנ הינטער אונדז.

כאַווער סטאַלינ האָט געזאָגט די קאָלווירטניקעס-שלאָגלער:

„די הויפּט-שוועריקײַטנ איז מענ שוינ דורכגעגאַנגענ, אונ די שוועריקײַטנ, וואָס שטײענ פֿאַר אונדז, זײַנענ אַפֿילע ניט ווערט, אַז מע זאָל וועגנ זײ ערנסט רײדנ. יעדנפֿאַלס איז פֿאַרגלײַכ מיט די שוועריקײַטנ, וואָס די אַרבעטער האָבנ איבערגעלעבט מיט 10—15 יאָר צוריק, זעענ אויס אײַערע איצטיקע שוועריקײַטנ, כאַווײרימ-קאָלווירטניקעס, ווי אַ קינדער-שפּיל".

אָט פֿאַרוואָס, ניט געקוקט אַפֿ די שוועריקײַטנ, וואָס פֿאַרבלײַבנ נאָכ, וועלנ מיר,

בײַקומענדיק זיי, באוועגנ זיכ פאָרויס אלצ שנעלער אונ שנעלער. אינ א קורצער צײַט וועלנ מיר אויסלעבנ יעטווידער דאלעס, יעטווידער מאנגל, מיר וועלנ ווערנ דאָס רײַכסטע לאנד אינ דער וועלט, ווו אלע רײַכטימער געהערנ אינגאנצנ די ארבעטנדיקע גופע.

דערצו איז נייטיק בלויז פאָרזעצנ דעמ אקשאָנעסדיקנ קאמפ אפ אלע באצירקנ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג, צעשמעטערנדיק דעמ ווידערשטאנד פונעמ קלאסנ־סוינע, פירנדיק אנ אנטשיידענעמ קאמפ קעגנ די רעכטע אונ „לינקע" אָפּאָרטוניסטנ אינ די פארטיי־רייענ.

די סאָציאליסטישע געזעלשאפט וועט אויסגעבויט ווערנ!

שלוס

אינ אונדזער צווייטנ שמועס האָבנ מיר זיכ באקענט מיט דער סאָציאליסטישער אונ קאָמוניסטישער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג.

די גרונט־פרינציפנ פונ אזא אָרדענונג האָבנ אָנגעמערקט מארקס אונ ענגעלס. לענינ אונ סטאלינ האָבנ געגעבנ גענויע אָנווײַזונגענ וועגנ אויסבויענ די סאָציאליסטישע געזעלשאפט.

דער סאָציאליזמ בויט זיכ אינ פארביסענעמ קאמפ קעגנ די רעשטלעכ קאפיטאליסטישע קלאסנ. די סאָציאליסטישע אָרדענונג באזירט זיכ אפנ געזעלשאפטלעכנ באזיצ פונ די פראָדוציר־מיטלענ. אינ דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט איז ניטאָ קיינ אײַנטיילונג אינ קלאסנ, איז ניטאָ קיינ עקספלואטאציע פונ איינע מיטגלידער פונ דער געזעלשאפט דורכ אנדערע. די סאָציאליסטישע געזעלשאפט פארווירקלעכט די קלאָלימ: „ווער עס ארבעט ניט, דער עסט ניט" אונ „פאר גלײַכע ארבעט — א גלײַכנ סכומ פראָדוקטנ". די סאָציאליסטישע אָרגאניזירונג פונ דער געזעלשאפט באוואָרנט די מעכטיקע אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיווע קרעפטנ אונ די מעגלעכקײַט צו באפרידיקנ אפנ פולסטנ אויפנ די באדערפענישנ פונ אלע מיטגלידער פונ דער געזעלשאפט. אפ דער זײַט פונ דער סאָציאליסטישער ווירטשאפטלעכער אָרדענונג זײַנענ די אנטשיידנדיקע פאָרצוגנ לעגאבע דער קאפיטאליסטישער.

דער סאָציאליזמ איז דער ערשטער שטאפל פונ קאָמוניזמ. די קאָמוניסטישע געזעלשאפט אָרגאניזירט די פראָדוקציע אונ פאנאנדערטיילונג לויטנ קלאל: „פונ יעדנ לויט די פייִקײַטנ — יעדנ לויט די באדערפענישנ". אינ דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט פאלט אָפּ די נייטיקײַט אינ וועלכע ניט איז צוואנג־אָרגאנענ. די מעלוכע־מאכט שטארבט אָפּ. עס ווערט פארווירקלעכט די העכסטע פרײַהײַט אונ פולשטענדיקע גלײַכהײַט צווישנ די מענטשנ.

אינעמ ראטנפארבאנד האָט די סאָציאליסטישע פראָדוקציע שוינ אָפּגעהאלטנ א פולשטענדיקנ ניצאָכנ אינ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט. בא אונדז איז שוינ אויסגעבויט דער ווירטשאפטלעכער פונדאמענט פונ דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט ניט בלויז אינ דער אינדוסטריע, נאָר אויכ אינ דער לאנדווירטשאפט. עס גייט אנ ארבעט איבער דער ווײַטערדיקער מעכטיקער אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיווע קרעפטנ, איבער דער ענדגילטיקער ליקווידירונג פונ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ אונ קלאסנ ביכלאל, איבערנ בײַקומענ פולשטענדיק די רעשטלעכ קאפיטאליזמ אינ

דער ווירטשאפט און אינעם באוווסטזיינ פונ די מענטשנ, איבערנ איבערדערציִענ די ארבעטנדיקע אינ באוווסטזיניקע און אקטיווע מיטגלידער פונ דער אָנקלאסנדי־קער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט.

די באזע פונ אונדזערע קאָלאָסאלע דערפאָלגנ אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג איז די גרויסע אינדוסטריע, באזונדערס די שווערע אינדוסטריע.

אדאנק דער פּאָליטיק פונ אינדוסטריאַליזירנ דאָס לאנד, וואָס עס פירט דורכ די קאָמוניסטישע פּארטיי און די ראטנמאכט, איז בא אונדז געשאפנ געוואָרנ א אייגענע מעכטיקע אינדוסטריע, וואָס גיט שוינ די פולע מעגלעכקייט גרינטלעכ איבערצובויענ אויפ דער באזע פונ דער הויכער מאשינ־טעכניק די גאנצע פּאָלקווירטשאפט, דערונטער די לאנדווירטשאפט און אויכ דעמ לאנדשוצ. די וויכטיקסטע אָרדנטלעכע אויפגאבע איז צו באהערשנ די טעכניק, באהערשנ די נייע אונטערנע־מונגענ, העכערנ די ארבעט־פּראָדוקטיוויטעט צוגלייכ מיטנ ענדיקנ איבערבויענ די פּאָלקווירטשאפט און ווייטער אנטוויקלענ די טעכניק.

די שוועריקייטנ, וואָס זיינענ נאָכ בא אונדז פאראנ אינ דער בויונג און דער מאנגל אינ פּראָדוקטנ דערקלערנ זיכ מיט דער אומגעהייערער ווירטשאפטלעכער און קולטורעלער אָפּגעשטאנענקייט פונעמ צארישנ רוסלאנד, וואָס מיר האָבנ נאָכ נימ בייגעקומענ אינ א פולער מאָס, מיטנ פארביטערטנ ווידערשטאנד קעגנ דער סאָציאַ־ליסטישער בויונג מיצאד די רעשטלעכ קאפּיטאליסטישע קלאסנ, וואָס ווערנ ליקווי־דירט, און מיטנ אומגעהייערנ שנעלנ וווקס פונ די באדערפענישנ פונ די ארבעטנ־דיקע מאסנ. די דאָזיקע שוועריקייטנ וועלנ ענדגילטיק באזיגט ווערנ אינ די נאָענטסטע יאָרנ.

די סאָציאַליסטישע אָרדענונג וועט זיינ פולשטענדיק, וועט זיינ ניט בלויז אינ ראטנפארבאנד, נאָר אויכ אינ דער גאנצער וועלט באמ געמיינזאמענ קאמפּ פונ די ארבעטנדיקע מאסנ פונ פארבאנד און פונ די קאפּיטאליסטישע לענדער פארנ טריומפ פונעמ סאָציאַליזמ.

*

פראגנ פאר זעלבסטקאָנטראָל

וואָס רעדט מענ בא אייכ אינ קאָלווירט, אינ ראטווירט, אינ דער מאשינ־טראקטאָרשער סטאנציע, אינ דאָרפ וועגנ סאָציאַליזמ? וואָס רעדט מענ וועגנ דער סאָציאַליסטישער בויונג אינ ראטנפארבאנד? וואָס פאר א באווייזנ קעגנ דעמ סאָציאַליזמ איז אייכ אויסגעקומענ צו הערנ? וואָס פאר א דערווידערונגענ קעגנ די סאָציאַליסטישע מאָסמיטלענ פונ דער ראטנ־מאכט און פונ דער קאָמוניסטישער פּארטיי האָט איר געהערט?

פּרובירט צעקלאפּנ יעדערע פונ די באווייזנ פונ די קעגנער פונ סאָציאַליזמ, שטיצנדיק זיכ אפנ אינהאלט פונעמ צווייטנ שמועס.

ע ר ש ט ע ר ט י י ל

1. וואָס איז די גרונט־פאָדערונג פונעמ סאָציאַליזמ?
2. וואָס איז אזוינס „קלייני־בירגערלעכער סאָציאַליזמ"?
3. וואָס זיינענ די גרונט־שטריכנ פונ דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג?
4. אינ וואָס באשטייענ די גרונט־מיילעס פונ דער סאָציאַליסטישער ווירטשאפטלעכער אָרדענונג לעגאבע דער קאפּיטאליסטישער?
5. וואָס זיינענ די גרונט־שטריכנ פונ דער קאָמוניסטישער אָרדענונג?

6. פאַרוואָס קאָן מען ניט מיטאַמאָל איינפירן דעם קאָמוניזם?
7. וואָס וועט זיין מיט דער מעלוכע באַם קאָמוניזם?

צ ו ו י י ט ע ר   ט י י ל

1. אין וואָס איז שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן בא אונדז דער סאָציאַליזם?
2. אין וואָס ווערט דער סאָציאַליזם פאַרווירקלעכט און וועט פאַרווירקלעכט ווערן?
3. וואָסערע דערגרייכונגען האָבן מיר אין ערשטן פינפיאָר? וואָס איז זיינע גרונט-רעזולטאַטן?
4. וואָס דאַרפן מיר אויפטאָן אין צווייטן פינפיאָר? וואָס איז זיין גרונט-אויפגאַבע?
5. וואָס באַטייַט די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון די קלאַסן און פון די קלאַסן-אונטערשיידן?
6. אין וואָס באַשטייען די רעשטלעך קאַפּיטאַליזם אין דער ווירטשאַפט און אינעם באַוווסטזיין פון די מענטשן?

ד ר י ט ע ר   ט י י ל

1. וואָס פאַר א באַדייטונג האָט די גרויסע אינדוסטריע?
2. וואָס איז אזוינס אינדוסטריאַליזאַציע? וואָסערע אויפגאַבן האָט כ׳ סטאַלין געשטעלט אַפן געביט פון אינדוסטריאַליזאַציע?
3. וואָס גיט די אינדוסטריע דעם דאָרף?
4. אין וואָס באַשטייען אונדזערע שוועריקייטן און וויאַזוי קאָן מען זיי דערקלערן?

★



די סאָציאַליסטישע איבערבויונג פונעם דאָרפ

װעגנ װאָס רעדט זיכ אינעמ דריטנ שמועס

די קענגער פונעמ סאָציאַליזמ טײַנענ צו די באָלשעװיקעס:

— א דאַלעסדיק, פינצטער דאָרפ, װאָס האָט זיכ פונ אײביקע יאָרנ געפונענ אינ פאַרשקלאַפונג בא די פּריצימ אונ צאַרנ, — אונ פּלוצלינג סאָציאַליזמ! צי קאָנ גאָר אַזא זאַכ געמאָלט זײַנ?

— א סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט, װאָס בילדעט די מינדערהײט באַפעלקערונג, אונ צענדליקער מיליאָנענ קלײנע פּריװאַט-אײגנטימער! צי איז דענ ניט פאַרמישפּעט פאַרויס אפ א דורכפאַל יעטװידער פּרוװ אויסצובויענ א סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אינ אַזא לאַנד?!

אונ װענ עס האָט זיכ בא אונדז ברײט פאַנאַנדערגעװיקלט די קאָלװירטישע באַװעגונג, האָבנ אונדזערע סאָנימ גענומענ טײַנענ:

— יאָ, די קאָלװירטנ װאַקסנ בא אײַכ, אָבער דאָכ װעט מיט די קאָלװירטנ בא אײַכ קײנ סאָציאַליזמ ניט אַרויסקומענ. לאָמיר דערלאָזנ, אַז אײַערע פאַבריקנ אונ זאַװאָדנ זײַנענ סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ. זײ געהערנ דער מעלוכע. אָבער די קאָלװירטנ געהערנ די פּויערימ. די פּויערימ װעלנ אומבאַדינגט צעטײלנ צװישנ זיכ דאָס קאָלװירטישע פאַרמעגנ, װי נאָר זײ װעלנ רײַכ װערנ אינ די קאָלװירטנ אפנ כעזשבנ פונ די מעלוכע-קרעדיטנ.

אַזױ טײַנענ אונדזערע סאָנימ — די בורזשואַזע געלערנטע, די סאָציאַל-דעמאָקראַטנ, די מענשעװיקעס, די טראָצקיסטנ. מיר דאַרפנ

גענוי באטראכטנ די דאָזיקע אַלע דערווידערונגענ קעגנ דער רעאלקייט פונ דעמ סאָציאַליזמ אינ א קליינעמ פויערשנ לאנד.

וואָס איז אזוינס דאָס פויערטומ? צי איז עס ווירקלעכ א סוינע דעמ סאָציאַליזמ? וואָס פאר א באציִונגענ מיטנ פויערטומ דאַרפ איינ־שטעלנ דער ארבעטער-קלאס, וואָס האָט דעראָבערט די מאכט אינ דער מעלוכע? מיט וואָסערע מיטלענ קאָנ ער ארייננציִענ האָס פויערטומ אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג?

וואָס איז אזוינס א קאָלווירט? וואָס איז דער אונטערשייד צווישנ דעמ קאָלווירט אונ דער מעלוכישער סאָציאַליסטישער אונטערנעמונג? צווישנ דעמ ארבעטער אונ קאָלווירטניק? אונ אינ וואָס זיינענ זיי ענ־לעכ איינער צומ אנדערנ? וויאזוי ווערנ אויסגעלעבט די ווידערשפרוכנ אינ די קאָלווירטנ אונ מיט וואָסערע וועגנ אנטוויקלענ זיכ די קאָל־ווירטנ אינ ווירקלעכע קעמערלעכ פונ דער סאָציאַליסטישער געזעל־שאפט?

אפ די דאָזיקע אַלע פראגנ גיט אנ ענטפער די לערע פונ מארקס-ענגעלס, לענינ-סטאלינ וועגנ דער באציִונג פונעמ ארבעטער-קלאס צומ פויערטומ אונ וועגנ די וועגנ פונעמ דאָרפ צומ סאָציאַליזמ דורכ אָרגאַניזירנ א קאָאָפעראטיווע, קאָלעקטיווע ווירטשאפט. אינ אונדזער דריטנ שמועס וועלנ מיר זיכ טאקע פארנעמענ מיט באטראכטנ די דאָזיקע לערע.

דעמ דריטנ שמועס טיילנ מיר איינ אינ צוויי טיילנ:

ערשטער טייל. וויאזוי דער ארבעטער-קלאס האָט ארויסגעפירט דאָס דאָרפ אפנ וועג צומ סאָ־ציאַליזמ.

צווייטער טייל. דער וועג פונ די קאָלווירטנ איז דער איינציק-ריכטיקער וועג.



ערשטער טײל

ווי אזוי דער ארבעטער־קלאס האָט ארויסגעפירט דאָס דאָרפ אפנ וועג צומ סאָציאליזמ

וואָס איז עס אזוינס פויערטומ?
צי איז דאָס פויערטומ א סוינע פונעמ סאָציאליזמ?

אינ דאָרפ זײַנענ כוץ די פויערימ פאראנ לאנדווירטשאפטלעכע לוינ־ארבעטער. אָבער ניט וועגנ זײ וועלנ מיר רײדנ. דאָס זײַנענ דאָרפישע פּראָלעטאריער, א טײל פונעמ ארבעטער־קלאס. זײ האָבנ ניט זײער ווירטשאפט. לויט זײער קלאסנ־לאגע זײַנענ זײ פארנ סאָציאליזמ.

מע דארפ רײדנ וועגנ די דאָרפישע קלײנע אײגנטימער, די באזיצער פונ פּראָ־דוציר־מיטלענ, וואָס פירנ אנ אײגענע ווירטשאפט. זײ רופט מענ עס אָנ פויערימ. ווי איז זײער באציִונג צומ סאָציאליזמ?

די סאָציאל־דעמאָקראטנ, די מענשעוויקעס האָבנ ליב איבערצוכאזערנ דאָס גע־פליגלטע ווערטל, אז באמ פויער איז קלוימערשט „אנ אנטיקאָלעקטיוויסטישער שארבנ", ד. ה. אז באמ פויער איז שוינ, קלוימערשט, אזוי דער קאָפּ געבויט, אז ער קאָנ ניט זײַנ קײנ קאָלעקטיוויסט, קײנ סאָציאליסט.

דאָס איז אײנע פונ די סאמע „ערנסטע" (קלוימערשט ערנסטע) דערווידערונ־גענ קעגנ דער רעאלקײַט פונעמ סאָציאליזמ אינ דאָרפ. אײנ־ערעמעסנ. אונ אומווי־סנדיקנ מענטשנ קאָנ מענ אויפקלערנ. א שוואכע אינדוסטריע קאָנ מענ אנטוויקלענ. אָבער וויאזוי קאָנ מענ איבערציִענ מיליאָנענ אונ צענדליקער מיליאָנענ מענטשנ צו בויענ דעמ סאָציאליזמ, וויבאלד די דאָזיקע מענטשנ זײַנענ לויט זײער קלאסנ־נאטור, לויט זײער לאגע פונ פּריוואט־אײגנטימער — אומבעשאָלעמדיקע סאָנימ פונעמ סאָציאליזמ?

דעריבער איז די ערשטע פראגע, וואָס מיר דארפנ באטראכטנ: וואָס איז אזוינס דאָס פויערטומ, צי איז דאָס פויערטומ ווירקלעכ א סוינע דעמ סאָציאליזמ?

קוידעמקאָל דארפ מענ זאָגנ, אז די לערע פונ מארקס—ענגעלס, לענינ—סטאלינ האלט ניט דאָס פויערטומ אלס אײנהײטלעכנ קלאס. דער

מאַרקסיזם־לעניניזם האָט אויפגעדעקט און דערוויזן, אַז דאָס פּויערטום אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט טיילט זיך אין דריי פאַרשיידענע שיכטן אָדער קלאַסן.

פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז דאָס פּויערטום אַריבער אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, איינגעטיילט אין די דאָזיקע דריי שיכטן. די לאַגע פון יעדערן פון די דאָזיקע שיכטן אין דער געזעלשאַפט איז אַ פאַרשיידענע. אויך די קלאַסן־אינטערעסן בא זיי זיינען פאַרשיידענע.

וואָס זיינען דאָס פאַר אַ שיכטן?

איין שיכט איז דאָס אָרעמפּויערטום, די פּויערשע אָרעמשאַפט. דער דאָזיקער שיכט, הגם אפילו ער האָט אַ געוויסן אייגנטום, באַקומט אָבער די הויפּט־מיטלען פאַר דער עקזיסטענץ ניט פון זיין ווירטשאַפט, נאָר פון פאַרקויפן זיין אַרבעטקראַפט אַפ דער זייט. דאָס זיינען, אייגנטלעך, ניט קיין פּויערים, נאָר דאָרפישע האַלבאַרבעטער, האַלבפּראָלעטאַריער. לענין האָט אָנגערופן די אָרעמשאַפט „לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער מיט אַן ערד־קיילעך", אָדער „פעסט באַזעצטע פּראָלעטאַריער".

די אָרעמשאַפט, פּונקט ווי די דאָרפישע פּראָלעטאַריער, איז עקספּלואַטירט געוואָרן אין די פּריצישע גיטער און אין די גרויסע פּויערשע (באַלעגופישע) ווירטשאַפטן. די קלאַסן־אינטערעסן פון דער אָרעמשאַפט זיינען דירעקט קעגנזעצלעך די אינטערעסן פון די, וואָס דינגען אַרבעטקראַפט, די אינטערעסן פון די פּריצים, קאַפּיטאַליסטן, באַלעגופים. די קלאַסן־אינטערעסן פון דער אָרעמשאַפט זיינען, פאַרקערט, זייער נאָענט און ענלעך צו די קלאַסן־אינטערעסן פון די לוינאַרבעטער, פונעם פּראָלעטאַריאַט.

אָט פאַרוואָס די פּויערשע אָרעמשאַפט איז דער שיכט, וואָס איז נאָענט דעם פּראָלעטאַריאַט.

די ראַטן־מעלוכע העלפט דער אָרעמשאַפט מיט אַלע מיטלען און באַגרענעצט די עקספּלואַטאַציע פון דער אָרעמשאַפט מיצאַד די באַלעגופים. מיטן ליקווידירן דאָס באַלעגופנטום אַלס קלאַס אַפ דער באַזע פון דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע גיט די ראַטן־מעלוכע דער אָרעמשאַפט די פולשטענדיקע באַפרייונג פון דער באַלעגופישער פאַרשקלאַפונג.

די אָרעמשאַפט אונטערשטיצט דעם פּראָלעטאַריאַט, די ראַטן־מעלוכע אין זייער קאַמפ קעגן אַלע עקספּלואַטאַטערס, אין קאַמפ פאַר פולשטענדיק פאַרניכטן די עקספּלואַטאַציע, אין קאַמפ פאַרן סאָציאַליזם.

דער צווייטער שיכט אָדער קלאַס, וואָס איז דירעקט קעגנזעצלעך דער אָרעמשאַפט, איז דאָס באַלעגופנטום. די מיטגלידער פון די באַלעגופישע פאַמיליעס קאָנען אויך אַליין אַרבעטן אין זייער ווירטשאַפט, אָבער די הויפּט־האַכנאָסע באַקומט די באַלעגופישע ווירטשאַפט פון דעם, וואָס זי דינגט אַרבעטקראַפט פון דער זייט, אָדער פון אַנדערע ניט־אַרבעטנישע קוואַלן (לעמאָשל, פון אָפּגעבן אַפ פּראָקאַט איר אינווענטאַר, פון אַנטלייען ברויט, געלט, פון ספּעקולירן מיט סכוירעס אאַז.).

דאָס זיינען, אייגנטלעך, ניט קיין פּויערים, נאָר קליינע דאָרפישע קאַפּיטאַליסטן, וואָס עקספּלואַטירן די דאָרפישע לוינאַרבעטער און די אָרעמשאַפט. דאָס איז די פּויערשע בורזשואַזיע. די קלאַסן־אינטערעסן פונעם דאָזיק

שיכט זיינענ ענלעכ צו די אינטערעסנ פונ דער גרויסער בורזשואזיע אונ דירעקט קעגנזעצלעכ די אינטערעסנ פונעמ פראָלעטאריאט אונ דאָרפישער אָרעמשאפט.

די דאָרפישע בורזשואזיע, דאָס באלעגופנטומ איז א דירעקטער אונ פארביסענער סוינע פונעמ פראָלעטאריאט. די סאָציאליסטישע בויונג באגעגנט מיצאד דעמ באלעגופנטומ דעמ גאנצע פארביטערטנ ווידערשטאנד.

אָט דאָס זיינענ די צוויי עקסטרעמע קעגנזעצלעכע שיכטנ פויערטומ: דער פויערשער האלבפראָלעטאריאט (אָרעמשאפט) אונ פויערשע בורזשואזיע (באלעגופנטומ).

דער דריטער שיכט איז דאָס מיטלפויערטומ. דער דאָזיקער שיכט פארנעמט א צווישנלאגע צווישנ דעמ ערשטנ אונ צווייטנ שיכט. דער מיטלפויער קאָנ צומאָל פארקויפנ זיינ ארבעטקראפט אפ דער זייט, צומאָל — דינגענ ארבעט־קראפט פונ דער זייט. אָבער די הויפט־מיטלענ פאר דער עקזיסטענצ באקומט ער פונ זיינ ארבעט אינ דער אייגענער ווירטשאפט. לעניג זאָגט אזוי וועגנ דעמ מיטלפויער:

„דאָס איז אזא פויער, וואָס עקספלואטירט ניט קיינ פרעמדע ארבעט, לעבט ניט פונ פרעמדער ארבעט, באנוצט זיכ ניט אינ קיינ שומ מאָס אפ קיינ שומ אופנ מיט די פרוכט פונ פרעמדער ארבעט, נאָר ער ארבעט אליינ. לעבט פונ דער אייגענער מי".

ווי מיר זעענ, קאָנ מענ אָנרופנ פויער אינ פינקטלעכנ זינ פונעמ וואָרט בלויז דעמ מיטלפויער. ווענ מיר שטעלנ די פראגע וועגנ פויערטומ אונ סאָציאליזמ, דארפ מענ ריידנ דערהויפט וועגנ מיטלפויערטומ.

דער דאָרפישער האלבפראָלעטאריאט איז פארנ סאָציאליזמ. די דאָרפישע בורזשואזיע איז קעגנ דעמ סאָציאליזמ. וויאזוי איז אָבער די באציונג צומ סאָציאליזמ פונעמ מיטלפויערטומ? וויאזוי איז זיינ באציונג צומ פראָלעטאריאט, צומ קאמפ פונעמ פראָלעטאריאט קעגנ עקספלואטאציע, פארנ סאָציאליזמ?

קעדיי צו ענטפערנ אפ דער דאָזיקער פראגע דארפ מענ וויסנ, די לאגע פונעמ מיטלפויערטומ אינ דער געזעלשאפט, וואָסערע קלאסנ־אינטערעסנ האָט ער. לעניג זאָגט וועגנ דעמ אזוי: „דאָס איז א קלאס, וואָס וואקלט זיכ. ער איז טיילווייז אנ אייגנטימער, טיילווייז א הארעפאשניק. ער עקספלואטירט ניט קיינ אנדערע פארשטייער פונ די ארבעטנדיקע. יאָרצענדליקער איז אימ מיט דער גרעסטער מי אויסגעקומענ צו פארטיידיקנ זיינ לאגע, ער האָט אויסגעפרווט אפ זיכ די עקספלואטאציע פונ די פריצימ אונ קאפיטאליסטנ. ער האָט אלצ איבערגעטראָגנ, אונ גלייכצייטיק איז ער אנ אייגנטימער".

אלזאָ, די לאגע פונעמ מיטלפויער איז א וואקלדיקע. זיינע אינטערעסנ זיינענ ווידערשפרעכלעכע, צווייִיקע.

אלס אייגנטימער איז ער דירעקט פאראינטערעסירט אינ אייַנהיטנ אונ פארברייטערנ זיינ פריוואטע ווירטשאפט. אלס אייגנטימער שליסט ער זיכ אָנ לויט זיינע שטרעבונגענ אונ אָנשויונגענ אָנ דער בורזשואזיע, ציט אינ איר זייט.

אָבער אלס הארעפאשניק איז ער קעגנ די עקספלואטאטערס, קעגנ די פריצימ, קעגנ די קאפיטאליסטנ, קעגנ די באלעגופימ. אלס הארעפאשניק איז ער דירעקט פאראינטערעסירט אינעמ דערפאָלגרייכנ קאמפ קעגנ די עקספלואטאטערס אינ פארניכטנ פולשטענדיק די עקספלואטאציע, אינ פארווירקלעכנ דעמ סאָציאליזמ.

הייסט עס, עס איז אבסאָליוט ניט ריכטיק די מיינונג, אז

דער מיטלפויער קאָנ קלוימערשט בעשומויפנ ניט זײַנ קײנ אָנהענגער פונעמ סאָציאַליזמ. די נאַטור פונעמ מיטלפויער איז א צווייִקע. אַלס האָרעפּאַשניק קאָנ ער ווערנ אַנ אָנהענגער און פאַרבינדעטער פונעמ פּראָלעטאַריאַט, וואָס קעמפט פאַרנ סאָציאַליזמ.

אינ נאָיאַבער 1917 יאָר האָט מענ לענינענ אָפּגעפרעגט אפנ פויערימ־צוזאמענפאָר געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס פאָדערט ער א בונד צווישנ דעמ פּראָלעטאַריאַט און דעמ ארבעטנדיקנ פויערטומ אינ דער צײַט, ווענ דער פּראָלעטאַריאַט איז פאַר געמיינ־זאמנ אייגנטומ, און דער פויער איז א פּריוואַט־אייגנטימער? לענינ האָט געענטפערט אפ דער דאָזיקער פראַגע אזוי:

„קיינ ראַדיקאַלער אונטערשייד צווישנ די אינטערעסנ פונ די לוינארבעטער און די אינטערעסנ פונ די ארבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע פויערימ איז ניטאָ. דער סאָציאַליזמ קאָנ פולשטענדיק באַפרידיקנ די אינטערעסנ פונ די און יענע. בלויז דער סאָציאַליזמ קאָנ באַפרידיקנ זייערע אינטערעסנ. פונדאַנענ נעמט זיכ די מעגלעכקײַט און נייטיקייט פונ אַנ „ערלעכער קאָאַליציע“* צווישנ די פּראָלעטאַריער און ארבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע פויערימ“.

אינדערעמעסנ, לאָמיר נעענטער באַטראַכטנ די אינטערעסנ פונעמ ארבעטנדיקנ פויערטומ.

די קליינע פויערימ־פּראָדוצירער זײַנענ פאַרינטערעסירט, לעמאָשל, אינ פאַרקויפנ זייערע פּראָדוקטנ וואָס טײַערער, קויפנ די אינדוסטריִעלע פּראָדוקטנ וואָס ביליקער, באַפרײַענ זיכ פונעמ לאַנדווירטשאַפטלעכנ שטײַער. די פּראָלעטאַרישע מאַכט אָבער שטעלט אײַנ פעסטע מעלוכע־פרײַזנ אפ די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטנ און אינדוסטריִעלע אויסארבעטונגענ. די ראַטנ־מעלוכע נעמט לאַנדווירטשאַפטלעכנ שטײַער בא די פויערימ.

ווי מיר זעענ, גייענ זיכ פאַנאַנדער אייניקע גאָר נאָענטע, דירעקטע אינטערעסנ פונ די ארבעטנדיקע פויערימ מיט די אינטערעסנ פונעמ ארבעטער־קלאַס, פונ דער פּראָלעטאַרישער מעלוכע. אָבער קיינ שומ אומבעשאָלעמדיקער ווידערשפּרוכ איז דאָ ניטאָ. פאַרקערט, די דאָזיקע ווידערשפּרוכנ קאָנ מענ פולשטענדיק לייזנ.

צוליב וואָס, פאַרוואָס שטעלט אײַנ די פּראָלעטאַרישע מעלוכע, די ראַטנמאַכט פעסטע פרײַזנ און נעמט לאַנדווירטשאַפטלעכע שטײַערנ? די ראַטנ־מעלוכע דאַרפ האָבנ מיטלענ אפ אַנטוויקלענ די אינדוסטריע, און קיינ שומ אנדערע קוואַלנ, כוץ די אינערלעכע, זײַנענ ניטאָ אפ באַקומענ די דאָזיקע מיטלענ. צי דאַרפ אָבער דער ארבעטנדיקער פויער האָבנ אַנ אינדוסטריע? אומבאַדינגט דאַרפ ער — און דערצו אַנ אייגענע, סאָוועטישע מעלוכישע אינדוסטריע. דער ארבעטנדיקער פויער קאָנ בעשומויפנ ניט דערלאָזנ, אַז די אינדוסטריִעלע פּראָדוקציע זאָל אַרײַנגעפירט ווערנ פונ אויסלאַנד. דאָס וואָלט געהייסנ ווערנ אָפּהענגיק פונ די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטנ. ווענ בא אונדז וואָלט ניט געווענ קיינ אייגענע, סאָוועטישע אינדוסטריע, קיינ אייגענע זאַוואָדנ, וואָס זאָלנ אויסארבעטנ מאַשינעס, וועקשטעלנ, מיליטערישע מאַטעריִאַלנ, וואָלטנ די אימפּעריִא־

---

* דאָס הייסט א בונד.

ליסטישע מעלוכעס אונדז גענומענ מיט די הוילע הענט. עס וואלטנ זיכ אומגעקערט די פריצימ אונ וואלטנ געצוווּנגענ די פויערימ צוריק אפגעבנ די ערד.

מיר זעענ, אז דאס ארבעטנדיקע פויערטומ איז בלוטיק פארינטערעסירט אינ אונטערשטיצנ די מאכט פונעמ פראלעטאריאט, אינ דער מעכטיקער אונ שנעלער אנטוויקלונג פונ דער מעלוכישער סאציאליסטישער אינדוסטריע, אינעמ פולשטענדיקנ ניצאכנ פונעמ סאציאליזמ. מיר זעענ, אז די גרונטיקע אינטערעסנ פונעמ ארבעטנדיקנ פויערטומ ניט בלויז גייענ ניט פאנאנדער מיט די אינטערעסנ פונעמ ארבעטער־קלאס, נאר, פארקערט, די דאזיקע אינטערעסנ זײַנענ בײַ זיי געמײַנזאמע. די דאזיקע אינטערעסנ באשטייענ אינ דעמ, אז מע זאל בעשומויפנ ניט דערלאזנ די אופשטעלונג פונעמ קאפיטאליזמ.

אבער וואס קאנ אפ שטענדיק באפרײַענ דאס ארבעטנדיקע פויערטומ, ווי אויכ דעמ פראלעטאריאט, פונ דער קעסיידערדיקער געפאר, אז עס וועט זיכ צוריק אומקערנ די אלטע, קאפיטאליסטישע, די פריצישע שקלאפערײַ? בלויז דער פולשטענדיקער ניצאכנ פונעמ סאציאליזמ. אט וויאזוי די גרינטלעכע אינטערעסנ פונעמ ארבעטנדיקנ פויערטומ זײַנענ פעסט פארבונדנ מיט דער פארווירקלעכונג פונעמ סאציאליזמ.

דערקלערנדיק די דאזיקע גרונט־האנאכע פונעמ לעניניזמ וועגנ דעמ מיטלפויערטומ, זאגט כ' סטאלינ:

„מיר האבנ, ערשטנס, די אינטערעסנ־געמײַנזאמקײַט פונעמ פראלעטאריאט אונ פויערטומ איבער די גרונטיקע פראגנ, זייער געמײַנזאמע פארינטערעסירטקײַט אינעמ טריומפ פונעמ סאציאליסטישנ אנטוויקלונג־וועג פונ דער פאלקווירטשאפט. פונדאנענ נעמט זיכ דער בונד פונעמ ארבעטער־קלאס אונ פויערטומ. מיר האבנ, צווייטנס, ווידערשפרוכנ צווישנ די אינטערעסנ פונעמ ארבעטער־קלאס אונ פויערטומ איבער די לויפנדיקע פראגנ. פונדאנענ נעמט זיכ דער קאמפ אינעווייניק אינעמ דאזיקנ בונד. דער קאמפ, וואס ווערט גע־דעקט לויט זײַנ ספעציפישנ געוויכט מיט דער אינטערעסנ־געמײַנזאמקײַט אונ וואס דארפ פארשווינדנ ווערנ אינ דער צוקונפט, ווענ די ארבעטער אונ פויערימ וועלנ אופהערנ זײַנ קלאסנ — ווענ זיי וועלנ פארוואנדלט ווערנ אינ הארעפאשניקעס פונ דער אנקלאסנדיקער געזעלשאפט".

אלזא, עס איז ניטא אונ עס קאנ ניט זײַנ קיינ ראדיקאלער אונטערשייד צווישנ די אינטערעסנ פונעמ ארבעטנדיקנ פויערטומ אונ דעמ פראלעטאריאט. דער ארבעטנדיקער פויער קאנ אונ דארפ זײַנ א פארבינדעטער פונעמ סאציאליסטישנ פראלעטאריאט, אנ אנהענגער פונעמ סאציאליזמ, אנ אקטיווער קעמפער פארנ סאציאליזמ.

די גאנצע זאכ איז אינ דעמ, אז דער פראלעטאריאט זאל באווײַזנ צוציענ אפ זײַנ זײַט דאס ארבעטנדיקע פויערטומ. די גאנצע זאכ איז אינ דעמ, אז דער פראלעטאריאט זאל באווײַזנ איינהײַטנ אונ פארפעסטיקנ דעמ ברײַ־דערלעכנ בונד מיטנ מיטלפויערטומ, זאל אימ דערווײַזנ אינ דער פראקטיק, אז ווירקלעכ דער סאציאליזמ אונ בלויז דער סאציאליזמ קאנ

אפאנעמען באפרידיקנ די אינטערעסנ פונ די ארבעטנדיקע פויערימ.

אט וויאזוי דער מארקסיזמ־לעניניזמ לייזט טעארעטיש די פראגע וועגנ דעמ פויערטומ אונ סאציאליזמ. אט איז אונדזער ענטפער אפ דער פראגע, צי איז דער פויער ווירקלעכ א סוינע דעמ סאציאליזמ.

דער ארעמפויער איז א דירעקטער אנהענגער פונעמ סאציאליזמ. דער באלעגופ איז דער סאמע פארביסענער סוינע פונעמ סאציאליזמ. אונ דער מיטלפויער איז ניט קיינ סוינע דעמ סאציאליזמ אונ ער קאנ אונ דארפ ווערנ זיינ אנהענגער בא דער ריכטיקער באציונג צומ מיטלפויער מיצאד דעמ פראלעטאריאט.

הייסט עס, אז אלע כקירעס פונ אונדזערע קעגנער — מענשעוויקעס, טראצקיסטנ אונ אנדערע — וועגנ דער פינצטערקייט פונ די פויערימ, וועגנ דער שוואכקייט פונ דער אינדוסטריע, וועגנ דער קליינצאליקייט פונעמ פראלעטאריאט אד"ג. האבנ ניט קיינ שומ גרונט. די אפגעשטאנענקייט פונ א לאנד מיט א דאמינירנדיקער פויערשער באפעלקערונג קאנ ניט דינענ אלס אומבאזיגבארע שטערונג פארנ פראלעטאריאט צו דעראבערנ די מאכט אונ אויסצובויענ דעמ סאציאליזמ.

דער פראלעטאריאט דארפ בלויז צוציענ אפ זיינ זייט דאס מיטלפויערטומ, אנפירנ מיט אימ, העלפנ אימ ארופטרעטנ אפנ סאציאליסטישנ וועג, בייקומענ זיינע פריוואט־אייגנטומערישע שטרעבונגענ אונ פארורטיילנ. אונ דאס קאנ מענ זיכ דערשלאגנ, ווייל די גרונטיקע אינטערעסנ פונעמ מיטלפויערטומ פאלנ צונויפ מיט די אינטערעסנ פונעמ פראלעטאריאט.

די טאקטיק אונ פאליטיק פונעמ פראלעטאריאט בענעגייע דעמ פויערטומ

די באציונגענ צווישנ דעמ פראלעטאריאט אונ פויערטומ האבנ אנ ערשטראנגיקע, אנ אנטשיידנדיקע באדייטונג פארנ שיקזאל פונ דער פראלעטארישער רעוואליוציע אינ א פויערשנ לאנד.

לענינ האט טאקע פאשעט אזוי געשריבנ:

„סאפקאלסאפ וועט דער גוירל פונ אונדזער רעפובליק זיינ אפהענגיק פונ דעמ, צי וועט די פויערשע מאסע גיינ מיטנ ארבעטער־קלאס, בלייבנדיק טריי דעמ בונד מיט אימ, אדער זי וועט לאזנ די „נעפלייט", ד. ה. דער נייער בורזשואזיע, אפטיילנ זי פונ די ארבעטער, צעשפאלטנ זי מיט זיי".

די פראגע וועגנ דער באציונג צווישנ דעמ פראלעטאריאט אונ דעמ פויערטומ האט די פארטיי געשטעלט אונ געלייזט אינ פארשיידענע צייטנ אפ א פארשיידענעמ אויפנ, אפהענגיק פונ די קרעפטנ־פארהעלטענישנ פונ די גרונט־קלאסנ.

אינ דעמ ערשטנ פעריאד פונ אונדזער רעוואליוציע (1903 יאר — פעווראל 1917 יאר) האט זיכ געהאנדלט קוידעמקאל וועגנ אראפווארפנ די צאריש־פריצישע מאכט, וואס האט געדריקט דאס גאנצע פאלק. אלס פארבינדעטער פונעמ פראלעטאריאט האט אינעמ דאזיקנ פראצ געקאנט זיינ אונ איז ווירקלעכ געווענ דאס גאנצע פויערטומ.

די פּארטיי האָט דאנ ארויסגערוקט דעמ לאָזונג: צוזאמענ מיטנ גאנצנ פּויערטומ קעגנ דער זעלבסטהערשונג, קעגנ די פּריצימ — פאר א דעמאָקראטישער רעפּובליק, ד. ה. פאר אזא געזעלשאפטלעכ־פּאָליטישער אָרדענונג (נאָכ ניט קיינ סאָציִאליסטישע), וואָס זאָל באוואָרענענ דעמ ארבעטער־קלאס די גרעסטע פרייהייט אפ צו פאנאנדערוויקלענ טייקעפ דעמ קאמפּ פארנ סאָציִאליזמ.

אינ דעמ צווייטנ פּעריִאָד פונ דער רעוואָליוציע, נאָכ פעווראל 1917 יאָר, האָט זיכ געהאנדלט וועגנ צוגרייטנ די סאָציִאליסטישע איבערקערעניש, אראָפּווארפנ די מאכט פונ דער בורזשואזיע אונ אייַנשטעלנ די דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט. דאָ האָט דער ארבעטער־קלאס געקאָנט אויסרעכענענ אפ דער אונטערשטיצונג בלויז פונעמ אָרעמסטנ פּויערטומ. דאָס מיטלפּויערטומ האָט זיכ געוואקלט. בענעגייע דעמ מיטלפּויערטומ האָט דער פּראָלעטאריאט אינ יענער צייַט געקאָנט שטעלנ בלויז די אויפגאבע צו דערשלאָגנ זיכ ניטראליטעט, ד. ה. אז דער מיטלפּויער זאָל לעכאָלאָפּאָכעס ניט שטערנ דעמ קאמפּ פונעמ פּראָלעטאריאט קעגנ דער בורזשואזיע. דאָס באלעגופּנטומ אָבער האָט זיכ געשטעלט אפ דער זייַט פונ דער בורזשואזיע.

די פּארטיי איז אריַינגעטראָטנ אינעמ דאָזיקנ פּעריִאָד אונטערנ לאָזונג: צוזאמענ מיטנ אָרעמסטנ פּויערטומ קעגנ דער בורזשואזיע אינ שטאָט אונ אינ דאָרפ — פאר א סאָוועטישער סאָציִאליסטישער רעפּובליק.

אינ דריטנ פּעריִאָד פונ אונדזער רעוואָליוציע, נאָכ די ערשטע ניצחוינעס אפ די פראָנטנ פונעמ בירגערקריג, נאָכנ אונטערדריקנ די באלעגופּישע אויפשטאנדנ האָט די פּארטיי ארויסגעשטעלט (אפנ 8־טנ צוזאמענפאָר אינ מארט 1919 יאָר) דעמ לאָזונג:

א בונד מיטנ מיטלפּויערטומ, אָנשפּארנ זיכ אפ דער אָרעמשאפט, קעמפנ קעגנ באלעגופּ — פארנ ענדגילטיקנ ניצאָכנ איבער דער בורזשואזיע אונ פארנ אויסבויענ דעמ סאָציִאליזמ.

די טאקטיק פונעמ פּראָלעטאריאט, זייַנ אָרט האנדלענ בענעגייע דעמ פּויערטומ זינט עס האָט זיכ פארפעסטיקט די ראטנמאכט, באשטייט אזוי־ארומ אינ פאָלגנדיקנ:

1) פעסט אָנשפּארנ זיכ בלויז אפנ אָרעמפּויערשנ, האלב־פּראָלעטארישנ שיכט פּויערטומ;

2) איינשטעלנ א בונד מיטנ מיטלפּויערשנ שיכט, ביס־לעכווייַז אונ פּלאנמעסיק אריַיציענדיק אימ אינ דער סאָציִאליסטישער בויונג;

3) די גאנצע צייַט פירנ אנ אָנראכמאָנעסדיקנ קאמפּ קעגנ דעמ באלעגופּישנ שיכט פּויערטומ, קעגנ דער דאָרפישער בורזשואזיע.

אינ דער פּראָגראמ פונ דער קאָמוניסטישער פּארטיי איז אזוי אָנגעשריבנ מיט לעניִנס האנט וועגנ דער באציִונג צומ מיטלפּויערטומ:

„די פּארטיי שטעלט פאר איר אויפגאבע אָפּצוטיילנ אימ פונ די באלעגו־

פּים, צוציִענ אים אפ דער זײַט פונעמ ארבעטער־קלאס דורכ אנ אופמערקזאמער באציִונג צו זײַנע נויטנ, קעמפנדיק קעגנ זײַנ אָפּגעשטאנענקײַט מיט די מאָסמיטלענ פונ אידייִשער אויפקלערונג, לאָזנדיק ניט מיט אונטערדריקונג־מיטלענ, שטרעבנדיק אינ אלע פאלנ, ווו עס זײַנענ אָנגערירט זײַנע לעבנאינטערעסנ, צו פּראקטישע פארשטענדיקונגענ מיט אימ, גייענדיק אפ האנאָכעם אינ באשטימענ די מעטאָדנ פונ דורכפירנ די סאָציִאליסטישע אומענדערונגענ."

בא אזא טאקטיק האָט זיכ די פּארטיי טאקע געהאלטנ די גאנצע צײַט ביז די סאמע לעצטע יאָרנ.

אינ 1930 יאָר, צוליב די קאָלאסאלע דערפאָלגנ פונ דער קאָלווירטישער באוועגונג אונ צוליב די ראדיקאלע קלאסנ־איבערוקנ אינ דאָרפ האָט די פּארטיי ארײַנגעטראָגנ אינ דער דאָזיקער טאקטיק ענדערונגענ, ניט אָפּשאפנדיק אָבער איר גרונט־ליניע.

דער טאָכ פונ דעמ קער באשטײַט אינ דעמ, וואָס די פּארטיי איז ארי־בער פונ באגרענעצנ אונ ארויסשטופנ די באלעגופּישע עלעמענטנ צו דער פולשטענדיקער ליקווידירונג פונעמ באלעגופנטומ אלס קלאס אפ דער באזע פונ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע.

צוזאמענ דערמיט האָט די קאָלעקטיוויזירונג פונ דער מערהײַט אָרעמפויערשע אונ מיטלפויערשע ווירטשאפטנ געשאפנ פארנ פּראָלעטאריאט א פעסטנ אָנשפּאר אינ געשטאלט פונעמ קאָלווירטישנ פויערטומ. דער גרונט־לאָזונג פונ דער פּארטיי אינ די לעצטע יאָרנ איז:

א בונד מיטנ קאָלווירטישנ פויערטומ אלס דעמ הויפּט־אָנשפּאר פונעמ פּראָלעטאריאט אונ די ליקווידאציע פונעמ באלעגופנטומ אלס קלאס אפ דער באזע פונ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע — קעדיי אויסבויענ אנ אָנקלאסנדיקע סאָציִאליסטישע געזעלשאפט.*

אפ דער באזע פונ דער אָנגעוויזענער טאקטיק מיט דער הילפ פונעמ בונד פונעמ פּראָלעטאריאט אונ דעמ ארבעטנדיקנ פויערטומ איז אונדזער פּארטיי בײַגעקומענ אלע אומגעהייערע שוועריקײַטנ, וואָס די סאָציִאליסטישע רעוואָליוציע אונ די בויונג פונ סאָציִאליזמ האָבנ באגעגנט אינעמ אָפּגעשטאנענעמ פויערשנ לאנד. אינעמ בונד מיטנ מיטלפויערטומ, אָנשפּארנדיק זיכ אפ דער אָרעמשאפט, קעמפנדיק קעגנ באלעגופּ, האָט אונדזער פּארטיי פאר די יאָרנ פונ דער רעוואָליוציע געשטעלט פאָלגנדיקע אופגאבנ, האָט דורכגעפירט אזא פּאָליטיק:

1) **גענבנ די פויערימ אָנ געצאָלט ערד אונ א זיכערנ שוצ קעגנ די פּריצימ, צעטראָמירנ די קאָנטרעוואָליוציאָנערע ארמייענ פונ דער רוסישער אונ אויסלענדישער בורזשואזיע;**

2) **באקומענ פונ די פויערימ א דערנערונג־האלוואָע**

---

* דעם לעצטנ, לויפנדיקנ פעריִאָד פונ דער רעוואָליוציע זײַנענ געווידמעט אונדזער פערטער אונ פינפטער שמועסנ.

אפ דער מיליטערישער צעגראָמירונג פונ דער קאָנטר־רעוואָליוציע אונ אפ אופשטעלנ די אינדוסטריע;

3) אנטוויקלענדיק א מעכטיקע אינדוסטריע, אָרגאניזירנ די באזאָרגונג פונ די פויערים מיט מאשינעס, אינדוסטריעלע פראָדוקטנ אונ מיטהעלפנ דעם אופשטעלנ פונ דער פויערשער ווירטשאפט;

4) דערביי געבנ באזונדערע פריווילעגיעס אונ להאָטעס יענע אָרעמפויערשע אונ מיטלפויערשע ווירטשאפטנ, וואָס פאראייניקנ זיך אינ קאָאָפעראטיוונ אונ אינ קאָלווירטנ אונ אזויארום ביסלעכווייז פארווירקלעכנ די איבערבויונג פונ דער פויערשער ווירטשאפט אפ סאָציאליסטישע יעסוידעס.

מיר וויסנ פונ די סאכאקלענ פונעמ ערשטנ פינפיאָר, אז די דאָזיקע פאָליטיק פונ דער פארטיי האָט געהאט דעמ גרעסטנ דערפאָלג.

די גאנצע ערד אינ אונדזער ראטנפארבאנד געפינט זיך אינ רעשוס פונ די ארבעטנדיקע. אונדזער פארבאנד איז געוואָרנ א מעכטיקע מעלוכע, וואָס מיט איר זיינענ די קאפיטאליסטישע מעלוכעס געצווּנגענ זייער ערנסט צו רעכענענ זיך. ניט בלויז אונדזער אינדוסטריע איז אופגעשטעלט געוואָרנ, נאָר זי איז אויכ איבערבאוואָפנט געוואָרנ, איר פראָדוקציע שטייגט איבער דעמ פארמילכאָמעדיקנ ניוואָ אינ עטלעכע מאָל. אונדזער לאנדווירטשאפט איז ניט בלויז אופגעשטעלט געוואָרנ, דער פארזייִ־שעטעכ איז ניט בלויז פארגרעסערט געוואָרנ לעגאַבע דעמ פארמילכאָמעדיקנ, נאָר אונדזער לאנדווירטשאפט איז ראדיקאל איבערגעבויט געוואָרנ, די סאָציאליסטישע פראָדוקציע פונ די קאָלווירטנ אונ ראטווירטנ האָט פארנומענ אינ איר דאָס הערשנדיקע אָרט.

דריי הויפט־סיבעס פונ די קאָלווירטישע דערפאָלגנ

די קאָלווירטנ האָבנ זיך גענומענ אָרגאניזירנ באַ אונדז פונ דער סאמע אנטשטייונג אָנ פונ דער ראטנמאכט. אָבער א באזונדער שטארקער וווּקס פונ די קאָלווירטנ האָט זיך אָנגעהויבנ פונ 1929 יאָר אָנ. די פאָלגנדיקע טאבעלע באווייזט דעמ דאָזיקנ וווּקס לויט דער צאָל פויערשע ווירטשאפטנ, וואָס זיינענ פאראייניקט אינ די קאָלווירטנ, אונ לויט דער גרייס פונעמ קאָלווירטישנ פארזייִ־שעטעכ.

יאָרנ	צאָל קאָלעקטיוויזירטע ווירטשאפטנ	די גרויס פונעמ קאָלווירטישנ פארזייִ־שעטעכ (אינ מיליאָנענ העקטאר)
1928	400 טויזנט	2
1929	1 מיליאָנ	6,5
1930	6 מיליאָנ	43
1931	9 מיליאָנ	65
1932	15 מיליאָנ	90

אזויארום איז די קאָלווירטישע באוועגונג אויסגעוואָקסנ פאר די פיר יאָר אינ זיבנאונדרייסיק מאָל לויט דער צאָל קאָלעקטיוויזירטע ווירטשאפטנ אונ אינ פינפאונפערציק מאָל לויט דער גרויס פונעמ פארזייִ־שעטעכ.

מיט וואָס אָבער דערקלערט זיך אַזאַ שטורמישער וווּקס?

די סאָציִאַל־דעמאָקראַטן מענשעוויקעס פלעגן טײַנען צו די באָלשעוויקעס, אַז זיי וועט זיך קיינמאָל ניט אײַנגעבן צו איבערצײַגן די פּויערים צו ווערן קאָלווירט־ניקעס. דער פירער פון די דײַטשישע סאָציִאַל־דעמאָקראַטן קאַוטסקי האָט געשריבן:

„אין ערגעץ נאָך און קיינמאָל זײַנען די קליינע פּויערים אונטער דער ווירקונג פון טעאָרעטישע איבערצײַגונגען ניט אַריבער צו קאָלעקטיווער פּראָדוקציע".

לענין האָט געענטפערט אַף דעם נאָך אין 1918 יאָר אַף אַזאַ אויפן:

„אין ערגעץ און קיינמאָל זײַנען די קליינע פּויערים פון אַ גרויס לאַנד ניט געווען אונטערן אײַנפלוס פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכע.

אין ערגעץ און קיינמאָל זײַנען די פּויערים ניט געקומען צו אַן אָפענעם קלאַסנקאַמף פון די אָרעמסטע פּויערים קעגן די רײַכע, ביז אַ בירגערקריג צווישן זיי, מיטן באַדינג פון פּראָפּאַגאַנדיסטישער, פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און מיליטערישער אונטערשטיצונג פאַר די אָרעמסטע מיצאַד דער פּראָלעטאַרישער מלוכע־מאַכט...

און וואָס, טײַערער קאַוטסקי, אויב בײַ די פּויערים סטײַעט ניט קיין געצייג פאַר דער קליינער פּראָדוקציע און די פּראָלעטאַרישע מלוכע העלפט זיי באַקומען מאַשינעס אַף באַאַרבעטן קאָלעקטיוו די ערד, צי איז דאָס אַ „טעאָרעטישע איבערצײַגונג?"

אינעם דאָזיקן ענטפער די מענשעוויקעס זײַנען אָנגעוויזן די גרונט־סיבעס פון דער דערפאָלגרײַכער אַנטוויקלונג פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג.

פאַרן ערשטן באַדינג פונעם דערפאָלג פון דער קאָלווירטישער בויונג האָלט לענין דעם אָנפירנדיקן אײַנפלוס פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכע.

אין אַ בורזשואַזער מלוכע קאָן גאָר קיין רייד ניט זײַן וועגן קאָלווירטן, דאָרט שטייט בײַ דער מאַכט, עס הערשט עקאָנאָמיש דער קלאַס, וואָס איז ניט בלויז ניט פאַרינטערעסירט אין אַנטוויקלען די קאָאָפּעראַציִע אין נאָך מער די קאָלווירטן, נאָר ער קעמפט דירעקט קעגן דער קאָאָפּעראַציע אין די פאַלן, ווען זי באַשיצט די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פּויערים. די בורזשואַזיע וואַרפט אונטער די קאָאָפּעראַציע אירע אינטערעסן.

דעריבער איז אַן אַבסורד צו פאַרופן זיך אַף דעם, אַז ביז איצט האָבן די קאָל־ווירטן „אינערגעץ און קיינמאָל" ניט געהאַט קיין דערפאָלג. איז דאָך אינערגעץ און קיינמאָל ביז איצט ניט געווען קיין פּראָלעטאַרישע מאַכט. בלויז די פּראָלעטאַ־רישע ראַטן־מלוכע איז בלוטיק פאַרינטערעסירט אין אַנטוויקלען די קאָאָפּעראַציע, די קאָלווירטן.

אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון דער בורזשואַזיע, דער פּראָלעטאַריאַט זאָל דעראָבערן די מלוכע־מאַכט איז דער ערשטער נייטיקער באַדינג פאַרן דערפאָלג פון דער קאָלווירטישער בויונג.

פאַרן צווייטן באַדינג האָלט לענין די אַנטשפּרעכיקע פּאָליטיק מיצאַד דעם זיגרײַכן אַרבעטער־קלאַס, מיצאַד דער ראַטן־מלוכע בנוגע צו דעם קליינעם פּויערטום.

די דאָזיקע פּאָליטיק איז: א בונד מיטן מיטלפּויערטום, און אַלמעגלעכע הילף פאר די אָרעמפּויערשע און מיטלפּויערשע ווירטשאַפטן און דערהויפּט פארייניקן זיי, וואָס פאַרייניקן זיך אין קאָאָפּעראַטיוון און קאָל־ווירטן, און אומדערבאַרעמדיקער קאַמף קעגן דעם באַלעגופנטום. מיר האָבן שוין גערעדט וועגן דער דאָזיקער פּאָליטיק.

אַלס דריטן באַדינג, וואָס באַוואָרנט דעם דערפאָלג פון די קאָלווירטן, רופט לענין אָן דאָס פאַרשפּרייטן אין דאָרף די מאַשינעס, די גרויסע טעכניק.

אָט דאָס זיינען די דריי הויפּט־סיבעס פון דער מעכטיקער אנטוויקלונג פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג.

מיר וועלן זיך ווייטער אָפּשטעלן אַף דער ווירקונג פון דער דריטער סיבע — פון דער גרויסער מאַשין־טעכניק.

די ראָליע פון דער גרויסער מאַשין

לענין האַלט, אז בלויז די גרויסע מאַשין־טעכניק קאָן איבערבויען די קליינע פּריוואַטע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע אין א סאָציאַליסטישער. פאַרוואָס?

די גרויסע מאַשין, ווי מיר ווייסן, פאָדערט אומבאַדינגט די געמיינזאַמע קאָלעקטיווע אַרבעט פון א סאַך אַרבעטער.

אין דער לאַנדווירטשאַפט פאָדערט די גרויסע מאַשין כוץ דעם, אז דער ערד־שטח זאָל זיין פון א גרויסן פאַרנעם, אַזוינע מאַשינעס, ווי א טראַקטער, א קאָמביין אא״וו. זיינען ניט בלויז ניט צוטריטלעך דעם קליינעם פּויער לויט זייער ווערט, נאָר זיינען פּשוט טעכניש ניט אָנווענדבאַר אַף די קליינע פּויערשע ערד־באַלאַקים.

די פראַגע האָט זיך געשטעלט אַף אַזאַ אופן: אויב די קליינע פּויערים ווילן באַקומען די קאָלאָסאַלע נוצן פון דער גרויסער מאַשין, מוזן זיי אומבאַדינגט פאַרייניקן זייערע שטיקלעך ערד אין איין גרויסן שטח און אָרגאַניזירן זיך אין א קאָלעקטיוו.

אַזוי דערציט איבער, — „מאַכט איבער", די גרויסע מאַשין, וואָס די ראַטן־מעלוכע שיקט אין דאָרף, דעם קליינפּויער אין א קאָלעקטיוויסט, אין א סאָציאַ־ליסט.

לענין זאָגט:

„ליזן די דאָזיקע פראַגע בענעגייע צום קליינעם ערדאַרבעטער, געזונט מאַכן, אַזוי צו זאָגן, זיין גאַנצע פּסיכאָלאָגיע קאָן בלויז די מאַטעריעלע באַזע, די טעכניק, די אָנווענדונג פון טראַקטערס און מאַשינעס אין דער ערדאַרבעט אין מאַסן־מאַסשטאַב, די עלעקטריפיקאַציע אין מאַסן־מאַסשטאַב. אָט דאָס וואָלט גרינטלעך און מיט א קאָלאָסאַלער שנעלקייט איבערגעמאַכט דעם ערדאַרבעטער".

די גרויסע מאַשין, וואָס די ראַטן־מעלוכע גיט ניט די קאַפּיטאַליסטן — באַלעגופים, נאָר זי גיט אַף אויסערגעוויינלעך גינסטיקע באַדינגונגען די קאָלעקטיוון, — אָט דאָס איז דער הויפּט־סאָד פונעם קאָלאָסאַלן איבערוק אין דער קאָלווירטישער באַוועגונג פאַר די לעצטע יאָרן.

די קאָלווירטן זײַנען געוואָקסן לאַנגזאַם, קאָלזמאַן זיי האָבן זיך געבויט אויסשליסלעך אָפּ דער באַזע פון פּאַרייִקן דעם אייגנפּאַכן פויערישן אינווענטאַר, קאָלזמאַן אין די קאָלווירטן איז געגאַנגען דער הויפּט די אָרעמשאַפט, באַפרײַענדיק זיך אָפּ אַזאַ אויפן פון דער באַלעבאָטישער עקספּלואַטאַציע, קאָלזמאַן די קליינע קאָלווירטן האָבן ניט געקאָנט באַנוצן אַלע נוצן פון דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט.

נאָך אין 1924 יאָר זײַנען אין א העלפט קאָלווירטן ניט געווען אפילע קיין פערד־און האַנט־דרעשמאַשינעס — מע האָט געדראָשן, אַזוי ווי די אינדיווידואַלן, מיט דרעש־שטעקנס. און טראַקטערס איז אויסגעקומען סאַכאַקל ניט מער ווי צו דרײַ אָפּ א הונדערטער קאָלווירטן. נאָך אין 1927 יאָר האָט דער פאַרזיי־שעטעך באַטראָפן דורכשניטלעך אָפּ א קאָלווירט סאַכאַקל ניט מער ווי 42 העקטאַר. ביז ניט לאַנג זײַנען די קאָלווירטן געווען קליינע ווירטשאַפטן, וואָס האָבן געאַרבעט מיט פערדישער שלעפּקראַפט און מיט „מענטשישן דאַמפּ”.

א סאַך פון אַזוינע קאָלווירטן זײַנען צעפאַלן געוואָרן. די באַלעגופישע ווירטשאַפטן, וואָס זײַנען געווען גרעסער, האָבן געקאָנט קאָנקורירן מיט אַזוינע קאָלווירטן. די מיטלפויערשע מאַסע איז געשטאַנען אָן א זײַט, זי האָט פאַרנומען אַן אויסוואַרטונג־פּאָזיציע.

דאָס, וואָס עס האָט זיך געוויזן א מאַסע גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס, באַזונדערס טראַקטערס, איז געווען איינע פון די הויפּט־סיבעס, וואָס האָבן שאַרף געענדערט די לאַגע אין דאָרף.

לעבאַטכילע פלעגן מיר באַקומען טראַקטערס פון אויסלאַנד. פון די העכער 9000 נײַע טראַקטערס, וואָס מע האָט אַוועקגעלאָזן אין 1929 יאָר אָפּ די סאָוועטישע פעלדער, האָבן מיר שוין אויסגעאַרבעט איין דריטביילעך אין אונדזערע אייגענע זאַוואָדן. און איצט ווערן אַלע טראַקטערס, וואָס קומען אָן אָפּ די סאָוועטישע פעלדער, אויסגעאַרבעט אויסשליסלעך אין אונדזערע זאַוואָדן — אינעם סטאַלינגראַדער, כאַרקאָווער און טשעליאַבינסקער.

אין 1928 יאָר האָבן בא א פערטביילעך קאָלווירטן, און אין די גרונטיקע קערנער־ראַיאָנען — בא איין דריטביילעך קאָלווירטן געהאַט טראַקטערס. אין 1932 יאָר האָבן שוין העכער א העלפט קאָלווירטן זיך באַנוצט מיט טראַקטערס.

אָבער אין דער צײַט, ווען פריִער זײַנען די טראַקטערס געווען צעשטויבט איבער די קאָלווירטן צו איינעם־צו צוויי, אַרבעטן שוין איצט אין די גרויסע קאָלווירטן צו גאַנצע גרופּעס טראַקטערס, עס באַווײַזן זיך טראַקטער־קאָלאָנעס און צילעצט — מאַשין־טראַקטערישע סטאַנציעס, וואָס באַדינען מיטאַמאָל א גאַנצע ריי קאָלווירטן.

די מאַשין־טראַקטערשע סטאַנציע גיט א מעגלעכקײַט צו אָרגאַניזירן די קאָלווירטן אין א סאַך א גרעסערן מאַסשטאַב און אויסנוצן אַלע מײַלעם פון דער גרויסער מאַשינעווירטשאַפט.* אין 1931 יאָר האָט די דורכשניטלעכע גרייס פון א קאָלווירט אין גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד באַטראָפן 434 העקטאַר פאַרזיי־שעטעך, און אין די גרונטיקע קערנער־ראַיאָנען איז די

* אין א סאַך ערטער האָבן די פּאַרטייִשע און סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס זיך געפּרווט שאַפן קינסטלעך „קאָלווירט־גיגאַנטן”, וואָס כאַפּן אַרום טויזנטער הויפן און צענדליקער טויזנטער העקטאַר. די פּאַרטיי האָט שאַרף פאַרורטיילט אַזוינע פּרוון, אַלס שעדלעכן „לינקן” קנייטש.



וווּקס פונ דער צאָל טראַק־טאָרס אונ וווּקס פונ דער קאָלעקטיוויזאציע

1929 יאָר   1930 יאָר   1931 יאָר   1932 יאָר

גרייס פונ די קאָלווירטנ געווענ אסאכ מער. אינ מיטל־וואָלגע (לינקער ברעג) איז דורכשניטלעכ אפ א קאָלווירט אויסגעקומענ 1.334 העקטאר, אינ צאָפנ־קאווקאזער קאנט — 2.009 העקטאר, אינ נידער־וואָלגע — 2.589 העקטאר, אינ דער רעפובליק פונ די בײוואָלגער דײטשנ — 3.289 העקטאר.

די צאָל טראקטערס אינ אונדזער לאנדווירטשאפט איז געוואקסנ אפ אזא אויפנ: אינ 1929 יאָר זײנענ אָנגעקומענ אפ די פעלדער העכער 9000 נײע טראקטערס, אינ 1930 יאָר זײנענ אָנגעקומענ נײע 39 טויזנט טראקטערס, אינ 1931 יאָר — 59 טויזנט, אינ 1932 יאָר — 46 טויזנט.

פארגלײכט די דאָזיקע ציפער מיט די אָנגאבנ וועגנ דער קאָלעקטיוויזאציע אונ איר וועט זענ, ווי גלײכצײטיק מיטנ וווּקס פונ דער צאָל טראקטערס איז געוואקסנ פונ יאָר צו יאָר אויכ די צאָל קאָלעקטיוויזירטע ווירטשאפטנ. די קאָלאָסאלע באדײטונג פונ דער גרויסער מאשינ פאר דער סאָציאליסטישער איבערבויונג פונ דער קלײנער פויערשער פראָדוקציע איז קלאָר ביז גאָר.

די ראָליע פונ די ראטווירטנ

די ראטווירטנ — דאָס זײנענ גרויסע מעלוכישע סאָציאליס־צופירנ א גרויסע מאשינבאזע ניט בלויז אונטער די קאָלווירטנ, נאָר קוידעמקאָל אונטער די ראטווירטנ.

די ראטווירטנ — דאָס זײנענ גרויסע מעלוכישע סאָציאליסטישע אונטערנעמונגענ, וואָס באזירנ זיכ אפ די סאמע לעצטע דערגרייכונגענ פונ דער טעכניק אונ וויסנשאפט. מיר האָבנ געבראכט די אָנגאבנ וועגנ דעמ וווּקס פונ די ראטווירטנ אונ וועגנ דעמ סכומ פראָדוקציע, וואָס זיי גיבנ. אָבער ניט בלויז אינ דעמ איז די באדײטונג פונ די ראטווירטנ. די ראטווירטנ באווײזנ דעמ פויערטומ אינ דער פראקטיק יענע אלע קאָלאָסאלע נוצנ, וואָס די געזעלשאפטלעכע גרויסע מאשינ־פראָדוקציע גיט. די ראטווירטנ דינענ אלס מוסטער פונ דער גרויסער סאָציאליסטישער ווירטשאפט פאר די קאָלווירטנ. די ראטווירטנ גיבנ דירעקטע פראָדוקציישע אונ אָרגאניזאציאָנעלע הילפ די פויערימ, וואָס פארײ־

ניקנ זיכ אינ די קאָלווירטנ. די ראַטווירטנ אַקערנ אַפּ יערלעכ מיליאָנענ העקטאַר פאַר די קאָלווירטנ, גיבנ זיי סאָרטיקנ זריִע־אונ ראַסע־מאַטעריאַל. דער אַגראָנאָמי־שער אונ טעכנישער פּערסאָנאַל פונ די ראַטווירטנ העלפט די קאָלווירטניקעס אָר־גאַניזירנ די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט; אַפ די ראַטווירטישע קורסנ ווערנ צוגעגרייט קאַדרענ פאַר די קאָלווירטנ אאַוו. אינ אַלע ראַיאָנענ, וווּ עס זײַנענ פאַראַנ ראַטווירטנ, איז דער פּראָצענט קאָלעקטיוויזאַציע העכער.

כאַווער סטאַלינ האָט געזאָגט אַפנ 16־טנ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר:

„עס וואָלט געווענ אַ טאָעס צו זענ אינ אונדזערע ראַטווירטנ בלויז אַ קוואַל פונ ברויט־רעסורסנ. אינ דער ווירקלעכקײַט זײַנענ די ראַטווירטנ מיט זייער נײַער טעכניק, מיט זייער הילפ פאַר די אַרומיקע פּויערים, מיט זייער נאָכ ניט געזעענעם ווירטשאַפטלעכנ פאַרנעם — געווענ יענע פירנדיקע קראַפט, וואָס האָט פאַרלײַכטערט דעם קער פונ די פּויערישע מאַסנ און האָט זיי אַ שטויס געטאָנ אַפנ וועג פונ קאָלעקטיוויזאַציע”.

די באַדײַטונג פונ די ראַטווירטנ האָט אונטערגעשטראָכנ כאַווער סטאַלינ נאָכ אינ אַזעלכע ווערטער:

„ווי אַזוי וועט זיכ אַנטוויקלענ ווײַטער די נײַע באַוועגונג אינ דאָרפ? פאַר־ווּס וועלנ גיינ די ראַטווירטנ ווי דער רוקנביינ פונ איבערבויענ דעם אַלטנ דאָרפ־שטייגער. נאָכ זיי וועלנ זיכ אַוועקלאָזנ די צאָלרײַכע קאָלווירטנ, אַלס שטיצ־פּונקטנ פונ דער נײַער באַוועגונג אינ דאָרפ. די פאַראייניקטע אַרבעט פונ די דאָזיקע צוויי סיסטעמענ שאַפט די באַדינגונגענ פאַר דער פולשטענדיקער קאָלעקטיוויזירונג פונ אַלע געגנטנ פונ פסס”ר”.

אָט אַזאַ איז די ראָליע פונ די ראַטווירטנ אינ געביט פונ קאָלעקטיוויזאַציע.

דער קאַמפ קעגנ באַלעגופנטום
אונ דאָס ליקווידירנ אים אַלס קלאַס

מיר האָבנ שוינ גערעדט וועגנ דעם קאַמפ קעגנ באַלעגופנטום אַלס איינער פונ די הויפּט־אויפגאַבנ פונ דער פּאַרטיי אינ דאָרפ. דער דאָזיקער קאַמפ האָט אויכ געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אַפ דער דערפאָלגרײַכער אַנטוויקלונג פונ דער קאָלעקטיוויזאַציע.

אינ פאַרשיידענע צײַטנ האָט די פּאַרטיי אַפ אַ פאַרשיידענעם אויפנ געשטעלט די פראַגע וועגנ קאַמפ קעגנ דעם באַלעגופנטום.

נאָכ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָבנ די באַלעגופים צוזאַמענ מיט די פּריצים אינ קאַפּיטאַליסטנ, — מיט די „היימישע” אונ אויסלענדישע — אויפגעהויבנ אַ קאָנטררעוואָליוציע קעגנ דער אַרבעטער־פּויערשער מאַכט. די ראַטנמאַכט האָט געפירט דעם כאַמע אומדערבאַרעמדיקנ קאַמפ קעגנ דעם באַלעגופנטום. קעדיי צו באַקומענ די מיטלענ, וואָס זײַנענ נייטיק אַפ אונטערדריקנ די קאָנטר־רעוואָליוציע, אונ קעדיי צו פאַרניכטנ די באַלעגופּישע ברויט־ספּעקוליאַציע, האָט די ראַטנמאַכט אײַנגעפירט דעם דערנערונג־מויסרעס־אָפּנעם (די פּויערשע ווירטשאַפטנ האָבנ געדאַרפט אָפּגעבנ די מויסרעס דער מעלוכע) אונ האָט פאַרווערט דעם פרײַ־

וואטנ האנדל. די ראטנמאכט האָט קאָנפיסקירט דאָס באַלעגופישע פארמעגנ, האָט „אנטבאלעגופט” די באלעגופישע ווירטשאפטנ, האָט צעשאָסנ די אקטיווע באלעגופים — קאָנטררעוואָליוציאָנערנ.

אינ דעמ דאַזיקנ קאמפ קעגנ דעמ באלעגופנטומ האָבנ די ראטנמאכט אונ די פארטיי געפונענ א פעסטנ אָנשפאר אינ געשטאלט פונ דער דאָרפישער אָרעמשאפט אונ פארבינדעטע — אינ געשטאלט פונעמ מיטלפויערטומ.

ווענ דער בירגערקריג האָט זיכ געענדיקט (אינ 1921 יאָר), האָבנ די פארטיי אונ די ראטנמאכט איינגעפירט די נייע עקאָנאָמישע פאָליטיק (פארקירצט — געפ). עס איז אָפגעשאפט געוואָרנ דער דערנערונג־מויסרעס־אָפנעמ, עס איז איינגעשטעלט געוואָרנ א לאנדווירטשאפטלעכער שטייער, עס איז דערלויבט געוואָרנ דער פריוואטער האנדל אאוו.

אזא באשלוס איז אָנגענומענ געוואָרנ, קעדיי צו געבנ דעמ ארבעטנדיקנ פויערטומ די פולע מעגלעכקייט אופשטעלנ זיינ ווירטשאפט אונ דערמיט גופע שאפנ א דערנערונג־באזע פאר פאנאנדערוויקלענ די גרויסע סאָציאַליסטישע אינדוסטריע.

די ראטנמאכט האָט, פארשטייט זיכ, געוווסט, אז דער באלעגופ וועט אויסנוצנ דעמ נעפ אפ אנטוויקלענ זיינ עקספלואטאטאָרישע ווירטשאפט אונ וועט רייכ ווערנ פונ פריוואטנ האנדל. די פארטיי איז באוווסטזיניק געגאנגענ אפ דעמ, אז די באלעגופישע ווירטשאפטנ וועלנ באמ נעפ אינ א געוויסער מאָס אויסוואקסנ. אָבער, איינפירנדיק דעמ נעפ, האָט די פארטיי געהאט אינ זינענ צו העלפנ דעמ ארבעטנדיקנ פויערטומ אופצושטעלנ די לאנדווירטשאפט אונ די גאנצע פאָלקווירטשאפט אינ לאנד אונ זי האָט זיכ בעשומויפנ ניט אָפגעזאָגט פונ קאמפ קעגנ דעמ באלעגופנטומ.

די פארטיי האָט בלויז אויסגעוויילט עטוואָס אנדערע אויפאנימ פונעמ דאָזיקנ קאמפ, וואָס האָבנ אנטשפראָכנ די נייע באדינגונגענ. פונ מיליטערישע מאָסמיטלענ, פונ דירעקטנ אונטערדריקנ מיט גוואלט איז די פארטיי אריבער דערהויפט צו עקאָנאָמישע קאמפ־מאָסמיטלענ, דהיינו: הויכע באשטייערונג פונ די באלעגופישע ווירטשאפטנ, באגרענעצונג פונ דער באלעגופישער עקספלואטאציע, אָרגאניזירונג פונ דער אָרעמשאפט, אלמעגלעכע אנטוויקלונג פונ דער גרויסער געזעלשאפטלעכער ווירטשאפט (ראטווירטנ אונ קאָלווירטנ).

אפ דער באזע פונ דער נייער עקאָנאָמישער פאָליטיק האָבנ מיר שנעל אופגעהויבנ די פאָלקווירטשאפט. די ברייט־פאנאנדערגעוויקלטע סאָציאַליסטישע בויונג אינ דער אינדוסטריע, דער שנעלער וווקס פונ דער באפעלקערונג אינ די אינדוסטריעלע צענטערס האָט געפאָדערט פונ דאָרפ א באדייטנדיקע פארגרעסערונג פונ דער ברויט־פראָדוקציע. די דריבנע ווייניק־פראָדוקטיווע פויערשע ווירטשאפט האָט זיכ ארויסגעוויזנ ניט אימשטאנד צו באפרידיקנ דעמ שנעל־וואקסנדיקנ נאָכפרעג אפ ברויט. דערמיט האָט זיכ באנוצט דאָס באלעגופנטומ. איבער דער ברויט־פראגע האָט זיכ אינ די יאָרנ 1927—1928 פאנאנדערגעפלאקערט א פארביטערטער קאמפ קעגנ באלעגופנטומ.

פאר די ערשטע יאָרנ פונ נעפ האָט דער באלעגופישער שיכט אינ דאָרפ זיכ פארגרעסערט אינ צאָל, האָט באוויזנ צו אנטוויקלענ זיינ ווירטשאפט אונ מאכנ באדייטנדיקע אָנזאמלונגענ. ווענ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ פילנ א מאנגל אינ ברויט,

האָבנ זיכ די באלעגופים פארנומענ מיט א ווילדער ברויט־ספעקוליאציע און האָבנ אָנגעהויבנ אָנריידנ דערצו אויכ דאָס מיטלפויערטום.

וואָס איז געבליבנ צו טאָנ? די רעכטע אָפּנייגלער האָבנ געראטנ איינקויפנ ברויט אינ אויסלאנד, פארקירצנ די סאָציאליסטישע בויונג אינ דער אינדוסטריע, העכערנ די פארגרייטונג־פרייזנ אפ ברויט אד״ג. אָבער דאָס וואָלט באטייט ניט לייזנ די פראגע, נאָר אָפּציענ און פארשווערנ איר לייזונג. דאָס וואָלט באטייט גיינ אפ האנאָבעס דעם קלאסנ־סוינע, לאָזנ דעם באלעגופנטום זיכ פארשטארקנ, פארפעסטיקנ די פאָזיציעס פונ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ אינ לאנד.

די פארטיי האָט געהאנדלט אנדערש. די פארטיי און די ראטנמאכט האָבנ פארשטארקט דעם קאמפ קעגנ דעם באלעגופ, דעם דרוק אפנ באלעגופ.

עס איז איינגעפירט געוואָרנ אנ אינדיווידועלע באשטייערונג פונ די באלעגופישע ווירטשאפטנ. עס זיינענ איינגעשטעלט געוואָרנ פעסטע אויפגעבונגענ פאר די באלעגופישע ווירטשאפטנ אפ אָפּליפערנ (פארקויפנ) ברויט דער מעלוכע.

די פארטיי און די ראטנמאכט האָט גערופנ די אָרעמשאפט און דאָס מיטלפויערטום צו א סאָליהארישנ און אנטשיידענעמ אָנגריפ אפנ באלעגופנטום. צענדליקער טויזנטער ארבעטער האָבנ זיכ לויטנ רופ פונ דער פארטיי אוועקגעלאָזנ אינ דאָרפ צו הילפ דער ארבעטנדיקער מאסע אינ קאמפ קעגנ דעם באלעגופ.

צוזאמענ דערמיט האָט די פארטיי לויט כאווער סטאלינס פאָרשלאָג זיכ א נעמ געטאָנ צו לייזנ ראדיקאל די קערנער־פראָבלעמ (אופגאבע). די פארטיי האָט באשטימט דרינגענדיק צו אָרגאניזירנ גרויסע קערנער־ראטווירטנ און ברייט צו פאנאנדערוויקלענ די קאָלווירטישע בויונג, קעדיי אינ א קורצער צייט איינמאָל פאר אלעמאָל אויסלעבנ דעם ברויט־מאנגל, איבערשטייגנ די באלעגופישע ברויט־פראָדוקציע און ברעכנ דעם באלעגופס ווידערשטאנד קעגנ דער סאָציאליסטישער בויונג.

די דאָזיקע פאָליטיק האָט געהאט א פולשטענדיקנ דערפאָלג: די ראטווירטישע און קאָלווירטישע בויונג האָט זיכ פאנאנדערגעוויקלט אזוי ברייט, אז די קאָלווירטנ און ראטווירטנ האָבנ געקומענ געבנ ברויט א סאכ מער, איידער די באלעגופישע ווירטשאפטנ פלעגנ געבנ.

אינ 1927 יאָר האָבנ נאָכ די באלעגופישע ווירטשאפטנ געגעבנ 126 מיליאָנ פוד סכוירע־ברויט, און די ראטווירטנ און קאָלווירטנ — סאכאקל 38 מיליאָנ פוד. אָבער שוינ אינ 1929 יאָר האָבנ די ראטווירטנ געגעבנ 130 מיליאָנ פוד סכוירע־ברויט, ד. ה. זיי האָבנ איבערגעשטיגנ די באלעגופישע פראָדוקציע. און אינ 1932 יאָר, ווי מיר ווייסנ, האָבנ די קאָלווירטנ און ראטווירטנ אָפּגעליפערט דער מעלוכע 75 פראָצענט פונ גאנצנ ברויט, וואָס די מעלוכע האָט פארגרייט.

און אָט דער דאָזיקער אנטשיידענער, אומדערבארעמדיקער דערפאָלגרייכער קאמפ פונעמ פראָלעטאריאט, פונ דער פארטיי, פונ דער ראטנמאכט קעגנ דעם באלעגופנטום האָט צעקלאפט דעמ באלעגופס קראפט און זיינ איינפלוס אפנ מיטלפויערטום.

דער דאָזיקער קאמפ צוגלייכ מיט די קאָלאָסאלע דערפאָלגנ פונ די גרויסע קערנער־ראטווירטנ האָט געוואלדיק אויפגעהויבנ אינ דאָרפ די וואָג, דעמ איינפלוס פונעמ ארבעטערקלאס, פונ דער פארטיי, פונ דער ראטנמאכט און האָט באוויזנ דעמ מיטלפויערטום,

איז דער איינציקער זיכערער וועג פונ פארבעסערנ גרינט-לעכ זײַנ לעבנ ליגט דורכ די קאָלווירטנ.

שוינ אינ 1929 יאָר איז אָנגעקומענ א גרויסער איבערבראָכ אינ דער באַציִונג פונ מיטלפויערטומ צו דער קאָלווירטישער בויונג. נאָכ דער אָרעמ-שאפט האָט זיכ דער מיטלפויער מאסנווײַז אוועקגעלאָזנ אינ די קאָלווירטנ. עס האָבנ זיכ באַוויזנ גאנצע ראיאָנענ, ווו די קאָלאָסאלע מערהײַט פויערשע. ווירט-שאפטנ איז געווענ קאָלעקטיוויזירט.

אינ אזוינע ראיאָנענ פונ דורכוויסיקער קאָלעקטיוויזאציע איז דער קאמפ קעגנ דעמ באַלעגופנטומ דערגאנגענ צו א באַזונדערער פארשארפונג. בא די באַלעגופימ — ווי בא די סאָנימ פונ דער ארבעטער־פויערשער מאכט, ווי בא בייזוויליקע ספעקוליאנטנ אונ ברעכער פונ די געזעצנ — האָט מענ קאָנפיס-קירט דאָס פארמעגנ, די פויערשע פארזאמלונגענ פלעגנ ארויסטראָגנ אורטיילנ וועגנ אָפּנעמענ די ערד בא די באַלעגופימ אונ וועגנ ארויסזעצנ זיי.

דער קער פונ דער מיטלפויערשער מאסע אפנ קאָלווירטישנ וועג, די פראקטיק גופע פונעמ קאמפ קעגנ די באַלעגופימ אינ די נײַע באַדינגונגענ באמ אָנטייל פונ מיטלפויער האָבנ צוגעגרייט דעמ באָדנ פארנ באַשלוס, וואָס כאַווער סטאלינ האָט ארויסגערוקט אונ וואָס די פארטיי האָט אָנגענומענ אינ סאָפ 1929 יאָר: ארי-בערגייִנ פונ דער פאָליטיק פונ באַגרענעצנ אונ ארויס-שטויסנ די באַלעגופישע עלעמענטנ צו דער פאָליטיק פונ ליקווידירנ פולשטענדיק דאָס באַלעגופנטומ אלס קלאס אפ דער באזע פונ דורכוויסיקער קאָלעקטיוויזאציע.

כאַווער סטאלינ האָט אינ זײַנ „ענטפער די כאַווייריומ קאָלווירטניקעס" אינ אַפּ-ריל 1930 יאָר געשריבנ וועגנ ליקווידירנ דאָס באַלעגופנטומ אלס קלאס:

„מיר האָבנ געדולדעט די דאָזיקע בלוטזייגער, שפינענ אונ וואמפירנ, דורכפירנדיק די פאָליטיק פונ באַגרענעצנ זייערע עקספּלואטאטאָרישע טענדענצנ.* מיר האָבנ געדולדעט, ווײַל עס איז ניט געווענ מיט וואָס צו פאר-בײַטנ די באַלעגופישע ווירטשאפט... איצט האָבנ מיר א מעגלעכקײַט זייער ווירטשאפט מיט איבערפלוס צו פארבײַטנ מיט דער ווירטשאפט פונ אונדזערע קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ. איצט איז ניטאָ צו וואָס ווײַטער צו דולדנ די דאָ-זיקע שפינענ אונ בלוטזייגערס".

די ראטנ־רעגירונג האָט אָפּגעשאפט אינ די ראיאָנענ פונ דורכוויסיקער קאָלעק-טיוויזאציע די גילטיקײַט פונעמ געזעצ, וואָס האָט דערלויבט ארענדירנ ערד אונ לוינארבעט אינ די פויערשע ווירטשאפטנ אונ געגעבנ דער קאנטישער, געגנטלעכער אונ רעפובליקאנישער מאכט דאָס רעכט אָנצוווענדנ אלע נייטיקע מאָסמיטלענ פונ קאמפ קעגנ דעמ באַלעגופנטומ, ביזנ קאָנפיסקירנ פולשטענדיק דאָס פארמעגנ פונ די באַלעגופימ אונ ארויסזעצנ זיי פונ די ראיאָנענ אונ געגנטנ, איבערגעבנדיק דאָס קאָנפיסקירטע פארמעגנ אינ די ניט-טיילבארע פאָנדנ פונ די קאָלווירטנ אלס בײַטראָג פונ די אָרעמפויערימ אונ באַטראַקעס, וואָס טרעטנ ארײַנ אינ די קאָל-ווירטנ.

די נײַע פאָליטיק האָט דערלאנגט א צעשמעטערנדיקנ קלאפ דעמ באַלעגופ-

---

* דאָס הייסט, שטרעבונגענ.

„ב. סטאלינ האט אונטערגעשריבנ א טויט־אורטייל דעמ באלעגופנטומ", — ווי עכ האט זיכ אויסגעדריקט א דעלעגאט פונעמ אלפארבאנדישנ צוזאמענפאר פונ די קאלווירטניקעס־שלאגלער.

די נייע פאליטיק ווערט דורכגעפירט אינ די באדינגונגענ, ווענ די קאלווירטנ אונ ראטווירטנ האבנ איבערגעשטיגנ די באלעגופישע ברויט־פראדוקציע. זי נעמט אפ בא דעמ באלעגופנטומ די פראדוציר־מיטלענ, וואס מיט זייער הילפ פלעגנ זיי עקספלואטירנ די ארעמפויערימ. זי ווערט אנגעווענדט אפ דער באזע פונ דער דורכויסיקער קאלעקטיוויזאציע, וואס באזייטיקט די דיפערענצירונג פונעמ דארפ אפ עקספלואטאטערס אונ עקספלואטירטע.

אזויארומ פארניכטעט די נייע פאליטיק ראדיקאל די מעגלעכקייט גופע, אז אינ דארפ זאל פונ דאס ניי אנטשטיינ אנ עקספלואטאטארישער שיכט. עס איז פארשטענדלעכ, אז די פאליטיק פונ ליקווידירנ דאס באלעגופנטומ אלס קלאס אפ דער באזע פונ דורכויסיקער קאלעקטיוויזאציע האט נאכ מער מיטגעווירקט דעמ דערפאלגרייכנ וווקס פונ די קאלווירטנ.

די ראליע פונ דער קאאפעראציע אונ פונ די אלטע קאלווירטנ

א גרויסע ראליע אינ דער אנטוויקלונג פונ די קאלווירטנ האט אפגעשפילט אויכ די קאאפעראציע. די קאאפערירונג אפנ געביט פונ אויסטויש (אפזאצ, באזארגונג), אינ נאכדעמ אויכ די פראדוציר־קאאפערירונג פונ די באזונדערע צווייגנ פויערשער ווירטשאפט האט געשאפנ אינעמ פויערטומ די רעגילעסנ צו פארייניקונג, צו קאלעקטיווער געזעלשאפטלעכער ארבעט, האט ארויסגערוקט פונ די פויערימ אקטיווע געזעלשאפטלעכע טוער — ארגאניזאטערס, אנפירער פונעמ קאאפעראציע־וועזנ.

די קאאפערירונג האט באוויזנ אינ דער פראקטיק די מאטעריעלע נוצנ פונ דער פארייניקונג, די קראפט פונ די פארייניקטע ארבעטנדיקע מאסנ קעגנ די דארפישע עקספלואטאטערס.

די קאאפערירונג האט איבערצייגט די פויערימ אינ דער פראקטיק, וואס פאר א קאלאסאלע אונ אלמעגלעכע הילפ די ראטנמאכט אונ די פארטיי גיבנ דעמ פויערטומ, וואס קאאפערירט זיכ, אונ האט סאפקאלסאפ אופגעהויבנ די קאאפערירטע פויערישע ווירטשאפטנ צו א פראדוציר־פארייניקונג אינעמ גרונט־צווייג פונ דער ווירטשאפט, אינ דער ערדארבעט, ד. ה. האט געבראכט צו דער קאלעקטיוויזאציע.

אזוי האט די קאאפערירונג צוגעגרייט דעמ דערפאלג פונ די קאלווירטנ.

צולעצט, האט געהאט איר ווירקונג אויכ די גאנצע פאריקע פיליאדיקע קאלווירטישע בויונג.

די דאזיקע בויונג האט געשאפנ טויזנטער אויסגעצייכנט־אויפגעשטעלטע קאלעקטיווע ווירטשאפטנ, וו נייע טויזנטער אינ צענדליקער טויזנטער האבנ זיכ געלערנט פראקטיש, וויאזוי צו ארגאניזירנ קאלווירטנ אונ פירנ אינ זיי אנ ארבעט.

די קאָלווירטישע באוועגונג האָט ארויסגערוקט אירע קאדרע אָרגאניזאטערס, אָנ־פירער, ענטוזיאסטנ פונעם קאָלווירטישנ וועזנ, וואָס האָבנ אפנ אקטיווסטנ אויפנ מיטגעווירקט דער ברייטער פארשפרייטונג פונ די קאָלווירטנ.

ד י מ א כ ט פ ו נ ע ם פ ר אָ ל ע ט א ר י א ט, ד י פּ אָ ל י ט י ק פ ו נ ד ע ר פ א ר ט י י, ד י א י נ ד ו ס ט ר י א ל י ז א צ י ע, ד י ר א ט ו ו י ר ט נ, ד ע ר ק א מ פ ק ע ג נ ד ע ם ב א ל ע ג ו פ נ ט ו ם, ד י ק אָ אָ פּ ע ר א צ י ע, ד י א ל ט ע ק אָ ל ו ו י ר ט נ — אָ ט ד אָ ס א י ז ד ע ר ס כ ו ם ב א ד י נ ג ו נ ג ע נ, ו ו אָ ס ה אָ ב נ ב א ו ו אָ ר נ ט ד י ד ע ר פ אָ ל ג ר י י כ ע פ א נ א נ ד ע ר ו ו י ק ל ו נ ג פ ו נ ד י ק אָ ל ו ו י ר ט נ א ו נ ז י י ע ר פ ו ל ש ט ע נ ד י ק נ נ י צ אָ כ נ.

דער קער פונ די מיטלפויערשע מאסנ צום סאָציאליזם אונ די ענדערונג פונ די קויכעס־פארהעלטענישנ פונ די קלאסנ אינ לאנד

מיר דארפנ איצט פארשטיינ דעם זינ פונ דעם ניצאָכנ פונ די קאָלווירטנ, די גאנצע קאָלאָסאלע באדייטונג פונ דעם דאָזיקנ וועלטיק־גרויסנ היסטאָרישנ ניצאָכנ פאר דער ווירטשאפטלעכער אונ געזעלשאפטלעכער אָרדענונג פונ ראטנפארבאנד אונ פאר דער אינטערנאציאָנאלער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג.

לענינ האָט נאָכ פאר דער רעוואָליוציע אונ אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער ראטנ־מאכט א סאך מאָל אָנגעוויזנ, אז עס איז נייטיק אריבערגיינ פונ דער דריבנער אינדיווידועלער ווירטשאפט צו דער גרויסער געזעלשאפטלעכער. לעמאָשל אינ 1919 יאָר האָט ער געזאָגט:

„אזא ארבעט, ווענ דער פויער האָט געארבעט אפ זיינ ערד־ביילעק, אפ זיינ הויפ, מיט זיינ פי, מיט די אויפעס, מיט דער בראָנע, מיט דער סאָכע אא., — האָבנ מיר געזענ א סאך יאָרנ, א סאך יאָרהונדערטער; מיר וויסנ אויסגעצייכנט, אז אינ רוסלאנד אונ אינ אנדערע לענדער באקומט זיכ דערפונ בלויז די פויערשע פינצטערניש, דאלעס, די הערשאפט פונ די רייכע איבער דער אָרעמשאפט, וויל בייקומענ צעשפילטערטהייט די אויפגאבנ, וואָס שטייענ פאר די לאנדווירטשאפטלעכע געווערבנ, — קאָנ מענ נימ. מע קאָנ באקומענ בלויז ווידעראמאָל דעמ אלטנ דאלעס, וואָס פונ אימ ארבעט זיכ ארויס פאר א רייכינקנ איינער פינ הונדערט אָדער עפעשער פינפ פונ הונדערט, אונ די איבעריקע לעבנ אינ דאלעס. אָט פארוואָס אונדזער אויפגאבע איז איצט — אריבערגיינ צו דער געזעלשאפטלעכער ערד־באארבעטונג, אריבערגיינ צו דער גרויסער געזעלשאפטלעכער ווירטשאפט...

בלויז דאנ, ווענ עס וועט פראקטיש, אפ דער דערפארונג וואָס איז נאָענט די פויערים, דערוויזנ ווערנ, אז דאָס אריבערגיינ צו געזעלשאפטלעכער ארטעלישער ערדארבעט איז נייטיק אונ מעגלעכ, בלויז דאנ וועלנ מיר האָבנ רעכט צו זאָגנ, אז אינ אזא קאָלאָסאל פויערש לאנד ווי רוסלאנד איז געמאכט געוואָרנ אנ ערנסטער טריט אפנ וועג פונ דער סאָציאליסטישער ערד־ארבעט".

אפ אזא אויפנ האָט לענינ געפאָדערט די קאָלעקטיוויזאציע אונ האָט באטראכט די דערפאָלגנ פונ דער קאָלווירטישער בוויונג אלס די דירעקטע דערפאָלגנ פונעם סאָציאליזם אינ דאָרפ.

און דער 16־טער פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר, וואָס איז פֿאָרגעקומענ אינ זומער 1930 יאָר, זאָגט אינ זײַנע רעזאָליוציעס, אַז דאָס, וואָס אַ באַדײַטנדיקער טייל מיטלפֿויערטום איז אַרײַנגעטראָטנ אינ די קאָלווירטנ אינ 1929—1930 יאָר, באַטײַט „אַ קער אַפֿנ סאָציאַליסטישנ וועג", „אַנ אַנטשיידענעמ קער פֿונ די מיטלפֿויערשע מאַסנ צומ סאָציאַליזמ".

אַבער אַפֿ וואָסער גרונט ווערט געגעבנ אַזאַ אָפּשאַצונג?

אַפֿ דעמ גרונט, וואָס דער קאָלווירט איז בײַ אונדז, לויט לענינס לערע, אַ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפֿט. אַט פֿאַרוואָס די פּויערימ, וואָס טרעטנ אַרײַנ אינ קאָלווירט, טרעטנ דערמיט גופֿא אַרופֿ אַפֿנ סאָציאַליסטישנ (אויב ניט אַפֿ אַ וועלכנ ניט איז אַנדערנ) אַנטוויקלונג־וועג.

ווײַטער לייענענ מיר אינ די רעזאָליוציעס פֿונעמ 16־טנ פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר:

„אינ רעזולטאַט פֿונ דער מאַסנווײַזער אַנטוויקלונג פֿונ די קאָלווירטנ און ראַטווירטנ און פֿונ דער אָנגעהויבענער ליקווידירונג פֿונעמ באַלעגופֿנטומ ענדערט זיך די עצמ פֿאַרהעלטעניש פֿונ די פֿאַרשיידענע עקאָנאָמישע פֿאָרמאַציעס אינ דער ווירטשאַפֿט פֿונעמ ראַטנפֿאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקנ".

וואָס באַטײַט עס?

לענינ האָט געשריבנ אינ 1918 יאָר, אַז אינ דער ווירטשאַפֿטלעכער אָרדענונג פֿונ ראַטנפֿאַרבאַנד זײַנענ פֿאַראַנ 5 פֿאַרשיידענע פֿאָרמאַציעס:

1) די האַלב־נאַטורעלע געברויכערישע־פּראָדוקציע; 2) די קליינע סכוירע־פּראָדוקציע — דערהויפּט די מיטלפּויערשע ווירטשאַפֿטנ; 3) די פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע — דערהויפּט די באַלעגופֿישע ווירטשאַפֿטנ; 4) די מעלוכיש־קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע — די אונטערנעמונגענ, וואָס די מעלוכע גיט אָפּ אינ אַרענדע אָדער קאָנצעסיע; 5) די גרויסע סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע — די מעלוכישע פֿאַבריקנ, זאַוואָדנ, ראַטווירטנ און קאָלווירטנ. דערבײַ איז די קליינע סכוירע־פּראָדוקציע געווענ אַ באַדײַטנדיק־דאָמינירנדיקע פֿאָרמאַציע.

אינ רעזולטאַט פֿונעמ מעכטיקנ וווּקס פֿונ אונדזער אינדוסטריע, אינ רעזולטאַט פֿונ דער מאַסנווײַזער אַנטוויקלונג פֿונ די קאָלווירטנ און פֿונ בויענ די ראַטווירטנ האָט זיך געענדערט די פֿאַרהעלטעניש צווישנ די דאָזיקע פֿאָרמאַציעס. דערהויפּט, די ערשטע און צווייטע פֿאָרמאַציע האָבנ זיך שטאַרק פֿאַרקירצט אַפֿנ כעזשבנ דערפֿונ, וואָס פֿונ זיי איז אַוועק אַ באַדײַטנדיקער טייל אָרעמפּויערשע און מיטלפּויערשע ווירטשאַפֿטנ אינ די קאָלווירטנ; די דריטע און פֿערטע פֿאָרמאַציע האָבנ זיך שטאַרק פֿאַרקירצט אַפֿנ כעזשבנ פֿונ ליקווידירנ אַ קלאַסאַלנ טייל באַלעגופֿישע ווירטשאַפֿטנ און אויך אַפֿנ כעזשבנ פֿונ אַרויסשטויסנ די שטאָטישע קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ; די אַרענדע און קאָנצעסיעס האָבנ בײַ אונדז ניט באַקומענ קיינ פֿאַרשפּרייטונג; און די פֿינפֿטע, די סאָציאַליסטישע פֿאָרמאַציע איז שטאַרק אויסגעוואַקסנ און איז געוואָרנ אַ הערשנדיקע צוליבנ קאָלאָסאַלנ וווּקס פֿונ דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, צוליב דעמ, וואָס אינ די קאָלווירטנ איז אַרײַנגעטראָטנ אַ באַדײַטנדיקער טייל אָרעמפּויערשע

אין מיטלפויערשע ווירטשאפטן, ווי אויך צוליב דעם, וואָס עס זיינען געשאפן געוואָרן נייע ראטווירטן.

אין אלגעמיין האָט זיך די פארהעלטעניש פון די פארשיידענע פאָרמאציעס שארף געענדערט לטובֿת דער סאָציאליסטישער ווירטשאפטלעכער פאָרמאציע.

דער 16-טער פארטיי־צוזאמענפאָר זאָגט אין זיין רעזאָליוציע:

„די סאָציאליסטישע פארהעלטענישן אינעם פארבאנד סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפובליקן, וואָס האָבן זיך געשטיצט ביז איצט קימאט אויסשליסלעך אף דער סאָציאליסטישער אינדוסטריע, הייבן זיך פון איצט אָן שטיצן אויך אפן שנעל־וואקסנדיקן סאָציאליסטישן סעקטער (די גרויסע פראָדוקציע אין דער פאָרם פון די קאָלווירטן און ראטווירטן) אין דער לאנדווירטשאפט".

דאָ שטרייכט די פארטיי ווידעראמאָל אונטער, אז דער קאָלווירט, ווי לעגין האָט געלערנט, איז א סאָציאליסטישע ווירטשאפט, אז אין די קאָלווירטן באנדן זיינען סאָציאליסטישע (און ניט וועלכע ניט איז אנדערע) פארהעלטענישן.

דער נייער מאסעווער אָנשפאר פון דער ראטנמאכט אין דאָרף

צולעצט, זאָגט דער 16־טער פארטיי־צוזאמענפאָר:

„אפא גייעם אויפן ווערט איצט געשטעלט די פראגע וועגן דעם אָנשפאר פון דער ראטנמאכט אין דאָרף"; די מאסעווע קאָלעקטיוויזאציע האָט געשאפן א „נייע פארהעלטעניש פון די קלאסנקרעפטן אין לאנד, פארוואנדלענדיק דעם מיטלפויער, וואָס טרעט אריין אין קאָלווירט, אין אן אָנשפאר פון דער ראטנמאכט".

לאָמיר באטראכטן וואָס דאָס באטייט.

וואָס פאר א פארהעלטעניש פון די קלאסן-קרעפטן אין דאָרף איז געווען פריער? אזא, אז דער פראָלעטאריאט — די אינדוסטריעלע און לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער — האָבן געהאט אין דאָרף איינגאנצן אף זייער זייט בלויז די דאָרפישע אָרעמשאפט און בלויז אף איר האָבן זיי זיך געקאָנט פֿעסט אָנשפארן, און קעגן זיך האָבן זיי געהאט די דאָרפישע בורזשואזיע, א גאנץ שטארקע און אײַנפלוסרייכע. דאָס מיטלפויערטום ווידער איז געווען דעם פראָלעטאריאטס בלויז א פארבינדעטער.

די מיטלפויערים האָבן אונטערשטיצט דעם פראָלעטאריאט, די קאָמוניסטישע פארטיי, די ראטנמאכט, ווייל זיי האָבן געזען פאר זיך א נוץ פונעם קאמף, וואָס דער פראָלעטאריאט, די פארטיי און ראטנמאכט פירן דורך קעגן די פּריצים, קעגן די קאפיטאליסטן, קעגן די באלעגיפים, ווייל די ראטנמאכט האָט א סאך געהאָלפן דער מיטלפויערשער ווירטשאפט, האָט אופגעשטעלט און אנטוויקלט די פאָלקווירטשאפט.

בלויז בײַסלעכווייז איז דאָס מיטלפויערטום אריינגעצויגן געוואָרן אין דער כאָ-

ציאליסטישער בויונג אינ דער סאמע אײנפאכער און צוטריטלעכער פארמ פארנ מיטלפויער — אינ דער אפזאצ־פארזארגערישער און פראדוצירישער קאאפעראציע.

און צו דער צייט פונ 16־טנ פארטיי־צוזאמענפאר איז שוינ דורכשניטלעכ א פערטל פויערשע הויפנ אינ פארבאנד און בא א העלפט הויפנ אינ די וויכ־טיקסטע קערנער־ראיאנענ אריבער פונ פריוואטער ווירטשאפט צו קאלעקטיווער, ד. ה. א באדייטנדיקער טייל מיטלפויערטומ האט אנגעהויבנ זיכ באטייליקנ אקטיוו אינ דער סאציאליסטישער בויונג, אריינ־טרעטנדיק אינ די קאלווירטנ. דערמיט גופע ווערט דאס מיטל־פויערטומ פארוואנדלט פונ א פארבינדעטנ פונ דער ראטנ־מאכט אינ א פעסטנ אנשפאר אירנ.

אינ די רעזאליוציעס פונעמ 16־טנ פארטיי־צוזאמענפאר ווערט געזאגט וועגנ דעמ אזוי:

„פונ איצט אנ ווערט צעטיילט דאס דארפ אינ די וויכ־טיקסטע קערנער־ראיאנענ פונעמ פארבאנד סאוועטישע סאציאליסטישע רע־פובליקנ אפ צוויי גרונט־טיילנ: אפ קאלווירטניקעס, וואס זיינענ דער ווירקלעכער און פעסטער אנשפאר פונ דער ראטנמאכט, און אפ ניטקאלווירטניקעס — פונ דער ארעמשאפט און פונ די מיטלפויערימ, וואס ווילנ נאכ דערווייל ניט אריינגיינ אינ די קאל־ווירטנ, נאר וואס די מאסנ־דערפארונג פונ די קאלווירטנ וועט זיי אנסאפעק אינ לעפיערעכ סאמע קורצע טערמינענ איבערצייגנ אינ דער נייטיקייט ארופ־צוטרעטנ אפנ וועג פונ קאלעקטיוויזאציע”.

אלזא, די נייע שטעלונג פונ דער פראגע וועגנ דעמ אנשפאר פונ דער ראטנ־מאכט אינ דארפ, די ענדערונג אינ דער פארהעלטעניש צווישנ די קלאסנ־קרעפטנ אינ לאנד באשטייט אינ דעמ, וואס צו דער צייט פונעמ 16־טנ פארטיי־צוזאמענפאר האט דער פראלעטאריאט געקאנט פעסט זיכ אנשפארנ אינ דארפ שוינ ניט בלויז אפ דער דארפישער ארעמשאפט אליינ, נאר אויכ אפ א באַ־דייטנדיקנ טייל מיטלפויערטומ, וואס איז אריינגעטראטנ אינ די קאלווירטנ. און די קראפט און דער איינפלוס פונעמ פראלעטא־ריאטס קלאסנ־סוינע — פונ דער דארפישער בורזשואזיע זיינענ באדייטנדיק אפגעשוואכט געווארנ אדאנק דעמ, וואס עס איז ליקווידירט געווארנ א גרויסער טייל באלעגופישע ווירטשאפטנ.

אינ אלגעמיינ האט זיכ די פארהעלטעניש צווישנ די קלאסנ־קרעפטנ אינ לאנד שארפ געענדערט לעטוועס דעמ סאציאליזמ.

די פארוואנדלונג פונעמ מיטלפויער, וואס איז אריינגעטראטנ אינ קאלווירט, פונ א פארבינדעטנ אינ אנ אנשפאר פארנ פראלעטאריאט, איז איינע פונ די וויכ־טיקסטע האנאכעס פונעמ לעניניזמ. די דאזיקע האנאכע דריגט די־רעקט ארויס פונ לענינס לערע וועגנ די קאלווירטנ. דער קאלווירט בא אונדז איז א סאציאליסטישע ווירטשאפט, און בעמיילע זיינענ די אנטיילנעמער פונ קאל־ווירט די בויער פונ סאציאליזמ, דער ווירקלעכער און פעסטער אנשפאר פארנ פראלעטאריאט, וואס בויט דעמ סאציאליזמ.

די קאלווירטישע פאליטיק פונ דער פארטיי איז שטענדיק ארויסגעגאנגענ

פונ דער האנאָכע, אז די קאָלווירטנ, די קאָלווירטניקעס זיינענ א פעסטער אָנשפאר פאר דער ראטנמאכט.

אָבער פריער איז געווענ וויניק קאָלווירטנ, און איצט איז די קאָלאָסאלע פילמיליאָניקע מאסע מיטלפויערטומ, וואָס איז אריינגעטראָטנ אינ די קאָלווירטנ, פארוואנדלט געוואָרנ אינ א ווירקלעכנ אונ פעסטנ אָנשפאר פאר דער ראטנמאכט.

די האנאָכע וועגנ דעמ קאָלווירטניק אלס אָנשפאר פונ דער ראטנמאכט באטייט ניט, פארשטייט זיכ, אז אלע קאָלווירטניקעס אונ אלע קאָלווירטנ אָנ אויסנאמ זיינענ געוואָרנ אזא אָנשפאר. אויסנאמענ זיינענ פאראנ, אָבער די זאכ איז ניט אינ זיי, נאָר אינ דעמ, אז די קאָלאָסאלע מערהייט פונעמ קאָלווירטישנ פויערטומ איז אומבאדינגט א פעסטער אָנשפאר פאר דער סאָציאליסטישער מאכט אינ דאָרפ.

די צענטראלע פיגור פונ דער ערד־ארבעט איז דאָס קאָלווירטישע פויערטום

פאר דער קורצער צייט צווישנ דעמ 16־טנ פארטיי־צוזאמענפאָר (יוני 1930 יאָר) ביזנ 6־טנ אלפארבאנדישנ ראטנצוזאמענפאָר (מארט 1931 יאָר) האָט זיכ די פארהעלטעניש צווישנ די ווירטשאפטלעכע פאָרמאציעס, צווישנ די קלאסנ־קרעפטנ אינ ראטנפארבאנד נאָכ מער געענדערט לעטויוועס דעמ פראָלעטאריאט, אזוי, אז דער 6־טער ראטנצוזאמענפאָר האָט שוינ געקאָנט אפ א נייעמ אויפנ פאָרמולירנ די פראגע וועגנ דעמ אָנשפאר פונ דער ראטנמאכט אינ דאָרפ.

וואָס פאר א נייס איז פאָרגעקומענ פאר דער דאָזיקער צייט?

דער 16־טער פארטיי־צוזאמענפאָר האָט פארצייכנט דעמ קער פונ א באדייטנדיקנ טייל מיטלפויערטומ אפנ סאָציאליסטישנ וועג, ער האָט פארצייכנט דעמ אָנהייב פונ דער מאסנ־פארוואנדלונג פונעמ מיטלפויער, וואָס טרעט אריינ אינ קאָלווירט פונ א פארבינדעטנ אינ א ווירקלעכנ אונ פעסטנ אָנשפאר פאר דער ראטנמאכט אינ דאָרפ. צו דער צייט פונעמ האָזיקנ צוזאמענפאָר זיינענ 6 מיליאָנ געוועזענע פויערשע ווירטשאפטנ געווענ אינ די קאָלווירטנ, אָדער דורכשניטלעכ איבערנ פארבאנד בא א פערטל, אונ אינ די גרונטיקע קערנער־ראיאָנענ — בא א העלפט פונ דער גאנצער צאָל ארעמפויערשע אונ מיטלפויערשע ווירטשאפטנ.

אונ צומ 6־טנ אלפארבאנדישנ ראטנ־צוזאמענפאָר זיינענ שוינ אינ די קאָלווירטנ געווענ העכער 9 מיליאָנ געוועזענע פויערשע ווירטשאפטנ — העכער איינ דריטל (37 פראָצ.) דורכשניטלעכ איבערנ פארבאנד, אונ אינ די גרונטיקע קערנער־ראיאָנענ שוינ דריי פערטל פונ דער אלגעמיינער צאָל ארעמפויערשע אונ מיטלפויערשע ווירטשאפטנ.

אָט פארוואָס דער 6־טער אלפארבאנדישער ראטנ־צוזאמענפאָר האָט שוינ געקאָנט פארשרייבנ אינ זיינ רעזאָליוציע, אז

„פונ איצט אָנ איז דער גרונטיקער אונ הויפטלעכער אָנשפאר אינ דאָרפ דאָס קאָלווירטישע פויערטומ".

סאכאקל אינ דריי כאדאשימ ארומ, צומ יוני־פּלענומ פונעמ צענטראל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי האָט זיכ די לאַגע ווידעראַמאָל שאַרפ געענדערט לטובת דעמ פּראָלעטאַריאַט. צומ 10־טנ יוני 1931 יאָר האָבנ אינ די קאָלווירטנ זיכ געפונענ שוינ העכער 13 מיליאָנ געוועזענע פּויערשע ווירטשאַפטנ — העכער א העלפט (קימאַט 54 פּראָצ.) דורכשניטלעכ איבערנ פאַרבאַנד, און אינ די גרונט־טיקע קערנער־ראַיאָנענ — העכער פיר פינפטל (פונ 82 ביז 87 פּראָצ.) פונ דער אַלגעמיינער צאָל אָרעמ־פּויערשע אונ מיטל־פּויערשע ווירטשאַפטנ, אונ העכער 90 פּראָצ. פונ דעמ גאַנצנ פּויערשנ (קאָלווירטישנ אונ אינדיווידועלנ) פאַרזיי.

אינ די איבעריקע קערנער־ראַיאָנענ (אינ דער צענטראַלער שוואַרצערדישער געגנט, אינעמ וואַלד־סטעפּישנ טייל פונ דער אוקראַינישער רעפּובליק, אינעמ רעכט־ברעגיקנ טייל מיטלוואָלגע, אינ די קערנער־ראַיאָנענ פונ קאַזאַקסטאַנ, אינ מערבֿ־סיביר, אינ דער אוראַלער געגנט, אינ דער באַשקירישער רעפּובליק אונ אינעמ ווייטמיזרעכדיקנ קאַנט) ווי אויכ אינ די אַנטשיידנדיקע בוימוואָל־ אונ בורעקעס־ראַיאָנענ (די בוימוואָל־ראַיאָנענ פונ אוזבעקיסטאַנ, קאַזאַקסטאַנ, טורקמעניסטאַנ אונ אַזערבייַדזשאַנ, די בורעקעס־ראַיאָנענ פונ דער צענטראַלער שוואַרצערדישער געגנט אונ פונ אוקראַינע) זיינענ אינ די קאָלווירטנ געווענ פאַראייניקט העכער א העלפט געוועזענע פּויערשע ווירטשאַפטנ אונ העכער 60 פּראָצ. פונעמ גאַנצנ פּוי־ערשנ פאַרזיי.

אָט פאַרוואָס דער יוני־פּלענומ פונעמ צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי (אינ 1931 יאָר) האָט געקאָנט זאָגנ אינ זיינ רעזאָלוציע:

„דאָס קאָלווירטישע פּויערטומ איז שוינ פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ דער צענטראַלער פיגור פונ דער ערדאַרבעט, די קאָלווירטנ זיינענ געוואָרנ דער גרונט־פּראָדוצירער ניט בלויז אַפילו געביט פונ קערנער, נאָר אויכ פונ דעמ וויכטיקסטנ לאַנדווירטשאַפטלעכנ רויוואַרג (בוימוואָל, בורעקעס, קערלעכ אאַוו.).

די ראָליע פונ אָרעמ־פּויער־אונ מיטל־פּויער־אינדיווידואַל אינ דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע איז געוואָרנ א צווייטראַנגיקע. עס פאַרענדיקט זיכ די ליקווידאַציע פונעמ באַלעבאָסטומ אַלס קלאַס אינ די קערנער־ אונ רוי־וואַרג־ראַיאָנענ פונעמ פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקנ".

דער וווּקס פונ דער קאָלעקטיוויזאַציע איז געגאַנגענ ווייטער אָנ אָפּשטעל. אינ אויגוסט 1931 יאָר האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי שוינ געקאָנט פעסטשטעלנ, אַז אינ א גאַנצער ריי וויכטיקסטע קערנער־ראַיאָנענ איז די קאָלעקטיוויזאַציע אינ גרונט פאַרענדיקט.

אינ דער באַשטימונג פונעמ צענטראַל־קאָמיטעט פונ 3־טנ אויגוסט 1931 יאָר ווערנ אויסגערעכנט די דאָזיקע ראַיאָנענ: צפונ־קאַווקאַז, וווּ עס זיינענ קאָלעקטיוויזירט געוואָרנ 88 פּראָצ. אָרעמ־פּויערשע אונ מיטל־פּויערשע ווירטשאַפטנ אונ 94 פּראָצענט פּויערשנ פאַרזיי; נידער־וואָלגע, וווּ עס איז קאָלעקטיוויזירט געוואָרנ 82 פּראָצ. אָרעמ־פּויערשע אונ מיטל־פּויערשע ווירטשאַפטנ אונ 92 פּראָצ. פּויערשנ פאַרזיי; מיטל־וואָלגע (לינקער ברעג), וווּ עס איז קאָלעקטיוויזירט געוואָרנ 90 פּראָצ. ווירטשאַפטנ אונ 95 פּראָצ. פאַרזיי; דער סטעפּ פונ אוקראַינע — 85 פּראָצ. ווירטשאַפטנ אונ 94 פּראָצ. פאַרזיי.

פריער איז דער איינציקער פעסטער אָנשפּאַר פונ דער ראַטנמאַכט אינ דאָרפ

געוועזנ די אָרעמשאפט. צו דער צײַט פונעם 16־טנ פארטיי־צוזאמענפאָר איז דער פעסטער און ווירקלעכער אָנשפאר געוואָרנ א באַדײַטנדיקער טייל מיטלפויערטומ, וואָס איז ארײַנגעטראָטנ אינ די קאָלווירטנ. איצט זײַנעג דער *גרונטיקער* און *הויפּטלעבער* אָנשפאר פונ דער ראטנמאכט אינ דאָרפ געוואָרנ די געוועזענע אָרעמפויערימ און מיטלפויערימ, וואָס זײַנענ ארײַנ אינ די קאָלווירטנ.

פריער איז די צענטראַלע פיגור פונ דער ערדארבעט געוועג דאָס אינדיווידועלע מיטלפויערטומ. איצט איז די צענטראַלע פיגור פונ דער ערדארבעט געוואָרנ דאָס *קאָלווירטישע* פויערטומ (געוועזענע אָרעמפויערימ און מיטלפויערימ).

דאָס באַטײַט ניט, אז מיר דארפנ פארגעסנ וועגנ די אינדיווידואלנ, אָפשוואכנ אונדזער ארבעט צווישנ זיי. דאָס באַטײַט ניט, אז די מיליאָנענ אָרעמפויערשע און מיטלפויערשע ווירטשאפטנ, וואָס פארבלײַבנ נאָכ אויסער די קאָלווירטנ, שפּילנ ניט קיינ שום ראָליע אינ דער פאָלקווירטשאפט פונ ראטנפארבאנד. טראכטנ אזוי וואָלט געוועג א *גראָבער טעות*.

אָבער דאָס באַטײַט, אז איצט האָבנ זיכ *אפּ א נײַעמ אויפנ* געשטעלט די פראגנ פונ קאָלעקטיוויזאציע, די פראגנ פונ אונדזער ארבעט אינ דאָרפ. אינ דער רעזאָליוציע פונעם 6־טנ אלפארבאנדישנ ראטנ־צוזאמענפאָר לייענענ מיר וועגנ דעמ פאָלגנדיקע שורעס:

„איצט, ווענ די פילמיליאָניקע מאסנ אָרעמפויערימ און מיטלפויעריס האָבנ זיכ איבערצײַגט אינ די מײַלעס פונ די קאָלווירטנ און זײַנענ ארופגעטראָטנ אפנ קאָלווירטישנ וועג, אינ דאָס באַלעגופנטומ — דער גרונט־סוינע פונ די קאָלווירטנ — ווערט ליקווידירט אלס קלאַס, האָט זיכ פאר יעדנ אָרעמפויער און מיטלפויער־אינדיווידואל, וואָס איז נאָכ ניט ארײַנגעטראָטנ אינ קאָלווירט, געשטעלט די גרונט־פראגע: פאר אָדער קעגנ קאָלווירט.

דער אָרעמפויער און מיטלפויער־אינדיווידואל, וואָס העלפט דעמ באַלעגופ קעמפנ קעגנ די קאָלווירטנ און ארונטערײַסנ די קאָלווירטישע בוױנג, קאָנ ניט אָנגערופנ ווערנ א פארבינדעטער און נאָכ מער אן אָנשפאר פונעם ארבעטער־קלאַס, — ער איז אינ דער ווירקלעכקײַט דעמ באַלעגופס א פארבינדעטער.

בלויז יענער אָרעמפויער און מיטלפויער־אינדיווידואל הערט ניט אופ צו פארבלײַבנ א פארבינדעטער פונעם ארבעטער־קלאַס, ווער עס העלפט צוזאמענ מיטנ ארבעטער־קלאַס בויענ די קאָלווירטנ, וואָס אונטערשטיצט די קאָלווירטישע באוועגונג, וואָס העלפט פירנ אנ אנטשיידענעמ קאמפ קעגנ דעמ באַלעגופ.

קעדיי צו ווערנ א ווירקלעכער און פעסטער אָנשפאר פונ דער ראטנמאכט, איז פארנ אָרעמפויער און מיטלפויער־אינדיווידואל פאראנ איינ וועג — דער וועג פונ העלפנ די קאָלווירטנ, און נאָכדעמ אויכ פונ ארײַנטרעטנ אינ די קאָלווירטנ".

אָט וויאזוי עס האָט זיכ געענדערט די לאגע פונעם מיטלפויער און אָרעמפויער אינ דאָרפ, אָט וואָסערע פאָדערונגענ דאָס לעבנ שטעלט זיי איצט ארויס. די איפּגאבע פונ די קאָמוניסטנ, פונ די פאָרגעשריטענע קאָלווירטניקעס איז ארײַנצוציענ אלע ערלעכע אינדיווידואלנ אינ די קאָלווירטנ. פארשטייט זיכ, עס זײַנענ פאראנ אזוינע אינדיווידואלנ, וואָס מע קאָנ ניט אופנעמענ אינ קאָלווירט: די ספעקו־

ליאַגטנ, די, וואָס פילנ בײַזוויליק ניט אויס זײערע פאַרפליכטונגענ פאַר דער מע־לוכע, די לאָדערס און זײער גלײַכנ. אָבער עס וואָלט געווענ ניט ריכטיק צוליב זײ פאַרגעסנ וועגנ האָרעפּאַשנעמ פויער־אינדיווידואַל. מע דאַרפ די גאַנצע אַרבעט צווישנ די אינדיווידואַלנ אַוועקשטעלנ אַזוי, אַז מע זאָל איבערצײַגנ יעדנ ערלעכנ אינדיווידואַל אַרײַנצוטרעטנ אינ קאָלווירט; מע דאַרפ העלפנ אַזוינע אינדיווידואַלנ בײַקומענ זײערע וואַקלונגענ, פאָרורטײלנ.

אינ 1932 אונ 1933 יאָר האָט די קאָלווירטישע באַוועגונג ניט אויפגעהערט צו אַנטוויקלענ זיכ אונ פאַרפעסטיקנ זיכ. פאַר דער ערשטער העלפט 1933 יאָר האָט זיכ דער פּראָצענט קאָלעקטיוויזאַציע פונ די פויערשעווירטשאַפטנ אינ אַ סאַכ געגנטנ באַדײַטנדיק געהעכערט. אינ מאָסקווער געגנט האָט ער זיכ אויפגעהויבנ פונ 53,3 ביז 63,7 פּראָצ., אינ איוואַנאָווער געגנט — פונ 46,5 ביז 65,5 פּראָצ. אינ גאָרקער קאַנט — פונ 45,1 ביז 51,5 פּראָצ., אינ טאַטאַריע — פונ 58,8 ביז 66,2 פּראָצ. אינ פאַרבאַנד אינגאַנצנ גענומענ זײַנענ פאַר דער דאָזיקער צײַט אַרײַנ אינ די קאָל־ווירטנ נײַע 490 טויזנט ווירטשאַפטנ אונ דער פּראָצענט קאָלעקטיוויזאַציע איז אויסגעוואַקסנ פונ 61,8 פּראָצ. ביז 64,44 פּראָצ.

שוינ דעמ פערטנ פרילינג, די פערטע שניט־קאַמפּאַניע האָבנ מיליאָנענ געוועזענע פויערים־אינדיווידואַלנ דורכגעפירט אינ געמײנזאַמער אַרבעט אַפ די קאָלווירטישע פעלדער, וואָס האָבנ איצט אַרומגעכאַפּט שוינ פיר פינפטל פונ גאַנצנ פויערשנ פאַרזײ. דאָס קאָלווירטישע פויערטומ באַהערשט מיט יעדנ יאָר אַלצ מער די נײַע, קאָלעקטיווע, סאָציאַליסטישע אויפאַנימ פונ דער אַרבעט אונ פונ דער פאַנאַנדער־טײלונג. די קאָלווירטנ האָבנ זיכ ענדגילטיק פאַרפעסטיקט אינ דאָרפ.

די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט האָט אָפּגעהאַלטנ אַ פולשטענדיקנ פעסטנ ניצחונ אינ דער ערדאַרבעט. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט זיכ ענדגילטיק פאַרפעסטיקט אַפנ סאָציאַליסטישנ וועג.



צווייטער טייל

דער וועג פונ די קאָלווירטנ איז דער איינציק ריכטיקער וועג

די מארקסיסטיש־לענינשע לערע וועגנ קאָאָפעראציע

מיר האָבנ געזענ, וואָס פאר א קאָלאָסאלע באדייטונג עס האָט פארנ איבערמאכנ סאָציאליסטיש דעמ דאָרפ די קאָאָפעראטיוו־קאָלווירטישע פאָלי־טיק פונ דער פארטיי אונ פונ דער ראטנמאכט, וואָס באשטייט אינ דער פאָרצוג־לעכער הילפ אונ אינ סטימולירנ די קאָאָפערירונג אונ קאָלעקטיוויזירונג פונ די פויערשע ווירטשאפטנ.

די דאָזיקע פאָליטיק באזירט זיך אָפ דער מארקסיסטיש־לענינשער לערע וועגנ דער קאָאָפעראציע אונ וועגנ די קאָלווירטנ.

נאָכ מארקס אונ ענגעלס האָבנ אָנגעוויזנ, אז נאָכנ ניצאָכנ פונ דער פראָלעטא־רישער רעוואָליוציע וועלנ דארפנ די קאָמוניסטנ אָפנ ברייטסטנ אויסנוצנ פאר דער סאָציאליסטישער איבערבויונג פונ דאָרפ די קאָאָפעראטיווע, די קאָלעקטיווע פראָדוקציע. למשל, ענגעלס האָט געשריבנ:

„אונדזער אופגאבע בעגעגייע די קליינע פוי־ערימ באשטייט קוידעמקאָל אינ איבערפירנ זייער פריוואטע פראָדוקציע אונ פריוואטאייגנטומ אינ א געזעלשאפטלעכער, אָבער ניט מיט גוואלט, נאָר מיט דער הילפ פונ ביישפילנ אונ פונ פאָרלייגנ געזעל־שאפטלעכע הילפ פארנ דאָזיקנ ציל“.

מארקס אונ ענגעלס האָבנ געהאלטנ, אז די פראָלעטארישע מאכט דארפ העלפנ די פויערשע ווירטשאפטנ, וואָס קאָאָפערירנ זיך, מיט אלע מיטלענ סיי מיט געלט אונ סיי מיט מאשינעס, מיט באגינסטיקונגענ, מיט געבנ ערד אדג. כוצ דעמ, האָבנ מארקס אונ ענגעלס אונטערגעשטראָכנ, אז די ארבעטער־מעלוכע דארפ אויס־

ניצן איר גאנצע פאליטישע און עקאנאמישע מאכט אפ אנפירן מיט דער וויטערדיקער אנטוויקלונג פון די פויערשע קאאפעראטיוון אין דער העכסטער סאציאליסטישער פארם.

די דאזיקע אנווייזונגען פון די גרונטלייגער פון מארקסיזם האט לענין און נאכדעם כאווער סטאלין אנטוויקלט אין א גאנצער לערע וועגן קאאפעראציע אלס מיטל איבערצובויען סאציאליסטיש דאס דארפ. די דאזיקע לערע באשטייט אין פאלגנדיקן:

די קאאפעראציע פון אלע מינים ברענגט דירעקטע מאטעריעלע נוצן אירע אנטיילנעמער.

צוזאמען דערמיט שאפט די קאאפעראציע אין די באדינגונגען פון דער סאוועטישער מלוכע זייער וויכטיקע ענדערונגען אין דער ווירטשאפטלעך־געזעלשאפטלעכער פארמאציע פון דארפ.

וואס מער די ארבעטנדיקע פויערים פאראייניקן זיך אין געברויכערישע קאאפעראטיוון און הערן אופ צו פארנעמען זיך מיט פריוואטן קויפ און פארקויפ, אלץ מער ווערט ארויסגעשטופט דער פריוואטער קאפיטאל פון דעם האנדל מיט געברויכסכוירעס און דער דאזיקער האנדל ווערט פארביטן מיטן קאאפעראטיוון האנדל. אבער די פויערשע ווירטשאפט גופע פארבלייבט נאך אינגאנצן א פריוואטע ווירטשאפט.

בא היינטיקן טאג איז דער פריוואטער האנדל בא אונדז פארניכטעט געווארן. די פראפיטן, וואס די פריוואטע הענדלער פלעגן באקומען, פארבלייבן בא די ארבעטנדיקע.

וואס מער די פויערים פאראייניקן זיך אין לאנדווירטשאפטלעכע קאאפעראטיוון פאר אפזאץ, באזארגונג, פראדוקציע, אלץ מער ווערט ארויסגעשטויסן דער פריוואטער קאפיטאל, אלץ מער ווערן די פריוואטע אונטערנעמונגען פארביטן מיט קאאפעראטיווע אונטערנעמונגען. אלץ א גרעסערער טייל פויערשע פראדוקציע ווערט ארויסגענומען פון פריוואטן אומלויפ, ווערט פארגעזעלשאפטלעכט, און איינע נאכן אנדערן ווערן פארגעזעלשאפטלעכט די פארשיידענע צווייגן פון דער פויערשער ווירטשאפט אפ איבערארבעטן די פראדוקציע (לעמאשל, די פוטער־פראדוקציע אחג.). אבער די פויערשע ווירטשאפט גופע פארבלייבט נאך אלץ אין גרונט א פריוואטע ווירטשאפט.

בא היינטיקן טאג זיינען ליקווידירט די פריוואטע אופקויפער, צושטעלער, איבערפארקויפער, אונטערנעמער, פראצענטניקעס. די רעוואכים, וואס זיי פלעגן באקומען, פארבלייבן בא די ארבעטנדיקע.

צולעצט, וואס מער די פויערים פאראייניקן זיך אין די קאאפעראטיווע ערדארבעטערשע אונטערנעמונגען — אין די קאלווירטן, אלץ מער ווערט די פריוואט־אייגנטימערישע ווירטשאפט פארביטן מיט דער קאלעקטיווער ווירטשאפט. אלץ מער ווערן פארגעזעלשאפטלעכט שוין די גרונטיקע פראדוציר־מיטלען פון די פויערשע ווירטשאפטן. די פריוואטע ווירטשאפט בא די קאלווירטניקעס ווערט איינגעהיט בלויז אין דער פארם פון א צוגאב־ווירטשאפט צו דער גרונטיקער, קאלעקטיווער ווירטשאפט.

בא היינטיקן טאג זיינען די קאלאסאלע מערהייט דריבנע אינדיווידועלע ווירטשאפטן פאראייניקט אין גרויסע קאלעקטיווע ווירטשאפטן, און די קאפיטאליסטישע

אונטערנעמער אינ דער ערדאַרבעט זיינענ אינ גרונט ליקווידירט. זייערע פּראָדוקציע-מיטלענ זיינענ איבערגעגעבנ געוואָרנ די קאָלווירטנ.*

אזוי-ארום, איז צוזאמענ מיט דער אנטוויקלונג פונ דער קאָאָפּעראַציע אינ דער ווירטשאַפטלעכ-געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג פונ דאָרפ, קומענ פאָר גרינטלעכע ענדערונגענ אינ אירע פּראָדוציר-רישע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישנ, ביסלעכוויז ווערנ די פּריוואַט-אייגנטימערישע פאַרהעלטענישנ פאַרביטנ מיט קאָלעקטיווע, מיט סאָציאַליסטישע פאַרהעלטענישנ.

אזוי גייט דאָס דאָרפ ביסלעכוויז צומ סאָציאַליזמ דורכ דער קאָאָפּעראַציע אונ באזונדערס דורכ די קאָלווירטנ.

אָט פארוואָס לענינ האָט געזענ אינ דער קאָאָפּעראַציע א מיטל

„פּראַקטיש צו בויענ דעמ דאָזיקנ סאָציאַליזמ אזוי, אז יעטווידער
קליינער פּויער זאָל קאָנענ זיכ באַטייליקנ אינ דער דאָזיקער בויונג".

אָט פארוואָס לענינ האָט געהאלטנ די קאָאָפּעראַציע פארנ איבערגאנג

„צו די נייע פּאָראָנדקעס מיט א וועג, אווי ווייט מעגלעכ, א ייגפאכנ,
לייכטנ אונ צוטריטלעכנ פארנ פּויער".

די לאגע פונ דער קאָאָפּעראַציע אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אונ אינ דער ראַטנ-מעלוכע

מע קאָנ אונדז פרעגנ:

פארוואָס אָבער האָט דער אָנטייל אינ דער קאָאָפּעראַציע דעמ זעלבנ ווערט, ווי דער אָנטייל אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג? די קאָאָפּעראַציע איז בא אונדז געווענ אויכ באמ צארישנ רעזשימ. די קאָאָפּעראַציע איז פאראנ אויכ אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אָבער דאָרט איז ניט געווענ אונ עס איז ניטאָ קיינ סאָציאַליזמ.

די זאכ באשטייט אינ דעמ, וואָס די לאגע פונ דער קאָאָפּעראַציע אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אונ אינ דער ראַטנ-מעלוכע איז שארפ פארשיידנ.

אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער געפינענ זיכ אלע וויכטיקסטע פּראָדוציר-מיטלענ — די פאבריקנ, זאוואָדנ, מאשינעס, די ערד אונ אויכ דער האנדל, די בענק, דער טראנספּאָרט אאוו. — בא די קאַפּיטאַליסטנ אונ פּריצימ אינ די הענט. די עקאָנאָמישע קראפט, די מעלוכע-מאכט איז בא דער בורזשואזיע אינ די הענט.

די קאָאָפּעראַציע ווערט דאָרט אומפארמיידלעכ אָפּהענגיק פונ די באזיצער פונ די גרויסע פּראָדוציר-מיטלענ — פונ די קאַפּיטאַליסטנ, באנקירנ, פּריצימ, וואָס פונ זיי באקומט די קאָאָפּעראַציע סכוירעס אונ קרעדיטנ. אינ דאָרפ זיינענ אינ דער קאָאָפּעראַציע אפּ פּראָדוצירנ אונ

---

* אינעמ ליקווידירנ דאָס באלעבאַטיש, די קליינע אינדוסטריעלע בורזשואזיע אונ האנדל-בורזשואזיע האָט א גרויסע, פירנדיקע ראָליע אָפּגעשפּילט אונדזער גרויסע מעלוכישע אינדוסטריע, די גרויסע מעלוכישע אונטערנעמונגענ אינ דער לאנדווירטשאפט (די ראַטווירטנ) אונ דער מעלוכע-האנדל. וועגנ דעמ האָבנ מיר שוינ גערעדט.

אָפּזעצנ לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטנ (לעמאַשל, מילכ־פּראָדוקטנ) פאַרייניקט דערהויפּט די פאַרמעגלעכע פויערימ (לעמאָשל, די, וואָס האָבנ א סאַכ קי), אונ די רעדלפירער זײַנענ דאָרט די באַלעגופימ.

„עס איז אָנ סאָפעק, — האָט געשריבנ לענינ, — אז די קאָאָפּעראַציע אינ די באַדינגונגענ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער מעלוכע איז א קאָלעקטיווער קאַפּיטאַליסטישער אַנשטאַלט".

אזוי־אַרומ קאָנ די קאָאָפּעראַציע אינ די בורזשואַזע לענדער ניט זײַנ קיינ מיטל פונ סאָציאַליסטישער בויונג. זי קאָנ ניט זײַנ פאַר די פויערימ דער וועג צומ סאָציאַליזמ. אינ די בורזשואַזע לענדער וואַרפט אונטער דער קאַפּיטאַל אונטער זיכ די קאָאָפּעראַציע, ער מאַכט פונ איר א מיטל צו באַרײַכערנ איינצלנע. דער קאַפּיטאַל באַראַבעוועט אונ רויִנירט די פויערשע מאַסנ, פאַרוואַנדלט זיי אינ פּראָלעטאַריער. רויִנירונג, לוינ־שקלאַפערײַ באַמ קאַפּיטאַל — אָט דאָס איז דער אומפאַרמײַדלעכער שיקזאַל פונ דער אַרבעטנדיקער מאַסע פויערטומ בײַ דער הערשאַפט פונ דער בורזשואַזיע.

אָט פאַרוואָס די קאָמוניסטנ, די אַרבעטער רופנ דאָס אַרבעטנדיקע פויערטומ צומ געמיינזאַמענ קאַמפ אָפּ אַראָפּוואַרפנ די בורזשואַזע מאַכט, צומ קאַמפ פאַרנ סאָציאַליזמ.

גאָר אַנ אַנדערע לאַגע פאַרנעמט די קאָאָפּעראַציע אינ דער ראַטנ־מעלוכע. דאָ געהערנ אַלע וויכטיקסטע פּראָדוציר־מיטלענ אונ אויכ די האַנדל־אונ קרעדיט־אַנשטאַלטנ אאַוו. דער מעלוכע, וואָס בערעש פונ איר שטייט דער אַרבעטער־קלאַס.

דאָ באַגעגנט די קאָאָפּעראַציע אינ געשטאַלט פונ דער מעלוכע־מאַכט, אינ געשטאַלט פונ די ווירטשאַפטלעכע אונ אַנדערע אַנשטאַלטנ ניט קיינ עקספּלואַטאַטערס, וואָס שטרעבנ אויסשליסלעכ צו רעווח, נאָר פאַרשטייער פונעמ קלאַס, וואָס פאַרניכטעט ראַדיקאַל יעטווידער עקספּלואַטאַציע, פונעמ קלאַס, וואָס פאַרווירקלעכט אינ דאָרפ דעמ סאָציאַליזמ טאַקע אויפנ וועג פונ דער אַלמעגלעכער אונטערשטיצונג פונ דער קאָאָפּעראַציע.

די קאָאָפּעראַטיווג, די קאָלווירטנ בײַ אונדז אינ דער ראַטנ־מעלוכע דינענ אַלס איינס פונ די מעטאָדנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג. די גרעסטע באַדײַטונג פונ דער ראַטנמאַכט פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסנ פויערטומ באַשטייט אינ דעמ, וואָס די דאָזיקע מאַכט האָט געשאַפנ פאַר זיי די מעגלעכקײַט צו קומענ צומ סאָציאַליזמ, אויסמײַדנדיק די רויִנירונג, די פּראָלעטאַריזאַציע, אונ צו קומענ דורכ פרײַוויליקער פאַרייניקונג אינ דער קאָאָפּעראַציע, אינ די קאָלווירטנ.

די דאָזיקע באַדײַטונג פונ דער קאָאָפּעראַציע אינ די באַדינגונגענ פונ דער ראַטנ־מעלוכע דערקלערט לענינ אינ אזוינע ווערטער:

„בײַ אונדזער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, — האָט געשריבנ לענינ, — אונטערשיידנ זיכ די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגענ פונ די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע אַלס קאָלעקטיווע אונטערנעמונגענ, אָבער זיי אונטערשיידנ זיכ ניט פונ די סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ, אויב זיי זײַנענ געגרינדעט אויפ דער ערד, בײַ די פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס געהערנ דער מעלוכע, ד. ה. דעמ אַרבעטער־קלאַס...

דער איינפאַכער וווּקס פונ דער קאָאָפּעראַציע איז פאַר אונדז אידענטיש... מיטנ וווּקס פונעמ סאָציאַליזמ...

באַמ באַדינגנ פונ פולער קאָאָפּערירונג וועלנ מיר שוינ מיט ביידע פיס געשטאַנענ אַפנ סאָציאַליסטישנ באָדנ".

אַלזאָ, די קאָאָפּעראַטיוונ אונ בעמיילע אויכ זייער העכסטע פאָרמ — די קאָלווירטנ זײַנענ, לויט לענינס לערע, אינ די באַדינגונגענ פונ דער ראַטנ-מעלוכע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ. אינ דעמ איז דער ראַדיקאַלער פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישנ אונדזערע קאָלווירטיש-קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגענ אונ דער קאָאָפּעראַציע אינ די באַדינגונגענ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער מעלוכע.

די קאָלווירטנ זײַנענ בײַ אונדז איינער פונ די מעטאָדנ, איינער פונ די וועגנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג. לענינ דערקלערט אַפ אַזאַ אויפנ די באַדײַטונג פונ דער קאָאָפּעראַציע פאַרנ אויסבויענ דעמ סאָציאַליזמ:

„בײַ אונדז, ווירקלעכ, ווײַבאַלד די מעלוכע-מאַכט איז בײַמ אַרבעטער-קלאַס אינ די הענט, ווײַבאַלד דער דאָזיקער מעלוכע-מאַכט געהערנ אַלע פּראָדוציר-מיטלענ, בײַ אונדז איז ווירקלעכ געבליבנ בלויז די אויפגאַבע צו קאָאָפּערירנ די באַפעלקערונג".

אונ ווײַטער רעכנט לענינ אויס פאָלגנדיקע באַדינגונגענ, וואָס זײַנענ נייטיק אַפ פאַרווירקלעכנ דעמ סאָציאַליזמ:

„אינדערעמעס, די מאַכט פונ דער מעלוכע אַפ אַלע גרויסע פּראָדוציר-מיטלענ, די מאַכט פונ דער מעלוכע בײַמ פּראָלעטאַריאַט אינ די הענט, דער בונד פונעמ דאָזיקנ פּראָלעטאַריאַט מיט אַ סאַכ מיליאָנענ קליינע אונ גאָר קליינע פויערימ, דאָס באַוואָרענענ די אָנפירונג פאַר דעמ דאָזיקנ פּראָלעטאַריאַט בנוגע צומ פויערטומ אאַוו., — צי איז דאָס דענ ניט אַלצ... וואָס איז נייטיק אַפ אויסבויענ אַ פולשטענדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט? דאָס איז נאָכ ניט דער אויפבוי פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, אָבער דאָס איז אַלצ, וואָס עס איז נייטיק אונ גענוג פאַר דעמ דאָזיקנ אויפבוי".

אָט וואָס פאַר אַ באַדײַטונג עס האָבנ לויט לענינענ די קאָאָפּעראַטיוונ אונ באַזונדערס די קאָלווירטנ אינ דער ראַטנ-מעלוכע: זיי זײַנענ איינער פונ די נייטיקע באַדינגונגענ אַפ אויסבויענ דעמ סאָציאַליזמ; צוזאַמענ מיט אַנדערע באַדינגונגענ, וואָס זײַנענ פאַראַנ אינ דער ראַטנ-מעלוכע, בילדנ זיי יענעמ גאַנצנ סכומ באַדינגונגענ, וואָס באַוואָרנט פולשטענדיק דעמ אויפבוי פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

די קאָאָפּערירונג, די קאָלעקטיוויזאַציע גייענ דורכ, ווי מיר ווייסנ, אינ אַ פאַרביטערטנ קאַמפּ קעגנ דעמ באַלעגופּנטומ. אָט פאַרוואָס לענינ, ווענ ער האָט גערעדט וועגנ דער קאָאָפּעראַציע, האָט פיל מאָל אונטערגעשטראָכנ די נייטיקייט צו צעראַמירנ דאָס באַלעגופּנטומ אַלס איינעמ פונ די וויכטיקסטע באַדינגונגענ פאַרנ ניצחונ פונעמ סאָציאַליזמ אינ דאָרפ.

די לערע פונ לענינ—סטאַלינ וועגנ די קאָלווירטנ

לענינס לערע וועגנ דער קאָאָפּעראַציע אונ וועגנ די קאָלווירטנ, די דערפאָלגנ פונ דער קאָלווירטישער בויונג זײַנענ ניט צומ האַרצנ די סאָציאַל-דעמאָקראַטנ, די מענשעוויקעס, די טראָצקיסטנ. זיי סטאַרענ זיכ צונישט מאַכנ די באַדײַטונג פונ די

דאָזיקע דערפאָלגנ. באַשמוצנ די קאָלווירטישע באַוועגונג. זיי זאָגנ, אַז דער קאָלווירט אונטערשײדט זיכ, אײגנטלעכ, ווייניק וואָס פונ דער אינדיווידועלער פויערשער ווירטשאַפט. דער קאָלווירט, טײַנעני זיי, איז עפּעס אַ מינ געזעלשאַפט אַפּ פײַעג, אַנ אַקציאָנערע אונטערנעמונג פונ קליינע פריוואַטע אײגנטימער (פויערים). די קאָלווירטנ, טײַנענ זיי, זײַנענ ניט קיינ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט. פונ די קאָלווירטנ וועט מענ קיינ סאָציאַליזמ ניט אויסבויענ.

כאַווער סטאַלינ האָט אָפּגעלייקנט דעמ דאָזיקנ בורזשואַזנ מענשעוויסטיש-טראָצקיסטישנ קוק אַפּ די קאָלווירטנ. כאַווער סטאַלינ האָט באַשטעטיקט אונ אַנטוויקלט די לענינישע לערע וועגנ די קאָלווירטנ. ער האָט געזאָגט אַזוי:

„די קאָלווירטנ אַלס טיפּ פונ אַ ווירטשאַפט זײַנענ איינע פונ די פאָרמענ פונ דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט...

וואָס באַשטימט דעמ טיפּ פונ אַ ווירטשאַפט? עס איז קלאָר, אַז די פאַרהעלטענישנ פונ די מענטשנ אינעמ פראָדוציר־פראָצעס. וואָס דענ אַנדערש קאָנ באַשטימענ דעמ טיפּ פונ אַ ווירטשאַפט? אָבער צי איז דענ אינ קאָלווירט פאַראַנ אַ קלאַס מענטשנ, וואָס זײַנענ די אײגנטימער פונ די פראָדוציר־מיטלענ, אונ אַ קלאַס מענטשנ, וואָס האָבנ ניט די דאָזיקע פראָדוציר־מיטלענ? צי איז דענ אינ קאָלווירט פאַראַנ אַ קלאַס עקספּלואַטאַטערס אונ אַ קלאַס עקספּלואַטירטע? צי שטעלט דענ דער קאָלווירט ניט פאָר אַ פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פונ די גרונטיקע פראָדוציר־מיטלענ אַפּ דער ערד, וואָס געהערט דערצו נאָכ דער מעלוכע? וואָס פאַר אַ גרונט איז פאַראַנ צו באַהויפּטנ, אַז די קאָלווירטנ אַלס טיפּ פונ אַ ווירטשאַפט שטעלנ ניט פאָר איינע פונ די פאָרמענ פונ דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט?

פאַרשטייט זיכ, אינ די קאָלווירטנ זײַנענ פאַראַנ ווידערשפּרוכנ. פאַרשטייט זיכ, אינ די קאָלווירטנ זײַנענ פאַראַנ אינדיווידואַליסטישע אונ אַפילע באַלעגופישע איבערבלײַבענישנ, וואָס זײַנענ אויך ניט אָפּגעפאַלנ, אָבער וואָס מוזנ אומבאַדינגט אָפּפאַלנ מיט דער צײַט, צוזאַמענ מיט דער פאַרפעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ, צוזאַמענ מיט זייער מאַשיניזירונג. אָבער צי קאָנ מענ דענ אָפּלייקענענ, אַז די קאָלווירטנ אינגאַנצנ גענומענ מיט זייערע ווידערשפּרוכנ אינ פעלערנ, די קאָלווירטנ אַלס ווירטשאַפטלעכער פאַקט שטעלנ אינ גרונט פאָר דעמ נײַעמ אַנטוויקלונג־וועג פונ דאָרפ, דעמ וועג פונ סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג פונ דאָרפ אינ קעגנזאַצ צומ באַלעגופישנ, קאַפּיטאַליסטישנ אַנטוויקלונג־וועג? צי קאָנ מענ דענ אָפּלייקענענ, אַז די קאָלווירטנ (איכ רייד וועגנ קאָלווירטנ, אונ ניט וועגנ פאַלשע קאָלווירטנ) שטעלנ פאָר באַ אונדזערע באַדינגונגענ אַ באַזע אונ אַ נעסט פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג אינ דאָרפ, וואָס זײַנענ אויסגעוואָקסנ אינ פאַרביטערטע געראַנגלענ מיט די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ?

צי איז דענ ניט קלאָר, אַז די פּרוּוונ פונ איינִיקע כאַווערימ צו אַנטקרויענ די קאָלווירטנ אונ דערקלערנ זיי פאַר אַ בורזשואַזע ווירטשאַפט־פאָרמ האָבנ ניט קיינ שום גרונט?".

אַזויאַרימ, האָט כאַווער סטאַלינ אָפּגעלייקנט די מענשעוויסטיש־טראָצקיסטישע טעאָריע, אַז די קאָלווירטנ זײַנענ קלוימערשט אַ בורזשואַזע ווירטשאַפט־פאָרמ. כאַווער סטאַלינ האָט באַוויזנ דעמ באַנקראָט פונ דער דאָזיקער טעאָריע, וואָס

אייניקע אָפּנייגלעכ אונדזערע כאזערנ איבער. כאווער סטאלינ האָט אָנגעוויזנ דעמ *כאמע איקער*, וואָס די קעגנער פונ די קאָלווירטנ ווילנ ניט זענ.

אינ די קאָלווירטנ בילדנ זיכ אויס גאָר אנדערע פראָדוציר-פארהעלטענישנ, איידער אינ די פויערשע ווירטשאפטנ. אינ די קאָלווירטנ איז ניטאָ קיינ קלאס עקספלואטירטע אונ קיינ קלאס עקספלואטאטערס, אינ די קאָלווירטנ איז ניטאָ קיינ עקספלואטאציע.

אינדערעמעסנ. דאָס פויערטומ טיילט זיכ איינ אינ פארשיידענע קלאסנ-שיכטנ. אינ די פויערשע ווירטשאפטנ עקספלואטירט איינ טייל פויערימ דעמ צווייטנ: דאָס באלעגופנטומ — די מעגלעכקייט פונ אזא עקספלואטאציע נעמט זיכ טאקע דערפונ, וואָס די פראָדוציר-מיטלענ אינ די פויערשע ווירטשאפטנ געפינענ זיכ אינ *פריוואטנ אייגנטומ*, אונ בעמיילע געפינט זיכ אינ פריוואטנ אייגנטומ אויכ די פראָדוקציע, וואָס ווערט באקומענ מיט דער הילפ פונ די דאָזיקע פראָדוציר-מיטלענ.

יעטווידער פויערשע ווירטשאפט איז א *פריוואט-אייגנטימערישע* אונטערנעמונג, אונ אינ די באדינגונגענ פונ דער קלאסעווער דיפערענצירונג, אינ די באדינגונגענ פונעמ מארק-סכוירע-אומזאצ „*געבוירט* זי דעמ קאפיטאליזמ אונ די בורזשואזיע קעסיידער, יעדנ טאָג, יעדע שאָ, סטיכייִש אונ אינ א מאסנ-מאסשטאב" (לענינס ווערטער).

גאָר אנ אנדער זאכ זיינענ די קאָלווירטנ. דאָ זיינענ די גרונטיקע פראָדוציר-מיטלענ *פארגעזעלשאפטלעכט*. אונ דאָס באטייט, אז דער איינציקער קאָלווירט-מיטגליד קאָנ שוינ ניט באלעבאטעווענ ניט איבער זיינע געוועזענע פראָדוציר-מיטלענ, וואָס בילדנ איצט דאָס *געמיינזאמע אייגנטומ* פונעמ קאָלווירט, ניט איבער דער פראָדוקציע, וואָס בילדעט אויכ דאָס *געמיינזאמע אייגנטומ פונעמ קאָלווירט*. איבער די פראָדוציר-מיטלענ אונ איבער דער פראָדוקציע פונעמ קאָלווירט באלעבאטעוועט בלויז דער *קאָלווירט* אליינ *אינגאנצנ גענומענ*.

אזוי ארומ איז בא אונדז אינ די קאָלווירטנ אומעגלעכ אויסנוצנ די פראָדוציר-מיטלענ אונ די פראָדוקציע מיטנ ציל פערזענלעכ רייכ צו ווערנ, איז אומעגלעכ, אז אייניקע מיטגלידער זאָלנ עקספלואטירנ די אנדערע.

פארשטייט זיכ, עס זיינענ פאראנ איינצלנע פאלנ, ווענ דער קאָלווירט ווערט א מיטל פאר פערזענלעכנ רייכ ווערנ, א מיטל פונ פארדעקטער עקספלואטאציע, אָבער דאנ איז דאָס ניט קיינ קאָלווירט, נאָר א *פאלשער קאָלווירט*. פארשטייט זיכ, אז אינ די איצטיקע קאָלווירטנ זיינענ פאראנ, ווי כאווער סטאלינ האָט פארצייכנט, ווידערשפרוכנ, פריוואט-אייגנטימערישע איבערבלייבענישנ, רעשטלעכ פונ דער פריוואטער ווירטשאפט, אומגלייכהייט אינ דער מאטעריעלער לאגע, עלעמענטנ פונ קלאסנקאמפ אד״ג. (וואָס וועגנ דעמ וועלנ מיר ריידנ גענוי ווייטער). אָבער דאָס אלצ ענדערט אָפ קיינ האָר ניט דעמ טאָכ פונ דער זאכ, ענדערט ניט דעמ פאקט, אז דער קאָלווירט איז א *סאָציאליסטישע* ווירטשאפט.

אָט פארוואָס די קאָמוניסטישע פארטיי האלט, אז אינ די באדינגונגענ פונ דער ראטנ-מעלוכע אונטערשיידנ זיכ די קאָלווירטנ גרינטלעכ פונ די אינדיווידועלע

פױערשע װירטשאַפטנ; די קאָלװירטנ זײַנענ אײנע פונ די פאָר־מענ פונ דער סאָציאַליסטישער װירטשאַפט.

די באַהױפּטונג פונ אונדזערע קעגנער, אַז די קאָלװירטנ זײַנענ, קלױמערשט, אַ פאָרמ פונ דער בורזשואַזער װירטשאַפט, איז אַ ליגנ און אַ בילבול אױפ דער קאָלװירטישער באַװעגונג.

מיט װאָס אונטערשײדט זיכ און מיט װאָס זײַנענ ענלעכ אײנע צו די אַנדערע די קאָלװירטנ און די מעלוכישע אונטערנעמונגענ

אונדזערע קאָלװירטנ, װאָס זײַנענ סאָציאַליסטישע װירטשאַפטנ, אונטערשײדנ זיכ אינ דער זעלבער צײַט באַדײַטנדיק פונ די מעלוכישע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ (פונ די זאַװאָדנ, פאַבריקנ, ראַטװירטנ אאַז.).

אױפ דעמ דאָזיקנ אונטערשײד װײַזט דירעקט אָנ די רעזאָלוציע פונעמ 16־טנ פּאַרטײ־צוזאַמענפאָר:

„אינ אונטערשײד פונעמ ראַטװירט, װאָס איז אַ מעלוכישע אונטערנעמונג, געשאַפנ אױפ די מיטלענ פונ דער מעלוכע, איז דער קאָלװירט אַ פרײַװיליקע געזעלשאַפטלעכע פאַראײניקונג פונ די פױערימ, געשאַפנ אױפ די מיטלענ פונ די פױערימ גופע, מיט אַלע פאָלגנ, װאָס דרינגענ דערפונ אַרױס".

אַלזאָ, דער ערשטער אונטערשײד צװישנ דער קאָלעקטיװער סאָציאַליסטישער אונטערנעמונג און דער מעלוכישער סאָציאַליסטישער אונטערנעמונג באַשטײט אינ דעמ, װאָס דער קאָלװירט װערט געשאַפנ ניט דורכ נאַציאָנאַליזירנ די פּראָדוציר־מיטלענ פונ די פּריװאַטע װירטשאַפטנ און ניט פונ מעלוכע־מיטלענ, נאָר דורכ קאָלעקטיװיזירנ, דורכ פרײַװיליק פאַראײניקנ די פּראָדוציר־מיטלענ פונ די קלײנע פױערשע װירטשאַפטנ. (די מעלוכע גיט די קאָלװירטנ מיטלענ אינ קרעדיט, באַזאָרגט זײ מיט פאַרפולקומטע פּראָדוציר־מיטלענ און געצײַג דורכ די מאַשינ־טראַקטאָרישע סטאַנציעס און העלפט מיט אָנפירונג).

װאָס זשע פאַר אַ פאָלגנ דרינגענ פונדאַנענ אַרױס?

קודעמקאָל געהערט די גאַנצע פּראָדוקציע פונ קאָלװירט דעמ קאָלװירט, און ניט דער מעלוכע, ניט דער געזעלשאַפט אינ גאַנצנ גענומענ. דאָס רעכט צו באַלעבאַטעװענ איבער דער פּראָדוקציע פונ קאָלװירט געהערט פולשטענדיק דעמ געגעבענעמ קאָלעקטיװ, װאָס האָט בלױז געװיסע פאַרפליכטונגענ פאַר דער מעלוכע אױפ אָפּליפערנ (פאַרקױפנ) איר אַ טײל סכוירע־פּראָדוקציע.

דאָס איז דער צװײטער אונטערשײד צװישנ דעמ קאָלװירט און דער מעלוכישער סאָציאַליסטישער אונטערנעמונג.

דער דריטער אונטערשײד. די קאָלװירטניקעס באַקומענ ניט קײנ אַרבעטלױנ בײַ דער מעלוכע. זײ באַקומענ מיטלענ אױפ לעבנ פונ די האַכנאָסעס פונ זײער װירטשאַפט, טײלנ פאַנאַנדער צװישנ זיכ אַ טײל פונ די דאָזיקע האַכנאָסעס לױטנ סכומ און קװאַליטעט אַרבעט, װאָס יעדערער האָט אָפּגעטאָנ.

אויכ די גאנצע ארבעטקראפט פונ דער קאָלעקטיווער אונטערנעמונג געפינט זיכ אינ פולשטענדיקנ רעשוס פונעמ *קאָלווירט* גופע.

דער פערטער אונטערשייד. די אויפאנימ פונ פארוואלטנ מיטנ קאָלווירט זײַנענ אנדערע, איידער אינ די מעלוכע־אונטערנעמונגענ. דאָ איז ניטאָ קיינ שעפ, קיינ דירעקטער, וואָס די מעלוכע באשטימט, נאָר א *פארוואלטונג, וואָס די קאָלווירטניקעס גופע ווײלנ אויס, אונ אנדערע אויסגעווײלטע אָרגאנענ.*

אָט דאָס זײַנענ די הויפט־אונטערשיידנ צווישנ די קאָלווירטנ אונ די מעלוכישע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ. עס איז קלאָר, אז אינ קיינ פאל קאָנ מענ ניט צונויפמישנ די קאָלווירטנ מיט די ראטווירטנ. אינ קיינ פאל קאָנ מענ ניט בויענ די קאָלווירטנ דורכ פארגעזעלשאפטלעכנ מיט צוואנג די פויערשע פראָדוציר־מיטלענ. אינ קיינ פאל קאָנ מענ ניט אריבערטראָגנ אינ די קאָלווירטנ די זעלבע פארוואלטונג־אויפאנימ, וואָס עקזיסטירנ אינ די ראטווירטנ.

דאָכ, ניט געקוקט אפ דער גאנצער וויכטיקײַט פונ די אונטערשיידנ צווישנ די קאָלעקטיווע אונטערנעמונגענ אונ די מעלוכישע, איז צווישנ זיי אינעמ איקער, אינעמ גרונט פאראנ א *ענלעכקײַט*, וואָס דערלויבט טאקע צורעכענענ די קאָלווירטנ צו די סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ.

מיר ווייסנ אינ וואָס עס באשטייט די דאָזיקע גרונט־ענלעכקײַט. אינ די קאָלווירטנ *איז ניטאָ קיינ פריוואט־אייגנטומ* אפ די פראָדוציר־מיטלענ. אינ די קאָלווירטנ איז אײַנגעשטעלט א געמיינזאמ אייגנטומ אפ די פראָדוציר־מיטלענ אונ א קאָלעקטיווע פאנאנדערטיילונג פונ דער ארבעט־פראָדוקציע.

אינ די קאָלווירטנ איז אומעגלעכ, אז אייניקע מיטגלידער זאָלנ עקספלואטירנ די אנדערע. אינ די קאָלווירטנ איז א געמיינזאמע ארבעט מיט געמיינזאמע פראָדוציר־מיטלענ, כאווערישע, סאָציאַליסטישע פראָדוציר־פארהעלטענישנ.

דאָס געמיינזאמע אייגנטומ, די געמיינזאמע ארבעט, די אומעגלעכקײַט פונ עקספלואטאציע, דאָס פירנ די ווירטשאפט לויט א פלאנ — דאָס זײַנענ די גרונטיקע ספעציפישע באזונדערקײַטנ פונ יעטווידער *סאָציאַליסטישער פראָדוקציע. דאָס געמיינזאמע אייגנטומ, די געמיינזאמע ארבעט, די אומעגלעכקײַט פונ עקספלואטאציע, די פלאנירונג בילדנ עס טאקע די גרונטיקע פרינציפיעלע ענלעכקײַט פונ דער קאָלעקטיווער אונטערנעמונג מיט דער מעלוכישער סאָציאַליסטישער אונטערנעמונג.*

דאָס געמיינזאמע אייגנטומ, די געמיינזאמע ארבעט, די אומעגלעכקײַט פונ עקספלואטאציע בילדנ דעמ *גרונטיקנ פרינציפיעלנ* אונטערשייד ניט נאָר צווישנ דער קאָלעקטיווער אונטערנעמונג אונ דער קאפיטאליסטישער, נאָר אויכ צווישנ דער קאָלעקטיווער אונטערנעמונג אונ ביכלאל יעטווידער פריוואט־אייגנטימערישער ווירטשאפט, דערונטער אויכ דער קליינער פויערשער ווירטשאפט.

דעריבער אָנערקענט טאקע די קאָמוניסטישע פארטיי די קאָלווירטנ אלס איינע פונ די פאָרמענ פונ א *סאָציאַליסטישער* ווירטשאפט, ניט פארגעסנדיק בעשומ אויפנ וועגנ די וויכטיקע אונטערשיידנ צווישנ די קאָלווירטנ אונ די מעלוכישע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ.

די מעלוכישע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ אונ די קאָלווירטנ

לענינ האָט אָנגערופנ אונדזערע מעלוכישע פאַבריקנ, זאַוואָדנ, ראַטווירטנ — אונטערנעמונגענ פונ קאָנסעקווענט-סאָציאַליסטישנ טיפּ. אינ די דאָזיקע אונטערנעמונגענ געהערט אי די ערד, אַפ וועלכער זיי געפינענ זיכ, אי די גאַנצע פּראָדוציר־מיטלענ, אי די גאַנצע פּראָדוקציע, דורכויס דער סאָציאַליסטישער מעלוכע.

עס איז קלאָר, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע פאַרצוג דאָס שטעלט פאָר פאַר דער סאָציאַליסטישער בויונג, פאַרנ ניצאָכנ פונעמ סאָציאַליזמ. איבער די דאָזיקע אַלע אונטערנעמונגענ, איבער זייער גאַנצער פּראָדוקציע באַלעבאַטעוועט פולשטענדיק די סאָציאַליסטישע מעלוכע. זי באַלעבאַטעוועט אַזוי, ווי דאָס פאָדערנ די אינטערעסנ פונ אַרבעטער־קלאַס אינגאַנצנ גענומענ, די אינטערעסנ פונ אַלע אַרבעטנדיקע פונעמ פאַרבאַנד, די אינטערעסנ פונעמ אינטערנאַציאָנאַלנ פּראָלעטאַריאַט אונ פונעמ ניצאָכנ פונעמ סאָציאַליזמ אינ דער גאַנצער וועלט.

בלויז די מעלוכע־מאַכט, וואָס ווערט אָנגעפירט פונעמ פאָרגעשריטענעמ אונ באַוווסטזיניקנ טייל פונעמ גאַנצנ פּראָלעטאַריאַט — פונ זיינ פּאַרטיי, קאָנ צומ ריכטיקסטנ אונ אַלזייטיק דיסקוטירנ די נויטנ, די באַדערפענישנ, די אינטערעסנ פונעמ גאַנצנ אַרבעטער-קלאַס, פונ אַלע אַרבעטנדיקע, אויסטיילנ פונ די דאָזיקע באַדערפענישנ, פונ די דאָזיקע אינטערעסנ די וויכטיקסטע, די גרונטיקע, די אַנטשיידנדיקע אונ אינ העסקעמ דערמיט באַלעבאַטעווענ איבערנ גאַנצנ געזעלשאַפטלעכנ פאַרמעגנ.

לאָמיר דאָס דערקלערנ מיט אַ ביישפּיל. די ראַטנמאַכט טיילט אויס פונ די מעלוכע־האַכנאָסעס דעמ גרעסערנ טייל פאַר דער שווערער אינדוסטריע, וואָס אַרבעט אויס פּראָדוציר־מיטלענ פאַר דער איבעריקער אינדוסטריע אונ פאַר דער לאַנדווירטשאַפט (מאַשינעס, געצייג, הייצוואַרג, כעמישע פּראָדוקטנ אאַז.), אונ דעמ קלענערנ טייל האַכנאָסעס גיט זי פאַר דער לייכטער אינדוסטריע, וואָס אַרבעט אויס געברויכ־מיטלענ (שטאָפנ, שיכ, שפּייז־פּראָדוקטנ אאַוו.). אינ 1933 יאָר האָט דער צוווּקס פונ דער ברוטאָ-פּראָדוקציע פונ דער שווערער אינדוסטריע באַטראָפנ לויטנ פּלאַנ פונ דער ראַטנמאַכט 21,2 פּראָצ. לעגאַבע דעמ יאָר 1932. דער צוווּקס, ווידער, פונ דער פּראָדוקציע פונ דער לייכטער אינדוסטריע דאַרפ געבנ מאַקסימאַל 10,5 פּראָצ.

אַפנ ערשטנ בליק פונעמ שטאַנדפּונקט פונ די היינטיקע דירעקטע געברויכערישע אינטערעסנ פונ די אַרבעטערישע אונ פּויערישע מאַסנ וואָלט, דאַכט זיכ, געדאַרפט זיינ פאַרקערט, דעמ גרעסערנ טייל מיטלענ אָפּגעבנ אַפ דער לייכטער אינדוסטריע, קעדיי וואָס גיכער אויסלעבנ דעמ שאַרפנ מאַנגל אינ די זאַכנ פאַרנ מאַסנ־געברויכ.

אָבער דאָס איז ניט ריכטיק. פונוואַנענ וואָלטנ מיר אינ אַזאַ פאַל גענומענ פּראָדוציר־מיטלענ — מאַשינעס אונ געצייג — אַפ אַנטוויקלענ די לייכטע אינדוסטריע? מיר וואָלטנ זיי געדאַרפט אַריינפירנ פונ אויסלאַנד, פונ די קאַפּיטאַליסטנ. מיר וואָלטנ אויכ געדאַרפט באַשטענדיק פאַרשטאַרקנ דעמ אַריינפיר פונ פּראָדוציר־מיטלענ, אי פאַר דער שווערער אינדוסטריע, אי פאַר דער לאַנדווירטשאַפט.

מיר וואָלטנ אַפ אַזאַ אויפנ ניט בלויז ניט אַנטוויקלט אונדזער אייגענע גרונט־

אינדוסטריע, נאָר מיר װאָלטנ נאָכ געװאָרנ שטאַרק *אָפּהענגיק* פונ די *אױסלענדישע קאַפּיטאַליסטנ*, װאָס װאָלטנ ליבסט געקאָנט פאַרװאַנדלענ אונדזער לאַנד אינ זײערע אַ קאָלאָניע.

לאָמיר נעמענ אונ אַנדער בײַשפּיל. אַ טײל האַכנאָסעס פונ דער אינדוסטריע גײט פאַרנ אַרבעטלױנ פונ די אַרבעטער. די פראַגע װעגנ דער גרײס פונעמ אַר־בעטלױנ לײזט די מעלוכע מיטנ אָנטײל פונ די פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנענ. פונעמ שטאַנדפּונקט פונ די הײַנטיקע, דירעקטע אינטערעסנ פונ די אַרבעטער װאָלט זיכ געדוכט, אַז מע דאַרפ טײקעפּ אױפהײבנ װאָס העכער דעמ אַרבעטלױנ.

אָבער דאָס איז ניט ריכטיק. װאָס װאָלט פאָרגעקומענ אינ אַזאַ פאַל? זײער שטאַרק װאָלט אַראָפּגעזעצט געװאָרנ דער בײַלעק האַכנאָסע, װאָס גײט אױפ אַנטװיק־לענ די אינדוסטריעלע אונ לאַנדװירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע, די פּראָדוקציע פונ דער אינדוסטריע אונ פונ דער לאַנדװירטשאַפט װאָלט זיכ ניט פאַרגרעסערט אינ דער נײטיקער מאָס, דאָס געלט װאָלט שנעל ביליק געװאָרנ אונ זײער גיכ װאָלטנ די אַרבעטער, ניט געקוקט אױפ זײער הױכנ אַרבעטלױנ, ניט געקאָנט קױפנ פאַר אימ די נײטיקע געברױכ־מיטלענ.

װי זשע האַנדלט אונדזער מעלוכע? זי העכערט קעסײדער דעמ אַרבעטלױנ, אָבער בלױז צוזאַמענ מיטנ העכערנ די אַרבעט־פּראָדוקטיװקײט פונ די אַרבעטער אונ בלױז אינ אַזאַ מאָס, אַז מע זאָל װאָס שנעלער אַנטװיקלענ די אינדוסטריע אונ פאַרגרעסערנ איר פּראָדוקציע, קעדײ אַזױאַרום צו שאַפנ אינ די נאָענטסטע יאָרנ װירקלעכע מעגלעכקײטנ אױפ פאַרבעסערנ קאַלאָסאַל דאָס לעבנ פונ די אַרבע־טער אונ פונ אַלע אַרבעטנדיקע.

מיר זעענ, אַז פונעמ שטאַנדפּונקט פונ דער סאָציאַליסטישער בױונג גיט די מעלוכישע אונטערנעמונג פונ קאָנסעקװענט־סאָציאַליסטישנ טיפ אַסאַכ *מער פאָרצוגנ*, אײדער דער קאָלװירט. אינ פאַרגלײַכ מיטנ קאָלװירט איז זי אַ *העכערע סאָציאַליסטישע פאָרמ*.

אָבער דאָס באַטײַט קלאָר ניט, אַז מיר דאַרפנ בױענ בלױז ראַטװירטנ אָדער פאַרװאַנדלענ די קאָלװירטנ אינ ראַטװירטנ. דער קאָלװירט איז די אײנציקע פאָרמ פונ אַ סאָציאַליסטישער װירטשאַפט, װאָס איז צוטריטלעכ דעמ קלײנעמ פױער, װאָס גיט אימ אַ מעגלעכקײט צו באַטײליקנ זיכ דירעקט אינ דער סאָציאַליסטישער בױונג. אָט פאַרװאָס דאַרפנ אונדז זײַנענ נײטיק אינעמ איצטיקנ מאָמענט *בײדע* פאָרמענ סאָציאַליסטישע װירטשאַפטנ: אי די מעלוכישע אי די קאָלװירטישע. אונדז איז נײטיק, אַז די ראַטװירטנ זאָלנ *העלפנ* די קאָלװירטנ, אַז זײ זאָלנ דינענ פאַר די קאָלװירטנ אַלס *מוסטער* פונ גרױסער סאָציאַליסטישער װירטשאַפט.

שטעלט זיכ די פראַגע: װער זשע איז גערעכט — צי די קאָמוניסטנ, װאָס באַהױפּטנ, אַז אינ די באַדינגונגענ פונ דער ראַטנ־מעלוכע אונטער דער אָנפירונג פונ פּראָלעטאַריאַט װעלנ די קאָלװירטנ אומבאַדינגט אױסלעבנ זײערע װידער־שפּרוכנ אונ פעלערנ אונ װעלנ װערנ עכטע קעמערלעכ פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט; אָדער עס זײַנענ גערעכט די סאָציאַלדעמאָקראַטנ, די מענשעװיקעס, די טראָצקיסטנ, װאָס באַהױפּטנ, אַז די קאָלװירטנ װעלנ אומבאַדינגט צעפאַלנ װערנ, אַז די קאָלװירטנ טױגנ בכלל ניט אַלס מאַטעריאַל אױפ אױסבױענ די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט?

די פראָדוציר־מיטלענ אינ די קאָלווירטנ

לאָמיר באטראכטנ גענויער קורעמקאָל די פראגע וועגנ די פראָדוציר־מיטלענ אינ די קאָלווירטנ. צי איז טאקע אזוי די לאגע, אז די קאָלעקטיווע ווירטשאפט אינגאנצנ גענומענ מיט אלע פראָדוציר־מיטלענ אונ מיט דער ערד, וואָס זי באארבעט, געהערט דער געגעבענער פאראייניקונג פונ די קאָלווירטניקעס?

ניינ, ניט אזוי.

לאָמיר נעמענ די ערד — איינס פונ די וויכטיקסטע לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוציר־מיטלענ. די ערד געהערט ניט דעמ קאָלווירטניק, נאָר דער מעלוכע. דאָס איז זייער וועזנטלעכ. די ערד פונ קאָלווירט קאָנ מענ ניט „צעשלעפנ“.

די מעלוכע האָט באפעסטיקט פאר יעדנ קאָלווירט די ערד, וואָס געפינט זיכ אינ זיינ ארבעט־באנוץ.

אינעמ פאל, ווענ פונ קאָלווירט גייענ ארויס אייניקע מיטגלידער אָדער אפילע אינעמ פאל, ווענ ער ווערט ליקווידירט, פארבלייבט די ערד אינעמ קאָלווירט אָדער זי ווערט איבערגעגעבנ אנדערע קאָלווירטנ. דער, וואָס גייט ארויס פונעמ קאָלווירט, קאָנ באקומענ ערד פונעמ פרייענ מעלוכישנ ערד־פאָנד.

די ערד, וואָס איז א מעלוכיש אייגנטומ אונ וואָס געפינט זיכ ניט אינ פריוואטנ באנוץ בא די פויערימ, ווערט אזויארומ אדאנק דער קאָלעקטיוויזאציע פאקטיש (אינ טאט) ארויסגענומענ אפ שטענדיק פונעמ פריוואט־ווירטשאפטלעכנ באנוץ אונ ווערט איבערגעגעבנ אינעמ געזעלשאפטלעכנ באנוץ פונ דער קאָלווירטישער סיסטעמ אינגאנצנ גענומענ, דאָס הייסט, אינ טאָכ, פונ דער גאנצער געזעלשאפט.

לאָמיר ווייטער נעמענ די ניט־טיילבארע פאָנדנ פונ די קאָלווירטנ. אינ זיי גייט אריינ, כוצ דער ערד, דאָס פארשיידענע פארמעגנ, וואָס די מעלוכע האָט איבערגעגעבנ די קאָלווירטנ, דערונטער אויכ די פראָדוציר־מיטלענ, וואָס זיינענ קאָנפיסקירט געוואָרנ בא די באלעבאטימ. כוצ דעמ ווערט פארעכנט אינ די ניט־טיילבארע פאָנדנ א טייל פונעמ פארמעגנ, וואָס די פויערימ האָבנ אריינגעטראָגנ באמ אריינטרעטנ אינ קאָלווירט, אונ עס ווערנ געמאכט יערלעכע אראָפרעכענונגענ פונ די האכנאָסעס פונעמ קאָלווירט.

לויטנ סטאטוט פונעמ לאנדווירטשאפטלעכנ ארטעל ווערט פאר די ניט־טיילבארע פאָנדנ אראָפגערעכנט פונעמ ווערט פונ דעמ אריינגעטראָגענעמ פארמעגנ פונ א פערטל ביז א העלפט אונ יערלעכ פונ די האכנאָסעס פונ 10 ביז 30 פראָצ. לויט א באזונדערער באשטימונג פונעמ פארבאנדישנ פאָלקס־קאָמיסאריאט פאר ערד־ארבעט פונ 11־טנ יולי 1932 יאָר, איז די גרייס פונ די אראָפרעכענונגענ פאר די ניט־טיילבארע פאָנדנ אראָפגעזעצט געוואָרנ ביז 10—15 פראָצ. אזויארומ, באקומענ די קאָלווירטנ די מעגלעכקייט אויסצוטיילנ א מער באדייטנדיקנ כיילעק האכנאָסעס אפ פאנאנדערטיילנ צווישנ די קאָלווירטניקעס פאר זייער פערזענלעכנ באנוץ.

די ניט־טיילבארע פאָנדנ קאָנענ ניט פארברויכט ווערנ אפ ארויסגעבנ די פייענ די מיטגלידער, וואָס גייענ ארויס

פונ קאָלווירט, און אינ פאל, ווענ דער קאָלווירט ווערט ליקווידירט, קאָנענ זיי ניט צעטיילט ווערנ צווישנ די מיטגלידער, נאָר זיי ווערנ איבערגעגעבנ אנדערע קאָלווירטנ, זיי ווערנ איבערגעגעבנ אינ רעשוס פונ דער קאָלווירטישער סיסטעם.

דער ביילעק ניט-טיילבארע פאָנדנ אינעם גאנצנ פארגעזעלשאפטלעכטנ פארמעגנ פונ די קאָלווירטנ איז ניט קיינ קלייניקער. דורכשניטלעכ אינ רספס"ר האָט דער דאָזיקער ביילעק באטראָפנ אינ 1930 העכער 44 פראָצ., און אינ דער אוקראינישער רעפובליק, — קימאט 41 פראָצ., ד. ה. העכער צוויי פינפטל פונ אלע קאָלווירטישע פאָנדנ. אינ די העכערע פאָרמענ קאָלווירטנ און אינ די אלטע קאָלווירטנ איז דער ביילעק ניט-טיילבארע פאָנדנ באדייטנדיק העכער. לעמאָשל, אינ די קאָמונעס פונ אוקראינע באטרעפט דער דאָזיקער ביילעק 70 פראָצ. צוזאמענ מיט דער אנטוויקלונג און פארפעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ וואקסט און וועט וואקסנ דער ביילעק ניט-טיילבארע פאָנדנ.

אזויארום ווערנ אינ די קאָלווירטנ די פראָדוציר-מיטלענ פונ די פויערים, וואָס טרעטנ אינ זיי ארײַנ, ניט בלויז פארגעזעלשאפטלעכט, ניט בלויז זיי ווערנ דאָס געמיינזאמע אייגנטום פונ קאָלעקטיוו, נאָר אלצ א גרעסערער ביילעק פונ די דאָזיקע מיטלענ ווערט פארוואנדלט, אראנק דעמ, וואָס עס זײַנענ געשאפנ געוואָרנ די ניט-טיילבארע פאָנדנ, אינ אייגנטום פונעמ גאנצנ סכום קאָלווירטנ, פונ דער קאָלווירטישער סיסטעמ אינגאנצנ גענומענ, ד. ה. ער ווערט אינ טאָכ דאָס אייגנטום פונ דער גאנצער געזעלשאפט. אזויארום, אראנק דער קאָלעקטיוויזאציע, ווערט אלצ א גרעסערער ביילעק פריוואטע פראָדוציר-מיטלענ פאקטיש (אינ טאט) פארגעזעלשאפטלעכט אפ שטענדיק, ווערט סאָציאליזירט, ווערט א באשטאנד-טייל פונ דער געזעלשאפטלעכער סאָציאליסטישער ווירטשאפט.

אָט דאָס איז די קאָלאָסאלע באדײַטונג פונ די ניט-טיילבארע פאָנדנ פונעמ שטאנדפונקט פונ סאָציאליסטישער בויונג, פונעמ שטאנדפונקט פונעמ איבערגיינ פונ די קאָלווירטנ אינ העכערע סאָציאליסטישע פאָרמענ.

יעדער קאָלווירט-מיטגליד איז פערזענלעכ פאראינטערעסירט אינ פארברייטערנ די ניט-טיילבארע פאָנדנ. די דאָזיקע פאָנדנ גייענ אפ אנטוויקלענ די קאָלעקטיווע ווירטשאפט, אפ אײַנשאפנ פראָדוציר-מיטלענ (מאשינעס, געצײַג, פי), אפ אויסבויענ קאָלווירטישע אונטערנעמונגענ אדג.

וואָס גרעסער עס זײַנענ די ניט-טיילבארע פאָנדנ, אלצ פעסטער איז דער קאָלווירט, אלצ גרעסער זײַנענ זײַנע האכנאָסעס, אלצ העכער איז דער וווילשטאנד פונ יעדנ קאָלווירט-מיטגליד באזונדער.

דאָס באלעגופנטום פירט אנ אומדערמידלעכע אגיטאציע קעגנ די ניט-טיילבארע פאָנדנ. די באלעגופים און באלעגופישע נאָכטאנצער ריידנ אָנ די קאָלווירטניקעס ניט צו שאפנ און ניט צו פארגרעסערנ די ניט-טיילבארע פאָנדנ, נאָר טיילנ אלע האכנאָסעס צווישנ די מיטגלידער אאוו. די דאָזיקע באלעגופישע אגיטאציע

דאַרפ מענ דעמאַסקירנ אונ דערקלערנ פאַר די מאַסנ די באַדײַטונג פונ די ניט־טײלבאַרע פאָנדנ.

לאָמיר נעמענ, צולעצט, דעמ אינווענטאַר. די קאָלווירטנ אַרבעטנ ניט בלויז מיט דער הילפ פונ די פאַרגעזעלשאַפטלעכטע פויערשע פּראָדוציר־מיטלענ (פערד, געצײַג, איניקע מאַשינעס אאַ.). העכער אַ העלפט קאָלווירטנ באַנוצנ זיכ שוינ צוזאַמענ דערמיט אויכ מיט די סאַמע פאַרפולקומסטע מאַשינעס — טראַקטערס, קאָמבײַנעס, — וואָס געהערנ דער מעלוכע, וועלכע גיט זײ דורכ אירע מאַשינ־טראַקטערישע סטאַנציעס די קאָלווירטנ אפ די סאַמע לגאָטנע באַדינגונגענ.

אפנ גרויסנ מאַשינ־אינווענטאַר פאַלט אינ די קאָלווירטנ דער וויכטיקסטער בײַלעק לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטנ, דער בײַלעק, וואָס האַלט זיכ אינ אײנ פאַרגרעסערנ. אינ די נאָענטסטע יאָרנ וועלנ די מאַשינ־טראַקטערישע סטאַנציעס באַדינענ אַלע קאָלווירטנ. אַזוי אַרום וואַקסט אַלצ מער אונ וועט וואַקסנ אינ די קאָלווירטנ די באַדײַטונג פונ דעמ מעלוכע־אינווענטאַר.

אַלזאָ, דער קאָלווירט איז אַ געזעלשאַפטלעכע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונג, וואָס 1) פירט די ווירטשאַפט אפ דער מעלוכישער ערד; 2) האָט באַדײַטנדיקע ניט־טײלבאַרע פאָנדנ, וואָס געהערנ ניט בלויז דעמ געגעבענעמ קאָלווירט, נאָר אַלע קאָלווירטנ צוזאַמענ גענומענ, דאָס הייסט, אינ טאָכ גענומענ דער גאַנצער געזעלשאַפט; 3) אַרבעט מיט דער הילפ פונ פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס דעמ וויכטיקסטנ טײל זײערנ בילדעט דער מעלוכישער אינווענטאַר.

ווי מיר זעענ, איז אינ דער פראַגע וועגנ די פּראָדוציר־מיטלענ ניטאָ קײנ גרונטיקער, אומבעשאָלעמדיקער ווידערשפּרוכ צווישנ די קאָלעקטיווע אונ די מעלוכישע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ. פאַרקערט, דער זײער וויכטיקער אונטערשייד, וואָס עקזיסטירט צווישנ זײ, וועט אומפאַרמײַדלעכ ביסלעכווײַז פאַרגלעט אונ פאַרשווונדנ ווערנ צוזאַמענ מיט דער אַנטוויקלונג פונ דער קאָלווירטישער באַוועגונג, צוזאַמענ מיט דער מעכאַניזירונג פונ די קאָלווירטנ אונ מיט זײער אַריבערגײנ צו די העכערע סאָציאַליסטישע פאָרמענ.

די פאַרטײלונג אינ די קאָלווירטנ

לאָמיר אַריבערגײנ צו דער פראַגע וועגנ דער פאַרטײלונג פונ די פּראָדוקטנ אינ די קאָלווירטנ. די קאָלווירטניקעס צעטײלנ געמײנזאַמ די פּראָדוקציע פונ זײער אַרבעט, וואָס געהערט אינגאַנצנ צו זײ. אָבער צי איז דאָ טאַקע אַזוי די לאַגע, אַז די גאַנצע פּראָדוקציע, די גאַנצע האַכנאָסע ווערט צעטײלט אונ גײט אַריבער ווי אינ די פויערשע ווירטשאַפטנ אינ דעמ פאַרזענלעכנ רעשוס פונ יעדנ באַזונדער קאָלווירטניק אונ פונ זײַנ פאַמיליע?

ניינ, די לאַגע איז דאָ ניט אַזוי. אינ די קאָלווירטנ ווערנ די האַכנאָסעס צעטײלט אפ אַזאַ אופנ.

פונ דער געראָטעניש אונ פונ דער איבעריקער פּראָדוקציע פונ קאָלווירט ווערט קודעמקאָל אַראָפּגענומענ דער טײל, וואָס איז באַשטימט לויטנ געזעצ פאַר ד'ער אָבליגאַטערישער אָפּליפערונג (פאַרקויפ) דער מעלוכע. נאָכדעמ ווערנ אויסגעטײלט די זריע־סטראַכיר־אונ פוראַזש־

פאנדנ פאר די באדערפענישנ פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט. לויטנ ווונש אונ באשלוס פונ דער אלגעמיינער פארזאמלונג פונ קאָלווירט, מיטנ אַנטייל ניט ווייניקער ווי צוויי דריטל מיטגלידער קאָנענ אויסגעטיילט ווערנ אויכ אַנדערע ספּעציעלע פאָנדנ פונ געזעלשאפטלעכער באשטימונג. די סאָוועטישע אונ פּארטייישע אָרגאניזאציעס ווערט פ א ר ו ו ע ר ט ארויסצוגעבנ פאראָרדענונגענ וועגנ שאפנ אינ די קאָלווירטנ צוגאָבנ־פאָנדנ, כוץ די זריע,־סטראכירונג־אונ פוראזש־פאָנדנ, קעדיי אַזוי ארום ניט צו פארקלענערנ דעמ סכום קערנער, וואָס דארפ צעטיילט ווערנ צווישנ די קאָלווירטניקעס לויט די טעג־ארבעט.*

פונ די געלט־מיטלענ, וואָס ווערנ באקומענ פארנ אָפּליפערנ די פּראָדוקציע דער מעלוכע אונ פונ די אַנדערע געלט־האכנאָסעס, ווערנ אויכ קוידעמקאָל אָפּגעצאָלט די מ ע ל ו כ ע־ש ט י י ע ר נ, ד י ס ט ר א כ י ר ו נ ג ע נ א ו נ ד י ל ו י פ נ ד י ק ע כ ו י ו ו ע ס פ ו נ ד י ק אָ ל ו ו י ר ט נ. נאָכדעמ ווערט געמאכט אַנ אָראָפּרעכענונג פונ 10—15 פּראָצ. פארנ נ י ט־ט י י ל ב א ר נ פ אָ נ ד, וואָס איז באשטימט אָפּ אײַנצושאפנ מאשינעס אונ געציַיג, ארבעטספי אונ פּראָדוקטיווע פי אונ אָפּ דער קאפּיטאלער בויונג פונעמ קאָלווירט. פונ די געלט־האכנאָסעס קאָנענ לויטנ ווונטש פונ קאָלווירט געמאכט ווערנ אָראָפּרעכענונגענ אויכ אָפּ אַנדערע געזעלשאפטלעכע נויטנ.

די אָראָפּרעכענונג פארנ ניט־טיילבארנ פאָנד ווערט געמאכט פונ דער אַלגעמיינער האכנאָסע פונעמ קאָלווירט, וואָס איז אויסגעדריקט אינ געלט (אונ ניט בלויז פונ דער געלט־האכנאָסע), נאָכנ אָראָפּרעכענענ פונ דער דאָזיקער אלגעמיינער האכנאָסע די זריע,־סטראכיר־אונ פוראזש־פאָנדנ, די צאָלונגענ אָפּ די שטייערנ, סטראכירונגענ אונ לויפנדיקע כויוועס.

פונ די האכנאָסעס, וואָס דער קאָלווירט באקומט פ ו נ ה א נ ד ל, ווערט אויכ געמאכט אַנ אָראָפּרעכענונג פונ 10—15 פּראָצ. פארנ ניט־טיילבארנ פאָנד.

דער גאנצער גרונט־טייל האכנאָסעס פונ קאָלווירט, וואָס בלײַבט איבער, גייט אריבער אינעמ פ ע ר ז ע נ ל ע כ נ ר ע ש ו ס פונ די קאָלווירטניקעס לויטנ סכום אונ קוואליטעט ארבעט, וואָס יעדערער האָט אָפּגעטאָנ, לויט דער צאָל טעג־ארבעט, וואָס איז פארשריבנ אינעמ ארבעטביכל פונ יעדנ קאָלווירטניק. אינ דעמ זעלבנ סיידער ווערט צעטיילט אויכ דער טייל פוראזש צווישנ די קאָלווירטניקעס, וועלכע האָבנ פערזענלעכע פּראָדוקטיווע פי. די קאָלווירטניקעס, וואָס באקומענ ניט קיינ פוראזש, אָדער וואָס באקומענ אימ ווייניקער, גיט מענ ארויס אָנשטאָט דעמ אַנדערע מינימ פּראָדוקציע, אָבער ניט העכער, איידער עס באטרעפנ די אײַנגעשטעלטע אינ קאָלווירט ארויסגעבונגענ אינ נאטור פאר א טאָג ארבעט. מער האכנאָסע אינ נאטור אונ געלט באקומט יענער קאָלווירטניק, וואָס האָט געארבעט מער אונ בעסער.

בא אַזאַ צעטיילונג־סיידער האָט יעדער קאָלווירטניק, וואָס ארבעט געוויסנהאפט אינ זײַנ קאָלעקטיוו, ד י פ ו ל ע מ ע ג ל ע כ ק ײ ט צ ו ב א ק ו מ ע נ פונ די האכנאָסעס פונעמ קאָלווירט א גענוגנדיקנ סכום אי דערנערונג, אי געלט אָפּ באפרידיקנ זײַנע פערזענלעכע באדערפענישנ אינ די באדערפענישנ פונ זײַנ פאמיליע, אונ אויב ער האָט אינ דער הײמ פי — אויכ גענוג פיטער.

אינ דער זעלבער צײַט באוואָרנט אַזאַ צעטיילונגס־סיידער, אַז דער איבעריקער טייל האכנאָסעס זאָל גיינ אָפּ דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט אונ אָפּ אויספילנ די

* באשטימונג פונ ראטספּאָלקאָמ פססר אונ צק אלקפּ(ב) פונ 2־טנ אונ 18־טנ אווגוסט 1933 יאָר.

פארפליכטונגענ פונעמ קאָלווירט פאר דער מעלוכע. אָבער די מעגלעכקייט אויסצונוצנ די אַלגעמיינע פּראָדוקציע פארנ פריוואטנ באַדערפנ זיכ אונ עקספּלואַטאַציע ווערט אויסגעשלאָסנ.

אָט וואָס פאר א צעטיילונג־סיסטעמ עס איז איינגעשטעלט געוואָרנ אינ די קאָלווירטנ.

דער קאָלווירטישער און מעלוכישער פארטיילונג־סיידער

לאָמיר איצט פארגלייכנ די קאָלווירטישע אונ מעלוכישע פארטיילונג־סיסטעמענ.

פונ דעמ סאָציאַליסטישנ שטאנדפּונקט האָט א וועזנטלעכע באַדײַטונג יענע אייגנ־טימלעכקייט פונעמ קאָלווירטישנ טיילונג־סיידער, וואָס א טייל פּראָדוקציע (אויסער דעמ טייל, וואָס איז נייטיק אַפּ באַפרידיקנ די פערזענלעכע באַדערפענישנ פונ די קאָלווירטניקעס) גייט אינ די קאָלעקטיווע אונטערנעמונגענ אינ גרונט גענומענ פארנ אַלגעמיינעמ, אונ ניט פארנ פריוואטנ באַנוצ, ניט פאר דער באַרײַכערונג פונ איינצלנע פערזאָנענ. אָט דאָס באַוואָרנט דעמ אָנ־זפהערלעכנ וווּקס אונ די פארברייטערונג פונ דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע.

אינ דעמ איז די גרונט־ענלעכקייט פונ דער קאָלווירטישער סיסטעמ מיט דער פארטיילונג אינ די מעלוכישע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ.

דער אונטערשייד, ווידער, איז דאָ אינ דעמ, וואָס אינ די קאָלווירטנ באַלעבאַטעווענ איבערנ מערפּראָדוקט (ווי איבער דער גאנצער פּראָדוקציע אינגאנצנ גענומענ) דער געגעבענער קאָלעקטיוו, אונ אינ די מעלוכישע אונטערנעמונגענ — די מעלוכע, די געזעלשאַפט אינגאנצנ גענומענ.

אַפּ פארטיילנ צווישנ די מיטגלידער פונ קאָלווירט ווערט איבערגעגעבנ דער טייל קאָלווירטישע האַכנאָסע, וואָס איז באַשטימט אינ גרונט אַפּ באַפרידיקנ די געברויכ־באַדערפענישנ פונ די קאָלווירטניקעס אונ פונ זייערע פאַמיליעס.

דער דאָזיקער טייל אַנטשפּרעכט אינ טאָכ, לויט זײַנ גרונט־באַשטימונג, יענעמ טייל פאָלקסהאַכנאָסע, וואָס גייט אַפּ באַפרידיקנ די געברויכ־באַדערפענישנ פונ די ארבעטער אונ פונ זייערע פאַמיליעס.

דער אונטערשייד אָבער איז דאָ אינ דעמ, וואָס אינ די מעלוכע־אונטערנעמונגענ שטעלט די מעלוכע איינ די גרייס פונעמ דאָזיקנ טייל, אונ צעטיילט ווערט ער צווישנ די ארבעטער אינ דער פאָרמ פונ ארבעטלוינ. אינ דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט אָבער שטעלנ דעמ דאָזיקנ טייל איינ די קאָלווירטניקעס אַליינ, אָפּהענגיק פונ דער גרייס פונ דער געראָטעניש אונ פונ אַנדערע האַכנאָסעס, אונ צעטיילט ווערט ער צווישנ די קאָלווירטניקעס טיילווייז אינ נאַטור, טיילווייז אינ געלט, לויט די טעג־ארבעט, לויט דעמ סכומ אונ קוואַליטעט פונ דער ארבעט, וואָס יעדערער האָט אויסגעפילט. ביזוואַנענ די גרייס פונ די האַכנאָסעס ווערט קלאָר געמאַכט אינ סאָפ ווירטשאַפטלעכנ יאָר, באַקומענ די קאָלווירטניקעס אַוואַנסנ, אינ נאַטור אונ אינ געלט, אָפּנ כעזשבנ פונ די טעג־ארבעט, וואָס יעדערער האָט אויסגעארבעט.

דער אונטערשייד צווישנ די קאָלווירטנ אונ די מעלוכע־אונטערנעמונגענ אינ דער פאַנאַנדערטיילונג איז זייער א וויכטיקער.

די מיליאָנענ קאָלווירטניקעס, נעכטיקע אינדיווידואַלנ, וואָס זײַנענ די פולשטענדיקע באַלעבאַטימ פונ די קאָלעקטיווע אונטערנעמונגענ, לערנענ זיכ אַליינ — מיט דער הילפ אונ בא דער אָנפירונג פונ דער מעלוכע אונ די אַרבעטער — צו פירנ זעלבשטענדיק אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע אונ פאַנאַנדערטיילונג, זיי רוקנ אַרויס פונ זיכ טויזנטער אָרגאַניזאַטערס אונ פאַרוואַלטערס, זיי ווערנ ביסלעכווייז באַוווּסטזיניקע סאָציאַליסטנ, וואָס אַרבעטנ שוינ ניט בלויז צוליב זייער נוצנ, לעטויוועס זייער קאָלעקטיוו, נאָר לעטויוועס דער געזעלשאַפט אינגאַנצנ גענומענ.

פונ דער אַנדער זײַט, זײַנענ מעגלעכ אויכ אַזוינע פאַלנ, ווענ איינצלנע קאָלווירטנ, באַזונדערס אינ דער ערשטער צײַט פונ זייער עקזיסטענצ, באַלעבאַטעווענ איבער זייער פאַרמעגנ, ניט רעכענענדיק זיכ מיט די אינטערעסנ פונ דער פּראָלעטאַרישער מעלוכע אונ אַפילע טראָצ די דאָזיקע אינטערעסנ. אַזוינע פאַלנ זײַנענ געווענ ניט ווייניק. אונטער דער מאַסקע פונ „באַלוינונג פאַר דער אַרבעט" אד"ג. ווערט אַראָפגערעכנט אינ פּערזענלעכנ רעשוס פונ דעמ קאָלווירטניק אַזאַ גרויסער ביילעגערעטעניש אונ אַנדערע האַכנאָסעס, אַז עס בלײַבט קימאַט גאָרניט פאַר די געזעלשאַפטלעכע נויטנ פונעמ קאָלווירט, אָפ פאַרקויפנ דער מעלוכע אונ צומאָל אָפ באַצאָלנ די קרעדיטנ. דאָס איז שוינ *אַ פאַלשער קאָלווירט*.

אַלע באַוווּסטזיניקע קאָלווירטניקעס אונ נאָכ מער די פּאַרטיי־מיטגלידער דאַרפנ ווענדנ *אַ ביז גאָר ערנסטע אויפמערקזאַמקייט* אָפ די *פראַגנ פונ פאַרטיילונג*. בלויז יענער קאָלווירט איז ווירקלעכ *אַ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט*, וואָס פילט אויס אינ דער ערשטער ריי פּינקטלעכ זײַנע פאַרפליכטונגענ פאַר דער מעלוכע. בלויז יענער קאָלווירט איז ווירקלעכ אַ סאָציאַ*ליסטישע* אונטערנעמונג, וואָס זאָרגט קוידעמקאָל וועגנ פאַרפעסטיקנ אונ אַנטוויקלענ די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט אונ טיילט פאַנאַנדער די איבעריקע מאַסע האַכנאָסעס לויט די טעג־אַרבעט אָפ באַפרידיקנ די פּערזענלעכע באַדערפענישנ פונ די קאָלווירטניקעס.

בלויז פונ דעמ שנעלסטנ אַנטוויקלענ די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט, פונ דעמ שנעלסטנ אַנטוויקלענ אונדזער גאַנצע געזעלשאַפטלעכע סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט קאָנ דער קאָלווירטניק דערוואַרטנ *אַ ווירקלעכ שנעלע פאַרבעסערונג פונ זײַנ לעבנ אינ די ברייטסטע באַפרידיקונג פונ אַלע זײַנע באַדערפענישנ*.

דער באַלעגופ ווערט איצט אָנ די גאַנצע קרעפטנ, קעדיי אַרײַנצוקלאַפנ אַ קליינ צווישנ דער מעלוכע, דעמ קאָלווירט אונ קאָלווירטניק. דער באַלעגופ באַמיט זיכ אַראָפרײַסנ די קאָלווירטישע אָפליפערונגענ דער מעלוכע. דער באַלעגופ אַגיטירט קעגנ אָנשיטנ זריע־פאָנדנ, קעגנ שאַפנ ניט־טיילבאַרע אונ אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פאָנדנ, קעגנ פאַנאַנדערטיילנ די האַכנאָסעס לויט די טעג אַרבעט, קעגנ שטיק־אַרבעט, קעגנ דיסקאָנט. דער באַלעגופ אַגיטירט פאַר „פרײַער אַרבעט לויט דעמ אייגענעמ ווילנ" אונ פאַר אַנ אויסגלײַכערישער צעטיילונג פונ די האַכנאָסעס „לויט די נעפאָשעס". די דאָזיקע באַלעגופישע ציל־אײַנשטעלונגענ דאַרפ מענ אומדערמידלעכ דעמאַסקירנ פאַר דער מאַסע אונ אויסוואָרצלענ זיי פונ דער קאָלווירטישער פּראַקטיק.

מיר זעענ, אַז אינ דער פראַגע פונ פאַרטיילנ די פּראָדוקציע *איז ניטאָ קיינ גרונטיקער אומבעשאָלעמדיקער ווידערשפּרוכ* צווישנ די קאָלעקטיווע אונ די מעלוכישע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ. פאַרקערט, דער אונ־

טערשײד, וואָס עקזיסטירט איצט צווישנ זיי און וואָס האָט זייער וויכטיקע באַדײַטונג, וועט פאַרגלעט ווערנ צוזאַמענ מיטנ וווּקס פונ דער ווירקונג פונ דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע און פונ דעמ אַרבעטער-קלאַס אַפ די קאָלווירטנ, צוזאַמענ מיט דער ווײַטערדיקער פאַרפעסטיקונג און מעכאַניזירונג פונעמ קאָלווירט, צוזאַמענ מיט דער ווײַטערדיקער צונויפבינדונג פונ די קאָלווירטנ מיט דער אינדוסטריע און מיט די ראַטווירטנ אינ אַנ אײנהײטלעכער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, צוזאַמענ מיטנ איבערדערציענ די קאָלווירטניקעס אינ באַוווּסטזיניקע טוער פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

די פּערזענלעכע ווירטשאַפט פונ די קאָלווירטניקעס

לאָמיר איבערגײנ צו דער פראַגע וועגנ דער פּריוואַטער ווירטשאַפט פונ די קאָלווירטניקעס.

א סאַכ קאָלווירטניקעס קאָנענ נאָכ ניט צונויפּאָרנ די אינטערעסנ פונעמ קאָלווירט מיט די אינטערעסנ פונ זייער פּריוואַטער ווירטשאַפט. אָבער די אַרטעל-פאָרמ פונ די קאָלווירטנ גיט אַלע נייטיקע באַדינגונגענ אַפ ריכטיק צו קאָאָרדינירנ די אינטערעסנ פונעמ קאָלווירטניק מיט די אינטערעסנ פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט.

אינ דעמ אַרטעל זײַנענ פאַרגעזעלשאַפטלעכט אַלע גרונטיקע פּראָדוצירמיטלענ פונ די געוועזענע פּויערשע ווירטשאַפטנ: די גאַנצע ערד (כוץ דער הויפישער), דאָס גאַנצע אַרבעטפי, דער גאַנצער אינווענטאַר (כוץ דעמ קליינעמ אינווענטאַר פאַרנ גאָרטנ און סאַד). אינעמ אַרטעל זײַנענ פאַרגעזעלשאַפטלעכט די זריע-און פוראַזש-זאַפּאַסנ, דאָס סכוירעדיק-פּראָדוקטיווע פי, די גרויסע ווירטשאַפטלעכע געביידעס, די אונטערנעמונגענ אַפ איבעראַרבעטנ פּראָדוקטנ, פאַרשיידענע וואַרשטאַטנ אאוו.

די גרונט-האַכנאָסע באַקומט דער קאָלווירטניק פונעמ אַרטעל, פונ דער קאָלעקטיווער, און ניט פונ דער פּערזענלעכער ווירטשאַפט. פונעמ קאָלווירט באַקומט דער קאָלווירטניק אויכ פוראַזש פאַר זײַנ פּערזענלעכנ פי, באַקומט קעלבלעכ, באַזיימלעכ, פערד אַפ אויפאַקערנ דעמ גאָרטנ, פאַר זײַנע פּערזענלעכע רײַזעס אאַז. פונ די מיטלענ פונעמ קאָלווירט בויענ זיכ די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכ-שטייגערישע אַנשטאַלטנ, וואָס מיט זיי באַנוצט זיכ דער קאָלווירטניק. וואָס בעסער דער קאָלווירטניק אַרבעט אינ זײַנ קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, אַלצ גרעסער איז די האַכנאָסע, אַלצ גרעסערע נוצנ באַקומט ער פונ איר.

דער קאָלווירט איז דער גרונטיקער הויפּט-קוואַל פונ פאַרבעסערנ די מאַטעריעלע און קולטורעלע לאַגע פונ די קאָלווירטניקעס. פריער פונ אַלצ און מער פונ אַלצ איז דער קאָלווירטניק פאַראינטערעסירט אינ פאַרפעסטיקנ און אַנטוויקלענ זײַנ קאָלעקטיווע ווירטשאַפט.

דעמ קאָלווירטניקס פּערזענלעכע ווירטשאַפט איז א צוגאָב-ווירטשאַפט צומ קאָלווירט. זי איז ענג פאַרבונדנ מיט דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט און איז פונ איר אינגאַנצנ אָפּהענגיק. ריכטיק זאָגנ די קאָלווירטניקעס: „אויב אַפנ קאָלווירטישנ פעלד איז ליידיק, איז אויכ בא אונדז אינ די הויפנ ליידיק". די פּריוואַטע ווירטשאַפט—

דער הויפ, די קו, דאָס קליינ־פי, די אויפעס — ליגט דעמ קאָלווירטניק אלס צוגאָב־קוואל פונ פארבעסערנ זיינ מאטעריעלע לאגע.

עס פארשטייט זיכ, אז די ראטנמאכט אונ די קאָמוניסטישע פארטיי זיינענ בעשומויפנ ניט קעגנ דעמ אז די קאָלווירטניקעס זאָלנ באקומענ צוגאָב־האכנאָסע פונ זייער פערזענלעכער ווירטשאפט. פארקערט, די ראטנמאכט אונ די פארטיי פאָדערנ פונ אלע קאָלווירטנ צו העלפנ די קאָלווירטניקעס איינשאפנ פי פארנ פערזענלעכנ באנוצ. די ראטנמאכט פונ איר זייט, ווידער, טוט אלצ, וואָס עס איז מעגלעכ, קעדיי צו פארלייכטערנ די קאָלווירטניקעס איינצושאפנ פי פארנ פערזענלעכנ באנוצ. די ראטנמאכט גיט די קאָלווירטניקעס די פולע מעגלעכקייט פריי צו באלעבאטעווענ איבער דער פראָדוקציע פונ זייער פערזענלעכער ווירטשאפט (פונקט ווי איבער די פראָדוקטנ, וואָס זיינענ באקומענ געוואָרנ פונ קאָלווירט לויט די טעג־ארבעט).*

די ראטנמאכט גייט דערביי ארויס פונ דעמ, אז דער קאָלווירטניק איז שוינ אינ גרונט גענומענ ניט קיינ אָנהענגער פונ פריוואטנ אייגנטומ, ווי עס שטעלנ אימ פאָר אונדזערע סאָנימ. דער קאָלווירטניק איז אנ אָנהענגער פונ געמיינזאמענ אייגנטומ, א מיטגליד פונ דער קאָלעקטיווער סאָציאליסטישער אונטערנעמונג, ווו ער לעבט אונ ארבעט אונ וואָס מיט איר זיינענ פארבונדנ אלע זיינע גרונט־אינטערעסנ.

עס טרעפנ פאלנ, ווענ איינצלנע קאָלווירטניקעס שטרעבנ צו מאכנ זייער פריוואטע ווירטשאפט פארנ גרונט־קוואל פונ זייערע האכנאָסעס אונ דרייענ זיכ ארויס פונ ערלעכער ארבעט אינ קאָלווירט. אָבער דאָס זיינענ שוינ פאלשע קאָלווירטניקעס. די ראטנמאכט פאָדערט צו קעמפנ אנטשיידנ קעגנ אזוינע דערשיינונגענ.

עס איז קלאָר, אז צוזאמענ מיטנ פארפעסטיקנ אונ אנטוויקלענ די קאָלווירטנ אונ צוזאמענ מיטנ העכערנ די האכנאָסעדיקייט פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט אינ אלע אירע צווייגנ, הערונטער אויכ אינ די פיצוכט־צווייגנ, — וועט אלצ מער וואקסנ די באדייטונג פונ דער געזעלשאפטלעכער, פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט. אונ צוזאמענ מיט דעמ וועט אלצ מער שטייגנ אויכ די דירעקטע פארינטערעסירטקייט פונ די קאָלווירטניקעס אינ דער פארגעזעלשאפטלעכונג פונ אלע ווירטשאפט־צווייגנ.

אזויארומ וועט די פראגע וועגנ דער פערזענלעכער ווירטשאפט פונ די קאָלווירטניקעס ביז גאָר דערפאָלגרייכ געלייזט אינ איצטיקנ מאָמענט דורכ צונויפפאָרנ ווי געהעריק די אינטערעסנ פונעמ קאָלווירט מיטנ קאָלווירטניקס פערזענלעכע אינטערעסנ. אונ אינ דער צוקונפט וועט די דאָזיקע פראגע אָנ ספעק געלייזט ווערנ דורכנ פולשטענדיקנ ניצאָכנ פונעמ קאָלעקטיוונ, געזעלשאפטלעכנ פרינציפ איבערנ אינדיווידועלנ.

די אומגלייכהייט אינ די קאָלווירטנ

אינ אונדזערע איצטיקע קאָלווירטנ פארבלייבט נאָכ א געוויסע אומגלייכהייט צווישנ די מיטגלידער אונ אפילו עלעמענטנ פונ קלאסנקאמפ.

* וועגנ דעמ אלעמ גענוי' אינעמ פערטנ שמועס.

פונ וואָס איז אָפּהענגיק די דאָזיקע אומגלײַכהײַט? צי קאָנ זי באַזײַטיקט ווערנ? אָדער, פאַרקערט, זי וועט זיכ אַנטוויקלענ?

קוידעמקאָל דערקלערט זיכ די אומגלײַכהײַט אינ די קאָלווירטנ *מיט דער אומגלײַכהײַט אינ דער פריערדיקער לאַגע פונ די געוועזענע אינדיווידואַלנ*, איצט קאָלווירטניקעס. אינ די קאָלווירטנ זײַנענ פאַראַנ געוועזענע באַטראַקעס, געוועזענע אָרעמפּויערימ, געוועזענע מיטלפּויערימ פונ פאַרשיידענעמ פאַרמעגנ-צושטאַנד. די געוועזענע באַטראַקעס אונ אָרעמפּויערימ, אַלס קלאַל, האָבנ ניט קיינ שום ווירטשאַפט אַפּ דער זײַט, אונ בא די געוועזענע מיטלפּויערימ ווערנ נאָכ אײַנגעהיט די רעשטלעכ פּריוואַטע ווירטשאַפט, וואָס פונ זיי באַקומענ זיי א געוויסע צוגאָב-האַכנאָסע. אָט איז איינ קוואַל פונ דער אומגלײַכהײַט אינ די קאָלווירטנ.

עס איז אָבער קלאָר, אַז דער דאָזיקער קוואַל פונ דער אומגלײַכהײַט אינ די קאָלווירטנ איז א *צײַטווײַליקער*. ער וועט פאַרלירנ זײַנ באַדײַטונג צוזאַמענ דערמיט, ווי אַלע קאָלווירטניקעס וועלנ זיכ אײַנשאַפנ פי, אויפעס אאַוו. פאַרנ פערזענלעכנ באַנוץ.

א צווייטער קוואַל פונ אומגלײַכהײַט איז די *פאַרשיידענע קוואַליפיקאַציע פונ די אַרבעטער*, די פאַרשיידענע צאָל טעג אַרבעט, וועלכע עס אַרבעטנ אויס די אַרבעטער אַפילע פונ איינ אונ דערזעלבער קוואַליפיקאַציע, אָפּהענגיק פונ זייער באַוווּסטזיניקײַט אונ פלײַסיקײַט אינ דער אַרבעט.

דער דאָזיקער קוואַל פונ אומגלײַכהײַט האָט איצט א קאָלאָסאַלע *פּאָזיטיווע*, אונ ניט קיינ נעגאַטיווע באַדײַטונג. די צעטיילונג פונ די האַכנאָסעס לויט דער אַרבעט פאַרשטאַרקט די דירעקטע פאַרינטערעסירטקייט פונעמ אַרבעטער אינ די רעזולטאַטנ פונ זײַנ אַרבעט, אינ העכערנ זײַנ קוואַליפיקאַציע. אונ דאָס, ווידער, פאַרגרעסערט די אַרבעט-פּראָדוקטיווקײַט אינ קאָלווירט אונ די האַכנאָסע זײַנע.

פאַרקערט, די אויסגלײַכערישע צעטיילונג, ניט אָפּהענגיק פונ דער צאָל אונ קוואַליטעט פונ דער אַרבעט, וואָס יעדער קאָלווירטניק האָט אָפּגעטאָנ, ניט נעמענדיק אינ אַכט די קוואַליפיקאַציע פונעמ אַרבעטער, ברענגט אינ דער פּראַקטיק בלויז שאָדנ, זעצט אַראָפּ די אַלגעמיינע אַרבעט-פּראָדוקטיווקייט אינ קאָלווירט, ווירקט מיט צו דער אַנטוויקלונג פונ דער פּוסטעפּאַסערײַ אאַוו.

אַזאַ אומגלײַכהײַט, וואָס איז אָפּהענגיק פונ דער קוואַליפיקאַציע אונ פונ דער אַרבעט-פּראָדוקטיווקײַט פונ די איינצלנע אַרבעטער, איז איצט פאַראַנ אויכ אינ די מעלוכישע אונטערנעמונגענ פונ קאָנסעקווענט-סאָציאַליסטישנ טיפּ, אונ אויכ דאָרט ברענגט אַזאַ אומגלײַכהײַט *נוצנ*, אונ ניט קיינ שאָדנ.

דער אונטערשייד צווישנ די אַרבעטער לויט דער קוואַליפיקאַציע, לויט דער אַרבעט-פּראָדוקטיווקײַט, דער אונטערשייד צווישנ גײַסטיקער אונ פיזישער אַרבעט, ווערט נאָכ אײַנגעהיט, ווי מיר ווייסנ, אינ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט—דעמ ערשטנ שטאַפל פונעמ קאָמוניזמ. פולשטענדיק וועלנ די דאָזיקע אונטערשיידנ פאַרשווינדנ ווערנ ערשט אינ דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

אומפאַרמײַדלעכ זײַנענ אינ די איצטיקע קאָלווירטנ אויכ געוויסע עלעמענטנ פונ קלאַסנקאַמפ. מיר רײדנ שוינ ניט וועגנ די פאַלנ, ווענ אינ די קאָלווירטנ דרינגענ אַרײַנ באַלעגופימ אונ אַנדערע קלאַסנ-פרעמדע עלעמענטנ אונ ווענ עס קומט

אויס צו פירנ אנ אקשאַנעסדיקנ קאמפ פאַר אַפּרייניקנ די קאָלווירטנ פונ אזוינע עלעמענטנ.

אָבער אונטער דער ווירקונג פונ די אלטע פריוואט־אייגנטימערישע אַנשוויונגענ פאלט ניט זעלטנ ארונטער דער אפגעשטאנענער טייל קאָלווירטניקעס.

דאנ קומט אויס דעמ פאָרגעשריטענעמ, דעמ באוווסטזיניקנ טייל קאָלווירטניקעס צו קעמפנ קעגנ די קליינ־אייגנטימערישע איבערבלייבענישנ בא דעמ דאָזיקנ אָפּגעשטאנענעמ טייל פונ זייערע כאוויירימ.

אָבער דאָס איז שוינ גאָר אנ אנדער קאמפ, איידער אינעמ אינדיווידועלנ דאָרפ, ווייל אינ די קאָלווירטנ איז ניטאָ קיינ קלאס עקספּלואטירטע אונ קיינ קלאס עקספּלואטאטערס. אינ די קאָלווירטנ איז ניטאָ אונ עס קאָנ ניט זיינ קיינ קלאסנ־קאמפ אינ אייגנטלעכנ זינ פונ וואָרט. דאָ, — זאָגט כ. סטאלינ —

„האנדלט זיכ וועגנ דעמ קאמפ צווישנ די קאָלווירט־מיטגלידער, וואָס אייניקע פונ זיי האָבנ זיכ נאָכ ניט באפרייט פונ די אינדיווידואליסטישע אונ באלעבאטישע איבערבלייבענישנ אונ זיי פרווונ אויסנוצנ די געוויסע אומגלייכהייט אינ די קאָלווירטנ צו זייער גונסטנ, און די אנדערע ווילנ ארויסטרייבנ פונ די קאָלווירטנ די דאָזיקע איבערבלייבענישנ אונ די דאָזיקע אומגלייכהייט".

דאָ קומט אויס צו האָבנ צו מאָנ דערהויפּט מיט איבערציונג, מיט מאָסמיטלענ פונ אוגטערהאלטנ די כאווערישע דיסציפּלינ, ניט אָפּשטעלנדיק זיכ אָבער אויכ פאר שטרענגע באשטראָפונגענ ביז אויסשליסנ פונ קאָלווירט.

אזוי ווערט געלייזט אינ די קאָלווירטנ די פראגע וועגנ דער אומגלייכהייט אונ וועגנ די רעשטלעכ קלאסנקאמפ.

די סאָציאליסטישע דערציונג פונ די קאָלווירטניקעס

אינ דעמ ארטעל ווערנ פארגעזעלשאפטלעכט אלע גרונטיקע פּראָדוציר־מיטלענ. אָבער פארוואָס פארבלייבט דאָכ א געוויסער טייל פּראָדוציר־מיטלענ אינעמ פערזענלעכנ באנוצ פונ די קאָלווירטניקעס?

אינ דער פערזענלעכער ווירטשאפט פונ די קאָלווירטניקעס פארבלייבט א קו, קליינ־פי, אויפעס, א גאָרטנ, דערהויפּט דערפאר, ווייל מיר האָבנ נאָכ ניט געקאָנט ארגאניזירנ אונ באווייזנ די קאָלווירטניקעס אינ דער פּראקטיק אז וויפל עס לוינט צו פארגעזעלשאפטלעכנ אזוינע צווייגנ ווי די מילכ־ווירטשאפט, אויפעסצוכט, גערטנערײַ, סעדערײַ אד״ג.

די קאָלווירטנ זיינענ געוואָרנ ברייט פארשפּרייט דערהויפּט אינעמ קערנער־צווייג. באזונדער שנעל האָבנ די קאָלווירטנ געגומענ וואקסנ נאָכדעמ, ווי די מעלוכע האָט באוויזנ אויסגעצייכנטע מוסטערנ פונ א גרויסער געזעלשאפטלעכער הויכ־האכנאָסעדיקער ווירטשאפט אינ דער פאָרמ פונ די סאָוכאָזנ פונ קערנער־טרעסט אונ נאָכדעמ, ווי א סאכ אלטע קאָלווירטנ האָבנ באוויזנ מיט זייער דערפארונג, ווי שטארק עס לוינט די גרויסע קאָלעקטיווע ווירטשאפט אינעמ קערנער־צווייג.

אָבער אינ די איבעריקע צווייגנ פונ דער לאנדווירטשאפט האָט די ראטווירטישע אונ קאָלווירטישע בויונג זיכ גענומענ פאנאנדערוויקלענ זייער ניט לאנג.

איינע פונ די וויכטיקסטע אָרדנטלעכע אויפגאבנ פונ דער קאָלווירטישער באווע־

גונג באשטיימט טאקע אינ אנטוויקלענ אינ די קאָלווירטנ די איבעריקע צווייגנ פונ דער לאַנדווירטשאַפט, אינ דער ערשטער ריי די פיצובט פונ אלע מינימ, די אויפעסצוכט, די טעכנישע קולטורנ, די גערטנעריי, סעדעריי; אאוו.

מע דארפ אנטוויקלענ ספּעציעלע קאָלווירטנ אינ אלע צווייגנ אונ באוויזנ אינ דער פּראקטיק די הויכע האַכנאָסעדיקייט פונ אזוינע צווייגנ, פונ אזוינע קאָלעקטיווע ווירטשאַפטנ.

דאָס פּאָדערט פונ די קאָלווירטנ די שטייגנדיקע באַדערפעניש פונעמ לאַנד אינ פיצובט־פּראָדוקטנ. דאָס פּאָדערט די אינדוסטריע, וואָס נייטיקט זיכ אינ לאַנדווירטשאַפטלעכנ רויוואַרג. צוזאַמענ דערמיט איז די אנטוויקלונג פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט אויכ אינ אנדערע צווייגנ (כוצנ קערנער־צווייג) דער זיכערסטער אויפנ ביסלעכווייז ארייננעמענ אינ די קאָלווירטנ אינ סיידער פונ פּריוויליקייט אלע רעשטלעכ פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס געפינענ זיכ נאָכ אינעמ פּריוואַטנ באַנוצ פונ די קאָלווירטניקעס.

איינציקע פּארטיי־מיטגלידער — די „לינקע" אָפּנייגלער—האָבנ פּאָרגעלייגט אונ פּרוווג זיכ מיט אינ קלאַפּ מאכנ א סאָפּ צו די רעשטלעכ פּריוואַטע ווירטשאַפט בא די קאָלווירטניקעס: מיטאמאָל פּאַרגעזעלשאַפטלעכנ דאָס גאנצע פּאַרמעגנ ביז די קורטשעקעס איינגעשלאָסנ, טראָצ דעמ ווונטש פונ די פּויערימ. די דאָזיקע ביז גאָר שעדלעכע היציקייט האָט די פּארטיי שארפ פּאַרורטיילט. זי רופט ארויס בלויז אומצופרידנקייט בא די פּויערימ אונ אונ אָפּפלומ פונ די קאָלווירטנ. די קאָלווירטנ קאָנ מענ בויענ בלויז אפנ גרונט פונ פּרייוויליקייט.

די פּויערימ וואָס האָבנ דורעס לאַנג געקאָנט בלויז די דרובנע אינדיווידועלע ווירטשאַפט, גיט זיכ איינ ניט מיטאמאָל אונ ניט לייכט דאָס אריבערגייג צו דער גרויסער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט. דעמ פּויער שרעקט דער געדאַנק פונ אָפּזאָגנ זיכ מיטאמאָל פונ יעטווידער פּריוואַטער ווירטשאַפט. ער וויל איינהיטנ כאָטש א קליינ פּאַרמעגנ „אפ יעדנ פאַל".

ערשט מיטנ ארייננטרעטנ אינ קאָלווירט הייבט זיכ אָנ די פּאַרוואַנדלונג פונעמ פּויער פונ א פּריוואַטנ אייגנטימער, פונ אנ אינדיווידואל, אינ אנ אָנטיילנעמער פונ דער געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט, אינ א באַוווסטזיניקנ קאָלעקטיוויסט, אינ א מיטגליד פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

מע דארפ פּעסט געדענקענ פּאָלגנדיקע אָנווייזונגענ פונעמ 16-טנ פּארטיי־צוזאַמענפּאָר:

„איינעמ ארטעל פּאַרענדיקט זיכ ניט, נאָר עס הייבט זיכ ערשט אָנ די ארבעט פונ שאַפנ א נייע געזעלשאַפטלעכע דיסציפּלינ, די ארבעט פונ לערנענ די פּויערימ סאָציאַליסטישע בויונג. אינ די קאָלווירטנ וועלנ די פּויערימ ענדגילטיק אויסלעבנ די קליינ־אייגנטימערישע פּסיכאָלאָגיע, דעמ דאָרשט נאָכ פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכער אָנזאַמלונג, וואָס איז געיאַרשנט געוואָרנ פונ דורעס קליינע פּריוואַטע אייגנטימער, בלויז אינ רעזולטאַט פונ יאָרנ איקשאָנעסדיקער ארבעט אפ אונטערפירנ אונטער די קאָלווירטנ א באַזע פונ א גרויר־

סער מעכאניזירטער ווירטשאפט, פונ אקשאנעסדיקער ארבעט אפ שאפנ קאד־רענ פונ צווישנ די קאלווירטניקעס אונ פונעמ קולטורעלנ אופשטייג פונ דער גאנצער קאלווירטישער מאסע".

אלזא, דער ארטעל איז בלויז אנ אנהייב. דער נייער קאלווירט איז אינ דער מערהייט פאלנ א פארהעלטנישמעסיק קליינע ווירטשאפט, וואס איז געשאפנ געווארנ דורכ אנ איינפאכנ צוזאמענלייגנ די געווינלעכע פויערשע פראדוציר־מיטלענ.

די פראדוקציע באזירט זיכ דא אפ דער איינפאכער מיטארבעט פונ א סאכ פראָ־דוצירער, וואס ארבעטנ מיט די זעלבע ארבעט־געצייג, מיט דער זעלבער טרייב־קראפט, ווי אינ דער פויערשער ווירטשאפט (דאס פערד).

אויכ אזא קאלווירט גיט שוינ קאלאסאלע נוצנ אינ פארגלייכ מיט דער אינדי־ווידועלער ווירטשאפט.

אבער בלויז די גרויסע, די קאמפליצירטע מאשינעס—די טראקטערס, קאמביינענ מיט די מאשינעס אונ געצייג, וואס ווערנ צו זיי צוגעטשעפעט—גיבנ די מעגלעכקייט צו שאפנ א ווירקלעכ גרויסע לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקציע מיט אזא הויכער פראדוקטיווקייט, וואס אזוינס האט זיכ אפילע ניט געכאלעמט דער רייכער ווירטשאפט.

בלויז די גרויסע מאשינ, שוינ צוליב איר טעכנישע אייגנשאפטנ צעמענטירט צונויפ ווי געהעריק די קאלעקטיוונ לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער אונ ארגאניזירט זייער ארבעט אפ א נייעמ אופנ אפ דער זעלבער באזע, ווי אינ דער גרויסער סאָ־ציאליסטישער אינדוסטריע. אונ די דאזיקע ראליע שפילנ אויס די מאשינ־טראקטערישע סטאנציעס.

די גרויסע מאשינ־טעכניק—אט דאס איז דער ערשטער באַ־דינג, וואס איז נייטיק אפ איבערמאכנ פולשטענדיק דעמ קאלווירטניק, דעמ נעכ־טיקנ אינדיווידואל אינ א באוווסטזיניקנ קאלעקטיוויסט, אינ א מיטגליד פונ דער סאציאליסטישער געזעלשאפט.

דער צווייטער באדינג איז אייגענע קאלווירטישע קאדרענ. די דאזיקע קאדרענ ווערנ שוינ געשאפנ פונ דער קאלווירטישער באוועגונג גופע, ווערנ אויסגעארבעט אינ דער קאלווירטישער פראקטיק גופע, ווערנ דערצויגנ אפ די אנצאליקע קורסנ, אינ די שולנ, אינסטיטוטנ. אבער זיי זיינענ נאכ זייער ווייניק.

אונדזער סאציאליסטישע אינדוסטריע האט זיכ געקאנט אופהייבנ אפ אנ אומגעווינענער הייכ צוזאמענ מיט דעמ, ווי די ארבעטער האבנ גענומענ ארויסרוקנ פונ זיכ אייגענע קאדרענ דירעקטערס, אינזשעניערנ, טעכניקער, מייסטערס, האבנ גענומענ שאפנ זייער קאמאנדירנבאשטאנד, זייער פראדוציר־טעכנישע אינטע־ליגענצ. פונקט אזוי וועלנ אויכ די קאלווירטנ זיכ קאנענ אופהייבנ אפ דער הייכ פונ א ווירקלעכ סאציאליסטישער גרויסער פראדוקציע, די יונגע קאלווירטישע באוועגונג וועט אויסלעבנ אנ א שפור אלע אירע „קינדערשע קראנקייטנ" צוזאמענ דערמיט, ווי די קאלווירטניקעס וועלנ אונטער דער אנפירונג פונעמ פראלעטאריאט אונ פונ דער פארטיי נעמענ ארויסרוקנ פונ זיכ אלצ מער ארגאניזאטערס, אנפירער, אגראנאמענ, פיצוכטלער, אינזשעניערנ, טעכניקער, רעכענונגפירער; בריגאדירנ אאזוו.

א קאלאסאלע באדייטונג אינעמ דאזיקנ פראצעס האבנ די קאמוניסטישע אוני־ווערסיטעטנ, וואס זיינענ לויטנ באשלוס פונ דער פארטיי פארוואנדלט געווארנ אינ

לאנדווירטשאפטלעכע הויכשולנ, וואָס אינ אָפּטײלונגג זײערע גרײט קוואליפיצירטע קאדרענ ספּעציעל פאר די קאָלווירטנ, מאשינ־טראקטאָרישע סטאנציעס אונ ראטווירטנ.

דער דריטער באדינג איז דער קאמפ קעגנ די פּריוואט־אײגנטימערישע איבערבלײבענישנ אונ קעגנ דער באלעגופישער ווירקונג, דאָס איבערמאכנ די קאָלווירטניקעס אינ באוווסטזיניקע סאָציאליסטנ, דאָס אופהײבנ זײער קולטורעלנ ניוואָ.

דער היַיִקער ניוואָ איז נאָכ איצט זײער א נידעריקער. עס איז גענוג צו זאָגנ, אז די קאָלווירטניקעס זײנענ אינ א גרויסנ פּראָצענט ניט גענוג שריפטקענעוודיק. אינ די קאָלווירטנ פעלנ שריפטקענעוודיקע, וואָס זאָלנ קאָנענ אײנפאכ פארצײכענענ די טעג ארבעט.

אונ די קאָלווירטנ דארפנ דאָכ האָבנ מענטשנ ניט בלויז פּאשעט שריפטקענעוודיקע, נאָר אויכ אזוינע, וואָס קענענ די אגראָטעכניק, פיצוכט אונ אנדערע צווײגנ פונ דער לאנדווירטשאפט, וואָס ווײסנ, ווי זיכ צו באגײנ מיט מאשינעס, — עס זײנענ נײטיק הויכקוואליפיצירטע טוער פונ אלע מינימ. עס זײנענ נײטיק מענטשנ, וואָס זײנענ פײִק צו פאנאנדערקלײַבנ זיכ ווי געהעריק אינעמ קלאסנקאמפ, אינ די בייזוויליקע פלענער פונעמ קלאסנ־סוינע, אינ דער פּאָליטיק פונ דער קאָמוניסטישער פּארטײ, פונ דער ראטנמאכט. ניט אומזיסט האָט לענינ געזאָגט, אז עס איז אונדז נײטיק א גאנצע קולטור־רעוואָליוציע, קעדיי צו ווערנ א פולקומ סאָציאליסטיש לאנד.

דער קולטור־ניוואָ פונ די קאָלווירטישע מאסנ שטײגט שנעל. די מעליכע, אונדזער גאנצע געזעלשאפטלעכקײט אונ די קאָלווירטנ גופע ארבעטנ איבער דעמ מיט אלע כויכעס. אונ דאָס באוואָרנט אויכ, אז עס וועלנ ענדגילטיק אויסגעלעבט ווערנ אינ דער קאָלווירטישער מאסע די רעשטלעכ פּריוואט־אײגנטימערישע אָנשויונגענ, געוווינהײטנ אונ פּאָרורטײלנ.

★

שלוס

אינ אונדזער דריטנ שמועס האָבנ מיר באטראכט די פראגע מיקויעכ די וועגנ פונעמ דאָרפ צומ סאָציאליזמ. מיר האָבנ געזענ, אז פונ די דרײ פארשײדענע קלאסנ־שיכטנ, אופ וועלכע עס צעטײלט זיכ דאָס פויערטומ, איז די אָרעמשאפט — פארנ סאָציאליזמ, דאָס באלעגופנטומ איז אנ אומבאשטענדיקער סוינע פונעמ סאָציאליזמ, אונ דאָס מיטלפויערטומ קאָנ אונ דארפ ווערנ אנ אָנהענגער אונ בויער פונ סאָציאליזמ ביטנײ, אויב דער פּראָלעטאריאט וועט ארויסווײַזנ די געהעריקע טאקטיק אונ פּאָליטיק בענעגייע דעמ פויערטומ.

די פּראָלעטארישע מאכט, די ריכטיקע פּאָליטיק פונעמ ארבעטער־קלאס בענעגייע דעמ פויערטומ, די אינדוסטריאליזאציע פונעמ לאנד, די ראטווירטנ, דער קאמפ קעגנ דעמ באלעגופנטומ, די קאָאָפּעראציע, די אלטע קאָלווירטנ — אָט דאָס איז דער סכומ באדינגונגענ, וואָס האָבנ באוואָרנט די ברײטע פאנאנדערוויקלונג פונ

די קאָלווירטנ, און וואָס באַוואָרענענ דעמ פולשטענדיקנ ניצחוינ פונ דער קאָלווירטישער אָרדענונג אינ דאָרפ.

די דערפאָלגנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג אינ דער אינדוסטריע, די אנטוויקלונג פונ די ראַטווירטנ, דער ניצחוינ פונ די קאָלווירטנ האָבנ געבראַכט צו א שאַרפער ענדערונג אינ דער פאַרהעלטעניש פונ די עקאָנאָמישע פאָרמאַציעס און פונ די קלאַסנ־קרעפטנ אינעמ ראַטנפאַרבאַנד צו גונסטנ דעמ פראָלעטאַריאַט. דאָס קאָלווירטישע פויערטומ איז געוואָרנ די צענטראַלע פיגור אינ דער ערדאַרבעט. אינ געשטאַלט פונעמ קאָלווירטישנ פויערטומ האָט די ראַטנמאַכט באַקומענ א נייעמ פעסטנ אָנשפאַר אינ דאָרפ.

מיר האָבנ זיכ ווייטער באַקאַנט מיט דער מאַרקסיסטיש־לענינישער לערע וועגנ קאָאָפעראַציע און וועגנ די קאָלווירטנ. די קאָלווירטנ אינ די באַדינגונגענ פונ דער ראַטנ־מעלוכע זיינענ איינע פונ די פאָרמענ פונ א סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. אינ דער ראַטנ־מעלוכע זיינענ די קאָלווירטנ דער איינפאַכסטער און סאַמע צוטריטלעכער וועג פאַרנ פויער צומ סאָציאַליזמ. דער מענשעוויסטישער שטאַנדפּונקט, אז פאַר די פויערשע מאַסנ איז, קלוימערשט, ניטאָ קיינ אַנדער וועג צומ סאָציאַליזמ, סיידנ דורכ רוינירונג און פראָלעטאַריזירונג, — איז א פעלערהאַפטער און א ליגנערישער.

מיר האָבנ דערקלערט די איינאָרדענונג פונ די קאָלווירטנ, מיר האָבנ באַטראַכט, אינ וואָס איז די ענלעכקייט און אינ וואָס איז דער אונטערשייד צווישנ דער קאָלווירטישער פאָרמ פונ א סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט און דער מעלוכישער סאָציאַליסטישער אונטערנעמונג. מיר זיינענ געקומענ צומ אויספיר, אז ניט געקוקט אָפ די וויכטיקע אונטערשיידנ צווישנ די איצטיקע קאָלווירטנ און די מעלוכישע אונטערנעמונגענ, זיינענ אונדזערע קאָלווירטנ אומבאַדינגט א סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט.

די הילפ און אָנפירונג מיצאַד דער סאָציאַליסטישער מעלוכע, ווי אויכ די פראָדוציר־פאַרהעלטענישנ אינווייניק אינ די קאָלווירטנ, זייער גאַנצע אינערלעכע איינאָרדענונג און די ריכטיקע פאַרשטאַנענע אינטערעסנ פונ די קאָלווירטניקעס גופע באַוואָרענענ פולשטענדיק דאָס אויסלעבנ די ווידערשפרוכנ, וואָס זיינענ פאַראַנ אינ די קאָלווירטנ, און זייער אַנטוויקלונג אינ ווירקלעכע קעמערלעכ פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

★

פראַגנ פאַר זעלבסטקאָנטראָל

וואָס רעדט מענ באַ אייכ אינ קאָלווירט, אינ ראַטווירט, אינ דער מאַשינטראַקטערישער סטאַנציע, אינ דאָרפ וועגנ דעמ פויערטומ, וועגנ דעמ אַרבעטער־קלאַס, וועגנ סאָציאַליזמ? וואָס רעדט מענ וועגנ די באַלעגופימ? וועגנ די קאָלווירטניקעס און די אַרבעטער? וועגנ די קאָלווירטנ? וועגנ די ראַטווירטנ? וועגנ די מאַשינ־טראַקטערישע סטאַנציעס?

פרובט פאַנאַנדערקלייבנ זיכ אינ די דאָזיקע אַלע מיינונגענ, שטיצנדיק זיכ אָפנ אינהאַלט פונ אונדזער דריטנ שמועס

ערשטער טייל

1. וואָס איז אַזוינס דאָס פויערטומ? צי איז דאָס פויערטומ א טוינע פונעמ סאָציאַליזמ?

2. וואָסערע סיבעס האָבנ געבראכט צומ ניצאָכנ פונ די קאָלווירטנ?

3. וואָס איז אזוינס די ליקווידירונג פונעמ באלעגופנטומ אלס קלאס אונ ווי-אזוי ווערט זי דורכגעפירט?

4. צו וואָסערע ענדערונגענ אינ דער ווירטשאַפטלעכער אָרדענונג אונ אינ דער פאַרהעלטעניש פונ די קלאסנ-קרעפטנ אינ לאנד האָט געבראכט די דערפאָלגרייכע אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריעלער, ראטווירטישער אונ קאָלווירטישער בויונג?

5. וויאזוי האָט זיכ געענדערט די לאגע פונ די מיטלפויערשע מאסנ, וואָס זיינענ אריינגעטראָטנ אינ די קאָלווירטנ?

צ ו ו י י ט ע ר   ט י י ל

1. אינ וואָס באשטייט די לערע פונ לענינ-סטאלינ וועגנ קאָאָפּעראציע אונ וועגנ די קאָלווירטנ?

2. וואָס פאר א גורל האָט דאָס פויערטומ בא דער בורזשואזער מאכט אונ אינ דער ראטנ-מעלוכע?

3. אינ וואָס באשטייט די ענלעכקייט אונ אינ וואָס איז דער אונטערשייד צווישנ דעמ קאָלווירט אונ דער מעלוכישער סאָציאליסטישער אונטערנעמונג?

4. אינ וואָס באשטייענ די ווידערשפרוכנ אונ די פריוואט-אייגנטימערישע איבערבלייבענישנ אינ די קאָלווירטנ? וואָס זיינענ די אויפגאבנ פונ דער סאָציאליסטישער איבערדערציונג פונ די קאָלווירטניקעס?

פערטער שמועס



די אָרגאַניזאַציאָנעל־ווירטשאַפטלעכע פּאַרפעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ

וועגנ וואָס רעדט זיך אינעם פערטנ שמועס

די באַלעגופים, די סאָנים פונ די קאָלווירטנ האָבנ געטײַנעט:

— בא אונדז אינ די דערפער לעבנ זיך ניט אײנ אפילע א ברודער מיט א ברודער, אונ די קאָמוניסטנ ווילנ א גאַנצ דאָרפ צונויפפאַקנ אינ אײנ ווירטשאַפט. דערפונ וועט גאָרניט ארויסקומענ. די פויערים וועלנ ניט קאָנענ אויסבויענ אזא ווירטשאַפט. זיי וועלנ ניט קאָנענ טײלנ די האַכנאָסעס. זיי וועלנ זיך צעקריגנ.

אָבער די פויערים האָט זיך אײַנגעגעבנ אָרגאַניזירנ קאָלווירטנ. די ראַטנמאַכט אונ די קאָמוניסטישע פּאַרטײ האָבנ זיי אינ דעם געהאָלפנ.

דאַנ האָבנ אונדזערע סאָנים גענומענ טײַנענ:

— דער פויער בא זיך אינ ווירטשאַפט האָט געאַרבעט פלײַסיקער, קעדײ צו האָבנ וואָס מער, אָבער צוליב וואָס פאַר אַנ אינטערעס וועט ער זיך סטאַרענ אינ קאָלווירט? די מעלוכע וועט דאָך אָפּנעמענ פאַר זיך די האַכנאָסעס אינ די קאָלווירטנ. די קאָלווירטנ וועלנ ניט ברענגענ קײנ גוטנ לעבנ דעם פויער.

אזוי טײַנענ די סאָנים פונ די קאָלווירטנ.

מיר דאַרפנ באַטראַכטנ וואָסערע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמענ, וואָסערע אויפגאַבנ פונ אָרגאַניזירנ די אַרבעט אונ פונ פאַרטײלנ די האַכנאָסעס אינ די קאָלווירטנ האָט אויסגעאַרבעט די קאָלווירטישע באַוועגונג. צי באַוואָרענענ די דאָזיקע פאָרמענ אונ אויפגאַבנ די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונ די קאָלווירטנ?

וואָסערע אָנווייזונגענ וועגנ אָרגאַניזירנ ריכטיק די קאָלווירטישע ווירט־שאפט אונ די ראטווירטנ האָבנ געגעבנ די ראטנמאכט אונ די קאָמוניסטישע פּארטיי?

וויאזוי שטעלנ אונ לייזנ די ראטנמאכט אונ די פּארטיי די פראגע וועגנ דער פּארינטערעסירטקייט פונ די קאָלווירטניקעס אינ ערלעכער, פלייסיקער ארבעט? וויאזוי ווערט געשטעלט אונ געלייזט די פראגע וועגנ די באַציונגענ צווישנ דער מעלוכע אונ די קאָלווירטנ? וואסערע נעזעצנ זיינענ צוליב דעם דאָזיקנ ציל ארויסגעגעבנ געוואָרנ?

וויאזוי גייענ די קאָלווירטנ אונטער דער אָנפירונג פונ דער פּארטיי אונ פונ דער ראטנמאכט צו א פולשטענדיק באוואָרנטנ אונ קולטורעלנ לעבנ?

מיט די דאָזיקע אלע פראגנ וועלנ מיר זיכ טאקע פארנעמענ אינ אונדזער פערטנ שמועס.

דעמ דאָזיקנ שמועס טיילנ מיר איינ אינ פיר טיילנ:

ערשטער טייל: ריכטיק אָרגאַניזירנ די ווירטשאפט, אויסלערנענ זיכ ארבעטנ אפ א נייעמ אופנ.

צווייטער טייל: מאכנ אלע קאָלווירטניקעס פאר פארמעגלעכע.

דריטער טייל: אויספילנ די פארפליכטונגענ פאר דער מעלוכע איז דער ערשטער געבאָט.

פערטער טייל: לאָמיר פארפעסטיקנ דעמ האנדל־צווישנ מענשלוס מיטנ קאָלווירטישנ דאָרפ.

ערשטער טייל

ריכטיק אָרגאניזירנ די ווירטשאפט, אויסלערנענ זיכ ארבעטנ אפ א נײַעמ אויפנ

ארטעל

די קאָלווירטישע באוועגונג האָט פאר די 15 יאָר אנטוויקלונג אויסגעארבעט אירע אָרגאניזאציאָנעלע פאָרמענ, אירע אויפאנימ פונ אָרגאניזירנ די ארבעט און פונ צעטיילנ די האכנאָסעס אינ די קאָלווירטנ. עס זײַנענ באוווּסט דרײַ אָרגאניזאציאָנעלע פאָרמענ קאָלעקטיווע ווירטשאפטנ: געזעלשאפט פאר געמיינזאמער ערד־באארבעטונג, לאנדווירטשאפטלעכער ארטעל, לאנדווירטשאפטלעכע קאָמונע.

דער אויסוואל פונ דער געהעריקער אָרגאניזאציאָנעלער פאָרמ האָט א קאָלאָסאלע באדײַטונג פאר די דערפאָלגנ פונ דער באוועגונג.

ביז די לעצטע יאָרנ (ביזנ 1930 יאָר) איז די סאמע פארשפרייטע פאָרמ קאָלווירטנ געווענ די געזעלשאפט. אינעמ איצטיקנ מאָמענט באטרעפנ די געזעלשאפטנ סאכאקל 4,7 פראָצ. אינ דער אלגעמיינער מאסע קאָלווירטנ. די דאָמינירנדיקע פאָרמ איז דער לאנדווירטשאפטלעכער ארטעל. אינ דער אלגעמיינער מאסע קאָלווירטנ באטרעפנ די ארטעלנ 91,7 פראָצ. אפנ כיילעק פונ די קאָמונעס קומט אויס 3,6 פראָצ.

פארוואָס זשע איז דער ארטעל געוואָרנ די גרונטיקע, די דאָמינירנדיקע פאָרמ פונ דער קאָלווירטישער באוועגונג אינעמ איצטיקנ מאָמענט?

אינ די געזעלשאפטנ פאר געמיינזאמער ערד־באארבעטונג ווערט דערהויפט פארײַניקט בלויז די ארבעט פונ אירע מיטגלידער. די געזעלשאפט גיט נאָכ ניט קיינ מעגלעכקייט צו באקומענ אלע נוצנ פונ דער גרויסער געזעלשאפטלעכער ווירטשאפט. די געזעלשאפטנ האָבנ ניט באפרידיקט די פויערימ.

אינעמ ארטעל ווערנ פארגעזעלשאפטלעכט די גרונטיקע פראָדוקציר־מיטלענ, וואָס זײַנענ נייטיק אפ פירנ די ערדארבעטער־שע ווירטשאפט: די ערד, די געצײַג, די מאשינעס, דאָס ארבעטפי. דער ארטעל גיט שוינ א מעגלעכקייט צו באקומענ אלע נוצנ פונ דער גרויסער געזעלשאפט־

לעבנ ווירטשאפט קודעמקאל אינעמ הויפּט-צווייג פונ דער ערדארבעט — אינ דער קערנער-ווירטשאפט, ווי אויכ אינ דער פעלדצוכט בכלל. דער ארטעל גיט א מעגלעכקייט צו באקומענ די קאלאסאלע נוצנ פונ אנווענדנ די הויכע מאשינ-טעכניק (טראקטערס, קאמבײַנענ אאוו.).

צוזאמענ דערמיט פאדערט ניט דער ארטעל פונעמ פויער, ער זאל זיכ אינגאנצנ אפזאגנ פונ דער פריוואטער ווירטשאפט, ווי דאס האט געפאדערט די קאמונע. לויטנ סטאטוט פונעמ ארטעל פארבלײַבט אינעמ קאלווירטניקס פערזענלעכנ באנוצ דער הויפ, די בײַהויפישע ערד, די קו, דאס קלײנ-פי, די אויפעס. דער ארטעל גיט אזוי ארומ א מעגלעכקײַט דעמ קאלווירטניק צו פירנ א פערזענלעכע ווירטשאפט אלס צוגאב צו דער געזעלשאפטלעכער.

אט פארוואס דער ארטעל איז געווארנ בײַ הײַנטיקנ טאג די גרונט-פארמ פונ דער קאלווירטישער באוועגונג.

ווענ עס האט זיכ אנגעהויבנ דער מעכטיקער אופשטײַג פונ דער קאלווירטישער באוועגונג (אינ דער צווייטער העלפט 1929 יאר), זײַנענ א סאכ באווירימ קראנק געווארנ מיט „קאפשווינדל פונ די דערפאלגנ". זיי האט זיכ גענומענ דוכטנ, אז איצט איז גענוג בלויז „אנדריקנ" אינ אדמיניסטראטיווג סיידער, קעדיי מיט איינ קלאפ פארענדיקנ די קאלעקטיוויזאציע אונ פאר איינוועג פארגעזעלשאפטלעכנ אלע פראדוציר-מיטלענ פונ דער פויערשער ווירטשאפט ביז די הינער אינ קורטשאקעס אײַנגעשלאסנ. אזויגע שטרעבונגענ האבנ געבראכט ניט ווייניק שאדנ דער קאלווירטישער באוועגונג, האבנ ארויסגערופנ אומצופרידנקײַט בײַ די פויערימ, האבנ געבראכט צו א צײַטווײַליקנ אפפאל פונ די קאלווירטנ.

די פארטיי האט הארב פארורטיילט די צוואנג-פארגעזעלשאפטלעכונג, אלס אפארטוניסטישנ „לינקנ" קניטש. אינעמ מוסטער-סטאטוט פונעמ ארטעל זײַנענ ארײַנגעטראגנ געווארנ הויסאפעס, ווו עס ווערט פינקטלעכ געזאגט, וואס פאר א פארמעגנ עס ווערט פארגעזעלשאפטלעכט אונ וואס פארבלײַבט אינעמ פערזענלעכנ באנוצ פונ די ארטעל-מיטגלידער.

מיר האבנ נאכ ווײַט ניט אויסגענוצט אלע מעגלעכקײַטנ, וואס דער ארטעל גיט אפ אנטוויקלענ די קאלעקטיווע ווירטשאפט, אפ אויפהייבנ ווײַטער אונ נאכ שנעלער די קערנער-ווירטשאפט, אפ העכערנ אנטשיידנ די געראטנקײַט פונ די קאלווירטישע פעלדער. אינ די איצטיקע ארטעלנ זײַנענ נאכ פאראנ א סאכ פעלערנ: די ארבעט-פראדוקטיווקײַט, די געראטנקײַט אינ זיי איז נאכ אסאכ נידעריקער פונעמ ניווא, וואס איז גאנצ מעגלעכ צו דערגרייכנ; אינ א באדײַטנדיקנ טייל ארטעלנ איז נאכ די פראדוקציע ניט מעכאניזירט; די קאלווירטישע קאדרענ זײַנענ נאכ ניט גענוג פעסט אונ קוואליפיצירט; די קאלווירטישע מאסע האט נאכ ניט אויסגעלעבט אירע פריוואט-אייגנטימערישע געוווינהײַטנ. מיט איינ ווארט, דער ארטעל האט נאכ ווײַט זיכ ניט אויסגעשעפט אונ וועט פארבלײַבנ די גרונט-פארמ פונ די קאלווירטנ אפ א גאנצער רײַ יארנ.

אט פארוואס די קאמוניסטישע פארטיי אונ די ראטנמאכט אינ א סאכ זייערע באשטימונגענ באשטייענ אפ פארפעסטיקנ אונ אנטוויקלענ די קאלווירטנ דאפקע אינ זייער ארטעל-פארמ. לעמאשל, אינ דער באשטימונג פונ דעמ צענטראל-קאמיטעט פונ דער פארטיי פונ 4-טנ פעברואר 1932 יאר ווערט געזאגט:

„דער צענטראל-קאמיטעט פונ דער פארטיי ווײַזט אנ אלע פארטיי-ארגא-

ניזאציעס אפ דעם, אז די אויפגאבע צו פארפעסטיקנ ארגאני־
זאציאנעל־ווירטשאפטלעכ די קאלווירטנ איז בא הײנ־
טיקנ טאג קוידעמקאל די אויפגאבע צו אנטוויקלענ
אונ פארפעסטיקנ די ארטעל־פארמ פונ די קאלווירטנ".
אבער ניט געקוקט אפ די דאזיקע אלע אנווייזונגענ אינ ווארענונגענ, האבנ די „לינקע" קנייטשער אינ א רײ ערטער ניט אויפגעהערט צו האלטנ זיכ בא זייער ליניע, העלפנדיק דערמיט גופע דעמ קלאסנ־סוינע אונ זײנע רעכט־אפארטוניסטישע געהילפנ. דאס האט ארויסגערופנ א נײע, א שארפע באשטימונג פונעמ צענטראל־קאמיטעט פונ דער פארטיי פונ 26־טנ מארט 1932 יאר. אינ איר ווערט געזאגט:

„דער צענטראל־קאמיטעט פונ אלק"פ(ב) באטאנט מיט דער גאנצער אנטשיידנקײט, אז בלויז די סאנימ פונ קאלווירט קאנענ דערלאזנ די צוואנג־פארגעזעלשאפטלעכונג פונ קי אונ קליינפי בא די איינצלנע קאלווירטניקעס.

דער צענטראל־קאמיטעט דערקלערט, אז די פראקטיק פונ אפנעמענ אפ א צוואנג־אויפנ בא די קאלווירטניקעס די קי אונ דאס קליינפי האט ניט קיינ שומ שייכעס צו דער פאליטיק פונ דער פארטיי. די אויפגאבע פונ דער פארטיי באשטייט אינ דעמ, אז בא יעדנ קאלווירטניק זאל זײנ א קו, קליינפי, אויפעס. די ווייטערדיקע פארברייטערונג אונ אנטוויקלונג פונ די קאלווירטישע פערמעס דארפ גײנ בלויז מיטנ וועג פונ אויסהאדעווענ יונגפי אינ די פערמעס אדער זיי זאלנ קויפנ פי.

דער צענטראל־קאמיטעט פונ אלק"פ(ב) ליגט פאר אלע פארטייישע, סאוועטישע אונ קאלווירטישע ארגאניזאציעס:

1) איבערהאקנ יעטווידער פרווו צו פארגעזעלשאפטלעכנ אפ א צוואנג־אויפנ די קי אונ קליינפי בא די קאלווירטניקעס, אונ די וואס זײנענ שולדיק אינ אויווער זײנ אפ דער דירעקטיוו פונעמ צענטראל־קאמיטעט, אויסשליסנ פונ דער פארטיי;

2) ארגאניזירנ הילפ אונ מיטווירקונג די קאלווירטניקעס, וואס האבנ ניט קיינ קו אדער קליינפי, צו קויפנ אונ אויסהאדעווענ יונגפי פאר די פערזענלעכע באדערפענישנ".

די קאלאסאלע באדײטונג פונ דער דאזיקער באשטימונג באשטייט אינ דעמ, וואס זי האט, ערשטנס, אנגעוויזנ אונ שארפ פארורטיילט די פעלערנ פונ די „לינקע" אפארטוניסטנ, אונ, צווייטנס, וואס זי האט אנגעמערקט דעמ ריכטיקנ וועג אפ לייזנ אינ די קאלווירטנ די פיצוכט־פראבלעמ (אויפגאבע).

די פעלערנ פונ די „לינקע" קנייטשער באשטייענ אינ דעמ, וואס זיי האנדלענ בלויז ווי אדמיניסטראטערס, ווי טעמפע טשינאווניקעס, ביוראקראטנ, וואס זיי גייענ גאר ניט אנ די מאסנ אונ זייערע ווונטשנ.

זיי קוקנ אפנ סטאטוט פונעמ ארטעל, ווי אפ א פאשעטנ שטיקל פאפיר, וואס מע קאנ צערײסנ אונ ארויסווארפנ, פארבײטנדיק מיט א קאנצעליארישער פארארדענונג. זיי פארשטייענ ניט, אז דער סטאטוט פונעמ ארטעל איז ניט קיינ פא־

שעטער דאקומענט, נאר א מינ פאליטישער אפמאכ צווישנ דעמ קאלווירטישנ פויערטומ אונ דעמ ארבעטער־קלאס וועגנ די פראקטישע אויפגאבנ פונ אויסבויענ די סאציאליסטישע געזעלשאפט.

דער דאזיקער אפמאכ באשטייט אינ דעמ, וואס דער ארטעל, ווי דאס איז געזאגט געווארנ אינ זיינ סטאטוט, ווערט אנערקענט אלס פרייוויליקע געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציע פונ די פויערימ — באטראקעס, ארעמפויערימ אונ מיטלפויערימ, וואס האבנ זיכ אפגעזאגט פונ דער דריבנע־אינדיווידועלער ווירטשאפט, ארגאניזירנ א גרויסע קאלווירטיש־סאציאליסטישע פראדוקציע אינ צוזאמענ דערמיט רעזערווירנ זיי פאר זיכ באשטימטע רעכט אפ אזא אונ אזא פריוואטנ פארמעגנ (וואס איז אינ דעמ סטאטוט פינקטלעכ אויסגערעדט).

ברעכנ דעמ סטאטוט פונעמ ארטעל הייסט אפנ גראבסטנ אויפנ ברעכנ דעמ דאזיקנ פאליטישנ אפמאכ אונ ארונטעררייסנ דעמ צוזאמענשלוס צווישנ דעמ קאלווירטישנ פויערטומ אונ דעמ ארבעטער־קלאס.

דער טאכ גופע פונעמ ארטעל באשטייט טאקע אינ דעמ, וואס אינ אימ ווערט אפנ געהעריקנ אויפנ צונויפגעפארט די קאלעקטיווע, די סאציאליסטישע ווירטשאפט מיט די פריוואטע אינטערעסנ פונ די קאלווירטניקעס. דער ארטעל באפרידיקט פולקומ די קאלווירטניקעס קוידעמקאל אינעמ קערנער־צווייג פונ דער ווירטשאפט, ווי אויכ אינ דער פעלדצוכט בכלל. צוזאמענ דערמיט גיט דער ארטעל א מעגלעכקייט דעמ קאלווירטניק צו פירנ לויט זיינ ווונטש א פריוואטע צוגאב־ווירטשאפט אינ אנדערע צווייגנ, ווי די פיצוכט, אויפעס אד"ג.

גלייכצייטיק גיט דער ארטעל די פולע מעגלעכקייט צו ארגאניזירנ א גרויסע סאציאליסטישע ווירטשאפט אויכ אינ די דאזיקע אנדערע צווייגנ. דער ארטעל האט צוליב דעמ געשאפנ א באזונדערע פארמ — די קאלווירטישע סכוירעפערמע.

דער ארטעל איז פאר די מיליאנעז קאלווירטניקעס די גרונט־שול פונ דער נייער, סאציאליסטישער ווירטשאפט, די שול פונ דער נייער געזעלשאפטלעכער ארבעט, פונ דער געזעלשאפטלעכער ארבעטס־דיסציפלינ.

דאס פריוואטע פי פונ די קאלווירטניקעס איז קלאל ניט קיינ שטערונג פאר דער אנטוויקלונג פונ די קאלווירטנ אונ פונ דער קאלווירטישער פיצוכט, ווי דאס מיינענ די „לינקע” קנייטשער. פארקערט, דאס פערזענלעכע פי פונ די קאלווירטניקעס פארבינדט זיי נאכ פעסטער מיטנ קאלווירט, וו זיי באקומענ פוראזש פאר זייער פי אונ יונגפי. בא היינטיקנ טאג איז דאס פערזענלעכע פי פונ די קאלווירטניקעס א צוגאב־קוואל אפ פארבעסערנ די מאטעריעלע לאגע פונ די קאלווירטניקעס, א צוגאב־קוואל אפ באזארגנ דאס לאנד מיט פיצוכט־פראדוקטנ.

אט פארוואס דער פאלקס־קאמיסאריאט פאר ערדארבעט אונ די ראטנ־רעגירונג זיינענ אנטקעגנגעקומענ די ווונטשנ פונ א סאכ מיטגלידער פונ די קאמונעס אונ האבנ זיי אויכ דערלויבט צו האבנ אינעמ פערזענלעכנ באנוץ א קו, קליינפי, אוי־

א מיטינג אינעמ קאָלווירט „קאָמונאַר“, מיטלוואָלגע, אינ צוזאַמענהאַנג מיטנ אויספילנ די פּאַרטיי־דירעקטיוו וועגנ די קי

פּעס.* זעלבסטפאַרשטענדלעכ, אז די מיטגלידער פונ די קאָמונעס קאָנענ באַקומענ פי בעשומויפנ ניט דאַרפנ מאַכנ צו אויס פאַרגעזעלשאַפטלעכט די קאָמונאַלע סטאַדע, נאָר אויסשליסלעכ אפ זייער אייגענעמ כעזשבנ, דערבײַ האָפנ די פאַרוואַל־טונגענ פונ די קאָמונעס זיי קומענ צו הילפ אינ דערווערבנ פי אונ אינ באַזאָרגנ אימ מיט פוראַזש.

מיט דער דאָזיקער באַשטימונג ווערט נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכנ די אויפגאַבע צו העלפנ די קאָלווירטניקעס צו דערווערבנ פי אונ אויס־האָדעווענ דאָס יונגפי פאַר די פּערזענלעכע נויטנ, קעדיי מיט דעמ גופע נאָכ מער צוציענ די קאָלווירטניקעס אונ די ניטקאָלווירטניקעס צו דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, נאָכ מער פאַרפעסטיקנ אונ אנטוויקלענ דעמ ארטעל, נאָכ מער באַהעפטנ דאָס קאָלווירטישע פויערטומ ארומ דער פּאַרטיי אונ דער ראַטנמאַכט.

די ראַטנ־רעגירונג, ווידער, האָט אנגענומענ א רײ מאָסמיטלענ, קעדיי וואָס גי־כער צו באַוואָרענענ מיט קי אלע קאָלווירטניקעס. די ראַטנ־רעגירונג העלפט די קאָלווירטניקעס, וואָס האָבנ ניט קיינ קי, צו באַקו־מענ א מיליאָנ קעלבלעכ. אינ פאַרלויפ פונ 1933 יאָר וועט מענ 228 טויזנט קעלבלעכ קויפנ בא די קאָלווירטישע פערמעס אונ בא די קאָלווירטנ, די איבעריקע צאָל — בא די קאָלווירטניקעס, וואָס האָבנ קי, אונ בא די אינדיווידואַלנ, בא וועמענ מע וועט פאָרויס קאָנטראַקטירנ קעלבלעכ. די קאָלווירטניקעס אונ אינ־דיווידואַלנ, וואָס פאַרקויפנ אונ האָדעווענ אויס די קעלבלעכ, באַקומענ א לגאָ־טע אינ דער פאָרמ פונ א 25־פּראָצענטיקנ ראַבאַט פונעמ יאָר־פּלאַנ פונ דער מילכ־אָפּליפערונג אונ א 20־פּראָצענטיקנ ראַבאַט פונעמ יאָר־פּלאַנ פונ דער פלייש־אָפּליפערונג. קויפנ די קעלבלעכ קאָנ מענ פאַר מעזומענ אָדער אויסצאָלנדיק ראַ־טעסווײַז ביז איינ יאָר אפנ כעשבנ פונ די אויסגעאַרבעטע טעג ארבעט. קעדיי צו פאַרלײַכטערנ דאָס קויפנ א קעלבל פאַר די, וואָס האָבנ ניט קיינ געלט גיט די מעלוכע געלט־קרעדיט דורכ שניטלעכ אינ די ראַמענ פונ

---

* באַשטימונג פונ פאָלקאָמערד פסטר פונ 15־טנ יונ 1933 יאָר.

העלפט דערפון, וואָס דאָס קעלבל קאָסט. פאַר דאָזיקן צוועק ווערט אויסגעטיילט 35 מיליאָן רובל מעלוכע-קרעדיט.

די קעלבלעך קויפן אײַן די קאָלווירט-פאַרוואַלטונגען, וואָס דאַרפן אומבאַדינגט צוציִען דערצו די קויפער — קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניציעס. דאָס רעכט אויף מעלוכע-הילף האָבן באַם קויפן אין דער ערשטער ריי די בעסטע קאָל-ווירטניקעס-שלאָגלער.*

אַזוי פילן אויס די ראַטנמאַכט און די פּאַרטיי די אויפגאַבע, וואָס כ. סטאַלין האָט אַרויסגערוקט: דערשלאָגן זיך, אַז יעדער קאָלווירטניק זאָל האָבן זײַן קו.

די בריגאַדע

ניט מיטאַמאָל האָבן די קאָלווירטניקעס געפונען, אויסגעאַרבעט די געהעריקע פאָרמען פון דער אינערלעכער אָרגאַניזירונג פון דער אַרטעל-ווירטשאַפט. איצט ווייס שוין די דאָזיקע פאָרמען יעדער קאָלווירטניק. מיר מיינען די בריגאַדע, די שטיקאַרבעט און דאָס צעטיילן די האַכנאָסעס לויט דער אַרבעט.

דעם בריגאַדישן אַרבעט-אויפן האָט אַרויסגערוקט די דערפאַרונג, ווי נאָר עס האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן גרעסערע קאָלווירטן. אויף אויספילן די אַרבעטן ווערן אַלע אַרבעטספייִקע מיטגלידער פון די קאָלווירטן אײַנגעטיילט אין בריגאַדעס. די בריגאַדע — דאָס איז דאָס גרונטיקע פּראָדוציר-קערפּער פון יעדן קאָלווירט. דער בריגאַדיר דאָס איז דער גרונטיקער, דער דירעקטער אָנפירער פון אַלע פּראָדוציר-אַרבעטן אין קאָלווירט.

עס האָט זיך אָבער גיך אַרויסגעוויזן, אַז די בריגאַדעס האָבן גרויסע כעסרוינעס. איינע און די זעלבע בריגאַדעס אַרבעטן אויף פאַרשיידענע באַצירקן, פילן אויס איין אַרבעט אין איין אָרט, אַ צווייטע — אין אַ צווייטן אָרט, אַ דריטע — אין אַ דריטן. אָפטמאָל ווערן די בריגאַדעס אין פאַרלויף פון די פרילינגדיקע אַרבעטן איבערגעוואָרפן פון איין אָרט אויף אַ צווייטן צו 5—10 מאָל אויף אַ סאַך קילאָמע-טער. דער אַרבעט-אינווענטאַר (די געצײַג, די מאַשינעס, דאָס פי) גייט איבער פון איין בריגאַדע צו אַ צווייטער, צו אַ דריטער אאַוו. דער באַשטאַנד פון דער בריגאַדע און פון די בריגאַדירן האַלט זיך אין איין בײַטן.

דער גרעסטער כיסאָרן פון אַזאַ סיסטעם באַשטייט אין דעם, וואָס די אַרבעט ווערט אַנאָנים, ד. ה. עס איז ניטאָ קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון באַשטימטע פּערזאָנען פאַר אַ באַשטימטער אַרבעט און פאַר אירע רעזולטאַטן. דערפון לײַדט די פּראָדוקציע, עס ווערט אַראָפּגעזעצט די אַרבעט-פּראָדוקטיוויטעט, עס פאַרקלע-נערט זיך די גערעטעניש, עס פאַרגרעסערן זיך די פאַרלוסטן אין דער פּראָדוקציע, עס פאַלן די האַכנאָסעס פונעם קאָלווירט און פונעם קאָלווירטניק.

די דאָזיקע אַלע פעלערן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר באַזונדערס ערנסט און שעדלעך אין די אַזוי גערופענע בריגאַדעס-הויפלעך. אַזעלכע בריגאַדעס ווערן אָרגאַניזירט ניט לויטן פּראָדוציר-סימען, נאָר לויטן טעריטאָריאַלן סימען. באַם

* באַשטימונג פון ראַטנפאָלקאָם פסטר און צק אַלקפ(ב) פון 14־טן אווגוסט 1933 יאָר.



אינ א קאָלווירטישער מילכ־סכוירעדיקער פערמע

צונויפשטעלנ די בריגאדע קוקט מענ ניט אפ דעמ, וויפל ארבעטער און פונ וואָס פאר א קוואליפיקאציע מע דארפ אפ אויספילנ אזא און אזא פראָדוציר־ארבעט, נאָר מע רעכנט ארײַנ אינ דער בריגאדע אלע קאָלווירטניקעס, וואָס וווינענ אינ אזא און אזא יִישעװ, אָדער אינ אזא און אזא קווארטאל. בא אזא אָרגאניזירונג איז דער ארבעטער־באשטאנד אינ דער בריגאדע א צופעליקער, וואָס טויג ניט אינ א באדײַטנדיקער מאָס אפ אויספילנ די פראָדוציר־אויפגעבונג. אינ איינ בריגאדע באקומט זיכ אנ איבערפלוס פונ ארבעטער פונ א באשטימטער קוואליפיקאציע, און אינ דער צווייטער — א מאנגל פונ די דאָזיקע ארבעטער; די פראָדוציר־מיטלענ ווערנ פאנאנדערגעטיילט לויט די בריגאדעס ניט ריכטיק אאַוו.

שטיצנדיק זיכ אפ דער דערפארונג פונ די בעסטע ארטעלנ, האָט טאקע דער צענטראל־קאָמיטעט פונ דער פארטיי אינ דער אונדז שוינ באוווסטער באשטימונג פונ 4־טנ פעווראל 1932 יאָר געגעבנ אָנווײַזונגענ וועגנ איבערבויענ די בריגאדעס. דער טאָכ פונ דער דאָזיקער אָנווײַזונג איז אזאַ.

די בריגאדעס ווערנ אָרגאניזירט מיט א שטענדיקנ באשטאנד לויט פראָדוצירסימענ.* פאר יעדער בריגאדע אזא ווערט אויסגעטיילט א באשטימטער ערד־בײַלעק. יעדע בריגאדע פילט אויס אפ דעמ דאָזיקנ ערד־בײַלעק אלע לאנדווירטשאפטלעכע גרונט־ארבעטנ אינ פארלויפ פונעמ גאנצנ יאָר. פאר די בריגאדעס ווערנ אויסגעטיילט אפ דער צײַט פונ זייער ארבעט די נייטיקע געצײַג, מאשינעס, דאָס ארבעטפי. די בריגאדעס זײַנענ אינגאנצנ פאראנטוואָרטלעכ פאר דעמ אינווענטאר און פי, וואָס מע האָט זיי אויסגעטיילט. דאָס געצאָלט פאר דער ארבעט פונ דער בריגאדע ווערט געהעכערט אָדער אראָפגעזעצט, אָפהענגיק פונ די רעזולטאטנ פונ איר ארבעט.

א באזונדער אויפמערקזאמקײַט דארפ געווענדט ווערנ אפנ אָפקלײַב פונ די בריגאדירנ, אפ באזײַטיקנ די פליסעוודיקײַט פונ זייער באשטאנד און אפ העלפנ זיי ווירקלעכ צו העכערנ זייער ווירט־

* פארשטייט זיכ, אז עס ווערט גענומענ אינ אכט דעמ קאָלווירטניקס וווינאָרט.

שאפטלעכע און פאליטישע קוואליפיקאציע. פאר דער ארבעט פונ די בריגאדירנ דארפ מענ אויכ אָפצאָלנ אָפהענגיק פונ די ענדגילטיקע רעזולטאטנ פונ דער ארבעט פונ דער בריגאדע.

עס איז קלאָר, אז די האָזיקע אָנווייזונג און איר פראקטישע פארווירקלעכונג דערלאנגט אנ אנטשיידענעמ קלאפ, א טויטקלאפ דער אנאָנימקע און דער אומווירטשאפטלעכקייט אינ די בריגאדעס און הייבט אופ אינ א קאָלאסאלער מאָס די דירעקטע מאטעריעלע פארינטערעסירטקייט פונ יעדנ קאָלווירטניק אינ די רעזולטאטנ פונ זיינ ארבעט.

פאר יעדנ ערד־ביילעק און פאר דער גערעטעניש אפנ ערד־ביילעק איז אינגאנצנ פאראנטוואָרטלעכ דער געגעבענער קאָלעקטיוו — אזא און אזא בריגאדע. פאר יעדער גרופע פראָדוציר־מיטלענ, וואָס זיינענ נייטיק פאר דער ארבעט אפ דעמ געגעבענעמ ערד־ביילעק, איז אינגאנצנ פאראנטוואָרטלעכ די זעלבע בריגאדע, און אינעווייניק אינ איר זיינענ פאראנטוואָרטלעכ די איינצלנע מיטגלידער. פאר יעדנ פונ זיי ווערט פארפעסטיקט דער אָדער יענער אינווענטאר.

דער ענדגילטיקער רעזולטאט פונ דער ארבעט פונ יעדער בריגאדע איז אינגאנצנ אָפהענגיק פונ דעמ, מיט וואָס פאר א געוויסנהאפטיקייט, פלייסיקייט, מיט וואָס פאר א קענטעניש און געניטקייט די בריגאדע האָט געארבעט אפ איר ערד־ביילעק די גאנצע צייט, אָנהייבנדיק פונעמ אקערנ און ענדיקנדיק מיטנ אראָפנעמענ, מיט וואָס פאר א זאָרגזאמקייט די בריגאדע האָט צוגעגרייט די מאשינעס און דאָס ארבעטס־פי, מיט וואָס פאר א זאָרגעוודיקייט זי האָט רעמאָנטירט די מאשינעס און אופגעפאסט אפנ פי. פונ דעמ אלעמענ איז פולשטענדיק אָפהענגיק דאָס געצאָלט פאר דער ארבעט פונ דער בריגאדע און פונעמ בריגאדיר — די גרייס פונעמ ביילעק האכנאָסע, וואָס זיי באקומענ פונעמ קאָלווירט.

עס איז קלאָר, אז וויפל עס העכערנ זיכ אינ די האָזיקע באדינגונגענ די פאראנטוואָרטלעכקייט, די ראָליע און איינפלוס פונעמ בריגאדיר. קעדיי קלאָר צו מאכנ די ראָליע פונעמ בריגאדיר, וועלנ מיר געבנ א וואָרט איינעמ פונ די בעסטע אָנפירער פונ די בריגאדעס — הער כ־טע דאריא דאווידאָווא פונעמ קאָלווירט „טרוד”, ראמענסקער ראיאָנ, מאָסקווער געגנט:

„מע קאָנ זיינ א שלאָגלער, מיר האָבנ ניט ווייניק אזוינע. און דאָס איז סאָפקאָלסאָפ גאָרניט אזוי שווער. אָבער שטענדיק זיינ פאָרויס, אריבערשטייגנ די נאָרמעס, מיטנ פערזענלעכנ ביישפיל מיטציִענ די בריגאדע נאָכ זיכ און אינ דער זעלבער צייט קעסיידער אפ יעדנ שריט ארומקוקנ זיכ אפ צוריק, האָבנ אינ אויג אלעמענ, וואָס גייענ נאָכ דיר, קאָנטראָלירנ, ריכטנ, אויסבעסערנ — אָט דאָס הייסט זיינ א בריגאדיר!”

דער בריגאדיר — דער אָנפירער פונ דער בריגאדע — איז אינ דער ערשטער ריי פאראנטוואָרטלעכ פאר איר ארבעט. דעמ בריגאדירס אלע פאָראָרדענונגענ וועגנ דער ארבעט מוזנ די בריגאדע־מיטגלידער אומבאדינגט אויספילנ.

אינ איינציקע קאָלווירטנ נוצט מענ אויס ניט ריכטיק די אָנווייזונג וועגנ די שטענדיקע בריגאַדעס. למשל, אינ ליוונער ראַיאָנ פונ דער צענטראַלער שוואַרצ-ערדישער געגנט האָבנ א סאַכ פאַרוואַלטונגענ אינ האַרבסט 1932 יאָר, ווענ עס האָבנ זיכ געענדיקט די פעלד-אַרבעטנ, פאַנאַנדערגעלאָזנ די בריגאַדעס. די אָנפירער האָבנ געזאָגט: „די בריגאַדעס האָבנ מער ניט וואָס צו טאָנ, אונ צום פרילינג וועלנ מיר שאַפנ נייע".

דאָס איז ניט ריכטיק אונ שעדלעכ צוליב א סאַכ סיבעס. ווענ מע בייט יעדנ יאָר דעמ בריגאַדע-באַשטאַנד, גייט אַריבער דאָס אַראָפּנעמענ די ווינטער-קולטורנ, וואָס איינ בריגאַדע האָט פאַרזייט, צו אַנ אַנדער בריגאַדע, דאָס פאַרזייענ די פריר-ערד, וואָס איינ בריגאַדע האָט אויפגעאַקערט, וועט אַריבערגיינ צו א צווייטער, עס וועט אויכ אַריבערגיינ דער אינווענטאַר אאַז. דאָס עפנט די טירנ פאַר דער אַנאָנימקע אונ אומווירטשאַפטלעכקייט אונ פאַרקלענערט די פאַרינטערעסירטקייט פונ די אַרבעטער אינ די רעזולטאַטנ פונ זייער אַרבעט. אַנשטאָט דעמ, אַז די בריגאַדע זאָל נאָכ ווינטער זיכ אָנהייבנ גרייטנ צו די פעלד-אַרבעטנ פונ קומענדיקנ יאָר, ווערט די צוגרייטונג אַריבערגעטראָגנ אויפ פרילינג. עס ווערט צעשטערט די צונויפגעפאַסטקייט, די צונויפגעאַרבעטקייט צווישנ די בריגאַדע-מיטגלידער, צווישנ דער בריגאַדע אונ דעמ בריגאַדיר אאַז.

אָט פאַרוואָס די ראַטנ-רעגירונג האָט אינ צוזאַמענהאַנג מיט איינפירנ די פאַרזיי-פאַרקערנ אינ די קאָלווירטנ אויפגעשטעלט פאַר א קלאַל צו פאַרפעסטיקנ די באַצירקנ אינ די פעלדער פונעמ פאַרזיי-פאַרקער פאַר די שטענדיקע בריגאַדעס אויפנ גאַנצנ טערמינ פונעמ פאַרזייפאַרקער, ד. ה. אויפ 4 — 8 יאָר (אָפּהענגיק דערפונ, וואָס פאַר א פאַרזיי-פאַרקער עס איז איינגעשטעלט אינעמ געגעבענעמ קאָלווירט).*

שטיק-אַרבעט

די שטיקאַרבעט-סיסטעמ איז אויכ אויסגעוואַקסנ פונ דער דערפאַרונג פונ די פאָרגעשריטענע קאָלווירטנ. אינ קאַמפ קעגנ די לאָדערס, קעגנ די ליבהאָבער צו וואַרעמענ זיכ אויפ דער זונ אויפנ כעזשבנ פונ דער אַרבעט פונ אַנדערע, זוכנדיק דעמ בעסטנ אויפנ, וויאַזוי מע קאָנ דירעקט פאַרינטערעסירנ אינ די רעזולטאַטנ פונ דער אַרבעט יעדנ קאָלווירטניק, זיינענ די קאָלווירטנ געקומענ צו דער ש ט י ק-א ר ב ע ט.

ביי שטיקאַרבעט איז דאָס אויסצאָלנ פאַר דער אַרבעט אינ טעג-אַרבעט דירעקט אָפּהענגיק פונ דעמ סכומ אונ קוואַליטעט פונ דער אַרבעט, וואָס די בריגאַדע, גרופּע אָדער קאָלווירטניק האָבנ געמאַכט. אָבער די שטיקאַרבעט איז ניט בלויז א געוויסער אויפנ פונ באַצאָלנ פאַר דער אַרבעט, נאָר אויכ א מיטל צו אָ ר ג א נ י ז י ר נ די אַרבעט. ביי שטיקאַרבעט אָרגאַניזירנ זיכ די אַרבעטער אינ גרופּעס, בריגאַדעס אונ רינגענ איינווייניק אינ די בריגאַדעס, אָדער די אַרבעט ווערט צעטיילט צווישנ די איינצלנע מיטגלידער פונעמ קאָלעקטיוו. דערביי איז די בריגאַדע, גרופּע, דער קאָלווירטניק אינגאַנצנ פאַראַנטוואָרטלעכ פאַרנ סכומ אונ קוואַליטעט פונ דער אַרבעט, וואָס מע האָט זיי געגעבנ מאַכנ.

---

* באַשטימונג פונ ראַטנפאָלקאָמ פססר אונ צק אלקפ(ב) פונ 30-טנ יאַנוואַר 1933 יאָר.

אזויארומ איז די שטיקארבעט א צווייט גוואלדיק וויכטיק מיטל פונ קאמפ קעגנ דער אנאנימקע אונ קעגנ דער אומווירטשאפטלעכקײט. די קאלאסאלע באדײטונג פונ דער שטיקארבעט באשטײט אויכ אינ דעמ, וואס זי באזײטיקט די אויסגלײכערײ, ד. ה. דעמ גלײכנ געצאלט פאר אנ ארבעט, וואס איז אויסגעפילט געווארנ אינ א געוויסער צײט אומאפהענגיק פונ דעמ סכומ אינ קוואליטעט פונ דער ארבעט. די שטיקארבעט הייבט שטארק אופ דעמ קאלווירטניקס דירעקטע פארינטערעסירטקײט אינ די רעזולטאטנ פונ זײנ ארבעט אונ איז אײנס פונ די באמע ווירקלעכע מיטלענ פונ קאמפ אפ פארפעסטיקנ די ארבעטדיסציפלינ אונ אפ העכערנ די ארבעט־פראדוקטיווקײט.

עס איז קײנ וווּנדער ניט, וואס דער באלעגופ, דעמ באלעבאס נאכטאנצער, דער לאדער אגיטירנ קעגנ שטיקארבעט, פאר פרײער ארבעט „לויטנ אײגענעמ פארלאנג“.

די קאמוניסטישע פארטײ אונ די ראטנמאכט רעקאמענדירנ פעסט אינ זײערע באשטימונגענ צו אײנפירנ די שטיקארבעט אינ אלע ארבעטנ פונ די קאלווירטנ, אפשאצנדיק די ארבעט אינ טעג־ארבעט.

דערבײַ האבנ אנ אויסערסטוויכטיקע באדײטונג דער געהעריקער דיסקאנט אינ דאס ריכטיקע אײנשטעלנ די אויסארבעטונג־נארמעס. מע דארפ קאנטראלירנ, וויאזוי יעדערער פילט אויס די שטיקארבעט, מע דארפ יעדע ארבעט אופנעמענ ווענ זי ווערט געענדיקט, אפשאצנ זי אינ טעג־ארבעט לויט באשטימטע אויסארבעטונג־נארמעס. עס איז קלאר, אז אנ א פינקטלעכנ רעכטצײטיקנ דיסקאנט אונ ניט אײנשטעלנדיק קײנ אויסארבעטונג־נארמעס איז דאס אוממעגלעכ צו טאנ. דער בריגאדיר דארפ פירנ דעמ דיסקאנט, אופנעמענ די ארבעט, אפשאצנ זי אינ טעג־ארבעט אונ רעגולער פארשרײַבנ די אפשאצונג בא יעדנ קאלווירטניק אינ ביכל.

דער פאלקס־קאמיסאריאט פאר ערדארבעט פונ פארבאנד האט אײנגעשטעלט אפ 1933 יאר אומגעפערע אויסארבעטונג־נארמעס, וואס זײנענ צוטריטלעכ פארנ דורכשניטלעכנ קאלווירטניק.* בא די דאזיקע נארמעס דארפ מענ זיכ נאכהאלטנ. אינ יעדנ קאלווירט דארפ די פארוואלטונג פעסט אײנשטעלנ די אויסארבעטונג־נארמעס אונ צושטעלנ זײ אפ דער באשטעטיקונג פונ דער אלגעמײנער פארזאמלונג. דערבײַ קאנ מענ די אומגעפערע נארמעס א ביסל ענדערנ אינ העסקעמ מיט די באזונדערקײטנ פונעמ געגעבענעמ קאלווירט, פונ דעמ באדנ, אינ העסקעמ מיטנ צושטאנד פונ דער שלעפקראפט, פונ די מאשינעס, פונ די טוועס אאוו. אויב דער קאלווירטניק שטײגט איבער די דאזיקע פעסט־אײנגעשטעלטע נארמעס, ווערט געהעכערט די צאל טעג־ארבעט, וואס עס קומט דעמ קאלווירטניק, אונ אויב ער האט אויסגעפילט ניט אינגאנצנ — ווערט די צאל אראפגעזעצט.

אבער אויכ בא שטיקארבעט קאנ די אויסגלײַכערײַ ארײַנדרינגענ אינ די קאלווירטנ. דאס קומט פאר אינ די פאלנ, ווענ די טעג־ארבעט וואס די בריגאדע האט אויסגעארבעט, ווערנ פאנאנדערגעטײלט אינעווײניק אינ די בריגאדע אפ אנ אויסגלײַכערישנ אופנ, אומאפהענגיק פונ יעדערנס ארבעט.

---

* באשטימונג פונ 28־טנ פעוורואל 1933 יאר.

קעגנ דער אינערלעכ־בריגאדישער אויסגלײַכערײַ דארפ די בריגאדע קעמפנ אפ אזא אויפנ.

מע דארפ אײַנשטעלנ א געהעכערטע טאריפיקאציע אינ טעג־ארבעט פאר די וויכטיקערע, פירנדיקע ארבעטער. מע דארפ אײַנפירנ א וואס מער פינקטלעכנ דיסקאנט אונ קאנטראל איבער דער ארבעט פונ יעדנ בריגאדע־מיטגליד אונ פאר מער געוויסנהאפטע פלײַסיקע ארבעטער באשטימענ מיט דער באשטעטיקונג פונ דער פארוואלטונג א געהעכערטע טאריפיקאציע אינ טעג־ארבעט. אינ אזא פאל וועלנ די גרונטיקע פאר־געשריטענע ארבעטער פונ דער בריגאדע פירנ נאכ זיכ די גאנצע בריגאדע אונ די פראדוקטיווקײַט פונ איר ארבעט אינגאנצנ גענומענ וועט זיכ העכערנ.

די פארוואלטונג פונ יעדנ קאלווירט דארפ באזונדער אויסטײלנ די וויכטיקסטע, די פירנדיקע פראדוציר־ארבעטנ אונ אײַנשטעלנ אפ זיי געהעכערטע טאריפנ אינ טעג־ארבעט. בלויז אפ אזא אויפנ קאנ מענ זיכ דערשלאגנ, אז די דאזיקע הויפטארבעטנ זאלנ שטענדיק זײַנ באווארנט מיט ארבעטקראפט אונ אז אינווייניק אינ קאלווירט זאל אופהערנ די פליסעוודיקײַט, דאס אריבערפליענ פונ איינ ארבעט אפ א צווייטער מיטנ צוועק צו געפינענ א לײַכטנ פארדינסט.

אָבער די פארטיי ווארנט קעגנ צופיל פארקאמפליצירנ די פארמענ שטיקארבעט, למשל, קעגנ אײַנפירנ אינ די קאלווירטנ פראגרעסיווע שטיקארבעט. בא אזא שטיקארבעט ווערט אײַנגעשטעלט א ביסלעכווײַז שטײַגנדיקער ארבעטלוינ, דערבײַ ווערט דער גראד אופשטײַג באשטימט אינ שטרענגנ אונ פינקטלעכנ העסקעמ מיטנ גראד אופשטײַג פונ דער ארבעט־פראדוקטיווקײַט. דאס פאדערט זייער א פינקטלעכנ אונ קאמפליצירטנ דיסקאנט פונ דער ארבעט־פראדוקטיווקײַט, וואס איז אוממעגלעכ אינ די קאלווירטנ אונ איז ביכלאל שווער אינ דער לאנדווירטשאפט אפ איר איצטיקנ אנטוויקלונג־ניווא. די פארטיי ווארנט אויכ קעגנ יאגנ זיכ נאכ אינדיווידועלער שטיקארבעט בא יענע ארבעטנ, וו דאס ווערט ניט ארויסגערופנ צוליב די באדינגונגענ פונ דער ארבעט, — למשל, באמ אקערנ, באמ דרעשנ.*

די שטיקארבעט איז פארשפרייט געווארנ אינ דער איבערוועגנדיקער מערהײַט קאלווירטנ, אָבער אינ א סאכ קאלווירטנ, באזונדערס אינ די פיצוכט־צווײַגנ, איז נאכ די שטיקארבעט פאקטיש ניט אײַנגעפירט געווארנ. ניט זעלטנ באקומט זיכ פאקטיש אנ אויסגלײַכערײַ אונטער דער מאסקע פונ פארמעל דורכגעפירטער שטיקארבעט (אינ דער בריגאדע). דעריבער דארפנ אלע פארטיייִשע אונ קאלווירטישע ארגאניזאציעס ענערגיש קעמפנ פאר דער ווײַטערדיקער אײַנגלידערונג פונ דער שטיקארבעט, האלטנדיק זיכ בא פאלגנדיקער אנווײַזונג פונעמ ראט פונ די פאלקס־קאמיסארנ אונ פונעמ צענטראל־קאמיטעט פונ דער פארטיי:

„די ארבעט־ארגאניזירונג אינ די קאלווירטנ דארפ באווארענענ נאכ אינ א גרעסערער מאס, איידער דאס איז געווענ, די דירעקטע פאר־ינטערעסירטקײַט סײַ פונ יעדער בריגאדע אונ סײַ פונ די באזונדערע קאלווירטניקעס אינ דעמ רעזולטאט פונ זייער ארבעט. אינ

---

* באשטימונג פונ צק אלקפ(ב) פונ 4 פעווראל 1932 יאר.

העסקעמ מיט דעמ דארפ באוואָרנט ווערנ, אז אומעטום אינ אלע קאָלווירטנ זאָלנ דורכגעפירט ווערנ די בריגאַדישע (גרופּאַווע) מעטאָדנ פונ שטיקארבעט, קעדיי, אפּהענגיק פונ דער קוואליטעט פונ דער ארבעט פונ דער בריגאַדע (די גרייס פונ די פארלוסטנ, די טערמינענ פונעמ שניט, פונ דרעשנ אונ ארויספירנ דאָס ברויט אונ די טעכנישע קולטורנ), זאָל די קאָלווירט־פארוואלטונג העכערנ אָדער אראָפּזעצנ אינ די ראמענ פונ 10 ביז 20 פראָצ. די אָפּשאצונג פונעמ ווערט פונעמ טאָג־ארבעט (אָדער די צאָל אויסגעארבעטע טעג־ארבעט) פאר דער בריגאַדע אונ פארנ בריגאַדיר".*

בלויז די ארבעט־אָרגאַניזירונג אפ דער באזע פונ שטיקארבעט, באמ פינקטלעכנ דיסקאָנטירנ דעמ סכומ אונ קוואליטעט פונ דער אָפּגעטאָנענער ארבעט, באמ אָפּשאצנ די ארבעט אינ טעג ארבעט אונ פארצייכענענ אינ דעמ ארבעט־ביכל פונ יעדנ קאָלווירטניק, באמ פינקטלעכנ דיסקאָנטירנ אלע ארויסגעבונגענ אונ אלע האכנאָסעס אינ קאָלווירט — בלויז אזא ארבעט־אָרגאַניזירונג איז פייִק איינצושטעלנ די נייטיקע ארבעט־דיסציפּלינ אינ די קאָלווירטנ, שאפנ א דירעקטע מאטעריעלע פארינטערעסירטקייט פונ יעדנ קאָלווירטניק אינ די רעזולטאטנ פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט, הויכ אויפהייבנ די ארבעט־פּראָדוקטיווקייט אונ די האכנאָסעדיקייט פונ יעדנ קאָלווירט.

די פאנאנדערטיילונג פונ די האכנאָסעס לויט דער ארבעט

פונ דער ארבעט־אָרגאַניזירונג טאָר מענ אינ קיינ פאל ניט אָפּרייסנ די אָרגאַניזירונג פונ דער פארטיילונג. א ריכטיקע אָרגאַניזירונג פונ דער פאנאנדערטיילונג העכערט די ארבעט־פּראָדוקטיווקייט, פארגרעסערט די האכנאָסעדיקייט, פארפעסטיקט די קאָלווירטנ. פארקערט, א ניט־ריכטיקע פארטיילונג זעצט אראָפּ די ארבעט־פּראָדוקטיווקייט, צעטרייסלט די ארבעט־דיסציפּלינ אונ קאָנ אפילע ברענגענ צו דער צעפאלונג פונעמ קאָלווירט.

איינער פונ די וויכטיקסטע אונ סאמע שעדלעכע פעלערנ אינ דער ארבעט פונ די קאָלווירטנ איז געווענ די אויסגלייכערישע פארטיילונג פונ די קאָלווירטישע האכנאָסעס „לויט די נעפּאשעס", „לויט די עסערס", אונ ניט לויטנ סכומ אונ קוואליטעט פונעמ קאָלווירטניקס ארבעט. דעמ דאָזיקנ פעלער האָט פארצייכנט דער 6־טער אלפארבאנדישער ראטנ־צוזאמענפאָר (אינ מארט 1931 יאָר). אינ דער רעזאָלוציע פונעמ צוזאמענפאָר ווערט געזאָגט, אז אזא פאנאנדערטיילונג

„האָט אינ אלע פאלנ געבראכט מיט זיכ דאָס אונטערייסנ די מאטעריעלע פארינטערעסירטקייט פונעמ קאָלווירטניק אינ די רעזולטאטנ פונ דער קאָלווירטישער פּראָדוקציע, א שארפע אראָפּזעצונג פונ דער ארבעט־פּראָדוקטיווקייט, א פארקלענערונג פונ דער

* באשטימונג פונ ראטנפאָלקאָמ פססר אונ צק אלקפּ(ב) פונ 5־טנ יונ 1932 יאָר.

צאָל קאָלווירטניקעס, וואָס זײַנענ אַרויס צו דער אַרבעט אונ אינ סאַכאַקל — אַ פאַרקלענערונג פונ דער האַכנאָסע פונ די קאָלווירטנ".

עס איז קײנ װוּנדער ניט, וואָס פאַר דער אויסגלײַכערײַ אינ דער פאַרטײלונג קעמפנ שטאַרק די באַלעגופימ, די באַלעגופישע נאָכטענצער, די לאָדערס אונ זײער גלײַכנ.

די פאָרגעשריטענע קאָלווירטנ, די ראַטנמאַכט, די קאָמוניסטישע פאַרטײ האָבנ אַנטשײדנ אָפּגעוואָרפנ די „אויסגלײַכערײַ". אינ דער באַשטימונג פונעמ 6־טנ אַל־פאַרבאַנדישנ ראַטנ־צוזאַמענפאָר ווערט געזאָגט:

„דאָס פאַנאַנדערטײלנ די קאָלווירטישע האַכנאָסעס לויטנ פּרינציפּ „ווער עס אַרבעט מער אונ בעסער, דער באַקומט מער, ווער עס אַרבעט ניט, דער באַקומט גאָרניט, — דאַרפ ווערנ אַ קלאַל פאַר אַלע קאָלווירטניקעס אונ קאָלווירטנ".

אינ דער אויבנ דערמאָנטער באַשטימונג פונ 5־טנ יולי 1932 יאָר שטרײַכנ נאָכאַמאָל אונטער די פאַרטײ אונ די רעגירונג:

„דעמ נאַטוראַלנ טײל פונ די האַכנאָסעס אינ די קאָלווירטנ דאַרפ מענ אַרויסגעבנ פּינקטלעכ אינ הסכּמ מיט דער צאָל טעג־אַרבעט, וואָס יעדער קאָלווירטניק האָט אויסגעאַרבעט. באַמ פאַנאַנדערטײלנ דעמ פוראַזש דאַרפ מענ נעמענ אינ אַכט, וויפל פי זײַנענ פאַראַנ באַמ קאָלווירטניק אַזוי, אַז די קאָלווירטניקעס, וואָס באַקומענ ניט קײנ פוראַזש אָדער די, וואָס באַקומענ ווייניקער פוראַזש, זאָלנ אַלס קאָמפּענסאַציע דערפאַר באַקומענ אַנדערע מינימ נאַטוראַלע פּראָדוקציע, ניט אַרויסגײענדיק אָבער פונ די ראַמענ פונ דער גרייס פונ די נאַטוראַלע אַרויסגעבונגענ פאַר אַ טאָג־אַרבעט, וואָס איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ אינ דעמ געגעבענעמ קאָלווירט".

די פאַרטײלונג לויט דער אַרבעט ווערט דורכגעפירט איצט אינ דער מערהײט קאָלווירטנ. דאָס איז אַ קאָלאָסאַלע דערגרײכונג, וואָס באַצײכנט מיט זיכ דעמ ניצאָכנ פונ דעמ סאָציאַליסטישנ פאַרטײלונג־פּרינציפּ אינ די קאָלווירטנ. אָבער די קלײנבירגערלעכע אויסגלײַכערײַ שמוגלט זיכ דאָכ אַרײַנ אָפ פאַרשײדענע װעגנ אינ די קאָלווירטנ. דער גרונט־קאַנאַל פאַר איר איז דאָס ניט ריכטיקע אַרויסגעבנ אַוואַנסנ.

די פאַרוואַלטונגענ פונ די קאָלווירטנ האַלטנ אָפט, אַז אויב די האַכנאָסעס דאַרפנ ביכלאַל פאַנאַנדערגעטײלט ווערנ לויט די טעג־אַרבעט, איז עס פאַר אַרויסגעבנ אַוואַנסנ ניט אָבליגאַטאָריש. אונ זײ גיבנ אַרויס אַוואַנסנ אָפ אַנ אויסגלײַכערישנ אופנ אָדער נאָכ ערגער: אינ אײניקע פאַלנ — „לויט דער נויטבאַדערפטיקײט, לויט דער באַדערפעניש", אינ אַנדערע פאַלנ — „לויטנ אײַנזעענ", אינ דריטע — „לויט דער סקאַנדאַליעזקײט" פונ דעמ, וואָס נײטיקט זיכ אאַז.

אַזאַ אַרויסגעבנ אַוואַנסנ ברענגט דערצו, אַז ניט זעלטנ װײַזט זיכ אַרויס, אַז דער גרעסטער טײל האַכנאָסעס, צומאָל אַפילע אַלע האַכנאָסעס, זײַנענ שוינ פאַנאַנדערגעטײלט אינ סײדער פונ אַוואַנסירונג. דערבײַ באַקומענ די לאָדערס מער,

איידער זיי האָבנ ווירקלעכ אויסגעאַרבעט און די געווינסנהאַפטע קאָלווירטניקעס וויניקער.

א צווייטער קאַנאַל, וואָס דורכ אימ דרינגט אַרײַנ די אויסגלײַכערײַ, איז די ניט ריכטיקע אָרגאַניזירונג פונ דער געזעלשאַפטלעכער דערנערונג. געזעלשאַפטלעכע דערנערונג באַקומענ אָפטמאָל אויכ די, וואָס אַרבעטנ גאָרניט, און אַפילע פערזאָנענ, וואָס האָבנ ניט קיינ שייכעס צומ קאָלווירט. אינ סיידער פונ געזעלשאַפטלעכער דערנערונג פלעגט מענ אַרויסגעבנ, לעמאָשל, צו איינ קילאָגראַמ און מער געבאַקטע ברויט אַפ א מענטשנ, אומאָפהענגיק פונ דער אַרבעט. אינ א סאַכ קאָלווירטנ פלעגנ באַזונדערע פאַמיליעס באַקומענ אַזויאַרומ ביז 5 קילאָגראַמ א טאָג, און עס פלעגט זיכ אַרויסווײַזנ, אַז העכער א העלפט אויסגעדראָשענע טווּע איז פאַנאַנדערגעטיילט אַפ אַזאַ אויפנ.

די אָנפירונג מיט דער פאַרטיילונג פונ די האַכנאָסעס אינ די קאָלווירטנ איז אַפ יעדנ טריט און שריט ניט קיינ גענוגנדיקע און א ביוראָקראַטישע. אינ פאַרלויפ פונעמ יאָר פאַרנעמט מענ זיכ ניט מיט די פראַגנ פונ דער האַכנאָסע־פאַרטיילונג, און מע דערמאָנט זיכ וועגנ דעמ ערשט צומ סאָפ יאָר. די קאָל־ווירטניקעס ווייסנ אָפטמאָל ניט, פאַרוואָס זיי האָבנ באַקומענ אַזויפיל און אַזויפיל, וויפל דאַרפנ זיי נאָכ באַקומענ און ווענ וועלנ זיי נאָכ באַקומענ. ניט זעלטנ פאַר־ציִענ די קאָלווירט־פאַרוואַלטונגענ די פאַרטיילונג אַפילע נאָכדעמ, ווי אַלע כעזש־בוינעס זײַנענ שוינ געמאַכט געוואָרנ און די האַכנאָסעס זײַנענ פעסטגעשטעלט געוואָרנ.

די דאָזיקע אַלע פעלערנ אינ דער צעטיילונג פונ די קאָלווירטישע האַכנאָסעס דאַרפ מענ אַנטשיידנ אויסוואָרצלענ.

אוואַנסירנ דאַרפ מענ אויסשליסלעכ לויט דער צאָל אויסגעאַר־בעטע טעג־אַרבעט. דערבײַ טאָר מענ ניט פאַרהאַלטנ די אוואַנסירונג ביז סאָפ דרעשנ און ביזוואַנענ מע וועט אינגאַנצנ אויספילנ די קערנער־אָפליפערונגענ דער מעלוכע. דאָס אָפליפערנ דער מעלוכע איז די ערשטע פליכט פונ די קאָלווירטנ און זי דאַרפ אויסגעפילט ווערנ שוינ פונ דער ערשטער אויס־געדראָשענער טווּע. אָבער שוינ אינעמ גאַנג פונ דרעשנ און צוזאַמענ מיטנ אויספילנ דעמ פלאַנ פונ די קערנער־צושטעלונגענ, איז נייטיק אַרויסגעבנ אוואַנסנ אַפנ כעזשבנ פונ דעמ נאַטוראַלנ טייל האַכנאָסעס צו 10 — 15 פראָצ. פונ דער פאַקטיש־אויסגעדראָשענער טווּע, און נאָכנ ענדיקנ די קערנער־צושטעלונג און אָנשיטנ די זריִע,־סטראַכיר־און פוראַזש־פאָנדנ, דאַרפ מענ אַרויסגעבנ די קאָל־ווירטניקעס אָנ אָפהאַלט דעמ גאַנצנ איבעריקנ טייל דערנערונג־און פוראַזש־קערנער, וואָס זיי קומט. מע טאָר אויכ ניט פאַרהאַלטנ דאָס אַרויסגעבנ די געלט־האַכנאָסעס. דער גרונט־טייל זייערער דאַרפ אַרויסגעגעבנ ווערנ אינ סיידער פונ אוואַנסירונג לויט די טעג־אַרבעט. ענדגילטיק צעטיילנ די האַכנאָסעס דאַרפ מענ טייקעפ ווי עס ענדיקט זיכ דאָס יאָר.*

אינ אַלע קאָלווירטנ דאַרפ מענ זיכ דערשלאָגנ די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פונ דער אויסגלײַכערײַ, דערשלאָגנ זיכ א סאָ־ציאַליסטישע פאַרטיילונג פונ די האַכנאָסעס צווישנ

* באַשטימונג פונ ראַטפאָלקאָמ פססר און צק אלקפ(ב) פונ 5־טנ יולי 1932 יאָר.

די קאָלווירטניקעס אויסשליסלעכ לויט דער אַרבעט — לויטנ סכום אונ קוואַליטעט פונ דער אַרבעט, וואָס יעדער קאָלווירטניק האָט אַרײַנגעלייגט.

די שטאַנדהאַפטיקײַט פונעם קאָלווירטישנ ערד־באַנוצ

די ריכטיקע אָרגאַניזירונג פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט פאָדערט נאָכ איינ נייטיקנ באַדינג: א שטאַנדהאַפטיקנ קאָלווירטישנ ערד־באַנוצ.

עס איז באַוווּסט, וואָס פאַר א גרויס אומגליק עס איז געווענ בא דער דריבנער פויערשער ווירטשאַפט די אָפטע איבערפאַרטיילונגענ פונ דער ערד.

די קאָלעקטיוויזאַציע, וואָס האָט אַרומגעכאַפט אינ די גרונט־ראַיאָנענ פונ 80 ביז 90 פראָצ. פונ גאַנצנ פויערשנ פאַרזיי, האָט געשאַפנ די באַדינגונגענ אָפ אויסוואָרצלענ פולשטענדיק דעמ דאָזיקנ אומגליק.

דאָס פאַרייניקנ זיכ פונ די קליינע אונ גאָר קליינע ווירטשאַפטנ אינ א גרויסער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט האָט געגעבנ א מעגלעכקײַט דעמ קאָלווירטישנ פויערטומ צו מאַכנ אַנ שטענדיק א סאָפ צו דער צעפאַסעוועטקײַט, צו דער ערדווײַטקײַט, צו דער צעבראָקלטקײַט פונ די ערד־כאַלאָקימ, האָט געגעבנ א מעגלעכקײַט אָנצווענדנ אינ דער דאָזיקער ווירטשאַפט די גרויסע מאַשינ־טעכניק אינ אַלע דערגרייכונגענ פונ דער אַגראָנאָמישער וויסנשאַפט.

אָבער ביז דער לעצטער צײַט האָבנ זייער אָפט געטראָפנ פאַלנ, ווענ די אָרטיקע מאַכט האָט ווילקירלעכ געענדערט די גרענעצנ צווישנ די קאָלווירטנ דורכנ קאָנצענטרירנ זיי אָדער דעקאָנצענטרירנ, פאַלנ, ווענ מע האָט אָפגעשניטנ ערד פונ די קאָלווירטנ פאַר די ראַטווירטנ אונ מע האָט אויסגעטיילט ערד פאַר די קאָלווירטנ אינ א נײַעמ אָרט, פאַלנ, ווענ מע האָט די ערד איבערפאַרטיילט צווישנ די קאָלווירטנ, ווענ מע האָט אָפגעשניטנ קאָלווירטישע ערד אינ צוזאַמענהאַנג מיט דעמ, וואָס פונ קאָלווירט זײַנענ אַרויס איינציקע מיטגלידער. ניט זעלטנ פלעגט די קאָלווירטנ אויסקומענ פונדאָסנײַ דורכפירנ די ערד־אײַנאָרדענונג שיר ניט יעדנ פרילינג אונ יעדנ האַרבסט.

די ראַטנרעגירונג האָט גענומענ אינ אַכט דעמ דאָזיקנ אומשטאַנד אונ אינ איר געזעצ פונ 3־טנ סענטיאַבער 1932 יאָר האָט זי באַשטימט:

„אײַנהיטנדיק די אומבאַרירלעכקײַט פונעמ אייגנטומ פונ דער אַרבעטער־פויערשער מעלוכע אויפ דער ערד, פאַרפעסטיקנ פאַר יעדנ קאָלווירט די ערד, וואָס געפינט זיכ אינ זײַנ אַרבעט־באַנוצ אינ די איצטעקזיסטירנדיקע גרענעצנ, פאַרווערנדיק יעטווידער איבערפאַרטיילונג".

צוזאַמענ מיט דעמ האָט די רעגירונג פאַרווערט די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנענ יעטווידער מינ אָפשנײַדנ פונ דער ערד, וואָס געפינט זיכ אינ באַנוצ פונ די קאָלווירטנ, פאַר ראַטווירטנ אָדער פאַר אַנדערע קאָלווירטנ.

דער געזעצ באשטעטיקט איבער דעמ פונקט, וואָס איז פאראנ אינעמ סטאטוט פונעמ לאנדווירטשאפטלעכנ ארטעל, לויט וועלכנ די, וואָס גייענ ארויס פונ קאָל־ווירט, קאָנענ באקומענ ערד בלויז פונעמ פרייענ מעלוכע־פאָנד. דער געזעצ זאָגט:

„די גרענעצנ פונעמ ערדבאנוצ פונ די קאָלווירטנ קאָנענ ניט געענדערט ווערנ אינ צוזאמענהאנג מיט דעמ, וואָס איינצלנע מיטגלידער טרעטנ ארויס פונ די קאָלווירטנ“.

עס פארשטייט זיכ, אז דאָס פארפעסטיקנ די ערד פאר די קאָלווירטנ אונ דאָס פארווערנ איבערפארטיילונגענ באטייט ניט, אז קיינ שום ענדערונג פונ די גרענעצנ פונעמ קאָלווירטישנ ערדבאנוצ ווערנ אפ ווייטער אבסאָליוט ניט דערלאָזט. עס פארשטייט זיכ, אז עס בלייבט נאָכ די מעגלעכקייט פונ קאָלעריי שטרייטנ אונ פראגנ, וואָס זיינענ פארבונדנ מיטנ ערדבאנוצ פונ די קאָלווירטנ.

אפ לייזנ די דאָזיקע שטרייטנ אונ פראגנ ווערנ געשאפנ ראיאָנישע ערד־קאָמי־סיעס, אינ וועלכע עס באטייליקנ זיכ פאָרשטייער פונ די קאָלווירטנ. אזוינע קאָ־מיסיעס ווערנ אויכ געשאפנ אינ די געגנטלעכע, קאנטישע אונ רעפובליקאנישע צענ־טערס. באמ פאָלק־קאָמיסאריאט פאר ערדארבעט פונ ראטנפארבאנד ווערט געשאפנ די העכסטע ערד־קאָמיסיע אונטערנ פאָרזיצ פונעמ פאָלק־קאָמיסאר.

אינ די פאלנ פונ א ווירקלעכער נויטווענדיקייט, למשל, ווענ עס גיסנ זיכ צו־נויפ קאָלווירטנ, אָדער ווענ דער קאָלווירט ווערט פאנאנדערגעטיילט, ווערט דערלאָזנ צו ענדערנ די גרענעצנ פונעמ קאָלווירטישנ ערדבאנוצ, אָבער ניט אנדערש, ווי מיט דער האסקאָמע ניט ווייניקער פונ דריי פערטל מיט־גלידער פונ די קאָלווירטנ, וואָס גיסנ זיכ צונויפ אָדער וואָס ווערנ פאנאנדער־געטיילט, אונ אינ יעדנ פאל מיט א באשטעטיקונג פונ דער געגנטלעכער אָדער קאנ־טישער ערד־קאָמיסיע.

זייער וויכטיק איז דער פונקט פונעמ געזעצ, וואָס רעדט וועגנ קאָמפענ־סירנ די אויסגאבנ. אָט איז דער דאָזיקער פונקט:

„אינעמ פאל, ווענ אפנ גרונט פונ דער באשטימונג פונ דער ראיאָנער ערד־קאָמיסיע גיט איינ קאָלווירט איבער דעמ צווייטנ ערד, וואָס ער האָט פארבעסערט דורכ אויסקאָרטשעווענ, דורכ מעליאָראציע, דורכ אָנווענדנ באַ־מיסטיקונגענ אדג., איז דער קאָלווירט, וואָס האָט באקומענ די ערד אינ באנוצ, מכויעוו צו קאָמפענסירנ די געמאכטע אויסגאבנ“.

דער דאָזיקער ארטיקל פונעמ געזעצ דארפ באזייטיקנ בא די קאָלווירטניקעס די מינדסטע מוירע, אז די אויסגאבנ, וואָס זיי האָבנ אריינגעלייגט אינ דער ערד, קאָ־נענ גיינ פארלאָרנ אומזיסט אינעמ פאל, ווענ די ערד ווערט אויסגעטוישט: די דאָ־זיקע אויסגאבנ וועט אומקערנ דער קאָלווירט, וואָס צו אימ גייט די ערד אריבער.

דער דעקרעט וועגנ קאָלווירטישנ ערדבאנוצ איז איינע פונ די וויכטיקסטע בא־שטימונגענ פונ דער ראטנמאכט אונ פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי, וואָס זיינענ געצילט אפ פארפעסטיקנ ענדגילטיק די ניצכוינעס פונ דער קאָלווירטישער ערדאר־בעט אונ אפ העכערנ די גערעטנקייט פונ די קאָלווירטישע פעלדער.

עס איז נייטיק, אז אלע קאָלווירטניקעס זאָלנ וויסנ דעמ דאָזיקנ דעקרעט.

919—18

די מאַשינ־טראַקטערשע סטאַנציעס

קעדיי צו העלפן די קאָלווירטניקעס צו אָרגאַניזירן ריכטיק און אָנפירן מיט דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, קעדיי צו מאַכן צוטריטלעך פאַר די קאָלווירטן די העכסטע טעכניק, האָט די ראַטנ־מעלוכע געשאַפן באַזונדערע אַנשטאַלטן — מאַשינ־טראַקטערשע סטאַנציעס.

די ראַטנ־מעלוכע האַלט אויס די מאַשינ־טראַקטערשע סטאַנציע אפ איר כעזשבנ. זי האָט שוין אָרגאַניזירט (ביז יוני 1933 יאָר) צוויי טויזנט זעקס הונדערט פופציק מאַשינ־טראַקטערשע סטאַנציעס. זי האָט זיי געגעבן באַ 100 טויזנט טראַקטערס, 50 טויזנט קאָמפּליצירטע און האַלב־קאָמפּליצירטע דרעש־מאַשינעס, 20 טויזנט מאָטאָרן און לאָקאָמאָבילן, 10 טויזנט קאָמבײַנען, 8000 אויטאָמאָבילן און אַ גרויסע צאָל אַנדערע מאַשינעס און געצײַג. אפ רעמאָנטירן דעם טראַקטער־אינווענטאַר זײַנען געשאַפן געוואָרן באַ די סטאַנציעס 685 ספּעציעלע וואַרשטאַטן מיט דער בעסטער אויסשטאַטונג. אַכט טויזנט אַגראָנאָמען און מעכאַניקער אַרבעטן אפ די סטאַנציעס און העלפן די קאָלווירטן אוועקשטעלן זייער ווירטשאַפט.

דער אַלגעמיינער ווערט פונ די גרונטיקע פּראָדוציר־מיטלען פונ די מאַשינ־טראַקטערשע סטאַנציעס באַטרעפט באַ צוויי מיליאַרד רובל.

די דאָזיקע גאַנצע מעכטיקע טעכנישע קראַפט גיט די ראַטנ־מעלוכע די קאָלווירטן לויט זייער להאָטנע באַדינגונגען אפ באַאַרבעטן די קאָלווירטישע פעלדער, אפ אַראָפּנעמען די קאָלווירטישע גערעטעניש.

יעדער מאַשינ־טראַקטערשע סטאַנציע אַרבעט צוזאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע קאָלווירטן, אפן גרונט פונ אַ באַזונדער אָפּמאַך צווישן זיי (דעם מוסטער־אָפּמאַך, וואָס דער פאָלק־קאָמיסאַר פאַר ערד־אַרבעט פונ פאַרבאַנד האָט צונויפגעשטעלט און די רעגירונג האָט באַשטעטיקט דעם 5־טנ פעווראַל 1933 יאָר).

לויט דעם דאָזיקן אָפּמאַך פאַרפליכטעט זיך די מאַשינ־טראַקטערשע סטאַנציע דורכפירן מיט אירע מאַשינען און געצײַג, מיט דער הילף פונ אירע טעכניקער און אַגראָנאָמען אַלע גרונט־אַרבעטן אינ קאָלווירט, ווי באַאַרבעטן דעם באָדן, פאַרזייען, באַאַרבעטן די צווישנבייטן, אָפּשנײַדן און אויסדרעשן אינ דער מאָס, וואָס ווערט אײַנגעשטעלט לויט אַ ספּעציעלן אָפּמאַך צווישן דער סטאַנציע און דעם קאָלווירט.

די מאַשינ־טראַקטערשע סטאַנציעס פאַרפליכטן זיך, כוץ דעם, צו העלפן מיט אַלע מיטלען אָרגאַניזירן דעם קאָלווירט, אוועקשטעלן אינ אים די פּראָדוקציע, דורכפירן די אַגראָטעכנישע מאָסמיטלען, אוועקשטעלן דעם דיסקאָנט, די פאַנאַנדערטיילונג, צוגרייטן קאַדרען אאַ.

דער קאָלווירט, ווידער, פאַרפליכטעט זיך צו צושטעלן די נייטיקע אַרבעטקראַפט פאַר אַלע אַרבעטן, דערונטער אויך פאַר די טראַקטערס, זײַן גאַנצן אינווענטאַר אינ אַרבעטפערד, זריע, באַמיסטיקונג פונעם פאַרגעזעלשאַפטלעכטן פי און טיילווײַז פינעם פערזענלעכן פי פונ די קאָלווירטניקעס. דער קאָלווירט פאַרפליכטעט זיך דורכפירן אפ זײַנע פעלדער לויט דער אָנווײַזונג פונ דער סטאַנציע אַלע נייטיקע אַגראָנאָמישע קלאָלים און דעם זייפּאַרקער, וואָס די ראַיאָנע מאַכט האָט באַשטעטיקט.

אפ דעקן אַלע אירע אויסגאַבן באַקומט אינ נאַטור די סטאַנציע פונ די קאָלווירטן לויטן אָפּמאַך סאַכאַקל 20 פּראָצ. גערעטעניש פונ די קערנער־

קולטורנ, פונ די קערלעכ, בוימוואָל אונ לייג, 17 פראָצ. צוקער־בורעקעס אונ 16 פראָצ. קארטאָפל.

דאָס געצאָלט אינ נאטור אינ פראָצענטנ פונ דער גערעטעניש איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ מיטנ אָפשאפנ די געלט־סיסטעמ, קעדיי די מאשינ־טראקטערשע סטאנציע זאָל פונ איר זײַט זײַנ פארינטערעסירט אינ העכערנ די געראָטנקײַט פונ די קאָלווירטישע פעלדער אונ זאָל ארויסווײַזנ מער זאָרג וועגנ דער קוואליטעט פונ איר גאנצער ארבעט. וואָס בעסער עס וועט אײַנגעאקערט ווערנ די ערד, וואָס בעסער עס וועט געמאכט ווערנ דער פארזיי אאוו. אלצ מער ברויט וועט באקומענ דער קאָלווירט אונ אלצ מער ברויט וועט ארויסקומענ אָפנ בײַלעק פונ דער מאשינ־טראקטערשער סטאנציע פאר איר ארבעט.

אויב די סטאנציע פארשטענדיקט זיכ מיטנ קאָלווירט דורכפירנ גיט אלע גרונט־ארבעטנ, נאָר בלויז א טייל זייערנ, צאָלט דער קאָלווירט פאר יעדער ארבעט באזונדער אינ א געוויסנ פראָצענט גערעטעניש, וואָס ווערט אײַנגעשטעלט אינ אָפמאכ.

פאר די פעלד־ארבעטנ צאָלט אָפ דער קאָלווירט דער סטאנציע פונ די ערשטע פארטיעס אויסגעדראָשענע טווע, אונ פארנ דרעשנ — אינ דער מאָס, ווי עס גייט דאָס דרעשנ.

אלע האָכסטיקע פעלד־ארבעטנ מאכט די סטאנציע דעמ קאָלווירט אינ קרעדיט אונ באקומט געצאָלט פאר זיי ערשט פונ דער גערעטעניש פונ קומענדיקנ יאָר.

די מאשינ־טראקטערשע סטאנציע גיט אָפ א באריכט פונ איר ארבעט די קאָלווירט־פארוואלטונגענ אונ די אלגעמיינע פארזאמלונגענ פונ די קאָלווירטניקעס ניט ווייניקער ווי איינ מאָל אינ 3 כאָדאָשימ. קעדיי די סטאנציע זאָל זײַנ וואָס ענגער פארבונדנ מיט די קאָלווירטנ, וואָס זי באדינט, ווערט בא דער סטאנציע אָרגאניזירט א ראט פונ פארשטייער פונ די קאָלווירטנ.

פאר ברעכנ דעמ אָפמאכ איז דער שולדיקער צאָ׳ פאראנטוואָרטלעכ פאר דעמ צווייטנ צאד אונ דעקט די העזייקעס, וואָס ער האָט אימ געמאכט.

א באזונדערע באשטימונג פונ דער רעגירונג אונ פונ דער פארטיי (פונ 25־טנ יונ׳ 1933 יאָר) דערקלערט, אז דער מוסטער־אָפמאכ פונ דער מאשינ־טראקטערשער סטאנציע מיט די קאָלווירטנ אונ די אָפמאכנ, וואָס זיי האָבנ צווישנ זיכ געשלאָסנ אפ זײַנ גרונט, האָבנ די פעסטע קראפט פונ א געזעצ, וואָס איז אָבליגאטאָריש צומ אויספילנ סײַ פאר די קאָלווירטנ אונ סײַ פאר דער סטאנציע.

די בעסטע פארגעשריטענע קאָלווירטנ פילנ אויס פינקטלעכ דעמ דאָזיקנ געזעצ. אָבער אייניקע קאָלווירטנ פארהאלטנ דעמ נאטור־אָפצאָל פאר די ארבעטנ פונ די מאשינ־טראקטערשע סטאנציעס. אזוינע קאָלווירטנ לאָזנ זיכ פארפירנ פונעמ קלאסנ־פוינט, דעמ באלעגופ. וואָס וואָלט זייער געוואָלט אָפשוואכנ די מאכט פונ די מעלוכישע מאשינ־טראקטערשע סטאנציעס אונ אזויארומ ברענגענ שאָדנ אויכ די קאָלווירטנ. אלע קאָלווירטניקעס דארפנ פארשטיינ, אז טאָלע פאר זייער נוצנ האלט די ראטנ־מעלוכע אויס די מאשינ־טראקטערשע סטאנציעס אונ אז דאָס געצאָלט פאר זייער ארבעט איז גיט קיינ גרויס אונ איז גאָר ניט שווער פאר יעטווידער קאָלווירט. אינ ערגעצ, אינ קיינ איינ קאפיטאליסטיש לאנד וואגנ ניט די פויערימ

אַפילע צו טרוימענ וועגנ אַזעלכע וויגאָדעס און פּריווילעגיעס, וועגנ אַזעלכע פאַרלײַכטערונגענ פונעם פּויערס אַרבעט, ווי די ראַטנ־מעלוכע גיט די קאָלווירטנ דורכ אירע מאַשינ־טראַקטאָרישע סטאַנציעס. אָט פאַרוואָס יעדער קאָלווירט איז מעכויעוו אָפּצוגעבנ דער מאַשינ־טראַקטאָרישער סטאַנציע די גאַנצע קערנער, וואָס איר קומט פאַר דער אַרבעט, אָפּליפערנ אינ אַ פולער מאָס און אָנ שום טײַנעס פונ דער ערשטער אויסגעדראָשענער טוויע, צוגלײַכ מיט די אָבליגאַטערישע ברויטאָפּליפערונגענ דער מעלוכע.

נאָכנ אָפּצאָלנ פאַר דער באַדינונג פונ דער מאַשינ־טראַקטאָרישער סטאַנציע פאַרבלײַבט, פאַרשטייט זיכ, די גאַנצע איבעריקע גערעטעניש אינגאַנצנ און פולשטענדיק אינעם רעשות פונעם קאָלווירט.

ביכלאַל היטנ אָפּ די קאָלווירטנ, וואָס ווערנ באַדינט פונ די מאַשינ־טראַקטאָרישע סטאַנציעס זייער זעלבשטענדיקייט און אַרבעטנ אָפּ די זעלבע קאָאָפּעראַטיוו־קאָלווירטישע יעסוידעס, ווי אַנדערע קאָלווירטנ.

שוינ אינ 1932 יאָר האָבנ די מאַשינ־טראַקטאָרישע סטאַנציעס באַדינט העכער אַ העלפט קאָלווירטנ. פרילינג 1933 יאָר האָבנ די סטאַנציעס באַאַרבעט באַ 60 פּראָצ. פונעם גאַנצנ שעטעכ זומער־טוועס פונ די קאָלווירטנ. די בוימוואָל־ און בורעקעס־סטאַנציעס האָבנ אַרומגעכאַפּט העכער 90 פּראָצ. קאָלווירטישנ פאַרזייִשעטעכ. דער טראַקטאָר־אינווענטאַר פונ די מטס פילט אויס דורכשניטלעכ באַ איינ דריטל פונ אַלע אַרבעטנ אינ די קאָלווירטנ. דער איבעריקער, גרעסטער טייל אַרבעטנ ווערט דערווײַלע אויסגעפילט מיט דער הילפ פונעם אַרבעטכּויעכ און אינווענטאַר פונ די קאָלווירטנ.

קעדיי אויסנוצנ אַפנ סאַמע צוועקמעסיקסטנ אויפנ דעם גרויסנ אינווענטאַר, וואָס איז פאַראַנ אינ אייניקע קאָלווירטנ, האָט די ראַטנ־רעגירונג באַשטימט איבערגעבנ אינ רעשות פונ די מאַשינ־טראַקטאָרישע סטאַנציעס די קאָמפּליצירטע דרעשמאַשינעס, אָפּקויפנדיק זיי באַ די קאָלווירטנ, וואָס ווערנ באַדינט פונ דער סטאַנציע.

באַ הײַנטיקנ טאָג איז אויסערסט וויכטיק, אַז דער גאַנצער אינווענטאַר און אַרבעטכּויעכ פונ די קאָלווירטנ זאָלנ אינ אַ פולער מאָס אויסגענוצט ווערנ באַ דער אַרבעט צוזאַמענ מיטנ טראַקטאָר־אינווענטאַר פונ די סטאַנציעס.

עס איז אינגאַנצנ פעלערהאַפט און ביז גאָר שעדלעכ די מיינונג, אַז וויבאַלד מיר האָבנ שוינ טראַקטאָרס, איז דאָס פערד שוינ ניט נייטיק. עס זײַנענ נייטיק אי דאָס פערד אי דער טראַקטאָר. עס איז נייטיק ריכטיק צונויפּאָרנ די אַרבעט פונעם פערד און פונעם טראַקטאָר. דעם פערד דאַרפ מענ אויסנוצנ אַפ די לײַכטערע אַרבעטנ, דעם טראַקטאָר — אַפ די שווערערע. גאַנצ ריכטיק האָט געזאָגט כ' קאַלינינ אַפנ צוזאַמענפאָר פונ די קאָלווירטניקעס־שלאָגלער פונ גאָרקער קאַנט, אַז דער טראַקטאָר דאַרפ זיכ באַוועגנ צוזאַמענ מיט די פערד.

„איצט דאַרפ דער טראַקטאָר קומענ צוהילפ דעם פערד, און ווענ טראַקטאָרס וועלנ זײַנ אַ סאַכ, וועט דער פערד קומענ צוהילפ דעם טראַקטאָר. אָט וויאַזוי מע דאַרפ קאָאָרדינירנ, און דעריבער וואָלט איכ אײַכ אַנטשיידנ: האַדעוועט, שאַנעוועט דאָס פערד”.

די ראַטנ־רעגירונג פאָדערט, אַז די צאָל פערד זאָל ווי ווייט מעגלעכ פאַרגרע־

א קאָמיסיע פונ א.פ.אי. קאָנטראָלירט דורכ די גרייטקייט פונ די פערד צומ פאַרזיי אינ די קאָלווירטנ

סערט ווערנ אונ די קוואַליטעט פונעמ פערד זאָל פאַרבעסערט ווערנ. די קאָלווירטנ דאַרפנ ווענדנ א באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אפנ אויסהאָדעווענ יונגע פערד אונ אפ דער אויפפאַסונג פונ די פערד. אינ פאַל, ווענ עס איז נייטיק, זיינענ די קאָלווירטנ מעכויעוו צו דעקנ די פאַרקלענערונג פונעמ פערד-באַשטאַנד מיט קויפנ פערד פאַר אייגענע מיטלענ.

צוזאַמענ מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונ אונדזער אינדוסטריע וועט די צאָל מאַשינ-טראַקטאָרשע סטאַנציעס פאַרגרעסערט ווערנ. אינ די נאָענטסטע יאָרנ וועלנ אַלע קאָלווירטנ אַרומגעכאַפּט ווערנ מיט מאַשינ-טראַקטאָרשע סטאַנציעס. די ראָליע זייערע וועט נאָכ מער אויסוואַקסנ.

אַלזאָ, אינ וואָס זשע באַשטייט די באַדייטונג פונ די מאַשינ-טראַקטאָרשע סטאַנציעס?

דורכ אירע מאַשינ-טראַקטאָרשע סטאַנציעס גיט די ראַטנ-מעלוכע די קאָלווירטנ קאָלאָסאַלע מאַטעריעלע נוצנ. קעדיי צו פאַרשטיינ, ווי גרויס עס זיינענ די דאָזיקע נוצנ, לאָמיר זיכ דערמאָנענ, אז די פויערימ האָבנ געדאַרפט צאָלנ דעמ באַלעגופ פאַר באַאַרבעטנ דאָס פעלד אונ פאַר אראָפנעמענ די גערעטעניש מיט דער הילפ פונ איינפאַכנ אינווענטאַר א העלפט גערעטעניש. די ראַטנ-מעלוכע אָבער נעמט בא די קאָלווירטניקעס סאַכאַכל איינ פינפטל גערעטעניש אונ אפילע ווייניקער דערפונ! די מאַשינ-באַאַרבעטונג פונ דער ערד, דער מאַשינ-שניט אונ די מאַשינ-באַאַרבעטונג פונ דער גערעטעניש אונטער דער אָנפירונג פונ ספּעציאַליסטנ פאַרקירצנ באַדייטנדיק די נייטיקע אַרבעט-צייט אונ העכערנ שטאַרק די געראָטנקייט אונ די האַכנאָסעס פונ די קאָלווירטנ. דער צוּוואוקס אַליינ פונ דער גע-



מע פיטערט די פערד פארנ
פארזיי

רעטעניש איז מער ווי גענוג אפ צו דעקנ די קאָסטנ פונ דער באדינונג פונ דער סטאנציע.

די מאשינ-טראקטערשע סטאנציעס גיבנ די קאָלווירטנ אנ *אלזייטיקע*, *פּראָדוציר-טעכנישע*, *אגראָנאָמישע*, *אָרגאניזאציאָנעלע הילפ* און *פּאָליטישע אָנפירונג*, זיי געוויינענ צו די קאָלווירטנ צו דיסציפּלינירטער ארבעט אינ דער גרויסער מאשינ-פּראָדוקציע. צוזאמענ דערמיט לאָזנ די מאשינ-טראקטערישע סטאנציעס די קאָלווירטניקעס צו פארבלייבנ די *פולשטענדיקע באלעבאטימ* פונ זייער אונטערנעמונג, ניט אָנרירנדיק אפ קיינ האָר די קאָלווירטישע זעלבסטעטיקייט, נאָר, פארקערט, ארומנעמענדיק אינ איר אלצ נייע אונ נייע מאסנ.

די מאשינ-טראקטערשע סטאנציעס גיבנ א מעגלעכקייט באדייטנדיק צו פארשנעלערנ דאָס פארענדיקנ די קאָלעקטיוויזאציע אינ דאָרפ, *אויסנוצנ* אפנ *סאמע שפּאָרזאמענ* אופנ אונ מיט די גרעסטע ווירטשאפטלעכע רעזולטאטנ *די טעכנישע מיטלענ* אונ *די אָנפירנדיקע קאדרענ*, ניט צעשטויבנדיק זיי איבער די קאָלווירטנ, נאָר קאָנצענטרירנדיק אינ א פארהעלטנישמעסיק קליינער צאָל גרויסע מאשינ-טראקטערשע באזעס.

די מאשינ-טראקטערשע סטאנציעס גיבנ א מעגלעכקייט אינ דער גרעסטער מאָס פארשטארקנ אונ פארפעסטיקנ דעמ איינפלוס פונ דער פּראָלעטארישער מעלוכע אפ די קאָלווירטנ אונ אינ א קורצנ טערמינ שאפנ פונ זיי הויכ-מעכאניזירטע, הויכ-פּראָדוקטיווע אונטערנעמונגענ.

מיט דעמ אלעמענ פארלייכטערנ אויסערגעוויינלעכ די מאשינ-טראקטערשע סטאנציעס אונ פארשנעלערנ די ליזונג פונ דער אויפגאבע צו *איבערדערציענ די קאָלווירטניקעס* אינ באוווסטזיניקע אקטיווע מיטגלידער פונ דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט.

דאָס איז די קאָלאָסאלע באדייטונג פונ אונדזערע מאשינ-טראקט. סטאנציעס.

די ראָליע פונ די מאשינ-טראקטערשע סטאנציעס אינ דער פארפעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ אונ אינ דער אָנפירונג מיט זיי וואקסט אויס באזונדערס צוליב דעמ, וואָס בא די סטאנציעס זיינענ אָרגאניזירט געוואָרנ *פּאָליטישע אָפּטיילנ*. וועגנ די דאָזיקע אָפּטיילנ אונ וועגנ זייערע אויפגאבנ וועלנ מיר ריידנ גענוי אינעמ צווייטנ טייל פונעמ פינפטנ שמועס.

די ראטווירטנ

צוגלייכ מיטנ ארגאניזירנ די מאשינ־טראקטערשע סטאנציעס האט די ראטנ־מע־לוכע אפגעגעבנ א סאכ זארג אפ פארבעסערנ די ארגאניזאציאנעלע איינארדענונג אונ די ארבעט פונ די מעלוכישע אונטערנעמונגענ אינ דער לאנדווירטשאפט — פונ די ראטווירטנ.

דער ארבעטער־קלאס האט באוויזנ אינעמ סאמע קורצנ היסטארישנ טערמינ צו שאפנ אינ דער לאנדווירטשאפט, לויטנ טיפ פונ דער אינדוסטריעלער פראדוקציע, גאר גרויסע מעכאניזירטע אונטערנעמונגענ, וואס אזעלכע זיינענ ניט געווענ אינ אלטנ רוסלאנד, וואס אזוינע זיינענ ניטא אינ קיינ איינ קאפיטאליסטיש לאנד. דאס זיינענ די ראטווירטנ. מיר האבנ שוינ גערעדט וועגנ די דערפאלגנ פונ דער ראטווירטישער בויונג אונ וועגנ דער ראליע פונ די ראטווירטנ אינ דער קאלעקטיוויזאציע.

עס פארשטייט זיכ אבער, אז אינ דער ראטווירטישער בויונג, איז צוגלייכ מיט גוטער ארבעט נאכ פאראנ ניט ווייניק גרויסע כעסרוינעס. עס קאנ, למשל, ניט צופרידנשטעלנ די קוואליטעט פונ דער ערד־באארבעטונג, ניט גענוג ווערט אויסגענוצט די הויכע טעכניק, וואס איז פאראנ אינ די קערנער־ראטווירטנ, גרויס זיינענ די קערנער־פארלוסטנ, שלעכט איז אוועקגעשטעלט דער דיסקאנט פונ דער פראדוקציע, עס קאנ ניט צופרידנשטעלנ די ארגאניזירונג פונ דער אופפאסונג אונ די פי־טערונג פונעמ פי, עס קומט אומ צופיל יונגפי, יאלאוויע בעהיימעס, די סכוירע־פראדוקציע ווערט ניט זעלטנ צעטרענצלט, זי גייט אפ „זעלבסטבאזארגונג”, אונ די פלענער פונ אפליפערנ פראדוקציע דער מעלוכע ווערנ ניט אינגאנצנ אויסגעפילט א. אז. וו.

מיט וואס זשע דערקלערנ זיכ אזוינע גרויסע כעסרוינעס אינ אונדזערע ראט־ווירטנ?

די זאכ באשטייט דערינ, וואס אפ יעדנ טריט אונ שריט ווייזנ ניט ארויס די אנפירנדיקע קאדרעס קיינ פעסטע אונ צוזאמענ דערמיט בויגעוו־דיקע, לעבעדיקע דירעקטע אנפירונג, וואס זאל דערגיינ צו אלע „קלייניקייטנ”. אייניקע פירער דערשאצנ אפטמאל ניט אפאר־טוניסטיש אונ פארקריפלענ מאמעש די דירעקטיוונ פונ דער פארטיי אונ פונ דער ראטנמאכט וועגנ דער ארבעט־ארגאניזירונג אינ די ראט־ווירטנ, וועגנ ווירטשאפטלעכנ אויסהאלט, וועגנ דיסקאנט, וועגנ אפקלייבנ אונ צו־גרייטנ די נייטיקע קאדרעס א. אז. וו. אינ א סאכ ראטווירטנ זיינענ ארייננגעדרונגענ בורזשואזע, שעדיקערישע, קאנטר־רעוואליוציאנערע עלעמענטנ, וואס ווערנ ניט זעלטנ אפ די אנפירער פונ די ראטווירטנ.

דער איינצלנער ראטווירט בילדעט א טייל פונ דער מעלוכישער סאציא־ליסטישער ווירטשאפט, אונ די גאנצע פראדוקציע זיינע געהערט פולשטענדיק דער מעלוכע.

אבער די דירעקטערס פונ א סאכ ראטווירטנ האבנ גענומענ באטראכטנ דעמ ראט־ווירט אלס „זייער” ווירטשאפט אונ קעגנשטעלנ אימ דער מעלוכע. זיי האבנ גענומענ ווילקירלעכ ארויפצנ די פלאנישע אויפגעבונגענ פונ דער ברויט־אפליפערונג, אי־בערלאזנדיק בא זיכ ברויט אונטער פארשיידענע אויסריידנ, אנווענדנדיק אזוינע

מעטאָרנ, ווי אָנגעבנ באַוווסטזיניק א פארקלענערטע גערעטאָנקײט, שלעכט אויס־דרעשנ די טווע, ניט פארצײכענענ אינ דער האַכנאָסע א באַדײַטנדיקנ טכום קער־נער, איבערגעטריבענע נאָרמעס פונ באַזאָרגנ די אַרבעטער אונ פי אַאַוו.

דערבײַ האָט די אָנפירונג פונ די טרעסטנ צומאָל ניט נאָר ניט געגעבנ קײנ ווידערשטאַנד אַזוינע בורזשואַזע שטרעבונגענ פונ די דאָזיקע איבערגעבאָרענע, נאָר האָט זײ נאָך סטימולירט מיט אירע מעטאָדנ. אַזוי, למשל, האָט דער צוקער־פארבאַנד אינ 1932 יאָר אַראָפּגעזעצט די פּלאַנעווע פאַרגעבונג פונ דער ברויט־אָפּליפערונג פונ 30 מיליאָנ פוד ביז 11,8 מיליאָנ אונ נאָכדעם ביז 8 מיליאָנ פוד. זומער 1933 יאָר האָבנ די אָנפירער פונעמ אָדעסער קערנער־טרעסט באַוווסטזיניק אָנגעגעבנ פארקלענערטע ציפערס פונ דער גערעטאָנקײט אינ די ראַטווירטנ, האָבנ איבערגעטריבנ די גרײס פונעמ קלוימערשט אומגעקומענעמ פארזײ פונ די ווינטער־טווּעס, האָבנ פארשוויגנ אינעמ שניט־פּלאַנ טויזנטער העקטאַר, האָבנ פארקלענערט דעמ פּלאַנ פונ דער ברויט־אָפּליפערונג אָפּ צענדליקער טויזנטער צענטנער. צווישנ די אָנפירער פונעמ דאָזיקנ טרעסט האָבנ זיך אַרויסגעוויזנ קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע, שעדיקערישע עלעמענטנ.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטײ אונ די ראַטנמאַכט האָבנ אָנגענומענ די האַרבסטע מאָסמיטלענ קעגנ אַזוינע פארקריפּלונגענ פונ דער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט אָפּ א בורזשואַזנ שטײגער, קעגנ דעמ דירעקטנ אָפּנאַרנ די מעלוכע, קעגנ דער פאַרברעכערישער צעשלעפּונג פונ מעלוכישנ פארמעגנ. א סאַך פאַראַנטוואָרטלעכע טוער האָט מענ אַראָפּגענומענ פונ דער אַרבעט, אויסגעשלאָסנ פונ דער פּאַרטײ, א סאַך האָט מענ, חוצ דעמ, איבערגעגעבנ אינ געריכט.

חוצ די דאָזיקע אײנצלנע מאָסמיטלענ, האָט די פּאַרטײ אונ ראַטנמאַכט אָנגענומענ א רײ באַשטימונגענ וועגנ איבערבויענ אָרגאַניזאַציאָנעל די גאַנצע ראַטווירטישע סיסטעמ. דער גרונט־אינהאַלט פונ די דאָזיקע באַשטימונגענ איז אַזאַ:

די גיגאַנטישע צענטראַלע טרעסטנ ווערנ דעקאָנצענטרירט אָפּ א רײ באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. אַזוי, למשל, דער קערנער־טרעסט, וואָס האָט אַרומגענומענ 207 קערנער־ראַטווירטנ דורכנ צענטער אינ מאָסקווע, איז צעטײלט געוואָרנ אינ 9 פאַרבאַנדישע טרעסטנ, וואָס יעדערער פונ זײ כאַפּט אַרומ סאַכאַקל 20—30 ראַטווירטנ דורכ א צענטער אינ די געגנטלעכע אונ קאַנטישע שטעט.

עס ווערנ דעקאָנצענטרירט די ראַטווירטנ גופע, זײער גרײס ווערט באַגרענעצט. פאַר די קערנער־ראַטווירטנ: ניט מער ווי 40—50 טויזנט העקטאַר, פאַר די פי־צוכט־ראַטווירטנ פונ מילכ־ריכטונג: ניט מער ווי 3—5 טויזנט העקטאַר אַאַוו.

אינווייניק אינ די ראַטווירטנ ווערט איבערגעבויט דער פריערדיקער „באַצירק" אינ א פולבאַרעכטיקטער אָפּטײלונג פונעמ ראַטווירט מיט א באַזונדערנ פאַרוואַלטער בעראָש, מיט א שטענדיקנ אַגראָנאָמישנ, טעכנישנ אונ אַרבעטערשנ באַשטאַנד, מיט א שטענדיקנ קאָמפּלעקט מאַשינעס אונ געצײַג. אַזאַ אָפּטײלונג בויט איר גאַנצע פּראָדוציר־אַרבעט אָפּ די יעסוידעס פונ ווירטשאַפט־לעכער אויסהאַלט, אײנהײטלעכנ אונ אײנהײטנדיק באַזאָרגונג־אַפּאַראַט אונ אײנהײטנדיק פאַרנ דירעקטער פונ ראַטווירט דאָס רעכט צו באַלעבאַטעווענ איבער די פּראָדוציר־מיטלענ פינ ראַטווירט אינגאַנצנ גענומענ.

די גרייס פונ די אָפּטיילונגענ ווערט אויכ באַגרענעצט. אינ די קערנער־ראַטווירטנ: 6—7 טויזנט העקטאַר, אינ די מילכ־ראַטווירטנ: 300—500 קי אאַוו.

אַפּ די דירעקטערס פונ די ראַטווירטנ איז אַרופֿגעלייגט געוואָרנ די פּערזענלעכע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרנ געריכט פֿאַרנ אָפּליפֿערנ פּינקטלעכ דאָס ברויט דער מעלוכע טייקעפּ נאָכנ אויסדרעשנ.

בעראָש פונ די ראַטווירטנ איז אָנגעשטעלט אַ באַזונדער פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר די קערנער־ און פֿיצוכט־ראַטווירטנ פונ ראַטנ־פֿאַרבאַנד. די פֿריערדיקע ראַטווירטפֿאַראייניקונגענ ווערנ איבערגעבויט אינ פֿאַרוואַלטונגענ פונעמ דאָזיקנ קאָמיסאַריאַט. די אַרבעט פונעמ פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר ערדאַרבעט פונ פֿאַרבאַנד ווערט קאָנצענטרירט דערהויפּט אַפּ באַדינענ און אָנפֿירנ מיט די קאָלווירטנ.

ווי מיר זעענ, באַשטייט דער טאָכ פונ דער אָרגאַניזאַציאָנעלער איבערבויונג פונ די ראַטווירטנ אינ דעמ, וואָס די אָנפֿירונג מיט די ראַטווירטנ איז דערנעענטערט געוואָרנ צו דער פּראָדוקציע גופֿע און עס איז פֿאַרשטאַרקט געוואָרנ די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פונ די אָנפֿירער. דערמיט גופֿע איז געשאַפֿנ געוואָרנ דער סאַמע וויכטיקער באַדינג פאַר דער ווײַטערדיקער פֿאַרפֿעסטיקונג פונ די ראַטווירטנ.

די איבערבויונג פונ די ראַטווירטנ האָט שוינ געגעבנ פּאָזיטיווע רעזולטאַטנ אינעמ זינ פונ בעסער באַאַרבעטנ די פֿעלדער, פונ בעסער אויסנוצנ די מאַשינעס, פונ פֿאַרקלענערנ די פֿאַרלוסטנ, פונ פֿאַרבעסערנ די אויפֿפּאַסונג פונעמ פֿי, פונעמ צוווּקס פונ די סטאַדעס אאַוו.

דאָס שאַפֿנ בײַ די ראַטווירטנ די פּאָליטישע אָפּטיילנ העלפֿט באַזונדערס פֿאַרפֿעסטיקנ אָרגאַניזאַציאָנעל־ווירטשאַפֿטלעכ די ראַטווירטנ, אָפּרייניקנ זיי פונ די קלאַסנ־פֿרעמדע און אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ, אויפֿהייבנ זייער עקאָנאָמיש און פּאָליטישנ אײַנפֿלוס אַפּ די קאָלווירטנ און אינדיווידואַלנ. *

אַפּ דער באַזע פונ די באַשטימונגענ פונ דער פּאַרטיי און פונ דער ראַטנמאַכט דאַרפֿנ די טוער פונ די ראַטווירטנ זיכ דערשלאָגנ אינעמ סאַמע קורצנ טערמינ אַ פֿולשטענדיקע און גרינטלעכע פֿאַרבעסערונג פונ דער גאַנצער אַרבעט, אַ באַדײַטנדיקע העכערונג פונ דער גראַטנקייט, פונ דער אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט, פונ דער סכוירעדיקייט פונ די ראַטווירטנ.

אַלע ראַטווירטנ דאַרפֿנ ווערנ מוסטערהאַפֿטע, הויכ־האַכנאָסעדיקע אונטערנעמונגענ, דאַרפֿנ דינענ אַלס מוסטער פאַר די קאָלווירטנ.

כ׳ סטאַלינס זעקס אָנווײַזונגענ

כוץ די איינצלנע אָנווײַזונגענ וועגנ דער סאָציאַליסטישער בויונג אינ דער לאַנדווירטשאַפֿט, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געגעבנ אַנ אַלגעמיינע גרונט־דירעקטיוו וועגנ איבערבויענ ראַדיקאַל די גאַנצע אַרבעט און אָנפֿירונג מיט די סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ.

דאָס זײַנענ כ׳ סטאַלינס זעקס אָנווײַזונגענ, וואָס ער האָט גע־

* וועגנ די פּאָליטאָפּטיילנ וועלנ מיר ריידנ אינעמ צווייטנ טייל פונ פֿינפֿטנ שמועס.



א בריגאדע פונעמ קאלווירט „קראסנאיא ניווא" (מילעראווער ראיאנ) אינ פעלד מיטיק־צייט

מאכט אינ דער רעדע אפ דער באראטונג פונ די אינדוסטריע־טוער דעמ 23־טנ יונ 1931 יאר.

די ערשטע אנווייזונג איז וועגנ ארבעטקראפט. פריער פלעגנ די פויערימ מאסנווייז אוועקגיינ פונ זייערע דאלעסדיקע ווירטשאפטנ, זוכנ פארדינסטנ אפ דער זייט, אינ די פאבריקנ אונ זאוואדנ. קיינ מאנגל אינ ארבעטקראפט איז ניט געווענ.

איצט בא דער ברייטער פארשפרייטונג פונ די קאלווירטנ, בא דער דורכויסיקער קאלעקטיוויזאציע פונ גאנצע ראיאנענ אונ געגנטנ, בא דער באדייטנדיקער פארבעסערונג פונ דער מאטעריעלער לאגע פונ די פויערימ, וואס זיינענ אריינגעטראטנ אינ די קאלווירטנ, האבנ די באדינגונגענ זיכ שארפ געענדערט. די באדערפענישנ אינ זייטיקע פארדינסטנ בא דער דארפישער באפעלקערונג האט זיכ שטארק פארקלענערט. די ארבעטקראפט האט זיכ אנגעהויבנ אפזעצנ אינ דארפ אינ די קאלווירטנ. אונ די אינדוסטריע אונדזערע וואקסט זייער שנעל. וועגנ דער ארבעטלאזיקייט, וואס איז געווענ פריער, איז גאר איצט קיינ רייד ניטא. פארקערט, אינ דער אינדוסטריע האט זיכ אנגעהויבנ פילנ א גרויסער מאנגל אינ ארבעטהענט.

וואס זשע טוט מענ? מענ קענ זיכ מער ניט פארלאזנ אפנ „זעלבשטראם". די ארבעטקראפט וועט איצט אליינ ניט קומענ. איז נייטיק, אז די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ זאלנ אפ אנ ארגאניזירטנ אופנ אננעמענ ארבעטקראפט אינ סיידער פונ אפמאכנ מיט די קאלווירטנ. כוץ דעמ דארפ מענ מעכאניזירנ די ארבעט, ד. ה. ווי וויט מעגלעכ פארבייטנ דעמ מענטשנס מוסקול־ארבעט מיט דער ארבעט פונ מאשינעס אונ אזויארומ וואס מער פארקירצנ די באדערפעניש אינ ארבעטקראפט.

די צווייטע אנווייזונג כ' סטאלינס איז וועגנ דעמ ארבעטלוינ פונ די ארבעטער. אונדזער אינדוסטריע ליידט שטארק פונ דער פליסעווידיקייט פונ דער ארבעטקראפט, ד. ה. דערפונ, וואס א באדייטנדיקער טייל פונ ארבעט־באשטאנד אינ די פאבריקנ אונ זאוואדנ בייט זיכ קעסיידער. דאס איז א רעזולטאט פונ דער ניט ריכטיקער ארגאניזירונג פונעמ ארבעטלוינ — פונ דער אזויגערופענער אויסגלייכעריי. די ארבעטלוינ־טאריפנ זיינענ אזוי איינגע־

שטעלט, אז עס איז ניטאָ קײנ גרויסער אונטערשייד צווישנ דעמ פאַרדינסט פונ א קוואַליפיצירטנ ארבעטער אונ פונ אנ אײנפאכנ ארבעטער, צווישנ דער לײכטער ארבעט אונ דער שווערער. עס פאַרשטײט זיך, אז די ארבעטער, וואָס קומענ ערשט אָנ, זײנענ ניט פאַרינטערעסירט צו באַקומענ א העכערע קוואַליפיקאַציע אונ פאַרבלײבנ צוליב דעמ לענגער אינעמ געגעבענעמ זאַוואָד. עס פאַרשטײט זיך, אז קײנער איז ניט פאַרינטערעסירט צו זײנ אפ א שווערער ארבעט, ווײַבאַלד זי ווערט באַצאָלט פונקט ווי א לײכטע. האַלטנ די ארבעטער אינ אײנ אריבערגײנ פונ אײנ אָרט אפנ צווייטנ, קעדײ צו געפינענ א בעסערנ פאַרדינסט. אָט דאָס איז עס די פליסעוודיקײט פונ דער ארבעטקראַפט.

וואָס זשע דאַרפ מענ טאָנ, קעדײ צו פאַרפעסטיקנ די ארבעטער אינ דער אינדוסטריע, קעדײ צו שאַפנ שטענדיקע קאַדרעס אינדוסטריעלע ארבעטער?

מע דאַרפ *פאַרניכטנ די אויסגלײכערײ* אינעמ ארבעטלוינ, ד. ה. מע דאַרפ אזוי אײנשטעלנ די טאַריפנ, אז די ווײכטיקערע, די *פירנדיקע* גרופעס קוואַליפיצירטע ארבעטער זאָלנ באַקומענ א *העכערנ* ארבעטלוינ, אז די שווערערע ארבעט זאָל זיך באַצאָלנ בעסער, אײדער די לײכטערע.

כוץ דעמ דאַרפ מענ *פאַרבעסערנ* די באַזאָרגונג, די וווינונג-אונ קולטור-באַדינגונגענ פונ די ארבעטער.

דער *דריטער באַדינג* כ' סטאַלינס איז וועגנ דער *ארבעט-אָרגאַניזירונג*. א גאַר גרויסע צאָרע אינ די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ איז נאָך אלץ די אזוי גערופענע *אָנאָנימקע*, ד. ה. אזא אָרגאַניזירונג פונ דער ארבעט, ווענ עס איז ניטאָ קײנ פאַראַנטוואָרטלעכקײט פונ באַשטימטע פערזאָנענ פאַר דער ארבעט, פאַר די מעכאַניזמענ, פאַר די ווערקשטעלנ, פאַר די אינסטרומענטנ. אזא לאַגע שטערט שטאַרק אויפצוהײבנ די ארבעט-פראָדוקטיווקײט, פאַרבעסערנ די קוואַליטעט פונ דער פראָדוקציע אונ פאַרבעסערנ די ארבעט-דיסציפלינ.

וואָס זשע זאָל מענ טאָנ? מע דאַרפ *פאַרניכטנ די אָנאָנימקע*. מע דאַרפ אפ א נײעמ אויפנ אָרגאַניזירנ די ארבעט, מע דאַרפ אזוי פאַנאַנדערטײלנ די ארבעטקראַפט, אז יעדע גרופע ארבעטער אונ יעדער ארבעטער זאָלנ זײנ *פאַראַנטוואָרטלעכ* פאַר דער ארבעט, וואָס מע האָט זײ געגעבנ מאכנ, פאַר דער קוואַליטעט פונ דער פראָדוקציע אונ פראָדוציר-געצײג, מיט וועלכע זײ ארבעטנ.

די *פערטע אָנווײזונג* איז וועגנ די *אינזשעניער-טעכנישע קרעפטנ*. באַמ איצטיקנ פאַרנעמ פונ דער אינדוסטריע זײנענ די אלטע אינזשעניער-טעכנישע קרעפטנ אבסאָליוט ניט גענוג. דעמ ארבעטער-קלאַס איז איצט געוואַלדיק נײטיק אנ אײגענע *פראָדוציר-טעכנישע אינטעליגענץ*, ד. ה. אינזשעניערנ, טעכניקער, קאָמאַנדירנ פונ דער אינדוסטריע, וואָס זײנענ ארויס פונ די ארבעטער גרופע. די סאַמע ברײטע קאַדרעס פונ אזא נײער אינטעליגענץ דאַרפ מענ דערציִענ פונ דער ארבעטער-פויערשער יוגנט אונ אויכ פונ די פראַקטישע טוער, וואָס האָבנ זיך ארויסגערוקט אינ די פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ — פונ די אָנפירער פונ די שלאָג-בריגאַדעס, פונ די איניציאַטאָרנ פונעמ סאָציאַליסטישנ געוועט, פונ די אונטערשטע אָרגאַניזאַטאָרנ פונ דער ארבעט.

די *פינפטע אָנווײזונג*. מע דאַרפ *ענדערנ די באַציִונג צו דער אלטער אינזשעניער-טעכנישער אינטעליגענץ*. נאָכנ צעטראָמירנ די שעדיקערײ-אָרגאַניזאַציעס אונ נאָכ די אנטשיידענע דערפאָלגנ פונ דער-

סאָציאַליסטישער בויונג איז צווישן דער דאָזיקער אינטעליגענץ פאָרגעקומען א קער אין דער ריכטונג פון דער ראטנמאכט. מע דארף ארויסווײַזן מער אויפמערקזאמקײַט צו דער אלטער אינטעליגענץ, דרייסטער צוציִען צו דער ארבעט יענע ספּעציאַליסטן, וועלכע ווילן און קאָנען ערלעך ארבעטן אין דער סאָציאַליסטישער ווירטשאפט. צוזאמען דערמיט טאָר מען, פארשטייט זיך, ניט פארגעסן, אז שעדיקער זײַנען נאָך בא אונדז פארבליבן און וועלן פארבלײַבן קאָלזמאן עס איז פאראן א קלאסנקאמף, קאָלזמאן דער ראטנפארבאנד איז ארומגערינגלט מיט קאפּיטאליסטישע מעלוכעס. און דעריבער טאָר מען אף קיין איין מינוט ניט אָפּשוואכן די וואכזאמקײַט.

די זעקסטע אָנווײַזונג. ביז דער לעצטער צײַט האָבן אלס קוואלן פון אָנזאמלונגען אף פאנאנדערוויקלען די אינדוסטריע געדינט דער מעלוכע-בודזשעט, די לײַכטע אינדוסטריע און די לאנדווירטשאפט. איצט זײַנען די דאָזיקע קוואלן ניט גענוג. מע דארף זיך דערשלאָגן, אז די שווערע אינדוסטריע, אין דער ערשטער ריי די מאשינבויונג זאָל אויך געבן אָנזאמלונגען. צוזאמען דערמיט דארף מען פארשטארקן די אלטע קוואלן, העכערן די אייגענע אָנזאמלונג אין אלע אינדוסטריע-צווײַגן, פארניכטן אומעטום די אומווירטשאפטלעכקײַט, מאָביליזירן די אינערלעכע רעסורסן, אײַנגלידערן אומעטום דעם ווירטשאפטלעכן אויסהאלט און אראָפּזעצן דעם קערנקאָסט.

אָט דאָס זײַנען די זעקס אָנווײַזונגען, וואָס כאווער סטאלין האָט געגעבן אונדזערע ווירטשאפטלער. דער אלגעמיינער אויספיר פון די דאָזיקע אָנווײַזונגען איז, אז אונדזערע ווירטשאפטלער דארפן איצט אויסלערנען זיך ארבעטן און אָנפירן אף א נײַעם אופן.

„צוליב דעם, — זאָגט כאווער סטאלין, — פאָדערט זיך קודעמכאָל, אז אונדזערע ווירטשאפטלעכע אָנפירער זאָלן פארשטיין די נײַע סיטואציע, זאָלן דערלערנען קאָנקרעט די נײַע באדינגונגען פון דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און זאָלן איבערבויען זייער ארבעט אין העסקעם מיט די פאָדערונגען פון דער נײַער סיטואציע.

צוליב דעם פאָדערט זיך ווײַטער, אז אונדזערע ווירטשאפטלעכע אָנפירער זאָלן אָנפירן מיט די אונטערנעמונגען ניט „ביכלאל", ניט „פונדערלופטן", נאָר קאָנקרעט, זאכלעך, אז זיי זאָלן צוגיין צו יעדער פראגע ניט פונעם שטאנדפונקט פון אלגעמיינער פלוידערײַ, נאָר אף א שטרענג זאכלעכן אופן, אז זיי זאָלן זיך ניט באגרענעצן מיט אָנשרײַבן א פאפיר אָדער מיט אלגעמיינע פראזן און לאָזונגען, נאָר זאָלן ארײַן אין דער טעכניק פון דער זאך, זאָלן ארײַנדרינגען אין די דעטאלן פון דער זאך, זאָלן ארײַנדרינגען אין די „קלייניקײַטן", ווײַל פון די „קלייניקײַטן" בויען זיך איצט גרויסע מײַסים".

אָט דאָס איז דער גרונט-אינהאלט פון כאווער סטאלינס רעדע.

די פארווירקלעכונג פונ כאווער סטאלינס זעקס אָנווייזונגענ

כאווער סטאלינס אָנווייזונגענ, כאָטש זיי זײַנענ געגעבנ געוואָרנ דירעקט די אינדוסטריע-טוער, באציִענ זיי זיכ אָבער אויכ צו די אָנפירער פונ דער סאָציאליסטישער לאנדווירטשאפט — צו די טוער פונ די ראטווירטנ, פונ די מאשינ-טראקטאָרישע סטאנציעס אונ פונ די קאָלווירטנ.

אלס אנטוויקלונג פונ די 6 סטאלינשע אָנווייזונגענ האָבנ די קאָמוניסטישע פארטיי אונ די ראטנמאכט ארויסגעגעבנ א גאנצע רײ באשטימונגענ.

מיר זײַנענ, לעמאָשל, באקאנט מיט דער באשטימונג וועגנ דעקאָנצענטרירנ די ראטווירטישע סיסטעמענ אונ די ראטווירטנ. אונ די האָזיקע באשטימונג איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ טאקע אָפ אנטוויקלענ די סטאלינשע אָנווײַזונג וועגנ ארבעטנ אָפ א נײַעמ אופנ, וועגנ דערנעענטערנ די אָנפירונג צו דער פראָדוקציע. לאָמיר נאָכ אָנווײַזנ אָפ די באשלוסנ וועגנ איבערבויענ די ארבעטלוינ-סיסטעמ אינ די פארייניקונגענ פונ אלע מינימ פיצוכט-ראטווירטנ: דער ארבעטלוינ ווערט אײַנגעשטעלט אָפהענגיק דירעקט פונ דעמ רעזולטאט פונ דער פראָדוקציע, פונעמ אויסהאָדעווענ דאָס יונגפי, פונעמ אײַנהיטנ די סטאדע; פאר א גוטער ארבעט ווערט דער געצאָלט געהעכערט, פארנ אומקומ פונעמ פי אונ פאר אנדערע אָנגעמאכטע שאָדנס ווערט אײַנגעפירט א געוויסע אראָפרעכענונג פונעמ ארבעטלוינ; די געהאלטנ פונ די ספעציאליסטנ ווערנ אויסגערעכנט אָפהענגיק פונ דער קוואליטעט פונ זייער ארבעט. אינ די רעמאָנט-ווארשטאטנ פונ די ראטווירטנ אונ פונ די מאשינ-טראקטערישע סטאנציעס ווערנ באשטימט פערזאָנענ פאראנטוואָרטלעכע פאר דער קוואליטעט פונ דעמ רעמאָנט, פאר דער ארבעט אונ דעמ צושטאנד פונ די טראקטערס. די גרייס פונעמ געצאָלט פונ די טראקטאָריסטנ ווערט אײַנגעשטעלט אָפהענגיק ניט בלויז פונעמ סכומ ארבעט, וואָס זיי האָבנ געמאכט, נאָר אויכ פונעמ צושטאנד פונ די טראקטערס.

די האָזיקע אלע באשטימונגענ זײַנענ געווענ א קאָלאָסאלער שריט פאָרויס, לויט כאווער סטאלינס אָנווײַזונגענ, אינעמ קאמפ קעגנ דער אויסגלײַכערײַ אינעמ ארבעט-לוינ אונ קעגנ דער פליסעוודיקײַט פונ דער ארבעטקראפט.

א באזונדערע אויפמערקזאמקײַט דארפנ ווענדנ די אָנפירער פונ די ראטווירטנ אָפ פארבעסערנ די מאטעריעלע אונ קולטורעלע באדינגונגענ פונ זייערע ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע. כוץ אזוינע מאָסמיטלענ, ווי א גוטע גאָרקיכ, א גוטע וווינונג, א באָד, קולטור-באדינונג אאוו. דארפנ די ראטווירטנ העלפנ זייערע ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע שאפנ הילפווירטשאפטנ: אויסטיילנ א שטיקל ערד פאר א פריוואטנ גאָרטנ פונעמ ארבעטער, אָנגעשטעלטנ, העלפנ אימ אײַנשאפנ זיכ א באזעריל, קראָליקעס, אויפעס אאג. די פראקטיק באווײַזט, אז דאָס איז איינס פונ די בעסטע מיטלענ צו קעמפנ קעגנ דער פליסעוודיקײַט פונ דער ארבעטקראפט אינ די ראטווירטנ.

די אָנפירונג פונ די קאָלווירטנ איז מעכויעוו צו מאכנ כאווער סטאלינס אָנווײַזונגענ פאר א פונדאמענט פונ איר גאנצער ארבעט. דערבײַ האָט זי בלויז נעמענ אינ אכט די באזונדערקײַטנ פונ די קאָלווירטנ:

די בעסטע טראקטעריסטנ אינעמ ראטווירט „באטראק" (מיטלוואָלגע) ווערנ פרעמירט

דער קאָלווירט איז ניט קײנ מעלוכישע, נאָר א קאָלעקטיווע אונטערנעמונג, די קאָל־ווירטניקעס זײַנענ ניט קײנ לוינארבעטער, זײ באקומענ ניט קײנ ארבעטלוינ, נאָר האכנאָסעס פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט אאזוו.

לעמאָשל, וויאזוי דארפנ ענטפערנ די קאָלווירטניקעס אפ כאווער סטאלינס אָנ־ווײַזונג וועגנ מאנגל אינ ארבעטקראפט? די קאָלווירטנ זײַנענ מעכויעוו אנטקעגנצו־קומענ אלע מעלוכישע אונטערנעמונגענ, וואָס נײטיקנ זיך אינ ארבעטקראפט. די קאָלווירטנ דארפנ געבנ די נײטיקע ארבעט־הענט די פאבריקנ אונ זאוואָדנ אונ אויך די ראטווירטנ אינ סײדער פונ שליסנ מיט זײ אָפמאכנ.

עס טרעפנ פאלנ, ווענ די פארוואלטונגענ פונ די קאָלווירטנ פארהאלטנ די קאָל־ווירטניקעס, וואָס ווילנ גײנ אפ ארבעט אינ דער אינדוסטריע אָדער אינ די ראטווירטנ. דערמיט שטערנ זײ דירעקט די אינטערעסנ פונ דער פאָלקווירטשאפט אונ פונעמ קאָלווירט גופע.

דער קאָלווירט איז מעכויעוו צו אָרגאניזירנ, אז די פרײַע ארבעטקראפט זאָל אינ סײדער פונ אָפמאכנ מיט די מעלוכע־אונטערנעמונגענ אוועקגײנ אפ ארבעט.

אבסאָליוט ניט ריכטיק איז די מײנונג, אז אינ די קאָלווירטנ סטײעט ניט, כלוימערשט, קײנ ארבעט־הענט. די אויספאָרשונגענ באווײַזנ, אז דער איבערפלוס פונ ארבעטקראפט אינ די קאָלווירטנ וואקלט זיך אינ פארשײדענע ראיאָנענ אינ די ראמענ פונ 30 ביז 50 פראָצ. פונ די פאראנענע ארבעט־הענט. עס איז קלאָר, אז די קאָלווירטנ זײַנענ דירעקט פארינטערעסירט אינ באפרײַענ זיך פונ די איבעריקע מײַלער אונ דערמיט העכערנ דעמ כײלעק האכנאָסע, וואָס קומט אויס אפ די אר־בעטנדיקע מיטגלידער אינ קאָלווירט.

מיר זײַנענ באקאנט מיט דער באשטימונג וועגנ אָרגאניזירנ שטענדיקע בריגא־

דעמ אינ די קאָלווירטנ אונ וועגנ פאַרפּעסטיקנ פאַר די בריגאַדעס דעמ איגוועגטאַר אונ באַשטימטע ערד-כאַלאָקימ. מיר ווייסנ די באַשטימונגענ וועגנ טאַריפיצירנ דעמ טאָג ארבעט פאַר די בריגאַדעס אונ בריגאַדירנ, אָפּהענגיק פונ דער קוואַליטעט פונ דער ארבעט פונ דער בריגאַדע אונ וועגנ א געהעכערטער טאַריפיקאַציע פונ די וויכטיקסטע, פירנדיקע ארבעטנ אונ ארבעטער. מיר גערענקענ די באַשטימונגענ וועגנ צעטיילנ די האַכנאָסעס אויסשליסלעכ לויטנ סכומ אונ קוואַליטעט פונ דער ארבעט.

די ראַזיקע אַלע באַשלוסנ האָבנ אָנגעמערקט דעמ פּראַקטישנ וועג אָפּ אויס-וואָרצלענ ווירקלעכ אונ פולשטענדיק די אויסגלייכעריי, די אַנאָנימקע, די אומווירט-שאַפטלעכקייט אינ די קאָלווירטנ.

די לאַגע מיט דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוציר-טעכנישער אינטעליגענצ דאַרפ צוציענ צו זיכ די סאַמע ערנסטע אויפמערקזאַמקייט פונ די אָנפירער פונ אַלע האַטווירטנ, מאַשינ-טראַקטערישע סטאַנציעס אונ קאָלווירטנ. די ביטלדיקע, די גייוועדיקע באַציונג צו די ספּעציאַליסטנ (אַגראָנאָמענ אונ אַנדערע), צו זייערע אָנווייזונגענ מיצאַד די אָנפירער פונ די אונטערנעמונגענ, האָט ניט מאָטיווירטע צופנ זיי, אָפּרייסנ פונ דער פּראָדוציר-ארבעט מיצאַד א ריי אָרטיקע אָרגאַנענ, האָט אָפּטע אריבערוואַרפנ זיי, די ביוראָקראַטישע ניט-אויפמערקזאַמקייט צו זייערע באַדערפעניש, דער ניט זעלטנ ניט-גענוגנדיקער ניוואָ פונ זייערע קענטענישנ — אָט דאָס אַלצ טרעפט צו אָפּט אינ דער פּראַקטיק.

א באַדייטנדיקער טייל אַגראָנאָמענ, אַנשטאָט צו ארבעטנ אינ דער פּראָדוקציע, זיצט אָפּ קאַנצעליאַריש-אַפּאַראַטישער ארבעט. דאָס פאַנאַנדערשטעלנ די אַגראָנאָמישע קרעפטנ ווערט ניט זעלטנ געמאַכט אָנ א דיסקאָנט פונ דער צוגרייטונג אונ ספּעציאַליטעט: אינ די בוימוואָל-ראַיאָנענ ארבעטנ זאָאָטעכניקער, אינ די פיצוכט-ווירטשאַפטנ — פעלדציכטלער אאַזוו. די קאָלווירטניקעס, וואָס האָבנ געענדיקט געוויסע קורסנ, ווערנ אויכ אָפּטמאָל אויסגענוצט ניט לויט דער ספּעציאַליטעט.

אַזא צושטאַנד איז א דירעקטער ווידערשפּרוכ צו די סטאַלינשע אָנווייזונגענ וועגנ דער פּראָדוציר-טעכנישער אינטעליגענצ. צו אַזא צושטאַנד דאַרפ מענ אַנט-שיידנ מאַכנ א סאָפ. די לאַגע פונ דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוציר-טעכנישער אינטעליגענצ דאַרפ גרינטלעכ פאַרבעסערט ווערנ אינ אַלע הינזיכטנ. די אַגראָנאָמענ דאַרפנ ווערנ דירעקטע אָנפירער פונ דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע. זייער ראָליע אונ באַדייטונג דאַרפנ אויפגעהויבנ ווערנ אָפּ דער זעלבער הייכ, ווי די ראָליע אונ באַדייטונג פונ די אינזשעניערנ אינ דער אינדוסטריע.

מע דאַרפ נאָכ באַזונדערס ריידנ וועגנ אָנווענדנ כ׳ סטאַלינס 6-טע אָנווייזונג אינ די קאָלווירטנ. די קאָלווירטניקעס דאַרפנ פאַרשטיינ אונ אָנווענדנ די דאָזיקע אָנווייזונג אינ זייער ארבעט אָפּ אַזא אויפנ, אַז עס זאָל פאַרניכטעט ווערנ די אומ-ווירטשאַפטלעכקייט, פאַרשטאַרקט ווערנ דער קאַמפּ קעגנ די פאַרלוסטנ אינ דער פּראָדוקציע, קעגנ דעמ אומפּראָדוקטיווג פאַרלוסט פונ ארבעטקראַפט אונ פונ די פּראָדוציר-מיטלענ, אַז די ווירטשאַפט זאָל געפירט ווערנ ווי ווייט מעגלעכ שפּאָר-זאַמער, אָפּנ גרונט פונעמ שטרענגסטנ דיסקאָנט פונ אַלע פּראָדוציר-מיטלענ אונ פונ דער גאַנצער פּראָדוקציע, אַז עס זאָלנ אויסגענוצט ווערנ אַלע אינערלעכע מעגלעכ-קייטנ אָפּ פאַרברייטערנ די קאָלווירטישע פּראָדוקציע, אָפּ העכערנ די סכוירעדיקייט אונ פאַרגרעסערנ די סאָציאַליסטישע אָנזאַמלונג אינ די קאָלווירטנ.

פארשטייט זיכ, אז כ' סטאלינס אלגעמיינער אויספיר וועגנ דער נייטיקייט פראקטיש, שטרענג זאכלעכ אָנפירנ אונ אריינדרינגענ אינ דער טעכניק אונ אינ אלע „קלייניקייטנ" פונ דער זאכ, — דער דאָזיקער אויספיר באציט זיכ אינגאנצנ אינ פולשטענדיק צו די אָנפירער פונ אלע לאנדווירטשאפטלעכע אונטערנעמונגענ.

אזויארום פארשפרייטנ זיכ כ' סטאלינס אָנווייזונגענ אפ אונדזער גאנצער סאָציאליסטישער ווירטשאפט סיי אינ שטאָט סיי אינ דאָרפ.

אינ כ' סטאלינס רעדע זיינענ געגעבנ געוואָרנ ניט פאָשעט באזונדערע דירעקטיוונ, נאָר א גאנצע פראָגראם, א גאנצע סיסטעם מאָסמיטלענ, וואָס זיינענ געצילט אפ איבערבויענ די מעטאָדנ (אויפנאַם) גופע פונ אָנפירנ מיט דער גאנצער סאָציאליסטישער בויונג אפ איר נייעם עטאַפ. אינ כ' סטאלינס 6 אָנווייזונגענ זיינענ אויסגעדריקט באשטימטע אנטוויקלונגנ־געזעצנ פונ דער סאָוועטישער סאָציאליסטישער ווירטשאפט.

אָט פארוואָס עס מאכנ א גרויסנ טאָעס אונ אָפּאָרטוניסטיש דערשאצנ ניט די באדייטונג פונ די סטאלינשע אָנווייזונגענ יענע באווייריכ, וואָס באגרענעצנ זיכ מיט דורכפירנ די באזונדערע פונקטנ אָדער בארויקנ זיכ אפ די מאָסמיטלענ, וואָס זיינענ איינמאָל אָנגענומענ געוואָרנ. די פראקטיק האָט באוויזנ, אפ וויפל ניט ריכטיק אונ ניט דערלאָזבאר עס איז אויסצוטיילנ אונ פארווירקלעכנ איינצלנע מאָסמיטלענ אָפּגעריסנ פונ דער גאנצער סיסטעם.

למשל, די פליסעוודיקייט פונ די טראקטעריסטנ איז אנ עמעכער אומגליק אינ די אונטערנעמונגענ פונ דער לאנדווירטשאפט. עס דערגייט דערצו, אז עס קומט אויס, — ווי כ' סטאלינ האָט עס טאקע פאָרויסגעזעצנ, — „יעדעס מאָל פונדאָסנײַ לערנענ די ארבעטער אונ פארווענדנ א העלפט צייט אפ דער לערע, אנשטאָט אויסצונוצנ זי פאר דער פראָדוקציע". אונ דאָס קומט פאָר, ניט געקוקט אפ דעם, וואָס קעגנ דער אויסגלייכעריי אינ דעם ארבעטלוינ ווערט אינ דעם געגעבענעם פאל געפירט א קאמפ: די ארבעט פונ די טראקטעריסטנ ווערט באצאָלט העכער, איידער פונ אנדערע. וואָס זשע איז דאָ די סיבע? די זאכ איז אינ דעם, וואָס עס ווערנ ניט אויסגעפילט אנדערע אָנווייזונגענ כ' סטאלינס, באזונדערס די אָנווייזונג וועגנ פארבעסערנ די קולטור־שטייגערישע לעבנ־באדינגונגענ פונ די ארבעטער, אינ דעם געגעבענעם פאל — פונ די טראקטעריסטנ.

כ' סטאלינס אָנווייזונגענ דארפנ פארווירקלעכט ווערנ ניט אפ א ריינ אדמיניסטראטיוונ, קאנצעליארישנ אויפנ, נאָר דורכ ארייננציענ די מאסנ גופע אינ קאמפ פאר איינגלידערנ זיי אינ דער אלטעגלעכער פראקטיק.

כ' סטאלינס אָנווייזונגענ דארפ מענ דורכפירנ אינ לעבנ ניט אבסטראקט, ניט „בכלל", נאָר פראקטיש, אפ א זאכלעכנ אויפנ, אינ ענגער פארבינדונג מיטנ קאמפ פאר אויספילנ וואָס בעסער די אָרדנטלעכע ווירטשאפטלעכע אויפגאבנ, אינ ענגער פארבינדונג מיטנ פארווירקלעכנ די אנדערע דירעקטיוונ פונ דער פארטיי אונ פונ דער ראטנמאכט, אינ ענגער פארבינדונג מיטנ קאמפ קעגנ דער אָפּאָרטוניס־

טישער ניט־דערשאַצונג פֿון די דאָזיקע אָנווייזונגען און קעגן די פּרוּוון פֿונעם קלאַסן־סוינע צו שטערן זיי דורכפֿירן אין לעבן.

די פֿאַרווירקלעכונג פֿון די סטאַלינשע אָנווייזונגען האָט א קאָלאָסאַלע ווירקונג אף העכערן די צאָליקע און קוואַליטאַטיווע ציפֿערס פֿון אונדזער גאַנצער אַרבעט אף פֿאַרשנעלערן די טעמפּן פֿון דער סאָציאַליסטישער בויונג.

אין אַלע פֿאַלן, ווען עס זײַנען דערגרייכט געוואָרן גרויסע ווירטשאַפֿטלעכע דערפֿאָלגן, זײַנען די דאָזיקע דערפֿאָלגן א דירעקטער רעזולטאַט פֿונעם אקשאָנעסדיקן קאַמף פֿאַר אײַנגלידערן אין דער אַרבעט פֿון דער געגעבענער אונטערנעמונג כ׳ סטאַלינס 6 אָנווײַזונגען. און פֿאַרקערט, אין אַלע פֿאַלן פֿון גרויסע כעסרוינעס און דורכרײַסן אין אויספֿילן די ווירטשאַפֿטלעכע פּלענער דערקלערן זיך די דאָזיקע דורכפֿאַלן קודעמקאָל מיט דער אומפֿייִקײַט איבערצובויען די אַרבעט לויט כאַ־ווער סטאַלינס אָנווײַזונגען.





צווייטער טייל

מאכנ אלע קאָלווירטניקעס פאר פארמעגלעכע

דער סטאַלינשער לאָזונג

מיטנ אָרגאניזירנ ריכטיק די קאָלעקטיווע ווירטשאפט שטעלנ מיר זיכ די אופגאבע צו פארפעסטיקנ די קאָלווירטנ, אופהייבנ די פּראָדוקטיווקייט פונ דער קאָלווירטישער ארבעט, העכערנ די האכנאָסעדיקייט פונ די קאָלווירטנ, פארבעסערנ די מאטעריעלע לאגע פונ די קאָלווירטניקעס.

אונ ווירקלעכ, אינ אלע קאָלווירטנ, ווו די ווירטשאפט איז אָרגאניזירט ריכטיק, אפנ גרונט פונ די אָנווייזונגענ פונ דער ראטנמאכט אונ פונ דער קאָמוניסטישער פּארטיי, האָט זיכ די מאטעריעלע לאגע פונ די קאָלווירטניקעס באדייטנדיק פארבעסערט.

באזונדערס קלאָר אונ מאמאשעסדיק האָט זיכ ארויסגעוויזנ די קאָזיקע פארבעסערונג אינ דער לאגע פונ דער אָרעמשאפט. ניט ווייניקער ווי 20 מ י ל י אָ נ אָ ר ע מ פ ו י ע ר י מ, וואָס זיינענ ארײַנ אינ די קאָלווירטנ, האָבנ זיכ אפּ שטענדיק געשיידט מיטנ אָרעמפויערשנ ביטערנ שיקזאל, זיינענ געוואָרנ באזאָרגטע מענטשנ, האָבנ זיכ אופגעהויבנ ביזנ ניוואָ פונ מיטלפויער.

אָבער דאָס איז נאָכ, ווי כ׳ סטאלינ האָט געזאָגט, — בלויז דער ע ר ש ט ע ר שריט, אונדזער ע ר ש ט ע דערגרייכונג אינעם פראט פונ פארבעסערנ דאָס לעבנ פונ די פויערשע מאסנ. מע דארפ מאכנ דעמ צ ו ו י י ט נ שריט, מע דארפ קעמפנ פאר די ווייטערדיקע דערגרייכונגענ.

„אינ וואָס באשטייט דער דאָזיקער צווייטער שריט? ער באשטייט אינ אופהייבנ די קאָלווירטניקעס, — אי די געוועזענע אָרעמפויערימ אי די געוועזענע מיטלפויערימ, — נאָכ העכער. ער באשטייט אינ מ א כ נ א ל ע ק אָ ל ו ו י ר ט נ י ק ע ס פ א ר פ א ר מ ע ג ל ע כ ע״.

אָט דאָס איז דער לאָזונג פונ דער פּארטיי, וואָס כ׳ סטאלינ האָט ארויסגערוקט אפנ אלפארבאנדישנ צוזאמענפאָר פונ די קאָלווירטניקעס־שלאָגלער.

אייניקע קאָלווירטניקעס פרעגנ: ווי שיקט זיכ דאָס? האָבנ דאָכ די באָלשעווי־

קעמ שטענדיק געטײַנעט, אז פונ פארמעגלעכע וואקסנ באלעגופימ, פארוואָס זשע זײַנענ איצט די פארטיי אונ די ראטנמאכט פאר פארמעגלעכקײַט?

די באלעגופימ סטארענ זיכ מיט אלע מיטלענ צו פארשפרייטנ צווישנ די מאסנ אומצוטרוי צומ סטאלינשנ לאָזונג. לעמאָשל, אפ דער פארזאמלונג פונ די קאָלווירטניקעמ פונ דער סטאניצע סאקמארסקאיא, ארענבורגער ראיאָנ, האָט זיכ באמ פאָרטראג פונ דעמ דעלעגאט, וואָס האָט זיכ אָקאָרשט אומגעקערט פונעמ אלפארבאנדישנ צוזאמענפאָר פונ די קאָלווירטניקעמ-שלאָגלער, דערהערט פונ די הינטערשטע רייענ אזא פארביסענע רעדע:

„אהא, איצט האָט מענ זיכ שוינ גענומענ א קער טאָנ זיכ צומ פארמעגלעכנ! דאָ האָט מענ פונ פארמעגלעכנ געמאכט א טעל, אונ איצט אלעמענ פאר פארמעגלעכע מאכנ! אונ הייבסטו אָנ צו לעבנ בעסער — איז ווידער אנטבאלעגופענ? מיר ווייסנ שוינ דעמ דאָזיקנ איניענ!".

מיר דארפנ גרינטלעכ באטראכטנ די פראגע וועגנ דער פארמעגלעכקײַט. דער דאָרפישער קאָמוניסט דארפ קאָנענ געבנ א ווידערשטאנד אזוינע באלעגופישע ארויסטרעטונגענ אונ דארפ קאָנענ ענטפערנ אפ אלע פראגנ, וואָס אנטשטייענ באמ קאָלווירטניק.

די פארמעגלעכקײַט פריער

וועגנ וואָס רעדט דער סטאלינשער לאָזונג? וועגנ פארבעסערנ די מאטעריעלע לאגע פונעמ קאָלווירטישנ פויערטומ, אָבער די רעוואָליוציאָנערע סאָציאליסטנ, די קאָמוניסטנ-באָלשעוויקעס האָבנ דאָכ שטענדיק געשטעלט טאקע דעמ דאָזיקנ ציל — צו פארבעסערנ דאָס לעבנ פונ די ארבעטנדיקע מאסנ. די קאָמוניסטנ, די ארבעטער האָבנ טאקע צוליב דעמ אראָפגעוואָרפנ די מאכט פונ דער בורזשואזיע, קעדיי מיטנ אָרגאניזירנ די ראטנמאכט, מיטנ אײַנאָרדענענ סאָציאליסטיש די געזעלשאפט אופהייבנ די ארבעטנדיקע מאסנ פונ דאלעס אונ פינצטערקײַט אפ דער הייכ פונ א פולקומ באוואָרנטנ אונ קולטורעלנ לעבנ, וואָס איז אומעגלעכ באמ קאפיטאליזמ. לענינ האָט זייער א סאכ מאָל אָנגעוויזנ אפ דעמ די פויערימ. לעמאָשל, אינעמ „ענטפער אפ אנ אָנפראגע פונ א פויער" אינ 1919 יאָר האָט ער געשריבנ:

„בא דער הערשאפט פונ די פריצימ אונ קאפיטאליסטנ האָבנ גאָר ווייניק פונ די מיטלפויערימ, עפשער איינער אפ א הונדערטער, זיכ דערשלאָגנ א פעסטנ ווילשטאנד, אונ זיכ דערשלאָגנ עס בלויז ארופארבעטנדיק זיכ פאר באלעגופימ, אוועקזעצנדיק זיכ דער אָרעמשאפט אפנ קארק...

באמ סאָציאליזמ איז מעגלעכ א פולשטענדיקער אונ פעסטער ווילשטאנד אי פאר אלע ארבעטער אי פאר אלע מיטלפויערימ אָנ אויסנאמ, ניט ראבירנדיק לאבלוטנ קיינ פרעמדע מי".

אָבער באוואָרענענ א פולשטענדיקנ אונ פעסטנ ווילשטאנד פאר אלע ארבעטנדיקע איז ניט קיינ לײַכטע, ניט קיינ פּאַשעטע אופגאבע. אונ לענינ האָט קיינמאָל

ניט געזאָגט, אַז דאָס קאָנ מענ זיכ דערשלאָגנ איינציקווייז, אנטוויקלענדיק די דריבנע ווירטשאַפט. פאַרקערט, לעניג האָט שטענדיק אָנגעוויזנ, אַז בלויז מיטנ פאַרייניקנ די דריבנע אינדיווידועלע ווירטשאַפטנ אינ א גרויסער קאָלעקטיווער פראָדוקציע קאָנ מענ ארויסגיינ צו א באַוואָרנטנ לעבנ.

מיר ווייסנ אויסגעצייכנט, אַז אַלע אָנשטרענגונגענ פונ די אָרעמפויערימ אונ מיטלפויערימ ארויפצוארבעטנ זיכ אינ פאַרמעגלעכע, זיינענ אינ דער איבערוויגנ־דיקער מערהייט פאַלנ געווענ ארויסגעוואָרפנ. אָט וויאַזוי כ׳ סטאַלינ באַשרייבט די לאַגע אינ דאָרפ, ווי זי איז געווענ נאָכ מיט עטלעכע יאָר צוריק.

„עס פלעגנ רייכ ווערנ אונ גיינ באַרג ארויפ די באַלעגופימ. עס פלעגנ פאַראָרעמט אונ רואינירט ווערנ די אָרעמפויערימ, אַריינפאַלנדיק אינ פאַר־קנעכטונג צו די באַלעגופימ. עס פלעגנ זיכ דראַפענ ארויפצו צו די באַלעגו־פימ די מיטלפויערימ אונ פלעגנ זיכ יעדעס מאָל אַראָפרייסנ, אַנפאַלנדיק די רייענ אָרעמפויערימ, פאַרשאַפנדיק פרייד די באַלעגופימ. עס איז ניט שווער אַנצושטויסנ זיכ, אַז פונ דעמ דאָזיקנ גאַנצנ מישמאַש פלעגנ געווינענ בלויז די באַלעגופימ, אונ עפשער ווער ניט ווער פונ די פאַרמעגלעכע. אויפ יעדע 100 הויפנ אינ דאָרפ האָט מענ געקאָנט אָנציילנ 4—5 באַלעגופישע הויפנ, 8 אָדער 10 הויפנ פאַרמעגלעכע, א 45—50 הויפנ מיטלפויערשע אונ בא 35 אָרעמפויערשע הויפנ. הייסט עס, אַז אַמ ווינציקסטנ 35 פראָצ. פונ אַלע פויערשע הויפנ האָבנ באַטראָפנ די אָרעמפויערשע, וואָס זיינענ געווענ גע־צווּנגענ צו טראָגנ דעמ יאָכ פונ דער באַלעגופישער פאַרקנעכטונג. איכ רייד שוינ ניט וועגנ די ווייניק-מעכטיקע שיכטנ מיטלפויערימ, וואָס האָבנ באַטראָפנ העכער א העלפט פונעמ מיטלפויערטומ, האָבנ קנאַפ וואָס זיכ אונ־טערשיידט לויט זייער לאַגע פונ די אָרעמ־פויערימ, אונ זיינענ געווענ דירעקט אָפהענגיק פונ די באַלעגופימ".

אויפ וואָס פאַר א אויפנ אָבער האָט זיכ איינגעגעבנ דער נישטיקער מינדער־הייט ארויפצוארבעטנ זיכ אינ פאַרמעגלעכע אונ באַלעגופימ? דער דאָזיקער אויפנ איז אונדז גוט באַוווּסט. ער איז איינער אינ אַלע לענדער. דאָס איז די עקס־פלואַטאַציע פונ די אומפאַרמעגלעכע, דאָס אָנלעבנ פונ פרעמדער אַרבעט. כאַווער סטאַלינ זאָגט:

„קעדיי צו ווערנ א פאַרמעגלעכער, האָט מענ געמוזט באַוועלנ די איי־גענע שכיינימ, האָט מענ זיי געמוזט אַנ עקספלואַטיר טאָנ, פאַרקויפנ זיי טיי־ערער, קויפנ בא זיי ביליקער, דינגענ וועמענ ניט איז פונ די באַטראַקעס, אַנ עקספלואַטיר טאָנ זיי ווי געהעריק, אָנזאַמלענ א קאַפיטאַלכל אונ, פאַר־פעסטיקנדיק זיכ, ארויסדראַפענ זיכ נאָכדעמ צווישנ די באַלעגופימ. דערמיט, אייגנטלעכ, דערקלערט זיכ, וואָס די פאַרמעגלעכע פלעגנ פריער בא דער אינדיווידועלער ווירטשאַפט ארויסרופנ אומצוטרוי אונ האַס בא די אָרעמ־פויערימ אונ מיטלפויערימ".

אָט פאַרוואָס די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט אינ איר צייט אַנטשיידנ אָפ־געוואָרפנ דעמ פאָרשלאָג פונ איינעקע קאָמוניסטנ צו פירנ אַזא פאָליטיק, צו ווענדנ זיכ צומ גאַנצנ פויערטומ מיט אַזא לאָזונג: „באַרייכערט זיכ, זאַמלט אָנ". אַזא לאָזונג האָבנ ארויסגערוקט איינעקע פאַרטיי־מיטגלידער נאָכ אינ דער צייט, ווענ אינ דאָרפ האָט געהערשט די דריבנע פריוואַט־אייגנטימערישע ווירטשאַפט

און קאָלווירטנ זײַנענ געווענ זייער ווייניק. די פּאַרטיי האָט האַרב פאַרורטיילט די דאָזיקע מענטשנ אַלס רעכטע אָפּאָרטוניסטנ, אַלס באַלעגופּישע אַגענטנ.

פאַרשטייט זיכ, די ראַטנמאַכט און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָבנ געטאָנ אַלצ, וואָס איז מעגלעכ, קעדיי צו העלפנ די אָרעמפּויערימ און מיטלפּויערימ אויפצושטעלנ און פאַרבעסערנ זייער ווירטשאַפט, קעדיי באַזונדערס צו העלפנ דער אָרעמשאַפט, באַשיצנ זי פונ דער באַלעגופּישער עקספּלואַטאַציע. אָבער די פּאַרטיי און די ראַטנמאַכט האָבנ שטענדיק אָפּ אַ לענינשנ אויפנ דערקלערט, אַז די אַנטוויקלונג פונ דער דריבנער פּריוואַטער ווירטשאַפט קאָנ בעשום־אויפנ ניט ברענגענ צו אַ ראַדיקאַלער פאַרבעסערונג פונעמ לעבנ פונ די פּויערשע מאַסנ, אַז פאַרנ פּויערטומ זײַנענ פאַראַנ בלויז צוויי וועגנ: דער אַלטער און דער נײַער.

„בא דער אַלטער אָרדענונג, — זאָגט כ' סטאַלינ, — האָבנ די פּויערימ געאַרבעט אײנציקווײַז, געאַרבעט מיט די אַמאָליקע אַלטפרענקישע מיטלענ, מיט די אַלטע אַרבעט־געצײַג, געאַרבעט פאַר די פּריצימ און קאַפּיטאַליסטנ, פאַר די באַלעגופּימ און ספּעקוליאַנטנ, געאַרבעט, לעבנדיק אינ הונגער און רײַכ מאַכנדיק אַנדערע. בא דער נײַער קאָלווירטישער אָרדענונג אַרבעטנ די פּויערימ געמיינזאַמ, אַפּ אַנ אַרטעל־אויפנ, זיי אַרבעטנ מיט דער הילפ פונ נײַע געצײַג — מיט טראַקטערס און לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס, זיי אַרבעטנ פאַר זיכ און פאַר זייערע קאָלווירטנ, זיי לעבנ אָנ קאַפּיטאַליסטנ און פּריצימ, אָנ באַלעגופּימ און ספּעקוליאַנטנ, זיי אַרבעטנ, קעדיי פונ טאָג צו טאָג פאַרבעסערנ זייער מאַטעריעלע און קולטורעלע לאַגע. דאָרט, בא דער אַלטער אָרדענונג, איז די רעגירונג אַ בורזשואַזע און זי אונטערשטיצט די גווירימ קעגנ די אַרבעטנדיקע פּויערימ. דאָ, בא דער נײַער, קאָלווירטישער אָרדענונג איז די רעגירונג אַנ אַרבעטער־פּויערשע און זי אונטערשטיצט די אַרבעטער און פּויערימ קעגנ אַלע און אַלערליי גווירימ. די אַלטע אָרדענונג פירט צומ קאַפּיטאַליזמ. די נײַע אָרדענונג — צומ סאָציאַליזמ".

אָבער די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ האָבנ זיכ פאַרגעשטעלט (און אַזוי טראַכטנ נאָכ איצט אייניקע פּויערימ), אַז כוצנ קאָלווירטיש־סאָציאַליסטישנ וועג און דעמ קאַפּיטאַליסטישנ וועג איז נאָכ פאַראַנ פאַרנ דאָרפ עפּעס אַ באַזונדערער, אַ דריטער אַנטוויקלונגס־וועג — מיטנ אײַנהיטנ די אינדיווידועלע ווירטשאַפט, מיט דערלאָזנ די באַלעגופּימ, אָבער אָנ גרויסע קאַפּיטאַליסטנ און אָנ פּריצימ. דאָס איז אַ טעות. עס איז ניטאָ קיינ שומ דריטער וועג.

„דער אַזויגערופענער דריטער וועג, — זאָגט כ' סטאַלינ, — איז אינ דער ווירקלעכקײַט דער צווייטער וועג, דער וועג פונ צוריקקערנ זיכ צומ קאַפּיטאַליזמ".

ווײַל אַפּנ באָדנ פונ דער דריבנער ווירטשאַפט וואַקסט אומפאַרמײַדלעכ די באַרײַכערונג פונ ווייניקע און די פאַראָרעמונג פונ די מאַסנ, עס וואַקסנ נײַע קאַפּיטאַליסטנ, עס אַנטוויקלענ זיכ די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישנ אינ דאָרפ. און דאָס מוז סאָפּקאָלסאָפּ אומפאַרמײַדלעכ ברענגענ צו דער אויפשטעלונג פונ דער מאַכט פונ די קאַפּיטאַליסטנ און פּריצימ.

אַט פאַרוואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די ראַטנמאַכט האָבן אַנט־שיידן פאַרורטיילט דעם לאָזונג פון באַרעכטיקונג זיך אין די באַדינגונגען, וועלכע האָבן דאָמינירט די דריבנע אינדיווידועלע ווירטשאַפט אינדאָרף.

די פאַרמעגלעכקייט איצט

אָבער די לאַגע האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט פון דעם מאָמענט, ווען די קאָלאָסאַלע מערהייט אָרעמפּויערים און מיטלפּויערים איז אַריין אין די קאָלווירטן. די מיליאָנען אָרעמפּויערים, וואָס זיינען געוואָרן קאָלווירטניקעס, האָבן זיך שוין דערשלאָגן צו אַ באַוואָרנטן לעבן פון אַ מיטלפּויער. ווי אַזוי האָבן זיי זיך דערשלאָגן? דורך עקספּלואַטירן פרעמדע אַרבעט?

ניין, דורך דער געמיינזאַמער אַרבעט אין די קאָלווירטן. און די עקספּלואַטאַציע האָבן זיי, פּאַרקערט, פאַרניכטעט, האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די באַלעבאַטישע פאַרקנעכטונג, ליקווידירנדיק דאָס באַלעגופטישקייט אַלס קלאַס אויף דער באַזע פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע.

איצט שטייט פאַר אונדז די אויפגאַבע — מאַכן אַלע קאָלווירטניקעס פאַר פאַרמעגלעכע. לאָמיר באַמערקן: עס האַנדלט זיך ווען מאַכן פאַר פאַרמעגלעכע ניט די אינדיווידועלע, נאָר די קאָלווירטניקעס — די געוועזענע אָרעמפּויערים און מיטלפּויערים. און עס האַנדלט זיך ווען מאַכן פאַר פאַרמעגלעכע ניט איינצלנע קאָלווירטניקעס, — אַזוינע זיינען שוין איצט אויך פאַראַן אַ סאַך, — נאָר אַלע קאָלווירטניקעס.

וואָס זשע איז דערצו נייטיק? צי איז דערצו נייטיק עקספּלואַטאַציע, אָנלעבן אויף פרעמדער מי? וועגן דעם האַנדלט זיך דאָך טאַקע, אַז ניין. דערצו איז נייטיק בלויז די געמיינזאַמע סאָלידאַרישע אַרבעט אין די קאָלווירטן.

„קעדיי די קאָלווירטניקעס זאָלן ווערן פאַרמעגלעכע, — זאָגט ח' סטאַלין, — פאָדערט זיך איצט בעשומויפן ניט צו באַאַוולען אָדער עקספּלואַטירן די אייגענע שכיינים. און עס איז איצט גאָרניט לייכט צו עקספּלואַטירן ווען עס איז, ווייל קיין פּריוואַטאייגנטום אָדער אַרענדע אויף ערד איז איצט בא אונדז מער ניטאָ, די מאַשינען און טראַקטאָרן געהערן דער מי־לוכע און מענטשן, וואָס באַזיצן קאַפּיטאַל, זיינען איצט ניט אין דער מאָדע אין די קאָלווירטן. עס איז געווען אַזאַ מאָדע, אָבער זי איז שוין פאַר־שוואונדן אויף אייביק. קעדיי די קאָלווירטניקעס זאָלן ווערן פאַרמעגלעכע, פאָדערט זיך איצט בלויז איין זאַך — אַרבעטן אין קאָלווירט ערלעך, ריכטיק אויסנוצן די טראַקטערן און מאַשינען, ריכטיק אויסנוצן דאָס אַרבעטפי, ריכטיק באַאַרבעטן די ערד, אָפּהיטן דאָס קאָלווירטישע אייגנטום...

און אויב מיר וועלן האָרעווען ערלעך, האָרעווען פאַר זיך, פאַר אונדזערע קאָלווירטן, — וועלן מיר זיך דערשלאָגן דערצו, אַז אין אַ וואָסערע צוויי־דריי יאָר וועלן מיר אויפהייבן אַלע קאָלווירטניקעס, אי די געוועזע־



אנ אבאז פונ 25 פורנ פירט אוועק פאר דעמ קאָלווירטניק אזייעוו, דעמ בעסטנ שלאָגלער פונ קאָלווירט „באכטא“ (טאטערשע אכסר), דאָס ברויט, וואָס ער האָט פארדינט פונ די טעג ארבעט

זענענ ארעמפויערים אי די געוועזענע מיטלפויערים, ביזנ ניוואָ פונ פארמעגלעכע, ביזנ ניוואָ פונ מענטשנ, וואָס האָבנ בעשעפע פראָדוקטנ און וואָס פירנ א פולקומ קולטורעל לעבנ.

דערינ איז איצט אונדזער נאָענטע אויפגאבע. אָט דאָס קאָנענ מיר זיכ דערשלאָגנ און דאָס דארפנ מיר זיכ דערשלאָגנ פאר יעדנ פרײַז“.

אָט וויאזוי די זאכ האָט זיכ איצט אויסגעדרייט. די קאָלאָסאלע מאסע פראָדוקטנ, וואָס די אלגעמיינע געמיינזאמע ארבעט אינ די קאָלווירטנ שאפט, באוואָרנט דעמ וווּקס פונ דער קאָלעקטיווער סאָציאליסטישער (און ניט פריוואטער) ווירטשאפט, באוואָרנט דעמ וווּקס פונ דער סאָציאליסטישער (און ניט קאפיטאליסטישער) אָנזאמלונג אינ די קאָלווירטנ גופע און אינ דער ראטנ־מעלוכע. א טייל פראָדוקטנ, וואָס קומט ארײַנ צו די קאָלווירטניקעס אינ די הענט און וואָס שטײַגט אויכ אלצ מער, דינט אָפּ באפרידיקנ וואָס בעסער די פערזענלעכע באדערפענישנ פונ די קאָלווירטניקעס (און ניט אָפּ אָנלעבנ פונ פרעמד־ער ארבעט).

אזוי ווערט באוואָרנט אפנ מעכטיקנ, אײַנפעסטנ יעסאָד פונ דעמ געמיינזאמענ אייגנטומ, פונ דער געמיינזאמער קאָלווירטישער ארבעט דער אלצ מער שטײַגנדיקער וווילשטאנד פונ יעדנ קאָלווירט־מיטגליד.

אָט פארוואָס די קאָמוניסטישע פארטיי און די ראטנמאכט מיט כאווער סטאלינענ בעראָש, אינ פולנ העסקעמ מיט דער לערע פונ מארקס־ענגעלס־לענינ, האָבנ איצט ארויסגערוקט דעמ לאָזונג „מאכנ אלע קאָלווירטניקעס פאר פארמעגלעכע“.

און כאווער סטאלינ האָט אינ זײַנ רעדע פאר די קאָלווירטניקעס־שלאָגלער איבערצײַגנדיק באוויזנ, אז איצט האָבנ מיר אלצ, וואָס עס איז נייטיק אָפּ פארווירקלעכנ דעמ לאָזונג אינ דער פראקטיק. ער האָט געזאָגט:

„דערצו פאָדערט זיכ קוידעמקאָל, אז די קאָלווירטנ זאָלנ האָבנ ערד פולקומ באוואָרנטע אינ פאסיקע צו באארבעטנ. צי איז זי פאראנ בא אײַכ? יאָ. זי איז פאראנ. עס איז באוואוסט, אז אלע בעסטע ערדנ האָט מענ

איבערגעגעבנ די קאָלווירטנ אונ פארפעסטיקט פאר זיי שטארק. הייסט עס, די קאָלווירטניקעס קאָנענ באארבעטנ אונ פארבעסערנ די יידאָזיקע ערד, וויפל זיי געלוסט זיכ, ניט מוירע האָבנדיק, אז זי וועט פונ זיי אוועקגיינ אינ פרעמדע הענט.

דערצו פאָדערט זיכ, צווייטנס, אז די קאָלווירטניקעס זאָלנ קאָנענ זיכ באנוצנ מיט טראקטערס אונ מאשינעס. צי זײַנענ זיי פאראנ בא אײַכ? יאָ. פאראנ. אלעמענ איז באוווסט, אז אונדזערע טראקטער־זאוואָדנ אונ זאוואָדנ פאר לאנדווירטשאפטלעכער מאשינבויונג ארבעטנ קוידעמקאָל אונ הויפטזאכלעכ פאר די קאָלווירטנ, באזאָרגנדיק זיי מיט אלע מאָדערנע געצײַג.

דערצו פאָדערט זיכ, צולעצט, אז די רעגירונג זאָל אונטערשטיצנ מיט אלע קויכעס די קאָלווירטישע פויערימ אי מיט מענטשנ אי מיט פינאנסנ אונ זאָל ניט לאָזנ די רעשטלעכ פײַנטלעכע קלאסנ דעזאָרגאניזירנ די קאָלווירטנ. צי האָט איר אזא רעגירונג? יאָ, איר האָט. זי רופט זיכ אָנ ארבעטער־פויערישע רעגירונג. רופט מיר אָנ א לאנד, ווו די רעגירונג זאָל אונטערשטיצנ ניט די קאפיטאליסטנ אונ פריצימ, ניט די באלעגופימ אונ אנדערע גווירימ, נאָר די ארבעטנדיקע פויערימ. אפ דער וועלט איז ניטאָ אונ עס איז ניט געווענ אזא לאנד. בלויז בא אונדז אינ ראטנלאנד עקזיסטירט א רעגירונג, וואָס שטייט ווי א פעלדז פאר די ארבעטער אונ פויערימ־קאָלווירטניקעס, פאר אלע ארבעטנדיקע פונ שטאָט אונ דאָרפ, קעגנ אלע גווירימ אונ עקספלואטאטערס.

הייסט עס, בא אײַכ איז פאראנ אלצ, קעדיי צו פאנאנדערוויקלענ די קאָלווירטישע בויונג אונ דערשלאָגנ זיכ די פולשטענדיקע באפרײַונג פונ די אלטע פײַנטעס.

פונ אײַכ פאָדערט זיכ בלויז איינ זאכ — האָרעווענ ערלעכ, טיילנ די קאָלווירטישע האכנאָסעס לויט דער ארבעט, שאנעווענ דאָס קאָלווירטישע גוטס, שאנעווענ די טראקטערס אונ מאשינעס, אײַנשטעלנ א גוטע אופפאסונג אפ די פערד, אויספילנ די אופגעבונגענ פונ אײַער ארבעטער־פויערישער מעלוכע, פארפעסטיקנ די קאָלווירטנ אונ ארויסשלײַדערנ פונ די קאָלווירטנ די באלעגופימ אונ באלעגופישע נאָכטענצער, וואָס האָבנ זיכ אהינ ארײַנגעכאפט".

די באדײַטונג פונ דער ארבעט־פראָדוקטיווקײַט

די דערפאָלגרײַכע לײַזונג פונ דער אופגאבע צו מאכנ אלע קאָלווירטניקעס פאר פארמעגלעכע איז איצט פריער פונ אלצ אונ מער פונ אלצ אָפהענגיק פונעמ העכערנ די ארבעט־פראָדוקטיווקײַט אינ דער לאנדווירטשאפט, פונעמ העכערנ די געראָטנקײַט.

די ארבעט־פּראָדוקטיווקײט דריקט זיך אויס אין דעם סכום פּראָדוקציע, אין דעם פאַרנעם פון דער געמאַכטער ארבעט אין אַן אײנס צײט, לעמאָשל, פאַר אײן שאָ. וואָס העכער עס איז די ארבעט־פּראָדוקטיווקײט, אלץ גרעסער איז די אויס־ארבעטונג, אלץ גרעסער זײנען די האַכנאָסעס פונעם קאָלווירט, אלץ מער באַקומט דער קאָלווירטניק פאַר א טאָג ארבעט.

ווען מיר הייבן אוף די ארבעט־פּראָדוקטיווקײט אין די קאָלווירטן העכער, איי־דער באַם אינדיווידואַל, העכער, איידער זי איז געווען אין דער באַלעגופּישער און פּריצישער ווירטשאַפט, ווערן די נוצן און פאַרצוגן פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט קלאָר און מאַמאָשעסדיק אפילע פאַר די סאַמע אָפּגעשטאַנענע ארבעטנדיקע.

ווען מיר הייבן אוף די ארבעט־פּראָדוקטיווקײט בא אונדז, אין דער סאָציאַ־ליסטישער ווירטשאַפט העכער, איידער אין די פאַרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, באַוואָרענען מיר דערמיט פון דער עקאָנאָמישער זײט דעם ענדגילטיקן ניצאָכן פונעם סאָציאַליזם איבערן קאַפּיטאַליזם.

לענין האָט צוגעגעבן די גרעסטע באַדײַטונג דער העכערונג פון דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײט. ער האָט געשריבן:

„די ארבעט־פּראָדוקטיווקײט דאָס איז אין דער אונטערשטער שורע דאָס וויכטיקסטע, די הויפּטזאַך פאַרן ניצאָכן פון דער נײַער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. דער קאַפּיטאַליזם האָט געשאַפן אַן ארבעט־פּראָדוקטיווקײט, וואָס איז ניט געזען געוואָרן באַם לײַביגנטום. דער קאַפּיטאַליזם קאָן ענדגילטיק באַזיגט ווערן און וועט ענדגילטיק באַזיגט ווערן דערמיט, וואָס דער סאָציאַ־ליזם שאַפט א נײַע א סך א העכערע ארבעט־פּראָדוקטיווקײט".

אָבער וואָס פאַר א באַדינגונגען זײַנען נייטיק אָפּ העכערן די ארבעט־פּראָ־דוקטיווקײט אין אונדזער פאַלקווירטשאַפט?

לענין האָט געהאַלטן פאַר נייטיק דערצו פאָלגנדיקע דרײַ באַדינגונגען: 1) האָבן א גרויסע שווערע אינדוסטריע, וואָס פּראָדוצירט מעטאַל, הייצוואַרג, מאַשינעס, כעמישע פּראָדוקטן; 2) אויפהייבן דעם קולטור־ניוואָ פון די ארבעטנדיקע מאַסן; 3) „העכערן די דיסציפּלין פון די ארבעטנדיקע, קאָנען ארבעטן, פּראָדוקטיווקײט, אינטענסיווקײט אין דער ארבעט, בעסער אָרגאַניזירן זי".

צי זײַנען בא אונדז פאַראַן די דאָזיקע באַדינגונגען, וועגן וועלכע לענין האָט געשריבן אין 1918 יאָר?

דער ערשטער באַדינג — א גרויסע שווערע אינדוסטריע — איז איצט פאַראַן. אונדזער פאָלקווירטשאַפט, דערונטער אויך די לאַנדווירטשאַפט, ווערט באַזאָרגט מיט ערשטקלאַסיקע מאַשינעס, און דער אלץ שטײַגנדיקער צופלוס זייערער איז באַוואָרנט. די דאָזיקע מאַשינעס פאַרקירצן שטאַרק די ארבעט־צײַט, וואָס איז נייטיק אָפּ אויסצופילן די ארבעט. מיר האָבן שוין געבראַכט בײַשפּילן, וויאַזוי די מאַשינען פאַרשנעלערט אין פיל מאָל די ארבעט פונעם לאַנדווירטשאַפטלעכן ארבע־טער און העכערט דערמיט די פּראָדוקטיווקײט. עס בלײַבט אונדז בלויז בא העכערן די נײַע הויכע טעכניק, ריכטיק זי אויסנוצן.

דער קולטור־ניוואָ פון די מאַסן, דערונטער אויך פון די דאָרפישע, איז שטאַרק אויסגעוואַקסן לעגאַבע 1918 יאָר. קומאַט די גאַנצע באַפעלקערונג בא אונדז איז איצט א שרײַבקענעוודיקע, מיליאָנען ארבעטער און פּויערים האָבן באַקומען ביל־

די קעמפער פאַר אַ הויכער גערעטעניש: פונ רעכטס די בריגאַדירשע גומבינאַ, וואָס איז באַלוינט געוואָרנ מיטנ אָרדענ פונ דער רויטער אַרבעט־פאָנ, אונ לינקס דער בריגאַדיר מוסטאַפינ, וואָס איז באַלוינט געוואָרנ מיטנ אָרדנ פונ דער רויטער פאָנ.

דונג אינ די ראַטנ־שולנ, ביז די הויכשולנ, צענדליקער טויזנטער אַרבעטנדיקע באַ־קומענ פּראַקטישע קענטענישנ אינ דער גרויסער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. אָבער דעמ קולטור־ניוואָ פונ די מאַסנ מוזנ מיר אויפהייבנ אָנ אַנ ערעכ העכער, קעדיי צו ספּראַווענ זיכ מיט דער אויפגאַבע צו באַהערשנ די טעכניק, צו ספּראַווענ זיכ מיט דער אויפגאַבע צו העכערנ די אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט.

מער פונ אַלצ פעלט אונדז איצט דיסציפּלינ אינ דער אַרבעט, דאָס קאָנענ אַרבעטנ, די אינטענסיווקייט אינ דער אַרבעט, די בעסערע אָרגאַניזירונג פונ דער אַר־בעט. פונ דעמ טאַקע הענגט איצט מער פונ אַלצ אָפּ די העכערונג פונ דער אַר־בעט־פּראָדוקטיווקייט, באַזונדערס אינ דער לאַנדווירטשאַפט.

יעדע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג האָט איר אַרבעט־אָרגאַניזירונג, וואָס האַלט זיכ אַפּ איר באַזונדערער דיסציפּלינ.

די אַרבעט־אָרגאַניזירונג אינ דער לײַביגנטומ־געזעלשאַפט האָט זיכ געהאַלטנ אַפּ דער שטעקנ־דיסציפּלינ. די אַרבעט־אָרגאַניזירונג אינ דער קאַפּי־טאַליסטישער געזעלשאַפט האַלט זיכ אַפּ דער הונגער־דיסציפּלינ.

„די קאָמוניסטישע אָרגאַניזירונג פונ דער געזעל־
שאַפטלעכער אַרבעט, — זאָגט לענינ, — וואָס דער ער־
שטער שריט צו איר איז דער סאָציאַליזמ, האַלט
זיכ אונ וועט וואָס ווײַטער זיכ אַלצ מער האַלטנ
אַפּ דער פרײַער אונ באַוווּסטזיניקער דיסציפּלינ פונ
די אַרבעטנדיקע גופּע, וואָס האָבנ אַראָפּגעוואָרפנ
דעמ יאָכ סײַ פונ די פּריצימ סײַ פונ די קאַפּי־
טאַליסטנ".

„פאַרשטייט זיכ, — באַמערקט לענינ ווײַטער, די דאָזיקע נײַע דיסציפּלינ פאַלט ניט אַראָפּ פונ הימל אונ ניט פונ פרומע ווינטשנ ווערט זי געבוירנ".

„פארשטייט זיכ, דער דאָזיקער גרעסטער אינ דער געשיכטע פונ דער מענטשהײַט אומבײַט פונ שקלאפישער ארבעט אפ ארבעט פאר זיכ קאָנ ניט פאָרקומענ אָנ רײַבונגענ, אָנ שוועריקײַטנ, אָנ קאָנ־פליקטנ, אָנ צוואנג בענעגייע די אײַנגעוואָרצלטע פאראזיטנ אונ זייערע נאָכשלעפער".

דעריבער האָט לענינ געפאָדערט אָנווענדנ הארבע מאָסמיטלענ קעגנ די, וואָס ברעכנ די ארבעט־דיסציפלינ. דעריבער האָט די ראטנמאכט ארויסגעגעבנ געזעצנ וואָס פאָדערנ אָפזאָגנ די לאָדערס אונ פוסטעפּאסניקעס פונ די מעלוכע־אונטערנע־מונגענ אונ אויסשליסנ זיי פונ די קאָלווירטנ.

די כאווערישע ארבעט־דיסציפלינ איז איינע פונ די יעסוידעס פונ אונדזער ווירטשאפטלעכער אָרדענונג אונ דער סאמע ערשטער באדינג אפ העכערנ די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט.

העכערנ די געראָטנקײַט איז די צענטראלע אופגאבע

אינ דער לאנדווירטשאפט איז דער אופשטייג פונ דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט ענג פארבונדנ מיט נאָכ איינ אויסערסט וויכטיקנ באדינג — מיט העכערנ די געראָטנקײַט פונ די פעלדער.

בא איינע אונ די זעלבע מאשינעס, בא איינער אונ דער זעלבער אינטענסיווקײַט פונ דער ארבעט אונ איר אָרגאניזירונג, בא איינע אונ די זעלבע באָדנ־באדינגונגענ אונ קלימאטישע באדינגונגענ קאָנ די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט זײַנ פארשיידנ,— אָפּהענגיק פונ דער געראָטנקײַט פונ די פעלדער.

וווּ זשע ליגט דאָ דער סאָד?

אינ דעמ, וואָס דער ארבעטער אינ דער לאנדווירטשאפט האָט צו טאָנ ניט בלויז מיט מאשינעס, וואָס זײַנענ געשאפנ געוואָרנ דורכנ מענטשנס מי נאָר אויכ מיט דער מאשינ, וואָס די נאטור האָט געשאפנ, לויט מארקס אויסדרוק. דער פּראָדוצירער אינ דער לאנדווירטשאפט ארבעט מיט דער הילפ פונ באָדנ, פונ די געוויקסנ, פונ די באלעכײַימ, פונ די באקטעריעס,* די דאָזיקע „נאטור־מאשינ" פאָדערט פאר זיכ א באזונדערע אופפאסונג אונ באהאנדלונג, פאָדערט אָפּהיטנ די באזונדערע אגראָנאָמישע (פעלד־ציכטלערישע) אונ זאָאָטעכנישע (פיציכטלערישע) קלאָלימ, פאָדערט א קאמפ קעגנ די שעדיקער, וואָס שטערנ דער ריכטיקער ארבעט פונ דער דאָזיקער „מאשינ" פאר די אינטערעסנ פונעמ מענטשנ.

מע קאָנ אוועקלאָזנ אינ גאנג די בעסטע מאשינ־טעכניק אונ ארבעטנ מיט דער גרעסטער פלײַסיקײַט. אָבער אויב מע זאָל דערבײַ ניט אָפּהיטנ די דערמאָנטע קלאָלימ, וועט די ארבעט ניט געבנ די געהעריקע פּראָדוקטיווקײַט.

---

* זייער קליינינקע לעבעדיקע בעפאשעס, וואָס מע קאָנ ניט זענ מיטנ געווינלעכנ אויג. דאָס אויסנוצנ זיי העכערט באדײַטנדיק די געראָטנקײַט למשל. אדאנק דער ארבעט פונ די באקטעריעס אינ באָדנ, ביטנײַ אויב די פריר־ערד ווערט טיפ אופגעאקערט, זאמלט זיכ אָנ אינ באָדנ צום אָנהייב פרילינג־פארזיי א רעזערוו־סעליטרע (זייער א ווערטפולע באמיסטיקונג) צו 5,5 צענטנער אפ איינ העקטאר.

די אָנווענדונג פונ מאשינעס פארשנעלערט ניט בלויז די ארבעט, נאָר העכערט אויכ די געראָטנקײַט, אָבער בלויז ביטנײַ, אויב עס ווערנ אָפּגעהיט די אָנווײַזונגענ פונ דער אגראָנאָמישער וויסנשאפט. לעמאָשל דאָס אופאקערנ מיט טראַקטער־פלוגנ העכערט די געראָטנקײַט. אָבער אויב מע זאָל די דאָזיקע אופאקערונג דורכפירנ ניט אפ דער געהעריקער טיפ, וועט די געראָטעניש ניט בלויז ניט שטײַגנ, נאָר זי קאָנ אפילע אויכ פאלנ. אפ דעמ האָבנ די שעדיקער אויסגעבויט זייער טעאָריע פונ פלאכער אקערונג, דערווײַזנדיק, אז די פלאכע אקערונג העכערט די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט אדאנק דער פארשנעלערונג פונ דער ארבעט. א פארשנעלערונג פונ דער ארבעט ווערט דאָ ווירקלעכ דערגרייכט. אָבער דאָס פלאכע אקערנ גיט ניט די נייטיקע באארבעטונג פונעמ באָדנ און ווירקט מיט דער פארמערונג פונ די מיסטגראָזנ. אדאנק דעמ ווערט די געראָטעניש אראָפּגעזעצט און סאָפּקאָלסאָפּ באקומט זיכ ניט קיינ העכערונג נאָר אנ אראָפּזעצונג פונ דער ארבעטספּראָדוקטיווקײַט.

אָבער דאָס באטײַט נאָכ ניט, אז שטענדיק און אומעטומ דארפ מענ אקערנ טיפ. אפ די באָדנס, ווו דער אקער־שיכט איז א דינער (לעמאָשל, אפ די אשיקע באָדנס) קאָנ מענ מיט טיפער אופאקערונג איבערדרייענ ארופ דעמ אונטערשטנ ניטפרוכטבארנ שיכט און אזוי־ארומ קאליע מאכנ דאָס גאנצע פעלד.

די רייִקע זיימאשינ העכערט די געראָטנקײַט. אָבער מע קאָנ אוועקשטעלנ א רייִקע זיימאשינ אפ אזא פארזיי־נאָרמע (א פארקלענערטע), אז די מיסטגראָזנ וועלנ נאָכדעמ פארשטיקנ די קולטורעלע געוויקסנ. אאוו.

אָט פארוואָס אינעמ איצטיקנ מאָמענט איז די וויכטיקסטע אופגאבע אפנ געביט פונ אופהייבנ די פּראָדוקטיווקײַט פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט, — דאָס העכערנ די געראָטנקײַט, אײַנגליידערנדיק אומעטומ אינ דער ערדארבעט די אָנווײַזונגענ פונ דער אגראָנאָמישער וויסנשאפט.

צוגלײַכ מיט אויסנוצנ אפנ בעסטנ אויפנ די מאשינעס, צוגלײַכ מיט באהערשנ די מאשינ־טעכניק, צוגלײַכ מיט דער בעסטער ארבעט־אָרגאניזירונג דארפ מענ איצט די גרונט־אופמערקזאמקײַט קאָנצענטרירנ אפ העכערנ די געראָטנקײַט פונ אונדזערע פעלדער דורכ באהערשנ די אגראָטעכניק, דורכ דעמ, אז די גאנצע מאסע ערדארבעטער זאָל אָנווענדנ די אגראָנאָמישע קלאָלימ, און דורכ העכערנ די קוואליטעט פונ דער ארבעט.

בא הײַנטיקנ טאָג, ווי מיר וויסנ, איז דער פארזיי־שעטעכ פארברייטערט לעגאבע דעמ פארמילכאָמעדיקנ אפ 30 מיליאָנ העקטאר. די דאָזיקע אופגאבע אפ אופהייבנ אונדזער לאנדווירטשאפט איז געלייזט געוואָרנ. דאָס קאָלווירטישע פויערטומ וויל איצט העכערנ די געראָטנקײַט פונ די פעלדער, וואָס זײַנענ באהערשט, דעראָבערט געוואָרנ דורכ קאָלעקטיווער ארבעט מיט דער הילפ פונ דער סאָוועטישער מאשינ.

די ראטנ־רעגירונג און די קאָמוניסטישע פארטיי האָבנ ארויסגעגעבנ א געזעצ, וואָס שטעלט טאקע אינ טאָג־סיידער די אופגאבע צו העכערנ די געראָטנקײַט.

„עס איז געקומענ די צײַט, — ווערט געזאָגט אינ דער דאָזיקער בא־

אינ א קאָלווירטישנ אגראָנאָמ־שנ קרייזל

שטימונג, — ווענ פונ דעמ וווקס פונ דער ווירטשאפט אינ דער ברייט דורכ פארגרעסערנ דעמ פארזיי־שעטעכ איז נייטיק א קער טאָנ זיכ צומ קאמפ פאר בעסער באארבעטנ די ערד, צומ קאמפ פאר העכערנ די געראָטנקייט, אלס וויכטיקסטער אונ צענטראלער אויפגאבע אפנ געביט פונ דער לאנדווירטשאפט אפ דער געגעבענער אנטוויקלונגסטאדיע".*

דאָס באטייט ניט, פארשטייט זיכ, אז מיר זאָגנ זיכ אינגאנצנ אָפ פונ פארברייטערנ דעמ פארזיי־שעטעכ. אינעמ ניט שווארצערדישנ, דעמ אזויגערופענעמ „געברויכערישנ" פאס, וועלנ, לויטנ באשלוס פונ דער פארטיי אונ רעגירונג, אויפגעאקערט ווערנ 5 מיליאָנ רויערד, וואָס 4 מיליאָנ דערפונ וועלנ גיינ אפ ווייצ. דער „געברויכערישער" פאס וועט זיינ א פראָדוצירישער (פונ ברויט). עס איז מעגלעכ אונ נייטיק א געוויסע פארגרעסערונג פונעמ פארזיי־שעטעכ אויכ אינ אנדערע ראיאָנענ.

אָבער איצט דארפ מענ דערשלאָגנ זיכ דעמ ווייטערדיקנ צוווּקס פונ דער פראָדוקציע שוינ ניט אזוי פיל דורכ א נייער פארברייטערונג פונעמ פארזיי־שעטעכ, וויפל דורכ העכערנ די געראָטנקייט. נאָכ מער: די נייע פארברייטערונג פונעמ פארזיי פונ אזוינע קולטורנ, ווי די טעכנישע אונ דורכאקער־קולטורנ, וואָלט ניט בלויז ניט געגעבנ קיינ פארגרעסערונג פונ דער פראָדוקציע, נאָר אינ א ריי פאלנ וואָלט זי אפילע אראָפגעזעצט די געראָטנקייט. פארוואָס?

די זאכ באשטייט דערינ, וואָס די דאָזיקע קולטורנ זיינענ זייער ארבעט־אויפנעמפייִק, זיי פאָדערנ א גרויסנ סכומ ארבעטקראפט אונ שלעפקראפט. בא אונדז אָבער זיינענ נאָכ פאראנ ווייניק אזוינע פארפולקומטע

* באשטימונג פונ ראטפאָלקאָמ פססר אונ צק אלקפ(ב) פונ 29־טנ סענטיאבער 1932 יאָר.

מאשינעס אפ באארבעטנ די ערד פאר די דאָזיקע קולטורנ אונ אפ אראָפנעמענ זיי, ווי אינעמ קערנער־צווייג. אָט פארוואָס די ווייטערדיקע פארברייטערונג פונעמ פארזיי־שעטעכ פאר די דאָזיקע קולטורנ וואָלט איצט געפאָדערט אנ אומגעהייער גרויסע אָנלאָדונג פונ ארבעטקראפט אונ שלעפקראפט, וואָלט פארערגערט די ערד־באארבעטונג, די אופּפאסונג אפנ פארזיי, דאָס אראָפנעמענ אונ וואָלט געבראכט צו דער אראָפזעצונג פונ דער געראָטנקייט.

די ארבעט פונ די ווירטשאפטלעכע אונ פארטייִש־סאָוועטישע אָרגאניזאציעס דארפ איבערגעשלאָסנ ווערנ אפ דער אופגאבע צו העכערנ די געראָטנקייט פונ אלע קולטורנ.

אינעמ געזעצ זייַנענ אָנגעוויזנ די הויפּט־מיטלענ צו העכערנ די געראָטנקייט. אינ פארלויפ פונעמ יאָר דארפ אייַנגעפירט ווערנ אינ אלע ראטווירטנ אונ קאָלווירטנ דער „זייפארקער אלס איינס פונ די בעסטע מיטלענ צו העכערנ די געראָטנקייט".

דער זייפארקער באטייַט אייַנטיילנ דעמ פארזיי־שעטעכ פונ דער געגעבענער ווירטשאפט אפ באלאָקימ מיטנ ציל צו זייענ די פארשיידענע קולטורנ אינ א געוויסנ, דעמ סאמע לוינבארנ סיידער. אינ פארשיידענע ראיאָנענ זייַנענ אייַנגעשטעלט פארשיידענע זייפארקערנ, אָפּהענגיק פונ די באָדנ־באדינגונגענ, פונ די קלימאטישע אונ אנדערע באדינגונגענ. דאָס אייַנפירנ די זייפארקערנ איז א נייַע אונ קאָמפּליצירטע זאכ. א ריכטיק צונויפגעשטעלטער זייפארקער דארפ באפרידיקנ א גאנצע ריי פאָדערונגענ.

קודעמקאָל איז אונדז נייטיק אזא זייפארקער, וואָס זאָל באוואָרענענ די פולשטענדיקע אויספילונג פונ די פאָלקווירטשאפטלעכע פּלענער. אינ די פאָלקווירטשאפטלעכע פּלענער פאָדערנ צו פארברייטערנ אינ געוויסע ראיאָנענ דעמ פארזיי־שעטעכ פאר קערנערשע זאנגענ־קולטורנ. אזא פארברייטערנ איז נייטיק, כעדיי צו באפרידיקנ די אויסגעוואָקסענע אינ א קאָלאָסאלער מאָס באדערפעניש אינ ברויט אונ אינ קערנער־פוראזש אפ אנטוויקלענ די פיצוכט. אונדז איז נייטיק א זייפארקער, וואָס זאָל באפרידיקנ די דאָזיקע באדערפעניש. ניט ריכטיק אונ שעדלעכ זייַנענ די פּרווונ צונויפשטעלנ אזוינע זייפארקערנ, וועלכע רעכענענ זיכ ניט מיט דער דאָזיקער פאָדערונג.

כוצ דעמ דארפ דער ריכטיקער זייפארקער באוואָרענענ גוטע „פאָרגייער" פאר די קערנערישע אונ אנדערע גרונט־קולטורנ; ער דארפ מיטהעלפנ אָפּרייניקנ די סאמע פארמיסטיקטע פעלדער מיטנ איבערלאָזנ זיי פאר שווארצברוכ; ער דארפ ווי ווייט מעגלעכ אויסשליסנ אייַנגאנצנ דעמ פארזיי פונ זומער־ווייצ איבער א פעלד פונ זומער־ווייצ, ווייל דאָס ווירקט שטארק מיט דער פארמערונג פונ ווילד־גראָזנ; ער דארפ באוואָרענענ די פוראזש־באזע פאר דער פיצוכט־אנטוויקלונג; פארקלענערנ אינ אייניקע ראיאָנענ דעמ צו גרויסנ שעטעכ טעכנישע קולטורנ אינ דורכאקער־קולטורנ אונ אינ דער זעלבער צייַט אופהייבנ זייער געראָטנקייט אאוו.

מע דארפ אָבער האָבנ אינ זינענ, אז דער זייפארקער קאָנ געבנ ערנסטע רעזולטאטנ בלויז ביטניי, אויב עס ווערנ אָפּגעהיט די אגראָטעכנישע קלאָלימ אונ עס ווערט געפירט א געוויסנהאפטע ארבעט. בלויז בא דעמ דאָזיקנ באדינג וועט דאָס אייַנפירנ דעמ זייפארקער באדייַטנדיק העכערנ די געראָטנקייט. לעמאָשל, דער קאָלווירט „נייַער פּויער" אינ דער צענטראלער

שוואַרצערדישער געגנט האָט באַקומען אַ קאָרנגערעטעניש צו 19 צענטנער פון העקטאַר אין דער צייט, ווען די דורכשניטלעכע גערעטעניש אין ראַיאָן איז 8 צענטנער; 7,5 צענטנער גערשטן בא אַ דורכשניטלעכער גערעטעניש אין ראַיאָן צו 6 צענטנער פון העקטאַר. די קאָמונע „פּראַוודאַ" האָט אין דער זעלבער געגנט, אין פאַרלויף פון 5 יאָר באַקומען 18 צענטנער קאָרן פון העקטאַר לעגאַבע 11 צענטנער דורכשניטלעכע גערעטעניש אין ראַיאָן; האָבער — 15 צענטנער לעגאַבע 12 צענטנער; קערלעך — 12 צענטנער לעגאַבע 8 צענטנער; צוקער־בורעקעס — 195 צענטנער לעגאַבע 129 צענטנער. דער קאָלווירט „אַרעמפּויער" אין מאָסקווער געגנט האָט באַקומען אין אַנדערהאַלבן מאָל אַ העכערע גערעטעניש, איידער די דורכשניטלעכע גערעטעניש אין ראַיאָן אי פון קאָרן, אי פון ווייץ אאַוו.

דאָס איינפירן אומעטום דעם זייפאַרקער קאָן העכערן די גערעטעניש מיט ווייניקער ווי אַ צענטנער אויפן העקטאַר דורכשניטלעך אין גאַנצן פאַרבאַנד. דאָס איז אַלציינס ווי פאַרברייטערן דעם פאַרזיי־שעטעך פון די קערנער־קולטורן אויף גאַנצע 12 מיליאָן העקטאַר.

ווייטער ווערט די העכערונג פון דער גערעטנקייט דערגרייכט דורך איינפירן אַ ריינסאָרטיקן פאַרזיי. צוליב דעם דאָזיקן צוועק ווערט דערפירט דער סאָרטיקער פאָנד קערנער־קולטורן אין די יאָרן 1933—1934 ביז 100 מיליאָן פוד און עס ווערן פאַנאַנדערגעאַרבעט מאָסמיטלען צום אַריבערגיין אויף פאַרזייען ריינסאָרטיקע זריע לויט די ראַיאָנען און קולטורן. אין 1933 יאָר איז בא אונדז פאַרזייט געוואָרן זומער־ווייץ מיט ריינסאָרטיקע קערנער שוין אויף 40 פּראָצ., האָבער מער ווי אויף איין דריטל, ווינטער־ווייץ ווערט פאַרזייט מיט ריינסאָרטיקע קערנער מער ווי אויף אַ העלפט.

בא אונדז האָט מען שוין קולטיווירט אַ גאַנצע ריי ווערטפולע סאָרטן קערנער־קולטורן וואָס צייכענען זיך אויס מיט דער הויכער קוואַליטעט פון ווידערשטאַנד קעגן טריקעניש, קעגן ווינטער, קוואַליטעט פון שנעלער רייפקייט אאַוו. די אויפגאַבע באַשטייט דערהויפּט אין פאַרמערן די דאָזיקע סאָרטן אין דעם נייטיקן סכום. דערצו וועלן זיך פאָדערן אַ ריי יאָרן.

דאָס פאַרבייטן דעם גאַנצן איצטיקן זריע־מאַטעריאַל מיט ריינסאָרטיקער זריע קאָן געבן אַ העכערונג פון דער גערעטנקייט דורכשניטלעך אין ראַטנפאַרבאַנד ווייניקסטנס אויף איין צענטנער פונעם העקטאַר. און דאָס איז אַלציינס, ווי פאַרברייטערן דעם קערנער־פאַרזיי אויף 12 מיליאָן העקטאַר.

די גערעטנקייט קאָן אויפגעהויבן ווערן דורך אָנווענדן, כוץ מיסט, אויך כעמישע באַמיסטיקונג. אַ כעמישע אינדוסטריע איז שוין בא אונדז געשאַפן. די פּראָדוקציע פון כעמישער באַמיסטיקונג ווערט באַדייטנדיק פאַרברייטערט.

צולעצט, ווערט פאַרברייטערט און פאַרבעסערט די פּראָדוקציע פון נייע מאַשינען אויף מעכאַניזירן די טעכנישע און די דורכאַקער־קולטורן.

אָט דאָס זיינען די הויפּט־מאָסמיטלען, וואָס זיינען אָנגעמערקט אינעם געזעץ וועגן העכערן די גערעטנקייט.

כוץ דעם האָט דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט פון די ראַטן באַשטימט איינפירן אין דער לאַנדווירטשאַפט אָבליגאַטערישע פאַר אַלעמען אַגראָנאָמישע קלאַלים. אין דער באַשטימונג ווערט געזאָגט:

„דאָס אָפּהיטן די אַגראָנאָמישע קלאַלים דאַרף און־

הערנ צו זײַנ אַ פּריוואַטע זאַכ פונ אײנצלנע קאָלווירטנ. אינ יעדנ ראַיאָנ דאַרפנ די ראַיאָנע אויספיר־קאָמיטעטנ מיט דער באַשטעטיקונג פונ די קאַנטישע ערד־אָרגאַנענ אײַנשטעלנ אַגראָנאָמישע קלאָלימ, וואָס זאָל זײַנ אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע קאָלווירטנ, קאָלווירטניקעס און אינדיווידואַלנ, און פאַר ניט אָפּהיטנ זיי, דאַרפ מענ באַשטראָפנ מיט אַנ אויסרייד, מיט אַ נאַטור־און געלט־שטראָפ, מיט אַ געזעלשאַפטלעכנ פאָרוואָרפ, און בענעגייע די, וואָס ברעכנ בײַזוויליק די קלאָלימ, וואָס מאַכנ קאַליע די מעלוכישע ערד, — מיט אַנדערע, מער ערנסטע באַשטראָפונגענ".

עס האַנדלט זיכ וועגנ אײַנפאַכע, אַלעמענ צוטריטלעכע מאָסמיטלענ, ווי די פאַרניכטונג פונ די מיסט־גראָזנ, דאָס אָפּרייניקנ און דורכסאַמענ די זריע, דאָס ריכטיקע באַמיסטיקנ די פעלדער, אויפאַקערנ די פריר־ערד, אַקערנ אָפּ דער געהעריקער טיפ, פאַרזייענ אינ די „גערעמעניש־טערמינענ" (פריזיקע און קורצע), אָפּהיטנ די אײַנגעשטעלטע פאַרזיי־נאָרמעס, ריכטיק פאַרדעקנ די קערנער, יעטנ ווי געהעריק, אָראָפּנעמענ ניט פריער און ניט שפעטער פונעמ באַשטימטנ טערמינ אאַוו.

די קאָלווירטניקעס באַגריסנ דאָס אײַנפירנ די אָבליגאַטאָרישע אַגראָנאָמישע קלאָלימ. דאָס אָנווענדנ זיי איצט אינ די באַדינגונגענ פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט לאָזט זיכ דורכויס פאַרווירקלעכנ. דאָס ניט אָנווענדנ די קלאָלימ פונ דער אַגראָטעכניק אינ אײניקע ווירטשאַפטנ ברענגט אַ גרויסנ שאָדנ די שכײנעסדיקע ווירטשאַפטנ (לעמאָשל, דאָס איבערלאָזנ די ווילדגראָזנ און אַנדערע שעדיקער ברענגט דערצו, אַז זיי ווערנ פאַרמערט אָפּ די שכײנעסדיקע ערד־כאַלאָקימ). דער שטרענגער געזעץ, וואָס באַשטראָפט פאַר ניט אָפּהיטנ די אַגראָנאָמישע קלאָלימ, וועט צווינגענ די אָפּשטייענדיקע קאָלווירטנ און אינדיווידואַלנ אונטערצוגאָרטלענ זיכ.

זעלבסטפאַרשטענדלעכ, אַז עס איז ניטאָ קײנ אײנ מאָסמיטל אינעמ פראַט פונ העכערנ די גערעטנקײט, וואָס קעגנ אימ זאָל דער באַלעגופ ניט פירנ די סאַמע בײַזוויליקע אַגיטאַציע און וואָס זײַנ אָנווענדונג זאָל ער זיכ ניט סטאַרענ פאַרקריפּלענ צומ שאָדנ פונ די אַרבעטנדיקע. דערפאָלגרײַכ לייזנ די האָזיקע צענטראַלע גרונטאויפגאַבע אינ דער לאַנדווירטשאַפט איז מעגלעכ בלויז ביטנײַ פונ אַלשאַנעסדיקנ אַלטעגלעכנ קאַמפ קעגנ די באַלעגופישע עלעמענטנ און זײערע מיטהעלפער, ביטנײַ פונ זאָרגזאַמענ קאָנטראָל איבערנ פאַרווירקלעכנ יעדעס מאָסמיטל.

דער וועג פונ די קאָלווירטניקעס צו פאַרמעגלעכקײט ליגט דורכ דער סאָלידאַרישער קאָלווירטישער אַרבעט, דורכ העכערנ די אַרבעט־פּראָדוקטיווקײט, די גע־אַטנקײט פונ די פעלדער, דורכנ אַכזאָריעסדיקנ קאַמפ קעגנ דעמ קלאַסנ־סוינע.



דריטער טייל

אויספילנ די פארפליכטונג פונ דער מעלוכע איז דער ערשטער געבאָט

די נײַע געזעצנ וועגנ אָפּליפערונג פאר דער מעלוכע

פאר דער פארעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ, פארנ העכערנ די ארבעט־פּראָדוקטיווקייט אינ זיי, פארנ פארבעסערנ דאָס לעבנ פונ די קאָלווירטניקעס האָט אנ אויסערסט וויכטיקע באַדײַטונג די דרײַ נײַע געזעצנ, וואָס זײַנענ נעגייע די מאַטעריעלע פארפליכטונגענ פונ די ארבעטנדיקע פונ דאָרפ פאר דער ראטנ־מעלוכע.

לאָמיר איבערגעבנ צוערשט דעם אינהאלט פונ די דאָזיקע באשטימונגענ.

נאָכ אינ פרילינג 1932 יאָר האָבנ די ראטנמאכט אונ די קאָמוניסטישע פארטיי באשטימט צו פארקלענערנ אפ א פינפטל דעם פּלאנ פונ די ברויטפּארגרייטונגענ אינ די קאָלווירטנ אונ אינדיווידועלע ווירטשאפטנ אונ אינ דער זעלבער צײַט פארגרעסערנ דעם פּלאנ פונ די ברויט־פּארגרייטונגענ אינ די ראטווירטנ אינ אָנדערהאלבנ מאָל. לויט די פלייש־פּארגרייטונגענ אינ די קאָלווירטנ, בײַ די קאָלווירטניקעס אונ אינדיווידואלנ איז דער פּלאנ פארקלענערט געוואָרנ אינ צוויי מאָל אונ אינ דער זעלבער צײַט איז ער פארגרעסערט געוואָרנ אינ צוויי מאָל אינ די ראטווירטנ. אומגעפער אזוינע באשטימונגענ זײַנענ אויכ אָנגענומענ געוואָרנ וועגנ די פּארגרייטונגענ פונ אנדערע לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטנ.

צוזאמענ דערמיט איז די קאָלווירטנ, קאָלווירטניקעס אונ ארבעטנדיקע אינדיווידואלנ געגעבנ געוואָרנ די פולע מעגלעכקײַט צו פארקויפנ אומגעשטערט די מויסרעס פונ זייער פּראָדוקציע אפ די מערק לויט די פרײַזנ, וואָס בילדנ זיכ דאָרטנ אויס.*

אינ הארבסט אונ ווינטער 1932—1933 יאָרנ איז דער פּלאנ פונ די פלייש־פּארגרייטונגענ אינ די ראטווירטנ ווידעראמאָל פארגרעסערט געוואָרנ מער ווי אינ צוויי מאָל, אונ די פארפליכטונגענ אפ אָפּליפערנ

* באשטימונג פונ ראטפאָלקאָמ פסטר אונ צק אלקפ(ב) פונ 6, 10 אונ 20־טנ מײַ 1932 יאָר.

פלייש דער מעלוכע זײַנען פאַר די קאָלווירטן, קאָלווירטניקעס און אינדיווידואַלנ באַדײַטנדיק פאַרקלענערט געוואָרנ. דערבײַ איז דער סײַדער פונ אויספילנ די דאָזיקע פאַרפליכטונגענ וועזנטלעכ געענדערט און פאַרלײַכטערט געוואָרנ. נעמלעכ: דער אָפּמאַכ־סיידער (קאָנטראַקטאַציע) איז אָפּגעשאַפנ געוואָרנ, און עס זײַנענ אײַנגעפירט געוואָרנ פעסטע נאָרמעס פונ אָבליגאַטאָרישע פלייש־אָפּליפערונגענ דער מעלוכע לויט די מעלוכע־פרײַזנ. די דאָזיקע נאָרמעס זײַנענ אײַנגעשטעלט געוואָרנ אַפ 15 באַדאָשימ פאָרויס (פונ 1־טנ אָקטיאַבער 1932 יאָר ביזנ 1־טנ יאַנוואַר 1934 יאָר). זיי האָבנ די קראַפט פונ א שטײַער און קענענ זיי ניט העכערנ. קאַטעגאָריש ווערט אויכ פאַרווערט לויטנ געזעצ צו געבנ וועלכע ניט איז צוגאָב־אָדער אַנטקעגנ־פּלענער פונ פלייש־אָפּליפערונג. די פאַרפליכטונגענ דאַרפנ אויסגעפילט ווערנ אינ קוואַרטל־טערמינענ אינ א באַשטימטנ פראָצענט פונ דער גאַנצער 15־באַדאָשימדיקער נאָרמע. די פינקטלעכע ליפעראַנטנ ווערט באַוואָרנט די פולע מעגלעכקײַט צו באַלעבאַטעווענ פרײַ איבער די מויסרעס פונ זייער פראָדוקציע לויט זייער אייגענעם אײַנזענ.

פלייש קאָנ מענ אָפּליפערנ מיט יעטווידער מינ פי אָדער אויפעם אינ לעבעדיקער וואָג. און די איינצלנע ליפעראַנטנ קאָנענ זיכ צוליב דעם דאָזיקנ ציל פאַראייניקנ אינ גרופּעס. דאָס פאַרלײַכטערט באַדײַטנדיק די אָפּליפערונג.

עס ווערנ אײַנגעשטעלט דרײַערליי אָפּליפערונג־נאָרמעס: פאַר הויפנ, וואָס געפינענ זיכ אינ קאָלווירטנ מיט סכוירע־פערמעס, — פונ 15 ביז 25 קילאָגראַמ פלייש אינ לעבעדיקער וואָג, לויטנ ראַיאָנ; פאַר הויפנ, וואָס געפינענ זיכ אינ קאָלווירטנ אָנ סכוירע־פערמעס, — פונ 25 ביז 32 קילאָגראַמ, פאַר אינדיווידועלע ווירטשאַפטנ — פונ 40 ביז 50 קילאָגראַמ.

דאָס הייסט, אַז עס ווערנ געשאַפנ באַזונדערע להאָטעס, ערשטנס, פאַר די קאָלווירטניקעס אינ פאַרגלײַכ מיט די אינדיווידואַלנ און, צווייטנס, פאַר די קאָלווירטניקעס, וואָס האָבנ אָרגאַניזירט סכוירע־פערמעס, אינ פאַרגלײַכ מיט די קאָלווירטניקעס, וואָס האָבנ ניט קיינ פערמעס.

פאַר די קאָלווירטישע פערמעס ווערנ אײַנגעשטעלט אַפ 15 באַדאָשימ פאָרויס באַזונדערע פעסטע נאָרמעס פונ פלייש־אָפּליפערונג.*

ענלעכע געזעצנ זײַנענ אויכ אַרויסגעגעבנ געוואָרנ וועגנ אָפּליפערנ אָבליגאַטאָריש דער מעלוכע לויט די מעלוכע־פרײַזנ מילכ, פוטער און קעז פונ די קאָלווירטנ (פערמעס), קאָלווירטניקעס און אינדיווידואַלנ. פעסטע נאָרמעס אינ ליטערס זײַנענ אײַנגעשטעלט געוואָרנ אַפנ 1933 יאָר, פונ א קו. עס ווערט פאַרווערט א וועלכע ניט איז העכערונג פונ די דאָזיקע נאָרמעס, די גאַנצע מויסרעס פונ דער פּראָדוקציע, אויב עס ווערנ פינקטלעכ אויסגעפילט די אָבליגאַטאָרישע אָפּליפערונגענ דער מעלוכע, פאַרבלײַבט אינ פולשטענדיקנ רעשוס פונ די ליפעראַנטנ.**

אַזוי־אַרומ, ווערט דער קאָלווירטישער האַנדל מיט פי, פלייש און מילכ־פּראָ-

* באַשטימונג פונ ראַטפאָלקאָמ (ססר) און צק אַלקפ(ב) פונ 23־טנ סענטיאַבער 1932 יאָר. וועגנ די פלייש־אָפּליפערונגענ אינ 1934 יאָר איז אַרויסגעגעבנ געוואָרנ אינ גרונט אויכ אַזא געזעצ.

** באַשטימונג פונ ראַטפאָלקאָמ פונ ססר און צק אַלקפ(ב) פונ 19־טנ דעקאַבער 1932 יאָר.

דוקטן דערלויבט אינ פארלויפ פונ א קאַלענדאַריק יאָר באַם באַדינג פונ פּינקטלעכן אויספילן די פארפליכטונגען פאר דער מעלי־כע.

אינ יאנוואר 1933 יאָר איז דער קאָנטראקטאציע־סיסטעם פארבייטן געוואָרן מיט פעסטע פארפליכטונגען פאר די קאָלווירטן אָפּצוליפערן די גרונט־פּראָדוקציע פונ דער לאנדווירטשאפט — די קערנער. פאר די קאָלווירטן זיינען איינגעשטעלט געוואָרן פעסטע נאָרמעס פונ אָבליגאטאָרישע קערנער־אָפּליפערונגען דער מעלוכע לויט די מעלוכע־פרייזן (אינ צענטנערס) פונ א העקטאר, פונעם שעטעכ ווינטער־טוועס, וואָס איז פארזייט געוואָרן אינ 1932 יאָר, און פונ א העקטאר פונעם פארזיי־פּלאן פונ די זומער־קולטורן פונ 1933 יאָר. די פארפליכטונגען דארפ מענ אויספילן אינ באשטימטע קאלענדאר־טערמינען אינ פּראָצענטן פונ דער העקטאר־נאָרמע.*

אינ דער באשטימונג וועגן דעם פארזיי־פּלאן פונ די ווינטער־טוועס פונ 1933 יאָר האָט די ראטנ־רעגירונג דערקלערט, אז פונעם שעטעכ, וואָס דער קאָלווירט אָדער די אינדיווידועלע ווירטשאפט האָבן פארזייט אכוץ דעם דאָזיקן פּלאן, וועט קיינ אָבליגאטאָרישע קערנער־אָפּליפערונג דער מעלוכע ניט גע־מאכט.**

די אָפּליפערונג־נאָרמעס זיינען, פארשטייט זיכ, פאר פארשיידענע געגנטן און אינ יעדער ראיאָן ווערן איינגעשטעלט באזונדער לויט די קולטורן זוי־ערע נאָרמעס אפ דער באזע פונ די נאָרמעס, וואָס די צענטראלע מאכט האָט אָנגעוויזנ. פאר די קאָלווירטן, וואָס ווערן ניט באדינט פונ די מאשינ־טראקטערישע סטאנציעס, ווערן די נאָרמעס באשטימט פונ 0,8 ביז 3,3 צענטנער פונ העקטאר, און פאר די קאָלווירטן, וואָס ווערן באדינט פונ די סטאנ־ציעס, — פונ 0,5 ביז 2,7 צענטנער פונ העקטאר.

די טערמינען און די כוידעש־פּראָצענטן פונ דער אלגעמיינער יאָר־אָפּליפערונג זיינען אויכ פארשיידן פאר פארשיידענע געגנטן. אָבער די גרונט־מאסע ברויט דארפ אומעטום אָפּגעליפערט ווערן שוינ אינ די ערשטע כאדאָשים, ווי מע הייבט אָנ אראָפּנעמען די תּבֿואה (ביז נאָיאבער). די שפּעטסטע טער־מינען פונ דער אָפּליפערונג פאר אייניקע געגנטן גייען ניט ווייטער ווי העלפט דע־קאבער.

דער געזעץ וועגן דער אָבליגאטאָרישער קערנער־אָפּליפערונג איז כאל אויכ אפ יענע קאָלווירטניקעס, וואָס האָבן פארזייט קערנער־קולטורן אפ דער ביַיהויפישער ערד. די דאָזיקע קאָלווירטניקעס זיינען מכויעוו אויסצופילן די קערנער־אָפּליפע־רונג דער מעלוכע פונעם פאקטישן פארזיי לויט דער נאָרמע אפ 5 פּראָצ. העכער פונ דער קאָלווירטישער און אפ 5 פּראָצ. נידעריקער, איידער די נאָרמע פאר די אינדיווידואלן.***

פאר די אינדיווידועלע ווירטשאפטן בלייבט דער עקזיסטירנדיקער סיידער. נעמ־

---

* באשטימונג פונ ראנ־פּאָלקאָמ פססר און צק אלקפּ(ב) פונ 19־טנ יאנוואר 1933 יאָר.

** באשטימונג פונ ראטפּאָלקאָמ פססר פונ 17־טנ יול מיט דער אויסבעסערונג פונ 20־טנ יול 1933 יאָר.

*** באשטימונג פונ ראטפּאָלקאָמ פססר און צק אלקפּ(ב) פונ 20־טנ יונ 1933 יאָר.

לעב: די דאָרפישע ראטנ שטעלנ איינ פאר יעדער אינדיווידועלער ווירטשאפט פעסטע פארפליכטונגענ פונ אָפליפערנ קערנער דער מעלוכע לויט די מעלוכע-פרייזנ, ארויסגייענדיק פונ דעמ פארזייטנ שעטעכ ווינטער-טווועס און פונעמ פעסטנ פארזייפלאנ פונ די זומער-טווועס. דערביי ווערט די אָפליפערונג-נאָרמע פונ העקטאר איינגעשטעלט אפ 5—10 פראָצ. העכער, איידער די נאָרמע, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרנ פאר די קאָלווירטנ פונעמ געגעבענעמ ראיאָנ. פאר די אינדיווידועלע ווירטשאפטנ ווערנ אפ אויספילנ די ברויט-פארגרייטונגענ איינגעשטעלט לימיט-טערמינענ לויט די געגנטנ. דער שפעטסטער טערמינ איז — דער 1-טער נאָיאבער.

די נאָרמעס פונ די אָבליגאטאָרישע אָפליפערונגענ דער מעלוכע האָבנ די קראפט פונ א שטייער און קיינער קאָנ זיי ניט העכערנ. אינעמ געזעצ ליינענ מיר:

„עס ווערט אומבאדינגט פארווערט די אָרטיקע מאכט-אָרגאנענ און פארגרייט-אָרגאנענ צו דערלאָזנ אנטקעגנדיקע פלענער אָדער ארופלייגנ אפ די קאָלווירטנ און אינדיווידועלע ווירטשאפטנ פארפליכטונגענ פונ קערנער-אָפליפערונגענ, וואָס שטייגנ איבער די העקטאר-נאָרמעס, וועלכע זיינענ איינגעשטעלט לויט דעמ דאָזיקנ געזעצ".

ווייטער ווערט אינעמ געזעצ געזאָגט:

„די גאנצע ברויט-מויסרעס, נאָכנ אויספילנ די פארפליכטונגענ פונ קערנער-אָפליפערונג דער מעלוכע, פארבלייבנ אינ פולשטענדיקנ רעשוס פונ די קאָלווירטנ, קאָלווירטניקעס און אינדיווידואלנ גופע."

וועגנ קאָלווירטישנ האנדל דערקלערט נאָכ דער געזעצ:

„דער קאָלווירטישער ברויט-האנדל וועט דערלויבט ווערנ בלויז נאָכנ אויספילנ דעמ פלאנ פונ די ברויט-פארגרייטונגענ, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרנ אפנ גרונט פונ דער דאָזיקער באשטימונג אינ דער רעפובליק, קאנט, געגנט אינגאנצנ גענומענ און פונ פולנ אָנשיטנ די זריעפאָנדנ נאָכנ אויספילנ דעמ פלאנ פונ די ברויט-פארגרייטונגענ".

אזויארומ ווערט דער קאָלווירטישער ברויט-האנדל, אינ אונטערשייד פונעמ האנדל מיט פלייש-און מילכ-פראָדוקטנ, דערלויבט בלויז ביטניי, אויב עס ווערנ אינגאנצנ אויסגעפילט די אָבליגאטאָרישע ברויט-אָפליפערונגענ דער מעלוכע אינ דער רעפובליק, געגנט אָדער קאנט אינגאנצנ גענומענ און ביטניי, אויב עס ווערנ נאָכדעמ אָנגעשאָטנ די זריעפאָנדנ.

און מיר ווייסנ פונ דער פראקטיק, אז נאָכנ אויספילנ דעמ פלאנ פונ די ברויט-פארגרייטונגענ און נאָכנ אָנשיטנ די זריע אינ א וועלכער ניט איז געגנט, קאנט אָדער רעפובליק האָט די ראטנ-רעגירונג ווירקלעכ טייקעפ דערלויבט דעמ קאָלווירטישנ ברויט-האנדל.

מיטנ אָנהייב פונ די ברויט-אָפליפערונגענ דער מעלוכע הערט אויפ דער

קאָלווירטישער אונ אינדיווידועלער פויערשער ברויט־האַנדל אינ די דאָרעמדיקע רעפּובליקנ אונ געגנטנ פונ 25־טנ יוני, אינ די איבעריקע — פונ 1־טנ אויגוסט. אַזוי אַרום ווערט דער ברויט־האַנדל פאַרווערט בלויז אַפ דער צײַט פונ די מעלוכישע ברויט־פאַרגרייטונגענ, קעדיי צו באַוואָרענענ זייער ריכטיקסטע אויספילונג.

פאַרקירצנדיק באַדײַטנדיק די פאַרפליכטונגענ פונ דער ברויט־אָפּליפערונג אונ אײַנשטעלנדיק פאַר זיי פעסטע נאָרמעס, פאָדערט די ראַטנ־מעלוכע אויסצופילנ זיי טייקעפּ אנ אינ דער ערשטער ריי. דער געזעצ זאָגט:

„דאָס אויספילנ די פאַרפליכטונגענ אַפ אָפּליפערנ קערנער דער מעלוכע, וואָס זײַנענ אײַנגעשטעלט געוואָרנ לויטנ דאָזיקנ געזעצ, איז אַנ ערשטרייִקע פליכט פאַר יעדנ קאָלווירט אונ אינדיווידועלער ווירטשאַפט אונ דאַרפ געמאַכט ווערנ פונ דער ערשטער אויסגעדראָשענער טוווע."

ענלעכע געזעצנ זײַנענ אויכ אַרויסגעגעבנ געוואָרנ וועגנ די אָבליגאַטאָרישע קערלעכ־אונ קאַרטאָפל־אָפּליפערונגענ דער מעלוכע.*

כוצ די אָבליגאַטערישע צושטעלונגענ אינ נאַטור, צאָלנ די קאָלווירטנ, די קאָלווירטניקעס אונ אינדיווידואַלנ דער מעלוכע אַ לאַנדווירטשאַפטלעכנ שטײַער. די באַדײַטונג פונעמ דאָזיקנ שטײַער באַשטייט אינ דעמ, וואָס ער גיט דער ראַטנ־מעלוכע באַדײַטנדיקע געלט־מיטלענ אַפ ווײַטער אַנטוויקלענ די אינדוסטריִע אונ די סאָציאַליסטישע לאַנדווירטשאַפט. דערבײַ איז דער שטײַער מיט זײַנ גאַנצנ שאַרפ געצילט קעגנ די באַלעגופימ אונ ספעקולאַנטנ. „די ווירטשאַפטנ, וואָס פאַרנעמענ זיכ מיט סיסטעמאַטישער ספעקוליאַציע (אויפקויפנ פאַרקויפנ) אונ וואָס לעבנ אָנ דערבײַ אָפנ כעזשבנ פונ די אַרבעטער אונ פויערימ", גלײַכט צו דער געזעצ צו די באַלעגופישע ווירטשאַפטנ אונ באַשטײַערט זיי אינדיווידועל, אונ ניט לויט די נאָרמעס. פאַרקערט, די באַשטײַערונג פונ די אַרבעטנדיקע אינדיווידואַלנ אונ באַזונדערס פונ די קאָלווירטנ אונ קאָלווירטניקעס איז גוואַלדיק פאַרלײַכטערט.

פאַר די קאָלווירטנ ווערט דער שטײַער אויסגערעכנט אינ 1933 יאָר ניט פונ דער ברוטאָ־האַכנאָסע, נאָר פונ העקטאַר פאַרזיי פונ די ווינטער־טוועס אונ פונ העקטאַר פאַרזיי־פלאַנ פונ די זומער־טוועס. אינ דער דאָזיקער הינזיכט איז דער געזעצ וועגנ לאַנדווירטשאַפטלעכנ שטײַער ענלעכ צומ געזעצ וועגנ די אָבליגאַטאָרישע אָפּליפערונגענ אינ נאַטור. דער פאַרזיי, וואָס שטײַגט איבער דעמ פלאַנ, ווערט ניט באַשטײַערט. ווי הויכ עס זאָל ניט זײַנ די ברוטאָ־האַכנאָסע פונעמ קאָלווירט, פאַרבלײַבט די גרייס פונעמ שטײַער אומגעענדערט, ווײַל דער טאַריפ איז פונ העקטאַר.

דער דאָזיקער טאַריפ פאַר די קערנער־קולטורנ וואַקלט זיכ לויט די פאַרשיידענע רעפּובליקנ פונ 1 רובל 90 קאָפּ. ביז 2 רובל 80 קאָפּ.

דערבײַ ווערט דער פאַרזיי פונ די טעכנישע אונ ספעציעלע קולטורנ אונ דער שעטעכ זריִע־פאַרזייונגענ אינגאַנצנ ניט באַשטײַערט. די קאָלווירטנ, וואָס האָבנ אויסגעפילט אונ וואָס האָבנ איבערגעשטיגנ דעמ פלאַנ פונ העכערנ די

* באַשטימונג פונ ראַטפאָלקאָמ פססר אונ צק אַלקפּ(ב) פונ 20־טנ פעברואַל 1933 יאָר.

גערָאטנקייט און וואָס האָבן מוסטערהאפט אוועקגעשטעלט דעם דיסקאָנט און די רעכענונגען באקומען א ראבאט פונעם שטייער אפ 25 פּראָצ. די פי־צוכט, קראָליקעסצוכט, אויפעסצוכט, בינענצוכט אין די קאָלווירטן און אויך דער פוראזש־פארזיי פון די קאָלווירטישע פערמעס ווערן ניט באשטייערט. צולעצט, ווערן באפרייט פון באשטייערונג די האכנאָסעס, וואָס די קאָלווירטן באקומען פון קאָלווירטישן האנדל.

בא די קאָלווירטניקעס ווערן באשטייערט בלויז די ניט־פארגעזעלשאפטלעכטע האכנאָסעס (פון זייערע פריוואטע ווירטשאפטן) לויט באזונדערע טאריפן אין די ראמען פון 15 ביז 30 רובל פון א ווירטשאפט. פון די האכנאָסעס, וואָס זיינען באקומען געוואָרן פון די קאָלווירטן לויט די טעג־ארבעט, צאָלן די קאָלווירטניקעס ניט קיין שטייער. פון שטייער ווערן באפרייט דאָס פי, די קראָליקעס, די אויפעס, די בינען און די האכנאָסעס פונעם קאָלווירטישן האנדל פון די קאָלווירטניקעס.

די ארבעטנדיקע אינדיווידואלן צאָלן לויט באזונדערע טאריפן, וואָס העכערן זיך לויט דער גרייס פון דער באשטייערטער האכנאָסע, אָנהייבנדיק פון 15 רובל פון די ווירטשאפטן, וואָס זייער האכנאָסע איז ניט מער ווי 200 רובל. די אָרעמפויערשע ווירטשאפטן קאָנען באפרייט ווערן פונעם שטייער אינגאנצן אָדער טיילווייז. די האכנאָסע פונעם האנדל ווערט באשטייערט אין א סומע, וואָס איז ניט מער, ווי 30 פּראָצ. פון דער איבעריקער באשטייערטער האכנאָסע. פונעם שטייער ווערט באפרייט א טייל פארזיי פון די טעכנישע און ספעציעלע קולטורן, דער צוואוקס פון האָרנפי און פון שעפסן, די קאראקול־שעפסן און זייערע מעטיסן, די אויפעסצוכט און קראָליקעסצוכט.

אזוי־ארום, איז אין די געזעצן וועגן די אָבליגאטאָרישע צושטעלונגען אין נאטור און אינעם געענדערטן געזעץ וועגן דעם לאנדווירטשאפטלעכן שטייער, לייזט די ראטנמאכט אפ א נייעם אויפן די פראגע וועגן די מאטעריעלע פארפליכטונגען פונעם דאָרף פאר דער ראטן־מעלוכע.

די באדייטונג פון די נייע געזעצן

די באדייטונג פון די נייע געזעצן וועגן אָפּליפערן דער מעלוכע ברויט און אנדערע לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטן איז גוואלדיק גרויס. די האָזיקע געזעצן גיבן קאָלאָסאלע ווייגאָדעס די קאָלווירטן, די קאָלווירטניקעס, די ארבעטנדיקע אינדיווידואלן און סטימולירן זיי צו פארבעסערן די ווירטשאפט, צו העכערן די ארבעט־פּראָדוקטיווקייט, צו אופהייבן די גערָאטנקייט, צו פארברייטערן די פּראָדוקציע. ריכטיק ביז גאָר האָט אָנגעשריבן דער ערשטער אלפארבאנדישער צוזאמענפאָר פון די קאָלווירטניקעס־שלאָגלער אין זיין ווענדונג צו אלע קאָלווירטניקעס פון ראטנפארבאנד:

„די רעגירונג און די פּארטיי האָבן איינגעשטעלט פאר די קאָלווירטן אפ הײַנטיקן יאָר אזוינע פארקלענערטע נאָרמעס פון קערנער־אָפּליפערונג פון העקטאר, אז דער סאמע יונגער נאָך ניט פעסט געוואָרענער קאָלווירט קאָן זיי לייכט אויספילן".

אָבער די הויפּטבאַדייטונג פונ די נייע געזעצנ באַשטייט אינ דער קאָלאָסאַלער ווירקונג, וואָס זיי האָבנ אפ אויפהייבנ די פּראָדוקציע, אפ העכערנ די דירעקטע פאַרינטערעסירטקייט פונ יעדנ קאָלווירט אונ יעדנ קאָלווירטניק אינ די רעזולטאַטנ פונ דער קאָלווירטישער אַרבעט. דאָס שטרייכנ אונטער מיט א באַזונדער באַטיקונג אַלע קאָלווירטניקעס אינ זייערע ארויסגעזאָגטע מיינונגענ וועגנ די נייע געזעצנ. אָט, לעמאָשל, זאָגט דער פערד־אויפּפּאַסער פונעמ קאָלווירט „רויטער אָקטיאַבער", אָרענבורגער ראַיאָנ, כ' איוואַנ מאַזינ:

„ווענ איכ האָב זיכ באַקענט מיט דער באַשטימונג וועגנ די ברויט־אָפּליפערונגענ, איז ווי מע וואָלט מיר געזאָגט: „גיי אונ אַרבעט, וואָס בעסער דו וועסט אָפּאַרבעטנ, אַלצ בעסער וועט דיר זיינ".

די קאָלווירטניקעס פונעמ פריער דערמאָנטנ אַרטעל אפנ נאָמענ פונ אָ.ג.פּ.או. שרייבנ אינ זייער בריוו, וואָס איז געווענ אָפּגעדרוקט אינ דער צייטונג „סאָציאַליסטישעסקאַיע זעמלעדעליע" פונ 1־טנ מיי 1933 יאָר:

„האַיאָר גיט אונדז דער געזעצ וועגנ קערנער־אָפּליפערונג די מעגלעכקייט צו וויסנ פאָרויס, וויפל ברויט מיר וועלנ פאַרקויפנ דער מעלוכע, אונ דאָס באַטייט א סאַכ פאַר די קאָלווירטניקעס. דאָס העכערט דעמ אינטערעס צו דער אַרבעט, ווייל מיר ווייסנ פעסט, אַז איצט וועלנ מיר ניט דאַרפנ האָרעווענ פאַר די לאָדערס אונ קרומע קעפּ פונ אַנדערע קאָלווירטנ, וואָס גייענ ארויס אפ די פעלדער ניט צו אַרבעטנ, נאָר ציילנ די קראָענ אָדער זיי קאָלופּענ אַזוי די ערד, אַז אונדז ערלעכע קאָלווירטניקעס נעמט אָנ אנ עקל צו קוקנ".

די קאָלווירטניקעס זיינענ גאַנצ גערעכט. די גרעסטע באַדייטונג פונ די נייע געזעצנ באַשטייט אינ דעמ, וואָס זיי טראָגנ אַריינ פולשטענדיקע קלאָרקייט אינ אַלע ווירטשאַפטלעכע אויסרעכענונגענ פונעמ קאָלווירט אונ אינ זיינע עקאָנאָמישע באַציונגענ מיט דער מעלוכע. דאָס פאַרשטייענ גוט א סאַכ מאַסעווע קאָלווירטניקעס אונ דאָס הייבט אפ זייער פלייסיקייט אינ דער אַרבעט.

ניט אומזיסט, ווי נאָר עס האָט זיכ באַקומענ די באַשטימונג וועגנ די פעסטע ברויט־אָפּליפערונגענ, האָבנ זיכ אינ די קאָלווירטנ אָנגעהויבנ לעבהאַפטע שמועסנ אונ אויסרעכענונגענ מיטנ בלייפעדער אינ די הענט, „וויפל וועט אויסמאַכנ דער טאָג אַרבעט", אויב מע וועט פונ דער גערעטעניש אַראָפּרעכענענ די פעסטע, פאָרויס באַוווסטע ציפער פונ אָפּליפערנ דער מעלוכע אונ די באַשטימטע אַראָפּרעכענונג פאַרנ זריע־פאָנד. אונ דאָ איז שוינ יעדנ קאָלווירטניק געוואָרנ גאַנצ קלאָר אַז וואָס בעסער די ערד וועט ווערנ באַאַרבעט, וואָס בעסער זי וועט ווערנ באַמיסטיקט, וואָס פולער עס וועלנ פאַרניכטעט ווערנ די ווילדגראָזנ, וואָס פריער, גיכער אונ בעסער עס וועט דורכגעפירט ווערנ דער פאַרזיי, וואָס ריינער עס וועט דורכגעיעט ווערנ דער פאַרזיי, וואָס זאָרגזאַמער אונ מיט קלענערע פאַרלוסטנ עס וועט אַראָפּגענומענ אונ אויסגעדראָשנ ווערנ די גערעטעניש, וואָס זאָרגעוודיקער מע וועט זי באַוואַכנ פונ צעשלעפּונג, אַלצ מער וועט אויסמאַכנ דער טאָג אַרבעט. צולעצט, דער טאָג־אַרבעט וועט אויסמאַכנ אפ אַזוי פיל מער, וואָס מער עס וועט איבערגעשטיגנ ווערנ דער פאַרזיי־פּלאַנ, וואָס מע האָט דעמ קאָלווירט געגעבנ: ווערט דאָכ דער

בריגאדיר א. ס. מאַשוראָוו

איבערפלאנישער פארזיי באפרייט פונ אַבליגאטאָרישער אָפּליפערונג דער מעלוכע. אונ ווענ אַט דאָס אַלצ איז געוואָרנ יעדערנ גאנצ קלאָר, האָט זיכ אינ דער קאָל־ווירטישער מאסע, גאטירלעכ, אופגעהויבנ א הייסער ווונטש צו נעמענ זיכ ווי געהער־ריק איינצופירנ אַנ אָרדענונג אינ זייער קאָלווירט, פארבעסערנ די גאנצע ארבעט, העכערנ די גערעָטנקייט, די ארבעט־פראָדוקטיווקייט, פארברייטערנ די פאראקערונג. אונ פונדאנענ איז אנטשטאנענ דער פינקטלעכ ביז קלייניקייטנ אויסגעארבעטער פראָדוציר־פּלאנ פונעמ קאָלווירט באמ אקטיוונ אָנטייל פונ דער ברייטער מאסע,— אזא פלאנ, וואָס אינ זיינ פארווירקלעכונג האָט יעדער ערלעכער קאָלווירטניק זיכ געפילט בלוטיק פארינטערעסירט.

אַט דאָס אַלצ האָט זיכ אָנג אונ איבעראשנדיקנ אויפנ אָפגערופנ אפ דער באציונג פונ דער קאָלווירטישער מאסע צו דער ארבעט, אפ דער זאָרג וועגנ פראָדוציר־מיט־לענ, אפנ באוואכנ דאָס געזעלשאפטלעכע קאָלווירטישע אייגנטומ. פריער פלעגנ די בריגאדירנ ארומגיינ אונטער די פענצטער אונ צענויפרופנ די קאָלווירטניקעס צו דער ארבעט.

„די בריגאדירעריי איז געווענ בלויז אַנ אָפּקומעניש, — דערמאָנט איי־וואנ סערגייעוויטש מאַשוראָוו, בריגאדיר פונעמ קאָלווירט אפ סטאלינס נאָמענ, באָגוטשארסקער ראיאָנ צענטראלע שווארצערדישע געגנט.— אי דו בעטנ זיכ בא אימ ראכמימ: „זיי אזוי גוט” אי דו רעדסט מיט גוטנ: „זיי אזוי פריינטלעכ” אי דו מאכסט אימ אינ דער מאמענ אריינ, אָבער ער וויל ניט ארבעטנ — אונ טו אימ עפּעס. פונדעסטוועגנ האָבנ מיר זיכ אָנ אייצע געגעבנ מיט די לאָדערס. איצט איז זיינ בריגאדיר א בעקאָוועדיקע אונ גוטע שטעלע!”.

די אייצע מיט די לאָדערס, וואָס וועגנ אימ רעדט כ׳ מאַשוראָוו, — דאָס איז די בלוטיקע פארינטערעסירטקייט אינ די רעזולטאטנ פונ דער קאָלווירטישער ארבעט, וואָס האָט זיכ אופגעדעקט פאר די קאָלווירטניקעס מיט פולשטענדיקער דייטלעכקייט, אהאנק די נייע געזעצנ וועגנ די אָפּליפערונגענ דער מעלוכע לויט פעסטע נאָרמעס.

קומענ צו דער ארבעט אָנ פארשפעטיקונג איז געוואָרנ א זאכ פונ ערע פאר יעדנ אָנשטענדיקנ קאָלווירטניק. אינ דער קאָלווירטישער מאסע האָט זיכ באוויזנ דער יעזונטער האס צומ לאָדער. די קאָלווירטניקעס האָבנ דערקענט אינ דעמ

לאָדער זייער סוינע. אינ די קאָלווירטנ האָט זיכ פאַנאַנדערגעפלאַקערט א פאַרביטערטער קאַמפּ קעגנ די לאָדערס אונ פוסטעפאַסניקעס. ווייניק וואָס דער לאָדער באַקומט אינ די קאָלווירטנ פונקט אַזוי פיל, וויפיל עס קומט אים פאַר זיינע טעג אַרבעט, מעג עס אפילע זיינ א הויפנ קערנער, דאָס איז ווייניק. אינ די קאָלווירטנ האָט מענ אָנגעהויבנ ברייט אָנווענדנ די באַשטימונג פונ דער ראַטנמאַכט, וואָס האָט דערגאַנצט דעמ סטאַטוט פונעמ לאַנדווירטשאַפטלעכנ אַרטעל מיט אַזאַ פונקט:

„אינ דעמ פאַל, ווענ א קאָלווירט־מיטגליד זאָגט זיכ אָפּ צוליב ניט ערנסטע סיבעס אויספילנ די אַרבעט, וואָס דער קאָלווירט האָט אים געגעבנ מאַכנ, איז די קאָלווירט־פאַרוואַלטונג מעכטיק באַשטראָפנ אים ביז 5 טעג אַרבעט, אונ ווענ ער זאָגט זיכ א צווייטנ מאָל אָפּ — אויסשליסנ אים פונ קאָלווירט”.

אונ א טאָג־אַרבעט איז איצט ניט קיינ שפילכל. א טאָג־אַרבעט וועגט א סאַכ. אויסשליסנ פונ קאָלווירט, אומקערנ פונ דער רייכער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, וואָס איז באַוואָרנט מיט פאַרפולקומטע מאַשינעס, צו די שערבלעכ פונ דער אינדיווידועלער ווירטשאַפט — דאָס איז זייער א שווערע שטראָף. די שטראָפנ אונ אויסשליסונגענ האָבנ אנ אויסגעצייכנטע ווירקונג אָפ העכערנ די אַרבעט־דיסציפלינ אונ פאַרפעסטיקנ דעמ קאָלווירט. לעמאָשל, אָט וואָס עס טיילנ מיט אינ זייער בריוו דעמ כ' קאַהאַנאָוויטש די קאָלווירטניקעס פונעמ מאָלדאַווישנ אַרטעל „61 קאָמונאַרנ”, וואָס איז נאָכ אינ אָנהייב 1933 יאָר געשטאַנענ אופנ לעצטנ אָרט אינ אַדעסער געגנט:

„פריער פלעגט בא אונדזערע לאָדערס גיינ אַזאַ ווערטל: אפילע פערד פייגערנ פונ אַרבעט. אונ מיר סטאַרעג זיכ איצט צו אָרגאַניזירנ די זאַכ אַזוי, אַז עס זאָל אויסקומענ: אַרבעטסטו ניט — וועסטו אַליינ פייגערנ”.

אונ דאָס ווירקט גוט! בא אונדז זיינענ פאַראַנ 380 אַרבעטפייִקע, אונ עס איז איצט ניטאָ קיינ פאַל, אַז דער קאָלווירטניק זאָל אָנ ערנסטע סיבעס ניט אַרויסגיינ צו דער אַרבעט”.

וועגנ דער באַדייטנדיקער העכערונג פונ דער אַרבעט־דיסציפלינ אינ די קאָלווירטנ זאָגט איידעס די מאַסנווײַזע פאַרשפרייטונג פונ אַזוינע מאָסמיטלענ, ווי שטרענגער דיסקאָנט אונ קאָנטראָל; דאָס שטרענגע אופנעמענ די אַרבעט פונ יעדער בריגאַדע, פונ יעדנ קאָלווירטניק, דאָס בראַקירנ די שלעכטע אַרבעט מיט דער פאָדערונג איבערצומאַכנ זי, דאָס שטראַפירנ — אַראָפזעצנ די טעג־אַרבעט די בריגאַדירנ אונ איינצלנע קאָלווירטניקעס פאַר אויספילנ שלעכט די אַרבעט; דאָס סטימולירנ די, וואָס האָבנ בעסער אונ פריער געמאַכט די אַרבעט; דאָס איינפירנ „קוואַליטעט־וועכטער” אָדער „קוואַליטעט־אינספעקציעס”, וואָס קאָנטראָלירנ דורכ די אויספילונג פונ אַרבעט בא זיכ אינ קאָלווירט אונ קעגנזייטיק אינ די שכיינעסדיקע קאָלווירטנ אדג. זייער א ברייטע פאַרשפרייטונג האָט באַקומענ די שלאָגלעריי אונ דער סאָציאַליסטישער געוועט צווישנ די קאָלווירטניקעס, צווישנ די רינגענ, צווישנ די בריגאַדעס, צווישנ די קאָלווירטנ, ראַטווירטנ, צווישנ די ראַיאָנענ, געגנטנ אונ רעפובליקנ.

דער קאַמפ פאַר דער געראַטעניש האָט אינ 1933 יאָר פאַרכאַפט קאָלאָסאַלע מאַסנ קאָלווירטניקעס. לויט די איינשטימיקע דערקלערונגענ קאָנענ קימאַט אומעטומ



דאָס יעטנ ווייצ

די קאָלווירטניקעס און די אַלטע פויערים גיט דערמאָנענ זיכ אזא יאָר, ווענ די פעל־דער זאָלנ באַארבעט ווערנ אזוי זאָרגזאַם. אָט איז א טיפּישע מיטײלונג פונ טשיגי־רינסקער ראַיאָנ, קיעווער געגנט: „אינ ראַיאָנ איז מיט ליבע באַארבעט געוואָרנ יעדער שטיקל ערד. די בריגאַדעס גיבנ אכטונג אפ זייערע באַציִרקנ, ווי א מוטער אפנ געליבטנ קינד”.

דער קאַמפ קעגנ די מיסטגראָזנ האָט אָנגענומענ אנ אומגעזעענעם מאַסשטאַב. כוצנ פאַרברענענ די מיסטגראָזנ, איז דורכגעפירט געוואָרנ נאָכ א מערקווירדיקע זאַכ, וואָס איז אומבאַוווּסט אינ דער געשיכטע פונ אונדזער ערדאַרבעט — דאָס מאַסנווײַזע דורכיעטנ די קערנערשע זאַנגענ־קולטורנ. לויט די אָנגאַבנ צומ 15־טנ יולי 1933 יאָר האָט מענ די דאָזיקע קולטורנ אינ פאַרבאַנד דורכגעיעט העכער 33 מיליאָנ העקטאַר. אינ אסאַכ קאָלווירטנ האָט מענ געיעט די קערנער־קולטורנ צו 2 און אפילע צו 3 מאָל!

מיסט האָט מענ ארויסגעפירט אפ די פעלדער אינ פרילינג 1933 יאָר 112 מיליאָנ פורנ לעגאַבע 60 מיליאָנ פורנ אינ 1932 יאָר. אפגערייניקט זריִע האָט מענ 45,6 מיליאָנ צענטנער לעגאַבע 31 מיליאָנ צענטנער אינ 1932 יאָר. געריי־ניקט און דורכגעזאַמט די זריִע האָט מענ אומעטומ.

דער פרילינג־פאַרזיי איז דורכגעגאַנגענ אינ 1933 יאָר אינ פריִקערע און קירצערע טערמינענ, איידער אינ די פאַריקע יאָרנ. צו העלפט יונ איז דער פאַרזיי אינ גרונט שוינ געווענ פאַרענדיקט אינ דער צײַט, ווענ אינ 1932 יאָר איז צומ דאָזיקנ טערמינ געווענ אויסגעפילט סאַכאַקל דרײַ פערטל פאַרזיי־פּלאַנ. די קאָלווירטנ האָבנ אויסגעפילט דעמ פאַרזיי־פּלאַנ אפ 102 פראָצ., די ראַט־ווירטנ — אפ 109,6 פראָצ. אינגאַנצנ איז דער פּלאַנ אויסגעפילט געוואָרנ אפ 98 פר. ניט אינגאַנצנ אויסגעפילט דעמ פּלאַנ האָבנ די אינדיווידועלע ווירטשאַפט־

די גוטע קוואַליטעט פונ די פעלד־אַרבעטנ צוגלײַכ מיט די גינסטיקע וועטער־באַדינגונגענ האָבנ געגעבנ אינ 1933 יאָר אַנ אויסשליסלעכ הויכע גערעטעניש. לויט די ידיעות פונ אַ סאַכ דאָרעמדיקע ראַיאָנענ דערגרייכט די גערעטעניש ניט זעלטנ 100—150 אונ אַפילו 200 פוד פונ העקטאַר.

דער לאָזונג, וואָס כאַווער סטאַלינ האָט געוואָרפנ פונ דער טריבונע אפנ אַלפאַרבאַנדישנ צוזאַמענפאָר פונ די קאָלווירטניקעס־שלאָגלער, האָט אָפּגעקלונגענ אינ די קאָלווירטנ ווי אַ רופ: „דערלאַנגנ אַ זאַטנ, אַ רײַכנ טאָג אַרבעט!" מע קענ ברענגענ אַנ אַ שיר קאָלווירטנ, וואָס הייבנ זיכ אופ אינ 1933 יאָר ביז אַ פאַרמעגלעכער לאַגע.

„אַז דו גייסט אַרויס אפ אונדזערע קאָלווירטישע פעלדער, — שרײַבט מענ פונעמ אונדז שוינ באַקאַנטנ מאָלדאַווישנ קאָלווירט, — איז אַ פאַרגעניגנ אַ קוק צו טאָנ. עס ווערט רײַפ די קאָלווירטישע פאַרמעגלעכקײַט. 11 קילאָגראַמ 100 גראַמ ברויט אונ 2 רובל 48 קאָפּ. געלט, וועט באַקומענ בײַ אונדז דער קאָלווירטניק פאַר אַ טאָג אַרבעט. דעמ לאָזונג פונ אונדזער גרויסנ פירער אונ לערער כאַווער סטאַלינ וועגנ דער קאָלווירטישער פאַרמעגלעכקײַט פאַרווירקלעכנ מיר שוינ הײַיאָר".

דער קרימער קאָלווירט „נײַ איקאָר", וואָס האָט אַרויסגעגעבנ אינ 1932 יאָר צו 1,9 קילאָגראַמ פאַר אַ טאָג אַרבעט, גיט אינ 1933 יאָר צו 12,8 קילאָגראַמ! דער צאָפנ־קאַווקאַזער קאָלווירט אפ איוווקאָס נאָמענ האָט בעדייע אינ 1933 יאָר אַרויסצוגעבנ פאַר אַ טאָג אַרבעט צו 7,25 קילאָגראַמ קערנער־קולטורנ, צו 5—6 קילאָגראַמ גרינס, אויבס אונ יאַגדעס אונ צו 4 רובל 50 קאָפּ. געלט.

„דאָס באַטײַט, — שרײַבנ די קאָלווירטניקעס, — אַז, ניט רעכנענדיק דעמ קאָלאָסאַלנ צוווּקס פונ די ניט־טיילבאַרע פאָנדנ אונ דעמ וווּקס פונ סאָציאַליסטישנ רײַכטומ אינ קאָלווירט, וועלנ אונדזערע בעסטע שלאָגלער באַקומענ פונ רײַנעמ פאַרדינסט אַזאַ האַכנאָסע, וואָס דער פאַרמעגלעכער קובאַנער קאָזאַק האָט ניט געהאַט".

אונ זיי ברענגענ אַלס בײַשפּיל די פאַמיליע פונעמ קאָלווירטניק איליענקאָוו, וואָס וועט בײַ אַזאַ אַרבעט, ווי אינ 1932 יאָר, בײַ 2 אַרבעטפייִקע אונ 4 נעפאַשעס, באַקומענ פונעמ קאָלווירטישנ שפּײַער 280 פוד ברויט, בײַ 200 פוד גרינס אונ פונ דער קאָלווירטישער קאַסע בײַ 3000 רובל. די געלט־האַכנאָסע אַלײנ פונ דער דאָזיקער קאָלווירטישער פאַמיליע וועט באַטרעפנ 250 רובל אַ כוידעש. די פאַמיליע פונ פיליפּ רעזניקאָוו וועט בײַ דרײַ אַרבעטפייִקע אונ 7 נעפאַשעס באַקומענ 543 פוד ברויט, בײַ 450 פוד גרינס, אויבס אונ יאַגדעס, ביז 5400 רובל מעזומענ. די געלט־האַכנאָסע אַלײנ פונ דער דאָזיקער קאָלווירטישער פאַמיליע באַטרעפט 450 רובל אַ כוידעש. אונ דאָס איז בײַ אַ פולשטענדיקער באַוואָרנטקײַט מיט דערנערונג. דאָס איז ביטנײַ, אַז דער קאָלווירט דעקט אַלע פּראָדוציר־אויסגאַבנ, פילט אויס די אַבליגאַטאָרישע אָפּליפערונגענ דער מעלוכע אונ באַצאָלט דעמ לאַנדווירטשאַפטלעכנ שטײַער. לאָמיר נאָכ ניט פאַרגעסנ אויסרעכענענ די פאַרשיידענע ווערטפולע באַדינגונג, וואָס די מיטגלידער באַקומענ פונ די קאָלווירטנ געמלעכ: דאָס צעטיילנ דעמ פי־צוווּקס פונ די קאָלווירטישע פערמעס אפ להאַטע־

דער באטרעפ פונ א טאָג ארבעט אינעמ קאָלווירט אפ לענינס נאָמענ (קאלמיקער געגנט) אינ 1932 יאָר אונ אינ 1933 יאָר

באדינגונגענ, דאָס באנוצנ זיכ מיט די קאָלווירטישע יאסלעס, מיט דער קאָלווירטישער גאָרטנ, מיט די קאָלווירטישע שוסטערײַ־ווארשטאט, מיט די קאָלווירטישע פערד אפ אופאקערנ דעמ גאָרטנ, אפ פאָרנ אפנ מארק א.א.וו. אויב מע זאָל אויסרעכענענ די דאָזיקע גאנצע באדינונג, וועט זי באטרעפנ אינ פעסטע פרײַזנ ניט ווייניקער, ווי 2—3 הונדערט רובל אפ א הויפ.

אונ עס זײַנענ פאראנ גינצ ווייניק קאָלווירטנ, ווו דער טאָג־ארבעט וועגט נאָכ מער. לעמאָשל, דער זאפאראָזשער ארטעל אפ פאָסטישעווס נאָמענ האָט ארויסגעגעבנ פאר א טאָג־ארבעט מער ווי א פוד (42 פונט קערנער), 18 פונט קארטאָפל אונ 3 רובל 90 קאָפ. געלט. דער קאָלווירט „מאָרדאָווסקי טרוזשעניק". סטאלינסקער ראיאָנ, מיטלוואָלגער קאנט האָט ארויסגעגעבנ פארנ טאָג ארבעט 52 פונט קערנער א. א. וו.

דער אלטאטארישער צוזאמענפאָר פונ די קאָלווירטניקעס־שלאָגלער זאָגט אינ זײַנ ווענדונג צומ כאווער סטאלינ:

„מיר קאָנענ פאר דער גאנצער וועלט שטאָלצ דערקלערנ: מיר לעבנ זאט, גוט, עס איז ניטאָ קיינ אָרעמשאפט, ניטאָ קיינ בעטלער, ניטאָ קיינ מוירע פאר הונגער".

די דאָזיקע אלע פאקטנ באווײַזנ, אז אינ אונדזערע בעסטע קאָלווירטנ האָט שוינ דער פארגעשריטענער טייל קאָלווירטניקעס דערגרייכט א גאנצ באוואָרנט לעבנ. די אופגאבע איצט באשטייט אינ מאכנ אלע קאָלווירטניקעס פארמעגלעכע.

די ברייטע מאסע האָט אָנגעהויבנ צו פארשטיינ די אומדערשעפלעכע מעגלעכקײַטנ צו פארבעסערנ איר לעבנ, וואָס ליגנ אינ יעדנ קאָלווירט. די באדײַטונג אונ דער ווערט פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט זײַנענ אומגעהייער אויסגעוואקסנ באמ קאָלווירטניק אינ די אויגנ, עס האָט זיכ אָנגעהויבנ ענדערנ דער קוק גופע אפ דער קאָלעקטיווע־

ווירטשאפט, ווי אפ עפעס א ווירטשאפט, וואס איז אדער „מײַנע" אדער „ניט מײַנע" — א „פרעמדע". ביז איצט איז דאס געווענ זײער א פארשפרײטער קוק, א טיפישער פארנ פויער־קאלווירטניק, וואס איז שוינ פונ דער אינדיווידועלער ווירטשאפט אריבער צו דער קאלעקטיווער, אבער ער האט זיכ פונ די אלטע פריוואט־אײגנטימערישע אנשויונגענ נאכ ניט באפרײַט. איצט באנעמט דער קאלווירטניק דעם נײַעם, דעם סאציאליסטישנ קוק אפ דער קאלעקטיווער ווירטשאפט, ווי ניט אפ „מײַנער" אונ ניט „פרעמדער", נאר אונדזערער.

אט, לעמאשל, וואס עס זאגט די ביטע ראזא סאליק, א שלאגלערנ פונ דער בוימוואל־בריגאדע אינעם קאלווירט „ראטע פאנע", וואס איז געווענ אינ קרימ אײנער פונ די סאמע אפגעשטאנענע קאלווירטנ אונ איז געווארנ א פארגעשריטענער:

„פריִער האבנ מיר געקוקט אפנ קאלווירט ווי אפ א פרעמדנ אונ איצט האבנ מיר פארשטאנענ, אז דאס איז אונדזער ווירטשאפט, אונ אויב מיר וועלנ ניט ארבעטנ, וועלנ מיר זיכ אלײנ באשטראפנ".

אונ דער שניטער פונעמ זעלבנ קאלווירט כ' בענצ האט צוגעגעבנ צו די דאזיקע ווערטער דער שלאגלערנס:

„אונדז איז איצט ניט אינטערעסאנט צו זײַנ אפ אונדזער גארטנ, נאר עס איז אינטערעסאנט צו ארבעטנ אפנ קאלווירטישנ פעלד, ווײַל דא וועלנ מיר ווערנ, ווי כאווער סטאלינ האט פארגעלײגט, פארמעגלעכע".

אזוי האבנ גענומענ די קאלווירטניקעס ענג אונ פעסט צונויפבינדנ זײערע אינטערעסנ, זײער גאנצע צוקונפט מיט דער אנטוויקלונג פונ דער קאלעקטיווער ווירטשאפט. אזוי האבנ אנגעהויבנ די פארגעשריטענע קאלווירטניקעס אריבערצוגײנ אינגאנצנ אונ פולשטענדיק אפ די פאזיציעס פונ דער קאלעקטיווער סאציאליסטישער ווירטשאפט, ווערנ סאציאליסטנ ניט בלויז לויט זײער געזעלשאפטלעכ־עקאנאמישער לאגע, נאר אויכ לויט זײער באוווסטזײַנ.

די קאלאסאלע באדײַטונג פונ די נײַע געזעצנ וועגנ די אפליפערונגענ דער מעלוכע באשטײט טאקע אינ דעמ, וואס זײ פארלײַכטערנ גוואלדיק דעמ טיפנ איבערבראכ, וואס קומט איצט פאר אינ דער קאלווירטישער מאסע אינ דער באציונג צו דער קאלווירטישער ווירטשאפט, זײ שאפנ גינסטיקע באדינגונגענ פאר דער ארבעט פונ דער פארטײ אפ איבערדערציִענ סאציאליסטיש די קאלווירטניקעס.

אויסנוצנ די נײַע געזעצנ פאר דער סאציאליסטישער איבערדערציִונג פונ די קאלווירטניקעס

עס וואלט אבער געווענ ניט ריכטיק פארצושטעלנ זיכ די איצטיקע לאגע אינ דארפ אזוי, אז אלצ וועט איצט אוועקגײנ בעשאלעמ אונ גלאטיק, אז קײנ שומ ווידערשטאנד קעגנ די מאסמיטלענ פונ דער ראטנמאכט אונ פונ דער קאמוניסטישער פארטײ איז שוינ מער ניטא ניט מיצאד די באלעבאטישע עלעמענטנ, ניט מיצאד די אײנצלנע גרופעס אפגעשטאנענע קאלווירטניקעס.

דער לאזונג פונ דער פארטײ, וואס איז אײנפאכ אונ פאר יעדערנ פארשטענדלעכ, — „מאכנ אלע קאלווירטניקעס פאר פארמעגלעכע" — האט אויפגערודערט די קאלווירטישע מאסנ ביז די סאמע אונטערשטע שיכטנ. אבער דער באלעגופ

מע פארברענט די מיסט־גראָז אינעם קאָלווירט „קאָמינטערנ" (צאָפנ־קאווקאז)

האָט אופגעהויבנ זײַנ אגיטאציע קעגנ דעם נײַעם לאָזונג און קעגנ די נײַע געזעצנ.

דער באלעגופּ האָט פארשטארקט דעם סאבאָטאזש פונ די פּראָדוציר־ארבעטנ און די שעדיקערײַ אינ די קאָלווירטנ, שטרעבנדיק אראָפּצורײַסנ, אראָפּצוזעצנ די קוואליטעט פונ דער ארבעט, ברעכנ די ארבעט־דיסציפּלינ, צעשלעפּנ דאָס ברויט און סאָפּקאָלסאָפּ אראָפּזעצנ די גערעטנקײַט און פארקלענערנ דעם סכום אראָפּגענומענע קערנער. דער באלעגופּ וויל אָזוי ארום באווײַזנ, אז דער סטאלינשער לאָזונג, כאָטש ער איז גוט, אָבער אינ דער פּראקטיק אינ די קאָלווירטנ לאָזט ער זיכ ניט פארווירקלעכנ. דער קלאסנ־סוינע איז נאָכ ניט אינגאנצנ צעקלאפּט. ער מאסקירט זיכ, ער באהאלט זיכ בעסער, ווי פריער. ער פירט זײַנ אונטערײַס־ארבעט דעליקאטער, ראפינירטער. אָט דאָס טאָר מענ בעשומויפנ ניט פארגעסנ.

דאָס קאָלווירטישע פויערטום באגריסט פולשטענדיק דעם נײַעם לאָזונג און די נײַע געזעצנ. אָבער די מאסע קאָלווירטניקעס איז נאָכ דורכגעדרונגענ מיט די פּריוואט־אײגנטימערישע רעשטלעכ און שטרעבונגענ. די דאָזיקע שטרעבונגענ און רעשטלעכ שטויסנ, ווי פריער, א טײל קאָלווירטניקעס אָפּ אויסצובאהאלטנ די גערעטעניש, אָפּנארנ די מעלוכע, און די מער אָפּגעשטאנענע עלעמענטנ — אָפּ דירעקט צעשלעפּנ די גערעטעניש. אָפּ די דאָזיקע שטרעבונגענ, אָפּ די דאָזיקע ערגסטע עלעמענטנ פונ דער קאָלווירטישער סוויווע בויט טאקע דער באלעגופּ זײַנ ארבעט. אָט דאָס טאָר מענ אויכ בעשומויפנ ניט פארגעסנ.

אָט פארוואָס עס ווערט קלאל ניט אראָפּגענומענ די אופגאבע צו קעמפנ פארנ ברויט, פארקערט, אָפּנ גרונט פונ די נײַע געזעצנ דארפ דער קאמפּ פאר אויספילנ פולשטענדיק און רעכטצײַטיק די פארפליכטונגענ אָפּצוליפערנ ברויט און אנדערע פּראָדוקטנ דער סאָציאליסטישער מעלוכע געפירט ווערנ מיט א נײַער ענערגיע, מיט נײַע מיטלענ קעגנ די נײַע באלעגופּישע שפּיצלעכ. אינ דעם דאָזיקנ קאמפּ דארפ מענ זיכ טאקע דערשלאָגנ נאָכ א גרעסערע פארפעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ אלס סאָציאליסטישע אונטערנעמונגענ. אינ דעם דאָזיקנ קאמפּ דארפ מענ זיכ טאקע דערשלאָגנ נײַע

דערפאָלגנ אינעמ פראט פונ סאָציאַליסטיש איבערדערציענ די גאנצע קאָל־ווירטישע מאסע.

אונטער דער ווירקונג פונ דער באלעגופישער אגיטאציע דריקנ א סאך קאָלווירט־ניקעס אָפּנ אויס די מוירע: אונ אויב דער טאָג־אַרבעט וועט בא אונדז אויסמאכנ אינ קאָלווירט א קילאָגראמ צעג אונ מער, צי וועט די ראטנמאכט דאנ ניט אופ־הייבנ די פעסטע נאָרמעס?

ניינ, דער געזעצ וועגנ די פעסטע נאָרמעס איז טאקע צוליב דעמ ארויסגעגעבנ געוואָרנ, כדי אפּ א דירעקטנ אויפנ פארינטערעסירנ אלע קאָלווירטניקעס אונ אינדיווידואלנ אינ העכערנ די גרעאָטנקייט. גראָד דאָס וויל טאקע די ראטנמאכט, אז דעמ קאָלווירטניקס טאָג־אַרבעט זאָל אויס־מאכנ וואָס מער, ביטנ, אויב עס ווערנ אויסגעפילט די פארקלעגערטע פאר־פליכטונגענ פאר דער מעלוכע.

די ראטנ־רעגירונג אונ דער צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פארטיי האָבנ אינ יוני 1933 יאָר נאָכאמאָל באשטעטיקט, אז די באשטימונג פונ 19־טנ יאנוואר וועגנ די ברויט־אָפּליפערונג דער מעלוכע, איז „א פעסטער, אומבא־שטרייטבארער געזעצ".

„אינ אונטערשייד צו די פריִערדיקע יאָרנ וועט די קערנער־אָפּליפערונג דער מעלוכע הייאָר דורכגעפירט ווערנ ניט לויט פלענער, וואָס ענדערנ זיכ, נאָר לויט פעסטע אומפארענדערלעכע נאָרמעס, וועלכע זיינענ איינגעשטעלט לויטנ געזעצ, וואָס דארפ פאר־פעסטיקנ די לאגע פונ די קאָלווירטנ, דארפ שאפנ שטאנדהאפטיקייט אינ דער ווירטשאפט, אונ באוואָרענענ דעמ קאָלווירט אונ אינדיווידואל די מעג־לעכקייט פעסט אויסצורעכענענ זייערע האכנאָסעס. דאָס באטייט, אז קיינ שומ אנטקעגנדיקע פלענער פונ קערנער־אָפּליפע־רונג טאָרנ לעהאבע ניט דערלאָזנ ווערנ כא קיינ שומ באדינגונגענ".

און פונ דער צווייטער זייט באטייט דאָס אויכ, אז

„קיינ שומ ארויסדרייענ זיכ פונ די פארפליכטונגענ אָפּצוליפערנ די קער־נער צומ טערמינ טאָר בעשומויפנ ניט דערלאָזנ ווערנ".

די נייע באשטימונג וואָרנט אלע פארטייִשע אונ סאָוועטישע אָרגאַניזאציעס, אז פאר אויווער זיינ אָפּנ געזעצ, פאר געבנ אנטקעגנדיקע פלענער וועט מענ די שולדיקע צוציִענ צו קרימינעלער פאראנטוואָרטלעכקייט.

אינ אוקראַינע, אינ סקאַהאָוויטשער ראיאָנ איז גראָד געווענ אזא פאל. צוליב דער גו־טער גערעטעניש האָט די ראיאָנע מאכט איינגעשטעלט פאר די קאָלווירטנ אנטקעגנדיקע פלענער פונ ברויט־אָפּליפערונג איבער די געזעצלעכע פעסטע נאָרמעס. די קאָל־ווירטניקעס האָבנ זיכ געקלאָגט פאר דער געגנטלעכער מאכט. דער געגנטלעכער אויספירקאָמיטעט פונ די ראטנ אונ דער געגנטלעכער פארטיי־קאָמיטעט האָבנ דורכגעקאָנטראָלירט די אָנקלאָגע אונ האָבנ טייקעפ אָפּגעשאפט די אנטקעגנדיקע פלענער, ווייל זיי ווידערשפרעכנ דעמ געזעצ אונ רייסנ ארונטער דעמ צוטרוי פונ די מאסנ צו

דעמ אומגעהייער וויכטיקנ באשלוס פונ דער ראטנמאכט אונ פונ דער פארטיי. דעמ פארזיצער פונעמ ראיאנעמ אויספירקאמיטעט פונ די ראטנ אונ דעמ סעקרעטאר פונעמ ראיאנעמ פארטיי־קאמיטעט האט מענ אראפגענומענ פונ דער ארבעט, אויסגעשלאסנ פונ דער פארטיי אונ איבערגעגעבנ צומ געריכט.

אונ אינ דער זעלבער צייט האבנ די ראטנ־רעגירונג אונ דער צענטראל־קאמיטעט פונ דער פארטיי געהעכערט דעמ לעכאטכילע איינגעשטעלטנ פלאנ פונ דער ברויט־אפליפערונג פאר די ראטווירטנ אפ 42 מיט א האלבנ מיליאנ פוד, ווייל די גערעטעניש האט זיכ ארויסגעוויזנ א העכערע, איידער מע האט גערעכנט.

פארוואס זשע האט דעמ פלאנ פאר די ראטווירטנ געהעכערט די ראטנמאכט אליינ אונ פאר העכערנ דעמ פלאנ פאר די קאלווירטנ גיט די ראטנמאכט איבער צומ געריכט ווי פאר א פארברעכנ?

ווייל דער ראטווירט איז א מעלוכישע אונטערנעמונג אונ זיינ גאנצע פראדוקציע ביז דעמ לעצטנ קילאגראמ געהערט דער מעלוכע. ווענ אינ ראטווירט וואלט נאכנ אויספילנ דעמ פלאנ, וואס מע האט אימ געגעבנ, פארבליבנ א װעלכער ניט איז סכומ קערנער, וואלט דער ראטווירט אויכ אימ געוועזנ מעכויעוו אפליפערנ דער מעלוכע. דער ראטווירט קאנ איבערלאזנ בלויז דעמ סכומ קערנער, וואס די רעגירונג האט באשטעטיקט אפ זריע, פוראזש אונ אפ דערנערונג פאר זיינע ארבעטער.

דער קאלווירט אבער איז א פרייוויליקע געזעלשאפטלעכע אונטערנעמונג, זיינ גאנצע פראדוקציע געהערט דעמ קאלווירט אליינ. בלויז א באשטימטנ טייל פונ דער דאזיקער פראדוקציע, וואס איז פינקטלעכ איינגעשטעלט לויטנ געזעצ, איז דער קאלווירט מעכויעוו אפליפערנ (פארקויפנ) דער מעלוכע אונ די גאנצע איבעריקע מאסע פראדוקציע זיינע, וויפל זי זאל ניט זיינ, געפינט זיכ אינ פולשטענדיקנ רעשוס פונעמ קאלווירט גופע.

די קאלווירטניקעס שטעלנ נאכ אזא פראגע: פארוואס האט גראד איצט די ראטנמאכט פארקלענערט אזוי באדייטנדיק די אבליגאטארישע ברויט־אפליפערונג דער מעלוכע אונ האט זיכ אפגעזאגט פונעמ קאנטראקטאציע־סיידער, פארוואס איז דאס פריער ניט געטאנ געווארנ?

אזא פראגע ווערט אויכ געשטעלט ניט אנ דער ווירקונג פונ דער באלעגופישער אגיטאציע: דער באלעגופ וויל פארשטעלנ די זאכ אזוי, אז די ראטנמאכט איז קלוימערשט „געגאנגענ אפ האנאכעס" אונ דעריבער האט זי געענדערט דעמ געזעצ. אינ דער ווירקלעכקייט איז דער געזעצ געענדערט געווארנ אונ די פארפליכטונגענ זיינענ אראפגעזעצט געווארנ דערפאר, ווייל בלויז איצט האבנ מיר די מעגלעכקייט דערצו.

מיר האבנ געזענ, אז גלייכצייטיק מיטנ אראפזעצנ די פארפליכטונגענ פאר די קאלווירטנ אונ פאר די ארבעטנדיקע אינדיווידואלנ האט די ראטנמאכט שטארק געהעכערט דעמ פלאנ פינ די פארגרייטונגענ אינ די ראטווירטנ. הייסט עס, אז

די פֿאַרפּליכטונגענ זײַנענ אַראָפּגעזעצט געוואָרנ אפֿנ כעזשבנ פֿונ דעמ, וואָס עס איז אויסגעוואַקסנ די פּראָדוקציע פֿונ די מעלוכישע אונטערנעמונגענ (ראַטנווירטנ). צוערשט האָט מענ געדאַרפֿט שאַפֿנ די ראַטנווירטנ, באַזאָרגנ זײ מיט אַ הויכער מאַשינ-טעכניק, דערשלאָגנ זיכ, אַז זײ זאָלנ געבנ דער מעלוכע אַ קאָלאָסאַלע מאַסע ברויט, פֿלײש אונ אַנדערע פּראָדוקטנ. נאָכ-דעמ האָט מענ שוינ געקאָנט אַראָפּזעצנ די אָפּליפֿערונגענ פֿונ די קאָלווירטנ, קאָל-ווירטניקעס אונ פֿונ די אַרבעטנדיקע אינדיווידואַלנ.

אָבער די זאַכ איז ניט בלויז אינ דעמ אַלײנ. די ראַטנמאַכט האָט געקאָנט באַ-זאָרגנ די ראַטנווירטנ מיט אַ הויכער טעכניק, בלויז שאַפֿנדיק צוערשט אַ גרויסע אינדוסטריע, וואָס פּראָדוצירט מאַשינעס. אונ צוליב דעמ זײַנענ נײטיק דער ראַטנ-מעלוכע קאָלאָסאַלע מאַסנ ברויט אונ אַנדערע לאַנדווירט-שאַפֿטלעכע פּראָדוקטנ. פֿאַר די דאָזיקע פּראָדוקטנ האָט די ראַטנמאַכט געקאָנט געבנ אַלצ אויסטויש בלויז פֿאַרהעלטנישמעסיק ניט קײנ סאַכ אינדוסטריעלע פּראָדוקטנ. אָט פֿאַרוואָס די ראַטנמאַכט האָט געפֿאָדערט, אַז די קאָלווירטנ אונ אינדיווידואַלנ זאָלנ אָפּליפֿערנ דער מעלוכע אַ וואָס) גרעסערנ טײל פֿונ זײער פּראָדוקציע לויט די מעלוכע-פּרײַזנ אינ סײדער פֿונ קאָנטראַקטאַציע.

די ראַטנמאַכט האָט ערלעכ אונ אָפֿנ געשטעלט די פֿראַגע פֿאַר די קאָלווירטני-קעס אונ אַרבעטנדיקע אינדיווידואַלנ: העלפֿט צוערשט דער ראַטנ-מעלוכע, דעמ אַר-בעטער-קלאַס אַנטוויקלענ די גרויסע אינדוסטריע, ווענ אַפֿילע צוליב דעמ מענ אײַב אויסקומענ באַגרענעצנ אפֿ אַ צײַט די באַפֿרידיקונג פֿונ אײַערע פּערזענלעכע באַדער-פֿענישנ, אונ דאַנ וועט איר אינ אַ קורצער צײַט אַרומ באַקומענ די פֿולע מעגלעכקײַט אפֿ אַ גרינטלעכנ אויפֿנ צו פֿאַרבעסערנ אײַער לעבנ.

איצט איז די דאָזיקע מעגלעכקײַט אָנגעקומענ. אינ פֿאַרלויפֿ פֿונעמ ערשטנ בינפֿיאָר איז פֿאַר פֿיר יאָר דער אינדוסטריע-פּלאַנ אויסגעפֿילט געוואָרנ. עס איז געשאַפֿנ געוואָרנ אַ מעכטיקע אינדוסטריע, די לאַנדווירטשאַפֿט איז באַוואָפֿנט גע-וואָרנ מיט אַ הויכער טעכניק אונ איז איבערגעבויט געוואָרנ אפֿ סאָציאַליסטישע יעסודעס. די ראַטנמאַכט האָט דאָס טײקעפֿ אויסגענוצט — האָט אַראָפּגעזעצט די מאַטעריעלע פֿאַרפּליכטונגענ פֿונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ פֿונ דאָרפֿ פֿאַר דער מע-לוכע אונ האָט אָפּגעשאַפֿט דעמ קאָנטראַקטאַציע-סײדער.

די נײַע געזעצנ האָבנ דעמ ציל צו פֿאַרפֿעסטיקנ די קאָלווירטנ, העכערנ די אַר-בעט-פּראָדוקטיווקײַט, פֿאַרבעסערנ דאָס לעבנ פֿונ דער קאָלווירטישער מאַסע. פֿונ די קאָלווירטניקעס גופֿע, פֿונ אויספֿילנ פּינקטלעכ די נײַע געזעצנ איז איצט געווענדט, אַז דער געשטעלטער ציל זאָל איצט מיט דערפֿאָלג דערגרײכט ווערנ.



פערטער טייל

פארפעסטיקנ דעמ סכוירע־צוזאמענשלוס מיטנ קאָלווירטישנ דאָרפ

וואָס איז אזוינס כאָוועטישער האנדל און צוליב וואָס איז ער נייטיק

די פארפעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ ווערט דערגרייכט ניט בלויז מיטנ אופהייבנ די קאָלווירטישע פראָדוקציע, נאָר אויכ מיטנ אנטוויקלענ דעמ סכוירע־צוזאמענשלוס צווישנ דער סאָציאליסטישער שטאָט און דעמ קאָלווירטישנ דאָרפ.

ווי מיר וויסנ, האָט דער סכומ פראָדוקטנ, וואָס אונדזער אינדוסטריע ארבעט אויס, זיכ פארגרעסערט פארנ ערשטנ פינפיאָר מער ווי אינ צוויי מאָל. די סכוירע־מויסרעס פונ אונדזער לאנדווירטשאפט האָבנ זיכ אויכ באדייטנדיק פארגרעסערט און לויט ברויט זיינענ זיי אויסגעוואָקסנ אינ צוויי מאָל. צולעצט, וואקסנ שטארק בא די ארבעטנדיקע פונ יאָר צו יאָר די באדערפענישנ, וואָס ווארטנ אפ באפרידיקט צו ווערנ.

אָט דאָס אלצ האָט געבראכט צו דער אופלעבונג פונעמ האנדל, אָט דאָס אלצ פאָדערט א ברייטע אנטוויקלונג פונעמ סכוירע־אומזאצ צווישנ שטאָט און דאָרפ.

די לאגע האָט זיכ איצט שארפ געענדערט ניט בלויז אינעמ זינ, וואָס אינ ראטנפארבאנד איז געוואָרנ א סאכ מער סכוירע. פריער האָבנ נאָכ א באדייטנדיקנ סכומ אינדוסטריעלע פראָדוקציע אויסגעארבעט די פריוואטע אונטערנעמונגענ — די קאפיטאליסטישע און די קליינע קוסטארישע. די איבערוויגנדיקע מערהייט לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטנ האָבנ געגעבנ די פריוואטע, קליינפויערישע און באלעבאטישע ווירטשאפטנ. דעריבער האָט דער פריוואטער האנדל פארנומענ אינעמ סכוירע־אומזאצ אינ פארבאנד א גאנצ גרויס אָרט. די ראטנמאכט האָט דערלאָזנ א געוויסע אופלעבונג פונ דער פריוואטער פראָדוצירישער און האנדל־מעטי־רנט, מיט באגרענעצונגענ און אונטערנ קאָנטראָל פונ דער ראטנ־מעלוכע.

איצט ווערט קימאט די גאנצע מאסע אינדוסטריעלע פראָדוקציע און די קאָ־

לאָסאלע מערהײַט לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטנ אויסגעארבעט אינ די געזעלשאפטלעכע, אינ די סאָציאליסטישע אונטערנעמונגענ — אינ דער מעלוכישער אינדוסטריע, אינ דער געווערב־קאָאָפּעראציע, אינ די ראטעווירטנ אונ אינ די קאָלווירטנ. פונ די דאָזיקע אונטערנעמונגענ קומענ ארײַנ אינ רעשוס פונ דער ראטנמעלוכע אפ א פּלאנעווונ סײדער קאָלאָסאלע אונ אלצ מער שטײַגנדיקע מאסנ סכוירעס. אָט דאָס האָט אונדז געגעבנ א מעגלעכקײַט אײַנגאנצנ ארויסצושטויסנ פונעמ סכוירע־אומזאצ דעמ פּריוואטנ האנדל, די פּריוואַטע הענדלער אונ אלערליי פארמיטלער. וועגנ אויפלעבנ די פּריוואטע האנדל־קאפּיטאליסטישע טעטיקײַט קאָנ גאָר קיינ שומ רייד ניט זײַנ. פארקערט, די ראטנמאכט האָט פארווערט דעמ פּריוואטנ האנדל, האָט ארויסגעגעבנ הארבע געזעצנ וועגנ קאמפ קעגנ ספּעקוליאציע.

אָט פארוואָס עס זײַנענ אבסאָליוט ניט גערעכט די, וואָס זעענ אינ דער איצטיקער אנטוויקלונג פונעמ סאָוועטישנ האנדל א צוריקער צו די ערשטע יאָרנ פונ דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, ווענ בײַ אונדז איז געווענ אנ אויפלעבונג פונעמ האנדל אונ מע האָט דערלאָזנ די פּריוואטע הענדלער. בלויז די אָפּאָרטוניסטנ באמערקנ ניט דעמ קאָלאָסאלנ ראדיקאלנ אונטערשייד אינ דער לאגע פריער אונ איצט. קיינ שומ „קער אפ צוריק" איז ניטאָ אונ קאָנ ניט זײַנ. די פאנאנדערוויקלונג פונעמ סאָוועטישנ האנדל באטײַט א נײַעמ גרויסנ שריט פאָרויס אינ דער אנטוויקלונג פונ אונדזער גאנצער סאָציאליסטישער ווירטשאפט אונ אינ פארבעסערנ דאָס לעבנ פונ די ארבעטנדיקע מאסנ.

בײַ הײַנטיקנ טאָג גייט דער סכוירע־אומזאצ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ אויסשליסלעכ אינ סײדער פינ סאָוועטישנ האנדל. וואָס זשע איז עס אזוינס דער סאָוועטישער האנדל?

„דער סאָוועטישער האנדל, — זאָגט כ' סטאלינ, — איז א האנדל אָנ קאפּיטאליסטנ — קליינע אונ גרויסע, א האנדל אָנ ספּעקוליאנטנ — קליינע אונ גרויסע. דאָס איז א באזונדער מינ האנדל, וואָס ביז איצט האָט פונ אימ די געשיכטע ניט געוווּסט אונ וואָס בלויז מיר, באָלשעוויקעס, פּראקטיקירנ אינ די באדינגונגענ פונ דער סאָוועטישער אנטוויקלונג".

אזוי ארומ באשטייט די כאראקטעריסטישע הויפּט־באזונדערקײַט פונ סאָוועטישנ האנדל אינ דעמ, וואָס ער דערלאָזט ניט דעמ פּריוואטניק, ער דערלאָזט ניט קיינ פּריוואטע אָנלעבונג, קיינ ספּעקוליאציע אונ שטעלט זיכ פאר א ציל אויסשליסלעכ צו באזאָרגנ וואָס בעסער אונ וואָס ביליקער די ארבעטנדיקע פונ שטאָט אונ דאָרפ מיט אלע נייטיקע סכוירעס.

עס זײַנענ פאראנ דרײַ מינימ סאָוועטישער האנדל: מעלוכישער, קאָאָפּעראטיווער, קאָלווירטישער. מיר דארפנ האָבנ דעמ סאָוועטישנ האנדל פונ אלע דרײַ מינימ. דער סאָוועטישער האנדל דארפ זיכ אנטוויקלענ מיט אלע דרײַ וועגנ אײַנצײַטיק.

די „לינקע" קנייטשער האָבנ זיכ פאָרגעשטעלט, אז וויבאלד דער פּריוואטער האנדל איז שוינ ארויסגעשטויסנ, איז שוינ קיינ שומ האנדל מער ניט נייטיק,

אינ מע קאָנ, אריבערגיינ צום דירעקטנ אָנגעלטיקנ פּראָדוקטנ־אויסטויש צווישנ שטאָט אונ דאָרפ.

דאָס איז אַנ אויסערסט שעדלעכער טעות, וואָס קעגנ אים קעמפט די פּאַרטיי. אַפּ אָרגאַניזירנ אַנ אָנגעלטיקנ פּראָדוקטנ־אויסטויש איז נייטיק אַ גאַנצע רײַ באַדינגונגענ, וואָס דערווײַל זײַנענ זיי נאָכ באַ אונדז ניטאָ. די וויכטיקסטע פונ די דאָזיקע באַדינגונגענ זײַנענ פאָלגנדיקע.

פריִער פונ אַלצ איז נייטיק אַ סאַכ אַ העכערע אַרבעטפּראָדוקטיוויטעט אינ אַלע צווײַגנ פונ דער פאָלקווירטשאַפט, וואָס זאָל אונדז געבנ אַ מעגלעכקײַט אינגאַנצנ אויסצולעבנ דעמ מאַנגל אינ פּראָדוקטנ.

עס זײַנענ נייטיק אַ סאַכ מער פאַרברייטערטע אונ פאַרבעסערטע פאַרקער־אונ פאַרבינדונג־מיטלענ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ, וואָס זאָלנ געבנ אַ מעגלעכקײַט צו פאַרשנעלערנ דאָס אריבערוואַרפנ די פּראָדוקטנ אונ אָרגאַניזירנ עס מיט גרויסער פּינקטלעכקײַט.

עס איז נייטיק צו פאַרייניקנ אַלע אַרבעטנדיקע אָנ אויסנאַמ אינ פּראָדוצירגעבדוויכערישע קאָלעקטיוונ, קעדיי די פאַרגרייטערישע אונ באַזאָרגערישע אָרגאַנענ זאָלנ קאָנענ האָבנ צו טאָנ אויסשליסלעכ מיטנ אָרגאַניזירטנ פּראָדוצירער אונ געברויכער.

עס איז נייטיק אַ פּינקטלעכער, אַ ווירקלעכ אַלאַרומכאַפּנדיקער, אַלפאָלקישער דיסקאָנט פונ דער גאַנצער פּראָדוקציע אונ פונעמ גאַנצנ געברויכ.

עס איז נייטיק אַ פאַנאַנדערגעצווײַגטע איבערנ גאַנצנ פאַרבאַנד בויגעוודיקע נעצ אָרגאַנענ פאַר באַזאָרגונג אונ פאַרטיילונג.

עס זײַנענ נייטיק צאָלרײַכע אונ קוואַליפיצירטע קאַדרענ טוער פאַר באַזאָרגונג אונ פאַרטיילונג, וואָס זײַנענ דורכגעגאַנגענ אַ שול פונ קולטורעלנ סאָוועטישנ האַנדל.

די דאָזיקע גרונט־באַדינגונגענ, וואָס זײַנענ נייטיק אַפּ אריבערגיינ צום דירעקטנ סכוירע־אויסטויש, זײַנענ נאָכ באַ אונדז ניטאָ, אָדער זיי זײַנענ פאַראַנ אינ אַ ניט גענוגנדיקער מאָס.

אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרנעמענ זיכ מיט האַנדל אונ באַזאָרגונג, דאַרפנ זיכ נאָכ אויסלערנענ ריכטיק אונ רעגולער פאַרגרייטנ די פּראָדוקטנ אונ באַזאָרגנ מיט זיי די אַרבעטנדיקע אינ סײַדער פונ סאָוועטישנ האַנדל, מיט דער הילפ פונ געלט, אַפּ דער באַזע פונ ווירטשאַפטלעכנ דיסקאָנט אונ אויסרעכענונג, אַפּ דער באַזע פונ וויסנ פּינקטלעכ דעמ נאָכפרעג אונ אָנבאָט פונ דער סכוירע, אויסנוצנדיק דאָס געלט אַלס מיטל פונ קאָנטראָל אונ פונ דורכקאָנטראָלירנ די אַרבעט פונ די האַנדל־אָרגאַניזאַציעס.

בלויז נאָכ דעמ, ווי זיי וועלנ די דאָזיקע אויפגאַבע לייזנ אינגאַנצנ צופרידנשטעליק, בלויז נאָכ דעמ, ווי עס וועט זיכ אַרויסווײַזנ, אַז סע זײַנענ פאַראַנ אַלע איבעריקע באַדינגונגענ, וואָס מיר האָבנ דערמאָנט, — וועט זיכ שטעלנ די פראַגע וועגנ אריבערגיינ צום אָנגעלטיקנ פּראָדוקטנ־אויסטויש אונ די פּראַקטיק וועט דאַנ אָנווײַזנ די וועגנ אונ אויפאַנימ פונ פאַרווירקלעכנ אַזאַ איבערגאַנג.

אַט פאַרוואָס עס איז איצט אומעגלעכ צו פאַרניכטנ דעמ האַנדל, דאָס געלט אונ איינפירנ אַנ אָנגעלטיקנ פראָדוקטנ־אויסטויש.

אינ דער ווענדונג פונעמ צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פאַרטיי, פונעמ ראַט פונ די פאָלקס־קאָמיסאַרנ פונ פסס"ר אונ פונעמ צענטערפאַרבאַנד, וואָס איז אַרויסגעלאָזנ געוואָרנ אינ מײַ 1931 יאָר ווערט דערקלערט:

„אַרויסשטויסנ דעמ פריוואַטניק אונ דעמ פריוואַטנ האַנדל באַטײַט נאָכ ניט פאַרניכטנ יעטווידער האַנדל... פאַרקערט, אַרויסשטויסנ דעמ פריוואַטנ האַנדל זעט פאַרויס די אַלמעגלעכע אַנטוויקלונג פונעמ סאָוועטישנ האַנדל אונ די פאַנאַנדערוויקלונג פונ דער נעצ קאָאָפעראַטיווע אונ מעלוכישע האַנדל־אָרגאַניזאַציעס איבערנ גאַנצנ ראַטנפאַרבאַנד”.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פאַרטיי האָט אפ זײַנ פלענום אינ אָקטיאַבער 1931 יאָר אָנגענומענ אַ באַזונדער רעזאָלוציע, אינ וועלכער ער פאָדערט פאַנאַנדערוויקלענ דעמ סאָוועטישנ האַנדל אונ פאַרבעסערנ די באַזאָרגונג פונ די אַרבעטנדיקע.

די קאָמוניסטישע פאַרטיי אונ די ראַטנמאַכט פאָדערנ אַז אונדזערע האַנדל־אָרגאַניזאַציעס זאָלנ אַרויסווײַזנ אַ ווירקלעכע זאָרג וועגנ דעמ געברויכער, וועגנ זײַנע באַדערפענישנ אונ פאָדערונגענ, זאָלנ אויסזוכנ די סכוירעס, וואָס זײַנענ אימ נייטיק אונ פונ דער געפאָדערטער קוואַליטעט, זאָלנ פאַנאַנדערוויקלענ אייגענע סכוירעס־פאַרגרייטונגענ, זאָלנ פאַרבעסערנ די טעכניק פונעמ האַנדל־וועזנ אאַוו. אונדזערע האַנדל־טוער האָבנ זיכ דאָס נאָכ ניט אויסגעלערנט טאָנ ווי עס באַדאַרפ צו זײַנ. אָפטער פונ אַלץ פאַרטיילנ זיי מעכאַניש די סכוירעס, וואָס קומענ אַרײַנ אינ סיידער פונ צענטראַליזירטער באַזאָרגונג, זיי סטאַרענ זיכ מיט איינ מאָל אַרײַנשטופנ דעמ געברויכער זײַנ „נאָרמע” אונ דערמיט פאַטערנ זיי זיכ אָפ.

אַנ אַנדער גרויסער פעלער פונ אונדזערע האַנדל־אָרגאַניזאַציעס זײַנענ די גרויסע גנייוועס אונ פאַרשווענדונגענ. אַ באַדײַטנדיקער טייל אָנפירנדיקע האַנדל־טוער פאַרשטייט נאָכ ניט דעמ פאָליטישנ זינ פונ די מאַסעווע גנייוועס. „ווי בלינדע גייענ זיי פאַרבײַ די דאָזיקע פאַקטנ, מיינענדיק, אַז דאָ איז קיינ שומ באַזונדערע זאַכ ניטאָ”, — זאָגט וועגנ אַזוינע טוער כ' סטאַלינ. זיי האָבנ זיכ ניט קלאָר געמאַכט, אַז דער האַנדל, דער סכוירע־אומזאַץ איז איצט איינער פונ די באַצירקנ פונעמ פאַרשאַרפטנ קלאַסנ־קאַמפ. זיי האָבנ ניט פאַרשטאַנענ, אַז די מאַסעווע גנייוועס זײַנענ אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער פרוּוו פונעמ קלאַסנ־שׂונא אַראָפּצורײַסנ די מאָסמיטלענ פונ דער ראַטנמאַכט אונ פונ דער פאַרטיי אפ פאַרבעסערנ די באַזאָרגונג פונ די אַרבעטער אונ פויערימ.

דער קאַמפ קעגנ די גנייוועס אונ פאַרשווענדונגענ אינ אונדזער האַנדל־נעצ דאַרפ דורכגעפירט ווערנ מיט דער גאַנצער שטרענגקייט אונ האַרבקייט לויטנ געזעצ וועגנ באַוואַכנ דאָס געזעלשאַפטלעכע סאָציאַליסטישע אייגנטומ.

דאָס מעכאַנישע פאַנאַנדערטיילנ די סכוירעס ברענגט דערצו, אַז עס ווערנ אפנ גראָבסטנ אויפנ געטראָטנ דעמ געברויכערס אינטערעסנ אונ די באַזאָרגונג ווערט ניט ריכטיק דורכגעפירט. עס באַקומט זיכ אַ „פאַרגליווערונג” פונ דעמ סכוירע־אומ־

זאץ, א „סכוירע־פארלעגערונג", ווענ א גרויסער סכומ סכוירעס ליגט אָנ באוועגונג אינ איינזיקע ראיאָנענ אינ דער צײַט, ווענ די געברויכער פונ אנדערע ראיאָנענ נייטיקנ זיכ שטארק אינ די דאָזיקע סכוירעס. עס באקומט זיכ אָנ אויסגלײַכערײַ אינ דער באזאָרגונג, ווענ די סכוירעס ווערנ צעטיילט צווישנ די ראיאָנענ, ניט נעמענדיק אינ אכט די ווירקלעכע באדערפענישנ פונ דער באפעלקערונג. עס פארבלײַבנ ניט אויסגענוצט פארנ סכוירע־אומזאץ קאָלאָסאלע מאסנ לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקציע, וואָס בלײַבט אינ דאָרפ.

הינטער אזא קלוימערשטנ „האנדל" זעענ ניט אונדזערע האנדל־אָרגאניזאציעס דעמ איקער — ד ע מ ג ע ב ר ו י כ ע ר ס א י נ ט ע ר ע ס נ, זיי מעסטנ אַלע געברויכער „מיט איינ ארשינ", זיי ווייסנ ניט די פאָדערונגענ אונ גוסטנ פונ די געברויכער, זיי ווילנ זיכ מיט זיי ניט רעכענענ. ביז איצט באזאָרגנ זיכ איבער די סקאנדאליעזע פאלנ, ווענ מע שיקט ניט סעזאָנע סכוירעס, לעמאָשל, פעלצלעכ, וואָליקעס — אינ פרילינג אא"וו. ביז איצט הערט מענ ניט אויפ צו שיקנ גרויסע פארטיעס סכוירעס פונ איינ אונ דער זעלבער קוואליטעט, פונ איינ אונ דער זעלבער מאָס, פונ איינ פאסאָנ אא"וו. פארנ קויפער בלײַבט קיינ ברירע ניט, ער איז געצוווּנגענ צו נעמענ, לעמאָשל, שיכ אויפ 2—3 נומערנ גרעסער, איידער ער דאַרפ אא"וו. „עס ווילט זיכ ניט זײַנ קיינ גרויספוסיקער אונ ארומשלעפנ אויפ זיכ יעטווידער אומגעלומפערטע זאכ, אָבער מע מוז", — קלאָגנ זיכ די געברויכער.

אונדזער סאָוועטישער געברויכער איז שטארק אויסגעוואָקסנ, באדײַטנדיק האָט זיכ געהעכערט זײַנ וווילשטאנד, עס זײַנענ אויסגעוואָקסנ זײַנע באדערפענישנ, — אָט וואָס עס ווילנ ניט פארשטיינ א סאכ האנדל־אָרגאניזאציעס אונדזערע. די קאָלווירטניקעס, וואָס ארבעטנ געוויסנהאפט, אונדזערע שלאָגלער אונ שלאָגלערנס פאָדערנ סכוירע פונ בעסערער קוואליטעט, טײַערע סאָרטנ שטאָפנ, שענערע קליידער, שיכ אא"וו. זיי פאָדערנ א פארשיידנארטיקנ סכוירעס־אויסוואל. זיי ווילנ באקומענ א סאכ „שטאָטישע" סכוירעס, וואָס אינ דאָרפ זײַנענ זיי נאָכ ניטאָ. פונ קיינ שומ גוטע סכוירעס זאָגנ זיכ אונדזערע קאָלווירטניקעס ניט אָפ. מע האָט, לעמאָשל, געבראכט אינ דער סטרעלעציקער דאָרפישער געברויכ־געזעלשאפט, ריאזשסקער ראיאָנ 1000 מעטער זײַדענע שטאָפ: אינ 3 טעג האָט מענ עס צעכאפט.

מעגלעכקײַטנ צו באפרידיקנ די דאָזיקע אויסגעוואָקסענע באדערפענישנ זײַנענ איצט פאראנ. דעריקער, וואָס עס פעלט אונדזערע האנדל־אָרגאניזאציעס איז — ק אָ נ ע נ ה א נ ד ל ע נ ר י כ ט י ק, ק ו ל ט ו ר ע ל, ס אָ ו ו ע ט י ש.

אינ דער אויבנ אָנגערופענער רעזאָלוציע פונעמ צענטראל־קאָמיטעט פונ דער פארטיי ווערט געזאָגט:

„די הויפט־סיבע, וואָס שטערט פאנאנדערוויקלענ דעמ סאָוועטישנ האנדל, איז דאָס, וואָס א באדײַטנדיקער שיכט טוער פונעמ קאָאָפעראטיוונ האנדל־אפאראט פארשטייענ ניט אונ קאָנענ ניט אריבערגיינ פונ די רעלסנ פונ מעכאנישנ פארטיילנ די סכוירעס אויפ די רעלסנ פונ פאנאנדערוויקלענ דעמ סאָוועטישנ האנדל".

פאר א סאכ איצטיקע טוער שטעלט זיכ פאָר די איצטיקע באזאָרגונג־סיסטעמ אינ סיידער פונ פארמאכטע פארטיילערס אונ לויט באשטימטע נאָרמעס שיר ניט קיינ מוסטער פונ פולקומהײַט. אינ דער ווירקלעכקײַט איז די דאָזיקע סיסטעמ

ארויסגערופנ געוואָרנ צוליבנ מאנגל אינ פּראָדוקטנ, וואָס איז באַזונדערס שארפ בענעגייע די זאכנ פונ מאסנ־געברויכ. זי איז ארויסגערופנ צוליב דעמ, וואָס אינ די באַדינגונגענ פונ מאנגל אינ סכוירעס איז נייטיק צו באוואָרענענ די ערשטשטייִקע פארבעסערטע באזאָרגונג פאר די גרונטיקע, פירנדיקע פּראָפעסיעס, פאר די גרונטיקע גרופּעס ארבעטנדיקע, וואָס זײַנענ באשעפטיקט אינ די וויכטיקסטע מעלוכישע אונטערנעמונגענ אונ אנשטאלטנ, די שלאָגלער אאוו.

די קאָמוניסטישע פארטיי האלט קלאָל ניט דעמ עקזיסטירנדיקנ באזאָרגונג־סיידער פאר עפּעס אנ אידעאל. פארקערט, זי האלט פאר נייטיק צוצוגרייטנ דאָס אָפּשאפנ דעמ דאָזיקנ סיידער. דער ארבעטער־קלאס, — רייִדנדיק מיט כ' קאלינינס ווערטער, — שטעלט די פראגע אזוי:

„צי קאָנ מענ ניט פארניכטנ די רייענ נאָכ ברויט, צי איז ניט צײַט צו פארניכטנ די ברויט־קארטלעכ — בא מיר גייט אפּ דעמ אוועק א סאכ צײַט... כוץ דעמ איז די פארטיילונג גופא פונ די פּראָדוקטנ זייער א טײַערע: די קארטנ־סיסטעמ קאָסט א סאכ געלט אונ פאָדערט א קאָלאָסאלע צאָל מענטשנ. צומ פאנאנדערטייל־אפּאראט שארנ זיכ צו ספּעקוליאנטנ, לײַדיקגייער אאוו..

אָבער צוגרייטנ דאָס אָפּשאפנ דעמ איצטיקנ באזאָרגונג־סיידער קאָנ מענ בלויז אפּ דער באזע פונ דער אלמעגלעכער אנטוויקלונג פונעמ סכוירע־אומזאצ.

אָט וואָס עס זאָגט, למשל, די 17־טע פארטיי־קאָנפערענצ וועגנ דער באדײַטונג פונעמ סכוירע־אומזאצ אינעמ צווייטנ פינפיאָר, אינ דעמ פעריאָד פונ אויסבויענ דירעקט די סאָציאליסטישע געזעלשאפט:

„קעדיי צו באוואָרענענ די באָלשעוויסטישע טעמפּנ פונ אופהייבנ די גאנצע פאָלקווירטשאפט אונ פונ באפרידיקנ צומ בעסטנ די באדערפענישנ פונ די ברייטע מאסנ פונ שטאָט אונ דאָרפ אינ פראט פונ סכוירעס פארנ מאסנ־געברויכ האָט אנ ערשטראנגיקע באדײַטונג די פאנאנדערוויקלונג פונעמ סכוירע־אומזאצ. די פאנאנדערוויקלונג פונעמ סכוירע־אומזאצ קוידעמקאָל פונעמ איינצל־אומזאצ — אונ דאָס דורכפירנ דעמ פּרינציפּ פונ ווירטשאפטלעכנ אויסהאלט אינ דער גאנצער ווירטשאפטלעכער ארבעט איז דער וויכטיקסטער סטימול אפּ אנטפלעקנ די פאראנענע אינ אינדזער ווירטשאפט קאָלאָסאלע נאָכ ווײַט ניט אויסגענוצטע אינערלעכע רעזערוונ, וואָס העלפנ פארגיכערנ דעמ וווּקס פונ דער סאָציאליסטישער אָנזאמלונג, אונ פארפעסטיקט דערמיט גופא די מאטעריעלע באזע פונ דער גאנצער סאָציאליסטישער בויונג. צוזאמענ דערמיט איז בלויז אפּ דער באזע פונ פאנאנדערוויקלענ דעמ סכוירע־אומזאצ מעגלעכ צו באוואָרענענ די ווײַטערדיקע שנעלע פארבעסערונג פונ דער באזאָרגונג פונ די ארבעטער אונ ארבעטנדיקע פונ דאָרפ מיט אינדוסטריעלע סכוירעס אונ פּראָדוקטנ פונ דער לאנדווירטשאפט, וואָס צוליב דעמ, ווידער, איז נייטיק צו פארברייטערנ מיט אלע מיטלענ די געצ מאגאזינענ, קראָמענ אונ די גאנצע האנדלנעצ אונ דורכצופירנ די נייטיקע טעכנישע רעקאָנסטרוקציע* אירע. בלויז

* דאָס הייסט איבערבויונג.

אפ דער דאָזיקער באזע איז מעגלעכ צוצוגרייטנ די אָפּשאפונג פונ דער נאָר־מירונג באמ פארקויפנ סכוירעס אונ פארבײטנ די צענטראליזירטע פאנאנ־דערטיילונג־סיסטעמ מיטנ פאנאנדערגעוויקלטנ סאָוועטישנ האנדל״.

די 17־טע פארטיי־קאָנפערענצ האָט שארפ פארורטיילט סײ דעמ „לינקנ״ און סײ דעמ רעכטנ אָפנייג אינ דער באזאָרגונג־פראגע. דער „לינקער״ אָפנייג בא־שטייט אינ ניט באנעמענ, אז בא הײנטיקנ טאָג איז אינ די אינטערעסנ פונ בע־סער באזאָרגנ די ארבעטנדיקע נייטיק ברייט צו אנטוויקלענ דעמ סאָוועטישנ האנדל, אונ אלע כקירעס וועגנ אָנגעלטיקנ „פראָדוקטנ־אויסטויש״, וועגנ דער „געלט־אָפּשטארבונג״ אד״ג. ברענגענ בלויז שאָדנ דער באזאָרגונג. אזוינע כקי־רעס פונ די „לינקע״ האָט די קאָנפערענצ אָנגערופנ אנטיבאָלשעוויסטישע פראזנ.

דער רעכטער אָפנייג אינ די באזאָרגונג־פראגנ באשטייט אינ דעמ, אז אונדזע־רע האנדל־טוער טראָגנ אריינ א „נעפּמאנישנ גײסט״* אינעמ סאָוועטישנ האנדל, זײ בלאָזנ אופ די פרײזנ, יאָגנ זיכ נאָכ הויכע פראָפיטנ א. א. וו. אזוינע שטרע־בונגענ האָט די קאָנפערענצ אָנגערופנ בורזשואזנ־נעפּמאנישע פארקרי־פלונג פונ ווירטשאפטלעכנ אויסהאלט אינ סאָוועטישנ האנדל.

אינ קאמפ קעגנ דעמ רעכטנ אונ „לינקנ״ אָפנייג אינ דער באזאָרגונג דארפ מענ ברייט פאנאנדערוויקלענ דעמ ווירקלעכנ סאָוועטישנ האנדל.

קאָלווירטישער האנדל

איינער פונ די מינימ סאָוועטישנ האנדל איז דער קאָלווירטישער האנדל. ער באשטייט אינ דעמ, וואָס די קאָלווירטנ אונ קאָלווירט־ניקעס אונ אויכ די ארבעטנדיקע אינדיווידואלנ האָבנ רעכט פרײ צו פארקויפנ די רעשטלעכ פונ זייער פראָדוקציע לויט די פרײזנ, וואָס בילדנ זיכ אויס אופ די מערק בלויז בא אײנ פאָרבאדינג: באמ אויספילנ די אָבליגאטאָרישע אָפּליפערונג דער מעלוכע.

דער קאָלווירטישער האנדל מיט ברויט, קערלעכ, קארטאָפל, ווערט דערלויבט אינ יעדער געגנט אָדער רעפּובליק נאָכדעמ, ווי זי האָט אינגאנצנ גענו־מענ אויסגעפילט די אָבליגאטאָרישע אָפּליפערונגענ פונ די דאָזיקע פראָדוקטנ לויט די פעסטע נאָרמעס אונ אָנגעשאָטנ די זריע־, סטראכיר־ אונ פוראזש־פאָנדנ. דער האנדל מיט די דאָזיקע פראָדוקטנ ווערט אָפּגעשטעלט נאָכדעמ, ווי עס הייבנ זיכ אָנ די נײע אָפּליפערונגענ דער מעלוכע. דער קאָלווירטישער האנדל מיט אלע איבעריקע פראָדוקטנ ווערט דערלויבט אינ פארלויפ פונ א קײלעכדיקנ יאָר ביטנײ, אויב עס ווערנ פינקטלעכ אויסגעפילט אינ די באשטימטע טערמינענ די אָפּליפערונגענ פונ די דאָזיקע פראָדוקטנ דער מעלוכע לויט די פעסטע נאָרמעס.

די פריוואטע הענדלער, די איבערקויפער, די ספעקוליאנטנ ווערנ ניט דערלאָזנ

---

* דאָס הייסט א בורזשואזנ.

צו האנדלענ אפ די קאָלווירטישע מערק. פאר יעטווידער ספעקוליאציע ווערט מענ שטרענג פארפאָלגט אונ באשטראָפט.

יעדער קאָלווירט, קאָלווירטניק אונ אינדיווידואל ווייס איצט גוט: האָסטו אָפּגעליפערט דער מעלוכע די פעסטע נאָרמע, וואָס פונ דיר קומט, האָסט אָנגעשאָט די פאָנדנ — באלעבאטעווע איבער דײַנ גאנצער איבעריקער פראָדוקציע אזוי, ווי דו ווילסט.

עס איז קלאָר, אז אזא אָרדענונג שאפט *זייער גינסטיקע באדינגונגענ פאר דער ברייטער אנטוויקלונג פונעמ קאָלווירטישנ האנדל*. דאָס פארקלענערנ די גרייס פונ אָבליגאטאָרישע צושטעלונגענ דער מעלוכע פארגרעסערט באדײַטנדיק דעמ סכומ סכוירע־מויסרעס אינ דאָרפ. דאָס אײַנפירנ *פעסטע אָפּליפערונגנ־נאָרמעס* פארשטארקט אינ א קאָלאָסאלער מאָס די דירעקטע פארינטערעסירטקײַט פונ יעדנ קאָלווירט, קאָלווירטניק אונ ארבעטנדיקנ אינדיווידואל אינ דער אנטוויקלונג פונ זײַנ ווירטשאפט, אינ פארגרעסערנ די ברוטאָ־פראָדוקציע, אינעמ וווּקס פונ די סכוירע־מויסרעס.

אזוי ארום וואקסט באדײַטנדיק אויס די סכוירע־מאסע לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקציע. דער קאָלווירטישער האנדל ווערט *א זייער וויכטיקער צוגאָב־קאנאל פאר באזאָרגנ די שטעט, די ארבעטער מיט לאנדווירטשאפטלעכע סכוירעס*. אונ דאָס גיט א מעגלעכקײַט נאָכ ברייטער צו *פאנאנדערוויקלענ די פראָדוקציע פונ די אינדוסטריעלע סכוירעס, וואָס זײַנענ נייטיק דעמ דאָרפ*. אזוי באקומט דער וווּקס פונ סכוירע־אומזאץ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ *א נײַעמ מעכטיקנ שטויס*.

אייניקע כאוויירימ האלטנ, אז „פאר די קאָלווירטנ פאסט ניט צו האנדלענ". דאָס איז א *שעדלעכער פלאָנטער*.

די קאָלווירטנ הערנ ניט אופ צו זײַנ *סאָציאליסטישע* אונטערנעמונגענ דערפאר, ווײַל זיי האנדלענ אונ צעטיילנ די האכנאָסעס פונעמ קאָלווירטישנ האנדל אינעמ זעלבנ סיידער ווי די איבעריקע האכנאָסעס. די קאָלווירטנ רעכענענ אראָפּ פאר זייערע *ניט־טיילבארע פאָנדנ* 10—15 פראָצ. פונ די האכנאָסעס פונעמ קאָלווירטישנ האנדל. *דער קאָלווירטישער האנדל פארפעסטיקט די קאָלעקטיווע ווירטשאפט*.

אינ דעמ באשטייט די *פאָזיטיווע* זײַט פונעמ קאָלווירטישנ האנדל. דעריבער האָט אימ טאקע די ראטנמאכט אײַנגעפירט.

אָבער די דאָרפישע טוער דארפנ געדענקענ כ׳ סטאלינס אָנווײַזונגענ אויכ וועגנ די *נעגאטיווע* זײַטנ פונעמ קאָלווירטישנ האנדל. כ׳ סטאלינ האָט אָנגעוויזנ, אז דער קאָלווירטישער האנדל שטויסט דעמ קאָלווירטניק „אײַנצוהאלטנ דאָס ברויט, אָפּליפערנ דער מעלוכע ווייניקער, איבערלאָזנ פארנ קאָלווירטישנ האנדל מער". אונ אָט די דאָזיקע פאָשעטע זאכ האָבנ ניט באנומענ א סאכ דאָרפישע קאָמוניסטנ. זיי, — זאָגט כ׳ סטאלינ, —

„האָבנ ניט פארשטאנענ, אז די נעגאטיווע זײַטנ פונעמ קאָלווירטישנ האנדל קאָנענ ברענגענ א גרויסנ שאָדנ דער מעלוכע, אויב זיי, — ד. ה.

די קאמוניסטנ, וועלנ ניט אנהייבנ שוינ פונ די ערשטע טעג פונ טוווע־שניט אונטעריאגנ מיט אלע קויכעס די ברויטפארגרייטונג־קאמפאניע״.

מע דארפ זיכ דערשלאגנ, אז יעדער קאלווירטניק זאל מיט דער גאנצער דײטלעכקייט קלאר מאכנ זיכ, אז **ניט יעטווידער האנדל איז אונדז נייטיק**. אויב די פראדוקטנ קומענ אנ אפנ קאלווירטישנ מארק אפנ כעזשבנ פונ ניט אויספילנ די אבליגאטארישע אפליפערונגענ דער מעלוכע, איז דאס אלציינס ווי ספעקוליאציע, ווי אנלעבונג, ווי אפנארנ די ראטנמאכט. אזא האנדל דארפנ מיר ניט, ער איז שעדלעכ אונ פארברעכעריש.

אונדז איז נייטיק אנ ערלעכער קאלווירטישער האנדל, ווענ די קאלווירטנ, די קאלווירטניקעס אונ די ארבעטנדיקע אינדיווידואלנ האנדלענ, נאכ דעמ, ווי זיי **ליפערנ אפ געוויסנהאפט דער מעלוכע דעמ טייל פונ זייער פראדוקציע, וואס איז באשטימט לויטנ געזעצ**.

אונדז איז נייטיק א האנדל אנ פריוואטע פארמיטלער אונ ספעקוליאנטנ, א האנדל, וואס פארפעסטיקט אונדזערע סאציאליסטישע ווירטשאפטלעכע פאזיציעס, וואס פארבעסערט דעמ וווילשטאנד פונ די ארבעטנדיקע מאסנ.

אט פארוואס די ראטנ־רעגירונג האט אינ אירע באשלוסנ וועגנ קאלווירטישנ האנדל באשטימט:

„ניט דערלאזנ די פריוואטע הענדלער עפענענ מאגאזינענ אונ קראמענ,
מיט אלע מיטלענ אויסווארצלענ די איבערפארקויפער אונ ספעקוליאנטנ,
וואס פרווונ אנלעבנ אפנ כעזשבנ פונ די ארבעטער אונ פויערימ״.

אונ אינ דער באשטימונג פונ 22־טנ אויגוסט פאדערט די ראטנ־רעגירונג ארײנזעצנ די ספעקוליאנטנ אונ איבערפארקויפער אינ קאנצענטראציע־לאגער אפ א טערמינ פונ 1 ביז 5 יאר אנ אנטווענדנ אמניסטיע.

די דאזיקע באשטימונג איז נייטיק ברייט צו דערקלערנ די מאסנ. די קאלווירטניקעס אונ אינדיווידואלנ האבנ נאכ ניט פולשטענדיק אונ קלאר באנומענ דעמ גאנצנ קאלאסאלנ שאדנ, וואס די ספעקוליאציע ברענגט דער סאציאליסטישער בויונג אונ די דירעקטע מאטעריעלע אינטערעסנ פונ די ארבעטנדיקע. א טייל אינדיווידואלנ אונ אפילע אייניקע קאלווירטניקעס זײנענ דעמאראליזירט פונ דער ספעקוליאציע. די ברייטע מאסנ זײנענ נאכ ניט גענוג ארײנגעצויגנ אינעמ קאמפ קעגנ דער ספעקוליאציע. די ארטיקע ארגאנענ באציִענ זיכ אפטמאל צו די ספעקוליאנטנ מיט א ניט דערלאזבארער מילדקייט.

דער איבערפארקויפער־ספעקוליאנט סטארעט זיכ איינקלינעווענ זיכ צווישנ דעמ ארבעטנדיקנ־פארקויפער אונ דעמ ארבעטנדיקנ־קויפער, ער סטארעט זיכ אנלעבנ אי פונ דעמ, אי פונ יענעמ. דער ספעקוליאנט דאס איז א פאראזיט, א בלוטזויגער, וואס פרווט זיכ אויסנוצנ די קנאפע באוווסטזיניקייט פונ אייניקע ארבעטנדיקע, קעדיי צו רײכ ווערנ פונ זייער ארבעט. די ספעקוליאציע איז א נעסט פונ עקספלואטאציע. די ספעקוליאציע פירט צומ אופשטעלנ די רעשטלעכ קאפיטאליסטישע פארהעלטענישנ.

לענינ האט געפאדערט דעמ הארבסטנ קאמפ קעגנ די ספעקוליאנטנ. ער האט געזאגט:

„**די רײכע אונ די זשוליקעס, דאס זײנענ צוויי**

זײַנענ פונ איינ מעדאַל, דאָס זײַנענ די צוויי הויפּט־קאַטעגאָריעס פּאַראַזיטנ, וואָס דער קאַפּיטאַליזמ האָט אויסגעבאַוועט, דאָס זײַנענ די הויפּטסאָנימ פונ־נעמ סאָציאַליזמ. די דאָזיקע סאָנימ דאַרפ מענ נעמענ אונטער א באַזונדער אויפזיכט פונ דער גאַנצער באַפעלקערונג, מיט זיי דאַרפ מענ זיכ אָפּרעכענענ אומ־דערבאַרעמדיק, ווענ זיי זײַנענ אויווער אינ דער מינדסטער מאָס די קלאָלימ אונ געזעצנ פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. יעטווידער שוואַכקייט, יעטווידער וואַקלונג, יעטווידער סאַנטימענטאַלע* באַציִונג אינ דעמ דאָזיקנ היכזיכט וואָלט געווענ דער גרעסטער פאַרברעכנ קעגנ סאָציאַליזמ".

די אויפגאַבנ פונ אנטוויקלענ דעמ סאָוועטישנ, קאָלווירטישנ האַנדל

די אנטוויקלונג פונעמ סאָוועטישנ, דערונטער אויכ פונעמ קאָלווירטישנ האַנדל שטעלט פאַר די מעלוכישע, פּאַרטייִשע אונ קאָלווירטישע אָרגאַניזאַציעס נײַע זייער ערנסטע אונ פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבנ.

די ערשטע אויפגאַבע אינ דער אנטוויקלונג פונעמ סאָוועטישנ האַנדל, וואָס דער פּלענומ פונ צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי האָט אָנגעוויזנ אינ סענטיאַבער 1932 יאָר, באַשטייט אינ דעמ, אז מע זאָל א סאַכ ברייטער פאַנאַנדערוויקלענ די מעלוכישע, די קאָאָפּעראַטיווע אונ די קאָלווירטישע האַנדל־נעצ. באַזונדערס איז נייטיק צו פאַרגרעסערנ די נעצ אינ די דערפער, אונ אינ די שטעט קאָנצענטרירנ די אנטוויקלונג פונ דער האַנדל־נעצ אינ די אַרבעטער־ראַיאָנענ אונ אפ די נײַע בויונגענ. עס איז נייטיק גלײַכמעסיקער פאַנאַנדערטיילנ די הורטאָווע באַזעס פונ דער אינדוסטריע אונ פונ דער קאָאָפּעראַציע, באַזײַטיקנ די אנטקעגנדיקע טראַנספּאָרטירונגענ אונ באַוואָרענענ דאָס שנעלסטע אריבערפירנ די סכוירעס פונ די פּראָדוצירער צו די געברויכער.

די צווייטע אויפגאַבע אינ דער אנטוויקלונג פונעמ סאָוועטישנ האַנדל איז פאַנאַנדערוויקלענ וואָס ברייטער דעמ קאָלווירטישנ האַנדל, ארײַנציִענ אינ אימ א סאַכ א גרעסערע צאָל קאָלווירטנ, קאָלווירטניקעס אונ אַרבעטנדיקע אינדיווידואַלנ, אוועקשטעלנ דעמ גאַנצנ קאָלווירטישנ האַנדל מער אָרגאַניזירט אונ קולטורעל, אראָפּזעצנ די פרײַזנ, אויסוואָרצלענ די ספּעקוליאַציע.

די סאַמע ערשטע פליכט פונ די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס אונ אָרגאַנענ איז באַזײַטיקנ אַלעמעניִעס, וואָס שטערנ די קאָלווירטנ,

* דאָס הייסט ווייכהאַרציקע.

קאָלווירטניקעס און אַרבעטנדיקע אינדיווידואַלנ צו פאַ־נאַנדערוויקלענ דעמ האַנדל, און געבנ זיי אַנ אַלמעגלעכע זאַכלעכע הילפ אינ איינרעגולירנ דעמ האַנדל, הונדערטפאַכ פאַרגרעסערנ דעמ צופלוס פונ לאַנדווירטשאַפטלעכע סכוירעס אפ די קאָלווירטישע מערק.

די אָרגאַנענ פונ די פּאָלקאָמיסאַריאַטנ פאַר ערדאַרבעט האָבנ מיט אַלע מיטלענ העלפנ אָרגאַניזירנ די קאָלווירטישע האַנדל־נעצ, דורכקאָנטראָלירנ, וויאַזוי עס ווערנ אויסגעפילט די באַשטימונגענ וועגנ קאָלווירטישנ האַנדל, איינשטעלנ א קאָלווירטישנ קאָנטראָל איבערנ האַנדל, און אינ די קאָלווירטנ — א געהעריקנ דיסקאָנט פונעמ געלט, וואָס ווערט באַקומענ פונעמ קאָלווירטישנ האַנדל, אַכטונג געבנ אפ דער רעגולערער צעטיילונג פונ די קאָלווירטישע האַכנאָסעס פונעמ האַנדל צווישנ די קאָלווירט־מיטגלידער אויסשליסלעכ לויט די טעג אַר־בעט און ניט זעלטענער ווי איינ מאָל אינ כוידעש, נאָכנ אַראָפּרעכענענ פונ די דאָזיקע האַכנאָסעס די הויצאָעס אפנ האַנדל און 10—15 פּראָצ. פאַרנ ניט־טיילבאַרנ פאָנד פונעמ קאָלווירט. עס איז נייטיק אָרגאַניזירנ דעמ צופלוס אינ די קאָלווירטישע מאַגאַזינענ פונעמ טייל פּראָדוקציע, וואָס קומט אַריינ אינעמ פערזענלעכנ רעשוס פונ די קאָלווירטניקעס און ווערט פּראָדוצירט אינ זייערע אינדיווידועלע ווירטשאַפטנ, און אויכ דעמ צופלוס פונ דער סכוירע פונ די אינדיווידואַלנ.

די דריטע אופגאַבע איז אַלמעגלעכ פאַרברייטערנ דעמ אַנט־קעגנדיקנ שטראָמ אינדוסטריעלע סכוירעס. די דאָזיקע אופגאַבע איז פונ אויסשליסלעכער וויכטיקייט.

דאָס אַרויספירנ די פּראָדוקציע־מויסרעס אפנ מאַרק באַקומט פאַרנ קאָלווירט און קאָלווירטניק א באַזונדערנ אינטערעס, און דער קאָלווירטישער האַנדל ווערט א קאָלאָסאַלער סטימול אפ אַנטוויקלענ די פּראָדוקציע און אפ העכערנ די סכוירעדי־קייט אינעמ פאַל, אויב דער קאָלווירט און די קאָלווירטניקעס באַקומענ א מעגלעכקייט צו דערווערבנ פאַרנ געלט, וואָס זיי האָבנ באַקומענ פונ פאַרקויפנ זייערע פּראָדוקטנ, די אינדוסטריעלע סכוירעס, וואָס זיינענ זיי נייטיק. אָט פאַר־וואָס איינער פונ די וויכטיקסטע באַדינגונגענ, וואָס באַ־וואָרענענ די פאַנאַנדערוויקלונג פונעמ קאָלווירטישנ האַנדל, איז אָרגאַניזירנ און שיקנ אינ דאָרפ א מעכטיקנ שטראָמ אינדוסטריעלע סכוירעס פאַרנ מאַסנ־געברויכ אַנטקעגנ דעמ שטראָמ קאָלווירטישע סכוירעס.

די פערטע אופגאַבע איז צו פאַרברייטערנ און פאַרבעסערנ די פאַרגרייטונג־אַרבעט. די דאָזיקע אופגאַבע איז ניט ווייניקער וויכטיק, איידער דאָס אָרגאַניזירנ דעמ ברייטנ אַנטקעגנדיקנ שטראָמ פונ די אינדוסטריעלע סכוירעס.

דאָס צושטעלנ אַליינ די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטנ דירעקט אפ די מערק, איז צוטריטלעכ און לוינט בלויז פאַר די קאָלווירטנ און קאָלווירטניקעס וואָס געפינענ זיכ נאָענט צו די מערק. פאַר די, וואָס געפינענ זיכ ווייטער — און אַזעלכע איז די קאָלאָסאַלע מערהייט, — איז נייטיק אַנ אייגענער, א סאָוועטישער האַנדל־פאַרמיטלער צווישנ זיי

אונ דעמ ארבעטער־קויפער, א פארמיטלער, וואָס זאָל זיכ נעמענ לויט די באַדינגונגענ, וועלכע לויגענ פאַר ביידע צדדימ, ד. ה. אי פאַרנ קאָלווירטניק אונ אי פאַרנ ארבעטער, צושטעלנ די פּראָדוקטנ פונ דאָרפ אינ שטאָט. באַזונדערס וויכטיק אונ נייטיק איז אזא פארמיטלער פאַר די קאָלווירטנ אינ די ראַיאָנענ, וואָס פּראָדוצירנ פאַר די מערק, וועלכע געפינענ זיכ פונ זיי אפּ הונדערטער אונ טויזנטער קילאָמעטערס. אָט אזוינע זיינענ, למשל, די גרונט־ראַיאָנענ פונ ברויט־פּראָדוקציע, די דאָרעמ־ראַיאָנענ, וואָס פּראָדוצירנ גרינס אונ אויבס, די צאָפנדיקע מילכ־ אונ פיצוכט־ראַיאָנענ אאַוו.

אזאַ סאָוועטישער האַנדל־פארמיטלער פאַר די קאָלווירטנ אונ קאָלווירטניקעס דאַרפנ זיינ די געברויכ־קאָאָפּעראַציעס, די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס פאַר געזעלשאַפטלעכער דערנערונג אונ די מלוכישע פארגרייטונגס־אָרגאַנענ. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס דאַרפנ זיינ דער הורטאָווער קויפער פונ די לאַנדווירטשאַפטלעכע סכוירעס באַ די קאָלווירטנ אונ קאָלווירטניקעס אונ אויכ באַ די אינדיווידואַלנ. זיי דאַרפנ אריינדרינגענ באַזונדערס אינ די קאָלווירטנ, וואָס זיינענ דערווייטערט פונ די שטאָטישע מערק, אויפהייבנ די קאָלאָסאַלע מאַסנ לאַנדווירטשאַפטלעכע סכוירעס, וואָס בלייבנ ליגנ אינ די פאַרוואָרפענע פּונקטנ, אונ צושטעלנ זיי אפּ די גרויסע ארבעטער־מערק.

די פינפטע אויפגאַבע איז פאַרגרעסערנ אונ פארפעסטיקנ דעמ האַנדל־אַפּאַראַט. עס איז נייטיק דורכצופירנ א זאָרגזאַמענ אָפּקלייב פונ די טוער פונעמ פאַרגרייטונגס־אונ האַנדל־אַפּאַראַט, מע דאַרפ פאַרבעסערנ זייער מאַטעריעל־שטייגערישע לאַגע, איינשטעלנדיק דעמ ארבעטלוינ לויט דער גרייס פונ דעמ אומזאַצ אונ איינפירנדיק הויסאָפּעס פאַר א דויערנדיקער געוויסנהאַפטער ארבעט. מע דאַרפ סיסטעמאַטיש קאָמפּלעטירנ דעמ האַנדל־אַפּאַראַט מיט דורכקאָנטראָלירטע קאָמוניסטנ אונ קאָמיוגיסטנ. די האַנדל־ארבעט איז אנ אויסערסט וויכטיקע אונ ערנפולע ארבעט פונ פאַרבעסערנ די מאַטעריעלע לאַגע פונ די ארבעטנדיקע מאַסנ.

דער פּלענומ פונעמ צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי האַלט

„פאַר אבסאָליוט ניט דערלאָזבאַר די באַציִונג פונ אייניקע פּאַרטיי־מיטגלידער, פונ אייניקע פּאַרטייִשע אונ קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציעס צו דער האַנדל־ארבעט, ווי צו אנ ארבעט א צווייטראַנגיקע אונ ווייניקער וויכטיקע, איידער די ארבעט פונ אנדערע ווירטשאַפטלעכע, פּראָפעסיאָנעלע אונ סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס".

צולעצט, די זעקסטע אויפגאַבע איז קעמפנ פאַר פאַרניכטנ די ספּעקוליאַציע. דאָס איז איינע פונ די סאַמע וויכטיקסטע שלאַכט־אויפגאַבנ. דער פּלענומ באַטאָנט די דאָזיקע אויפגאַבע אינ פּאָלגנדיקע ווערטער:

„פאַנאַנדערוויקלענ אנ אנטשיידענעמ קאַמפּ פאַר אויסוואָרצלענ די ספּעקוליאַציע בכלל אונ קעגנ די ספּעקוליאַנטישע עלעמענטנ אינעמ האַנדל־אַפּאַראַט אונ דערמיט גופא באַוואָרענענ די ריכטיקע אנטוויקלונג פונעמ סאָוועטישנ האַנדל אינ די אינטערעסנ פונ פאַרבעסערנ די באַזאָרגונג פונ די ארבעטער אונ פויערימ".

אָט דאָס זיינענ די גרונטיקע פּראַקטישע אויפגאַבנ אינ דער ווייטערדיקער

פאַנאַנדערוויקלונג און פאַרבעסערונג פונעמ סאָוועטישנ האַנדל. אַנמערקנדיק די דאָזיקע אויפגאַבנ, האָט דער פלענומ פונעמ צענטראַל־קאָמיטעט צוזאַמענ דערמיט אונטערגעשטראָכנ די פּאָליטישע זײַט פונעמ ענינ. דער פלענומ האָט אויפגעפאָדערט צומ אַנטשיידענעמ קאַמפ קעגנ דעמ רעכטנ און „לינקנ" אָפּנייגנ אינ די פראַגנ פונ סאָוועטישנ האַנדל.

די „לינקאַטשעס" מיינענ, אַז ווײַבאַלד מיר האָבנ ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט די פאַרזאָרגונג פונ דאָרפ מיט אַזוינע מעכטיקע פראָדוציר־מיטלענ, ווי דער טראַקטאָר, קאָמבײַנ אאַזוו., ווײַבאַלד מיר האָבנ פאַרווירקלעכט דעמ פראָדוציר־צוזאַמענשלוס מיטנ דאָרפ, קאָנ מענ שוינ וועגנ האַנדל פאַרגעסנ.

דער פלענומ האָט אָנגעוויזנ, אַז

„דער ניצאָכנ, וואָס די פּאַרטיי האָט אָפּגעהאַלטנ אינ קאַמפ קעגנ דעמ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ אינ פראַגע פונ אָרגאַניזירנ דעמ סאָציאַליסטישנ פראָדוציר־צוזאַמענשלוס צווישנ שטאָט און דאָרפ, ניט בלויז וואָס ער נעמט ניט אַראָפּ, נאָר ער רוקט אַרויס מיט אַ באַזונדער קראַפט די אויפגאַבע צו פאַרפעסטיקנ אפ דער דאָזיקער באַזע דעמ האַנדל־צוזאַמענשלוס צווישנ שטאָט און דאָרפ".

די דאָזיקע אָנווײַזונגענ האָט באַשטעטיקט און דערקלערט כ. סטאַלינ אפנ יאַנ־וואַר־פלענומ פונעמ צענטראַל־קאָמיטעט אינ 1933 יאָר.

„דער פראָדוציר־צוזאַמענשלוס צווישנ שטאָט און דאָרפ איז די גרונט־פאָרמ פונ צוזאַמענשלוס. אָבער דער פראָדוציר־צוזאַמענשלוס אַליינ איז ניט גענוג. מע דאַרפ אימ נאָכ דערגאַנצנ מיטנ סכוירע־צוזאַמענשלוס, כּדי די פאַרבינדונג צווישנ שטאָט און דאָרפ זאָל ווערנ אַ פעסטע און אומצערײַסלעכע".

די רעכטע אָפּנייגלער האָבנ אַרויסגעוויזנ אַ ווידערשטאַנד דעמ ענערגישנ באָלשעוויסטישנ קאַמפ פאַר פאַנאַנדערוויקלענ דעמ סאָוועטישנ האַנדל. די רעכטע אָפּנייגלער האָבנ זיכ געלאָזט פירנ פונ די בורזשואַז־נעפּמאַנישע עלעמענטנ, האָבנ גענומענ איבערכאַזערנ די אויסטײַטשונג פונ סאָוועטישנ האַנדל אַלס „פרײַהײַט פונ האַנדל" פאַר די ספּעקוליאַנטנ, ווי די באַלעגופימ און נעפּלײַט האָבנ זיי דאָס אונטערגעזאָגט.

דער פלענומ האָט אונטערגעשטראָכנ:

„די אַנטוויקלונג פונעמ סאָוועטישנ האַנדל — און באַזונדערס די אַנטוויקלונג פונעמ האַנדל פונ די קאָלווירטנ, קאָלווירטניקעס און פונ די אַרבעטנדיקע אינדיווידועלע פויערימ — ניט בלויז זי באַטײַט ניט, ווי דאָס פרוּוונ אויסטײַטשנ די רעכטע אָפּאָרטוניסטישע און באַלעבאַטישע עלעמענטנ, די פאַנאַנדערבינדונג פונ דער מאַרק־סטיכיי, דאָס דערלאָזנ דעמ נעפּמאַנ, דעמ ספּעקוליאַנט, נאָר, פאַרקערט, זי פאָדערט „אויסצוואָרצלענ די פּריוואַטניקעס און איבערקויפער־ספּעקוליאַנטנ. וואָס פרוּוונ זיכ אָנלעבנ פונעמ קאָלווירטישנ האַנדל".

די לינקאַטשישע ניטדערשאַצונג פונעמ סאָוועטישנ האַנדל און די רעכט־אָפּאָר־טוניסטישע פאַרקריפּלונג פונ די דירעקטיווע וועגנ סאָוועטישנ האַנדל זײַנענ די

וויכטיקסטע סיבעס, וואָס פאַרהאַלטנ זײַנ אַנטוויקלונג. אָט פאַרוואָס דער אַנטשיידנ-סטער קאַמפּ קעגנ די דאָזיקע פאַרקריפּלונגענ איז דער סאַמע וויכטיקער פּאָליטישער באַדינג פונ די ווײַטערדיקע דערפאָלגנ אינ פאַנאַנדערוויקלונג דעמ סאָוועטישנ האַנדל.

דעמ האַנדל מיטנ פּאָנעמ צו דער פּראָדוקציע

באַזונדער דאַרפנ מיר ריידנ וועגנ יענער אויסערגעוויינלעכ-וויכטיקער אויפגאַבע, וואָס האָט זיכ געשטעלט פאַר אונדזערע דאָרפישע האַנדל-אָרגאַניזאַציעס אינ צוזאַמענהאַנג מיט די נײַע פּראָדוצירישע און שטײַגערישע באַדינגונגענ, אינ צוזאַמענהאַנג מיטנ ניצחונ פונ דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט אינ דאָרף.

דאָס איז די אויפגאַבע צו שטעלנ דעמ האַנדל צו דינסט דער סאָציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט.

מיר דאַרפנ אַנטשיידנ איבערבויענ די אַרבעט פונ דער דאָרפישער געברויכ-קאָאָפּעראַציע אַזוי, אַז די באַזאָרגונג זאָל ווערנ אַ מיטל צו פאַרבעסערנ די פּראָדוקציע, צו סטימולירנ די בעסטע קאָלווירטנ, ראַטווירטנ, די בעסטע קאָלווירטניקעס, אַ מיטל מיטצוהעלפנ: וואָס בעסער אויסצופילנ די פּראָדוציר-אויפגאַבנ און די אָבליגאַטאָרישע אָפּליפערונגענ דער מעלוכע, אַ מיטל צו קעמפנ קעגנ די לאָדערס און פּוסטעפּאַסניקעס, קעגנ דעמ באַלעבאַטישנ סאַבאָטאַזש פונ די פּראָדוציר-און פאַרגרייט-פּלענער.

די פּראַקטיק פונ די פאַרגעשריטענע ראַיאָנענ באַווײַזט וויאַזוי דאָס ווערט געטאָנ. צווישנ דער קאָאָפּעראַציע און די קאָלווירטנ ווערט אײַנגעשטעלט באַם אַקטיווונ אָנטייל פונ דאָרפּראַט, פונ פּאַרטיי-קאָמערל אַ ענגע פאַרבינדונג, עס ווערנ אָרגאַניזירט קאָאָפּעראַטיווע ביוראָענ אינ די קאָלווירטנ, עס ווערנ אויסגעווײלט קאָאָפּעראַטיווע באַפולמעכטיקטע אאַז.

צוגלײַכ מיט די שטענדיקע מאַגאַזינענ ווערט געשאַפנ אַ באַוועגלעכער האַנדל (אינ בײַדלעכ און פונ פורנ) אפ באַדינענ די קאָלווירטניקעס דירעקט באַ דער פעלד-אַרבעט. לעמאַשל, אינ פּאָלטאַווער ראַיאָנ, באַ 83 שטענדיקע מאַגאַזינענ, האָט מענ אָרגאַניזירט בײַמ די פרילינגדיקע פעלד-אַרבעטנ 33 פור-קראָמענ און 36 טישלעכ, וואָס האָבנ באַדינט 113 קאָלווירטישע בריגאַדעס אינ פעלד. אינ לאָזאָווער ראַיאָנ, באַ 57 שטענדיקע מאַגאַזינענ, האָט מענ אָרגאַניזירט 10 פור-קראָמענ און 123 טישלעכ, וואָס האָבנ באַדינט 152 בריגאַדעס, וואָס געפינענ זיכ אפ אַ מעהאַלעכ פונ 5—8 קילאָמעטער פונ די שטענדיקע מאַגאַזינענ.

דורכ אירע פור-קראָמענ און טישלעכ איז די קאָאָפּעראַציע אויסגעצייכנט אינפאָרמירט וועגנ דעמ, וויאַזוי אינ וואָסער קאָלווירט עס גייט די אַרבעט און זי קאָנ אינ גאַנג פונ דער אַרבעט דורכ אַ בעסערער באַזאָרגונג סטימולירנ די קאָלווירטנ און בריגאַדעס, וואָס אַרבעטנ בעסער.

לעמאַשל, די קאָלווירטניקעס פונ סאָסנע-פּעטראָפּאַוליע (970 מענטשנ באַפעלקערונג), וואָס האָבנ אויסגעפילט צומ 20-טנ מײַ דעמ פאַרזיי-פּלאַנ אפ 100 פּראָצ.,

האָבנ באַקומענ פונ דער דאָרפישער געברויכ־קאָאָפעראַציע פונ לאָזאָוועער ראַיאָנ סכוירע פאַר 8200 רובל, אונ די קאָלווירטניקעס פונ שאַטאָווקע (1200 מענטשנ באַפעלקערונג). וואָס האָבנ אויסגעפילט דעמ פאַרזיי צומ דאַזיקנ טערמינ בלויז אַפ 49 פראָצ., האָבנ באַקומענ סכוירע מאַכאַקל פאַר 5500 רובל.

די פאַרגעשריטענע ראַיאָנענ אָרגאַניזירנ ספּעציעלע קאָלווירטישע קראָמענ (שטענדיקע). צו דער קאָלווירטישער קראָמ ווערנ צוגעפעסטיקט די מיטגלידער פונ א באַשטימטנ קאָלווירט אָדער א גרופּע קאָלווירטנ. אינ 1933 יאָר איז די צאָל אַזוינע קראָמענ אויסגעוואַקסנ ביז 30 טויזנט. דאָס איז א גרויסע באַקוועמלעכקייט פאַר די קאָלווירטניקעס. די קאָאָפעראַציע, ווידער, באַקומט אַדאַנק דעמ א מעגלעכקייט צו קענענ פּינקטלעכ אירע קויפער, צו נעמענ אינ אַכט זייערע באַדערפענישנ אונ גוסטנ אונ אונטערוואַרפנ דעמ האַנדל דער אויפגאַבע בעסער אַוועקצושטעלנ די קאָלווירטישע פּראָדוקציע.

די קאָלווירטישע קראָמ איז ניט קיינ פאַרמאַכטער פאַרטיילער. דאָכ פאַרקויפט זי די סכוירעס מיט אַנ אָפּקלײַב. די בעסטע קאָלווירטניקעס־אוואַנגאַרדיסטנ, די שלאָג־בריגאַדעס באַוואָרנט זי אויכ א בעסערע באַזאָרגונג. זיי פאַרקויפט מענ אינ דער ערשטער ריי די דעפיציטע סכוירעס. די אָפּשטייענדיקע באַקומענ ווייניקער. די לאָדערס פאַרקויפט מענ אינגאַנצנ ניט קיינ דעפיציטע סכוירעס. אינ די קאָלווירטישע קראָמענ ווערנ אַפ אַנ אָנגעזעענעמ אָרט אויסגעהאַנגענ די בריגאַדע־צעטלענ פונ די קאָלווירטניקעס־שלאָגלער, וואָס האָבנ רעכט אַפ א בעסערער באַזאָרגונג, אונ אויכ די פאַמיליעס פונ די לאָדערס אונ פוסטעפאַסניקעס, וואָס האָבנ פאַרלאָרנ דאָס רעכט צו באַקומענ דעפיציטע סכוירעס. כוץ דעמ הענגענ דאָרט אויכ רויטע אונ שוואַרצע טאָוולענ, ווו עס ווערנ יעדנ טאָג פאַרצייכנט די פאַרגעשריטענע אונ אָפּשטייענדיקע בריגאַדעס, אונ אויכ די פאַמיליעס פונ די שלאָגלערס אונ לאָדערס.

אינ די פאַרגעשריטענע ראַיאָנענ זײַנענ פאַרשפרייט צווייזײַטיקע סאָציאַליסטישע אָפּמאַכנ צווישנ דעמ קאָלווירט אָדער בריגאַדע אונ דער געברויכ־קאָאָפעראַציע. די בריגאַדע נעמט אַפ זיכ פאַרפליכטונגענ אויסצופילנ באַשטימטע פּראָדוקציר־אויפגעבונגענ, אונ די קאָאָפעראַציע — צו באַזאָרגנ די בריגאַדע מיט באַשטימטע סכוירעס לויט ווונטש פונ די קאָלווירטניקעס. לעמאָשל, די בריגאַדע פערד־אויפּאַסער פאַרפליכטעט זיכ צו האַלטנ די פערד אינ פולשטענדיקער אָרדענונג אונ אַרבעטפייִקייט די גאַנצע צײַט פונ די פעלד־אַרבעטנ, אויפמערקזאַמ באַקוקנ באַמ אויפנעמענ זיי פונ די, וואָס פאָרנ מיט זיי אַרומ, יעדנ טאָג וואַשנ, איינ מאָל אינ דרײַ טעג רייניקנ די קאָפּיטעס אאַוו. די קאָאָפעראַציע פאַרפליכטעט זיכ צו באַזאָרגנ די בריגאַדע מיט דעפיציטע סכוירעס פאַר 200 רובל לויט איר אויסוואַל. אַזוינע אָפּמאַכנ האָט מענ פרילינג 1933 יאָר אינ לאָזאָווער ראַיאָנ געשלאָסנ הונדערט דרײַ אונ דרײַסיק.

די אָפּמאַכנ אַנטהאַלטנ א ריי פּראַקטישע פּונקטנ, וואָס אַנטשפּרעכנ דעמ פּלאַנ

פונ די פראָדוציר־אַרבעטנ אינ קאָלווירט. די קאָאָפעראַציע גיט אַרויס סכוירעס ניט מיטאַמאָל, ווענ עס גייט אויס דער טערמינ פונעם אָפמאַכ, נאָר אינ פאַר־לויפ פונ זײַנ אויספילונג. יעדער קאָלווירטניק, וואָס האָט אונטערגע־שריבנ דעמ אָפמאַכ, איז זיכער, אַז די סכוירעס, וואָס זײַנענ אימ נייטיק, וועלנ צוגעשטעלט ווערנ.

די דערפאַרונג פונ די פאָרגעשריטענע ראַיאָנענ, וואָס מיר האָבנ דאָ באַשריבנ, דאַרפ אומעטומ אויסגענוצט ווערנ. מיטנ פאָנעמ צו דער פראָדוקציע! מיטנ פאָנעמ צומ קאָלווירט! מיטנ פאָנעמ צו דער קאָל־ווירטישער בריגאַדע! מיטנ פאָנעמ צומ קאָלווירטניק! — אָט דאָס איז דער שלאַכט־לאָזונג פונעמ סאָוועטישנ האַנדל.

★

שלוס

אינ אונדזער פערטנ שמועס האָבנ מיר זיכ באַקענט מיט די אויפגאַבנ פונ פאַרפעסטיקנ אָרגאַניזאַציאָנעל־ווירטשאַפטלעכ די קאָלווירטנ. מיר האָבנ געזענ, אַז די קאָלווירטנ האָבנ אַפנ סמאַכ פונ דער דערפאַרונג פונ זייער אַרבעט, אונטער דער אָנפירונג פונ דער ראַטנמאַכט אונ פונ דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, געפונענ אַזוינע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמענ פונ קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, אַזוינע אויפנימ פונ אָרגאַניזירנ די אַרבעט אונ פונ צעטיילנ די האַכנאָסעס, וואָס, פונ איינ זײַט, באַפרידיקנ זיי ביז גאָר דעמ פויער־קאָלווירטניק, אונ פונ דער צווייטער — באַוואָרענענ זיי די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פונ די קאָלווירטנ אַלס סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ.

דאָס זײַנענ דער אַרטעל, די בריגאַדע, די שטיק־אַרבעט, די פאַרטיילונג פונ די האַכנאָסעס לויט דער אַרבעט.

צוזאַמענ מיט דעמ האָט דער אַרבעטער־קלאַס אַפנ סמאַכ פונ דער דערפאַרונג פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג אינ דאָרפ געשאַפנ אַזאַ פאָרמ פונ אַ גרויסער ווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס די פראָדוציר־מיטלענ אונ די אָנפירונג געהערנ אינ איר אינגאַנצנ דער מעלוכע, אָבער וואָס אַרבעט מיט די דאָזיקע פראָ־דוציר־מיטלענ אַפ די קאָלווירטישע פעלדער מיט דער הילפ פונ דער אַרבעטקראַפט פונ די קאָלווירטניקעס אונ פונ די קאָלווירטישע פראָדוציר־מיטלענ, העלפנדיק אונ אָנפירנדיק דירעקט מיטנ פאַרפעסטיקנ אונ אַנטוויקלענ די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט.

דאָס זײַנענ די מעלוכישע מאַשינ־טראַקטאָרישע סטאַנציעס.

אויכ פאַר די ראַטווירטנ איז געפונענ געוואָרנ די אָרגאַניזאַציאָנעלע אײַנאָר־דענונג, וואָס באַוואָרנט זייער פאַרפעסטיקונג אונ ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג.

די פאַרטיי אינ דער פערזאָנ פונ איר פירער כאַווער סטאַלינ האָט געגעבנ 6 היסטאָרישע אָנווײַזונגענ וועגנ דער אָרגאַניזירונג, וועגנ דער אַרבעט אונ אָנפירונג מיט די סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ.

אינ די דאָזיקע אָנווײַזונגענ זײַנענ אויסגעדריקט די אַנטוויקלונג־געזעצנ פונ דער סאָוועטישער, סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, וואָס דאַרפנ פאַרווירקלעכט ווערנ אינ אַלע אונטערנעמונגענ סײַ אינ דער אינדוסטריע אונ סײַ אינ דער ערדאַרבעט.

מיר האָבנ זיכ באַקענט מיט נייעמ לאָזונג פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי און פונ דער ראַטנמאַכט, וואָס כאַווער סטאַלינ האָט ארויסגערוקט: „מאַכנ אַלע קאָלווירטניקעס פאַר פאַרמעגלעכע". מיר האָבנ באַטראַכט די גרונט־מאָטיוונ, לויט וועלכע דער האָזיקער לאָזונג איז ארויסגערוקט געוואָרנ, און מיר האָבנ אָנערקענט זיינ פולע רעכטצייטיקייט און רעאַלקייט. דער וועג פונ די קאָלווירטניקעס צו דער פאַרמעגלעכקייט ליגט דורכ דער סאָלידאַרישער קאָלווירטישער אַרבעט, דורכ העכערנ די אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט און דורכנ אומדערבאַרעמדיקנ קאַמפּ קעגנ דעמ קלאַסנ־סוינע.

די צענטראַלע גרונט־אויפגאַבע אינ דער לאַנדווירטשאַפט בא היינטיקנ טאָג איז העכערנ די געראָטנקייט פונ די קאָלווירטישע און ראַטווירטישע פעלדער אפ דער באַזע פונ באַהערשנ די גרויסע מאַשינ־טעכניק, פונ איינגלידערנ די אַגראָ־טעכנישע קלאָלימ און פאַרפעסטיקנ די כאַווערישע אַרבעט־דיסציפלינ. דערינ איז דער וויכטיקסטער באַדינג פונ פאַרפעסטיקנ די קאָלווירטנ.

די געזעצנ האָבנ איינגעפירט פאַר זיי פעסטע נאָרמעס, האָבנ פעסט איינגעשטעלט די לאַגע, אז אַלע פּראָדוקציע־מויסדעס נאָכנ אויספילנ די דאָזיקע פעסטע נאָרמעס פאַרבלייבנ אינ פולשטענדיקנ רעשות פונ די קאָלווירטנ, פונ די קאָלווירטניקעס, פונ די אַרבעטנדיקע אינדיווידואַלנ.

די קאָלאָסאַלע באַדייטונג פונ די נייע געזעצנ באַשטייט אינ דעמ, וואָס זיי פאַרשטאַרקנ אינ א קאָלאָסאַלער מאָס די דירעקטע פאַראינטערעסירטקייט פונ די קאָלווירטניקעס אינ דער אַנטוויקלונג פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט און דינענ אַזוי־אַרומ אַלס מעכטיק מיטל צו פאַרפעסטיקנ די קאָלווירטנ.

מיר האָבנ געזענ, אז די אַנטוויקלונג פונעמ סאָוועטישנ און באַזונדערס פונעמ קאָלווירטישנ האַנדל איז אויכ איינס פונ די וויכטיקע מיטלענ צו פאַרפעסטיקנ דעמ קאָלווירט: דער גרונטיקער, דער פּראָדוצירישער צוזאַמענשלוס ווערט אַזוי־אַרומ דערגאַנצט מיטנ האַנדל־צוזאַמענשלוס. דערצו שאַפנ אויכ די נייע געזעצנ זייער גינסטיקע באַדינגונגענ.

דער סאָוועטישער, דער קאָלווירטישער האַנדל דינט אַלס זייער וויכטיקער צוגאָב־קוואַל פאַר פאַרבעסערנ די מאַטעריעלע לאַגע פונ די אַרבעטער און פונ די אַרבעטנדיקע פויערימ. די קעסיידערדיקע פאַרגרעסערונג פונ די סכוירע־רעזערוונ פאַרנ סאָוועטישנ, קאָלווירטישנ האַנדל ווערט ביז גאָר באַוואָרנט דורכ דער שנעלער אַנטוויקלונג פונ אונדזער אינדוסטריע און פונ דער סאָציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט (קאָלווירטנ און ראַטווירטנ). די באַזאָרגונג פונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ מיט שפּייז־פּראָדוקטנ און מיט אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, מיט אינדוסטריעלע סכוירעס פאַרנ מאַסנ־געברויכ דאַרפ אפנ ברייטסטנ אויפנ פאַנאַנדערגעוויקלט און פאַרבעסערט ווערנ דאַפקע אינ סיידער פונ האַנדל — פונ סאָוועטישנ, פונ קאָלווירטישנ. יעטווידער שמועס וועגנ אַריבערגיינ בא היינטיקנ טאָג צומ „אָנגעלטיקנ פּראָדוקטנ־אויסטויש" דאַרפנ אַנטשיידנ אָפּגעוואָרפנ ווערנ אַלס שעדלעכע אַנטי־באָלשעוויסטישע פּלוידעריי.

דעמ סאָוועטישנ, דעמ קאָלווירטישנ האַנדל דאַרפ מענ בעסער אָרגאַניזירנ, אוועקשטעלנ קולטורעלער, אַריינציענ אינ אימ א סאַכ גרעסערע מאַסנ קאָלווירטנ און קאָלווירטניקעס, אויסוואָרצלענ די ספּעקולאַציע, די גנייוועס און א קערעווע

טאָג דעמ האנדל מיטנ פּאָנעמ צו דער פּראָדוקציע — מאכנ אימ פאר א הייבער פונ אנטוויקלענ, פונ פארבעסערנ די ווירטשאפט און פונ סטימולירנ די פאָרגע-שריטענע קאָלווירטנ, די בעסטע ארבעטער — די קאָלווירטניקעס-שלאָגלער.

די באשטימטע פאָרמענ און אויפאנימ פונ דער קאָלווירטישער בויונג, וואָס זיינענ אויסגעארבעט און דורכגעקאָנטראָלירט געוואָרנ אפ דער דערפארונג פונ די מיליאָנענ קאָלווירטניקעס, די ריכטיקע פּאָליטיק פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי און פונ דער ראטנמאכט בענעגייע צומ קאָלווירטישנ פויערטומ, דער פעסטער פּראָ-דוציר-צוזאמענשלוס פונ דער סאָציאַליסטישער שטאָט מיטנ קאָלווירטישנ דאָרפ, וואָס ווערט דערגאנצט מיטנ סכוירע-צוזאמענשלוס אינ סיידער פונ סאָוועטישנ האנדל, — אָט דאָס אלצ באוואָרנט די ווײַטערדיקע אָרגאניזאציאָנעל-ווירטשאפט-לעכע פארפעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ און דאָס פארוואנדלענ זיי אינ ווירקלעכ סאָציאַליסטישע הויכ־האכנאָסעדיקע ווירטשאפטנ.

אָבער די קאָלווירטישע בויונג גייט דורכ אינ די באדינגונגענ פונ פארביטערטנ קלאסנקאמפ. דעריבער שטעלט קאטעגאָריש דאָס דערפאָלגרייכע לייזנ די אופגאבנ פונ דער אָרגאניזאציאָנעל-ווירטשאפטלעכער פארפעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ און ראטווירטנ נאָכ איינ וויכטיקנ באדינג: *פארשטארקנ די פּראָלעטאַרישע, די באָלשעוויסטישע אָנפירונג מיט דער סאָציאַליסטישער בויונג אינ דאָרפ.*

דער דאָזיקער לעצטער פראגע איז געווידמעט אונדזער פינפטער שמועס.

פראגנ פאר זעלבסטקאָנטראָל

וואָס רעדט מענ בא אייכ אינ קאָלווירט, אינ ראטווירט, אינ דער מאשינ-טראקטערישער סטאנציע, אינ דאָרפ וועגנ דער אינערלעכער אָרדענונג אינ דער סאָציאליסטישער ווירט-שאפט — וועגנ דער אָרגאניזירונג פונ דער ארבעט, פונ דער פארטיילונג און דאָס גלייכנ?

וואָס רעדט מענ וועגנ דעמ לאָזונג „מאכנ אלע קאָלווירטניקעס פאר פארמעגלעכע"? וועגנ העכערנ די ארבעטס-פּראָדוקטיווקייט? וועגנ העכערנ די געראָטנקייט?

וואָס רעדט מענ וועגנ די נייע געזעצנ וועגנ די אָבליגאטאָרישע אָפּליפערונגענ דער מעלוכע?

וועגנ דעמ סאָוועטישנ און קאָלווירטישנ האנדל?

שאצט אָפּ די דאָזיקע אלע מיינונגענ, שטיצנדיק זיכ אפנ אינהאלט פונ אונדזער פערטנ שמועס.

ערשטער טייל:

1. וואָס איז די גרונט-פאָרמ פונ דער קאָלווירטישער בויונג און פארוואָס איז די דאָזיקע פאָרמ די גרונטיקע?
2. ווי ווערט אָרגאניזירט די בריגאדע אינ די קאָלווירטנ?
3. וואָס איז אזוינס שטיק-ארבעט און וויאזוי דארפ מענ זי דורכפירנ?
4. ווי דארפ מענ צעטיילנ די האכנאָסעס אינ די קאָלווירטנ?
5. אינ וואָס באשטייט די באדייטונג פונ די מאשינ-טראקטערשע סטאנציעס?
6. אינ וואָס באשטייענ כ' סטאלינס אָנווייזונגענ און וויאזוי דארפ מענ זיי אָנווענדנ אינ דער לאנדווירטשאפט?

צווייטער טייל:

1. ווי אזוי דארפ מענ פארווירקלעכנ דעמ לאזונג „מאכנ אלע קאלווירטניקעס פאר פארמעגלעכע“?
2. דערקלערט די באדייטונג פונ פארמעגלעכקייט פריער אונ איצט?
3. אינ וואס איז די באדייטונג פונ דער ארבעט-פראדוקטיווקייט?
4. ווי אזוי ווערט דערגרייכט די העכערונג פונ דער גראטנקייט אונ אינ וואס איז איר באדייטונג?

דריטער טייל:

1. וואס איז דער אינהאלט פונ די נייע געזעצנ וועגנ די אבליגאטארישע אפליפערונגענ דער מעלובע?
2. אינ וואס באשטייט די באדייטונג פונ די דאזיקע געזעצנ?
3. פארוואס דארפ דאס אויספילנ די אפליפערונגענ דער מעלובע זיינ דער ערשטער געבאט פונ די ארבעטנדיקע מאסנ אינ דארפ?

פערטער טייל

1. וואס איז אזוינס סאוועטישער האנדל?
2. וואס איז עס אזוינס קאלווירטישער האנדל?
3. וואס זיינענ די גרונט-אויפגאבנ פונ דער אנטוויקלונג פונ סאוועטישנ, קאלווירטישנ האנדל?
4. וואס זיינענ די אויפגאבנ פונ די האנדל-ארגאניזאציעס בענוגייע דעמ קאלווירט, צומ קאלווירטניק?
5. אינ וואס באשטייענ די רעכט-אפארטוניסטישע אונ לינקאטשישע פארקרימונגענ אינ די פראגנ פונ סאוועטישנ האנדל.

★

פינפטער שמועס

לאמיר פארפעסטיקנ די פראלעטארישע אנפירונג אינ דארפ

וועגנ וואס רעדט זיכ אינ פינפטנ שמועס

ניט זעלטנ הערט איר ארומ זיכ אזוינע שמועסנ:

— נו, גוט: קאלווירטנ, ראטווירטנ האט מענ אויפגעבויט, אבער צי איז איג זיי פאראנ אנ ארדענונג? די מאשינעס ברעכט מענ, מע מאכט קאליע. מע אקערט שלעכט, מע שניידט נאכ ערגער. אונ מע קאנ טאקע ניט מאכנ בעסער, איר וועט ניט קאנענ מאכנ קיינ ארדענונג אינ די קאלווירטנ.

— נו גוט: די פויערימ האבנ זיכ פאראייניקט אינ קאלווירטנ. אבער צי איז דענ דער פויער געווארנ דערפונ א סאציאליסט? ווי ער איז געווענ א פויער, אזוי וועט ער פארבלייבנ.

אז מע הערט זיכ צו צו די דאזיקע מענטשנ, קומט אויס, אז אונדזער גאנצע הארעוואניע בא דער סאציאליסטישער בויונג אינ דארפ איז געגאנגענ פארלארנ אומזיסט. עס קומט אויס, אז מיר קאנענ ניט אנפירנ מיט די סאציאליסטישע אונטערנעמונגענ, וואס זיינענ געשאפנ געווארנ אינ דארפ, אז מיר וועלנ ניט קאנענ איבערדערציִענ די קאלווירטניקעס אינ באוווּסטזיניקע סאציאליסטנ.

זאלט איר וויסנ: אזוי רעדט אונדזער קלאסנ־סוינע, — דער סוינע, וואס האט זיכ איבערגעפארבט, וואס האט ארופגעשלעפט אפ זיכ א שעפסענע פעל.

מע דארפ דעמאסקירנ זיינ ביטערע אגיטאציע, צעקלאפנ די ספייקעס איינעמ ענטגילטיקנ דערפאלג פונ אונדזער זאכ, וואס ער סטארעט זיכ פארשפרייטנ.

אינ אונדזער פינפטנ שמועס באטראכטנ מיר טאקע די נייע טאקטיק, די

נײַע קאמפ־מעטאָדנ, וואָס דער באַלעגופּ ווענדט אָנ. מיר באַטראַכטנ די פראגע וועגנ פארפעסטיקנ אָרגאניזאַציאָנעל אונ פּאָליטיש די קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ, וועגנ פארשטארקנ די פּראָלעטארישע, די באָלשעוויסטישע אָנפירונג מיטנ קאָלווירטישנ דאָרפ. מיר דערציילנ וועגנ די נײַע פאָרמענ פונ דער דאָזיקער אָנפירונג, וועגנ דער נײַער אָרגאניזאציע, וואָס איז צוליב דעם דאָזיקנ ציל געשאפנ געוואָרנ בײַ די מאשינ־טראקטערישע סטאנציעס אונ בײַ די ראַטווירטנ. מיר ריידנ וועגנ די אויפגאבנ, וואָס שטייענ פאר דער דאָזיקער נײַער אָרגאניזאציע. מיר ריידנ וועגנ פארפעסטיקנ די אָרגאנענ פונ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור אינ דאָרפ — די דאָרפראַטנ אונ וועגנ זייערע אויפגאבנ.

אונדזער פינפטנ שמועס טיילנ מיר אײַנ אינ צוויי טיילנ.

ערשטער טייל: צעקלאפּנ ביזנ סאָפ דעמ קולאקנ־סוינע.

צווייטער טייל: מאכנ אלע קאָלווירטנ פאר באָלשעוויסטישע.

ערשטער טייל

צעקלאפנ ביזנ סאָפ דעמ קלאסנ־סוינע

דער סוינע האָט געענדערט די טאקטיק

ריכטיק אָרגאניזירנ די ווירטשאפט, אויסלערנענ זיכ ארבעטנ און אָנפירנ אפ א נייעמ אויפנ, העכערנ די ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט — דאָס איז נאָכ ניט אלצ, וואָס מיר דארפנ טאָנ פארנ ניצאָכנ פונעמ סאָציאליזמ. דער פולשטענדיקער ניצאָכנ פונעמ סאָציאליזמ אינ דאָרפ איז מעגלעכ בלויז ביטניי, אויב מע וועט פארשטארקנ די פּראָלעטארישע אָנפירונג מיטנ דאָרפ, ביטניי, אויב מע וועט ענדגילטיק בייקומענ דעמ ווידערשטאנד פונ דעמ באלעגופנטומ און פונ זיינ איינפלוס אפ די אָפּגעשטאנענע שיכטנ ארבעטנדיקע.

מיר ווייסנ, אז דער באלעגופ האָט באקומענ אנ אכזאָריעסדיקנ קלאפּ אינ קאמפּ פאר ברויט אינ די יאָרנ 1927—1928. א נייער קלאפּ, א טויט־קלאפּ איז דערלאנגט געוואָרנ דעמ באלעגופנטומ אינ די יאָרנ 1929—1930 מיט דער פּאָליטיק פונ ליקווידירנ אימ אלס קלאס אפ דער באזע פונ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע.

די ליקווידאציע־פּאָליטיק האָט באמ באלעגופ אָפּגענומענ די פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס מיט זייער הילפ פלעגט ער עקספּלואטירנ די אָרעמשאפט. זי האָט אונטערגעשניטנ דעמ באלעגופס עקאָנאָמישע וואָרצלענ, האָט אימ ארויסגעקלאפּט פונ די פּראָדוציר־פּאָזיציעס. דאָס באווייזט קלאָר די שארפע פארקירצונג פונעמ פארזיי־שעטעכ אינ די באלעגופישע ווירטשאפטנ. אינ 1928 יאָר האָבנ נאָכ די באלעגופים פארזייט 15 מיליאָנ העקטאר און אינ 1932 יאָר האָבנ זיי געקאָנט פארזייענ סאכאקל 1 מיליאָנ העקטאר און דאָס אויכ דערהויפּט אינ די צווייטראנגיקע ראיאָנענ פונ פארבאנד.

אָבער אויב די דאָרפישע בורזשואזיע איז אינ גרונט שוינ ליקווידירט געוואָרנ אלס קלאָס, באטייט עס נאָכ ניט, אז דעמ באלעגופס ווידערשטאנד איז ענדגילטיק געבראָכנ געוואָרנ. ניינ, ער איז נאָכ ניט געבראָכנ ביזנ סאָפ, און ער אנטפּלעקט זיכ איצט אפ א נייעמ אויפנ.

דער פאַרזיי־שעטעכ פונ באַלעגופנטומ (אינ מיליאָנענ העקטאַר) אינ 1928 יאָר אונ אינ 1932 יאָר

פריער, ווענ קאָלווירטנ זיינענ געווענ וויניק, האָט דער באַלעגופ געשטרעבט אופצוווירקנ אפ די פויערימ מיט „איבנרײדעניש‟, אָנשרעקנ זיי אונ אפהאַלטנ מיט אַלע מיטלענ פונ אַריינטרעטנ אינ די קאָלווירטנ. איצט אָבער האָט זיכ די לאַגע שאַרפ געענדערט: די קאָלאָסאַלע מערהייט פויערטום איז שוינ אַריינגעטראָטנ אינ די קאָלווירטנ. די פויערשע מאַסע האָט גוט באַנומענ די נוצנ פונ די קאָלווירטנ אונ האַלט זיכ פאַר זיי פעסט.

אינ איינעמ פונ די סאַמע אָפגעשטאַנענע קאָלווירטנ אפ קובאַנ (אינ טעמיר־נאָיעווער סטאַניצע) האָט מענ א בריגאַדע קאָלווירטניצעס געפרעגט:

— ווי וואָלט איר זיכ באַצויגנ צו א באַלעגופ, וואָס וואָלט אייכ גענומענ אָנ־ריידנ אַרויסצוגיינ פונ קאָלווירט אונ אומקערנ זיכ צומ פריערדיקנ לעבנ?

די קאָלווירטניצעס האָבנ זיכ פאַרוואונדערט אונ א ביסל זיכ באַליידיקט פאַר אזא פראַגע. אָבער סאָלידאַריש, אינ איינ קאָל האָבנ זיי געענטפערט:

— מיר וואָלטנ אימ צעמיימעסט, מיר וואָלטנ אימ פאַרנ קאַרק אַרויסגעוואָרפנ. מיר וואָלטנ געמאָלדנ, וווהינ מע באַדאַרפ.

דער באַלעגופ האָט פאַרשטאַנענ, אז עס איז אַרויסגעוואָרפנ די אַגיטאַציע קעגנ די קאָלווירטנ, פאַר אַרויסגיינ פונ די קאָלווירטנ. פאַרשטאַנענ האָבנ דאָס אויכ אַנ־דערע קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ.

> „גיינ אינ אנ אָפענעמ אַטאַקע קעגנ דער ראַטנמאַכט זיינענ די דאָזיקע הערנ שוינ ניט בעקוייעכ, — זאָגט וועגנ זיי כ׳ סטאַלינ. — זיי אונ זייערע קלאַסנ האָבנ שוינ עטלעכע מאָל געפירט אַזוינע אַטאַקעס, אָבער זיי זיינענ צעקלאַפט אונ צעטריבנ געוואָרנ. דעריבער איז דאָס איינציקע, וואָס זיי בלייבט צו טאָנ, — דאָס איז קאַליע מאַכנ אונ שעדיקנ די אַרבעטער, די קאָלווירטניקעס, דער ראַטנמאַכט, דער פאַרטיי‟.

דער באַלעגופ האָט פאַרטײַעט די בייזע רעציכע אונ האָט געענדערט זיינע קאַמפמעטאָדנ, זיינ טאַקטיק. ער האָט אַריבערגעטראָגנ דעמ קאַמפ אינוויניק אינ די קאָלווירטנ. ער האָט זיכ פאַרשטעלט פאַר אנ אָנהענ־גער פונ די קאָלווירטנ, פונ דער ראַטנמאַכט. ער האָט זיכ געשטעלט דעמ ציל אַריינ־קריכנ אינ די קאָלווירטנ, אינ די ראַטווירטנ, אינ די ראַטנ־אַנשטאַלטנ, קעדיי מיט אַלע קרעפטנ אונ מיטלענ שטערנ דער סאָציאַליסטישער בויונג, דער פאַרפעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ, דער ריכטיקער אָרגאַניזירונג פונ דער אַרבעט אונ פונ דער פאַ־טיילונג אינ די קאָלווירטנ, כאָרעוו מאַכנ פונ אינוויינ‍יק די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט.

אָט דאָס איז דער נייער גרונטמעטאָד פונ קאַמפ, אָט דאָס איז די נייע טאַק־טיק פונעמ קלאַסנ־סוינע. די דאָזיקע נייע טאַקטיק האָבנ טאַקע געפרוווט אָנווענדנ

די רעשטלעכ באַלעגופנטום און אַנדערע קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ אינ 1931 יאָר און באַזונדערס אינ 1932 יאָר אינ די סטעפּישע ראַיאָנעג פונ אוקראַינע און אַפ צאָפנ־קאַווקאַז. זיי האָבנ געפּרוווט נאָכאַמאָל „דורכטאָפּנ די פעסטונג פונ דער ראַטנמאַכט", לאָזנ די שטאַט אָנ ברויט, אונטעררייסנ דעמ צוזאַמענשלוס פונעמ אַרבעטער־קלאַס מיטנ קאָלווירטישנ פּויערטום, באַרעוו מאַכנ די קאָלווירטנ.

דער שׂונא האָט זיכ געשטעלט פאָלגנדיקע אויפגאַבנ: אָנריירנ די קאָלווירטניקעס צו סאַבאָטירנ די אַרבעט און די ברויט־אָפּליפערונג דער מעלוכע;* אָרגאַניזירנ שעדיקערייַ אינ די קאָלווירטנ און אינ די ראַטווירטנ, אונטעררייסנ די אַרבעט־דיסציפּלינ צווישנ די קאָלווירטניקעס און די ראַטווירטישע אַרבעטער, אָרגאַניזירנ די צעשלעפּונג פונעמ קאָלווירטישנ און ראַטווירטישנ אייגנטום.

די באַלעגופים און באַלעגופישע אַגענטנ זייַנענ אַפ אַ שווינדלערישנ אופנ אַרייַנגעדרונגענ אַלס מיטגלידער אינ קאָלווירט און האָבנ דאָרט געפירט מיט די קאָלווירטניקעס אומגעפער אַזוינע שמועסנ:

„דער קאָלווירט איז, פאַרשטייט זיכ, אַ גוטע זאַכ. אָבער צו וואָס דאַרפסטו זיכ אַזוי סטאַרענ בייַ דער אַרבעט? די ווירטשאַפט איז ניט דייַנע, נאָר אַ קאַזיאָנע. די מאַכט וועט דיר סייַ ווי אַלצ געבנ".

אָדער פאַרקערט: „די מאַכט וועט בייַ דיר אַלצ אָפּנעמענ בייַ די ברויט־פאַרגרייטונגענ", „שלעפּ פאַר זיכ פונ פעלד, ווייל אַניט וועסטו גאָרניט באַקומענ".

„מיט ערלעכער מי וועסטו הייַנטיקע צייַטנ ניט דורכלעבנ".

„צוערשט זיכ, און וואָס עס וועט פאַרבלייַבנ — דער מעלוכע".

צוזאַמענ מיט אַזוינע רייד האָבנ די באַלעגופים אָרגאַניזירט אינ די קאָלווירטנ סאַבאָטאַזש און גנייווּעס, קעדיי ווירקלעכ לאָזנ די מעלוכע און די ערלעכנ קאָלווירטניק אָנ ברויט.

די דאָזיקע נידערטרעכטיקע באַלעגופישע אַרבעט האָט אינ אַ סאַכ קאָלווירטנ געבראַכט אירע פּרוכט. לעמאָשל אינ דער פאָלטאַווסקער סטאַניצע אַפ קובאַנ איז אינ 1932 יאָר אומגעקומענ צוליב די מיסטגראָזנ בייַ אַ העלפט גערעטעניש. די קאָלווירטנ האָבנ פאַרזייט צומ אָנהייב נאָיאַבער סאַכאַקל 30 פּראָצ. פונעמ פּלאַנ פונ ווינטער־טוווּעס, און די אינדיווידואַלנ האָבנ פאַרזייט ניט מער, ווי צו פערטל העקטאַר אַפ אַ הויפ. די ברויט־אָפּליפערונג איז אויסגעפילט געוואָרנ סאַכאַקל אַפ 7 פּראָצ. אינ טעמירגאָיעווער סטאַניצע האָבנ די קאָלווירטניקעס פאַרזייט צו אָנהייב נאָיאַבער סאַכאַקל 20 פּראָצ. פונעמ פּלאַנ ווינטער־טוווּעס, און די אינדיווידואַלנ סאַכאַקל 10 פּראָצ. העכער 400 העקטאַר קוקורוזע — איינער פונ די וויכטיקסטע קולטורנ אינ דער סטאַניצע — זייַנענ פאַרבליבנ ניט אָפּגעשניטנ. די ברויט־אָפּליפערונג איז אויסגעפילט געוואָרנ סאַכאַקל אַפ 32 פּראָצ. די אַרבעט־דיסציפּלינ איז צעפאַלנ געוואָרנ — צו דער אַרבעט פלעגנ אינגאַנצנ ניט אַרויס העכער 40 פּראָצ. אַרבעטפייִקע קאָלווירטניקעס, און געאַרבעט האָט מענ אַזוי: לעמאָשל, אַ בריגאַדע פונ 53 מענטשנ בייַ 26 פערד פלעגט פאַרזייענ בייַ אַ האַלבנ העקטאַר אַ טאָג. דאָס פּוסטעפּאַסעווענ און די פּראָגולנ האָבנ אָנגענומענ אַ קאָלאָסאַלנ מאַס־

---

* סאַבאָטירנ, סאַבאָטאַזש באַטייַט אָפּזאָגנ זיכ פונ אַרבעט אָדער שלעכט אויספילנ זי, בלויז לעפּאָנעמ וועגנ, אַפ פאַרשיידענע אופנימ אַראָפּרייַסנ די אַרבעט און דאָס אויספילנ די פאַרפליכטונגענ.

א קאָמיסיע פונ אפאי שטעלט צונויפ אנ אקט וועגנ א שעדיקערישנ פארזיי (צאָפנ-קאווקאז)

שטאב: אינ פארשיידענע בריגאדעס האָבנ ביז א פינפטל קאָלווירטניקעס אינגאנצנ ניט געהאט קיינ פארדינטע טעג-ארבעט, בא איינ דריטל האָט געהאט פונ 1 ביז 50 טעג-ארבעט אאוו.

די שעדיקעריי האָט זיכ ברייט פארשפרייט אינ די קאָלווירטנ און אינ די ראַט-ווירטנ און איז אפילע ארייַנגעדרונגענ אינ איניקע צענטראלע אָרגאנענ פונעמ פאָלקסקאָמיסאריאט פאר ערדארבעט פונ פארבאנד. אינ מאָסקווע און אינ אנדערע שטעט זיינענ ארעסטירט געוואָרנ גאנצע גרופעס שעדיקער-ספעציאליסטנ, וואָס האָבנ זיכ געפרוווט אראָפרייסנ די סאָציאליסטישע בויונג אינ דער לאנדווירטשאפט אפ פארשיידענע „וויסנשאפטלעכע" אויפנימ. מע פלעגט צונויפשטעלנ שעדיקערישע זייַ-פארקערנ (למשל, מיט א פארקלענערטנ ווייץ-שעטעכ), מע פלעגט דערפינדנ שעדיקערישע טעאָריעס (למשל וועגנ דער נייטיקייט פונ פלאכער אקערונג), מע פלעגט אָרגאניזירנ א שעדיקערישע צושטעלונג פונ מאשינעס, רעזערוו-טיילנ, פונ ברענשטאָפ (ניט אינ די טערמינענ, ניט גענוג אינ איינע ערטער, און צופיל — אינ אנדערע). מע האָט פארשפרייט אָנשטעקנדיקע קראנקייטנ צווישנ דעמ פי — מע האָט, למשל, אָנגעשטעקט מיט לונגענגייצנ די לאָנקעס אינ כאָלמאָגאָרסקער ראַיאָנ מיט דער אויסרעכענונג, אז די אָנשטעקונג וועט זיכ ברייט פאנאנדערטראָגנ דורכ דעמ כאָלמאָגאָרסקער ראַסנ-פי, מע האָט געמאכט טשומע-איינשפריצונגענ די חזירימ, מע האָט אָנגעשטעקט מיט מענינגיט די פערד. מע האָט אָרגאניזירט שעדיקעריי אינעמ גאָר פרייִקנ פארזיי אאוו.

אינ די קאָלווירטנ האָבנ די באלעגופימ און זייערע משרתימ צוגעטראכט טויזנטערליי אויפנימ פונ שעדיקעריי אָנהייבנדיק פונ די איינפאכסטע ביז די סאמע „כיטרע". למשל, מע פלעגט פשוט מאָרענ דאָס פי מיט הונגער און דאָרשט, מע פלעגט אראָפשליידערנ די טראקטערס אינ א באלקע אָדער אינ א טייכ און אמאָל אויכ אינ ברונעמ, מע פלעגט אונטערוואַרפנ שטיקער אייזנ אינ די מא-

שינעס, מע פלעגט איינשטעלנ די זיי־מאַשינעס אפ א פארקלענערטער פארזיי־נאָרמע, מע האָט געזייט מיט פליכנ, מע האָט געלאָזט פוילנ טווע, גרינעס, ליינ אדג. די מער „קוואַליפיצירטע“ שעדיקער פלעגנ פארסאמענ גאַנצע וואכטעס טראַקטאָריסטנ, קעדיי „ארויסשלאָגנ פונ זאטל“ די דאָזיקע רייטער אפ די סטאַלינגראַדער אָגערס“, ווי אינ ווייסגוואַרדייער האָט זיכ מוירע געווענ אינ איינעמ פונ די קאָלווירטנ פונ ברויכאָוועצקער ראיאָנ. מע פלעגט אונטערלייגנ סאמ דעמ פי אינעמ פיטער אונ אינ געטראַנק; מע פלעגט אפ א שעדיקערישנ אופנ רעמאָנטירנ די טראַקטאָרס אזוי, אז די מאַשינעס פלעגנ שנעל קאַליע ווערנ; מע פלעגט אויסברעכנ צענדליקער ציינער אפ די באַראַבאַנענ פונ די דרעשמאַשינעס; אפ א שעדיקערישנ אופנ פלעגט מענ פירנ דעמ דיסקאָנט אונ די בוכהאַלטעריע, קעדיי צו פארפּלאָנטערנ די כעזשבוינעס מיט די קאָלווירטניקעס, קעדיי צו פארלייכטערנ דאָס אויסבאַהאַלטנ, דאָס צעגאַנווענענ דאָס ברויט אדג.

צעשלעפּנ דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטומ פלעגנ קוידעמקאָל די באַלעבאָטישע אונ אַנדערע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטנ אַליינ, וואָס זיינענ אַריינגעדרונגענ אינ די קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ. הונדערטער אונ טויזנטער פוד ברויט האָט מענ אויסבאַהאַלטנ אפ אַלערליי אופנימ, דעהיינו: שעדיקעריש געדראָשנ, צוגעשטעלט פאַלשע ציפער וועגנ דעמ פאַרזיי אונ געראָטנקייט, איינגעאָרדנט געהיימע שייערנ, אָרגאַניזירט אופגעבלאָזענע געזעלשאַפטלעכע פאָנדנ (פאר דערנערונג אינ אַנדערע), צעטיילט דאָס ברויט די קאָלווירטניקעס אונטער דער מאַסקע פונ „אוואַנסנ“ אאוו. לעמאָשל, דער פּאָרזיצער פונעמ קאָלווירט „סעלמאַשסטרוי“ קאַנעווסקער ראַיאָנ האָט אויסבאַהאַלטנ 540 פוד, דער פּאָרזיצער פונעמ קאָלווירט „רויטער פּאַרטיזאַנ“ האָט אויסבאַהאַלטנ 200 פוד. אינעמ קאָלווירט אפנ נאָמענ פונ קאָמינטערנ האָט די באַלעבאָטישע פאַרוואַלטונג צעגאַנוועט 12 טויזנט פוד.

אָבער די גרונט־אָנשטרענגונגענ האָבנ די באַלעבאָטימ געווענדט אפ איינרײדנ די קאָלווירטניקעס אונ אינדיווידואַלנ, אז אינ קאָלווירט אונ אינ ראַטווירט איז „ניט קיינ אווירע צו נעמענ“. מיט אזא אגיטאַציע האָט דער באַלעבאָס זיכ געסטאַרעט צו אָרגאַניזירנ די „צעשלעפּונג“ — דאָס *מאַסנווייזע אַלטעגלעכע צעשלעפּנ דאָס ברויט*, זאָל זיינ אפילע מיט קליינע פּאָרציעס (גאַרבנווייז, זאַנגענווייז. קערנער אינ די קעשענעס, אינ די שידנ, אינ די שטיוול אדג., קעדיי צו לאָזנ די ערלעכע קאָלווירטניקעס אָנ ברויט אונ כאָרעוו מאַכנ די קאָלווירטנ.

צו דער דאָזיקער צעשלעפּונג פונעמ קאָלווירטישנ אייגנטומ זיינענ נאָכ צוגעקומענ די גנייווועס בא די קאָלווירטניקעס אינ דער היימ אינ דער צייט, ווענ זיי פלעגנ זיינ בא די פעלד־אַרבעטנ. דער דירעקטער ציל פונ די דאָזיקע גנייווועס איז געווענ אַראָפּצורייסנ די פעלד־אַרבעטנ אינ די קאָלווירטנ. דעמ דאָזיקנ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערנ ציל פאַרבאַהאַלטנ אפילע ניט די באַנדיטנ: זיי וואַרפנ פאַנאַנדער טאַקע אפנ אָרט נעבנ הויז אינ בלאָטע די אָפּגעגאַנוועטע פּראָדוקטנ, זיי וואַרפנ אַוועק די הינער מיט אָפּגעריסענע קעפּ, לאָזנ אַרויס די פוכ פונ די קישנס אונ דאָס גלייכנ (אינ א ריי סטאַניצעס פונ קראַסנאָדאַרער ראַיאָנ).

אָט דאָס זיינענ די נייע קאַמפּ־מעטאָדנ, די נייע טאַקטיק פונעמ קלאַסנ־סוינע, פונ די באַלעבאָטימ, וואָס זיי האָבנ געלאָזנ אינ גאַנג מיט א באַזונדער קראַפט אינ דער צייט פונ די ברויט־פאַרגרייטונגענ אינ יאָר 1932—1933.

ארויסשלײַדערן דעם סוינע
פונ אונדזערע אונטערנעמונגען און אנשטאלטן

עס פארשטייט זיך, אז די רעשטלעך בורזשואזע קלאסן קאָנען ניט מיט זייער ווידערשטאנד, מיט זייער שעדיקעריי כאָטש אינ דער מינדסטער מאָס אָפּשטעלן די סאָציאליסטישע בוועגונג, זיי קאָנען ניט כאָטש עפּעס ענדערן אינ דער לאגע און אינ דער אנטוויקלונג פונ דעם ראטנפארבאנד.

אָבער דאָס באטייט בעשומויפן ניט, אז מע קאָן זיך באציִען טאָלעראנט צו די פרווון כאַרעוו צו מאכן די קאָלווירטן, צום דירעקטן סאבאָטאזש און צו דער קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער שעדיקעריי. דאָס וואָלט געהייסן, אז מע פאראט די ארבעטער און פויערים.

כ׳ סטאלינ זאָגט:

„אינ רעזולטאט פונ פארווירקלעכן דעם פינפיאָר האָבן מיר זיך דערשלאָגן, אז מיר האָבן ארויסגעשלײַדערט אינגאנצן די לעצטע רעשטלעך פײַנטלעכע קלאסן פונ זייערע פּראָדוציר־פּאָזיציעס, האָבן צעגראָמירט דאָס באלעבאָפּיוסט און צוגעגרייט דעם באָדן פאר זיין פארניכטונג. אָט דאָס איז דער סאבאקל פונעם פינפיאָר אפן געביט פונ קאמף קעגן די לעצטע אָטריאדן בורזשואזיע. אָבער דאָס איז ווייניק. די אויפגאבע באשטייט אינ ארויסשלײַדערן די דאָזיקע געוועזענע מענטשן פונ אונדזערע אייגענע אונטערנעמונגען און אנשטאלטן און מאכן זיי ענדגילטיק אומשעדלעך“.

די ראטנמאכט און די פארטיי האָבן אָנגענומען די סאמע אנטשיידענע מאָס־מיטלען קעגן דעם סאבאָטאזש, וואָס דער באלעבאָפּ האָט אָרגאניזירט, קעגן דער באלעבאָפּישער שעדיקעריי. די ראטנמאכט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאר קיין הארבע מאָסמיטלען אויך קעגן יענע קאָלווירטניקעס, וואָס האָבן אונטערשטיצט די קאָנטער־רעוואָליוציאָנערן.

אויפקלערונג, איבערצײַגונג, אָרגאניזירונג — דאָס איז דער יעסאָד פונ אונדזער ארבעט צווישן די ארבעטנדיקע. אָבער דאָס באטייט ניט, אז מיר זאָגן זיך אָפּ פונ באנוצן צוואנג, ווען דאָס רופט ארויס די נויטווענדיקייט. אפּ דעם האָט אָנגעוויזן לענינ. ער האָט געפאָדערט א געהעריקע צונויפּפּאָרונג פונ צוואנג מיט איבערצײַגונג. לענינ האָט געשריבן:

„מיר האָבן דאָס ריכטיק און דערפאָלגרײַך אָנגעווענדט צוואנג, ווען מיר האָבן באוויזן צוערשט אונטערפירן אונטער אים די באזע פונ איבערצײַגונג“.

צי זיינען דען בא היינטיקן טאָג צווישן די ארבעטנדיקע ניטאָ קיין לאָדערס, באדייסער און נאָך אזוינע אנטיגעזעלשאפטלעכע עלעמענטן? עס וואָלט געווען לעבערלעך דאָס אָפּצולייקענען. דער באָלשעוויק דארפּ ניכטער קוקן אפּ זאכן. דער נאָמען קאָלווירטניק, טראקטאָריסט, מעכאניקער דארפּ ניט פארבלענדן די אויגן דעם באָלשעוויק, ער דארפּ קאָנען דערזען אונטער דער מאסקע פונ קאָלווירטניק צומאָל א געהילפ פונעם קלאסנ־סוינע, אונטער דער מאסקע פונ קאָלווירט צומאָל — א פײַנטלעכע אָרגאניזאציע.

ברויט, וואָס מע האָט געפונען באַם באַלעבאָס ריבניקאָוו אין א גרוב (צפון־קאַווקאַז)

כ׳ סטאַלין האָט געזאָגט אפ דער פאַראייניקטער זיצונג פון דער פּאָליטביוראָ און פונעם פּרעזידיום פון דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע פון דער פּאַרטיי אין נאָיאַבער 1932 יאָר:

„דאָס קאָלווירטישע פּויערטום איז א פאַרבינדעטער פונעם אַרבעטער־קלאַס. די קאָלאָסאַלע מערהייט פונעם דאָזיקן פּויערטום איז אַן אָנשפּאַר פון דער ראַטנמאַכט אין דאָרף. אָבער דאָס באַטייט נאָך ניט, אז צווישן די קאָלווירטניקעס און קאָלווירטן קאָנען ניט זיין קיין איינצלנע אָטריאַדן, וואָס גייען קעגן דער ראַטנמאַכט, וואָס אונטערשטיצן די שעדיקער, וואָס אונטערשטיצן דעם סאַבאָטאַזש פון די ברויטפאַרגרייטונגען. עס וואָלט געווען נאַריש, ווען די קאָמוניסטן וואָלטן ארויס פון דעם, אז די קאָלווירטן זיינען א סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט־פאָרם און וואָלטן ניט געענטפערט אפן קלאַפּ פון די דאָזיקע איינצלנע קאָלווירטניקעס און קאָלווירטן מיט א צע־שמעטערנדיקן קלאַפּ”.

אדאַנק די אָנגענומענע מאָסמיטלען איז דער סאַבאָטאַזש, וואָס די באַלעבאָטים האָבן אָרגאַניזירט, איינגעבראָכן געוואָרן. לעמאָשל די טערחמיגאָיעווער סטאַנציע איז שוין דעם 16־טן דעקאַבער 1932 יאָר אראָפּגענומען געוואָרן פון שוואַרצן טאָוול. די קאָלווירטישע מאַסע פון די „שוואַרצטאָוולדיקע” סטאַניצעס האָט פאַרשטאַנען ווער און וויהין מע האָט זי פאַרפירט. די אַרבעט און די אָרדענונג אין די קאָל־ווירטן פון די דאָזיקע סטאַניצעס האָבן זיך גענומען צוריק איינשטעלן.

די סאַכאַקלען פונעם פּרילינג־פאַרזיי אפ צפון־קאַווקאַז באַווייזן, אז דער פאַר־זיי־פּלאַן איז קימאַט אינגאַנצן אויסגעפילט געוואָרן (אפ 97,4 פּראָצ.) און די קוואַליטעט פון די פעלד־אַרבעטן איז געווען אָן אַ ערעך העכער, איידער אין פאַ־ריקן יאָר. דער באַלעבאָטישער ווידערשטאַנד איז ביינעקומען געוואָרן.

אָבער אויב די אטאקע פונעמ קלאסנ־סוינע איז אָפגעשלאָגנ געוואָרנ מיט א קאָלאָסאלנ פארלוסט פאר אימ, איז נאָכ דערפונ בעשומאופנ ניט געדרונגענ, אז דער קאמפ איז שוינ געענדיקט, אז דער סוינע וועט זיכ מער ניט קעגנשטעלנ. פארקערט.

„מע דארפ האָבנ אינ זינענ, — זאָגט כ' סטאלינ, — אז דער וווקס פונ דער מעכטיקייט פונ דער ראטנ־מעלוכע וועט *פארשטארקנ* דעמ ווידערשטאנד פונ די לעצטע רעשטלעכ שטארבנדיקע קלאסנ. טאקע דערפאר, וואָס זיי שטארבנ אונ לעבנ איבער די לעצטע טעג, וועלנ זיי *אריבערגיינ פונ איינע פאָרמענ אטאקעס צו אנדערע, צו מער שארפערע פאָרמענ אטאקעס*, אפעלירנדיק* צו די אָפגעשטאנענע שיכטנ באפעלקערונג אונ מאָביליזירנדיק זיי קעגנ דער ראטנמאכט... דאָס איז, פארשטייט זיכ, ניט שרעקלעכ, אָבער דאָס אלצ דארפ מענ האָבנ אינ זינענ, אויב מיר ווילנ שנעל אונ אָנ שומ קאָרבאָנעס מאכנ א סאָפ צו די דאָזיקע עלעמענטנ".

די נײַע באדינגונגענ פונ קאמפ אונ ארבעט

פונ דער גאנצער געשיכטע פונ דעמ באלעגופס סאבאָטאזש אונ פונ דער דערפארונג פונעמ קאמפ קעגנ אימ דארפנ מיר אָפלערנענ א גוטע לעקציע. מיר דארפנ פרעגנ זיכ:

מיט וואָס דערקלערט מענ, וואָס די פויערימ פונ אייניקע דאָרעמ־ראיאָנענ, וואָס זיינענ שיער ניט אלע אָנ אויסנאמ אריינ אינ די קאָלווירטנ אונ וואָס ווילנ אפילע ניט הערנ די באלעגופישע רייד וועגנ ארויסגיינ פונ די קאָלווירטנ, — די זעלבע פויערימ־קאָלווירטניקעס האָבנ אינ א סאכ סטאניצעס זיכ געלאָזט פארפירנ פונ די באלעגופימ אונ שיער ניט דערלאָזנ כאָרעוו מאכנ די קאָלווירטנ פונ אינווייניק? מיט וואָס זאָל מענ דערקלערנ, וואָס באמ ניצאָכנ פונ די קאָלווירטנ אונ בא דער בעסערער גערעטעניש האָט זיכ דעמ קלאסנ־סוינע דאָכ איינגעגעבנ דערשלאָגנ זיכ א טיילווייזנ אראָפרייס פונ די ברויט־פארגרייטונגענ אינ 1932—1933 יאָר?

דאָס דערקלערט זיכ פריער פונ אלצ מיט דער באלעגופישער אגיטאציע אינ די מאסנ. דער באלעגופ האָט אויסגענוצט די פריוואט־אייגנטימערישע איבערבלייבענישנ בא די קאָלווירטניקעס, ער האָט זיכ געסטארעט אויסנוצנ דעמ פויערס דויר־דוירעסדיקע שטרעבונג צו פריוואטנ באריכערנ זיכ, ער האָט געפרווט קעגנשטעלנ דעמ קאָלווירטניקס פערזענלעכע נוצנ קעגנ זיינע געזעלשאפטלעכע אינטערעסנ, שטויסנ דעמ קאָלווירטניק דערצו, אז אינ זיינ יאָגעניש נאָכ רײַכקייט זאָל ער אומברענגענ דעמ קאָלווירט.

כוץ דעמ האָט זיכ אינ א סאכ פאלנ די באלעגופישע אונ ווייסגווארדייִשע עלעמענטנ איינגעגעבנ ארײַנדרינגענ ניט בלויז אינ די קאָלווירטנ, נאָר אויכ אינ די ראטנ־אנשטאלטנ אונ אינ די פארטיי־אָרגאניזאציעס. די פארטיי־רייניקונג אינ צאָפנ־קאווקאז האָט אויפגעדעקט א גרויסע פארמיסטיקונג פונ די פארטיי־אָרגאניזאציעס מיט קלאסנ־פרעמדע אונ איבערגעבאָרענע עלעמענטנ. אינ אייניקע פאלנ האָט זיכ די ווייסגווארדייִשע עלעמענטנ איינגעגעבנ ארייננכאפנ זיכ אפילע אינ די רא־

* דאָס הייסט, ווענדנדיק זיכ.

יענע אָרגאניזאציעס, לעמאָשל, אינ ארמאוויר. אונטערנ צודעק פונ אזוינע מענטשנ, וואָס בא זיי איז געבליבנ פּארטיייִשעס בלויז דער פּארטיי־בילעט אינ קעשענע, האָבנ טאקע אָפּערירט אינ אייניקע קובאנער סטאניצעס גאנצע באנדעס פארביסענע ווייסגווארדייער, אָפיצערנ פונ די שטראָפ־עקספּעדיציעס אונ זייער גלייכנ. לעמאָשל, פונ דער טעמירגאָיעווער סטאניצע האָט מענ ארויסגעשיקט אָפּ צאָפּג 50 פּאמיליעס, צווישנ זיי 16 ווייסגווארדייער — טאליאָנימ, 20 אָרגאניזאטערס אונ אָנטיילנעמער פונ די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגענ, 18 באלעגופימ, 6 הענדלער־ספּעקוליאנטנ אאַ.

„אָט פארוואָס, — זאָגט כ׳ סטאלינ, — די רעוואָליוציאָנערע וואכזאמקייט איז טאקע יענע קוואליטעט, וואָס איז באזונדערס נייטיק איצט די באָלשעוויקעס".

עס וואָלט אָבער געווענ אבסאָליוט ניט ריכטיק צו דערקלערנ די מעגלעכקייט פונ דעמ ווידערשטאנד, וואָס דער קלאסנ־סוינע העט ניט אויפ ארויסצוווייזנ אונ האָט אינ אייניקע ראיאָנענ פארשטארקט, בלויז מיט די פּריוואט־אייגנטימערישע רעשט־לעכ בא די קאָלווירטניקעס אונ מיט דעמ, וואָס אינ די קאָלווירטנ אונ ווו ניט ווו אויכ אינ דער פּארטיי זיינענ ארייגעדרונגענ אנטיסאָוועטישע עלעמענטנ. עס וואָלט געווענ פעלערהאפט אונ ניט יושערדיק ארופצווארפנ אָפּ די פויערימ־קאָל־ווירטניקעס די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דעמ, וואָס אייניקע קאָמוניסטנ זיינענ ניט פייִק צו געבנ דעמ געהעריקנ ווידערשטאנד דעמ קלאסנ־סוינע, אָרגאניזירנ ווי געהעריק די ארבעט אינ די קאָלווירטנ אונ באוואָרענענ די אויספילונג פונ די פאר־פליכטונגענ פאר דער מעלוכע.

„ניט אינ די פויערימ דארפ מענ זוכנ די סיבע פונ די שוועריקייטנ אינ די ברויט־פארגרייטונגענ, — האָט געזאָגט כ׳ סטאלינ, — נאָר אינ אונדז אליינ, אינ אונדזערע אייגענע רייענ. ווייל מיר שטייענ בא דער מאכט, מיר האָבנ די מעלוכע־מיטלענ, מיר זיינענ באַרופנ אָנצופירנ מיט די קאָל־ווירטנ אונ מיר דארפנ טראָגנ די פולע פאראנטוואָרט־לעכקייט פאר דער ארבעט אינ דאָרפ...

אינ דער וועלט איז ניטאָ אונ איז ניט געווענ אזא מעכטיקע אונ אווטאָ־ריטעטע מאכט, ווי אונדזערע, די ראטנמאכט. אינ דער וועלט איז ניטאָ אינ עס איז ניט געווענ אזא מעכטיקע אונ אווטאָריטעטע פּארטיי, ווי אונדזערע, די קאָמוניסטישע פּארטיי. קיינער שטערט אונדז ניט אונ קאָנ ניט שטערנ צופירנ די קאָלווירטנ אזוי, ווי דאָס פאָדערנ די אינטערעסנ פונ די קאָלווירטנ, די אינטערעסנ פונ דער מעלוכע. אונ אויב ניט שטענדיק גיט זיכ אונדז איינ צופירנ די קאָלווירטנ אזוי, ווי דאָס פאָדערט דער לענינוזמ, אויב מיר דערלאָזנ ניט זעלטנ א ריי גראָבע אומפארציילעכע פעלערנ, לאָמיר זאָגנ לויט דער ליניע פונ די ברויט־פארגרייטונגענ, זיינענ מיר אינ דעמ שולדיק אונ בלויז מיר".

די וויכטיקסטע אונ גרונטיקע סיבע פונעמ צייטווייליקנ דורכפאל אָפּ דאָר־פישנ פראָנט באשטייט אינ דעמ, וואָס די פּארטיי־אָרגאניזאציעס האָבנ אינ געוויסע ראיאָנענ זיכ ארויסגעוויזנ ניט אָפּ דער הייכ פונ דער לאגע, האָבנ ניט ארויסגע־

וויזג קיינ רעוואָליוציאָנערע וואכזאמקייט, האָבנ זיכ ניט קלאָר געמאכט די נייע טאקטיק פונעמ קלאסנ־סוינע, האָבנ ניט פארשטאנענ די נייע באדינגונגענ פונעמ קלאסנקאמפ אינ דאָרפ, האָבנ ניט פארשטאנענ די נייע אופגאבנ פונ זייער ארבעט.

„איינִיקע כאווייריִמ אונדזערע — זאָגט כ׳ סטאלינ — בארויִקנ זיכ ניט־זעלטנ מיט דעמ, וואָס קיינ באלעגופים זיינענ שוינ, קלוימערשט, ניטאָ אפ דער וועלט, וואָס די אנטיסאָוועטישע עלעמענטנ אינ דאָרפ זיינענ שוינ פארניכטעט אינ רעזולטאט פונ דער פּאָליטיק פונ ליקווידירנ דאָס באלעגופנטומ אלס קלאס... אָבער דאָס איז א טיפער טאָעס, כאווייריִמ. *די באלעגופים זיינענ צעהארגעט, אָבער זיי זיינענ נאָכ ווייט ניט דערהארגעט.* נאָכ מער,— זיי וועלנ נאָכ ניט אזוי גיכ דערהארגעט ווערנ, אויב די קאָמוניסטנ וועלנ געגעצנ אונ זיינ גוטמוטיק, מיינענדיק, אז די באלעגופים וועלנ אליינ אוועקגייג אינ קייווער אינ סיידער, אזוי צו זאָגנ, פונ זייער סטיכייִשער אנטוויקלונג”.

דער סוינע איז צעהארגעט, אָבער נאָכ ניט דערהארגעט.— אט וואָס יעדער דאָרפישער קאָמוניסט דארפ פעסט פארגעדענקענ אונ דארפ זיינ וואכזאמ.

איינִיקע כאווייריִמ ווייסנ אונ פילנ, אז דער קלאסנ־סוינע לעבט נאָכ, אָבער קאָנענ אימ ניט געפינענ אונ דעמאסקירנ, זיי קאָנענ ניט קעמפנ קעגנ אימ אפ א נייעמ אויפנ.

„דער סוינע האָט פארשטאנענ די געענדערטע סיטואציע, — זאָגט כ׳ סטאלינ, — ער האָט פארשטאנענ די קראפט אונ מעכטיקייט פונ דער׳נייע־ארדענונג אינ דאָרפ אונ, פארשטייענדיק דאָס, האָט ער זיכ איבערגעבויט, געענדערט זיינ טאקטיק, — ער איז אריבער פונ דירעקטער אטאקע קעגנ די קאָלווירטנ צו דער ארבעט פונ אונטערגראָבנ זיכ אינ דער שטיל. אונ מיר האָבנ דאָס ניט פארשטאנענ, מיר האָבנ די נייע סיטואציע ניט באמערקנ אונ מיר הערנ ניט אופ צו זוכנ דעמ קלאסנ־סוינע דאָרטנ, ווו ער איז שוינ ניטאָ, מיר הערנ ניט אופ צו פירנ די אלטע טאקטיק פונ פארייִנפאכטנ קאמפ קעגנ דעמ באלעגופנטומ, אינ דער צייט, ווענ זי, די דאָזיקע טאקטיק, איז שוינ לאנג פארעלטערט געוואָרנ.

מע זוכט דעמ קלאסנ־סוינע אויסער די קאָלווירטנ, מע זוכט אימ אינ דער פאָרמ פונ מענטשנ מיט א כייִעשער־פיזיאָנאָמיע, מיט קאָלאָסאלע ציינער, מיט א גראָבנ קארק, מיט אנ „אָברעז” אינ די הענט, מע זוכט דעמ באלעגופ אזאַ, ווי מיר קענענ אימ פונ די פלאקאטנ. אָבער אזוינע באלעגופימ זייענענ שוינ לאנג ניטאָ אפ דער אויבערפלאכ. די איצטיקע באלעגופימ אונ די באלעגופישע נאָכטענצער, די איצטיקע אנטיסאָוועטישע עלעמענטנ אינ דאָרפ — דאָס זיינענ מערסטנטייל מענטשנ „שטילע”, „זיסינקע”, קימאט „הייליקע”. זיי דארפ מענ ניט זוכנ ווייט פונ קאָלווירט, זיי זיצנ אינ קאָלווירט גופע אונ פארנעמענ דאָרט די שטעלעס פונ שפייכלער־אופזעער, ווירטשאפט־פארוואלטער, רעכענונג־פירער, סעקרעטארנ אאוו.

ווער זיינענ דאָס די דאָזיקע „שטילע”, די „זיסינקע” ניט אינגאנצנ צעקלאפטע באלעגופים?

דאָס זײַנענ די אויסבאלעגופטע, אָבער ניט ארויסגעשיקטע (אונ טײלווײַז נאָך אויך ניט אויסבאלעגופטע) באלעגופים. דאָס זײַנענ די באלעגופישע עלעמענטנ, וואָס זײַנענ אנטלאָפנ פונ דער פארשיקונג, וואָס באהאלטנ זיך אויס בײַ זײערע קרוי-וים אונ צומאָל אויך בײַ די „גוטהארציקע”, קלוימערשטע קאָמוניסטנ, וואָס פאר-ראטנ אפּ אזא אויפנ דעם קאָלווירטוועזנ. דאָס זײַנענ די פארמעגלעכע פויערים, וואָס שליסנ זיך אָנ אָנ די באלעגופים. דאָס זײַנענ די רעשטלעך בורזשואזע, ווײַס-גווארדײיִשע אינטעליגענצ, וואָס באהאלטנ זיך אויס איבער די דערפער.

יעדער דאָרפישער קאָמוניסט דארפ קאָנענ אופדעקנ אונ דעמאסקירנ די דאָזיקע סאָנים, קעדיי זיי ענדגילטיק צו מאכנ אומשעדלעך.

דאָס ניט פארשטײנ די נײַע באדינגונגענ פונעם קאמפּ אונ די נײַע אויפגאבנ פונ דער ארבעט אינ דאָרפ דריקט זיך נאָך אויס אינ דעם *אבסאָליוט ניט ריכטיקנ אָפּשאצנ די באדײַטונג פונעם ניצאָכנ פונ די קאָלווירטנ*. א סאך כאוויירים אינ די ראיאָנענ פונ דער דורכויסיקער קאָלעקטי-ויזאציע האָבנ פארשטאנענ דעם דאָזיקנ ניצאָכנ אזוי, אז ווײַבאלד אינ די קאָל-ווירטנ איז ארײַנ די איבערוועגנדיקע מערהײַט פויערים, וועט שוינ ווײַטער די אר-בעט אוועקגײנ פונ זיך אלײנ אונ די קאָמוניסטנ קאָנענ „אָפּרוענ”. כאווער סטאלינ האָט דערקלערט, אז דאָס איז *א טיפער אונ געפערלעכער טאָעס*. אזא קוק פירט דערצו, אז די ראיאָנע אונ געגנטלעכע ארגאניזאציעס רײַסנ זיך אָפּ פונעם קאָלווירטישנ לעבנ, פירט דערצו, אז „עס זיצנ מענטשנ אינ די קאנצעליא-ריעס אונ סקריפּענ זעלבסטצופרידנ מיט די פּענעס”, אונ אינ די קאָלווירטנ אָפּערירנ די באלעגופים אונ ווײַסגווארדײער. „*דער זעלבשטראָמ קאָנ איצט אומברענגענ די גאנצע זאך*”, — האָט געזאָגט כאווער סטאלינ.

די קאָלווירטנ האָבנ אָפּגעהאלטנ א פולשטענדיקנ ניצאָכנ, אונ דער וועג צו דער אלטער פּריוואט-אײגנטימערישער ווירטשאפט איז ענדגילטיק פארמאכט. אָבער דער דאָזיקער ניצאָכנ פונ די קאָלווירטנ פארקלענערט אבסאָליוט ניט, נאָר פארקערט, *פארגרעסערט* די פאראנטוואָרטלעכקײט פונ דער פּארטײ אונ פונ דער ראטנ-מאכט פאר דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונעם קאָלווירט. דער דאָזיקער ניצאָכנ פונ די קאָלווירטנ פאָדערט ניט אָפּשוואכנ, נאָר *פארשטארקנ* די אָנפירונג מיט די קאָלווירטנ.

דאָס האָט זײער גוט דערקלערט כאווער סטאלינ.

„קאָלזמאנ אינ דאָרפ האָט דאָמינירט דער אינדיווידועלער באלעבאָס, האָט די פּארטײ געקאָנט באגרענעצנ איר *ארײַנמישנ זיך* אינ דער אנט-וויקלונג פונ דער לאנדווירטשאפט מיט אײנצלנע אקטנ פונ הילפ, מיט אנ אײצע אָדער מיט א וואָרענונג. דאנ האָט דער אינדיווידואל אלײנ געדארפט זאָרגנ וועגנ זײַנ ווירטשאפט, ווײַל ער האָט ניט געהאט אפּ וועמענ ארופּצו-ווארפנ די פאראנטוואָרטלעכקײט פאר דער דאָזיקער ווירטשאפט, וואָס איז געווענ בלויז זײַנ פערזענלעכע ווירטשאפט, אונ עס איז ניט געווענ אפּ וועמענ צו פארלאָזנ זיך, כוץ אפּ זיך אלײנ. דאנ האָט דער אינדיווידואל גע-מוזט אלײנ זאָרגנ וועגנ פארזײ, וועגנ שניט אונ בכלל וועגנ אלע פּראָצעסנ פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט, אויב ער האָט ניט געוואָלט בלײַבנ אָנ ברויט אונ ווערנ א קאָרבנ פונ הונגער. מיטנ אריבערגײנ צו קאָלעקטיווער

ווירטשאַפט האָט זיכ די זאַכ וועזנטלעכ געענדערט. דער קאָלווירט איז ניט קיינ אינדיווידועלע ווירטשאַפט. די קאָלווירטניקעס זאָגנ טאַקע איצט: „דער קאָלווירט איז מײַנער אונ ניט מײַנער, ער איז מײַנער, אָבער צוזאַמענ דערמיט געהערט ער איוואַנענ, פיליפנ, מיכאַילנ אונ אַנדערע קאָלווירט־מיטגלידער, דער קאָלווירט איז א געמיינזאַמער". איצט קאָנ ער, דער קאָלווירטניק, דער נעכטיקער אינדיווידואַל אונ הײַנטיקער קאָלעקטיוויסט, — איצט קאָנ ער אַרופוואַרפנ די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט אונ אויסרעכענענ אַפ אַנדערע קאָלווירט־מיטגלידער, ווײַסנדיק, אַז דער קאָלווירט וועט אים ניט לאָזנ אָנ ברויט. דעריבער זײַנענ בא אים, באַם קאָלווירטניק, געוואָרנ ווייניקער זאָרגנ, איידער בא דער אינדיווידועלער ווירטשאַפט, ווײַל די זאָרג אונ פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער ווירטשאַפט זײַנענ איצט צעטיילט צווישנ אַלע קאָלווירטניקעס.

וואָס זשע איז דערפונ געדרונגענ? דערפונ איז געדרונגענ, אַז דער שווערפונקט פונ דער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר פירנ די ווירטשאַפט איז איצט אַריבערגעטראָגנ געוואָרנ פונ די איינצלנע פויערים אַפ דער קאָלווירט־אָנפירונג, אַפנ אָנפירנדיקנ יאָדער פונעם קאָלווירט. איצט פאָדערנ די פויערים צו זאָרגנ וועגנ דער ווירטשאַפט אונ צו פירנ פאַרנינפטיק די ווירטשאַפט ניט פונ זיכ אַליינ, נאָר פונ דער קאָלווירט־אָנפירונג, אָדער, ריכטיקער, ניט אַזוי פיל פונ זיכ אַליינ, וויפל פונ דער קאָלווירט־אָנפירונג. אָבער וואָס באַטײַט עס? דאָס באַטײַט, אַז די פאַרטיי קאָנ שוינ איצט ניט באַגרענעצנ זיכ מיט איינצלנע אַקטנ פונ אַרײַנמישנ זיכ אינעם פראָצעס פונ דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. **זי דאַרפ איצט נעמענ צו זיכ אינ די הענט די אָנפירונג מיט די קאָלווירטנ, נעמענ אַפ זיכ די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער אַרבעט אונ העלפנ די קאָלווירטניקעס פירנ זייער ווירטשאַפט פאָרויס אַפ דער באַזע פונ די אָנגאַבנ פונ דער וויסנשאַפט אונ טעכניק.**

נאָר דאָס איז ניט אַלץ. דער קאָלווירט איז א גרויסע ווירטשאַפט. אָבער **א גרויסע ווירטשאַפט קאָנ מענ ניט פירנ אָנ א פלאַנ.** א גרויסע ווירטשאַפט אינ דער ערדאַרבעט, וואָס כאַפט אַרום הונדערטער אונ צומאָל אויכ טויזנטער הויפנ, קאָנ געפירט ווערנ בלויז אינ סיידער פונ פלאַנמעסיקער אָנפירונג. אָנ דעמ מוז זי אונטערגיינ אונ כאַרעוו ווערנ. אָט האָט איר אײַכ נאָכ איינ נײַעמ באַדינג, בא דער קאָלווירטישער אָרדענונג, וואָס אונטערשיידט זיכ ראַדיקאַל פונ די באַדינגונגענ באַמ פירנ די אינדיווידועלע דריבנע ווירטשאַפט. צי קאָנ מענ לאָזנ די פירונג פונ אַזאַ ווירטשאַפט דעמ אַזוי גערופענעמ נאַטירלעכנ גאַנג, דעמ זעלבשטראָמ? עס איז קלאָר, אַז מע קאָנ ניט. קעדיי צו פירנ אַזאַ ווירטשאַפט, דאַרפ מענ באַוואָרענענ דעמ קאָלווירט מיט א געוויסנ מינימומ עלעמענטאַר־גראַמאָטנע מענטשנ, וואָס זײַנענ פײַיִק צו פלאַנירנ די ווירטשאַפט אונ פירנ זי אַפ אַנ אָרגאַניזירטנ אופנ. עס פאַרשטייט זיכ, אַז אָנ א סיסטעמאַטישנ אַרײַנמישנ זיכ מיצאַד דער ראַטנמאַכט אינ דער קאָלווירטישער בויונג, אָנ איר סיסטעמאַטישער הילפ איז אוממעגלעכ אוועקשטעלנ אַזאַ ווירטשאַפט.

און וואָס איז דערפונ געדרונגענ? דערפונ איז געדרונגענ, אַז די קאָלווירטישע אָרדענונג פאַרקלענערט ניט, נאָר פאַרגרעסערט די זאָרג און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונ דער פּאַרטיי און רעגירונג בענויגע דער אַנטוויקלונג פונ דער לאַנדווירטשאַפט. דערפונ איז געדרונגענ, אַז די פּאַרטיי, אויב זי וויל אָנפירנ מיט דער קאָלווירטישער באַוועגונג, דאַרפ זי אַריינגיינ אינ אַלע דעטאַלנ פונ קאָלווירטישנ לעבנ און פונ דער קאָלווירטישער אָנפירונג. דערפונ איז געדרונגענ, אַז די פּאַרטיי דאַרפ ניט פאַרקלענערנ, נאָר פאַרמערנ אירע פאַרבינדונגענ מיט די קאָלווירטנ, אַז זי דאַרפ וויסנ אַלצ, וואָס עס קומט פאָר אינ די קאָלווירטנ, קעדיי באַצייטנס קומענ צוהילפ און אויסהיטנ די קאָלווירטנ פונ די געפאַרנ, וואָס דראָענ זיי".

דער קאָלווירט אַלס סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט-פאָרמ

דאָס ניט פאַרשטיינ די נייע באַדינגונגענ פונ דער אַרבעט און די נייע אויפגאַבנ פונ דער פּאַרטיי אינ דאָרפ האָט זיכ אַרויסגעוויזנ נאָכ אינ דעמ, וואָס אַ סאַכ כאַוויירימ האָבנ אינגאַנצנ ניט ריכטיק אויסגעטייטשט די לענינ־סטאַלינישע לערע וועגנ די קאָלווירטנ.

מיר וויסנ, אַז לויט דער האָזיקער לערע איז דער קאָלווירט איינע פונ די פאָרמענ פונ אַ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. אָבער לענינ און סטאַלינ האָבנ דערביי אָנגעוויזנ, אַז די קאָלווירטנ זיינענ סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ ניט אַליינ פאַר זיכ גענומענ, נאָר בלויז ביטנײַ, אַז זיי ווערנ אָנגעפירט מיצאַד דער פּראָלעטאַרישער מעלוכע, מיצאַד דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. כאַווער סטאַלינ האָט אונטערגעשטראָכנ, אַז עס זיינענ פאַראַנ ווידערשפּרוכנ אינ די קאָלווירטנ, אַז עס זיינענ פאַראַנ פּריוואַט־אייגנטימערישע און אַפילע באַלעבאָטישע איבערבלייבענישנ בא די קאָלווירטניקעס, וואָס פאַר בייקומענ זיי דאַרפ מענ קעמפנ. אָבער אייניקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס האָבנ פאַרשטאַנענ די זאַכ אַזוי, אַז וויבאַלד דער קאָלווירט איז אַ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט, זיינענ די קאָלווירטניקעס „פאַרטיקע סאָציאַליסטנ" און וועלנ שוינ אַליינ אויסבויענ דעמ סאָציאַליזמ.

כאַווער סטאַלינ האָט אינ דער רעדע אויפנ יאַנוואַר־פּלענומ פונעמ צענטראַל־קאָמיטעט (אינ 1933 יאָר) דערקלערט, אַז דאָס איז אַ קאָלאָסאַלער און געפערלעכער טאָעס. ער האָט געזאָגט:

„אַ סאַכ כאַוויירימ אונדזערע האָבנ איבערגעשאַצט די קאָלווירטנ אַלס נייע ווירטשאַפט־פאָרמ, האָבנ איבערגעשאַצט און פאַרוואַנדלט זיי אינ אַנ אָפּגאָט. זיי האָבנ באַשלאָסנ, אַז וויבאַלד עס זיינענ געגעבנ געוואָרנ קאָלווירטנ אַלס סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט־פאָרמ, — איז שוינ דערמיט אַלצ געגעבנ געוואָרנ, זיינענ שוינ דערמיט באַוואָרנט די ריכטיקע פירונג פונ די קאָלווירטנ, די ריכטיקע פּלאַנירונג פונ דער קאָלווירטישער ווירטשאַפט,

די פאַרוואַנדלונג פונ די קאָלווירטנ אינ מוסטערהאַפטע סאָציאַליסטישע ווירטשאַפטנ. זיי האָבנ ניט פאַרשטאַנענ, אַז אינ זינ פונ זייער אָרגאַניזאַציאָנעלער אײַנאָרדענונג זײַנענ נאָכ די קאָלווירטנ אַלצ שוואַכ אונ נייטיקנ זיכ אינ ערנסטער הילפ מיצאַד דער פּאַרטיי סײַ אינעמ זינ פונ באַזאָרגנ זיי מיט דורכגעקאָנטראָלירטע באָלשעוויסטישע קאַדרענ, סײַ אינעמ זינ פונ לויפנדיקער אָנפירונג מיט די קאָלווירטישע איניאָנימ. אָבער דאָס איז ניט אַלצ, אונ אַפילע ניט דער איקער. דער הויפּט-פעלער באַשטייט דאָ אינ דעמ, וואָס אַ סאַכ כאַווײרימ אינדזערע האָבנ איבערשאַצט די קרעפטנ אונ מעגלעכקײטנ פונ די קאָלווירטנ גופע, אַלס נײַע פאָרמ פונ אָרגאַניזירנ די לאַנדווירטשאַפט. זיי האָבנ ניט פאַרשטאַנענ, אַז דער קאָלווירט אַלײנ פאַר זיכ גענומענ, ניט געקוקט אַפ דעמ, וואָס ער איז אַ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט-פאָרמ איז נאָכ ווײַט ניט גאַראַנטירט פונ אַלערליי געפאַרנ אונ פונ דעמ, אַז אינ דער קאָלווירט-אָנפירונג זאָלנ ניט אַרײַנדרינגענ אַלערליי קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע עלעמענטנ, ער איז ניט גאַראַנטירט פונ דעמ, אַז בײַ געוויסע באַדינגונגענ קאָנענ די אַנטיסאָוועטישע עלעמענטנ אויסנוצנ די קאָלווירטנ פאַר זייערע צילנ".

אינ וואָס זשע האָט זיכ אויסגעדריקט די איבערשאַצונג פונ די קאָלווירטנ אַלס סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט-פאָרמ? אינ דעמ טאַקע האָט זי זיכ אויסגעדריקט, וואָס אַ סאַכ קאָמוניסטנ האָבנ פאַרזעענ דעמ באַלעגופס אַרײַנדרינגענ אינ די קאָלווירטנ, וואָס זיי האָבנ דערלאָזנ די אונטערײַס-אַרבעט פונעמ קלאַסנ-סוינע אינ די קאָלווירטנ, האָבנ אָפּגעשוואַכט די אָנפירונג מיט די קאָלווירטנ, האָבנ ניט דערשאַצט די קראַפט פונ די פריוואַט-אייגנטימערישע איבערבלײַבענישנ, וועלכע שטויסנ דעמ קאָלווירטניק אַרויסצודרייענ זיכ פונ אָפּליפערנ דאָס ברויט דער מעלוכע, וואָס זיי האָבנ ניט פאַרשטאַנענ די נעגאַטיווע זײַט פונעמ קאָלווירטישנ האַנדל, אַז ער פאַרשטאַרקט דעמ קאָלווירטניקס שטרעבונג צומ פריוואַטנ באַרײַכערנ זיכ אַפנ כעזשבנ פונ ניט אײַנגאַנצנ אויספילנ די מעלוכישע פאַרפליכטונגענ.

אַ סאַכ קאָמוניסטנ האָבנ ביכלאַל ניט פאַרשטאַנענ די פּאָליטישע, די קלאַסעווע זײַט פונעמ קאַמפ פאַר ברויט. זיי האָט זיכ געדוכט, אַז עס האַנדלט זיכ פּאָשעט וועגנ פאַרזייענ אַ גרויסע צאָל העקטאַרנ, וועגנ אַראָפּנעמענ אַ גרויסנ סכומ ברויט — אונ גאָר. זיי האָבנ פאַרגעסנ לענינס אָנווײַזונג, אַז דער קאַמפ פאַר ברויט איז אַ קאַמפ פאַרנ ניצאָכנ איבערנ באַלעגופ.

כאַווער סטאַלינ האָט אײַנגעשטעלט אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג פונעמ קאָלווירט אַלס סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט. ער האָט מאַרקסיסטיש קלאָר געמאַכט דעמ אונטערשייד צווישנ דער פאָרמ פונ דער אָרגאַניזאַציע אונ איר אינהאַלט. ער האָט גענומענ אַ בײַשפּיל פונ דער געשיכטע פונ די ראַטנ. די ראַטנ זײַנענ אַ סאָציאַליסטישע פאָרמ פונ מעלוכישער אָרגאַניזאַציע. די ראַטנ זײַנענ די גרעסטע דעראָבערונג פונעמ אַרבעטער-קלאַס. אָבער די ראַטנ זײַנענ דאָכ בלויז אַ פאָרמ פונ אַנ אָרגאַניזאַציע. אונ די דאָזיקע פאָרמ איז געווענ אָנגעפילט אַבסאָליוט ניט מיט אַ סאָציאַליסטישנ אינהאַלט, לעמאָשל, אינ רוסלאַנד אינ די ערשטע כאָדאָשימ נאָכ דער פעוראַל-רעוואָלוציע אינ 1917-טנ יאָר, ווענ מיט די

ראטנ האבנ אנגעפירט אנדערע מענשעוויקעס אונ עסערנ, אדער, למשל, אינ דייטשלאנד אינ סופ 1918 יאר, ווענ מיט די ראטנ האבנ אנגעפירט די דייטשישע מענשעוויקעס, די סאציאלדעמאקראטנ. אינ די דאזיקע ביידע פאלנ האבנ די ראטנ פונ די ארבעטערשע אונ סאלדאטישע דעפוטאטנ געדינט אלס צודעק פאר דער קאנטררעוואליוציע קעגנ דער פראלעטארישער רעוואליוציע. דעריבער פלעגנ די קאנטר־רעוואליוציאנערנ צומאל ארויסרוקנ דעמ לאזונג: „פאר ראטנ אנ קאמוניסטנ".

דאס זעלבע דארפ מענ זאגנ אויכ וועגנ די קאלווירטנ. דער קאלווירט איז א סאציאליסטישע פארמ פונ ווירטשאפטלעכער ארגאניזאציע. אבער דאכ איז עס בלויז א פארמ אונ מע קאנ זי אנפילנ מיט א פארשיידענעמ אינהאלט.

„די קאלווירטנ, — זאגט כ' סטאלינ, — ווי א סאציאליסטישע פארמ פונ ארגאניזירנ די ווירטשאפט, קאנענ באווייזנ ווונדער פונ ווירטשאפטלעכער בויונג, אויב בעראש פונ זיי שטייענ ווירקלעכע רעוואליוציאנערנ, באלשעוויקעס, קאמוניסטנ, אונ פארקערט, די קאלווירטנ קאנענ פארוואנדלט ווערנ אפ א געוויסנ פעריאד אינ א צודעק פאר יעדנ מינ קאנטר־רעוואליוציאנערע טעטיקייט, אויב אינ די קאלווירטנ וועלנ די רעדלפירער זיינ עסערנ אונ מענשעוויקעס, פעטליורישע אפיצערנ אונ אנדערע ווייסגווארדייער, געוועזענע דעניקינצעס, קאלטשאקאווצעס... עס איז באוווסט, אז איינ טייל קאנטר־רעוואליוציאנערנ, למשל, אפ צאפנ־קאווקאז, סטארעט זיכ אליינ שאפנ עפעס א מינ קאלווירטנ, אויסנוצנדיק זיי אלס לעגאלנ צודעק פאר זייערע אונטערערדישע ארגאניזאציעס. עס איז אויכ באוווסט, אז די אנטיסאוועטישע עלעמענטנ אינ א ריי ראיאנענ, ווו זיי זיינענ נאכ ניט דעמאסקירט אונ נאכ ניט צעגראמירט, — גייענ גערנ אינ די קאלווירטנ, לויבנ אפילע די קאלווירטנ, כדיי צו שאפנ אינעווייניק אינ די קאלווירטנ נעסטנ פונ קאנטר־רעוואליוציאנערער ארבעט. עס איז אויכ באוווסט, אז איינ טייל אנטיסאוועטישע עלעמענטנ זאגט זיכ אליינ איצט ארויס פאר די קאלווירטנ, גאר ביטניי, אז אינ די קאלווירטנ זאלנ ניט זיינ קיינ קאמוניסטנ. „קאלווירטנ אנ קאמוניסטנ" — אט וואס פאר א לאזונג עס ווערט איצט רייפ צווישנ די אנטיסאוועטישע עלעמענטנ. הייסט עס, אז עס האנדלט זיכ ניט אינ די קאלווירטנ גופע ווי א סאציאליסטישער פארמ פונ אנ ארגאניזאציע, נאר פריער פונ אלצ אינ דעמ, וואס פאר אנ אינהאלט עס ווערט אריינגעגאסנ אינ דער דאזיקער פארמ, — עס האנדלט זיכ קודעמקאל אינ דעמ, ווער עס שטייט בעראש פונ די קאלווירטנ אונ ווער עס פירט מיט זיי אנ.

די קאלווירטנ, ווי אויכ די ראטנ, גענומענע אלס פארמ פונ ארגאניזאציע, זיינענ פונעמ שטאנדפונקט פונ לעניניזמ א געווער אונ בלויז א געווער. דאס דאזיקע געווער קאנ מענ בא געוויסע באדינגונגענ ריכטנ קעגנ דער רעוואליוציע. מע קאנ עס ריכטנ קעגנ דער קאנטררעוואליוציע. דאס קאנ דינענ דעמ ארבעטער־קלאס אונ דעמ פויערטומ. דאס קאנ דינענ בא געוויסע באדינגונגענ די סאנימ פונעמ ארבעטער־קלאס אונ פונעמ פויערטומ. אלצ ווענדט זיכ אנ דעמ, בא וועמענ אינ די הענט געפינט זיכ דאס דאזיקע געווער אונ קעגנ וועמענ עס וועט זיינ געצילט".

די דאָזיקע דערקלערונג און פאַרטיפונג פונ דער לענינשער לערע וועגנ די קאָל־ווירטנ דאַרפ באַנעמענ יעדער דאָרפישער קאָמוניסט. ניט פאַרשטייענדיק דאָס קלאָר און דייטלעכ, איז אוממעגלעכ אָנצופירנ מיט דער קאָלווירטישער בויונג.

די קאָלווירטניקעס אַלס בויער פונ סאָציאַליזמ

לאָמיר איצט אַריבערגיינ צו די קאָלווירטניקעס. עס פאַרשטייט זיכ, אַז די אייגנטימלעכקייטנ פונ דער קאָלווירטישער פאָרמ פונ דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, וואָס וועגנ זיי האָבנ מיר אָקאָרשט גערעדט, לייגנ אַרופ זייער שטעמפּל אויפ די קאָלווירטניקעס.

די קאָלווירטניקעס — דאָס זיינענ די געוועזענע אינדיווידואַלנ. בא זיי ווערנ נאָכ איינגעהיט א סאַכ אָנשויונגענ, געוווינהייטנ, שטרעבונגענ, וואָס זיינענ אייגנטימלעכ פאַר די קליינע פּריוואַטע אייגנטימער. אָבער דער פּויער־אינדיווידואַל, וואָס טרעט אַריינ אינ קאָלווירט, פאַלט שוינ אַריינ אינ אַנ אַנדער סוויווע, אינ אַנדערע פּראָדוצירישע, געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגענ. איז דאָכ די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט אויסגעבויט אויפ דער באַזע שוינ ניט פונ פּריוואַטנ, נאָר פונ *געמיינזאַמענ אייגנ*טומ, פונ *געמיינזאַמער* אַרבעט. די עקאָנאָמישע באַזע בא די קאָלווירטניקעס איז *גאָר אַנ אַנדערע*, איידער בא די אינדיווידואַלנ.

מיטנ אַריינטרעטנ אינ קאָלווירט ענדערנ זיכ באַמ פּויער די באַדינגונגענ פונ דער אַרבעט, פונעמ לעבנ, און דאָס פירט אוממיטלבאַר צו דער ענדערונג פונ זיינע אָנשויונגענ, געוווינהייטנ, שטרעבונגענ. נאָכ מאַרקס און ענגעלס האָבנ געשריבנ:

„צי איז דענ נייטיק א באַזונדערע טיפזיניקייט, קעדיי צו פאַרשטיינ, אַז צוזאַמענ מיט די לעבנ־באַדינגונגענ פונ די מענטשנ, מיט זייערע געזעלשאַפט־לעכע פאַרהעלטענישנ, מיט זייער געזעלשאַפטלעכנ זיינ ענדערנ זיכ אויכ זייערע פאַרשטעלונגענ, אָנשויונגענ און באַגריפנ, מיט איינ וואָרט — אויכ זייער באַוווּסטזיינ?"

ניט דער באַוווּסטזיינ פונ די מענטשנ באַשטימט זייער זיינ, נאָר, פאַרקערט, זייער געזעלשאַפטלעכ זיינ באַשטימט זייער באַוווּסטזיינ".

אַזוי אַרומ *ווערט דאָס געזעלשאַפטלעכע פּאָנעמ פונעמ נעכטיקנ אָרעמפּויערטומ און מיטלפּויערטומ, וואָס איז אַריינגעטראָטנ אינ די קאָלווירטנ, ראַדיקאַל געענדערט, ווערט איבערגעשטאַלט*. גאַנצ ריכטיק האָט דאָס באַצייכנט כ' מאָלאָטאָוו אינ זיינ פּאָרטראָג אויפנ VI אַלפאַרבאַנדישנ ראַטנ־צוזאַמענפאָר. ריידנדיק וועגנ דעמ, וואָס אינ די קאָלווירטנ איז אַריינגעטראָטנ א קאָלאָסאַלער טייל פּויערטומ, האָט ער געזאָגט:

„דערמיט *גופא האָט זיכ גענומענ ענדערנ דאָס געזעל־שאַפטלעכע פּאָנעמ פונעמ פריערדיקנ פּויער*. בא דער גאַנצער לאַנגזאַמקייט, מיט וועלכער עס ווערנ אויסגעלעבט די דור־דורותדיקע טראַדיציעס און געוווינהייטנ פונעמ קליינעמ אייגנטימער, איז שוינ

אונדזער פויער־קאָלווירטניק ווייט ניט דאָס, וואָס ער איז פריער געווענ. נייג, פונ די קאָלווירטניקעס ווערט געשאַפנ א געזעל־שאַפטלעכער שיכט פונ א נייעמ, סאָציאַליסטישנ טיפ

אונ די דאָזיקע קאָלווירטניקעס וועסטו שוינ ניט אומקערנ צומ פריערדיקנ נעבעכדיקנ קליינבירגערלעכנ לעבנ. זיי רייסנ זיכ פאָרויס צומ סאָציאַליזמ".

עס איז קיינ שומ ספק ניט, אז די דאָזיקע אָנגעהויבענע פאַרוואַנדלונג פונ־נעמ קאָלווירטישנ פויערטומ אינ א נייעמ, סאָציאַליסטישנ געזעלשאַפט־שיכט וועט דערפאָלגרייכ זיכ אנטוויקלענ ווייטער אונטער דער אָנפירונג פונ דער פּאַרטיי אונ פונ דער ראטנמאכט. עס איז קיינ שומ ספק ניט, אז צוזאמענ מיט דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פונ דער קאָלווירטיש־סאָציאַליסטישערווירטשאַפט־פאָרמ וועלנ די פויערימ־קאָלווירטניקעס ביסלעכוויז פאַרוואַנדלט ווערנ אינ אקטיווע, גאַנצ באַוווסטזיניקע אָנטיילנעמער פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, פונקט אזוי, ווי די ארבעטער אינ די מעלוכישע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ.

עס וואָלט אָבער געווענ א טאָעס צו מיינענ, אז אזא איבערארבעטונג, אזא ענדערונג פונ דער געזעלשאַפטלעכ־קלאַסעווער נאטור באַמ פויער־קאָלווירטניק קומט פאָר מיטאמאָל, אדאַנק דעמ פאַקט גופע פונעמ אריינטרעטנ אינ די קאָלווירטנ. נייג, מיטנ אריינטרעטנ אליינ אינעמ קאָלווירט ווערט מיטאמאָל דערגרייכט א ראַדיקאַלע ענדערונג בלויז אינ דער עקאָנאָמיק פונעמ קליינעמ פויער: די פּראָדוקציר־מיטלענ ווערנ געזעלשאַפטלעכע. דערמיט טאָקע ווערנ געשאַפנ די באַדינגונגענ פאַר דער ראַדיקאַלער איבערארבעטונג פונעמ באַוווסטזיינ פונעמ פויער־קאָלווירטניק. אָבער די דאָזיקע איבערארבעטונג גופע קומט פאָר בלויז לאַנגזאַמ, לויט דעמ, ווי דאָס געפינענ זיכ אינ קאָלווירט (געמיינזאַמע ארבעט, געמיינזאַמע ווירטשאַפט, קאַמפ קעגנ די אנטיקאָלווירטישע עלעמענטנ אונ אָנשווינגענ) ווירקט אפ דעמ קאָלווירטניקס פּסיכאָלאָגיע, לויט דעמ, ווי דער קאָלווירט פאַרפעסטיקט זיכ אונ אנטוויקלט זיכ אלס סאָציאַליסטישע אונטערנעמונג, לויט דעמ, ווי די קאָלווירטנ ווערנ מאַשיניזירט אונ די פּראָלעטארישע אָנפירונג מיט זיי פאַרשטאַרקט זיכ.

כ' סטאַלינ האָט אָנגעוויזנ דערופ נאָכ אינ 1929 יאָר אפ דער ערשטער קאָנפערענצ פונ די אגראַרניקעס־מאַרקסיסטנ.

„עס וואָלט געווענ א טאָעס צו מיינענ, אז די מיטגלידער פונ די קאָלווירטנ זיינענ שוינ פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ סאָציאַליסטנ. נייג, עס וועט נאָכ אויסקומענ א סאַכ אָנ ארבעט צו טאָנ, כדי איבערצומאַכנ דעמ פויער־קאָלווירטניק, אויספּאַריכטנ זיינ אינדיווידואַליסטישע פּסיכאָלאָגיע אונ מאַכנ פונ אימ א ווירקלעכנ האָרעפּאַשניק פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט".

מיט דער פולער דייטלעכקייט האָט כ' סטאַלינ פאָרמולירט די לאַגע אונ די אייגנטימלעכקייטנ פונעמ קאָלווירטישנ פויערטומ אפנ פּלענומ אינ יאַנוואַר 1933 יאָר:

„די קאָלווירטניקעס זיינענ שוינ לויט דער לאַגע ניט קיינ אינדיווידואַלנ, נאָר קאָלעקטיוויסטנ, אָבער

דער באַוווּסטזיינ בא זיי איז נאָכ דערווייל אַנ אַלטער, פּריוואַט־אייגנטימערישער".

אַזוי אַרום איז פאַראַנ אַ געוויסער ווידערשפּרוכ, אַ געוויסער אײַנריס צווישנ דער געזעלשאַפטלעכ־ווירטשאַפטלעכער לאַגע פונ די קאָלווירטניקעס אונ זייער באַוווּסטזיינ. די לאַגע האָט זיכ שוינ געענדערט, זי איז געוואָרנ אַ סאָציאַליסטישע, אָבער דער באַוווּסטזיינ איז נאָכ געבליבנ דער אַלטער, דער פּריוואַט־אייגנטימערישער.

פאַרשטייט זיכ, ניט אַלע קאָלווירטניקעס זיינענ גלייכ. צווישנ זיי זיינענ פאַראַנ אויכ קאָמוניסטנ, עס זיינענ פאַראַנ אומפּאַרטייאישע קאָלווירטניקעס, וואָס זיינענ מעסירעסנעפּעשדיק איבערגעגעבנ דעמ סאָציאַליזמ, ענטוזיאַסטנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג, קאָלווירטניקעס־שלאָגלער, אָנטיילנעמער פונעמ סאָציאַליסטישנ געוועט. די דאָזיקע פאָרגעשריטענע קאָלווירטניקעס זיינענ קאָלעקטיוויסטנ, ניט בלויז לויט זייער עקאָנאָמישער לאַגע, נאָר אינ אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס אויכ לויט זייער באַוווּסטזיינ. אָבער דער באַוווּסטזיינ פונ דער גרונט־מאַסע קאָלווירטניקעס איז נאָכ דורכגענומענ מיט די פּריוואַט־אייגנטימערישע אָנ־שיונגענ, פאָרורטיילנ, שטרעבונגענ.

מיר ווייסנ, אַז דער באַוווּסטזיינ פונ די מענטשנ ווערט באַשטימט דורכ זייער געזעלשאַפטלעכער לאַגע. אונ בא די קאָלווירטניקעס אַנטשפּרעכט ניט דער באַוווּסטזיינ זייער געזעלשאַפטלעכער לאַגע. מיט וואָס זאָל מענ דאָס דערקלערנ?

די זאַכ איז אינ דעמ, וואָס די ענדערונג אינעמ באַוווּסטזיינ קומט אָנ ניט מע־כאַניש, ניט מיטאַמאָל, ניט גלייכצייטיק מיט דעמ, ווי עס ענדערט זיכ די געזעל־שאַפטלעכע לאַגע, דאָס זיינ פונ די מענטשנ. דאָס האָט אונטערגעשטראָכנ כ׳ סטאַלינ:

„איר, אַלס מאַרקסיסטנ, דאַרפט וויסנ, אַז דער באַוווּסטזיינ פונ די מענטשנ שטייט אָפּ אינ זיינ אַנטוויקלונג לעגאַבע זייער פאַקטישער לאַגע".

לאָמיר דאָס קלאָר מאַכנ אָפּ אַ ביישפּיל פונ די אַרבעטער. דער אַרבעטער־קלאַס איז לויט זיינ לאַגע אינ דער געזעלשאַפט דער סאַמע אופנעמפייִקער צו די סאָציאַליסטישע אידייענ. אָבער דער סאָציאַליסטישער באַוווּסטזיינ האָט זיכ אַנטוויקלט בא די אַרבעטער אינ די באַדינגונגענ פונ קאַפּיטאַליזמ זייער לאַנגזאַמ, אונ אויכ איצט אינ ראַטנפאַרבאַנד זיינענ נאָכ ווייט ניט אַלע אַרבעטער סאָציאַליסטנ לויט זייער באַוווּסטזיינ. אונדזער אַרבעטער־קלאַס עקזיסטירט ניט איינ צענדליק יאָרנ.

אונ אונדזערע קאָלווירטנ אונ קאָלווירטניקעס זיינענ נאָכ זייער יונג. לויטנ עלטער קאָנ מענ זאָגנ, אַז דאָס זיינענ נאָכ „אָקטיאַבערלעכ". צו פרילינג 1932 יאָר זיינענ בא אונדז געווענ קאָלווירטניקעס מיט אַ סטאַזש וויניקער ווי איינ יאָר — 12 פּראָצ. פונ דער אַלגעמיינער צאָל, מיט אַ סטאַזש פונ איינ יאָר ביז צוויי יאָר — בא אַ העלפט, מיט אַ סטאַזש פונ 2 ביז 3 יאָר — בא אַ דריטכיילעק אַנ, מיט אַ סטאַזש העכער 3 יאָר — בא 7 פּראָצ.

עס איז גאָר קיינ וווּנדער ניט, וואָס דער באַוווּסטזיינ פונ אונדזערע קאָלווירט־ניקעס איז נאָכ ניט געוואָרנ, האָט נאָכ ניט באַוויזנ צו ווערנ אַ סאָציאַליסטישער. זייער פּעלערהאַפט אונ ביז גאָר שעדלעכ איז צו האַלטנ די קאָלווירטניקעס פאַר

פארטיקע סאָציאליסטן. ניין, מע דארף נאָך קעמפן פארן איבערדערציען זיי, פארן מאכן אלע קאָלווירטניקעס פאר סאָציאליסטן לויט זייער באוווסטזיין.

דער קאמף פארן איבערדערציען סאָציאליסטיש די קאָלווירטניקעס איז א באזונדערע פאָרם קלאסנקאמף.

פארגעסן די דאָזיקע אויפגאבע הייסט געבן פולע פרייהייט פון ארבעט דעם באלעגופ, וואס סטארעט זיך מיט אלע מיטלען שטערן דער אנטוויקלונג פונעם סאָציאליסטישן באוווסטזיין בא די קאָלווירטניקעס, איינהיטן און אויפלעבן בא זיי די פריוואט־אייגנטימערישע איבערבלייבענישן. אזוי האנדלען קאָנען בלויז אָפּאָרטוניסטן, מיטהעלפער פונעם קלאסן־סוינע.

פון אלץ, וואס מיר האָבן געזאָגט, דרינגען ארויס דריי אויסערסט וויכטיקע, גרונטיקע און ענג פארבונדענע צווישן זיך אויפגאבן פאר די דארפישע קאָמוניסטן און פאר דעם גאנצן קאָלווירטישן, ראטווירטישן אקטיוו:

ארויסשליידערן דעם קלאסן־סוינע פון אונדזערע אָרגאניזאציעס און ענדגילטיק מאכן אים אומשעדלעכן;

קעמפן מיט אלע קרעפטן פאר פארפעסטיקן די קאָלווירטן און ראטווירטן אלס סאָציאליסטישע אונטערנעמונגען;

קעמפן מיט אלע קרעפטן פאר בייקומען די בורזשואזע ווירקונגען אף די קאָלווירטניקעס און אף די ארבעטער פון די ראטווירטן, פאר בייקומען די פריוואט־אייגנטימערישע איבערבלייבענישן בא די קאָלווירטניקעס, פאר איבערדערציען זיי אף דער ארבעט אין דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט, אף דער באוואכונג און פארפעסטיקונג פון דעם געזעלשאפטלעכן אייגנטום, אפן קאמף קעגן די רעשטלעכע קלאסן־סוינע — אין אקטיווע באוווסטזיניקע בויער פון דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט.



צווייטער טייל

מאכנ אַלע קאָלווירטנ פאר באָלשעוויסטישע

די פּאָליטאָפּטיילנ בא די מאשינ-טראקטערישע סטאנציעס אונ ראטווירטנ

מיר ווייסנ, אפ וויפל עס זיינענ געוואָרנ קאָמפּליצירט די באדינגונגענ פונ דער ארבעט אונ פונעמ קאמפ אינ דאָרפ, אפ וויפל עס האָט זיכ פארשטארקט די באדערפעניש אינ א פעסטער, אלטעגלעכער, דירעקטער באָלשעוויסטישער אָנפירונג מיט די קאָלווירטנ אונ ראטווירטנ.

די נייטיקייט פונ אזא אָנפירונג וועט ווערנ נאָכ מער קלאָר, אויב מיר וועלנ זיכ דערמאָנענ, אז איצט ארבעטנ בא אונדז אינ דער לאנדווירטשאפט צוויי הונדערט צוואנציק טויזנט נייע סאָציאליסטישע ווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציעס: 211 טויזנט קאָלווירטנ, 5820 ראטווירטנ, 2650 מאשינ-טראקטערישע סטאנציעס. אינ דער איבערוועגנדיקער מערהייט פאלנ זיינענ דאָס נאָכ גאָר יונגע אונטערנעמונגענ, וואָס זיינענ געשאפנ געוואָרנ ערשט פאר די לעצטע עטלעכע יאָר. מע דארפ זיי העלפנ פארפעסטיקנ זיכ, בייקומענ די שוואכקייטנ אונ כעסרוינעס אינ די ערשטע יאָרנ פונ זייער לעבנ.

די פארוואלטונג אונ אָנפירונג מיט די דאָזיקע אונטערנעמונגענ פאָדערנ ניט בלויז קאָלאָסאלע קאדרענ ווירטשאפטלער אונ ספעציאליסטנ, נאָר אויכ א גרויסע אלטעגלעכע פּאָליטישע, אויפקלערערישע, אָרגאניזאציאָנעלע ארבעט אינ די מאסנ. עס איז נייטיק צו דערקלערנ די באשטימונגענ אונ די פּאָליטיק פונ דער פארטיי אונ פונ דער ראטנמאכט, דערקלערנ די אָרדענטלעכע אויפגאבנ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג אונ די אָרגאניזאציאָנעל-טעכנישע מאָסמיטלענ אינ דער ווירטשאפט. עס איז נייטיק צו דעמאסקירנ דעמ קלאסנ-סוינע אונ זיינע מעשאָרסימ, באהעפטנ די פאָרגעשריטענע קאָלווירטניקעס צומ קאמפ קעגנ די קלאסנ-פרעמדע, אנטיגעזעלשאפטלעכע עלעמענטנ אאוו.

אָנ אזא ארבעט אינ די מאסנ איז ניט מעגלעכ גוט אוועקצושטעלנ קיינ איינ ווירטשאפטלעכע אונטערנעמונג. אינ דער אינדוסטריע שטיצנ זיכ אינדזערע ווירט-

שאפטלער, דירעקטערס, אינזשעניערנ פונ די פאבריקנ אונ זאוואָדנ אינ זייער אד-מיניסטראטיווער ווירטשאפטלעכער ארבעט אפ דער קאָלכאָזער הילפ פונ די שטארקע פארטיי-אָרגאניזאציעס אונ פונעמ ברייטנ אומפארטייִשנ אקטיוו, וואָס איז ארום זיי באהעפט.

אינ דער לאַנדווירטשאפט זיינענ נאָכ ניטאָ אזוינע גרויסע אונ שטארקע פארטיי-אָרגאניזאציעס. אינ זייער א סאכ קאָלווירטנ זיינענ גאָר ניטאָ קיינ פארטיי-קעמערלעכ. דער אומפארטייִשער אקטיוו איז ניט אָרגאניזירט. פארטיי-קעמערלעכ זיינענ געוויינלעכ געווענ אינ דאָרפ, אונ ניט אינ קאָלווירט, אונ זיינענ מערסטנטייל באשטאנענ פונ אָנגעשטעלטע פונ פארשיידענע אנשטאלטנ. אזוינע קעמערלעכ האָבנ זיכ ווייניק פארנומענ מיט די פראגנ פונ דער קאָלווירטישער פראָדוקציע אונ האָבנ ניט אָנגעפירט אלטעגלעכ, דירעקט מיט די קאָלווירטנ. דער אידייִש-פאָליטישער ניווא פונ די דאָרפישע פארטיי-אָרגאניזאציעס איז ניט גענוג הויכ. אינ א סאכ פאלנ זיינענ די דאָרפישע קאָמוניסטנ ניט בלויז ניט געווענ אימשטאנד צו באוואָרענענ די געהעריקע פארטייִש-פאָליטישע אָנפירונג מיט די קאָלווירטנ אונ ראטווירטנ, נאָר זיי פלעגנ דירעקט ארונטערפאלנ אונטערנ איינפלוס פונעמ קלאסנ-שוינע אונ פלעגנ דערלאָזנ די אונטערנעמונגענ צעפאלנ ווערנ.

די ראיאָנע פארטיי-אָרגאניזאציעס פלעגנ ניט ארומכאפנ מיט זייער אָנפירונג אינ א גענוגנדיקער מאָס די קאָלווירטנ, ראטווירטנ אונ די דאָרפישע קעמערלעכ, וואָס זיינענ צעוואָרפנ אפ א גרויסנ שטעכ. די ראיאָנע פארטיי-קאָמיטעטנ זיינענ געווענ ניט גענוג פארבונדנ מיט די ערטער אונ זייער אָנפירונג פלעגנ זיי פאר-ווירקלעכנ דערהויפט דורכ שריפטלעכע דירעקטיוונ אונ קורצווייליקע וויזיטנ. אונ דאָס האָט ניט געגעבנ קיינ מעגלעכקייט ניט צו דערלאָזנ, שנעל צו פארריכטנ די פעלערנ, פארקריפלונגענ אינ דער ארבעט פונ די אונטערשטע אָרגאניזאציעס.

צוליב דעמ אלעמ האָבנ די ראטווירטנ אונ מאשינ-טראקטערישע סטאנציעס ביז איצט געפירט דערהויפט בלויז א ווירטשאפטלעכ-טעכנישע ארבעט, אונ די מאשינ-טראקטערישע סטאנציעס זיינענ אינ דער מערהייט פאלנ געווענ בלויז פראָקאט-פונקטנ. אויכ די דאָזיקע ארבעט האָבנ די ראטווירטנ אונ סטאנציעס אויכגעפילט קעסיידער ניט צופרידנשטעליק. אונ אפ די פויערשע מאסנ, אפ דער סאָציאליסטישער איבערבויונג פונ דאָרפ האָבנ די ראטווירטנ אונ מאשינ-טראקטערישע סטאנציעס ווייט ניט געהאט די גאנצע ווירקונג, וואָס זיי קאָנענ אונ דארפנ האָבנ אלס אָנפירנדיקע מעלוכישע סאָציאליסטישע אונטערנעמונגענ, וואָס זיינענ באוואָפנט מיט דער נייסטער טעכניק.

די אלע באשריבענע באדינגונגענ אונ באזונדערס די נייטיקייט באצוקומענ ביז סאָפ דעמ איינפלוס פונעמ קלאסנ-שוינע, האָבנ עס באוועגט די קאָמוניסטישע פארטיי צו שאפנ אינ דאָרפ באזונדערע אָרגאניזאציעס — די פאָליטישע אָפ-טיילנ בא די מאשינ-טראקטערישע סטאנציעס אונ בא די ראטווירטנ. די אויפגאבע זייערע איז אויפצוהייבנ אפ דער געהעריקער הייכ די ארבעט פונ די דאָרפישע פארטיי-אָרגאניזאציעס, די אָנפירונג מיט דער לאנדווירט-שאפט, די סאָציאליסטישע איבערדערציִונג פונ די ארבעטנדיקע מאסנ אינ דאָרפ.

די פאָליטישע אָפטיילנ ווערנ אָרגאניזירט בא יעדער מאשינ-טראקטערישער סטאנציע אינ באשטאנד פונ א שעפ פונעמ אָפטייל, פונ זיינ שטעלפארטרעטער פאר



דער שטאַב פונ פּאָליטאָפּטייל פונ דער באַגוטשאַרסקער מטס קאָנטראָלירט דורכ די קוואַליטעט פונ דער זריע

אַלגעמיינ־פּאַרטייִשער אַרבעט, פונעמ געהילפ פאַר קאָמיוגישער אַרבעט, פונעמ אָר־גאַניזאַטער פאַר דער אַרבעט צווישנ די פרויענ און פונעמ רעדאַקטער פונ דער צײַ־טונג, וואָס דער פּאָליטאָפּטייל גיט אַרויס.

דער שעפ פונעמ פּאָליטאָפּטייל איז גלייכצייטיק שטעלפאַרטרעטער פונעמ דירעק־טער פונ דער סטאַנציע און מיטגליד פונ דער ביוראָ פונעמ ראַיאָנעמ פּאַרטיי־קאָ־מיטעט.

בא דער קאַנטישער (געגנטלעכער) ערד־פאַרוואַלטונג און בא די פאָלקס־קאָמי־סאַריאַטנ פאַר ערדאַרבעט פונ די נאַציאָנאַלע רעפובליקנ ווערנ געשאַפנ פּ אָ ל י ט י־ש ע ס ע ק ט ע ר ס, און באַמ פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר ערדאַרבעט פונ פאַר־באַנד ווערט געשאַפנ אַ פּ אָ ל י ט י ש ע פ אַ ר וו אַ ל ט ו נ ג.

פּאָליטישע אָפּטיילנ ווערנ אָרגאַניזירט אויכ בא די ראַטווירטנ. זייער געבוי איז אומגעפער דער זעלבער, אָבער פּאָליטישע סעקטערס ווערנ אינ די קאַנטנ ניט גע־שאַפנ: די שעפנ פונ די ראַטווירטישע פּאָליט־אָפּטיילנ וואַרפנ זיכ אונטער דירעקט דער פּאָליטישער פאַרוואַלטונג באַמ פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פונ די ראַטווירטנ.

ביז יונ 1933 יאָר זיינענ שוינ געווענ אָרגאַניזירט סאַכאַקל 2776 פּאָליטאָפּ־טיילנ, דערפונ 2019 בא די מאַשינ־טראַקטערישע סטאַנציעס. אינ די פּאָליטאָפּטיילנ האָט מענ געשיקט העכער צענ טויזנט פונ די בעסטע הויכקוואַליפיצירטע טוער, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי האָט ספּעציעל אָפּגעקליבנ און דורכגעקאָנטראָלירט.

ווי אזוי ארבעטנ די פאָליטאָפּטיילנ

די פאָליטאָפּטיילנ זײַנענ געשאפנ געוואָרנ, לויט כ׳ סטאלינס געדאנק, קורעצ־קאָל אפ פארפעסטיקנ די פארטיי־אָרגאניזאציעס אינ דאָרפ, אנטשיידנ פארבעסערנ די פאָליטישע אונ ווירטשאפטלעכע ארבעט פונ די קאָלווירטישע אונ ראטווירטישע קעמערלעכ, פאָליטיש פארפעסטיקנ די מאשינ־טראקטערישע סטאנציעס אונ די ראטווירטנ, פארשטארקנ זייער פאָליטישע ראָליע אונ אײַנפלוס אינ דאָרפ.

אינ דער רעזאָליוציע פונעמ יאנואר־פּלענומ (1933 יאָר) פונעמ צענטראל־קאָמיטעט אונ פונ דער צענטראלער קאָנטראָל־קאָמיסיע פונ דער פּארטיי ווערט געזאָגט:

„די פאָליטישע אָפּטיילנ פונ די מאשינ־טראקטערישע סטאנציעס אונ ראטווירטנ דארפנ אפ אזא אופנ באוואָרענענ די פארוואנדלונג פונ די מאשינ־טראקטערישע סטאנציעס אונ פונ די ראטווירטנ, וואָס זײַנענ אינעמ איצטיקנ מאָמענט הויפּטזאכלעכ ווירטשאפטלעכ־טעכנישע צענטערס אינ דאָרפ, אינ צענטערס סײַ פונ ווירטשאפטלעכ־טעכנישער אונ סײַ פונ פאָליטישער אונ אָרגאניזאציאָנעלער אָנפירונג אונ אײַנפלוס אפ די ברייטע מאסנ קאָלווירטניקעס".

די פאָליטאָפּטיילנ זײַנענ געשאפנ געוואָרנ אפ העלפנ דעמ דירעקטער פונ דער מאשינ־טראקטערישער סטאנציע, פונעמ ראטווירט, פאָליטיש דערגאנצנ זײַנ ארבעט פונ דער ווירטשאפטלעכ־טעכנישער אָנפירונג מיט דער אונטערנעמונג, אָבער אינ קיינ שומ פאל ניט פארבײַטנ דעמ דירעקטער, וואָס פאר אימ ווערט אײַנגעהיט די איינפערזאָניקע אָנפירונג אינ דער פארוואלטונג מיט דער אונטערנעמונג. דער דירעקטער, ווידער, איז מעכויעו צו העלפנ דעמ פאָליטאָפּטייל אונ באוואָרענענ דאָס אויספילנ די באשלוסנ פונ דער פארטיי אונ פונעמ פאָליטאָפּטייל.

די ארבעט פונ די פאָליטאָפּטיילנ איז אינ טאָכ גענומענ אנ אָרגאניזאטאָרישע, אנ אגיטאטאָרישע ארבעט, וואָס די באָלשעוויקעס פירנ שטענדיק אינ די מאסנ. נאָר איצט ווערט זי דורכגעפירט אינ נײַע באדינגונגענ, מיט נײַע צילנ אונ מיט א ביסל אַנדערע מעטאָדנ.

אָט איז, לעמאָשל, איינער פונ די קאָלווירטנ פונ גריגאָריאָפּאָלסקער ראיאָנ (אוקראינע). אינ אימ האָט „קאָמאנדעוועט" א פאָרזיצער פונ די באלעגופים. אינטערשטיצט האָט אימ א באהעפטע גרופּע באלעגופישע נאָכטענצער. אינ קאָלווירט האָט געבליבנ גנייווע אונ עס זײַנענ געווענ מאסנ פאלנ פונ ניט ארויסגיינ צו דער ארבעט. דער קאָלווירט האָט געהאלטנ באַמ צעפאלנ ווערנ.

ווי זײַנענ צוגעגאנגענ צומ איניענ די פאָליטאָפּטייל־טוער? זיי האָבנ אָנגעהויבנ דערמיט, וואָס זיי האָבנ אויסגעזוכט די ערלעכע קאָלווירטניקעס, וועלכע זײַנענ איבערגעגעבנ דעמ קאָלווירט, האָבנ זיי באהעפט ארומ זיכ, האָבנ אָנגעהויבנ אנ אגיטאציע אינ דער קאָלווירטישער מאסע, אונ נאָכדעמ, שוינ שטיצנדיק זיכ אפנ אקטיוו, האָבנ זיי אפ דער אלגעמיינער פארזאמלונג פונ קאָלווירט דורכגעפירט נײַע וואלנ פונ דער פארוואלטונג. אינ רעזולטאט איז ניט בלויז ארעסטירט געוואָרנ



דער שעפ פונעמ פאליטאפטייל קאנטראלירט דורכ די טיפקײט פונ דער אופאקערונג

דער באלעגופישער פארזיצער, אונ דער קאלווירט איז אפגעריינינקט געווארנ פונ די אנטיגעזעלשאפטלעכע עלעמענטנ, נאר עס זײַנענ אויכ ארויסגערוקט געווארנ פונ דער מאסע נײַע ווירקלעכע קאלווירטישע קאדרענ אונ עס זײַנענ געשאפנ געווארנ די נייטיקע באדינגונגענ אפ אופלעבנ דעמ קאלווירט.

א צווייטער בײַשפיל. די ב. אלעקסאנדראווסקער מאשינ-טראקטערישע סטאנציע. בא איר געפינענ זיכ גוטע רעמאנט-ווארשטאטנ מיט דער גאנצער נייטיקער אויס-שטאטונג אונ קוואליפיצירטער ארבעטקראפט. אבער די ארבעט איז געגאנגענ אזוי, אז ערגער קאנ שוינ ניט זײַנ: דער רעמאנט-פלאנ פלעגט ניט אויסגעפילט ווערנ, די פראגילנ פלעגנ דערגרייכנ 30—40 פראצ., קיינ שומ דיסציפלינ איז דארט ניט געווענ.

וואס טוענ די פאליטאפטייל-טוער? קוידעמקאל ארגאניזירנ זיי די ארבעט פונעמ פארטייִשנ אונ קאמיוגישנ קעמערל, וואס האבנ זיכ העכער א כוידעש ניט פאר-זאמלט. זיי דערשלאגנ זיכ, אז מע זאל צונויפשטעלנ אנ ארבעט-פלאנ פונעמ ווארשטאט, וואס ביז איצט איז דאס ניט געווענ. זיי ארגאניזירנ צוויי קאמיוגישע שלאג-בריגאדעס. זיי פירנ דורכ, אז מע זאל שטראפירנ אונ ארויפנעמענ פונ דער ארבעט די פוסטעפאסניקעס, ארומ דעמ פארטייִשנ אונ קאמיוגישנ קעמערלעכ באהעפטנ זיי דעמ אומפארטייִשנ אקטיוו פונ די געוויסנהאפטע ארבעטער. זיי דעקנ אופ די צוויי ארגאניזאטערנ פונ דער צעשטערונג פונעמ ווארשטאט. אינ א קורצע צײַט ארומ האבנ זיכ העכער א העלפט ווארשטאט-ארבעטער דערקלערט פאר שלאג-ער. די ארבעט האט אופגעלעבט.

די גלובאקינסקער מאשינ-טראקטערישע סטאנציע מיט אירע קאלווירטנ פלעגנ

נימ ארויסגײנ פונ דורכבײם. האָט דער פּאָליטאָפּטײל קוידעמקאָל באַהעפט דעמ אקטיוו פונ די ארבעטער פונ דעמ מאשינ־טראקטערישנ ווארשטאט אונ פונ די טראקטעריסטנ. מיט זײער הילפ האָט דער פּאָליטאָפּטײל אויפגעדעקט, אז דער פּאַרוואַלטער פונעמ מאשינ־טראקטערישנ ווארשטאט איז א באַלעגופ, דרײ שלאָסערס, דער גאָרמירער, דער מאשיניסט אונ אײנ טראקטעריסט זײנענ באַלעגופימ, דער מעכאַניקער־ארומפּאָרער — איז א געוועזענער ווײסער אָפיצער. אינ דעמ אפּאראט פונ דער מאשינ־טראקטערישער סטאנציע האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז אײנ באַצירק־פּאַרוואַלטער איז א באַלעגופ, דער צווייטער — א ווײסער אָפיצער, דער בוכהאלטער — א ווײסגווארדייער, דער געשעפטפירער — א באַלעגופ. זײ אַלעמענ האָט מענ, פאַרשטייט זיכ, פונ דער ארבעט אראָפּגענומענ.

נאָכדעמ האָט זיכ דער פּאָליטאָפּטײל ארויפגעלאָזנ אינ די קאָלווירטנ. די קאָלווירטניקעס האָבנ אויפגעדעקט פאר אימ אלע זייערע געשווירנ אונ דאָ האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז אינ דער פּאַרוואַלטונג פונ אײנ קאָלווירט זײנענ דרײ מיטגלידער — געוועזענע ווײסגווארדייער, דער פּאַרוואַלטער פונ דער מילכ־סכוירעדיקער פערמע איז א כאָרונזשי, דער צענטראלער דיסקאָנטירער — א ווײסער באנדיט, דער בריגאדיר פונ דער ערשטער בריגאדע — א קאזאקישער אטאמאנ פונ א שטראָף־עקספּעדיציע, דער בריגאדיר פונ דער דריטער בריגאדע — אנ אקטיווער ווײסגווארדייער. אינעמ קאָלווירט „אוליאשקינא" האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דער פּאָרזיצער איז א ווײסער אָפיצער, דער ווירטשאפט־פּאַרוואַלטער — א פּאָרכאָרונזשי אאוו.

דעמאסקירנדיק די קלאסנ־סאָנימ, האָט דער פּאָליטאָפּטײל פאנאנדערגעוויקלט אינ די קאָלווירטישע מאסנ א ברייטע ארבעט אינ די קאָלווירטנ האָבנ אָפגעלעבט.

אינ א סאכ קאָלווירטנ פונ דער ניקאָלסקער מאשינ־טראקטערישער סטאנציע פלעגנ אומקומענ די פערד, די צוגרייטונג צומ פרילינג־פאַרזײ אינ 1933 יאָר איז געגאנגענ שלעכט. האָבנ די פּאָליטאָפּטײל־טוער גענומענ דערקלערנ די קאָלווירטניקעס די באַשטימונג פונ דער ראטנ־רעגירונג אונ פונ דער פארטיי וועגנ ארבעט־פּי, האָבנ געהאָלפנ די קאָלווירטנ פארפעסטיקנ דעמ פוראזש פאר די בריגאדעס, אײנשטעלנ די פיטערונג־נאָרמעס, אָרגאניזירנ א באַזונדער אויפפאסונג אפ די אויסגעצערטע פערד, ברענגענ אינ אָרדענונג דעמ געשפאנ, אָרגאניזירנ דורכקוקנ פונ דער גרייטקײט צומ פארזײ, אויסטײלנ א פאנד אפ פרעמירנ די פערד־אויפפאסער פאר גיטער ארבעט אאוו. אינעמ גאנג פונ דער דאָזיקער ארבעט האָבנ די פּאָליטאָפּטײל־טוער אויפגעדעקט די שעדיקער, וואָס האָבנ באוווסטזיניק אומגעבראכט צענדליקער פערד. בא א הונדערט באַלעגופימ זײנענ דעמאסקירט אונ ארויסגעטריבנ געוואָרנ פונ די קאָלווירטנ. אונ אלצ איז אוועק קעשורע.

אָט וויאַזוי עס ארבעטנ די פּאָליטאָפּטײלנ. מיט וואָס נעמענ זײ? קוידעמקאָל — מיט דער פּייִקײט צוצײנ צומ קאָלווירטניק, דורכשמועסנ זיכ מיט אימ הארציק, אפּזוכנ מענטשנ, וואָס זײ טוט וויי דאָס הארצ פארנ קאָלווירט־וועזנ אונ אזעלכע זײנענ אומעטומ פאראנ אסאכ. זײ נעמענ מיט דער פּייִקײט צו דערשלאָגנ זיכ, אז די קאָלווירטניקעס זאָלנ ארויסטרעטנ אפ די פארזאמלונגענ מיט אנ אָפענעמ מויל וועגנ די אומאָרדענונגענ אינ זײער קאָלווירט, מיטנ קאָנענ אויפהייבנ די מאסע אונ אָרגאניזירנ זי צומ קאמפ פאר געזונט מאכנ, פארנ אויפבלי פונ די קאָלווירטנ אונ פונ די ראטווירטנ.

די ערשטרײַיקע אופגאַבע פונ די פּאָליטאָפּטיילנ

די פּאַרטיי האָט אינ דער רעזאָליוציע פונעמ פּלענומ פונ צענטראַל־קאָמיטעט געשטעלט פאַר די פּאָליטאָפּטיילנ פאָלגנדיקע אופגאַבע:

„באַוואָרענענ א פּאַרטייִשנ אויג אונ קאָנטראָל אינ אַלע געביטנ פונ דער אַרבעט אונ פונ לעבנ סײַ פונ די מאַשינ־טראַקטאָרישע סטאַנציעס אונ ראַטווירטנ אונ סײַ פונ די קאָלווירטנ, וואָס ווערנ באַדינט פונ די מאַשינ־טראַקטאָרישע סטאַנציעס“.

צו קאָנ דער פּאָליטאָפּטייל פונ עטלעכע מענטשנ ספּראַווענ זיכ מיט אַזאַ גרויסער אופגאַבע?

ער קאָנ אומבאַדינגט, אויב ער וועט באַווײַזנ צונויפזאַמלענ, דערציִענ אַנ אַקטיוו אונ אַפ אים אָנשפּאַרנ זיכ אינ זײַנ אַרבעט. אָט פאַרוואָס די סאַמע ערשטע אופגאַבע פונעמ פּאָליטאָפּטייל איז צו באַהעפטנ אַרומ זיכ אַנ אַקטיוו.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי האָט אויכ פריער ניט איינמאָל אָנגעוויזנ אַפ דער אַרבעט פונ אַרויסרוקנ אונ דערציִענ א קאָלווירטישנ אַקטיוו, ווי אַפ אַנ אויסערסט־וויכטיקע פּאָליטישע אופגאַבע פונ די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אינ דאָרפ. פאַרוואָס איז אַזוי וויכטיק די דאָזיקע אופגאַבע?

די קאָלווירטישע מאַסע איז ווײַט ניט איינאַרטיק. אינ איר ווײַזנ זיכ נאָכ אַרויס די רעשטלעכ פונ יענער קלאַסנ־דיפערענציאַציע, פונ יענע קלאַסנ־אײַנפלוסנ, וואָס זײַנענ געווענ אונ זײַנענ פאַראַנ אינעמ פּריוואַט־אייגנטימערישנ דאָרפ. צוגלײַכ מיט די פאָרגעשריטענע עלעמענטנ, מיט די מער באַוווסטזיניקע, מיט די, וואָס זײַנענ פולשטענדיק איבערגעגעבנ דער ראַטנמאַכט, זײַנענ אינ דער דאָזיקער מאַסע פאַראַנ ניט ווייניק עלעמענטנ אָפּגעשטאַנענע, אַזוינע, וואָס פאַלנ לײַכט אונטער דעמ אײַנפלוס פונ קלאַסנ־סוינע. די אופגאַבע פונ דער קאָלווירטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, ווי אויכ פונ דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג באַשטייט טאַקע אינ באַהעפטנ אַרומ זיכ קוידעמקאָל די דאָזיקע פאָרגעשריטענע עלעמענטנ, אָנשפּאַרנ זיכ אַפ זיי, מיט זייער הילפ אָנפירנ מיט דער קאָלווירטישער מאַסע, פאַרווירקלעכנ די אָנווײַזונגענ פונ דער פּאַרטיי אונ פונ דער ראַטנמאַכט, דערציִענ די מאַסע אינעמ סאָציאַליסטישנ גײַסט.

אָבער וועמענ זאָל מענ האַלטנ פאַר אַקטיוויסטנ?

אינ אייניקע קאָלווירטנ באַשטימט מענ די אַקטיווקײַט לויט דער צאָל אַרויסטרעטונגענ אַפ פאַרזאַמלונגענ. ווער עס רעדט מער, יענער איז אַנ אַקטיוויסט. אָבער אינ דער פּראָדוקציע שפּילנ אָפּטמאָל אַזוינע „אַקטיוויסטנ“־פּלוידער זייער א באַשיידענע ראָליע. ניט זעלטנ האָבנ זיי אַפילע א שעמ פאַר לאָדערס אונ צומאָל נעמענ זיי אײַנגאַנצנ ניט קיינ שומ אָנטייל אינ דער פּראָדוקציע. עס פאַרשטייט זיכ, אַז אַזאַ „אַקטיוו“ האָט ניט קיינ שומ אויטאָריטעט (אײַנפלוס) צווישנ דער קאָלווירטישער מאַסע אונ מיט אים וועסטו קיינ קאָלעקטיווע ווירטשאַפט ניט פאַרפעסטיקנ.

עס טרעפט נאָכ ערגער. אינעמ קאָלווירט „לענינס וועג“ קאַמענסקער ראַיאָנ אַפ

מיטל־וואָלגע האָט דאָס קעמערל פאַרעכנט אינ אקטיוו אלע, וואָס דרייענ זיכ קעגסיידער ארום אינ דער קאָלווירט־פארוואלטונג. צווישנ דעמ דאָזיקנ „אקטיוו" האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ 18 פארמעגלעכע אונ עטלעכע גנאָווימ אונ ספעקוליאַנטנ. דער פּאָליטאָפּטייל פונ דער פאַסטאָווער מאַשינ־טראַקטאָרישער סטאַנציע האָט אופגעדעקט צווישנ דעמ דאָרפישנ אקטיוו 5 געוועזענע ווײַסגוואַרדייער. די פּאַרטיי־רייניקונג אינ דאָרפ האָט אופגעדעקט ניט ווייניק ווײַסגוואַרדייִשע אונ באַלעגופישע עלעמענטנ, וואָס האָבנ זיכ דורכגעשמוגלט אפילע אינ די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. פארשטייט זיכ, אז די דאָזיקע מענטשנ, וואָס האָבנ געמאַכט דעמ אָנשטעל פונ אקטיוויסטנ, האָבנ זיכ אינ דער ווירקלעכקייט געסטאַרעט מיט אלע קויכעס אונ מיטלענ שעדיקנ די קאָלווירטנ.

דער קאָלווירטישער אקטיוו דאַרפ צונויפגעשטעלט ווערנ פונ קאָלווירטניקעס שלאָגלער, אָנטיילנעמער פונעמ סאָציאַליסטישנ געוועט, פונ בריגאַדירנ, פונ גרופּנ־פירער א אזו., פונ די פּראָדוציר־אַרבעטער קוידעמקאָל פונ די וויכטיקסטע, פירנדיקע אַרבעט־צווײַגנ (אופ די מאַשינעס, אופ די פערד). די הויפּט־אונ גרונט־אופגאַבע פונ יעדנ קאָלווירט איז צו העלפנ דער פּאַרטיי פאַרפעסטיקנ אָרגאַניזאַציאָנעל־ווירטשאַפטלעכ די קאָלווירטנ, דורכפירנ די וויכטיקסטע ווירטשאַפטלעכע אונ פּאָליטישע מאָסמיטלענ פונ דער פּאַרטיי אונ פונ דער ראַטנמאַכט.
אָט אַזאַ הילפ טאַקע פאָדערט די פּאַרטיי פונ אלע פאָרגעשריטענע קאָלווירטניקעס, וואָס ווילנ ווירקלעכ פאַרניכטנ אינ די קאָלווירטנ אלע אומאָרדענונגענ, די פּריוואַט־אייגנטימערישע איבערבלײַבענישנ אונ אופהייבנ אופ א גרעסערער הייכ די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט.

די גרונט־אופגאַבע פונ דער אַרבעט מיט אַזאַ אַקטיוו איז צו העכערנ זײַנ פּראָדוצירישע אונ געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, דערציענ פונ אימ באַוווסטזיניקע בויער פונ דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. דאָס פּאַרטיי־קעמערל דאַרפ אַנטפּלעקנ אַזאַ אַקטיוו, באַהעפטנ אימ צומ קאַמפ פאַר פאַרפעסטיקנ אָרגאַניזאַציאָנעל־ווירטשאַפטלעכ דעמ קאָלווירט, צומ קאַמפ קעגנ די אייגנטימערישע שטרעבונגענ באַמ אָפּגעשטאַנענעמ טייל קאָלווירטניקעס, קעסיידער קאָמפּלעקטירנ אימ אַפנ כעזשבנ פונ די פאָרגעשריטענע קאָלווירטניקעס, מאַכנ פונ אימ די אַנטשיידנדיקע קראַפט אינ קאָלווירט, וואָס זאָל זײַנ פעיִק צו באַוואָרענענ די אַנטוויקלונג פונ קאָלווירט אינ אַ ווירקלעכנ קעמערל פונ דער סאָצ. געזעלשאַפט.

די קאָמוניסטנ אונ קאָמיוגיסטנ דאַרפנ שטיינ אינ דער שפּיצ פונ אַזאַ אַקטיוו, מיטציִענ נאָכ זיכ די קאָלווירטישע מאַסע מיטנ פּערזענלעכנ בײַשפּיל, מיטנ מוסטער פונ דער בעסטער פּראָדוציר־אַרבעט. פאַרנ קעמערל איז אַזאַ אַקטיוו אַ רעזערוו אַפ צו קאָמפּלעקטירנ די פּאַרטיי־רייענ מיט די בעסטע עלעמענטנ פונ די קאָלווירטניקעס. פאַר דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג איז דאָס אַ רעזערוו אַפ ארויסרוקנ די בעסטע אַפ אָנפירנדיקע פּראָדוציר־פּאָסטנס אינ קאָלווירט.

דער פּלענומ פונעמ צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי (יאַנוואַר 1933 יאָר)

919—

האָט אינ זײנ באשטימונג וועגנ די פּאָליטאָפּטײלנ באזונדער באטאָנט די אויפגאבע צו שאפנ אונ דערציִענ אנ אקטיוו. אינ דער רעזאָלוציע פונעמ פּלענומ לייענענ מיר:

„די וויכטיקסטע ערשטרייִקע אויפגאבע פונ די פּאָליטישע אָפּטײלנ פונ די מאשינ־טראקטאָרישע סטאנציעס אונ ראטעווירטנ איז צונויפקלאפּנ ארומ דעמ פּאָליטאָפּטײל א פעסטנ יאָדער פונ די ווירקלעכע אקטיוויסטנ פונ די קאָלווירטישע אונ ראטעווירטישע קעמערלעכ אונ שאפנ ארומ די דאָזיקע קעמערלעכ אנ אומפּארטייִשנ אקטיוו פונ די איבערגעגעבענע קאָלווירטניקעס אונ ראטעווירט־ארבעטער, וואָס זײנענ דורכגעקאָנטראָלירט אינ קאמפ פאר דער ראטנמאכט. דער צ. ק. באטאָנט נאָכאמאָל, אז אינ דער דאָזיקער ארבעט דארפ מענ זיכ ניט יאָגנ נאָכ דער צאָל: א קלײנער יאָדער, אָבער פּאָליטיש אנ אונטערגעקאָוועטער אונ פעסט באהעפטער אינ קאמפ וועט שטענדיק קאָנענ פירנ נאָכ זיכ די גאנצע מאסע קאָלווירטניקעס אונ ראטעווירט־ארבעטער. פאנאנדערוויקלענדיק די דערציִונג־אונ אויפקלערונג־ארבעט אינ די קאָלווירטישע קעמערלעכ אונ צווישנ די אומפּארטייִשע קאָלווירטניקעס, דארפנ די פּאָליטאָפּטײלנ אינ דער ערשטער ריי באוואָרענענ דעמ פּאָליטישנ וווּקס פונ דעמ אקטיוו.

די פּאָליטישע אָפּטײלנ דארפנ באוואָרענענ דעמ געזונטנ וווּקס פונ די פּארטייִשע אונ קאָמיוגישע אָרגאניזאציעס אפּנ כעזשבנ פונ די ווירקלעכ פארגעשריטענע אונ אקטיווע קאָלווירטניקעס, וואָס זײנענ דורכגעקאָנטראָלירט געוואָרנ אינ קאמפ קעגנ דעמ באלעגופּ אונ קעגנ זײנ אגענטור אינ די קאָלווירטנ. די פּאָליטישע אָפּטײלנ דארפנ דערבײ ארויסגײנ פונ דעמ, אז די פּארטייִשע אונ קאָמיוגישע אָרגאניזאציעס קאָנענ אויספילנ זייער ראָליע פונ א באָלשעוויסטישנ יאָדער אינ דאָרפ אונ פירנ נאָכ זיכ די קאָלווירטישע מאסנ בלויז בא דעמ באדינג, אויב זיי באשטייענ, זאָל זײנ פונ א קלײנער צאָל, אָבער אומבאדינגט פונ באָלשעוויקעס, וואָס זײנענ איבערגעגעבנ דער פּארטיי, וואָס זײנענ אידייִש באהעפט אונ פארהארטעוועט אינ קאמפ קעגנ דעמ קלאסנ־סוינע".

דער ציל פונ אָרגאניזירנ אנ אקטיוו אינ פונ דער גאנצער פּארטייִש־מאסנווער ארבעט איז צו דעראָבערנ די מערהײט אינ די קאָלווירטנ אונ אינ די ראטעווירטנ אפ דער זײט פונ דער פּארטיי פאר באוואוסטזיניקער, ערלעכער ארבעט, פאר אויספילנ באוואוסטזיניק די אָנווײזונגענ פונ דער פּארטיי אונ פונ דער ראטנמאכט וועגנ דער סאָציאליסטישער בויונג. פארשטײט זיכ, אז דערגרייכנ אזא ציל אנ קאמפ קאָנ מענ ניט. עס וואָלט געווענ א טאָעס מוירע צו האָבנ, אז מיטנ קאמפ פאר אזא ציל קאָנ מענ שטערנ דער אויסערלעכער לעפּאָנעמדיקער אײנהײט, וואָס די באלעגופּישע עלעמענטנ, וועלכע האָבנ זיכ דורכגעשמוגלט אינ קאָלווירט, געלינגט ניט זעלטנ צו שאפנ צוליב זייערע צילנ. די פּארטיי ווײזט אָנ:

„מיר דארפנ האָבנ ניט יעטווידער איינהייט. מיר דארפנ האָבנ אזא איינהייט אינ קאָלווירט אָדער אינ ראטווירט, וואָס באוואָרנט די אָנפירונג אונ העגעמאָניע פונעמ באָלשעוויסטישנ יאָדער, וועלכער ווערט געשטיצט פונעמ אומפארטייִשנ אקטיוו. אונ אזא איינהייט איז אומעגלעכ צו דערשלאָגנ זיכ אָנ אנ ערנסטנ קאמפ פאר ארויסיאָגנ די אנטיגעזעלשאפטלעכע אונ אנטיקאָלווירטישע עלעמענטנ פונ די קאָלווירטנ אונ ראטווירטנ. דעריבער איז דער קאמפ פונ דעמ פארטייִש־קאָמיונישנ באָלשעוויסטישנ יאָדער פאר שאפנ אנ אומפארטייִשנ אקטיוו אינ די קאָלווירטנ אונ פאר ארויסיאָגנ די אנטיגעזעלשאפטלעכע עלעמענטנ, פאר דעראָבערנ די מערהייט אינ די קאָלווירטנ אונ ראטווירטנ א לעבנ־אופגאבע אינעמ געגעבענעמ מאָמענט“.

די גרונט־אופגאבנ אינ דער ארבעט פונ די פּאָליטאָפּטיילנ

באוואָרענענ א פארטייִשע אויג אונ קאָנטראָל אינ דער גאנצער ארבעט אונ אינעמ לעבנ פונ אונדזערע סאָציאליסטישע אונטערנעמונגענ אינ דאָרפ — באטייט צוגיינ צו יעדער לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט קווידעמקאָל פונ דער פּאָליטישער זייט.

מע קאָנ ניט באַ די איצטיקע באדינגונגענ אינ דאָרפ קוקנ אפ דער זאכ אזוי, אז, לאָמיר זאָגנ, דער פארזיי איז פּאָשעט א פארזיי, דאָס דרעשנ איז פּאָשעט דרעשנ אאוו. ציט דאָכ איצט אויס דער קלאסנ־סוינע די האנט צו יעדער ארבעט אונ, לעמאָשל, דער פארזיי קאָנ זיכ אויסלאָזנ קלאל ניט קיינ פארזיי, נאָר א דורכויסיקע שעדיקערײַ. האנדלט זיכ דאָכ איצט ניט וועגנ א פריוואטער, נאָר וועגנ א געזעלשאפטלעכער, א סאָציאליסטישער ווירטשאפט, וואָס דער קלאסנ־סוינע סטארעט זיכ מיט אלע מיטלענ צו צעשטערנ. האנדלט זיכ דאָכ איצט ניט וועגנ א פריוואטנ, נאָר וועגנ א געזעלשאפטלעכנ, א סאָציאליסטישנ אייגנטומ; וואָס דער סוינע סטארעט זיכ מיט אלע מיטלענ צו פארניכטנ.

אָט פארוואָס די פּאָליטאָפּטיילנ דארפנ אויסלערנענ די קאָמוניסטנ, די קאָמיוניסטנ, דעמ אקטיוו פּאָליטיש צוגיינ צו יעדער לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט, לערנענ רעוואָליוציאָנערע וואכזאמקייט אפ יעדנ ארבעט־באצירק, אויסלערנענ דעמאסקירנ די שעדיקער פונעמ פארזיי אונ פונעמ דרעשנ, די אָרגאניזאטערס פונ קאליע מאכנ די מאשינעס, דאָס ארבעט־פי, פונ צונויפשטעלנ פאלשע פארצייכענונגענ אינ די בוכהאלטערישע ביכער אאוו.

די פּאָליטאָפּטיילנ דארפנ זיכ דערשלאָגנ, אז מע זאָל ארויסטרײַבנ פונ די קאָלווירטנ אונ פונ די ראטווירטנ די אנטיגעזעלשאפטלעכע שעדיקערישע עלעמענטנ, ניט דערלאָזנ צעשלעפנ די זריִע, דאָס ברויט אונ אנדערע געזעלשאפטלעכנ פארמעגנ; אָפּקלײַבנ די בעסטע, די דורכגעקאָנטראָלירטע מענטשנ פאר די וויכטיקסטע ארבעטנ; אכטונג געבנ, אז מע זאָל ריכטיק פאנאנדערשטעלנ אונ אויסנוצנ די אר־

מענ שטעלט פעסט די קערנער־פאַרלוסטנ באַמ שניט אינעמ קאָלווירט „יאַנגאַ טראַמיש" באַל.־אַשינסקער ראַיאָנ

בעטער; אַכטונג געבנ, אַז מע זאָל ריכטיק אָרגאַניזירנ די אַרבעט אינ די קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ (די קוואַליטעט פונ דער זריִע, די געהעריקע פעלדער־באַאַרבעטונג אונ דורכפירונג פונעמ פאַרזוי, ריכטיק דרעשנ, אויפמערקזאַמ אויפפאַסנ אַפנ לעבעדיקנ אונ טויטנ אינווענטאַר אאַז., דערשלאָגנ זיכ, אַז מע זאָל צעטיילנ די האַכנאָסעס אינ די קאָלווירטנ אויסשליסלעכ לויט דער אַרבעט אאַוו.

פונ די דאָזיקע אַלע אויפגאַבנ פונ די פּאָליטאָפּטיילנ דאַרפ מענ באַזונדערס אונטערשטרײַכנ דאָס באַוואַכנ אונ פאַרפעסטיקנ דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטומ, דאָס אויספילנ די פאַרפליכטונגענ פאַר דער מעלוכע, דאָס פאַרפעסטיקנ די אַרבעט־דיסציפּלינ, דאָס העכערנ די קוואַליטעט פונ די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטנ.

די פּאָליטאָפּטיילנ דאַרפנ דערקלערנ די פּאַרטיי־מיטגלידער, די קאָמוניסטנ, דער מאַסע די גאַנצע באַדײַטונג פונ דעמ געזעלשאַפטלעכנ, סאָציאַליסטישנ אייגנטומ אַלס באַזע פונ דער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. באַווײַזנ, פאַרוואָס דער באַלעגופּ צילעוועט גראָד אינ דער דאָזיקער זײַט זײַנ אונטערײַס־אַרבעט. באַווײַזנ אַפ פאַקטנ, אַז פונ באַוואַכנ אונ פאַרפעסטיקנ דאָס קאָלווירטישע אונ ראַטווירטישע אייגנטומ איז דירעקט אָפּהענגיק דאָס וווילזײַנ פונ יעדנ קאָלווירטניק אונ ראַטווירט־אַרבעטער. באַווײַזנ אַפ בײַשפּילנ, אַז ניט באַוואַכנדיק דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטומ, איז ניט מעגלעכ ניט צו פאַרפעסטיקנ די קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ ניט אויפצוהאַלטנ די אַרבעט־דיסציפּלינ ניט צו העכערנ די גראָטנקײַט אאַוו. דערקלערנ די סאָוועטישע געזעצנ וואָס זײַנענ אַרויסגעגעבנ וועגנ באַוואַכנ דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטומ קעגנ די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערנ, וועגנ פוסטעפּאַכניקעס אאַז.

די פּאָליטאָפּטיילנ דאַרפנ דערקלערנ דעמ אַקטיוו אונ דער גאַנצער מאַסע, אַז

ריכטצייטיק און אומבאַדינגט אויספילנ זייערע פאַרפליכטונגענ פאַר דער מעלוכע, איז פאַר די קאָלווירטנ, קאָלווירטניקעס און ראַטווירטנ זייער „ערשטער געבאָט", ווי כ׳ סטאַלינ האָט געזאָגט, און דער גרונטבאַדינג פונעמ אויפבלי־ און אנטוויקלונג פונ די קאָלווירטנ און ראַטווירטנ. באַוויזנ, פאַרוואָס דער באַלעגופּ סטאַרעט זיכ באַזונדערס אָנריידנ די קאָלווירטניקעס צו סאַבאָטירנ די ברויט־אָפּליפערונג. באַוויזנ אפ פאַקטנ און ביישפּילנ, אז בלויז יענע קאָלווירטנ און ראַטווירטנ פּראָגרעסירנ, אנטוויקלענ זיכ, באַוואָרענ די אַרבעטנדיקע א זאַט קולטורעל לעבנ, וועלכע פילנ אויס פּינקטלעכ זייערע פאַרפליכטונגענ פאַר דער מעלוכע. און, פאַרקערט, אינ יענע קאָלווירטנ און ראַטווירטנ, וו מע באַהאַלט אויס דאָס ברויט, מע נאַרט אָפּ די ראַטנ־מעלוכע, מע סאַבאָטירט די ברויט־אָפּליפערונג,— דאָרט ווערנ די אַרבעטנדיקע א שפּילכל בא די באַלעגופּימ און ווייסגוואַרדייער אינ די הענט, דאָרט ווערנ זיי אָפּגעוואָרפנ אפ צוריק צומ פריערדיקנ קאַבצאַנישנ לעבנ.

די פּאָליטאָפּטיילנ דאַרפנ דערקלערנ דעמ אַקטיוו און די מאַסנ די גאַנצע באַדייטונג פונ דער פעסטער אַרבעט־דיסציפּלינ אינ דער געזעלשאַפטלעכער, סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. באַוויזנ פאַרוואָס דער קלאַסנ־סוינע שטרעבט באַזונדערס אונטערצורייסנ די אַרבעט־דיסציפּלינ אינ די קאָלווירטנ און ראַטווירטנ, פאַרוואָס די לאָדערס און פּוסטעפּאַסניקעס זיינענ דירעקטע מיטהעלפער פונעמ באַלעגופּ. באַוויזנ אפ פאַקטנ און ביישפּילנ, וואָס עס באַטייטנ, וואָס עס קאָסטנ אָפּ דער ערלעכער אַרבעטנדיקער מערהייט דאָס ליידיקגיינ, די פּראָגולנ, די נאַכלעסיקייט און דאָס דירעקטע סאַבאָטירנ די אַרבעט מיצאַד די אַנטיגעזעלשאַפטלעכע עלעמענטנ. פאַרטייטשנ די סאָוועטישע געזעצנ, וואָס זיינענ אַרויסגעגעבנ געוואָרנ אפ פאַרפעסטיקנ די אַרבעט־דיסציפּלינ.

אָט דאָס זיינענ די גרונט־אויפגאַבנ פונ די פּאָליטאָפּטיילנ. זיי קאָנ מענ, פאַרשטייט זיכ, ניט אָפּטיילנ פונ די איבעריקע אויפגאַבנ. אָבער אפ זיי דאַרפ מענ קאָנצענטרירנ א באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, ווי אפ די צענטראַלע אויפגאַבנ. פונ זייער לייזונג איז אָפּהענגיק דער דערפאָלג פונ דער אַרבעט אינגאַנצנ גענומענ.

באַוואַכונג און פאַרפעסטיקונג פונעמ געזעלשאַפטלעכנ אייגנטומ

מיר וועלנ זיכ אָפּשטעלנ גענוי אפ דער פראַגע וועגנ דער באַוואַכונג און פאַרפעסטיקונג פונעמ געזעלשאַפטלעכנ אייגנטומ צוליב דער אַבסאָליוט אויסשליסלעכער וויכטיקייט פונעמ דאָזיקנ איניענ.

אינ דער באַשטימונג פונעמ צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי וועגנ די פּאָליטאָפּטיילנ ווערט געזאָגט:

„די וויכטיקסטע אַקס פונ דער גאַנצער פּאָליטישער דערקלערונג־אַרבעט צווישנ די קאָלווירטניקעס און ראַטווירט־אַרבעטער דאַרפ זיינ דאָס ברייטע פּאָפּוליאַריזירנ* די מאָסמיטלענ פונ דער פּאַרטיי און רעגירונג

* דאָס הייסט דערקלערנ.

אין קאמף פאר דער אומבארירלעכקייט פונעם געזעל־שאפטלעכן, קאָלווירטישן און ראטווירטישן אייגנ־טום".

די צאָל גנייוועס פונעם קאָלווירטישן, קאָאָפּעראטיוון, מלוכישן פארמעגן איז זייער גרויס. אָבער די קאָלווירטניקעס און די ראטווירט־ארבעטער אין א סאך ער־טער האבן נאָך ניט באנומען, אז די גנייוועס זיינען א נייער קאמף־מעטאָד פונעם קלאסנ־פיינט, די נייע טאקטיק זיינע.

די קאָלווירט־פארוואלטונגען, די דירעקטערס פון די ראטווירטן, די געזעל־שאפטלעכע אָרגאניזאציעס קוקן אָפטמאָל אף די גנייוועס פונעם געזעלשאפטלעכן פארמעגן, ווי אף א „קליינעם קרימינעלן איניען". צומאָל שטעלן זיך אפילע די אָרטיקע מאכט־אָרגאנען (דאָרפראטן, מיליציע, געריכט, פּראָקוראָרן) אף אזא ניט־דערלאָזבארן שטאנדפּונקט. ניט זעלטן ליגן די איניאָנים וועגן די גנייוועס א לאנגע צייט אָן א באוועגונג.

די געריכט־אורטיילן איבער די גנייוועס צייכענען זיך אָפטמאָל אויס מיט א גרויסער מילדקייט. אָפטער ווי אלץ פארמישפּעט מען צו צוואנג־ארבעט אף א קור־צער צייט, צו א שטראָף און אפילע צו א טנאי־שטראָף.

אין איינציקע ראיאָנען ווערן די איניאָנים וועגן די גנייוועס איבערגעגעבן אין די מאָווערשע געריכטן. אין א סאך קאָלווירטן פירט מען ארויס די צעשלעפּער אף פארזאמלונגען, מען מוסערט זיי, מען טאדלט זיי, מען פארשרייבט אפן שווארצן טאָוול ארײַן. דאָס דערמאָנט שוין קרילאָווס מאָשל, ווי דער קוכער מוסערט דעם קאָטער דעם גאנעף, „וואסקע אָבער הערט און עסט".

דער קוק אפן צעשלעפּן דאָס געזעלשאפטלעכע פארמעגן, ווי אף א קליינעם קרימינעלן איניען, איז א גראָבער פּאָליטישער טאָעס. עס איז גענוג כאָטש א ביסל צוקוקן זיך צו די צעשלעפּער, כדיי צו דערזען אין זיי דעם קלאסנ־פיינט און ניט קיין קליינע גאנאָווימלעך.

אינדערעמעסן, ווער זיינען די צעשלעפּער?

קוידעמקאָל — די באלעגופים, זייערע פאמיליעס, זייערע קרוי־ווים, די באלעגופישע נאָכטעגצער, די באלעגופישע עלע־מענטן, וואָס זיינען אויסגערייניקט געוואָרן פון די קאָל־ווירטן, די וואלרעכטלאָזע און זייער גלייכן. אין אלע פאלן אָן אויסנאם זיינען טאקע די דאָזיקע עלעמענטן די צעשלעפּער אָדער, זייענדיק אַליין די רעדלפירער, פירן זיי נאָך זיך איינצלנע ערגערע עלעמענטן פון די אינדי־ווידועלן און פון די קאָלווירטניקעס (לאָדערס, בארייסערס), די ספּעקוליאנטן פון די נאָענטסטע פּאָרשטעט אאוו. עס טרעפן ניט קימאט קיין פאלן, אז א קאָלווירט־ניק, וואָס האָט אָפּגעארבעט א גענוגע צאָל טעג־ארבעט, זאָל זיין פארמישט אין די גנייוועס.

אלס אָרגאניזאטערס פון די גנייוועס ווייזן זיך שטענדיק ארויס באלעגופים און אנדערע אנטיגעזעלשאפטלעכע אָדער אפן קאָנטררעוואָליוציאָנערע עלעמענטן. צומאָל גיט זיך איין דעם באלעגוף צוציען צו דער גנייווע דעם וועכטער, דעם ארויסגעבער, דעם וועגער, מיטגלידער פון דער קאָלווירט־פארוואלטונג: אָבער באם אויספאָרשן דעם איניען ווייזט זיך בעדערעך קלאָר ארויס, אז די דאָזיקע פּערזאָנען

וואָס האָבנ זיכ אריינגעכאַפּט אינ קאָלווירט אָדער אינ ראַטווירט, זיינענ באַלעגופּימ אָדער באַלעגופּישע נאָכמענצער.

די פאַקטישע אומבאַשטראָפטקייט פונ די גאַנאָווימ העלפט זייער שטאַרק מיט דער פאַרשטאַרקונג פונ די גנייוועס.

דער באַלעגופּ פּרווט צוערשט גאַנווענענ „אינדערשטיל" אונ „צוביסלעכווייז", אָבער ווענ ער איבערצייגט זיכ אינ דער אומבאַשטראָפטקייט, גאַרטלט ער זיכ פאַנאַנדער, פירט דורכ אַנ אָרגאַניזירטע רויבערײַ פונ די פעלדער, פונ די פורנ, פונ די דרעשמאַשינעס, פונ די שפּײַערס אאוו.

ניט ווייניקער ווירקט מיט די צעשלעפונג די עקלהאַפטע אָרגאַניזאַציע פונ דער באַוואַכונג אונ פונעמ דיסקאָנט. אָפטמאָל איז אינגאַנצנ ניטאָ קיינ שומ וואַכ, אָדער זי שלאָפט, אָדער זי איז ניט באַוואָפנט, אָדער אינ איר זיינענ אַריינגעדרונגענ קלאַסנ־פיינטלעכע עלעמענטנ. דער קערנער־דיסקאָנט ווערט ניט זעלטנ געפירט אָנ א מאָס אונ א וואָג, „אויפנ קוק", דאָס ברויט פירט מענ אָנ דאָקומענטנ, די קוויטאַנציעס פאַר די אָפּגעגעבענע אונ אויפגענומענע קערנער שטעלט מענ צונויפ ניט ריכטיק, ניט רעכטצײַטיק אאוו.

עס איז קלאָר, וואָס פאַר א פּאָליטישע קורצזיכטיקייט, וואָס פאַר א מאַנגל פונ קלאַסנכוש, וואָס פאַר א פאַרברעכערישע מילדקייט בענעגייע צומ קלאַסנסוינע ווייזנ אַרויס אַזוינע פאָרשטייער פונ דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט אונ פונ דער מאַכט, ווי די „גוטמוטיקע" פאָרזיצערס פונ די קאָלווירטנ, די „בלינדע" פּראָקוראָרנ, די „אַלפאַרגעבנדיקע" ריכטער, וואָס קוקנ אויפ די גנייוועס פונעמ געזעלשאַפטלעכנ אייגנטומ, ווי אויפ „קלייניקייטנ" אונ זעענ ניט אינ די גאַנאָווימ קיינ סאָנימ פונ די אַרבעטנדיקע.

אינ דער קאָלווירטישער מאַסע אונ אפילע צווישנ דעמ אָנפירנדיקנ, האָרפּישנ אַקטיוו איז נאָכ ניטאָ דער געהעריקער באַגעמ פונ דער גאַנצער ווײַכטיקײַט, פונ דער גאַנצער באַדײַטונג פונ דעמ געזעלשאַפטלעכנ, סאָציאַליסטישנ אייגנטומ. אינ קאָלווירטישנ אינ מעלוכישנ אייגנטומ קוקט מענ אומגעפּער אַזוי, ווי די פּויערימ פלעגנ קוקנ אויפנ פּריוואַטנ אייגנטומ פונעמ פּאָרעץ אָדער פונ באַלעגופּ: „ער האָט א סאַכ, איז קיינ אווירע ניט אָפּצוגאַנווענענ". אָדער, ווי מע פלעגט קוקנ אויפנ קאַזיאָנעמ אייגנטומ: „די קאַזנאַ וועט אַלצ אויסהאַלטנ".

מע דאַרפ דערקלערנ די מאַסנ, ערשטנס, דעמ ראַדיקאַלנ, פּרינציפּיעלנ אונטערשייד צווישנ דעמ פּריוואַטנ אונ דעמ געזעלשאַפטלעכנ, סאָציאַליסטישנ אייגנטומ, אונ, צווייטנס, דעמ ראַדיקאַלנ, פּרינציפּיעלנ אונטערשייד צווישנ דעמ מעלוכישנ אייגנטומ בא דער בורזשואַזער מאַכט אונ דעמ מעלוכישנ אייגנטומ בא דער ראַטנמאַכט.

דאָס פּריוואַטע אייגנטומ האָט געדינט (אונ אינ די בורזשואַזע לענדער דינט עס אויכ איצט) אַלס באַזע פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. דאָס פּריוואַטע אייגנטומ האָבנ די קאַפּיטאַליסטנ דערקלערט פאַר „הייליק אונ אומבאַרירלעכ", ווײַל דאָס האָט געגעבנ דער בורזשואַזיע דאָס „רעכט" אונ מעגלעכ־



באוואכונג פונ דער גערעטענ׳ש א נעמ
קאָלווירט „אוואנגארד" (כערסאָנער ראַיאָנ

קומט צו ראבירנ פרעמדע ארבעט, צוייגענענ די פראָדוקטנ פונ פרעמדער פארשקלאפ־טער ארבעט. טאקע אפנ פריוואטנ אייגנטומ איז באזירט געשטאנענ יענע בעסטיאלע אָרדער — ערגער איידער בעסטיאלע — די קאפיטאליסטישע אָרדענונג, וואָס וועגנ איר זאָגט א פאָלקס־שפריכוואָרט: „א וואָלפ עסט ניט קיינ וואָלפ, אָבער א מענטש א מענטשנ עסט איינגאנצנ אופ".

פאר די פראָלעטאריער איז דאָס דאָזיקע „הייליקע און אומבארירלעכע" פריוואט־אייגנטומ געווענ אנ עמעסער כוואליע, ווייל כוץ די ארבעטהענט האָבנ די פראָלעטאריער קיינ זאכ ניט געהאט.

פאר דער מאסע קליינע אייגנטימער האָט זיך דאָס פריוואטע אייגנטום אויסגע־דרייט אָט מיט וואָסער זייט: דעם פויער האָט מענ געמישפעט און צומאָל אויכ געשמיסנ פאר דערלאָזנ צעטרעטנ באם פאָרעצ די טווע, פאר יאגנ אָדער פאר־האקנ האָלצ אינעם „פריצישנ" וואלד, באם פויער פלעגט מענ אָפנעמענ דאָס לעצטע פארמעגנ פאר די כויווס, וואָס ער איז געווענ שולדיק דעם פאָרעצ און באלעגופ. דורכ קרעדיט, ארענדע, אָפּארבעטונגענ און מיט אלע אנדערע מיטלענ פלעגט מענ די קליינע אייגנטימער עקספּלואטירנ צומאָל אפילע מער, איידער די באטראקעס און ארבעטער.

און בלויז פאר די גרויסע אייגנטימער, פאר די קאפיטאליסטנ, פריצימ, באלע־גופימ האָט דאָס פריוואטע אייגנטום באטייט דאָס באוואכנ זייערע רייכטימער, דאָס באשיצנ זייערע „רעכט" צו ראבירנ די אומפארמעגלעכע אָרעמשאפט.

דאָס פארמעסטנ זיך אפ דער „אומבארירלעכקייט" פונעם פריוואט־אייגנטומ (גנייוועס אאז״וו.) פלעגט די קאפיטאליסטישע אָרדענונג אומפארמיידלעכ ארויסרופנ, ווייל זי האָט פארמישפעט אפ האלעמ די ארבעטנדיקע מאסנ און אזוי

ארומ געבראכט אפ דער וועלט דעמ „פארברעכערישנ עלעמענט" דורכנ הארבנ קאמפ קעגנ „די פארברעכער בענעגייע דעמ אייגנטומ" האט די בורזשואזיע געשטרעבט אײנ־ווארצלענ די אומבארירלעכקײט פונעמ פרינציפ גופע פונ פריוואטנ אייגנטומ, דער יעסאד פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט.

דאס מעלוכישע („קאזיאנע") אייגנטומ בא דער קאפיטאליסטישער ארדענונג איז אינ טאכ געווענ דאס *אייגנטומ פונ די גרויסע באזיצער*, *דאס אייגנטומ פונעמ קלאס*, וואס האט געהערשט אינ דער מעלוכע, — פונ די פריצימ אונ פונ דער בורזשואזיע. די באוואכונג פונעמ דאזיקנ אייגנטומ האט באטייט די באוואכונג פונ די אינטערעסנ פונעמ דאזיקנ קלאס. די מעלוכע האט אינ פארלויפ פונ יארהונדערטער אונטערדריקט אונ ראבירט דאס באלק. די פויערימ אונ ארבעטער האבנ געהאסט די מעלוכע, געהאסט די מענטשנ, וואס האבנ באוואכט דאס מעלוכישע אייגנטומ. די פויערימ האבנ געהאלטנ, אז גאנווענענ באמ שאכנ איז א שאנדע, אבער גאנווענענ בא דער מעלוכע, בא דער געזעלשאפט מעג מענ אונ מע דארפ, אויב וואס ניט איז ליגט שלעכט. ביז איצט האבנ זיכ נאכ אײנגעהיט פונ דער פארגאנגענהײט בא א סאכ פויערימ דער אומ־צוטרוי אונ די פײנטלעכקײט צו אלדאס מעלוכישעס.

איצט אבער האט זיכ די גאנצע לאגע *ראדיקאל געענדערט*.

די מעלוכע בא אונדז איז געווארנ א *פראלעטארישע*, אנ *ארבעטער־פויערשע*. בא אונדז איז ניטא קיינ ווידערשפרוכ צווישנ די אינטערעסנ פונ דער מעלוכע אונ די אינטערעסנ פונ די ארבעטער, קאלווירטניקעס, ארבעטנדיקע. דאס מעלוכישע אייגנטומ בא אונדז געהערט *אלע ארבעטנדיקע צוזאמענ*.

גאר אנ אנדער באדייטונג האט בא אונדז דאס מעלוכישע, דאס געזעלשאפט־לעכע, דאס קאלווירטישע, דאס קאאפעראטיווע אייגנטומ. דאס דינט *אלס באזע פונ דער סאוועטישער ארדענונג, אלס באזע פונ דער סאציא־ליסטישער געזעלשאפט*, וואס מיר שאפנ. יעדער ארבעטנדיקער איז דירעקט פארינטערעסירט אינ פארפעסטיקנ אונ אנטוויקלענ דאס געזעלשאפטלעכע אייגנטומ, אינ פארפעסטיקנ אונ אנטוויקלענ די עקאנאמישע מאכט פונ זײנ מע־לוכע. די אלמעגלעכע באוואכונג פונעמ מעלוכישנ אייגנטומ באטייט בא אונדז די באוואכונג פונ די אינטערעסנ *פונ דער גאנצער ארבעטנדיקער באפעלקערונג*. די צעשלעפער פונעמ מעלוכישנ אייגנטומ ברעכנ די דירעקטע אינטערעסנ פונ אלע ארבעטנדיקע.

דאס קאלווירטיש־קאאפעראטיווע אייגנטומ געהערט דער געגעבענער פאראייניקונג פונ די ארבעטנדיקע — דעמ קאלווירט, דעמ קאאפעראטיוו, דעמ פארבאנד פונ די קאאפעראטיוונ. דא איז נאכ מער באשײמפערלעכ די ענגע פארבינדונג, די דירעקטע אפהענגיקייט צווישנ די אינטערעסנ פונעמ קאלעקטיוו אונ פונ יעדנ מיטגליד זײ־נעמ, צווישנ דער באוואכונג, פארפעסטיקונג, אנטוויקלונג פונעמ געזעלשאפטלעכנ אייגנטומ אונ די אינטערעסנ פונ יעדנ מיטבאזיצער פונעמ זעלבנ אייגנטומ.

דאס מעלוכישע, געזעלשאפטלעכע אייגנטומ בא דער ראטנמאכט ניט בלויז עס גיט קיינעמ ניט קיינ רעכט צו עקספלואטירנ, נאר, פארקערט, עס *פארניכטעט די עקספלואטאציע*. דאפקע דאס אפשאפנ דאס פריוואטע אייגנטומ אפ די

פּראָדוציר־מיטלענ אונ דאָס איינפירנ דאָס מעלוכישע איינגנטומ האָבנ באַטייט בא אונדז די ליקווידירונג פונ די וויכטיקסטע עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסנ — די פּריי־צימ אונ קאַפּיטאַליסטנ. דאַפּקע אפ דער באַזע פונעמ געזעלשאַפטלעכנ (קאָלווירד־טישנ) איינגנטומ קאָרטשעווענ מיר אַצינד אויס די קאַפּיטאַליסטישע רעשטלעכ אינ דאָרפ — דאָס באַלעגופּנטומ.

אינ דער ווירטשאַפט, וואָס איז אויסגעבויט בא אונדז אפ דער באַזע פונ געזעלשאַפטלעכנ איינגנטומ (די מעלוכישע אינדוסטריע, די ראַטווירטנ, די קאָלווירטנ, די קאָאָפּעראַטיוונ) עקזיסטירנ סאָציאַליסטישע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישנ. איז אומעגלעכ עקספּלואַטאַציע, זיינענ ניטאָ קיינ עקספּלואַטאַטערס אונ עקספּלואַטירטע.

באַמ געזעלשאַפטלעכנ איינגנטומ איז בא אונדז געוואָרנ אויס אַרבעטלאָזיקייט אונ מיט יעדנ יאָר פאַרבעסערט זיכ די מאַטעריעלע לאַגע פונ די אַרבעטער.

דאָס געזעלשאַפטלעכע איינגנטומ איז די באַזע פונ דער נייער געזעלשאַפטלעכער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, וואָס מיר שאַפנ אונ וואָס בא איר וועט אפ שטענדיק פאַרשווינדנ די סאַמע דעריינערונג וועגנ עקספּלואַטאַציע, נויט אונ דאַלעס.

קיינ מינדסטע באַרעכטיקונג פאַר די צעשלעפער פונ געזעלשאַפטלעכנ איינגנטומ איז בא אונדז ניטאָ אונ קאָנ ניט זיינ. בא אונדזער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג האָט יעדער ערלעכער מענטש די פולע מעגלעכקייט צו פאַרדינענ.

אינ זיינע ווערק אונ רעדעס האָט לענינ אָפּגעגעבנ ניט ווייניק אָרט אפ קלאָר מאַכנ די באַדייטונג פונ געזעלשאַפטלעכנ איינגנטומ אונ פונ דער נייטיקייט צו קעמפנ אומדערבאַרעמדיק קעגנ די, וואָס צעשלעפנ עס. אינעמ סאַמע אָנהייב סאָציאַליסטישער בויונג, אינ 1918 יאָר, ווענ אונדזער לאַנד האָט איבערגעלעבט דעמ שאַרפסטנ מאַנגל אינ ברויט אונ אינ הייצוואַרג, האָט לענינ געשריבנ:

„אינ אַזא צייט — אונ פאַר אַנ עכט קאָמוניסטישער געזעלשאַפט איז דאָס שטענדיק ריכטיק — איז יעדער פוד ברויט אונ הייצוואַרג אַ ווירקלעכ הייליגטומ, העכער, פונ יענע הייליגטימער, וואָס מיט זיי דרייענ די גאַלאָכימ אַ קאָפּ די נאַראָנימ אונ זאָגנ זיי צו אויפעמהאַבע אַלס באַלוינונג פאַר דער ערדישער שקלאַפעריי".

לענינ האָט אומדערבאַרעמדיק געקלאַפּט איבער יענע אָרגאַנענ פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וואָס האָבנ ניט אַרויסגעוויזנ קיינ אייזערנע פעסטקייט בענעגייע צומ קלאַסנ־סוינע. לענינ האָט געזאָגט וועגנ זיי, אַז זיי זיינענ „מער ענלעכ צו קיסעל, איידער צו אייזנ". לענינ האָט געשטעמפּלט די „קליינבירגערלעכע צעקראָכנקייט" פונ יענע מענטשנ פונ אונדזער סוויווע, וואָס פלעגנ ניט צוגעבנ קיינ באַדייטונג דער באַוואַכונג פונ דעמ געזעלשאַפטלעכנ איינגנטומ, דעמ דיסקאָנט פונ דער אַרבעט־דיסציפּלינ אינ דער געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט.

לענינ האָט געשריבנ:

„פיר פינפטלעכ אינ געוויסנהאַפט אַ כעזשבנ פונעמ געלט, באַלעבאַטעווע שפּאָרזאַמ, פּוסטעפּאַסעווע ניט, גאַנווע ניט, היט אָפּ די שטרענגסטע דיסצי־

פֿלין אין דער אַרבעט, — גראָד אַזוינע לאָזונגען, וואָס די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריער האָבן מיט רעכט אויסגעלאַכט דאַן, ווען די בורזשואַזיע פֿלעגט מיט אַזוינע רעדעס פֿאַרדעקן איר הערשאַפֿט, אַלס קלאַס עקספּלואַטאַטאָרס, ווערן איצט, נאָכן אַראָפּוואַרפֿן די בורזשואַזיע, די אָרדענטלעכע און וויכ־טיקסטע לאָזונגען פֿון מאָמענט... אַז די ראַטנמאַכט זאָל דורכפֿירן פּראַקטיש אין לעבן די דאָזיקע לאָזונגען, מיט אַלע מיטלען, אויפֿן גרונט פֿון אַלע געזעצן, איז נייטיק און גענוג פֿאַרן ענדגילטיקן ניצחון פֿונעם סאָציאַליזם. אָט דאָס טאַקע קאָנען ניט פֿאַרשטיין די, וואָס וואַרפֿן זיך אָפּ מיט פֿראַזן פֿון אַרויסדרוקן אין פֿאָדערונגען אַזוינע „אויסגעדראָשענע" און „טריוויאַלע"* לאָזונגען".

די דאָזיקע ווערטער קלינגען איצט ווי לעבעדיקע. זיי קלאַפּן גראָד יענע פֿאַר־שטייער פֿון דער סאָוועטישער מאַכט און געזעלשאַפֿטלעכקייט, וואָס האַלטן די צע־שלעפּונג פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן אייגנטום פֿאַר „קליינלעכע פֿאַקטן", וואָס פֿאַר־דינען ניט, אַז זיי זאָל זיך איבער זיי באַאומרויקן. אָבער לענין האָט אָנגעוויזן, אַז גראָד אַזוינע, לויט זיין אויסדרוק, „באַפּערס", וואָס האַנדלען לויטן כּלל „פֿאַר זיך אָפּרייסן וואָס מער, און ווייטער מעג זיך די וועלט איבערקערן", — גראָד זיי בילדן עם טאַקע די סאַמע גינסטיקע סבֿיבֿה פֿאַר דער אַרבעט פֿון די באַלעגופֿישע און אַנדערע קאָנטררעוואָלוציאָנערע עלעמענטן.

די ראַטן־רעגירונג האָט גענומען אין אַכט די קאָלאָסאַלע באַדייטונג פֿונעם גע־זעלשאַפֿטלעכן אייגנטום, האָט אויך גענומען אין אַכט די אָנקלאַגן פֿון די אַרבעטנ־דיקע וועגן די גניבֿות און גוואַלדטאַטן מיצאַד די אַנטיגעזעלשאַפֿטלעכע עלע־מענטן. די ראַטן־רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן דעם 7־טן אויגוסט 1932 יאָר אַ גע־זעץ „וועגן באַוואַכן דאָס פֿאַרמעגן פֿון די מעלוכישע אונטער־נעמונגען, פֿון די קאָלווירטן און פֿון דער קאָאָפּעראַציע און וועגן פֿאַרפֿעסטיקן דאָס געזעלשאַפֿטלעכע (סאָציאַ־ליסטישע) אייגנטום". אין דעם דאָזיקן געזעץ ווערט געזאָגט:

„דאָס געזעלשאַפֿטלעכע אייגנטום (מעלוכישע, קאָל־ווירטישע, קאָאָפּעראַטיווע) איז די באַזע פֿון דער סאָוועטישער אָרדענונג, זי איז הייליק און אומבאַריר־לעך, און די מענטשן, וואָס פֿאַרמעסטן זיך אָן גע־זעלשאַפֿטלעכן אייגנטום, דאַרפֿן באַטראַכט ווערן אַלס פֿאָלקס־סאָנים. אין דעריבער איז דער אַנטשיידענער קאַמף קעגן די צעשלעפּער פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַר־מעגן די סאַמע ערשטע פֿליכט פֿון די ראַטנמאַכט־אָרגאַנען".

די רעגירונג שטעלט אויבן פֿאַר צעשלעפּן (גנבֿענען) דאָס געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרמעגן דאָס העכסטע מאָס מיטל פֿון געזעלשאַפֿטלעכן שוץ — צעשיסן און קאָנפֿיסקירן דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן און בײַ אומשטענדן, וואָס מילדערן די שולד, פֿאַרבײַטן דאָס צעשיסן מיט אָפּנעמען די פֿרײַהייט אויף אַ טער־

* דאָס הייסט געוויינלעכע, אַלטעגלעכע.

באוואכונג פונ די שייערנ אינעם קאָלווירט „אוואנגארד" (כערסאָנער ראיאָנ)

מינ ניט וויניקער ווי 10 יאָר, אָנ אָנווענדנ אמניסטיע. פאר גוואלדטאט אונ דראָונגענ מיצאד די באלעגופישע אונ אנדערע אנטיגעזעלשאפטלעכע עלעמענטנ, ווערט איינגעשטעלט דאָס פארשפארנ אינ קאָנצענטראציע-לאגער אפ א טערמינ פונ 5 ביז 10 יאָר, אויכ אָנ אָנווענדנ אמניסטיע.

די קאָלווירטניקעס האָבנ הייס באגריסט דעם האָזיקנ באשלוס פונ דער ראטנ-רעגירונג. זיי האָבנ אינ אים געזענ א פעסטנ שוץ אונ הילפ אינ קאמפ קעגנ די באלעגופים, קעגנ די לאָדערס, קעגנ די אלערליי ליבהאָבער צו אָנלעבנ פונ פרעמדער האָרעוואניע. די קאָלווירטניקעס האָבנ געענטפערט אפ דער דאָזיקער באשטימונג מיט פארשטארקנ די באוואכונג פונעם ברויט אונ פונ אנדערע געזעלשאפטלעכע פארמעגנ, מיט אָרגאניזירנ א געזעלשאפטלעכנ קאמפ קעגנ די גנייוועס, מיט פארגיכערנ דעם שניט, דאָס דרעשנ, מיט אָפליפערנ פארנ טערמינ דאָס ברויט דער מעלוכע ארנ.

אינ א סאַכ פאלנ ווייזנ די באוווּסטזיניקע קאָלווירטניקעס ארויס ווירקלעכע העלדישקייט באם באוואכנ דאָס געזעלשאפטלעכע אייגנטום. למשל, אינ אינעם קאָלווירט „אודארניק" פיריאטינסקער ראיאָנ כארקאָווער געגנט זיינענ רויבער אָנגעפאלנ באנאכט אפנ וועכטער, וואָס האָט געהיט דעם שפייכער מיט זריע, — כ. וואסילי ווינישעניקאָ. פארטיידיקנדיק זיכ פונ די באנדיטנ, האָט ער באקומענ 8 מעסערווונדנ, אָבער דאָכ האָט ער באוויזנ אויסצושיסנ אונ מאכנ א אליארם. באגיסנדיק זיכ מיט בלוט, איז כ. ווינישעניקאָ פארבליבנ אפ זיינ פאָסטנ אזוי לאנג, ביז וואנענ עס זיינענ זיכ צונויפגעלאָפנ די קאָלווירטניקעס. קיינ איינ קילאָגראם זריע איז ניט צעשלעפט געוואָרנ.

א צווייטער ביישפיל. אינ פעסקאָווסקער קאָלווירט לובנער ראיאָנ (אוקראינע) האָבנ די באלעגופים אונטערגעצונדנ דאָס שטיבל פונעם קאָלווירטניק קאָוואל. וואָס האָט יענע נאכט געהיט דעם קאָלווירטישנ שייער. אָבער זעענדיק, אז זיינ שטוב ברענט, האָט כ. קאָוואל זיכ ניט א וואָרפ געטאָנ ראטעווענ זיינ פערזענלעכנ האָב אונ גוטס, ווי די באלעגופים האָבנ אויסגערעכנט, נאָר ער איז פארבליבנ אפ דער וואכ פונעם קאָלווירטישנ פארמעגנ.

זשעטאָנ פונ די אָנטײלנעמער פונעמ אָטריאַד
לײַכטע קאַוואַלעריע

אינ באַוואַכנ די קאָלווירטישע גערעטעניש באַטײליקנ זיכ אויכ די פּיאָנערנ אונ א סאַכ פונ זײ באַווײַזנ מיט מעסירעס-נעפעש דאָס געזעלשאַפטלעכע פאַרמעגנ.

אזוינע העלדנ קענ אונ רעספּעקטירט דאָס גאַנצע לאַנד. די קאָלווירטנ אונ די ראַטנמאַכט באַלוינט זײ. אַפּ אזוינע בײַשפּילנ דאַרפ מענ אײַנפלאַנצנ אינ די קאָלווירטישע מאַסנ די נײַע באַציונג צומ קאָלווירטישנ אײגנטומ ניט ווי צו א „פרעמדנ", נאָר ווי צו זײערנ, צומ געמײנזאַמענ אײגנטומ פונ יעדנ ארבעטנדיקנ. אַפּ אזוינע בײַשפּילנ דאַרפ מענ אײַנפלאַנצנ די נײַע באַציונג צו דער באַוואַכונג פונעמ דאָזיקנ געמײנזאַמענ סאָציאַליסטישנ אײגנטומ, די נײַע באַציונג צומ קאָלווירטישנ, ראַטווירטישנ וועכטער, צומ רײַטער-וועכטער, אלס צומ געטרײַענ היטער פונעמ געזעלשאַפטלעכנ גוטס, דעמ ערשטנ באַשיצער פונ די אינטערעסנ פונ די ארבעטנדיקע.

די פּאַרטײ-אָרגאַניזאַציעס, די קאָלווירט-פאַרוואַלטונגענ, די קאָלווירטישע אונ סאָוועטישע אָרגאַנענ דאַרפנ זיכ שטיצנ אינעמ קאַמפ פאַר דער באַוואַכונג אונ פאַרפעסטיקונג פונעמ געזעלשאַפטלעכנ אײגנטומ קוידעמקאָל אַפנ קאָלווירטישנ אקטיוו, אַפּ די שלאָגלער, אַפּ די קאָלווירטניקעס, וואָס האָבנ געוויזנ האַפט אונ וואָס זײַנענ מאַטעריעל מער ווי אַלע פאַראינטערעסירט אינ אויסוואָרצלענ די גנייוועס. די אָרגאַנענ פונ דער ראַטנמאַכט זײַנענ מחויעוו ענערגיש צו העלפנ דער געזעלשאַפטלעכקייט אינ איר קאַמפ קעגנ די אַנטי-געזעלשאַפטלעכע עלעמענטנ.

אָבער דעריקער איז די ברײטע אויפקלערערישע אונ אָרגאַניזאַציאָנעלע ארבעט צווישנ די מאַסנ, דעריקער איז מאָביליזירנ די גאַנצע מאַסע אַפ באַוואַכנ אונ פאַרפעסטיקנ דאָס געזעלשאַפטלעכע אײגנטומ, צומ קאַמפ קעגנ זײַנע סאָנימ — די פאָלקס-סאָנימ.

דאָס פאַרשטאַרקנ דעמ קאַמפ קעגנ די צעשלעפּער פונעמ געזעלשאַפטלעכנ אײגנטומ רופט ארויס די נייטיקייט צו פאַרשטאַרקנ דעמ קאַמפ אויכ קעגנ דער ספּעקוליאַציע.

אינדערעמעסנ, פונוואַנענ נעמענ די ספּעקוליאַנטנ סכוירעס? ווער זײַנענ עס די ספּעקוליאַנטנ? זײ באַקומענ די סכוירעס ניט בלויז קויפנדיק זײ בא אײניקע קאָלווירטניקעס אונ אינדיווידואַלנ, נאָר אויכ אויפקויפנדיק דאָס פאַרמעגנ, וואָס מ'האָט געגאַנוועט אינ די קאָלווירטנ, אינ די קאָאָפּעראַטיוונ אונ אינ די מעלוכישע שפּײַכלערס. די ספּעקוליאַנטנ זײַנענ דירעקט מיטהעלפערס, אַגענטנ פונ די, וואָס

צעטיילפן דאס געזעלשאפטלעכע אייגנטום. דאס זייגען פונקט אזוינע סאנים פונעם פאלק, ווי די צעשלעפער.

אט פארוואס די ראטנ־רעגירונג האט ארויסגעגעבן דעם הארבן געזעץ קעגן ספעקולאציע, וואס וועגן אים האבן מיר שוין גערעדט.

וואס באטייט מאכן די קאלווירטן פאר באלשעוויסטישע?

דער גרונט־ציל, וואס ח' סטאלין האט געשטעלט פאר די פאליטאפטיילן, איז „מאכן די קאלווירטן פאר באלשעוויסטישע“.

אבער וואס באטייט דאס: מאכן אלע קאלווירטניקעס פאר באלשעוויקעס, פאר פארטיי־מיטגלידער?

ניין, עס וואלט געווען ניט ריכטיק אזוי צו פארשטיין דעם דאזיקן לאזונג פון ח. סטאלינס. אפ אנקומען אין דער פארטיי פאדערט זיך א גרויסע אנטוויקלונג, פארשטיין די מארקסיסטיש־לענינישע לערע, די פארטיי־פראגראם און טאקטיק. בלויז א קלענעם טייל פון די בעסטע פארגעשריטענע קאלווירטניקעס און ראטווירט־ארבעטער קאנען מיר ארייננעמען אין דער פארטיי.

אבער מיר קאנען דערגרייכן און מיר האבן, ווי עס ווערט געזאגט אין דער באשטימונג פונעם צענטראל־קאמיטעט פון דער פארטיי:

„דערשלאגן זיך, אז די קאלווירטן — אלע קאלווירטן אן אויסנאם — זאלן ווערן לויט זייער אנפירונג באלשעוויסטישע“.

מאכן פאר באלשעוויסטיש — דעם גרונטיקן — זאל זיין א קליינעם — יאדער אין די קאלווירטן, פארפעסטיקן ארגאניזאציאנעל די קאלווירטן, דערשלאגן זיך, אז עס זאלן ארויסגעטריבן ווערן פון די קאלווירטן די באלעבאטישע עלעמענטן און ענדגילטיק געווער זיין זייער איינפלוס אפן אפגעשטאנענעם טייל קאלווירטניקעס, דערשלאגן זיך, אז דער אומפארטייישער אקטיוו זאל ביז מעסירעס־נעפעש אונטערשטיצן דעם באלשעוויסטישן יאדער, דערגאבערן אף זיין זייט די מערהייט אין די קאלווירטן — אט וואס עס באטייט מאכן די קאלווירטן פאר באלשעוויסטישע.

און די פאליטאפטיילן האבן שוין דערגרייכט אין דער דאזיקער הינזיכט באדייטנדיקע דערפאלגן, ניט געקוקט אף דער קורצער צייט פון זייער עקזיסטענץ.

די פאליטאפטייל־טוער האט מען באגעגנט אין די קאלווירטן און ראטווירטן אלס געווונטשענע געהילפן און אנפירער. די קאלווירטניקעס באגריסן פולקום דאס, וואס די פארטיי איז דורך אירע בעסטע מענטשן, צוגעגאנגען האט צו דער אנפירונג מיט דער קאלווירטישער פראדוקציע, מיטן קאלווירטישן לעבן. למשל, די קאלווירטניקעס, וואס ווערן באדינט פון דער מאלאקאבארדינסקער מאשינ־טראקטארישער סטאנציע, זאגן אפן: „ווען ניט דער פאליטאפטייל, וואלטן מיר זיך ניט ספראווענט מיט דער אכערונג און מיטן פארזיי“. די קאלווירטניקעס־שלאגלער פון יעווּפאטאריער ראיאן שרייבן אין זייער ווענדונג, וואס איז געווען אפגעדרוקט אין „פראוודא“:

„מיר האבן זיך אין דער פראקטיק איבערצייגט אינעם קאלאסאלן נוץ פון די פאליטישע אפטיילן, וואס די פארטיי האט ארגאניזירט אין די מאשינ־טראקטארישע סטאנציעס און אין די ראטווירטן. די פאליטישע אפטיילן

זײַנענ שוינ פונ די ערשטע טעג פונ זײער אַרבעט געוואָרנ געטרײַע פרײַנט און מיטהעלפער פונ די קאָלווירטניקעס, וואָס שטרעבנ געוויסנהאַפט צו אַרבעטנ און פאַרפעסטיקנ זײערע קאָלעקטיווע ווירטשאַפטנ".

די פּאָליטאָפּטײל־טוער האָבנ שנעל דעראָבערט פאַר זיך א גרויסנ אויטאָריטעט צווישנ דער קאָלווירטישער מאַסע. אינ די פּאָליטאָפּטײלנ האָט מענ אָנגעהויבנ גײנ אַפ א הײמישנ אויפנ וועגנ אַלערלײ נײטנ און פראַגנ, מע האָט גענומענ שרײַבנ בריוו. למשל דער פּאָליטאָפּטײל פונ נאָוואָוועליטשקאָווסקער מאַשינ־טראַקטאָרישער סטאַנציע צײלט שוינ א האַלב הונדערט קאָלווירטניקעס, וואָס שרײַבנ אינ דער צײַטונג פונעמ פּאָליטאָפּטײל. די בעסטע קאָלווירטניקעס, וואָס די פּאָליטאָפּטײל־טוער האָבנ פאַרוואַרבירט אינ אַקטיוו אַרײַנ, זײַנענ געוואָרנ טעטיקע אַגיטאַטערס פונ דער פּאַרטײ צווישנ די מאַסנ, הײסע קעמפער פאַר אָפּרײניקנ די קאָלווירטנ פונ די אַנטיגע־זעלשאַפטלעכע עלעמענטנ, פאַר אַנטוויקלענ די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטנ. די פּאָליטאָפּטײל־טוער האָבנ באַוויזנ אויסצונוצנ אינ די מאַסנ יענעמ ניט גערירטנ קוואַל נאַטור־טאַלאַנטנ, וואָס וועגנ זײ האָבנ גערעדט לענינ און סטאַלינ, — אויסגעצײכנטע אָרגאַניזאַטערס, ווירטשאַפטלער, אַגיטאַטערס. מע האָט זײ נאָר באַדאַרפט באַווײַזנ, וואָס און וויאַזוי צו טאָנ, עס בלײַבט בלויז זײ צוצולערנענ און דערציִענ פּאָליטיש. למשל, דער פּאָליטאָפּטײל פונ דער פּאַסטאָווער מאַשינ־טראַקטאָרישער סטאַנציע האָט שוינ באַוויזנ אַרויסרוקנ פונ די קאָלווירטניקעס 7 פאָרזיצערס, וואָס פּראַווענ זיך אויסגעצײכנט מיט דער אָנפירונג פונ די קאָלווירטנ.

די פּאָליטאָפּטײלנ האָבנ אינ א קורצער צײַט זיך פולקומ באַרעכטיקט. דער צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטײ אינ דער באַשטימונג פונ 15־טנ יונ 1933 יאָר, אינ 5 כאַדאָשימ אַרומ נאָכנ באַשלוס וועגנ די פּאָליטאָפּטײלנ, זאָגט:

„די ערשטע סאַכאַקלענ פונ דער אַרבעט פונ די פּאָליטאָפּטײלנ פונ די מאַשינ־טראַקטאָרישע סטאַנציעס זינט דעמ צוגרײטנ און דורכפירנ דעמ פרילינגזײ באַווײַזנ, אַז די פּאָליטאָפּטײלנ ווערנ ווירקלעכ די וויכטיקסטע הײבער פונ דער פּאַרטײ אינ פאַרפעסטיקנ אָרגאַניזאַציאָנעל די קאָלווירטנ און די מאַשינ־טראַקטאָרישע סטאַנציעס, אינ אָפּרײניקנ זײ פונ די קלאַסנ־פײַנטלעכע עלעמענטנ, אינ פאַרשטאַרקנ די אָרגאַניזירנדיקע ראָליע פונ די קאָמוניסטנ און קאָמיוגיסטנ אינ די קאָלווירטנ און אינ אויסבעסערנ די פעלערנ אינ דער אַרבעט פונ די דאָרפישע פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציעס. די פּאָליטאָפּטײלנ ווערנ פאַרוואַנדלט אינ ווירקלעכע צענטערס פונ באַהעפטנ די בעסטע, פאָרגעשריטענע עלעמענטנ פונעמ קאָלווירטישנ דאָרפ".

לאָמיר פארפעסטיקנ די אָרגאנענ פונ דער פראָלעטארישער דיקטאטור אינ דאָרפ

אינעמ פארשטארקנ די פראָלעטארישע אָנפירונג מיטנ דאָרפ פאלט א גרויסער טייל ארבעט אפ די דאָרפראטנ — די אָרגאנענ פונ דער פראָלעטארישער דיקטאטור אינ דאָרפ.

די דערפארונג פונ דער סאָציאליסטישער בויונג אינ דאָרפ, דער ניצאָכנ פונ דער קאָלווירטישער אָרדענונג האָבנ געבראכט אייניקע כאווירימ צומ געדאנק, אז איצט ווערנ די אויפגאבנ פונ דער ראטנמאכט גוואלדיק פארלײכטערט און פאר־איינפאכט, אז איצט האָבנ ניט, אייגנטלעכ, די ראטנ אינ דאָרפ וואָס צו טאָנ. די אויפגאבנ פונ די ראטנ, טײנענ זיי, ווערנ מיט דערפאָלג אויספילנ די קאָלווירטנ אליינ אונ די ראטנ קאָנ מענ „אָפשאפנ".

דאָס איז א קאָלאָסאלער אונ שעדלעכער פאָליטישער טאָעס. די פארטיי אונ די ראטנמאכט האָבנ אנטשיידנ אָפגעוואָרפנ אזא פאָר־שלאג.

שטיצנדיק זיכ אפנ קאָלווירטישנ פויערטומ, פארווירקלעכט די ראטנמאכט איצט די אויפגאבע צו פארניכטנ די קלאסנ אונ אויסצובויענ אנ אָנקלאסנדיקע סאָציאליס־טישע געזעלשאפט. אָבער דער קלאסנקאמפ אינ דאָרפ, ווי מיר ווייסנ, איז ניט אָפגעשוואכט געוואָרנ, נאָר פארקערט, האָט זיכ פאר־שטארקט, דאָס באלעבאטנטומ האָט ניט אָפגעשטעלט נאָר, פארקערט, האָט פארשארפט זײנ ווידערשטאנד דער סאָציאליסטישער בויונג, ווײאזוי זשע קאָנענ די קאָמוניסטנ אינ אזוינע באדינגונגענ שטעלנ די פראגע וועגנ אָפשאפנ די דאָרפראטנ, וואָס זײנענ אינ דאָרפ די אָרגאנענ פונ דער סאָוועטישער סאָציאליסטישער מעלוכע? זיי קאָנענ עס ניט טאָנ, אויב זיי ווילנ ניט פארראטנ דעמ קאָמוניזמ.

לאָמיר נעמענ אונ אנדער זײט פונ דער איצטיקער לאגע אינ דאָרפ. דער ניצאָכנ פונ דער קאָלווירטישער אָרדענונג, ווי מיר ווייסנ, שוואכט ניט אָפ, נאָר, פארקערט, פארשטארקט די פאראנטוואָרטלעכקײט אי פונ דער פארטיי אי פונ דער ראטנ־מאכט פאר דער ווײטערדיקער אנטוויקלונג פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט. כ' סטאלינ זאָגט:

„אָנ א סיסטעמאטישנ ארײנמישנ זיכ מיצאד דער ראטנמאכט אינ דער קאָלווירטישער בויונג, אָנ איר סיסטעמאטישער הילפ איז אוועקשטעלנ אזא ווירטשאפט ניט מעגלעכ".

אונ אונדז ליגט מענ פאָר אָפשאפנ די דאָרפראטנ — די אָרגאנענ פונ דער זעלבער ראטנמאכט אינ דאָרפ. באוווסטזיניק מאכנ אזוינע פארשלאגנ קאָנענ בלויז די סאָנימ פונ די קאָלווירטנ, די סאָנימ פונ דער ראטנמאכט, די סאָנימ פונ קאָמוניזמ.

אזויארומ דארפ מענ ניט אָפשאפנ, נאָר פארפעסטיקנ די דאָרפראטנ, אלס אָרגאנענ פונ דער פראָלעטארישער דיקטאטור.

„א שטארקע אונ מעכטיקע דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, — זאָגט כ'

סטאלינ, — אָט וואָס מיר דאַרפנ איצט האָבנ, קעדיי צו מאכנ אַש פונ די לעצטע רעשטלעכ שטאַרבנדיקע קלאסנ".

לויט אונדזער געזעצ איז דער האָרפּראָט אפ דער טעריטאָריע, וואָס ער פאַרייניקט, דער העכסטער מאַכט־אָרגאַנ. דער האָרפּראָט לייזט אַלע פראַגנ פונ אָרטיקער (האָרפּישער) באַדייטונג און באַהאַנדלט אַלע אַנדערע פראַגנ ביז די רעפּובליקאַנישע און אַלפאַרבאַנדישע.

איינע פונ די וויכטיקסטע אויפגאַבנ פונ די האָרפּראָטנ איז פאַרפעסטיקנ די רעוואָלוציאָנערע געזעצלעכקייט, באַזונדערס באַוואַכנ דאָס געזעלשאַפטלעכע, סאָציאַליסטישע אייגנטום אינ דאָרפ.

דער האָרפּראָט גיט אַכטונג אפ דעמ, אַז אַלע בירגער און אַמטפּערזאָנענ זאָלנ אויספילנ די געזעצנ, ער קעמפט קעגנ די פרוווּנ אַרויסצווייזנ אַ ווידערשטאַנד די מאָסמיטלענ פונ דער ראַטנמאַכט, ווי אויכ קעגנ די פאַרקריפּלונגענ אינ דער אָנווענדונג פונ די סאָוועטישע געזעצנ, פונ דער סאָוועטישער פּאָליטיק. דער האָרפּראָט האָט לויטנ געזעצ באַשטימטע רעכט אַרויסצוגעבנ אָבליגאַטאָרישע באַשטימונגענ, באַשטראָפנ, מאַכנ אַרעסטנ אאַ.

דער געזעצ שטרייכט אונטער די פליכטנ פונ די האָרפּראָטנ:

„באַזונדערס אַנטשיידנ איבערצוהאַקנ דעמ אַנטי־סאָוועטישנ קאַמפ פונ די באַלעגופּישע עלעמענטנ".

„די גרונטאויפגאַבע פונ די האָרפּראָטנ, — זאָגט דער געזעצ, איז אָנפירנ מיט דער סאָציאַליסטישער איבערבויונג פונ דער לאַנדווירטשאַפט".

אינ באַשטימטע טערמינענ הערט אויס דער האָרפּראָט באַריכטנ וועגנ דער טעטיקייט פונ די קאָלווירטנ און פונ אַלע אַנדערע אַנשטאַלטנ, וואָס באַטייליקנ זיכ אינ דער קאָלווירטישער בויונג. ער באַטראַכט און באַשטעטיקט די פּלענער פונ די קאָלווירטנ און פונ אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס און אינ פאַל פונ אַ נויט גיט ער אָנווייזונגענ וועגנ איבעראַרבעטנ זיי. ער שטעלט צונויפ די פּלענער פונ דער ווירטשאַפטלעכער (און סאָציאַל־קולטורעלער) בויונג אַפ זײַנ טעריטאָריע און גיט איבער צו באַשטעטיקנ דעמ ראַיאָנעמ אויספיר־קאָמיטעט. דער האָרפּראָט זאָגט אַרויס זײַנ מיינונג איבער די הישטאַדלעסנ פונ די קאָלווירטנ וועגנ אַרויסגעבנ זיי קרעדיטנ, אינווענטאַר אאַז. ער האָט רעכט אָפּשטעלנ די ניט ריכטיקע באַשלוסנ פונ די קאָלווירטנ און פונ אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס, מיטיילנדיק טייקעפּ וועגנ דעמ דעמ ראַיאָנעמ אויספיר־קאָמיטעט פונ די ראַטנ. דער האָרפּראָט פירט אָנ מיט דער בויונג אינ די קאָלווירטנ (וווינונגענ, ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע געבײַדעס אאַז.).

צוגלײַכ מיט דער אָנפירונג פונ דער סאָציאַליסטישער איבערבויונג פונ דער לאַנדווירטשאַפט איז אַנ אויסערסט וויכטיקע אויפגאַבע פונ די האָרפּראָטנ אַרײַנציענ די ברייטע אַרבעטנדיקע דאָרפמאַסנ אינ דער דירעקטער מעלוכע־פאַרוואַלטונג.

די דאָזיקע אַרבעט אינ די מאַסנ פירט דורכ דער האָרפּראָט פריער פונ אַלצ מיט דער הילפ פונ די סעקציעס און דעפּוטאַטישע גרופּעס, וואָס ער אָרגאַניזירט. אַלע מיטגלידער פונעמ האָרפּראָט זײַנענ מעכויעוו צו שטיינ אינ אַנ ענגער פאַרבינדונג מיט זייערע וויילער, אָפּגעבנ זיי אַ רעכענונג

וועגנ זייער ארבעט, דערקלערנ זיי די מאַסמיטלענ פונ דער האנטמאכט, אָרגאַניזירנ זיי אפּ דורכפירנ אינ לעבנ די האַזיקע מאָסמיטלענ.

די מאַסנ־ארבעט פונ דעמ דאָרפראַט האָט אַנ אויסשליסלעכ וויכטיקע, אַנטשיידנדיקע באַדײַטונג. די באַפעסטיקונג פונ דער פּראָלע־טאַרישער אָנפירונג מיטנ דאָרפ ווערט דערגרייכט ניט בלויז און ניט אַזויפיל מיטנ באַפעסטיקנ דעמ אַפּאַראַט גופא פונ דער האנטמאכט אינ דאָרפ, כאָטש דאָס איז אויכ זייער וויכטיק. די באַפעסטיקונג פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אינ דאָרפ ווערט דערגרייכט מער פונ אַלצ דורכ דער ארבעט אינ די מאַסנ, דורכ דער פּראָלעטאַרישער באַלשעוויסטישער אָנפירונג מיט די מאַסנאָרגאַניזאַציעס פונ די ארבעטנ־דיקע — מיט די קאָלווירטנ אינ דער ערשטער ריי. טאַקע דורכ דער האַזיקער ארבעט ווערט פאַרווירקלעכט די אויפגאַבע, וואָס לענינ האָט גע־שטעלט:

„פאַר אונדז איז וויכטיק צוציענ צומ פאַרוואַלטנ מיט דער מעלוכע אַלע ארבעטנדיקע אָנ אויסנאַמ. דאָס איז א ריזיק שווערע אויפגאַבע. אָבער דעמ סאָציאַליזמ קאָנ ניט אײַנפירנ די פּאַרטיי, די מינדערהײַט, אײַנפירנ קאָ־נענ אימ צענדליקער מיליאָנענ, ווענ זיי וועלנ זיכ אויס־לערנענ אַלצ אַליינ טאָנ".

אינ דער האַזיקער הינזיכט זײַנענ באַזונדערס וויכטיק די סעקציעס באַ די דאָרפראַטנ. די סעקציעס ווערנ אָרגאַניזירט לויט די באַזונדערע צווײַגנ פונ דער ראַטנ־ארבעט: לאַנדווירטשאַפטלעכע, קולטור־אויפקלערישע, האַנדל־קאָאָפּע־ראַטיווע, פינאַנצ־אונ שטײַערנ־סעקציע, סעקציע פונ דער ארבעטער־פויערשער אינ־ספּעקציע אאַ. די סעקציע גיט א מעגלעכקײַט יעדנ סאָוועטישנ אַקטיוויסט באַטייליקנ זיכ דירעקט אינ דער אַלטעגלעכער פּראַקטישער ארבעט פונעמ ראַט, אויסווײַלנדיק צוליבנ האַזיקנ ציל דעמ אָדער יענעמ צווײַג זײַנעמ. דערבײַ גייט דורכ דער מיטגליד פונ דער סעקציע דורכ אַלע שטאַפּלענ פונ דער ארבעט פונעמ דאָרפראַט, אָנהייבנדיק פונ פאָרויסיקנ דערלערנענ א וועלכע ניט איז פראַגע און ענדיקנדיק מיט דורכפירנ אינ לעבנ די באַשלוסנ, וואָס די סעקציע האָט אָנגענומענ און דער ראַט האָט באַשטעטיקט. אַזוי אַרומ איז די סעקציע פאַרנ סאָוועטישנ אַקטיוויסט א ווירק־לעכע שול פונ מעלוכע־פאַרוואַלטונג.

א צווייטע אויסערסט וויכטיקע פאָרמ פונ מאַסנ־ארבעט זײַנענ די דעפּו־טאַטישע גרופּעס. די דאָרפראַטנ דאַרפנ האָבנ אינ די פּראָדוציר־אונטערנע־מונגענ — אינ די קאָלווירטנ, אינ די מאַשינ־טראַקטאָרישע סטאַנציעס, אינ די ראַטווירטנ און אַנדערע — זייערע שטיצ־פונקטנ, זייערע היי־בערס, וואָס מיט זייער הילפ זאָלנ זיי קאָנענ אַלטעגלעכ פאַרווירקלעכנ זייער אָנפירונג מיט די אונטערנעמונגענ, דורכפירנ די באַשטימונגענ פונ דער האנטמאכט, פירנ א מאַסנ־ארבעט, קלאָר מאַכנ און באַפרידיקנ די באַדערפענישנ פונ די אַר־בעטנדיקע. פאַר אַזוינע שטיצ־פונקטנ, הייבערס דינענ טאַקע פאַר די ראַטנ די דעפּוטאַטישע גרופּעס.

דורכ זײַנ גרופּע דעפּוטאַטנ גיט דער דאָרפראַט אַכטונג אפּ דער ריכטיקער

אַרבעט פונ דער אונטערנעמונג אונ נעמט רעכטצייטיק אָנ די נייטיקע מאַסמיטלענ, קעדיי ניט דערלאָזנ קיינ דורכרייסנ אונ דעפעקטנ. דורכ דער דעפּוטאַטישער גרופּע פירט דער האַרפּראַט דעמ קאַמפ קעגנ דעמ קלאַסנ-פיינט אונ קעגנ זיינע אַגענטנ. וואָס דרינגענ אַריינ אינ די קאָלווירטנ, אינ די ראַטווירטנ, קעגנ די פּריוואַט-אייגנ-טימערישע, באַרייסערישע שטרעבונגענ פונעמ אָפּגעשטאַנענעמ טייל קאָלווירטניקעס, דעמ קאַמפ פאַר פאַרפעסטיקנ די אַרבעטדיסציפּלינ, פאַר באַוואַכנ דאָס געזעל-שאַפטלעכע אייגנטומ. אונ פונ דער צווייטער זייט — דעמ קאַמפ קעגנ די פאַרקריפּלונגענ פונ דער סאָוועטישער פּאָליטיק, קעגנ דעמ ביוראָקראַטיזמ, קעגנ דער פאַרשלעפּעניש אאַז.

א סאַכ ראַטנ האָבנ באַוויזנ אוועקצושטעלנ אויסגעצייכנט די מאַסנ-אַרבעט. אָט וואָס עס שרייבנ, למשל, די מיטגלידער פונעמ פאַרגעשריטענעמ כוואַליבאַגאָווס-קער האַרפּראַט (ואַגעו, האָט ער עפּעס זייער אַנ אָפּגעשטאַנענעמ נאָמענ) טשובאַ-ראָווער ראַיאָנ אינ אוקראַינע:

„דער ערשטער אונ וויכטיקער באַדינג, וואָס דער האַרפּראַט שטעלט פאַר זיכ, דאָס איז אַרייננדרינגענ אינ אַלע פאָרעמ פונעמ קאָלווירטישנ לעבנ, וויסנ, מיט וואָס יעדער קאָלווירטניק אונ בריגאַדיר לעבט אונ אָטעמט...

מיר זיינענ פעסט פאַרבונדנ מיט אונדזער קאָלווירט „פּלאַטאַר", דורכ אונדזערע דעפּוטאַטישע גרופּעס, וואָס זיינענ אָרגאַניזירט אינ יעדער פּראָדוקציע-בריגאַדע אונ דורכנ סאָוועטישנ אַקטיוו. וואָס איז געשאַפנ געוואָרנ אַרומ די דעפּוטאַטישע גרופּעס. אַלס קלאַל שטייט אינ דער שפּיצ פונ יעדער גרופּע דער בעסטער קאָלווירטניק-שלאָגלער... אַלע מיט-גלידער פונ האַרפּראַט (21 מענטשנ) אונ דער גאַנצער סאָוועטישער אַקטיוו (55 מענטשנ) אַרבעטנ דירעקט אינ די פּראָדוקציע-בריגאַדעס פונ אַרטעל. זייער געזעל-שאַפטלעכע אַרבעט פילנ זיי אויס אָדער אײַדער עס הייבט זיכ אָנ, אָדער נאָכ דעמ ווי עס ענדיקט זיכ זייער אַרבעט-טאָג.

מיט וואָסערע מעטאָדנ אַרבעטנ אונדזערע דעפּוטאַטישע גרופּעס?

לאָמיר נעמענ פאַר אַ ביישפּיל איינע פונ די וויכטיקסטע שלאַכט-פראַגנ — די זריע-אָנשיטונג. יעדע דעפּוטאַטישע גרופּע האָט אויסגעטיילט צוהילפ די פּראָדוקציע-בריגאַדעס אוי-דע בעסטע אַקטיוויסטנ, וואָס האָבנ אויסגעפילט זייערע אויפגע-בונגענ אויפ זאַמלענ דעמ זריע-פאָנד. צוזאַמענ מיטנ קאָלווירטישנ אַקטיוו האָט דער סאָוועטישער אַקטיוו ניט באַגרענעצט זיכ מיט פאַרזאַמלונגענ אונ האָט דורכגעפירט שמועסנ בא די קאָלווירטניקעס אינ דער היימ. עס איז אײַנגעפירט געוואָרנ אַ שטרענגער דיסקאַנט פונעמ אָנקומ פונ זריע-מאַטעריאַל. האָבנדיק אזא דיסקאַנט אונ קענענדיק אַלע קאָלווירטניקעס פונ איר בריגאַדע, ווי אירע פינפ פינגער, האָט די דעפּוטאַטישע גרופּע געקאָנט אָנ אַ טאָעס פעסטשטעלנ, ווער האָט נאָכ ניט אויסגעפילט זיינ פאַרפליכטונג.

די דעפּוטאַטישע גרופּעס זיינענ געווענ די אָרגאַני-זאַטאָרס פונעמ קאַמפ קעגנ דעמ באַלעגופישנ סאַבאָ-

סטאַדיע. וואַגטער דער אָנפֿירונג פֿון די מיטגלידער פֿונעם האָרפּראַט שטעפּאַ, בולאַק, סליפּטשענקאָ און אַנדערע זיינען אויפֿגעדעקט געוואָרן צענדליקער גריבער מיט פֿאַרבאַהאַלטענעם ברויט. די, וואָס פֿלעגן געפֿינען דאָס צעגאַנוועטע ברויט, פֿלעגט מען אַרויסגעבן 15 פּראָצ. פֿונעם געפֿונענעם סכום.

מיט פֿאַרגרעסערנדיקן כ' סטאַלינס ווערטער, אַז דעם באַלעבאַטים דאַרף מען זוכן ניט אויסערן קאָלווירט, נאָר אין קאָלווירט גופֿא, האָבן די מיטגלידער פֿון האָרפּראַט טאַקע אַזוי געטאָן. אין דער דריטער און פֿערטער בריגאַדעס איז די זריע־אָנשיטונג געגאַנגען זייער שוואַך. האָט מען גענומען זוכן די סיבעס. און וואָס זשע האָט זיך אַרויסגעוויזן? דער מיטגליד פֿון האָרפּראַט אַנאַ סעמעניוטאַ האָט קלאָר געמאַכט, אַז דער פֿאָרזיצער אַליין פֿון אַ דעפּוטאַטישער גרופּע פֿון איין בריגאַדע דיאַדיק האָט ניט בלויז סאַבאָטירט די קערנער־אָפּליפֿערונג, נאָר ער האָט געגאַנוועט ברויט, האָט געהאַט אַ פֿאַרבינדונג מיט די באַלעגופּים, פֿלעגט מעלדן, אַז קיין ברויט איז ניטאָ אאַז"וו. דער פּלענום פֿון האָרפּראַט האָט אויסגעשלאָסן דיאַדיקן פֿון זיין באַשטאַנד, האָט אים אַראָפּגענומען פֿון דער אַרבעט אין דער דעפּוטאַ־טישער גרופּע און אַף זיין אָרט איז אויסגעוויילט געוואָרן כיטע סעמעניוטאַ. אין עטלעכע טעג אַרום איז די זריע אָנגעשאָטן געוואָרן.

די דעפּוטאַטישע גרופּע הערט אויס סיסטעמאַטיש אַף אירע זיצונגען באַריכטן פֿון די בריגאַדירן און זיי גופֿא רוקט זי אַרויס פּראַקטישע מאָסמיטלען. די היגע מאָסמיטלען האָבן אין אַ היפּשער מאָס מיטגעהאָלפֿן פֿאַרבעסערן די אַרבעט־אָרגאַניזירונג אין די בריגאַדעס, די פּלאַנירונג, העכערן די אַרבעט־דיסציפּלין אאַז"וו.

בײַ אונדזער האָרפּראַט אַרבעטן 7 סעקציעס".

ביישפּילן פֿון אַזאַ אַרבעט אין די דאָרפּראַטן וואָלט מען געקאָנט ברענגען זייער אַ סאַך. מע דאַרף אָבער זאָגן, אַז די מערהייט אָנפֿירנדיקע דאָרפֿישע אָרגאַ־ניזאַציעס האָט נאָך ווייט ניט פֿאַרנומען די גאַנצע וויכטיקייט פֿון דער מאַסן־אַרבעט פֿון די דאָרפּראַטן.

די אַרבעט פֿון די סעקציעס און פֿון די דעפּוטאַטישע גרופּעס דאַרף אַנט־שיידן איבערגעבויט און אויפֿגעלעבט ווערן. די סעקציעס דאַרפֿן ווערן אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע און אַרייַנציען די ברייטסטע קרייזן דאָרפֿישן אַקטיוו (און ניט בלויז די מיטגלידער פֿון די דאָרפּראַטן).

דעם צענטער פֿון דער אויפֿמערקזאַמקייט דאַרף מען אַריבערטראָגן פֿון די זיצונגען און אויספֿאָרשונגען אַף דער זאַכלעכער אַרבעט פֿון אָנפֿירן, העלפֿן די קאָלווירטן און באַדינען די אַרבעטנדיקע.

דעפּוטאַטישע גרופּעס דאַרף מען אָרגאַניזירן אין אַלע פּראָדוציר־אונטערנעמונגען, ניט בלויז אין די קאָלווירטן און ראַטווירטן, נאָר אויך אין די קאָלווירטישע בריגאַדעס און אַף די ראַטווירטישע באַצירקן. מע דאַרף מאַכן די דעפּוטאַ־טישע גרופּע פֿאַר אַ קנופּ־פּונקט פֿון דער גאַנצער מאַסן־ראַטן־אַרבעט אַף די פּראָדוציר־באַצירקן און באַהעפֿטן אַרום איר אַ ברייטן אַקטיוו.

צוזאמען מיט דעם האבן די דאָרפראטן ברייט פאנאנדערוויקלען אלע אנדערע פארמען מאסן־ארבעט — פראדוצירבאראטונגען, דעלעגאטישע פארזאמלונגען, יוגנט־פארזאמלונגען, שלאָגלער־צוזאמענפליען; אלגעמיינע וויילער־פארזאמלונגען איבער די וויכטיקסטע פראגן, פארברייטערטע פלענומען, ארויספאָר־פלענומען פון די דאָרפראטן אד״ג.

עס איז פאראן נאָך איין אויפגאבע, וואָס ליגט זיך באזונדערס אף די דאָרפראטן. דאָס זיינען די אינדיווידועלע פויערשע ווירטשאפטן.

אינדיווידועלע אָרעמפויערשע און מיטלפויערשע ווירטשאפטן זיינען בא אונדז פארבליבן א מינדערהייט, דעריבער האָבן א סאך דאָרפראטן, א סאך דאָרפישע טוער אָנגעהויבן פארגעסן וועגן דעם אינדיווידואל, האָבן זיך גענומען באציען מיט ביטל צו דער אינדיווידועלער ווירטשאפט.

אזא באציונג צום אינדיווידואל איז אבסאָליוט ניט דערלאָזבאר.

אלע דאָרפראטן, אלע דאָרפישע טוער דארפן פעסט געדענקען כ׳ סטאלינס ווערטער:

„אינדיווידואלן זיינען פאראן און מען קאָן זיי ניט אוועקוואַרפן פון חשבון, ווייל זיי זיינען אונדזערע מאָרגנדיקע קאָלווירטניקעס".

אינדיווידועלע ווירטשאפטן זיינען נאָך בא אונדז פארבליבן העכערן איין דריט־בייטעך — בא 10 מיליאָן הויפן. ניט קיין קליינע צאָל. אין איינציקע געגנטן און ראיאָנען איז דער פראָצענט אינדיווידועלע ווירטשאפטן א סאך העכער און בילדעט אפילע א מערהייט. דער פארזיי־שטעטעכל פון די אינדיווידועלע ווירטשאפטן שטייגט אין אלגעמיין איבער 18 מיליאָן העקטאר. דאָס איז א גוטער הונדערט מיליאָן צענטנער גערעטעניש און עפשער אויך מער.

די ביטלדיקע באציונג צו די אינדיווידועלע ווירטשאפטן האָט געבראכט, למשל, אין 1933 יאָר דערצו, אז ביים די קאָלווירטן און ראטווירטן האָבן איבערגעשטיגן דעם פארזיי־פלאן, האָט זיך דער דאָזיקער פלאן, אינגאנצן גענומען, ארויסגעוויזן ניט אויסגעפילט אף 2 פראָצ. אחוץ דעם, וואָס די אינדיווידואלן האָבן ניט אלץ פארזייט.

די ביטלדיקע באציונג צו די אינדיווידואלן וויל מען ניט זעלטן באַרעכטיקן מיט דעם, וואָס די אינדיווידואלן זיינען קלאָמערשט אלע געוואָרן ספעקולאנטן. אָבער דאָס איז ניט ריכטיק. כ׳ סטאלין זאָגט:

„איך ווייס, אז איין טייל אינדיווידואלן איז ענדגילטיק דעמאָראליזירט געוואָרן און איז אוועק צו ספעקולאציע... אָבער עס איז פאראן אן אנדערער, דער גרעסערער טייל אינדיווידואלן, וואָס איז צו ספעקולאציע ניט אוועק, נאָר פארדינט זיין ברויט מיט ערלעכער האָרעוואניע".

די דאָרפראטן און אלע דאָרפישע ארגאניזאציעס דארפן זיך באציען צו די דאָזיקע ערלעכע אינדיווידואלן, ווי צו מאָרגנדיקע קאָלווירטניקעס. צווישן זיי דארף מען פירן א מאסנארבעט, דערקלערן זיי די באשטימונגען פון דער ראטנמאכט און פון דער פארטיי, צושטייערן אלע זייערע ספייקעס, באנוצן דעם איינפלוס פונעם באלעגוף אף זיי, ארגאניזירן זיי אף אויספילן די מלוכישע אויפגעבונגען, געבן זיי די נייטיקע פראדוצירישע הילף.

„די דאָזיקע אינדיווידואַלנ, — זאָגט ווײַטער כ׳ סטאַלינ, וואָלטנ עפּשער ניט געהאַט קעגנ אַרײַנגײַנ אינ קאָלווירט. אָבער עס שטערנ זיי, פונ אײנ זײַט, זייערע וואַקלענדיקע וועגנ דער ריכטיקײַט פונעמ קאָלווירטישנ וועג, אונ פונ דער צווייטער — די פאַרביטערונג, וואָס איז איצט פאַראַנ צווישנ די קאָלווירטניקעס קעגנ די אינדיווידואַלנ.

אַוודאי, מע דאַרפ פאַרשטײַנ די קאָלווירטניקעס אונ אַרײַנגײַנ אינ זייער לאַגע. פאַר די דאָזיקע יאָרנ האָבנ זיי זיכ אָנגעליטנ ניט ווייניק אַוולעס אונ שפּאָט מיצאַד די אינדיווידואַלנ. אָבער די אַוולעס אונ שפּאָט דאַרפנ דאָ ניט האָבנ קײנ אױסשײַדנדיקע באַדײַטונג. א שלעכטער איז יענער אָנפירער, וואָס קאָנ ניט פאַרגעסנ קײנ אַוולעס אינ וואָס זײַנע געפילנ שטעלט ער העכער, איידער די אינטערעסנ פונעמ קאָלווירט־וועזנ...

איכ בינ ניט קעגנ דעמ, אַז מע זאָל אָננעמענ אינ די קאָלווירטנ מיט אַנ אָפּקלײַב, איכ בינ אָבער קעגנ דעמ, אַז מע זאָל פאַרמאַכנ דעמ וועג אינ די קאָלווירטנ פאַר אַלע אינדיווידואַלנ אָנ אונטערשייד. דאָס איז ניט אונדזערע, ניט קײנ באָלשעוויסטישע פּאָליטיק. די קאָלווירטניקעס טאָרנ ניט פאַרגעסנ, אַז זיי אַלײנ זײַנענ ערשט ניט לאַנג געווענ אינדיווידואַלנ".

בײַ די דאָזיקע אָנווײַזונגענ פונעמ כ׳ סטאַלינ דאַרפ מענ זיכ שטאַרק האַלטנ. די הױפּטאױפמערקזאַמקײַט פונ די דאָרפראַטנ אונ פונ די דאָרפישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, דאַרפ, פאַרשטײט זיכ, געווענדט ווערנ אַפ די קאָלווירטנ, ווײַל די קאָלווירטנ זײַנענ געוואָרנ דער גרונט־פּראָדוצירער פונ דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע בײַ אונדז אינ פאַרבאַנד. אָבער מיר דאַרפנ זיכ נאָכ דערשלאָגנ, אַז דער אינדיווידואַל זאָל ניט פאַרמינערנ אונדזערע דערגרייכונגענ, זאָל ניט פאַרקלענערנ אונדזערע דערפאָלגנ, זאָל אונדז ניט ציענ אַפ צוריק. מיר דאַרפנ זיכ דערשלאָגנ, אַז די אַרבעטנדיקע אינדיווידואַלנ אינ אַנ אײנהייטלעכנ פראָנט, אינ אײנ ריי מיט די קאָלווירטניקעס זאָלנ קעמפנ פאַר לייזנ אַלע אויפגאַבנ, וואָס שטײענ פאַר אונדז אינ דער לאַנדווירטשאַפט. אַפ אַזאַ אופנ וועלנ מיר גיכער פונ אַלצ אַרײַנציענ אינ די קאָלווירטנ די רעשטלעכ אינדיווידועלע ווירטשאַפטנ.

★

שלוס

אינ אונדזער פינפטנ שמועס האָבנ מיר באַטראַכט יענע נייע באַדינגונגענ פונ קאַמפ אונ אַרבעט, וואָס עס האָט געשאַפנ אינ דאָרפ דער ניצחונ פונ די קאָלווירטנ. דער וועג צו דער אַלטער, פּריוואַט־אײגנטימערישער ווירטשאַפט איז ענדגילטיק פאַרמאַכט. די דאָרפישע בורזשואַזיע איז צעטראָמירט. אָבער דער קלאַסנ־סוינע איז נאָכ ניט אינגאַנצנ צעקלאַפּט. ער האָט פאַרשטאַרקט זײַנ ווידערשטאַנד דער סאָציאַליסטישער בויונג, ער האָט אָנגעהויבנ אָנווענדנ נײַע קאַמפּ-

מעטאָדנ, א נײַע טאַקטיק, וואָס באַשטײט אינ אונטעררײַסנ אונדזער סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט פונ אינעווייניק, אינ ווירטשאַפטלעכער שעדיקערײַ, אינ באָרעוו מאַכנ די קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ.

די מעגלעכקײַט פונ אַזאַ ווידערשטאַנד דערקלערט זיכ מיט דעמ, וואָס צווישנ די קאָלווירטניקעס זײַנענ פאַראַנ פּריוואַט-אײגנטימערישע אונ באַלעגופּישע איבערבלײַבענישנ (וואָס דער סוינע נוצט זײ טאַקע אויס), אָבער באַזונדערס מיט דעמ, וואָס אונדזערע דאָרפישע פּאַרטײַישע אונ סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס האָבנ אינ א סאַכ פאַלנ ניט ארויסגעוויזנ די געהעריקע רעוואָלוציאָנערע וואַכזאַמקײַט, האָבנ ניט פאַרשטאַנענ די נײַע באַדינגונגענ פונ קלאַסנקאַמפּ אינ דאָרפ, די נײַע אויפגאַבנ פונ זײער אַרבעט.

א סאַכ דאָרפישע טוער האָבנ איבערגעשאַצט די קאָלווירטנ אַלס סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגענ, האָבנ אָנגענומענ די קאָלווירטניקעס פאַר פאַרטיקע סאָציאַליסטנ, האָבנ אָפּגעשוואַכט די אָנפירונג מיט די קאָלווירטנ. אָנשטאָט צו פאַרשטאַרקנ זי.

די פּאַרטײ האָט אינ כ׳ סטאַלינס פּערזאָנ געגעבנ אויסשעפּנדיקע אָנווײַזונגענ וועגנ פאַריכטנ די טעותים אונ פעלערנ פונ דער פּאַרטײ-אַרבעט אינ דאָרפ. די פּאַרטײ האָט געשאַפנ אינ דאָרפ באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס דאַרפנ פּאָליטיש דערגאַנצנ די ווירטשאַפטלעכ-טעכנישע אָנפירונג מיט די קאָלווירטנ, מיט די מאַשינ-טראַקטאָרישע סטאַנציעס אונ מיט די ראַטווירטנ, דאַרפנ העלפנ אָרגאַניזאַציאָנעל אונ פּאָליטיש באַפעסטיקנ די קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ, העלפנ ארויסשלײַדערנ די קלאַסנ-פײַנטלעכע עלעמענטנ, וואָס זײַנענ אַרײַנגעדרונגענ אינ אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, מאַכנ זײ ענטגילטיק אומשעדלעכ, פולשטענדיק בײַקומענ דעמ בורזשואַז-באַלעגופּישנ אײַנפלוס אַפ די אַרבעטנדיקע אונ מאַכנ אַלע קאָלווירטנ פאַר באָלשעוויסטישע.

אינ דעמ באַשטײט די אויפגאַבע פונ די פּאָליטישע אָפּטײלנ בײַ די מאַשינ-טראַקטאָרישע סטאַנציעס אונ ראַטווירטנ.

מיר האָבנ זיכ באַקענט מיט די אויפגאַבנ פונ די אָרגאַנענ פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אינ דאָרפ — מיט די דאָרפראַטנ. מיר האָבנ אָפּגעוואָרפנ די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע טעאָריע, וואָס לייגט פאָר אָפּצושאַפנ די דאָרפראַטנ. מיר האָבנ געזענ, אַז צו די פליכטנ פונ די דאָרפראַטנ געהערנ אויפגאַבנ פונ קאָלאָסאַלער וויכטיקײַט פונ אָנפירנ מיט דער סאָציאַליסטישער איבערבויונג פונ דער לאַנדווירטשאַפט, פונ אַרײַנציִענ די אַרבעטנדיקע מאַסנ פונ דאָרפ אינ דער דירעקטער אַרבעט פונ דער מעלוכע-פאַרוואַלטונג, פונ קעמפנ קעגנ די קלאַסנ-פײַנטלעכע עלעמענטנ אונ קעגנ די פאַרקריפלונגענ פונ דער פּאָליטיק פונ דער ראַטנ-מאַכט אינ דאָרפ. בײַ דער גאַנצער אויפמערקזאַמקײַט צומ פאַרפעסטיקנ אונ אַנטוויקלענ די קאָלווירטנ אַלס גרונט-פּראָדוצירער פונ דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע, טאָר מענ אינ קײנ פאַל ניט אוועקמאַכנ מיט דער האַנט די אינדיווידועלע האָרעפּאַשנע ווירטשאַפטנ, וואָס האָבנ נאָכ א באַדײַטנדיקע וואָג אינ אונדזער פאָלקווירטשאַפט. די אַרבעטנדיקע אינדיווידואַלנ דאָס זײַנענ אונדזערע מאָרגנדיקע קאָלווירטניקעס.

די פאַרפעסטיקונג פונ דער פּראָלעטאַרישער אָנפירונג מיטנ דאָרפ דינט אַלס גאַראַנטיע פאַרנ ענדגילטיקנ בײַקומענ אַלע שוועריקײַטנ, וואָס פאַרבלײַבנ נאָכ אַפנ וועג פונעמ פולשטענדיקנ טריומפ פונ סאָציאַליזמ אינ אונדזער לאַנד.

פראַגנ פאַר זעלבסטקאָנטראָל

וואָס רעדט מענ בא אײַכ אינ קאָלווירט, ראַטווירט, אינ דער מאַשינ-טראַקטאָרישער סטאַנציע, אינ דאָרפ וועגנ די באַלעגופימ, וועגנ זייער נײַער טאַקטיק, וועגנ דעמ קאַמפ קעגנ די באַלעגופישע אונ אַנדערע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע עלעמענטנ? וואָס רעדט מענ וועגנ די גנייוועס פונעמ געזעלשאַפטלעכנ אייגנטומ אונ וועגנ זײַנ באַוואַכונג?

וואָס רעדט מענ וועגנ די פּאָליטאָפּטיילנ פונ די מאַשינ-טראַקטאָרישע סטאַנציעס אונ פונ די ראַטווירטנ?

וועגנ דעמ לאָזונג „מאַכנ אַלע קאָלווירטנ פאַר באָלשעוויסטישע"?

וואָס רעדט מענ וועגנ די באַציונגענ צווישנ די קאָלווירטניקעס אונ אינדיווידואַלנ?

וואָס רעדט מענ וועגנ דער אַרבעט פונ די דאָרפראַטנ?

פּרוּווט אָפּשאַצנ די דאָזיקע אַלע אַרויסזאָגונגענ, שטיצנדיק זיכ אויפנ אינהאַלט פונ אונדזער פינפטנ שמועס.

ע ר ש ט ע ר ט ײ ל.

1. אינ וואָס באַשטייט די נײַע טאַקטיק פונעמ קלאַסנ-סוינע?
2. פאַרוואָס איז נייטיק פאַרפעסטיקנ די פּראָלעטאַרישע אָנפירונג מיטנ דאָרפ?
3. פאַרוואָס איז דער קאָלווירט א סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט-פאָרמ?

צ װ ײ ט ע ר ט ײ ל

1. וואָס זײַנענ די אויפגאַבנ פונ די פּאָליטאָפּטיילנ בא די מאַשינ-טראַקטאָרישע סטאַנציעס אונ ראַטווירטנ?
2. וואָס באַטײַט „מאַכנ אַלע קאָלווירטנ פאַר באָלשעוויסטישע"?
3. פאַרוואָס איז נייטיק צו באַוואַכנ אונ פאַרפעסטיקנ דאָס געזעלשאַפטלעכע, סאָציאַליסטישע אייגנטומ?
4. וואָס זײַנענ די גרונט-אויפגאַבנ פונ די דאָרפראַטנ?
5. ווי אַזוי דאַרפ זײַנ אונדזער באַציונג צו די אַרבעטנדיקע אינדיווידואַלנ?

די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) אונ דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל

וועגנ וואָס רעדט זיכ אינעמ זעקסטנ שמועס

מיר האָבנ זיכ באַקענט אינ אונדזער ערשטנ שמועס מיט דער לערע פונ מאַרקס-ענגעלס-לענינ-סטאַלינ, וועגנ סאָציאַליזמ, וועגנ קאָמוניזמ. די דאָזיקע לערע איז דאָס טעאָרעטישע געווער, די ריכטליניע צו רעוואָלוציאָנערנ טאַט, דער יעסאָד פונ דער גאַנצער טעטיקייט פונ די קאָמוניסטישע פּאַרטייענ.

אינ די פאַריקע שמועסנ האָבנ מיר דערציילט וועגנ דער פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג פונעמ סאָציאַליזמ אינ ראַטנפאַרבאַנד. מיט דעמ פירט אָנ די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס).

מיר דאַרפנ קלאָר מאַכנ, וואָס איז אַזוינס די פּאַרטיי. ווענ אונ וויאַזוי זי איז אַנטשטאַנענ? פאַרוואָס איז זי נייטיק? וואָס פאַר אַ פּאַרטיי איז אונדז נייטיק? מיט וואָס אונטערשיידט זיכ די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונ אַנדערע פּאַרטייענ? וויאַזוי איז זי אָרגאַניזירט, וויאַזוי אַנטוויקלט זי זיכ? וויאַזוי אַרבעט זי? וויאַזוי פירט זי אָנ?

מיט איינ וואָרט, מיר דאַרפנ זיכ באַקענענ מיט דער לערע פונ מאַרקס-ענגעלס-לענינ-סטאַלינ וועגנ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אונדזער פּאַרטיי בילדעט אַ טייל פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאַציאָנאַל. מיר דאַרפנ קלאָר מאַכנ, וואָס איז אַזוינס דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וויאַזוי קעמפט ער פאַר

אראָפוואַרפנ די הערשאַפט פונ דער בורזשואַזיע, פארנ קאָמוניזמ? וואָס זײַנענ די באַדינגונגענ פונ זײַנ אַרבעט? וואָס זײַנענ זײַנע אױפגאַבנ?

מיט די דאָזיקע אַלע פראַגנ װעלנ מיר זיך טאָקע פאַרנעמענ אינ אונדזער זעקסטנ שמועס.

דעמ דאָזיקנ לעצטנ שמועס טײלנ מיר אײַנ אינ דרײַ טײלנ;

ערשטער טײל: װאָס איז אַזױנס פאַרטײ.

צװײטער טײל: דער קאַמפ אױף צװײ פראָנטנ.

דריטער טײל: דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל.

ערשטער טייל

וואָס איז אזוינס די פארטיי?

ווי אזוי איז אנטשטאנענ אונ פארוואָס האָט געקעמפט די פארטיי באמ צאריזמ

אונדזער קאָמוניסטישע פארטיי באָלשעוויקעס איז אנטשטאנענ נאָכ אינ די לאנג-פארגאנגענע צײַטנ אינעמ אלטנ צארישנ רוסלאנד. די באדינגונגענ פאר דער אנט-שטייונג פונ דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער-פארטיי זײַנענ געשאפנ געוואָרנ אדאנק דעמ וווּקס פונעמ ארבעטער-קלאס, אדאנק דעמ וווּקס פונ דער ארבעטער-באוועגונג קעגנ דעמ קאפּיטאליזמ.

ארבעטער-קרײַזלעכ אונ ארגאניזאציעס האבנ אָנגעהויבנ זיכ באווײַזנ אינ רוס-לאנד נאָכ אינעמ לעצטנ פערטל פונ 19-טנ יאָרהונדערט. אינ 1895 יאָר איז גע-שאפנ געוואָרנ אונטער לענינס אָנפירונג דער פּעטערבורגער „פארבאנד צו קעמפנ פאר באפרײַענ דעמ ארבעטער-קלאס", וואָס איז געווענ דער עמבריאָנ פונ אונדזער פארטיי.

אונדזער פארטיי האָט געלעבט אונ געארבעט אינ די באדינגונגענ פונ שווערנ קאמפ אונ פונ ווילדע פארפאָלגונגענ מיצאד דער צארישער רעגירונג.

הונדערטער אונ טויזנטער פונ די בעסטע קעמפער פונ דער פארטיי זײַנענ דורכ-געגאנגענ דורכ טורמע אונ פארשיקונג, דורכ יעסורימ אונ פײַניקונגענ, זײַנענ אומ-געקומענ פונ דער האנט פונ די צארישע טאליאָנימ. אָבער אינ דעמ רעוואָליוציאָ-נערנ קאמפ האָט זיכ אויסגעשמידט אונ פארהארטעוועט די שטאָלענע באָלשעוויס-טישע פארטיי.

פאר וואָס זשע האָט געקעמפט אונדזער פארטיי באמ צאריזמ?

די פארטיי האָט געפירט א קאמפ קעגנ דער צארישער זעלבסטהערשונג, האָט אָנגעפירט מיט די שטרײַקנ פונ די ארבעטער, מיטנ קאמפ פונ די פויערימ קעגנ די פּריצימ. דעמ דאָזיקנ גאנצנ קאמפ האָט די פארטיי פונ אָנהייב אָנ ענג פארבונדנ

מיטנ קאמפ פארנ סאָציאַליזמ — פאר באפרײַענ די ארבעטנדיקע פונעמ יאָכ פונ קאפּיטאל.

נאָכ די ערשטע ארבעטער־אָרגאניזאציעס, ווי, לעמאָשל, דער „דאָרעמ־רוסישער ארבעטער־פארבאנד" (אינ די יאָרנ 1873—1875), דער „צאָפנ־רוסישער ארבעטער־פארבאנד" (אינ די יאָרנ 1877—1879), האָבנ געשטעלט אינ זייער טעטיקײַט־פּראָגראמ דעמ סאָציאַליזמ אלס דעמ *„גרויסנ ענדציל"*.

אינ 1898 יאָר איז פאָרגעקומענ דער ערשטער פּארטיי־צוזאמענפאָר. דער צוזאמענפאָר האָט אָנגענומענ א מאַניפעסט, אינ וועלכנ עס איז געזאָגט געוואָרנ:

„דער רוסישער פּראָלעטאריאט וועט אראָפּוואַרפנ פונ זיכ דעמ יאָכ פונ דער זעלבסטהערשונג, כּדי מיט א גרעסערער ענערגיע פאָרזעצנ דעמ קאמפ קעגנ דעמ קאפּיטאליזמ אונ דער בורזשואזיע ביזנ פולשטענדיקנ נִיצאָכנ פונ סאָציאַליזמ".

די אָנטיילנעמער פונעמ ערשטנ צוזאמענפאָר האָט מענ ארעסטירט. דער גרינדונג־צוזאמענפאָר פונ דער פּארטיי איז פּאקטיש געווענ דער צווייטער צוזאמענפאָר אינ 1903 יאָר. אפ דעמ דאָזיקנ צוזאמענפאָר איז אָנגענומענ געוואָרנ די פּאנאנדערגעוויקלטע *פּראָגראמ פונ דער פּארטיי*. אינ דער פּראָגראמ ווערט געזאָגט, אז די פּארטיי שטעלט זיכ פארנ ענדציל פונ איר גאנצער טעטיקײַט *„פארבײַטנ די קאפּיטאליסטישע פּראָדוציר־פארהעלטענישנ מיט סאָציאַליסטישע"* אונ אלס מיטל צו דערגרייכנ דעמ דאָזיקנ ציל רוקט זי ארויס די *פּראָלעטארישע רעוואָלוציע* קעגנ דער בורזשואזיע אונ די *דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט*: *„דער פּראָלעטאריאט זאָל דעראָבערנ אזא פּאָליטישע מאכט, וואָס זאָל אימ געבנ א מעגלעכקײַט צו אונטערדריקנ יעטווידער ווידערשטאנד פונ די עקספּלואטאטערס"*.

אפנ צווייטנ צוזאמענפאָר איז פאָרגעקומענ א שפּאלטונג אפ באָלשעוויקעס אונ מענשעוויקעס. פונ דאנ אָנ עקזיסטירנ די באָלשעוויקעס אלס באזונדערע זעלבשטענדיקע פּארטיי*.

אזוי־ארומ האָט אונדזער *פּארטיי פונ איר סאמע אנטשטייונג אָנ נאָכ באמ צאריזמ געקעמפט פארנ סאָציאַליזמ*. פונ סאמע אָנהייב אָנ האָט די פּארטיי געשטעלט פאר איר אויפגאבע — פאָרוויקנ די צעשפּליטערטע, די סטיכיישע פּרווונ פונ קאמפ פונ די ארבעטער אינ אָנ אָרגאניזירטנ, באוווּסטזיניקנ קאמפ פונ גאנצנ ארבעטער־קלאס, געצילט קעגנ דער הערשאפט פונ דער בורזשואזיע, פארנ סאָציאַליזמ.

אָבער דער צעיושעטער צארישער רעזשימ האָט אכזאָריעסדיק אונטערדריקט יעטווידער שטרעבונג צו פרײַהײַט, יעטווידער קאמפ פונ די ארבעטנדיקע פאר פארבעסערנ זייער לעבנ, אלצייינס צי דאָס זײַנענ געווענ ארבעטער־שטרײַקנ קעגנ די קאפּיטאליסטנ פאר פארבעסערנ די ארבעטבאדינגונגענ, אָדער דער קאמפ פונ די פּויערימ קעגנ די פּריצימ פאר ערד. די זעלבסטהערשערישע צארישע אָרדענונג איז געווענ די הויפּט־שטערונג פארנ קאמפ פונעמ ארבעטער־קלאס פאר זײַנ באפרײַונג,

* וועגנ דעמ צווייטנ צוזאמענפאָר וועלנ מיר נאָכ ווײַטער ריידנ.

פאַרנ סאָציאַליזמ. עס איז נייטיק געווענ קוידעמקאָל אראָפּוואַרפנ די זעלבסט־הערשונג.

אָט פאַרוואָס אינ דער פּראָגראַמ פונ דער פּאַרטיי איז ארויסגעשטעלט געוואָרנ א גאַנצע ריי נאָענטסטע פאָדערונגענ, וואָס זײַנענ באַשטאַנענ אינ אראָפּוואַרפנ די זעלבסטהערשונג דורכ א רעוואָליוציע, אינ אײַנשטעלנ פּאָליטישע פרײַהײַטנ, א דעמאָקראַטישע רעפּובליק, אינ פאַרבעסערנ די ארבעט־באַדינגונגענ פונ די ארבעטער אונ אינ אָפּנעמענ די ערד לעטוווועס די פּויערימ.

אינ זײַנ קאַמפּ קעגנ דעמ צאַריזמ, קעגנ די פּריצימ אונ קאַפּיטאַליסטנ, איז דער ארבעטער־קלאַס ארויסגעטראָטנ אַלס איינציקער רעוואָליוציאָנערער ביז סאָפ פאָרשטייער אונ פאַרטיידיקער פונ די אינטערעסנ פונ אַלע ארבעטנדיקע אונ עקספּלואַטירטע, קוידעמקאָל פונעמ פּויערטומ.

די פּאַרטיי האָט פונ סאַמע אָנהייב אָנ געשטעלט די אויפגאַבע אָנצופירנ מיטנ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ פונ די פּויערימ קעגנ די פּריצימ אונ האָט ארויסגעשטעלט אינ איר פּראָגראַמ א ריי פאָדערונגענ וועגנ אָפּגעמענ די ערד לעטוויוועס די פּויערימ, וועגנ אָפּשאַפנ די פאַרשיידענע צאָלונגענ אינ פליכטנ פונ די פּויערימ אאַוו. מיצאַד די ברייטע מאַסנ ארבעטנדיקע האָט דער ארבעטער־קלאַס באַגעגנט אַנ אונטערשטיצונג אינ זײַנ קאַמפּ.

דער קאַמפּ פאַר פּאָליטישער פרײַהײַט, פאַר די נאָענטסטע פאָדערונגענ האָט די פּאַרטיי באַטראַכט אַלס מיטל אָפּ דערגרייכנ דעמ ענדציל, אַלס ארויסגאַנג־פּונקט פאַרנ ווייטערדיקנ קאַמפּ פאַרנ סאָציאַליזמ. לענינ האָט ניט איינמאָל וועגנ דעמ געשריבנ. אונ פאַר דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר האָט אונדזער פּאַרטיי אָפנ דערקלערט, אַז זי וועט ניט בלויז פאָרזעצנ דעמ קאַמפּ פאַר פאַרניכטנ פולשטענדיק די צאַריש־פּריצישע אָרדענונג, נאָר זי וועט אָנווענדנ אַלע קרעפטנ, קעדיי די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע זאָל איבערוואַקסנ אינ א סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע.

אינ סענטיאַבער 1905 יאָר האָט לענינ געשריבנ:

„פונ דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע וועלנ מיר טייקעפּ אָנהייבנ אריבערגייג אונ גראָד לויט אונדזערע קרעפטנ, לויט די קרעפטנ פונעמ באַוווּסטזיניקנ אונ אָרגאַניזירטנ פּראָלעטאַריאַט, וועלנ מיר אָנהייבנ אריבערגייג צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. מיר זײַנענ פאַר אַנ אָנויפהערלעכער רעוואָליוציע. מיר וועלנ זיכ ניט אָפּשטעלנ אפנ מיטנ וועג".

אונ ווענ די פעוורואַל־רעוואָליוציע פונ 1917 יאָר האָט אראָפּגעוואָרפנ דעמ צאַריזמ, האָט אונדזער פּאַרטיי טייקעפּ פאַנאַנדערגעוויקלט א ברייטנ קאַמפּ פאַר אראָפּוואַרפנ די מאַכט פונ דער בורזשואַזיע, פאַר א סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע.

דאָס ווייסנ אַלע.

אינ אָקטיאַבער 1917 יאָר האָט די פּאַרטיי אויפגעהויבנ אַנ אויפשטאַנד קעגנ דער בורזשואַזער רעגירונג. דער פּראָלעטאַריאַט האָט אראָפּגעוואָרפנ די מאַכט פונ דער בורזשואַזיע, האָט אײַנגעשטעלט די ראַטנמאַכט, די דיקטאַטור פונעמ ארבעטער־קלאַס.

די ארבעטער נעמענ אײַנ דעמ װינטער־פּאַלאַצ — דעמ 25 אָקטיאַבער (7־טנ נאָיאַבער) 1917 יאָר

אָט װי אַזױ אונדזער פּאַרטײ האָט געקעמפֿט, ביז װאַנענ זי האָט ענדלעכ ניט דער־אָבערט די מעגלעכקײט נעמענ זיכ צו פֿאַרװירקלעכנ איר ענדציל — אױפֿבױענ די אַנקלאַסנדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט.

דער פֿאָרגעשריטענער אָטריאַד פֿונעמ ארבעטער־קלאַס

װאָס זשע איז אַזױנס די פּאַרטײ און פֿאַרװאָס איז זי נײטיק די ארבעטער?

דער גרונט־געדאַנק פֿונ דער לערע פֿונ מאַרקס—ענגעלס באַשטײט אינ דעמ, אַז די אַנטװיקלונג פֿונ קאַפּיטאַליזמ שאַפֿט אַ באַזונדערנ קלאַס — דעמ פּראָלעטאַריאַט און אַז דער דאָזיקער קלאַס װערט אומפֿאַרמײַדלעכ דער „באַגראָבער" פֿונ דער בורזשואַזיע, דער שעפֿער פֿונ אַ נײַער, סאָציאַליסטישער, קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט.

אָבער װײַט ניט מיטאַמאָל און װײַט ניט דער גאַנצער ארבעטער־קלאַס דערגײט ביזנ באַװוּסטזײַנ, אַז עס איז נײטיק אָפּ אַ רעװאָלוציאָנערנ אױפֿנ אַראָפּװאַרפֿנ די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. די געשיכטע פֿונ דער ארבעטער־באַװעגונג באַװײַזט אונדז, אַז די ארבעטער פֿאַראײניקנ זיכ צוערשט בלױז, כדי צו קעמפֿנ קעגנ זײערע באַלעבאַטימ פֿאַר בעסערע ארבעט־באַדינגונגענ, שטרעבנ צו דערשלאָגנ זיכ, אַז די בורזשואַזע רעגירונגענ זאָלנ אַרױסגעבנ געזעצנ, װאָס זאָלנ פֿאַרלײַכטערנ די לאַגע פֿונ די ארבעטער אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט אאַ״װ.

בלױז באַזונדערע, די סאַמע פֿאָרגעשריטענע פֿאָרשטײער פֿונעמ ארבעטער־קלאַס קומענ צומ באַװוּסטזײַנ, אַז די ארבעטער בילדנ אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעל־שאַפֿט אַ באַזונדערנ קלאַס, װאָס זײַנע אינטערעסנ זײַנענ

דורכויס פײַנטלעכע די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, איז קעדיי ראַדיקאַל צו פֿאַרבעסערן זײַן לעבן, דאַרף דער אַרבעטער־קלאַס אַראָפּוואַרפֿן די בורזשואַזיע און אויסבויען זײַן, סאָציאַליסטישע, קאָמוניסטישע געזעלשאַפֿט.

פון אַזוינע פֿאָרגעשריטענע פֿאָרשטייער פונעם אַרבעטער־קלאַס האָט זיך טאַקע אויסגעבילדעט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטיי. לענין זאָגט:

„די פּאַרטיי איז דער באַוווּסטזיניקער, פֿאָרגעשריטענער שיכט פונעם קלאַס, זײַן אַוואַנגאַרד...

אונדזער פּאַרטיי איז אַ בונד פון די באַוווּסטזיניקע, פֿאָרגעשריטענע קעמפֿער פֿאַר דער באַפֿרײַונג פונעם אַרבעטער־קלאַס".

אַזוי־אַרום איז די פּאַרטיי דער פֿירער פֿונעם אַרבעטער־קלאַס לענין האָט אָנגערופֿן די פּאַרטיי אָנפֿירער, לערער פון די אַרבעטער און פון אַלע אַרבעטנדיקע.

די פּאַרטיי איז נייטיק די אַרבעטער קוידעם־קאָל, קעדיי צו העלפֿן זיי באַווּסטזיניקן זייער קלאַסן־לאַגע, אויסלערנען זיי דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דעם קלאַסן־שׂונא. לענין האָט געשריבן אין 1913 יאָר:

„טאַקע צוליב דעם, אַז די מאַסע פון אַ באַשטימטן קלאַס זאָל זיך קאָנען אויסלערנען פֿאַרשטיין אירע אינטערעסן, איר לאַגע, אויסלערנען זיך פֿירן איר פּאָליטיק, טאַקע צוליב דעם איז נייטיק צו אָרגאַניזירן די פֿאָרגעשריטענע עלעמענטן פונעם קלאַס טייקעף און פֿאַר יעדן פּרײַז, מעגן אַפֿילע אין אָנהייב די דאָזיקע עלעמענטן בילדן אַ נישטיקן טייל פונעם קלאַס".

איר ראָליע אַלס פֿירער און לערער פון די אַרבעטער קאָן די פּאַרטיי דערפֿאָלגרײַכ אויספֿילן בלויז אין דעם פֿאַל, אויב זי האַלט זיך בײַ אַ רעוואָלוציאָנערער טעאָריע.

לענין האָט געשריבן:

„אָן אַ רעוואָלוציאָנערער טעאָריע קאָן ניט זײַן אויך קיין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג...

די ראָליע פון דעם פֿאָרגעשריטענעם קעמפֿער קאָן אויספֿילן בלויז די פּאַרטיי, וואָס האַלט זיך בײַ אַ פֿאָרגעשריטענער טעאָריע".

די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערע טעאָריע האָבן געשאַפֿן די בעסטע פֿאָרשטייער פונעם אַרבעטער־קלאַס, די גרעסטע מוחות פון דער מענטשהייט — קאַרל מאַרקס און פֿרידריך ענגעלס. זיי האָבן אויך צום ערשטן מאָל געגרינדעט די קאָמוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי.

מאַרקס און ענגעלס האָבן באַוויזן צו באַהערשן די גאַנצע בורזשואַזע וויסנשאַפֿט און אויסנוצן זי אַף אויסאַרבעטן די פּראָלעטאַרישע וויסנשאַפֿטלעכע טעאָריע. זיי האָבן דערלערנט די אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. זיי האָבן אַנטדעקט די געזעצן פון איר אַנטוויקלונג. זיי האָבן פֿאַרשטאַנען און באַוויזן די באַזונדערע לאַגע, וואָס עס פֿאַרנעמט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט דער פּראָלעטאַריאַט אַלס קלאַס, וועלכער איז באַרופֿן צו פֿאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליזם

און שאפן א סאציאליסטישע, א קאָמוניסטישע אָרדענונג. זיי האָבן דערלערנט און פאראלגעמיינערט די דערפארונג פון דער צעשפּליטערטער, סטיכיישער באוועגונג פון די ארבעטער און די דערפארונג פון די רעוואָליוציעס. זיי האָבן אָנגעוויזן דעם פּראָלעטאריאט די אויפגאבן פון באפרײַען זיך פונעם יאָך פון דער בורזשואזיע און פון אויסבויען א נײַע געזעלשאפט, וווּ איין מענטש וועט ניט עקספּלואטירן א צווייטן.

די לערע פון מארקס—ענגעלס האָט אנטוויקלט לענין און נאָכדעם סטאַלין. לענין איז געווען דער גרונטלייגער און פירער פון אונדזער אלפארבאנדישער קאָמוניסטישער פארטיי (באָלשעוויקעס). איצט שטייט בעראָש פון אונדזער פארטיי לענינס בעסטער שילער — כאַווער סטאַלין.

מארקס—ענגעלס—לענין—סטאַלין האָבן צוגעגעבן אַן אויסשליסלעכע וויכטיקע באדײַטונג דער רעוואָליוציאָנערער טעאָריע.

„זי וועט העלפן, — האָט געשריבן לענין, — די פּראָלעטאריער פון דער גאנצער וועלט, וואָס קעמפן פאר אראָפּווארפן די קאפּיטאליסטישע לוין־שקלא־פערײַ, קלערער צו באנעמען די צילן פון זייער קאמף, פעסטער גיין מיטן וועג, וואָס האָט זיך שוין אָנגעמערקט, זיכערער און פעסטער נעמען דעם ני־צאָכן און פארפעסטיקן דעם ניצאָכן".

אָן א רעוואָליוציאָנערער טעאָריע וועט די ארבעטער־באוועגונג ארײַנפאלן אין דעם זומפּ פון פּשאָרעמאכערײַ מיט דער בורזשואזיע. די באדײַטונג פון דער טעאָריע פארן קאמף פון דעם פּראָלעטאריאט מאכט כאַווער סטאַלין קלאָר אין פאָלגנדיקע ווערטער:

„טעאָריע איז די דערפארונג פון דער ארבעטער־באוועגונג אין אלע לענדער, גענומען אין איר אלגעמיינער פאָרם. פארשטייט זיך, די טעאָריע ווערט א זאבלאָזע, אויב זי ווערט ניט פארבונדן מיט דער רעוואָליוציאָנערער פּראקטיק, פּונקט אזוי, ווי די פּראקטיק ווערט א בלינדע, אויב זי באלײַכט זיך ניט דעם וועג מיט א רעוואָליוציאָנערער טעאָריע. אָבער די טעאָריע קאָן פארוואנדלט ווערן אין דער גרעסטער קראפט פון דער ארבעטער־באוועגונג, אויב זי בילדעט זיך אויס אין אן אָרגאנישער פארבינדונג מיט דער רעוואָליוציאָנערער פּראקטיק, ווײַל זי, און בלויז זי, קאָן געבן דער באוועגונג די זיכערקײַט, די קראפט פון אָריענטירונג* און דעם באנעם פון דער אינערלעכער פארבינדונג פון די ארומיקע געשעענישן, ווײַל זי, און בלויז זי, קאָן העלפן דער פּראקטיק פארשטיין ניט בלויז דאָס, וויאזוי און וווּהין די קלאסן באוועגן זיך אין דער קעגנווארט, נאָר אויך וויאזוי און וווּהין זיי דארפן זיך באוועגן אין דער נאָענטסטער צוקונפט".

אלזאָ, אָט דאָס איז די ערשטע סיבע, פארוואָס עס איז נייטיק די ארבעטער אן אייגענע פארטיי:

קעדיי צו באוואָפענען די ארבעטער־מאסן מיט דער רעוואָליוציאָנערער טעאָריע.

---

* דאָס הייסט די פייִקייט פאנאנדערצוקלײַבן זיך אינעם ארום

אויסלערנענ דעמ ארבעטער־קלאס באזייטיקנ זײַנ לאגע און קומענ מיטנ זיכערסטנ, קירצסטנ וועג צומ ניצחונ איבער דער בורזשואזיע, — צוליב דעמ איז נייטיק די ארבעטער פונ אלע לענדער אנ אייגענע פארטיי.

לענינ האָט אָנגערופנ די פארטיי: לערער, אָנפירער פונ די ארבעטער און פונ אלע ארבעטנדיקע.

אָרגאניזאטער פונעמ ארבעטער־קלאס

אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט געפינט זיכ אינ די הענט פונ דער בורזשואזיע אזא מעכטיקע אָרגאניזאציע, ווי די מעלוכע־מאכט מיט א מאסע פארשיידנארטיקע אָרגאנענ. זי האָט די פאבריקנ, די זאוואָדנ, די מאשינעס — מיט איינ וואָרט, אלע פּראָדוציר־געצײַג און פּראָדוציר־מיטלענ. איר דינענ די קירכע, די שולנ, די אוניווערסיטעטנ. זי האָט טויזנטער פארשיידענע געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס. זי האָט אלע טראנספּאָרט־ און פארבינדונג־מיטלענ, אלע מיטלענ צו באאײַנפלוסנ די מויכעס.

דער ארבעטער־קלאס אָבער שטייט קעגנ דער בורזשואזיע צוערשט אבסאָליוט ניט קיינ אָרגאניזירטער. אפילע בא הײַנטיקנ טאָג כאַפּנ ארומ די ארבעטער־אָרגאניזאציעס אינ די קאפיטאליסטישע לענדער בלויז א טייל פונעמ פּראָלעטאריאט.

קעדיי צו קעמפנ און צו באזייטיקנ די בורזשואזיע דארפנ די ארבעטער קוידעמקאָל און פאר יעדנ פּרײַז זיכ אָרגאניזירנ. דאָס האָט אויסגעצייכנט אויסגעדריקט לענינ אינ פאָלגנדיקע ווערטער:

„די קראפט פונעמ ארבעטער־קלאס איז די אָרגאניזאציע. אָנ דער אָרגאניזאציע פונ די מאסנ איז דער פּראָלעטאריאט גאָרנישט. אנ אָרגאניזירטער איז ער אלצ״.

העלפנ די ארבעטער זיכ אָרגאניזירנ, — דערינ טאקע באשטייט איינע פונ די וויכטיקסטע אויפגאבנ פונ דער פארטיי. די פארטיי איז דער אָרגאניזאטער פונעמ ארבעטער־קלאס און פונ די ברייטסטע ארבעטנדיקע מאסנ.

די אָרגאניזירונג פונ די ארבעטער־מאסנ האלט לענינ פארנ סאמע וויכטיקנ און גרונטיקנ באדינג פארנ פעסטנ ניצחונ פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע. „אינ דער דאָזיקער אָרגאניזאציע געפינט זיכ דער טיפער קוואל פונ אירע (פונ דער רעוואָליוציע) ניצחוינעס״, — זאָגט לענינ.

נאָכ א גרעסערע באדײַטונג האָט די אָרגאניזירונג פונ די פּראָלעטארישע מאסנ נאָכנ אראָפּוואַרפנ די מאכט פונ דער בורזשואזיע. מע דארפ צעברעכנ דעמ ווילדנ ווידערשטאנד פונ די בורזשואזע קלאסנ, מע דארפ פארפעסטיקנ די דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט, מע דארפ צוציענ אפ אונדזער זײַט די מיליאָנענ ניט פּראָלעטארישע ארבעטנדיקע מאסנ, אָנפירנ מיט זיי, העלפנ זיי בײַקומענ זייערע וואקלונגענ, ספּיי־קעס, מע דארפ אויסלעבנ די וואקלונגענ אינ א געוויסנ טייל פונ אונדזערע אייגענע רייענ, מע דארפ אָנהייבנ פירנ אנ אויסערגעוויינלעכ קאָמפּליצירטע און שווערע ארבעט אפ אײַנשטעלנ נײַע פּראָדוציר־פארהעלטענישנ, וואָס האָבנ נאָכ אינ ערגעצ און קיינמאָל ניט עקזיסטירט, וואָס כאַפּנ ארומ די פּראָדוקציע און

די פאַרטיילונג פונ די פּראָדוקטנ פאַר צענדליקער מיליאָנען מענטשנ, מע דאַרפ אויסבויען אַנ אָנקלאַסנדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

אַפ בײַקומענ די דאָזיקע אַלע קאָלאָסאַלע שוועריקײַטנ, אַפ פאַרווירקלעכנ די דאָזיקע אַלע גרויסע אויפגאַבנ איז נייטיק פריער פונ אַלצ, מער פונ אַלצ, וויכטיקער פונ אַלצ אָ ר ג אַ נ י ז י ר נ ד י פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע מ אַ ס נ. „בלויז אַנ אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט קאָנ אַלצ אויסהאַלטנ", — זאָגט לענינ און ער באַטאָנט אינ פאָלגנדיקע ווערטער די באַדײַטונג פונ אָרגאַניזירנ די מאַסנ פאַר דער סאָציאַליסטישער בויונג:

„מיר האָבנ אָרגאַניזירט באַם צאַר טויזנטער און בײַ קערענסקינ הונדערטער טויזנטער... דאָס איז געווענ אַ צוגרייטונג־אַרבעט, דאָס איז געווענ דער צוגרייטונג־קלאַס. און קאָלזמאַנ די פאָרגעשריטענע אַרבעטער וועלנ זיכ ניט אויסלערנענ אָרגאַניזירנ צענדליקער מיליאָנען, אַזוי לאַנג זײַנענ זיי נאָכ קיינ סאָציאַליסטנ און ניט קיינ שעפער פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. און די נייטיקע אָרגאַניזיר־קענטענישנ וועלנ זיי ניט דערווערבנ".

אַלזאָ, אָט דאָס איז די צ ו ו י י ט ע ס י ב ע, פאַרוואָס עס איז נייטיק די אַרבעטער אַנ אייגענע פּאַרטיי:

קעדיי צו אָרגאַניזירנ דעם אַרבעטער־קלאַס אינ מאַסנ־מאַסשטאַב צוליבנ ניצאָכנ איבער דער בורזשואַזיע, און נאָכדעם אויכ דעם גאַנצנ קלאַס צום אַקטיוונ אָנטייל אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג, קעדיי צו העלפנ דעם פּראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירנ צוליב די זעלבע צילנ די ניטפּראָלעטאַרישע אַרבעטנדיקע שיכטנ אינ מאַסנ־מאַסשטאַב, און נאָכדעם אויכ אַלע אַרבעטנדיקע, — צוליב דעם איז נייטיק די אַרבעטער פונ אַלע לענדער אַנ אייגענע אָרגאַניזאַציע פונ די פאָרגעשריטענע אַרבעטער.

דער שלאַכט־שטאַב פונעם פּראָלעטאַריאַט

דער אַרבעטער־קלאַס לעבט און קעמפט אינ אויסערגעוויינלעכ שווערע און קאָמפּליצירטע באַדינגונגענ, אינערלעכע (פונעם אייגענעם לאַנד) און אויסערלעכע (אינטערנאַציאָנאַלע). די דאָזיקע באַדינגונגענ זײַנענ געוואָרנ נאָכ מער קאָמפּליצירט זינט דער לעצטער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע.

עס האָט זיכ אָנגעהויבנ אַ פּעריאָד פונ שאַרפע קלאַסנ־צוזאַמענשטויסנ, פונ רעוואָליוציאָנערע אַרויסטרעטונגענ פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער פּעריאָד פונ פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציעס.

אַ שרעקלעכער קריזיס טרייסלט אויפ די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט. צענדליקער מיליאָנען אַרבעטער הונגערנ. עס וואַקסנ צווישנ די אַרבעטער רעוואָליוציאָנערע שטימונגענ. די אַרבעטער גייענ אַרויס אַפ די גאַסנ, דעמאָנסטרירנדיק זייער מאַכט, שטעלנ אַרויס די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגענ זייערע פאָדערונגענ און טרעטנ אַרײַנ אינ גאַסנ־שלאַכטנ מיט דער פּאָליציי, בויענ באַריקאַדנ.

די בורזשואַזיע גרייט צו נײַע אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס, זי גרייט זיכ צו אַנ אָנפאַל אַפנ לאַנד פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

דער אַרבעטער־קלאַס אינ ראַטנפאַרבאַנד, וואָס איז אַרומגערינגלט פונ אַלע זײַטנ מיט פײַנטלעכע בורזשואַזע מעלוכעס, פירט אַ פאַרביטערטנ קאַמפ קעגנ די רעשט־

לעב קאפיטאליסטישע קלאסנ אינ לאנד, שלאגט זיכ מוטיק אפ די ווירטשאפטלעכע פראנטנ, בויט דערפאלגרייכ די אנקלאסנדיקע סאציאליסטישע געזעלשאפט, ניט פארגעסנדיק די דראענדיקע געפאר פונ אנ אויסערלעכנ אנפאל.

די שווערע אונ קאמפליצירטע קאמפ-באדינגונגענ פונעם ארבעטער-קלאס גלייכט צו באווער סטאלינ מיט פולנ גרונט צו מילכאמע-באדינגונגענ אונ פרעגט:

„ווער קאנ זיכ פאנאנדערקלייבנ אינ די דאזיקע באדינגונגענ, ווער קאנ געבנ א ריכטיקע אריענטירונג* די מיליאניקע מאסנ פראלעטאריער? קיינ איינ ארמיי אינ א מילכאמע קאנ זיכ ניט באגיינ אנ א געניטנ שטאב, אויב זי וויל זיכ ניט פארמישפעטנ אפ א מאפאלע. צי איז דענ ניט קלאר, אז דער פראלעטאריאט קאנ אווודע זיכ ניט באגיינ אנ אזא שטאב, אויב ער וויל ניט אפגעבנ זיכ זיינע פארביסענע סאנים, אז זיי זאלנ אימ אופעסנ? אבער ווו איז דער דאזיקער שטאב? דער דאזיקער שטאב קאנ זיינ בלויז די רעוואליוציאנערע פארטיי פונעם פראלעטאריאט. דער ארבעטער-קלאס אנ א רעוואליוציאנערער פארטיי — דאס איז אנ ארמיי אנ א שטאב. די פארטיי איז דער שלאכט-שטאב פונעם פראלעטאריאט".

אלזא, אט דאס איז די דריטע סיבע, פארוואס די ארבעטער איז נייטיק אנ אייגענע פארטיי:

די ארבעטער איז נייטיק אנ אייגענער שלאכט-שטאב, אנ אייגענער פאליטישער פירער, וואס זאל אפנ זיכערסטנ אויפנ פירנ דעמ פראלעטאריאט צומ ניצאכנ איבער דער בורזשואזיע, צומ סאציאליזמ, צומ קאמוניזמ.

די העכסטע פארמ פונ א קלאסנ-ארגאניזאציע

דער פראלעטאריאט האט א גאנצע רײ ניט פארטייישע מאסנ-ארגאניזאציעס: פראפעסיאנעלע פאריינענ, פאבריק-זאוואדישע ארגאניזאציעס, קאאפעראטיווג, פרויענ-ארגאניזאציעס, יוגנט-פארבאנדנ, קולטור-אונ בילדונג-ארגאניזאציעס, פרעסע אאוו. בײמ שטרייקנ אונ רעוואליוציאנערע ארויסטרעטונגענ שאפט דער פראלעטאריאט שטרייק-קאמיטעטנ אונ רעוואליוציאנערע שלאכט-ארגאניזאציעס. דער פראלעטאריאט, וואס האט אראפגעווארפנ די מאכט פונ דער בורזשואזיע, ארגאניזירט זיינ מעלוכע אונ שאפט ראטנ.

עס איז קלאר, וואס פאר א קאלאסאלע באדייטונג עס האבנ פארנ פראלעטאריאט אזוינע ניטפארטייישע ארגאניזאציעס, ווי למאשל, די ראטנ אונ פראפעסיאנעלע פאריינענ.

די ראטנ — דאס איז א נייע פארמ, א נייערטיפ מעלוכע-מאכט, וואס עס האט געשאפנ דער ארבעטער-קלאס, וועלכער האט אראפגעווארפנ די הערשאפט פונ דער בורזשואזיע אונ בויט דעמ סאציאליזמ. דער פארגעשריטענער רעוואליוציאנערער קלאס — דער פראלעטאריאט — מיט דער הילפ פונ די ראטנ הייבט אופ, דערציט, לערנט אונ פירט נאכ זיכ די גאנצע ריזנ-מאסע ארבעטנדיקע.

---

* דאס הייסט א ריכטונג.

די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זײַנען די ברייטסטע אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער. באַ אונדז פאַרייניקן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אַלע אַרבעטער אָן אויסנאַם. די רעוואָליוציאָנערע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אָרגאַניזירן דעם קאַמף פון די אַרבעטער קעגן דעם קאַפּיטאַל פאַר פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע, פירן אָן מיט די שטרײַקן, ציִען אַרײַן די אַרבעטער-מאַסן אין פּאָליטישן קאַמף קעגן דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע פאַר אויסבויען דעם סאָציאַליזם.[*]

די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען באַ אונדז, — זאָגט לענין, — „דאָס איז... אַ שול פאַר פאַרוואַלטונג, אַ שול פאַר ווירטשאַפט-פירונג, אַ שול פאַר קאָמוניזם".

אויך אַנדערע מאַסנווײַזע ניט-פּאַרטיייִשע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס האָבן זייער אַ וויכטיקע באַדײַטונג פאַרן אַרבעטער-קלאַס. די דאָזיקע אַלע אָרגאַניזאַציעס זײַנען נייטיק דעם אַרבעטער-קלאַס. זיי פאַרייניקן די ברייטסטע מאַסן אַרבעטנדיקע, זיי העלפן דעם פּראָלעטאַריאַט אין זײַן קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, זיי העלפן אים פאַרפעסטיקן זײַנע פּאָזיציעס אויף די פאַרשיידענע קאַמף-באַצירקן. נאָך דעם, ווי דער פּראָלעטאַריאַט פאַרכאַפּט די מאַכט, ציִען זיי אַרײַן די מאַסן אין דער אַקטיוו-סאָציאַליסטישער בויונג.

אָבער עס שטעלט זיך די פראַגע וועגן דער אָנפירונג מיט די דאָזיקע אַלע אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיקע פראַגע באַטראַכט כ' סטאַלין. ער שרײַבט:

„אָבער ווי אַזוי זאָל מען פאַרווירקלעכן די איינהייטלעכע אָנפירונג באַ אַזאַ גרויסער צאָל אָרגאַניזאַציעס? וווּ איז די גאַראַנטיע, אַז דאָ, וואָס עס איז פאַראַן אַ מאַסע אָרגאַניזאַציעס, וועט ניט ברענגען צו קיין פּלאָנטער אין דער אָנפירונג?.. די דאָזיקע אַלע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן פירן זייער אַרבעט אין איין ריכטונג, ווײַל זיי באַדינען איין קלאַס, דעם קלאַס פּראָלעטאַריער. פרעגט זיך: ווער באַשטימט די ליניע, די אַלגעמיינע ריכטונג, וואָס לויט איר דאַרפן פירן זייער אַרבעט די דאָזיקע אַלע אָרגאַניזאַציעס? וווּ איז די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס, פאַרמאָגנדיק די נייטיקע דערפאַרונג, איז זי ניט בלויז פעיִק אויסצואַרבעטן די דאָזיקע אַלגעמיינע ליניע, נאָר, האָבנדיק דערצו דעם נייטיקן אויטאָריטעט, האָט זי נאָך אויך די מעגלעכקייט צו ווירקן אויף די דאָזיקע אַלע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלן דורכפירן אין לעבן די דאָזיקע ליניע, כדי צו דערשלאָגן זיך די איינהייטלעכקייט אין דער אָנפירונג און אויסשליסן די מעגלעכקייט פון שטערונגען?

אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז די פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט.

די פּאַרטיי האָט צוליב דעם אַלע אָנגאָבן, דערפאַר, ערשטנס, ווײַל די פּאַרטיי איז דער זאַמל-פּונקט פון די בעסטע עלעמענטן פון דעם קלאַס, וואָס האָבן דירעקטע פאַרבינדונגען מיט די אומפּאַרטיייִשע אָרגאַניזאַציעס פונעם פּראָלעטאַריאַט און וואָס פירן מיט זיי זייער אָפט אָן; דערפאַר, צווייטנס, ווײַל די פּאַרטיי אַלס זאַמל-פּונקט פון די בעסטע מענטשן פון אַרבעטער-קלאַס איז

* אין אויסלאַנד געפינט זיך די מערהייט פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער-פאַריינען אונטערן אײַנפלוס פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע און בורזשואַזע פּאַרטייען. וועגן דעם — אין דעם צווייטן טייל פון אונדזער שמועס.

די בעסטע שול אפ אויסצואַרבעטנ לידערס * פונעמ אַרבעטער־קלאַס, וואָס זיינענ פייִיק אָנצופירנ מיט אַלע פאָרמענ אָרגאַניזאַציע פונ זייער קלאַס; דערפאַר, דריטנס, ווייל די פּאַרטיי אַלס די בעסטע שול פאַר די לידערס פונ אַרבעטער־קלאַס איז לויט איר דערפאַרונג אונ אויטאָריטעט די איינציקע אָר־גאַניזאַציע, וואָס איז פייִיק צו צענטראַליזירנ די אָנפירונג מיטנ קאַמפ פונעמ פּראָלעטאַריאַט אונ פאַרוואַנדלענ, אַזוי אַרומ, אַלע אונ אַלערליי אומפּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס פונעמ אַרבעטער־קלאַס אינ באַדינענדיקע אָרגאַנענ אונ טרייב־רימענס, וואָס פאַרבינדנ זי מיטנ קלאַס. די פּאַרטיי איז די העכסטע פאָרמ פונ דער קלאַסנ־אָרגאַני־זאַציע פונעמ פּראָלעטאַריאַט".

לענינ האָט אָנגערופנ די פּאַרטיי „די העכסטע פאָרמ פונ דער סאָ־ציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג", אָדער „די העכסטע פאָרמ פונ א קלאַסנ־פאַראייניקונג פונ די פּראָלעטאַריער".

אַלזאָ, אַט איז די פערטע סיבה פאַרוואָס די אַרבעטער איז נייטיק אַנ איי־גענע פּאַרטיי:

קעדיי צו פאַרווירקלעכנ די איינהייטלעכע אָנפירונג מיט אַלע אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס אונ ריכטנ די גאַנצע אַרבעט פונ די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס אפ דערגרייכנ וואָס גיכער די ציל פונעמ אַרבעטער־קלאַס, — דערצו איז טאַקע נייטיק די אַר־בעטער פונ אַלע לענדער אַנ אייגענע פּאַרטיי.

דאָס געצייג פונ דער דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט

ווענ אינ לאַנד ווערט רייפ א רעוואָלוציאָנערער קריזיס, ווענ עס האַלט בא אַנ אָפענער רעוואָלוציאָנערער אַרויסטרעטונג פונעמ פּראָלעטאַריאַט, שטעלנ זיכ פאַר אימ באַזונדערס שווערע אויפגאַבנ. עס איז נייטיק צו אָרגאַניזירנ די שלאַכט־עלע־מענטנ פונ די אַרבעטער, וואָס זיינענ פייִיק צו שטעלנ זיכ אינ דער שפּיץ פונ דער דאָזיקער אַרויסטרעטונג אונ באַוואָרענענ איר דערפאָלג. עס איז נייטיק צו אָרגאַ־ניזירנ א נייע רעוואָלוציאָנערע מאַכט, איינשטעלנ אונ פאַרפעסטיקנ די דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט.

עס איז נייטיק נאָכנ איינשטעלנ די מאַכט אָנצוהייבנ א סאָציאַליסטישע בויונג, באַוואָרענענ דעמ סאָציאַליסטישנ פּראָלעטאַריאַט די פעסטע אונטערשטיצונג מיצאַד די קאָלאָסאַלע ניט־פּראָלעטאַרישע שיכטנ אַרבעטנדיקע, אָנפירנ מיט די דאָזיקע מאַסנ, אָרגאַניזירנ זיי אינ קאָלעקטיוונ, העלפנ זיי בייקומענ זייערע וואַקלונגענ אונ די פּריוואַט־אייגנטימערישע פאָרורטיילנ, מאַכנ זיי פאַר באַוווּסטזיניקע בויער פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

אַט וואָס פאַר א קאָלאָסאַלע אויפגאַבנ עס שטייענ פאַר דער דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט. לענינ זאָגט:

„די דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט איז אַנ אַקשאָנעסדיקער קאַמפ, א בלוטיקער אונ אַנבלוטיקער, א געוואַלדטעטיקער אונ פרידלעכער, א מיליטע־

* דאָס הייסט פירער.

לענינ אינ סמאָלני אינ די אָקטיאבער־טעג

רישער אונ ווירטשאפטלעכער, א פעדאַגאָגישער אונ אַנ אדמיניסטראַטערי־שער, קעגנ די קרעפטנ אונ טראַדיציעס* פונ דער אַלטער געזעלשאפט. די קראפט פונ דער געוווינהייט פונ די מיליאָנען אונ צענדליקער מיליאָנענ — איז די סאַמע שרעקלעכע קראפט. אָנ א פארטיי, אנ אייזערנער אונ פאַר־האַרטעוועטער אינ קאַמפ, אָנ א פארטיי, וואָס האָט דעם צוטרוי פונ אַל דאָס ערלעכעס אינעם געגעבענעם קלאַס, אָנ א פארטיי, וואָס קאָנ נאָכפאָלגנ נאָכ דער שטימונג פונ דער מאסע אונ ווירקנ אפ דער דאָזיקער שטימונג, איז אוממעגלעך צו פירנ דערפאָלגרייכ אזא קאַמפ".

אָט איז, צולעצט, נאָכ איינ סיבע פארוואָס עס איז נייטיק אַנ אייגענע פארטיי די ארבעטער:

„א פארטיי איז נייטיק דעם פראָלעטאַריאַט אפ דערהאַלטנ אונ איינהאַלטנ די דיקטאַטור, די פארטיי איז דאָס געצייג פונ דער דיקטא־טור פונ פראָלעטאריאט".**

אלזאָ, די פארטיי איז א פרייוויליקער פארבאנד פונ די פאַרגעשריטענע מענטשנ פונ ארבעטער־קלאַס, וואָס איז נייטיק אפ באוואָפענענ דעם פראָלעטאריאט מיט א רעוואָליוציאָנערער וויסנשאפטלעכער טעאָריע, אָרגאַניזירנ דעם ארבעטער־קלאַס אונ די ברייטע מאסנ ארבעטנדיקע צום קאַמפ פאר זייער באפרייונג, זיינ דער פאָליטישער פירער אונ שלאַכט־שטאַב פונעם פראָלעטאריאט אינ קאַמפ קעגנ דער בורזשואזיע, צענטראליזירנ די אָנפירונג מיט אלע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס, העלפנ

* דאָס הייסט געוווינהייטנ.

** כ' סטאלינס ווערטער.

דעם פּראָלעטאַריאַט דערגרייכן די מאַסן, פֿאַרפֿעסטיקן זײַן דיקטאַטור און אויסבויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט.

די פּאַרטיי קאָן מען ניט ניט אָפּטיילן פֿון אַרבעטער־קלאַס, ניט צונויפֿמישן מיטן אַרבעטער־קלאַס, ניט פֿאַרבײַטן מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פֿונעם אַרבעטער־קלאַס. מע קאָן ניט אָפּטיילן, ווײַל די פּאַרטיי איז אַן אָרגאַניזאַציע פֿונעם אַרבעטער־קלאַס גופֿא. מע קאָן ניט צונויפֿמישן, ווײַל די פּאַרטיי איז דער פֿאָרגעשריטענער טייל פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס פֿירט נאָך זיך די איבעריקע מאַסע. מע קאָן ניט פֿאַרבײַטן, ווײַל בלויז די פּאַרטיי קאָן צענטראַליזירן די אָנפֿירונג מיט אַלע אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

די זעלבשטענדיקייט, די קלאַסעווע אומקאָמפּראָמיסלעכקייט פֿון דער פּאַרטיי

מיר האָבן זיך איבערצײַגט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס פֿון יעדן לאַנד דאַרף אומבאַדינגט אָרגאַניזירן זײַן אייגענע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי. לאָמיר איצט אַ קוק טאָן, וואָס פֿאַר אַ פּאַרטיי דאַרף דאָס זײַן.

דער מאַרקסיזם־לעניניזם פֿאָדערט, ערשטנס, אַז די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטיי זאָל זײַן אַ פּאָליטיש־זעלבשטענדיקע, קלאַסן־אומקאָמפּראָמיסלעכע בעגעגייע צו דער בורזשואַזיע.

אַזאַ פֿאָדערונג דרינגט דירעקט אַרויס פֿון דער לערע פֿון מאַרקס—ענגעלס—לענין—סטאַלין וועגן דער קעגנזעצלעכקייט, אומקאָמפּראָמיסלעכקייט, פֿײַנטלעכקייט פֿון די צוויי גרונט־קלאַסן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט: פֿונעם פּראָלעטאַריאַט און פֿון דער בורזשואַזיע.

ווײַבאַלד עס איז אַזוי, איז קלאָר, אַז די פּאַרטיי, וואָס פּאַרטיידיקט ווירקלעכע די אינטערעסן פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, קאָן אין קיין שום פֿאַל ניט גיין אויף קיין שום פּשרה מיט דער בורזשואַזיע, קאָן אין קיין שום פֿאַל ניט דולדן די מינדסטע אידייִשע און פּאָליטישע אָפּהענגיקייט פֿון דער בורזשואַזיע. בלויז אײַנהיטנדיק די פֿולע פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, קאָן די אַרבעטער־פּאַרטיי ברענגען דעם פּראָלעטאַריאַט צום נצחון איבער דער בורזשואַזיע.

אַזאַ קוק אויף דער פּאַרטיי האָבן שטענדיק פּאַרטיידיקט די גרינטלעכער פֿונעם מאַרקסיזם. אין איינעם אַ בריוו זאָגט ענגעלס, אַז מאַרקס און ער האָבן נאָך פֿון 1847 יאָר אָן פּאַרטיידיקט אַזאַ פּאָזיציע:

„קעדיי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל אין די אַנטשיידנדיקע טעג זיך אַרויסווײַזן גענוג שטאַרק צו זיגן, איז נייטיק... אַז ער זאָל שאַפֿן אַ באַזונדערע קלאַסן־באַוווּסטזיניקע, קלאַסן־פּאַרטיי, באַזונדער פֿון אַלע אַנדערע פּאַרטייען און זיי קעגנגעשטעלט".

דער זעלבער ענגעלס האָט אין איינער פֿון זײַנע רעדעס אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע" (ערשטער אינטערנאַציאָנאַל) געזאָגט:

„עס איז נייטיק, אַז די אַרבעטער־פּאַרטיי זאָל זיך פֿאָרמירן ניט ווי אַן

ען פֿונ װעלכע ניט איז בורזשואַזע פּאַרטייענ, נאָר װי אַנ אומאָפּהענגיקע פּאַרטיי, װאָס האָט איר אייגענעמ ציל, איר אייגענע פּאָליטיק".

פּאַר אַזאַ פּאַרטיי טאַקע האָט געקעמפּט לענינ פֿונ אָנהייב אָנ. װעגנ אַזאַ פּאַרטיי טאַקע רעדט ער אינ א סאַכ װערק זיינע, אָנהייבנדיק פֿונעמ בוכ „װאָס טאָנ?", װאָס איז אָנגעשריבנ נאָכ אינ 1902 יאָר און איז געװידמעט דער אָרגאַניזירונג אינ די אויפֿגאַבנ פֿונ דער באָלשעװיסטישער פּאַרטיי.

אינ 1905 יאָר האָט לענינ געשריבנ:

„מיר זעענ אינ דער זעלבשטענדיקער, אומקאָמפּראָמיסלעכ-מאַרקסיסטישער פּאַרטיי פֿונעמ רעװאָלוציאָנערנ פּראָלעטאַריאַט די איינציקע גאַראַנטיע פֿאַרנ ניצחונ פֿונעמ סאָציאַליזמ און דעמ װעג צומ ניצחונ, װאָס איז דער סאַמע פֿרייער פֿונ װאַקלונגענ...

דאָס אָפּהיטנ די אידייִשע און פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט פֿונ דער פּאַרטיי פֿונעמ פּראָלעטאַריאַט איז די קעסיידערדיקע, אומפֿאַרענדערלעכע און אומבאַדינגטע פֿליכט פֿונ די סאָציאַליסטנ. װער עס פֿילט ניט אויס די דאָזיקע פֿליכט, יענער הערט אויפֿ אינ דער פּראַקטיק צו זיינ א סאָציאַליסט, װי אויפֿריכטיק עס זאָלנ ניט זיינ זיינע „סאָציאַליסטישע" (מיטנ מויל סאָציאַליסטישע) איבערצייגונגענ".

די דערפֿאַרונג פֿונ אונדזער רעװאָלוציע און די פּראַקטיק פֿונ דער אַרבעטער-באַװעגונג אינ אויסלאַנד האָבנ פֿולשטענדיק באַשטעטיקט די דאָזיקע געדאַנקענ לענינס. מיר װעלנ װייטער זענ, װאָס איז געװאָרנ מיט די פּאַרטייענ, װאָס רופֿנ זיכ אָנ „סאָציאַליסטישע" און װאָס האָבנ פֿאַרלאָרנ די אידייִשע און פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט: זיי זיינענ פֿאַרװאַנדלט געװאָרנ אינ געבעכדיקע נאָכשלעפּעניש בא דער בורזשואַזיע.

בלויז די קאָמוניסטישע פּאַרטייענ אינ אַלע לענדער היטנ אָפּ די פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, די קלאַסנװע אומקאָמפּראָמיסלעכקייט בענעגייע צו דער בורזשואַזיע. בלויז זיי זיינענ די װירקלעכע פּאַרטייענ פֿונעמ אַרבעטער-קלאַס, בלויז זיי פֿירנ װירקלעכ דעמ פּראָלעטאַריאַט צומ ניצחונ איבער דער בורזשואַזיע.

די פּאַרטיי-איינהייט

דער מאַרקסיזמ-לעניניזמ פֿאָדערט, אַז די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי זאָל זיינ אַנ איינהייטלעכע. אַזאַ פֿאָדערונג דרינגט דירעקט אַרויס פֿונ דער לערע פֿונ מאַרקסיזמ-לעניניזמ װעגנ דער אינטערעסנ-איינהייט פֿונעמ אַרבעטער-קלאַס. אַלע אַרבעטער לויט זייער פּראָדוצירלאַגע אינ דער געזעלשאַפֿט בילדנ איינ קלאַס װאָס איז קעגנגעשטעלט דער בורזשואַזיע. די אינטערעסנ פֿונעמ פּראָלעטאַריאַט אַלכ קלאַס, װאָס איז אונטערדריקט, עקספּלואַטירט פֿונ דער בורזשואַזיע, אַלס קלאַס, װאָס קעמפֿט קעגנ דער בורזשואַזיע פֿאַרנ סאָציאַליזמ, — זיינענ איינהייטלעכ אינ דער גאַנצער װעלט. ענגעלס זאָגט:

„דער אַרבעטער-קלאַס איז אינטערנאַציאָנאַל לויט זיינ טיפּסטער נאַטור".

פֿונדאַנענ נעמט זיכ דער באַרימטער רוף, װאָס מאַרקס און ענגעלס האָבנ גע-

וואַרפנ אינעמ „קאָמוניסטישנ מאַניפעסט": „פּ ר אָ ל ע ט א ר י ע ר פ ו נ א ל ע ל ע נ ד ע ר פ א ר א י י נ י ק ט ז י כ!"

„די אײנהײט פונעמ פּראָלעטאַריאַט איז דאָס גרעסטע געווער אינ קאַמפּ פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע", — זאָגט לענינ.

ווײַל דער ארבעטער־קלאַס איז א י י נ ה י י ט ל ע כ, קאָנ בא אימ זײַנ ב ל ו י ז א י י נ װירקלעכ־פּראָלעטארישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטײ, וואָס איז פעיִק אָנפירנ מיטנ קאַמפּ פונעמ ארבעטער־קלאַס, וואָס איז פעיִק ברענגענ אימ צומ ניצאָכנ איבער דער בורזשואַזיע, דאָס איז די ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע פּ א ר ט י י.

די אײנהײט פונעמ פּראָלעטאַריאַט איז פולשטענדיק פאַרווירקלעכט אינעמ ראַטנפאַרבאַנד. די דאָזיקע אײנהײט דריקט זיכ אויס אינ דעמ, וואָס דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט אָנ אויסנאַמ איז אָרגאַניזירט בא אונדז אינ א י י נ ה י י ט ל ע כ ע פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנענ, אינ דעמ, וואָס א פּאַרטײ באַמ פּראָלעטאַריאַט פונ ראַטנפאַרבאַנד איז א י י נ ע — די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטײ (באָלשעוויקעס), אונ אינ דעמ, וואָס די דאָזיקע פּאַרטײ איז אַנ א י י נ ה י י ט ל ע כ ע.

וויאַזוי זשע דערגרייכט מענ אזא אײנהײט?

נ י ט י ע ט װ י ד ע ר „אײנהײט" איז נייטיק דעמ ארבעטער־קלאַס. לעמאָשל, די מענשעוויקעס האָבנ ארויסגערוקט דעמ לאָזונג אײנהײט אונ האָבנ פאַרגעלייגט צו פאַרווירקלעכנ זי דורכ א קאָמפּראָמיס צווישנ די מיינונג־פאַרשיידנהייטנ, שטרעמונגענ אינ דער ארבעטער־באַוועגונג. לענינ האָט אנטשיידנ אָפּגעוואָרפנ אזא פאַרייניקונג. ער האָט געשריבנ:

„אײנהײט איז א גרויסע זאַכ אונ א גרויסער לאָזונג! אָבער פאַר דער ארבעטער־זאַכ איז נייטיק די א י י נ ה י י ט פ ו נ ד י מ א ר ק ס י ס ט נ, און נִיט די אײנהײט פונ די מאַרקסיסטנ מיט די קעגנער אונ פאַרקרימלער פונעמ מאַרקסיזמ...

אנ אידייענלאָזע אָרגאַניזירטקייט איז אַנ אומזינ, וואָס פאַרוואַנדלט אינ דער פּראַקטיק די ארבעטער אינ נעבעכדיקע נאָכשלעפּער בא דער בורזשואַזיע, וואָס האָט די מאַכט".

אָט וויאַזוי לענינ האָט געענטפערט אפ די שרײַעדיקע פראַזנ פונ די מענשעוויקעס וועגנ אײנהײט. פאַקטיש זײַנענ הינטער די דאָזיקע פראַזנ געווענ באַהאַלטנ די פּרוּוונ אראָפּצופירנ די ארבעטער פונ רעוואָלוציאָנערנ וועג. פאַקטיש איז די מענשעוויסטישע „אײנהײט" געווענ געצילט קעגנ דער ווירקלעכער אײנהײט פונ די ארבעטער אינ זייער רעוואָלוציאָנערנ קאַמפּ מיט דער בורזשואַזיע, געווענ געצילט קעגנ דעמ אַוואַנגאַרד פונעמ פּראָלעטאַריאַט — דער באָלשעוויסטישער פּאַרטײ.

לענינ איז געווענ פאַר א פ א ר א י י נ י ק ו נ ג א פ נ ב א ָ ד נ פ ו נ ש ט ר ע נ ג ע ר א י ד י י ִ ש ע ר א י י נ ה י י ט. אזא פאַרייניקונג קאָנ מענ נִיט „דעקרעטירנ", שאַפנ מיטאַמאָל בלויז מיט רעזאָלוציעס. מע קאָנ זי דערגרייכנ בלויז ד ו ר כ א ל א נ ג נ, א ק ש א ָ נ ע ס ד י ק נ ק א מ פּ פאַר דער מאַרקסיסטיש־לענינשער טעאָריע אונ פאַר אָנווענדנ זי ריכטיק אינ דער פּראַקטיק פונ דער ארבעטער־באַוועגונג.

די באָלשעוויקעס האָבנ זיכ טאַקע דערשלאָגנ די פעסטע אײנהײט, דעמ פולשטענדיקנ אומטיילבאַרנ צוטרוי פונעמ ארבעטער־קלאַס ד ו ר כ א פ י ל י א ָ ר י ק נ, א י י נ ג ע ש פּ א ר ט נ, א י ד י י ִ ש נ ק א מ פּ ק ע ג נ א נ ד ע ר ע פּ א ר ט י י ע נ

פארנ איינפלוס אפ די ארבעטער, דורכ דעראָבערנ די מאסנ אפ זייער זייט דורכ אגיטאציע, פראָפּאגאנדע, דורכ ריכטיקנ אָנפירנ מיט זייער קאמפ, דורכ א געדולדיקנ איבערצייגנ די ארבעטער, וואָס זיינענ צוערשט געגאנגענ נאָכ די מענשעוויקעס, עסערנ אונ אנדערע בורזשואזע פארטייענ, אונ אויכ דורכנ אומקאמפּראָמיסלעכנ קאמפ קעגנ די אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונגענ אינ זייער פארטיי.

לענינ האָט אונטערגעשטראָכנ פריער פונ אלצ די אומבאדינגטע נויטווענדיקייט פונ אידייִשער פארטיי־איינהייט, די נייטיקייט צו קעמפנ פאר איינהייט אינ די פראגנ פונ פראָגראמ אונ טאקטיק, ד. ה. אינ די פראגנ וועגנ די צילנ פונ דער פארטיי אונ וועגנ די מיטלענ צו דערגרייכנ זיי.

אָבער די אידייִשע איינהייט אליינ איז ווייניק. עס איז נאָכ נייטיק אנ אָרגאניזאציאָנעלע איינהייט — „די איינהייט פונ דער אָרגאניזאציע, וואָס קאָנ ניט געמאָלט זיינ אָנ אנ אויסגעפורעמטנ סטאטוט, אָנ דעמ, אז די מינדערהייט זאָל זיכ אונטערוואַרפנ דער מערהייט, אָנ דעמ, אז א טייל זאָל זיכ אונטערוואַרפנ דעמ גאנצנ" (לענינס ווערטער).

די אָרגאניזאציאָנעלע פארטיי־איינהייט פאָדערט, אז יעדער מיטגליד זאָל אומבאדינגט זיכ באטייליקנ אינ איינעמ פונ די פארטיי־קעמערלעכ, זאָל אונטערשטיצנ די פארטיי מיט מאטעריעלע מיטלענ (מיט מיטגליד־אָפּצאָלנ), אז יעדער פארטיי־מיטגליד זאָל אומבאדינגט זיכ אונטערוואַרפנ די פארטיי־באשטימונגענ, ער זאָל די דאָזיקע באשטימונגענ דורכפירנ אינ לעבנ אינ זיינ ארבעט אונ אז די פארטיי־אָרגאניזאציע זאָל האָבנ א קאָנטראָל איבער דער ארבעט פונ יעדנ פארטיי־מיטגליד מיטנ רעכט אָנצונעמענ שטרענגע שטראָפ־מאָסמיטלענ ביז אויסשליסנ פונ דער פארטיי. אזוי איז אָנגעשריבנ אינעמ סטאטוט פונ דער פארטיי.

די אייזנ־פעסטע אָרגאניזאציאָנעלע איינהייט האָבנ די באָלשעוויקעס זיכ דערשלאָגנ דורכנ קאָנסעקווענטנ אידייענ־קאמפ קעגנ די פראקציעס (גרופּעס) אינ זייער פארטיי, דורכנ הארבנ קאמפ פאר פארפעסטיקנ די פראָלעטארישע דיסציפּלינ אינ די פארטיי־רייענ, פאר א צענטראליזירטע פארטיי־אָנפירונג, פאר העכערנ איר אויטאָריטעט, פאר ריינִיקנ סיסטעמאטיש די פארטיי פונ די ניט־שטאנהאפטיקע קליינבירגערלעכע אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ, וואָס האָבנ זיכ צוגעשארט צו איר.

די פארטיי האָט ניט איינמאָל אָנגענומענ באשלוסנ, וואָס זיינענ געצילט צו באוואָרענענ איר אידייִשע אונ אָרגאניזאציאָנעלע איינהייט. א באזונדערס וויכטיקע באדייטונג האָט די רעזאָליוציע וועגנ דער פארטיי־איינהייט, וואָס דער 10־טער פארטיי־צוזאמענפאָר האָט אָנגענומענ אינ 1921 יאָר.

די דאָזיקע רעזאָליוציע האָט אָנגעשריבנ לענינ. דער צוזאמענפאָר האָט אָנגעוויזנ אינ דער רעזאָליוציע אלע פארטיי־מיטגלידער, אז עס זיינענ נייטיק:

„די איינהייט אונ געשלאָסנקייט פונ אירע רייענ, דאָס באוואָרענענ דעמ פולשטענדיקנ צוטרוי צווישנ די פארטיי־מיטגלידער אונ א ווירקלעכ סאָלידארישע ארבעט, וואָס פארקערפּערט ווירקלעכ די איינהייט פונעמ ווילנ פונעמ פראָלעטאריאטס אוואנגארד...

עס איז נייטיק, אז אלע באוווסטזיניקע ארבעטער זאָלנ קלאָר באנעמענ דעמ שאָדנ אונ די ניט דערלאָזבארקייט פונ א וועלכער ניט איז פראקציאָנעלקייט".

דער צוזאמענפאר האט פארגעשריבנ פאנאנדערלאזנ אלע גרופעס און האט באופטראגט אלע פארטיי־ארגאניזאציעס ניט צו דערלאזנ קיינ שום פראקציאנעלע ארויסטרעטונגענ, און פאר אויווער זיינ די דאזיקע באשטימונג אומבאדינגט און טייקעפ אויסשליסנ פונ דער פארטיי.

צולעצט, האט דער צוזאמענפאר געגעבנ דער געמיינזאמער זיצונג פונעם צענטראל־קאמיטעט און פונ דער צענטראלער קאנטראל־קאמיסיע דאס רעכט מיט א מערהייט פונ צוויי דריטל שטימענ אריבערצופירנ פונ מיטגלידער אינ קאנדידאטנ און אפילע אויסשליסנ פונ דער פארטיי יעטווידער מיטגליד פונעם צענטראל־קאמיטעט אינעם פאל פונ אויווער זיינ די פארטיי־דיסציפלינ אדער דערלאזנ פראקציאנעלקייט.

אט ווי שטרענג און הארב עס זיינענ די פאדערונגענ, וואס די פארטיי שטעלט אלע מיטגלידער בענעגייע דער איינהייט.

מיט וואס דערקלערט זיכ דאס?

מיטנ קאלאסאלנ שאדנ, מיט דער קאלאסאלער געפאר פונ יעטווידער גרופירונג און פראקציע פאר דער רעוואליוציאנערער פארטיי פונעם פראלעטאריאט. לענינ האט געזאגט, אז אפילע א קלייניקע מיינונג־פארשיידנהייט קאנ זיכ פאנאנדערוואקסנ אינ א גרויסער און ווערנ פאליטיש געפערלעכ, אויב מע זאל אפ איר באשטיינ. מע טאר אפ קיינ מינוט ניט פארגעסנ, אז די קאמוניסטישע פארטייענ פירנ אומעטום א טויט־קאמפ קעגנ דעמ קלאסנ־סוינע — קעגנ דער בורזשואזיע. בלויז די סאציאל־דעמאקראטישע פארטייענ, וואס פירנ ניט קיינ קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע, נאר, פארקערט, פארטיידיקנ דעמ קאפיטאליזמ און קעמפנ קעגנ קאמוניזמ, קאנענ זיכ דערלויבנ אזא לוקסוס, ווי די פרייהייט פונ פראקציעס און גרופירונגענ. זיי איז קיינ אייזערנע דיסציפלינ ניט נייטיק.

דער גרונט־באדינג פארנ דערפאלגרייכנ קאמפ פונ פראלעטאריאט אינ פאר זיינ ניצאכנ איבער דער בורזשואזיע איז די איינהייט פונ זיינ אוואנגארד — די איינהייט פונעם ווילנ פונ זיינ פארטיי. און ווענ די מאכט פונ דער בורזשואזיע איז אראפגעווארפנ, איז די איינהייט פונ דער פראלעטארישער פארטיי דער גרונט־באדינג אפ פארפעסטיקנ די פראלעטארישע דיקטאטור און דערפאלגרייכ אויסבויענ די סאציאליסטישע געזעלשאפט.

דער שעדלעכקייט און די געפאר פונ מיינונגפארשיידנהייטנ, פונ פראקציעס אינ דער רעוואליוציאנערער פראלעטארישער פארטיי ווערנ נאכ שטארקער צוליב דעמ, וואס דער קלאסנ־סוינע נוצט אויס געשיקט יעדע מיינונג־פארשיידנהייט אינעם פראלעטאריאט אפ אפשוואכנ און צעטיילנ זיינע קרעפטנ.

די דערפארונג פונ אינדזער רעוואליוציע האט באוויזנ, אז די קאנטררעוואליוציאנערע פארטייענ כאפנ זיכ טייקעפ פאר יעדער אפאזיציע אינ דער קאמוניסטישער פארטיי און סטארענ זיכ מיט אלע מיטלענ מיטווירקנ דעמ ניצאכנ פונ דער דאזיקער אפאזיציע מיט דער האפענונג, אז די פארטיי וועט צעפאלנ ווערנ.

עס איז לעמאשל באוווסט, אז די קאנטררעוואליוציאנערע שעדיקער־פארטייענ און ארגאניזאציעס האבנ דירעקט אויסגערעכנט צוערשט אפ די טראצקיסטנ און

נאָכדעמ, ווי מע האָט זיי צעגראָמירט — אױפ די רעכטע אָפּאָזיציאָנערנ, ווי אױפ זייערע פאַרבינדעטע אינ קאַמפּ קעגנ דער דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט, צוליב די דאָזיקע צילנ האָבנ די שעדיקער־ספּעציאַליסטנ, וואָס האָבנ געאַרבעט אינ די ראַטנ־אַנשטאַלטנ, מיט אַלע מיטלענ אונטערשטיצט די אָפּאָזיציאָנערנ מיט זייערע „געלערנטע" אייצעס, מיט פאַרטיידיקנ זייערע אָנשויונגענ און מיט אַנדערע מיטלענ.

בײַ דער דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט פירט אָנ די קאָמוניסטישע פּאַרטיי מיט דער מעלוכע און מיטנ גאַנצנ מעלוכע־אַפּאַראַט, מיט דער רויטער אַרמײ, מיט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנענ. ווענ מע זאָל דערלאָזנ די עקזיסטענצ פונ פראַקציעס אינ אַזאַ פּאַרטיי, וואָלט דאָס באַטײַט די אומפאַרמײַדלעכע אויסבילדונג פונ פראַקציעס אינ די רעגירונג־אָרגאַנענ, אינ דער רויטער אַרמײ, אינ די פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנענ, אינ אַלע אָנפירנדיקע אָרגאַניזאַציעס. דאָס וואָלט באַטײַט אַ דירעקטע אָפּשוואַכונג פונ דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט, אַ שפּאַלטונג אינ איר. סאָפּקאָלסאָפּ וואָלט דאָס געבראַכט צומ אומפאַרמײַדלעכנ אונטערגאַנג פונ דער ראַטנמאַכט.

אָט פאַרוואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי היט אָפּ איר אײנהײַט אַזוי אַנטשיידנ און האַרב.

מיט זייער אידײיִשער און אָרגאַניזאַציאָנעלער באַהעפטקײַט אונטערשיידנ זיכ שאַרפ די קאָמוניסטישע פּאַרטייענ פונ די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייענ, וווּ עס זײַנענ פאַראַנ פראַקציעס, גרופּעס, שטרעמונגענ, וווּ די פאָרמעלע אײנהײַט ווערט דערגרייכט דורכ קעגנזײַטיקע האַנאָכעס און פאַרשטענדיקונגענ.

אײַזערנע דיסציפּלינ און זעלבסטקריטיק

דער מאַרקסיזמ־לעניניזמ פאָדערט אַנ אײַזערנע דיסציפּלינ אינ די רייענ פונ דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי.

די פּאַרטיי, די שלאַכט־אָרגאַניזאַציע פונעמ פּראָלעטאַריאַט, דאַרפ אַרויסטרעטנ ווי אַנ אײנהײַטלעכע גאַנצע, ווי אײנ מענטש. דער פּאַרטיי איז נייטיק די אײנהײַט פונ טאַט. דער פּאַרטיי איז נייטיק דיסציפּלינ.

די אומבאַדינגטע אײנהײַט פונ טאַט, די שטרענגסטע דיסציפּלינ באַזירנ זיכ אױפ דער אידײיִשער און אָרגאַניזאַציאָנעלער אײנהײַט. בלויז מענטשנ, וואָס זײַנענ פאַראײניקט דורכ געמײנזאַמע אָנשויונגענ און צילנ, וואָס זײַנענ באַהעפט אינ אַנ אײנהײַטלעכער אָרגאַניזאַציע, קענענ אַרויסטרעטנ ווירקלעכ סאָלידאַריש און דיסציפּלינירט.

די אײנהײַט פונ טאַט און די דיסציפּלינ זײַנענ דאָס שטאַרקסטע געווער פונ דער פּאַרטיי אינ קאַמפּ קעגנ די קלאַסנ־סאָנימ פונעמ פּראָלעטאַריאַט. פאַרופנדיק זיכ אױפ דער דערפאַרונג פונ אונדזער רעוואָלוציע, האָט לענינ געהאַלטנ די שטרענגסטע דיסציפּלינ אינ דער פּאַרטיי פאַר אײנע פונ די גרונט־באַדינגונגענ פונעמ ניצאָכנ איבער דער בורזשואַזיע און פונ פאַרפעסטיקנ די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור. אינ 1920 האָט לענינ געשריבנ:

„די באָלשעוויקעס וואָלטנ זיכ ניט אײַנגעהאַלטנ בײַ דער מאַכט ניט נאָר קײנ צוויי מיט אַ האַלב יאָר, נאָר אַפילע קײנ צוויי מיט אַ האַלבע כאָדאָשימ

אָנ דער אויסערסט שטרענגער, בעעמעס אײַזערנער דיסציפּלינ אינ אונדזער פּאַרטײ".

אונ לענינ האָט פאַרשריבנ אינ די „באַדינגונגענ אפ אויפנעמענ אינ קאָמוניסטישנ אינטערנאַציאָנאַל" פאָלגנדיקנ פּונקט:

„אינ דער איצטיקער עפּאָכע פונ פאַרשאַרפטנ בירגערקריג וועט די קאָמוניסטישע פּאַרטײ קאָנענ אויספילנ איר חוב בלויז אינ דעמ פאַל, אויב זי וועט זײַנ אָרגאַניזירט אפנ סאַמע צענטראַליסטישנ אופנ, אויב אינ איר וועט הערשנ אַנ אײַזערנע דיסציפּלינ, וואָס גרענעצט זיכ מיט דער מיליטערישער דיסציפּלינ און אויב איר פּאַרטײ־צענטער וועט זײַנ *א מאַכטפולער אווטאָריטעטער אָרגאַנ מיט ברייטע פולמאַכטנ, וואָס פאַרמאָגט דעמ אַלגעמײנעמ צוטרוי פונ די פּאַרטײ־מיטגלידער*".

וועגנ די ניט־אויסגעהאַלטענע, ניט־דיסציפּלינירטע פּאַרטײ־מיטגלידער האָט לענינ אַזוי געזאָגט:

„ווער עס שוואַכט כאָטש וויפל־ניט־איז אָפּ די אײַזערנע דיסציפּלינ פונ דער פּאַרטײ פונעמ פּראָלעטאַריאַט (באַזונדערס בײַמ זײַנ דיקטאַטור), יענער העלפט פאַקטיש דער בורזשואַזיע קעגנ דעמ פּראָלעטאַריאַט".

אָבער די דיסציפּלינ אינ אונדזער פּאַרטײ דאַרפ קלאָר ניט זײַנ קײנ „בלינדע", קײנ אומבאַוווסטזיניקע. פאַרקערט, די באָלשעוויסטישע אײַזערנע דיסציפּלינ זעט פאָרויס א הויכע *באַוווסטזיניקע אונ פרײַוויליקע אונטערגעוואָרפנקײַט*. אַזא דיסציפּלינ זעט פאָרויס די נייטיקײַט פונ זעלבסטקריטיק אינ דער באָלשעוויסטישער, לענינשער פּאַרטײ, דאָס הייסט, אַז אַלע מיטגלידער זאָלנ פרײַ באַהאַנדלענ די פּאַרטײ־פראַגנ, די פעלערנ אונ טעותנ אינ דער אַרבעט.

„אָנ דער פרײַהײַט פונ באַהאַנדלונג און קריטיק אָנערקענט ניט דער פּראָלעטאַריאַט די אײנהײַט פונ טאַט" (לענינס ווערטער).

אָנ זעלבסטקריטיק קאָנ די פּאַרטײ ניט אַרבעטנ ריכטיק אונ אַנטוויקלענ זיכ. די זעלבסטקריטיק העלפט דער פּאַרטײ באַמערקנ אירע שוואַכקײַטנ, אירע פעלערנ. די זעלבסטקריטיק פאַרלײַכטערט דער פּאַרטײ דעמ קאַמפ קעגנ די סאָנימ פונעמ אַרבעטער־קלאַס, דעמ קאַמפ קעגנ די אָפּאָרטוניסטישע אָפּנייגנ אינ דער פּאַרטײ.

א באַזונדערס וויכטיקע באַדײַטונג באַקומט די זעלבסטקריטיק נאָכ דעמ, ווי דער פּראָלעטאַריאַט נעמט די מאַכט, ווענ די פּאַרטײ שטעלט זיכ אינ דער שפּיצ פונ דער אָנפירונג מיט דער מעלוכע. פאַר דער הערשנדיקער פּאַרטײ איז נאָכ וויכטיקער באַצײַטנס צו באַמערקנ און צו פאַריכטנ אַלע דעפעקטנ אינ איר אַרבעט, קעדײ, ווי לענינ האָט געזאָגט, „ניט פאַרבײַסנ זיכ", ניט באַרויִקנ זיכ מיט די דערגרייכטע דערפאָלגנ.

אָבער ווײַט ניט יעדע קריטיק איז אונדז נייטיק אונ נוצלעכ. אונדז איז ניט נייטיק אַזא קריטיק, וואָס אַנשטאָט צו העלפנ דער פּאַרטײ בעסער אַרבעטנ, פּרווט זי זיכ וואַקלענ די יעסוידעס פונעמ לענינִיזמ אונ פאַרקריפּלענ די גענעראַלע ליניע, וואָס די פּאַרטײ האָט אָנגענומענ.

כ' סטאַלינ זאָגט:

„מיר דאַרפנ האָבנ אַזא זעלבסטקריטיק, וואָס הייבט אויפ די קולטורעלקײַט פונעמ אַרבעטער־קלאַס, אַנטוויקלט זײַנ שלאַכט־גײַסט, פאַרפעסטיקט זײַנ

גלויבנ אינ ניצאָכנ, פאַרמערט זייַנע קויכעס און העלפט אים ווערנ דער ווירקלעכער באַלעבאָס פונ לאַנד".

מיר קאָנענ ניט און טאָרנ ניט אונטער דער מאַסקע פונ „זעלבסטקריטיק" דערלאָזנ פריידיקנ אינ דער פאַרטיי אַנטיפאַרטייִשע אָנשויונגענ און טעאָריעס.

„מע דאַרפ שטרענג אונטערשיידנ, — גיט צו פאַרשטיינ כ' סטאַלינ, — צווישנ דער האָזיקער אונדז פרעמדער אַנטיבאָלשעוויסטישער „זעלבסט־קריטיק" און צווישנ אונדזער באָלשעוויסטישער זעלבסטקריטיק, וואָס שטעלט זיכ פאַר אַ ציל איינצופלאַנצנ די פאַרטייִשקייט, פאַרפעסטיקנ די ראַטנמאַכט, פאַרבעסערנ אונדזער בויונג, פאַרפעסטיקנ אונדזערע ווירטשאַפטלעכע קאַדרענ, באַוואָפענענ דעם אַרבעטער־קלאַס".

מיר דאַרפנ ניט, צולעצט, האָבנ קיינ באַהאַנדלונג פונ דער ריכטיקייט אָדער נייטיקייט פונ אַ באַשטימטנ באַשלוס נאָכ דעם, ווי די פאַרטיי האָט אים שוינ אָנגענומענ און ווענ עס איז נייטיק דורכ דער סאָלידאַרישער אַרבעט פונ אַלע פאַרטיי־מיטגלידער דורכצופירנ אים אינ לעבנ.

פאַרטיי־רייניקונג

כוץ דעם אַלטעגלעכנ קאַמפ קעגנ די אַנטיפאַרטייִשע אָנשויונגענ און קעגנ די קלאַסנ־פרעמדע עלעמענטנ, וואָס דרינגענ אַרײַנ אינ די פאַרטיי־רייענ, פירט די פאַרטיי דורכ פונ צייט צו צייט אַ פאַרטיי־רייניקונג.

ווענ די פאַרטיי איז געווענ אַ קליינע, אַנ אונטערערדישע, אַ פאַרפאָלגטע אָרגאַניזאַציע, איז ניט געווענ קיינ נייטיקייט אינ אַזאַ רייניקונג. די שוואַכע, ניט זיכערע עלעמענטנ פלעגנ „אויסגערייניקט ווערנ", פלעגנ אָפּפאַלנ פונ זיכ אַליינ.

אָבער ווענ אונדזער פאַרטיי איז געוואָרנ אַ פילמיליאָניקע, און אָנפירנדיקע אינ דער מעלוכע, אַ רעגירונגס־פאַרטיי, האָבנ זיכ גענומענ אינ איר אַרײַנכאַפּנ ניט וויניק מענטשנ צוליב זייערע עגאָיִסטישע אינטערעסנ, אינ איר האָבנ זיכ אַרויסגעוויזנ ניט וויניק וואַקלדיקע און דירעקט אַנטיפאַרטייִשע עלעמענטנ.

אַט פאַרוואָס די רייניקונג פונ דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וואָס שטייט אינ דער שפּיצ פונ דער פראָלעטאַרישער מעלוכע, איז געוואָרנ אַנ אומבאַדינגט נייטיקע.

לענינ האָט געשריבנ:

„די פאַרטיי איז אַ פרײַוויליקער פאַרבאַנד, וואָס וואָלט אומפאַרמײַדלעכ צעפאַלנ געוואָרנ צוערשט אידייִש און נאָכדעם אויכ מאַטעריעל, ווענ ער וואָלט זיכ ניט אָפּגערייניקט פונ די מיטגלידער, וועלכע פריידיקנ אַנטיפאַרטייִשע אָנשויונגענ. כדי צו באַשטימענ, ווידער, די גרענעצ צווישנ דעם פאַרטייִשנ און אַנטיפאַרטייִשנ דינט די פאַרטיי־פראָגראַמ, דינענ די טאַקטישע רעזאָלוציעס פונ דער פאַרטיי און איר סטאַטוט".

אויכ כ' סטאַלינ זאָגט:

„אָנ אַ פעריאָדישער רייניקונג פונ אַזוינע וואַקלדיקע עלעמענטנ קאָנ זיכ די פאַרטיי ניט פאַרפעסטיקנ".

די רייניקונג איז נאָכ נייטיק אויכ דערפאַר, ווייל אָנ איר איז אומעגלעכ צ־ פאַרפעסטיקנ, צו פאַרבעסערנ די אַרבעט פונ די ניטפּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס, וואָס מיט זיי פירט אָנ די פּאַרטיי.

,,עס וואָלט געווענ לעכערלעכ צו מיינענ, — זאָגט כ' סטאַלינ, — אַז מע קאָנ פאַרפעסטיקנ אונדזערע סאָוועטיש־ווירטשאַפטלעכע, פּראָפאַריינישע אונ קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס, אַז מע קאָנ זיי אָפּרייניקנ פונעמ ברוד פונ ביוראָקראַטיזמ, ניט אָפּשלייפנדיק די פּאַרטיי גופע... *די פּאַרטיי־רייניקונג שטעלט מיט זיכ פאָר יענעמ נייטיקנ באַדינג, וואָס אָנ אים קאָנ ניט דורכגעפירט ווערנ ביזנ סאָפ די אויפלעבונג אונ פאַרבעסערונג פונ אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פונעמ אַרבעטער־קלאַס*"

אונדזער פּאַרטיי האָט ניט איינמאָל גערייניקט אירע רייענ. אינ 1920 יאָר איז דורכגעפירט געוואָרנ אַנ איבערעגיסטראַציע פונ די פּאַרטיי־מיטגלידער; אינ 1921 יאָר — אַנ אַלגעמיינע פּאַרטיי־רייניקונג; אינ 1924 יאָר — אַ רייניקונג פונ די קעמערלעכ אינ די ראַט.־אַנשטאַלטנ אונ אינ די הויכשולנ; אינ 1925 יאָר — אַ דורכקאָנטראָלירונג פונ די דאָרפישע קעמערלעכ; אינ 1930/1929 יאָר — אַנ אַלגעמיינע רייניקונג; אינ 1932 יאָר — אַ טיילווייזע רייניקונג פונ די דאָרפישע קעמערלעכ; אינ 1933 יאָר — אַנ אַלגעמיינע רייניקונג.

די אויפגאַבנ פונ דער לעצטער רייניקונג באַשטייענ אינ העכערנ דעמ אידייִשנ ניוואָ פונ די פּאַרטיי־מיטגלידער, פאַרפעסטיקנ די פּאַרטיי פּאָליטיש אונ אָרגאַניזאַציאָנעל, פאַרשטאַרקנ נאָכ מער דעמ צוטרוי פונ די אומפּאַרטייִשע מאַסנ צו דער פּאַרטיי.

לויטנ באַשלוס פונעמ צענטראַל־קאָמיטעט דאַרפנ פונ דער פּאַרטיי אויסגערייניקט ווערנ:

,,1) די קלאַסנ־פרעמדע אונ פיינטלעכע עלעמענטנ, וואָס האָבנ זיכ אָפּ אַ שווינדלערישנ אויפנ אַריינגעכאַפּט אינ דער פּאַרטיי אונ פאַרבליבנ דאָרט אָפּ צעלייגנ די פּאַרטיי־רייענ;

2) די צווייפּנעמדיקע, וואָס לעבנ מיט אָפּנאַרנ די פּאַרטיי, וואָס באַהאַלטנ פונ איר זייערע ווירקלעכע שטרעבונגענ אונ אונטערנ צודעק פונ אַ ליגנערישער שבועה אינ ,,געטרייהייט" דער פּאַרטיי פּרוּוונ זיי זיכ פאַקטיש אַראָפּרייסנ די פּאַרטיי־פּאָליטיק;

3) די אָפנענע אונ באַהאַלטענע ברעכער פונ דער אייזערנער דיסציפּלינ פונ דער פּאַרטיי אונ פונ דער מלוכע, וואָס פירנ ניט אויס די באַשלוסנ פונ דער פּאַרטיי אונ פונ דער רעגירונג, וואָס צווייפלענ אונ דיסקרעדיטירנ די באַשלוסנ אונ די פּלענער, וואָס די פּאַרטיי האָט איינגעשטעלט, פּלוידערנדיק וועגנ זייער ,,ניטרעאַלקייט" אונ ,,ניט פאַרווירקלעכבאַרקייט";

4) די איבערגעבאָרענע, וואָס זיינענ זיכ צונויפגעוואַקסנ מיט די בורזשואַזע עלעמענטנ, וואָס ווילנ ניט קעמפנ אינ דער פּראַקטיק קעגנ די קלאַסנ־סאָנימ, וואָס קעמפנ ניט אינ דער פּראַקטיק קעגנ די באַלעגופישע עלעמענטנ, קעגנ די באַרייסער, לאָדערס, גאַנאַווימ אונ קעגנ די צעשלעפּער פונעמ געזעלשאַפטלעכנ אייגנטומ;

5) די קאַריעריסטנ, ,,שקורניקעס" אונ די עלעמענטנ, וואָס האָבנ זיכ

דער סעקרעטאר פונעם קעמערל פון דער קאָלטושער מטס פירט דורך א שמועס וועגן דער פארטיי־רייניקונג

פארביוראָקראטעוועט און וואָס נוצן אויס דאָס געפינען זיך אין דער פארטיי און דאָס דינען בא דער ראטנ־מעלוכע פאר זייערע פערזענלעכע עגאָיִסטישע צילן, וואָס האָבן זיך אָפגעריסן פון די מאסן און באציִען זיך מיט ביטול צו די נויטן און באדערפענישן פון די ארבעטער און פויערים;

6) די דעמאָראליזירטע, וואָס מיט זייער מיעסער אויפפירונג רייסן זיי ארונטער דעם פרעסטיזש פון דער פארטיי, באשמוצן די פאָן פון דער פארטיי.

די קאָמוניסטן, וואָס האוואָם אין טאט האָבן זיי זיך ארויסגעוויזן פאר איבעריקע געגעבענע דער פארטיי, נאָר וואָס האָבן נאָך ניט באהערשט די איינפאכסטע פּאָליטישע קענטענישן, וואָס זיינען נייטיק פאר א פארטיי־מיטגליד, ווערן אריבערגעפירט פאר קאנדידאטן ניט אלס פארטיי־שטראָף, נאָר צוליב פּאָליטישער דערציִונג און צוליב זייער בעסערער צוגרייטונג. אין דער באשטימונג פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער פארטיי ווערט געזאָגט:

„עס קאָן ניט זיין קיין קאָמוניסט, וואָס זאָל ניט וויסן די פּראָגראם און דעם סטאטוט פון זיין פארטיי און אירע וויכטיקסטע פּאָליטישע און אָרגאניזאציאָנעלע באשלוסן".

אין א יאָר ארום קאָנען די, וואָס מע האָט אריבערגעפירט פאר קאנדידאטן, ווידער אויפגענומען ווערן פאר פארטיי־מיטגלידער, אויב זיי וועלן פאר דער דאָזיקער צייט העכערן זייער פּאָליטישע בילדונג.

צווישנ די פארטיי־קאנדידאטנ זײנענ פאראנ אזוינע כאווײרים, וואָס ניט בלויז זיי האָבנ ניט די אײנפאכסטע פּאָליטישע קענטעניש, נאָר וואָס לײדנ נאָכ אויכ פונ א ניטשטאנדהאפטיקייט און פונ דעמ, וואָס זיי פעלט א גענוגנע אויסגע־האלטנקייט אינעמ זינ פונ פארטיי־דיסציפּלינ. אזוינע קאנדידאטנ ווערנ *אריבערגעפירט* אינ דער *קאטעגאָריע מיטפילנדיקע*, און אינ א יאָר ארומ קאָנענ זיי ווידער אופגענומענ ווערנ פאר קאנדידאטנ אָדער אפילע פאר פארטיי־מיטגלידער, אויב זיי וועלנ דערצו רייפ ווערנ.

די רייניקונג דארפ *אָפּווארפנ אלע מענטשנ, וואָס בארעכטיקנ ניט דעמ הויכנ נאָמענ פארטיי־מיטגליד*.

די רייניקונג איז ניט קיינ אויסדרוק פונ הורכוויסיקנ אומצוטרוי פונ דער פארטיי צו די מיטגלידער פונ דעמ אָדער יענעמ קעמערל. די רייניקונג איז א דורכקאָנטראָלירונג פונ די פארטיי־רייענ, קעדיי אופדעקנ און גרונטלעכ באזײטיקנ אלע פעלערנ פונ דער פארטיי־אָרגאניזאציע, קעדיי נאָכ מער העכערנ די שלאכט־פייִקייט פונ דער לענינשער באָלשעוויסטישער פארטיי.

דער אָרגאניזאציאָנעלער געבוי פונ דער פארטיי

די מארקסיסטיש־לענינשע לערע וועגנ דער פארטיי פאָדערט א באשטימטנ געבוי פונ די פארטיי־אָרגאניזאציעס, וואָס זאָל אמערסטנ אנטשפּרעכנ דער פאר־ווירקלעכונג פונ די אופגאבנ און צילנ פונ דער פארטיי. לאָמיר אינ קורצנ בא־שרײבנ דעמ אָרגאניזאציאָנעלנ געבוי פונ דער פארטיי.

די פארטיי באשטייט פונ באזונדערע אָרגאניזאציעס, פונ קעמערלעכ. אָבער די רעוואָלוציאָנערע פארטיי פונעמ פּראָלעטאריאט איז ניט אײנפאכ א סומע פונ באזונדערע אָרגאניזאציעס.

„די פארטיי איז צוזאמענ דערמיט, — זאָגט כ' סטאלינ, — *אנ אײנהייטלעכע סיסטעמ פונ די דאָזיקע אָרגאניזאציעס*, זייער פאָרמעלע פאראייניקונג אינ אנ אײנהייטלעכ גאנצעס, מיט העכערע און נידעריקע אָנפירונג־אָרגאנענ, מיטנ אונטערווארפנ זיכ פונ דער מינדערהייט דער מערהייט, מיט פּראקטישע באשלוסנ, וואָס זײנענ אָבליגאטאָריש פאר אלע פארטיי־מיטגלידער. אָנ די דאָזיקע באדינגונגענ איז די פארטיי ניט אימשטאנד צו זיינ אנ אײנהייטלעכ אָרגאניזירט גאנצעס, וואָס איז פייִק צו פארווירקלעכנ די פּלאנמעסיקע און אָרגאניזירטע אָנפירונג מיטנ קאמפ פונעמ ארבעטער־קלאס".

דער גרונט־פּרינציפּ פונעמ פארטיי־געבוי איז דער *דעמאָקראטישער צענטראליזמ*. דאָס באטייט, אז די גאנצע פארטיי בילדעט אנ אײנהייט־לעכע אָרגאניזאציע, וואָס ווערט אָנגעפירט פונ *איינ צענטער*, וועמענ עס זײנענ *אונטערגעוואָרפנ* אלע באזונדערע פארטיי־אָרגאניזאציעס. צוזאמענ מיט דעמ ווערט דער דאָזיקער צענטער *אויסגעוויילט* דורכ דער פארטיי אפּ איר צוזאמענפאָר, ער *דארפ אָפּגעבנ באריכטנ דעמ צוזאמענ־פאָר*. לויטנ זעלבנ פּרינציפּ איז געבויט יעדער באזונדערע אָרגאניזאציע פונ דער פארטיי — די רעפּובליקאנישע, געגנטלעכע (קאנטישע), ראיאָנישע ביז די קעמערלעכ.

אזא געבוי באוואָרנט די אָרגאניזאציאָנעלע איינהייט, די איינהייטלעכע פעסטע אָנפירונג, דאָס אונטערווארפנ זיכ פונ די אונטערשטע אָרגאנענ די העכערע, די שטרענגע דיסציפלינ אינ דער פּארטיי. צוזאמענ דערמיט באוואָרנט אזא אָרגאניזאציאָנעלער געבוי, אז די אָנפירנדיקע אָרגאנענ זאָלנ אויספילנ דעמ ווילנ פונ דער פּארטיי, אירע באשלוסנ, וואָס די מערהייט נעמט אָנ, באוואָרנט דאָס רעכט פונ קאָנטראָל פונ דער פּארטיי איבער אירע אָנפירנדיקע אָרגאנענ, דאָס רעכט צו יעטווידער צייט אומבייטנ די דאָזיקע אָרגאנענ אינעמ פאל, ווענ זיי ארבעטנ שלעכט. אזא געבוי באוואָרנט די זעלבשטענדיקייט פונ יעדער פּארטיי־אָרגאניזאציע אינ לייזנ די אָרטיקע פראגנ, דעמ אקטיוונ אָנטייל פונ אלע פּארטיי־מיטגלידער אינעמ אינערלעכפּארטייִשנ לעבנ אונ די פרייהייט צו באהאנדלענ אלע פּארטייִש־פּאָליטישע אונ ווירטשאפטלעכע פראגנ קאָלזמאנ ווענ זיי איז ניט אָנגענומענ געוואָרנ קיינ פּארטייִשער באשלוס.

„דער יעסאָד פונ דער פּארטיי־אָרגאניזאציע איז דאָס פּארטיי־קאָמערל", — זאָגט דער פּארטיי־סטאטוט. די קאָמערלעכ ווערנ געבויט לויטנ פּראָדוציר־סימענ — אינ די פאבריקנ, זאוואָדנ, אינ די וואָרשטאטנ, אינ די ראטווירטנ, אינ די מאשינ־טראקטערישע סטאנציעס, אינ די קאָלווירטנ, אינ די ווירטשאפטלעכע אונ אדמיניסטראטיווע אנשטאלטנ אאוו. אלע פּארטיי־מיטגלידער, וואָס ארבעטנ אינ דער געגעבענער אונטערנעמונג אָדער אנשטאלט, גייענ ארייַנ אינ איינ קאָמערל. אינ די גרויסע אונטערנעמונגענ, אינ די ראמענ פונ דער אלגעמיינער פּארטיי־אָרגאניזאציע, וואָס כאפּט ארומ די גאנצע אונטערנעמונג, קאָנענ געשאפנ ווערנ קאָמערלעכ אינ די צעכנ, אינ די אָפּטיילונגענ פונ ראטווירט אאז.

אינ די דערפער האָבנ ביז דער לעצטער צייט די פּארטיי־קאָמערלעכ זיכ געבויט אנדערש — לויטנ טעריטאָריעלנ סימענ, דאָס הייסט, אלע פּארטיי־מיטגלידער, וואָס וווינענ אינ דאָרפ אָדער אינ א ריי דערפער, זיינענ ארייַנ אינ איינ פּארטיי־קאָמערל. דערקלערט האָט זיכ דאָס דערמיט, וואָס קאָמוניסטנ זיינענ געווענ ווייניק אונ געארבעט האָבנ זיי צעוואָרפנ, דערהויפּט אינ די דאָרפישע אנשטאלטנ (ראט, קאָאָפּעראציע, פּאָסט, מיליציע, שול אא.). מיט דער אנטשטייונג פונ א גרויסער צאָל גרויסע פארגעזעלשאפטלעכטע אונטערנעמונגענ אינ דאָרפ — קאָלווירטנ, מאשינ־טראקטערשע סטאנציעס, ראטווירטנ — איז געשאפנ געוואָרנ די מעגלעכקייט אונ די נייטיקייט צו אָרגאניזירנ באזונדערע פּארטיי־קאָמערלעכ אינ די דאָזיקע אונטערנעמונגענ, קעדיי צו באוואָרענענ די בעסטע דירעקטע פּארטייִשע אָנפירונג מיט דער פּראָדוציר־ארבעט.

דער צענטראל־קאָמיטעט פונ דער פּארטיי האָט באשטימט צו שאפנ אינ יעדנ קאָלווירט זעלבשטענדיקע קאָלווירטישע פּראָדוציר־קאָמערלעכ פונ די קאָמוניסטנ, וואָס ארבעטנ דאָרט, אונ ווענ זיי זיינענ ווייניק — קאנדידאטישע גרופּעס אָדער גרופּעס מיטפילנדיקע. צוגלייַכ דערמיט פארבלייַבנ אויכ די טעריטאָריעלע קאָמערלעכ, וווּהינ עס גייענ ארייַנ די קאָמוניסטנ, וועלכע ארבעטנ ניט אינ די קאָלווירטנ.

די פּארטיי־קאָמערלעכ אינ די קאָלווירטנ, וואָס ווערנ בארינט פונ מאשינ־טראקטערישע סטאנציעס, ארבעטנ אונטער דער אָנפירונג פונ די פּאָליטאָפּ-

טײלנ פונ די דאָזיקע סטאַנציעס. די דירעקטיוו פונ די פּאָליטאָפּטײלנ איבער אַלע פראַגנ פונ דער טעטיקײט פונ די מאַשינ־טראַקטאָרישע סטאַנציעס זײַנענ אָבליגאַטאָריש פאַר די דאָזיקע קעמערלעכ. איבער די איבעריקע פראַגנ (ראַטנ־בויִונג, פינאַנסנ, בילדונג, פּראָפּאַגאַנדע אאַ.) פירנ אָנ מיט די דאָזיקע קאָלווירטישע קעמערלעכ די ראַיאָנע פּאַרטײ־קאָמיטעטנ. די קעמערלעכ אינ די קאָלווירטנ, וואָס ווערנ ניט באַדינט פונ די מאַשינ־טראַקטאָרישע סטאַנציעס, אונ די טעריטאָריִעלע קעמערלעכ געפינענ זיכ אונטער דער אָנפירונג פונ די ראַיאָנע פּאַרטײ־קאָמיטעטנ איבער אַלע פראַגנ אָנ אויסנאַמ.

מיטנ שאַפנ די פּאָליטאָפּטײלנ אונ די פּראָדוקציִשע קאָלווירטישע קעמערלעכ ווערט אַזוי אַרומ די פּאַרטײ־אָנפירונג אינ דאָרפ פאַרווירקלעכט ניט בלויז דורכ די ראַיקאָמענ (טעריטאָריִעלע אָרגאַניזאַציעס), נאָר אויכ דורכ די פּאָליטאָפּטײלנ.

דאָס קעמערל ווײלט אויס אפ דער אַלגעמײנער פאַרזאַמלונג זײַנ אָנפירנדיק אָרגאַנ — די ביוראָ פונ קעמערל, וואָס טײלט אויס דעמ סעקרעטאַר פונ קעמערל.

דאָס קעמערל פאַרבינדט די אָנפירנדיקע פּאַרטײ־אָרגאַנענ מיט דער מאַסנ אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, פויערימ. דאָס קעמערל פירט די פּאַרטײ־אַרבעט אינ די מאַסנ, פאַרווירקלעכט די לאָזונגענ אונ באַשלוסנ פונ דער פּאַרטײ, באַטײליקט זיכ אַקטיוו אינ דער אַרבעט פונ די סאָוועטישע, ווירטשאַפטלעכע אונ פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, מאָביליזירט די מאַסנ אפ אויספילנ די ווירטשאַפטלעכ־פּאָליטישע אויפגאַבנ פונ דער געגעבענער אונטערנעמונג, פונעמ קאָלווירט, פונעמ ראַטנווירט, העלפט דעמ אָרטיקנ פּאַרטײ־קאָמיטעט אונ דעמ פּאָליטאָפּטײל אינ זײער אַרבעט אינ די מאַסנ, ציט צו אונ דערציט נײַע פּאַרטײ־מיטגלידער.

נײַע פּאַרטײ־מיטגלידער ווערנ אויפגענומענ בלויז פונ די אַרבעטנדיקע. עס ווערנ אײַנגעשטעלט דרײַ קאַטעגאָריעס באַמ אויפנעמ: 1) אַרבעטער אונ רויטאַרמײער פונ אַרבעטער אונ פויערימ; 2) קאָלווירטניקעס אונ פויערימ, קוסטאַרנ, וואָס עקספּלואַטירנ ניט קײנ פרעמדע אַרבעט; 3) אַנדערע (אָנגעשטעלטע אאַז.). אפ אויפנעמענ אינ דער פּאַרטײ פאָדערנ זיכ רעקאָמענדאַציעס פונ אַלטע מיטגלידער. די נײַ־אויפגענומענע אינ דער פּאַרטײ דאַרפנ דורכגײנ אַ באַשטימטנ קאַנדידאַטנ־סטאַזש (אויספּרוּוו־טערמינ) אונ אַ שול פונ פּאָליטישער גראַמאָטע. אפ אויפנעמענ אינ דער פּאַרטײ אינדוסטריעלע אַרבעטער, וואָס זײַנענ פאַרנומענ קעסיידער מיט פיזישער לוינאַרבעט, פאָדערנ זיכ רעקאָמענדאַציעס פונ צוויי מיטגלידער, וואָס געפינענ זיכ אינ דער פּאַרטײ ניט ווייניקער ווי אײנ יאָר. אפ אויפנעמענ אינ דער פּאַרטײ ניט אינדוסטריעלע אַרבעטער, רויטאַרמײער פונ אַרבעטער אונ פויערימ, באַטראַקעס זײַנענ נייטיק רעקאָמענדאַציעס פונ צוויי מיטגלידער, וואָס געפינענ זיכ אינ דער פּאַרטײ ניט ווייניקער ווי צוויי יאָר. אפ אויפנעמענ קאָלווירטניקעס פויערימ אונ קוסטאַרנ זײַנענ נייטיק רעקאָמענדאַציעס פונ דרײַ פּאַרטײ־מיטגלידער מיט אַ צוויי־יאָריקנ סטאַזש פונ זײַנ אינ דער פּאַרטײ, אונ צולעצט, אפ אויפנעמענ די איבעריקע זײַנענ נייטיק רעקאָמענדאַציעס פונ 5 מיטגלידער מיט אַ 5־יאָריקנ סטאַזש פונ זײַנ אינ דער פּאַרטײ.

דער קאַנדידאַטישער סטאַזש איז אײַנגעשטעלט: פאַר דער ערשטער קאַטעגאָריע — ניט ווייניקער ווי 6 כאָדאָשימ, פאַר דער צווייטער קאַטעגאָריע — ניט

ווייניקער ווי איינ יאָר און פאר דער דריטער קאטעגאָריע — ניט ווייניקער ווי 2 יאָר.

אזא סיידער פונ אויפנעמענ נײַע מיטגלידער איז אײַנגעפירט געוואָרנ, ערשטנס, קעדיי אָפּצוהיטנ די פּארטיי, אַז אינ איר זאָלנ ניט ארײַנדרינגענ פרעמדע עלעמענטנ און, צווייטנס, קעדיי אפּ א באשטימטנ אויפנ צו רעגולירנ דעמ סאָציאַלנ באשטאנד פונ דער פּארטיי, קעסיידער העכערנדיק אינ איר דאָס ספּעציפישע געוויכט פונ די קאָמוניסטנ פונעמ אינדוסטריעלנ פּראָלעטאריאט און פאָדערנדיק א מער זאָרגזאמע דורכקאָנטראָלירונג פאר די, וואָס קומענ אָנ פונ די איבעריקע שיכטנ ארבעטנדיקע.

די פראגע וועגנ אויפנעמענ צוערשט אלס קאנדידאטנ און נאָכדעמ אלס פּארטיי־מיטגלידער לייזט די אלגעמיינע פארזאמלונג פונ קעמערל און נאָכדעמ באשטעטיקט דער פּארטיי־קאָמיטעט. די פראגע וועגנ אויסשליסנ וועמענ ניט איז פונ פּארטיי־מיטגלידער לייזט אויכ די אלגעמיינע קעמערל־פארזאמלונג און נאָכדעמ באשטעטיקט די קאָנטראָל־קאָמיסיע.

אלע מיטגלידער און קאנדידאטנ פונ דער פּארטיי טראָגנ ארײַנ מאָנאטלעכ פּארטיי־אָפּצאָל אינ א באשטימטנ פּראָצענט פונעמ פארדינסט. די, וואָס האָבנ ניט ארײַנגעטראָגנ קיינ אָפּצאָל אינ פארלויפ פונ דרײַ כאָדאָשימ, רעכענענ זיכ פאר ארויסגעפאלנ פונ דער פּארטיי.

„די שטרענגסטע פּארטיי־דיסציפּלינ איז די סאמע ערשטע פליכט פאר אלע פּארטיי־מיטגלידער און פאר אלע פּארטיי־ארגאניזאציעס", — ווערט געזאָגט אינעמ סטאטוט. אלע באשלוסנ און אָנווײַזונגענ פונ די פּארטיי־אָרגאנענ דארפ מענ שנעל און פּינקטלעכ אויספילנ. פאר ניט אויספילנ באקומט די אָרגאניזאציע א פאָרוואורפ אָדער אפילע ווערט פאנאנדערגעלאָזנ. פאר די אייצלנע פּארטיי־מיטגלידער ברענגט דאָס ניט אויספילנ די פּארטיי־דירעקטיוונ צו א באמערקונג, צו אנ אויסריד, צו אנ עפנטלעכנ פאָרוואורפ, צו באזײַטיקנ צײַטווײַליק פונ פאראנטוואָרטלעכער פּארטייִשער און סאָוועטישער ארבעט, צו ווערנ אויסגעשלאָסנ פונ דער פּארטיי.

דער אלגעמיינ־פּארטייִשער צוזאמענפאָר איז דער העכסטער פּארטיי־אָרגאנ. פונ צוזאמענפאָר ביז צוזאמענפאָר פירט אָנ מיט דער פּארטיי דער צענטראל־קאָמיטעט, וואָס ווערט אויסגעוויילט אויפנ צוזאמענפאָר. אויפנ צוזאמענפאָר ווערט אויסגעוויילט די צענטראלע קאָנטראָל־קאָמיסיע, וואָס אירע אויפגאבנ באשטייענ אינ פארפעסטיקנ די איינהייט אינ דעמ אויטאָריטעט פונ דער פּארטיי, אינ קעמפנ פאר פארבעסערנ און פארייפאכנ דעמ סאָוועטישנ און ווירטשאפטלעכנ אפאראט, אינ פארניכטנ דעמ ביוראָקראטיזמ אינ זיי, אינ באוואָרענענ אינ זייער גאנצער ארבעט די פּארטיי־ליניע. איינמאל צווישנ די צוזאמענפאָרנ רופט צונויפ דער צענטראל־קאָמיטעט אנ אלפארבאנדישע פּארטיי־קאָנפערענצ פונ פאָרשטייער פונ די אָרטיקע פּארטיי־אָרגאניזאציעס אויפ באטראכטנ די וויכטיקסטע לויפנדיקע פראגנ. די באשלוסנ פונ דער קאָנפערענצ באשטעטיקט נאָכדעמ דער צענטראל־קאָמיטעט.

דער צענטראל־קאָמיטעט פארזאמלט זיכ אויפ פּלענארע זיצונגענ, ער אָרגאניזירט פאָלגנדיקע אָרגאנענ זײַנע: די פּאָליטישע ביוראָ — פאר פּאָליטישער

אָנפירונג, די אָרגאניזאציאָנעלע ביוראָ — פאר אלגעמיינער אָנפירונג מיט דער אָרגאניזאציאָנעלער ארבעט. דעמ סעקרעטאריאט — פאר לויפנדיקער אָרגאניזאציאָנעלער אונ אויספירנדיקער ארבעט. דער צענטראל־קאָמיטעט טיילט אויס דעמ גענעראל־סעקרעטאר פונ דער פארטיי אונ די פאראנטוואָרטלעכע סעקרעטארנ.

די פארטיי־אָרגאניזאציעס פונ די באזונדערע רעפובליקנ פאריייניקנ זיכ אינ נאציאָנאלע קאָמוניסטישע פארטייענ (אינ דער אוקראאינישער, ווייסרוסישער, גרוזינישער רעפובליקנ אאוו.). די דאָזיקע נאציאָנאלע פארטייענ גייענ אריינ אינעמ באשטאנד פונ דער אלפארבאנדישער קאָמוניסטישער פארטיי (באָלשעוויקעס) מיט די רעכט פונ גרויסע טעריטאָריעלע אָרגאניזאציעס (געגנטלעכע, קאנטישע), זיי זיינענ אינגאנצנ אונטערגעוואָרפנ דעמ צענטראל־קאָמיטעט פונ דער פארטיי.

די נאציאָנאלע קאָמוניסטישע פארטייענ ווײלנ אויס אפ די צוזאמענפארנ זייער צענטראל־קאָמיטעט אונ צענטראלע קאָנטראָל־קאָמיסיע; די אנדערע אָרטיקע אָרגאניזאציעס ווײלנ אויס אפ די קאָנפערענצנ זייערע קאָמיטעטנ אונ קאָנטראָל־קאָמיסיעס. די קאָמיטעטנ טיילנ אויס פונ זיכ ביוראָענ אונ סעקרעטארנ אפ אָנפירנ מיט דער לויפנדיקער פאָליטישער אונ אָרגאניזאציאָנעלער ארבעט.

אָט דאָס איז אינ די גרונט־שטריכנ דער אָרגאניזאציאָנעלער געבוי פונ דער פארטיי. דער דאָזיקער געבוי אפ דער באזע פונ דער אידייִשער איינהייט, באוואָרנט דער פארטיי די איינהייט אונ פעסטקייט פונ טאט, די איינהייט פונ דער אָנפירונג מיט דער גאנצער קאָלאָסאלער פארטיי־אָרגאניזאציע, מיט אלע מעלוכישע אונ ווירטשאפטלעכע אָרגאנענ, מיט אלע אומפארטייִשע געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס, מיט דער גאנצער מאסע ארבעטנדיקע.

די לענינישע, באָלשעוויסטישע אָרגאניזאציע־סיסטעמ פונ דער פארטיי איז א מעכטיק געצייג בא דעמ פראָלעטאריאט, אינ די הענט אינ דעמ קאמפ פאר זיינע צילנ.

יעדער פארטיי־מיטגליד דארפ האָבנ א באשטימטע פארטיי־אָנלאָדונג, אויספילנדיק די פארטיי־באשלוסנ אונ די אויפגעבונגענ פונ זיינ קעמערל. יעדער פארטיי־מיטגליד דארפ אינ זיינ פראָדוקטירישער אונ פארטייִשער ארבעט זיינ א ביישפיל. א מוסטער פאר די אומפארטייִשע, דארפ זיינ א שלאכט־אגיטאטער, אנ אָרגאניזאטער, וואָס באהעפט דעמ אקטיוו, די ארבעטנדיקע מאסנ ארומ דער פארטיי, וואָס גיט אָפ מיט מעסירעסנעפעש זיינע גאנצע קרעפטנ אפ פארווירקלעכנ אירע גרויסע צילנ. יעדער פארטייער דארפ געדענקענ, אז די פארטיי דאָס איז א שלאכט־אָרגאניזאציע, וואָס פארהארטעוועט זיכ אינ די געראנגלענ מיט די סאָנימ, וואָס וואקסט אפנ בייקומענ די שוועריקייטנ, וואָס פירט נאָכ זיכ די מיליאָניקע מאסנ, וואָס קעמפט פארנ ניצאָכנ פונ קאָמוניזמ אינ דער גאנצער וועלט.

אָט דאָס איז די לערע פונ מארקס־ענגעלס וועגנ דער פארטיי, וואָס עס האָבנ פאנאנדערגעארבעט לענינ אונ זיינ געטרייער שילער — כ' סטאלינ, וועלכער האָט געזאָגט:

„עס איז ניטאָ קיינ העכערע זאכ, ווי דער נאָמענ מיטגליד פונ דער פארטיי, וואָס דער גרינדער אונ אָנפירער אירער איז כאווער לענינ.

מיטגלידער פון פאָליט־ביוראָ
פ"נ צק אלקפ(ב).

י. וו. סטאַלינ

וו. מ. מאָלאָטאָוו

ל. מ. קאַהאַנאָוויטש

ק. יע. וואָראָשילאָוו

ג. ק. אָרדזשאָניקידזע

מ. אי. קאַלינינ

וו. וו. קויבישעוו

א. א. אנדרייעוו

ס. ט. קירָאוו

ס. וו. קאָסיאָר

קאנדידאטן אין פּאָליטביוראָ פון צק אלקפּ(ב)

א. א. מיקאָיאנ

ג. אי. פּעטראָווסקי



וו. יא. טשובאר

פּאָר/יצער פון צקק אזקפּ(ב)
יא. רע. ודזוטאק

סעקרעטאר פון צק אלקפּ(ב)
פּ. פּ. פּאָסטישעוו



צווייטער טייל

קאמפ אפ צוויי פראָנטנ

פונוואנענ נעמענ זיכ די מיינונג־פארשיידנהײַטנ אינ דער פארטיי

מיר האָבנ שוינ דערמאָנט, אז אונדזער פארטיי איז אויסגעוואָקסנ אונ פעסט געוואָרנ אינ קאמפ קעגנ אנדערע פארטייענ פאר פארפעסטיקנ איר איינפלוס אפ די ארבעטער אונ אויכ אינ קאמפ קעגנ די שטרעמונגענ, פראקציעס, אָפנייגנ אינ איר סוויווע. אונדזער קאָמוניסטישע פארטיי איז דער איינציקער אָנפירער פונעם ארבעטער־קלאס.

אינ די קאפיטאליסטישע לענדער זיינענ נאָכ פאראנ אנדערע פארטייענ, כוצ דער קאָמוניסטישער. אייניקע פונ זיי רופנ זיכ אָנ „ארבעטערישע”, „סאָציאַלדעמאָקראטישע” אָדער „סאָציאַליסטישע”, פאקטיש אָבער פאראטנ זיי די אינטערעסנ פונ די ארבעטער אונ דעמ סאָציאַליזמ. קעגנ זיי פירנ די קאָמוניסטנ אנ אומקאָמפּראָמיסלעכנ קאמפ.

שטעלט זיכ די פראגע: פארוואָס עקזיסטירנ נאָכ די האָזיקע, קלוימערשט, „ארבעטער”־פארטייענ? פארוואָס האלטנ זיי נאָכ אײַנ דעמ איינפלוס אפ געוויסע שיכטנ ארבעטער?

עס שטעלט זיכ אויכ אנ אנדער פראגע: פונוואנענ נעמענ זיכ די מיינונג־פארשיידנהײַטנ, דער קאמפ פונ מיינונגענ, די אָפנייגנ אינ די רייענ פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי?

לאָמיר זיכ פאנאנדערקלייבנ אינ די האָזיקע פראגנ.

דער ארבעטער־קלאס, ווי מיר ווייסנ, איז אנטשטאנענ פונ די צערוינירטע קליינע פראָדוצירער — האנטווערקער, פויערימ. אינ דער קאפיטאליסטישער געזעל־שאפט איז דער ארבעטער־קלאס ניט אָפגעטיילט מיט אנ אומדורכדרינגלעכער וואנט פונ די איבעריקע קלאסנ אונ שיכטנ. פארקערט, ער איז מיט טויזנטער פע־

עמ צונויפגעבונדנ מיט די בורזשואזע שיכטנ פונ דער געזעלשאפט. אונופהערלעכ גיסנ זיכ אריינ אינ די רייענ פונעמ ארבעטער־קלאס נייע פראָלעטאריער. זיי ברענגענ מיט זיכ די אָנשויונגענ, די געוווינהייטנ, די שטרעבונגענ, די פאָרורטיילנ פונ דער סוויווע, פונוואַנענ זיי זײַנענ ארויס, — פונ דער קליינבירגערלעכער סוויווע.

די קליינע אייגנטימער, ווי מיר ווייסנ, פארנעמענ א צווישנדיקע, ניטשטאנדהאפטיקע לאגע אינ דער היינטצייטיקער געזעלשאפט, זיי וואקלענ זיכ פונ דער בורזשואזיע צומ פראָלעטאריאט אונ צוריק. די אונטערהדריקונג, עקספּלואטאציע מיצאַד דער גרויסער בורזשואזיע שטויסט די דאָזיקע מאסנ צומ פראָלעטאריאט, די דערפאָלגנ פונעמ פראָלעטאריאט אינ קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע הייבנ אופ אינ זיי א רעוואָלוציאָנערע שטימונג. פארקערט, די שוועריקייטנ פונ קאמפ, די דורכפאלנ פונעמ פראָלעטאריאט רופנ לייכט ארויס בא די דאָזיקע מאסנ א יערידע־שטימונג, א פאניק אונ ווארפנ זיי אָפּ צוריק צו דער בורזשואזיע.

די דאָזיקע וואקלונגענ גיבנ זיכ אומפארמײַדלעכ איבער פונ דעמ קליינבירגערטומ צו די נייע שיכטנ פראָלעטאריאט, וואָס זײַנענ ניט לאנג ארויס פונ דער קליינבירגערלעכער סוויווע (האנטווערקער, פויערימ, אינטעליגענטנ אאַז.). אָט איז איינ וועג, מיט וועלכנ דער בורזשואזער אײַנפלוס דרינגט אריינ אינעמ ארבעטער־קלאס אונ פונדאנענ אויכ אינ דער ארבעטער־פארטיי.

דער בורזשואזיע גייט זיכ איינ צו באַאײַנפלוסנ דעמ ארבעטער־קלאס דורכ אונטערקויפנ די אזוי־גערופענע „ארבעטער־אריסטאָקראטיע". די בורזשואזיע קארגט ניט אונ באצאָלט גוט דעמ אויבערשיכט הויכקוואליפיצירטע ארבעטער. כוצ דעמ אָרדענענ זיכ אויסגעצייכנט איינ אינ דער בורזשואזער געזעלשאפט די באאמטע פונ די סאָציאלדעמאָקראטישע פארטייענ אונ פונ די פשאָרעמאכערישע פראָפעסיאָנעלע פאריינענ, וואָס פירנ ניט קיינ רעוואָלוציאָנערנ קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע. זיי באקומענ פונ די ארבעטער־אָרגאניזאציעס א געהאלט, וואָס באטרעפט צענדליקער טויזנטער א יאָר. ניט זעלטנ זײַנענ זיי שוטפימ פונ קאפּיטאליסטישע אונטערנעמונגענ, מיטגלידער פונ בענק־פארוואלטונגענ אאַז. עס איז דערוויזנ געוואָרנ, אז א סאכ פונ זיי באקומענ גרויסע סומעס פונ די קאפּיטאליסטנ ספּעציעל פאר דעמ, וואָס זיי „היטנ זיי אויס פונ ארבעטער־שטרײַקנ", פאר אראָפּרײַסנ שטרײַקנ אאוו. אזוינע „ארבעטער־פירער" האָט לענינ אָנגערופנ „פארבורזשואזעוועטע ארבעטער", „ארבעטער־„פּריקאזטשיקעס" פונעמ קאפּיטאליסטישנ קלאס". די בורזשואזיע ציט צו אזוינע „ארבעטער־פירער" אפילע צו זיכ אפ שטעלעס אלס באאמטע, מיניסטאָרנ, פּאָליציי־שעפנ אאַז. אָט דער דאָזיקער אויבערשיכט — „די ארבעטער־אריסטאָקראטיע" — איז עס דער דורכפירער פונעמ בורזשואזנ אײַנפלוס אפנ פראָלעטאריאט.

צולעצט, ווירקט די בורזשואזיע דירעקט אפ די מאסנ דורכ איר פרעסע, דורכ איר שול, דורכ דער קירכע, דורכ אירע פארטייענ, דורכ די פארשיידענע געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס אאוו. אפ דעמ אויפנ ווירקט זי טאָגטעגלעכ אפ די מאסנ, פארסאמט די מויכעס פונ די ארבעטער מיט בורזשואזע ליגנ, דערציט די מאסנ אינ בורזשואזנ גײַסט. אינ געשטאלט פונ דער בורזשואזער אינטעליגענצ באנוצט די בור־

זשואַזיע קאָלאָסאַלע קאַדרענ דורכפירער פונ איר אײַנפלוס אפנ פּראָלעטאַריאַט, אפ זײַנע אָרגאַניזאַציעס.

אָט פאַרוואָס אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זײַנענ פאַראַנ פּאַרטייענ, וואָס רופנ זיכ אָנ „אַרבעטערשע" אונ אינ דער ווירקלעכקייט זײַנענ זיי אײַנגאַנצנ דורכגעדרונגענ מיטנ בורזשואַזנ אײַנפלוס. אָט פאַרוואָס די רעוואָליוציאָנערע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, די קאָמוניסטנ דאַרפנ פירנ אַ קאַמפּ ניט נאָר קעגנ דער בורזשואַזיע, נאָר אויכ קעגנ די דאָזיקע, קלוימערשט „אַרבעטערשע" אונ אינדערעמעס בורזשואַזע פּאַרטייענ, דעמאַסקירנ זייער שווינדל, זייער פאַרראַט אונ צוציענ די אַרבעטער־מאַסנ, וואָס גייענ נאָכ נאָכ זיי, אפ דער זײַט פונ דער רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי. די דאָזיקע פּאַרטייענ זײַנענ די הויפּט־דורכפירער פונעמ בורזשואַזנ אײַנפלוס אפנ פּראָלעטאַריאַט, זיי זײַנענ דער סאָציאַלער הויפּט־אָנשפּאַר פונ דער בורזשואַזיע, דאָס הייסט אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס אפ איר שפּאַרט זיכ אָנ די בורזשואַזיע קעדיי צו אונטערהאַלטנ איר הערשאַפט.

לאָמיר איצט איבערגיינ צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די דאָזיקע פּאַרטיי איז דער פאָרגעשריטענער אָטריאַד, דער רעוואָליוציאָנערער פירער פונעמ פּראָלעטאַריאַט. אָבער צוזאַמענ מיט דעמ איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַ טייל פונעמ אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז דירעקט, בלוטיק פאַרבונדנ מיטנ גאַנצנ אַרבעטער־קלאַס אונ דורכ אימ אויכ מיט די ברייטע מאַסנ אַרבעטנדיקע. אונ דאָס באַטײַט, אַז די בורזשואַזע אָנשויונגענ, פאָרורטיילנ, וואַקלונגענ, וואָס זײַנענ פאַראַנ אינעמ אַרבעטער־קלאַס, האָבנ אומפאַרמײַדלעכ אַ געוויסע ווירקונג אויכ אפ דער רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי, שפּיגלענ זיכ אָפּ אינ דער פאָרמ פונ וואַקלונגענ, פונ אָפּנייגונגענ צווישנ אַ געוויסנ סאַמע ניט שטאַנדהאַפטיקנ טייל מיטגלידער אירע.

אַזוי־אַרומ זײַנענ די מיינונגס־פאַרשיידנהײַטנ, דער קאַמפּ, די אָפּנייגונגענ אינ די קאָמוניסטישע פּאַרטייענ בעשומויפנ ניט קיינ צופעליקע דערשײַנונג, נאָר אַ דירעקטער רעזולטאַט פונ דער קלאַסנ־אײַנטיילונג פונ דער געזעלשאַפט, פונעמ קלאַסנקאַמפּ, אונ אָפּשפּיגלונג פונעמ אײַנפלוס פונ דער בורזשואַזיע אפנ פּראָלעטאַריאַט אונ אפ זײַנ פּאַרטיי.

לאָמיר צולעצט אַ קוק טאָנ, אינ וואָסערע באַדינגונגענ אַרבעט אונדזער אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס). דער ראַטנפאַרבאַנד איז אַרומגערינגלט מיט פײַנטלעכע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס. אינווייניק אינעמ ראַטנפאַרבאַנד זײַנענ נאָכ די קלאַסנ ניט פאַרניכטעט פולשטענדיק. די רעשטלעכ קאַפּיטאַליסטישע קלאַסנ (באַלעגופימ, נעפּלײַט) ווײַזנ נאָכ אַרויס אַ פאַרביטערטנ ווידערשטאַנד דעמ דורכפירנ די סאָציאַליסטישע מאָסמיטלענ פונ דער ראַטנמאַכט אונ פונ דער פּאַרטיי. זייער ווידערשטאַנד ווערט אַלץ פאַרביסענער, וואָס דײַטלעכער די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ פונ שטאָט אונ דאָרפ פילנ, אַז עס קומט אָנ די שעה פונ זייער ענדגילטיקנ אונטערגאַנג. זיי פּרוווּנ זיכ אופווירקנ אפ די אָפּגעשטאַנענע עלעמענטנ פונעמ אַרבעטער־קלאַס אונ אָנשטעקנ זיי מיט זייער אײַנפלוס.

בא אונדז האָט זיך נאָך דערוויַל אײַנגעהיט א צאָלרײַכער שיכט פויערים. מיליאָנען מענטשן גייען פון דאָרף אין די שטעט — זיי גייען ניט דערפאַר, וויַל זיי ווערן צערויַנירט, ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווילן ארבעטן אין די סאָציאַליסטישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, אָפ די נייע בויונגען. אין 1930 יאָר זיַנען בא אונדז צוגעקומען 2 מיליאָן נייע ארבעטער, אין 1931 יאָר — 3,5 מיליאָן, אין 1932 יאָר — 3 מיליאָן ארבעטער. די דאָזיקע נייע שיכטן פונעם ארבעטער־קלאַס ווירקן מיט דערצו, אַז אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט זאָלן אַריינדרינגען קליינבירגערלעכע שטימונגען. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרפ נאָך „פאַרדײַען״ אין זיין סוויווע די דאָזיקע נייע מיליאָניקע קאַדרען, די פּאַרטיי דאַרפ איבערדערציען זיי אין גייסט פון סאָציאַליזם, פון קאָמוניזם.

אין אונדזערע סאָוועטישע, אַדמיניסטראַטיווע און ווירטשאַפטלעכע אנשטאַלטן איז נאָך פאַראַן א געוויסער שיכט בורזשואַזע אינטעליגענץ. זי געפינט זיך אין א געוויסן פאַרקער מיט די ארבעטערשע און פויערשע מאַסן, ומיט די פּאַרטיי־מיטגלידער. פון די גערינכט־פּראָצעסן איבער די שעדיקער איז באַוווּסט, אַז א טייל פון דער דאָזיקער אינטעליגענץ האָט זיך געפּרוּווט אויסנוצן זיַנע אַמט־לאַגע פאַר קאָנטררעוואָליוציאָנערער אונטערביַסערישער ארבעט, און די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן אין דער פּאַרטיי זיַנען אין א ריי פאַלן ארונטערגעפאַלן אונטער דער איידיישער ווירקונג פון דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער בורזשואַזער אינטעליגענץ.

מיט איין וואָרט, בא אונדז האָבן זיך נאָך אייַנגעהיט די מעגלעכקייטן פון בורזשואַזן אייַנפלוס אָפ די אָפּגעשטאַנענע שיכטן פּראָלעטאַריאַט און אָפ אייַנצלנע ניט־שטאַנדהאַפטיקע שיכטן פון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי. דעריבער איז אומבאַדינגט נייטיק, מיר זאָלן פאַרזעצן דעם אקשאָנעסדיקן, קאָנסעקווענטן און האַרבן קאַמפ פאַר דער אידייִשער מאַרקסיסטיש־לענינישער אויסגעהאַלטנקייט און פאַר דער באָלשעוויסטישער באַהעפּטונג פון דער פּאַרטיי קעגן יעטווידער וואַקלונג און אָפּנייג אין די פּאַרטיי־רייען.

בייַקומען די מייַנונג־פאַרשיידנהייַטן דורך קאַמפ

מיר האָבן געזען, אַז די בורזשואַזיע שטרעבט אַינטערצווואַרפן אונטער איר אייַנפלוס דעם ארבעטער־קלאַס און זיין פּאַרטיי. דער פאָרגעשריטענער טייל פּראָלעטאַריאַט, פאַרקערט, שטרעבט באַקעמפן דעם דאָזיקן אייַנפלוס און ארומבאַפן אַלע ארבעטער מיטן אייַנפלוס פון דער רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטאַרישער לערע, מיטן אייַנפלוס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

הייסט עס, אַז אין די פּאַרטייִשע מייַנונג־פאַרשיידנהייַטן האַנדלט זיך אין טאָך גענומען וועגן דעם קאַמפ פון צוויי פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס[1], פון צוויי פאַרשיידענע וועלטאַנשויונגען: דער פּראָלעטאַרישער און דער בורזשואַזער.

„קיין שום „דריטע״ אידעאָלאָגיע האָט די מענטשהייַט ניט אויסגעאַר־

---

[1] אידעאָלאָגיע — אָנשויונג, וועלטאָנשויונג.

בעט, — זאָגט לעניִן, — און ביכלאַל אין אַ געזעלשאַפט, וואָס ווערט צע־פליקט פון קלאַסן־ווידערשפּרוכן, קאָן גאָר קיינמאָל ניט זיין קיין אויסער־קלאַסעווע אָדער איבערקלאַסעווע אידעאָלאָגיע".

אין די פּאַרטייִשע מיינונג־פאַרשיידנהייטן האַנדלט זיך וועגן לייזן די אָדער יענע פראַגע סאָפּקאָלסאָפּ אָ ד ע ר לויט די אינטערעסן פונעם פּראָלע־טאַריאַט, אָ ד ע ר לויט די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע. אַט פאַרוואָס מע טאָר ניט, עס איז שעדלעך פאַרן פּראָלעטאַריאַט צו פאַרשמירן, צו מאַכן אַ פשאָרע צווישן די מיינונג־פאַרשיידנהייטן אין דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי. פאַרקערט, די מיינונג־פאַרשיידנהייטן דאַרף מען א ו פ ד ע ק ן און קלאָר מאַכן פאַר די ברייטסטע מאַסן אַרבעטנדיקע, הינטער וואָסער מיינונג עס באַהאַלטן זיך די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, וואָסער מיינונג עס דריקט אויס די אינ־טערעסן פונעם פּראָלעטאַרישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. נאָך ענגעלס האָט געשריבן אין די 80־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט:

„י ע ט װ י ד ע ר אַרבעטער־פּאַרטיי פון אַ גרויסן לאַנד קאָן זיך אַנטוויק־לען בלויז אין אינערלעכן קאַמף... די ווידערשפּרוכן קאָנען קיינמאָל ניט פאַרטושט ווערן אויף לאַנג, זיי ווערן געלייזט דורכן קאַמף".

אונדזער פּאַרטיי איז טאַקע אויסגעוואַקסן אין אָפענעם קאַמף קעגן די אָפּאָר־טוניסטישע אָפּנייגן אין איר סוויווע. אַ סך מענטשן האָט זיך דער האַזיקער קאַמף אויסגעדוכט פאַר איבעריק און שעדלעך. אָבער לעניִן האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אומבאַדינגט נייטיקן און נוצלעכן. ער האָט געשריבן אין 1907 יאָר:

„אָן דעם קאָן מען ניט אויסבילדן אַ פּאַרטיי, וואָס זאָל ווערט זיין דעם דאָזיקן וואָרט, און מיר בילדן זי אויס".

פאַרופנדיק זיך אויף די אויבנגעבראַכטע ווערטער פון ענגעלס און לעניִן, זאָגט כ. סטאַלין:

„די געשיכטע פון אונדזער פּאַרטיי איז די געשיכטע פון גוויווער זיין די אינערלעכן־פּאַרטייִשע ווידערשפּרוכן און פון אומאָפּנייטבאַרן פאַרפעסטיקן די רייען פון אונדזער פּאַרטיי אויף דער באַזע פון דעם דאָזיקן גוויווער זיין...

ד אָ ס ג ו י ו ו ע ר ז י י ן ד י א י נ ע ר ל ע כ ־ פּ אַ ר ט י י ִ ש ע מ י י נ ו נ ג ־ פ אַ ר ש י י ד נ ה י י ט ן ד ו ר כ ן ק אַ מ פ א י ז ד ע ר אַ נ ט װ י ק ל ו נ ג ־ ג ע ז ע צ פ ו נ א ו נ ד ז ע ר פּ אַ ר ט י י".

די ריכטיקע מאַרקסיסטיש־לענינישע ליניע אַרבעט אויס די פּאַרטיי א י ן ק אַ מ פ אויף צוויי פראָנטן: קעגן די רעכטע און קעגן די „לינקע" אָ פּ אָ ר ט ו נ י ס ט ן.

די אָפּאָרטוניסטן פאַרטיידיקן און שטרעבן דורכצופירן אין לעבן די אָנשוויונ־גען, וואָס זיינען פיינטלעך דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם — דעם קאָמוניזם, וואָס ווידערשפּרעכן די צילן, די אויפגאַבן, די באַשטימונגען פון דער רעוואָלוציאָ־נערער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי — פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די אָפּאָרטו־ניסטן דעקן זיך צו ניט זעלטן מיט אַ רעוואָלוציאָנערער פראַזע, זיינען מיטן מויל מאַסקים מיט דער פּראָגראַם און מיט די באַשטימונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי, אָבער אין דער פּראַקטיק פירן זיי אַ קאַמף קעגן איר און קעגן אירע באַשלוסן.

מיר קעמפנ אומדערבארעמדיק קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ, מיר דעמאַסקירנ די אָפּאָרטוניסטנ, וואָס דרינגענ אריינ אינ דער קאָמוניסטישער פּארטיי, מיר ווארפנ זיי ארויס פונ דער פּארטיי, אלס אירע סאָנימ.

פונ די כאַוויירימ, וואָס באגייענ אָפּאָרטוניסטישע פעלערנ, ווענ מיר זיכ דערשלאָגנ, זיי זאָלנ אָנערקענענ אונ פאריכטנ זייערע פעלערנ. די אָפּנייגלער, וואָס אקשענענ זיכ אייננ אונ פארטיפערנ זייערע פעלערנ, שליסנ מיר אויס פונ דער פּארטיי.

צולעצט, קעמפנ מיר קעגנ דער טאָלעראַנטער באציונג צומ אָפּאָרטוניזמ, צו די אָפּאָרטוניסטישע אָפּנייגנ. אייניקע פּארטיי־מיטגלידער פארבייטנ דעמ ווירקלעכנ קאַמפ פאר בייקומענ די אָפּאָרטוניסטישע אָנשוויונגענ מיט דעמ באלעבעסלדיקנ „שאָלעמ מאַכנ", צווישנ פערזאָנענ אונ גרופּנ, אומאָפּהענגיק פונ זייערע אָנשוויונגענ, זיי סטאַרענ זיכ פארטושנ, פארשמירנ די אָפּאָרטוניסטישע אָפּנייגנ, וואָס מערקנ זיכ אָנ אינ דער פּארטייִשער סוויווע.

די טאָלעראַנטלעריי איז ניט דערלאָזבאר אינ דער קאָמוניסטישער פּארטיי. לענינ זאָגט:

„מיר זיינענ א פּארטיי, וואָס קעמפט אינ די באדינגונגענ פונ פארשארפטע שוועריקייטנ. מיר דארפנ זאָגנ צו זיכ: קעדיי די איינהייט זאָל זיינ א פעסטע, איז נייטיק, אז עס זאָל פארורטיילט ווערנ א באשטימטער אָפּנייג. וויבאלד ער האָט זיכ אָנגעמערקט, דארפ מענ אימ אויפדעקנ אונ באהאנדלענ".

די טאָלעראַנטלעריי לאָזט זיכ ניט פּאָרנ מיט דער לענינשער פּארטיי־איינהייט, וואָס באזירט זיכ אָפּ דער ווירקלעכער אידייִשער איינִיקייט, אונ ניט אָפּ קעגנזייטיקע האנאָכעס אונ אָפּ א פארשטענדיקונג צווישנ די פארשיידענע קעגנזעצלעכע אָנשוויונגענ אונ שטרעבונגענ.

מע קאָנ ניט ווי געהעריק קעמפנ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ אונ קעגנ די אָפּאָרטוניסטישע אָפּנייגנ, ניט קעמפנדיק אינ דער זעלבער צייט קעגנ דער טאָלעראַנטלעריי. די טאָלעראַנטלער — דאָס זיינענ אינ דער ווירקלעכקייט מיטהעלפער אונ אדוואָקאַטנ פונעמ אָפּאָרטוניזמ. די טאָלעראַנטלער דארפ מענ דעמאַסקירנ, אויפדעקנדיק דעמ גאנצנ שאָדנ פונ דער טאָלעראַנטלעריי, דערשלאָגנ זיכ פונ אלע פּארטיי־מיטגלידער, אז זיי זאָלנ באזייטיקנ פולשטענדיק די אומבאדינגטע נויטווענדיקייט פונ דעמ אומבעשאָלעמדיקנ באָלשעוויסטישנ קאַמפ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ אונ קעגנ די אָפּאָרטוניסטישע אָפּנייגנ אינ דער פּארטייִשער סוויווע.

אינ קאַמפ מיט וואָסערע סאָנימ איז אויסגעוואָקסנ אונ האָט זיכ פארהארטעוועט דער באָלשעוויזמ

אונדזער קאָמוניסטישע פּארטיי (באָלשעוויקעס) איז אויסגעוואָקסנ אונ האָט זיכ אנטוויקלט אינ קאַמפ אָפּ צוויי פראָנטנ: קעגנ דעמ אָפּענעמ אָפּאָרטוניזמ אינ דער ארבעטער־באוועגונג אונ קעגנ דער קליינבירגערלעכער רעוואָלוציאָנערישקייט; קעגנ די רעכטע אונ „לינקע" אָפּנייגנ אינ אירע רייענ.

די פארשטייער פונעמ אָפּענעמ אָפּאָרטוניזמ, די אגענטנ פונ דער בורזשואזיע

אינ דער אַרבעטער־באַװעגונג אינ אונדזער לאַנד זײַנענ געװענ די מ ע נ ש ע װ י ־ ק ע ס. אינ קאַמפּ קעגנ זײ איז טאַקע אַנטשטאַנענ די באַזונדערע באָלשעװיסטישע אָרגאַניזאַציע (פונ 2־טנ פּאַרטײ־צוזאַמענפאָר אינ 1903 יאָר). האַגאַמ די באָלשע־װיקעס זײַנענ נאָכ לאַנג פ אָ ר מ ע ל אַרײַנ אינ אײנ פּאַרטײ מיט די מענשעװיקעס, זײַנענ דאָס אָבער פ אַ ק ט י ש געװענ צװײ זעלבשטענדיקע פּאַרטײענ, װאָס האָבנ געהאַט באַזונדערע פּאָליטישע ציל־אײַנשטעלונגענ אונ זעלבשטענדיקע פּאַרטײאישע אָרגאַניזאַציעס.

„דער באָלשעװיזמ, — זאָגט לענינ, — עקזיסטירט אַלס שטרעמונג פונ פּאָליטישנ געדאַנק אונ אַלס פּאָליטישע פּאַרטײ פונ 1903 יאָר אָנ“.

דער אָפּאָרטוניזמ פונ די מענשעװיקעס האָט זיכ אַנטפּלעקט פונ אָנהײב אָנ אי־בער אַלע פראַגנ פונעמ קאַמפּ פונעמ אַרבעטער־קלאַס. לאָמיר נעמענ די סאַמע װיכ־טיקע פונ זײ.

אױפנ צװײטנ פּאַרטײ־צוזאַמענפאָר (1903 יאָר), אַפ װעלכנ עס איז פאָרגעקו־מענ די שפּאַלטונג, האָבנ די מענשעװיקעס געקעמפט קעגנ דעמ לענינשנ פּלאַנ פונ אױסבױענ אַ צענטראַליזירטע שלאַכט־פּאַרטײ. לענינ האָט פאָרגעלײגט צו האַלטנ פאַר אַ פּאַרטײ־מיטגליד דעמ, װאָס ניט בלױז ער אָנערקענט איר פּראָגראַמ אונ שטיצט אונטער די פּאַרטײ מיט מאַטעריעלע מיטלענ, נ אָ ר אַ ר ב ע ט אַ ל ײ נ אױ כ אי נ אײ נ ע ר פ ו נ ד י פּ אַ ר ט ײ ־ אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע ס, אונ, הײסט עס, װאַרפט זיכ אונטער דער פּאַרטײ־דיסציפּלינ. אונ די מענשעװיקעס, פאַרקערט, האָבנ געהאַלטנ, אַז עס איז ניט אָבליגאַטאָריש פאַר אַ פּאַרטײ־מיטגליד צו אַרבעטנ אינ דער פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציע אונ, הײסט עס, עס איז ניט אָבליגאַטאָריש אױכ די פּאַרטײ־דיסציפּלינ. דער לענינשער ערשטער פּאַראַגראַפ (פּונקט) פונעמ פּאַרטײ־סטאַטוט האָט אָפּגעהיט די פּאַרטײ פונ אַנ אײַנגעלאָפ פונ פאַרשײדענע ניט פּראָלע־טאַרישע, ניט־שטאַנדהאַפטיקע עלעמענטנ. דער מענשעװיסטישער ערשטער פּאַראַ־גראַפ, פאַרקערט, האָט ברײט פאַנאַנדערגעעפנט די טירנ פונ דער פּאַרטײ פאַר אַזוינע עלעמענטנ (פונ דער אינטעליגענצ אאַז.), װאָס װאָלטנ געהאַט די רעכט פונ פּאַרטײ־מיטגלידער, נאָר װאָלטנ פאַרבליבנ אױסער איר, װאָלטנ ניט געהאַט קײנ פּאַר־טײ־פליכטנ. לענינ האָט אָפּנ דערקלערט, אַז די מענשעװיקעס פּאַרטײדיקנ דעמ אָפּאָרטוניסטישנ שטאַנדפּונקט אינ די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגנ.

אינ דעמ פעריאָד פונ דער ערשטער רעװאָלוציע (אינ 1905 יאָר) האָבנ די מענשעװיקעס געהאַלטנ, אַז די הױפּט־טרײַבקראַפט אונ דער אָנפירער פונ דער דאָ־זיקער רעװאָלוציע איז די ב ו ר ז ש ו אַ ז י ע. דער פּראָלעטאַריאַט, — האָבנ גע־טײַנעט די מענשעװיקעס, — דאַרפ ניט שטערנ דער בורזשואַזיע דורכפירנ די בור־זשואַזע רעװאָלוציע, אײַנפירנ בורזשואַזע פרײַהײטנ, װי אינ די פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרפ אונטערשטיצנ די בורזשואַזיע אינ איר קאַמפּ קעגנ דער צאַריש־פּריצישער מאַכט, אָבער מע דאַרפ דערבײַ ניט אַרױסשטעלנ קײנ „צו רעװאָלוציאָנערע“ פאָדערונגענ, קעדײ ניט „אָפּשרעקנ“ די בורזשואַזיע פונ דער רעװאָלוציע, מע דאַרפ ניט אונטערשטיצנ דעמ קאַמפּ פונ די פּױערימ קעגנ די פּריצימ. מער פונ אַלצ דאַרפ דער פּראָלעטאַריאַט זיכ היטנ פונ פאַרכאַפּנ די מאַכט אינ זײַנע הענט אונ פונ באַטײליקנ זיכ אינ דער צײַטװײלי־קער רעװאָלוציאָנערער רעגירונג: דערמיט װעט ער קאַליע מאַכנ די גאַנצע זאַכ.

די מענשעוויקעס האָבנ אפ אזא אופנ געפרידיקט א בונד פונעמ פראָלעטאריאט מיט דער בורזשואזיע, אונטער דער אָנפירונג פונ דער בורזשואזיע, אפ אײנפירנ א בורזשואזע אָרדענונג, האָבנ געפרידיקט דעמ פולשטענדיקנ אָפזאָג פונ דער אָנפירנדיקער ראָליע פונעמ ארבעטער־קלאס אינ דער רעוואָלוציע, האָבנ ניט אָנערקענט די רעוואָלוציאָנערע באדײטונג פונ פויערשנ קאמפ. די מענשעוויקעס זײנענ שוינ דאנ ארויסגעטראָטנ אלס פשאָרעמאכער מיט דער בורזשואזיע, אלס פארטרעטער פונעמ ארבעטער־קלאס אונ פונ די ארבעטנדיקע מאסנ.

די באָלשעוויקעס, פארקערט, האָבנ געהאלטנ דעמ ארבעטער־קלאס פאר דעמ אײנציקנ ביזנ סאָפ רעוואָלוציאָנערנ קעמפער, פירער אונ פאָרשטייער פונ אלע ארבעטנדיקע מאסנ אינ קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג, אזוי ווי קעגנ דער בורזשואזיע. די באָלשעוויקעס האָבנ געזענ אינ פויערטומ דעמ הויפט־פארבינדעטנ פונעמ פראָלעטאריאט אינעמ רעוואָלוציאָנערנ קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג, וואָס די באָלשעוויקעס האָבנ געפירט מיט אלע מיטלענ ביז א באוואפנטנ אופשטאנד אײנגעשלאָסנ. די באָלשעוויקעס האָבנ געקעמפט קעגנ די פרוווונ פונ דער בורזשואזיע אונטערצווארפנ אונטער איר אײנפלוס די ארבעטערשע אונ פויערשע מאסנ. אונ די באָלשעוויקעס האָבנ זיכ דערשלאָגנ צו א קער פונ פויערטומ אפ דער זײט פונ פראָלעטאריאט.

נאָכנ 1905 יאָר איז די צארישע רעגירונג, וואָס האָט ווילד פארפאָלגט די רעוואָלוציאָנערנ, דאָכ געווענ געצוווּנגענ צונויפצורופנ די נעבעכדיקע ענלעכקײט צו א פארלאמענט, צו א „פאלק־פאָרשטייערשאפט" — די אזוי־גערופענע „מלוכע־דומע". דאנ האָבנ די מענשעוויקעס זיכ צוגעײלט צו דערקלערנ די רעוואָלוציע פאר „א פארענדיקטע", האָבנ פארביטנ די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגענ מיט דער פאָדערונג פונ רעפאָרמעס מיצאד דער צארישער רעגירונג. למשל, אָנשטאָט דער פאָדערונג פונ א רעפובליק האָבנ זײ ארויסגעשטעלט די פאָדערונג פונ א „פולמעכטיקער דומע", אָנשטאָט דער קאָנפיסקאציע פונ די פריצישע אונ אנדערע ערד — דאָס איבערקויפנ די ערד־געזעצגעבונג אאזוו. די מענשעוויקעס האָבנ גערופנ צו „ליקווידירנ" די אונטערערדישע פארטיי־אָרגאניזאציע אונ צו שאפנ א „ברייטע" „אָפענע" פארטיי, וואָס פונקציאָנירט אינ די ראמענ פונ די צארישע געזעצנ. דעריבער האָבנ די מענשעוויקעס טאקע באקומענ דעמ נאָמענ „ליקווידאטערס", „סטאָליפינשע ארבעטער־פארטיי" (סטאָליפינ דער טאליענ — א צארישער מיניסטער פונ יענער צײט).

די באָלשעוויקעס, פארקערט, האָבנ אײנגעהיט אונ פארפעסטיקט זייער אונטערערדישע אָרגאניזאציע, די באָלשעוויקעס האָבנ פארגעזעצט דעמ רעוואָלוציאָנערנ קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג אונ פארנ סאָציאליזמ, בלויז ענדערנדיק אינ א געוויסער מאָס די אופנימ פונעמ דאזיקנ קאמפ.

פונ אָנהייב אימפעריאליסטישער מילכאָמע (1914—1918 יאָרנ) האָבנ די מענשעוויקעס ארויסגערוקט דעמ לאָזונג „באשיצנ דאָס פאָטערלאנד", דאָס צאריש־בורזשואזע פאָטערלאנד, האָבנ געשטימט פאר די מיליטערישע בודזשעטנ פונ דער רעגירונג, האָבנ גענומענ פריידיקנ דעמ „בירגער־פרידנ" מיט דער בורזשואזיע, האָבנ זיכ באטייליקט אינ די מיליטעריש אינדוסטריעלע קאָמיטעטנ (אפ מיטהעלפנ

דער מילכאָמע) אאוו. די מענשעוויקעס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין „באַשיצלער", דאָס הייסט אין אַגענטן פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע.

די באָלשעוויקעס, פאַרקערט, זיינען געווען פאַר א מאַפּאַלע פון דער אייגענער בורזשואַזיע אין דער מילכאָמע, די באָלשעוויקעס האָבן אַרויסגערוקט דעם לאָזונג — פאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע אין א בירגערקריג קעגן דער זעלבסטהערשונג און קעגן דער בורזשואַזיע.

און ווען עס איז פאָרגעקומען די פעווראַל־רעוואָלוציע פון 1917 יאָר, וואָס האָט אָראָפּגעוואָרפן דעם צאַריזם, האָבן די מענשעוויקעס איינגעשטעלט אן אייניקייטלעכן פראָנט מיט דער בורזשואַזיע קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט. זיי זיינען אריין אין דער בורזשואַזער רעגירונג און האָבן אַפּ א געוויסע צייט פאַרוואַנדלט די ראַטן אין אָרגאַנען, וואָס האָבן באַדינט די בורזשואַזיע. זיי האָבן מיט אַלע קרעפטן געקעמפט קעגן דעם, אז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל דעראָבערן די מאַכט.

אָבער ווען דער פּראָלעטאַריאַט האָט אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין אָקטיאַבער 1917 יאָר אָראָפּגעוואָרפן די בורזשואַזע רעגירונג און פאַרכאַפּט די מאַכט צו זיך אין די הענט, האָבן די מענשעוויקעס אָנגעהויבן א קאַמף קעגן דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. די מענשעוויקעס האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט אינעם לאַגער פון דער אָפענער קאָנטררעוואָליוציע, אינעם לאַגער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בורזשואַזיע, וואָס איז אָנגעפאַלן אַפּ דער ראַטן־רעפּובליק.

עס פאַרשטייט זיך, אז די באָלשעוויקעס האָבן פון אָנהייב אָן געמוזט פירן אן אַכזאָריעסדיקן, אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן די מענשעוויקעס. די באָלשעוויקעס האָבן דערקלערט די מאַסן די פּשאַרעמאַכערײַ פון די מענשעוויקעס מיט דער בורזשואַזיע, זייער פאַרראַט די אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס און פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. די באָלשעוויקעס האָבן פאַרטיידיקט קעגן די מענשעוויקעס און פאַרווירקלעכט אין קאַמף קעגן זיי די רעוואָליוציאָנערע אויפגאַבן פונעם פּראָלעטאַריאַט.

מיטן דאָזיקן קאַמף האָבן די באָלשעוויקעס דעראָבערט דעם אומטיילבאַרן צוטרוי פונעם אַרבעטער־קלאַס און פון די אַרבעטנדיקע מאַסן.

אָט דאָס איז איינע פון די גרונטלעכע און די ענטשיידנדיקע באַדינגונגען, וואָס אין לאַנגן קאַמף קעגן אים איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך פאַרהאַרטעוועט דער באָלשעוויזם: די רעכטע אָפּאָרטוניסטישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פאַרטיי מענשעוויקעס.

דער רוסישער מענשעוויזם איז אן אָטריאַד פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָפּאָרטוניזם. אין די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פאַרטייען אין אויסלאַנד און אין זייער אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניקונג — אינעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל — איז נאָך מיט א לאַנגער צייט פאַר דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע די הערשנדיקע שטרעמונג געוואָרן די אָפּאָרטוניסטישע. אין די מילכאָמע־יאָרן זיינען די פאַרטייען פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אַפּגן אַריבער אַפּ דער זייט פון דער בורזשואַזיע, האָבן אונטערשטיצט די אימפּעריאַליסטישע בלוטבאָד, גערופן צו פאַרטיידיקן „זייער" אימפּעריאַליסטיש פאָטערלאַנד אין דער דאָזיקער מילכאָמע.

די באָלשעוויקעס האָבן געקעמפט קעגן דעם אָפּאָרטוניזם פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, קעגן די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פאַרטייען, וואָס ער פאַראייניקט.

האָבנ אויפגעדעקט זייער פּאַראַט, האָבנ געשטויסנ דעמ לינקנ פליגל סאָציאַלדעמאָ־ קראַטנ אָפּ אנ איינדרייס מיט די אָפּאָרטוניסטנ.

די אויבערהאַנט פונעמ אָפּאָרטוניזמ אינ די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייע: האָט באַטייט אַנ איינדרייס מיטנ מאַרקסיזמ, דאָס אָפּזאָגנ זיכ פונ רעוואָליוציאָנערנ מאַסנ־קאַמפּ קעגנ דער בורזשואַזיע. די אָפּאָרטוניסטנ דערקלערנ די טעאָריע פונ מאַרקס—ענגעלס פאַר „פאַרעלטערט", „ניט אָנווענדבאַר" אינ די הײַנטצײַטיקע באַדינגונגענ. זיי זײַנענ פאַר אַ פרידלעכער, ביסלעכווײַזער רעאָרגאַניזירונג פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אינ אַ סאָ־ ציאַליסטישער. אינ דער ווירקלעכקײַט באַטײַט עס אײַנהיטנ דעמ קאַפּיטאַליזמ. אָפּנאַרנ די אַרבעטער. מע קאָנ ניט רעאָרגאַניזירנ דעמ קאַפּיטאַליזמ אינ סאָציאַ־ ליזמ, ווי מע קאָנ ניט, לאָמיר זאָגנ, פאַרוואַנדלענ אַ שטיינ אינ ברויט. דעמ קאַפּי־ טאַליזמ דאַרפ מענ פאַרניכטנ, פאַרבײַטנ מיטנ סאָציאַליזמ. אונ צוליב דעמ דאַרפ מענ אַראָפּוואַרפנ די מאַכט פונ דער בורזשואַזיע.

דער אינטערנאַציאָנאַלער מענשעוויזמ טרעט אַרויס קעגנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ מיט דער בורזשואַזיע, קעגנ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, קעגנ דער דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט.

אָט וואָס לענינ האָט געשריבנ אינ 1920 יאָר וועגנ די מענשעוויקעס אונ וועגנ די אויסלענדישע סאָציאַלדעמאָקראַטנ:

„דאָס איז, נאַטירלעכ, געווענ דער הויפּט־סוינע פונ דעמ באָלשעוויזמ אינווייניק אינ דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער דאָזיקער סוינע פאַרבלײַבט אויכ דער הויפּט־סוינע אינעמ אינטערנאַציאָנאַלנ מאַסשטאַב. דעמ דאָזיקנ סוינע האָט דער באָלשעוויזמ אָפּגעגעבנ אונ גיט אָפּ מער אויפמערקזאַמקײַט".

לענינ האָט אָנגערופנ די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייענ „פּאָליטישע אָט־ ריאַדנ פונ דער בורזשואַזיע", „אַגענטנ פונ דער בורזשואַזיע אינ דער אַרבעטער־ באַוועגונג", „סאָציאַלער הויפּט־אָנשפּאַר פונ דער בורזשואַזיע".

די סאָציאַלדעמאָקראַטנ האָבנ זיכ שוינ פונ לאַנג פאַרוואַנדלט אינ בורזשוי אישע קאָנטררעוואָליוציאָנערע פּאַרטייענ, אינ די פאַרביסנסטע סאָ־ נים פונעמ קאָמוניזמ, אינ די סאַמע נידערטרעכטיקע אונ געפערלעכע סאָנים פונעמ אַרבעטער־קלאַס, וואָס נאַרנ אָפּ די מאַסע מיט זייער נאָמענ אונ מיט די ליגנערישע פּראַזנ וועגנ סאָציאַליזמ.*

אַ צווייטער סוינע אינווייניק אינ דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס אינ קאַמפּ קעגנ אימ איז אויסגעוואָקסנ אונ האָט זיכ פאַרפעסטיקט דער באָלשעוויזמ, איז די קלײַנבירגערלעכע רעוואָליוציאָנערישקײַט. די הויפּט־אויסדריקער פונ דער קלײַנבירגערלעכער רעוואָליוציאָנערישקײַט זײַנענ געווענ די אַזוי־גערופענע „סאָציאַליסטנ־רעוואָליוציאָנערנ" (פאַרקירצט „עסערנ"), זיי האָבנ אָפּגעלייקנט די אָנפירנדיקע ראָליע פונעמ פּראָלעטאַריאַט אינ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ פונ אַלע אַר־ בעטנדיקע פאַר זייער באַפרײַונג. זיי האָבנ פאַרטונקלט דעמ באַוווּסטזײַנ פונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ מיט ניט רעאַלע טרוימענ וועגנ פאַרווירקלעכנ דעמ סאָציאַליזמ דורכ אַנ אויסגלײַכערישער צעטיילונג פונ דער ערד. די דאָזיקע פּאַרטיי האָט געזענ אַ באַזונדער „רעוואָליוציאָנערישקײַט" אָדער „לינקײַט" אינעמ אינדיווידועלנ טע־

* וועגנ די דאָזיקע פּאַרטייענ וועלנ מיר גענוי ריידנ אינעמ דריטנ טייל פונ אונדזער שמועס.

ראַד, דאָס הייסט אין דערמאָנטע איינצלנע פאַרשטייער פונ דער צאַרישער מאכט. די עסערנ האָבנ געפונענ פאַר זיכ אַנהענגער דערהויפט צווישנ דעם קלייִנבירגער־טום (אינטעליגענצ, פויערימ אאַז.). אָבער נאָכ זיי איז געגאַנגענ אויכ א געוויסער טייל אַרבעטער.

די באָלשעוויקעס האָבנ געהאַט דורכצופירנ א לאַנגנ אַקשאַנעסדיקנ קאַמפ קעגנ די עסערנ, דעמאַסקירנ זיי פאַר די אַרבעטער אונ פויערימ. די באָלשעוויקעס האָבנ ניט אויפגעהערט צו דערווייזנ, אַז דער סאָציאַליזמ, וואָס די עסערנ פרייִדיקנ, האָט ניט קיינ שומ געמייִנזאַמעס מיטנ ווירקלעכנ פּראָלעטאַרישנ סאָציאַליזמ, אַז אינ דער ווירקלעכקייט זייִנענ די עסערנ ניט מער, ווי א ליַנקע בורזשואַזע פּאַרטיי.

אונ די רעוואָלוציע האָט דאָס אינגאַנצנ באַשטעטיקט. גלייַכ נאָכנ אַראָפּוואַרפנ דעמ צאַריזמ זייַנענ די עסערנ אַרייַנ אינעמ באַשטאַנד פונ דער בורזשואַזער רעגי־רונג; דער עסער קערענסקי איז דירעקט פאַר אָקטיאַבער געווענ אַפילע דער הויפּט פונ דער דאָזיקער רעגירונג. מיט די הענט פונ די עסערנ האָבנ די קאַפּיטאַליסטנ אונ פּריצימ געשיקט שטראַפ־אָטריאַדנ קעגנ די פויערימ, האָבנ פאַרצויגנ די אימ־פּעריאַליסטישע מילכאָמע, האָבנ גראָמירט די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פונ די אַרבעטער אונ פויערימ, פאַרפאָלגט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, אַרעסטירט די באָלשעוויסטישע פירער. אונ נאָכ דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע איז די פּאַרטיי עסערנ אַרויסגעטראָטנ מיט געווער אינ די הענט קעגנ דער ראַטנמאַכט. אינ די יאָרנ פונ בירגערקריג האָבנ די עסערנ אַקטיוו געהאָלפנ די ווייסגוואַרדייִשע באַנדעס אינ די אינטערנאַציאָנאַלע אימפּעריאַליסטנ אינ זייערע פּרווונ צו דערשטיקנ די יונגע ראַטנ־רעפּובליק. די עסערנ האָבנ זיכ באַטייליקט אינ דער רעגירונג פונעמ צאַריש: אַדמיראַל קאָלטשאַק, וואָס האָט פאַרכאַפּט סיביר, האָבנ געהאָלפנ די גענעראַלנ — דעניקינ, יודעניטש, וראַנגעל. די עסערנ האָבנ אָרגאַניזירט אינ לאַנד באַלעגופישע אופשטאַנדנ. די עסערקע קאַפּלאַנ האָט געשאָסנ אינ 1918 יאָר אָינ לענינענ. די רעשטלעכ פונ דער פּאַרטיי עסערנ, וואָס זייַנענ געבליבנ אינ אויסלאַנד, נעמענ אַנ אַקטיוונ אָנטייל אינ צוגרייטנ די אינטערווענציע קעגנ דעמ ראַטנפאַרבאַנד.

אינ אירע רייענ האָט די פּאַרטיי די גאַנצע צייַט געפירט א קאַמפ קעגנ דעמ רעכטנ אונ „ליַנקנ" אָפּנייג. אַזוי, לעמאָשל, אינ 1917 יאָר ערעוו דער אָקטיאַבער־איבערקערעניש איז א גרופּע אָנגעזעענע פּאַרטיי־מיטגלידער מיט זינאָוויעוונ אונ קאַמענעוונ אינ דער שפּיצ אָפּנ אַרויסגעטראָטנ קעגנ דעמ אופשטאַנד אונ נאָכ דער איבערקערעניש האָבנ זיי זיכ אַרויסגעזאָגט פאַר שאַפנ א „פאַראייניקטע רעגירונג פונ אַלע סאָוועטישע פּאַרטייענ".

דאָס האָט באַטייַט אַנ אָפּזאָג פונ דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט, א פאַרשטענדיקונג מיט די קלייִנבירגערלעכע פּאַרטייענ (מיט די מענשעוויקעס, עסערנ אאַ.), וואָס זייַנענ געווענ קעגנ דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט, דאָס איז געווענ אַנ אָפּענער פאַראַט קעגנ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. לענינ, וואָס אימ האָט אונטערשטיצט די גאַנצע פּאַרטיי, האָט אָפּנ שאַרפסטנ אויפנ פאַרורטיילט די דאָזיקע, לויט זייַנ אויסדרוק „שענדלעכע וואַקלונגענ", דאָס דאָזיקע „דעזערטירערייַ" פונ די פּאַרטיי־רייענ אינעמ אַנטשיידנדיקנ מאָמענט פאַר דער פּאַרטיי.

די רעכטע אָפּאָרטוניסטן זײַנען דירעקטע פאַרטרעטער פון דער אַרבעטער־זאַק, די רעקטע מיטהעלפּער פון דער בורזשואַזיע.

לאָמיר נעמען אַן אַנדער בײַשפּיל. אין 1918 יאָר איז אַנטשטאַנען אין דער פּאַרטיי אַ גרופּע אָדער אַ פראַקציע פון די אַזױגערופענע „לינקע קאָמוניסטן". די מיינונג־פאַרשיידנהייטן מיט דער פּאַרטיי זײַנען בײַ זיי געווען איבער דער פראַגע וועגן דעם ברעסטער שלום. זיי האָבן געהאַלטן פאַר פּרינציפּיעל ניט דערלאָזבאַר און שעדלעך פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע צו שליסן אַ שלום מיט אַן אימפּעריאַליסטישער רעגירונג. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס וועט זײַן אַ פאַראַט קעגן דעם סאָציאַליזם און האָבן געפאָדערט טייקעף צו דערקלערן אַ „רעוואָלוציאָנערע מילכאָמע" קעגן דעם דײַטשישן אימפּעריאַליזם.

די פּאָליטיק פון די „לינקע" קאָמוניסטן האָט געקאָנט שאַפן אויסערגעוויינלעך שווערקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און אַפילו שטעלן פאַר אַ געפאַר די עקזיסטענץ פון דער מאַכט. דער „לינקער" קאָמוניזם איז געווען אַן אויסערסט געפערלעכער אָפּבויג אין דער ריכטונג צו דער קלייןבירגערלעכער רעוואָלוציאָנערישקייט. די „לינקע" קאָמוניסטן האָבן אין דער פראַגע וועגן ברעסטער שלום פאַרנומען פּונקט אַזאַ פּאָזיציע, ווי די קלייןבירגערלעכע פּאַרטיי — די לינקע עסערן. אונטער דער רעוואָלוציאָנערער פראַזע האָט זיך בײַ די לינקע „קאָמוניסטן" באַהאַלטן אַ ניטגלייבן אין די קרעפטן פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, אַ ניטגלייבן אין דער מעגלעכקייט אויסצובויען אַ סאָציאַליסטישעווירטשאַפט בײַ אונדז אין לאַנד. מיטן מויל — „לינקייט" און אין דער ווירקלעכקייט — עכטער אָפּאָרטוניזם.

לענין איז מיט דער גאַנצער ענערגיע אָנגעפאַלן אויפן „לינקן" קאָמוניזם און האָט אים אָנגערופן „רעוואָלוציאָנערע ביסעביש". לענין האָט דערקלערט, אַז דער ברעסטער שלום איז קלאָל ניט קיין „פאַראַט פון די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע". נאָר אַ געצוווּנגענער וואָפנשטילשטאַנד מיט דער בורזשואַזיע, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן מיטן ציל צו באַקומען אַן אָטעמפּויזע און צו אויסנוצן זי, קעדיי אָנזאַמלען קרעפטן און ווײַטער פירן דעם קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליזם.

די „לינקע" אָפּאָרטוניסטן ווײַזן זיך אַרויס אין דער ווירקלעכקייט קלייןבירגערלעכע רעוואָלוציאָנערן, וואָס גייען לײַכט אַריבער פון עקסטרעמע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען צו פּאַניק און צו האַנאָכעס דער בורזשואַזיע. דאָס זײַנען אין דער ווירקלעכקייט געהילפן פון די רעכטע אָפּאָרטוניסטן, מיטהעלפּער פון דער בורזשואַזיע בלויז פון דער אַנדער זײַט, אויף אַן אַנדער שטייגער. דעריבער רופט מען זיי „לינקע" און געטרייפּיסלעך.

די עקזיסטירנדיקע אין אויסלאַנד אַזױגערופענע „לינקע" אַרבעטער־פּאַרטייען און גרופּירונגען, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, אָדער וואָס די קאָמוניסטן האָבן זיי אויסגעשלאָסן פון זייערע רייען, זײַנען פּראַקטיש באַזונדערע פראַקציעס פון די קאָנטררעוואָלוציאָנערע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייען. די דאָזיקע אָטריאַדן האָבן דעם ציל צו העלפן דער בורזשואַזיע און דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין קאַמף קעגן דעם

קאָמוניזם און אײַנצוהאַלטן די אַרבעטער אינעם לאַגער פֿון דער בורזשואַזיע מיט „לינקע“ רעדעס און לאָזונגען, מיט „לינקן“ שווינדל.

דער לאַנגיעריקער קאַמף אויף צוויי פֿראָנטן, אין די אויסערסט שווערע באַדינגונגען פֿון אונטערערדישער אַרבעט און נאָכדעם אין די באַדינגונגען פֿון קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג, האָט באַרײַכערט אונדזער פּאַרטיי מיט אַ קאָלאָסאַלער און פֿאַרשיידנאַרטיקער דערפֿאַרונג אין פּראַט פֿון אָנפֿירן מיטן קאַמף פֿונעם אַרבעטער־קלאַס. אונדזער פּאַרטיי איז דער זיכערסטער שלאַכט־שטאַב פֿונעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, דער שטאַרקסטער אַוואַנגאַרד פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

דער קאַמף קעגן טראָצקיזם

די באָלשעוויקעס איז אויסגעקומען צו פֿירן אַ קאַמף קעגן נאָך איין שטרעמונג אָדער גרופּירונג אין דער אַרבעטערבאַוועגונג — קעגן דעם טראָצקיזם.

די טראָצקיסטן האָבן געבילדעט אַ באַזונדער גרופּע אָדער פֿראַקציע בײַ די מענשעוויקעס. די טראָצקיסטן זײַנען לויט זייערע גרונט־אָנשויונגען — מענשעוויקעס. אָבער זיי האָבן זיך אָנגערופֿן „ניט פֿראַקציאָנעלע סאָציאַלדעמאָקראַטן“ און האָבן די גאַנצע צײַט געפּרוּווט שפּילן די ראָליע פֿון אַ „צענטער“, וואָס „מאַכט שאָלעם“ צווישן די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס. אין דער ווירקלעכקײַט האָט דאָס, פֿאַרשטייט זיך, באַטײַט דאָס צודעקן דעם אָפֿענעם אָפּאָרטוניזם פֿון די מענשעוויקעס און אַ קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס.

לענין פֿלעגט ריידן וועגן טראָצקין מיט דער גרעסטער פֿאַראַכטונג. ער האָט בעסער געוואָלט האָבן צו טאָן מיט אָפֿענע מענשעוויקעס, וועמען ער האָט אָנגערופֿן „ליבעראַלן“.

„בײַ טראָצקין אָבער, — האָט געזאָגט לענין אין מאַרץ 1914 יאָר — איז קיינמאָל קיין שום „פֿיזיאָנאָמיע“ ניט געווען און ניטאָ, נאָר עס זײַנען פֿאַראַן בלויז אַריבערפֿליִען, אַריבערוואַרפֿן זיך פֿון די ליבעראַלן צו די מאַרקסיסטן און אויף צוריק, שטיקלעך ווערטלעך און קלינגענדיקע פֿראַזן, אָנגעצופּט פֿון דאַנען און פֿון דאָרטן“.

טראָצקי האָט די גאַנצע צײַט געקעמפֿט קעגן די באָלשעוויקעס, האָט זיך געסטאַרעט פֿאַרבײַטן דעם באָלשעוויזם מיטן טראָצקיזם. אין די יאָרן 1903—1904 איז ער געווען אויף דער זײַט פֿון די מענשעוויקעס קעגן די באָלשעוויקעס. אין 1905 יאָר איז ער געווען צווישן די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס און אין גרונט — קעגן די באָלשעוויקעס. טראָצקי האָט דאַן אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג „אָן אַ צאַר, און אַ רעגירונג אַן אַרבעטערשע“. ער האָט אָפּגעוואָרפֿן די נייטיקײַט פֿון אַ בונד פֿונעם אַרבעטער־קלאַס מיטן פּויערטום. זײַן לאָזונג האָט ער אַרויסגערוקט קעגן דעם באָלשעוויסטישן לאָזונג „רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט און פֿון פּויערטום“, דאָס הייסט קעגן דעם געמיינזאַמען קאַמף פֿון די אַרבעטער און פּויערים קעגן דעם צאַריזם אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעם פּראָלעטאַריאַט.

אין 1912 יאָר האָט טראָצקי אָרגאַניזירט אונטער דער מאַסקע פֿון „פּאַרטיי־

אײנהײט” א קאָנפערענצ פונ די מענשעוויקעס-ליקווידאטערס אונ פונ אנדערע סאָציאַלדעמאָקראַטישע גרופּעס — פונ די עקסטרעם-רעכטע ביז די „לינקע”. אינ דער װירקלעכקײט האָט זיכ די דאָזיקע קאָנפערענצ ארויסגעװיזנ אַנ אַ נ ט י ב אָ ל ש ע װ י ס ט י ש ע ר ב ו נ ד, װאָס האָט געשטעלט פאר זײנ אופגאבע צו קעמפנ קעגנ דער באָלשעװיסטישער פארטײ.

אינ 1917 יאָר אוגוסט דער װירקונג פונעם מעכטיקנ אופשטײג פונ דער רעװאָליוציע איז טראָצקי „לינק געװאָרנ” אפ אזוי פיל, אז ער איז געקומענ צו די באָלשעװיקעס אונ געװאָרנ א מיטגליד פונ אונדזער פארטײ. אָבער שוינ דאַנ, ערעװ דעמ ארײנטרעטנ אינ דער פארטײ, האָט ער געמאָלדנ, אז אָנרופּנ זיכ באָלשעװיק קאָנ ער ניט. אונ, װי עס איז נאָכדעמ קלאָר געװאָרנ, האָט טראָצקי אײנגעהיט אינעװײניק אינ אונדזער פארטײ זײנ פארמאסקירטע טראָצקיסטישע גרופּע אונ האָט זיכ באטײליקט אינ א רײ אָפּאָזיציאָנעלע ארויסטרעטונגענ קעגנ דער פארטײ. אינ 1923 יאָר איז ער אָפנ ארויסגעטראָטנ קעגנ דער פארטײ מיט זײנ באזונדערע אײנשטעלונג. אינ די יאָרנ 1926—1927 איז ער געװענ דער אָרגאניזאטער אונ אידײישער פירער פונ דער „פארײניקטער אָפּאָזיציע”, װאָס אינ איר זײנענ ארײנ כוצ די טראָצקיסטנ, זינאָװיעװ, קאמענעװ אונ אײניקע אנדערע באָלשעװיקעס, װאָס האָבנ זיכ געשטעלט אפ דער פּאָזיציע פונ טראָצקיזמ. די „פארײניקטע אָפּאָזיציע” איז ארופגעטראָטנ אָפנ װעג פונ אנטיפארטײישנ אונ אנטיסאָװעטישנ קאמפּ (װעגנ אים װעלנ מיר דערצײלנ װײטער). דער קאמפּ קעגנ דער פארטײ האָט געבראכט טראָצקינ סאָפּקאָלסאָפּ אינ לאגער פונ דער קאָנטר-רעװאָליוציע, װו דער טראָצקיזמ שפילט די ראָליע פונ אװאנגארד פונ דער קאָנטר-רעװאָליוציאָנערער בורזשואזיע.

די גרונט-שטריכנ פונעמ טראָצקיזמ זײנענ פאָלגנדיקע.

ע ר ש ט נ ס, דער טראָצקיזמ לײקנט אָפּ די מעגלעכקײט אויסצובויענ דעמ סאָציאַליזמ אינ אײנ לאנד. לויט דער מײנונג פונ די טראָצקיסטנ זײנענ אונדזער ראטנפארבאנד, אונדזערע ארבעטער אונ קאָלװירטניקעס ניט אימשטאנד מיט די אײגענע קויכעס אונ מיטלענ אויסצובויענ א סאָציאַליסטישע געזעלשאפט. בלויז די הילפ פונ דער פראָלעטארישער װעלט-רעװאָליוציע קאָנ ראטעװענ די לאגע. אונ אָנ דעמ האָבנ מיר פארשפּילט.

אפ אזא אויפנ זאָגט דער טראָצקיזמ אינ טאָכ דאָס זעלבע, װאָס אלע מענשעװיקעס, װאָס עס טײנעט די גאנצע בורזשואזיע, אלע אירע מעשאָרסימ: דעמ סאָציאַליזמ קאָנ מענ ניט אויסבויענ. דער אונטערשײד איז בלויז אינ דעמ, װאָס דער טראָצקיזמ דעקט צו דאָס דאָזיקע בורזשואזע אידײעלע מיט דער פראזע װעגנ װעלט-רעװאָליוציע.

װאָס דרינגט אָבער ארויס פונ דער דאָזיקער באהויפּטונג פונ די טראָצקיסטנ? אז דער פראָלעטאריאט פונ ראטנפארבאנד האָט ניט געדארפט נעמענ די מאכט אינ אָקטיאבער 1917 יאָר, אז איצט בלײבט אונדז בלויז צו װארטנ פארלײגט די הענט, ביזװאנענ עס װעט פאָרקומענ די װעלט-רעװאָליוציע.

דעמ טראָצקיסטישנ טעזיס װעגנ דער אוממעגלעכקײט אויסצובויענ דעמ סאָציאַליזמ אינ אונדזער לאנד האָבנ ברײט אויסגענוצט אלע אנטיסאָװעטישע קאָנטרעװאָליוציאָנערע גרופּירונגענ אפ באגרינדנ זײער קאמפּ קעגנ דער ראטנמאכט. װי באלד, טײנענ זײ, די „באָלשעװיקעס אלײנ” (דאָס הײסט די טראָצקיסטנ) זאָגנ,

אַז עס איז אוממעגלעך אויסצובויען דעמ סאָציאַליזמ, הייסט עס, אַז מיר זיינענ גערעכט, אַז די ראַטנמאַכט דאַרפ מענ אַראָפּוואַרפנ. אָט וויאַזוי די קאָנטררעוואָלוציאָנערנ האָבנ געטײַנעט.

ווי מיר זעענ, איז דער טראָצקיזמ אַנ אויסערסט שעדלעכע בורזשואַזע קאָנטררעוואָלוציאָנערע טעאָריע.

די פּאַרטיי האָט אָפּגעוואָרפנ די דאָזיקע טעאָריע. די פּאַרטיי איז געגאַנגענ אינ שלאַכט פאַרנ ניצאָכנ פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. די פּאַרטיי בויט דעמ סאָציאַליזמ, האָבנדיק די פעסטע ווײַסנשאַפטלעכע זיכערקייט אינ דעמ פולשטענדיקנ דערפאָלג פונ איר זאַכ. אַנדערש קאָנ מענ ניט בויענ דעמ סאָציאַליזמ. אַזאַ זיכערקייט גיט דער פּאַרטיי דער לענינימ. ווי מיר ווייסנ, האָט לענינ אַנטדעקט דעמ געזעצ וועגנ דער ניט־גלײַכמעסיקער אַנטוויקלונג פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אינעמ לעצטנ פּעריאָד פונ איר עקזיסטענצ.* מיט דעמ דאָזיקנ געזעצ האָט לענינ באַגרינדעט די מעגלעכקייט פונעמ ניצאָכנ פונ סאָציאַליזמ צוערשט אַפילע אינ איינ, באַזונדער גענומענעמ לאַנד. מיט דער פּראַקטיק פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג האָט די פּאַרטיי באַשטעטיקט די פולשטענדיקע גערעכטיקייט פונעמ פירער. די פּאַרטיי האָט אונטער דעמ כאַווער סטאַלינס אָנפירונג געמאַכט דעמ ראַטנפאַרבאַנד פאַר אַנ אומצעשטערבאַרע פעסטונג פונעמ סאָציאַליזמ — פאַרנ טייל פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אינ אַלע לענדער.

צווייטנס, לייקנט אָפּ דער טראָצקיזמ די מעגלעכקייט אַרײַנצוציִענ די גרונט־מאַסנ פויערטומ אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג. דער טראָצקיזמ באַטראַכט דאָס גאַנצע פויערטומ, ווי אַ דורכויסיקע רעאַקציאָנערע מאַסע, וואָס איז פײַנטלעכ דעמ סאָציאַליזמ. די דאָזיקע מאַסע איז אַוועק נאָכנ פּראָלעטאַריאַט בלויז דערפאַר, ווײַל די פּראָלעטאַרישע מאַכט האָט איר געגעבנ ערד אונ אַ זיכערנ שוצ קעגנ די פּריצימ. אָבער פריִער אָדער שפּעטער וועט אוממײַדלעכ אָנקומענ באַמ פּראָלעטאַריאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט די גרונט־מאַסנ פויערטומ, ווי מיט אַ קלאַס פונ קליינע אייגנטימער, וואָס זײַנענ פײַנטלעכ דעמ סאָציאַליזמ. אונ דאָ צוהילפ קאָנ ווידעראַמאָל קומענ בלויז די פּראָלעטאַרישע וועלט־רעוואָלוציע. אַזוי זאָגנ די טראָצקיסטנ.

אונ דאָכ כאַזערט איבער דער טראָצקיזמ אָפּ אַנ אַנדער אויפנ אַלצ דאָס זעלבע מענשעוויסטיש־בורזשואַזע אידייעלע וועגנ דער אוממעגלעכקייט אויסצובויענ דעמ סאָציאַליזמ. פאַרדעקנדיק זיכ מיט דער פראַזע וועגנ וועלט־רעוואָלוציע, אָנערקענט פּראַקטיש דער טראָצקיזמ, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט פעיִק אָנצופירנ מיט דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אינ אַ קליינ־פויעריש לאַנד. דער טראָצקיזמ פאַרשטייט מיטנ קאָפּ אַראָפּ אונ מיט די פיס אַרופ די באָלשעוויסטישע לערע וועגנ דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט. לויט דער דאָזיקער לערע איז דער העכסטער פּרינציפּ פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור דער בונד מיט די אַרבעטנדיקע מאַסנ פויערטומ. דער טראָצקיזמ אָבער פאַרשטייט די דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט אויסשליסלעכ ווי גוואַלדטאַט, צוואַנג, קאָמאַנדעווענ. דער טראָצקיזמ גייט צו צומ פויערטומ, ווי צו דער בורזשואַזיע.

דער טראָצקיזמ וויל דערווײַזנ, אַז אונדזער גאַנצע קאָלווירטישע בויונג איז אַ

* זע דעמ ערשטנ שמועס, צווייטנ טייל.

ארויסגעוואָרפענע ארבעט, וואָס איז פאָרויס פארמישפּעט אפ א פולשטענדיקן דורכפאל. דאָס איז אן *אויסערסט שעדלעכע, אנטיקאָלווירטישע, קאָנטררעוואָליוציאָנערע טעאָריע.* מיר האָבן זי באטראכט גענוי אין אונדזער דריטן שמועס. מיר ווייסן, ווי דער לעניניזם לייקנט אָפ די דאָזיקע טעאָריע און דערווייזט די *פולשטענדיקע מעגלעכקייט* ארײַנצוציִען די ארבעטנדיקע פויערשע מאסן אין דער סאָציאליסטישער בויונג. אונדז בלייבט בלויז איבערצוכאזערן, אז דאָס לעבן, די פראקטיק האָבן באשטעטיקט אינגאנצן און פולשטענדיק די גערעכטיקייט פון לעניניזם.

דריטנס, דער טראָצקיזם לייקנט אָפ די נייטיקייט פון אן אײַזערנער פּראָלעטארישער דיסציפּלין אין דער פּארטיי, ער פאָדערט פרייהייט פון גרופּירונגען און פראקציעס אין דער פּארטיי. מיט אנדערע ווערטער, דער טראָצקיזם לייקנט אָפ איינע פון די גרונט־האנאָכעס פון דער מארקסיסטיש־לעניניסטישער לערע וועגן דער פּארטיי און פּארטיידיקט דעם מענשעוויסטישן געבוי פון דער פּארטיי. דער טראָצקיזם וויל פארבייטן די איינהייטלעכע, באהעפטע באָלשעוויסטישע פּארטיי מיט א צונויפזאמלונג פון גרופּעס און פראקציעס, יעדערע מיט איר צענטער, מיט איר פּרעסע אאוו. עס איז איבעריק צו דערווייזן דעם קאָנטררעוואָליוציאָנערן טאָך פון דער דאָזיקער טעאָריע.

אינעם פּעריאָד פון אויפשטעלן אונדזער אינדוסטריע האָבן די טראָצקיסטן ארויסגערוקט די פאָדערונג פון דער אזוי גערופענער „איבער־אינדוסטריאליזאציע”, דאָס הייסט פון אזוינע הויכע אנטוויקלונג־טעמפּן פאר דער אינדוסטריע, וואָס האָבן ווייט איבערגעשטיגן אונדזערע דעמאלטיקע מעגלעכקייטן. קעדיי צו באקומען מיטלען אפ אנטוויקלען די אינדוסטריע מיט אזוינע טעמפּן, האָבן די טראָצקיסטן פאָרגעלייגט צו פארשטארקן די באשטייערונג פונעם דאָרף אין דער העכסטער מאָס, „אין די ראמען פון דער טעכנישער דערגרייכבארקייט” ארג.

עס איז קלאָר, אז אזא פּאָליטיק וואָלט געקאָנט ברענגען בלויז צום איינרייסן דעם צוזאמענשלוס פונעם פּראָלעטאריאט מיט די גרונט־מאסן פון דאָרף און צו א צוזאמענשטויס מיטן פויערטום. פארשטייט זיך, אז די פּארטיי האָט אנטשיידן אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע פאָרשלאגן פון דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע.

און ווען די פּארטיי האָט נאָכן אויפשטעלן די ווירטשאפט באקומען די מעגלעכקייט אריבערצוגיין צו דער פולער רעקאָנסטרוקציע פון דער אינדוסטריע, צו אנטוויקלען זי ווייטער מיט הויכע טעמפּן, האָבן זיך די טראָצקיסטן ארויסגעוויזן, לויט ב. סטאלינס אויסדרוק, די „עקסטרעמסטע מינימאליסטן און שמוציקסטע קאפּיטולאנטן”*. זיי האָבן גענומען דערווייזן די אוממעגלעכקייט פון די שנעלע באָלשעוויסטישע אינדוסטריאליזאציע־טעמפּן, האָבן גענומען פּארטיידיקן די בורזשואזע טעאָריע פון דער אזוי גערופענער „זיך אויסלעשנדיקער קרומער ליניע”. די דאָזיקע טעאָריע זאָגט, אז דער וווּקס פון די אינוועסטיציעס (פון די ארײַנגעלייגטע קאפּיטאלן) אין דער אינדוסטריע וועט אומפארמיידלעך פאלן, אז די אנטוויקלונג־טעמפּן פון דער אינדוסטריע וועלן פון יאָר צו יאָר פארקלענערט ווערן. דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער זין פון דער דאָזיקער טעאָריע איז אזא, אז די אינדוסטריאליזאציע

* דאָס הייסט זיי האָבן אראָפּגעזעצט זייערע פאָדערונגען ביז דער קלענסטער מאָס, קעדיי צוליב טאָן דער בורזשואזיע.

פונ לאנד, וואס די פארטיי פירט דורכ, קאנ ניט דערגרייכנ איר ציל. דער ראטנ־פארבאנד וועט ניט קאנענ דעריאגנ און איבעריאגנ די פארגעשריטענע קאפיטאליס־טישע לענדער אינ טעכניש־עקאנאמישער הינזיכט. מיט אנדערע ווערטער, דער ראטנ־פארבאנד איז פארמישפעט מאפקאלאפ אפ אונטערגאנג.

מיר ווייסנ, אז די פראקטיק פונ דער אינדוסטריאליזאציע האט אינגאנצנ באַ־שטעטיקט די ריכטיקייט פונ דער פארטיי־פאליטיק און האט צעבראכנ אפ פיצלעך די דאזיקע בורזשואז־טראצקיסטישע נעוויִעס.

אט אזא איז אינ גרונט דער קאנטררעוואליוציאנערער אינהאלט פונעם טראצ־קיזם.

די פאראייניקטע טראצקיסטיש־זינאוויעווישע אפאזיציע האט די דאזיקע טעארעטי־שע און פאליטישע איינשטעלונגענ געלייגט אינ גרונט פונ אירע פראגראמ־פאדערונגענ.

די טראצקיסטיש־זינאוויעווישע אפאזיציע האט געפאדערט א פארשטארקטנ „פאר־סירטנ" אנגריפ אפנ באלעגופנטום אינ די יארנ 1926—1927, דאס הייסט אינ דער צייט, ווענ בא אונדז איז נאכ ניט געווענ קיינ מעגלעכקייט צו פארבייטנ די באלע־גופישע פראדוקציע מיט א גרויסער סאציאליסטישער פראדוקציע (מיט ראטנווירטנ און קאלווירטנ). און אינ אזויגע באדינגונגענ וואלט דער פראלעטאריאט, אנשטאט ווירקלעכ צעגראמירנ דאס באלעגופנטום, בלויז ארויסגעוויזנ זיינ שוואכקייט, וואלט אפגעשטויסנ פונ זיכ דעם מיטלפויער, וואלט אראפגעריסנ די סאציאליסטישע בוי־ונג אינ דארפ און וואלט אלס צוגאב דערצו געבליבנ אנ ברויט.

די פארטיי האט אפגעשליידערט דעם דאזיקנ פארשלאג פונ דער אפאזיציע. און אינ סאפ 1929 יאר, שטיצנדיק זיכ אפ דער ברייט פאנאנדערגעוויקלטער קאל־ווירטישער און ראטנווירטישער בוייונג, איז די פארטיי איבער צו דער פאליטיק פונ ליקווידירנ פולשטענדיק דאס באלעגופנטום אלס קלאס אפ דער באזע פונ דורכויס־קער קאלעקטיוויזאציע. אבער דאנ זיינענ די טראצקיסטנ ארויסגעטראטנ קעגנ ליק־ווידירנ דאס באלעגופנטום, ווי קעגנ אומפארווירקלעכבארע, לויט זייער מיינונג, פרווו אומצוברענגענ דעמ באלעגופ מיט „אדמיניסטראטיווע (!) מאסמיטלענ". דער־מיט גופא האבנ די טראצקיסטנ אופגעדעקט די גאנצע ליגנערישקייט פונ זייערע גע־וואלדנ וועגנ „פארסירטנ אנגריפ" אפנ באלעגופנטום.

אירע פאדערונגענ האט די אפאזיציע ניט איינמאל פארמולירט אינ „פלאטפאר־מעס" און אינ „דערקלערונגענ", אפזאגנדיק זיכ פונ זיי אונטערנ דרוק פונ דער פארטיי און ווידעראמאל ארויסשטעלנדיק. אינ מיטנ 1926 יאר האט די פאראייניקטע אפאזיציע געבילדעט א באזונדערע פראקציע מיט איר אייגענער פראגראמ, מיט איר צענטער, מיט איר גרופנ־דיסציפלינ און מיט עמבריאנענ פונ אנ אומלעגאלער ארגא־ניזאציע. אזוי ארומ האט זיכ די טראצקיסטיש־זינאוויעווישע אפאזיציע געשטעלט אפנ וועג פונ שאפנ א קאנטררעוואליוציאנערע פארטיי.

פונ דער אגיטאציע אינעווייניק אינ דער פארטיי איז די אפאזיציע איבער צום אייננארדענענ געהיימע פארזאמלונגענ, צום ארגאניזירנ אומלעגאלע דרוקעריִענ, צו ארויסטרעטונגענ פאר אומפארטייִשע און צו דעמאנסטראציעס. אינעם 10־טנ אק־טיאבער־יארטאג האט די טראצקיסטיש־זינאוויעווישע אפאזיציע ארגאניזירט אינ מאסקווע א קאנטר־דעמאנסטראציע מיט אירע אייגענע לאזונגענ. מיט די בילדער פונ אירע פירער אא. די ארבעטער האבנ צעטריבנ די דאזיקע דעמאנסטראציע.

אזוי האט די טראצקיסטיש־זינאוויעווישע אפאזיציע זיכ דערקייקלט ביז דירעק־

טע אנטיסאָוועטישע, קאָנטררעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגענ. די ווײַסגווארדייער, די מענשעוויקעס, די בורזשואזיע האָט פונ סימכע אויפגעהויבנ א ווילדע בילערײַ, האָפנדיק, אַז די האַזיקע ארויסטרעטונגענ פונ דער אָפּאָזיציע וועלנ ברענגענ צום אונטערגאַנג פונ דער ראַטנמאַכט.

אָבער די פּארטיי האָט געגעבנ א צעשמעטערנדיקנ ווידערשטאַנד די אָפּאָזיציאָנערנ. די פּארטיי האָט צעגראָמירט אפ פיצלעכ די טראָצקיסטיש-זינאָוויעווישע אָפּאָזיציע. אינ דעקאַבער 1927 יאָר אפנ 15טנ פּארטיי־צוזאַמענפאָר זײַנענ די אָפּאָזיציאָנערנ ארויסגעשלאָסנ געוואָרנ פונ דער פּארטיי.

שפּעטער האָט זיכ א באַדײַטנדיקער טייל אָפּאָזיציאָנערנ אָפּגעזאָגט פונ זייערע אַנשויונגענ, האָט אָנערקענט די ריכטיקײַט פונ דער גענעראַלער ליניע אונ איז אויפגעשטעלט געוואָרנ אינ די רעכט פונ פּארטיי־מיטגלידער.

דאָס טראָצקיסטישע קעפּל פונ דער געוועזענער אָפּאָזיציע האָט ניט אויפגעהערט זײַנ קאָנטררעוואָלוציאָנערע אַרבעט. טראָצקי איז ארויסגעשיקט געוואָרנ פונ ראַטנפאַרבאַנד. אינ אויסלאַנד האָט ער זיכ גענומענ באַטייליקנ אינ דער בורזשואַזער פּרעסע אונ איז געוואָרנ דער צושטעלער פונ די שמוציקע רעכילעס אפנ ראַטנפאַרבאַנד אונ אפ דער קאָמוניסטישער פּארטיי. דער טראָצקיזם איז פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ דעם אַוואַנגאַרד פונ דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנטררעוואָלוציע.

דער קאַמפּ קעגנ „לינקנ" אָפּנייג

די טראָצקיסטנ האָבנ שוינ לאַנג אויפגעהערט צו זײַנ א פראַקציע אינעם קאָמוניזם. אָבער נאָכנ צעגראָמירנ די טראָצקיסטנ האָבנ די אָנטפּלעקונגענ פונעם „לינקנ" אָפּאָרטוניזם אינ דער פּארטיי קלאָל ניט אויפגעהערט. אינ דער פּארטיי זײַנענ פאַרבליבנ אײנצלנע „לינק"-אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ, אינ דער פּארטיי זײַנענ פאַרבליבנ אָפּנייגנ אינ דער ריכטונג צום טראָצקיזם. דאָס איז פאַרשטענדלעכ. עס איז נאָכ פאַרבליבנ דער באָדנ פאַר אַזעלכע אָפּנייגנ אינ דער פאָרעם פונ אײַנפלוס אפנ פּראָלעטאַריאַט אונ אפ זײַנ פּארטיי מיצאַד די בורזשואַזע שיכטנ פונ דער געזעלשאַפט.

דער טאָכ פונעם „לינקנ" אָפּנייג באַשטייט אינ פאַרלויפנ פאָרויס, אינ אָפּרײַסנ זיכ פונ די מאַסנ, אינ יענעם פעלער אינ דער פּאָליטיק, וואָס לענינ האָט אָנגערופנ „איבעראַדמיניסטרירונג", ווענ די קאָמוניסטנ גייענ צו צו זייערע אויפגאַבנ ניט ווי אָרגאַניזאַטאָרנ, ווי פירער פונ די מאַסנ, ניט ווי בויערס פונעם סאָציאַליזם, נאָר דערהויפּט ווי אַדמיניסטראַטערס.

אפנ געביט פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג אינ דאָרפ האָבנ די „לינקע" אָפּנייגלער זיכ געפּרוּווט אויפשטעלנ דעם טראָצקיזם אינ דער פּראַקטיק, אויפלעבנ די טראָצקיסטישע באַציִונג צום מיטלפּויער, וואָס „פרייוויליק אַרײַנציִענ אים אינ סאָציאַליזם קאָנ מענ ניט", קלוימערשט. די „לינקע" אָפּנייגלער אָדער, ווי מע רופט זיי אָנ, די „לינקע" קנייטשער, פאַרבײַטנ די אקשאָנעסדיקע באָלשעוויסטישע אַגיטאַציאָנעלע אונ אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט צווישנ די מאַסנ מיט הוילער אַדמיניסטרירונג, מיט קאָמאַנדעווענ, מיט צווינגענ.

דערמיט רײַסנ אײַנ די „לינקע" אָפּנייגלער מיטנ מאַרקסיזם-לעניניזם. לענינ האָט געזאָגט: „עס איז גאָרניטאָ נאַרישער, איידער דער געדאַנק אַלײַנ

װעגנ צװאנג אפנ געביט פונ די װירטשאפטלעכע פארהעלטענישנ פונעמ מיטלפױער". לענינ האט געפאדערט ארײנציִענ די מיטלפױערימ אינ דער אקטיװער סאציאליסטישער בױונג אױסשליסלעכ דורכ פרײװיליקײט, דורכ איבערצײגונג, דורכ באװײזנ אינ דער פראקטיק אונ דורכ עקאנאמישער סטימולירונג.

א גאנצע רײ באשטימונגענ פונ דער פארטײ אונ פונ דער ראטנמאכט איז, װי מיר װײסנ, געצילט קעגנ „לינקאטשישע" פארקריפלונג די פארטײ-פאליטיק, קעגנ דעמ דירעקטנ ברעכנ די פארטײ-דירעקטיװנ אונ די סאװעטישע געזעצנ מיצאד די „לינקע" קנײטשער. די „לינקע" האבנ געפרוװט דורכפירנ די קאלעקטיװיזאציע מיט צװאנג-מאסמיטלענ, האבנ געשטרעבט פאר יעדנ פרײז דערפירנ די קאלעקטיװיזאציע ביז 100 פראצ., זײ האבנ אפ א צװאנג-אױפנ פארגעזעלשאפטלעכט דאס פי פונ די קאלװירטניקעס, האבנ געשטרעבט „אריבערשפרינגענ" איבערנ ארטעל צו דער קאמונע, האבנ געפרוװט ארגאניזירנ „קאלװירטנ-גיגאנטנ" אאז.

מיר קאנענ נאכ אהער צוגעבנ די פרוװנ פונ די „לינקע" קנײטשער צו פירנ די קאלװירטישע װירטשאפט מיט ראטװירטישע מעטאדנ, די פרוװנ צו פארװאנדלענ די קאלװירטנ אינ ראטװירטנ. די „לינקאטשעס" האבנ ארױסגערוקט אינ אײניקע ערטער אזױנע אומגעלומפערטע לאזונגענ װי די „פראלעטאריזירונג פונעמ פױערטומ דורכ די ראטװירטנ" אדער „ליקװידירנ דאס פױערטומ אלס קלאס אפ דער באזע פונ בױענ ראטװירטנ" אאװ. פונ אזױנע לאזונגענ שמעקט בעפײריש ארױס דאס טראצקיסטישע ניטגלױבנ אינ די קאלװירטנ אלס מיטל ארײנצוציִענ דעמ מיטלפױער אינ דער אקטיװער סאציאליסטישער בױונג.

די „לינקע" אפנײגלער האלטנ פאר נײטיק צו „ליקװידירנ" דעמ סאװעטישנ האנדל אונ דאס געלט, כאטש שױנ איצט אריבערגײנ צומ אונגעלטיקנ פראדוקטנ-אױסטױש, טראצ די דירעקטיװנ פונ דער פארטײ אונ פונ דער רעגירונג װעגנ פארנאנדערװיקלענ מיט אלע מיטלענ דעמ סאװעטישנ האנדל.

די „לינקע" אפנײגלער האלטנ פאר נײטיק צו „ליקװידירנ" דעמ סאװעטישנ אלע האנאכעס פונעמ סאציאליזמ אונ אפילע פונעמ קאמוניזמ אונ באמ ערשטנ דורכפאל פאלנ זײ ארײנ אינ אפהענטיקײט אונ זײנענ גרײט צו גײנ אפ האנאכעס דער בורזשואזיע.

אט פארװאס כ' סטאלינ האט אנגערופנ דעמ „לינקנ" אפארטוניזמ „קלײנבירגערלעכער ראדיקאליזמ", דאס הײסט לױטנ אױסזענ רעװאליוציאנערע שטרעבונגענ, װאס האבנ ניט פאקטיש קײנ זײכער פונ װירקלעכער רעװאליוציאנערער פראלעטארישער פאליטיק.

אינ גרונט איז דער „לינקער" אפארטוניזמ אנ אנטימיטלפױערשע פארקריפלונג בענגײע דער דארפישער פארטײ-פאליטיק.

אנ אנ אקשאנעסדיקנ קאנסעקװענטנ קאמפ קעגנ די רעשטלעכ טראצקיזמ אינ דער פראקטיק פונ דער דארפישער ארבעט, קעגנ די „לינקאטשישע" קנײטשנ װאלט די פארטײ בעשומױפנ ניט געקאנט דערשלאגנ זיכ די קאלאסאלע דערפאלגנ אינ דער קאלװירטישער בױונג, װאס זי האט זיכ דערשלאגנ.

די פארטײ זעצט פאר אונ דארפ פארזעצנ דעמ אומדערמידלעכנ קאמפ קעגנ די „לינקע" אפנײגנ, קעגנ די „לינקע" קנײטשער אונ זײערע רײענ, װאס זײנענ אינ דער װירקלעכקײט געהילפנ פונ די רעכטע אפארטוניסטנ.

דער קאמפ קעגנ דעמ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ

לאָמיר איצט באטראכטנ די הויפּט־אנטפּלעקונגענ פונעמ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ אינ אונדזער פּארטיי, וואָס מיט זיי איז אונדז אויסגעקומענ אונ עס קומט נאָכ אויס צו פירנ א פארביטערטנ קאמפ.

די רעכטע אָפּנייגלער אָנערקענענ מיטנ מויל די מעגלעכקייט אויסצובויענ דעמ סאָציאליזמ אינ אונדזער לאנד. זיי דערווידערנ, קלוימערשט, „בלויז" קעגנ יענעמ באָלשעוויסטישנ דראנג, קעגנ יענע באָלשעוויסטישע טעמפּנ, וואָס מיט זיי בויט זיכ בא אונדז דער סאָציאליזמ.

אינ דער ווירקלעכקייט אָבער קומט אויס, אז די רעכטע אָפּנייגלער אָנערקענענ ניט די וועגנ אונ מיטלענ, מיט וועלכע עס ווערט פארווירקלעכט די פּארטיי־פּאָליטיק, מיט וועלכע בלויז קאָנ פארווירקלעכט ווערנ בא אונדז דער אויפבוי פונ דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט.

די רעכטע אָפּנייגלער, מיט די ח"ח בוכארינ, ריקאָוו אונ טאָמסקי אינ דער שפּיצ, זײַנענ ארויסגעטראָטנ קעגנ דער אינדוסטריאליזאציע־פּאָליטיק, וואָס די פּארטיי פירט דורכ. זיי האָבנ געהאלטנ, אז די אינדוסטריאליזאציע־טעמפּנ זײַנענ גענומענ געוואָרנ צו הויכע אונ זײַנענ אי־בערדיקויכעס פארנ לאנד. זיי האָבנ געהאלטנ, אז די אינדוסטריאליזאציע־טעמפּנ דארפ מענ אראָפּזעצנ.

די פּארטיי, פארקערט, האָט געהאלטנ, אז עס איז נייטיק פאר יעדנ פּרייז מיט די שנעלסטע טעמפּנ אנטוויקלענ די גרויסע אינדוסטריע, באזונדערס די שווערע. בלויז אפ איר באזע קאָנ מענ שנעל אויפהייבנ די גאנצע פאָלקווירטשאפט, דערונטער אויכ די לאנדווירטשאפט. בלויז די פאנאנדערוויקלונג פונ דער גרויסער אינדוסטריע באוואָרנט דעמ וווּקס פונ דער לײַכטער אינדוסטריע, דאָס פארברייטערנ די פּראָדוקציע פונ זאכנ פארנ מאסנ־געברויכ אונ שאפט דערמיט גופא אלצ גרעסערע מעגלעכקייטנ אפ באפרידיקנ די אויסגעוואָקסענע באדערפענישנ פונעמ פּראָלעטאריאט אונ פונעמ קאָלווירטישנ דאָרפ.

בלויז אפ דער באזע פונ פאנאנדערוויקלענ די גרויסע אינדוסטריע קאָנענ מיר זיכ דערשלאָגנ די פולשטענדיקע עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט פונ די קאפּיטאליסטישע לענדער אונ פארפעסטיקנ די שוצפייִקייט פונ אונדזער לאנד.

בלויז די גרויסע אינדוסטריע קאָנ דינענ אלס באזע פארנ אויסבויענ דעמ סאָציאליזמ.

דאָס אראָפּזעצנ די אינדוסטריאליזאציע־טעמפּנ וואָלט ניט פארלייכטערט, נאָר פארקערט, וואָלט פארשווערט, וואָלט פארצויגנ די לייזונג פונ דער אויפגאבע, וואָס שטייט פאר אונדז — צו מאכנ אפ שטענדיק א סאָפ צו דער נויט אונ דאלעכ, אויסבויענ אונ אָנקלאסנדיקע סאָציאליסטישע געזעלשאפט. מע דארפ ניט אנטלויפנ פונ די שוועריקייטנ, נאָר באָלשעוויסטיש בײַקומענ זיי. דער פאנאנדערגעוויקלטער אָנגריפ פונעמ סאָציאליזמ איבערנ גאנצנ פראָנט איז דאָס בעסטע אונ זיכערסטע מיטל אפ בײַצוקומענ די שוועריקייטנ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג.

דאָס לעבנ האָט, ווי מיר וויסנ, באוויזנ די אבסאָלוטע ריכטיקייט פונ דער פּארטיי־ליניע אפ דער שנעלער אינדוסטריאליזירונג פונ דעמ ראטנפארבאנד.

די רעכטע אָפּנייגלער האָבנ דערווידערט קעגנ דער פּאַרטיי־פּאָליטיק אינ געביט פונ איבערבויענ סאָציאַליסטיש די לאַנדווירט־שאַפט. זיי זײַנענ אַרויסגעטראָטנ קעגנ אַלע מאָסמיטלענ צו אַנטוויקלענ אַפ אַ פאָרסירטנ אופנ די קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ. זיי האָבנ געהאַלטנ, אַז די ראַטווירטנ אונ קאָלווירטנ קאָנענ אונדז געבנ ברויט ערשט אינ אַ סאַכ יאָרנ אַרומ. זיי האָבנ פאָרגעלייגט צו אַנטוויקלענ אַפ אַ פאָרסירטנ אופנ די אינדיווידועלע פּויערשע ווירטשאַפט, דערונטער אויכ די באַלעגופּישע, זיי האָבנ פאָרגעלייגט צו אַנטוויקלענ די אָפּזאַצ־באַזאַרגערישע קאָאָפּעראַציע אונ ניט צו פאַרווענדנ קיינ מיטלענ אַפ די קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ.

די רעכטע אָפּנייגלער האָבנ קעגנגעשטעלט די קאָאָפּעראַציע קעגנ די קאָלווירטנ. דערמיט האָבנ זיי פאַרקריפּלט דעמ לענינשנ פּלאַנ פונ אויסבויענ דעמ סאָציאַליזמ אינ דאָרפ דורכ דער קאָאָפּעראַציע. לענינ האָט אײַנגעשלאָסנ אינ דעמ דאָזיקנ פּלאַנ די קאָאָפּעראַציע פונ אַלע מינימ, דערונטער אויכ די העכסטע פאָרמ פונ דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע — די קאָלווירטנ. ווענ די פּאַרטיי וואָלט רעכטצײַטיק ניט גענומענ קיינ קורס אַפ אַנטוויקלענ די ראַטווירטנ אונ קאָלווירטנ, וואָלטנ מיר איצט געבליבנ שטעקנ בא דער שוואַכער אינדיווידועלער ווירטשאַפט, מיר וואָלטנ געמוזט אָנקומענ צומ באַלעגופּ אונ צומ אויסלענדישנ קאַפּיטאַליסט.

איצט, ווענ מע קאָנ שוינ ניט אָפּלייקענענ די דערפאָלגנ פונ דער פּאַרטיי אינ געביט פונ דער קאָלווירטישער בויונג, פאַרזיכערנ די רעכטע אָפּנייגלער, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו קעמפנ פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע, פאַר דער אָרגאַניזאַציאָנעל־ווירטשאַפטלעכער פאַרפעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ, פאַר איבערערציענ סאָציאַליסטיש די קאָלווירטניקעס. די פּויערימ, טײַנענ זיי, וועלנ אַלייננ פאַרפעסטיקנ אונ אַנטוויקלענ די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט. דאָס איז אַנ אויסערסט שעדלעכע „זעלבשטראָמ"־טעאָריע אינ דער קאָלווירטישער באַוועגונג.

פאַרלאָזנ זיכ אַפנ „זעלבשטראָמ" — וואָלט געהייסנ. גאָר פּאָשעט אָפּזאָגנ זיכ פונ דער אָנפירונג מיט דער קאָלווירטישער באַוועגונג, געבנ דעמ באַלעגופּ די פולשטענדיקע פרײַהײַט פונ טאַט. די פּאַרטיי איז פאַר אַ פעסטער פּראָלעטאַרישער פּאַרטייִשער אָנפירונג מיט דער קאָלווירטישער באַוועגונג, פאַר אַנ אַלטעגלעכער אַקשאָנעסדיקער אַרבעט אַפ פאַרפעסטיקנ די קאָלווירטנ אונ אַפ איבערערציענ סאָציאַליסטיש די קאָלווירטניקעס.

דאָס לעבנ, ווי מיר ווייסנ, האָט צעבראָכנ אַפ פּיצלעכ אויכ די דאָזיקע אָנשויונגענ פונ די רעכטע אָפּנייגלער, האָט באַוויזנ די פולשטענדיקע גערעכטיקײַט פונ דער פּאַרטיי.

די רעכטע אָפּנייגלער האָבנ, צולעצט, דערווידערט קעגנ דער פּאָליטיק פונ אַנטשיידענעמ קאַמפּ קעגנ די רעשטלעכ קאַפּיטאַליזמ. זיי האָבנ געהאַלטנ פאַר פעלערהאַפט אַלע מאָסמיטלענ פונ קאַמפּ קעגנ דעמ באַלעגופּטומ, וואָס די פּאַרטיי פירט דורכ. זיי האָבנ דערווידערט קעגנ דער אינדיווידועלער באַשטייערונג פונ די באַלעגופּימ, קעגנ דעמ דרוק אַפ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ בײַמ דורכפירנ די ברויט־פּאַרגרייטונגענ, קעגנ ליקווידירנ דאָס באַלעגופּ־טומ אַלס קלאַס אַפ דער באַזע פונ דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע אאַוו. זיי האָבנ פאָרגעלייגט געבנ אַ מעגלעכקײַט צו אַנטוויקלענ זיכ אויכ די באַלעגופּישע

ווירטשאַפטן, באַליידיקט זיי מיט שטיינער „לויט זייערע קוילעס". זיי האָבן פאַר־געלייגט צו דערלאָזן די באַלעבאָטים אין די קאָלווירטן און האָבן פאַרזיכערט, אַז אַזוי אַרום וועלן די באַלעבאָטים פרידלעך אַרײַנוואַקסן אין סאָ־ציאַליזם".

די פאַרטיי האָט אַנטשיידן געקעמפט קעגן אַזאַ פּאָליטיק, וואָס ען־געלס האָט נאָך אויסגעלאַכט און פאַרורטיילט, פונעם „פרידלעך־רויק־פרײַ־פרײַלעכן „אַרײַנוואַקסן" פון דער אַלטער כאַזערײַ אין דער „סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט" (ענגעלסעס ווערטער). דאָס באַלעבאָטישע איז דער סאַמע פאַרביטערטער שונא פון די קאָלווירטן, און די טעאָריע פון „פרידלעכן אַרײַנוואַקסן" דינט אים בלויז אַלס צודעק, קעדיי אַרײַנכאַפּן זיך אין די קאָלווירטן און אויפרײַסן זיי פון אינעווייניק.

דאָס לעבן האָט אָפּגעלייקנט אויך די האָזיקע אָנשויונגען פון די רעכטע אָפּנייג־לער, האָט פולשטענדיק באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון דער פּאָליטיק פון דער פּאַר־טיי, וואָס פירט דורך אַן אומדערבאַרעמדיקן קאַמף קעגן דעם באַלעבאָטישן ביזן פולשטענדיקן ליקווידירן אים אַלס קלאַס.

די רעכטע אָפּנייגלער האָבן פאַרקריפּלט דעם מאַרקסיזם־לעניניזם. זיי האָבן גע־פּרוווט אַ קערעווע טאָן די פּאַרטיי צו אַזאַ פּאָליטיק, וואָס וואָלט אומפאַרמײַדלעך געבראַכט צום אָפּשוואַכן די פּאָזיציעס פון פּראָלעטאַריאַט, צו אַ פאַרשטאַרקונג פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן און, סאָפּקאָלסאָפּ, צו דער אויפשטעלונג פו־נעם קאַפּיטאַליזם אין אונדזער לאַנד.

דער גרונט־כעט פון די רעכטע אָפּאָרטוניסטן, פון די אָפּנייגלער איז דאָס אָפּ־זאָגן זיך פונעם רעוואָלוציאָנערן קלאַסנקאַמף קעגן די קאַ־פּיטאַליסטישע עלעמענטן. אָבער אָן אַזאַ קאַמף איז דער קאָמוניסט קיין קאָמוניסט ניט.

כ' סטאַלין זאָגט:

„די גרונט־צאָרע פונעם רעכטן אָפּאָרטוניזם באַשטייט אין דעם, וואָס ער רײַסט איין מיטן לעניניזם באַנעם פון קלאַסנקאַמף און קײַקלט זיך אַראָפּ אויפן שטאַנדפּונקט פונעם קלייןבירגערלעכן ליבעראַליזם".*

דער רעכטער אָפּאָרטוניזם, דער רעכטער אָפּנייג איז אַ באַלעבאָטישע פאַר־קריפּלונג פון אונדזער פּאַרטיי־פּאָליטיק. די רעכטע אָפּאָר־טוניסטן זײַנען אַגענטן פונעם קלאַסנשונא אין די ריי־ען פון אונדזער פּאַרטיי.

די פּאַרטיי האָט צעגראָמירט דעם רעכטן אָפּאָרטוניזם. דער 16־טער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט דערקלערט די אָנשויונגען פון די רעכטע אָפּאָרטוניסטן אַלס אַזוי־נע, וואָס פאַרנ זיך ניט מיט דער אָנגעהעריקײַט צו דער פּאַר־טיי. די געוועזענע פירער פון דער רעכטער אָפּאָזיציע — די כאַווייריס בוכאַרין, ריקאָוו, טאָמסקי אאַ. — האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע אָנשויונגען, האָבן אָנער־קענט די ריכטיקייט פון דער גענעראַלער פּאַרטיי־ליניע.

אָבער דאָס באַטײַט בעשומויפּן ניט, אַז מיטן רעכטן אָפּנייג האָבן מיר שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל געמאַכט אַ סאָף. ניין, עס פאַרבלײַבט האָך נאָך דער באָדן, וואָס אָפּ אים וואַקסט אויס דער רעכטער אָפּאָרטוניזם. דער האָזיקער באָדן איז די

* דאָס הייסט פון טאָלעראַנטלערישער, פשאָרעמאַכערישער באַציִונג צום קלאַסן־שונע.

פאַרשאַרפונג פונעמ קלאַסנקאַמפ אַלס רעזולטאַט פונעמ פאַנאַנדערגעוויקלטנ סאָציאַליסטישנ אָנגריפ, די ווירקונג פונ די בורזשואַזע געזעלשאַפט־שיכטנ, וואָס ווערנ ליקווידירט, באַזונדערס פונעמ באַלעגופּנטומ, אַפנ פּראָלעטאַריאַט און אַפ זיינ פּאַרטיי. דער רעכטער אָפּאָרטוניזמ אַנטפּלעקט זיכ אינ דער פּראַקטיק, אינעמ אַרויסדרייענ זיכ פונ דורכפירנ די פּאַרטייבאַשלוסנ, אינעמ אָפּטרעטנ פאַר די שוועריקייטנ, אינ דער פּלוידערײַ וועגנ דער „ניט־רעאַלקייט" (ניט־פּראַקטיש־דורכפירלעכבאַרקייט) פונ די פּלענער פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג, אינעמ פעלנ פונ רעוואָלוציאָנערער וואַכזאַמקייט, אינ דעמ ניט וועלנ, אינ דעמ ניט קאָנענ באָלשעוויסטיש קעמפנ קעגנ דעמ קלאַסנ־סוינע אאַוו.

די אָפּאָרטוניסטישע וואַקלונגענ און אָפּנייגנ צווישנ אַ געוויסנ טייל פּאַרטיי־מיטגלידער זיינענ אומפאַרמיידלעכ. אַט פאַרוואָס די ניטאָפּגעשוואַכטע אופמערקזאַמקייט פונ דער פּאַרטיי דאַרפ, ווי פריער, זיינ קאָנצענטרירט אַפנ קאַמפ קעגנ דעמ רעכטנ אָפּנייג.

דער רעכטער אָפּנייג איז די הויפּט־געפאַר

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט שטענדיק געפירט און הערט ניט אופ צו פירנ א קאַמפ אַפ צוויי פראָנטנ: קעגנ די רעכטע און „לינקע" אָפּאָרטוניסטנ.

אָבער וואָסער אָפּנייג שטעלט מיט זיכ פאָר די הויפּט־געפאַר — דער רעכטער אָדער דער „לינקער"? אַפ וואָסערנ פונ זיי דאַרפ זיינ געווענדעט אונדזער הויפּט־אופמערקזאַמקייט אינ קאַמפ?

אַפ דער דאָזיקער פראַגע קאָנ מענ ניט געבנ קיינ אַלגעמיינעמ ענטפער, וואָס זאָל טויגנ אַפ אַלע צייטנ. דער סאַמע געפערלעכער אינעמ איצטיקנ מאָמענט איז **דער רעכטער אָפּאָרטוניזמ, דער רעכטער אָפּנייג.** כ' סטאַלינ האָט געזאָגט אַפנ 16טנ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר:

> „פאַרוואָס איז דער רעכטער אָפּנייג איצט די הויפּט־געפאַר אינ דער פּאַרטיי? ווייל ער שפּיגלט אָפּ די באַלעגופּישע געפאַר, און די באַלעגופּישע געפאַר אינעמ געגעבענעמ מאָמענט, אינעמ מאָמענט פונ פאַנאַנדערגעוויקלטנ אָנגריפ און פונ אויסקאָרטשעווענ די וואָרצלענ פונ קאַפּיטאַליזמ, איז די גרונט־געפאַר אינ לאַנד...
>
> און מאַקע דערפאַר, ווייל דער רעכטער אָפּנייג שפּיגלט אָפּ דעמ ווידערשטאַנד פונ די גרונט־עלעמענטנ פונ די אָפּשטאַרבנדיקע קלאַסנ, אָט טאָקע דערפאַר **איז דער רעכטער אָפּנייג די גרונט־געפאַר פונ אונדזער צייט אינ דער פּאַרטיי".**

דער „לינקער" אָפּאָרטוניזמ, דער „לינקער" אָפּנייג פאַרשווערט די סאָציאַליסטישע בויונג, פירט צומ אָראָפּרייסנ זי, צומ איינרייסנ דעמ צוזאַמענשלוס מיט דער מיטלפויערישער מאַסע. און יעטווידער פאַרשווערונג, אַלע שוועריקייטנ אונדזערע נוצנ טייקעפ אויס די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ, קעדיי אָנצופאַלנ אַפ דער גענעראַלער פּאַרטיי־ליניע, קעדיי אַרונטערצורייסנ די לאָלווירטישע בויונג.

פּאַקטיש ווייזנ זיכ אַרויס די „לינקע" קנייטשער פאַר דירעקטע געהילפנ **פונ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ** און מיט זייערע איבערבייגנ **ברענגענ זיי נוצנ דעמ קלאַסנסוינע,** גיבנ זיי שפּייז דער באַלעגופּישער

אגיטאציע קעגנ דער פּארטיי אונ דער ראטנמאכט. ריכטיק האָט געזאָגט כ. סטאלינ וועגנ די „לינקע" קרייטשער: „וועסטו אוועקגיינ „אפ לינקס" — וועסטו קומענ אפ רעכטס".

אָט פּארוואָס עס איז נייטיק אנ ערנסטער אונ אנטשיידענער קאמפ אויכ קעגנ דעמ „לינקנ" אָפּאָרטוניזמ, קעגנ דעמ „לינקנ" אָפּנייג, קעגנ די „לינקאטשישע" קנייטשנ.

אינ 1930 יאָר זיינענ אויפגעדעקט אונ דעמאסקירט געוואָרנ די פּרווונ פונ א דערנענטערונג, א בלאָק (א בונד) צווישנ די רעכטע אונ „לינקע" אָפּנייגלער. אָט אזא איז דער רעכט-„לינקאטשישער" בלאָק. בעראָש מיט סירצאָוו אונ לאָמינאדזע, וואָס די פּארטיי האָט דעמאסקירט אונ פארורטיילט. פאר א באָדנ פונ דאָזיקנ בלאָק האָט געדינט דער געמיינזאמער קאמפ קעגנ דער גענעראלער פּארטיי-ליניע. לויט אלע גרונט-פראגנ פונ דער פּארטיי-פּאָליטיק האָט דער רעכט-„לינקאטשישער" בלאָק פארטיידיקט די אָנשויונגענ פונ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ. די אָנטיילנעמער פונ בלאָק האָבנ זיכ געהאלטנ צווייפּנימדיק, האָבנ פארבאהאלטנ זייער ניט-איינשטימיקייט מיט דער פּארטיי אונ זייער קאמפ קעגנ איר אונ האָבנ געמאכט דעמ אָנשטעל פונ אָנהענגער פונ דער גענעראלער פּארטיי-ליניע.

די פּארטיי האָט צעגראָמירט דעמ רעכט-„לינקאטשישנ" בלאָק. אָבער אינ די פּארטיי-רייענ זיינענ נאָכ פארבליבנ אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ, וואָס הערנ אקשאָנעסדיק ניט אופ אינ א באהאלטענער פאָרמ דעמ קאמפ קעגנ דער פּארטיי. וועגנ דעמ זאָגט איידעס די נייע אנטיפּארטייִשע אומלעגאלע גרופּע, וואָס איז אויפגעדעקט געוואָרנ אינ אָקטיאבער 1932 יאָר.

די דאָזיקע בורזשואז-באלעגופּישע קאָנטררעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציע איז באשטאנענ דערהויפּט פונ מענטשנ, וואָס האָבנ אינ פארלויפ פונ א ריי יאָרנ געקעמפט קעגנ דער פּארטיי, — פונ רעכטע אָפּאָרטוניסטנ אונ טראָצקיסטנ, וואָס זיינענ געווענ אויסגעשלאָסנ פונ דער פּארטיי. בעראָש פונ דער גרופּע איז געשטאנענ דער רעכטער אָפּאָרטוניסט ר י ו ט י נ, וואָס איז אויסגעשלאָסנ געוואָרנ פונ דער פּארטיי אונ די פּארטיי-מיטגלידער פּ. א. ה א ל ק י נ אונ מ. ס. א י ו א נ אָ וו. די גרופּע האָט אינ אירע בלעטלעכ געפּרעדיקט ניט מער אונ ניט ווייניקער, ווי אויפשטעלנ דעמ קאפּיטאליזמ, אופשטעלנ דאָס באלעגופּנטומ, האָט זיכ געפּרווט דערוויזנ די נייטיקייט צו פונאנדערלאָזנ די ראטווירטנ אונ קאָלווירטנ, איבערגעבנ אונדזערע סאָציאליסטישע אונטערנעמונגענ אינ א קאָנצעסיע (ארענדע) די קאפּיטאליסטנ. דערגיינ צו אזא געפאלנקייט האָבנ געקאָנט בלויז אפ דורכ-אונ-דורכ דורכגעפוילטע מענטשנ, וואָס האָבנ בלויז דורכ שווינדל אונ צווייפּנימדיקייט איינגעהיט די פּארטיי-בילעטנ. די פּארטיי האָט זיי טייקעפּ ארויסגעשליידערט.

צוזאמענ מיט דעמ איז אויפגעדעקט געוואָרנ, אז א גאנצע ריי פּארטיי-מיטגלידער, דערהויפּט פונ די רעכטע אונ „לינקע" אָפּאָרטוניסטנ, וואָס זיינענ אויסגעשלאָסנ געוואָרנ פונ דער פּארטיי אונ דערנאָכ אופגעשטעלט געוואָרנ, ווי, למשל, זינאָוויעוו, קאמענעוו, אוגלאנאָוו, סלעפּקאָוו, מארעצקי, סטענ אא. האָבנ געוווּסט וועגנ דער עקזיסטענצ פונ דער דאָזיקער גרופּע, האָבנ באקומענ פונ איר די בלעטלעכ. אייניקע האָבנ אפילע זיי פונאנדערגעשפּרייט, אָבער פונ דער פּארטיי האָבנ

זיי דאָס אַלץ א ו י ס ב א ה א ל ט ן און האָבן דערמיט גופא מיטגעווירקט דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער אַרבעט פון דער גרופּע.

די פּאַרטיי האָט אַרויסגעשלײַדערט אַזוינע מענטשן, וואָס אַנשטאָט צו געבן אַן אומדערבאַרעמדיקן ווידערשטאַנד די קאָנטררעוואָלוציאָנערן, טייקעף דעמאַסקירן זיי, האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייערע מ י ט ה ע ל פ ע ר, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר צ ו ו י י פּ ע נ ע מ ד י ק ע, וואָס האָבן אָפּגענאַרט דעם צוטרוי, וואָס די פּאַרטיי האָט געהאַט צו זיי.

סוף 1932 יאָר איז אויפגעדעקט געוואָרן נאָך איין אומלעגאַלע גרופּע בעראָש מיט די פּאַרטיי־מיטגלידער אייסמאָנט, טאָלמאַטשאָוו, סמירנאָוו. מיטן מויל האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי זײַנען מאַסקים מיט דער פּאַרטיי־ליניע, אָבער אין דער ווירקלעכקײַט האָבן זיי געפירט אַן אַנטיפּאַרטייאישע אַרבעט קעגן דער פּאַרטיי־פּאָליטיק, און האָבן ווערבירט פאַר זיך אָנהענגער פון די דעמאָראַליזירטע עלעמענטן, פון די בורזשואַז־איבערגעבליבענע. די דאָזיקע גרופּע האָט זיך געשטעלט אומגעפער די זעלבע אויפגאַבן, ווי די ריוטינישע גרופּע.

די מיטגלידער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט — ריקאָוו, טאָמסקי און דער קאַנדידאַט פאַר אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט שמידט זײַנען ניט בלויז געשטאַנען אין אַ זײַט פונעם קאַמף קעגן די אַנטיפּאַרטייאישע עלעמענטן, נאָר האָבן אַפילו אונטערגעהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט אייסמאָנטן און סמירנאָוון און האָבן אַזוי־אַרום געגעבן אַ גרונט פאַרשיידענע אַנטיפּאַרטייאישע עלעמענטן אויסצורעכענען אויף דער אונטערשטיצונג פון די געוועזענע פירער פון דער רעכטער אָפּאָזיציע.

די פּאַרטיי האָט טייקעף אַרויסגעוואָרפן פון אירע רייען אייסמאָנטן און טאָלמאַטשאָוון. דער פּלענום פונעם צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויסגעשלאָסן פון זײַן באַשטאַנד דעם כ׳ סמירנאָוו און האָט אים געוואָרנט, אַז ער וועט אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי, אויב ער וועט ווײַטער ניט פאַרדינען מיט זײַן גאַנצער אַרבעט דעם צוטרוי פון דער פּאַרטיי. פון די כאַווײרים ריקאָוו, טאָמסקי, שמידט האָט דער פּלענום געפאָדערט זיי זאָלן ר א ד י ק א ל ע נ ד ע ר ן זייער אויפפירונג אין די פראַגן פון קאַמף קעגן די אַנטיפּאַרטייאישע עלעמענטן און האָט געוואָרנט, אַז אין קעגנפאַל וועט ער צו זיי אָנווענדן האַרבע מאָסמיטלען פון פּאַרטיי־באַשטראָפונג.

עס וואָלט לעכערלעך געווען צו מיינען, אַז די גרופּקעס באַלעגופּישע אַגענטן אין דער פּאַרטיי זײַנען פּעיִק כאָטש אויף אַ טראָפּן אַ וואַקל טאָן די פּאַרטיי־רייען. אָבער דער פאַקט פון אויפדעקן אַזוינע אַנטיפּאַרטייאישע קאָנטררעוואָלוציאָנערע גרופּקעס און די אויסערסט ניט דערלאָזבאַרע באַציִונג צו זיי מיצאַד אייניקע פּאַרטיי־מיטגלידער צווינגען צו קאָנצענטרירן נאָך אַ גרעסערע אויפמערקזאַמקײַט אויפן קאַמף קעגן די מינדסטע אַנטפּלעקונגען פונעם אָפּאָרטוניזם אין דער פּאַרטייאישער סוויווע און באַזונדערס אויפן קאַמף קעגן דער טאָלעראַנטער באַציִונג צום אָפּאָרטוניזם און צו די אָפּאָרטוניסטישע אָפּנייגן. יעדע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע דאַרף פאָדערן פון אַלע אירע מיטגלידער באָלשעוויסטישע אָפנהאַרציקײַט און מעסירעס־נעפעשדיקע אונטערשטיצונג פאַר דער פּאַרטיי.

עס איז גאָר ניטאָ קיין שעדלעכערע זאַך פאַר אַ פּאַרטייער, ווי צווייפּענעמדיקײַט. אַזוינע פּאַרטיי־מיטגלידער דאַרף מען דעמאַסקירן, זיי טאָר מען אויף קיין מינוט ניט דולדן אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דעמאַסקירן די

צווייפּנעמדיקע, וואָס באַהאַלטנ אויס פונ דער פּאַרטיי זייערע אָפּאָרטוניסטישע אָנשויונגענ, וואָס רייסנ אראָפּ די פּאַרטיי־ליניע אונטער דער מאַסקע פונ אונטערשטיצנ זי, איז די דירעקטע פּליכט פונ יעדנ קאָמוניסט.

די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ אונ די כאַוויירימ, וואָס זיינענ טאָלעראַנט געשטימט צו זיי, האַלטנ, אז איצט, צוליב די דערפאָלגנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג אונ צוליב דער ליקווידירונג פונ די רעשטלעכ קאַפּיטאַליזמ, „לעשט זיכ אויס“ בא אונדז דער קלאַסנקאַמפ אונ עס איז שוינ ניטאָ קיינ נויטיקייט צו קעמפנ האַרב קעגנ די אָפּנייגנ פונ דער גענעראַלער פּאַרטיי־ליניע. דאָס איז א גרויסער טאָעס.

די קלאַסנ בא אונדז זיינענ נאָכ ניט ליקווידירט אונ בעמיילע גייט ווייטער אויכ דער קלאַסנקאַמפ. די דערפאָלגנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג, די ליקווידירונג פונעמ באַלעגופנטומ, דעמ „לעצטנ אונ סאַמע צאָלרייכנ פונ די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסנ“ (לענינ), דאָס ארויסשטויסנ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ אינ שטאָט — אָט דאָס אלצ רופט ארויס א פאַרשאַרפטנ ווידערשטאַנד מיצאַד די רעשטלעכ קאַפּיטאַליסטישע קלאַסנ. צולעצט, די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס, וואָס רינגלענ אונדז ארומ, אונטערשטיצנ בא די רעשטלעכ בורזשואַזיע די האָפענונג אפ צוריקקער פונעמ אלטנ רעזשימ אונ גיבנ דירעקטע הילפ די קאָנטררעוואָלוציאָנערע עלעמענטנ.

אָט פאַרוואָס דער קלאַסנקאַמפ בא אונדז ווערט ניט „אויסגעלאָשנ“, נאָר אנטפּלעקט זיכ בלויז אינ נייע פאָרמענ אונ צייטנווייז פאַרשאַרפט ער זיכ. די רעשטלעכ שטאָטישע בורזשואַזיע, וואָס זיינענ אָנמעכטיק צו קעמפנ אָפנ קעגנ דער ראַטנמאַכט, ווענדנ זיכ אָנ שעדיקעריי אינ די ווירטשאַפטלעכע אונ אדמיניסטראַטיווע ראַטנ־אָרגאַניזאַציעס. די דאָרפישע בורזשואַזיע, וואָס איז אָנמעכטיק צו שטערנ דער קאָלווירטישער בויונג, קריכט אריינ אינ די קאָלווירטנ, קעדיי האַרט צו פירנ א קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע ארבעט, קעדיי צו צעלייגנ די קאָלווירטנ פונ איטווייניק.

די אגענטנ פונעמ קלאַסנ־סוינע אינ דער פּאַרטיי, די רעכטע אונ „לינקע“ אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ, וואָס זיינענ נאָכ ניט אויסגעריינקט געוואָרנ פונ דער פּאַרטיי, ניט זייענדיק אימשטאַנד ארויסצוטרעטנ אָפנ מיט זייערע פאָדערונגענ, האַלטנ זיכ צווייפּנעמדיק, מאַסקירנ זיכ, שמוגלענ דורכ ביגנייווע זייערע אָנשויונגענ.

דער קאַמפ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ פונ אלע שאַטירונגענ באַקומט א באַזונדערע באַדייטונג אינ צוזאַמענהאַנג מיט די קאָלאָסאַלע אויפגאַבנ, וואָס זיינענ געשטעלט געוואָרנ דורכנ פּלאַנ פונ אויפבויענ די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אינ צווייטנ פינפיאָר. די 17־טע פּאַרטיי־קאָנפערענצ, וואָס האָט אָנגענומענ דעמ דאָזיקנ פּלאַנ, האָט באַטאָנט, אז ער קאָנ פאַרווירקלעכט ווערנ בלויז דורכ אנ אכזאָריעסדיקנ קלאַסנקאַמפ קעגנ די רעשטלעכ קאַפּיטאַליזמ, דורכ בייקומענ אנטשיידנ די בורזשואַזע אונ קלייןבירגערלעכע פאָרורטיילנ צווישנ די ארבעטנדיקע, דורכ אנ אקשאָנעסדיקער ארבעט אפ איבערדערציענ זיי סאָציאַליסטיש.

די 17־טע פּאַרטיי־קאָנפערענצ האָט אָנגעוויזנ, אז דער קלאַסנקאַמפ וועט ניט בלויז גיינ ווייטער, נאָר ער וועט אפילע פאַרשאַרפט ווערנ אינ באַזונדערע מאָמענטנ, אינ באַזונדערע ראַיאָנענ אונ אפ באַזונדערע באַצירקנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג.

פונדאנענ נעמט זיכ די „אומפארמײַדלעכקייט עס זאָלנ פארבלײַבנ אונ אינ איי־ניקע פאלנ אויכ פארשטארקט ווערנ די בורזשואזע איינפלוסנ אפ איינציקע שיכטנ אונ גרופעס ארבעטנדיקע".

פונדאנענ נעמט זיכ די „אומפארמיידלעכקייט, אז נאָכ אינ פארלויפ פונ א דויערנדיקער צײַט זאָלנ די קלאסנ־אײַנפלוסנ, וואָס זײַנענ פרעמד דעמ פראָלע־טאריאט, ארײַננדרינגענ אינ דער סוויווע פונ די ארבעטער אונ אפילע אינ דער פארטיי".

„צוליב דעמ, — קומט צומ שלוס די רעזאָליוציע, — שטייט פאר דער פארטיי די אויפגאבע צו פארפעסטיקנ די פראָלעטארישע דיק־טאטור אונ ווײַטער פאנאנדערוויקלענ דעמ קאמפ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ, באזונדערס קעגנ דעמ רעכטנ אָפּנייג אלס דער הויפט־געפאר אפנ געגעבענעמ עטאפ".

דער רעכטער אָפּאָרטוניזמ פארבלײַבט די הויפט־געפאר אינ דער פארטיי דער־פאר, ווײַל די לייזונג פונ אונדזער גרונט־אויפגאבע — ליקווידירנ אינ פארלויפ פונ צווייטנ פינפיאָר פולשטענדיק די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ אונ די קלאסנ בי־כלל — רופט אומפארמײַדלעכ ארויס אנ אויסערסט פארביסענעמ ווידערשטאנד מיצאד די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ, אונ די אָפּשפּיגלונג פונעמ דאָזיקנ ווידער־שטאנד איז טאקע דער רעכטער אָפּאָרטוניזמ.

דער קאמפ קעגנ פארקריפלענ די נאציאָנאלע פּאָליטיק פונ דער פארטיי

אויסערנ קאמפ קעגנ דעמ רעכטנ אונ „לינקנ" אָפּנייג פירט די פארטיי אנ אנט־שיידענעמ קאמפ קעגנ די באזונדערע אָפּנייגנ פונ דער פארטיי־ליניע אפנ געביט פונ דער נאציאָנאלער פּאָליטיק.

אונדזער פארטיי האָט פונ אָנהייב אָנ געקעמפט פאר דער פולער גלײַכ־בארעכטיקונג פונ אלע פעלקער. אינעמ אלטנ צארישנ רוסלאנד האָבנ די קאפיטאליסטנ אונ פריצימ פונ דער גרויסרוסישער נאציע געפירט א פּאָליטיק פונ פארשקלאפנ אונ אונטערדריקנ די אנדערע פעלקער, וואָס האָבנ געלעבט אינ דער צארישער אימפעריע. די קאפיטאליסטנ אונ די פריצימ האָבנ געפירט א נאציאָנא־ליסטישע אגיטאציע, האָבנ זיכ געסטארעט ארויסרופנ מאכלויקעס צווישנ די אר־בעטנדיקע פונ פארשיידענע נאציעס, אָנרייצנ איינ פאָלק אפנ צווייטנ, קעדיי אזוי־ארומ לײַכטער אונטערדריקנ אונ עקספּלואטירנ די ארבעטנדיקע פונ יעדנ פאָלק.

אונדזער פארטיי האָט שוינ פונ די ערשטע טעג אָנ פונ איר עקזיסטענצ ארויס־גערוקט דעמ לאָזונג פונ זעלבסטבאשטימונג פונ די פעלקער, דאָס הייסט דאָס רעכט פאר יעדנ פאָלק אליינ אײַנצואָרדענענ זײַנ לעבנ, ביזנ רעכט פאר יעדער נאציע אָפּצוטיילנ זיכ אינ א זעלבשטענדי־קער מעלוכע.

אונדזער פארטיי האָט ארויסגערוקט דעמ לאָזונג פונ א ברידערלעכנ בונד פונ די ארבעטנדיקע פונ אלע פעלקער צו קעמפנ קעגנ דער בור־זשואזיע פונ אלע נאציעס, צו קעמפנ קעגנ דעמ קאפיטאליזמ.

אונדזער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט פארווירקלעכט די דאָזיקע לאָזונגענ פונ

דער פארטיי. דער ארבעטער־קלאס, נאכדעם ווי ער האט אראפגעווארפן די הערשאפט פון דער בורזשואזיע, האט פארניכטעט די נאציאנאלע אונטערדריקונג, האט איינגעשטעלט נאציאנאלע גלייכבארעכטיקונג, האט געהאלפן די ארבעטנדיקע פון די נאציעס, וואס זיינען געווען אונטערדריקט אינעם צארישן רוסלאנד, אראפווארפן בא זיך די פריצים און קאפיטאליסטן, איינשטעלן א ראטנמאכט, שטעלן זיך אפן וועג צום סאציאליזם.

אין די קאפיטאליסטישע מעלוכעס אבער פארשטארקט די בורזשואזיע פון די מעכטיקערע נאציעס די אונטערדריקונג פון די קליינע און שוואכע פעלקער. די בורזשואזיע פון די אימפעריאליסטישע מעלוכעס האט, ווי מיר ווייסן, פארכאפט קאלאניאלע לענדער, האט פארשקלאפט גאנצע פעלקער, האט פארטריבן די ארבעטנדיקע מאסן פון די האזיקע פעלקער אונטערן צווייפאכן יאך — פון דער קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע און פון דער נאציאנאלער אונטערדריקונג.

בא אונדז אין לאנד אבער, נאכן איינשטעלן די פראלעטארישע דיקטאטור, העלפן די פארטיי און די ראטנמאכט מיט אלע מיטלען די ארבעטנדיקע מאסן פון די אפגעשטאנענע (באם קאפיטאליזם) נאציעס צו אנטוויקלען און פארפעסטיקן בא זיך די סאוועטישע מעלוכעדיקייט אין די פארמען, וואס אנטשפרעכן די נאציאנאל־שטייגערישע באדינגונגען פון די האזיקע פעלקער; זיי העלפן זיי מיט אלע מיטלען אנטוויקלען און פארפעסטיקן די אדמיניסטראטיווע, ווירטשאפטלעכע אנשטאלטן, די קולטור־און בילדונגס־אנשטאלטן, די געזעלשאפטלעכע אנשטאלטן, וואס זיינען קאמפלעקטירט געווארן פון די ארטיקע מענטשן און ארבעטן אפ דער מוטער־שפראך פון דער ארטיקער באפעלקערונג. די ראטנמאכט און די פארטיי העלפן די האזיקע נאציעס צו דערגרייכן אין ווירטשאפטלעכער און קולטורעלער הינזיכט די פארגעשריטענע פעלקער פון ראטנפארבאנד.

אט אזא איז די נאציאנאלע פאליטיק פון אונדזער פארטיי, וואס ווערט דורכגעפירט לויט די אנווייזונגען פון לענינען און סטאלינען.

מיט דער האזיקער פאליטיק האט אונדזער פארטיי דעראבערט פאר זיך דעם גרענעצלאזן צוטרוי, מיטגעפיל און אונטערשטיצונג פון די ארבעטנדיקע פעלקער פון אלע נאציעס פון ראטנפארבאנד, און אפ דער באזע פון דער האזיקער פאליטיק האבן זיי זיך פאראייניקט אין איין ברידערלעכן בונד, האבן געשאפן, — ווי כאווער סטאלין זאגט, —

„יענע מערקווירדיקע ארגאניזאציע פון פעלקער־מיטארבעט, וואס רופט זיך אן פארבאנד פון די סאוועטישע סאציאליסטישע רעפובליקן און וואס איז א לעבעדיק פארבילד פון דער צוקונפטיקער פעלקער־פאראייניקונג אין דער איינהייטלעכער וועלט־ווירטשאפט“.

די האזיקע פאליטיק האט געבראכט דערצו, אז די ארבעטנדיקע מאסן פון די פריער עקספלואטירטע און אונטערדריקטע נאציעס האבן זיך שוין אויפגעהויבן אפ א הויכן ווירטשאפטלעך־קולטורעלן ניווא און צוזאמען מיט די ארבעטנדיקע פון די פארגעשריטענע טיילן ראטנפארבאנד בויען זיי די סאציאליסטישע געזעלשאפט.

איר נאציאנאלע פאליטיק פארווירקלעכט די פארטיי אין אומקאמפראמיסלעכן קאמף אפ צוויי פראנטן — קעגן צוויי אפנייגן אין דער נאציאנאלער פראגע.

דער ערשטער אָפּנייג איז אינ דער ריכטונג צומ גרויסרוסישנ נאַציאָנאַליזמ. די אָפּנייגלער פונעמ דאָזיקנ מינ שטרעבנ פאַרבײַצוגיינ די עקזיסטירנדיקע נאַציאָנאַלע אונטערשיידנ אינ דער שפּראַכ, אינ דער קולטור, אינעמ שטייגער. זיי שטרעבנ אונטערצורײַסנ די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פונ דער פּאַרטיי. זיי וואָלטנ געוואָלט ליקווידירנ אונדזערע נאַציאָנאַלע רעפּובליקנ אונ געגנטנ.

דער דאָזיקער אָפּנייג שפּיגלט אָפּ אינ טאָכ גענומענ די שטרעבונג פונ די שטאַרבנדיקע קלאַסנ פונ דער נאַציע, וואָס איז פריִער געווענ א הערשנדיקע, צוריקקערנ זיכ די פאַרלאָרענע פּריווילעגיעס. דער דאָזיקער אָפּנייג שטעלט מיט זיכ פאָר די הויפּט־געפאַר אויפנ געביט פונ דער נאַציאָנאַלער פראַגע. די אָפּנייגלער אינ דער ריכטונג צומ גרויסרוסישנ נאַציאָנאַליזמ ברענגענ א גרויסנ שאָדנ דער ברידערלעכער מיטאַרבעט פונ די פעלקער פונ ראַטנפאַרבאַנד, פאַרהאַלטנ דעמ ווירטשאַפטלעכנ אונ קולטורעלנ וווּקס פונ די נאַציאָנאַלע רעפּובליקנ, שטערנ אויסבויענ די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אינ ראַטנפאַרבאַנד דורכ די פאַראייניקטע קרעפטנ פונ די אַרבעטנדיקע פונ אַלע פעלקער.

דער צווייטער אָפּנייג איז אינ דער ריכטונג צומ אָרטיקנ נאַציאָנאַליזמ. די אָפּנייגלער פונ דעמ דאָזיקנ מינ שטרעבנ צו פאַרשמירנ די קלאַסנ־ווידערשפּרוכנ, וואָס זײַנענ פאַראַנ בא זיי אינ פאָלק; זיי שטרעבנ אָפּזונדערנ זיכ אונ אײַנשליסנ זיכ אינ זייערע נאַציאָנאַלע ראַמענ, אוועקגייענ פונ דעמ, וואָס עס דערנענטערט די אַרבעטנדיקע מאַסנ פונ די פעלקער פונ ראַטנפאַרבאַנד, אוועקגיינ פונ דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער בויונג.

דער דאָזיקער אָפּנייג שפּיגלט אָפּ אינ טאָכ גענומענ די אומצופרידנקײַט מיט דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור מיצאַד די בורזשואַזנ־פּריצישע עלעמענטנ פונ די פריִער אונטערדריקטע נאַציעס, זייער שטרעבונג אָפּצוטיילנ זיכ פונעמ ראַטנפאַרבאַנד אינ א זעלבשטענדיקער מעלוכע אונ אײַנשטעלנ דאָרט די מאַכט פונ די פּריצימ אונ קאַפּיטאַליסטנ.

די אָפּנייגלער אינ דער ריכטונג צומ אָרטיקנ נאַציאָנאַליזמ שטערנ בויענ די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אינ ראַטנפאַרבאַנד, שוואַכנ אָפּ די ברידערלעכע איינהײַט פונ די אַרבעטנדיקע פונ די פעלקער פונ ראַטנפאַרבאַנד — צו גונסטנ די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס. *

אַט דאָס זײַנענ די צוויי אָפּנייגנ אויפנ געביט פונ דער נאַציאָנאַלער פראַגע. עס איז נייטיק צו פירנ אַנ אַקשאָנעסדיקנ קאַמפ קעגנ די דאָזיקע ביידע אָפּנייגנ, פאַרפעסטיקנ די ברידערלעכע איינהײַט פונ אַלע פעלקער פונ ראַטנפאַרבאַנד, דערציִענדיק זיי אינעמ גײַסט פונ אינטערנאַציאָנאַליזמ — פונ ברידערלעכער מיטאַרבעט אינעמ קאַמפ קעגנ דער בורזשואַזיע, אינעמ אויסבויענ די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

* אינעמ איצטיקנ מאָמענט איז, — ווי ס'האָבנ באַטאָנט די רעזאָלוציעס פונ די פּלענומס פונ צק קפּ(ב)·אר אונ פונ צק קפּ(ב)וו. דעקאַבער 1933 י., — דער דאָזיקער אָפּנייג די הויפּט־געפאַר אינ אוקראַינע אונ ווײַסרוסלאַנד.

דריטער טייל

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל

די אלקפ(ב) אונ דער קאָמינטערנ

דער פּראָלעטאריאט פונ ראטנפארבאנד איז א טייל פונעם אינטערנאציאָנאלנ פּראָלעטאריאט. די אלפארבאנדישע קאָמוניסטישע פּארטיי (באָלשעוויקעס) איז בלויז איינער פונ די אָטריאדנ, איינע פונ די סעקציעס פונ דער אלוועלטלעכער קאָמוניסטישער פּארטיי — פונעם קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל.

אונדזער פּארטיי איז דער עלטסטער אָטריאד, דער סאמע צאָלרייכער, דער סאמע געניטער אינעם רעוואָלוציאָנערנ קאמפּ, אונ דעריקער — דער אָטריאד, וואָס האָט שוינ אראָפּגעוואָרפנ די מאכט פונ דער בורזשואזיע בא זיכ אינ לאנד, וואָס האָט איינגעשטעלט די דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט אונ וואָס בויט די סאָציאליסטישע געזעלשאפט.

פארשטייט זיכ, אז די ראָליע אונ באדייטונג פונ אונדזער פּארטיי, אירע פליכטנ פארנ ארבעטער־קלאס פונ דער גאנצער וועלט זיינענ אויסערגעוויינלעכ גרויס. די ארבעטער אונ ארבעטנדיקע פונ אלע לענדער קוקנ אפנ פּראָלעטאריאט פונעם ראטנפארבאנד, ווי אפ זייער אָנפירער, פירער. אפ אונדזער קאמפּ־דערפארונג לערנענ זיכ די פּראָלעטאריער אונ ארבעטנדיקע פונ דער גאנצער וועלט. מיר, ווידער, דארפנ אויכ ווייטער ארבעטנ אזוי, אז עס זאָל וואָס גיכער דערפירט ווערנ די אָנגעהויבענע זאכ ביזנ פולשטענדיקנ זיגרייכנ סאָפ, קעדיי צו זיינ א ביישפּיל פארנ גאנצנ אינטערנאציאָנאלנ פּראָלעטאריאט.

כאווער סטאלינ זאָגט:

„מיר דארפנ באוועגנ זיכ פאָרויס אזוי, אז דער ארבעטער־קלאס פונ דער גאנצער וועלט זאָל, קוקנדיק אפ אונדז, קאָנענ זאָגנ: אָט איז ער, מיינ אוואנגארד־אָטריאד, אָט איז זי מיינ שלאָג־בריגאדע, אָט איז זי, מיינ ארבעטער־מאכט, אָט איז עס, מיינ פאָטער־

ל א נ ה, — זיי טוענ זייער זאכ, אונדזער זאכ — גוט, — לאָמיר זיי אונ־טערשטיצנ קעגנ די קאַפּיטאַליסטנ אונ לאָמיר צעצינדנ די וועלט־רעוואָליוציע".

אזוי טאַקע קוקנ אַפּ דער זאַכ די אַרבעטער פונ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. לעמאָשל, די בערלינער אַרבעטער, וואָס האָבנ זיכ באַקענט מיט כאַווער סטאַלינס רעדע, האָבנ אימ געשיקט א טעלעגראַמע, אינ וועלכער זיי שרייבנ:

„יעדער טאָג אייזנ, וואָס ווערט באַקומענ לויטנ פינפיאָריקנ פּלאַנ, איז א שאָס קעגנ אונדזערע קאַפּיטאַליסטישע אונטערדריקער. יעדער נייער טראַק־טער איז א האַרמאַט קעגנ דעמ וועלט־קאַפּיטאַליזמ. זאָל לעבנ די וועלט־רעוואָליוציע!".

אינ זייער אַרבעט קאָנענ אונדזער פּאַרטיי, אונדזער פּראָלעטאַריאַט אַפּ קיינ איינ מינוט ניט פאַרגעסנ ניט זייער קאַמפּ פאַרנ ניצאָכנ פונ דער רעוואָליוציע אינ אונדזער לאַנד ניט די פאַרשטייענדיקע געראַנגלענ מיט דער וועלט־בורזשואַזיע.

אונדזערע אַרבעטער ווייסנ גוט, אַז בלויז בא דער אונטערשטיצונג פונעמ וועלט־פּראָלעטאַריאַט, בלויז אינ בונד מיט אימ האָבנ מיר באַזיגט די אינערלעכע קאָנטר־רעוואָליוציע אונ אָפּגעשלאָגנ דעמ אָנפאַל פונ די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטנ, בלויז אינ בונד מיטנ וועלט־פּראָלעטאַריאַט אונ מיט זיינ אונטערשטיצונג קאָנענ מיר בויענ אונ אויסבויענ די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

די פראַגע איז בלויז אינ דעמ, וויאַזוי מע זאָל פאַרשטיינ די דאָזיקע אונטער־שטיצונג, דעמ דאָזיקנ בונד. די טראָצקיסטנ, לעמאָשל, פאָדערנ אימבאַדינגט א „דירעקטע מעלוכישע אונטערשטיצונג" מיצאַד דעמ פּראָלעטאַריאַט פונ אַנדערע לענדער. בלויז אַזאַ אונטערשטיצונג, אַזאַ בונד „אָנערקענענ" זיי. אונ אַזוי ווי דאָס איז נאָכ דערווייל ניטאָ, — דער פּראָלעטאַריאַט האָט נאָכ אינ קיינ איינ לאַנד, כוץ בא אונדז, ניט דעראָבערט די מעלוכע־מאַכט, — דערקלערנ די טראָצקיסטנ, אַז אונדזער גאַנצע סאָציאַליסטישע בויונג איז פאָרויס פאַרמישפּעט אַפּ א דורכפאַל.

אינ דער ווירקלעכקייט אָבער ווערט די גאַנצע צייט פאַרווירקלעכט דער בונד צווישנ דעמ פּראָלעטאַריאַט פונעמ ראַטנפאַרבאַנד אונ דעמ פּראָלעטאַריאַט פונ אַלע לענדער; די גאַנצע צייט גיבנ זיי איינער דעמ אַנדערנ קעגנזייטיקע אונטערשטיצונג. דאָס האָט אויסגעצייכנט דערקלערט דער כאַווער סטאַלינ אינ זיינ רעדע אַפּנ 7־טנ פּלענומ פונעמ אויספּירקאָמ פונעמ קאָמינטערנ אינ 1926 יאָר:

„ווענ די פּראָלעטאַריער פונ פסס"ר האָבנ גענומענ די מאַכט אינ אָק־טיאַבער 1917 יאָר, — איז דאָס געווענ א שטיצע די פּראָלעטאַריער פונ אַלע לענדער, דאָס איז געווענ א בונד מיט זיי.

ווענ די פּראָלעטאַריער פונ דייטשלאַנד האָבנ אופגעהויבנ א רעוואָליוציע אינ 1918 יאָר, — איז דאָס געווענ א שטיצע די פּראָלעטאַריער פונ אַלע לענדער, באַזונדערס אָבער די פּראָלעטאַריער פונ פסס"ר. דאָס איז געווענ א בונד מיטנ פּראָלעטאַריאַט פונ פסס"ר.

ווענ די פּראָלעטאַריער פונ מערעוו־אייראָפּע פּלעגנ שטערנ דער אינטער־ווענצ אינ פסס"ר, פּלעגנ ניט אַריבערפירנ קיינ באַוואָפענונג פאַר די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע גענעראַלנ, פּלעגנ אָרגאַניזירנ אַקציע־קאָמיטעטנ אינ פּלעגנ אונטערגראָבנ דאָס הינטערלאַנד בא זייערע קאַפּיטאַליסטנ, — איז דאָס גע־

ווענ א הילפ די פראָלעטאריער פונ פסס"ר, איז דאָס געווענ א בונד פונ די מערעוו־אייראָפּייִשע פראָלעטאריער מיט די פראָלעטאריער פונ פסס"ר. אָנ אזא מיטגעפיל אונ אָנ דער דאָזיקער אונטערשטיצונג מיצאד די פראָלעטאריער פונ די קאפיטאליסטישע לענדער וואָלטנ מיר ניט געקאָנט געווינענ דעמ בירגערקריג.

ווענ די פראָלעטאריער פונ די קאפיטאליסטישע לענדער שיקנ צו אונדז א גאנצע ריי דעלעגאציעס, קאָנטראָלירנ אונדזער בויונג, אונ נאָכדעמ מאכנ זיי אומעטומ באוווּסט וועגנ די דערפאָלגנ פונ אונדזער בויונג אינ דער גאנצער ארבעטער־אייראָפּע, — איז דאָס א הילפ די פראָלעטאריער פונ פסס"ר, דאָס איז די גרעסטע אונטערשטיצונג די פראָלעטאריער פונ פסס"ר, דאָס איז א בונד מיט די פראָלעטאריער פונ פסס"ר אונ א צוימ קעגנ דער מעגלעכער אימפעריאליסטישער אינטערווענצ אינ אונדזער לאנד. אָנ אזא אונטערשטיצונג אונ אָנ אזא צוימ וואָלטנ מיר איצט ניט געהאט קיינ אָטעמ־פאוזע, אונ אָנ אָנ אָטעמ־פאוזע וואָלט בא אונדז ניט געווענ קיינ פאנאנדער־געוויקלטע ארבעט אפ בויענ דעמ סאָציאליזמ אינ אונדזער לאנד.

ווענ די פראָלעטאריער פונ פסס"ר פארפעסטיקנ זייער דיקטאטור, ליקווידירנ דעמ ווירטשאפטלעכנ כורבנ, וויקלענ פאנאנדער די בויונג־ארבעט אונ האָבנ דערפאָלגנ אינ דער בויונג פונעמ סאָציאליזמ, איז דאָס די גרעסטע אונטערשטיצונג פאר די פראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פאר זייער קאמפ קעגנ דעמ קאפיטאליזמ, פאר זייער קאמפ פאר דער מאכט, ווייל די עקזיסטענצ פונ דער ראטנ־רעפובליק, אירע פעסטקייט, אירע דערפאָלגנ אפנ פראָנט פונ דער סאָציאליסטישער בויונג זיינענ דער גרעסטער פאקטער פונ דער וועלט־רעוואָלוציע, וואָס דערמונטערט די פראָלעטאריער פונ אלע לענדער אינ זייער קאמפ קעגנ דעמ קאפיטאליזמ. מע קאָנ קוימ צווייפלענ אינ דעמ, אז די פארניכטונג פונ דער ראטנ־רעפובליק וואָלט געבראכט מיט זיכ די סאמע שווארצע אונ סאמע בייזע רעאקציע אינ אלע קאפיטאליסטישע לענדער.

די קראפט פונ אונדזער רעוואָלוציע אונ די קראפט פונ דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אינ די קאפיטאליסטישע לענדער באשטייט אינ דער דאָזיקער קעגנזייטיקער אונטערשטיצונג אונ אינ דעמ דאָזיקנ בונד פונ די פראָלעטאריער פונ אלע לענדער".

א קאָלאָסאלער קאמפ קומט איצט פאָר צווישנ דעמ יונגנ פארבאנד פונ די סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפובליקנ אונ דער אלטער קאפיטאליסטישער וועלט — א *ווירטשאפטלעכער קאמפ*. וואָסער סיסטעמ וועט זיגנ — די סאָציאליסטישע אָדער די קאפיטאליסטישע?

מיר האָבנ געזענ, אז אפ דער זייט פונ דער סאָציאליסטישער סיסטעמ זיינענ פאראנ אלע מעלעס. אָבער די זאכ איז אינ דעמ, וואָס די קאפיטאליסטישע לענדער געפינענ זיכ איצט פאָרויס פונ אונדז לויט דער טעכניק, לויטנ ניוואָ פונ דייר ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג.

פונדאנענ הריינגט ארויס די אופגאבע פונ ערשטראנגיקער וויכטיקייט, וואס לענינ האט נאכ געשטעלט: דעריאגנ אונ אריבעריאגנ די פארגעשריטענע קאפיטאליסטישע לענדער אינ טעכניש־עקאנאמישער הינזיכט. פונדאנענ נעמט זיכ די קאלאסאלע באדייטונג פונעמ לאזונג, וואס כאווער סטאלינ האט ארויסגערוקט: „דערלערנענ די טעכניק, באהערשנ די וויסנשאפט", קעדיי נאכ העכער אופצוהייבנ די טעמפנ פונ דער סאציאליסטישער בויונג, קעדיי ניט מער, ווי אינ 10 יאר דעריאגנ די פארגעשריטענע קאפיטאליסטישע לענדער אינ הינזיכט פונ טעכניק אונ פונ ארבעטפראדוקטיוויטעט.

דער אויסגאנג פונעמ ווירטשאפטלעכנ פארמעסט וועט, פארשטייט זיכ, געלייזט ווערנ דורכ א באוואפנטנ קאמפ. די קאפיטאליסטישע וועלט גרייט זיכ צו א נייעמ אנפאל אפנ ראטנפארבאנד. אינ דעמ דאזיקנ צוקונפטיקנ מיליטערישנ צוזאמענשטויס איז אונדזער ניצאכנ אינ א קאלאסאלער מאס אפהענגיק פונ דעמ, אפ וויפל מיר וועלנ קאנענ, מיר וועלנ באוויזנ צו באהערשנ די טעכניק אונ אנטוויקלענ ווייטער אונדזער פאלקווירטשאפט. ווייל אונדזער שוצפייקייט איז אפהענגיק פונ דער באוואפענונג, פונ דער אויסריכטונג, פונ דער באזארגונג פונ אונדזער רויטער ארמיי, דאס הייסט פונעמ ווירטשאפטלעכנ צושטאנד פונ לאנד.

אינ דעמ דאזיקנ אומפארמיידלעכנ צוזאמענשטויס צווישנ די קרעפטנ פונעמ קאמוניזמ אונ קאפיטאליזמ איז דער ניצאכנ ניט אינ קיינ קלענערער מאס אפהענגיק אויכ פונ דער צוגרייטונג פונעמ ארבעטערקלאס אינ די קאפיטאליסטישע לענדער צו די אנטשיידענע רעוואלוציאנערע שלאכטנ מיט דער בורזשואזיע.

די דאזיקע צוגרייטונג בילדעט מאקע די גרונט־אופגאבע פונ די קאמוניסטישע פארטייענ אינ די קאפיטאליסטישע לענדער.

אלזא, די אלפארבאנדישע קאמוניסטישע פארטיי (באלשעוויקעס) דארפ אנווענדנ אלע קרעפטנ, קעדיי אינעמ סאמע קורצנ טערמינ פארווירקלעכנ דעמ לאזונג „דעריאגנ אונ אריבעריאגנ". אונדזערע ברידערלעכע פארטייענ אינ די קאפיטאליסטישע לענדער דארפנ אנווענדנ אלע קרעפטנ, קעדיי צו דעראבערנ אפ זייער זייט די מערהייט פונעמ ארבעטער־קלאס, ארייננציענ אינ דעמ רעוואלוציאנערנ קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע נאכ גרעסערע מאסנ ארבעטנדיקע, פארשנעלערנ דאס אראפווארפנ די הערשאפט פונעמ קאפיטאל, דער ארבעטער־קלאס זאל דעראבערנ די מאכט.

אט דאס איז די צוויי=איינציקע אופגאבע, די צוויי זייטנ פונ איינ אונ דער זעלבער וויכטיקסטער, גרונטיקער אופגאבע, וואס ליגט אצינד אפ דער אלוועלטלעכער רעוואלוציאנערער פארטיי פונעמ ארבעטער־קלאס, אפנ קאמוניסטישנ אינטערנאציאנאל. די דאזיקע אופגאבע רופט זיכ אנ צוגרייטונג צומ אנטשיידענעמ קאמפ קעגנ דעמ קאפיטאליזמ פארנ פולשטענדיקנ טריומפ פונעמ קאמוניזמ אינ דער גאנצער וועלט.

דער קאָמינטערנ, זײַנ פּראָגראַמ אונ אָרגאַניזאַציע

דער אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל איז אַנטשטאַנענ אינ 1864 יאָר. ער האָט זיך אָנגערופֿנ „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־אַסאָציאַציע". זײַנ מאַניפֿעסט (פּראָגראַמ) האָבנ אָנגעשריבנ מ א ר ק ס אונ ע נ ג ע ל ס.

אָבער די אַרבעטער־באַוועגונג פֿונ יענער צײַט איז נאָך געווענ זייער שוואַך. די באַדײַטונג פֿונעמ ערשטנ אינטערנאַציאָנאַל איז באַשטאַנענ דערהויפּט אינ דעמ, וואָס ער האָט צומ ערשטנ מאָל אָנגעקניפּט אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרבינדונגענ צווישנ די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אונ האָט געגעבנ א וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרמולירונג פֿונ זייערע פֿאָדערונגענ אונ צילנ.

אינ 1873 יאָר איז דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל צעפֿאַלנ געוואָרנ. אָבער די זוימענ פֿונעמ וויסנשאַפֿטלעכנ סאָציאַליזמ, וואָס ער האָט געוואָרפֿנ, האָבנ זיך געגעבנ רײַכע שפּראָצנ. אינ א סאַך לענדער האָבנ זיך געשאַפֿנ סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייענ. פֿונ דער פֿאַראייניקונג פֿונ די דאָזיקע פּאַרטייענ אינ אַנ אינטערנאַציאָנאַלנ פֿאַרבאַנד איז אַנטשטאַנענ אינ 1889 יאָר דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל.

ער האָט צונויפֿגעזאַמלט אונטער זײַנע פֿאָנענ מיליאָניקע מאַסנ אַרבעטער פֿונ אַמעריקע אונ אייראָפּע. ער האָט צוגעגרייט דעמ באָדנ פֿאַר פֿאַרשפּרייטנ ברייט די לערע פֿונ מאַרקס אונ ענגעלס.

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך אויסגעבילדעט אינעמ פּעריאָד פֿונ דער פֿאַרהעלטנמעסיק „פֿרידלעכער" אַנטוויקלונג פֿונעמ קאַפּיטאַליזמ. די אויסערסט־טיפֿע ווידערשפּרוכנ פֿונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט האָבנ נאָך ניט באַוויזנ צו דערגרייכנ אַזא פֿאַרשאַרפֿונג, ווי אינ דעמ לעצטנ, אימפּעריאַליסטישנ פּעריאָד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבנ סאָפֿ XIX, אָנהייב XX יאָרהונדערט. דער קלאַסנקאַמפּ צווישנ דעמ פּראָלעטאַריאַט אונ דער בורזשואַזיע האָט נאָך ניט דערגרייכט אַזא פֿאַרמעסט אונ אַזא שאַרפֿקײַט, ווי בײַמ אימפּעריאַליזמ.

דאָס דאָמינירנדיקע אָרט אונ אויפֿמערקזאַמקײַט אינ דער טעטיקײַט פֿונ די פּאַרטייענ פֿונעמ צווייטנ אינטערנאַציאָנאַל האָבנ פֿאַרנומענ די אַזוי־גערופֿענע „לעגאַלע" פֿאָרמענ פֿונ קאַמפּ — די וואַלנ אינ פּאַרלאַמענט, דאָס דורכפֿירנ דורכנ פּאַרלאַמענט געזעצנ לטויוועס די אַרבעטער אאַז. אינעמ וואַלקאַמפּ אונ אינ אָרגאַניזירנ די מאַסנ האָבנ די פּאַרטייענ פֿונ צווייטנ אינטערנאַציאָנאַל דערגרייכט קאָלאָסאַלע „קאָפּשווינדלדיקע" דערפֿאָלגנ.

צוזאַמענ מיט דעמ האָט זיך, ווי מיר האָבנ שוינ געזאָגט, אינעמ אַרבעטער־קלאַס געשאַפֿנ פֿונ די באַאַמטע פֿונ די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייענ אונ פֿונ די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייננ א צאָלרײַכער פּריווילעגירטער אויבערשיכט, וואָס באַקומט גוטע געהאַלטנ אונ וואָס שטיצט זיך קוידעמקאָל אויפֿנ אויבערשטנ שיכט הויכקוואַליפֿיצירטע אונ גוטבאַצאָלטע אַרבעטער. די דאָזיקע „אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע" האָט זיך ניט שלעכט אײַנגעאָרדנט אינ דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט.

אַט פֿאַרוואָס די פֿירער פֿונ די פּאַרטייענ פֿונעמ צווייטנ אינטערנאַציאָנאַל האָבנ אויפֿגעהערט טראַכטנ וועגנ דער רעוואָלוציע, וועגנ די ענדצילנ פֿונ דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגנ דער דיקטאַטור פֿונ פּראָלעטאַריאַט, האָבנ אָנגעהויבנ ביסלעכווײַז אָפּטרעטנ פֿונ דער רעוואָלוציאָנערער לערע פֿונ מאַרקס־ענגעלס, האָבנ אָנגעהויבנ

דערווײַזנ, אַז מע קאָנ זיכ באַגיינ אָנ אַ רעוואָליוציע, אַז מע קאָנ אפ „לעגאַלע" אויפאַנימ דורכ דערגרייכנ די מערהייט שטימענ אינעם פּאַרלאַמענט „רעאָרגאַניזירנ" די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אינ אַ סאָציאַליסטישער. מיט איינ וואָרט, די פּאַרטייענ פונעם צווייטנ אינטערנאַציאָנאַל זײַנענ ביסלעכווײַז אַריבער צו דער פּאָליטיק פונ פּשאָרעס, פונ פאַרשטענדיקונג מיט דער בורזשואַזיע, זײַנענ פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ דורכ אונ דורכ אָפּאָרטוניסטישע פּאַרטייענ.

אינ 1914 יאָר, ווענ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די אימפּעריאַליסטישע וועלט־מילכאָמע, האָבנ די פירער פונ אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייענ אָפּנ זיכ אַריבער־געוואָרפנ אפ דער זײַט פונ „זייערע" רעגירונגענ, פונ זייער בורזשואַזיע, האָבנ געשטימט פאַר די מיליטערישע בודזשעטנ, האָבנ אַגיטירט פאַר דער אימפּעריאַ־ליסטישער מילכאָמע. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז געוואָרנ אַנ אָפּענע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פונ די מעשאָרסימ פונ דער בורזשואַזיע.

די באָלשעוויקעס האָבנ פונ אָנהייב אָנ געפירט אַנ אַנטשיידענעמ קאָנסעקווענטנ קאַמפּ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ אינעמ צווייטנ אינטערנאַציאָנאַל איבער אַלע גרונט־פראַגנ פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, ווי די פראַגע וועגנ דער פּאַרטיי, וועגנ דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט, וועגנ פּאַרלאַמענטאַרישנ אונ אויסער־פּאַרלאַמענטאַרישנ קאַמפּ, וועגנ אַלגעמיינעמ שטרייק, וועגנ אָנפירנ מיט די פּראָ־פעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַרייגענ, וועגנ די אויפגאַבנ פונעמ פּראָלעטאַריאַט בענעגייע דעמ פּויערטומ, וועגנ דעמ אימפּעריאַליזמ, וועגנ מילכאָמע אאַוו.

אָבער אַפילע אינ יענע פאַלנ, ווענ די פּאַרטייענ פונעמ צווייטנ אינטערנאַציאָ־נאַל האָבנ מיטנ מויל אָנגענומענ רעוואָליוציאָנערע באַשלוסנ, פלעגנ אינ דער ווירקלעכקייט די דאָזיקע באַשלוסנ פאַרדעקנ די סאַמע אָפּאָרטוניסטישע מייסימ. לאָמיר נעמענ די פראַגע וועגנ מילכאָמע. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט ניט איינמאָל אָנגענומענ ברייט־פאַרשפּרעכנדיקע רעזאָליוציעס, אינ וועלכע ער האָט צוגעזאָגט „דערקלערנ אַ מילכאָמע דער מילכאָמע" אינעמ פאַל, אויב די אימפּעריאַ־ליסטנ וועלנ זיכ באַשליסנ אָנהייבנ אַ בלוטבאָד. לענינ האָט געוואָרנט, אַז ווענ די מילכאָמע וועט דערקלערט ווערנ, וועלנ די אָפּאָרטוניסטנ פאַרבאַהאַלטנ אינ שופלאָד זייערע שיינע רעזאָליוציעס אונ וועלנ זײַנ די סאַמע פאַרברענטע פאַר־טיידיקער פונ דער מילכאָמע. אַזוי האָט זיכ טאַקע אַרויסגעוויזנ אינ דער ווירק־לעכקייט. בײַס דער מילכאָמע האָבנ בלויז די באָלשעוויקעס אַרויס־געוויזנ ווירקלעכנ אינטערנאַציאָנאַליזמ, האָבנ געפירט אַנ אַנטשיידענעמ קאַמפּ פאַר פאַרוואַנדלענ די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע אינ אַ בירגערקריג, זיי זײַנענ געווענ פאַר דער מאַפּאָלע פונ „זייער" רעגירונג אינ דער מילכאָמע. צוזאַמענ מיט לענינענ האָבנ געקעמפט קעגנ דער מילכאָמע, האָגאַמ ניט נאָר קאָנסעקווענט, בלויז אייניקע רעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ אינ מײַרעוו־אייראָפּע, אינ דער ערשטער ריי די דײַטשישע לינקע בעראָש מיט ראָזע ליוקסעמבורג, קאַרל ליבקנעכט אונ קלאַרע צעטקינ.

דער קראַכ פונעמ 2־טנ אינטערנאַציאָנאַל האָט גאַנצ באַשײַמפּערלעכ באַוויזנ די גערעכטיקייט פונעמ אָנופהערלעכנ קאַמפּ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ אינעמ 2־טנ אינטערנאַציאָנאַל, וואָס די באָלשעוויקעס מיט לענינענ האָבנ געפירט. דאָס, וואָס דער 2־טער אינטערנאַציאָנאַל האָט אָפּנ אונ קלאָר פאַר אַלעמענ פאַראַטנ די פּראָ־

לעטאַרישע רעוואָלוציע, האָט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט געשטעלט די פראַגנ וועגנ שאַפנ אַ נײַעמ אינטערנאַציאָנאַל.

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל איז געבאָרנ געוואָרנ אינ שטורעמ אונ דראַנג פונ דער וועלט־מילכאָמע אונ פונ די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס. די ערשטע פּרוווּנ פונ אַ רעוואָלוציאָנערער אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניקונג האָט געמאַכט לענינ אינ דער שווייץ בײַמ דער מילכאָמע (די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצנ פונ סאָציאַליסטנ־אינטערנאַציאָנאַליסטנ, די קעגנער פונ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע אינ צימערוואַלד אונ קינטאַל). דער ערשטער צוזאַמענפאָר פונ דעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאַציאָנאַל איז פאָרגעקומענ אונטער לענינס אָנפירונג שוינ אינ דער הויפּטשטאָט פונעמ ראַטנפאַרבאַנד, אינ מאָסקווע, אינ 1919 יאָר. דאַנ זײַנענ קאָמוניסטישע פּאַרטייענ געווענ בלויז אינ 16 לענדער. איצט זײַנענ זיי פאַראַנ קימאַט אינ אַלע לענדער פונ אַלע וועלט־טיילנ.

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אויסגענוצט אַלע דערגרייכונגענ פונ די אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניקונגענ פונעמ פּראָלעטאַריאַט, וואָס זײַנענ געווענ ביז אימ. אָט וויאַזוי לענינ רעדט וועגנ דעמ:

„דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געלייגט דעמ פונדאַמענט פונעמ פּראָלעטאַרישנ, אינטערנאַציאָנאַלנ קאַמפ פאַרנ סאָציאַליזמ.

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז געווענ די עפּאָכע פונ צוגרייטנ דעמ באָדנ פאַר אַ ברייטער, מאַסנווער פאַרשפּרייטונג פונ דער באַוועגונג אינ אַ רײַ לענדער.

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אויפגענומענ די פּרוכט פונ דער אַרבעט פונ צווייטנ אינטערנאַציאָנאַל, האָט אָפּגעהאַקט זײַנ אָפּאָרטוניסטישע, סאָציאַל־שאָוויניסטישע, בורזשואַזע אונ קלייַנבירגערלעכע שמוץ אונ האָט אָנגעהויבנ פאַרווירקלעכנ די דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט”.

דער דריטער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז דער דירעקטער פאָרזעצער פונעמ ערשטנ אינטערנאַציאָנאַל סײַ אינ דער טעאָריע אונ סײַ אויכ אינעמ רעוואָלוציאָנערנ קאַמפ פונעמ פּראָלעטאַריאַט. אינעמ מאַניפעסט פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאַציאָנאַל צו די פּראָלעטאַריער פונ דער גאַנצער וועלט, וואָס דער ערשטער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומענ, ווערט געזאָגט:

„מיר פילנ אונ אָנערקענענ זיכ פאַר יאָרשימ אונ פאַרווירקלעכער פונ דער זאַכ, וואָס איז אָנגעהויבנ געוואָרנ מיט דרײַ פערטל יאָרהונדערט צוריק. מיר שטרעבנ צו דעמ, אַז די האָרעפּאַשניקעס פונ אַלע לענדער זאָלנ זיכ פאַראייניקנ אינ אַנ אַלוועלטלעכער כאַווערשאַפט פונ די אַרבעטנדיקע, ווו עס וועט ניט זײַנ קיינ האַלעס, קיינ שקלאַפערײַ אונ אונטערדריקונג, ווו אַלע מענטשנ וועלנ ווערנ גלײַכע, פרײַע אונ גליקלעכע מיטגלידער פונ איינ ברידערלעכער מישפּאָכע.

מיר ווילנ ווײַזנ די אַרבעטער, וואָס פאַר אַ לעקציעס עס דרינגענ אַרויס פונ זייער רעוואָלוציאָנערנ קאַמפ, מיר ווילנ אָפּרייניקנ די אַרבעטער־באַוועגונג פונ די סאָציאַליסטנ־פאַררעטער, פאַראייניקנ די אָנשטרענגונגענ פונ אַלע טיילנ פונעמ אַלוועלטלעכנ אַרבעטער־קלאַס אונ דערמיט פאַר־

שנעלערנ דעמ ניצאָכנ פונ דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע אינ דער גאנצער וועלט".

פאר די קאָמוניסטישע פארטייענ אינ די בורזשואזע לענדער שטייענ די זעלבע גרונט־צילנ אונ אויפגאבנ, וועלכע עס האָט געשטעלט, האָט פארווירקלעכט אונ פארווירקלעכט איצט אונדזער אלפארבאנדישע קאָמוניסטישע פארטיי (באָלשעוויקעס): אראָפווארפנ די מאכט פונ דער בורזשואזיע, אײנשטעלנ די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, אויסבויענ א סאָציאליסטישע אונ נאָכדעמ אויכ א קאָמוניסטישע געזעלשאפט.

די וועלט־היסטאָרישע באדײטונג פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל באשטייט אינ דעמ, וואָס ער האָט אָנגעהויבנ פארווירקלעכנ אינ לעבנ די לערע פונ מארקס־ענגעלס־לענינ־סטאלינ וועגנ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אפ איינ זעקסטייל פונעמ ערד־קיילעכ — אינ ראטנלאנד.

אינ דער פראָגראמ פונ דעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל ווערט געזאָגט:

„די נויטווענדיקסטע אונ אנטשיידנדיקסטע פאָרויסזאכע פאר דעמ איבערגאנג פונ דער קאפיטאליסטישער וועלט־ווירטשאפט אינ א סאָציאליסטישער ווירטשאפט איז די דיקטאטור פונעמ וועלט־פראָלעטאריאט. די דאָזיקע דיקטאטור קאָנ רעאליזירט ווערנ[1] בלויז אלס רעזולטאט פונעמ ניצאָכנ פונ סאָציאליזמ אינ באזונדערע לענדער אָדער גרופעס לענדער, ווענ די ניי־געשאפענע פראָלעטארישע רעפובליקנ טרעטנ ארײנ אינ א פעדעראטיווער פארבינדונג מיט די שוינ עקזיסטירנדיקע... ווענ די פעדעראציע פונ אזוינע רעפובליקנ ווערט סאָפקאָלסאָפ א פארבאנד פונ די סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפובליקנ פונ דער וועלט.

דער ענדציל, וואָס צו אימ שטרעבט דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל, איז פארבײטנ די אלוועלטלעכע קאפיטאליסטישע ווירטשאפט מיט אנ אלוועלטלעכער סיסטעמ פונ קאָמוניזמ".

אינ דער פראָגראמ פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל איז פארשריבנ, אז פאר די ארבעטער פונ די קאפיטאליסטישע לענדער איז דער ראטנפארבאנד דאָס אייניציקע פאָטערלאנד, דער וויכטיקסטער זייל פאר זייערע דעראָבערונגענ אונ די הויפט־קראפט אינ זייער קאמפ פאר באפרייונג.

„דער אינטערנאציאָנאלער פראָלעטאריאט... איז מעכויעוו מיטצווירקנ די דערפאָלגנ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג אינעמ פארבאנד פונ די סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפובליקנ אונ מיט אלע מיטלענ פארטיידיקנ אימ פונ אנ אָנפאל מיצאד די קאפיטאליסטישע מעלוכעס...

אינעמ פאל פונ אנ אָנפאל פונ די אימפעריאליסטישע מעלוכעס אפנ ראטנפארבאנד אונ פונ א מילכאָמע קעגנ אימ דארפ דער אינטערנאציאָנאלער פראָלעטאריאט ענטפערנ מיט די סאמע

[1] דאָס הייסט פארווירקלעכט ווערנ.

דרייסטע און אַנטשיידענע מאַסן־אַרויסטרעטונגען און מיט אַ קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן די אימפּעריאַליס־טישע רעגירונגען און אונטערן לאָזונג: „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און אַ בונד מיטן ראַטנפאַרבאַנד".

די גאָענטסטע הויפּטאויפגאַבע פון יעדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין די לענדער פון קאַפּיטאַל איז צו דערגרייכן די מערהייט אַרבעטער־קלאַס צום דירעקטן קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון דער בורזשואַזיע, פאַר איינ־שטעלן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. צוליב דעם דאַרפן די קאָמוניסטן קווידעמקאַל צעקלאַפּן אין די מאַסן דעם איינפלוס פון די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען דער זיכערסטע־אָנשפּאַר פון דער בורזשואַזיע אין איר קאַמף קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט, און איר אָנגריף אפן אַרבעטער־קלאַס.

קלאַסנווע אומקאָמפּראָמיסלעכקייט, מאַרקסיסטיש־לענינישע אויסגעהאַלטנקייט, אידייִשע און אָרגאַניזאַציאָנעלע באַהעפטונג, שטרענגסטע דיסציפּלין און אייניקייט פון טאַט, מעסירעסנעפעשדיקע איבערגעגעבנקייט דער באַפרייונג פון אַרבעטער־קלאַס — אָט דאָס זיינען די ספּעציפישע שטריכן פון יעדער סעקציע, ווי פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אינגאַנצן גענומען.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל נוצט אויס אין זיין קאַמף און אין דער אַרבעט די דערפאַרונג פון זיין עלטסטער סעקציע — די אַל. ק. פּ. (באָלשעוויקעס).

אונדזערע ברידערלעכע פּאַרטייען אין אויסלאַנד זיינען אויסגעבויט אויף דער באַזע פון די אידייִשע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן פונעם באָלשעוויזם, וואָס זיינען אונדז שוין באַקאַנט. די באַזע פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע איז פּונקט, ווי בא אונדז, דאָס קעמערל פון דער אונטערנעמונג.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז אַן איינהייטלעכע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט.

די באַזונדערע פּאַרטייען, וואָס גייען אַריין אין זיין באַשטאַנד, זיינען זיינע סעקציעס (טיילן). די איינהייטלעכע שלאַכט־אָרגאַניזאַציע פונעם אַלוועלט־לעכן פּראָלעטאַריאַט, דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, פאָדערט באָלשעוויס־טישע באַהעפטונג, אַן אייזערנע דיסציפּלין, פאָדערט אַ שטאַרקן אָנפירנ־דיקן צענטער.

דער העכסטער אָרגאַן פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז דער אַלוועלטלעכער קאָנגרעס (צוזאַמענפאָר) און דער אויספיר־קאָ־מיטעט — דער צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמינטערן, וואָס ווערט אויסגעוויילט אפן צוזאַמענפאָר. די באַשלוסן פונעם קאָנגרעס און פונעם אויספיר־קאָמיטעט זיינען די ריכט־ליניע פאַר יעדער סעקציע און זיינען אומ־באַדינגט אָבליגאַטאָריש פאַר יעדער סעקציע אויסצופילן זיי.

די קאָנגרעסן פונעם קאָמינטערן באַהאַנדלען ניט בלויז די אַלגעמיינע פראַגן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר באַטראַכטן אויך גענוי די טעטיקייט פון די באַזונדערע פּאַרטייען, גיבן זיי דירעקטע אָנפירנדיקע אָנווייזונגען.

דער אויספירקאָם, וואָס דער קאָנגרעס וויילט אויס, באַזיצט אין דער צייט צווישן די קאָנגרעסן די העכסטע אָנפירנדיקע מאַכט.

דער אויספירקאָם פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל פירט אָן טאָג־טעגלעך מיט די פּאַרטייען, גיט שטרענגע אַכטונג, מע זאָל פּינקטלעך אויספירן אַלע דירעקטיוון, האָט רעכט אויסצושליסן מיטגלידער פון קאָמינטערן און אַפילו גאַנצע אָרגאַניזאַציעס (אין איינציקע פאַלן מיט דער שפּעטערדיקער באַשטעטיקונג פונעם קאָנגרעס), אויב זיי פילן ניט אויס די אָנווייזונגען פונעם קאָמינטערן.

פּאַר דער שטענדיקער אַרבעט טיילט אויס פון זיך דער אויספירקאָם אַ פּרעזידיום.

פאַר באַזונדער וויכטיקע פראַגן פאַרזאַמלט זיך דער פאַרברייטערטער פּלענום, וווּהין עס ווערן איינגעלאַדן, כוץ די מיטגלידער פון אויספירקאָם פון קאָמינטערן, אויך פאָרשטייער פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער.

אָט דאָס זיינען די צילן און אויפגאַבן, אָט אַזאַ איז די אָרגאַניזאַציע פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

פּונקט ווי פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס פון יעדן לאַנד באַזונדער איז נייטיק אַן איינענע פּאַרטיי, פּונקט ווי דעם אַרבעטער־קלאַס פון אַלע ראַטן־רעפּובליקן איז נייטיק אַן אַלפאַרבאַנדישע פּאַרטיי, אַזוי איז אויך דעם אַלוועלטלעכן אַרבעטער־קלאַס נייטיק אַן איינענע אַלוועלטלעכע פּאַרטיי — דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל.

דעם אַלוועלטלעכן אַרבעטער־קלאַס איז נייטיק אַן איינענער אָנפירער, אַ פּאָליטישער פירער, אַן אָרגאַניזאַטאָר, וואָס זאָל פאַראייניקן און ריכטן זיין גאַנצן רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

אַזאַ אָנפירער, פירער, אָרגאַניזאַטאָר איז טאַקע דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל.

דעם אַלוועלטלעכן אַרבעטער־קלאַס איז נייטיק אַן איינענער שלאַכט־שטאַב אין קאַמף קעגן דער וועלט־בורזשואַזיע. אַזאַ שלאַכט־שטאַב איז טאַקע דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל.

דער פאַשיזם

די הויפּט־סאָנים, וואָס קעגן זיי קומט אויס צו קעמפן אונדזערע קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין אויסלאַנד, זיינען דער פאַשיזם און דער סאָציאַל־פאַשיזם. מיר וועלן ריידן צוערשט וועגן דעם פאַשיזם.

די פאַשיסטן זיינען אַ באַזונדער בורזשואַזע פּאַרטיי, וואָס רופט זיך צומאָל אָן „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע" פּאַרטיי (למשל, אין דייטשלאַנד). די קאָמוניסטישע פּאַרטייען און די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע זיי פירן אָן, געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון אָפענעם בירגערקריג מיט די פאַשיסטן. אין דייטשלאַנד, פּוילן, איטאַליע און אין אַנדערע לענדער גייט ניט אַריבער קיין טאָג אָן אָנפאַלן און מאָרדן מיצד די פאַשיסטן, אָן באַוואָפנטע געראַנגלען צווישן די פאַשיסטן און רעוואָלוציאָנערן, אָן געריכטן מיט צעשיסונגען און טליעס. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער ווייזן אַרויס די פאַשיסטן אַן אָקשאָנעסדיקן ווידערשטאַנד און אין אַ ריי פאַלן גייען זיי אַריבער אין אָנגריף.

ווער זשע זײַנען די פאשיסטנ? פארוואָס איז נייטיק געווענ דער בורזשואזיע א באזונדער פארטיי פונ אָפענעמ גוואלדטאט איבער די ארבעטנדיקע מאסנ, וואָס רופט זיכ נאָכ אָנ דערצו „פאָלקסאָציאַליסטישע“ פארטיי?

ווי מיר ווייסנ, איז די קאפיטאליסטישע וועלט זינט דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע אַרײַנגעטראָטנ אינ א טקופע פונ אנ אלגעמיינעמ קריזיס. דער אלגעמיינער קריזיס פונ קאפיטאליזמ באטײַט אנ אויסערגעוויינלעכע פארשארפונג פונ אלע ווידערשפרוכנ פונ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט אונ אינ דער ערשטער ריי — אנ אויסערגעוויינלעכע פארשטארקונג אונ פארשארפונג פונעמ קלאסנקאמפ. די אומפארמײַדלעכע באגלייטער פונעמ קריזיס — ארבעטלאָזיקײַט, הונגער אונ פאראָרעמונג פונ די מאסנ, — הייבנ אופ צומ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע די ברייטסטע שיכטנ ארבעטער אונ ארבעטנדיקע פויערימ, אלצ אָפטער אונ גרעסער ווערנ די ארויסטרעטונגענ פונ די מאסנ קעגנ דער בורזשואזיע, קעגנ די פריצימ אונ קאפיטאליסטישע רעגירונגענ מיט רעוואָליוציאָנערע פאָדערונגענ (שטרײַקנ מיט פארכאפנ די פאבריקנ, דעמאָנסטראציעס, מארשנ פונ ארבעטלאָזע, פונ הונגעריקע, דאָס פארכאפנ פריציש גיטער אהג.). די מאסנ דריקנ אָפ אויס זייער מיטגעפיל דער קאָמוניסטישער פארטיי — דער פארטיי, וואָס אופ אירע פאָנענ איז אָנגעצייכנט דער לאָזונג פראָלעטארישע דיקטאטור. אינ דײַטשלאנד האָבנ בא די וואלנ אינ פארלאמענט ערעוו דער פאשיסטישער איבערקערעניש געשטימט פאר די קאָמוניסטנ 5 מיליאָנ מענטשנ — האָבנ געשטימט פאר דער פארטיי פונ דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע אינ אזוינע באדינגונגענ, ווענ יעדער, וואָס האט געשטימט פארנ קאָמוניסטישנ צעטל, האָט ניט געוווּסט, צי וועט ער זיכ אומקערנ א לעבעדיקער אהיימ.

די בורזשואזיע איז אָנמעכטיק צו געפינענ אנ אויסוועג פונעמ קריזיס. זי קאָנ זיכ שוינ ניט ספראווענ מיט דער שטײַגנדיקער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג מיט דער הילפ פונ די פריערדיקע געוויינלעכע מיטלענ, וואָס האָבנ נאָכ דעמ אויסזע פונ בורזשואזער „דעמאָקראטיע“, פונ בורזשואזער „געזעצלעכקײַט“ (פאָליציי, זשאנדארמעריע, געריכטנ, טורמעס אהג.).

די בורזשואזיע גייט אלצ מער אריבער צו אנ אָפענעמ אָנגריפ קעגנ ארבעטערקלאס, צו אנ אָפענעמ אונ דירעקטנ אונטערדריקנ די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג מיט אלע מאָכמיטלענ פונ באוואָפנטנ גוואלדטאט. קעדיי אונטערצוהאלטנ איר הערשאפט, האט די בורזשואזיע אָנגעהויבנ נייטיקנ זיכ אינ א באזונדער שלאכט־אָרגאניזאציע, וואָס טרעט ארויס מיט באוואָפנטער קראפט, ניט רעכנענדיק זיכ מיט קיינ שומ „געזעצלעכקײַט“. אזא אָרגאניזאציע זײַנענ טאַקע די פאשיסטנ.

די פאשיסטישע פארטייענ מיט די ספעציעלע מיליטערישע אונ האלב־מיליטערישע אָטריאדנ („שטורמאָוויקעס“, „געהילפ־פאָליציי“ אהג.) אָרגאניזירט די בורזשואזיע צוליבנ בירגערקריג קעגנ ארבעטער־קלאס אפ צעגראָמירנ מיט דער הילפ פונ די באוואָפנטע באנדעס די ארבעטער־אָרגאניזאציעס, אפ דערמאָרדנ דעמ פירער פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פראָלעטאריאט — מיט איינ וואָרט אפ פארווירקלעכנ די דירעקטע מיט גאָר ניט פארדעקטע דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע.

בא אַ דײַטשישן אַרבעטער אין צימער נאָכדעם, ווי די פֿאַשיסטן האָבן געמאַכט אַן אונטערזוכונג

די בורזשואַזיע באַגרענעצט די רעכט פֿון די פּאַרלאַמענטן, זעצט אַוועק אַהינצו די מענטשן, וואָס זײַנען איר נייטיק, דערלאָזט ניט אַף די זיצונגען די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן, וואָס דאָס פֿאָלק ווײַלט אויס, אָדער זי צעטרײַבט אינגאַנצן דעם פּאַרלאַמענט און גיט איבער די מאַכט אַן אומבאַגרענעצטן דיקטאַטער.

אָבער דער איקער אינעם פֿאַשיזם איז ניט דאָס פֿאַרשמעלערן אָדער דאָס פֿולשטענדיקע אָפּשאַפֿן די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, ניט דאָס אָפּשאַפֿן דעם פּאַרלאַמענט. די זאַך איז ניט אין דעם. נאָך דער אומשטערבלעכער סאַטיריקער קאַרל אימערמאַן האָט אין זײַן ווערק „באַראָן מינכהאַוזען" אויסגעלאַכט דעם בורזשואַזן פּאַרלאַמענטאַריזם, באַשרײַבנדיק ווי אַזוי איינער אַ רעגירער האָט באַפֿוילן אויסבאַקן „פֿאָלק-פֿאַרשטייער" פֿון בלעטערטייג, און אַן אַנדערער רעגירער האָט זיי אויפֿגעגעסן און באַפֿוילן אויסבאַקן נײַע פֿון צוקערטייג. די זאַך איז ניט אין די פּאַרלאַמענטן, אַ פּאַרלאַמענט קאָן מען איבערלאָזן אָדער פֿאַרניכטן. „פּונקט ווי ניט די בורזשואַזיע אַליין, — זאָגט לענין, — שאַפֿט אָפּ די דעמאָקראַטיע לויט דעם, וואָס עס לוינט איר בעסער!" דער פֿאַשיסטישער דיקטאַטער פּילסודסקי אין פּוילן האָט זיך „זײַן" סיים, דער פֿאַשיסטישער דיקטאַטער אין דײַטשלאַנד האָט זיך „זײַן" רײַכסטאַג מיט דעפּוטאַטן פֿונעם געהעריקן „טייג". אָבער אין ערגעץ ווילדערוועט ניט דער פֿאַשיזם מיט אַזאַ אַכזאָריעס, ווי אין דײַטשלאַנד און אין פּוילן.

דער איקער אינעם פֿאַשיזם — דאָס איז דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָנגריף אויפֿן אַרבעטערקלאַס, דער טעראָר קעגן דעם אַרבעטערקלאַס, די פּרוּוון צו פֿאַרניכטן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אויסראָטן פֿיזיש די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריער, די פּרוּוון צו אונטערדריקן די רעוואָלוציע דורך צעיושעטן גוואַלדטאַט, די פּרוּוון צו פֿאַרוואַנדלען די אָרגאַניזאַציעס גופֿא פֿון די אַרבעטער אין פּונקט אַזוינע אָרגאַנען פֿון צוואַנג,

גוואלדטאט איבער די ארבעטער, ווי די פאליציי, דער געריכט אדג.

אינעם פאשיסטישנ דײטשלאנד דרייענ זיכ ארומ טאג אונ נאכט איבער די גאסנ פונ שטאט באוואפנטע באנדעס, וואס ארדענענ אײנ אנ ארגאניזירטנ געיעג נאכ די רעוואליוציאנערנ. זיי רינגלענ ארומ גאנצע ארבעטער־קווארטאלנ אונ אונטערזוכנ זארגזאמ אינ די הײזער אלע ווינקלעכ פונ דאכ ביזנ פונדאמענט. די געכאפטע פירט מענ אוועק אינ ספעציעלע הײזער, וואס ווערנ שטרענג באוואכט, דארט רעכנט מענ זיכ אפ אכזאריעסדיק מיט די ארעסטירטע, מע צעמיימעסט זיי, מע פײניקט אונ מע צעשיסט זיי. פארבלוטיקטע, צעקריפלטע אזוי, אז מע קאנ זיי ניט דערקענענ, ווארפט מענ נאכדעמ די ארבעטער אריינ אינ די קעלערס. אינ די פאבריק־געבײדעס, וואס פוסטעווענ, האט מענ געמאכט קאנצענטראציע־לאגערס אונ דארט פײניקט מענ, מע מארעט מיט הונגער הונדערטער טויזנטער ארעסטירטע. אונטערנ אויסרייד, אז זיי האבנ „געפרווט אנטלויפנ", צעשיסט מענ זיי.

אינ גאנצ דײטשלאנד, פונקט ווי די רוסישע שווארצמייעניקעס באמ צאר, האבנ די פאשיסטנ ארגאניזירט א העצע קעגנ יידנ, האבנ ארגאניזירט יידישע פאגראמענ. די פאשיסטנ האבנ פארברענט אפ די פלעצער רעוואליוציאנערע ליטעראטור, אונ צו איר האבנ זיי צוגערעכנט ניט בלויז די ווערק פונ מארקס, ענגעלס, לענינ אונ סטאלינ, ניט בלויז די ווערק פונ אנדערע קאמוניסטנ אונ סאציאליסטנ, נאר אויכ די ביכער, ראמאנענ פונ אלע שרײבער, וואס קריטיקירנ אזוי אדער אנדערש די בורזשואזע געזעלשאפט, אדער וואס געפעלנ פאשעט ניט די פאשיסטנ. גאנצע ביבליאטעקנ זײנענ ארויסגעפירט געווארנ אפ די פלעצער אונ פארברענט געווארנ אונטערנ רעווענ פונ די פאשיסטישע באנדעס. לויט זייער אבסקוראנטיזמ, לויט זייער מוירע פארנ רעוואליוציאנערנ ווארט האבנ די פאשיסטנ איבערגעשטיגנ די צארישע זשאנדארמענ, וואס פלעגנ דאכ פארברענענ בלויז אײנצלנע ביכער.

בא הײנטיקנ טאג ווענדט אנ די בורזשואזיע אינ דער מערהײט קאפיטאליסטישע לענדער אינ דער אדער יענער מאס די פאשיסטישע מעטאדנ פונ אונטערשטיצנ איר מעמשאלע. עס וואלט אבער געווענ א טעות צו מיינענ, אז דער וווקס פונעמ פאשיזמ באטײט די פארפעסטיקונג פונ דער קאפיטאליסטישער ארדענונג. פארקערט, דער אריבערגאנג צומ פאשיזמ זאגט אײדעס וועגנ דעמ, אז דער באדנ ברענט אונטער די פיס בא דער בורזשואזיע, אז זי קאנ שוינ ניט געוועלטיקנ מיט די געוויינלעכע „פרידלעכע" מעטאדנ. דער הויפט פונ די דײטשישע פאשיסטנ היטלער האט דערקלערט אפ א פארזאמלונג פונ די קאפיטאליסטנ: „ווענ מיר וואלטנ ניט געווענ, וואלט שוינ די בורזשואזיע ניט עקזיסטירט אינ דײטשלאנד". אינ די דאזיקע ווערטער איז פאראנ א סאכ בארימערײ פארנ באלעבאטימ פונ די פאשיסטנ, פארנ גרויסנ קאפיטאל. אבער דא איז ריכטיק דאס, אז אינ אזוינע לענדער, ווי דײטשלאנד, קאנ די בורזשואזיע זיכ האלטנ הויפטזאכלעכ בלויז מיט די מיטלענ פונ עקסטרעמענ גוואלט איבערנ ארבעטער־קלאס.

דער „ניצאכנ" פונ די פאשיסטנ אינ דײטשלאנד רעדט בעשומויפנ ניט וועגנ דער פארפעסטיקונג פונעמ קאפיטאליזמ. דער גרויסער קאפיטאל האט אוועקגעשטעלט בא דער מאכט די פאשיסטנ ניט דערפאר, ווײל די געשעפטנ זײנענ גלענצנ־

דיקע, נאָר דערפאַר, ווײַל דאָס איז דער אײנציקער עקסטרעמער מעטאָד, וואָס בלײַבט איבער דער בורזשואזיע, אַפ אײַנצוהאַלטנ איר הערשאַפט.

אַפ וועלכע שיכטנ שטיצנ זיכ אָבער די פאַשיסטנ? אַפ וואָסער אויפנ האָבנ זיי זיכ דערשלאָגנ דערפאָלג באַ די וואַלנ אונ נאָכדעם אויכ געקומענ צו דער מאַכט?

די פאַשיסטנ שטיצנ זיכ דערהויפט אַפנ קלײנבירגערטום: אַפ די קלײנע קרעמער, האַנטווערקער, קלײנפויערים, „פּערזאָנענ אָנ באַשטימטע באַשעפטיקונגענ", וואָס צווישנ זיי זײַנענ פאַראַנ אַסאַכ אַרבעטלאָזע אָפיצערלעכ אונ אַנדערע. דאָס באַטײַט ניט, אַז די פאַשיסטנ זײַנענ די פאַרטיי פונעם קלײנבירגערטום. דאָס באַטײַט בלויז, אַז די פילמיליאָניקע מאַסנ פונעם פינצטערנ אונ פאַרביטערטנ קלײנבירגערטום דינענ דעם גרויסנ קאַפיטאַל אַלס הויפטקוואַל, ווו מיט דער הילפ פונ שווינדל קאָנ ער נאָכ שעפנ פאַר זיכ קאַדרענ. דער גרויסער קאַפיטאַל ראַבירט אַכזאָריעסדיק דאָס קלײנבירגערטום, דער קריזיס וואַרפט אימ אַרײַנ אינ דאַלעס אונ אינ יִיעש. דאָס קלײנבירגערטום ווערט שנעל רויִנירט אונ עס איז גרייט צו וואַרפנ זיכ נאָכ יעטווידער פאַרטיי, וואָס זאָגט אימ צו אַ רעטונג פונ די גרוילנ פונ קאַפיטאַליזמ.

די פאַשיסטנ האָבנ צונויפגעקליבנ שטימענ מיט דער הילפ פונ דער סאַמע אומפאַרשעמטער דעמאַגאָגיע — אַפנאַרנדיק די מאַסנ מיט ליגנערישע צוזאָגנ, מיט געשרייענ וועגנ אופשטעלנ די „דײַטשישע מעכטיקײַט", וועגנ באַפרײַענ דײַטשלאַנד פונעם יאָכ פונעם ווערסאַלער אָפמאַכ,[1] מיט קלינגענדיקע לאָזונגענ „קעגנ דעם קאַפיטאַל". לעמאָשל, די פאַשיסטנ האָבנ צוגעזאָגט די קלײנע קרעמער צו פאַרמאַכנ די גרויסע אוניווערסאַלע מאַגאַזינענ, זיי האָבנ צוגעזאָגט דעם קלײנבירגערטום באַפרײַענ אימ פונ דער „כויוועס־שקלאַפערײַ" — אָפשאַפנ דאָס צאָלנ פראָצענטנ פאַר די כויוועס, האָבנ צוגעזאָגט אַראָפזעצנ די שטײַערנ, שאַפנ „אַרבעט פאַר אַלעמענ", נאַציאָנאַליזירנ די טרעסטנ, די בענק, די גרויסע גיטער אאַוו.

מיט אײנ וואָרט, די צוזאָגנ האָבנ זיכ געשאָטנ ווי פונ אַ לעכערדיקנ זאַק. אָבער עס איז קלאָר ביז גאָר, אַז אַלע אַזוינע צוזאָגנ איז אַבסאָליוט אוממעגלעכ אויסצופילנ אינ דער קאַפיטאַליסטישער געזעלשאַפט. די פאַשיסטנ קאָנענ גראָמירנ די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אָבער זיי קאָנענ ניט ליקווידירנ די אַרבעטלאָזיקײַט צווישנ 15 מיליאָנ דײַטשישע אינדוסטריעלע אַרבעטער, וואָס פונ זיי אַרבעטנ בלויז 6 מיליאָנ. די פאַשיסטנ קאָנענ ניט אָוועקלאָזנ די פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ, וואָס אַפ צוויי דריטל פונ זייער פראָדוצירמעכטיקײַט פונקציאָנירנ זיי ניט. די פאַשיסטנ קאָנענ ניט ראַטעווענ פונ רויִנירונג די מאַסע קלײנע פראָדוצירער, די מאַסע פויערים, וואָס געפינענ ניט קײנ אָפזאַץ פאַר זייער פראָדוקציע.

די צוזאָגנ פונ די פאַשיסטנ איז אוממעגלעכ צו אויספילנ, קאָלזמאַנ עס בלײַבנ אומבאַרירט די רעכט אונ פריווילעגיעס פונ די קאַפיטאַליסטנ אינ פריציִמ. אָבער די פאַשיסטנ קלײַבנ זיכ גאָרניט אָנצורירנ זיי. היטלער האָט נאָכנ קומענ צו דער מאַכט דערקלערט גאַנצ ניט צווייִדײַטיק, אַז אינ יעסאָד פונ זײַנ עקאָ-

[1] לויטנ ווערסאַלער אָפמאַכ האָט מענ באַ דעם באַזיגטנ דײַטשלאַנד אָפגעשניטנ ערד, אָפגענומענ די קאָלאָניעס, מע האָט אימ פאַרווערט באַוואָפענענ זיכ. דײַטשלאַנד מוז צאָלנ די מעלוכעסזיגער קאָלאָסאַלע מילכאָמע-ציִנזנ.

נאָמישער פּאָליטיק ליגט ער דאָס פּריוואַטע אייגנטומ אונ די פּריוואַטע איניציאַטיוו. אינ זייער פּראָגראַמ האָבנ די* פאַשיסטנ אַרויסגעשטעלט ניט מער אונ ניט ווייניקער ווי דאָס „אָפּנעמענ די ערד אָנ אָפּצאָל"! אָבער דער פאַשיסטישער דיקטאַטאָר היטלער אַליינ האָט, לויט דער אָנווייזונג פונ די פּריצימ, נאָכדעמ דערקלערט, אַז דאָס מיינט מענ בלויז „אָוועקנעמענ די ערד בא די, וואָס האָבנ זי באַקומענ ניט געזעצמעסיק, אָדער וואָס פאַרוואַלטנ מיט איר שלעכט". אונ דער פאַשיסטישער מיניסטער פאַר ערדאַרבעט דאַרע האָט שוינ אַריינגעטראָגנ פולע קלאָרקייט אינ דער פראַגע. ער האָט געזאָגט: „מיט דער פולער האַסקאָמע פונעמ רייכסקאַנצלער (היטלער) דערקלער איכ, אַז איכ וועל ניט אָנרירנ קיינ שומ באַזיצ, ווי גרויס ער זאָל ניט זיינ. איכ וועל אויכ ניט אָנרירנ קיינ שומ פאַרשולדיקטע גרויסע באַזיצנ. פאַרקערט, איכ וועל שטיינ אַפ דער וואַכ פונ דער פּריוואַטער איניציאַטיוו".

נאָכדעמ ווי די פאַשיסטנ זיינענ געקומענ צו דער מאַכט, זיינענ די טרעסטנ, בענק, אוניווערסאַלע מאַגאַזינענ, פּריצישע גיטער פאַרבליבנ ווי פריער בא די קאַפּיטאַליסטנ אונ פּריצימ אינ די הענט. פונ דער פאַשיסטישער רעגירונג האָבנ די קאַפּיטאַליסטנ באַקומענ די פולע באַפרייונג פונ שטייערנ אַפ אַ ריי יאָרנ. די פאַשיסטישע רעגירונג גיט אַרויס די קאַפּיטאַליסטנ שטיצע אונטער דער מאַסקע פונ מיטלענ אַפ אָרגאַניזירנ „געזעלשאַפטלעכע אַרבעטנ", וווּ אַ נישטיקער טייל אַרבעטלאָזע קאָנ באַקומענ פאַר אַ קאַטאָרגע־אַרבעט 40 פעניג אַ טאָג (20 קאָפּ.) אונ איז בוצ דעמ מעכוייעוו דורכצוגיינ אַ מיליטערישע מושטרירונג. די פּריצימ אונ באַלעגופימ האָבנ באַקומענ פונ די פאַשיסטנ מיליאָניקע מאַטאָנעס אונ הילפ אינ דער פאָרמ פונ גרויסע אימפּאָרט־אָפּצאָלונגענ אַפ די וויכטיקסטע שפּייז־פּראָדוקטנ. אונ נאָכ מער ווערט רויִנירט דאָס קליינע פויערטומ.

אונ דאָס אַלצ דאַרפ קיינעמ ניט וווּנדערנ, ווייל די פאַשיסטישע פּאַרטיי איז די פּאַרטיי פונעמ גרויסנ קאַפּיטאַל. דאָס איז באַזונדערס קלאָר גראָד אינ דייטשלאַנד, וווּ בא דער פאַשיסטישער רעגירונג איז געשאַפנ געוואָרנ אַ „צענטראַלער ווירטשאַפטלעכער ראַט", וואָס לייזט טאַקע אַלע ווירטשאַפטלעכע גרונט־פראַגנ. אונ אינעמ דאָזיקנ ראַט גייענ אַריינ: דער פאָרזיצער פונעמ פאַרבאַנד פונ די דייטשישע אינדוסטריעלער, דער פאָרזיצער פונעמ פאַרבאַנד פונ די דייטשישע בענק, דער הויפּט־דירעקטאָר פונעמ קאַליומ־סינדיקאַט, די באַוווּסטע אינדוסטריעלער מיליאָנערנ קרופּ, סימענס, טיסענ אונ אַ גאַנצע ריי אַנדערע גרויסע דייטשישע קאַפּיטאַליסטנ אונ פּריצימ.

די בלוטיקע גוואַלדטאַטנ, די פאַרשטאַרקונג פונ דער עקספּלואַטאַציע מיצאַד די קאַפּיטאַליסטנ אונ פּריצימ, דער וווּקס פונ דער אַרבעטלאָזיקייט, הונגער, דאַלעס אונ רויִנירונג — אָט וואָס עס קאָנ בלויז געבנ די מאַסנ דער פאַשיזמ. די מאַסנ, וואָס די פאַשיסטנ האָבנ אָפּגענאַרט, וועלנ אַבסאָליוט אומפאַרמיידלעכ גיכ אַנטוישט ווערנ אינ זייערע דערוואַרטונגענ, וועלנ פאַרשטיינ דעמ שווינדל אונ וועלנ אַוועקגיינ פונ די פאַשיסטנ. אינ די לענדער,

מע פײניקט די קאָמוניסטנ אינ די פאשיסטישע אינקוויזיציע־קאמערס.
„פײניקונג דורכ צעשיסונג.“

ווו דער פאשיזמ הערשט שוינ אינ פארלויפ פונ עטלעכע יאָר (איטאליע, פוילנ), ווערט שוינ דער אײנפלוס פונ די פאשיסטנ אָפגעשוואכט. אונ אפילע אינ דײטש־לאנד האָבנ זיכ צווישנ די פאשיסטנ „שטורמאָוויקעס“ אָנגעהויבנ בונטנ. די מא־סעווע „שטורמאָוויקעס“ פאָדערנ, מע זאָל אויספילנ די צוזאָגנ, וואָס די פאשיס־טישע פירער האָבנ געגעבנ. די קאָנפערענצ פונ די דאָרפישע פאשיסטישע טוער אינ קעניגסבערג האָט ניט געגעבנ קײנ וואָרט דעמ אָפיציעלנ פאָרטרעטער אונ גע־שיקט היטלערנ א טעלעגראמע מיט דער פאָדערונג „אויסצופילנ די צוזאָגנ“. אפ אזוינע פאָדערונגענ האָט דער פאשיזמ אײגנ ענטפער: אנטוואָפענענ, ארעס־טירנ די נאיווע מענטשנ, וואָס נעמענ אָנ פאר אנ עכטע מאָטיווע די פאשיסטישע ווערטער. אינ א רײ ערטער איז דערגאנגענ ביז באוואָפנטע צוזאמענשטויסנ צווישנ די באזונדערע טײלנ פאשיזמ. דאָס באווײזט, אז עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די אנטוי־שונג אונ צעפאלונג אינ די רײענ פונ די פאשיסטנ גופע.

דאָס קומענ פונעמ פאשיזמ צו דער מאכט האָט ניט צעקלאָפט די רעוואָלוציאָ־נערע ארבעטער־באוועגונג אונ ניט צעבראָכנ די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פונ אונ־דזערע קאָמוניסטישע פארטײענ, דאָס האָט בלויז אוועקגעשטעלט פאר זײ נײע, שווערע אויפגאבנ, וואָס זײ פילנ אויס מיט ערע. וועגנ דעמ וועלנ מיר נאָכ ווײטער־רעדנ.

דער סאָציאל־פאשיזמ

לאָמיר איבערגײנ צו א צווייטנ סוינע, וואָס קעגנ אימ קומט אויס צו קעמפנ אונדזערע ברידערלעכע פארטײענ אינ אויסלאנד. וועגנ אימ האָבנ מיר שוינ ניט אײנ מאָל גערעדט. דאָס זײנענ די סאָציאלדעמאָקראטישע, פאלשע סאָציאליסטישע פארטײענ. מיר ווײסנ, אז זײ געפינענ זיכ אינ א בונד

מיט דער בורזשואַזיע, זיי פאַראַטנ די אַרבעטער. די דאָזיקע פּאַרטייענ דינענ די אינטערעסנ פונ דער בורזשואַזיע, נאָר א ביסל אַנדערש, איידער די פאַשיסטנ. די דאָזיקע פּאַרטייענ העלפנ די פאַשיסטנ. דעריבער רופט מענ די סאָציאַלדעמאָקראַטנ סאָציאַלפאַשיסטנ.

לאַנג און עקלהאַפט איז דער וועג פונ פאַראַט, וואָס די סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז דורכגעגאַנגענ. אינ אָנהייב פונ דער אימפּעריאַליסטישער וועלט-מילכאָמע (1914—1918 יאָרנ) האָבנ די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייענ אינ יעדנ לאַנד אַרויסגערוקט דעמ לאָזונג „בירגער-פרידנ" מיט דער „אייגענער" בורזשואַזיע און דעמ לאָזונג „באַשיצנ דאָס פאָטערלאַנד" — דאָס בורזשואַזע פאָטערלאַנד, ווו דער קאַפּיטאַל הערשט און אונטערדריקט די אַרבעטנדיקע. זיי האָבנ פאַרזיכערט די אַרבעטער, אַז דאָס איז די „לעצטע מילכאָמע", אַז נאָכ איר וועט אָנקומענ דער „אייביקער שאָלעמ" און עס וועט זיכ דערנענטערנ דאָס קיניגרייכ פונ סאָציאַליזמ. די סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט געהאָלפנ דער בורזשואַזיע צו דערשטיקנ די אופרעגונג פונ די אַרבעטער-מאַסנ, די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אינעמ אַרבעטער-קלאַס און האָט געראַטעוועט — דאָס ערשטע מאָל — דעמ קאַפּיטאַליזמ פונ אונטערגאַנג.

מיטנ אָנקומענ פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע אינ רוסלאַנד, ווענ די ראַטנמאַכט האָט אַרויסגעפירט אונדזער לאַנד פונ דער מילכאָמע, האָט די דײַטשישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע פאַראַטנ די אופגעשטאַנענע אַרבעטער און פויערימ פונ רוסלאַנד, האָט אונטערשטיצט דאָס פאַרכאַפּנ אוקראַינע, פוילנ, לעטלאַנד, פינלאַנד דורכנ מיליטער פונעמ דײַטשישנ אימפּעראַטער און האָט געהאָלפנ דער דײַטשישער בורזשואַזיע אָנצובינדנ דער ראַטנ-רעפּובליק דעמ נידערטרעכטיקנ בריסקער שאָלעמ.

די „סאָציאַליסטישע" פּאַרטייענ פונ אַנדערע מעלוכעס (פונ פראַנקרייכ, ענגלאַנד, צאָפנ-אַמעריקע, איטאַליע אאַ.) האָבנ אויכ אונטערשטיצט „זייערע" אימפּעריאַליסטישע רעגירונגענ, וואָס האָבנ געשיקט מיליטער צוהילפ אונדזער קאָנטער-רעוואָליוציע.

ווענ אינ דײַטשלאַנד גופע איז פאָרגעקומענ א רעוואָליוציע און עס זײַנענ אַנטשטאַנענ ראַטנ פונ אַרבעטערשע און סאָלדאַטישע דעפּוטאַטנ, האָט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע געהאָלפנ דער בורזשואַזיע אָפּשטעלנ די רעוואָליוציע און נאָכדעמ דערטרינקענ אינ בלוט דעמ אופשטאַנד פונ די אַרבעטער און מאַטראָסנ מיט די הענט פונעמ סאָציאַלדעמאָקראַט — דעמ טאַליענ נאָסקע. די סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט א צווייטנ מאָל געראַטעוועט דעמ קאַפּיטאַליזמ פונ אונטערגאַנג.

נאָכ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע האָט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע אינ אַלע לענדער געהאָלפנ דער בורזשואַזיע ווי-ניט-איז אַרויסצודראַפּענ זיכ פונעמ שווערנ נאָכמילכאָמעדיקנ כורבנ. די סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט געפּרידיקט א „שאָלעמ אינ דער אינדוסטריע", פלעגט אַראָפּרײַסנ די אַרבעטער-שטרײַקנ, פלעגט העלפנ דער בורזשואַזיע, וואָס האָט געזיגט אינ דער מילכאָמע, צו ראַבירנ די באַזיגטע לענדער אאַוו.

די סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז אינ א קאָלאָסאַלער מאָס שולדיק אינ דעמ, וואָס דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג האָט זיכ אײַנגעגעבנ אײַנצוהאַלטנ זיכ נאָכ אַלע

שטורעמס און אופטרייסלונגען. זי האָט פאַראַטן די אַרבעטער, איז געוואָרן דער סאָציאַלער הויפּטאָנשפּאַר פון דער בורזשואַזיע אין איר קאַמף פאַר אײַנהאַלטן די הערשאַפט.

אפ דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע ליגט די אייביקע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר די שווערע קאָרבאָנעס און יעסורים, וואָס די אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן געליטן אַדאַנק דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און אירע רעזולטאַטן, אַדאַנק דער פאַרקלענערונג פונעם אַרבעטלוין, דער פאַרקירצונג פון דער סאָציאַלער סטראַכירונג, דער העכערונג פון די שטײַערן, דער פאַרגרעסערונג פון די טאַמאָזשנע-אָפּצאָלן אפ שפּײַז-פּראָדוקטן אאַז.

אַ באַזונדער שענדלעכע ראָליע האָבן געשפּילט און שפּילן די סאָציאַל-פאַשיסטן אין דער צוגרייטונג פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און אינטערווענץ קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

פון איין זײַט, באַהאַלטן זיי מיט אַלע מיטלען און פאַרשמירן די צוגרייטונג צו דער נײַער אַלוועלטלעכער בלוטבאָד און צו דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער מילכאָמע פון די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד. זיי דערקלערן, אַז די מילכאָמע פון יאַפּאָניע אין כינע איז אַ „ווײַטע קאָלאָניאַלע מילכאָמע", וואָס איז ניט נעגייע די אַרבעטער פון אייראָפּע און אַמעריקע. זיי לויבן אין הימל אַרײַן די פאַרשיידענע „שאָלעם"-קאָנפערענצן, וואָס די בורזשואַזיע אָרדנט אײַן, קעדיי אָפּצווענדן די אויפמערקזאַמקײַט. אָנשטאָט אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער מילכאָמע לייגן זיי פאָר צו ווענדן זיך מיט „פּעטיציעס" צו די בורזשואַזע רעגירונגען אאַז.

פון דער אַנדער זײַט, האָבן די סאָציאַל-פאַשיסטן פון דער סאַמע אַנטשטייונג אָן פון דער ראַטנמאַכט געפירט און פירן אָן אַגיטאַציע קעגן די ראַטנרעפּובליקן און קעגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פאַרשפּרייטן אומגעלומפּערטע, נידערטרעכטיקע באַבעמײַסעס קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד. אין דער זעלבער צײַט האָבן די סאָציאַל-פאַשיסטן אינעם פּעריאָד פון בירגערקריג אונטערשטיצט די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען, וואָס זײַנען געקומען צוהילף די ווײַסגוואַרדייער. די סאָציאַל-פאַשיסטן האָבן אונטערשטיצט אונדזערע קאָנטררעוואָלוציאָנערע שעדיקער, וואָס האָבן צוגעגרייט אַן אינטערווענץ. די סאָציאַל-פאַשיסטן העלפן איצט דער בורזשואַזיע צוגרייטן אַ נײַע אינטערווענץ קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד. די סאָציאַל-פאַשיסטן שטימען פאַר די מיליטערישע קרעדיטן פון די בורזשואַזע רעגירונגען, זיי זאָגן זיך אַרויס קעגן די פאָרשלאָגן וועגן אַלגעמיינער אַנטוואָפענונג, וואָס אונדזער ראַטנרעגירונג האָט ניט איין מאָל געמאַכט. די סאָציאַל-פאַשיסטן רײַסן אַראָפּ דעם קאַמף פון די אַרבעטער קעגן פּראָדוצירן און איבערפירן מיליטערישע מאַטעריאַלן פאַר דער יאַפּאַנישער בורזשואַזיע, מאָטיווירנדיק אומפאַרשעמט, אַז „די מילכאָמע וועט ליקווידירן די אַרבעטלאָזיקײַט" אאַז.

די סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז זיך צונויפגעוואַקסן מיטן גאַנצן אַפּאַראַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער מעלוכע, זי איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון דער מאַשין פאַר אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג, וואָס בלויז מיט איר הילף קאָן די בורזשואַזיע אײַנהאַלטן איר הערשאַפט. לעמאָשל, אין דײַטשלאַנד איז אין די מעלוכע-אַנשטאַלטן, אין די שטאָטישע פאַרוואַלטונגען, אין פּראָפפאַריינישן און קאָ-

אָפּעראטיוונ אפּאראט געווענ א גאנצע אַרמיי פונ 300 טויזנט סאָציאלדעמאָקראטישע באאמטע.

די צונויפוואקסונג פונ דער סאָציאלדעמאָקראטיע מיטנ אפּאראט פונ דער בורזשואזער מעלוכע דריקט זיכ אויס ניט בלויז אינ דעמ, וואָס די מיטגלידער פונ די ס.-ד.ישע פּארטייענ ארבעטנ אלס אגענטנ אינ דער פּאָליציי אונ אָכראנקע, זײַנענ באאמטע אונ מיניסטאָרנ פונ די קאפּיטאליסטישע רעגירונגענ, ניט בלויז אינ דעמ, וואָס דער פּארטיי-אפּאראט פונ דער סאָציאלדעמאָקראטיע שטיצט זיכ אפנ אפּאראט פונ דער בורזשואזער מעלוכע. די דאָזיקע צונויפוואקסונג דריקט זיכ נאָכ אויס אויכ אינ דעמ, וואָס די סאָציאלדעמאָקראטישע פּארטייענ אונ די ארבעטער-אָרגאניזאציעס, וואָס געפינענ זיכ אונטער זייער איינפלוס (פּראָפעסיאָנעלע פאריינענ, קאָאָפּעראטיווג אא.) זײַנענ צוגלײַכ מיטנ מעלוכע-אפּאראט געוואָרנ א געצײַג צו באצווינגענ אונ אונטערדריקנ די ארבעטער-מאסנ.

לעמאָשל, דער ארבעטער זאָגט ארויס א מיינונג קעגנ די אינטערעסנ פונ דער בורזשואזיע, וואָס שטימט ניט מיט די מיינונגענ פונ דער סאָציאלדעמאָקראטיע, — ארעסטירט אימ דערפאר דער סאָציאלדעמאָקראטישער פּאָליציי-שעפ. די ארבעטער גייענ ארויס אפ דער גאס דעמאָנסטרירנ קעגנ דעמ קאפּיטאליסטישנ רעזשימ, — שיסט אינ זיי די סאָציאלדעמאָקראטישע פּאָליציי אונ זעצט זיי ארײַנ אינ די טורמעס. ארבעט באקומט דער ארבעטער בלויז דורכנ פּראָפעסיאָנעלנ פאריינ, ווו עס זיצנ סאָציאלדעמאָקראטנ (אָדער פאשיסטנ). די שטיצע אינ פאל פונ ארבעטלאָזיקײַט, קראנקײַט, אינוואלידישקײַט, אלטקײַט אונ טויט באקומט דער ארבעטער ווידעראמאָל דורכנ פּראָפעסיאָנעלנ פאריינ, דאָס הייסט דורכ די זעלבע סאָציאלדעמאָקראטישע באאמטע. אונטערהאנדלונגענ מיט די שטרײַקנדיקע ארבעטער זײַנענ די באלעבאטימ מאסקימ צו פירנ בלויז דורכ די סאָציאלדעמאָקראטנ אאוו.

אָט אינ וואָס פאר א קאָמפּליצירטנ איבערפלעכט פונ אָפּהענגיקײַט איז ארײַנגעפאלנ דער ארבעטער אראנק דעמ פאראט פונ דער סאָציאלדעמאָקראטיע. מיט דעמ, אגעוו, דערקלערט זיכ אינ א קאָלאָסאלער מאָס די „קראפט" פונ דער סאָציאלדעמאָקראטיע, דער איינפלוס אירער, וואָס זי האָט נאָכ אלצ אפ די ארבעטער-מאסנ. די סאָציאלדעמאָקראטיע נוצט צוליב דעמ אויס די מעלוכע-מאשינ אונ פארוואנדלט די ארבעטער-אָרגאניזאציעס, וואָס געפינענ זיכ באאיר אינ די הענט, אינ א צוגאָב-אפּאראט פאר צוואנג.

ווענ מיר ריידנ וועגנ דער סאָציאלדעמאָקראטיע, פארשטייענ מיר אונטער דעמ קוידעמקאָל דאָס אָנפירנדיקע קעפּל פונ די סאָציאלדעמאָקראטישע פּארטייענ. אפ איר פאלט אינ דער ערשטער ריי די אויסערסט-שווערע פאראנטוואָרטלעכקײַט פארנ פאראט פונ די סאָציאלדעמאָקראטישע פּארטייענ, פאר אָפּנארנ די ארבעטער-מאסנ, וואָס גייענ נאָכ אלצ נאָכ דער סאָציאלדעמאָקראטיע.

אָבער אויכ אפ די ארבעטער, די מיטגלידער פונ די סאָציאלדעמאָקראטישע פּארטייענ פאלט א גרויסע פאראנטוואָרטלעכקײַט פארנ פּראָלעטאריאט אינ אזא מאָמענט, ווענ די בורזשואזיע גייט אינ אָפּענעמ קאמפ קעגנ דעמ ארבעטער-קלאס, אונ די דאָזיקע ארבעטער, וואָס האלטנ זיכ פארנ פּאָרגעשריטענעמ באוווסטזיניקנ טייל

פונ זײער קלאס, שטײענ אָנ א זײט פונעמ קאמפ, נאכ ערגער — זײ אונטערשטיצנ נאכ אלצ זײערע פירער, וואס העלפנ די טאליאָנימ פונ די ארבעטער.

די סאָציאלדעמאָקראטיע האט גאנצ ריכטיק פארדינט איר שענדלעכע צונעמעניש „סאָציאל־פאשיסטנ“. די סאָציאלדעמאָקראטיע פונקט ווי די פאשיסטנ זײנענ פאר אײנהיטנ און פארפעסטיקנ דעמ קאפיטאליזמ, פאר אײנהיטנ און פארפעסטיקנ די דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע. דער גרויסער קאפיטאל שטיצט די דאָזיקע בײדע פארטײענ און טרעט אלצ מער ארופ אפנ וועג פונ פאשיזמ. און די סאָציאלדעמאָקראטיע „פאשיזירט“ זיכ אלצ מער, דאָס הײסט זי גײט אריבער צו אנ אָפענער, מיט גאָר ניט צוגעדעקטער אונטערשטיצונג פונ דער בורזשואזער דיקטאטור. לעמאָשל, אינ דײטשלאנד, נאָכדעמ, ווי צו דער מאכט זײנענ געקומענ די פאשיסטנ, האָט די סאָציאלדעמאָקראטיע אָנ דעמ מינדסטנ קאמפ זיכ אונטערגעוואָרפנ דער פאשיסטישער רעגירונג און האָט זי גענומענ אונטערשטיצנ.

אָט פארוואָס עס וואָלט געווענ א גראָבער טאָעס צו זענ אינ דער סאָציאלדעמאָקראטיע א פארטײ, וואָס איז פײנטלעכ דעמ פאשיזמ, וואָס קעמפט קעגנ דעמ פאשיזמ, אינ דער ווירקלעכקײט איז די לאגע פונקט פארקערט.

„דער פאשיזמ, — זאָגט כאווער סטאלינ, — איז די שלאכט־אָרגאניזאציע פונ דער בורזשואזיע, וואָס שפּארט זיכ אָנ אפ דער אקטיווער אונטערשטיצונג פונ דער סאָציאלדעמאָקראטיע... די דאָזיקע אָרגאניזאציעס לײקענענ ניט אָפּ, נאָר זײ דערגאנצנ אײנע די אנדערע. דאָס זײנענ ניט קײנ אנטיפּאָדנ,[1] נאָר צווילינגס“.

אָבער דאָס באטײט ניט, אז עס איז ניטאָ קײנ שומ אונטערשײד צווישנ די פאשיסטנ און די סאָציאל־פאשיסטנ. דער אונטערשײד באשטײט דערהויפּט אינ די מעטאָדנ, אינ די אויפאנימ פונ דער ארבעט. „דער סאָציאליזמ און פאשיזמ אונטערשײדנ זיכ בלויז אינ די מעטאָדנ“, — האָט געזאָגט דער פראנצויזישער סאָציאל־פאשיסט אלבערט טאָמא, וואָס דארפ דאָכ זײנ א קענער אינ די דאָזיקע פראגנ.

די פאשיסטנ האלטנ פאר נײטיק זיכ באגײנ אָנ דער פארלאמענטארישער בורזשואז־דעמאָקראטישער צופארבונג פונ דער בורזשואזער דיקטאטור. די פאשיסטנ ווילנ מיט א באוואפנטער האנט דערטרינקענ אינ בלוט די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־באוועגונג.

פארשטײט זיכ, אויכ די סאָציאל־פאשיסטנ, ווי מיר האָבנ געזענ, ווענדנ אָנ געוואלט קעגנ די ארבעטער. אָבער זײ וואָלטנ דערבײ בעסער געוואָלט אײנהיטנ די פארלאמענטארישע פאָרמענ, וואָס זײנענ נײטיק אפ אָפּנארנ די ארבעטער־מאסנ און וואָס אפ דעמ האָבנ זײ זיכ ספעציאליזירט און מיט דעמ לעבנ זײ. די סאָציאל־פאשיסטנ זיצנ אינ די קאנצעליאריעס, אינ די ארבעטער־אָרגאניזאציעס. לויטנ אויסזענ זײנענ דאָס אײגענע מענטשנ, פאקטיש אָבער — אגענטנ פונ קאפיטאל, וואָס האנדלענ לויט זײנ אָנווײזונג. די סאָציאל־פאשיסטנ ארבעטנ אינ די מאסנ „דערקלערנדיק“, פארפײנערנדיק די מײסימ און פאראָרדענונגענ פונ דער בורזשואזער מאכט.

---

[1] דאָס הײסט סאָנימ.

אָפּהאַלטנדיק די אַרבעטער פונ שטרײַקנ, פונ רעװאָלוציאָנערע אַרױסטרעטונגענ, פונ קאַמפּ קעגנ דער בורזשואַזער דיקטאַטור. די סאָציאַל־פאַשיסטנ דינענ פאַר אַ שלײער פונ די פאַשיסטנ. די סאָציאַל־פאַשיסטנ לײגנ דורכ דעמ װעג פאַר די פאַשיסטנ.

דער קאַפּיטאַל נוצט אױס די דאָזיקע בײדע פּאַרטײענ לױט דעמ, װי עס פּאַסט זיכ, לױט די אומשטענדנ, װענדנדיק זיכ אַלץ מער צו דער הילפ פונעמ אָפּענעמ פאַשיזמ.

די סאָציאַל־פאַשיסטנ זײַנענ דער װיכטיקסטער אונ סאַמע געפערלעכער סױנע פונ די קאָמוניסטישע פּאַרטײענ אונ פונ דער רעװאָלוציאָנערער אַרבעטער־באַװעגונג, װײַל נאָכ די סאָציאַל־פאַשיסטנ גײענ נאָכ אַלץ נאָכ גרױסע מאַסנ אַרבעטער, װאָס זײ נאַרנ אָפּ.

די קאָמוניסטישע פּאַרטײענ פירנ אַנ אַקשאָנעסדיקנ קאַמפּ קעגנ די סאָציאַל־פאַשיסטנ, דעמאַסקירנ זײ טאָג־טעגלעכ פאַר די מאַסנ, רײַסנ אָפּ די מאַסנ פונ די סאָציאַל־פאַשיסטישע פירער, באַװײַזנ אַפּ פאַקטנ די גאַנצע טיפקײַט פונ זײער פאַרראַט, פאַראײניקנ די מאַסנ צומ קאַמפּ קעגנ דעמ פאַשיזמ, צומ ניצאָכנ איבער דער בורזשואַזיע.

בלױז אַפּ אַזאַ אופנ קאָנענ די קאָמוניסטישע פּאַרטײענ דעראָבערנ אַפּ זײער זײַט די מערהײַט אַרבעטער־קלאַס אונ אופהײבנ אימ צו דער רעװאָלוציע קעגנ דער בורזשואַזיע.

װאָס באַטײַט דאָס קומענ פונ די פאַשיסטנ צו דער מאַכט אינ דײַטשלאַנד

אינ יאַנואַר 1933 יאָר האָט אינ דײַטשלאַנד די פאַשיסטישע פּאַרטײ מיט דער האַסקאָמע פונ אַנדערע בורזשואַזע פּאַרטײענ זיכ געשטעלט אינ דער שפּיץ פונ דער רעגירונג. אינ אײנציקנ איז די גאַנצע מאַכט אַריבער צומ פאַשיסטישנ דיקטאַטער היטלער.

שטעלט זיכ די פראַגע: פאַרװאָס האָט אינ דײַטשלאַנד געקאָנט זיגנ די כאַמע שװאַרצע רעאַקציע — די פאַשיסטנ? צי װעלנ זײ זיכ אײַנהאַלטנ באַ דער מאַכט? װאָס איז דער שיקזאַל פונ דער רעװאָלוציע אינ דײַטשלאַנד?

די גרונט־סיבע פאַרװאָס די פאַשיסטנ זײַנענ געקומענ צו דער מאַכט, איז די פאַרעטערישע פּאָליטיק פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אינ פאַרלױפ פונ די 14 יאָר, װאָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געװענ אינ דער פרײַסישער בורזשואַזער רעגירונג, האָט זי טאַקע בלױז דאָס געטאָנ, װאָס זי האָט אומדערמידלעכ פאַרפאָלגט דעמ פאָרגעשריטענעמ רעװאָלוציאָנערנ טײל אַרבעטער־קלאַס — די קאָמוניסטישע פּאַרטײ, האָט אומדערמידלעכ פאַרפאָלגט אַלע רעװאָלוציאָנערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאָליצײ פלעגט צעטרײַבנ אונ צעשיסנ די אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס. דער פּאָליצײ־

שעס, דער סאָציאַלדעמאָקראַט צערגיבעל האָט פאַרווערט דעם „פאַרבאַנד פון די רויטע פראָנטקעמפער".

די סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט מיט אַלע מיטלען אָפּגעהאַלטן פונעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף די אַרבעטער, וואָס גייען נאָך איר נאָך, פרוווּנדיק זיך זיי איבערצייגן, אַז מיט רעוואָלוציאָנערן גוואַלט קאָן מען גאָרניט דערגרייכן, אַז די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי וועט איינפירן דעם סאָציאַליזם אויף אַ פרידלעכן אופן, אָן בלוט און קאָרבאַנעס, דורך אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער בורזשואַזיע. שוין דאַן, ווען די פאַשיסטן האָבן גראָמירט די אַרבעטער-קוואַרטאַלן, האָבן די סאָציאַלדעמאָקראַטן געפּרוווּט איינרייַדן די אַרבעטער „ניט אָנהייבן קיין קאַמף קעגן די פאַשיסטן, קאַלזמאַן היטלער וועט ניט ברעכן די קאָנסטיטוציע". נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, ווען דער פאַשיזם האָט זיך שוין אַרופגעוואָרפן אויף די אַרבעטער מיט דער גאַנצער קראַפט פונעם מעלוכע-אַפּאַראַט, האָבן די סאָציאַלדעמאָקראַטן איינגערעדט די אַרבעטער „צו פאַרבלייבן אויפן באָדן פון דער קאָנסטיטוציע" און „ענטפערן היטלערן מיטן וואַלבויולעטען".

נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, האָט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע זיך צוגעפּאַסט דערקלערן, אַז זי איז מאַסקים אויף דער ראָליע פון אַ געהאָרכזאַמער אָפּאָזיציע בײַ דער פאַשיסטישער רעגירונג. די פירער פון די פראָפעסיאָנעלע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פאַריינען האָבן זיך צוגעפּאַסט צו מאַכן אַ דערקלערונג, אַז זיי זיינען מאַסקים „מיטצואַרבעטן" מיט דער פאַשיסטישער רעגירונג. און אַ סך סאָציאַלדעמאָקראַטישע פירער האָבן געהאַלטן פאַר בעסער צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. אַ סך סאָציאַלדעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע מאַנדאַטן און פון דער מיטגלידערשאַפט אין זייער פּאַרטיי מיט אַזוינע דערקלערונגען: „איך אָנערקען די אומזיניקייט פון יעטווידער ווידערשטאַנד", „איך וויל מער ניט קעמפן פאַר אַ פאַרלאָרענער זאַך" אאַז״וו.

די גאַנצע אויפפירונג פון דער דייטשישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי איידער די פאַשיסטן זיינען געקומען צו דער מאַכט, בײַיסן קומען און נאָך אים באַטייט אַ נייעם קראַך פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, אַ טיפערן, איידער אין די יאָרן 1914—1918. אַ קראַך ניט בלויז פון דער דייטשישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, נאָר אויך פונעם גאַנצן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. ווייל די דייטשישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע באַווייזט, וויאַזוי עס וועט זיך פירן יעטווידער סאָציאַלדעמאָקראַטישע, פאַלשע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַזוינע אומשטענדן, ווען עס וועט זיך שטעלן שאַרף די פראַגע וועגן קאַמף פאַר דער מאַכט קעגן דער בורזשואַזיע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט עפנטלעך פאַרן גאַנצן אַרבעטער-קלאַס, פיל מאָל זיך געווענדט צו דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי און צו די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען מיט אַ פאָרשלאַג אַרויסצוטרעטן קעגן די פאַשיסטן אין איין איינהייטלעכן פראָנט. אָבער יעדן מאָל פלעגן זיי קעסיידער באַקומען אַן אָפּזאָג. דאָ ניט לאַנג, ערשט אין יולי 1932 יאָר האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאָרגעלייגט אָרגאַניזירן אַ געמיינזאַמען פּאָליטישן שטרייק — און זי האָט באַקומען אַן אָפּזאָג. איידער די פאַשיסטן זיינען געקומען צו דער מאַכט, האָבן די קאָמוניסטישע

פּאַרטיי אונ די רעוואָליוציאָנערע פּראָפעסיאָנעלע פאַרייִנען פאַרגעלייגט אַרויסצוטרעטנ אינ אַנ איינהייטלעכנ פראָנט קעגנ דעמ פאַשיזמ — אונ ווידעראַמאָל האָבנ זיי באַקומענ אַנ אָפּזאָג.

דער נידערטרעכטיקער פאַראַט פונ דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וואָס נאָכ איר איז געגאַנגענ אַ גרויסער טייל אַרבעטער־קלאַס פונ דײַטשלאַנד, די צעשפּליטערטקייט פונ די קרעפטנ פונ פּראָלעטאַריאַט אינ רעזולטאַט פונעמ דאָזיקנ פאַראַט — אָט דאָס איז די גרונט־סיבע, פאַרוואָס די פאַשיסטנ האָט זיכ איינגעגעבנ קומענ צו דער מאַכט. די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרנ צײַטווײַליקנ ניצאָכנ פונ פאַשיזמ ליגט אַפ דער דײַטשישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, אַפ דער שענדלעכער פּאָליטיק פונ די אָנפירנדיקע שיכטנ פונ דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט צעשפּאָלטנ דעמ פּראָלעטאַריאַט אונ האָט אימ אַרויסגעגעבנ צומ פאַשיזמ אינ די הענט.

אָבער דער רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט פונ דײַטשלאַנד איז ניט צעבראָכנ. ער ווײַזט אַרויס אַ גרויסע קלאַסעווע שטאַנדהאַפטיקייט, אויסגעהאַלטנקייט, שלאַכט־פעיִקייט. אונדזער רומפולע בריִדערלעכע פּאַרטיי פונ דײַטשלאַנד איז ניט צעבראָכנ. דער האַלביאָר פאַשיסטישער טעראָר האָט בלויז באַוויזנ, אַז דער פאַשיזמ איז אָנמעכטיק צו צעגראָמירנ די רעוואָליוציאָנערע פּאַרטיי פונעמ אַרבעטער־קלאַס.

טויזנטער קאָמוניסטנ אינ דײַטשלאַנד זײַנענ אַרעסטירט, אַ סאַכ אונ אַ סאַכ פונ זיי האָבנ די פאַשיסטנ דערהאַרגעט. אינ טורמע געפינט זיכ דער פירער פונ דער דײַטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי כאַווער טעלמאַנ. אָבער אינ דער טיפעניש פונ דער אַרבעטער־מאַסע אַרבעט דער צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי. עס גייט אַרויס אומלעגאַל דער צענטראַלער אָרגאַנ פונ דער קאָמפּאַרטיי די „ראָטע פאַנע”, ברייט ווערנ פאַרשפּרייט די קאָמוניסטישע פּראָקלאַמאַציעס אונ בלעטלעכ. ריזיקירנדיק מיטנ לעבנ, גיבנ זיי די אַרבעטער איבער איינער דעמ אַנדערנ אונ נעמענ אונטער זייער שוץ זייערע פאַרשפּרייטער. אינ אַ סאַכ פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ ווערט געשאַפנ אַנ איינהייטלעכער אַרבעטער־פראָנט צו קעמפנ קעגנ דעמ פאַשיזמ. לעמאָשל, אינ דער גרויסער בערלינער אונטערנעמונג „אַעג” האָבנ די „שטורמאַוויקעס” נאָכ דער פאַרשפּרייטונג פונ די קאָמוניסטישע פלוג־בלעטלעכ געוואָלט פאַרנעמענ דעמ זאַוואָד. אָבער די אַרבעטער האָבנ פאַרטריבנ די פאַשיסטנ.

נאָכ קיינמאָל האָט אונדזער דײַטשישע פּאַרטיי ניט געהאַט אַזאַ וואָג אונ אײַנפלוס אינ די אַרבעטער־מאַסנ, ווי גראָד איצט, ווענ די אַרבעטער זעענ, אַז די איינציקע פּאַרטיי, וואָס פאַרטיידיקט מיט מעסירעס־נעפעש די אַרבעטער־זאַכ, — דאָס איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אונ די סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז בלויז פעיִק צו קריכנ אַפ אַלע פיר פאַר די פאַשיסטנ. „בעסער וואָלטנ זיי שוינ די פאַשיסטנ אָפּגעהאַנגענ, — זאָגנ די אַרבעטער וועגנ זייערע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פירער. — עס וואָלט געווענ נוצלעכער פאַר דער אַרבעטער־זאַכ”.

די קאָמוניסטישע פארטיי האָט אומעטומ אָרגאניזירט א פעסטנ ווידערשטאנד דעמ פאשיזמ. אינ הינדערמער ערטער האָט זי זיכ געשטעלט בעראָש פונעמ טייל־ווייזנ קאמפ פונ די ארבעטער פאר זייערע רעוואָליוציאָנערע פאָזיציעס, פאר זייערע אָרגאניזאציעס. אָט אזוינע זיינענ, לעמאָשל, די שטרייקנ אינ א גאנצער ריי שטעט, וו די קאָמוניסטישע ארבעטער האָבנ מיטגעצויגנ צומ קאמפ די סאָציאַלדעמאָקראַטישע אונ ניטאָרגאניזירטע ארבעטער. אזוינע זיינענ די קאָלאָסאַלע דעמאָנסטראַציעס בא דער לעווייע פונ די ארבעטער, וואָס די פאשיסטנ האָבנ דערהארגעט, מיט ארויסטרעטונגענ פונ די מיטגלידער פונ צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי. אזוינע זיינענ די צאָלרייכע פאקטנ פונ רעוואָליוציאָנערנ ווידערשטאנד מיצאד די ארבעטער קעגנ די פאשיסטישע באנדעס.

אָט פארוואָס דער צייטווייליקער ניצאָכנ פונ די פאשיסטנ באטייט בעשום־אויפנ ניט קיינ פארפעסטיקונג פונעמ קאפיטאליזמ. דער פאשיזמ גיט די מאסנ הארבע לעקציעס, ער לערנט, אז מע מוז איינרייסנ מיט דער בורזשואזער געזעצלעכקייט, מע מוז אריבערגיינ צומ אראָפוואַרפנ אפ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ די בורזשואזיע. די ברייטע מאסנ סאָציאַלדעמאָקראַטישע ארבעטער לעבנ אויס די רעשטלעכ פונ זייער צוטרוי צו זייערע אָנפירער, וואָס האָבנ ארויסגעוויזנ עפנטלעכ, פארנ גאנצנ ארבעטער־קלאס, די גאנצע טיפקייט אונ נידערטרעכטיקייט פונ זייער פאראט. די ארבעטער גייענ אלצ מער אריבער אפ דער זייט פונ די קאָמוניסטנ.

די דייטשישע קאָמוניסטישע פארטיי גרייט דעמ ארבעטער־קלאס צומ אנטשיידנדעמ אָנגריפ קעגנ דעמ פאשיזמ פאר דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט.

פארנ וועלט־אָקטיאבער

אפנ ביישפיל פונ דייטשלאנד זעענ מיר, וואָס פאר א שווערע אונ פאראנטוואָרטלעכע אויפגאבנ עס ליגנ זיכ איצט אפ אַנדערע ברידערלעכע קאָמוניסטישע פארטייענ אינ אויסלאנד. דער 11־טער פלענומ פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל האָט אינ זיינ רעזאָליוציע אָנגעוויזנ:

„די הויפט־אויפגאבע, וואָס שטייט איצט פאר אלע קאָמוניסטישע פארטייענ, באשטייט אינ דעראָבערנ די מערהייט ארבעטער־קלאס אלס נייטיקנ באדינג פארנ ניצאָכנ איבער דער בורזשואזיע אונ פארנ צוגרייטנ דעמ ארבעטער־קלאס צו די אנטשיידנדיקע שלאכטנ פאר דער דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט".

אפ וואָסערע פאר אנ אויפנ דארפ געפירט ווערנ דער דאָזיקער קאמפ פאר דעראָבערנ די מערהייט ארבעטער?

די קאָמוניסטישע פארטייענ דארפנ אָרגאניזירנ קעגנ דעמ אָנגריפ פונ קאפיטאל א ברייטנ קאָנטר־אָנגריפ פונ די ארבעטער פאר העכערנ דעמ ארבעטלוינ, פאר א 7־שעָהיקנ ארבעטטאָג, איינהאלטנדיק דעמ פולנ לוינ, פאר סאָציאַלער סטראַכירונג אפנ כעזשבנ פונ די אונטערנעמער, פאר געבנ באלדיקע הילפ די ארבעטלאָזע, קעגנ דעמ מאסנווייזנ אָפזאָגנ פונ די אונטערנעמונגענ.

די קאמוניסטישע פארטייענ דארפנ ארגאניזירנ די ארבעטער צומ קאמפ קעגנ דער בורזשואזער דיקטאטור אינ אלע אירע פארמענ: קעגנ דעמ פאליציייִשנ און אונטערנעמערישנ טעראר, פאר דער פרייהייט פונ די רעוואליוציאנערע ארבעטער־ארגאניזאציעס, פאר דער פרייהייט פונ ווארט, פרעסע און פארזאמלונגענ, פאר פאנאנדערלאזנ טייקעפ און אנטוואפענענ די פאשיסטישע ארגאניזאציעס, פאר באַ־וואפענענ די ארבעטער צו באשיצנ זיכ פונ די פאשיסטנ, פאר ארגאניזירנ א מאסנ־זעלבסטשוץ אינ די זאוואדנ.

די קאמוניסטישע פארטייענ דארפנ, צולעצט, ארגאניזירנ די ארבעטער צומ קאמפ קעגנ דער אימפעריאליסטישער מילכאמע און אינטערווענצ קעגנ דעמ ראַטנפארבאנד. צוליב דעמ דארפ מענ דעמאסקירנ די צוגרייטונג צו דער מילכאמע און אינטערווענצ, פארשטארקנ די אנטימילכאמע־ארבעט אינעמ מיליטער און צווישנ דער יוגנט, אנטוויקלענ די אגיטאציע קעגנ דער אימפעריאליסטישער מילכאמע א ג ביגע, קעגנ דעמ אימפעריאליסטישנ טעראר אינ די קאלאניעס, רעכטצייטיק זיכ צוגרייטנ צומ פולשטענדיקנ אריבערגאנג פונ דער פארטיי אפ אנ אומלעגאלער לאגע.

דער קאמפ קעגנ דער צוגרייטונג פונ דער נייער אימפעריאליסטישער מילכאמע און אינטערווענצ קעגנ ראַטנפארבאנד איז א באזונדערס וויכטיקע אויפגאבע פאר דער קאמוניסטישער פארטיי פונ דייטשלאנד. מיטנ קומענ פונ די פאשיסטנ צו דער מאכט, האט די דייטשישע בורזשואזיע זיכ גענומענ אפ א באזונדערס פארסירטנ אויפנ זיכ גרייטנ צו א נייער מילכאמע, וואס זאל איר קאמפענסירנ די פארלוסטנ, וואס זי האט געליטנ אינ רעזולטאט פונ דער מאפאלע אינ דער פאריקער מילכאמע.

דער דייטשישער בורזשואזיע האט זיכ אינ די באדינגונגענ פונעמ אלגעמיינעמ קריזיס איינגעגעבנ אופצוהערנ צאלנ די קאלאסאלע מיליטערישע צינזנ, וואס מע האט אפ איר ארופגעלייגט, און אנהייבנ באוואפענענ זיכ, ניט פרעגנדיק בא קיי־נעמ — אויווער זייענדיק אפ די באדינגונגענ פונעמ שאלעמ־אפמאכ און ניט גע־קוקט אפ די פראטעסטנ פונ די מעלוכעס־זיגערס. די דייטשישע באוואפנטע קרעפטנ ציילנ שוינ ביז 1 מיליאנ מענטשנ אנשטאט די „געזעצלעכע" (לויטנ אפמאכ) 100 טויזנט.

דייטשלאנדס באציונגענ מיט די מעלוכעס זיגערס (פראנקרייכ, ענגלאנד) און מיט זייערע פארבינדעטע (מיט פוילנ) האבנ זיכ זייער פארשארפט. די דייטשישע פאשיסטנ — היטלער, ראזענבערג, גערינג אא. — ריידנ אפנ וועגנ דער נייטיקייט צו דעראבערנ נייע לענדער פאר דייטשלאנד און דערביי ווייזנ זיי דירעקט אנ אפנ ראַטנפארבאנד. די דייטשישע פאשיסטנ טראגנ זיכ ארומ מיט א פלאנ אפצורייסנ פונ ראַטנפארבאנד די אוקראינישע ראַטנ־רעפובליק און קאווקאז. דער דייטשישער פאשיזמ זוכט צווישנ אנדערע מעלוכעס פארבינדעטע אפ פארווירקלעכנ דעמ דאזיקנ פלאנ און רעכנט קודעמקאל אויס אפ ענגלאנד. אט פארוואס עס ליגט זיכ איצט א באזונדער וויכטיקע און פאראנטווארטלעכע אויפגאבע אינ קאמפ קעגנ דער צוגרייטונג צו אנ אימפעריאליס־טישער מילכאמע און אינטערווענצ קעגנ דעמ ראַטנפארבאנד קודעמקאל אפ דער דייטשישער קאמוניסטישער פארטיי און אויכ אפ די קאמוניסטישע פארטייענ פונ אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער.

:

אלע אָנווייזונגען וועגן דער מאסן־ארבעט פון די קאָמוניסטישע פארטייען פארשפרייטן זיך אויך אפן דאָרף. וועגן דער ארבעט פון די קאָמוניסטן אין דאָרף האָט דער 11־טער פּלענום פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאל געגעבן אזא אָנווייזונג:

„מיטן צוועק צו דעראָבערן די ארבעטנדיקע פויערשע מאסן און צו פארפעסטיקן די אָנפירנדיקע ראָליע פונעם פּראָלעטאריאט אין דאָרף דארפן די קאָמוניסטישע פארטייען מיט אלע מיטלען אונטערשטיצן, שטעלן זיך בעראָש און אָרגאניזירן דעם קאמף פון די ארבעטנדיקע פויערים קעגן דער לאסט פון די שטייערן און פליכטן, פון ארענדע און פארשולדיקטקייט און פארבינדן די דאָזיקע באוועגונג מיטן קאמף קעגן די פריצים, פאר קאָנפיסקירן די ערד אָן אויסקויף, קעגן דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע, פאר דער ראטנמאכט“.

דער 12־טער פּלענום האָט אָנגעוויזן קוידעמקאָל אפ דעם, אז אין רעזולטאט פונעם קריזיס און פונעם וווּקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג רוקט זיך ווידער אָן א ריי נייע גרויסע צוזאמענשטויסן צווישן די קלאסן, צווישן די מעלוכעס. עס קומט אָן א פעריאָד פון נייע מילכאָמעס און נייע רעוואָלוציעס.

די קאָמוניסטישע פארטייען דארפן אינעם טאָג־טעגלעכן קאמף פאר די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן פון די ברייטע מאסן קעגן דעם שטייגנדיקן דאלעס, רעכטלאָזיקייט און טעראָר צוגרייטן און פירן די דאָזיקע מאסן צו די ענטשיידנדיקע שלאכטן און צום ניצאָכן איבער דער בורזשואזיע.

איינס פון די וויכטיקסטע מיטלען פון רעוואָלוציאָנערן קאמף פונעם פּראָלעטאריאט, אויב עס זיינען פאראן די אָנטשפרעכיקע באדינגונגען, דארף זיין דער פּאָליטישער מאסן־שטרייק.

צוגלייך מיט דעם דארפן די קאָמוניסטישע פארטייען פירן א סיסטעמאטישע פּראָפּאגאנדע צווישן די ברייטע מאסן פאר דער נייטיקייט פון דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט און באקענען די מאסן מיט דער ארבעט פון אויסבויען די אָנקלאסנדיקע סאָציאליסטישע געזעלשאפט אין ראטנפארבאנד.

דער פּלענום האָט אונטערגעשטראָכן, אז די נייע אימפּעריאליסטישע וועלט־מילכאָמע און אינטערווענץ קעגן דעם ראטנפארבאנד זיינען געוואָרן א דירעקטע געפאר, און ער האָט אויפגעפאָדערט אלע קאָמוניסטישע פארטייען צו פירן א ווירקלעכן קאמף קעגן דער פארברעכערישער מילכאָמע און אינטערווענץ, וואָס איז נאָר נאָענט צוגעקומען און וואָס דער פאשיזם פארשנעלערט.

אין דער רעזאָלוציע פונעם פּלענום זיינען גענוי אָנגעוויזן די קאָנקרעטע אויפגאבן און די גרונט־לאָזונגען, וואָס די קאָמוניסטישע פארטייען פון יעדן לאנד דארפן ארויסרוקן.

פאר לייזן די דאָזיקע אלע אויפגאבן קעמפן דערפאָלגרייך אונדזערע ברידערלעכע פארטייען. זייער איינפלוס דרינגט אריין אלץ טיפער אין די מאסן ארבעטנ־

דיקע. די ארבעטער־שטרייקנ, די ארויסטרעטונגענ פונ די ארבעטלאָזע, די פויערשע באוועגונג קומענ אלצ אָפטער אונ אָפטער פאַר אונטער דער אָנפירונג פונ דער קאָ־מוניסטישער פארטיי אונ פונ די רויטע פראָפּעסיאָנעלע פאריינענ, טראָצ אלע פארפאָלגונגענ, טראָצ אלע באמיונגענ פונ די סאָציאַל־פאשיסטנ ארויפצורייסנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ. די קאָמוניסטנ דעראָבערנ אלצ מער דעמ צוטרוי פונ די מאסנ צו זיכ, ווי צו די *אײנציקע זיכערע אָנפירער* אינ *קאמפ* פונעמ ארבעטער־קלאס אונ פונ אלע ארבעטנדיקע קעגנ דער בורזשואזיע.

אָבער אינ דער שווערער ארבעט פונ אונדזערע קאָמוניסטישע פארטייענ, צווישנ די בעסטיאַלישע פארפאָלגונגענ, אינ די באדינגונגענ פונ האלב־לעגאַלער אָדער אומ־לעגאַלער (אונטערערדישער) עקזיסטענצ זיינענ נאָכ פאראנ ניט ווייניק פעלערנ. די וויכטיקסטע פונ די דאָזיקע פעלערנ זיינענ פאָלגנדיקע.

די ארבעט פונ אונדזערע פארטייענ *שטײט אָפּ* פונ דער באוועגונג פונ די מאסנ, וואָס ווערט שנעל רעוואָליוציאָניזירט. ניט זעלטנ שלעפּנ זיכ נאָכ די פאר־טייענ נאָכ דער באוועגונג, אָנשטאָט אָנצופירנ מיט איר. אונדזערע פארטייענ זיינענ נאָכ ניט גענוג פארבונדנ מיט די ברייטע מאסנ, ניט שטענדיק ווייסנ זיי נאָענט די קאָנקרעטע באדינגונגענ פונ דער ארבעט אונ פונ לעבנ פונ די מאסנ. דעריבער ליידט אָפטמאָל די קאָמוניסטישע אגיטאציע אינ די מאסנ פונ אבסטראקטקייט, פונ ניט פארבונדנקייט מיט די טאָג־טעגלעכע נויטנ אונ מיט די אָנגעווייטיקטע פראגנ, וואָס רעגנ די מאסנ.

זייער שנעל שטייגנדיקנ פאָליטישנ אײנפלוס צווישנ די מאסנ האָבנ אונדזערע פארטייענ נאָכ ניט אויסגעלערנט זיכ אינ א גענוגנדיקער מאָס צו *פארפעסטיקנ ארגאניזאציאָנעל*, דאָס הייסט אויסנוצנ דעמ דאָזיקנ אײנפלוס אפ ארייננ־ציִענ נייע מיטגלידער אינ דער פארטיי אונ אינ די מאסנ־אָרגאניזאציעס, וואָס שטייענ נאָענט צו איר.

אונדזערע פארטייענ דערשאצנ אָפּט ניט די באדייטונג פונ דער ארבעט אינ די פראָפעסיאָנעלע פאריינענ פונ די ארבעטער, וואָס געפינענ זיכ אונטערנ אײנפלוס פונ דער סאָציאַלדעמאָקראטיע אונ פונ דער בורזשואזיע. אינ דעמ דריקט זיכ אויס א געוויסער „לינקער" אָפּנייג. די „לינקאטשעס" באטראכטנ די ארבעטער, וואָס גייענ נאָכ די בורזשואזע פארטייענ, ווי א „דורכויסיקע רעאקציאָנערע מאסע", זיינענ גענייגט צו זענ אינ יעדנ ארבעטער־סאָציאַלדעמאָקראט א „קליינינקנ צערגיבעל" (דער סאָציאַלדעמאָקראט צערגיבעל איז געווענ דער שעפ פונ דער בער־לינער פאָליציי).

אָבער עס איז אומבאדינגט נייטיק צו *אונטערשײדנ* די פארעטערישע פירער פונ די סאָציאַל־פאשיסטנ פונ דער מאסע, וואָס זיי נארנ אָפּ. עס איז ניי־טיק צו דעמאסקירנ די דאָזיקע פירער פאר די מאסנ, עס איז נייטיק צו דעראָבערנ דעמ אײנפלוס אינ אלע פראָפעסיאָנעלע פאריינענ, שאפנ אונ פארפעסטיקנ אינ זיי די רעוואָליוציאָנערע אָפּאָזיציע, קעדיי דערמיט מיטווירקנ דעמ וווּקס אונ דער פארפעסטיקונג פונ דער זעלבשטענדיקער רעוואָליוציאָנערער פראָפעסיאָנעלער באווע־גונג. עס איז אומבאדינגט נייטיק, אז די קאָמוניסטנ זאָלנ אָנפירנ מיט די עקאָנאָ־מישע שטרייקנ פונ די ארבעטער. אָנ דעמ קאָנ מענ ניט דעראָבערנ אפ אונדזער־זייט די מערהייט ארבעטער־קלאס.

דער רעכטער אָפּנייג דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס איינציקע קאָמוניסטן פּרוּוון זיך „צווינגען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער צו מאַכן רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק", אַנשטאָט אַליין צו דערשלאָגן זיך דעם אָנפירנדיקן איינפלוס אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, אָדער זיי שטעלן אַרויס טיילווייזע עקאָנאָמישע פאָדערונגען, ניט פאַרבינדנדיק זיי מיטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט פאַר אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון דער בורזשואַזיע, אָדער זיי לייקענען בכלל אָפּ די מעגלעכקייט פון דערפאָלגרייכן שטרייק־קאַמף אין די באַדינגונגען פון קריזיס.

אין דורכפירן דעם קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע דורך אָרגאַניזירן דעם איינהייט־פראָנט פון די אַרבעטער טרעפן נאָך אויסערסט גרויסע פעלערן און פאַרקריפּלונגען. די רעכטע אָפּאָרטוניסטן פאַרשטייען דעם איינהייט־פראָנט אַלץ פּשרה, אַלס בונד פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען מיט די סאָציאַל־פאַשיסטן. אָבער דערשלאָגן זיך דאַרף מען, אַז דער איינהייט־פראָנט זאָל געשאַפן ווערן פון אונטן, איבער די קעפּ פון די סאָציאַל־פאַשיסטישע פירער, אָרגאַניזירן געמיינזאַמע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פונעם פאַרגעשריטענעם טייל אַרבעטער־קלאַס — פון די קאָמוניסטן מיט דער איבעריקער אַרבעטער־מאַסע קעגן דער בורזשואַזיע, דעמאַסקירנדיק דערביי דעם פאַראַט פון די פירער פון דער סאָציאַל־פאַשיסטישער פּאַרטיי, וואָס זאָגן זיך אָפּ פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע.

אין אַנדערע פאַלן גיבן זיך ניט איין די אַרויסטרעטונגען אין אַן איינהייט־לעכן רויטן פראָנט דערפאַר, ווייל די קאָמוניסטן פאָדערן פאָרויס בא די אַרבעטער פון אַנדערע פּאַרטייען, זיי זאָלן אײַנרייסן מיט זייערע פירער און זאָלן אָנערקענען די אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי („לינקער" אָפּנייג). אָבער גראָד דורך פאַרווירקלעכן דעם איינהייט־פראָנט, דורך דער דערפאָלגרייכער אָנפירונג מיט דער געמיינזאַמער אַרויסטרעטונג דאַרפן די קאָמוניסטן צוציִען צו זיך יענע אַרבעטער, וואָס געפינען זיך נאָך אין אַנדערע פּאַרטייען.

ניט שטענדיק הייבט זיך אָן דער שטרייק־קאַמף פון די אַרבעטער און גייט דורך אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען און פון די רויטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן. צולעצט, עס איז נאָך ניט גענוג פאַנאַנדערגעוויקלט די אַרבעט פון אינדזערע פּאַרטייען אין דאָרף, אין דער אַרמיי און צווישן דער יוגנט. רופנדיק צום פאַרריכטן די דאָזיקע אַלע פעלערן און פאַרקריפּלונגען אין דער אַרבעט, זאָגט דער 12־טער פּלענום פון אויספירקאָם פון קאָמינטערן:

„די ריכטיקע באָלשעוויסטישע מאַסן־פּאָליטיק ווערט פאַרווירקלעכט אינעם אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּאָרטוניזם אַלס דער הויפּט־געפאַר און קעגן די „לינקאַטשישע" אָפּנייגן פון דער ליניע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל".

דער 12־טער פּלענום פון קאָמינטערן האָט פאַרשאַרפט די אויפמערקזאַמקייט אויפן קאַמף קעגן דער רעכטער געפאַר אַלס דער הויפּט־געפאַר אין די באַדינגונגען פונעם מעכטיקן רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג. גראָד איצט, ווען פאַר די קאָמוניסטישע פּאַרטייען שטייט די אויפגאַבע צו פירן די ברייטסטע אַרבעטנדיקע מאַסן

צו אנטשיידנדיקע שלאכטנ פאר דער מאכט, פאר דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, — דארפ דער קאמפ קעגנ דער רעכטער געפאר אלס דער הויפּט־געפאר מיט אלע מיטלענ פארשטארקט ווערנ.

לענינ האָט געשריבנ אינ 1920 יאָר, אז די ערשטע היסטאָרישע אופגאבע פונ די קאָמוניסטנ איז „צוציִענ דעמ באוווּסטזיניקנ אוואנגארד פונעמ פּראָלעטאריאט אפ דער זײַט פונ דער ראטנמאכט אונ פונ דער דיקטאטור פונעמ ארבעטער־קלאס". די דאָזיקע אופגאבע איז אינ גרונט געלייזט. אונ די צווייטע אָרדנטלעכע אופגאבע, — האָט געזאָגט לענינ, — „באשטייט אינ קאָנענ צופירנ די מאסנ אפ דער נײַער פּאָזיציע, וואָס איז פייִק צו באוואָרענענ דעמ ניצאָכנ פונעמ אוואנגארד אינ דער רעוואָליוציע".

„קאָנענ אָנפירנ ניט בלויז מיט דער אייגענער פּארטיי, נאָר אויכ מיט די דאָזיקע מאסנ אינ פארלויפ פונ זייער צוגיינ, אריבערגיינ אפ דער נײַער פּאָזיציע", — אָט וואָס לענינ האָט געלערנט די קאָמוניסטנ פונ אונדזערע אויסלענדישע פּארטייענ.

עס איז ניטאָ קיינ שומ ספק אינ דעמ, אז אונדזערע ברידערלעכע פּארטייענ וועלנ זיכ דאָס אויסלערנענ, אז זיי וועלנ זיכ ספּראווענ מיט אלע פעלערנ אינ זייער ארבעט. אלס גאראנטיע דערצו דינט דער שנעלער וווּקס פונ זייער אײַנפלוס אינ די מאסנ אונ זייער צאָל־וווּקס. אזוי איז די צאָל מיטגלידער פונ די ברידערלעכע קאָמוניסטישע פּארטייענ פאר דער צײַט צווישנ דעמ 11־טנ אונ 12־טנ פּלענומ פונ קאָמינטערנ קימאט פארצווייפאכט געוואָרנ.

די אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ אפ זײַנ לעצטער, אימפּעריאליסטישער שטופע האָט געשאפנ אלע נייטיקע באדינגונגענ אפ לייזנ די גרונטלעכע אונ הויפּט־אופגאבע פונ די קאָמוניסטישע פּארטייענ — דעראָבערנ די מערהײַט ארבעטער־קלאס. פארנ פּראָלעטאריאט אונ פארנ ארבעטנדיקנ פויערטומ פונ אלע לענדער שטעלט דער גאנג פונ די געשעענישנ אלצ דײַטלעכער אונ אקשאָנעסדיקער דעמ אויסוואל:

אָדער די דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע מיט איר טעראָר, מיט דער ארבעטלאָזיקײַט, מיט דער פאראָרעמינג אונ הונגער;

אָדער דער רעוואָליוציאָנערער קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע אונטער דער אָנפירונג פונ דער קאָמוניסטישער פּארטיי, דער איינציקער פּארטיי, וואָס איז גרייט פירנ די מאסנ אינ אטאקע אפנ קאפּיטאליזמ, וואָס ווײַזט אָנ דעמ אויסוועג — דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט, סאָציאליזמ, קאָמוניזמ.

★

שלוס

פונ אונדזער זעקסטנ שמועס האָבנ מיר זיכ דערוווּסט, וואָס איז אזוינס די קאָמוניסטישע פּארטיי, וואָס איז אזוינס דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל.

די קאָמוניסטישע פּארטיי דאָס איז דער אוואנגארד, דער אָרגאניזאטער, דער

919—31

פּאָליטישער פירער, דער שלאַכט־שטאַב פונ דעמ קעמפנדיקנ פּראָלעטאַריאַט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דאָס איז די העכסטע פאָרמ אָרגאַניזאַציע פונעמ אַרבעטער־קלאַס, די איינציקע פייִקע צו צענטראַליזירנ אונ אָפּנ בעסטנ אויפנ צו ריכטנ צו די געוווּנטשענע צילנ דעמ גאַנצנ קאַמפ.

מיר האָבנ געזענ, אַז דעמ אַרבעטער־קלאַס איז נייטיק אַ פּאַרטיי אַ פּאָליטיש־זעלבשטענדיקע, אַ קלאַסנ־אומקאָמפּראָמיסלעכע, אַ מאַרקסיסטיש־לענינישע אויסגעהאַלטענע, אַנ אידייִש אונ אָרגאַניזאַציאָנעל איינהייטלעכע, אַ שטרענג דיסציפּלינירטע. בלויז אַזאַ פּאַרטיי איז פייִק אָנצופירנ מיטנ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפ פונעמ פּראָלעטאַריאַט קעגנ דער בורזשואַזיע, פאַר דעראָבערנ אונ פאַרפעסטיקנ די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, פאַר אויסבויענ די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

מיר האָבנ קלאָר געמאַכט די קוואַלנ פונ די מיינונג־פאַרשיידנהייטנ, פונ דעמ אינערלעכנ קאַמפ אינ די קאָמוניסטישע פּאַרטייענ. די דאָזיקע קוואַלנ זיינענ די קלאַסנ־דיפערענציאַציע פונ דער הײַנטצײַטיקער געזעלשאַפט, דער אײַנפלוס פונ די בורזשואַזע שיכטנ פונ דער געזעלשאַפט אַפנ פּראָלעטאַריאַט אונ דורכ אימ אויכ אַפ איינציקע עלעמענטנ פונ דער פּאַרטיי.

עס איז נייטיק אַ קעסיידערדיקער סיסטעמאַטישער קאַמפ קעגנ דעמ בורזשואַזנ אײַנפלוס אַפנ פּראָלעטאַריאַט, וואָס ווערט פאַרווירקלעכט באַזונדערס דורכ די אַגענטנ פונ דער בורזשואַזיע אינ דעמ אַרבעטער־קלאַס — דורכ די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, סאָציאַל־פאַשיסטישע פּאַרטייענ.

עס איז נייטיק אַנ אַקשאָנעסדיקער קאַמפ אַפ צוויי פראָנטנ קעגנ די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ, קעגנ די אָפּאָרטוניסטישע אָפּנייגנ אינ די קאָמוניסטישע פּאַרטייענ, אינ דער ערשטער ריי קעגנ דעמ סאַמע געפערלעכנ איצטיקנ מאָמענט רעכטנ אָפּנייג.

מיר האָבנ זיכ באַקענט מיט די אינטערנאַציאָנאַלע אויפגאַבנ פונ אונדזער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אונ מיט דער אַלוועלטלעכער רעוואָליוציאָנערער פּאַרטיי פונעמ אַרבעטער־קלאַס — מיטנ קאָמוניסטישנ אינטערנאַציאָנאַל. מיר האָבנ באַטראַכט די באַזונדערע אַרבעט־באַדינגונגענ פונ אונדזערע ברידערלעכע פּאַרטייענ אינ אויסלאַנד אונ די אויפגאַבנ, וואָס שטייענ פאַר זיי. דאָס זיינענ די באַדינגונגענ פונעמ אַלגעמיינעמ קריזיס פונעמ קאַפּיטאַליזמ אונ פונ דעמ אומגעהערטנ עקאָנאָמישנ קריזיס, וואָס קומט פאָר אַפ זיינ באַזע אינ אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָס זיינענ די באַדינגונגענ פונ אויסערגעוויינלעכער פאַרשטאַרקונג אונ פאַרשאַרפונג פונעמ פּראָלעטאַרישנ קלאַסנקאַמפ קעגנ דער בורזשואַזיע.

אונדזערע קאָמוניסטישע פּאַרטייענ אינ אויסלאַנד פירנ אַ שווערנ קאַמפ קעגנ די צוויי הויפּט־סאָנימ: קעגנ דעמ פאַשיזמ אונ קעגנ דעמ סאָציאַל־פאַשיזמ. דער פאַשיזמ באַטייט אַ בירגערקריג פונ די קאַפּיטאַליסטנ קעגנ די אַרבעטער, די אָפענע דיקטאַטור פונ דער בורזשואַזיע, וואָס שטרעבט מיט אַלע מיטלענ פונ דירעקטנ באַוואָפנטנ געוואַלדטאַט צו אונטערדריקנ די שטײַגנדיקע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג. דער סאָציאַל־פאַשיזמ באַטייט אַ פאַראַט דעמ אַרבעטער־קלאַס, שטיצע דעמ פאַשיזמ. מיצאַד די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, פאַלשע סאָציאַליסטישע פּאַרטייענ, וואָס זיינענ געוואָרנ שוטפימ פונ די טאַליאָנימ פונעמ אַרבעטער־קלאַס.

דער אַלצ מער אָפענער אַריבערגאַנג פונ דער בורזשואַזיע צומ פאַשיזמ איז ניט

נאָכ ער פאַרשאַרפט אינ אַ גרויסער מאָס דעמ קלאַסנקאַמפ, נאָר ער ברענגט ביז דער העכסטער פאַרשאַרפונג די גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע, ער דערפירט אויכ ביז דירעקטער דראָונג די געפאַר פונ אַ נייער אימפעריאַליסטישער בלוטבאָד אונ אינטערווענץ קעגנ דעמ ראַטנפאַרבאַנד. דער אריבערגאַנג פונ דער בורזשואַזיע צו די פאַשיסטישע מיטלענ פונ אונטערהאַלטנ איר הערשאַפט באַטייט אָבער בעשומ־ווייז נית די פאַרפעסטיקונג פונ דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, נאָר די דערנענטערונג פונ איר סאָפ, — די נאָענטקייט פונ אנטשיידענע שלאַכטנ פונעמ פראָלעטאַריאַט פאַר דער מאַכט.

די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פונעמ אַרבעטער־קלאַס אינ פונ די פויערשע מאַסנ וואַקסט אָנ. עס וואַקסט אויכ דער איינפלוס פונ די קאָמוניסטישע פאַרטייענ אינ די מאַסנ. אונדזערע ברידערלעכע פאַרטייענ דאַרפנ דעראָבערנ אָפ זייער זייט די מערהייט אַרבעטער־קלאַס, אָרגאַניזירנ די אַרבעטער־מאַסנ אונטערנ לאָזונג פונ פראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, ראַטנמאַכט, דיקטאַטור פונעמ פראָלעטאַריאַט, אונ פירנ די מאַסנ אָפ שטורעמענ דעמ קאַפיטאַליזמ.

★

פראַגנ פאַר זעלבסטקריטיק

וואָס איז אייכ אויסגעקומענ צו הערנ וועגנ דער פאַרטיי, וועגנ די באָלשעוויקעס, וועגנ דער אָנפירונג פונ דער פאַרטיי מיט דער סאָציאַליסטישער בויונג, וועגנ די אָפנייגנ אינ דער פאַרטיי?

וואָס האָט איר געהערט וועגנ די קאָמוניסטישע פאַרטייענ אינ אויסלאַנד, וועגנ דעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאַציאָנאַל, וועגנ דעמ קאַמפ פונ די אַרבעטער אונ פויערימ אינ די קאַפיטאַליסטישע לענדער?

גיט אַנ אָפשאַצונג פונ דעמ אַלעמ, שטיצנדיק זיכ אָפנ אינהאַלט פונ אונדזער 6־טנ שמועס

ע ר ש ט ע ר ט ײ ל.

1. פאַר וואָס האָט געקעמפט די פאַרטיי באַמ צאַריזמ?
2. וואָס איז אַזוינס די פאַרטיי אונ פאַרוואָס איז זי נייטיק די אַרבעטער?
3. וואָסערע באַציונגענ דאַרפנ זיינ צווישנ דער פאַרטיי מיט דעמ אַרבעטער־קלאַס, מיט די אַרבעטנדיקע מאַסנ?
4. ווי אַזוי ווערט דערגרייכט די פאַרטיי־איינהייט?
5. וואָס איז אַזוינס פאַרטיי־דיסציפלינ?
6. וואָס איז אַזוינס זעלבסטקריטיק?
7. ווי אַזוי איז געבויט די פאַרטיי?

צ װ ײ ט ע ר ט ײ ל.

1. פונוואַנענ נעמענ זיכ די מיינונג־פאַרשיידנהייטנ אינ דער פאַרטיי?
2. ווי אַזוי ווערנ באַגעקומענ די מיינונג־פאַרשיידנהייטנ אינ דער פאַרטיי?
3. אינ קאַמפ מיט וואָסערע סאָנימ אינ דער אַרבעטער־באַוועגונג איז אויסגעוואַקסנ דער באָלשעוויזמ?
4. אינ וואָס באַשטייט דער טאָכ פונעמ רעכטנ אָפאָרטוניזמ?
5. וואָס איז אַזוינס טראָצקיזמ?
6. אינ וואָס איז דער טאָכ פונעמ „לינקנ" אָפנייג?
7. פאַרוואָס שטעלט מיט זיכ איצט פאַר דער רעכטער אָפנייג די הויפט־געפאַר אינ דער פאַרטיי?

דריטער טייל.

1. וואָס איז אזוינס דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל?
2. וואָס איז אזוינס דער פאַשיזם?
3. וואָס איז אזוינס דער סאָציאַל-פאַשיזם?
4. פאַרוואָס איז איצט דער רעכטער אָפּנייג די הויפּט-געפאַר אינעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל?
5. וועלכע גרונט-אויפגאַבן שטייען פאַר די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין אויסלאַנד?

★

אינהאַלט

פונעם פארטיי־פראָגראם 2

ארייַנפיר. דאָס לעבן פון די פויערים אין ארבעטער פריִער און איצט, בא אונדז און אין אויסלאנד 3

א בריוו פון א גוטבאזיצער און דער ענטפער פון די פויערים (3). ווי אזוי האָבן געלעבט די פויערים באַם לייבייגנטום־רעכט (5). ווי אזוי האָבן געלעבט די פויערים אפ דער „פרייַהייַט“ (8). ווי אזוי האָבן געלעבט די ארבעטער ביז דער רעוואָליוציע (12). ווי אזוי האָבן די ארבעטער און פויערים געקעמפט פאר א בעסערן לעבן (16). ווי אזוי לעבן איצט די פויערים־קאָלווירטניקעס (19). ווי אזוי לעבן איצט די ארבעטער (21). פארוואָס זשע האָט זיך ראדיקאל געענדערט די לאגע פון די ארבעטער און פויערים (23). ווי אזוי לעבן די ארבעטער און פויערים אין אויסלאנד (24). דער קריזיס אין די קאפיטאליסטישע לענדער (27). פארוואָס איז אזא אונטערשייד בא אונדז און אין אויסלאנד (30). וועגן וואָס וועט גערעדט ווערן אין אונדזער בוך (31).

ערשטער שמועס. די אנטשטייונג און דער אונטערגאנג פון קאפיטאליזם . . 33

ערשטער טייל. ווי אזוי אנטוויקלט זיך די מענטשלעכע געזעלשאפט 35

דער סאָציאליזם איז ניט קיין טרוים: דער סאָציאליזם איז א וויסנשאפט, דער סאָציאליזם איז א לעבעדיקע זאך (35). די אורשפרינגלעכע קאָמוניסטישע געזעלשאפט (37). ווי אזוי איז אנטשטאנען די ארבעט־צעטיילונג (41). די אייַנטיילונג פון דער געזעלשאפט אין קלאסן (44). שקלאפערייַ און לייַבייגנטום (48). די אנטשטייונג פון דער מעלוכע (50). דער קלאסן־קאמף (53). דער גרונטיקער אנטוויקלונג־געזעץ פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט (57).

צווייטער טייל. ווי אזוי איז אנטשטאנען דער קאפיטאליזם און צו וואָס האָט געבראכט זייַן אנטוויקלונג 60

די אנטשטייונג פון קאפיטאליזם (60). די ראָליע פון גוואַלדטאט אין דער אנטשטייונג און אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם (62). די „באפרייַונג“ פון די פויערים און די אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין רוסלאנד (65). די גרונט־קלאסן פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט (68). די גרונט־ווידערשפרוכן פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט (70). דער אימפעריאליזם איז די לעצטע שטיפע פון קאפיטאליזם (73).

דריטער טייל. דער קריזיס פונעם קאפיטאליזם 83

דער עקאָנאָמישער וועלט־קריזיס (83). דער אלגעמייַנער קריזיס פונעם קאפיטאליזם (90). די בורזשואזיע זוכט אן אויסוועג פונעם קריזיס (98).

פערטער טייל. די פראָלעטארישע רעוואָליוציע און די דיקטאטור פון פראָלעטאריאט 105

ווו זשע איז דער אויסוועג? (105). וואָס איז אזוינס דיקטאטור פון פראָלעטאריאט (109). ווי אזוי ווערט פארווירקלעכט די דיקטאטור פון פראָלעטאריאט (116). די רויטע ארמיי (120).

שלוס 125

פראגן פאר זעלבסטקאָנטראָל 126

צווייטער שמועס. קאַמף פאַר סאָציאַליזם און קאָמוניזם 128

ערשטער טייל. וואָס איז אזוינס סאָציאַליזם און קאָמוניזם . 130
וואָס באַטײַט סאָציאַליזם (130). קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם (132). די סאָציאַליסטי־שע אײַנאָרדענונג פון דער געזעלשאַפט (137). די מײַלעס פון דער סאָציאַליסטישער אײַנאָרדענונג (140). דער סאָציאַליזם איז די ערשטע שטופע פון קאָמוניזם (145). די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט (150).

צווייטער טייל. ווי אזוי בויט זיך דער סאָציאַליזם אין ראַטנ־פאַרבאַנד 152
אין וואָס איז פאַרווירקלעכט דער סאָציאַליזם אין ראַטנפאַרבאַנד (152). דער ערשטער פינפיאָר — דאָס אויסבויען דעם פונדאַמענט פון סאָציאַליזם (159). דער צווייטער פינפיאָר — דאָס אויסבויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט (167).

דריטער טייל. די גרויסע אינדוסטריע איז די באַזע פון דער סאָציאַליסטישער בויונג 175
לענינ וועגן דער גרויסער אינדוסטריע (175). סטאַלינ וועגן דער אינדוסטריאַליזאַציע פון ראַטנפאַרבאַנד (179). לענינס און סטאַלינס אָנווײַזונגען אין טאַט (182). באַהערשן פול־שטענדיק די נײַע טעכניק (189). וואָס גיט די אינדוסטריע דעם דאָרף (191). אונדזע־רע שוועריקײַטן און מיט וואָס דערקלערט מען זיי (195).

שלוס 199

פראַגן פאַר זעלבסטקאָנטראָל 200

דריטער שמועס. די סאָציאַליסטישע איבערבויונג פונעם דאָרף 202

ערשטער טייל. ווי אזוי האָט דער אַרבעטער־קלאַס אַרויסגע־פירט דאָס דאָרף אפן וועג צום סאָציאַליזם 204
וואָס איז אזוינס דאָס פויערטום? צו איז דאָס פויערטום אַ סוינע פונעם סאָציאַליזם (204). די טאַקטיק און פּאָליטיק פונעם פּראָלעטאַריאַט בענוגע דעם פויערטום (209). די דרײַ הויפּט־סיבעס פון די קאָלווירטישע דערפאָלגן (212). די ראָליע פון דער גרויסער מאַשין (216). די ראָליע פון די ראַטעווירטן (216). דער קאַמף קעגן דעם באַלעבאַטישן פּנטום און דאָס ליקווידירן אים אַלס קלאַס (217). די ראָליע פון דער קאָאָפּעראַציע און פון די אַלטע קאָלווירטן (221). דער קער פון די מיטלפויערישע מאַסן צום סאָציאַליזם און די ענדערונגען פון דער קויכעס־פאַרהעלטעניש פון די קלאַסן אין לאַנד (222). דער נײַער מאַסנ־אָנשפּאַר פון דער ראַטנמאַכט אין דאָרף (224). די צענטראַלע פיגור פון דער ערד־אַרבעט איז דאָס קאָלווירטישע פויערטום (226).

צווייטער טייל. דער וועג פון די קאָלווירטן איז דער איינ־ציק ריכטיקער וועג 230
די מאַרקס־סטיש־לענינשע לערע וועגן קאָאָפּעראַציע (232). די לאַגע פון דער קאָאָפּעראַ־ציע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און אין דער ראַטנ־מעלוכע (232). די לערע פון לענינ־סטאַלינ וועגן די קאָלווירטן (234). אין וואָס איז דער אונטערשייד און אין וואָס איז די ענלעכקײַט צווישן די קאָלווירטן און די מעלוכע־אונטערנעמונגען (237). די מע־לוכישע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגען און די קאָלווירטן (239). די פּראָדוציר־מיטלען אין די קאָלווירטן (241). די פאַנאַנדערטיילונג פון די האַכנאָסעס אין די קאָלווירטן (243). דער קאָלווירטישער און מעלוכישער פּאַרטיילונג־סיידער (245). די פּערזענלעכע ווירטשאַפט פון די קאָלווירטניקעס (247). די ניטגלײַכקײַט אין די קאָלווירטן (248). די סאָציאַליסטישע דערציִונג פון די קאָלווירטניקעס (250).

שלוס 253

פראַגן פאַר זעלבסטקאָנטראָל 254

פערטער שמועס. אָרגאַניזאַציאָנעל־ווירטשאַפטלעכע פּערספּעקטיוון פון די קאָל־
ווירטן און ראַטווירטן. 256

ערשטער טייל. ריכטיק אָרגאַניזירן די ווירטשאַפט, אויס־
לערנען זיך אַרבעטן אויף אַ נײַעם אופן. 258
דער אַרטעל (258). די בריגאַדע (263). די שטיק־אַרבעט (266). דאָס צעטיילן די האַכנאָסע לויט דער אַרבעט (269). די שטאַנדהאַפטיקייט פון די קאָלווירטישע ערדגאַרבאַ־יוצ (272). די מאַשין־טראַקטערישע סטאַנציעס (274). די ראַטווירטן (279). כ. סטאַלינס 6 אָנווייזונגען (281). דאָס פאַרווירקלעכן כ. סטאַלינס אָנווייזונגען (285).

צווייטער טייל. מאַכן אַלע קאָלווירטניקעס פאַר פאַרמעגלעכע. 290
סטאַלינשער לאָזונג (290). די פאַרמעגלעכקייט פריִער (291). די פאַרמעגלעכקייט איצט (294). די באַדייטונג פון דער אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט (296). העכערן די גערעטנקייט איז די צענטראַלע אויפגאַבע (299).

דריטער טייל. אויספילן די פאַרפליכטונגען פאַר דער מעלוכע איז דער ערשטער געבאָט. 305
די נייע געזעצן וועגן די אָפּליפערונגען דער מעלוכע (305). די באַדייטונג פון די נייע געזעצן (310). אויסנוצן די נייע געזעצן פאַר דער סאָציאַליסטישער איבערדערציִונג פון די קאָלווירטניקעס (317).

פערטער טייל. פאַרפעסטיקן דעם סכווירע־צוזאַמענשלוס מיטן קאָלווירטישן דאָרף. 322
וואָס איז אַזוינס דער כאָוועטישער האַנדל און צוליב וואָס איז ער נייטיק (322). קאָל־ווירטישער האַנדל (328). די אויפגאַבן צו אַנטוויקלען דעם סאָוועטישן קאָלווירטישן האַנדל (331). ועם האַנדל מיטן פּאָנעם צו דער פּראָדוקציע (335).

שלוס 337

פראַגן פאַר זעלבסטקאָנטראָל 339

פינפטער שמועס. לאָמיר פאַרפעסטיקן די פּראָלעטאַרישע אָנפירונג מיטן דאָרף 341

ערשטער טייל. צעקלאַפּן אינגאַנצן דעם קלאַסן־שׂונא. 343
דער שׂונא האָט געענדערט די טאַקטיק (343). אַרויסשליידערן דעם שׂונא פון אונדזערע אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן (348). די נייע באַדינגונגען פון קאַמף און אַרבעט (350). דער קאָלווירט אַלס סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט־פאָרם (355). די קאָלווירטניקעס אַלס בויער פון סאָציאַליזם (358).

צווייטער טייל. מאַכן אַלע קאָלווירטן פאַר באָלשעוויסטישע. 362
די פּאָליטאָפּטיילן בײַ די מאַשינטראַקטערישע סטאַנציעס און בײַ די ראַטווירטן (362). ווי אַזוי אַרבעטן די פּאָליטאָפּטיילן (365). די ערשטראַנגיקע אויפגאַבע פון די פּאָליטאָפּטיילן (368). די גרונט־אויפגאַבע, אין דער אַרבעט פון די פּאָליטאָפּטיילן (371). דאָס באַוואַכן און פאַרפעסטיקן דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטום (373). וואָס באַטייט מאַכן די קאָלווירטן פאַר באָלשעוויסטישע (382). לאָמיר פאַרפעסטיקן די אָרגאַנען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין דאָרף (384).

שלוס. 390

פראַגן פאַר זעלבסטקאָנטראָל. 392

זעקסטער שמועס. די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) און דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל. 393

ערשטער טייל. וואָס איז אַזוינס די פּאַרטיי. 395
ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען און פאַרוואָס האָט געקעמפט די פּאַרטיי בײַם צאַריזם (395).

דער פאָרגעשריטענער אָטריאַד פונ ארבעטער־קלאַס (398). דער אָרגאַניזאַטאָר פונעם ארבעטער־
קלאַס (401). דער שלאַכטשטאַב פונ פראָלעטאַריאַט (402). די העכסטע פאָרמ פונ א
קלאַסנ־אָרגאַניזאַציע (403). דאָס געצייג פונ דער דיקטאַטור פונ פראָלעטאַריאַט (405).
די זעלבשטענדיקייט, די קלאַסנווע אומקאָמפּראָמיסלעכקייט פונ דער פּארטיי (407). פּאַר־
טיי־איינהייט (408). אייזנערנע דיסציפּלינ און זעלבסטקריטיק (412). פּאַרטיי־רייניקונג
(414). דער אָרגאַניזאַציאָנעלער געבוי פונ דער פּאַרטיי (417).

צווייטער טייל. קאַמפּ אַפּ צוויי פראָנטנ 424

פונוואַנענ נעמענ זיכ די מיינונג־פאַרשיידנהייטנ אינ דער פּאַרטיי (424). בייקומענ די
מיינונג־פאַרשיידנהייטנ דורכ קאַמפּ (427). אינ קאַמפּ מיט וואָסערע סאָנימ איז אויס־
געוואַקסנ און האָט זיכ פאַרהאַרטעוועט דער באָלשעוויזמ (429). דער קאַמפּ קעגנ דעמ טראָצ־
קיזמ (436). דער קאַמפּ קעגנ דעמ „לינקנ" אָפּנייג (441). דער קאַמפּ קעגנ דעמ רעכטנ
אָפּאָרטוניזמ (443). דער רעכטער אָפּנייג איז די הויפּט־געפאַר (446). דער קאַמפּ קעגנ די
פאַרקריפּלונגענ אינ דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פונ דער פּאַרטיי 450.

דריטער טייל. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל . . . 453

די אַל. ק. פּ. (ב) און דער קאָמינטערנ (453). דער קאָמינטערנ, זיינ פּראָגראַמ און
אָרגאַניזאַציע (457). דער פאַשיזמ (462). דער סאָציאַל־פאַשיזמ (468). וואָס באַטייט
דאָס קומענ פונ די פאַשיסטנ צו דער מאַכט אינ דייטשלאַנד (473). פאַרנ וועלט־אָקטיאַ־
בער (476).

שלוס 481

פראַגנ פאַר זעלבסטקאָנטראָל 483

✶

Редактор Канаткин Ш., Техн. ред. Адлер, Корректор Вин.
Сдано в производство 10/XI—33 Подписано к печати 20/I—34.
Бумага 62×94 1/16 30 1/2 п. л. 51000 п. зн. в п. л. „Эмес" 257.
Заказ № 919 Уп. Главлита В—71313 Тираж 6000 экз.

Тип. изд-ва «Дер Эмес», Москва, Покровка, 9.